UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 13 07 25 10 004 4

BINDING SECT. AUG 31 1981

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

B
99
Y5Z5

Zhitlowsky, Chaim
Di filosofye

99

Digitized by the Internet Archive
in 2010 with funding from
University of Toronto

http://www.archive.org/details/difilosofyeoszii00zhit

480
2360

# די פילאָסאָפיע

וואָס זי איז און ווי זי האָט זיך ענטוויקעלט.

ארײנפיהר אין דאָס שטודיום פון פילאָסאָפישע פּראָבלעמען: די געשיכטליכע ענטוויקלונג פון׳ם פילאָסאָפישען געדאַנק.

פון

## דר. חיים זשיטלאָווסקי.

באנד I.

פערלאַג:

מייזעל עט קאָ.

ניו יאָרק.

---

**DR. CH. ZHITLOWSKY:**

**PHILOSOPHY, ITS HISTORY AND DEVELOPMENT.**

**MAISEL & CO., PUBLISHERS**

422 GRAND STREET.

NEW YORK.

.1910

B
99
Y5Z5

COPYRIGHT 1909
MAX N. MAISEL
NEW YORK.

GRAYZEL & CO., PRINTERS AND LINOTYPERS
65-67 SUFFOLK ST., NEW YORK

2360

# פאָרוואָרט.

דאָס ווערק, וואָס איז איצטער אָבגעשלאָסען געוואָרען מיט דעם צוואַנציגסטען העפט, איז אויסגעוואַקסען פון אַ סעריע פאָר־לעזונגען, וואָס איך האָב געהאַלטען דעם ווינטער 1909—10 אין ניו־יאָרק, אונטער דעם נאָמען: „די געשיכטליכע ענטוויקלונג פון דעם פילאָסאָפישען געדאַנק".

ווי דער לעזער פערשטעהט אַליין קאָן דאָס ווערק ניט פּרע־טענדירען אויצושעפּען דעם ענין אין גאַנצען און אין אַלע זיינע פּרטים. אַפּילו ווי אַ געשיכטליכע סקיצע, מוז עס צופריעדען זיין, ווען עס וועט אַוועג געשטעלט ווערען אויף איין ראַנג מיט די זעהר צאָהל־רייכע בעאַרבייטונגען אין די אייראָפּעאישע שפּראַכען, וואָס האָבען אין אויג די מיטעל־שוהל־בילדונג, אָדער די הויך־שוהל־בילדונג פאַר די, ביי וועמען די פילאָסאָפיע איז אַ „נעבען־פאַך".

אָבער אונזער ווערק וויל זיין ניט נאָר אַ געשיכטליכע סקיצע פון דעם פילאָסאָפישען ענטוויקעלונגס־גאַנג. עס וויל דורכפיהרען אַ נייעם געדאַנק וועגען די אויפגאַבען פון דעם פילאָסאָפישען שאַפען און די גרונד־פּרינציפּען, וואָס דאַרפען דערביי אָנגעווענדעט ווערען. פון דעם שטאַנדפּונקט בעטראַכט, זענען די צוויי פאָרליעגענדע ביכער ניט מעהר ווי דער ערשטער טייל פון אַ גרעסערען ווערק, — דער טייל, אין וועלכען עס ווערט געמאַכט דער פּרוב צו בעגרינדען די נייע אויפ־גאַבע, דורך די אויפשטעלונג פון די גרונד־פּרינציפּען גופא און דורך דעם בעוויז, אַז קיין־איין פילאָסאָף ביז אהער האָט זיי ניט אריין געאַרבייט, ווי עס דאַרף צו זיין, אין זיין סיסטעם. לאָגיש מוז דער צווייטער טייל פון דעם גרעסערען ווערק בעשטעהן אין

## II.

א גרינדליכען אנאליז פון די פּרינציפּען און אין דער בעשרייבונג פון זייער געשיכטליכען גורל צו די פערשיעדענע צייטען און ביי די פערשיעדענע דענקער. דער דריטער טייל ערשט דארף זיך נעהמען פאר דעם פּרוב — אויסצואַרבייטען אַ סיסטעם, אין וועלכע אַלע גרונד־פּרינציפּען זאָלען קומען צו זייער רעכט.

איז אָבער דער וועג, וועלכען מיר שלאָגען פאָר, ווירקליך ווערטה, מען זאָל מאכען א פּרוב דורכצוגעהן איהם ביז'ן סוף? דעם ענטפער אויף דער שאלה מוזען מיר איבערלאָזען דער אונפּארטייאישער קריטיק. מיר פון אונזער זייט זענען איבערצייגט, אז דאָס איז דער א י י נ צ י ג ע ר וועג, וואָס איז איצטער געבליעבען פאר דעם פילאָסאָפישען שאַפען.

ליידער, איז פאַר אונז, אוים ריין פערזענליכע גרונדען, פאַרהאַן זעהר ווענינ האָפענונג, מיר זאָלען קאָנען אין גיכען זיך נעהמען פאַר די דורכפיהרונג פון די איבעריגע טיילען פון דעם בנין. מיר וועלען זיך מוזען שעצען גליקליך, ווען עס זאָל זיך אונז איינגעבען ווענינסטענס אויסצואַרבייטען אַ היבשען טייל מ אַ ט ע־ ר י אַ ל, וואָס איז נויטיג פאַר אזא געביי.

דערפאַר האָבען מיר אפשר אַ רעכט צו האָפען, אַז אַנדערע פאָרשער, וועלען אויפנעהמען די זעלביגע אויפגאַבע און וועלען זי דורכפיהרען אַ סך בעסער און גיכער, עהדער מיר וואָלטען דאָס געקאָנט טהאָן.

בעזאָנדערס גליקליך און שטאָלץ וואָלטען מיר געווען, ווען דאָס זאָלען זיין א י ד י ש ע דענקער, וואָס דריקען אויס זייערע געדאנקען אין א י ד י ש, אַרויסגענאנגען פון יענעם קלאַס לעזער, צו וועלכען מיר האָבען זיך געווענדט צוערשט.

* * *

איצטער אַ פּאָר ווערטער מכח דער שפּראַך, וואָס מיר האָבען אָנגעווענדט אין דער ארבייט. מיר האָבען פריהער געהאט בדעה אויסצואַרבייטען אַ ן א י י נ ה י י ט ל י כ ע פ י ל אָ ס אָ פ י־

# III.

שע טערמינאָלאָגיע אין אידיש, און אויב מיר האָבען זיך אָבגעזאָגט פון דעם פּראָיעקט, איז דאָס געווען ניט נאָר מחמת דער ליידער צו־קורצער צייט, וואָס מיר האָבען געקאָנט אַוועקגעבען אויף דער גאַנצער אַרבייט, און אויך ניט נאָר צוליעב דעם מאַנגעל אין די נויטיגע שפּראַך־פעהיגקייט. נאָך אַן אַנדער טעם האָט אונז אָבגעהאַלטען דערפון: דער גלויבען אין די נויטיגקייט און אונפערמיידליכקייט פון שטופען־ווייזער ענטוויקלונג. אויך די אויסאַרבייטונג פון אַ וויסענשאַפטליכער טערמינאָלאָגיע קאָן ניט אַרויסגעהן אַ פאַרטיגע, ווי מינערוואַ אויס דעם קאָפּ פון יופּיטער, די טערמינאָלאָגיע דאַרף זיך ענטוויקלען אין איינעם מיט דער שפּראַך אין יענעם פאָרשונגס־צווייג אין אידיש, צו וועלכען זי געהערט. די אידישע שפּראַך וואָס איהר אויסגאַנגס־פּונקט איז געווען אַ ריין דייטשער דיאַלעקט, געפינט זיך איצטער אין אַן איבערגאַנגס־שטופע, אין וועלכער די דייטשע ווערטער ווערען מעהר און מעהר אַרויסגעשטופּט דורך ריין אידישע, ווי צ. ב. דאָס דייטשע „בעשאַפענהייט" דורך דאָס אידישע וואָרט: „בעשאַף", און ריין דייטשע ווערטער, וועלכע מען מוז אַריין־נעהמען אין די שפּראַך, זוכען ביסלעכווייז אָנצונעהמען אַ ריין אידישע פאָרם, ווי צ. ב. די „אורזאַכע", וואָס פערוואַנדעלט זיך אין „אורזאַך". עס וואָלט גאַנץ גרינג געווען צ. ב. צו געברויכען אומעדום—„אַנטוויקעלונג", „פאַנאַנדערוויקעלונג" אָדער „אויסוויקעלונג" אַנשטאָט „ענט־וויקעלונג", אָבער דאָס וואָלט אין דער ערשטער צייט צו פיעל געשטערט און וואָלט אָבגעצויגען דעם געדאַנק פון דעם פילאָסאָפישען פּראָבלעם צו אַ ריין־פילאָלאָגישער פראַגע. ווען עס איז וועט די אידישע שפּראַך־פאָרם ממילא גובר זיין דעם דייטשען אינהאַלט, און עס איז גאָר ניט אַזוי גוט, ווען מען זאָל מיט בייטשען אָנטרייבען די „אַנטוויקעלונג". מיר וועלען זיין צופריעדען, ווען דער ערשטער פּרוב פון אידישע פילאָסאָפישע טערמינען, וואָס איז ביי אונז אַרויסגעוואַקסען ניט געצוואונגע־

נער־און ניט־געוואלטערהייד, וועט אפשר האבען די זכית צו ווערען דער אנהויב פון אן אייגענער פילאסאפישער טערמינאלאגיע.

דעמזעלביגען טעם פון בּיסלעכווייזע ענטוויקעלונג וואלט איך געוואלט דערמאהנען אויך בנוגע צו אונזער ארטאגראפיע און גראמאטיק. ביידע זענען אין דעם ווערק נאך גאנץ ווייט פון איינהייטליכקייט און פּינקטליכקייט. דאס קאן אבער פערדריע־סען יענע מענשען, און קאן אויסגענוצט ווערען אנטקעגען אידיש נאר פון יענע שונאים זיינע, וואס האבען קיין ברעקעל ידיעה ניט אין דער ענטוויקעלונגס־געשיכטע פון שפּראכען און ליטעראטורען. א לויזע גראמאטיק און א ביסעל א מבולבל'ע ארטאגראפיע איז דער גורל פון איטליכער יונגער שפּראך און ליטעראטור. אידיש מעג צופריעדען זיין, וואס עס שטעהט בנוגע דעם פּונקט ניט אויף אן ערגערען מעמד, עהדער די עלטערע שפּראכען אין זיינע יאהרען.

סוף כל סוף וועלען מיר זיך צופריעדען שטעלען, ווען פון אלע האפענונגען, וואס מיר לעגען אויף אונזער ארבייט, וועט מקוים ווערען לכל הפּחות די איינע: אז דאס ערשטע פילאסאפישע ווערק אין אידיש, וואס ווערט איצטער ארויסגעגעבען, זאל העלפען בעשאפען א אידיש שרייבענדע און אידיש דענקענדע אינטעלי־גענץ, וואס בעשעפטיגט זיך ערנסט מיט פילאסאפישע פּראבלעמען.

צום שלוס וויל איך דא נאך אויסדריקען מיין ווארעמסטען דאנק צו מיין פריינד ד"ר. י. א. מעריסאן, וואס האט אבגעגעבען אזוי פיעל צייט, אויף דורכקוקען די קארעקטורען און צונויפשטעלען דעם אינהאלטס־פערצייכניס. אויך זיינע גוטע עצות בנוגע צו דעם אדער יענעם אידישען ווארט, וועלכע איך האב אפטמאל בענוצט, זאלען דא ניט פערגעסען ווערען.

ניו־יארק, אין מאי 1910.

# אינהאלט־פערצייכניס

## ערשטער טהייל

## די פילאָסאָפישע ענטוויקלונג ביז צו עמאַנועל קאַנט.

**פאָרוואָרט** ........................ זייטע I—IV.

**ערשטער קאַפּיטעל : איינלייטונג : די גרונד פּרינציפּען פון א פילאָסאָפישען בנין.**

דער מיסטעריען צו פילאָסאָפיע. — איז די פילאָסאָפיע אבגעריסען פון'ם לעבען? — די פילאָסאָפיע ניצליך פאר דער וויסענשאַפט. — פילאָסאָפיע און בילדונג. — וואָס איז אזוינס פילאָסאָפיע? — די ערפאהרונג. — די מעטהאָדען־לעהרע. — דער קריטיציזם. — די נויטוועגדינקייט און איהרע אַרטען. — דער מאָניזם און זיינע אַרטען. — די ענטוויקלונגס־לעהרע. — דער רעלאַטיוויזם. — דאָס „איך"־פּרינציפּ. — די טעלעאָלאָגיע. — דער שטאַנדפּונקט פון'ם אידעאַל. — קאָנען די פילאָסאָפישע פראַגען ווען עס איז פערענטפערט ווערען אויף אייביג? — די געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע. ............ זייטע 3.

**צווייטער קאַפּיטעל : פון טהאַלעס ביז סאָקראַטעס.**

טהאַלעס. דער הילאָזאאיזם פון די גריכישע נאַטור־פילאָסאָפען. — אנאַקסימאַנדער. דאָס „אפּייראָן". — אנאַקסימענעס. די לופט. — די פּיטהאַגאָרישע פילאָסאָפיע : די צאָהל. — קסענאָפאַנעס. דער פאַנטהעאיסטישער מאָנאָטהעאיזם. — הערAקלים. דאָס פייער און דאָס אייביגע ווערן. — פּאַרמענידעס, דאָס איי־ביגע, אונפערענדערליכע „זיין". — עמפּעדאָקלעס. די פיער עלעמענטען. דער אנהויב פון'ם „דאַרוויניזם". — אנאַקסאַגאָראַס. די וועלט־פערנונפט און דער צוועקמעסיגקייטס־פּראָבלעם. — דעמאָקריט. אטאָמיזם און מאַטעריאַליזם. — די סאָפיסטען פּראָטאַגאָראַס און גאָרגיאָס. דער רעלאַטיוויזם און דאָס „איך"־פּרינציפּ. ............................ זייטע 33.

**דריטער קאַפּיטעל : סאָקראַטעס און די איינזייטיגע סאָקראַ־טיקער.**

די פראַגע פון דער מענשליכער קולטור אין דער בעלייכטונג פון די סאָפיסטען. — די ראָלע פון די סאָפיסטען אין דער רעליגיאָנס־און דער שפּראַך־וויסענשאַפט. — דער טוגענד־פּראָבלעם. — די קוועלען פאר סאָקראַט'ס פילאָסאָפיע. — סאָקראַט און די סאָפיסטען. — זיין וועלט־אנשויאונג. — סאָקראַט'ס מעטהאָדען־לעהרע. — סאָקראַט'ס טוגענד־לעהרע. — סאָקראַט'ס געדאַנקען וועגען פּאָליטיק. — דער טויט פון סאָקראַטעס. — עווקליד פון מעגאַרא און פעדאָן פון עלים. — אנטיסטהענעס און די ציניקער. דיאָגען. — אריסטיפּ און די העדאָניקער. העגעזיאַס דער פּעסימיסט. — אנניקערים. .................. זייטע 61.

## פיערטער קאַפּיטעל : פּלאַטאָן און אריסטאָטעלעס.

פלאטאן'ס לעבען. דער פאעט און דער פילאסאף. — פלאטאן'ס שריפטען. — פלאטאן'ס אידעען־לעהרע. די פיער קוועלען פון דער מענשליכער ערקענטניס. די אידעען־וועלט און די אייביגע אידעאלען. די פלאטאנישע ליעבע און דער „עראס". — פלאטאן'ס וועלט־בילד. — זיין עטהיק און דער קאמוניסטישער שטאאט. — אריסטאטעל'ס לעבען. — זיינע שריפטען און די איינטיילונג פון זיין סיסטעם. — די קריטיק פון פלאטאן'ס אידעען־לעהרע. — די פיער גרונד־פרינציפען. — אריסטאטעל'ס וועלט־סיסטעם. זיין עטהיק, פאליטיק און עסטהעטיק. .............................. זייטע 89.

## פינפטער קאַפּיטעל : פון די סטאָיקער ביז צו דעם סוף פון'ם מיטעל־אלטער.

טהעאסאפיע און רעליגיאנס־פילאסאפיע. — די סטאיקער. זייער לאגיק, פיזיק און עטהיק. — די עפיקורעאישע לאגיק, פיזיק און עטהיק. לוקרעץ. — די סקעפטיקער. — פילאן דער איד, און זיינע פארלויפער. — דער „לאגאס". — די נייע־פיטהאגארעער און די נייע פלאטאניקער. — די אראביש־מאהאמעדאנישע רעליגיאנס־פילאסאפיע. די מוטאזיליטען. איבן ראשד. — די אידישע רעליגיאנס־פילאסאפיע. סעדיה גאון. דער רמב"ם. אבן גבירול. יהודה הלוי. דער ראב"ד. דער רלב"ג. חסדאי קרשקש. — די קריסטליכע רעליגיאנס־פילאסאפיע. .............................. זייטע 119.

## זעקסטער קאַפּיטעל : די פילאָסאָפיע פון דער ווידער בעלע־בונגס־צייט.

די מיטעל־אלטערליכע וועלט־אנשויאונג. — די פערענדערטע אומשטענדען פון דער צייט. — די ווידער־בעלעבונג פון דער קלאסישער קונסט און דער הומאניזם. — די פרייזיניגע אריסטאטעליקער. די רעוואלוציאנערע ראליע פון דער אסטראלאגיע. — די פלאטאניקער און די בענייערער פון אלטע סיסטעמען. — די מיסטיקער. — די רעפארמאטארען. — די רעכטספילאסאפען. — די נאטור־פילאסאפען און די נאטור וויסענשאפט. — דזשיארדאנא ברונא. — גאלילעי און קעפלער. — קאמפאנעללא און די פאזיטיוויסטען. .............................. זייטע 149.

## זיעבענטער קאַפּיטעל : בעקאָן און דעקארט.

עמפיריזם און ראציאנאליזם. — פרענסיס בעקאן, דער עמפיריסט. — בעקאן'ס הויפט־שריפטען. — בעקאן'ס אינדוקטיווע מעטהאדע. — בעקאן'ס פילאסאפיע. — רענע דעקארט, דער ראציאנאליסט. דעקארט'ס לעבען און שריפטען. — דעקארט'ס ראציאנאליסטישע מעטהאדע. — „איך דענק, ממילא בין איך". — די גאט־פראגע. — דעקארט'ס וועלט־בילד. — דער מענש און די מענשליכע נשמה. — באלטאזאר בעקקער. .............................. זייטע 177.

## אכטער קאַפּיטעל : די עמפירישע ריכטונג אין ענגלאנד.

טהאמאס האבבס, דער מאטעריאליסטישער מאניסט. — דזשאהן לאקק. זיין סענסואליסטישע ערקענטניס־טהעאריע. דער גרעניץ און דער ווערטה פון אונזערע ערקענטניסען. — דזשארדזש בערקליי, דער סוביעקטיווער אידעאליסט. — דוד יום, דער סקעפטיקער. די געזעצען פון דער אידעען־אסאציאציאן. די פער־צווייגונגען פון דער ענגלישער פילאסאפיע. הערבערט פון שערבערי. דזשאהן

טאלאנד. איזאק ניוטאן. הארטלי. פריסטלי. באיל. עראזם דארווין. שעפטסבערי. אדאם פערגיוסאן. אדאם סמיטה. טהאמאס ריעד און די שאטישע שוהל.
...... זייטע 207.

## ניינטער קאפיטעל : די אקקאזיאנאליסטען און ספינאזא.

די אקקאזיאנאליסטען געאולינקס און מאל'בראנש. דער פאן־ען טהעאיזם. — ספינאזא'ס פאנטהעאיזם. זיין לעבען און זיינע ווערק. — זיין מעטהאדע אין דער פילאסאפיע. — די שאפענדע און די געשאפענע נאטור. עוואלוציאן, עמאנאציאן און לאגיש אבשטאמען. נויטווענדיגקייט און פרייהייט. — די קנעכטשאפט און פרייהייט פון דעם מענשליכען שכל. די שכל'דיגע ליעבע צו גאט.
...... זייטע 235.

## צעהנטער קאפיטעל : די ראציאנאליסטישע פילאסאפיע ביז קאנט.

לייבניץ און זיין מאנאדען־לעהרע. — כריסטיאן וואלף און די דייטשע אויפקלעהרער. היימארוס, משה מענדעלסזאהן און לעססינג. — די אויפקלעהרונגס־פילאסאפיע אין פראנקרייך. פיער בייל, דער סקעפטיקער. ארוע־וואלטער. קאנדיליאק. באננע. דידערא. קאבאניס און די מאטעריאליסטען. (דע־לא־מעטרי, האלבאך און העלוועציוס). מאנטעסקיע און קאנדארסע. רוססא און די קאמוניסטען מארעללי און מאבלי.
...... זייטע 263.

ערשטער טייל

# די פילאָזאָפישע ענטוויקלונג ביז צו עמאַנועל קאַנט.

ערשטער טהייל:

# די פילאָסאָפישע ענטוויקלונג ביז צו עמאנועל קאַנט.

## ערשטער קאפיטעל.

איינלייטונג: די גרונד־פרינציפּען פון א פילאָסאָפישען בנין.

(§1. דער מיסטרויען צו פילאָסאָפיע. — §2. איז די פילאָסאָפיע אָבגעריסען פון'ם לעבען? — §3. די פילאָסאָפיע ניצליך פאר דער וויסענשאפט.—§4. פילאָסאָפיע און בילדונג. — §5. וואָס איז אזוינס פילאָסאָפיע? — §6. די ערפאהרונג. — §7. די מעטהאָדענלעהרע.— §8. דער קריטיציזם. — §9. די נויטווענדיגקייט און איהרע אָרטען. — §10. דער מאָניזם און זיינע ארטען. — §11. די ענטוויקלונגס לעהרע. — §12. דער רעלאטיוויזם. — §13. דער „איך"־פרינציפּ. — §14. די טעלעאָלאָגיע. — §15. דער שטאנדפּונקט פון'ם אידעאל. — §16. קאָנען די פילאָסאָפישע פראגען ווען עס איז פערענטפערט ווערען? — §17. די געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע).

### §1. דער מיסטרויען צו פילאָסאָפיע.

אין די זעכציגער און די זיבעציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט דער פראָגרעסיווער געדאנק געקוקט מיסטרויאיש אויף די בעשעפטיגונג מיט פילאָסאָפיע. מען האָט גערעכענט, אז זי האָט זיך שוין אין גאנצען אויסגעלעבט און פערדיענט ניט, מען זאָל אויף איהר אויסגעבען אזוי פיעל גייסטיגע ענערגיע.

איצטער איז דער מיסטרויען צו א גרויסען טהייל פערשוואונדען. דער פראָגרעסיווער געדאנק האָט זיך ווידער מיט התמדה גענומען אינטערעסירען מיט די אייביגע פילאָסאָפישע פראָבלעמען. אָבער דער מיסטרויען איז נאָך ניט פערשוואונדען אין גאנצען. אויך אין אונזערע טעג איז ניט זעלטען אָנצוטרעפען טענות און

תרעומות אנטגעגען דער פילאָסאָפיע, אנטגעגען די, וואָס לעגען אוועק זייער לעבען אויף דעם אויפבוי פון פילאָסאָפישע סיסטעמען; אזא בעשעפטיגונג, מיינט מען, איז ניט נאָר אין גאַנצען איבעריג פאַר דער מענשהייט, נאָר אויך שעדליך. איבעריג איז זי דערפאַר, ווייל זי קאָן ניט פאַרמעהרען דעם אוצר פון אונזערע פאָזיטיווע קענטעניסען; שעדליך דערפאַר, ווייל די פילאָסאָפישע פראגען האָבען שטענדיג צו טהאָן מיט ענינים, וואָס שטעהען צו ווייט אָב פון דעם פּראַקטישען,ווירקליכען לעבען, פארשלעפּען דעם געדאנק „קיין בויבעריק", און ציהען אָב זיין אויפמערקזאמקייט פון די אין וועלכע דער יחיד און די געזעלשאפט האָבען געגלויבט. ווייט פון דעם אייגענטליכען לעבען און זיינע ברענענדיגע נויטען זענען געבליעבען נאָר יענע ספּעציעלע פילאָסאָפישע איינצעל־אונטערזוכונגען, וואָס האָבען געוואָלט אויספאָרשען איינצעלנע טהיילען פון דעם פילאָסאָפישען געדאנק, ווי צום ב. ש., די אונטערזוכונגען וועגען צייט און רוים, וועגען קאוזאליטעט, וועגען די קוואלען וואָס פון זיי פליעסט אונזער ערקענטניס, וועגען די שיכות׳ן צווישען ברענענדיגע נויטען וועלכע דאָס לעבען רוקט אַרוים און וואָס מוזען פארענטפערט ווערען אויפ׳ן שטעל.

אין די טענות אנטגעגען דער פילאָסאָפיע איז געוויס דאָ אַ שטיקעל אמת, אָבער דער שטיקעל אמת איז ניט אזוי גרויס ווי מען מיינט, און דערצו ווערט ער אריבערגעוואויגען דורך אַ סך אנדערע אמת׳ן.

## §2. איז די פילאָסאָפיע אָבגעריסען פון׳ם לעבען?

אָבגעריסען פון לעבען זענען אייגענטליך ניט די פילאָסאָפישע סיסטעמען. יענע פילאָסאָפישע סיסטעמען, וואָס האָבען אַ ווערטה פאַר דער מענשהייט און האָבען געשפּיעלט אַ שטאַרקע ראָלע אין איהר ענטוויקעלונג, ליידען אפשר מעהר דורך אַן אנדער חסרון: זיי מישען זיך שוין צופיעל אריין אין די פראַקטישע פראגען און נויטען פון דעם טאָג. עס איז איצטער פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז כמעט אַלע וויכטיגע פילאָסאָפישע געבויען האָט מען אויסגעפיהרט אונטער דעם דרוק פון יענע בעדערפעניסען, וואָס זענען אָנגעוואַקסען אין דעם געזעלשאַפטליכען און אינדיווידועלען לעבען, און זייער צוועק איז געוועזען איבערצואנדערשען די גרונד־יסודות

קוואַנטיטעט (כמות) און קוואַליטעט (איכות), וועגען דעם, ווי אַזוי איין גערדאנק איז געוועזן פערבונדען מיט אַן אַנדער גערדאַנק ביי דעם אָדער יענעם פילאָסאָף, א. ז. וו. אָבער אויך אַזעלכע אונטערזוכונגען זענען ניט מעהר אָבגעריסען פון דעם לעבען און ליעגען ניט ווייטער פון זיינע בעדערפענישען, עהדער צום ב. ש. די פראַגען פון דער העכערער מאַטעמאַטיק. אחוץ דעם איז דער ענטפער אויף זיי זעהר נויטיג פאַר דעם אויפבוי פון אַ פילאָסאָפישען סיסטעם.

און ווען עס טרעפט זיך, אַז אַ וועלכער ס'איז „מעטאַפיזיקוס“ זאָגט זיך אָב אַריינצומישען זיך אין די קעמפּפען פון דער צייט, ווייל ער האָט נאָך ניט אויסגעפונען וואָס איז אַזוינס די צייט, איז אין דערינען שולדיג ניט די פילאָסאָפיע, נאָר אַליין דער געעהרטער הערר „מעטאַפיזיקוס“. קיין בר דעת וועט זיך ניט אָבזאָגען פון אַ וועלכער ס'איז פּראַקטישער אַרבייט מחמת דעם טעם וואָס די טהעאָריע האָט נאָך ניט אויסגעפאָרשט אויף קלאָר אין וואָס עס בעשטעהען יענע פּראָצעסען, וואָס מאַכען מעגליך אַזא פּראַקטישע אַרבייט. קיינער וועט זיך ניט אָבזאָגען צו געברויכען זיינע הענד און זיינע פיס ווען אפילו מיר וויסען נאָך עד היום ניט אויף קלאָר, ווי אַזוי די שטראָמען פון אונזער ווילען געהען אַריין אין די מוסקולען פון די הענד און די פיס און מאַכען אַז זיי זאָלען זיך בעוועגען.

§3. די פילאָסאָפיע ניצליך פאַר דער וויסענשאַפט.

אויך די מיינונג, אַז די פילאָסאָפיע איז איבעריג און האָט קיין ברעקעל נוצען ניט, איז שטאַרק איבערטריעבען. געוויס וועט קיינער ניט אָבלייקענען דעם נוצען און די וויכטיגקייט פון וויסענשאַפטליכע ענטדעקונגען. וואָלטען אָבער אַלע וויסענשאַפטליכע אויפטהוען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען פון דער פילאָסאָפיע אָדער וואָס זענען אויסגעפונען געוואָרען אַ דאַנק וועלכער עס איז פילאָסאָפישער מיינונג, — וואָלטען זיי אַלע געבליבען אין דער פילאָסאָפיע און ניט אַריבערגעטראָגען געוואָרען אין די איינצעלוויסענשאַפטען, וואָלט די פילאָסאָפיע געוועזן די רייכסטע וויסענשאַפט פון אַלע. אמת, עס זענען דאָ מעטאַפיזישע סיסטעמען, וועלכע מאַכען דעם איינדרוק פון אַ מיהל וואָס אַרבייט אויף אַלע שמיינער, אָבער וואָס מען האָט פאַרגעסען אַריינצושיטען אין איהר

רי תבואה. א קלאַפּעריי און א הארמידער טראָגט זיך אין דער לופטען און פון מעהל איז קיין זכר ניטאָ. אָבער אויך אזעלכע סיסטעמען, וואָס פון זיי האָט זיך שוין כמעט אין גאנצען אָבגע־טהאָן די שכינה פון לעבען, האָבען א מאָל אין זייער צייט געוועקט דעם וויסענשאפטליכען געדאנק און האָבען דירעקט אָדער אינדי־רעקט אונטערגעזאָגט דעם ענטפער אויף ריין וויסענשאפטליכע שאלות. מען קאָן זאָגען, אז אויך פאר דער איצטיגער צייט איז זייער וויסענשאפטליכע ראָלע נאָך ניט אין גאנצען אויסגעשפּיעלט. עס קאָן זיין, אז דער געדאנק וואָס פאלט אריין אין דעם קעסעל־גרוב פון אזא סיסטעם, וועט זיך דאָרט טרעפען מיט נייע קאָמ־בינאציעס, וועלכע מען דארף אויספּרובען דורך די וויסענשאפטליכע פאָרשונג. דורך דעם ווערט די וויסענשאפט בערייכערט מיט נייע פראַגען און פאָרשונגען וואָס מען האָט ביז אהער נאָך ניט געהאט אין אויג און וואָס קענען פיהרען צו דער ענטדעקונג פון נייע אמת'ן, וועלכע ווארפען א נייעם שיין אויף די נאָך ניט פארענטפערטע, ריין וויסענשאפטליכע שאלות. אלע גרויסע געלעהרענטע, אָנגע־הויבען מיט קאָפּערניקוס און גאלילעי ביז דאַרווין און קארל מארקס, זענען ניט נאָר געווען דענקער און פילאָסאָפען, נאָר אויך די גרויס־קייט פון זייערע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען האָבען זיי צו פער־דאנקען דעםברייטען שוואונג פון זייער פילאָסאָפישער וועלט־אנשויאונג.

## §4. פילאָסאָפיע און בילדונג.

אָהן פילאָסאָפיע וואָלט ניט געווען קיין וויסענשאפט; אָבער אָהן פילאָסאָפיע וואָלט אויך ניט געווען קיין אמת'ע בילדונג און אויפקלעהרונג. אן אלגעמיין פילאָסאָפישע וועלט אנשויאונג דארף פאראייניגען אין זיך א ל ע וויכטיגע רעזולטאטען, וואָס מען האָט געפונען אויף די פערשיעדענסטע פעלדער פון דער וויסענ־שאפט. אויף אזא'ן אופן בעהעפט זי די ווייט איינע פון דעם אנדערן ליעגענדע פּראָדוקטען פון דעם מענשליכען געדאנק, מאכט ברייטער אונזער האָריזאָנט און היט אונז אָפּ פון יענער ענגקייט וואָס ארבייט זיך איים ניט ווילענדיג, ווען מיר גיעבען זיך אָב אין גאנצען צו א וועלכען ס'איז איין איינציגען צווייג פון דער וויסענשאפטליכער אָדער פראקטישער ארבייט.

און אַ חוץ דעם העלפען איבערהויפּט ניט קיין טענות ומענות אנטגעגען דער פילאָסאָפיע. זינט זי איז דאָ אויף דער וועלט, האָט זי שטענדיג געפונען געגנער, וואָס האָבען געשטרעבט אונטערצו־גראָבען די וואָרצלען פון איהר עקזיסטענץ; און דאָס האָט געהאָלפען ווי אָבשפּרעכען אן עין הרע צו אַ דונער. דער פילאָסאָפישער געדאנק און דער פילאָסאָפישער וועב־אינסטינקט זענען אַזוי שטארק און טיעף איינגעוואָרצעלט אין דעם מענשען'ס נשמה, אַז עס איז בשום אופן אונמעגליך צו פארשטיקען זיי. עס איז מיט דער פילאָסאָפיע, ווי מיט דער נאַטור: טרייבט זי ארוים פון טיר, פליהט זי אריין דורכ'ן פענסטער. איטליכער דענקענדער מענש, אפילו פון די וואָס מיינען, אַז זיי האָבען זיך אין גאַנצען בעפרייט פון פילאָסאָ־פיע, בינדט אָפּטמאָל אונבעוואוסט צונויף אַלע טהיילען פון זיינע קענטעניסען אין איין איינציגען סיסטעם. אונבעוואוסט געברויכט ער צו דעם צוועק אַ וועלכען עס איז פילאָסאָפישען געדאנק, און איהם קומט גאָר אויפ'ן זינען ניט ארויף, אַז דורך דעם גופא האָט ער זיך שוין אָבגעשטויסען פון דעם זיכערען וויסענשאַפּטליכען ברעג און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן שווימען אין דעם ים פון פילאָ־סאָפישע סברות. אַ ביישפּיעל איז ניט ווייט צו זוכען. געהמט די דייטשע מאַטעריאַליסטען פון די פונפציגער און זעכציגער יאָה־רען. זיי האָבען בתמימות געמיינט, אַז זיי פּרעדיגען די ריינע וויסענ־שאַפט און אַז זייער גרונד פּרינציפּ, די „מאַטעריע", איז אַ זיכע־רער פעסט־געשטעלטער וויסענשאַפּטליכער פאַקט. ערשט אַ גרינד־ליכע פילאָסאָפישע פאָרשונג האָט בעוויזען, אַז מיר האָבען דאָ צו טהאָן ניט מיט וויסענשאַפּטליכע פּראָדוקטען, נאָר מיט אַ ריין פילאָסאָפישען בנין. דער מאַטעריאַליזם איז אַקוראַט אַזאַ פילאָ־סאָפיע, ווי דער אידעאַליזם. איצטער פערשטעהט דאָס שוין יעדער געבילדעטער מאַטעריאַליסט, וואָס האָט אכטונג צו זיין אייגענעם פילאָסאָפישען גלויבען; און ער שעהמט זיך שוין ניט אָפּען צו שווימען אונטער דעם פלאַג פון דער פילאָסאָפיע.

אָן אונבעוואוסטע פילאָסאָפיע האָט אויך יעדער פּשוט'ער בשר ודם, אויב ער טראַכט נאָר איבער־הויפּט וועגען דער וועלט, דער מענשהייט, זיין אייגענעם לעבען און אויב ער האָט אַ וועלכען ס'איז קוק אויף די אַלע ענינים. אָבער אַזאַ נאַטירליכע אונבעו־

וואוסטע פילאָסאָפיע איז זעהר אָפט נאאיוו און מגושם׳דיג. זי וואקסט ווי ווילדע גראָז אויפ׳ן פעלד אין איינעם מיט אלערליי מיטהאָלאָגישע און גראָב־רעליגיעזע שטותים. אויסצו־יעטען אָט די אַלע שעדליכע, סטיכיש וואקסענדע פלאנצען און איינפלאנצען אויף זייער אָרט שכל׳דיגע, לאָגישע, בעוואוסטע פילאָסאָפישע מיינונ־גען איז שטענ... וועט בלייבען איינע פון די ערעלסטע אויפגאַבען פון דעם מענשליכען געדאנק. פעראייניגען אַלע אונ־זערע טהעאָרעטישע קענטעניסען, אַלע אונזערע פראקטישע פאָר־דערונגען אין איין הארמאָנישען בילד, וואָס זאָל בעפריעדיגען דעם מענשליכען דורשט נאָך אמת, שעהנקייט און יושר, אזא אויפגאבע וועט קיינמאָל ניט ווערען פעראלטעט און וועט שטענדיג געהן האנד אין האנד מיט דעם וואקסען פון דער מענשליכער קולטור. —

### §5. וואָס איז אַזוינס פילאָסאָפיע?

אָבער — וואָס איז אזוינס פילאָסאָפיע? אין דעם משך פון מעהר ווי צוויי טויזענד פינף הונדערט יאָהר, וואָס די מענשהייט האָט אָנגעהויבען בעוואוסט צו פילאָסאָפירען, זענען ארויסגעשטעלט געוואָרען אַ סך ענטפערס אויף דער שאלה. בעקאנט און פער־שפרייט איז דער ענטפער, אז די פילאָסאָפיע איז די וויסענשאפט פון אַלע וויסענשאַפטען, וואָס פאַרבינדעט זיי אַלעמען אין איין איינ־ציגען הארמאָנישען סיסטעם. נאָך אַן ענטפער איז, אז די פילאָ־סאָפיע איז אַ בעזונדערע וויסענשאפט, וואָס שטעהט העכער ווי אַלע אַנדערע און וואָס אונטערזוכט די גרונד־פּרינציפּען פון דעם זיין און דעם דענקען. יעדע איינצעל־וויסענשאפט, ער־קלעהרט אָט דער ענטפער, איז אויפגעבויט אויף אַ וועלכען ס׳איז גרונד־פּרינציפּ. די געאָמעטריע, למשל, האָט צו טהאָן מיט׳ן רוים, די פיזיק — מיט דער בעוועגונג, די כעמיע — מיט דעם „שטאָף“ אָדער דער „מאַטעריע“, די פּסיכאָלאָגיע — מיט דעם גייסט אָדער דער עמפּפינדונג. אַלע וויסענשאַפטען — מיט דעם בעגריף פון געזעץ און קאוזאליטעט. אָבער וואָס איז אזוינס רוים? בעוועגונג? מאַטעריע? גייסט? קאוזאליטעט? געזעץ? די איינצעלנע וויסענ־שאַפטען קימערען זיך ניט וועגען דעם, מוז דעריבער זיין אַ בעזונדער פעלד פון אונטערזוכונג וואָס זאָל זיך מיט דעם ספּעציעל בעשעפ־טיגען. ווידער אַנדערע מיינען, אז די פילאָסאָפיע דארף אויס־

פּאַרשען די כחות פון דעם מענשליכען שכל גופא, ד. ה., די טבע פון יענער קראַפט, וואָס בויט די איינצעל־וויסענשאַפטען און בע־שאַפט די גאַנצע מענשליכע קולטור. און נאָך אַ סך אַנדערע ענט־פערס זענען געגעבען געוואָרען אויף אונזער צייט, פאַרלויפיג ווילען מיר זיך האַלטען פאַר אַזאַ'ן ענטפער, ווי עס איז, ווי מיר דוכט, כולל אין זיך אַלע אַנדערע מיינונגען וועגען דעם ענין. די פילאָסאָפיע איז אַ שטרעבען אויסצומאָלען אַ קלאָרען בילד פון דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל אין דער זעלביגער צייט דערקלעהרען דעם אינדיווידיאום דעם זין פון זיין עקזיסטענץ, אָנווייזען איהם דעם ריכטיגען וועג פון לעבען און דאָס העכסטע ציעל, וואָס ער דאַרף האָבען פאַר זיינע אויגען.

אויסמאָלען אַ קלאָרען בילד פון דער וועלט איז אַ זאַך, וואָס געהערט ניט נאָר צו דער וויסענשאַפט, נאָר אויך צו דער קונסט. און באמת, איז דער פילאָסאָף מעהר קינסטלער, עהדער פאָרשער. מיט אַ פילאָסאָפישען טאַלאַנט דאַרף מען געבאָרען זיין און ניט יעדער איז מסוגל צו מאָלען אָריגינעלע פילאָסאָפישע בילדער. אָבער אויך די פילאָסאָפישע קונסט, ווי יעדע קונסט, מוז זיין אויפגעבויט אויף געוויסע יסודות. לאָמיר זיך אַ ביסעל טיעפער איינטראַכטען אין דעם, וואָס פילאָסאָפיע איז, כדי אויסצוגעפינען יענע גרונד־פּרינציפּען אויף וועלכע עס דאַרף געבויט זיין אַן אידעאַלער פילאָ־סאָפישער בנין.

## §6. די ערפאַהרונג.

די פילאָסאָפיע האָבען מיר געזאָגט, וויל אויסמאָלען אַ קלאָ־רען בילד פון דער וועלט. הייסט עס, אַז די בעקאַנטשאַפט מיט דער וועלט איז דערצו דער ערשטער בעדינג. מיט דער וועלט ווערט מען אָבער בעקאַנט דורך ערפאַהרונג, און ערפאַהרונג איז דעריבער דער וויכטיגסטער יסוד פון אַ פילאָסאָפיש־ריכטיגען געביי.

. וואָס איז אַזוינס ערפאַהרונג? אַ פולע מיינען, אַז ערפאַהרען הייסט מעהר ניט ווי אריינגעהמען אין אונזער שכל די דרויסענדיגע וועלט מיט דער הילף פון די חושים. עס איז גענוג צו הערען,

צו זעהן, צו טאפּען, א. אז. וו., כדי צו בעקומען ערפאהרונג. דאָס איז אָבער א טעות. ערפאהרען הייסט ניט נאָר פּאסיוו אריינגעהמען די דרויסענדיגע וועלט אין זיך. דאָס, וואָס די חושים ברענגען אונז, מוז נאָך בעארבייט ווערען מיט'ן שכל, כדי דערפון זאָל ארויסקומען אַן ערפאהרונג. מען דאַרף צו דעם מאטעריאל פון די חושים נאָך עפּעס צוטראכטען אָדער עפּעס אוועקטראכטען פון דעם זעלביגען מאטעריאל. א מענש, וואָס שטעהט פאר אַן אקוואריום און זעהט פאר זיינע אייגען א סיפּאָנאָפאָר (אזא מין ים־חיה, וואָס זעהט אויס ווי א שעהנע פיעל־פארביגע בלום) זעהט פאר זיך נאָר בעשטימטע טהיילען פון עפּעס א פארביגער זאך; און כל זמן ער טראכט ניט וועגען דער זאך, כל זמן ער נעהמט פאסיוו אריין אין בעוואוסטזיין די פארבען, פאָרמען און ליניען, וואָס די סיפּאָנאָפאָר שיקט איהם, האָט ער נאָך ניט א ברעקיל ערפאהרונג. ערשט ווען ער הויבט אָן טראכטען וועגען דעם וואָס ער זעהט, און ער זאָגט זיך: „דאָס איז א פלאנץ", בעקומט ער די ערשטע, ווען אפילו די ניט־ריכטיגע ערפאהרונג. שפּעטער פאלט איהם אויף, אז די פלאנץ בעוועגט זיך פון זיך אליין און פיהרט זיך אויף ווי א לעבעדיגע חיה. ער זאָגט זיך אָב פון דעם פריהעריגען געדאנק, פעררירכט זיין טעות און טראכט צו צו דעם מאטעריאל פון די חושים א נייעם געדאנק: „דאָס איז א חיה". די בעגריפען „פלאנץ" אָדער „חיה" זענען צוטראכטונגען, וועלכע דער מענש גיט צו צו דעם מאטעריאל פון די חושים כדי צו מאכען פון זיי ערפאהרונג. אָבער צו דעם זעלביגען צוועק מוז ער אויך א סך זאכען אוועקטראכטען, אראָבוואַרפען פון חשבון. ער זעהט דאָך פאר זיך, אין דער זעלביגער צייט, ניט נאָר די פארביגע פאָרמען און ליניען פון דער סיפּאָנאָפאָר, ער זעהט וואסער פון אקוואריום, ער זעהט די גלעזערנע ווענטלעך און די מעטאלענע שטאַנגען, אין וועלכע זיי זענען איינגעפאסט; ער זעהט נאָך טויזענד אנדערע זאכען אין צימער, ער הערט פערשיעדען־ארטיגע קלאנגען, וואָס טראָגען זיך פון גאס. דאָס אלץ פליעסט אריין אין זיינע חושים אינאיינעם מיט די פארבען פון דער סיפּאָנאָפאָר, אָבער דאָס אלץ וועט ער ניט צורעכענען צו דער ערפאהרונג וועגען איהר. ער מוז דאָס אונבעוואוסט אָברעכענען. ער מוז קענען גוט אכטונג געבען אויף אלץ, וואָס גע־

הערט ניט צום ענין. אָבער אויסגעפינען, וואָס אזוינס געהערט צום ענין און וואָס ניט, דאָס איז שוין די עובדא פונ׳ם שכל, וואָס וויל בעאַרבייטען די טויזענדער איינצעל־עמפּפינדונגען, וועלכע פליעצען אין אונז אריין דורך די קאַנאַלען פון די חושים.

עפּעס צוטראַכטען און עפּעס אוועקטראַכטען פון דעם וואָס די חושים גיעבען אונז, אין דערין בעשטעהט דער פּראָצעס פון ערפאַהרונג. אָבער כדי ריכטיג צו פאַרשטעהן, וואָס מען דאַרף צוטראַכטען און וואָס אַראָבוואַרפען פון חשבון, וואָס מען דאַרף בעטראַכטען פריהער און וואָס שפּעטער, דערצו דאַרף מען האָבען געוויסע מעטהאָדען. די מעטהאָדען לעהרע איז דעריבער דער צווייטער יסוד סיי פון דער וויסענשאַפט, סיי פון א פילאָ־סאָפישען בנין.

## 7§ די מעטהאָדען לעהרע.

עס זענען פאַראַן פערשיעדענע מעטהאָדען, וואָס ווערען אָנ־געווענדעט אין דער וויסענשאַפט און אין דער פילאָסאָפיע. די אינ־דוקטיווע מעטהאָדע, צום ב. ש., געהט ארוים פון די איינצעלנע ערשיינונגען, כדי אויסצוגעפינען די כללים וואָס הערשען אין זיי; די דעדוקטיווע מעטהאָדע, פאַרקעהרט, געהט ארוים פון א וועלכען עס איז אַלגעמיינעם כלל, כדי צו דערקלעהרען און פאַרשטעהן די איינצעלנע פּרטים. די אַנאַליטישע מעטהאָדע פאַלמעסט פאנאנ־דער דאָס גאַנצע, אויף זיינע איינצעלנע טהיילען. די סינטעטישע מעטהאָדע בויט אויף צוריק דאָס גאַנצע פון די איינצעלנע חלקים. די פערגלייכענדע מעטהאָדע זאָגט: „דו קענסט ניט פאַר־שטעהן דעם מהות פון אַן ערשיינונג און די געזעצען פון איהר ענטוויקעלונג, ביז דו וועסט זי ניט פערגלייכען מיט עהנליכע ער־שיינונגען און מיט זייערע געזעצען". די היסטאָרישע מעטהאָדע וויל האָבען, אז מ׳קען קאָן בעקאַנט ווערען מיט אַן ערשיינונג ערשט יעמאָלט, ווען מען ווייס די גאַנצע געשיכטע, ווי אזוי זי איז גע־וואָרען, א. אז. וו.

## 8§. דער קריטיציזם.

עס איז אָבער נאָך ניט גענוג גרינגליך צו בעטראַכטען די וועלט און אָנוועגדען דערביי די ריכטיגע מעטהאָדען פון דענקען און פאָרשען. מען דאַרף פריהער בעקאַנט ווערען מיט דער טבע

און מיט די כחות פון דעם מענשליכען פאַרשטענדען גייסט. דער מענשליכער שכל זעהט אָפּטמאָל אין דער ערפאהרונג דאָס, וואָס איז, אייגענטליך, מעהר ניט ווי א פּראָדוקט פון זיין אייגענעם שאַפען. כמעט יעדער מענש מיינט, אז ער זעהט אין דער דרויסענדיגער וועלט ניט נאָר פארבען און ליניען, העלקייט און שאָטענס, נאָר אויך „מאַטעריע", א געוויסע סובסטאַנץ וואָס טראָגט אויף זיך די פערשיעדענע פארבען. דאָס איז אָבער אן אילוזיע, א פארבלענדעניש פונ'ם מענשליכען שכל. די מאַטעריע האָט נאָך קיין מאָל קיין מענשליך אויג ניט געזעהן, ווייל זעהען קען מען נאָר ליניען, שטח'ס, פארבען און פערשיעדענע שטופען פון העלקייט. די מאַטעריע איז דעריבער אויך מעהר ניט, ווי א צוטראכטונג, אָבער אזאַ צוטראכטונג וועלכע דער מענשליכער שכל קען ניט אוועקטראַכטען; ער טראָגט זי אריין אין דעם מאַטעריאל וואָס די חושים ברענגען. און אזעלכע נויטווענדיגע צוטראַכטונגען זענען דאָ א סך אין דער מענשליכער ערקענטניס. דער ק ר י ט י־צ י ז ם איז יענער גרונד־פּרינציפּ וואָס גיט אונז צו פארשטעהן, ווי אזוי דער מענשליכער שכל קומט דערצו — אויסצואַרבייטען די פערשיעדענע צוטראַכטונגען מיט וועלכע ער נעהמט אריין אין זיך די ערפאהרונג.

דער קריטיציזם איז דער דריטער גרונד־פּרינציפּ פון א פילאָסאָפישען בנין. ער פארענטפערט די פראַגע, וואָס איז ערקענטניס; וואָס זענען די קוואַלען פון וועלכע ערקענטניס פליעסט; וועלכע גרענעצען זענען אוועקגעשטעלט פאר'ן מענשליכען שכל; וועלכע גייסטיגע געצייג מוז דער שכל אָנווענדען, כדי צו דערגרייכען זיין ציעל; וועלכע בעגריפען וועט ער אונבעוואוסט אָן וואָס פיהרען איהם אראָב פון ריכטיגען וועג; און דערגלייכען. דער קריטיציזם רייניגט אויס די מענשליכע ערפאהרונג פון אלע אָבגעלעבטע, איבעריגע און שעדליכע עלעמענטען. אויף אזא'ן אופן בעקומען מיר אן אָבגערייניגטען און דורכגעמוסטערטען מאַטעריאל פון דער דרויטענדיגער וועלט פון וועלכען מיר מוזען בויען א קלאָרען בילד.

וואָס הייסט אָבער קלאָר? קלאָר ווערט אונז א זאַך, ניט יעמאָלט ווען מיר ווייסען, וואָס זי איז, נאָר ווען מיר פארשטעהען אויך

פאַרוואָס זי איז אזוי ווי זי איז; ווען מיר זעהען איין, אז זי קאָן ניט זיין אנדערש ווי זי איז.

ווען מיר זאָגען, אז אלע רעכטע ווינקלען מוזען זיין גלייך איינער דעם אַנדערען, ווערט דער געדאנק אונז דורך און דורך קלאָר ערשט יעמאָלט, ווען מיר זעהען איין, אז דער היפך פון איהם וואָלט געפיהרט צו אַן אונזין: איין און די זעלביגע ליניע וואָלט געמוזט אין איין און דער זעלביגער צייט לויפען אין צוויי פער־שיעדענע ריכטונגען. אָדער נעהמען מיר נאָך א ביישפּיעל. עס זענען דאָ אויף דער וועלט רעגולערע פיעל־קאַנטיגע קערפּער, ד. ה. אַזעלכע סטערעאָמעטרישע פיגורען, וואָס בעשטעהען פון מעהרערע פלעכען און אַלע זייערע פלעכען זענען גלייך איינע דער אַנדערער, ווי למשל א קוב אָדער א פּיראַמידע. עס זענען פאראַן רעגולערע פיער־קאַנטיגע פיגורען וועמעס פלעכען עס בעשטעהען פון גלייכע דריי־עקען. עס זענען פאראַנען אכט־קאַנטיגע רעגולערע פיגורען מיט אכט פלעכען, און צוועלף־קאַנטיגע פיגורען, פון וועלכע יעדע פלעכע איז א פינף־עק א. אז. וו. קאָן אָבער געמאָלט זיין, לאָמיר זאָגען, א טויזענד־קאַנטיגע פיגור? אויף דעם ערשטען בליק האָ־בען מיר קיין רעכט ניט צו לייקענען, עס זאָל זיך געפינען אויף דער וועלט אזא מין פיעל־קאַנטיגער קערפּער, וואָס זאָל ווי א גרוי־סער בריליאַנט, בעשטעהן פון טויזענד פלעכען וואָס זענען גלייך איינע צו דער אנדערער. אָבער דער מאַטעמאַטישער אנאַליז האָט אויסגעפונען, אז רעגולערע פיעל־קאַנטיגע פיגורען זענען דאָ אויף דער וועלט מעהר ניט ווי פינף: דער פיער־קאַנט, דער זעקס־קאַנט (א קוב), דער אכט־קאַנט, דער צוועלף־קאַנט און דער צוואַנציג־קאַנט. ממילא איז א רעגולערער טויזענד־קאַנט — א זאַך, וואָס קען ניט זיין אין דער מציאות. די פאָלשטענדיגע קלאָרקייט אין דעם ענין דערגרייכען מיר מיט דער הילף פון דעם מאַטעמאַטישען חשבון, וואָס בעווייזט אונז די אונמעגליכקייט פון אנדערע רעגולערע פיעל־קאַנטיגע פיגורען אחוץ די פינף, וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט אויבען. די קלאָרקייט איז דעריבער א פועל יוצא פון דעם בעוואוסטזיין פון דער נויטווענדיגקייט. אָבער וואָס איז אזוינס נויטווענדיגקייט?

דער ביישפּיעל מיט די פיער־קאַנטיגע פיגורען קאָן אונז בע־

ווייזען, אַז דער סכום פון רעגולערע פלעכען און די מעגליכקייט אויפצובויען פון זיי אַ פיעל־קאַנטיגע פיגור געפינען זיך אין אַ געוויסער אייביגער אונפערענדערליכער שיכות. אָט דער אייביגער אונפערענדערליכער שיכות פון ערשיינונגען איז נויטווענדיגקייט, און דער געדאַנקען, אַז אין אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט הערשט אַזאַ מין אונפערענדערליכע שיכות, אַז אויב עס וועט פאַרענדערט ווערען איין ערשיינונג, מוזען ממילא אויך פאַרענדערט ווערען אַלע ערשיינונגען, וואָס זענען פערבונדען מיט איהר איז דער פיערטער גרונד־פּרינציפּ פון אַ פילאָסאָפישען געביי, וועלכען מיר רופען די נויטווענדיגקייט אָדער דער דעטערמיניזם.

## §9. די נויטווענדיגקייט.

עס זענען דאָ אַ סך פערשיעדענע אַרטען פון נויטווענדיגקייט. שאָפּענהויער האָט אויסגעפאָרשט און דערקלעהרט פיער אַרטען פון איהר, אָבער עס לאָזט זיך דענקען, אַז עס קאָנען זיין נאָך אַנדערע אַרטען. די ערשטע אַרט נויטווענדיגקייט איז די, וואָס מיר געפינען אין דער מאַטעמאַטיק, בעת מיר זעהען צום ב. ש. איין אַז צוויי רעכטע ווינקלען מוזען תמיד זיין גלייך איינער דעם אַנדערען, אָדער אַז די סומע פון די דריי ווינקלען אין אַ דריי־עק מוז תמיד זיין גלייך צו צוויי רעכטע ווינקלען, אָדער אַז עס קאָנען זיין נאָר פינף אַרטען פון רעגולערע פיעל־קאַנטיגע פיגורען, און אַז דאָס אַלץ קאָן קיין מאָל ניט זיין אַנדערש.

די צווייטע אַרט נויטווענדיגקייט איז די לאָגישע. שטעל איך צונויף צוויי געדאַנקען אין אַ ריכטיגער לאָגישער שיכות, מוז פון זיי על פּי נויטווענדיגקייט אַרויסשפּרינגען אַ דריטער געדאַנק, וואָס איז אַ לאָגישער פּועל יוצא פון זיי. זאָג איך צום ב. ש., אַז אַלע מענשען זענען שטערבליך און ראובן איז אַ מענש, מוז דערפון על פּי נויטווענדיגקייט אַרויסגעדרונגען ווערען, אַז ראובן איז שטערבליך. די לאָגישע נויטווענדיגקייט ליעגט ניט אין דער ריכטיגקייט פון די געדאַנקען וואָס מיר בינדען צונויף נאָר אין דער לאָגישער שיכות וואָס שטעקט אין זיי. אַ לאָגיש ריכטיגער שלוס מוז על פּי נויטווענדיגקייט אַרויסשפּראָצען אויך פון אַבסאָלוט פאַלשע געדאַנקען ווען זיי שטעהען נאָר אין אַ פאָרמאַל ריכטיגען לאָגישען המשך. אין מיינע „היסטאָרישע אידעען־פערבינדונגען“ האָב איך

געבראכט אזא ביישפיעל: „יעדער דריי־עק איז א פיער־עק, יעדער פיער־עק איז א קרייז, ממילא איז אויך יעדער דריי־עק א קרייז.“ *) עס פערשטעהט זיך אז אלע געדאנקען וואָס זענען דאָ פארבונדען אין א לאָגיש ריכטיגער פאָרם, זענען אבסאָלוט פאלש. און פון דעסטוועגען איז דער ממילא אָדער דער פועל יוצא א שלום, וואָס מוז געמאכט ווערען על פי לאָגישער נויטווענדיגקייט. א ו י ב יעדער דריי־עק איז א פיער־עק און אויב יעדער פיער־עק איז א קרייז, מוז יעמאָלט יעדער דריי־עק זיין א קרייז און עס קען אנ־דערש ניט זיין.

די דריטע ארט נויטווענדיגקייט איז די פ י ז י ש ע, וואָס ערקלעהרט אונז די נויטווענדיגע שיכות'ן אין דער נאטור. ווען מיר זעהען צ. ב. ש. די גרויסע פאנאנדערגעצווייגטע שווערע הערע־נער פון א הירש, מוזען מיר ממילא פארשטעהן, אז זיין שארבען מוז על פי נויטווענדיגקייט זיין א דיקער און א שטארקער, ווייל אז ניט, וואָלט ער ניט געקאָנט אויסהאלטען די משא פון די הע־רענער. אָבער ניט אלע נויטווענדיגע שיכות'ן אין די נאטור־ערשיינונגען זענען אונז אזוי קלאָר און פארשטענדליך. עס איז צ. ב. ש. אין דער וויסענשאפט פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז ווייסע קעץ מיט בלויע אויגען זענען תמיד טויב. פאַר וואָס דאָס איז אזוי, ווייסען מיר ניט, אָבער מיר האָבען גענוג גרונד אָנצונעהמען, אז עס מ ו ז זיין אזוי, אז דאָ דריקט זיך אויס א געוויסע ארט פון דער וועלטליכער נויטווענדיגקייט.

די פיערטע ארט נויטווענדיגקייט איז די טעלעאָלאָגישע, וואָס רעכענט זיך מיט דעם תכלית פון געוויסע ערשיינונגען און וואָס בעשטעהט אין דער נויטווענדיגער שיכות צווישען מיטעל און ציעל. זי האָט צו טהאָן הויפּטזעכליך מיט דער וועלט פון פראקטישע האנדלונגען. אויפ'ן ערשטען בליק קען מען מיינען, אז די ארט פון נויטווענדיגקייט געהערט אין גאנצען צו דער פריהער געשיל־דערטער ארט פון פיזישען דעטערמיניזם. זאָג איך צ. ב. ש. אז ראובן ליידט פון דער דערר און עס איז נויטיג אוועקשיקען איהם אין א סאנאטאָריום, קאָן זיך אויסדרוכטען אז מיר דריקען דאָ אויס

*) פערגלייך „דאָס נייע לעבען“, ערשטער באנד, זייטע 595.

ניט מעהר ווי די נויטווענדיגע שיכות צווישען פיזיאָלאָגישע ער־
שיינונגען פון א געוויסער קרענק און געוויסע אנדערע פיזישע ער־
שיינונגען וואָס געפינען זיך אין א סאַנאַטאָריום. ד. ה. מיר בויען
אין מה א לאָגישען סילאָגיזם: אלע דערריגע האָבען אין א סאנא־
טאָריום בעסערע שאַנסען אויסגעהיילט צו ווערען. ראובן איז א
דעררינער, ממילא האָט ער אין א סאניטאָריום בעסערע שאַנסען
אויסגעהיילט צו ווערען. און ממילא מוז מען איהם שיקען אהין.
אָבער אָט די אלע נויטווענדיגע שיכות'ן בעריהרען א ברעקעל ניט
די טעלעאָלאָגישע זייט פון דער זאַך, ווייל זיי זאָגען אונז גאָר ניט
וועגען דער נויטיגקייט, אז ראובן זאָל אויסגעהיילט ווערען. איי־
נער מוז זיך פריהער אוועקשטעלען פאַר זיין ציעל, אז ראובן זאָל
ווערען געזונד און ערשט יעמאָלט קען אריינטרעטען דער געדאנק
וועגען א טעלעאָלאָגישע נויטיגקייט. שטעלט אייך פאָר, אז ראובן
געפינט זיך גאָר אין דער שליסעלבורגער ציטאַדעלע אין די הענד
פון מענשען, וואָס זענען א ברעקעל ניט פעראינטערעסירט אין זיין
געזונד, און אלע פיזישע שיכות'ן צווישען דער דערר און די בע־
דינגונגען פון איהר אויסהיילונג פערליערען זייער בעדייטונג. די
טעלעאָלאָגישע נויטווענדיגקייט איז א בעזונדער ארט פון דעם
אלוועלטליכען דעטערמיניזם, וואָס קאָן ניט צוריקגעפיהרט ווערען
צו די אנדערע ארטען. לאָז זיין, אז דער פאַקט גופא, אז איינער
אינטערעסירט זיך מיט א וועלכען ס'איז ציעל, איז ארויסגערופען
געוואָרען פון געוויסע ערשיינונגען, וואָס אין זיי הערשט די פיזישע
אָדער די לאָגישע נויטווענדיגקייט; לאָז זיין, אז די מיטלען, וואָס
מען מוז אָנווענדען כדי צו דערגרייכען דעם ציעל געהערען אויך
צו דעם פעלד פון פיזישע אָדער לאָגישע נויטווענדיגקייטען. אָבער
שוין דורך דעם אליין, וואָס איהר שטעלט אויף א שיכות צווישען
עפּעס וואָס איז שוין דאָ און עפּעס וואָס איז נאָך ניטאָ, אָבער
וואָס זאָל זיין, ווייל איהר ווילט עס, ווייל איהר זענט אין דעם
פאַראינטערעסירט, בעשאַפט איהר א נייע ארט פון אלוועלטליכען
דעטערמיניזם, וואָס האָט איהרע אייגענע געזעצען.

בעטראַכטען מיר די פערשיעדענע ערשיינונגען פון דער וועלט
פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אלוועלטליכער נויטווענדיגקייט,
זעהען מיר, אז זיי קאָנען איינגעטהיילט ווערען אין פערשיעדענע

נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ק י י ט ס ־ ק ר י י ז ע ן. דאָס לעבען פון א רויז האָט זיינע נויטווענדיגקייטען, וועלכע דאָס לעבען פון קיין אנדער פלאַנץ האָט ניט אין זיך. דאָס איז דער סכום פון יענע פּראָצעסען וואָס מאכען, אז פון א רויז־קערענדעל זאָל ארויסוואקסען דוקא א רויז־פלאַנץ און ניט קיין אנדער זאך. אָבער א חוץ דעם הערשען אין דעם לעבען פון א רויז יענע נויטווענדיגקייטען, וואָס בעלאַנגען צו־א העכערען קרייז, צו דעם קרייז פון פלאַנץ איבערהויפּט. דער קרייז שטעהט וויעדער אונטער דער שליטה פון נאך א העכערען נויטווענדיגקייטס־קרייז, וואָס בעהערשט די פּראָצעסען פון לעבעדיגע וועזען איבערהויפּט. און וואָס טיעפער מיר דרינגען אריין אין דעם שפּיעל פון די נויטווענדיגקייטען אין דער נאַטור, שטייגען מיר צו אלץ העכערע און העכערע נויטווענדיגקייטס־קרייזען. די נויטווענדיגע ערשיינונגען פון איין קרייז שניידען זיך אריין אין די נויטווענדיגע ערשיינונגען פון אַן אנדער קרייז און גיסען זיך צונויף אין איינעם מיט זיי. כדי צו פערשטעהן, ווי אזוי און פארוואָס אָט די אלע קרייזען שניידען זיך אריין איינע אין די אנדערע און בילדען דעם איין איינציגען וועלט־פּראָצעס, מוזען מיר ארויפשטייגען ביז צום אלערהעכסטען קרייז וואָס איז כולל אין זיך אלע אנדערע, ביז צו יענעם איין איינציגען פונקט, פון וועלכען עס פליעסען אלע נויטווענדיגקייטען פון דער גאַנצער וועלט. די צוריקפיהרונג פון דעם גאַנצען וועלטליכען פּראָצעס צו איין איינציגען גרונד־פּרינציפּ איז דער פינפטער יסוד פון דעם פילאָסאָפישען בנין. דאָס איז דער מ אָ נ י ז ם.

## §10. דער מאָניזם.

דאָך שטרעבען פון דעם מענשליכען שכל צו דערגרייכען די לעצטע איינהייט, פון וואנען עס שטאַמען אלע אנדערע ערשיינונגען קאָן מיט קיין זאך ניט צוריקגעהאַלטען ווערען. כמעט אין אלע צווייגען פון דער מענשליכער ערקענטנים בעווייזט זיך אין דער פאָרשונג פריהער אָדער שפּעטער א דאָפּעלהייט פון פּרינציפּען. אין דער נאַטור איז עס די דאָפּעלהייט פון מאַטעריע און גייסט, פון שטאָף און קראַפט. אין דער פּסיכאָלאָגיע איז דאָס דער געגענזאַץ פון גוף און נשמה. אין דער סאָציאָלאָגיע איז דאָס די סתירה פון אינדיווידיואום און געזעלשאַפט א. אז. וו. די אלע

סתירות פיינינגען דעם מענשליכען שכל און לאָזען איהם ניט צורוה, ביז ער געפינט אויס זייער איינהייט.

עס זענען אָבער דאָ פערשיעדענע ארטען ווי אזוי אריבערצור־פיהרען דעם דואליזם, די צווייהייט, אין אַ מאָניזם, אן איינהייט. איך אונטערשיעד צוויי גרויסע ארטען פון מאָניזם. ערשטענס, דעם גענעטישען מאָניזם. דאָס וואָרט שטאמט פון דעם גריכישען „גיגנאָסקאָ" איך גֶעבער, איך ברענג ארויס. האָב איך צ. ב. ש. פאר מיר דעם געגענזאץ פון מאטעריע און גייסט קען איך זאָגען: א) אז די מאטעריע איז דער פאָטער, וואָס ברענגט אונ־טער געוויסע אומשטענדען פון זיך ארויס דעם גייסט; אָדער, פאר־קעהרט, איך קאָן זאָגען: ב) אז דער גייסט איז דער פאָטער, וואָס ברענגט אונטער געוויסע אומשטענדען פון זיך ארויס די מאטעריע; אָדער איך קען אויך זאָגען: ג) אז זיי ביידע, אי דער גייסט, אי די מאטעריע שטאמען אָב פון אַ וועלכען ס'איז דריטען פרינציפּ, וואָס האָט זיי ביידען געבאָרען און וואָס איז ניט גייסט און ניט מאטעריע.

דער צווייטער ארט מאָניזם איז דער סינטעטישער, וואָס מיינט, אז גייסט און מאטעריע, אָדער וועלכע עס איז אנדערע צוויי נעגען־פרינציפּען פון דער מענשליכער ערקענטנים, שטאמען ניט אָב איינער פון דעם אנדערען און ווערען אויך ניט געבאָרען פון אַ וועלכען ס'איז דריטען פרינציפּ. זיי זענען ניט מעהר, ווי צוויי זייטען פון איין און דער זעלביגער זאך; צוויי זייטען, וועלכע קאָנען בשום אופן ניט פאנאנדערגעריסען ווערען.

ווי אזוי קאָנען מיר אָבער קלאָר פערשטעהן די אונגעהויערע פיעלהייט פון די וועלטליכע ערשיינונגען ווען מיר ווילען זיי בע־טראכטען ווי אַ נויטווענדיגען פּראָדוקט פון איין איינציגען וועלט־פרינציפּ? דער בעסטער מיטעל דערצו איז די ענטוויקעלונגס־טהעאָריע, וואָס איז דער זעקסטער יסוד פון אַ פילאָסאָפישען בנין.

## §11. די ענטוויקעלונגס לעהרע.

די ענטוויקעלונגס־טהעאָריע אָדער די עוואָלוציאָנס־טהעאָריע איז איינער פון די בעליעבטעסטע פּרינציפּען אין אונזער מאָדער־נער וועלט־אנשויאונג. דערהויפּט זינט דארווין האָט בעוויעזען

אז אלע פערשיעדענע ארטען פון פלאנצען און חיות שטאמען דורך ענטוויקעלונג אָב פון איינינע זעהר וועניגע פרימיטיווע פאָר־מען. אבער מערקווירדיג! ווי פערשפרייט עס איז ניט דער ענט־וויקעלונגס־געדאנק אין דער איצטיגער קולטור וועלט, האָבען מיר נאָך עד היום ניט קיין וויסענשאפטליך־בעגרינדעטע ענטוויקעלונגס־טהעאָריע, וואָס זאָל אונז אויפקלעהרען אלע פונקטען פון אָט דעם פארוויקעלטען, העכסט וויכטיגען פילאָסאָפישען פראָבלעם. די גרונד פונקטען זענען נאָך ערגיץ ניט טהעאָרעטיש אויסגעפאָרשט געוואָרען. וואָס איז אזוינס ענטוויקעלונג? ווער איז דער טרעגער פון ענטוויקעלונג? מיט וואָס אונטערשיידעט זיך ענטוויקעלונג פון יעדער אנדער פאָרם פון בעוועגונג און פערענדערונג? וואָס זענען די אורזאַכען און די געזעצען פון דער ענטוויקעלונג? וואָס איז די גרונד־פאָרמע פון דער ענטוויקעלונג? האָט די ענטוויקעלונג וועלכען עס איז ציעל, צו וועלכען זי שטרעבט? אויף אלע אזעלכע פראגען האָבען מיר נאָך ניט קיין תירוץ מספיק אין דער איצטיגער פילאָסאָפישער ליטעראטור.

בעקאנט זענען אין דער פילאָסאָפישער ליטעראטור פיער וויכ־טיגע טהעאָריען פון דעם ענטוויקעלונגס־פרינציפּ. איין טהעאָריע איז ארויסגעשטעלט געוואָרען פון העגעל. נאָך איהם איז דער טרעגער פון דער וועלט ענטוויקעלונג ניט די מאטעריע, נאָר דער גייסט. איהר צוועק איז, אז דער וועלט גייסט זאָל ארויסברענגען פון זיך אלץ וואָס אין איהם ליעגט לאָגיש איינגעוויקעלט און איינ־געשלאָסען. געטריעבען ווערט די ענטוויקעלונג דורך דעם אינע־וועניגסטען ווידערשפרוך, וואָס ליעגט אין אלע פראָדוקטען פון'ם אלוועלטליכען גייסט. די פאָרם פון דער ענטוויקעלונג איז די בע־ריהמטע „טריאדע“, דאָס שטענדיגע דורכגעהן פון דריי פאזען: דעם טעזיס, אָדער דעם בעשטימטען אויסגאנגס־פונקט, דעם אנטי־טעזיס אָדער דעם געגענזאץ פון דעם אויסגאנגס־פונקט, און דעם סינטעזיס אָדער די צונויפשמעלצונג פון דיביידע הפכים אין איין איינציגען גאנצען.

כמעט אין אלע פונקטען א היפך צו דער העגעל'שער טהעאָריע איז די עוואָלוציאָנס־טהעאָריע פון הערבערט ספענסער. דער טרע־גער פון דער ענטוויקעלונג איז ניט דער וועלט־גייסט, נאָר די וועלט־

מאַטעריע. דער תוך פון ענטוויקעלונג בעשטעהט אין דעם, וואָס די אייגענשאַפטען פון דער מאַטעריע געהען זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר פאַנאַנדער: זיי דיפערענצירען זיך. און אין דער זעלבער צייט ווערען די איינצעלנע דיפערענצירטע טהיילען אַלץ שטאַרקער און פעסטער בעהעפט איינער צו דעם אַנדערן: זיי אינטעגרירען זיך. דיפערענציאַציע און אינטעגראַציע זענען די צוויי זייטען פון דעם איין איינציגען ענטוויקעלונגס־פּראָצעס. די אורזאַך פון דער וועלט־ענטוויקעלונג בעשטעהט אין דעם, וואָס די פּרימיטיווע וועלט מאַטעריע ווערט אַלץ מעהר און מעהר אָבגעקיהלט. פון אַ וועלכען עס איז תכלית אָדער ציעל פון דער וועלטליכער ענטוויקעלונג איז דערביי, פאַרשטעהט זיך, ניטאָ וואָס צו רעדען.

אַ מין פאַראייניגונג פון העגעל׳ס אידעאַליסטישער ענטוויקע־לונגס לעהרע און ספּענסער׳ס מאַטעריאַליסטישען עוואָלוציאָניזם איז די ענטוויקלונגס־לעהרע פון קאַרל מאַרקס, ווען אפילו ער האָט זי אויסגעאַרבייט אַ סך פריהער פאַר ספּענסער׳ן. דער טרעגער פון דער ענטוויקעלונג איז אויך ביי איהם, ווי ביי ספּענסער׳ן, די מאַטעריע און ניט דער וועלט־גייסט. אָבער די אורזאַך פון ענט־וויקעלונג איז די זעלביגע וואָס ביי העגעל׳ן: דער אינוועניגסטער לאָגישער ווידערשפּרוך אין אַלץ, וואָס עס עקזיסטירט אויף דער וועלט. און אויך די פאָרם פון דער ענטוויקעלונג איז ביי איהם אריבערגענומען געוואָרען פון העגעל׳ס אידעאַליסטישער פילאָסאָ־פיע: יעדע ענטוויקעלונג לויפט דורך די פאַזען פון טעזיס, אַנטי־טעזיס און סינטעזיס.

דערמאָהנט מוז נאָך ווערען די ענטוויקעלונגס־לעהרע פון אָגיוסט קאָנט. זי בעשעפטיגט זיך ניט מיט דער ענטוויקעלונג פון דער גאַנצער וועלט, זי גיט אָבער דערפאַר אַ פאָרמעל פאַר דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון׳ם מענשליכען גייסט. דער מענש־ליכער גייסט לויפט דורך דריי פאַזען: ערשטענס, די טהעאָלאָגישע פאַזע, ווען ער ערקלעהרט אַלץ דורך די הילף פון איבערנאַטירליכע, אויסערוועלטליכע גאָטהייטען; צווייטענס, די מעטאַפיזישע פאַזע, ווען ער זוכט זיך אַלץ קלאָר צו מאַכען דורך די הילף פון פער־באָרגענע אינוועניג, אין דער נאַטור שטעקענדע „וועזענהייטען", און, דריטענס, די פּאָזיטיווע פאַזע, ווען ער זאָגט זיך אָב פון דער

שאלה, פאַרוואָס עפּעס געשעהט אין דער נאַטור, און אינטערעסירט זיך מעהר נישט ווי מיט דעם, גענוי אויסצוגעפינען, ווי אַזוי עס געשעהט אין דער נאַטור.

די ענטוויקעלונגס־טהעאָריע ליעגט נאָך אין איהרע ווינדעלעך. די וויסענשאַפטליכע פילאָסאָפיע מוז ערשטענס אויפבויען אַ פערגלייכענדע ענטוויקעלונגס־לעהרע, וואָס זאָל גענוי בעשרייבען און פאַרגלייכען די פערשיעדענע ענטוויקעלונגס־פּראָצעסען, וועלכע מיר בעטראַכטען אין די איינצעלהייטען פון דער גייסטיגער און דער נאַטירליכער וועלט. דערנאָך מוז זי אויפשטעלען אַן אַלגעמיינע ענטוויקעלונגס־לעהרע, וואָס זאָל פאַרענטפערען די אויבען־אויסגערעכענטע פראַגען פאַר אַלע ערשיינונגען פון דער גאַנצער וועלט. זי מוז אָבער אויך אויספאָרשען דעם מענשליכען גייסט און אויסגעפינען, וואָס אַזוינס שפּיעלט זיך אין איהם אָב, בעת ער קאָנסטאַטירט אומעטום ענטוויקעלונג. (פאַר דער לעצטער אויפגאַבע האָט וויליאַם שטערן געמאַכט אַ גוטען אָנהויב אין זיין עקספּערימענטאַל פּסיכאָלאָגישער אונטערזוכונג: „פּסיכאָלאָגיע דער פערענדערונגס־אויפפאַסונג“). **)

ערפאַהרונג, מעטהאָדען־לעהרע, קריטיציזם, דעטערמיניזם (נויטווענדיגקייט), מאָניזם און ענטוויקעלונג זענען די וויכטיגסטע גרונד־פּרינציפּען פון אַ טהעאָרעטישען פילאָסאָפישען געביי. מען מוז זיי שטענדיג האָבען אין אויג, ווען מען בויט אַן אייגענעם פילאָסאָפישען בנין אָדער ווען מען בעאורטהיילט אַן אַנדערען'ס פילאָסאָפישען סיסטעם. קאָן מען אָבער מיינען, אַז ווען איינער וואָלט אָבגעהיט די אַלע גרונד יסודות פון פילאָסאָפישען שאַפען, וואָלט ער שוין געווען אין דער לאַגע אויסצומאָלען אַזאַ קלאָרען איינהייטליכען בילד פון דער וועלט, וואָס זאָל אויף אייביג פאַרענטפערען אַלע שאלות פון דעם מענשליכען שכל? ניין! אַזאַ איינציגע ריכטיגע פילאָסאָפיע, וואָס זאָל פּאַסען פאַר אַלע דורות אין אַלע צייטען, קאָן ניט געמאָלט זיין. שוין דער גרונד־פּרינציפּ פון ענטוויקעלונג פאַרווערט אונז צו האָבען אַזאַ האָפנונג. אַלץ

**) L. William Stern, Psychologie der Veraenderungs-Auffassung, Breslau, 1898.

אין דער וועלט ענטוויקעלט זיך און בייט זיך און ווערט אנדערש, עהדער ס'איז געווען. די פילאָסאָפיע אָבער איז דאָך אויך ניט מעהר ווי א טהייל פון דעם אלוועלטליכען געשעהן; אויך זי מוז זיך ענטוויקלען, ד. ה. אייביג בייטען זיך און פארענדערן זיך; אויך זי קאָן ניט פארבלייבען ווערען אין א וועלכען ס'איז איין איינציגען צושטאנד. זי ווערט בעשאפען אין איין צייט און קאָן נאָר לעבען אין יענער צייט וואָס האָט זי בעשאפען; אן אנדער צייט רופט ארויס אן אנדער פילאָסאָפיע. עס איז געווען א גע־וואלדיגער טעות פון יענע פילאָסאָפען וואָס האָבען געמיינט, אז זיי האָבען אויסגעפונען דעם לעצטען אמת פאר אלע צייטען און אלע דורות. זיי זענען דערמיט געגאנגען להיפך צו דעם גרונד־פרינציפ פון ענטוויקלונג, וואָס פיהרט אויף דעם געביט פון פילאָ־סאָפישער פאָרשונג צו דעם זיעבעטען גרונד־פרינציפ פון א פילאָ־סאָפישען בנין, דעם ר ע ל א ט י ו ו י ז ם.

## §12. דער רעלאַטיוויזם.

ניטאָ קיין אבסאָלוטע אמת'ן אין דער פילאָסאָפיע, וואָס זאָ־לען טויגען פאר אלע מענשען און פאר אלע אומשטענדען, — אָט דאָס איז די גרונד־לעהרע פון דעם רעלאטיוויזם. דער אמת איז ניט קיין פאָטאָגראפישער בילד פון דער דרויסענדיגער וועלט. דאָס מאטעריאל פון דער דרויסענדיגער וועלט ווערט איבערגעארבייט פון דעם מענשליכען שכל. דערפאר מוז דער בילד פון דער וועלט טראָגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון זיין בעשאפער און בעאר־בייטער, דעם מענשען. דער מענש איז אָבער ניט אלע מאָל גלייך זיך אליין. מענשען זענען פערשיעדען, ערשטענס לויט דער צייט אין וועלכע זיי לעבען און דריבער וועלען אויך זייערע פילאָסאָפישע בעשאפונגען זיין פערשיעדען פון צייט צו צייט. די מענשען זענען פערשיעדען לפי די פעלקער, צו וועלכע זיי געהערען, און דריבער מוזען די פילאָסאָפישע סיסטעמען טראָגען דעם סמן פון א נאַ־ציאָנאלען שטעמפעל אויף זיך. אָבער אויך אין די גרענעצען פון איין און דעם זעלביגען פאָלק אונטערשיידען זיך מענשען איינע פון די אנדערע, לויט די סאָציאלע און קולטורעלע ספערען אין וועלכע זיי פערברענגען זייער לעבען און וואָס דיקטירט זיי פער־שיעדענע לעבענס־ערפאהרונגען. בעזאָנדערס וויכטיג איז אין דעם

ענין די איינטהיילונג פון די מענשען אין עקאָנאָמישע קלאסען, פּאָליטישע פּארטייען און רעליגיעזע סעקטען. דער פילאָסאָפישער אמת איז דעריבער א ר ע ל א ט י ו ו ע ר, א לפי ערכ'דיגער אמת, ער ווענדעט זיך אָן דעם, מיט וועלכע אינטערעסען דער פילאָ־סאָף לעבט פארבונדען, וועלכע קלאסען־אידעאַלען, פּאָליטישע צוועקען, רעליגיעזע גלויבונגען ער וויל פארטהיידיגען.

אמת, איבער אלע פעלקער און אלע צייטען, איבער אלע קלאַ־סען און אלע גרופען שטעהט די מענשהייט, ד. ה. דער סכום פון יענע אייגענשאפטען, וואָס מאַכט דעם מענשען פאר א מענשען, אלץ איינס, ווען ער זאָל ניט האָבען געלעבט און אין וועלכער סביבה ער זאָל ניט האָבען פארבראַכט זיינע יאָהרען. עס מוזען דעריבער אין דער וועלט פון די מענשליכע געדאנקען בולט ארויסטרעטען א סך אמת'ן, וואָס זענען אבסאָלוט פאר דעם מענשען. אָבער אזעלכע געדאַנקען געפינען זיך ניט אין דער פילאָסאָפיע, נאָר אין דער וויסענשאפט און אין די פראקטישע האנדלונגען פון די מענ־שען, אין זייער קאמפף מיט דער נאטור.

## §13. דער „איך"־פרינציפּ.

און א חוץ די איינטהיילונג פון דער מענשהייט אין פעלקער און געזעלשאפטליכע גרופען איז נאָך דאָ נאָך א קראפט, וואָס מאַכט דעם פילאָסאָפישען אמת רעלאַטיוו. דאָס איז די איינטהיי־לונג פון איינצעלנע פעלקער און גרופען אין א י נ ד י ו ו י ד י א ו־מ ע ן, אין איינצעלנע „איך'ס", אין יע־ט איינצעלנע מענשען, וואָס בעשאַפען פילאָסאָפישע סיסטעמען און דריקען אין זיי אויס די פארבאָרגענסטע סודות ניט נאָר פון זייער פאָלק, זייער געזעל־שאפטליכע גרופע און זייער צייט, נאָר אויך פון זייער אייגענער אינדיווידועלער נשמה. דער „א י ך" ־ פ ר י נ צ י פּ איז דעריי־בער דער אכטער יסוד פון א פילאָסאָפישען בנין. ער פערלאנגט פון פילאָסאָף אז ער זאָל, בויענדיג דאָס בילד פון דער וועלט, ניט פארגעסען, אַז ער, דער בעשאַפער, איז א לעבעדיג וועזען, א מענש־ליכער „איך", און אז זיין שעפּפונג — די פילאָסאָפיע — איז אויך בעשטימט פאר לעבעדיגע וועזענס, מענשליכע „איך'ס" וואָס האָ־בען אין זינען ניט נאָר טהעאָרעטישע וואונשען, נאָר אויך פּראקטישע דאגות; וואָס זוכען ניט נאָר צו שטילען דעם דורשט נאָך אמת.

נאָר אויך די בענקשאַפט נאָך יושר און שעהנקייט.

מען קען זאָגען, אַז כמעט דאָס רוב פון די בעסטע פילאָסאָפישע סיסטעמען, וואָס די מענשהייט האָט ביז אהער בעשאַפען, האָט געזינדיגט אין דעם פונקט, האָט זיך צו ווייניג גערעכענט מיט דעם „איך"־פרינציפּ. דאָס אויג, וואָס איז געווען פארזונקען אין די גרויס פון דער וועלט, אין דער רייכער פערקעטלונג פון געזעצען און נויטווענדיגקייטען, אין דעם שטענדיגען בייטען זיך פון צייטען און דורות, האָט פארלאָרען פון האָריזאָנט דאָס קליינע פינטעלע — „איך" און האָט אין גאַנצען פערגעסען, אַז דאָס קליינע פינטעלע איז, באמת גערעדט, דער צענטראַל־פונקט, פון וועלכען עס שטראַה־לען ארוים וועלט־פּראָבלעמען און וועלט געדאנקען, און אַז די אַלע פילאָסאָפישע סיסטעמען מוזען אין ערשטער ליניע בעשאַפען ווערען כדי צו בעפריעדיגען דעם איינצעלנעם „איך'ס" נשמה, צו פאר־ענטפערען זיינע פראַקטישע נויטען. די פילאָסאָפיע איז דאָך שוין פון לאַנגע צייטען אָן איינגעטהיילט געוואָרען אין אַ טהעאָרעטישע און אַ פּראַקטישע. און ווען די טהעאָרעטישע פילאָסאָפיע וויל אויסמאָלען אונז אַ קלאָרען בילד פון דער וועלט ווי זי איז, זוכט די פּראַקטישע אָנצואווייזען דעם מענשען די ציעלען, וועלכע ער דארף זיך שטעלען פאר זיינע אויגען, ד. ה. לערנט איהם צו בע־שאַפען אויף וויפיעל ער קען אין דער ווירקליכקייט אַ וועלט ניט ווי זי איז, נאָר ווי זי זאָל זיין.

## 14§. די טעלעאָלאָגיע.

וואו נאָר מיר רעכענען זיך מיט פראַקטישע טהעטיגקייט, מוזען מיר זיך רעכענען מיט וועלכע עס איז ציעלען. דער צוועק־פרינציפּ, אָדער די ט ע ל ע אָ ל אָ ג י ע, איז דעריבער דער נייע־טער יסוד פון פילאָסאָפישען בנין.

אויף דער יסוד מוז שפּיעלען זיין ראָלע אין דעם אויפבוי פון אַ פילאָסאָפישען סיסטעם. און די ראָלע זיינע איז איינע פון די שווירעגסטע, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען. עס מוז פילאָ־סאָפיש קלאָר געמאַכט ווערען פאר דעם איינצעלנעם מענשען זיין מעגליכקייט צו שטעלען זיך ציעלען און צו דערגרייכען זיי מיט דער הילף פון יענע מיטלען, וואָס ער ווענדט אָן. אָבער ווי איז אַזאַ מין עובדא פון דעם מענשען איבערהויפּט מעגליך? אויב אַלץ

אין דער נאַטור און דעם גייסטיגען לעבען איז דורכגעדרונגען מיט נויטווענדיגקייט, איז דעטערמינירט דורך דעם גאַנצען פּראָצעס פון דער וועלט; אויב אין יעדען אויגענבליק איז מיין וואונש א נויט־ווענדיג־בעשטימטער פּראָדוקט פון אלץ וואָס האָט פּאַסירט ביז אהער; אויב יעדע פון מיינע האנדלונגען איז א קליינינקער מאָ־מענט אין דעם אונגעהויערען ענטוויקעלונגס־שטראָם פון דעם אל־וועלטליכען געשעהן; אויב מיין ווילען און מיין איך איז מעהר ניט ווי א טראָפּען, וואָס טראָגט זיך אין איינעם מיט אלע טראָ־פּענס אין דעם מאוימ׳דיגען וואסער־פאל פון וועלכען עס באַ־שטעהט דאָס געשיכטליכע לעבען, — ווי אזוי איז יעמאָלט א פרייער ווילען מעגליך? און ווי אזוי זאָלען מיר האָבען די מעג־ליכקייט הארמאָניש צונויפגיסען איהם אין איין בילד מיט דער אונבעגרענעצטער הערשאפט פון די אייזערנע בעוועגונגס־גע־זעצען פון דעם וועלט־אלל?

דאָס איז די גרונד־פראגע, וואָס האָט געפּייניגט די מחות פון כמעט אלע גרויסע דענקער און וואָס וועט אייביג שטעהן אויפ׳ן טאָגעס אָרדנונג פון דער פילאָסאָפישער אונטערזוכונג.

ווי די מעשה איז, — ווי דער פּראָבלעם פון ווילען׳ס פרייהייט זאָל ניט פאַרענטפערט ווערען אין דער פילאָסאָפיע, — די ערפאַה־רונג צווינגט אונז אָנצונעהמען דעם פאקט, אז ס׳זענען דאָ מענש־ליכע „איך׳ס“ וואָס שטעלען זיך ציעלען פאר זייערע אויגען. זיי טהוען דאָס מיט אַן אינעווענדיגען בעוואוסטזיין, אז זיי זענען פ ר י י אויסצוקלייבען פון אלע צוועקען דעם צוועק, וואָס זיי פאַסט אַם בעסטען, און צו פאַרווירקליכען איהם מיט יענע מיטלען, וואָס זיי געפינען פאר די פאַסענדסטע. אָבער אומעטום, וואו עס זענען דאָ צוועקען און ציעלען, וואו עס איז געגעבען די מעגליכקייט אויסצוקלייבען איין ציעל און צו פערוואַרפען די אַנדערע, איז דער־מיט גופא אויך געגעבען די מעגליכקייט איינצוטהיילען סיי די צוועקען, סיי די מיטלען, אין בעסערע, ערגערע און די בעסטע. איך קען שטרעבען צו א שלעכטען ציעל, צו א גוטען, צו א בעסע־רען אָדער צו גאָר דעם בעסטען. איך קען אויסוועהלען מיטלען, וואָס טויגען לגמרי ניט, גוטע מיטלען; בעסערע אָדער גאָר די בעסטע.

## §15. דער שטאַנדפּונקט פון דעם אידעאַל.

דער בעסטער צוועק, וואָס זאָל דערגרייכט ווערען מיט די בעסטע מיטלען — איז דער אידעאַל פאַר דעם מענשען, אין אַלץ וואָס ער טהוט; און דער שטאַנדפּונקט פון דעם אידעאַל איז דער צעהענטער לעצטער יסוד פון א פילאָסאָפישען בגין.

עס איז געווען אין דער לעצטער צייט א מאָדע צו שפּאָטען פון אידעאַלען, צו בעטראַכטען זיי מעהר ניט ווי אילוזיעס, פאַר־בלענדעניישען פון מענשליכען שכל, וואָס האָבען קיין ברעקעל ממשות ניט אין לעבען. אָבער אויב ס'איז ריכטיג, וואָס מיר האָבען גע־זאָגט — און אונז דוכט זיך, ס'איז ריכטיג — איז ניטאָ קיין גרע־סערע ווירקליכקייט אין דעם גאַנצען מענשליכען לעבען עהדער דער אידעאַל. דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען אין זיין גאַנצען גע־שיכטליכען ענטוויקלונג, זינט דער מענש האָט זיך ארויסגעריסען פון דער שטומפּער נאַטור און גענומען געברויכען זיין אייגענעם שכל, ביז היינטיגען טאָג איז קיין אַנדער זאַך ניט ווי נאָר די פער־ווירקליכונג פון מענשליכע ציעלען. *) וואָס פאַר א צווייג פון דער מענשליכער קולטור מען זאָל ניט אָנכאַפּען, וועט מען געפינען, אז ער איז ארוים געוואַקסען פון א וועלכער ס'איז מענשליכער לעבען־נויט און פון דער בעשטרעבונג צו בעפריעדיגען זי. זוכט צ. ב. דער מענש דעם אמת, איז דאָס ווייל ער האָט א בעדירפניש זיך קלאָר פאָרצושטעלען די וועלט און די אומשטענדען, אין וועלכע ער לעבט. אָבער ניט אַלע בילדער פון דער וועלט קענען איהם גלייך בעפריעדיגען, קענען גלייך גוט שטילען זיין דורשט צו ערקענטניס. יענער אמת וואָס איז ביכולת אויפ'ן בעסטען אופן צו בעפריעדיגען זיין הונגער נאָך וויסענשאַפט איז דער אידעאַל אויפ'ן טהעאָרע־טישען געביט. יעדער מענש האָט א תשוקה צו שעהנהייט און פון דעם געלוסט איז אויסגעוואַקסען די גאַנצע קונסט. אָבער אויך אָט די תשוקה קען בעפרידיגט ווערען אויף פערשיעדענע אופנים,

---

*) דעם בעווייז דערצו האָב איך געפּרובט ברענגען אין מיין ארבייט „דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע“, פערגלייך די זייטען 35—53.

און דער בעסטער אופן ווי צו בעפריעדיגען דעם מענשליכען דורשט נאָך שעהנקייט, איז דער אידעאַל פון קונסט. יעדער מענש, אפילו דער גרעבסטער און ווילדעסטער, האָט א זין פאר יושר און גוטס טהאָן. זיין פאָדערונג פון א גערעכטען, חשוב'ן לעבען קען וויעדער א מאָל בעפריעדיגט ווערען אויף פערשיעדענע אופנים: ערגערע, גוטע, בעסערע און בעסטע. דער בעסטער אופן איז דער אידעאַל פון עטהיק און זיטליכקייט. און ביי יעדען מענשען איז פאראַנען א טיעף איינגעוואָרצעלטער פערלאַנג נאָך גאַנצקייט, נאָך איינהייט אין דעם לעבען פון זיין נשמה. אויך דער פערלאַנג לאָזט צו א סך וועגען ווי ער זאָל פערווירקליכט ווערען. אָבער דער בעסטער וועג איז דער, וואָס ווערט אין דער זעלביגער צייט זיין אנגעמאָסטען אי צו די אידעאַלען פון אמת, אי צו די אידעאַלען פון יושר און שעהנקייט אזוי, אז די דריי גרונד־זיילען פון דעם מענשענס נשמה זאָלען הארמאָניש טראָגען אויף זיך דעם בנין פון זיין פילאָסאָפישער וועלט־אנשויאונג. יעדער פילאָסאָף, וואָס מוז, ווי מיר האָבען אויבען געזאָגט, זיין א קינסטלער, דארף לכתחילה האָבען אין זינען די אידעאַליסטישע נאַטור פון אלץ וואָס ווערט בעשאַפען אין דער מענשליכער וועלט.

געוויס ווייסען מיר און טאָרען ניט פארגעסען, אז לויט דעם גרונד־יסוד פון רעלאַטיוויזם, קאָנען ניט זיין קיין אייביגע בע־שטימטע אידעאַלען פאר דער גאַנצער מענשהייט. אז אויך די אי־דעאַלען, ווי די אמת'ן, מוזען זיך בייטען לויט דעם פאָלק, לויט דער צייט, לויט די געזעלשאַפטליכע גרופּען, לויט דעם איינצעל־נעם „איך", אָבער ווי זיי זאָלען זיך ניט בייטען, ווי זי זאָלען ניט זיין פערשיעדען איינער פון דער אנדערען, זענען זיי דאָך א י ד ע־א ל ע ן, בעוואוסטע שטרעבונגען צו די בעסטע ציעלען, וואָס דאר־פען דערגרייכט ווערען מיט די בעסטע מיטלען. די מענשען פאר־שווינדען, די מענשהייט בלייבט. עס פערשווינדען די אידעאַלען, עס בלייבט דער אידעאַל.

§16. קאָנען די פילאָסאָפישע פראַגען ווען עס איז פערענט־פערט ווערן אויף אייביג?

ע ר פ א ה ר ו נ ג, מ ע ט ה אָ ד ע ן ־ ל ע ה ר ע, ק ר י ־ ט י צ י ז ם, נ ו י ט ו ו ע נ ד י נ ק י י ט, מ אָ נ י ז ם, ע נ ט ־

וויקלונגס־לעהרע, רעלאטיוויזם, „איך־פּרינציפּ, טעלעאָלאָגיע, שטאנדפּונקט פון אידעאל—דאָס זענען די צעהן יסודות, די צעהן גרונד פּרינציפּען פון א פילאָסאָפישען בנין, די עשרת הדברות פון א בעוואוסטען שטרעבען צו דעם אידעאל פון פילאָסאָפיע. האָט מען זיי אין זינען קאָן מען איצטער געבען אזא ענטפער אויף דער שאלה: וואָס איז אזוינס פילאָסאָפיע? די פילאָסאָפיע איז די געשיכטליכע ענטוויקלונג פון יענע בע־שטרעבונגען, וועלכע ווילען, אויף דעם גרונד פון קריטיש אויסגעפּרובירטע ער־פאהרונג, ערקלעהרען די וועלט, ווי א נויטוועגדיגען ענטוויקלונגס פּראָדוקט פון איין איינציגען וועלט פּרינציפּ, וואָס ענטהאלט אין זיך דעם גרונד פון אלע וועלטליכע ערשיינונגען, דעם זין פון דעם אינדיווידואום'ס עקזיסטענץ און וואָס צייגט איהם אָן דעם בעסטען וועג צו זיין העכסטען אידעאל.

אזא אידעאלע פילאָסאָפיע איז נאָך דערוויילע ניטאָ. מיר ווע־לען זעהען אין דעם ענטוויקלונג'ס גאנג פון דעם פילאָסאָפישען גע־דאנק, ווי אזוי עס זענען ארויסגעוואקסען די צעהן גרונד יסודות, וואָס מיר האָבען נאָר וואָס כאראקטעריזירט, און ווי אזוי איינ־צעלנע פילאָסאָפען האָבען ארויסגעכאפּט פון זיי איינצעלנע פּרינ־ציפּען און אויף זיי געבויט זייער וועלט געביי.

קאָן אָבער געמאָלט זיין, אז אזא אידעאלע פילאָסאָפיע, וואָס זאָל אריינ'נעהמען אין זיך אָט די אלע עשרת הדברות, וואָס זאָל פארבינדען זיי צוזאמען אין איין איינציגען סיסטעם און אויף אזא'ן אופן פארענטפערען אלע פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, זאָל איין מאָל פאר אלע מאָל פארווירקליכען דעם פילאָסאָפישען אידעאל?

ס'איז גענוג זיך אריינצוטראכטען אין דעם מהות פון די פי־לאָסאָפישע בוי־פּרינציפּען כדי אויפ'ן שטעל איינצוזעהן אז אזא אידעאל קאָן קיין מאָל ניט דערגרייכט ווערען, עס קאָן ניט זיין קיין איין איינציגע פילאָסאָפיע פאר אלעמען און פאר אלע צייי־

טען. שוין די גרונד פרינציפען פון ערפאהרונג און ענטוויקלונג שלי־
סען אוים אזא מעגליכקייט. ווי אלץ אין דער וועלט האלט אויך די
ערפאהרונג, אין שטענדיגען וואקסען און ענטוויקלען זיך. די געדאנ־
קען וועלכע די ערפאהרונג זאָגט אונטער דעם פילאָסאָף, בייטען זיך,
אמת, ניט אזוי שנעל, אָבער אויך זיי מוזען פון צייט צו צייט
דורכלעבען גאַנצע רעוואָלוציאָנען. גראָד אונזער צייט איז בעזונ־
דערס רייך אין וויסענשאפטליכע איבערקעהרענישען, וואָס גיעבען
דער מענשליכער ערפאהרונג א גאַנץ אנדער בילד. די ראַדיאַקטיווע
ערשיינונגען אליין זענען גענוג, אוועק צו שטעלען אויפ׳ן קאָפּ א
סך גרונד בעגריעפען פון דער פיזיקאלישער וויסענשאפט. דער
אטאָם, מיט וועלכען דער איצטיגער פיזיקער האָט צו טהאָן, איז
שוין ניט מעהר דער אטאָם פון פונפצעהן, צוואנציג יאָהר צוריק.
פריהער איז ער געווען דאָס קליינסט־מעגליכע, פּיצעלע מאטעריע,
א הארטער, טויטער, פארגליווערטער ברעקעל סובסטאנץ, וואָס פער־
האלט זיך פאסיוו צו די קרעפטען, וועלכע שפּיעלען זיך מיט איהם,
שטויסען איהם און מאכען איהם שטויסען אנדערע אטאָמען; איצ־
טער וואקסט ער אוים צו א גאַנצער וועלט פון אינעווענינסטע פּראָ־
צעסען. מען רעדט איצטער פון עקספּלאָזיאָנען אין דעם אטאָם,
מען רעדט פון צירקולאציאָן־שטראָמען אין איהם, אקוראט ווי ער
וואָלט, כביכול, געווען א זונען־סיסטעם, מיט א צענטראל זון
און פּלאַנעטען וואָס דרעהען זיך ארום איהר. ס׳פערשטעהט זיך, אז
מען בעקומט א גאַנץ אנדער וועלט בילד, ווען מען האָט אין זין אן
אטאָם, וואָס איז אליין א פולווער פאַס פון פּראָצעסען, פון אייביג
שאפענדע, און אייביג צושטעהרענדע קרעפטע, עהדער דער וועלט
בילד, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף דעם אלטען, טויטען,
פאסיווען אטאָם פון פערצייטען. דער אלטער בילד קאָן שוין ניט
פאסען פאר אונזערע טעג.

א חוץ דעם שטעהען אויף דעם שוועל פון אונזער מאָדערנער
ערפאהרונג א סך ערשיינונגען, וואָס פערלאַנגען פון דער וויסענ־
שאפטליכער וועלט, מען זאָל זיי עפענען די טיר, אָבער וואָס ווערען
נאָך געהאלטען אין דרויסען פון כמעט אלע ניכטערע, ערנסטע
פאָרשער. איך רייד דאָ וועגען די טעלעפּאטישע און ספּיריטיסטי־
שע ערשיינונגען. די טעלעפּאטיע אָדער די מיטטהיילונג פון גע־

דאַנקען אויף אַ מהלך האָט אין דער לעצטער צייט אָנגעקליעבען אַ סך פאַקטען, וואָס לאָזען זיך ניט אין גאַנצען ערקלעהרען דורך שאַר־לאַטאַנעריע און זעלבסט־אָבנאַרונג. עס קאָן זיין אַז אין זיי שטעקט אַ טייל אמת, וועלכען די מאָדערנע וויסענשאַפט ווייס נאָך ניט, „מיט וואָס צו עסען", פאַרשטעהט נאָך ניט, ווי אריינצונעהמען אין דער ערפאַהרונג און האַרמאָניש צונויפגיסען איהם מיט אַלע איהרע איבעריגע טהיילען.

נאָך צווייפעלהאַפטער איז די מעשה מיט די ספּיריטיסטישע ערשיינונגען, מיט די אַלע משונה'דיגע טענץ, וואָס די פערשיעדענע טישען און שטולען האָבען זיך אין דער לעצטער צייט אויסגע־לערנט צו טאַנצען אונטער דעם גייסטיגען בעפעהל פון אַ ספּיריט־מעדיום. ווער ווייס, אויב אָט די אַלע „ערשיינונגען" זענען ניט אין גאַנצען אַ פּראָדוקט פון געניאַלער אָבנאַרונגס קונסט און פון זייער פאַרוויקעלטער פּסיכאָלאָגישער זעלבסט־פאַרבלענדעניש? אָבער ווען מיר הערען אַז מענשען, מיט אַזעלכע נעמען, ווי ראָסעל וואָלעס, רישע, קרוקס און, אין דער לעצטער צייט, טשעזאַרע לאָמ־בראָזאָ גלויבען אין דער רעאַליטעט פון ספּיריטיסטישע ערשיינונגען, יעמאָלט מוז אריינגעוואָרפען ווערען אַ ספק אין אונזער זיכערער, פעסטער אָבלייקענונג פון אַלץ וואָס האָט נאָך אַ ברעקיל שיכות צו ספּיריטיזם.

מען טאָר ניט פאַרגעסען, אַז ס'איז געווען אַ צייט ווען די וויסענשאַפט האָט גאָר נישט ניט געוואָלט וויסען פון היפּנאָטישע ערשיינונגען און האָט זיי אויך אַלע געהאַלטען פאַר אַ פּראָדוקט פון שאַרלעטאַנעריע און זעלבסט־אָבנאַרונג. איצטער אָבער רעכענט זיך די וויסענשאַפט גאַנץ ערנסט מיט דעם היפּנאָטיזם און זוכט ארוים צו געפינען זיין וועזען, און די געזעצען וואָס בעהערשען איהם. ווער קאָן דען דעריבער אַבסאָלוט זיין זיכער, אַז אַ טהייל פון די טעלעפּאַטישע און ספּיריטיסטישע ערשיינונגען וועט ניט אויפ־גענומען ווערען אין אונזער וויסענשאַפטליכער ערפאַהרונג? אַזאַ טהייל אָבער וועט מעגען גרינדליך איבערבייטען דעם בילד איהרען, וואָס מיר האָבען ביז אהער, עס וועט אויפשטעהן אַ נייע ערפאַה־רונג, און די נייע ערפאַהרונג וועט בעשאַפען נייע פילאָסאָפישע סיסטעמען.

א חוץ דעם פּאַרוועהרען אונז די גרונד יסודות פון רעלאַטיוויזם און דעם „איך“־פּרינציפּ צו האָפען אז דער ענטוויקלונגס גאַנג פון דער פילאָסאָפיע וועט זיך ווען עס איז אָבשטעלען, אז אין איהר וועט ווען עס איז געזאָגט ווערען „דאָס לעצטע וואָרט“ פון אמת, יושר און שעהנקייט, וואָס זאָל זיין א חוב פיר אלע מענשען.

און פון דעסטוועגען גלויבען מיר אז די אויבען אויפגעשטעל־טע צעהן יסודות קענען בעווייזען זעהר א נוצליכען דיענסט דעם פילאָסאָפישען בוי פון סיסטעמען.

שטעלט מען דער פילאָסאָפיע די בעדינגונג זי זאָל אריינאַר־בייטען אין זיך נאָר איין איינציגען גרונד־פּרינציפּ, לאָמיר זאָגען, דעם מאָניזם, קאָנען אויפגעבויט ווערען א סך סיסטעמען, וואָס זאָלען גלייך זיין מאָניסטישע. פערלאַנגט איהר אָבער אז א חוץ דעם, זאָל אריינגענומען ווערען די ערפאהרונג און דער קריטיציזם, ווערט שוין די צאָהל פון מעגליכע בנינים פערקירצט. און ווען איהר שטעלט די פאָדערונג, אז א ל ע צעהן זאָלען אין גלייכען גראַד קו־מען צו זייער רעכט אין א פילאָסאָפישען סיסטעם, מאכט עס די אר־בייט א סך שווירינגער און פאַרוויקעלטער, און ניט יעדער פילאָסאָ־פישער סברה און המצאה קאָן שוין יעמאָלט אויסוואַקסען צו א גאַנ־צען פילאָסאָפישען געביי.

קיין אייביגע פילאָסאָפיע וועט די מענשהייט קיין מאָל ניט אויפבויען. אָבער לאָז דאָס אונז ניט מאַכען קיין עגמת נפש. עס איז א סך ערהאַבענער שטענדיג צו האָבען אין זינען, אז די פילאָסאָפיע איז ניט איין איינציגע סטאַנציע צו וועלכער די מענש־הייט יאָגט זיך און וועלכע זי וועט קיין מאָל ניט דערגרייכען, נאָר אן אייביגער שטראָם, וואָס טראָגט זיך שוין באלד צוויי טויזענד פינף הונדערט יאָהר און וואָס בילדעט אין זיין גאַנצען לויף איין איינהייטליכען צווייג פון דער מענשליכער קולטור, — א צווייג וואָס האַלט אין שטענדיגען וואַקסען און פאַנאַנדערפלאַנצען זיך.

## §17. די געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע.

די געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע איז דעריבער ניט א דער־צעהלונג פון די פעהלערען וואָס דער מענשליכער גייסט האָט גע־מאַכט ביז אהער. עס איז די פילאָסאָפיע גופא, עס איז דער שטראָם

ווי מיר קענען איזם ביז צו דעם היינטיגען טאָג, און די מאָדערנע, פילאָסאָפישע סיסטעמען זענען ניט מעהר ווי א מיטעל־רינג וואָס בינדט צונויף די רייכע פערגאנגענהייט מיט דער נאָך רייכערער צוקונפט.

* * *

די גאַנצע געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע טיילט מען געוועהנליך איין אין פאָלגענדע פעריאָדען:

1. די פילאָסאָפיע פון'ם אַלטערטהום: פון איהר אָנהויב ביז אַן ערך דעם ערשטען אָדער צווייטען יאָהרהונדערט פון אונזער איצטיגער צייטרעכענונג.

2. די מיטעל־אַלטערליכע פילאָסאָפיע: ביז צו דעם 15טען יאָהרהונדערט.

3. די רענעסאַנס־פילאָסאָפיע, אָדער די איבערגאַנגס־צייט: ביז צו דעם סוף פון'ם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט.

4. די נייע פילאָסאָפיע: פון דעקארט און בעקאָן ביז צו קאַנט (דער סוף פון דעם 18טען יאָהרהונדערט).

5. די נייעסטע פילאָסאָפיע: פון קאַנט ביז העגעל (געשט. 1831).

6. די מאָדערנע פילאָסאָפיע: אַן ערך פון די פערציגער יאָהרען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט ביז אויף אונזערע טעג.

מיר האַלטען זיך ניט שטרענג אָן דער איינטיילונג. עס דוכט אונז, אַז די צייט פון דער אידיש־אַלעקסאַנדרינישער פילאָסאָפיע אָן ביז צו דער רענעסאַנס־פילאָסאָפיע דאַרף אריינגענומען ווערען אין איין פעריאָד: דעם רעליגיאָנס־פילאָסאָפישען, ווי מיר וועלען דאָס שפּעטער דערקלעהרען באריכות.

## צווייטער קאפיטעל

# פון טהאלעס ביז סאקראטעס

§ 18. די איינטהיילונג פון דער עלטערער פילאָסאָפיע נאָך פעריאָדען. די פילאָסאָפיע פון דעם אלטערטהום טהיילט מען איין אין פאָלגענדע פעריאָדען:

1. די ערשטע פעריאָדע פון טהאלעס ביז דעמאָקריט.
2. פון די סאָפיסטען ביז פלאטאָ'ן.
3. פלאטאָן און אריסטאָטעלעס.
4. די נאָך־אריסטאָטעלישע פילאָסאָפיע.
5. די ניי־פלאטאָניקער און ניי־פיטהאגאָרעער.

אויך דאָ האָבען מיר לויט דעם ציעל פון אונזער ארבייט אריינגעבראכט א קליינע ענדערונג: מיר האָבען די סאָפיסטען אריבערגעטראָגען אין די ערשטע פעריאָדע, און די צווייטע הויבען מיר אָן מיט סאָקראטעס.

---

§ 19. טהאָלעס פון מילעט. (געלעבט צווישען 625 און 545).

טהאלעס פון מילעט, וואָס האָט געלעבט און געווירקט אין דעם זעקסטען יאָהרהונדערט פאר קריסטוס' געבורט, רעכענט מען פאר'ן בעגרינדער פון'ם פילאָסאָפישען דענקען. זיין פילאָסאָפישער גרונד־געדאנקען איז, פערגליכען מיט דער שפעטערדיגער ענטוויקלונג, ניט איבעריגס טיעף. אויך האָט ער ניט געלערנט אזוינס נייעס וועגען דער וועלט, וואָס מען זאָל ניט קאָנען געפינען אין דער פריהעריגער רעליגיעזער וועלט־אנשויאונג. „אלץ שטאמט פון וואסער“, דאָס איז דער הויפט אינהאלט פון זיין פילאָסאָפיע.

דער גערדאַנק איז ניט ניי דערפאַר, ווייל ער איז אויך פריהער געוען פערשפרייט אין אַ סך רעליגיעזע סיסטעמען. די כאַלדעישע רעליגיאָן האָט אויך געהאַט דיאַ פאָרשטעלונג, אַז די וועלט געפינט זיך אין מיט׳ן פון וואַסער און איז ווי איינגעשלאָסען אין אַ גלעזער־נעם קאַסטען. אויך ביי די אידען שוועבט גאָטעס גייסט איבער די וואַסערן, עהדער ער בעשאַפט די וועלט.

די רעוואָלוציאָן, וועלכע טהאַלעס ברענגט אריין אין דעם מענשליכען דענקען, בעשטעהט ניט אַזוי אין דעם, וואָס ער האָט געלערנט, ווי אין דער מעטהאָדע און אין דער בעגרינ־דונג. טהאַלעס זאָגט זיך אָב פון אלע רעליגיעזע און מיטהאָלאָגישע פאָרשטעלונגען וועגען אַ גאָט אָדער געטער, וואָס בעשאַפען די וועלט און בעהערשען זי לויט זייער אייגענעם ווילען.

ער וויל דערקלעהרען דעם אורשפרונג פון דער וועלט על פי טבע און על פי שכל.

אין זיין צייט האָט די גאַנצע מענשהייט געגלויבט אַז אַלץ, וואָס עקזיסטירט אין דער וועלט, איז בעלעבט. מען האָט נאָך ניט גע־האָט אַ פאָרשטעלונג פון אַ ניט־בעלעבטער מאַטעריע. אַזאַ שטאַנד־פונקט רופט מען אָן אין דער פילאָסאָפיע ה י ל אָ ז אָ א י ז ם. דער וואָרט שטאַמט פון די גריכישע ווערטער „הילע“ — האָלץ אָדער מאַטעריע און „זאָאָן“ — דאָס, וואָס לעבט.

אריסטאָטעלעס גיט אונז איבער דעם געדאַנקען־גאַנג פון טהאַ־לעס אויף אַזאַ׳ן אופן. אויב אַלץ אין דער נאַטור איז בעלעבט, דאַר־פען מיר קודם כל אויסגעפינען וואָס איז דער פרינציפ פון לעבען אין דער נאַטור. אַלץ וואָס לעבט שטאַמט פון אַ „זאָמען“, פון אַ קערענדעל. אָבער יעדער קערענדעל מוז האָבען פייכטקייט אָדער וואַסער, כדי ער זאָל זיך קענען פאַנאַנדערוואַקסען. הייסט עס, אַז דער הויפט בעדינג פון לעבען איז וואַסער, און פון וואַסער מוז ... אַמען די גאַנצע לעבעדיגע וועלט.

טהאַלעס האָט ניט געלייקענט די עקזיסטענץ פון געטער. אָבער אויך די געטער האָט ער אויסגעטייטשט אויף אַ נאַטיר־ליכען אופן, וואָס איז נעהענטער צום שכל, עהדער די רעליגיעזע דערצעהלונגען וועגען זיי. „אַלץ איז פול מיט געטער“, האָט ער געלערנט; והא ראיה, אַ מאַגנעט ציהט צו צו זיך אייזען. אין

דעם מאגנעט, הייסט עס, ליעגט פערבארגען א גאָטהייט. און אזוי ווי דער מאגנעט, זענען אלע אנדערע קרעפטע פון דער נאטור גאָטהייטען. אָדער, צוריקגערעדט, גאָטהייטען זענען קיין אנדער זאַך, ווי די נאטירליך ווירקענדע קרעפטע.

טהאלעס׳ פילאָסאָפיע, ווי אָרעם און נאיוו זי זאָל ניט זיין, שטעלט שוין פאַר דעם ערשטען פּרוב פון א מאָניסטישער וועלט־דערקלעהרונג. איהר מאָניזם איז נאָך דערוויילע זעהר א מאגערער, ווייל ער דערקלעהרט אונז מעהר ניט ווי די איינהייט פון דעם מקור, פון דעם אורשפּרונג. ווי פערשיעדען עס זאָלען ניט זיין די זאכען אין דער וועלט, זיי שטאַמען אלע פון איין מקור, פון וואסער.

## § 20. אַנאַקסימאַנדער (צווישען 611 און 546).

טהאלעס׳ תלמיד און פריינד, אנאקסימאנדער, איז אויך בע־שעפטיגט דערהויפּט מיט דער פראגע, אין וואָס בעשטעהט דער מקור פון דער וועלט. ער קען זיך ניט צופריעדען שטעלען מיט טהאלעסעס ענטפער. וואַסער איז ערשטענס, א צו בעשטימטע זאַך, פון איהר זאָלען קאָנען אָבשטאַמען די פערשיעדענסטע זאכען אין דער וועלט. וואסער איז צווייטענס א בעגרענצטע זאַך, די וועלט אָבער האָט ניט קיין גרענעץ. אויסער דעם איז דער ענטפער, וואָס טהאלעס האָט געגעבען, אַן ענטפער מעהר ניט ווי פאר דעם מקור, פאר דעם אָנהויב פון דער וועלט, אָבער ניט פאר יענעם פּרינציפּ וואָס בעהערשט די וועלט. אנאקסימאנדער גיט דעריבער אַן אנדער ענטפער אויף דער שאלה, וועגען דער „ארכע“ פון דער וועלט, — די וועלט שטאמט פון דעם „אַפּעיראָן“. אַפּעיראָן איז איינגענטליך דער טייטש: „אָהן א גרענעץ“ און איז גלייך צו דעם שפּעטערדיגען אידישען „אין סוף“. אָבער ער האָט אויך נאָך א טייטש: אַפּעיראָן הייסט אונבעשטימט. דאָס אונבעשטימטע, אונבעגרענצטע, — דאָס איז, נאָך אַנאַקסימאַנדער, דער גרונד־פּרינציפּ פון דער וועלט, פאר וועלכען ער בעשאפט און ברענגט אריין אין דער פילאָסאָפיע א נייעם אויסדרוק: „ארכע“. שוין דאָס וואָרט „ארכע“, וואָס אַנאַקסימאַנדער געברויכט, כדי אויס־דריקען דעם געדאנק פון וועלטליכען מקור, בעווייזט, אז זיין שכל זוכט ניט נאָר דעם גלייכגילטיגען אורשפּרונג, פון וואַ־

נען עס שטאַמט די וועלט, נור אויך איהר הערשענדען פּרינציפּ, ווי־ אַרכע איז דער טייטש, אי אַנהויב, אי געוועלטיגונג.

דער אַפּעיראָן איז אונשטערבליך און אונפערגענגליך. ער לאָזט אַרויס וועלטען פון זיך און שלינגט זיי ווידער איין. די איצטיגע וועלט, וואָס מיר האָבען פאַר אונזערע אויגען, איז אַרויס פון דעם אַפּעיראָן שטופּענווייז, בהדרגה. פריהער האָט זיך פון איהם אַרויסגעשיידט דאָס קאַלטע און דאָס וואַרימע. אויס דער צונויפמישונג פון זיי ביידען איז געוואָרען דאָס פייכטע, און פון דעם פייכטען — די גאַנצע איצטיגע וועלט. די יבשה האָט זיך ביסלעכווייז אַרויסגעשיידען פון דער אַלגעמיינער פייכטקייט. די לעבעדיגע וועזען האָבען זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט פון ניעדעריגערע פאָרמען. דער מענש איז שוין געווען אויף דער וועלט, נאָך עהדער עס איז געווען יבשה און האָט געהאַט אַ פיש־אַרטיגע געשטאַלט. ערשט שפּעטער, ווען עס איז געוואָרען ערד, איז ער צוגעשוואומען צום ברעג און אַראָבגעוואָרפען פון זיך זיין פיש־הויט.

מען זעהט פון די געדאַנקען אַנאַקסימאַנדער'ס, אַז זיין פי־לאָסאָפיע און זיין מאָניזם זענען שוין אַ סך טיעפער, עהדער די פילאָסאָפיע און דער מאָניזם פון זיין לעהרער, טהאַלעס. ער פערטראַכט זיך שוין מכה די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון דער פי־לאָסאָפישער און וויסענשאַפטליכער פאָרשונג. ער קלעהרט וועגען דעם אונענדליכען וועלט־שטאָף, און לאָזט די וועלט אַרויסגעהן פון איהם אויף דעם וועג פון דיפערענציערונג, ווי דאָס האָט אין אונ־זערע טעג געטהאָן ספּענסער. און אין דער לעהרע וועגען דער לעבע־דיגער וועלט איז ער דער נביא, וואָס זעהט פאָראויס דעם מאָ־דערנעם דאַרוויניזם. זיין מאָניזם איז שוין ניט נאָר די איינהייט פון'ם אורשפּרונג, ווייל דער אַפּעיראָן געוועלטיגט ב ע ש ט ע נ ־ ד י ג איבער דער וועלט און לאָזט פון איהר ניט אַראָב די ממשלה, אַפילו ווען זי האָט זיך אויסגעריסען פון דעם „אַפּעיראָן". צו דעם מאָניזם פיהרט ער אריין נאָך אַ צווייטען פילאָסאָפישען גרונד־פּרינציפּ — די ענטוויקלונג.

§ 21. אַנאַקסימענעס (צווישען 588 און 524).

זעהר אָפט געפינען מיר אין דער עטוויקלונג פון דעם

פילאָסאָפישען גערדאנק, אז וואו צוויי סיסטעמען זענען סותר איינער דעם אנדערן, קומט א דריטער סיסטעם און מאַכט א פשרה צווי־שען זיי.

אנאקסימענעס וויל פערבינדען אין איינעם די געדאנקען פון טהאלעס און אנאקסימאנדער. מיט טהאלעס האלט ער, אז די וועלט שטאמט אָב פון א וועלכען עס איז גאנץ בעשטימטען פרינציפּ; פון אנאקסימאנדער נעהמט ער דעם געדאנק אז דער בעשטימטער פרינציפּ איז אונענדליך. די ל ו פ ט איז, נאָך זיין מיינונג נאָך, דער וועלט פרינציפּ, וואָס איז קוואליטאטיוו בעשטימט און אין דערזעלביגער צייט, לויט דער קוואנטיטעט, אונענדליך.

זיין געדאנקען־גאנג איז זעהר נאָהענט צו דעם געדאנקען־גאנג פון טהאלעס. ער איז אויך ווי יענער א הילאָזאאיסט. די גאַנצע נאַטור איז בעלעבט. אָבער וואָס איז דער פרינציפּ פון לעבען? אנאקסימענעס גיט אויף דערויף אַן ענטפער, וואָס איז געווען זעהר פערשפרייט אין דעם אָנהויב פון׳ם מענשליכען דענקען. דער פרינציפּ פון לעבען איז דער א ט ה ע ם אָדער די לופט. אטהעם און לעבענ׳ס פרינציפּ איז געווען אויך פערבונדען אין איינעם ביי די אלטע העברעער. נשמה, נפש און רוח בעדייטען „זעעלע“, אטהעם און ווינד אָדער לופט. אין גריכיש ווערט דאָס אויסגעדריקט דורך דעם וואָרט „פנעומא“, וואָס האָט אויך דעם טייטש פון זעעלע (נשמה), הויך און לופט. די לופט איז דעריבער נאָך אנאקסימענעס די וועלט־נשמה און דער מקור פון אלץ וואָס עק־זיסטירט אויף דער וועלט. פון אנאקסימאנדער׳ן נעהמט ער איבער אויך דעם געדאנק, אז די וועלט געהט שטופּענווייז ארויס פון דעם וועלט־שטאָף. דאָס קומט פאַר א דאנק צוויי פראָצעסען, דעם געַ־דיכט־ווערען (פיקנאָזיס) און שיטער־ווערן (מאַנאָזיס). ווערט די לופט נאָך שיטערער, עהדער זי איז, יעמאָלט ווערט דערפון פייער; ווערט די לופט געדיכטער, יעמאָלט געהען פון איהר ארויס בהדרגה ווינד, וואָלקען, וואסער און ערד. אין איינעם מיט דער לופט און דעם פייער זענען דאָס זעקס עלעמענטען און פון זיי בעשטעהט די גאנצע וועלט.

דער מאָניזם פון אנאקסימענעס איז שוין א סך טיעפער עהדער דער מאָניזם פון זיינע פאָרגענגער. יענע האָבען נאָך ניט געהאט

קיין בעגריף פון דער איינהייט פון דעך סובסטאנץ. זיי האָבען געענטפערט אויף דער שאלה פון וואָנען שטאַמט די וועלט, אָבער ניט פערענטפערט, פון וואָס איז די וועלט, פון וואָס בעשטעהט איהר תוך. א בוים, וואָס שטאַמט אין דער לעצטער שורה פון'ם וואַסער איז אָבער נאָך זיין תוך נאָך ניט וואַסער; א מענש וואָס שטאַמט אין דער לעצ־טער שורה פון דעם אפּעיראָן שטעהט אונטער זיין שליטה, אָבער איז, נאָך זיין תוך, ניט אפּעיראָן. אין דער פילאָסאָפיע פון אנאַקסימענעס אָבער, זענען בוים און מענש ניט נאָר א פּראָדוקט פון דער וועלט לופט, נאָר זיי זענען אויך אין תוך קיין אנדער זאַך ניט, ווי געדיכט־געוואָרענע לופט, און זיי שטעהען אויך, ווי די גאַנצע וועלט, אונטער דער שליטה פון דער וועלט־נשמה, דער וועלט לופט. „ווי אונזער נשמה האלט אונז צונויף, אזוי", זאָגט אנאַקסימענעס, „נעהמט אַרום דער אָטהעם און די לופט דעם וועלט־אַלל".

## §22. די פּיטהאַגאָרעאישע פילאָסאָפיע.

טהאַלעס, אנאַקסימאַנדער און אנאַקסימענעס בילדען די ערשטע פעריאָדע פון דעם גריכישען פילאָסאָפישען געדאַנק, וועל־כען מען רופט די פעריאָדע פון די יאָנישע נאַטור־פילאָסאָפען. אין זייער פילאָסאָפישען פאָרשען פערלאָזען זיי ניט די וועלט וואָס איז צוגענגליך צו די מענשליכע חושים. זייערע געדאַנקען זענען כמעט מאַטעריאַליסטישע. די צווייטע גרויסע פילאָסאָפען שוהלע, וואָס גריכענלאַנד האָט ארויסגעבראַכט, גיבען שוין א פליה־אַרויף אין די וועלט פון ריינעם געדאַנק און פאַרלאָזען די זינען־וועלט פון די אויגען. דער בעגרינדער פון אָט דער צווייטער שוהלע איז פּיטהאַ־גאָראַס, און זיין לעהרע בעשטעהט אין דעם, אז דער מקור אָדער די ארכע פון דער וועלט איז די צאָהל.

עס איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלען ווי אזוי פון דער פריהערדיגער שוהלע איז אויסגעוואַקסען אָט דער נייער געדאַנק. אז מען טראַכט זיך אריין אין דער פילאָסאָפיע פון אנאַקסימענעס, זעהט מען, אז אין איהר ליעגט איינגעוויקעלט דער געדאַנק פון פּיטהאַגאָראַס. אויב דער תוך פון דער וועלט איז די לופט, און די גאַנצע וועלט איז ניט מעהר ווי א געדיכטער ווערן אָדער א

שיטערער ווערן פון דער לופט, הייסט עס אז אלע פערשיעדענ־הייטען פון די זאכען אין דער וועלט זענען מעהר ניט ווי א פער־שיעדענקייט פון מ ע ה ע ר אָדער ו ו ע נ י ג ע ר לופט, ד. ה., עס איז א קוואנטיטאטיווע פערשיעדענהייט, זי ליעגט ניט אין דעם איכות (דער וויע'קייט) נאָר אין דעם כמות (דער ווי'פיעלקייט). קוואנטיטעטען אָבער אונטערשיידען זיך איינע פון דער אַנדערער מעהר ניט ווי נאָך דער צ אָ ה ל „איינס'ען", פון וועלכע זיי בעשטעהען. און אויב מען זאָל זיך אָבזאָגען פון דעם געדאנק אז דער תוך פון דער וועלט איז וואסער אָדער לופט, ד. ה. א וועלכע ס'איז בעשטימטע סובסטאַנץ און אין גאַנצען אראָבווארפען פון חשבון דעם געדאנקען פון איכות (וויע'קייט), יעמאָלט בלייבט איבער נאָר איין איינציגער גרונד־פרינציפּ, דער כמות, די וויע'פיעלקייט, די צאָהל.

אמת, עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען אז דער מקור און דער תוך פון דער וועלט זאָל בעשטעהן אין אזא ניט ממש'דיגער, ריין רוחניות'דיגער זאך ווי די צאָהל. אָבער די רעוואָלוציאָן, וועלכע פיטהאגאָראס פיהרט דורך אין דער פילאָסאָפיע, בעשטעהט גראד אין דעם, וואָס ער צווינגט דעם געדאנק אָנצונעהמען א וועלכען עס איז רוחניות'דיגען פרינציפּ, ווען אפילו מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען מיט דעם כח הדמיון זיין עקזיסטענץ, אויב נאָר דער שכל איז מחייב אז דער פרינציפּ איז דער אמת.

צו דעם געדאנק, אז די גאנצע וועלט איז אין תוך אריין מעהר ניט ווי צאָהל און ווערט בעהערשט פון צאָהלען, איז פיטהאגאָראס געקומען אויך דורך זיין בעשעפטיגונג מיט מאטעמאטיק און מוזיק. אין דער מאטעמאטיק האָט ער איינגעזעהן, אז אלע איהרע שכל־דיגע געזעצען רוהען אויפ'ן גרונד פרינציפּ פון „מעהר" אָדער „וועניגער", פון קוואנטיטאטיווע פערהעלטניסען ד. ה. פון דער צאָהל. אין דער מוזיק האָט ער געפונען, אז דיא הארמאָנישע קלענג, וואָס ווערען ארויסגעבראכט פון די פערשיעדענע סטרונעס פון דער לירע (אזא אכט סטרוניגע כלי־זמר) שטאמען פון א געוויסען צאָהל־פערהעלטנים אין וועלכען עס געפינען זיך די לענג פון די סטרונעס איינע צו דער אנדערער. די הארמאָניע שטאמט דאָרטען פון דער צאָהל. אָבער אויך די גאנצע וועלט געפינט זיך אין אַן אייביגער

הארמאָניע, אַלץ אין איהר איז אָבגעשטימט און צוגעפּאסט איינס צו דעם אַנדערען, הייסט עס אז אויך די וועלט־הארמאָניע שטאַמט פון דער צאָהל.

פּיטהאַגאָראַס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגערופען די וועלט „קאָסמאָס“ מחמת די שעהנקייט און הארמאָניע וואָס הערשט אין איהר. די הארמאָניע פון דער וועלט איז אָבער ניט א פּשוט'ע, גאָר אַזאַ, וואָס בעשטעהט פון קאָנטראַסטען. די צאָהל גופא טראָגט דעם פּרינציפּ פון געגענזעצליכע קאָנטראַסטען אין זיך. אַלע צאָהלען זענען אָדער „גראָד“, אָדער „אום“. די גראָד־צאָהל איז אַזאַ וואָס קען פאַנאַנדערפאַלען אויף צוויי טהיילען פון גלייכע, גאַנצע צאָהלען. לעגען מיר אָבער צו צום גראָד אַן איינס, ווערט דער גראָד בעגרעניצט און בעפעסטיגט אַזוי אַז די צאָהל קאָן שוין מעהר ניט פאַנאַנדערפאַלען. דער גראָד איז דעריבער אַן אונבעגרע־ניצטע צאָהל, די „אום“ אַ בעגרעניצטע און אַ גרענעץ זעצענדע. זי איז דעריבער אַ סך חשוב'ער, עהדער דער גראָד. זי איז דער פּרינציפּ פון גוטס אויף דער וועלט ווי דער גראָד איז דער פּרינציפּ פון בייז. אויף אַזאַ'ן אופן טראָגט די איינהייטליכע הארמאָניע פון דער וועלט א פּרינציפּ פון צווייהייט, פון דואַליזם, פון קאַמפּף און פיינדשאַפט. דאָס קומט בעזאָנדערס קלאָר צום אויסדריק אין פּיטהאַגאָראַס לעהרע פון דער מענשליכער נשמה און איהר שיכות צו דעם מענשליכען גוף. גוף און נשמה זיינען צוויי פיינדליכע פּרינציפּען. ווי אין אַ תפיסה וואָהנט די נשמה אין דעם גוף, נאָכ'ן טויט פערלאָזט זי איהם און ווערט מגולגל אין אַנדערע קערפּערס,— אַ געדאַנק וועלכען ער האָט איבערגענומען פון עגיפּטען.

די פילאָסאָפיע פון פּיטהאַגאָראַס און זיינע תלמידים איז עד היום געבליבען דונקעל פאַר אונז. מיר ווייסען ניט אויף קלאָר ווי אַזוי ער האָט ערקלעהרט די איינצעל־ערשיינונגען פון דער וועלט מיט זיין גרונד פּרינציפּ, די צאָהל. זיינע שפּעטערע תלמידים האָבען זיך אריינגעלאָזען אין די ווילדעסטע פאַנטאַזיעס, וואָס האָבען געזאָלט צוריקפיהרען אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט צו בעשטימטע צאָהלען און קאָמבינאַציעס פון צאָהלען. די גאַנצע שפּעטערדיגע קבלה מיט איהרע ספירות און גימטריאות איז אויס־געוואַקסען פון פּיטהאַגאָראַס גרונד־געדאַנק.

מיר קאָנען איצטער ניט וויסען אויף קלאָר אויף וויפיעל די פי־לאָסאָפיע פון פיטהאגאָראס איז געווען אויסגעהאלטען אין איינצעלנע פרטים און דער עיקר, אויף וויפיעל עס האָט זיך איהם איינגעגע־בען הארמאָניש צו פעראייניגען זיין דואליזם מיט זיין מאָניזם. שווער צו פערשטעהן איז אויך ווי אזוי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז דער תוך פון א וועלכער עס איז ערשיינונג איז די צאָהל. אין איין אָרט דערקלעהרט ער אז די איינצעל־ערשיינונגען פון דער וועלט זענען א מין נאָכמאכונג פון די צאָהלען („מימעזים"). דער מענש צום ב. ש. איז, לפי דעם, ניט א פערגליווערטע, מאטעריא־ליזירטע צאָהל, נאָר א מין אָבבילד פון א וועלכער ס'איז צאָהל. פון וואנען אָבער האָט זיך גענומען די מאטעריע פון דעם מענשען, וואָס איז אויסגעקנעטען געוואָרען לויט דעם בילד פון א צאָהל? דרויף האָבען מיר איצטער ניט קיין ענטפער אין דער פילאָסאָפיע פון פיטהאגאָראס.

אָבער איינס איז קלאָר: ער מאכט נאָך טיעפער דעם מאָ־ניסטישען געדאנק. אויב טהאלעס האָט אונז געגעבען די איינהייט פון דעם אורשפרונג, אנאקסימענעס די איינהייט פון סובסטאנץ, גיט אונז פיטהאגאָראס נאָך דערצו די איינהייט פון דעם וועלט־געזעץ. דאָס איז דער געדאנק, אז אלץ אין דער וועלט געהט אָן נאָך בעשטימטע געזעצען אין א בעשטימ־טער אָרדנונג, וואָס ווערען אויסגעדריקט אין בעשטימטע צאָהלען, — א געדאנק צו וועלכען די גאנצע מאָדערנע וויסענשאפט שטרעבט, ווי צו איהר ציעל. א חוץ דעם ברענגט פיטהאגאָראס אריין דעם נייעם פילאָסאָפישען בעגריף פון וועלט הארמאָניע, — א קערענ־דעל, פון וועלכען עס וואקסט שפּעטער ארויס די טעלעאָלאָ־גיע ד. ה. די בעטראכטונג פון דער וועלט לויט דעם שטאנדפּונקט פון צוועק־מעסיגקייט.

## § 23. קסענאָפאנעס, דער בעגרינדער פון דער עלעאטישער שוהלע. (צווישען 580 און 500).

אין די פילאָסאָפישע סיסטעמען פון אנאקסימענעס און פי־טהאגאָראס ליעגט פארבאָרגען א טיעפּער געדאנק, וואָס האָט זיך אָבער קלאָר ארויסגעריסען אין דער פילאָסאָפיע פון דער דריטער גרויסער שוהלע, דער עלעאטישער. דער געדאנק, וואָס מיר מיי־

נען, איז, אז מיר זעהען ניט די וועלט־ערשיינונגען ווי זיי זענען, אז די הושים פערשטעלען פון אונז דעם תוך פון דער וועלט. זעה איך פאַר מיר א בוים, זאָגען מיר מיינע חושים אז זיין תוך איז האָלץ, בעת זיין אמת'ער תוך איז גאָר, לויט אַנאַקסימענעס, געדיכט געוואָרענע לופט. איך זעה דעריבער פערשיעדענקייטען דאָר־טען, וואו עס איז אין דער אמת'ן איין איינציגע איינהייט. נאָך שארפער איז דאָס נכר אין דער פילאָסאָפיע פון פיטהאגאראַס. איך זעה פאר מיר א בוים, א מגושם'דיגע, הארטע זאַך, אין דער אמת'ן אָבער איז זיין תוך א געדאנקליכער פרינציפּ, א געוויסע צאָהל. דער שכל האָט זיך דעריבער געמוזט איצטער אָבשטעלען אויף דעם פּראָבלעם פון ק ר י ט י צ י ז ם, אויף די פראַגען וועמען זאָלען מיר גלויבען: אונזערע חושים אָדער אונזער שכל? און וואָס איז דער עיקר אין דער וועלט: איהרע טויזענדערליי פערשיעדענקייטען, וואָס מיר נעהמען אריין מיט אונזערע חושים, אָדער דיא איינהייט פון דער וועלט, וואָס ווערט דיקטירט דורך אונזער שכל?

אויף די שאלות זוכט צו געבען אַן ענטפער קסענאָפאנעס, דער בעגרינדער פון דער עלעאטישער שוהלע.

קסענאָפאנעס איז געווען א דורך און דורך רעליגיעזע נאטור און זיינע געדאנקען האָבען זיך בעוועגט קודם כל אין דער ספערע פון דעם רעליגיעזען גלויבען. די מאָניסטישע פילאָסאָפיע פון זיי־נע פאָרגענגער האָבען איהם געבראַכט אין א העפטיגען געגענזאַץ צו דער פיעל־געטעריי, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין גריכענ־לאנד. א חוץ דעם, איז די פאָרשטעלונג, וועלכע די מאסען האָבען געהאט פון די געטער, געווען אזוי אונפילאָסאָפיש, אזוי דורך און דורך אַנטראָפּאָמאָרפיש, מענשען־עהנליך, אז קסענאָפאנעס האָט זיך געפיהלט אין גאַנצען אָבגעשטויסען פון דעם הערשענדען פאָלקס־גלויבען. א וואנדערענדער משורר איז ער געוואָרען וואָס האָט געררייזט פון שטאָדט צו שטאָדט און האָט אין זיינע געזאַנגען פאר־שפּאָט די גריכישע געטער־וועלט מיט אַלע מענשליכע תנועות און תאוות, וואָס הערשען אין איהר. עס איז דאָ נאָר איין איינציגער גאָט („עים טהעאָס"!). אָבער זיין מאָנאָטהעאיזם איז ניט קיין רעליגיעזער, נאָר א פילאָסאָפישער. ער איז אָ פּ א נ ט ה ע־א י ז ם, א לעהרע פון דער אלל־גאָטהייט, א צונויפגיסונג פון גאָט

אונ וועלט אין איין איינציגען געדאנק.

די חושים נארען אונז, זאגט קסענאפאנעס. דער עיקר פון דער וועלט איז ניט די פערשיעדענקייט אין די איינצעלנע ערשיי־נונגען, נאר די וועלט־איינהייט. עס איז דא נאר איין זאך אין דער וועלט און זי איז אין דער זעלביגער צייט „איינס און אלץ", „הען קאי פאן". די גאנצע וועלט איז איין־איינציגע, ניט צוריסע־נע, ניט געטהיילטע זאך. די וועלט איז דער איינציגער גאט, און דער איין־איינציגער גאט איז די גאנצע וועלט. גאט פארנעהמט דעם גאנצען וועלט־רוים, ער איז אונבעוועגליך, ווייל ער האט זיך ניט וואו צו בעוועגען, ער איז אין אלע אייביגקייטען אזוי ווי ער איז, אהן א שום שנוי, אהן א פערענדערונג, ווילע עס קען ניט געמאלט זיין עפעס זאל פלוצלונג ווערען פון דעם, וואס עס איז שוין דא. גאט איז דורך און דורך געדאנק, און דורך די מאכט פון זיין דענקען בעוועגט ער און קירעוועט אהן א שום מיה אלע וועלט־ערשיינונגען; וואס זענען אין איהם.

מיט קסענאפאנעס האט זיך דער גריכישער פילאסאפישער גע־דאנק ארויפגעארבייט צו די העכסטע ספערען פון דער מעטאפיזיק. ער פערטיעפט און פערפאלשטענדיגט דעם מאניזם, וואס האט זיך אנגעהויבען מיט טהאלעס. צו דער איינהייט פון דעם מקור (טהא־לעס) דער איינהייט פון סובסטאנץ (אנאקסימענעס) און דער איינ־הייט פון דעם וועלט־געזעץ (פיטהאגאראס) גיט קסענאפאנעס נאך צו די איינהייט און גאנצקייט פון דעם וועלטאלל.

די פילאסאפיע פון קסענאפאנעס איז ניט אין גאנצען קאנ־סעקווענט דורכגעפיהרט. אויך זי ליידט פון דעם גרונד חסרון, פון וועלכען, ווי מיר וועלען זעהן, א סך אנדערע מאניסטישע סיס־טעמען זענען ניט געבליעבען פריי. זי קען ניט דערקלעהרען די שיכות צווישען דער איין איינציגער וועלט־איינהייט און די פער־שיעדענע פיעל־געשטאלטיגע וועלט־ערשיינונגען. קסענאפאנעס רעדט וועגען דעם וועלט־געדאנק, וואס בעוועגט און קירעוועט די איינצעלנע זאכען אין דער וועלט. פון וואנען אבער האבען זיך גענומען אט די איינצעלנע זאכען וואס זענען פערשיע־דען פון איהם? אויף דערויף זוכען צו געבען אן ענטפער די שפע־

טערע תלמידים פון קסענאָפאַנעס. אָבער צווישען איהם און זיי־נע תלמידים האָט געלעבט און געלערנט נאָך אַ גרויסער פילאָסאָף, אפשר דער גרעסטער פון אַלע גריכישע דענקער, וואָס האָט גע־קעמפפט אקעגען קסענאָפאַנעס און האָט געטריעבען דעם עלעאַטי־שען פאַנטהעאיזמוס צו אַ שטאַרקערער און טיעפערער קאָנכעקווענץ. מיר מיינען דאָ דעם גרויסען הערקליט — „דעם טונקעלען“, ווי מען האָט איהם שפעטער אַ נאָמען געגעבען.

## § 24. הערקליט.

אויך הערקליט איז פעראינטערעסירט אין דער פראַגע, ווע־מען זאָלען מיר גלויבען, אונזערע חושים אָדער דעם שכל. אויך ער ענטפערט אויף דער שאלה ווי קסענאָפאַנעס, אז אונזערע חושים נאַרען אונז, אז נאָר דער שכל אליין קאָן ארויסברענגען דעם ריכ־טיגען אמת. אָבער דער וועלט־בילד, וועלכען הערקליט ברענגט ארויס מיט זיין שכל, איז פונקט פארקעהרט צו דעם, וואָס קסע־נאָפאַנעס האָט געפרובט אויסמאָלען. האָט דאָס שכל'דיגע אויג פון קסענאָפאַנעס געזעהן אין דער וועלט אייביגע רוה, זעהט אין איהר הערקליט אייביגע אונאויפהערליכע בעוועגונג. דער קסענאָפאַנ־טישער „הען קאי פאַן“, די גאָט־וועלט, איז אונפערענדערליך; די הערקליטישע וועלט איז אַן אייביגער שטראָם פון פערענדערונגען און אויפ'ס ניי ווערען. עס איז ניטאָ קיין רוהע אין דער וועלט. אלץ פליעסט, „פאַנטא רהיי“, קיין זאַך בלייבט ניט דאָס וואָס ס'איז געוועזען. אין איין און דעם זעלביגען שטראָם, זאָגט הערקליט, קאָן מען ניט צוויי מאָל אריינטרעטען, ווייל ביי דעם אנדער מאָל איז שוין די וואַסער פון שטראָם אַ גאַנץ אנדערע. ניטאָ קיין פריעדען אין דער וועלט: אלץ געפינט זיך אין אַ שטענדיגען קאַמפף. „דער קריעג איז דער פאָטער און קעניג פון אַלע זאַכען“. יעדע זאַך איז אַ פעראייניגונג פון אינעווענדיגע סתירות, און די סתירות גופא זענען אין דער זעלביגער צייט איינס און די זעלביגע זאַך: וואַכען און שלאָפען, יוגענד און עלטער, לעבען און טויט, זענען אין דער זעלביגער צייט אי קאָנטראַסטען, אי איין און די זעלביגע זאַך. די קאָנטראַסטען פון דער וועלט זענען האַרמאָניש פעראיי־ניגט איינע מיט די אנדערע. ווי אַ סימבאָל פאַר זיין וועלט־בילד האָט הערקליט אויסגעקליבען דעם גאָט אפּאָלאָן, וואָס האַלט אין

אייז האנד א לירע און אין דער אנדערער א פייל און בויגען.

פון וואנען שטאמט דאס אייביגע ווערען, די אייביגע פערענ־דערונגען און דער קאמפף פון קאָנטראסטען אין דער וועלט? דאָס אלץ שטאמט פון דעם לעבען פון דער וועלט־סובסטאנץ. די וועלט סובסטאנץ בעשטעהט פון א פייערדיגען עטהער, א לעבעדיגען און א פערנינפטיגען. דער פייער־עטהער מאכט אָבער דורך א פראָ־צעס פון א פאמעליכען אָבשטארבען. פריהער ווערט פון איהם וואסער דערנאָך ערד. אין זיין ערד־צושטאנד איז ער אין גאנ־צען טויט. דאָס איז „דער וועג אראָבצו“, דער „האָדאָס קאטאָ“. אָבער, אָבגעשטאָרבען, הויבט ער אָן ווידער אויפלעבען און געהן „דעם וועג ארויפצו“, (דעם „האָדאָס אנאָ“), און דיביידע וועגען געפינען זיך אין דער וועלט אין דער זעלביגער צייט אזוי אז טויט און לעבען, זיין און ניט זיין זענען אין יעדער צייט און אין יעדער זאך איניג צונויפגעמישט. נעהמט דער וועג אראָבצו אין דער וועלט די אויבערהאנד, ווערט זי פארגליווערט. נעהמט נאָכדעם דער וועג ארויפצו די אויבערהאנד, פיהרט ער סוף כל סוף צו דער וועלט־פערברענונג, צו א צושטאנד פון ריינעם לעבען, פון ריינעם פריעדען און ריינער פערנונפט.

אין דער פילאָסאָפיע פון הערואקליט זענען שוין פעראייניגט אלע פיער ארטען מאָניזם וואָס זענען אויסגעארבייט געוואָרען פרי־הער. דער וועלט־אלל איז איין איינציגע זאך, א גאָט־וועלט, דער פערנינפטיגער פייער־עטהער: איהר אורשפרונג איז איינער און דער זעלביגער: פייער־עטהער; איהר סובסטאנץ איז איינע, און אויך איהר גרונד־געזעץ איז איינער, דער קאמפף פון לעבען און טויט, פון „האָדאָס קאטאָ“ און „האָדאָס אנאָ“. עס איז קלאָר, אז אלץ אין דער וועלט מוז זיין אזוי ווי עס איז, ווייל אלץ שטאמט פון דעם געטליכען פערנינפטיגען פייער. אלץ איז פארקערפערטער געטליכער שכל. אויך די אויפגאבע פון'ם מענשען איז — לעבען אזוי ווי דער שכל דיקטירט, אזוי ווי ער, דער שכל, פערקערפערט זיך אין די געזעצען פון דער נאטור און דעם שטאאט.

## § 25. פארמענידעס, (צווישען 515 און ?), זענאָן (490 און ?), און מעליסאָס.

די פילאָסאָפיע פון הערואקליט, וואָס האָט גע'טענה'ט אז

רוהע און אונפּערענדערליכקייט איז נאָר אַן אילוזיע פון אונזערע חושים, האָט געווירקט אויף די שפּעטערע עלעאַטען זיי זאָלען ראַדיקאַלער און קלאָרער ארויסברענגען דעם געדאַנק פון זייער לעהרער קסענאָפאַנעס. דער ערשטער וואָס האָט עס געטהאָן איז געווען פּאַרמענידעס. ער נעהמט אויף אין גאַנצען דעם קסענאָפאַנטישען פּאַנטהעאיזם און גיט אַ נאָמען זיין וועלט־פּרינציפּ „דאָס זיין“. אין דעם אייביגען, אונפּערענדליכען זיין זענען ניטאָ קיין פּערשיעדענע זאכען, וועלכע ער זאָל דאַרפען בעווענען און קירעווען דורך די מאַכט פון זיין דענקען. עס איז ניטאָ קיין פיעלהייט פון ערשיינונגען, ניטאָ קיין שנויים אין דער איין איינציגער וועלט, ניטאָ קיין ווערען. די אַלע פערשיעדענע ערשיינונגען זענען נור אילוזיעס, פערבלענדענישען פון אונזערע חושים. די וועלט איז איין איינציגע אין זיך אַבגעשלאָסענע קיילעכדיגע קוגעל, דאָס אייביג רוהיגע דענקענדע זיין.

זיין תלמיד זענאָן האָט ניט אריינגעבראַכט קיין נייעס אין דער עלעאַטישער פילאָסאָפיע. ער האָט מעהר ניט געזוכט צו בעווייזען על פּי לאָגיק, אַז אין דער וועלט קאָן ניט זיין קיין בעוועגונג און קיין פיעלהייט פון איינצעל־זאכען. טראַכט מען זיך טיעפער אריין אין דעם תוך פון בעוועגונג, זעהט מען אַז זי איז אונמעגליך און האָט אין זיך גופא אַן אינווענינגסטע סתירה. זי איז אונמעגליך, ווייל, כדי דורכצולויפען אַ וועלכען ס'איז מהלך, מוז די בעוועגונג פריהער דורכלויפען די העלפט פון דעם וועג, אָבער עהדער זי קאָן דורכלויפען די העלפט, מוז זי צוריקלייגען די העלפט פון דער העלפט און נאָך פריהער — די העלפט פון דעם פיערטעל, די העלפט פון דעם אכטעל און א. ז. וו. אָהן אַ סוף ד. ה. זי קאָן ניט מאַכען דעם ערשטען קלענסטען שריט, ווייל עס איז ניטאָ קיין גרעניץ פאַר די קליינקייט פונ'ם ערשטען קלענסטען שריט.

די בעוועגונג איז אָבער אויך אין זיך גופא אַ סתירה. שיסען מיר אָב אַ פייל אין דער לופט, לויפט דורך די פייל פערשיעדענע פונקטען פון רוים. אין יעדען פונקט געפינט זיך די פייל, ד. ה. זי רוהט אין איהם. הייסט עס אַז די גאַנצע בעוועגונג איז אַ סכום פון רוהע־פּונקטען און דאָס איז אַ ווידערשפּרוך.

ס'איז אויך אונמעגליך צו דענקען אז די וועלט איז ניט איין איינציגע זאך נאר בעשטעהט פון פערשיעדענע זאכען. לאמיר אננעהמען, אז ס'זענען דא מעהר ניט ווי צוויי זאכען אויף דער וועלט. מיט וואס זענען זיי צוויי? אויב זייערע גרעניצען גיסען זיך צונויף אין איינעם, זענען זיי דאך ניט צוויי זאכען נאר איין זאך. אויב אבער זייערע גרעניצען זענען אבגעטהיילט איינע פון די אנדערע, מוז דאך זיין א דריטע זאך, וואס ליעגט צווישען זיי און טהיילט זיי אב (לאז זיין דאס איז די לופט). און מיט דער דריטער זאך איז וויעדער דער זעלביגער שפיעל. גיסען זיך זיינע גרעניצען צונויף מיט די צוויי אנדערע זאכען, זענען זיי אלע דריי איינע און די זעלביגע זאך. זענען אבער די גרענעצען אבגעטהיילט, מוז מען אננעהמען א פערטע און א פינפטע זאך, וואס שיידט זיי פאנאנדער אין אזוי ווייטער ביז צו דער אונענדליכקייט.

זענאן'ס ארגומענטען און טענות געגען די פיעלהייט און געגען די בעוועגונג זענען ניט בלויז גייסטיגע שפיעלערייען. זיין געדאנק האט זיך דא צום ערשטען מאל געטראפען אויג אין אויג מיט די טיעפסטע פראבלעמען וואס ליעגען איינגעוויקעלט אין דעם בעגריף פון דער אונענדליכקייט מיט זיינע לאגישע אינווענינגסטע סתירות. אזוי ווי זענאן האט געטרויט נאר דעם שכל, האט ער פערווארפען אלץ וואס לאזט זיך ניט בעקוועם אריינטהאן אין די רעמעלאך פון דעם ריין לאגישען פערשטאנד.

פון די עלעאטישע פילאסאפען מוזען מיר נאך דערמאהנען איינעם, מעליסאס, וואס האט אין איין פונקט אריבערגעשפרייזט די גרעניצען פון דער עלעאטיק. די וועלט איז נאך זיין מיינונג נאך אונענדליך אין רוים.

דאס עלעאטישע דענקען איז א טיפ פון יענעם ראדיקאליזם, וואס בויט זיין בנין נאר אויף דער פארמאלער לאגיק און שרעקט זיך פאר קיין זאך אין דער וועלט ניט אב. וואס עס געהט להיפך צו דער לאגיק, דאס ווערט פשוט אבגעלייקענט ווען אפילו עס זאל זיך מיט אזא מאכט ווארפען אין די אויגען ווי די דרויסענדיגע פיעל געשטאלטיגע בעוועגטע וועלט.

## § 26. עמפעדאקלעס (צווישען 490—430).

די עלעאטישע פילאסאפיע פון אייביגען זיין און די הערא־

ליטישע פילאָסאָפיע פון אייביגען ווערען, וואָס זענען זיך אזוי סותר איינע די אנדערע, האָבען אוועקגעשטעלט די אויפגאבע פאַר די קומענדע פילאָסאָפען צו פערבינדען די צוויי סתירות צו איין פילאָסאָפישען סיסטעם. דריי דענקער, די אזוי אָנגערופענע שוהלע פון די איינגערע נאטור־פילאָסאָפען, האָבען גענומען אויף זיך צו פערענטפערען די שאלה. יעדער איינער פון זיי שטעלט אויף איין פרינציפ פאר דעם אייביגען זיין און אן אנדער פרינציפ פאַר דער אייביגער פערענדערונג. ס'פערשטעהט זיך אז מעהר פאר אלץ לײדט דערפון דער מאָניסטישער גרונד־פרינציפ. און אפילו דער העכסט מאָניסטישער פון זיי איז ניט פריי פון א שפור דואליזם.

דער ערשטער פון די דריי איינגערע נאטור־פילאָסאָפען, איז עמפעדאָקלעס. דעם פרינציפ פון אייביגען זיין זעהט ער אין די פיער „וואָרצלען" אָדער עלעמענטען: פייער, לופט, וואסער, ערד, וואָס זענען פון אייביג אָן אין דער נאטור, אונגעשאפען און אונ־פערענדערליך אין זייער טבע. פאר דעם פרינציפ פון ווערען גיט ער אָן צוויי פסיכישע קרעפטע: ליעבע און האס. אין אָנהויב האָט אין דער וועלט געהערשט די ליעבע. יעמאָלט זענען אלע פיער עלעמענטען געווען צונויפגעבונדען אינאיינעם, יעדעס פיצעלע מא־טעריע אויסגעמישט מיט אלע אנדערע. דערנאָך איז אריינגעטרע־טען דער האס. ער האָט גענומען פאנאנדעררייסען די צונויפגע־בונדענע טהיילען און דערפון זענען געוואָרען די איינצעל־זאכען. וואָס שטארקער עס הערשט דער האס אין דער וועלט, אלץ מעהר שיידען זיך פאנאנדער די עלעמענטען איינע פון די אנדערע. בע־קומט דער האס אין גאנצען די אויבערהאנד, יעמאָלט פערוואנ־דעלט זיך די וועלט אין פיער סטיכיעס וואָס ליגען איינע איבער דער אנדערער: אונטען ערד, דערויף וואסער, דערנאָך לופט און גאָר אויבען פייער. אָבער יעמאָלט הויבט וויעדער אָן ארבייטען די קראפט פון ליעבע. זי טרייבט וויעדער די עלעמענטען זיי זאָ־לען זיך פעראייניגען, און עס ווערען דערפון וויעדער איינצעל־זאכען, פערשיעדען לויט דער פראָפּאָרציע אין וועלכע עס מישען זיך צונויף די פיער עלעמענטען. עס איז ניט שווער אין דעם געדאנקען וויעדער צו דערקענען דעם הערַאקליטישען האָדאָס קאטאָ און האָדאָס אָנאָ.

אינטערעסאנט איז עמפעדאָקלעס דערקלעהרונג ווי אזוי עס זענען געוואָרען איינצעלנע אָרגאַניזמען אויף דער וועלט. פריהער זענען דורך דעם שפּיעל פון ליעבע און האס בעשאפען געוואָרען איינצעלנע אברים: אן אויג, א האנד, יעדער אבר בעזונדער, דער־נאָך זענען די פערשיעדענע איינצעלנע אברים גאנץ צופעליג, אָהן א וועלכען עס איז פּלאן, צונויפגעוואקסען אין איין גוף און ס'האָט געקאָנט טרעפען צ. ב: אז דריי הענד און איין פוס, און איין אויג זאָלען ווערען איין אָרגאניזם. אָבער אזעלכע ברואים האָבען ניט געקאָנט לאנג לעבען, ווייל די פערבינדונגען פון זייערע אברים איז ניט געווען קיין צוועקמעסיגע. געבליבען לעבען זענען נאָר די, וואָס האָבען געהאט א צוועקמעסיגע צונויפבינדונג פון איינ־צעלנע אברים. עס איז מיט רעכט אויפגעוויזען געוואָרען, אז אין דעם געדאנק ליעגט שוין קלאָר אויסגעשפּראָכען דארווין'ס פּרינציפּ פון דעם נאטירליכען אָבקלייב. אָט דער געדאנק פון עמפּעדאָקלעס בעווייזט אויך אז זיינע צוויי קרעפטע, ליעבע און האס, זענען בלינדע קרעפטע וואָס טראָגען ניט אריין אין דער וועלט א וועלכען עס איז פּלאן אָדער אָרדנונג. די צוועקמעסיגקייט וואָס טרעט אזוי בולט ארויס פאר די אויגען אין דעם לעבען פון די אָר־גאניזמען איז א פּראָדוקט פון א בלינדען, נאטירליכען, צופעליגען אָבקלייב.

## § 27. אַנאַקסאַגאָראַס (צווישען 500 און 428).

דער טעלעאָלאָגישער פּראָבלעם פון צוועקמעסיגקייט שטעהט אויף דעם ערשטען פּלאן ביי דעם צווייטען דענקער פון אונזער גרופּע, אנאקסאגאָראס. פאר דעם פּרינציפּ פון „זיין" נעהמט ער אָן די „זאָמען", מאטעריעלע עלעמענטען וואָס זענען קוואליטאטיוו פערשיעדען איינע פון די אנדערע. אָבער בעת עמפּעדאָקלעס האָט נאָר פיער עלעמענטען, רעכענט אנאקסאגאָראס אז ס'זענען דאָ אזוי פיעל עלעמענטען אויף דער וועלט וויפיעל עס זענען דאָ שטאָפען, וועלכע בעשטעהען פון טהיילען, וואָס זענען גלייך אין זייער קוואַ־ליטעט. עס זענען דאָ עלעמענטען אָדער „זאָמען", פון פליישׁ, פון בלוט, פון גאָלד, א. אז. וו. די עלעמענטען לאָזען זיך טהיילען ביז אין די אונענדליכקייט.

פאר'ן פּרינציפּ פון ווערען און פערענדערונג אין דער נאטור

נעהמט ער אָן די געטליכע פּערנונפט, דעם „נוס“, וואָס איז אַזאַ מין זעהר פיינע מאַטעריע, וועלכע ברענגט אריין אָרדנונג און צוועקמעסיגקייט אין די פערשיעדענע איינצעל־ערשיי־נונגען פון דער וועלט. אַנאַקסאַגאָראַס מאַכט אָבער זעהר אַ שוואַ־כען געברויך פון דעם נייען צוועקמעסיגקייטס־פּרינציפּ. דאָס רוב זוכט ער צו דערקלעהרען די נאַטור־ערשיינונגען וואָס אינטערעסי־רען איהם, אויף דעם זעלביגען מעכאַנישען וועג ווי דאָס האָט גע־טהאָן עמפּעדאָקלעס: דורך צופעליגע בלינדע צונויפמישונג און פאַנאַנדערמישונג פון די מאַטעריעלע זאַמען אָדער „האָמעאָמע־רוען“, ווי מען האָט זיי שפּעטער אָנגערופען. צו גאָט, דער וועלט־פערנונפט ווענדעט ער זיך מעהר ניט דעמאָלט, ווען ער קען שוין מיט פּשוטע מעכאַנישע מיטלען ניט אויסקומען. יעמאָלט לאָזט ער גאָט פון דרויסען אריין ווירקען אין דער וועלט און דערלאַנ־גען דעם ערשטען שטויס. דערנאָך געהט שוין ווייטער אַלץ מעכאַניש.

§ 28. דעמאָקריט (צווישען 470 און 380).

דער קאָנסעקווענטסטער פון די דריי דענקער איז דעמאָקריט, וואָס האָט אויסגעאַרבייט אַ סיסטעם, וועלכען ער האָט איבערגענו־מען פון זיין לעהרער לעוקיפּ. דעמאָקריט איז כמעט אַ פאָלשטענ־דיגער מאַטעריאַליסטישער מאָניסט. איך זאָג: כמעט, ווייל מיט ריינער מאַטעריע קען ער זיין וועלט־בילד ניט אויפבויען. ער מוז אָננעהמען נאָך אָן אַנדער זאַך וואָס איז אַפילו ניט גייסט, אָבער דאָך אויך ניט מאַטעריע, דאָס איז דער אונענדליכער ליידיגער וועלט־רוים.

די מאַטעריע, אָדער „דאָס פולע“, און דער וועלט־רוים, אָדער „דאָס ליידיגע“, זענען די צוויי פּרינציפּען מיט וועלכע דעמאָקריט דערקלעהרט „דאָס זיין“ און „דאָס ווערען“. דאָס פולע, די מאַ־טעריע איז דער פּרינציפּ פון'ם „זיין“. די מאַטעריע בעשטעהט פון אונצעהליגע אַטאָמען ד. ה. אונטהיילבאַרע טהיילכעלאַך, אָבער אַלע אַטאָמען זענען נאָך זייער קוואַליטעט גלייך איינער דעם אַנ־דערען. זיי אונטערשיידען זיך נאָר דורך די גרויס, דורך די פאָרם און דורך די שווערקייט. פאַרהאַן אַטאָמען קיילעכדיגע, פיער־עקיגע א. אז. וו. זיי זענען אין דער נאַטור פון אייביג אָן, אונ־

בעשאפען און קאָנען ניט פערשווינדען. פון אייביג אָן בעוועגען זיי זיך אין דעם ליידיגען רוים. דורך זייער בעוועגונג ווערען פערשידענע וועלטען.

צו אריסטאָטעלעס צייטען האָט מען געמיינט, אז דעמאָקריט האָט דערקלעהרט די בעוועגונג פון די אטאָמען און דעם אויפבוי פון די וועלטען דורך די שווערקייט וועלכע יעדער אטאָם האָט. פאַלענדיג אין א ליידיגען רוים פון אויבען אראָב האָבען געמוזט די שווערערע אטאָמען שנעלער זיך בעוועגען עהדער די לייכטערע. אריסטאָטעלעס האָט דעריבער אויפגעוויזען אויף דעם פעהלער, וואָס איז דערביי געמאכט געוואָרען: אין א ליידיגען רוים פאַלען די קערפּער, ווי פערשידען שווער זיי זאָלען ניט זיין, מיט איין און דער זעלביגער געשווינדיגקייט. די אונטערזוכונגען פון דער לעצטער צייט זענען שטארק מספק צי דעמאָקריט האָט געמאכט אזא גראָבען טעות. מען נעהמט דעריבער איצטער אָן, אז די בעוועגונג פון די אטאָמען האָט געשטאמט לויט דעמאָקריט ניט פון זייער שווערקייט. ווי די מעשה איז, שפּיעלט אָבער די פערשידענע שווערקייט פון די אטאָמען פאָרט א גרויסע ראָלע אין דעמאָקריטים וועלטען־בילדונג. צונויפשטויסענדיג זיך אינאיינעם און אָבשפּרינגענדיג איינע פון די אנדערע, האָבען די אטאָמען געמוזט בעקומען פערשידענע בעוועגונגען וואו זיי האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין א ווירבעל־שטראָם. די שווערערע אטאָמען זענען געפאַלען אונטען און פון זיי איז געוואָרען ערד. די לייכטערע אטאָמען זענען ארויפגעשטופּט געוואָרען ארויפצו און פון זיי איז געוואָרען די לופט און דער הימעל.

די מענשליכע נשמה איז, לויט דעמאָקריט, אויך ניט מעהר ווי א מאטעריעלער אטאָם, א קיילעכדיגער, גרינגער און פייערדיגער. אזעלכע פייערדיגע נשמה־אטאָמען זענען פול און פיעל אין דער לופט. מיר אָטהעמען זיי איין און מיר אָטהעמען זיי אויס. אין דעם בעשטעהט דאָס לעבען. אויף אזא'ן אופן גיט דעמאָקריט א מאטעריאַליסטישע דערקלעהרונג פאר וואָס די לופט איז דער פּרינציפּ פון לעבען און דער הויך איז כמעט דאָס זעלביגע זאך ווי די נשמה.

פערגעסט מען אויף דעם ליידיגען רוים, וואָס איז ניט מאטער־

יעל, איז די גאַנצע דעמאָקריטישע וועלט־אַנשויאונג א ריין מאַ־טעריאַליסטישע. אַלץ קומט פּאָר אין דער נאַטור לויט די געזעצען פון דרוק און שטויס. די אַטאָמען האָבען קיין אַנדער ווירקונג ניט איינע אויף די אַנדערע, ווי נאָר — אָנשטויסען זיך און אָב־שטויסען זיך. עס איז ניטאָ אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל ווירקען פון איין אַטאָם אויף דעם אַנדערען אַטאָם אָהן א וועלכער עס איז מאַטעריעלער אַטמאָספּערע, וואָס זאָל איבערטראָגען די בעוועגונג פון איינעם צום אַנדערען. אַלץ קומט פּאָר אין דער נאַטור ניט נאָך א וועלכען ס'איז שכל'דיגען פּלאַן, נאָר על פּי בלינדער נויט־ווענדיגקייט. אין דער נאַטור הערשט, זאָגט דעמאָקריט, די „טיו־כע", דער צופאַל, וואָס איז אין דער זעלביגער צייט די „אַנאַנקע" — די בלינדע נויטווענדינקייט.

די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג צווינגט דעמאָקריט'ען ארויסצובריינגען אן אינטערעסאַנטע ערקענטניס־טהעאָריע, וואָס איהרע גרונד־שטריכען זענען נאָך ניט פעראַלטערט געוואָרען ביז צום היינטיגען טאָג. דאָס איז די טהעאָריע, ווי אַזוי אונזערע חושים נעהמען אין זיך אריין די דרויסענדיגע וועלט. נאַיווע מענשען מיינען נאָך עד היום, אַז אונזער אויג קען זעהן א וועלכע ס'איז זאַך אויף א גרויסען מהלך און דערביי דאַרף די זאַך גאָר ניט אָנריהרען אונזער אויג: מיר זעהען פון ווייטען. אין דער אמת'ן אָבער וואָלטען מיר גאָר ניט געקאָנט זעהען, אויב די זאַך וואָלט אויף א וועלכען עס איז אופן ניט געווען דירעקט פערבונדען מיט דעם אויג. די איצטיגע פיזיק דערקלעהרט, אַז געוויסע עטהער־וועלען זענען דאָ צווישען דעם אויג און דער זאַך, און מיר שפּירען די פערענדערונג פון די עטהער־וועלען לויט די ווירקונג וואָס אויף זיי מאַכט די זאַך וועלכע מיר זעהען. אין דעם פּונקט געהט די מאָדערנע פיזיק אויף דעם וועג, אויף וועלכען ס'איז ארויפגעטראָ־טען דעמאָקריט און נאָך פריהער פאַר איהם עמפּעדאָקלעס. פון די זאַכען טראָגט זיך א מין אויסגוס צו אונזערע חושים און נאָר ווען זיי בעריהרען זיך קען דערפון ארויסקומען ערקענטניס.

דער צווייטער וויכטיגער גרונד־זאַץ פון דעמאָקריט'ס ער־קענטניס טהעאָריע, איז אויך א נויטווענדיגער פועל יוצא פון זיין מאַטעריאַליסטישען געדאַנק. דאָס איז די קריטיק פון יענער

ישראל

ערקענטניס וואָס אונז ברענגען די חושים. מיר זעהען אין דער נאַטור פערשיעדענע פארבען, מיר ריכען פערשיעדענע גערוכען, זענען אָט די פארבען און גערוכען אין דער דרויסענדיגער וועלט? אויב זיי וואָלטען געווען דאָרטען, וואָלטען זיי געמוזט שטאַמען פון די אטאָמען און יעמאָלט וואָלטען שוין די אטאָמען געמוזט זיין פערשיעדען איינע פון די אַנדערע, ניט נאָר דורך די גרויס, פאָרם און געוויכט, נאָר אויך לויט זייער פארב און גערוך, ד. ה. לויט א וועלכער עס איז קוואליטעט. די אטאָמען אָבער האָבען אַלע איין און די זעלביגע קוואליטעט. זיי אונטערשיידען זיך נאָר קוואַנטיטאַטיוו, ממילא איז דערפון געדרונגען אז אַלע קוואליטע־טען, ווי פארב, גערוך, טעמפעראטור א. אז. וו. האָבען ניט קיין ברעקעל אָביעקטיווע ממשות אין דער דרויסענדיגער וועלט. זיי ווערען בעשאפען ווי א דמיון אין אונז גופא. דאָס איז א רעזול־טאט, אין וועלכען די איצטיגע פיזיאָלאָגישע פסיכאָלאָגיע איז אין גאַנצען מסכים מיט דעמאָקריט. דאָס פיהרט אָבער אויך צום געדאנק אז דער מענשליכער „איך“, אָדער דער סוביעקט, שפּיעלט אונבעוואוסט אויך א גרויסע ראָלע אין דער בעשאפונג פון יענער וועלט, וואָס דער שכל נעהמט אריין דורך די חושים.

דעמאָקריט האָט זיך אויך שטארק אינטערעסירט מיט די פראגען פון דער מאָראל און דער עטהיק. עס איז אונז אָבער היינט ניט קלאָר ווי אַזוי ער האָט זיינע עטהישע געדאנקען פער־בונדען מיט זיין טהעאָרעטישען פרינציפּ. זיי האָבען פון דעסט־וועגען א בעזונדערען אייגענעם אינטערעס, ווייל זיי האָבען גע־שפּיעלט א גרויסע ראָלע אין דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער פילאָסאָפישער מאָראל.

דעמאָקריט מיינט אז אַלע אונזערע מעשים ווערען דיקטירט דורך די געפיהלען פון לוסט און אונלוסט. אָבער דער ציעל פון אַלע מעשים דארף ניט זיין דער תענוג וועלכען די חושים ברענגען אונז, „די הערדאָנע“, נאָר אַן אלגעמיינער, זיכערער, הייטערער צו־שטאנד פון דער נשמה. דאָס קאָנען מיר דערגרייכען ווען מיר וועלען געהן ניט נאָך די בעגעהרען פון די חושים, נאָר לפי דעם איינזעהן פון דעם שכל. נאָר ער קען אונז ברענגען די ריכטיגע „גליקזעליגקייט“ און עלענד ליעגען אין דער נשמה.

„עס איז בעסער אונרעכט צו לײדען עהדער אונרעכט צו טהאָן“. „גוט איז ניט נאָר ניט טהאָן קײן אונרעכט, נאָר אויך ניט ו ו ע־ ל ע ן טהאָן קײן אונרעכט“. „אפילו װען דו ביזט אײנער אלײן, זאָג ניט און טהו ניט קײן ניעדעריגע זאַך: לערען זיך צו שעהמען מעהר פאר זיך אלײן עהדער פאר דעם אנדערען“. „א שטארקער מאַן איז ניט דער װאָס איז גובר זײנע פײנד, נאָר אויך דער, װאָס װערט א בעל־הבית איבער זײנע תאוות“, און נאָך אנדערע שעהנע עטהישע שפּרוכען געפינען זיך בײ דעמאָקריט.

דער עטהישער װערטה פון דעמאָקריט׳ס מאָראל שטײגט נאָך העכער, װען מען דערגעהט, אז דעמאָקריט האָט ניט געגלויבט אין די אונשטערבליכקײט. ער זאָגט: „אײניגע װאָס װײסען גאָר ניט, אז די שטערבליכע נאַטור מוז פאַנאַנדערפאַלען, אָבער װאָס װײסען אז זײ האָבען אין לעבען געטהאָן שלעכטע מעשים, ברענגען צו די גאַנצע צײט פון זײער לעבען אין צוטהאָגענקײט און שרעקעניסען, װײלע זײ האָבען זיך אײנגערעדט ניט אמת׳ע מיטהען װעגען דעם לעבען נאָך דעם טויט.“

דעמאָקריט איז אויך געװען אַן איבערצײגטער קאָסמאָפּאָליט. „די הײם פון אַן אײדעלער נשמה“, זאָגט ער, איז די גאַנצע װעלט“.

## § 29. די סאָפיסטען פּראָטאַגאָראס (צװישען 480 און 410) און גאָרגיאָס (צװישען 483 און 375).

דעמאָקריט איז דער לעצטער פון די פאָר־סאָקראַטישע נאַטור־פילאָסאָפען. א גאַנצע װעלט פון נײע געדאַנקען, פילאָסאָפישע היפּאָטעזען, גרױס ארטיגע בנינים האָבען זײ אריינגעװאָרפען אין דעם גריכישען געדאַנק. יעדער אײנער האָט געגעבען א פער־שיעדענעם תירוץ אויף דער װעלט פּראָבלעם: טהאַלעס לערנט, אז אלץ שטאַמט פון װאַסער, אנאַקסימאַנדער גיט אָן דעם אפּעיראָן, אנאַקסימענעס די לופט, פּיטהאַגאָראַס — די צאָהל און די האַר־מאָניע, העראַקליט — די עטהער פײערדיגע פערנונפט, די עלעאַ־טען — דאָס אײביגע אונפערענדליכע זײן, עמפּעדאָקלעס — די פּיער עלעמענטען און די צװײ פּסיכישע קרעפטע: ליעבע און האַס, אנאַקסאַגאָראַס — די האָמעאָמעריען און דעם װעלט־שכל, דעמאָ־קריט — די אַטאָמען, דעם לײדיגען רוים און די בלינדע נויט־װענדיגקײט...

דער פילאָסאָפישער געדאנק האָט געקאָנט מטושטש ווערען פון אַזוי פיעל סיסטעמען, וואָס האָבען איינע סותר געוועזן די אנ־דערע, איינע געקעמפפט מיט דער אנדערער. דער קאמפף פון די מיינונגען האָט בעוויזען, אז די אלע סיסטעמען זענען אויפגעבויט נאָר אויף שכל'דיגע סברות, אָבער קיין איינע פון זיי איז ניט בע־גרינדעט אויף אַזאַ פעסטען פונדאמענט, וואָס זאָל צווינגען דעם מענשליכען שכל אָנצונעהמען זי. עס האָט געמוזט ארויסוואקסען די פראגע: וואו ליעגט דער פרוביר־שטיין מיט וועלכען מען זאָל קאָנען אָבשאַצען דעם אמת פון א וועלכער ס'איז פילאָסאָפישער סבָרה? אָט די פראגע האָט זיך אוועקגעשטעלט דער בעגרינדער פון דער לעצטער פאָר־סאָקראטישער שוהלע, פראָטאגאָראס. פראָ־טאגאָראס האָט בעמערקט, אז יעדער מענש גלויבט אין עפעס פשוט דערפאר ווייל ער גלויבט. און דאָס וואָס איינעם דוכט זיך ס'איז אמת, ווייזט דעם אנדערען אויס ווי שקר. עס איז דעריבער גאָר ניטאָ אַזאַ פרוביר־שטיין וואָס זאָל צווינגען אלע מענשליכע שכל'ס אָנצונעהמען איינעם און דעם זעלביגען געדאנק. עס איז ניטאָ קיין אנדער מאסשטאב פאר'ן אמת, אחוץ דעם מענשען: „דער מענש איז די מאָס פון אלע זאכען: פון די וואָס זענען, אז זיי זענען און פון די וואָס זענען ניט, אז זיי זענען ניט", זאָגט פראָ־טאגאָראס.

מען קען איצטער מיט בעשטימטהייט ניט זאָגען וואָס פראָ־טאגאָראס האָט געמיינט מיט דעם בעגריף „מענש": דעם איינ־צעלנעם אינדיווידיאום אָדער דעם אלגעמיין מענשליכען מין? א פולע געלערנטע רעכענען, אז ער האָט דערמיט געמיינט ניט דעם יחיד, נאָר די מענשליכע נאטור. ריכטיגער פאר אלץ איז אָנצו־נעהמען, אז פראָטאגאָראס האָט נאָך ניט געמאכט יענעם וויכטיגען חלוק צווישען אינדיווידיאום און מענש בכלל, וועלכען מיר מאכען איצטער. ער האָט איינגעזעהען, אז דער אמת איז א פראָדוקט פון דער מענשליכער ערקענטניס און אז ער בייט זיך, לויט די אינ־דיווידוען און די אומשטענדען אין וועלכע זיי געפינען זיך. מען האָט פראָטאגאָראס'ען אויפגעוויעזען אויף די געאָמעטריע, אויף די געזעצען פון די ליניען און קרייזען, אין וועלכע אלע מענשען שטימען איין. האָט ער דערויף געענטפערט, אז אָט די אמת'ן

זענען נאָר אמת'ן פאַר מ ע נ ש ע ן, ווײַלע אין דער נאַטור זע־נען גאָר ניטאָ יענע מאַטעמאַטיש־ריכטיגע ליניען און קרײַזען וועלכע מיר שטודירען אין דער געאָמעטריע. הייסט עס, אז דאָ איז דער אמת רעלאַטיוו ניט לפי דעם אייצעלנעם אינדיווידואום און זײַנע אומשטענדען, נאָר לפי דעם גאַנצען מענשליכען מין. פון דער אנדער זײַט אָבער האָט ער גאַנץ בעשטימט אויסגעדריקט זײַן געדאַנק, אז דער אמת בײַט זיך פון יחיד צו יחיד און בײַ איין און דעם זעלביגען אינדיווידיאום פון צײַט צו צײַט.

ווי די מעשה איז, פּראָטאַגאָראַס טראָגט צום ערשטען מאָל אַרײַן אין דער פילאָסאָפיע די גרונד־פּרינציפּען פון דעם רעלאַטי־וויזם און דעם מענשליכען „איך“, דעם בעשאַפער פון פילאָסאָ־פישע אמת'ן.

לויט פּראָטאַגאָראַס זענען אַלע מיינונגען אמת. זײַן תלמיד, גאָרגיאַס, איז אויף דעם זעלביגען וועג געקומען צו דעם אומגע־קעהרטען רעזולטאַט. אַלע מיינונגען זענען פאַלש. זײַן לעהרע ווערט צונויפגעפאַסט אין דרײַ גרונד־זעצען.

ערשטענס: עס איז גאָר נישט ניטאָ, ווײַל יעדער געדאַנק פון א „זײַן“ פערוויקעלט זיך אין אינוועניגע סתירות פון ענדליך און אונענדליך.

צווייטענס: וואָלט עפּעס געווען, וואָלט מען דאָס ניט געקענט דערקענען, ווײַלע אויב עפּעס איז דאָ, געפינט זיך עס אין א שטענ־דיגער פערענדערונג, און אויך די מענשליכע ערקענטנים האַלט אין איין שטענדיגען בײַטען זיך. עס קען ניט קומען צו אזא מאָמענט, וואו בײדע, די וועלט און דער שכל, זאָלען זיך קענען אויף א ווײַלע אָבשטעלען, כדי דער שכל זאָל קענען אַרײַננעהמען אין זיך די וועלט, און אין דעם נעכסטען מאָמענט איז שוין אַנאַנדער וועלט און אַנאַנדער שכל.

דריטענס: וואָלט מען עפּעס געקאָנט דערקענען, וואָלט מען דאָס ניט געקאָנט מיטטהײלען, ווײַלע מיטטהײלען קאָן מען נאָר עפּעס אין ו ו ע ר ט ע ר. אָבער ווערטער קאָנען ניט בעשרײַבען דאָס וואָס מען זעהט. די רויטע פאַרב און דאָס וואָרט: „רויט“ זענען ניט איין און די זעלביגע זאַך און בעת איך זאָג איינעם: „רויט“, קאָן איך ניט זײַן זיכער, אז ער זעהט די זעלביגע פאַרב,

וואָס איך האָב פאר מיינע אויגען. עס קאָן זיין, אז ער זעהט גאָר אנדערע פארבען עהדער איך, אָבער ער רופט זיי אָן מיט די זעל־ביגע ווערטער, ווי איך.

די סאָפיסטען האָבען אריינגעבראכט נאָך מעהר פלאָנטער אין די פילאָסאָפישע מוחות פון זייער צייט. זיי האָבען אויסגעארבייט פערשיעדענע שארפזיניגע און וויציגע לאָגישע קונצען, ווי אזוי אין דער זעלביגער צייט צו בעווייזען דעם אמת פון א וועלכען ס'איז געדאנק און דעם היפך פון דעם אמת. דער פילאָסאָפישער געדאנק האָט געוואַרט אויף א משה'ן, א גבור, וואָס זאָל איהם ארויסציהען „מאפילה לאור גדול", פון דער דיקער פינסטערניש צו דער העלקייט פון'ם קלאָרען געדאנק. דער גבור איז געוועזן סאָקראַטעס.

## ליטעראַטור װעגען דער גריכישער פילאָסאָפיע אין אלגעמיינעם.

אין די לעצטע צעהן־פונפצעהן יאהר זענען אין דייטשלאנד ארויס עטליכע „איינלייטונגען אין די פילאסאפיע": פון Külpe, Jerusalem, Paulsen, און אנדערע.

דאס בעסטע בוך אויף דעם געביעט איז דאס זאמעל־ווערק:

Systematische Philosophie von W. Dillthey, A. Riehl, W. Ostwald, H. Ebbinghaus, R. Eucken, Fr. Paulsen, W. Münch, Th. Lipps. (Die Kultur der Gegenwart, Teil I, Abtheilung VI) Berlin und Leipzig. B. G. Teubner, 1907.

Joh. Ed. Erdmann, Grundriss der Gesch der Philosophie. (אין ענגליש פון W. S. Hough, London 1892)

E. Dühring, Kritische Gesch. d. Philosophie, 3. Aufl. 1878.

W. Windelband, Gesch. d. Philosophie, 1892.

Dr. Max Heinze: Friedrich Ueberwegs Grundris der Gesch. d. Philosophie, 8te Aufl. 1894. — מיט זעהר רייכע ליטעראטור אנגאבען.

Alfr. Fouillee, Histoire de la Philosophie. 3me 1882.

פון די ענגלישע היסטאריקערס רעכענט מען דעם בעסטען:

Robert Blakey, History of the philosophy of mind, 4 vols London 1848.

די בעסטע געשיכטען פון דער גריעכישער פילאסאפיע זענען:

Ed. Zeller, Die Philosophie der Griechen.

W. Windelband, Gesch. der alten Philosophie,

Th. Gomperz, Griechische Denker.

A. W. Benn, The Greek philosophers 2 vols. London 1882.

פאר די איבעריגע פעריאדען און פאר די איינצעלנע קאפיטלען וועלען מיר די ליטעראטור אנווייזען שפעטער.

* * *

## ליטעראַטור װעגען דער גריכישער פילאָסאָפיע ביז צו פלאטאן.

א) וועגען די פאר־סאָקראטיקער:

צו די § § 19—21:

R. Seydel, Der Fortschritt der Metaphysik innerhalb der Schule der Jonischen Hylozoismus. Lpz. 1860.

צו § 22 :

Ed. Zeller, Pythagoras und die Pythagorassage.

אין דעם ערשטען באנד פון זיינע „פארטרעגע און אבהאנדלונגען".

צו § 23 :

J. Freudenthal, Die Theologie des Xenophanes. Breslau 1886.

צו § 24 ;

Ferdinand Lassale, .Die Philosophie .Herakleitos des Dunkelen von Ephesos. Berlin 1858.

P. Schuster, Heraklit von Ephesos. Lpz. 1873.

צו § 28 :

Friedrich Albert Lange, Geschichte des Materialismus, Bd I s 9 ff, (4 Aufl.)

צו § 29 :

Laas, Idealismus und Positivismus. Bd I, 1879.

## דריטער קאפיטעל.

# סאקראטעס און די איינזייטיגע סאקראטיקער

אינהאלט: די פראגען פון דער מענשליכער קולטור אין דער בעלייכטונג פון די סאפיסטען. — די ראלע פון די סאפיסטען אין דער רעליגיאנס־און דער שפראך־וויסענשאפט. — דער טוגענד־פראבלעם. — די קוועלען פאר סאקראט'ס פילאסאפיע. — סאקראט און די סאפיסטען. — זיין וועלט־אנשויאונג. — שכל און צוועקמעסיגקייט אין דער נאטור און אין דער געזעלשאפט. — סאקראט'ס מעטהאדען־לעהרע: אינדוקציאן און בעגריף־בעשטימונג. — סאקראט'ס טוגענד־לעהרע: טוגענד, וויסען און גליקזעליגקייט. — סאקראט'ס געדאנקען וועגען פאליטיק. — דער טויט פון סאקראטעס. — עווקליד פון מעגארא און פעדאן פון עלים. — אנטיסטהענעס און די ציניקער. דיאגען. — אריסט [illegible] און די הערדאנעקער. העגעזיאס דער פעסימיסט. — אנניקערים. —

### § 30. סאקראטעס און די סאפיסטען.

מיר האבען אין דעם פאריגען קאפיטעל געזעהן, ווי אזוי די גאנצע פאר־סאקראטישע נאטור־פילאסאפיע האט זיך אויסגעלאזען כמעט ווי מיט גארנישט. די סאפיסטען האבען פון איהר ארויסגעדרונגען, אז דער מענשליכער שכל איז ניט ביכולת אויסצוגעפינען אזא'ן אמת מכח דער נאטור, וואס זאל איינלייכטען גלייך קלאר אלע דענקענדע מענשליכע מחות.

פראטאגאראס האט ניט געפונען קיין אנדער קריטעריום פאר דעם אמת, סיידען דעם מענשען אליין, און נאך ספעציעלער: יעדען איינצעלנעם מענשליכען אינדיווידיאום. גארגיאס האט אין גאנצען מבטל געווען די פילאסאפיע אין זיינע דריי כללים, וואס לייקענען די עקזיסטענץ פון וואס עס איז, די מעגליכקייט עפעס צו

דערקענען און די מעגליכקייט מיטצוטהיילען דעם געפונענעם אמת.

דער רעלאַטיוויזם און דאָס „איך"־פּרינציפּ פון די סאָפיסטען האָט אָבגעשניטען, ווענינסטענס אויף א ווײַלע, יעטוועדע ווייטערע ענטוויקלונג פון א נאַטור־פילאָסאָפישען געראַנק.

די ארבייט פון די סאָפיסטען איז אָבער ניט בעשטאַנען בלויז אין זייער פילאָסאָפישער קריטיק. זיי האָבען געמאָגט ווי שטאַרק אָבלייקענען יעדען אמת, האָבען זיי דאָך ניט געקענט אויסלעשען דעם דורשט צו וויסען אין זייער אייגענער נשמה. זיי האָבען זיך מיאש געווען אין דער ערקענטנים פון דער נאַטור, דערפאַר אָבער האָט זיך זייער מוח א וואָרף געטהאָן אויף א גאַנץ נייעם פעלד פון וויסענשאַפט, וואָס זיי האָבען צום ערשטען מאָל גענומען בעאַקערען מיט זייערע הענד.

דעם גאַנצען מרחב פון מענשליכע וויסענשאַפטען קען מען איינטהיילען אין דריי גרויסע פעלדער: ערשטענס, די דרויסענדיגע וועלט אָדער די נאַטור, — אַלץ, וואָס האָט צו טהאָן מיט די אַזוי־אָנגערופענע נאַטירליכע ערשיינונגען, צו וועלכע עס געהערט אויך דער מענש, ווען מען קוקט אויף איהם מעהר נישט ווי אויף א קערפּערליכע זאַך. צווייטענס, די פּסיכישע וועלט, וואָס האָט צו טהאָן מיט'ן סכום פון אַלע די פּראָצעסען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דעם מענשען'ס נשמה, אינעווייניג אין דעם אייגענעם איך. אָבער צווישען די צוויי וועלטען ליעגט נאָך א דריטע וועלט, וואָס איז ניט אין גאַנצען נאַטור און ניט אין גאַנצען א ריין אינדיווידועלער פּסיכישער פּראָצעס. דאָס איז די וועלט פון דער מ ע נ ש ל י כ ע ר ק ו ל ט ו ר. עקאָנאָמישע, יורידישע און סאָציאַלע ערשיינונגען, די פעסטשטעלונג פון „גוטס" און „שלעכטס", די ארויסברענגונג און ענטוויקלונג פון דער שפּראַך, רעליגיאָן און זיטען, — דאָס אַלץ געהט ארויס פון'ם גדר פון ריין אינדיווידועלע פּסיכישע פּראָצעסען. יעדער איינער געפינט, ווען ער קומט אויף דער וועלט, שוין א פאַרטיגע קולטור ארום זיך, וואָס ווירקט אויף איהם נאָך מיט א שטאַרקערער דרויסענדיגער מאַכט, עהדער די דרויסענדיגע מאַכט פון דער נאַטור.

די סאָפיסטען, וואָס זענען אויסגעוואַקסען צו א גרויסער שוהלע פון פאָלקס־לעהרער און אויפקלעהרער, האָבען זיך א נעהם געטהאָן

פאר אט דעם דריטען פעלד פון דער מענשליכער ערקענטניס. זייער ארבייט איז דא געווען א דאפעלטע: א קריטישע, צושטערענדע, און א פאזיטיווע, אויפבויענדע. אין זייער קריטיק האבען די סאפיסטען אונטערגעגראבען אלע יסודות, אויף וועלכע עס האט גערוהט די יעמאלטיגע קולטור. מעהר פאר אלץ האבען זיי זיך ארויפגעווארפען אויף די רעליגיאן. מען איז ניט געבליעבען שטעהן ביי די האלב־קווינקלענדע ווערטער פון פראטאגאראס, אז מען קען ניט גענוי וויסען, צי עס זענען דא געטער אויף דער וועלט, אדער ניט. מען איז שוין געווען כמעט זיכער, אז געטער זענען ניט מעהר ווי אילוזיעס, בעשאפען פון דעם מענשליכען מח. די פראגע איז געווען מעהר ניט: ווער, ווי אזוי און צוליעב וואס האט עס אויסגעטראכט די גאנצע געטער־וועלט. איין סאפיסטישער תירוץ איז געווען, אז דאס האט א קלוגער געזעץ־געבער מיט א כיון איינגעשמועסט דעם עולם, ער זאל גלויבען אין די עקזיסטענץ פון געטער, כדי דער עולם זאל זיך תמיד פיהלען בעוואכט פון אן אייביגשפיאנירענדען אויג, א שטענדיג הארכענדען אויער, און אויף אזא אופן אבשרעקען דעם עולם פון צו טהאן עולות, ווען קיינער זעהט עס ניט. ווי נאאיוו עס זאל אונז איצטער ניט שיינען דיעזער סאפיסטישער ענטפער, א שטיקעל אמת ליעגט פארט אין איהם. ניט איין איינציגער מענש האט אויסגעטראכט די געטער, נאר די גאנצע מענשליכע געזעלשאפט; און ניט צוליעב איין צוועק, נאר צוליעב א סך צוועקען. אבער צווישען די צוועקען איז גאנץ זיכער אויך ארייננגעגאנגען דער ציעל — ארויפצוווארפען אויף די געטער דעם עסק צו משפט'ען יענע „שאלקהאפטיגע“, וואס טהוען זייערע עולות אין דער שטיל אזוי, אז די האנד פון געזעץ קאן זיי ניט דערגרייכען.

די סאפיסטען האבען ארויסגעבראכט נאך א צווייטען געדאנק מכח דעם אורשפרונג פון דער רעליגיאן און אויך אין איהם ליעגט א גרויסער טהייל אמת. זיי האבען געזאגט, אז דער מענש איז בטבע גענייגט צו פארגעטערען אלץ, וואס איז נוצליך פאר איהם. ניט נאר די זון און די שטערן זענען געווארען געטער, נאר אויך ברויט האט געגעבען דעם אורשפרונג דער געטין פון פרוכטבארקייט — דעמעטער, — אקוראט ווי די ניצליכקייט פון ווייןהאט בעשאפען דעם גאט באקכוס.

אויף דאָס רעכט, וואָס הערשט אין דער געזעלשאַפט, איז בע־שאַפען געוואָרען פון מענשען צוליעב זייער אייגענעם נוצען.

די ראַדיקאַלסטע פערטרעטער פון דעם סאָפיסטישען גע־דאַנק אויף דעם געביעט פון רעכטס־און־שטאַאַטס־פילאָסאָפיע זע־נען געווען, — אויב מען זאָל אָננעהמען, אז פלאַטאָן האָט אין זיין דיאַלאָג „גאָרגיאַס" ניט אַרויסגעפיהרט קיין אויסגעטראַכטע פיגור־רען, אָדער ניט איבערטריעבען די מיינונגען פון זיינע פילאָסאָפישע געגנער, — פּאָלאָס און קאַלליקלעס. על פי נאַטור, האָבען זיי געלערנט, האָט יעדער אַ רעכט נאָכצוגעהן נאָך זיינע תאוות, לאָזען זיי אָנוואַקסען אָהן אַ שיער און בעפריעדיגען זיי, ווי ווייט עס איז נאָר מעגליך. דאָס רוב מענשען זענען אָבער ניט בכח צו בעפריעדיגען אַלע זייערע געלוסטען. די שוואַכע זענען געווען געצוואונגען, אָנצוטהאָן אַ צוים אויף זייערע ליידענשאַפטען. מחמת דעם האָבען זיי זיך איינגעוועהנט, צו האַלטען די זעלבסט־בעשרענ־קונג פאַר אַ טוגענד און די פרייע בעפריעדיגונג פון די תאוות פאַר אַ לאַסטער. האָט אָבער איינער אַזוי פיעל כח אין זיך, אַז ער קאָן אַראָב־וואַרפען פון זיך אַלע צוימען און גדרים, איז — מה טוב! פאַר דעם, וואָס האָט די מאַכט איז אַ בזיון צו בינדען זיינע ליידענשאַפטען. פאַר דעם מעכטיגסטען אין שטאַאַט איז קיין זאַך ניטאָ, וואָס זאָל איהם בינדען און אָבהאַלטען.

רעכט איז אייגענטליך קיין אנדער זאַך ניט ווי מאַכט, — אַ געדאַנק, וועלכען פערדינאַנד לאַסאַל האָט אַזוי פּאָפּולער געמאַכט אין דער צווייטער העלפט פון'ם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט. זיי האָבען קריטיקירט די מאָראַלישע רעגעל פון דעמאָקריט, וואָס זאָגט, אַז ס'איז בעסער אומרעכט צו ליידען, עהדער אומרעכט צו טהאָן. דער וואָס קאָן בעגעהן אן אומרעכט צוליעב זיין אייגענעם נוצען און דערביי ניט בעשטראָפט ווערען, האָט אַ רעכט דאָס צו טהאָן. — אין דעם זעלביגען גראַד זענען זייערע געדאַנקען געווען פריי און ראַדיקאַל כמעט בנוגע צו אַלע פראַגען פון דעם מענשליכען געזעלשאַפטליכען לעבען: וועגען סעקסועלע בעציהונגען, פאַמיליען־לעבען א. אז. וו.

אָבער די סאָפיסטען האָבען אויך געבויט, ניט נאָר צושטערט. דער דאָרשט נאָך וויסען האָט געזוכט געזעץ־מעסיגקייטען. איהם האָט ניט געאַרט, וואָס די טהעאָריע האָט מבטל געווען אַלע אמת'ן.

ער האָט זיך געפלייסט אויסצוגעפינען עהנליכקייטען און פערשיע־דענקייטען צווישען ערשיינונגען דאָרטען, וואו מען האָט זיי ביז אהער ניט בעמערקט. דאָס איז געשעהן קודם כל אויף דעם געביט פון שפּראַך־פאָרשונג. אין דער סאָפיסטיק ווערט געבאָרען די שפּראַך־וויסענשאפט, די אויספאָרשונג פון די ערשטע גראמאטיקאַ־לישע כללים, די פאַנאַנדערשיידונג פון סינאָנימע ווערטער פון פער־שיעדענעם קלאַנג, אָבער כמעט גלייכען „טייטש“, דער אויפבוי פון דער רהעטאָריק (די רעדע קונסט), — דאָס אַלץ האָט זיין וואָרצעל אין די ארבייטען פון די סאָפיסטען.

צוויי גרויסע גרונד־פּראָבלעמען האָבען דערביי געמוזט אויס־וואקסען. ערשטענס, דער פּראָבלעם פון דעם ריכטיגען וואָרט־גע־ברויך, וואָס האַלט איינגעוויקעלט אין זיך דעם פּראָבלעם פון ריכ־טיגען דענקען. צווייטענס, דער פּראָבלעם פון טוגענד און גערעכ־טיגקייט. די רעדנער־קונסט האָט געהאַט צום פּראַקטישען ציעל די אַדוואָקאַטור־ארבייט און די פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדאַ און אַגי־טאציע פון יענער צייט: פערטהיידיגען רעכט און יושר אקעגען אונרעכט און עולות, אין פּריוואַטען און עפענטליכען לעבען. ווי פערפּלאָנטערט און „סאָפיסטיש“ עס זענען ניט געווען די מיינונגען פון די סאָפיסטען וועגען מאָראַל און פּאָליטיק, האָבען זיי דאָך גע־מוזט אויפהויבען די שאלות פון „גוטס“ און „שלעכטס“, וואָס זענען פערבונדען מיט זיי. דער פּראָבלעם פון טוגענד האָט געמוזט ארויסטרעטען אין זיין גאַנצער שארפקייט אין דער סאָפיסטיק.

אויף דעם פעלד פון די געזעלשאפטליכע און קולטורעלע ער־שיינונגען זענען די סאָפיסטען געבליבען טריי צו זייערע גרונד־פּרינציפּען פון רעלאַטיוויזם און דעם סוביעקטיווען „איך“־שטאַנד־פּונקט. עס האָט דעריבער אויך דאָ געמוזט אָנוואַקסען אַ חושך אין די מחות און הערצער, מחמת די פיעלע סתירות וואָס די סאָפיסטען האָבען אריינגעבראַכט אין זיי. אויך דאָ האָט זיך געפיהלט, אַז עס מוז געזוכט ווערען אַ נייער וועג, אויף וועלכען מען זאָל קענען קומען צו אַ זיכערען, פעסטען וויסען. די צייט האָט זיך גענויטיגט אין דער אויסאַרבייטונג פון אַ ריכטיגער מעטהאָדע, ווי אַזוי צו דענקען און צו פאָרשען. אָט די פילאָסאָפישע לעבענס־נויט האָט ארויסגעבראַכט סאָקראַטעס, און די סאָפיסטיק איז געווען די וויעג,

אין וועלכער עס איז אויפגעצויגען געוואָרען זיין יונגער פילאָסאָ־
פישער געראנק.

## § 31. סאָקראַטעס לעבען.

סאָקראַטעס איז געבוירען געוואָרען אין דעם יאָהר 469 אָדער 470. זיין פאָטער, סאָפראָניסקוס, איז געווען אַ בילדהויער פון פראָפעסיאָן און די זעלבע מלאכה האָט ער איבערגעלאָזען בירושה זיין זוהן. זיין מוטער, פענארעטע, איז געווען אַ הייבאַמע. סאָק־ראטעס האָט בעקומען די ערציהונג, וועלכע אַלע יונגע אַטהענישע יונגע לייט האָבען געהאַט צו יענער צייט. אחוץ דעם האָט ער געשטודירט פאַר זיך געאָמעטריע און אסטראָנאָמיע און איז בעקאַנט געווען מיט די געדאַנקען פון די פריהעריגע נאטור־פילאָסאָפען. ער האָט אויך צוגעהערט די פאָרלעזונגען, וועלכע די סאָפיסטען האָבען געהאַלטען. פון די נאַטור־פילאָסאָפען האָבען די גרעסטע ווירקונג געהאַט אויף איהם אנאַקסאַגאָראַס און העראקליט. (העראקליט איז איבערהויפּט געווען דער ליעבלינגס־פילאָסאָף פון די סאָפיסטען).

אין זיין לעבען האָט זיך סאָקראַטעס מיט קיין זאַך ניט אויס־געצייכענט. ער האָט געלעבט בעשיידען, האָט אָבגעהיט די געזעצען פונ׳ם שטאַאט און די רעליגיעזע מנהגים פון זיין פאָלק. אַ נאַטור איז דאָס געווען אַן׳עדעלע, צאַרטע, מיט אַ ברענענדיגען דאָרשט אויסצוגעפינען דעם אמת, מיט אַ באמת פרומען געמיטה. זיין בעשעפטיגונג איז בעשטאַנען אין דער בילדהויעריי, אָבער ניט אין איהר האָט ער געזוכט און געפונען די בעפריעדיגונג פאַר זיין נשמה. עס האָט איהם געצויגען אויפ׳ן גאַס צו ריידען מיט מענ־שען, מתוכה זיין זיך מיט זיי וועגען די וויכטיגסטע מנהגים פונ׳ם מענשליכען לעבען, און אין איינעם מיט זיי, אין דעם פראָצעס גופא פון דורכרעדען זיך, ארויסצוגעפינען דעם ריכטיגען אמת. בעזונ־דערס האָט איהם געצויגען צו דער יוגענד. אין יענער צייט האָט אין גריכענלאַנד געהערשט די פאַר אונזער געפיהל פאַרוואָרפליכע געשלעכטליכע ליעבע צו יונגע זכרים. קיינער האָט דערינען ניט געזעהן קיין ברעקעל עולה, און אויך סאָקראַטעס איז ניט געווען פריי פון דעם מין „עראָס“ אָדער ליעבע. אָבער סאָקראַטעס האָט געזעהן צו פערעדלען די ריין־קערפערליכע ליעבע צו דער יוגענד

דורך אַ גייסטיגע ליעבע צו איהר. ער האָט געגליעבט מעהר די נשמות פון אַלע מענשען, ווי די גופים און ער האָט געזאָרגט פאַר זייער פערעדעלונג און ענטוויקעלונג.

מינדעסטענס אַ יאָהר צוואַנציג, דרייסיג, פון דעם פערציגסטען לעבענס־יאָהר אָן, האָט ער אַזוי אָבגעלעבט אין אַטהען, ארומגעהענדיג איבער די גאַסען, אָבשטעלענדיג מענשען און פיהרענדיג מיט זיי פילאָסאָפישע געשפרעכען, אין וועלכע ער האָט אויסגעאַרבייט און ענטוויקעלט די גרונד־געדאַנקען פון זיין נייעם וועג.

### § 32. די קוועלען פאַר סאָקראַט'ס פילאָסאָפיע.

סאָקראַטעס האָט ניט געשריעבען קיין ווערק, און אַלע ווערק, וואָס מען פלעגט אַ מאָל צושרייבען צו סאָקראַטעס, זענען געווען שפּעטערדיגע פעלשונגען. זיין פּראָפּאַגאַנדאַ און לעהר־טהעטיגקייט זענען געווען אַ ריין־מינדליכע. נאָר פון זיינע תלמידים ווייסען מיר עפּעס וועגען זיין פילאָסאָפיע.

ליידער אָבער האָט קיין איינער פון זיינע תלמידים ניט בּעשריעבען די לעהרען און די רייד פון זייער לעהרער, כדי די שפּעטערדיגע וועלט זאָל האָבען פאַר זיך אַ ריכטיגען און קלאָרען בילד פון זיין פילאָסאָפיע. צוויי תלמידים, קסענאָפאָן און פּלאַטאָן האָבען אין זייערע ווערק געשילדערט דאָס לעבען און די לעהרען פון זייער רבי'ן. אָבער אויףביידען קאָן מען זיך ניט אין גאַנצען פערלאָזען. קסענאָפאָן האָט געוויס געפלייסט זיך טריי איבערצוגעבען אַלץ, וואָס ער האָט געהערט און פערשטאַנען פון סאָקראַט'ס געדאַנקען־גאַנג. אָבער, צום אונגליק, איז ער ניט געווען קיין טיעפער דענקער, און אַ סך וויכטיגע געדאַנקען פון סאָקראַטעס זענען איהם געבליעבען פרעמד און אונפערשטענדליך. פּלאַטאָן וויעדער, איז שוין געוועזען אַ צו גרויסער און אַ צו זעלבסטשטענדיגער דענקער. ער האָט דעריבער אין סאָקראַטעס אַריינגעטייטשט, און אין זיין מויל אַריינגעלעגט אַ סך פילאָסאָפישע רעיונות, וואָס שטאַמען פון פּלאַטאָן'ס אייגענעם, געניאַלען קאָפּ. אַ גייסטיגער אייניקעל פון סאָקראַטעס, פּלאַטאָן'ס תלמיד, אַריסטאָטעלעס, וואָס האָט געלעבט ניט אַזוי שפּעט נאָך סאָקראַטעס טויט, איז אַ דריטער קוואַל, פון וואַנען מען קאָן שעפּען ידיעות וועגען סאָקראַט'ס לעהרע. די איצטיגע געשיכטליכע פאָרשונג זעהט צו קאָמבינירען אָט די אַלע

דריי קוואַלען, צו פערגלייכען זיי און אַרויסצוגעפינען דעם ריכ־טיגען געדאַנקען־גאַנג פון יענעם גרויסען פילאָסאָפישען רעפאָר־מאַטאָר.

## § 33. סאָקראַט'ס וועלט־אַנשויאונג.

מיר האָבען שוין געזאָגט, אַז די סאָפיסטיק איז די וויעג פון סאָקראַט'ס פילאָסאָפיע. די סאָפיסטען גיבען איהם אויפ'ן וועג אַ סך וויכטיגע פרינציפּען, וועלכע ער אַרבייט אַריין אין זיין סיס־טעם. דאָס איז ערשטענס, דער „א י ך ־ פּ ר י נ צ י פּ, דער בעשטרעבען אויפצובויען אַ פילאָסאָפישען בנין צוליעב די אינטע־רעסען פון דעם מענשליכען איך; דאָס איז, צווייטענס, דעם נ י צ־ ל י כ ק י י ט ס ־ פּ ר י נ צ י פּ, וואָס האָט געשפּיעלט ביי די סאָ־פיסטען אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער דערקלעהרונג פון סאָציאַלע און מאָראַלישע ערשיינונגען. דאָס איז, דריטענס, דער טוגענד־פּראָ־בלעם, די פראַגע וועגען יושר און עולות, וועגען גוטס און שלעכטס און וועגען דעם גרונד־פּרינציפּ, פון וועלכען עס שטאַמען אַלע עטי־שע אַנשויאונגען, — פראַגען וועגען דער טוגענד גופא. פערטענס, די סקעפּטיק בנוגע צו דער נאַטור־פילאָסאָפיע, די נייגונג צו טראַכ־טען מעהר וועגען די מענשליכע ענינים. עהדער וועגען יענע פראָ־צעסען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דער דרויסענדיגער וועלט.

דאָס רוב געשיכטס־שרייבער פון דער פילאָסאָפיע לייגען אויף דעם לעצטען פונקט כמעט דאָס גאַנצע געוויכט. ביי זיי קומט אויס, אַז סאָקראַטעס האָט זיך לגמרי ניט אינטערעסירט מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער נאַטור, און איז אין גאַנצען געווען פריי פון וועלכע עס איז נאַטור־פילאָסאָפישע מיינונגען. און אויב ער האָט יע געהאַט וועלכע עס איז מיינונגען אין דער פראַגע, האָ־בען זיי ביי איהם געשפּיעלט זעהר אַ קליינע ראָלע.

מיר מיינען, אַז דאָס איז צו איינזייטיג און איבערטריבען. ניט נאָר האָט סאָקראַטעס געהאַט בעשטימטע מיינונגען וועגען די גרונד־פראַגען פון דער נאַטור־פילאָסאָפיע, נאָר יענע מיינונגען האָ־בען אויך געשפּיעלט אַ זעהר וויכטיגע ראָלע אין דעם אַרויסוואַקסען און דעם אויפבוי פון דעם גאַנצען סיסטעם און אין דער לאָגישער שיכות צווישען זיינע איינצעלנע טהיילען.

העראַקליט האָט איבערגעלאָזען אַ געוואַלטיגען רושם אויף דעם

גאַנצען געדאַנקען־גאַנג פון סאָקראַטעס. ווענען זיין ווערק האָט ער זיך אויסגעדריקט, אז אַלץ, וואָס ער האָט פערשטאַנען אין איהם איז געטליך און ריכטיג, און ער איז זיכער, אז אויך דאָס, וואָס ער האָט ניט פערשטאַנען איז אָקוראַט אַזוי ריכטיג און אמת. קלאָר און זיכער איז פאַר איהם געווען דער העראַקליטישער גרונד־געדאַנק, אַז אומעטום, סיי אין דער נאַטור, סיי אין דער מענשליכער געזעל־שאַפט הערשט אַ געטליכע פערנונפט וואָס שטראַהלט פון דעם געטליכען פייער־עטהער און וואָס דריקט זיך אויס אין די נאַטור־געזעצען און אין די געזעצען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט.

אויך פון אַנאַקסאַגאָראַס' גרונד־פּרינציפּ, דעם געטליכען וועלט־שכל, האָט ער פיעל געהאַלטען. דער איבער־נאַטירליכער שכל איז אַ גאָט, וועלכער איבערוואַכט אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער וועלט און טראָגט אומעטום אריין אַ פערנינפטיגען פּלאַן, אַ שכל'דיגע צוועקמעסיגקייט. אַלץ אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט איז גוט, שכל'דיג, צוועקמעסיג. דאָס איז געווען דער גרונד־געדאַנק, אין וועלכען סאָקראַטעס האָט געגלויבט. ער איז געווען דורך און דורך אָפּטימיסטיש.

אָבער אין איינעם מיט די סאָפיסטען האָט ער פון דעסטוועגען געגלויבט, אַז מיר דאַרפען זיך מעהר אינטערעסירען מיט מ ע נ ש־ל י כ ע אַנגעלעגענהייטען, עהדער מיט דער נאַטור. ער האָט איינגעזעהן, אַז דער שכל, וואָס ליעגט פערבאָרגען אין דער נאַטור, איז אָנגעטהאָן אין אַזאַ לבוש, וועלכען מיר, מענשען, קאָנען ניט אַראָבשטרייפען. די נאַטור רעדט צו אונז אַ לשון, וועלכען מיר, מענשען, קאָנען ניט פערשטעהן. צווייטענס, קאָן אונז די קענטע־ניס פון דער נאַטור ניט ברענגען קיין שום נוצען פאַר אונזערע איי־גענע וויכטיגע לעבענס־פראַגען. וואָס קאָנען אונז די בוימער לער־נען? פלעגט ער פרעגען. אָט פאַרוואָס ער האָט געהאַלטען אַז מיר מוזען קאָנצענטרירען אונזער געדאַנק אויף דער וועלט פון דעם מענשען'ס לעבען. אין איהר, אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, דריקט זיך די וועלט־פערנונפט אויס דורך דעם מיטעל פון אונזערע אייגענע געדאַנקען. זי איז ניט פערשטעלט פאַר אונזער שכל דורך קיין פרעמדען לבוש, זי רעדט צו אונז אַ לשון, וועלכען מיר אַלע קאָנען פערשטעהן.

בעקאַנט איז ציצעראָ'ס אַ ווערטעל, אַז סאָקראַטעס האָט די

פילאָסאָפיע פון הימעל אויף די ערד אראָבגערופען, אריין געפיהר'ט זי אין די שטעדט און אין די הייזער און געצוואונגען די מענשען צו פאָרשען וועגען דעם לעבען און די זיטען, וועגען „גוטס“ און „שלעכטס“.

עס איז קלאָר, אז אויף דעם געביט פון דער מענשליכער געזעל־שאפט און מענשליכע האנדלונגען קאָן ניט געמאָלט זיין אזא ראַ־דיקאַלער ניהיליזם ווי דער, וואָס גאָרגיאס האָט אויפגעשטעלט בנוגע צו דער נאַטור. וואָלט אין דער געזעלשאפט גאָר נישט עק־זיסטירט, וואָלטען די מענשען גאָר נישט געקאָנט דערקענען און וואָלטען זיי ניט געקאָנט מיטהיילען איינער דעם אנדערען זייערע געדאַנקען, יעמאָלט וואָלטען זיי ניט געהאט וועגען וואָס זיך צו־נויפצורייערען און קיין אָבמאך צווישען מענש און מענש וואָלט ניט געווען מעגליך. ס'איז אָבער א פאקט, אז די מענשליכע געזעל־שאפט עקזיסטירט, אז מענשען רעדען זיך איינע מיט די אנדערע צונויף. דאָס טהוען זיי, א דאנק דער שפראך, דורך איינצעלנע ווערטער, וואָס האָבען א בעשטימטען זין. ווען איך געברויך א וועלכען ס'איז וואָרט וואָס האָט א שיכות צו דער נאַטור, ווען איך בעצייכען צ. ב. א געוויסע פארב מיט דעם וואָרט: „רויט“, קאָן איך ניט זיין זיכער, אויב אלע מענשען, וואָס געברויכען דעם זעלביגען וואָרט האָבען אויף די זעלביגע רויט־עמפפינדונג, ווי איך. און דורך קיין פראקטיק, דורך קיינע בשותפות'שע האנדלונגען קאָנען מיר ניט מיטהיילען, איינע די אַנדערע, דעם מהות פון דער פארב, וואָס יעדער איינער זעהט און רופט אָן מיט דעם נאָמען „רויט“. אָבער אויב מיר געברויכען א וועלכען ס'איז וואָרט, וואָס האָט א שיכות צו אונזערע מענשליכע בעציהונגען, אויב מיר זאָגען צ. ב. דעם וואָרט: „גערעכטיגקייט“, אָדער: „אונגערעכטיגקייט“, מוזען מיר אריינלעגען אין איהם איין־און־דעם־זעלביגען זין און אויב מיר פערשטעהען פערשיעדען דעם זין, וועט שוין די פראַקטיק פונ'ם לעבען בעווייזען, אז מיר קענען זיך ניט צונויפגעהן. געהען מיר זיך אָבער יאָ צונויף, איז דאָס א סימן, אז אין דעם וואָרט, וואָס האָט אונז צונויפגעבונדען, ליעגט א וועלכער עס איז זין, וואָס מיר אלע פערשטעהען איהם גלייך. אויף אזא אופן איז אויף דעם גע־ביעט פון מענשליכע האַנדלונגען פאראַן א מעגליכקייט פאר אזא ערקענטניס, וואָס הענגט ניט אָב פון יעדען איינצעלנעם אינדיווי־

דיאום, וואָס מוז על פּי שכל זיין אַ שותּפ'שער בעזיץ פֿאַר דער גאַנצער מענשהייט. אין אַזעלכע אידעען און געדאַנקען, וואָס שטעהען העכער, עהדער דעם אינדיווידיאום'ס קאַפּריזען און סובּיעקטיווע מיינונגען, דריקט זיך אויס די אַלוועלטליכע פערנונפֿט, וואָס ווירקט אין אונז, ווי אין דער גאַנצער נאַטור. מען דאַרף נאָר אויסגעפינען יענע ריכטיגע מ ע ט ה אָ ד ע, וואָס זאָל אונז העלפֿען אַרויסצובעקומען פון די מענשליכע מיינונגען דעם פערנינפטיגען זיכערען טהייל, אין וועלכען עס שפּיגעלט זיך אָב דער אייביגער שכל פון דעם געטליכען פּרינציפּ אין דער וועלט. ד י מ ע ט ה אָ ד ע און די מ ע ט ה אָ ד ע ן ־ ל ע ה ר ע איז ד ע ר י ב ע ר די ה ו י פּ ט ־ ז אַ ך אין ד ע ר פ י ל אָ ־ ס אָ פ י ש ע ר פ אָ ר ש ו נ ג.

## § 34. סאָקראַט'ס מעטהאָדען־לעהרע.

די זעלביגע פראגע, וואָס האָט פּעראינטערעסירט די נאַטור־פילאָסאָפען בנוגע צו דער נאַטור, דאַרף אויך אַוועקגעשטעלט ווערען בנוגע צו די מענשליכע האַנדלונגען. פון וואַנען שטאַמט די ערקענטנים: פון די חושים, אָדער פון שכל? און אויף וועמען קענען מיר זיך פערלאָזען: אויף די ערשטע, אָדער אויף דעם לעצטען?

די סאָפיסטען האָבען ניט געטרויט דעם מענשליכען שכל און האָבען אויך ניט געגלויבט די מענשליכע חושים. סאָקראטעס, ווי דאָס רוב פילאָסאָפען ביז צו די סאָפיסטען, האָט געגלויבט אין דער מאַכט פון דעם מענשליכען שכל. ער איז געוועזען אַ ר אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט. אויב דער מאַטעריאַל, וועלכע אונז ברענגען די חושים, געפינט זיך אין אַ שטענדיגער פערענדערונג, אין אַ שטענדיגען פלוס, זענען די רעזולטאַטען, וואָס דער קלאָרער שכל ברענגט אַרויס, אייביג און אונפערענדליך. דורך אַ ריכטיגע מעטהאָדע דאַרפען מיר קאָנען קומען צו זיי.

סאָקראַט'ס מעטהאָדע איז בעשטאַנען פון עטליכע איינצעלנע טהייל־פּראָצעסען, וואָס זיי האָבען אַלע געהאָלפען אַרויסברענגען דעם אמת. אין זיינע געשפּרעכען מיט די פערשיעדענע מענשען פלעגט ער אָנהויבען מיט דער א י ר אָ נ י ע. ער פלעגט צוגעהן צ. ב. צו אַ בעל מלאכה און פלעגט ביי איהם פרעגען וואָס איז דער צוועק און דער זין פון זיין אַרבייט, מאַכענדיג זיך, אַז ער אַליין

וויים גאָר ניט און פערשטעהט גאָר ניט פון איהר. ער פלעגט זאָגען: „איך וויים נאָר איין זאַך, אז איך וויים גאָר נישט“. און אפשר איז דאָס געווען ניט גאָר דורך און דורך איראָניע. גלויי־בענדיג, אז די וועלט־פערנונפט איז פערקערפערט אין דער געזעל־שאפטליכער פערנונפט, האָט ער אויך געמוזט גלויבען, אז יעדער איי־נער האָט אין זיך וועניגסטענס א טהייל פונ׳ם געטליכען אמת און אז מען קאָן ווירקליך לערנען מעהר פון די אנדערע מענשען עהדער, לאָמיר זאָגען, פון די בוימער און חיות. דעם ענטפער, וואָס ער פלעגט בעקומען אויף זיין שאלה, פלעגט ער אָבפרעגען דורך זעהר וויציגע און שארפזיניגע פראגען. דער געפרעגטער פלעגט איינ־זעהן, אז זיין ענטפער איז אָדער אין גאנצען פאלש אָדער וועניג־סטענס ניט פינקטליך און גענוי. דורך פאסיגע פראגען פלעגט סאָקראטעס ארויפברענגען איהם אויף א בעסערען ענטפער און אויך יענעם ענטפער פלעגט ער אויף דעם פריהערדיגען אופן קריי־טיש דורכמוסטערן און בעווייזען זיינע חסרונות. אָנגעהענדיג מיט דער זעלביגער מעטהאָדע, פלעגט ער דעם געפרעגטען סוף כל סוף ארויפברענגען צו אזא ענטפער, וואָס האָט געהאט אלע מעלות פון א פינקטליכען געדאנק. אין איינעם מיט דער איראָניע איז, ווי מיר זעהען, געווען אָנגעווענדט אויך די דיאלעקטיק, ד. ה., די אויפדעקונג פון אינוועניגסטע פעהלערן און סתירות אין א וועלכען עס איז געדאנק, וואָס האָט זיך אין פלוג אויסגעדוכט קלאָר און גאַנץ גלאַט. דעם גאַנצען פראָצעס האָט סאָקראטעס אָנגערו־פען „מעאָיטיק“ די העבאם־קונסט, און ער פלעגט אָפט זאָגען, אז אקוראט ווי זיין מוטער, פענארעטע, פלעגט העלפען די געווינערינס צו געבערען קינדער, אזוי העלפט ער די מענשען געבערען ריכטיגע געדאנקען.

דער וויכטיגסטער טהייל פון זיין מעטהאָדע איז בעשטאַנען אין דער אינדוקציאָן, ד. ה. אין דער אונטערזוכונג און פערגלייכונג פון פערשיעדענע איינצעלע פעלע אין דעם מענשליכען לעבען, כדי ארויסצוגעפינען דעם אלגעמיינעם כלל, וואָס ליעגט אין זיי פערבאָרגען. און דער צוועק פון דער מעטהאָדע איז געווען די ריכטיגע דעפיניציאָן, ד. ה. די פינקטליכע און קלאָרע בעשטימונג פון יענעם זין, וואָס מיר דארפען פערבינדען מיט א וועל־כען ס׳איז וואָרט.

א ביישפּיעל וועט אונז דאָס דערקלעהרען. לאָז זיין מיר גע־העןן ארוים פון דעם געדאַנק פון אונגערעכטיגקייט (אַדיקיא). סאָק־ראַטעס שטעלט אוועק די פראַגע: וואָס איז אַזוינס אונגערעכטיג־קייט? ער בעקומט, לאָמיר זאָגען, דעם ענטפער אַז אונגערעכטיג־קייט איז — איינעם אָבנאַרען, אָדער ביי איינעם עפּעס אוועקנעה־מען מיט געוואַלד א. ז. וו. פרעגט ער ווייטער: און ווען מיר נאַרען אָב א פיינד אין קריעג און מיר נעהמען פון איהם אוועק עפּעס א זאַך, וועט עס אויך זיין אונגערעכטיגקייט? דער געפרעגטער מוז מודה זיין, אַז בנוגע צו דעם פיינד אין קריעג, זענען אַזעלכע האַנד־לונגען גערעכט. הייסט עס, אַז מען מוז שוין דעם פריהערדיגען ענטפער פערריכטען. אונגערעכט איז — אָבנאַרען א פריינד, אָדער עפּעס אוועקנעהמען פון איהם מיט געוואַלד. און ווי איז, פרעגט ווייטער סאָקראַטעס, אַז איהר ווילט אָבנאַרען אייער אייגענעם קראַנקען זוהן, כדי ער זאָל אראָבשלינגען א רפואה? אָדער ווען איהר ווילט אָבנעהמען ביי אייער פריינד דעם שווערד, מיט וועלכען ער וויל זיך אליין א מיתה אָנטהאָן, וועט עס אויך זיין אונגערעכט? דער געפרעגטער פלעגט מוזען צוגעבען, אַז אויך דער אַנדער ענט־פער איז געווען ניט גענוי און פּינקטליך, אַז מען דאַרף אין איהם אריינטראָגען נאָך א תנאי. אונגערעכט איז אָבנאַרען א פריינד מיט דער כונה צו טהאָן איהם שלעכטס.

אויף אַזאַ אופן קומט מען אויף דעם וועג פון אינדוקציאָן צו דער אויפשטעלונג פון א ריכטיגען בעגריף.

דער בעגריף איז דאָס, וואָס בלייבט אייביג רוהען אין דעם קיין מאָל ניט רוהענדען שטראָם פון ערשיינונגען.

אָט אין דעם אויסגעפינען פון ריכטיגע בעגריפען ליעגט, נאָך דער מיינונג פון סאָקראַטעס, דער וועג צו אבסאָלוט זיכערע קענטע־ניסען. דער ריכטיגער בעגריף איז דער תוך דבר פון א וועלכער ס'איז זאַך, ער איז ניט אָבהענגיג פון וועלכער ס'איז אינדיווידוע־לער מיינונג. ער ווייזט אונז אָן, וואָס די זאַך איז, און דער ענטפער, אויב ער איז ריכטיג אויסגעפונען געוואָרען, בלייבט אונ־פערענדליך און אייביג פאַר אלע דורות. און אין דער אמת'ן! בעטראַכטען מיר דעם ריכטיגען בעגריף פון אונגערעכטיגקייט. מיר פרעגען דאָ דערווייל ניט, אויב ס'איז דאָ אין דער וועלט אָדער

אין דער מענשליכער געזעלשאפט אזא מין זאך ווי אונגערעכטיג־קייט. מיר פרעגען אויך ניט, צי אונגערעכטיגקייט איז שלעכט אָדער גוט. ווי מיר זאָלען זיך ניט פאנאנדערגעהן אין די פראגען, איינשטימיג בלייבען מיר אין דעם בעגריף גופא, וואָס דארף פער־בונדען זיין מיט דעם וואָרט אונגערעכטיגקייט; עס מאכט ניט אויס, צי זי עקזיסטירט, אָדער ניט. איהר ת ו ך איז אונאָב־הענגיג פון רוים און צייט און, איין מאָל אויסגעפונען, איז ער גלייך קלאָר פאר אלע מענשען.

אָבער אויף דעם זעלביגען וועג, ווי מיר האָבען אויסגעפונען דעם תוך פון א וועלכער ס'איז זאך, קאָנען מיר דאָך אויסגעפינען די ענטפערס אויף אלע אנדערע שאלות, וואָס זענען פערבונדען מיט איהר. מען דארף נאָר קלאָר ווערען וועגען די בעגריפען, וואָס ליעגען אין יענע שאלות און וועגען די ריכטיגע אויסטייטשונגען פון יענע בעגריפען.

סאָקראַטעס ווערט אויף אזא אופן דער בעגרינדער פון דער ראַציאָנאַליסטישער בעגריף־פילאָסאָפיע, פון יענעם גלויבען, אז דער אמת ליעגט אין דעם ריכטיגען בעגריף, אז דער בעגריף שטאמט דירעקט אָב פונ'ם שכל און ניט פון די חושים, און אז ער מוז דע־ריבער אויסגעטייטשט ווערען פון אלע מענשען און צו אלע צייטען אין דעם זעלביגען זין.

## § 35. סאָקראַטעס טוגענד־לעהרע

די אינדוקטיווע מעטהאָדע פון ריכטיגע בעגריף־בעשטימונגען ווענדט סאָקראַטעס אָן, כדי צו פערענטפערען יענע שאלה, וואָס דארף, נאָך זיין מיינונג נאָך, זיין דער גרונד־פראָבלעם פון פילאָ־סאָפישען דענקען — די שאלה וועגען מענשליכע טוגענד.

וואָס איז אזוינס טוגענד? וואָס איז איהר ריכטיגער בעגריף?

די סאָפיסטען האָבען געלייקענט אז עס איז דאָ א וועלכע עס איז איין איינציגע טוגענד, אין וועלכע אלע מענשען, אָהן אן אונ־טערשיעד, זאָלען גלויבען. אויספאַרשענדיג די פערשיעדענע רעכט־בעגריפען ביי פערשיעדענע פעלקער האָבען זיי געפונען, אז פער־שיעדענע פעלקער האָבען פערשיעדענע געדאַנקען וועגען „גוט“ און „שלעכט“, וועגען „טוגענד“ און „לאַסטער“. ביי איין פאָלק צ. ב. טאָרען עלטערען און קינדער ניט לעבען געשלעכטליך איינע מיט

די אַנדערע; ביי אַן אַנדער פאָלק איז דאָס ערלויבט. אָבער די סאָפיסטען גופא האָבען אין אַ סך אונטערזוכונגען בעוויזען אַז אַלץ, וואָס מענשען טהוען, טהוען זיי דאָס צוליעב זייער אייגענעם נוצען. הייסט עס, אַז עס איז דאָ אַ וועלכער עס איז געמיינזאַמער מקור, פון וועלכען עס פליעסען אַרויס אַלע מענשליכע האַנדלונגען. קאָ־נען מיר דאָך אויך אין דער פראַגע אונטערזוכען, אויב אַ געשלעכטס־פערקעהר צווישען עלטערען און קינדער איז ניצליך אָדער ניט. סאָקראַטעס בעווייזט, אַז פון אַזאַ פערקעהר מוז אַרויסקומען אַ שאָדען צו דער מענשליכער ראַסע: זי ווערט דערפון פערדאָרבען. הייסט עס, אַז אין דעם פאַל האָבען מיר אַ פּרוביר־שטיין, מיט וועלכען מיר קענען אָבשעצען, צי אַזאַ געשלעכטס־פערקעהר איז „גוט" אָדער „שלעכט", צי איז ער אַ טוגענד, אָדער אַ לאַסטער.

אויך אין דער פראַגע, וועלכע די סאָפיסטען האָבען אויפ־געוואָרפען, צי עס איז גוט אָדער שלעכט צו פאָלגען די געזעצען פון דעם שטאַאַט, געפינט סאָקראַטעס, אַז דער נ ו צ ל י כ ק י י ט ס־פּ ר י נ צ י פּ קען פערענטפערען די שאלה. ער בעווייזט, אַז סיי פאַר דעם איינצעלנעם, סיי פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, איז נוצליך, מען זאָל זיין געהאָרכזאַם צו די געזעצען פון שטאַאַט.

און בכלל: טוגענד, דאָס העכסטע „גוט", צו וועלכען די מענ־שען שטרעבען, איז דאָס וואָס זיי ברענגט נוצען, דאָס וואָס זיי מאַכט גליקליך. ממילא איז טוגענד ניט קיין אַנדער זאַך, ווי ג ל י ק ז ע ל י ג ק י י ט און נ ו צ ל י כ ק י י ט. וואָס ברענגט אָבער דעם מענשען נוצען? אין וואָס ליעגט דעם מענשען׳ס גליק? דאָס דאַרף אויסגעפונען ווערען דורך די ריכטיגע ערקענטניס. טו־גענד איז וויסען. אַ מענש, וואָס ווייס אין וואָס עס בעשטעהט די אמת׳ע גליקזעליגקייט, קאָן ניט זיין אונעהרליך. ער מוז וועלען די טוגענד, וואָס ברענגט איהם גליק. אמת, איינעם קען זיך אויס־דוכטען, אַז די חושים און די תאוות וועלען איהם ברענגען גליק. אָבער דאָס איז נאָר אַ דערוויילינער טעות. וואָס מעהר ער וועט זיך פערלאָזען אויף זיין שכל, אַלץ מעהר וועט ער אויסגעפינען אין וואָס עס בעשטעהט דער ריכטיגער גליק, און וועט קאָנען ווערען אַ בעל הבית איבער זיינע חושים.

סאָקראַט׳ס גרונדגעדאַנק איז, אַז אויף דעם געביעט פון דער

טונענד זענען טהעאָריע און פּראַקטיק אַזוי פעסט צונויפגעבונדען אין איינעם, אַז איינע קאָן אָהן דער אַנדערער ניט בעשטעהן. און דער עיקר איז — טהעאָרעטיש ריכטיג אויסצוגעפינען, וואָס טוּגענד איז. ווי נאָר איינער וועט זעהען קלאָר, וואָס עס מאַכט איהם גליקליך, אַזוי וועט ער ממילא שוין זיך נאָכיאָגען נאָך דעם גליק.

ווי אַזוי זאָלען מיר אָבער אויסגעפינען דעם ריכטיגען בעגריף פון גליקזעליגקייט? אין וואָס בעשטעהט דער אמת'ער בעגריף פון גליק? אויף דערויף האָט סאָקראַטעס געגעבען אַן ענטפער, וואָס ווייכט שוין אָב פון דעם ריין־בעגריפליכען וועג, אויף וועלכען ער האָט געפיהרט זיין פילאָסאָפישע פאָרשונג ביז אהער.

דער אַלגעמיין וועלטליכער, געטליכער שכל, זאָגט ער, האָט אין יעדער מענשליכער ברוסט איינגעפלאַנצט אַ געטליכע שטים, אַ „דאימאָניאָן", אַ גוטען „גייסט", וואָס זאָגט אַלע מאָהל אונטער דעם מענשען, וואָס ער דאַרף אין יעדען איינצעלנעם פאַל טהאָן, כדי צו דערגרייכען זיין העכסטען גליק און די העכסטע טוגענד. דאָס איז דער ג ע וו י ס ע ן, וואָס יעדער איינער טראָגט ביי זיך אין האַרצען. פרעגט מען דעם געוויסען, בעקומט מען אַן אוּרטעאַל פון פ אָ ל ק אָ מ ע נ ה י י ט, צו וועלכער דער מענש דאַרף שטרעבען.

„גנאָטי ז'אויטאָן"! דערקען זיך אַליין! די ווערטער האָט דער דעלפישער אָראַקול געשיקט צו סאָקראַט'ן, און אין די ווערטער פאַסט ער צונויף זיין גאַנצע פילאָסאָפיע. דערקען זיך אַליין, איז דער טייטש: אינטערעסיר זיך מעהר מיט די פּראָצעסען, וואָס קומען פאָר אין דיר גופא עהדער מיט די פּראָצעסען, וואָס קומען פאָר אין דער פרעמדער נאַטור. טראַכט און פאָרש אויס, אין וואָס בעשטעהט דאָס העכסטע גוט, צו וועלכען דו זאָלסט שטרעבען. „גנאָטי ז'אויטאָן" איז אָבער אויך דער טייטש: ווער גוט בעקאַנט מיט דעם אייגענעם פערבאָרגענעם געוויסען, לאָז אין אַלע וויכטיגע לעבענס־פראַגען ריידען די אינוועניגסטע שטים פון דיין האַרצען, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס די געטליכע וועלט־פערנונפט, און דו וועסט תמיד געפינען דעם ריכטיגען וועג צום גליק.

ניט גאַנץ קלאָהר איז ביי סאָקראַט'ן געבליעבען די פראַגע, אין וואָס פאַר אַ שיכות די גליקזעליגקייט שטעהט צו דער לוסט, צו די

הנאות, וואָס מיר האָבען פון לעבען

סאָקראַטעס ווייס גאַנץ גוט, אַז ביי מענשען שפּיעלט הנאה א גרויסע ראָליע. ער געפינט, אַז די געוועהנליכע הנאות פון'ם לעבען קאָנען ניט ברענגען א דויערנדען גליק און אַז די העכסטע לוסט בע־קומען מיר, ווען מיר זעהען איין, אַז מיר ווערען אַלץ בעסער און בעסער און ווען מיר האָבען פריינד, וואָס דערגרייכען אויך צו אַלץ העכערע שטופען פון פאָלקאָמענהייט, א דאַנק זייער אומגאַנג מיט אונז. אָבער שוין דערפון אליין איז קלאָר, אַז גליק און טו־גענד ליעגט ניט אין דער לוסט, נאָר אין א וועלכען עס איז א י־ד ע א ל פון פאָלקאָמענהייט.

די מעטהאָדע פון דער ריכטיגער בעגריף־בעשטימונג ווענדט סאָקראַטעס אָן אויך אויף די פ אָ ל י ט י ק. ער אונטערזוכט די פערשיעדענע שטאַאַטס־פאָרמען, וואָס האָבען געהערשט אין זיין צייט און וויל אויסגעפינען די ריכטיגע דעפיניציאָן פון יעדער שטאַאַטס־פאָרם. דערביי שפּיעלט ביי איהם די הויפּט ראָליע ניט אַזוי דער יורידישער אינהאַלט איהרער, ווי איהר עטהישער ווערטה. די „טיראַניע" אונטערשיידט זיך פון „קעניגטהום" ניט נאָר דורך דעם אליין, וואָס דער קעניג האָט בעקומען די הערשאַפט איבער'ן פאָלק לויט דעם געזעץ, בעת דער טיראַן איז געוואָרען א הערשער, ווייל ער האָט אליין דורך אייגענע מאַכט בעקומען די הערשאַפט אין זיינע הענד. די הויפּט־נפקא־מינה צווישען די צוויי שטאַאַטס פאָר־מען איז אַן עטהישער. דער קעניג פאָלגט די געזעצען פון זיין לאַנד,— דאָס ווערט פערלאַנגט פון דער טוגענד. דער טיראַן אָבער צוטרעט די טוגענד מיט די פיס אין דעם מאָמענט, ווען ער כאַפּט אריין אין זיינע הענד די הערשאַפט מיט געוואַלד, להיפך צו דעם עקזיס־טירענדען געזעץ.

די בעסטע שטאַאַטס־פאָרם הענגט אָבער אָב ניט פון דעם, ווער און ווי אַזוי עס האָט בעקומען די מאַכט איבער'ן פאָלק. אפילו ווען די רעגיערער ווערען אויסגעקליעבען פון דעם פאָלק אליין, איז דאָס נאָך אויך ניט קיין גאַראַנטיע, אַז זיי וועלען וויסען ווי צו הערשען, ד. ה. פיה־ען דאָס פאָלק אויף דעם וועג פון טוגענד. א שיף פערטרויט מען נאָר דעם, וואָס איז געניט אין דער שיפ־פאַהרט, אין דער לאַנדווירטשאַפט קאָן נאָר דער זיין א גוטער בעל־הבית,

וואָס איז בעקאַנט מיט אַלע איינצעלהייטען פון דער אַגראַרישער בעל־הבית׳ישקייט. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער מעדיצין. אין דער וואָללשפּיננעריי לאָזען די מאַנסביל איבער די גאַנצע הערר־שאַפט צו די ווייבער, וואָס פערשטעהען בעסער דעם עסק. פון אַלע אַזעלכע פעלען ברענגט סאָקראַטעס אינדוקטיוו אַרויס דעם אַלגע־מיינעם כלל, אַז יעדער עסק מוז איבערגעגעבען ווערען צו דעם, וואָס איז בעוואָפענט מיט דער נויטיגער וויסענשאַפט פון זיין פאַך. דעם זעלביגען אַלגעמיינעם כלל ווענדט ער אָן אויך אויף ז׳י פּאָליטיק, אָדער אויף די וויסענשאַפט, ווי אַזוי ריכטיג צו הער־שען און צו רעגיערען. כדי צו זיין אַ הערשער, מוז מען זיין אַ מומחה אין דער אומנות. סאָקראַטעס שטעלט זיך אָבער ניט אָב אויף דער פראַגע, ווי אַזוי מאַכט מען, אַז די רעגיערער זאָלען זיין בהבן אין זייער אומנות און ווי אַזוי דאַרף איינגעאָרדנעט ווערען דער שטאַאַט, אַז די בעסטע און קליגסטע אין הלכות פּאָליטיק זאָלען קאָנען פיהרען די הערשער־ראָליע. די אויפגאַבע האָט שפּעטער גענומען אויף זיך צו פערענטפערן פּלאַטאָן.

פערגלייכען מיר איצטער די פילאָסאָפיע פון סאָקראַטעס מיט דער פילאָסאָפיע פון דעם סאָפיסט גאָרגיאַס, וועלען מיר זעהן, אַז סאָקראַטעס האָט אויסגעפונען פונקט דעם היפך פון דעם, צו וואָס גאָרגיאַס איז געקומען. גאָרגיאַס זאָגט, עס איז גאָרנישט ניטאָ. סאָקראַטעס זאָגט, עס איז דאָ טוגענד. גאָרגיאַס זאָגט, מען קען גאָרנישט ניט וויסען, סאָקראַטעס זאָגט, דער עצם מהות פון טוגענד ליעגט אין וויסען. גאָרגיאַס זאָגט, איינער קען גאָרנישט ניט מיטטהיילען דעם אַנדערען. סאָק־ראַטעס זאָגט, די טוגענד קען מען לערנען און אַלע מענשען אויס־לערנען.

און פון דעסטוועגען האָט מען סאָקראַט׳ן אין זיין צייט צונויפגעמישט מיט די סאָפיסטען. ביז צו אַ געוויסען גראַד איז יענע צייט געווען גערעכט. סאָקראַטעס איז דער סאָפיסט, וואָס איז נעגאַנגען קאָנסעקווענט אויף דעם וועג, וועלכען זיי האָבען בע־טרעטען, און וואָס האָט אויסגעפונען אַן אויסוועג פאַר דעם מענש־ליכען געדאַנק פון יענע ענגעניש, אין וועלכע די פריהערדיגע פילאָ־סאָפיע האָט איהם פערפיהרט.

### § 36. דער טויט פון סאָקראַטעס.

בעטראַכט מען דעם גאַנצען לעבען פון סאָקראַטעס, זעהט מען, אַז סאָקראַטעס איז געווען אַ פּריעדליכער, כמעט קאָנסערוואַטיווער בירגער, בשום אופן ניט קיין רעוואָלוציאָנער אין זיינע האַנדלונגען. אויך די געדאַנקען זיינע זענען געווען אויפ'ן ערשטען בליק, ווייניגער ראַדיקאַל און אומשטורצלעריש, עהדער די געדאַנקען פון אַ סך סאָפיסטען. פון דעסטוועגען איז ער גאַנצער כעס פון דער אַטהענישער עפענטליכער מיינונג אַרויפגעפאַלען אויף סאָקראַטעסען מעהר, עהדער אויף אַלעמען. עס קאָן זיין, אַז די אויפקלעהרונגס־אַרבייט פון סאָקראַטעס איז געווען דער לעצטער טראָפּען, וואָס האָט פול געמאַכט די מאָס פון דעם געדולדיגען בירגער, וואָס האָט געמוזט צוזעהן, ווי עס ווערען אונטערגעגראָבען די גרונד־פעסטען פון דער אַלטער גריכישער געזעלשאַפט. עס קאָן זיין, אַז זי, די געזעלשאַפט, האָט אינסטינקטיוו געפיהלט מעהר געפאַהר אין דער שטילער וויסענשאַפטליכער קריטיק פון סאָקראַטעס, עהדער אין די ראַדיקאַלע פראַזען פון די סאָפיסטען, וואָס האָבען אין אַ סך פונקטען זיכער איבערגעכאַפּט די מאָס.

ווי די מעשה איז, סאָקראַט'ן האָט מען בעשולדיגט אין געפעהרליכע שטאַאַטס־פערברעכענס. די אָנקלעגער (עס זענען געווען מעהרערע אָנקלעגער, ווען אפילו קסענאָפאָן רעדט נאָר פון איין בּכּלאָגער: „האָ קאַטעגאָראָס", דער קטיגור) זענען געווען: איינער, אַ יונגער דיכטער, וואָס איז ברוגז געווען אויף סאָקראַט'ן, פאַר וואָס ער האָט אויפגעוואָרפען די פּאָעטען, אַז זיי פערשטעהען ניט דעם וועזען פון זייער אייגענער קונסט; איינער, אַ חשוב'ער, בכבוד'ער לעדער־הענדלער, וואָס איז געווען אין כעס אויף איהם, ווייל ער האָט איהם געראַטהען, זיין זוהן זאָל אוועקוואַרפען דעם בכבוד'ען, חשוב'ען לעדער־האַנדעל; איינער, אַ דעמאַגאָג, און נאָך אַ פערטער, וועמעס קריוודעס צו סאָקראַטעס זענען געבליעבען אונבעקאַנט.

די בעשולדיגונג האָט געהייסען: „סאָקראַטעס טהוט אונרעכט, ווייל ער לייקענט די געטער, אין וועלכע דער שטאַאַט גלויבט, און פיהרט איין נייע דעמאָנישע וועזען. ער טהוט אויך אונרעכט, ווייל ער פערדאַרבט די יוגענד."

סאָקראַטעס איז געקומען צום פאָלקס־געריכט. שטאָלץ האָט ער פערלאַנגט מען זאָל איהם משפט'ען נאָך זיינע מעשים און לאָזען צורוה זיינע איבערצייגונגען. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. די מאַיאָריטעט פון די איבער 500 שופטים, האָבען געפונען די בעשול־דיגונג פאַר ריכטיג. וואָלט סאָקראַטעס געוויזען אביסעל מעהר נאָכ־גיביגקייט, וואָלט ער זיך אביסעל געבויגט פאַר'ן געריכט, וואָלט אפּשר ניט געקומען צו א טויט־אורטהייל. זיין שטאָלצער בענעהמען זיך האָט געפיהרט דערצו, אז ער איז מיט א קליינער מאַיאָריטעט פער'משפט געוואָרען צום טויט דורך אויסטרינקען א בעכער סם.

היות אָבער ווי אין דער זעלביגער צייט איז נאָר וואָס אוועק־געגאַנגען פון אַטהען א הייליגער, יו"ט'דיגער שיף קין דעלאָס, האָט מען גאַנצע דרייסיג טעג, ביז די שיף איז געקומען צוריק, ניט געטאָרט אויספיהרען אין אַטהען דעם טויט־אורטהייל. אין דער צייט האָט זיין תלמיד און פריינד, קריטאָן, פאָרגעשלאָגען איהם אַנטלויפען פון תפיסה און האָט איהם אָנגעוויזען, אז דאָס איז מעג־ליך אויסצופיהרען. סאָקראַטעס האָט זיך אָבער אָבגעזאָגט פון אזא פּלאַן, ווייל דאָס איז אונגעזעצליך. ארומגערינגעלט מיט זיינע תלמידים און פריינד, מיט וועלכע ער האָט נאָך אין לעצטען מאָ־מענט געשמועסט וועגען פילאָסאָפישע ענינים, האָט ער רוהיג און פעסט אויסגעטרונקען דעם גיפט־בעכער, אין מערץ 399. ער איז געווען זיכער, אז די בעסטע זאַך, וואָס ער האָט געקאָנט טהאָן פאַר זיין לעבענס־ארבייט, איז — שטאַרבען אין טרייקייט צו זיינע איבערצייגונגען.

---

די תלמידים פון סאָקראַטעס האָבען ווייטער געארבייט אויפ'ן פעלד, וועלכען זייער לעהרער האָט בעאַקערט. אָבער ניט אלע האָ־בען אויפגענומען סאָקראַט'ס סיסטעם אין זיין גאַנצער גרויס און טיעף. די צוויי גרויסע טהיילען פון זיין סיסטעם: דער ער־קענטניס טהעאָרעטישער אָדער מעטהאָדישער און די לעהרע פון טוגענד, האָבען צוטהיילט דאָס רוב פון זיינע שילער אין צוויי ריכטונגען. איין טהייל האָט זיך אין גאַנצען אָבגעגעבען מיט דער דיאלעקטיש־ערקענטניס־טהעאָרעטישער זייט. דער אַנדער טהייל— מיט דער טוגענד־לעהרע: זיי אלע רופט מען אָן אין דער פילאָ־

סאָפיע „איינזייטיגע סאָקראַטיקער“, ווייל זיי האָבען זיך בעשעפ־טיגט מיט נאָר איין זייט פון סאָקראַט׳ס לעהרע.

## § 37. עווקליד פון מעגארא און פעדאָן פון עלים.

נאָכ׳ן טויט פון סאָקראַטעס האָבען אַלע תלמידים פערלאָזען אטהען און זענען אינאיינעם מיט סאָקראַט׳ס תלמיד עווקליד אוועק־געפאָהרען צו איהם אין מעגארא. דאָרטען האָט עווקליד געגרינ־דעט א פילאָסאָפישע שוהלע, אין וועלכער ער האָט ווייטער בעאר־בייט דעם פילאָסאָפישען גדאנק פון זיין רבי׳ן. עס האָט איהם אָבער מעהר געצויגען צו דער מעטאַפיזיש־דיאלעקטיישער זייט פון סאָקראַט׳ס גדאנקען. ער האָט זיך געפלייסט צונויפגיסען זי אין איינעם מיט דער פילאָסאָפיע פון די עלעאַטען. סאָקראַטעס האָט געלערנט אַז עס איז דאָ איין איינציגע טוגענד, וואָס שטאַמט פון דער געטליכער פערנונפט. די געטליכע פערנונפט איז אָבער גע־ווען ביי די עלעאַטען דער איין־און־איינציגער „זיין“, וואָס האָט קיין זאך ניט אויסער איהר. עווקליד איז דעריבער געווען גע־צוואונגען צונויפצוגיסען דעם עלעאַטישען „זיין“ מיט דער סאָק־ראַטישער „טוגענד“ אין איין איינציגען בעגריף. די וועלט איז אַן איינציגער „זיין“ וואָס איז אין דער זעלביגער צייט איין איינציגע טוגענד.

די פרטים פון דער עווקלידישער פילאָסאָפיע זענען געבליע־בען אונבעקאַנט. זיין שוהלע האָט זיך זעהר פיעל בעשעפטיגט מיט דעם מענשליכען דענקען, ווי דאָס פלעגען טאָן די עלעאַטען איבער־הויפּט. אויפווייזען, אַז דער מענשליכער שכל פערוויקעלט זיך אין סתירות און ברענגט אַרויס אַ ווידער־זין, ווען ער נעהמט אָן פיעלקייט אין דער נאַטור, איז געווען אויך די אויפגאַבע פון די מעגאַריקער.

בעקאַנט זענען איניגע פון זייערע שאַרפזיניגע דיאלעקטישע קונצען וואָס האָבען איבערגעלאָזען אַ רושם אויף זייערע צייט־גע־נאָסען:

דער ליגנער: ווען אַ ליגנער זאָגט אויף זיך, אַז ער איז אַ ליגנער, זאָגט ער אַ ליגען און אַן אמת אין דער זעלביגער צייט.

די עלעקטרא: עלעקטרא קען איהר ברודער אָרעסט, אָבער אַז אָרעסט וויקעלט זיך אין עפּעס איין, דערקענט זי איהם ניט.

הייסט עס, אז עלעקטרא קען ניט, ווענמען זי קען.

דער הויפען קאָרן : איין קערענדיל בעשאַפט ניט קיין הויפען קאָרן. לייג איך צו נאָך איינעם, ווערט אַלץ ניט קיין הויפען. דערנאָך קומט א מאָמענט, ווען איין קערענדיל שאַפט דעם גאַנצען הויפען. אויף דעם זעלביגען אופן איז געווען אויפגעבויט דער „פאַנג־שלוס" מיט דעם „פליכעוואַטען": אז איין האָר פאַלט אַרויס איז נאָך ניט קיין פּליך א. ז. וו.

דער געהאָרנטער : דאָס, וואָס דו האָסט ניט פערלאָרען, האָסטו. קיין הערנער האָסטו ניט פערלאָרען, במילא האָסטו הערנער.

אָט די אַלע שטיפערייען האָבען אין יענער צייט געהאַט א טיעפען ערנסטען זין. זיי האָבען געזאַמעלט מאַטעריאַל פאַר דעם אויפבוי פון א קלאָרער פינקטליכער לאָגיק, וואָס האָט געדאַרפט אויספאָרשען די געזעצען פון א ריכטיגען דענקען.

נאָהענט צו דער מעגאַרישער איז, לויט איהר ריכטונג, געווען די שוהלע, וועלכע פעדאָן האָט געגרינדעט אין עלים. אָבער זיכע־רעס וועגען איהר ווייסען מיר ניט.

## § 38. אַנטיסטהענעס און די ציניקער.

די וויכטיגסטע שוהלע, וועלכע די איינזייטיגע סאָקראַטיקער האָבען אַרויסגעבראַכט, איז געווען די, וואָס סאָקראַט׳ס תלמיד, אַנטיסטהענעס, האָט געגרינדעט אין אַטהען אויף דעם פּלאַץ קינאָס אַרגעס. פון דעם נאָמען שטאַמט דער נאָמען פון דער גאַנצער שוהל : די „קינישע" אָדער די „צינישע". שפּעטער האָט מען דעם נאָמען געוועלט אַרויסברענגען פון דעם גריכישען וואָרט: „קיאָן־קינאָס" — א הונט, ווייל מען האָט דערמיט געוואָלט אויפוואַרפען איהרע אַנהענגער, אז זיי פּרעדיגען און פיהרען א הינטישען לעבען.

אַנטיסטהענעס האָט וועניג געהאַלטען פון סאָקראַט׳ס מעטהאָ־דען־לעהרע און פון זיין גאַנצער בעגריפס־פילאָסאָפיע. ער האָט ניט געגלויבט, אז די אַלגעמיינע בעגריפען דריקען אויס דעם תוך־דבר פון א זאַך און האָט געלייקענט, אז זיי זאָלען האָבען א וועלכע ס׳איז זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ. אין דער נאַטור זענען דאָ נאָר איינצעל־זאַכען און איינצעל־ערשיינונגען ; ניט קיין אַלגעמיינע בעגריפען. „א פערד זעה איך, אָבער די פערדהייט זעה איך ניט." דערפאַר קען מען אַנטיסטהענעס רעכענען דעם פאָטער פון דעם

,נ אָ מ י נ אַ ל י ס ט י ש ע ן“ געדאַנק, וואָס זאָגט אונז, אַז אַל־געמיינע אַבסטראַקטע בעגריפען זענען מעהר ניט, ווי „ווערטער“ און האָבען קיין ברעקיל ממשות ניט.

ער האָט אויך געקריטיקירט דעם הויפּט־צוועק פון סאָקראַט׳ס מעטהאָדען־לעהרע, די אויסגעפינונג פון ריכטיגע בעגריפליכע דע־פיניציאָנען. איינפאַכע זאַכען, זאָגט ער, קאָן מען איבערהויפּט ניט דעפינירען, ווי צ. ב. רויט, גרין, זיס א. ז. וו. דעפינירען קאָן מען נאָר צוזאַמענגעזעצטע זאַכען און די גאַנצע דעפיניציע בע־שטעהט מעהר ניט ווי אין דעם, וואָס מען דערקלעהרט די איינ־צעלנע טהיילען פון וועלכע די צוזאַמענגעזעצטע זאַך בעשטעהט. אָבער אַזעלכע דערקלעהרונגען זענען באמת נאָר שיין־דערקלעה־רונגען, כלומרשט׳דיגע אמת׳ן, ווייל פון יעדער זאַך קאָן מען נאָר זאָגען אַז זי איז גלייך צו זיך אַליין. איך קאָן צ. ב. ניט זאָגען דער מענש איז גוט, ווייל גוט און מענש זענען צוויי פערשיעדענע בעגריפען וואָס האָבען קיין ברעקיל שיכות ניט איינער מיט דעם אַנדערען. אַ מענש איז אַ מענש און גוט איז גוט. מעהר ווי דאָס קאָן מען פון די בעגריפען גאָרניט ארויסברענגען.

די הויפּט אויפגאַבע פון אַנטיסטהענ׳ס פילאָסאָפיע איז גע־ווען — ווייטער אויסצובויען די טוגענד־לעהרע פון סאָקראַטעס. ביי סאָקראַט׳ן איז געבליעבען ניט קלאָר דער פּונקט וועגען דעם, וואָס איז אַזוינס גליקזעליגקייט. גליקזעליגקייט, ענטפערט אויף דער שאלה אַנטיסטהענעס, איז די בעפריעדיגונג פון בעדערפ־ניסען. וואָס מעהר בעדערפנישע אַ מענש האָט, אַלץ שווערער איז צו בעפריעדיגען זיי, אַלץ מעהר איז דער מענש פערשקלאַפט צו דעם לעבען. דער אידעאַל פון גליקזעליגקייט איז דעריבער אין גאַנצען זיך בעפרייען פון איבעריגע בעדערפנישען. אַזוי קומט מען צו דער אינוועניגער פרייהייט פון דעם מענשען׳ס נשמה, צו איהר אונאַבהענגיגקייט פון דער ארומיגער סביבה, און דערין בעשטעהט די טוגענד. און דערצו דאַרף מען ניט קיין פולע וויסען, נאָר דעם פעסטען מוטה פון אַ סאָקראַטעס. אַלץ, וואָס פערמעהרט אונ־זערע בעדערפנישען, איז שלעכט. אַ פערנינפטיגער מענש דאַרף זיך אינטערעסירען מיט דעם, וואָס איז גוט אָדער שלעכט. אַלץ וואָס ליעגט צווישען זיי איז „אדיאַפאָראָן“, אַ גלייכגילטיגע זאַך.

לעבען דאַרף מען נאָך די געזעצען פון דער נאַטור, ניט נאָך די געזעצען פון דער געזעלשאַפט און דעם שטאַאַט. מיט דער בע־פרידיגונג פון נאַטירליכע בעדערפנישען איז זיך ניטאָ וואָס צו שעהמען. (דער עיקר, פאַר דעם פונקט פלעגט מען די ציניקער אויפוואַרפען, אז זיי לעבען ווי הינט).

קיין סך געטער איז ניטאָ, עס איז דאָ נאָר איין איינציגער גאָט. זיין גאָטעס־דיענסט איז דער לעבען לויט די פּרינציפּען פון דער טוגענד. שקלאַפעריי שטאַמט ניט אָב פון דער נאַטור, דע־ריבער דאַרף זי אָבגעשאַפט ווערען. עס איז על פּי נאַטור צו לעבען אין קאָמוניזם און האָבען די ווייבער בשותפות. פאַר דעם פילאָסאָף איז זיין פאָטערלאַנד די גאַנצע וועלט.

מען זעהט, אז אַנטיסטהענעס איז איינער פון די טיעפסטע ראַדיקאַלסטע דענקער אויף דעם געביט פון'ם מענשליכען לעבען, ווען אפילו זיין טהעאָרעטישע וועלט־אַנשויאונג איז געבליבען מאָ־גער און ניט ענטוויקעלט.

דער בעריהמטעסטער פון די ציניקער איז דיאָגענעס, וועגען וועלכען עס ווערען דערצעהלט א סך אינטערעסאַנטע און כאַראַק־טעריסטישע אַנעקדאָטען. צו א מענשען, וואָס האָט זיך טובל געווען אין רעליגיעזע אָבוואַשונגען, כדי ריין צו ווערען פון זיינע זינד, האָט ער אמאָל געזאָגט: „אונגליקליכער! דורך אַזעלכע וואַ־סער־שפּריצונגען קאָנסטו ניט פּטור ווערען אפילו פון די שפּראַך־פעהלערען, וועלכע דו מאַכסט; ווילסטו נאָך פריי ווערן פון די זינד, וואָס דו האָסט בעגאַנגען אין דיין לעבען! אז מען האָט איהם געפרעגט, וואָס איז דאָס שעהנסטע אין דער וועלט, האָט ער גע־ענטפערט: דאָס פרייע וואָרט! פאַר דער פילאָסאָפיע האָט ער אָבער גאָר ניט אויפגעטהאָן. ער האָט מיט שטאָלץ געטראָגען דעם נאָ־מען „ציניקער" און פלעגט זאָגען, אז די נפקא מינה צווישען איהם און א הונט איז די, וואָס ער, דיאָגענעס, בייסט נאָר זיינע פריינד, כדי זיי זאָלען איינזעהן דעם ריכטיגען וועג פון לעבען און דערגריי־כען דעם אמת'ן מענשען־גליק.

די איבעריגע ציניקער האָבען אויך ניט בערייכערט דעם אוצר פון'ם פילאָסאָפישען געדאַנק. זיי האָבען אָבער זעהר פיעל אויפ־געטאָן מיט זייער סאַטירישער קריטיק פון'ם יעמאָלטיגען לעבען.

א סך פון זיי זענען געווען גלענצענדע פראזאישע שריפטשטעלער, פול מיט הומאר און בייסענדע אנפאלען אויף די גרונד־פעסטען פון דער יעמאלטדיגער געזעלשאפט. אין זייערע שריפטען פלעגען זיי זיך ניט אבשטעלען פאר געוויסע גראבע וויצען בנוגע צו דעם גע־שלעכטס־לעבען, וואס האבען פון יענער צייט אן בעקומען דעם נאמען „צינישע“.

## § 39. אריסטיפ און די קירענאיקער אדער העדאניקער.

אויך אריסטיפ איז ניט צופרידען מיט סאקראט'ס בעגריף־לעהרע. אין דער ערקענטנים־טהעאריע שטעהט ער אויף דעם שטאנדפונקט, וועלכען פראטאגאראס האט אויסגעפונען. דער אמת ליעגט אין די עמפפינדונגען, וואס ווערען ארויסגערופען דורך די דרויסענדיגע וועלט. זיי זאגען אבער אונז ניט, ווי אזוי עס זעהט אויס באמת די דרויסענדיגע וועלט.

אויך מיט סאקראט'ס ענטפער אויף דער שאלה מכח גליק־זעליגקייט איז ער געבליבען אונבעפרידיגט. סאקראטעס האט אויס־געפינען, אז דער אינוועניגסטער זין פון טוגענד איז וויסען, ריכטיג פערשטעהן. עס פרעגט זיך אבער, וואס זאלען מיר וויסען, וואס פערשטעהן? ענטפערט מען דערויף: מיר זאלען ריכטיג פערשטעהן און וויסען „דאס גוטע“, איז יעמאלט ווידער די שאלה: און וואס איז „דאס גוטע“? וועט מען דערויף ענטפערן: „דאס גוטע“ איז די טוגענד, יעמאלט דרעהען מיר זיך ארום אין א פער'כשופ'טען קרייז. זאגען מיר: „דאס גוטע“ איז דאס, וואס ברענגט נוצען, יעמאלט פארליערט די טוגענד איהר בעשטימטע וויסענשאפטליכע פעסט־קייט און זיכערקייט, ווייל יעדער איינער קאן אנדערש פערשטעהן דאס, וואס איהם ברענגט נוצען. אויסערדעם פערליערט דערביי דער ט־גענד־בעגריף זיין זעלבסטשטענדיגקייט. ער ווערט אבהענגיג פון אן אנדער זאך, פון דער זאך, פאר וועלכע די טוגענד קאן ברענגען א נוצען. זאגען מיר אבער אז די טוגענד בעשטעהט אין גליקזע־ליגקייט, דארף מען קודם כל פערענטפערן די פראגע: אין וואס בעשטעהט גליק? דערויף זוכט אריסטיפ צו געבען אן ענטפער. גליק־זעליגקייט איז לויט איהם, ווי אויך לויט אנטיסטהענעס, די בעפרידי־גונג פון בעדערפינישען. אבער בעת אנטיסטהענעס איז דערפון געקו־מען צו דעם געדאנק, אז וואס ווייניגער בעדערפינישען, איז אלץ לייכ־

טער צו בעפרידיגען זיי און אַלץ פרייער ווערט דער מענש, געהט אריסטיפּ'ס געדאַנק אין פּונקט די אומגעקעהרטע ריכטונג. די בעפרי־דיגונג פון די בעדערפעניסען ברענגט לוסט און אין דערינען בע־שטעהט דער גליק. און וואָס מעהר בעפרידיגונג פון בעדערפעני־שען, אַלץ מעהר לוסט, אַלץ מעהר גליקזעליגקייט. די לוסט ענט־שטעהט, ווען פון דער דרויסענדיגער וועלט ווירקט אויף אונז איין א שטילע זאנפטע בעוועגונג. ווערט די בעוועגונג צו שטארק האָבען מיר יעמאָלט שמערץ, געהט זי אין גאנצען איבער אין רוהע, פער־האלטען מיר זיך גלייכגילטיג.

די הויפּט־זאַך איז — הנאה האָבען (אין גריכיש ווערט עס אויסגעדריקט דורכ'ן וואָרט העדאָנע — די לוסט. דערפון שטאמט דער נאָמען פון דער שוהלע די „העדאָניקער"). דערביי איז קיין נפקא מינה ניט, וואָס עס ברענגט ארויס לוסט. יעדע לוסט איז גוט. יעדע הנאה א טוגענד.

וואָס איז דאָ סאָקראַטישעס אין אריסטיפּ'ס לעהרע? סאָק־ראטיש איז דער געדאַנק, אז טוגענד איז אַ וויסענשאַפט, וועלכע מען קען אויסשטודירען, כדי ארויסצוברענגען, וואָס פערשאַפט דעם מענשען לוסט. א חוץ דעם דאַרף די טוגענד־וויסענשאַפט אויס־לערנען דעם מענשען בעהערשען די לוסט, זיך ניט לאָזען בעהער־שען פון איהר. דער מענש זאָל אין יעדען מאָמענט זיך קאָנען בע־פרייען פון איין לוסט און איבערגעהן צו אַן אַנדערער.

אריסטיפּ'ס תלמיד, ט ה ע אָ ד אָ ר אָ ס , האָט שוין איינ־געזעהן די פאַלשקייט פון אזא ענטפער. ניט יעדע לוסט ברענגט אונז גליק. מען דאַרף אויסוועהלען אזעלכע הנאות אין לעבען, וואָס פערשאַפען דער נשמה א לאַנג אָנהאַלטענדע פרייד.

טיעפער פאַר אַלעמען איז אריינגעדרונגען אין דעם לוסט־פּראָבלעם ה ע ג ע ז י א ס. אין איינעם מיט זיין לעהרער און זיינע חברים האָט ער געהאַלטען, אז דער הויפּט צוועק פון'ם לעבען איז לוסט און בעפרייאונג פון שמערץ. אָבער אויסשטודירענדיג דעם לעבען און אויספאָרשענדיג אַלע ארטען פון לוסט און שמערץ, וואָס ער קען אונז ברענגען, איז ער געקומען צו דעם פּעסימיסטישען רעזולטאַט, אז אין לעבען איז דאָ זעהר ווענינ לוסט און זעהר פיעל שמערצען, און אז די בעסטע סגולה, ווי צו בעפרייען זיך פון די

שמערצען, איז בעפרייען זיך פון'ם לעבען. עס איז בעסער צו שטאר־בען עהדער צו לעבען און בעסער פארביידען איז גאָר ניט געבאָרען צו ווערען. די, וואָס קאָנען ניט אוועק פרייוויליג פון לעבען, דארפען זעהן ווענינגסטענס בעקומען פון איהם וואָס וועניגער שמערץ און טרויער.

דורך זיינע פעסימיסטישע פּאָרלעזונגען האָט העגעזיאס א סך מענשען געטריעבען צו זעלבסטמאָרד. מען איז דעריבער געווען געצוואונגען אין גאנצען צו פערוועהרען איהם צו האלטען פּאָרלע־זונגען.

זיין פעסימיזם איז ביי איהם (ווי שפּעטער ביי שאָפּענהויער'ן) געווען פערבונדען מיט א געפיהל פון צער און רחמנות צו אלעמען, וואָס ליידען אונטער דער שווערער משא פון דעם לעבען. אפילו די וואָס בעגעהען זיטליכע פעהלער פערדיענען אונזער מיטלייד. זיי טהוען דאָס אונטער דעם דרוק פון א וועלכען עס איז ל י י ד ע ן, זאָל דאָס זיין אפילו א ליידענשאפט. מען זאָל זיי דערפאר ניט האַ־סען. מען דארף זיי פערגעבען זייערע זינד און בעמיהען זיך, מאַ־כען זיי פאר בעסערע מענשען.

דער לעצטער וויכטיגער דענקער פון דער העדאָנישער שוהלע איז געווען אנניקערים. ער קוקט ניט אזוי פעסימיסטיש אויפ'ן לעבען ווי העגעזיאס. פאראַן אינ'ם לעבען הנאות, וואָס ברענגען אונז ניט קיין שמערצען, וואָס גיסען אריין א שטילע פרייד אין דער נשמה און וואָס אין זיי בעשטעהט דער מענשליכער גליק. דאָס זענען די הנאות פון פריינדשאפט, דאנקבארקייט, ליעבע צו די על־טערען און צום פאָטערלאנד א. אז. וו.

דערמאָנט מעג נאָך ווערען דער העדאָניקער ע ו ו ה ע מ ע ר, וואָס איז בעריהמט געוואָרען דורך זיין ערקלעהרונג, ווי אזוי עס זענען בעשאפען געוואָרען מיטהען און רעליגיאָנען. די העלדען פון די מיטהאָלאָגישע ערצעהלונגען און די געטער זענען פריהער געווען מענשען, וואָס האָבען זיך פערדינט געמאכט ביי זייערע מיט־מענשען. נאָכ'ן טויט האָט מען זיי פערגעטערט און אָבגעגעבען זיי געטליכען כבוד. אזא ערקלעהרונג פון דער ענטשטעהונג פון דער רעליגיאָן איז נאָך עד היום ניט פעראַלטעט און ווערט אין דער וויסענשאפט אָנגערופען עווהעמעריזם.

די העדאָנישע שוהלע איז שפּעטער אָבגערוקט געוואָרען אָן א זייט דורך די עפּיקורעישע וואָס האָט אויפגענומען אַלע איהרע פּראָבלעמען און האָט זיי מעהר פּערטיעפט.

דער איינציגער פון סאָקראַט'ס תלמידים, וואָס האָט טיעף פערשטאַנען אַלע טהיילען פון דעם לעהרער'ס פילאָסאָפיע און וואָס האָט זי ווייטער אויסגעבויט אין א גרויסארטיגען סיסטעם, איז געוועזן — פּלאַטאָן.

## ליטעראַטור וועגען דער גריכישער פילאָסאָפיע ביז צו פּלאַטאָן.


ב) וועגען סאָקראַטעס (§ § 30—34):

Fouille, La philosophie de Socrate, Paris 1874.

Edm. Pfleiderer, Sokrates, Plato und ihre Schüler, Tub. 1896.

P. Natarp, Ueber Sokrates, Philos. Monatshefte, Bd. 30. 1894.

ג) וועגען די איינזייטיגע סאָקראַטיקער (§ § 35—38) :

Ferd. Duemmler, Akademika, Beiträge zur Literaturgeschichte der Sokratischen Schulen, Giessen, 1889.

Th. Gomperz, Griechische Denker, Bd. II.

Th. Ziegler, Geschichte der Ethik, Bd. I.

פיערטער קאַפּיטעל.

# פלאַטאָן און אריסטאַטעלעס.

אינהאַלט: פלאַטאָן'ס לעבען. דער פּאָעט און דער פילאָסאָף. פלאַטאָן'ס שריפטען. — פלאַטאָן'ס אידעען־לעהרע. די פיער קוואַלען פון דער מענשליכער ערקענטניס. די אידעען־וועלט און די אייביגע אידעאַלען. די פלאַטאָנישע ליעבע און דער „עראָס". — פלאַטאָן'ס וועלט־בילד. — זיין עטהיק און דער קאָמוניסטישער שטאַאַט. — אריסטאָטעל'ס לעבען. — זיינע שריפטען און די איינטיילונג פון זיין סיסטעם. — די קריטיק פון פלאַטאָן'ס אידעען־לעהרע. — די פיער גרונד־פּרינציפּען. — אריסטאָטעל'ס וועלט־סיסטעם. זיין עטהיק און עסטהעטיק.

## §40. פלאַטאָן'ס לעבען. (428—347).

פון אלע תלמידים פון סאָקראַטעס איז פלאַטאָן געוועזען דער איינציגער, וואָס האָט אויפגענומען די פילאָסאָפיע פון זיין רבי'ן אין איהר איינהייט און גאַנצקייט און האָט זי ענטוויקעלט אין א גרויסאַרטיגען סיסטעם, וועמעס גרונד־שטריכען זענען נאָך ניט פעראַלטערט געוואָרען ביז צום היינטיגען טאָג. זיי וועלען געוויס נאָך א סך דורות און בעלייכטען דעם מענשליכען געדאַנק אין זיין פאָרשען און זוכען דעם פילאָסאָפישען אמת.

פלאַטאָן שטאַמט פון זעהר אַן אריסטאָקראַטישער אַטהענישער פאַמיליע. ער האָט גענאָסען די בעסטע ערציהונג, וואָס מען האָט זיך געקאָנט דענקען אין יענער צייט. ער האָט זיך זעהר פיעל בעשעפטיגט מיט פּאָעזיע און איז אליין געוועזען פון דער נאַטור בעגאַבט מיט א שטאַרקען פּאָעטישען אָדער.

אין דער עלטער פון צוואַנציג יאָהר איז ער צוגעשטאַנען צו דעם קרייז, וואָס אַרום סאָקראַטעס, און איז פערבליבען זיין תלמיד ביז סאָקראַט׳ס טויט. אונטער סאָקראַט׳ס השפעה האָט ער זיך אין גאַנצען אָבגעגעבען דעם שטודיום פון פילאָסאָפישע פּראָבלע־מען און האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיין פּאָטישער טהעטיגקייט. אַלע זיינע פּאָעטישע פּרובען האָט ער פערברענט. אָבער דער פּאָעט אין איהם איז געבליבען. סיי אין דער אויסאַרבייטונג פון זיין פילאָסאָפישען סיסטעם, סיי אין דער שריפטליכער שילדערונג פון זיינע געדאַנקען איז פּלאַטאָן גלייך גרויס ווי אַ פּאָעט און אַ דענ־קער. אויף איהם, מעהר ווי אויף אַלע אַנדערע פילאָסאָפען, האָט זיך פערווירקליכט פרידריך אַלבערט לאַנגע׳ס אויסשפּרוך, אַז די פילאָסאָפיע איז די פּאָעזיע פון בעגריפען.

נאָך סאָקראַט׳ס טויט איז ער מיט די איבעריגע תלמידים אַוועקגעפאָהרען קיין מעגאַרא צו עוקליד׳ן און דאָרטען איז ער גרינדליכער בעקאַנט געוואָרען מיט דער פילאָסאָפיע פון די עלעאַ־טען. ער האָט אויך געמאַכט אַ רייזע קיין אונטער־איטאַליען, וואו ער איז טיעפער אַריינגעדרונגען אין די פילאָסאָפיע פון פּיטהאַגאָ־ראַס. שפּעטער איז ער געקומען קיין סיציליען. צו יענער צייט איז שוין ביי איהם פאַרטיג געווען דער פּלאַן פון אַן אידעאַלער מדינה־אָרדנונג, וואָס איז אויפגעבויט געווען לויט די פּרינציפּען פון זיין פילאָסאָפיע. אין סיציליען האָט דעמאָלט געהערשט דער טיראַן דיאָניס, מיט וועמעס שוואָגער, דיאָן, פּלאַטאָן האָט זיך בעפריינדעט. דורך די הילף פון דיאָן האָט פּלאַטאָן געהאָפט פועל׳ן ביי דיאָניס׳ ער זאָל איינפיהרען אין זיין מדינה די גרונד־פּרינציפּען פון דער פערנינפטיגער שטאַאַטס־אָרדנונג. דער פּלאַן האָט זיך אויסגעלאָזען זעהר ביטער פאַר פּלאַטאָנען. סוף כל סוף האָט ער זיך פערפיינדעט מיט דיאָניס׳ן, און יענער האָט איהם בעהאַנדעלט ווי אַ געפאַנגענעם אין קריעג: ער האָט איהם פערקויפט אין שקלאַפעריי.

אויסגעלייזט פון שקלאַווענטהום האָט איהם דער שוין אונז בעקאַנטער פילאָסאָף פון דער קירענייאישער שוהלע, אַנניקערים. פּלאַטאָן׳ס פריינד האָבען געוואָלט צוריקגעבען אַנניקערים׳ן די סו־מע, וואָס ער האָט אויסגעלעגט פאַר פּלאַטאָן׳ס פּדיון שבואים.

אנניקערים האָט אָבער דאָס געלד ניט געוואָלט נעהמען. די פריינד האָבען דעריבער בעשלאָסען צו קויפען פלאטאָנען אַ פּלאַץ אין אטהען, וואו ער זאָל קאָנען גרינדען זיין שוהל. דער פלאַץ האָט געהייסען די „אַקאַדעמיע“ און דערפאַר רופט מען פלאטאָן'ס נאָכ־פאָלגער אויך די „אַקאַדעמיקער“. די לעהרען־מעטהאָדע פלאטאָן'ס איז געווען אַ צווייפאַכע: אין דער פאָרם פון אַ צוויי־גשפּרעך (דיאַ־לאָג), וועלכע ער האָט איבערגענומען פון סאָקראַט'ן, און אויך אין דער פאָרם פון א שעור, וועלכען ער פלעגט האלטען פאר די תלמידים. איין מאָל אין חודש פלעגט מען זיך צונויפקלייבען צו א פילאָסאָפישען מאָלצייט, צו א „סימפּאָזיאָן“.

די לעהרען־טהעטיגקייט איז צוויי מאָל איבערגעריסען געוואָ־רען דורך די איינלאַדונג פון זיין פריינד, דיאָן, צו קומען קיין סי־ציליען. ער האָט געהאָפט אַז ביי דעם אינגערען דיאָניס וועט דער פילאָסאָפישער אידעאַל פון אַ שטאַאַט האָבען מעהר מזל, עהדער ביי דעם פאָטער. פלאטאָן'סביידע נסיעות קיין סיראַקוז, די הויפּט־שטאָדט פון סיציליען, האָבען ניט געבראַכט דעם געהאָפטען ערפאָלג.

צוריקגעקעהרט אין אטהען, איז ער שוין דאָרטען פערבליבען אין זיין אַקאַדעמיע, לערנענדיג זיין פילאָסאָפיע און שרייבענדיג זיינע ווערק.

דאָס גאַנצע לעבען פון פלאטאָן איז אַזוי ריין און ערהאַבען, שטימט אַזוי גוט מיט זיין ריינער, ערהאַבענער, אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע, אַז זיין פיגור איז אין דער פאַנטאַזיע פון די שפּע־טערדיגע דורות אויסגעוואַקסען כמעט צו אַ האַלב געטליכער גע־שטאַלט. זיין געבורט, האָט מען זיך דערצעהלט, איז געווען אַן אי־בערנאַטירליכע. זיין פאָטער איז געווען, אייגענטליך, דער גאָט אפּאָלאָן. ער האָט מיטגעטהיילט דעם אָפּיציעלען פאָטער, אַז זיין פרוי טראָגט אין איהר לייב גאָט'ס אַ קינד און דעריבער האָט זיך דער מאַן צו איהר ניט צוגעריהרט. נאָך דער געבורט פון פלאַ־טאָן איז די מוטער געבליבען אַ יונג־פרוי. עס איז שווער ניט צו דערקענען אין דער לעגענדע די הויפּט־שטריכען מיט וועלכע מען האָט שפּעטער לעגענדאַריש פערציערט די געבורט פון יעזוס קריסטוס.

### § 41. פּלאַטאָן'ס שריפטען.

פּלאַטאָן איז דער ערשטער פילאָסאָף, וואָס האָט אונז איבער־נעלאָזען געשריבענע ווערק. זיי האָבען זיך כמעט אין גאַנצען דערהאַלטען ביז אויף אונזערע טעג. אָבער ניט אַלע ווערק, וואָס טראָגען אויף זיך דעם נאָמען פון פּלאַטאָן, זענען געשריבען גע־וואָרען פון איהם. עס איז געווען אַ האַרטע ארבייט פאַר דער קריטיק פון פּלאַטאָן'ס שריפטען אויסצוגעפינען יענע פון זיי, וואָס שטאַמען פון דעם פילאָסאָף גופא. די צווייטע אויפגאַבע פון דער פּלאַטאָן־קריטיק איז בעשטאַנען אין דעם, ריכטיג אויסצורעכענען די צייט, אין וועלכער זיי זענען פערפאַסט געוואָרען. פּלאַטאָן'ס שריפטשטעלערישע טהעטיגקייט פערנעהמט אַ משך פון איבער פונפציג יאָהר, און אין דער צייט האָבען זיך זיינע געדאַנקען ניט איין מאָל געביטען. זיין פילאָסאָפיע האָט זיך פאַנאַנדערגעוואַקסען און האָט זיך בהדרגה ענטוויקעלט. עס איז דעריבער פון גרויסער וויכטיגקייט פאַר דער פּלאַטאָן־קענטענים צו האָבען אַ ריכטיגע כראָנאָלאָגיע פון זיינע ווערק. פערשיעדענע מעטהאָדען זענען אָנ־געווענדט געוואָרען, כדי אויסצוגעפינען דעם פריהער־און־שפּעטער פון זיין געדאַנקען־גאַנג. ערשט גאָר אין דער לעצטער צייט האָט מען, ווי עס ווייזט אויס, אויסגעפונען די ריכטיגע מיטלען ווי אַזוי ארויסצוברענגען דעם אמת אין דעם פּרט.

מען טהיילט איצטער איין אַלע שריפטען פּלאַטאָן'ס אין פיער גרופּען.

ערשטענס: די יונגענד ווערק. די וויכטיגסטע פון זיי זענען: די „אַפּאָלאָגיע" און דער „ליזיס".

צווייטענס: די פּאָלעמיק מיט די סאָפיסטען (דער „גאָרגיאַס", „פּראָטאַגאָראַס" און „מענאָ").

דריטענס: די צייט פון דער אידעען־לעהרע („פעדרוס", „טהעעטעט", „סימפּאזיאָן", „פעדאָן" און די „רעפּובליק").

פיערטענס: די אַלטערס־שריפטען („פילעבוס", „טימעוס" און די „געזעצען").

### § 42. די איינטהיילונג פון פּלאַטאָן'ס סיסטעם.

ביז צי די סאָפיסטען האָט דער פילאָסאָפישער געדאַנק גע־האַט דער עיקר צו טהאָן מיט דער נאַטור־פילאָסאָפיע. די סאָ־

פיסטען האָבען זיך אין דער פילאָסאָפיע מעהר פאַר אַלץ בעשעפ־
טיגט מיט די פראַגען פון דער מענשליכער ערקענטניס. סאָקראַטעס
האָט אוועקגעלעגט דעם גרונד־שטיין פאַר אַ וויסענשאַפטליכע טו־
גענד־לעהרע. פלאַטאָן, וואָס האָט אריינגענומען אין זיך די וויר־
קונגען פון אַלע דריי פעריאָדען, האָט אויסגעבויט די אַלע דריי
גרויסע פּראָבלעמען פון דער פילאָסאָפישער פאָרשונג. מען טהיילט
דעריבער איין זיין פילאָסאָפיע אין דריי טהיילען: די ל אָ ג י ק,
וואָס בעשעפטיגט זיך מיט די פראַגען פון דעם ריכטיגען מענש־
ליכען דענקען; די פ י ז י ק, וואָס בויט אויף אַ בילד פון דער
גאַנצער וועלט, און די ע ט ה י ק, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט די
פּראָבלעמען פון גוטס און שלעכטס אין דעם לעבען פון דעם איינ־
צעלנעם און דעם בוי פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. די שטאַאַטס־
פילאָסאָפיע פלאַטאָן׳ס געהערט דעריבער צו זיין עטהיק.

### § 43. פלאַטאָן׳ס לאָגיק און אידעען־לעהרע.

פלאַטאָן׳ס לאָגיק נעהמט אריין אין זיך די שאלות פון דער
גאַנצער מענשליכער דערקענטניס, ניט נאָר די פּראָבלעמען פון דעם,
אַזוי אנגערופענעם, פאָרמאַל־לאָגישען דענקען *). פלאַטאָן אינטע־
רעסירט זיך קודם כל מיט דער פראַגע פון וואַנען שטאַמט די מענש־
ליכע ערקענטניס און וואָס זענען די בעדינגונגען פאַר אַ זיכערען
וויסענשאַפטליכען אריינדרינגען אין די סודות פון דער וועלט.

ער שיידט פאַנאַנדער פ י ע ר קוואַלען פון וואַנען עס שלאָגט
מענשליכע ערקענטניס. דער ערשטער קוואַל איז די ע מ פ פ י נ־
ד ו נ ג: די מענשליכע חושים, וואָס גיבען אונז אַ בילד פון דער
דרויסענדיגער קערפערליכער ערפאַהרונגס־וועלט. אינאיינעם מיט
די סאָפיסטען גלויבט פלאַטאָן, אַז דער קוואַל קאָן אונז ניט געבען
קיין זיכערע ערקענטניס. אַלץ, וואָס די ערפאַהרונג לערנט אונז
דורך די חושים איז, אַז עס איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס בייט אַלע
ווײַלע זיינע געשטאַלטען. זי לערנט אונז מעהר נישט ווי דאָס,
וואָס עס איז געוועזען ביז אַהער און וואָס עס געפינט זיך אין דעם איצ־
טיגען מאָמענט. זי גיט אונז ניט קיין קלאָרען ענטפער אויף דעם

*) פערגלייך אונזער איינלייטונג זייטע 14, 15 וועגען דער
לאָגישער נויטהווענדיגקייט.

„פאַר וואָס“, אויף די אייביגע פּרינציפּען, וואָס הערשען אין איהר און וואָס מאַכען, אַז די ערשיינונגען פון דער וועלט זאָלען על פּי נויטווענדיגקייט זיין אַזוי ווי זיי זענען. וואָלט אונזער ערקענטניס געבויט זיין נאָר אויף דעם מאַטעריאל וואָס די חושים ברענגען אונז, וואָלט קיין מאָל ניט געמאָלט זיין די מעגליכקייט וואָס עס איז פאַראויסצוזאָגען אויף פריהער.

דער צווייטער קוואַל איז די מענשליכע מיינונג. אין זייערע אורטהיילען פערלאָזען די מענשען די גרענעצען פון דער איינגענט־ליכער ערפאַהרונגס־וועלט. זיי בילדען געדאַנקען וועגען זאַכען, וועלכע זיי האָבען מיט זייערע חושים קיין מאָל ניט אויפגענומען. כמעט אַלע מיינונגען וועגען דער געטער־וועלט און וועגען גוט און שלעכט שטאַמען פון דעם קוואַל. דאָס רוב זענען אָט די אַלע געדאַנקען לגמרי פאַלש און האָבען קיין ברעקיל באָדען ניט אונטער זיך.

דער דריטער קוואַל איז די ריכטיגע, אמת'ע מיינונג. אויך זי שטייגט אַריבער די גרענעצען פון דער זינען־וועלט. די גאַנצע מענשליכע פּראַקטיק, די קונסט און אַלע מלאכות, וואָס זענען אויפ־געבויט אויף דעם פאָראויסזעהן פון דער צוקונפט, אויף דעם וואָס עס מוז געשעהען ווען מיר טראָגען אריין אין דער וועלט די אָדער יענע פערענדערונגען, געהערען צו דעם דריטען קוואַל. אַלע אַזעלכע מיינונגען זענען אמת, אָבער ניט זיכער, ווייל דער מענשליכער שכל איז דאָ ניט בכח אָנצוגעבען דעם קלאָרען גרונד, פאַר וואָס ער האַלט אַזוי פעסט אָן דער אָנגענומענער ריכ־טיגער מיינונג.

דער פיערטער קוואַל, איז דאָס וויסענשאַפטליכע דענקען, וואָס גיט אונז אָן דעם ריכטיגען גרונד, פאַר וואָס מיר מוזען אָננעהמען דעם געדאַנק און ניט קיין אַנדערען. דער בעסטער ביישפּיעל פון אַזאַ נויטווענדיגען קלאָרען, וויסענשאַפטליכען דענקען איז די מאַ־טעמאַטיק און יענע רעזולטאַטען פון דער טוגענד־לעהרע, וועלכע סאָקראַטעס האָט דערגרייכט מיט זיין מעטהאָדע.

פון וואַנען שטאַמט די ריכטיגקייט, קלאָרקייט און נויטווענ־דיגקייט פון דעם וויסענשאַפטליכען דענקען?

שוין סאָקראַטעס האָט געגעבען אַן ענטפער דערויף. זיי

שטאַמען פון דעם ב ע ג ר י ף. פלאַטאָן נעהמט אויף דעם ענטפער, אָבער ער פארטיעפט איהם און פערשפרייט איהם אויף אַלע פעלדער פון דער מענשליכער ערקענטניס. סאָקראַט׳ס „בעגריף“ רופט ער אָן „אידעע“ און זוכט קודם כל צו בעווייזען, אַז אויף דעם גרונד פון יעדער ריכטיגער ערקענטניס, וואָס שטייגט אריבער די גרעניצען פון זינליכער ערפאהרונג, ליעגט אַן אידעע, און אַז פון איהר פליעסט ארויס די נויטווענדיגקייט, קלאָרקייט און זיכערקייט פון דעם וויסענשאַפטליכען געדאַנק.

אַז אין דעם מענשליכען שכל זענען דאָ אַזעלכע אידעען, בעווייזט קודם כל די מאַטעמאַטיק. דער מאַטעמאַטיקער, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער טהעאָריע פון אַ דריי־עק אָדער פון אַ קרייז, זעהט פאר זיין גייסטיגען אויג עפּעס אַן ענין וואָס איז קיין מאָל ניט געווען און איז ניטאָ אין דער ערפאהרונג. אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין מאַטעמאַטיש־ריכטיגער דריי־עק אָדער קרייז. אַ חוץ דעם שוועבט פאר די שכל׳דיגע אויגען פון׳ם געלעהרענטען ניט אַ וועלכער ס׳איז בעשטימטער דריי־עק פון אַ געוויסער ברייט און הויך, נאָר דער דריי־עק איבערהויפּט, דער סתם־דריי־עק: עפּעס אַזוינס, וואָס איז כולל אין זיך אַלע דריי־עקען, ווי פערשיעדען זיי זאָלען ניט זיין איינע פון די אנדערע אין זייער גרויס. דער דריי־עק פון׳ם מאַטעמאַטיקער איז אַן „אידעע“, ארויסגעבראַכט געוואָרען נאָר פון׳ם מענשליכען שכל אליין.

ווען אַ וועלכער עס איז טעכניקער אָדער אַפילו אַ פּשוט׳ער בעל מלאכה וויל אויפבויען עפּעס וואָס איז נאָך ביז אַהער ניט געווען אין דער ערפאהרונגס־וועלט, מוז פריהער שוועבען פאר זיין גייסטיגען אויג דאָס בילד, דער מ ו ס ט ע ר פון דעם, וואָס ער וויל אויפבויען. אויך דער מוסטער איז אַן „א י ד ע ע“, ארויסגעבראַכט פון׳ם מענשליכען שכל. בעזונדערס קלאָר זעהט מען דאָס איין, ווען מען פערטיעפט זיך אין דער נשמה פון אַ קינסטלער, וואָס מאָלט אַ בילד אָדער האַקט אויס פון מאַרמעלשטיין אַ סטאַטוע. דאָ האָט פאר דעם שכל געמוזט פאַרשוועבען ניט נאָר גלאַט אַזוי אַ מוסטער, נאָר דער ה ע כ ס ט ע ר און דער ש ע ה נ ס ט ע ר מוסטער, ד. ה. דער אידעאַל פון׳ם בילד אָדער דער סטאַטוע. דער אידעאַל איז אַ שכל׳דיגע אידעע. און אַז

די סטאַטוע איז בעשאַפען, זעהען מיר אין איהר ניט נאָר די פערקערפערונג פון׳ם אידעאַל, נאָר נאָך עפּעס אזוינס, וואָס קאָן ניט שטאַמען פון דער ערפאַהרונג. דאָס איז די שעהנקייט. אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין שעהן און העסליך. שעהנקייט איז אַן „אידעע", וואָס שיינט אריין אין דעם קינסטלערישען פּראָדוקט, אַן אידעע, ארויסגעבראַכט פון דעם מענשליכען שכל.

אויף דעם גרונד פון אלע איינצעלנע גוטע מעשים ליעגט אויך, ווי סאָקראַטעס האָט בעוויזען, דער אלגעמיינער בעגריף פון א געוויסער טוגענד, ד. ה. איהר אידעע.

בעת דער מאַטעמאַטיקער פאָרשט אויס די געזעצען פון א וועלכער עס איז מאַטעמאַטישער פיגור, זעהט ער מיט זיין גייסטיגען אויג ניט נאָר די אידעאַלע פיגורען אליין, נאָר אויך אזעלכע ענינים, ווי גלייכהייט און פערשיעדענקייט, „גרעסער" און „קלענער". אָבער אויך די ענינים שטאַמען ניט פון דער ערפאַהרונג. די נאַטור ווייסט ניט און בעווייזט אונז ניט דעם אונטערשיעד פון „גרויס" און „קליין", פון „גלייך" און ניט „גלייך". די חושים, וואָס גיבען אונז די בילדער פון די נאַטורזאכען, ברענגען אונז די בילדער פון יעדער נאַטור־זאַך בעזונדער. די פערגלייכונג אויף דעם גרונד פון די אידעען: „גלייך", „ניט גלייך", „גרויס", „קליין" טראָגט אריין דער מענש אין דער ערפאַהרונג און ער קאָן דאָס טהון מעהר נישט דערפאַר, ווייל ער האָט די אידעען פון „גלייך" און „ניט גלייך", גרויס" און „קליין", „זיין" און „ניט־זיין" אין זיין אייגענער נשמה.

בעטראַכטען מיר ווייטער א וועלכען ס׳איז צוזאַמענגעזעצטען ענין, ווי צ. ב. א לעבעדיגען אָרגאַניזם אָדער א גאַנצען שטאַאַט, געפינען מיר אויך, אז דער תוך דבר וואָס ליעגט אין זיי, דער „שכל" וואָס אין זיי שטעקט, איז א וועלכער עס איז איינהייטליכער געדאַנק, וואָס קען ניט געפונען ווערען אין קיינעם פון זיינע טהיילען און קאָן אויך ניט איינגעזעהען ווערען מיט די חושים אין דעם גאַנצען. דער געדאַנק פון דעם אָרגאַניזם אָדער שטאַאַט איז אַן „אידעע", וואָס ווערט ארויסגעבראַכט פון דעם מענשליכען שכל.

אויף אזא׳ן אופן איז פּלאַטאָן׳ס אידעע א סך א טיעפערער און א רייכערער ענין, עהדער סאָקראַט׳ס אלגעמיינער בעגריף. די

אידעע איז, ניט נאָר אַן אַלגעמיינער, אבסטראקטער בעגריף וואָס איז כולל אין זיך אַ סך סמנים, וועלכע עטליכע זאַכען האָבען בשותפות, ווי צ. ב. דער בעגריף „סתם־מענש“, וועלכער בע־שטעהט נאָר פון יענע סמנים, וואָס אַלע מענשען האָבען בשותפות, וואָס מען טרעפט אָן ביי יעדען מענשען איינצעל גענומען. די אידעע איז נאָך דערצו אַ מ ו ס ט ע ר פאר די קערפערליכע ערשיינונגען, אַן אידעאַל, ד. ה. דער העכסטער גראַד פון פאָל־קאָמענהייט, שעהנקייט און גוטסקייט, און אויך דער ת ו ך־ ד ב ר, דער לעצטער שכל פון אַ וועלכער ס'איז ערשיינונג.

אָט דעם פערטיעפטען און בערייכערטען געדאַנק וועגען דער אידעע טראָגט פלאטאָן אַרויס פון דעם ענגען קרייז, וועלכען סאָקראַטעס האָט אַרומגעצירקעלט אַרום דער מענשליכער ער־קענטניס. ניט נאָר אין דער טוגענד־לעהרע און אין די מענשליכע האַנדלונגען איז דער מענשליכער שכל בכח אויסצוגעפינען, ד. ה. אַרויסצוברענגען פון זיך גופא, יענע אידעען, וואָס גיבען אונז אַ זיכערען און פעסטען וויסען. אויך אויף אַלע אַנדערע פעלדער פון דער מענשליכער דערקענטניס, דער נאַטירליכער און איבער־נאַ־טירליכער וועלט, איז די קראַפט פון'ם מענשליכען שכל ניט איינ־געצאַמט. ער קאָן אומעטום קומען צו דעם שכל'דיגען תוך־דבר, וואָס ליגט אויף זייער גרונד, ווייל דער קוואַל, פון וועלכען ער שעפט די בעקאַנטשאַפט מיט די נויטווענדיגע, זיכערע אידעען, ליעגט אין איהם גופא.

שטעלט מען זיך אָב בלויז אויף די ערקענטניס־טהעאָרעטישע געדאַנקען פלאַטאָן'ס, און רייסט מען זיי אַרויס פון זייער צו־זאַמענהאַנג מיט די איבעריגע טהיילען פון זיין סיסטעם, קאָן איינעם אויסדוכטען, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ שטרענג קרי־טישען פילאָסאָף, וואָס האָט צו טהאָן מעהר נישט ווי מיט דעם אייגענעם מענשליכען שכל, מיט דעם אויסשטודירען פון זיין אייגענער טבע, און וואָס וויל זיך ניט אריינמישען אין ענינים, וואָס ליגען מחוץ פון דעם מענשליכען שכל. פלאַטאָן קאָנסטאַ־טירט דאָ מעהר נישט אַזוינס, וואָס יעדער איינער קאָן געפינען און אויספּרובירען אין זיין אייגענער אינווענייגסטער ערפאהרונג. וואָלט דאָס באמת געווען אַזוי, וואָלט פלאַטאָן ניט געווען קיין מעטאַפי־

זיקער, ער וואָלט געווען א מין עמנואל קאנט. אזוי קוקען טאקי אויף איהם איינינע נייערע אויספאָרשער פון זיין סיסטעם, וואָס בעלאַנגען צו דער ניי־קאַנטישער ריכטונג אין דער פילאָסאָפיע. אָבער דאָס איז א גרויסער טעות. דאָס וואָלט געווען א צו שטאַרקער, אונערקלעהרליכער שפרונג אין דער ענטוויקלונג פון'ם פילאָסאָפישען גייסט און וואָלט געהן להיפך צו די איבעריגע מיי־נונגען פון פלאַטאָן.

מען דאַרף ניט פערגעסען, אז פלאַטאָן איז א קינד פון זיין צייט און אז ער שטעהט אונטער דער שליטה פון פילאָסאָפען וואָס האָבען געלעבט פאר איהם. בעזונדערס שטארק איז געווען די איינווירקונג פון ה ע ר א ק ל י ט, אנאקסאַגאָראַס, פיטהאַגאָראַס, פּאַרמעינידעס און סאָקראַטעס. זיי אלע האָבען אָבער פילאָסאָפירט ניט וועגען די געזעצען פון דעם מענשליכען שכל און האָבען בע־טראַכט די וועלט ניט ווי א פּראָדוקט פון דעם שכל'ס נויטווענדיגען שאַפען. זיי אלעמען האָט אינטערעסירט ניט אזוי דער מענשליכער שכל, ווי דער שכל, וואָס הערשט אין דעּר וועלט, פון וועלכען דער מענשליכער שכל איז מעהר נישט ווי א קליינער פונק. און אויף דערזעלביגער מעטאַפיזישער פּאָזיציע איז אויך געשטאַנען פלאַטאָן. ער האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט דעם מעטאַפיזישען גרונד־געדאַנק דורך זיין א י ד ע ע ן ־ ל ע ה ר ע. זיין פראַגע איז ניט געווען: ווי בעשאַפט דער מענשליכער שכל נויטווענדיגע, זיכערע ערקענטנים פאר דעם מענשען? — נאָר: ווי דרינגט אריין אויף א נויטווענדיג־זיכערען אופן דער מענשליכער שכל אין די שכל'דיגע סודות פון דער וועלט?

עס איז פאר פלאַטאָנ'ען געווען קלאָר, אז די צוויי גרונד־קוואַלען פאר דער מענשליכער ערקענטנים, די חושים און דער שכל, האָבען א שיכות צו די צוויי גרונד־עלעמענטען, פון וועלכע עס בעשטעהט די וועלט. די חושים שפיגלען אין זיך אָב די וועלט פון די קערפּערליכע ערשיינונגען. די ערקענטנים, וועלכע די חושים ברענגען, זענען אונזיכער, ווייל די קערפּערליכע ערשיי־נונגען, ווי דאָס האָט בעוויזען הערקליט, געפינען זיך אין א שטענדיגען פלוס. דער מענשליכער שכל אָבער, וואָס בויט די אידעען, בעשאַפט א זיכערע, נויטווענדיגע, וויסענשאַפטליכע ער־

קענטניס, ווייל ער שפּיגעלט אין זיך אָב יענעם זיכערען, רוהיגען, אונבעוועגליכען, „זייענדען" טהייל פון דער וועלט, וואָס ליגט איינגעשלאָסען אין דער אַלוועלטליכער פערנונפט. פּלאַטאָן'ס פּי־לאָסאָפיע דערצעהלט אונז ניט נאָר וועגען די אידעען וואָס דער מענשליכער שכל ברענגט ארויס, נאָר דער עיקר וועגען יענע אי־דעען, פון וועלכע עס בעשטעהט דער תוך פון דער וועלט.

אָבער ווי אזוי קומען אריין די וועלט־אידעען אין דעם מענש־ליכען שכל?

אויף דערויף גיט אונז אַן ענטפער פלאַטאָן'ס וועלט־בילד, וואָס ענטהאַלט אין זיך זיין „פיזיק".

## § 44. פלאַטאָן'ס וועלט־בילד און פיזיק.

עס זענען דאָ אזוי פיעל אידעען, וויפיעל עס זענען דאָ פער־שיעדענע ארטען פון וועלטליכע ערשיינונגען. יעדע אידעע איז אַ שכל'דיגע זאַך, אַן אייביגע זאַך, אַן אונבעוועגליכע. שוין דורכדעם גופא, וואָס זי איז שכל'דיג און אויביג, איז זי אַ לע־בעדיגע זאַך. אלע אידעען אינאיינעם בילדען איין איינציגען ס י ס ט ע ם. די אידעען זענען אין איהם איינגעאָרדענט לויט זייער לאָגישער נאָהענטקייט אָדער ווייטקייט, לויט זייער לאָגישען העכערן אָדער נידעריגען ראַנג. די אידעען פון פערד און אָקס, צ. ב. ש., האָבען דעם זעלביגען לאָגישען ראַנג. העכער פאַר זיי שטעהט די אידעע „הויז־חיה", וואָס איז כולל אין זיך זיי ביידען. נאָך אַ העכערע אידעע איז די „סתם־חיה", וואָס איז כולל, ניט נאָר די הויז־חיות, נאָר אויך די ווילדע חיות און אַז. וו....

אַ חוץ דעם זענען זיי איינגעאָרדענט לויט זייער עסטעטישער און עטהישער חשיבות, לויט דער ארט פון שעהנקייט און גוטס, וואָס איז אין זיי ענטהאַלטען. די אַלערהעכסטע אידעע איז די אידעע „גוט", „דאָס גוטע". זי איז די ערשטע, ווייל זי איז די חשוב'סטע, די וויכטיגסטע, לויט איהר אידעאַלען ווערטה, און זי איז די העכסטע דערפאַר, ווייל זי איז לאָגיש כולל אין זיך אלע אַנדערע אידעען. פּלאַטאָן איז, ווי אלע זיינע פאָרגעגנער און, דער עיקר, סאָקראַטעס, געווען זיכער, אַז אַלץ וואָס איז דאָ אין דער נאַטור, איז „גוט", ד. ה. אַז לויט דעם בעסטען שכל וואָלט פאַר דער וועלט געווען ערגער, אויב אפילו איינע פון איהרע ערשיינונגען

וואָלט געפעהלט. דעריבער, איז דער סמן פון גוט א סמן, וואָס מוז זיך געפינען אין י ע ד ע ן ענין, אין י ע ד ע ר וועלט־ערשיינונג. ממילא איז די אידעע פון גוט כולל אין זיך אַלץ וואָס קאָן נאָר זיין אין דער וועלט.

עס פערשטעהט זיך, אַז די ריין רוחניות'דיגע אידעע קאָן ניט האָבען א וועלכען עס איז זיץ אין דער קערפערליכער וועלט. זי איז העכער פאר אָרט און צייט, און אויף איהר קען ניט אָנ־געווענדט ווערען דער בעגריף פון אָרט און צייט.

כדי אָט דער מעטאפיזישער געדאַנק פלאַטאָן'ס זאָל אין גאַנ־צען ווערען קלאָר יעדען איינעם, וואָס האָט זיך נאָך ניט איינגע־וואוינט צו דענקען אידעאליסטיש אין דעם פילאָסאָפישען זין פון'ם וואָרט, איז גוט צו קאָנצענטרירען די אויפמערקזאמקייט אויף א וועלכען עס איז פשוט'ען נויטווענדיגען מאַטעמאַטישען געדאַנק. לאָמיר נעהמען דעם פשוט'סטען: צוויי מאָל צוויי איז פיער. איז דען שייך צו זאָגען אַז ד ע ר ע נ י ן, ו ו ע ל כ ע ן ד ע ר ג ע ד א נ ק ד ר י ק ט א ו י ס, האָט עפּעס צו טהאָן מיט אָרט און צייט? ו ו א ו א י ז צוויי מאָל צוויי — פיער? אומעטום, ד. ה. גאַנץ אונאבהענגיג פון א וועלכען ס'איז אָרט. ו ו ע ן איז צוויי מאָל צוויי — פיער? אלע מאָל, צו אלע צייטען, ד. ה. לגמרי אָהן א שום שיכות צו א וועלכער עס איז צייט. „צוויי מאָל צוויי איז פיער“, איז דעריבער אַן אייביגע שייכות, אַן אייביגע אידעע אין דעם זין פון פלאַטאָן. און אַזוי זענען אלע זיינע אידעען. זיי זענען מחוץ פון רוים און צייט און מוזען זיך דעריבער גע־פינען אין א בעזונדערער אידעען־וועלט, וועלכע מען קאָן ניט משיג זיין (דערגרייכען) מיט אונזערע חושים. פלאַטאָן דריקט זיך אויס, אַז די אידעען וואוינען „איבער די הימלען“, ד. ה. אויסער אָרט און צייט.

דער היפך פון דער אידעען־וועלט איז די מ א ט ע ר י ע, אָדער דער קערפּער פון דער וועלט. די אידעע איז לעבעדיג. די מאַטעריע איז טויט. די אידעע איז אייביג און אונבעוועגליך, די מאַטעריע איז אין א שטענדיגען פלוס און בעוועגונג. זי איז א שווארצע, פינסטערע, רוימליכע אויסגעשפּרייטקייט, שטענדיג אין א כאַאָטישען אונרוה. שטענדיג ראנגעלט זי זיך פאר א וועלכער עס

איז געשטאלט. זי נעהמט שטענדיג אָן כאָאָטישע אונבעשטימטע געשטאלטען און שטענדיג פערליערט זי זיי ווידער. וואָלט די מאטעריע געבליבען איבערגעלאָזען צו זיך אליין, וואָלט פון איהר קיין מאָל ניט געקאָנט ארויסוואקסען א וועלט פון אָרדנונג און הארמאָניע. די אָרדנונג, דאָס לעבען און די הארמאָניע אין דער וועלט זענען אריינגעבראכט געוואָרען אין דער מאטעריע פון דעם וועלט־ארכיטעקט, דעם „דעמיאורג" (דעם „נוס" פון אנאקסאַגאָראס) . עס איז ניט לייכט געווען צו בעהערשען דעם מאטעריעלען כאָאָס און אריינצוצווינגען איהם אין א וועלכע עס איז שכל־דיגע אָרדנונג. דער דעמיאורג האָט בעשאפען א זעעלע פאר דעם וועלט־קערפער אפריהער נאָך עהדער ער האָט בעשאפען די וועלט גופא.

פון צוויי עלעמענטען האָט ער די זעעלע בעשאפען, פון דעם „אפעיראָן", וואָס איז עהנליך צו דער מאטעריע גופא, און פון זיין היפך, דעם „פעראס", דעם פרינציפּ פון גרענעץ און מאָס, פון לעבען און שכל'דיגען זיין. די וועלט־זעעלע האָט ער דערנאָך פאַנאנדערגעשפרייט איבער דעם גאנצען וועלטען־רוים, ווי א ספערישע נעטץ.

קוקענדיג אויף דער אייביגער אידעען־וועלט, האָט ער נאָך די אידעאלען און מוסטערען וואָס געפינען זיך דאָרטען געפאָרמט די איינצעל־ערשיינונגען אין דער וועלט־זעעלע. די וועלט־זעעלע הצט, אויף אזא אופן, אין זיך די מעלות פון שכל'דיגקייט, לעבעדיגקייט און אויביגקייט פון דער אידעען־וועלט, און די מעלה פון דער בעוועגונג וואָס שטאמט פון דער מאטעריע. אחוץ דעם טראָגט זי אין זיך די אָבבילדער פון אלע אידעען, וואָס געפינען זיך אין דער אויביגער אידעען־וועלט. דורך איהר בעלעבענדע, שכל'דיגע קראפט דריגגט זי אריין אין דעם כאָאָס פון דער מאטעריע און צווינגט איהם אָנצונעהמען די געשטאלטען פון דער אידעען־וועלט, און אויסצודריקען אין זיינע ערשיינונגען דעם תוך, וואָס אין זיי ליגט פערבאָרגען. אויף אזא'ן אופן האָבען די איינצעל־זאכען און ערשיינונגען אויך א מין חלק אין דער אידעען־וועלט. זיי זענען אָבבילדער פון די אידעען, אָן אָבגלאנץ, אָן אָבשיין, א שאָטען פון דער אויביגער שכל'דיגער אידעען־וועלט.

אָבער טאַקי ניט מעהר ווי אַן אָבגלאַנץ און אַ שאָטען. די מאַטעריע איז ניט בכח אויסצודריקען אויף איהר לשון דעם גאַנצען גלאַנץ און די גאַנצע שכל'דיגע קלאָרקייט פון דער אידעען־וועלט. אַן אידעאַל פון דער אידעען־וועלט, אַן אייביגער אידעאַל קאָן קיין מאָל ניט פערווירקליכט ווערען אין זיין גאַנצקייט אין דער וועלט פון די קערפּערליכע ערשיינונגען. ער ווערט צושפּאָלטען און צו־שפּליטערט אין אַ סך פערשיעדענע איינצעל־ערשיינונגען.

פון דער מאַטעריע שטאַמט אַלדאָס בייז אין דער וועלט, אַל דאָס כאַאָטישע, וואָס לאָזט ניט צו קיין אָרדנונג און קיין האַרמאָניע.

## § 45. די מענשליכע נשמה.

די מענשליכע נשמה איז אַ טהייל פון דער וועלט־זעעלע. עהדער זי געהט אריין אין דעם גוף איז זי צונויפגעגאָסען מיט איהר מקור, פיהרט א ריין רוחניות'דיגען לעבען און איז מסתכל (קוקט אָן) די אידעען־וועלט אין איהר גאַנצער קלאָרקייט און ריינקייט. אָבער איינמאָל אריינגעגאַנגען אין דעם גוף, ווערט זי פעראומרייניגט, זי ווערט געפאַנגען אין די דאגות און מאַטערנישען פון דעם לייב. זי פערגעסט אַלץ וואָס זי האָט געזעהן אמאָל אין דעם עולם העליון. דערפאַר אָבער ליגט אין איהר פערבאָרגען אַ ברענענדיגע תשוקה וויעדער צו זעהען די אידעאַלע אידעען־וועלט אין איהר גאַנצער קראַפט, קלאָר האָבען פאַר זיך דעם אויביגען אונפערענדערליכען אמת. אָט די תשוקה קאָן קיין מאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען אין דער מענשליכער נשמה. דאָס איז דער „עראָס“, די פּלאַטאָנישע ל י ע ב ע. איהר גרעבסטער אויסדרוק איז די פערליעבטקייט אין אַ וועלכער עס איז ש ע ה נ ע ר קערפּערליכער געשטאַלט אָהן אַ וועלכען עס איז שטרעבען צו ריין־קערפּערליכע הנאות. דאָס שטאַמט דערפון, וואָס ש ע ה נ ק י י ט איז אַן אידעע, נאָך וועלכער די מענשליכע נשמה בענקט. ווערט דער „עראָס“ פערפיינערט און פעראיידעלט, ברענט אין איהם זיך פאַנאַנדער די תשוקה נאָך צו העכערע אידעען, עהדער די אידעע פון שעהנקייט. עס טרייבט איהם צו געהן אין איינעם מיט דעם געליעבטען נפש אויף דעם וועג פון געגענזייטיגע בעלעהרונג; אינאיינעם צונויפצוגיסען זיך אין דעם שטרעבען צו ערקענטניס;

אין איינעם אַראָבצולאָזען זיך טיעפער און טיעפער אין דער איי־גענער נשמה, כדי ווידער צו דערמאָהנען זיך יענע אידעען־וועלט, וואָס מען האָט געזעהן עהדער די נשמה איז אריין אין דעם מענש־ליכען גוף.

אויף דאָס גאַנצע דענקען וועגען דער וועלט איז דעריבער א פּראָדוקט פון דעם „עראָס“, פון דער איינגעבאָרענער ליעבע צו דער אידעען־וועלט, פון דעם בענקעניש נאָך דעם איבערוועלטליכען מקור פון דער נשמה. אָבער א י ן ג אַ נ צ ע ן ווידער אויפוועקען אין דער נשמה די אידעען־וועלט איז אונמעגליך. און דערפון אליין שטאַמט איהר אויביגער דאָרשט צו אלץ טיעפערע און טיעפערע ערקענטנים אָהן אַן ענד. מען זאָל דעריבער די חכמים, וואָס פערט עפען זיך אין דעם וועלט־פּראָבלעם ניט רופען „סאָפאָי“ (חכמים, „וויזע“), נאָר „פילאָ־סאָפאָי“, די וואָס ליעבען די חכמה, די וויזהייט: דער וואָרט „פילאָסאָפיע“ שטאַמט פון פלאַטאָנען.

אויף אַזאַ'ן אופן איז איטליכע ערקענטנים, אייגענטליך, ניט קיין אנדער זאַך, ווי נאָר אַ דערמאָהנען זיך. דעם שכל פון דער נאַטור פערשטעהען מיר ניט דערפאַר, וואָס מיר פערטיעפען זיך מיט דער הילף פון אונזערע חושים אין דער נאַטור, נאָר דערפאַר, וואָס מיר פערטיעפען זיך אין דעם אייגענעם שכל, אין דער ערינערונג פון דעם איבערוועלטליכען אידעען־סיסטעם, אין וועלכען עס ליגט דער שכל'דיגער תוך פון דער וועלט. די חושים און די ערפאהרונג קענען דעריבער פאר אונז זיין מעהר נישט ווי אַן אָנרעגונג, א געלעגענהייט, אַן איינלאַדונג צו דענקען און פערטיעפען זיך. זיי קאָנען אָבער מיט קיין זאַך ניט בערייכערן די אמת'ע זיכערע ער־קענטנים.

דיעזע קאָנען מיר, ביז אַ געוויסען גראַד, דערגרייכען, ווען מיר קעהרען זיך אָב פון דער זינען־וועלט און דערהויבען זיך, דורך עלית־הנשמה, אין די עולמות העליונים, אין די אידעען־וועלט. דאָר־טען זעהען מיר דעם אמת, וואָס איז ענג פערבונדען מיט דער אידעע פון „גוט'ס“. די אידעע טראָגט אריין אין אונזער „עראָס“, אין אונזער ליעבע צו וויזהייט, דעם ברענענדיגען שטרעבען צו פ ע ר ו ו י ר ק ל י כ ע ן די אידעאַלען פון „שעהן“ און „גוט“ אין דער קערפערליכער וועלט, אויף וויפיעל דאָס ליעגט אין אונזערע כחות.

א חוץ דעם שכל און דעם פערנינפטיגען ווילען, וואָס ווערען בעהערשט פון דעם „עראָס“ און זיצען אין קאָפּ, זענען אין דער מענשליכער נשמה דאָ נאָך צוויי טיילען, וואָס זענען ארויסגערופען געוואָרען אין איהר דורך די פינסטערע מאכט פון דער „מאַטעריע“, פון דעם גוף. דאָס איז, ערשטענס, דער מ ו ט ה, וואָס זיצט אין דער ־רוסט און דער ב ע ג ע ה ר, וואס זיצט אין דעם אונטערסטען טייל פון דעם לייב.

אלע דריי טיילען פון דער נשמה זענען געגליכען צו א פאָהרער מיט צוויי פערד. דער פאָהרער איז דער שכל. ער מוז האלטען אין צוים דאָס ווילדע פערד, דעם בעגעהר, וואָס שלעפּט איהם אראָב אלץ ניעדעריגער און ניעדעריגער. דאָס אנדערע פערד, דער מ ו ט ה, העלפט איהם האלטען אין צוים דעם בעגעהר.

## § 46. פלאַטאָן׳ס עטהיק און שטאַאטס־לעהרע.

יעדער טייל פון דער נשמה האָט איהר אייגענע טוגענד, איהר „ב ע ס ט ע ס“, צו וועלכען זי מוז שטרעבען. די טוגענד פון דעם שכל איז די חכמה, די ווייזהייט. די טוגענד פון דעם מוטה איז די בעהארצטקייט, (קוראַזש, טאַפּפערקייט). די טוגענד פון דעם בעגעהר איז מאָס־האלטען, די א י נ ג ע ה א ל ט ע נ ק י י ט. וואָלט אָבער די מענשליכע נשמה זיך איבערגעגעבען נאָר צו איינער פון די דריי טוגענדען, וואָלטען די איבעריגע געליטען. איבער זיי אלעמען דרייען וואכט דעריבער א פ י ע ר ט ע טוגענד, וואָס איז אייגענטליך די מוטער פון אלע דריי — דער י ו ש ר, די גערעכטיגקייט׃ דער יושר זעהט, אז יעדער טייל פון דער נשמה זאָל האָבען דאָס, וואָס איהם קומט.

די גערעכטיגקייט קאָן ניט גאַנץ פערווירקליכט ווערען אין דעם לעבען פון א יחיד. די אידעע פון יושר בעשאַפט זיך א גרעסערען אָרגאַניזם, אין וועלכען אלע דריי הויפּט־טוגענדען זאָלען קומען צו זייער רעכט. דאָס איז דער שטאַאט. אמת, דער שטאַאט איז אויפגעקומען ניט דערפאר, ווײלע מענשען האָבען געוואָלט פער־ווירקליכען גערעכטיגקייט אין זייער לעבען. די פּראַקטישע נויט צו בעפריעדיגען די לעבענס־בעדערפניסען, האָט די איינצעלנע מענשען געצוואונגען צו פעראייניגען זיך אין א געזעלשאַפט, צוליעב גע־מיינזאַמען שוץ און געגענזייטיגער הילף. אָבער איין מאָל צונויפ־

געקומען אין איינעם, האָט די כאַאָטיִישע מאַטעריע פון דער געזעלשאַפט, די איינצעל־מענשען, געקומען זוכען פערשיעדענע געשטאַלטען, ווי זי זאָל זיך איינאָרדנען, און די אייביגע אידעע פון יושר האָט יענעמען אריין־שיינען אין איהר.

עס איז די אויפגאַבע פון דעם פילאָסאָף, אויסצוגעפינען יענע אייביגע אָרדנונג, וואָס זאָל על פי שכל און על פי יושר הערשען אין דער געזעלשאַפט, יענעם אידעאַל, וואָס לעבט אייביג אין דער אידעען־וועלט און וועלכען די כאַאָטישע מאַטעריע קאָן נים ארויסברענגען פון זיך אליין.

די גרונד־אידעע פון פלאַטאָן׳ס שטאַאַטס־פילאָסאָפיע איז, אַז די געזעלשאַפט איז אַ מין העכערער אידעעלער אָ ר ג אַ נ י ז ם, וועמעס איינצעלנע טיילען זענען עהנליך צו די טיילען פון דער מענשליכער נשמה. דעם ש כ ל פערקערפערט אין דער געזעלשאַפט דיזר קלאַס פון די רעגיערער, דעם מוטה — דער קלאַס פון די קריעגער, דעם בעגעהר — דער קלאַס פון די פראָפעסיאָנעלע, (די בעלי־מלאכות, קינסטלער, הענדלער), וואָס בעפריעדיגען די קערפערליכע נויטהען (די שקלאַווען, די אייגענטליכע ארבייטער, פונקט ווי דאָס פיה, ווערען נים אריינגערעכענט אין דעם שטאַאַט). דער יושר זערט, אַז יעדער פון די דריי קלאַסען זאָל האָבען, וואָס איהם קומט.

די טוגענדען פון די דריי קלאַסען דאַרפען זיין דיעזעלביגע, וואָס די טוגענדען פון די דריי נשמה־טהיילען: די רעגיערער דאַרפען לעבען צוליעב דער ווייזהייט, און דאַרפען רעגיערען דורך זייער ווייזהייט און נים דורך געזעצען. די קריעגער דאַרפען לעבען צוליעב דער טאַפּפערקייט, און די „באַנאַאוזען", די פראָפעסיאָנעלע, דאַרפען דורכפיהרען אין זייער לעבען די איינגעהאַלטענקיים.

ווי מאַכט מען אָבער, אַז די דריי קלאַסען זאָלען ו ו ע ל ע ן און ק אָ נ ע ן לעבען על פי שכל און על פי יושר, ווי דאָס ווערט דיקטירט פון דער אייביגער אידעע? דערצו איז נאָר דאָ איין מיטעל: ד י ע ר צ י ה ו נ ג. פלאַטאָן ברענגט צום ערשטען מאָל אריין דעם געדאַנק פון דער ס אָ צ י אַ ל ע ר פּ ע ד אַ ג אָ ג י ק, דער ערציהונג צוליעב געזעלשאַפטליכע צוועקען, דיקטירט פון אַ

געזעלשאַפטליכען אידעאַל, — אַ געדאַנק, וואָס האָט שפּעטער גע־
שפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָלע ביי אַלע אוטאָפּיסטישע סאָציאַ־
ליסטען. דורך אַ סיסטעם פון אַ ריכטיגער איבערוואַכונג איבער
דעם איינצעלנעם מענשען, נאָך עהרדער ער ווערט געבאָרען (מען
פּאָרט צונויף די בעסטע זכרים מיט די בעסטע נקבות), דורך אַ
סיסטעם פון אַ ריכטיגער ערציהונג און אויפּפּאַסונג פון דעם מאָ־
מענט פון זיין געבורט אָן האָדעוועט מען אויס די בעסטע עק־
זעמפּלאַרען פון דעם מענשליכען מין: די טאַפּפערסטע ווערען
קריעגער, די קלוגסטע און אידעלסטע — רעגירער. כדי אָבער
די צוויי איבערשטע קלאַסען זאָלען ניט אויסנוצען דעם שטאַאַט
צוליעב זייערע אייגענע פּניות, פיהרט פּלאַטאָן פאַר ביי זיי אַ
ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע לעבענס־אָרדנונג מיט געמיינשאַפטליכען
בעזיץ און געמיינשאַפטליכע וויבער. דורך די בעשרייבונג פון דער
לעבענסווייזע פון די צוויי העכערע קלאַסען איז פּלאַטאָן געוואָרען
דער בעגרינדער פון דעם א ו ט אָ פּ י ס ט י ש ע ן ס אָ צ י א־
ל י ז ם. די פּרטים פון זיין סאָציאַלען סיסטעם געהערען ניט אין
אונזער אַרבייט, וואָס האָט צו טהאָן מיט דעם ענטוויקלונגס־גאַנג
פון דעם פילאָסאָפישען געדאַנק. בעמערקט דאַרף נאָר ווערען, אַז,
נאָך פּלאַטאָן'ס מיינונג, עקזיסטירט דער איינצעלנער נאָר צוליעב
דעם גאַנצען, דעם שטאַאַט, און אַז דער שטאַאַט איז מחויב צו
זאָרגען פאַר דעם גליק און די זיטליכע איבערבעסערונג פון יעדעם
איינצעלנעם, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן דער יחיד ווערן דער
טרעגער און דער פערווירקליכער פון דער גערעכטיגקייט, וואָס
הערשט אין דעם שטאַאַט, לויט דער אויביגער אידעע פון יושר.

אַ  ו ו י ס ע נ ש א פ ט ל י כ ע ן ווערטה אויף פאַר
אונזער צייט האָבען יענע שטעלען אין פּלאַטאָן'ס רעפּובליק, וואו
ער געפינט אויס די אורזאַכען, פאַר וואָס די מענשען שטעהען זיטליך
אויף אַזאַ ניעדעריגער מדרגה, און וואו ער צייגט אָן די געזעל־
שאַפטליכע לעבענס־פאָרמען און לעבענס־בעדינגונגען, אין וועלכע
די זיטליכע מדרגה פון דעם מענשען וואָלט זיך געמוזט אויפהייבען.

פּלאַטאָן'ס בעמיהונגען אריין צו פיהרען אין לעבען דעם אי־
דעאַלען שטאַאַט האָבען זיך ניט איינגעגעבען. אויף דער עלטער
האָט ער איינגעזעהען, אַז מען מוז מאַכען הנחות צו דער ווירק־

ליכקייט, צו דער שלעכטער „מאַטעריע". ער האָט אָנגעשריעבען זיין „צווייט־בעסטען שטאַאט", וואו עס ווערען ניט געשטעלט אַזעלכע אידעאַלע פאָדערונגען; דאָרטען פעהלט אויך דער קאָמוניזם. הפנים, אַז אונטער דעם איינדרוק פון דער שלעכטער מאַטעריע, וואָס איז אַזוי ווידערשפעניג צו דער פאָדערונג פון דעם אידעאַל, איז ער גאָר אויף דער עלטער געקומען צו זיין לעצטען מעטאַפי־זישען געדאַנק פון א בֿ ע ז ע ר ו ו ע ל ט ־ ז ע ע ל ע, וואָס טראָגט אין זיך דעם היפך, די „סטרא אחרא", אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקען, וואָס ד ע ר ל אָ ז ט ניט, אַז די אידעאַלען פון „גוטס" זאָלען זיך פערווירקליכען. דעם געדאַנק האָט ער שוין אָבער קיין צייט ניט געהאַט אויסצופיהרען אין זיינע פּרטים.

---

בעטראַכטען מיר דעם גאַנצען סיסטעם פון פלאַטאָן'ס פילאָ־סאָפיע אין דעם ליכט פון יענע צעהן־גרונד־פּרינציפּען וואָס מיר האָבען אויפגעשטעלט אין דער איינלייטונג, זעהען מיר, אַז פלאַטאָן האָט אריינגעארבייט אין זיין סיסטעם נאָר פינף פון זיי: די מעט־האָדען־לעהרע (אָבוועגדונג פון דער ערפאַהרונג, דעדוקציאָן), דעם קריטיציזם (אויספאָרשונג פון די בעדינגונגען פון א ריכטיגער ערקענטניס), די נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ק י י ט אין אלע איהרע פיער ארטען, די טעלעאָלאָגיע און דעם שטאַנדפונקט פון דעם אידעאַל. אין דער פלאַטאָנישער פילאָסאָפיע פעהלט דער מ אָ ־ נ י ז ם: דורך איהר געהט דורך, ווי א רויטער פאָדים, די דואַליס־טישע איינטיילונג אין מאַטעריע און אידעע, רוחניות און גשמיות; עס פעהלט די ענטוויקעלונגס־לעהרע: דער תוך פון דער וועלט איז אַן א י י ב י ג ע, א ו נ פ ע ר ע נ ד ע ר ל י כ ע אידעען־וועלט. פלאַטאָן קעמפּפט בעוואוסטער־הייט אַנטגעגען דעם „איך"־פּרינציפּ און דעם רעלאַטיוויזם, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די לעהרען פון די סאָפיסטען, און מעהר פאַר אַלץ ליידט ביי איהם די פאָדערונג, אַז ד י ע ר פ א ה ר ו נ ג, זאָל זיין די גרונדלאַגע, אויף וועלכער עס דאַרף געבויט ווערען א פילאָסאָפישער סיסטעם.

זיין תלמיד, אריסטאָטעלעס, וואָס איז געווים ניט געווען אַזוי געניאַל ווי פלאַטאָן, אָבער ניט ווייניגער טיעף פאַר איהם און מיט א סך א רייכערן וויסען האָט אין א בעוואוסטזיניגען קאָנטראַסט

צו זיין לעהרער וויעדער אריין געפיהרט אין די פילאָסאָפיע איינינע פון די פּרינציפּען, וועלכע פּלאַטאָן האָט געלאָזען אָן א זייט: אין ערשטער ליניע — די ערפאהרונג.

§ 47. אַריסטאָטעל'ס לעבען. (384 ביז 322).

אַריסטָטעלעס איז געבאָרען געוואָרען אין סטאגירא (דערפאר רופט מען איהם אָפט: דער סטאגירים). זיין פאָטער, ניקאָמאַכאָס, איז געווען אַן אַרצט און האָט אויך אָבגעשטאמט פון אַן ערצטליכער פאמיליע. די בעשעפטיגונג מיט דער נאטור, דער־הויפּט מיט דער לעבעדיגער נאטור, האָט געהערט צו די פאמיליען טראַדיציאָנען פון אַריסטאָטעלעס.

18 יאָהר אַלט איז אַריסטאָטעלעס אריין געטרעטען צו פּלאַ־טאָנען אין זיין „אַקאַדעמיע" און איז פערבליעבען דאָרטען א תלמיד 20 יאָהר נאָכאַנאַנד. אין דעם יאָהר 343 האָט ער אָנגע־נומען די איינלאַדונג פון פיליפּ, דעם קעניג פון מוקדון (מאַקע־דאָניען), צו ווערען א לעהרער ביי זיין זוהן, אַלעקסאַנדער, וואָס איז יעמאָלט אַלט געוואָרען 13 יאָהר. אַז אַלעקסאַנדער מוקדון איז אין דעם יאָהר 334 ארויס געצויגען אין מלחמה קיין אַזיען, איז אַריסטאָ־טעלעס צוריק אַוועקגעפאָהרען קיין אַטהען, וואו ער האָט געעפענט זיין שוהלע אין דעם ליצעאום. ביי דעם ליצעאום זענען געווען שאָטענדיגע איבערגעוועלבטע גענג (פּעריפּאַטאָי), און ארומשפּאַצירענדיג מיט זיינע תלמידים אין זיי, האָט ער געלערנט זיין פילאָסאָפיע. דער פאַר האָט מען זיינע תלמידים א נאָמען גע־געבען: די פּעריפּאַטעטיקער. אַריסטאָטעלעס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט א גרויסע ביבליאָטהעק. ער האָט אויך גע־מאַכט אַן אָנהויב פאַר א נאַטור־זאַמלונג, און זיין פריהערדיגער תלמיד, אַלעקסאַנדער דער גרויסער, האָט איהם אויסגעהאָלפען אין דעם. נאָך אַלעקסאַנדער'ס טויט (323), האָבען די אַטהענער בע־שולדיגט אַריסטאָטעל'ן אין אַטהעאיזם. דאָס איז מסתמא געווען מעהר נישט, ווי אַן אויסרעד. מען האָט זיך געוואָלט אָברעכענען מיט אַלעקסאַנדער מוקדון'ס א פריינד. כדי „ניט געבען די אַטהענער א צווייטע געלעגענהייט צו פערזינדיגען זיך אַנטקעגען דער פילאָ־סאָפיע", —ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, — האָט אַריסטאָטעלעס פערלאָזען אַטהען. אין א יאָהר אַרום איז ער געשטאָרבען.

## § 48. אַריסטאָטעל'ס שריפטען און די איינטיילונג פון זיין סיסטעם.

א סך שריפטען אַריסטאָטעל'ס זענען פערלאָרען געגאַנגען, אָבער די וויכטיגסטע זענען געבליעבען. און דאָס רוב פון די שריפטען, וואָס טראָגען אַריסטאָטעל'ס נאָמען, שטאַמען פון איהם אַליין.

מען טיילט איין זיינע שריפטען אין פינף גרופען:

ערשטענס, די לאָגישע, וואָס ווערען ארומגענומען מיט איין נאָמען: „דער אָרגאַנאָן" (ד. ה. א געצייג). זיי בע־שטעהען פון די „קאַטעגאָריען" — די צוויי „אַנאַליטיקען", די „טאָפּיק" און די „סאָפיסטישע פאַלשע שלוסען". אַלע די ווערק בעשעפטיגען זיך מיט די פּראָבלעמען פון דעם ריין לאָגישען דענקען.

צווייטענס, די נאַטור־וויסענשאַפטליכע. צו זיי געהערען: די „פיזיק", „וועגען דעם הימעל", „וועגען ענט־שטעהן און פערגעהן", „וועגען דער נשמה", „מעטעאָראָלאָגיע", די „זאָאָלאָגיע" און עטליכע קלענערע חבורים וועגען זאָאָלאָגישע פראגען.

דריטענס, די עטהישע און פּאָליטישע: די גרונד־שריפט פאר אַריסטאָטעל'ס עטהיק איז די אַזוי אָנגערופענע ניקאָמאַכי־שע. אַלע אַנדערע עטהישע שריפטען האָבען אין איהר זייער פונדאַמענט. די פּאָליטישע אַנשויאונגען זענען ענטהאַלטען אין זיין „פּאָליטיק".

פערטענס, די עסטהעטישע: די „רהעטאָריק" און די „פּאָעטיק".

פינפטענס, די ריין־פילאָסאָפישע שריפט: די „מעטאַפיזיק". דער נאָמען: „מעטאַפיזיק", וואָס איז געוואָרען די בעצייכנונג פאר יעדער פילאָסאָפיע, וועלכע שפּרייזט אריבער די גרענעצען פון דער טבע, דער „פיזיק", האָט פריהער געהאַט א סך א פשוט'ערען טייטש. „מעטאַפיזיק" מיינט ניט: דאָס, וואָס איז למעלה מן הטבע", (הע־כער פאר דער פיזיק), נאָר: „דאָס, וואָס עס געפינט זיך נאָך די שריפטען וועגען דער פיזיק". דער אַרויסגעבער האָט ניט גע־וואוסט ווי ער זאָל זיי אַנדערס א נאָמען געבען. אַריסטאָטעלעס אַליין האָט אָבער דעם ענין, וואָס ווערט דאָרטען בעהאַנדעלט, אָנגערופען: „די ערשטע פילאָסאָפיע".

שוין אַ בליק אויף די נעמען פון אַריסטאָטעל'ס שריפטען בע־ווייזט, ווי רייך עס איז אונטער זיינע הענד געוואָרען דער אוצר פון דעם מענשליכען וויסען: אַריסטאָטעל האָט אוועג־געלעגט דעם פונדאַמענט פאר אַ סך נאַטורוויסענשאפטען, פאר דער לאָגיק, דער פּאָליטיק אלס וויסענשאפט, און דער עסטהעטיק.

די גאַנצע אַריסטאָטעל'שע פילאָסאָפיע קאָן מען דעריבער איינטיילען אין זעקס טיילען: דעם ערשטען פלאַץ פערנעהמט זיין „ערשטע פילאָסאָפיע", אָדער די מעטאַפיזיק. דעם צווייטען — די לאָגיק, דעם דריטען — די פיזיק, אָדער די נאַטורוויסענשאפטען, דעם פערטען — די עטהיק, דעם פינפטען די פּאָליטיק, דעם זעקסטען — די עסטהעטיק.

## § 49. אַריסטאָטעל'ס מעטאַפיזיק.

אַריסטאָטעלעס איז דער ערשטער פילאָסאָף, וואָס פער־טראַכט זיך וועגען דעם וועזען און אויפגאַבען פון דער פילאָסאָפיע און וועגען איהר שייכות צו די איינצעל־וויסענשאפטען. די פי־לאָסאָפיע דאַרף אריינגעהמען אין זיך אַלע וויסענשאפטען און צונויפבינדען זיי אין איין איינציגען סיסטעם. יעדע איינצעלנע וויסענשאפט בעשעפטיגט זיך נאָר מיט אַ געוויסען טייל פון דעם וועלט־זיין. עס זענען אָבער דאָ אַלגעמיינע פּרינציפּען, וואָס האָבען אַ שייכות צו יעדעם „זיין" איבערהויפּט, אַלץ איינס, אין וואָס פאַר אַ טייל פון דעם וועלט־געשעהען דער „זיין" דריקט זיך אויס. אָט די גרונד־פּרינציפּען פון י ע ד ע ן זיין, פון איטליכען וועלט־געשעהען מוזען אויסגעפאָרשט ווערן אין אַ בע־זונדערער אָבטיילונג פון דעם מענשליכען וויסען: דאָס איז די ע ר ש ט ע פ י ל אָ ס אָ פ י ע. מיט אַריסטאָטעלעס פערפיהרט זיך דער פילאָסאָפישער געדאַנק אויף אַן אייגענע בעל־הבית'ישקייט און גרעניצט שאַרף אָב זיין בעזיץ פון די איבעריגע ספערען אין דער מענשליכער געדאַנקען־וועלט.

די פילאָסאָפיע דאַרף אויסגעפינען די לעצטע פּרינציפּען, וואָס אויף זיי קאָן מען צוריקפיהרען אַלץ אין דער נאַטור און אין דעם מענשליכען גייסט און וואָס זאָלען אונז דערקלעהרען דעם „פאַרוואָס" און דעם „ווי אַזוי" אין אַלע וועלט־ערשיינונגען.

פּלאַטאָן האָט געגעבען אָט אויף דער גרונד־פראַגע פון דער

פילאָסאָפיע א בעשטימטען ענטפער: דער תוך פון דער וועלט ליענט אין דער אידעען־וועלט. אָבער זיין סברה, אז ס'איז דאָ אַן אי־דעען־וועלט, וואָס ליעגט א חוץ פון די איינצעלנע זאכען און ער־שיינונגען, האלט ניט אויס קיין קריטיק.

## אַריסטאָטעל'ס קריטיק פון פלאַטאָן'ס אידעען־לעהרע.

ערשטענס, איז די עקזיסטענץ פון אַן אידעענוועלט נ י ט ב ע ו ו י ע ז ע ן. דער געדאנק, אַז עס זענען דאָ אידעען, ווייל מיר האָבען א זיכערען וויסען, בעווייזט נאָר, אז עס איז דאָ אין דער וועלט עפּעס אַן אַלגעמיינער, אייביגער זיין, וואָס קאָן ריכטיג ווערדער אויפגעבויט ווערען פון דעם מענשליכען שכל. אָבער דאָס בעווייזט ניט אַז אָט דער אלגעמיינער זיין מוז ליעגען ערגעץ וואו, אָבגעשיידט פון די איינצעל־זאכען און איינצעל־פּראָצעסען.

צווייטענס, איז די עקזיסטענץ פון די אידעען מחוץ פון די איינצעל־זאכען אין גאנצען א י ב ע ר פ ל י ס י ג פאר דער מענשליכער ערקענטניס. זיי זענען א ניט נויטיגע פערדאָפּעלונג פון דעם וועלט־זיין: א זיין פון דעם איינצעלדיג און דיזעלביגע זאך נאָך אמאָל אין דער פאָרם פון א זיין אין דער „אידעע". אויסער דעם העלפט די אידעע אונז ניט צו דערקלעהרען דעם ווירקליכען איינצעל־דינג, ווייל די אידעע שפּיעלט דאָך גאָר קיין ראָליע אין דעם ענטשטעהן און דעם פערגעהן פון די זאכען.

דריטענס קאָן די אידעען־לעהרע ניט דורכפיהרען די אויפגאבע, וועלכע זי נעהמט אויף זיך: זי זאָל אונז ערקלעהרען דעם ת ו ך ־ ד ב ר פון יעדער ז א ך. ווי קאָן אָבער דער תוך דבר פון א זאך און די זאך גופא זיין אָבגעריסען איינער פון דער אַנדערער?

פערטענס, פיהרט די אידעען־לעהרע צו ווידערזיניגע קאָנ־סעקווענצען. עס איז דאָ אַן איינצעל־מענש. א חוץ דעם איז דאָ די אידעע פון דעם מענשען, וואָס האָט קיין ברעקעל שייכות ניט צו דער רעאַליטעט פון דעם איינצעל־מענשען. אין דער זעלביגער צייט איז זי דעם איינצעל־מענשען'ס תוך־דבר, זיין סובסטאַנץ. מוזען מיר דאָך אָננעהמען נאָך א נייע אידעע, וואָס זאָל אויס־דריקען די מענש־אידעע אין איהר פערבינדונג מיט דעם ווירקליכען איינצעל־מענשען. די אידעע וועט שוין זעמאָלט זיין א „ד ר י ־ ט ע ר מ ע נ ש" („הא טריטאָס אַנטהראָפּאָס").

דער רעזולטאַט, צו וועלכען אַריסטאָטעלעס קומט אין זיין קריטיק פון פּלאַטאָן'ס אידעען־לעהרע איז ניט די אָבלייקענונג פון אידעען, פון אַלגעמיינע פּרינציפּען, נאָר די לעהרע, אַז די אידעען ליעגען ניט דרויסען פון די איינצעל־דינגען, נאָר אין זיי גופא. זיי זענען ניט ט ר אַ נ ס צ ע נ ד ע נ ט, די וועלט איבער־שטייגענד, נאָר אַ י מ ־ מ אַ נ ע נ ט, אינוועניג אין דער וועלט און אין יעדעם איינצעל־דינג. בכן, איז יעדער איינצעל־דינג ניט קיין ש אָ ט ע ן פון אַ וועלכער עס איז איבערנאַטירליכער אידעע, נאָר אַן אמת'ע רעאַלע ווירקליכקייט.

די שפּעטערע פילאָסאָפען האָבען אויסגעדריקט די נפקא מיניה צווישען פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס בנוגע צו דער אידעען־לעהרע אויף אַזאַ'ן אופן: פּלאַטאָן, דער אידעאַליסט, זאָגט: די אידעען זענען פ אַ ר (עהדער) די זאַכען, „אַנטע רעם". אַריסטאָ־טעלעס, דער רעאַליסט, זאָגט: די אידעען זענען א י ן די זאַכען, „אין רע".

דערפון וואַקסט אָבער אַרויס אַ גאַנץ אַנדער שטעלונג צו דער ע ר פ אַ ה ר ו נ ג. אויב די אידעע ליגט דרויסען פון דער ערפאַהרונגס־וועלט, קאָן איך אויסקומען אָהן דער ערפאַהרונג און דערגרייכען צו איהר אויף דעם וועג פון דער עלית הנשמה. איז אָבער די אידעע אין דער ערפאַהרונג, קאָן מען אַנדערס ניט קומען צו איהר ערקענטניס, סיידען מען זאָל זיך פערטיעפען אין דער ערפאַהרונג גופא, אויסשטודירען ד י ו ו ע ל ט ו ו י ז י א י ז, מיט דער הילף פון אונזערע חושים. אמת, וויל מען פערמאַכען די אויגען אויף די אידעען, וואָס ליעגען א י ן דער ערפאַהרונג, וועט מען קיין מאָל ניט קומען צו אַ זיכערער, ו ו י ס ע נ ש אַ פ ט ־ ל י כ ע ר ערקענטניס, אָבער ווענדט מען זיך אָב פון די חושים, קאָן מען איבערהויפּט ניט קומען צו אַ וועלכער עס איז ערקענטניס.

## § 50. די פיער גרונד־פּרינציפּען.

פאַרשען מיר אויס אַ וועלכע עס איז איינצעל־זאַך, צ. ב. אַ הויז, כדי צו פערשטעהן איהר תוך, און ווי אַזוי זי איז געוואָרען, זעהען מיר, אַז עס פערקערפּערט אין זיך פיער פערשיעדענע פּרינ־ציפּען. ערשטענס בעשטעהט עס פון אַ וועלכער עס איז מ אַ ט ע ־ ר י ע (הילע, דער טייטש: האָלץ). דאָס איז די האָלץ אָדער די

ציעגעל, פון וואַנען דאָס הויז איז אויסגעבויט. צווייטענס, האָט עס אַ בעשטימטע פ אָ ר ם, דאָס איז דער געדאַנק פון דעם הויז. דריטענס, האָט דאָס הויז אַ בעשטימטען צ ו ו ע ק, און פערד־טענס, איז דאָס הויז געוואָרען, אַ דאַנק אַ וועלכער עס איז ב ע־וו ע ג ו נ ג. דאָס זעלבע איז אויך מיט אַלע אַנדערע זאַכען אויף דער וועלט. מאַטעריע, פאָרם, צוועק (תכלית), בעוועגונג זענען די פ״ר גרונד־פּרינציפּען פון איטליכען זיין. די לעצטע צוויי פּרינ־ציפּען: תכלית און בעוועגונג קאָנען צוריק געפיהרט ווערען צו דער „ פ אָ ר ם ״, ווייל: וואָס איז דער צ ו ו ע ק פון דעם, וואָס מיר לעגען צונויף די ציעגעל אין אַ בעשטימטער פאָרם? דער בעשטימטער צ ו ו ע ק פון דעם הויז! און וואָס בעוועגט דעם אַרכיטעקט, דעם בוי מייסטער, ער זאָל אריינברענגען אַ פערענ־דערונג אין דעם האָלץ אָדער אין דעם לעהם, וואָס די נאַטור האָט בעשאַפען? ווידער אַמאָל: די בעשטימטע פ אָ ר ם, אָדער דער צ ו ו ע ק פון דעם הויז. הייסט עס, אַז די פאָרם און דער צוועק, און די בעוועגונג זענען איינגענטליך איין און די זעלביגע זאַך: די פאָרם, דער ת ו ך, דער מ ו ס ט ע ר, דאָס, וואָס פלאַטאָ האָט אָנגערופען די א י ד ע ע.

בעטראַכטען מיר איצטער די מאַטעריע פון דעם הויז; לאָמיר זאָגען דעם לעהם. פאַר וואָס איז ער מאַטעריע? האָט ער דען ניט קיין בעשטימטע פאָרם? ער האָט. אָבער ב נ ו ג ע צ ו ד ע ם ה ו י ז, האָט ער ניט יענע בעשטימטע פאָרם, וואָס מאַכט אַ מעגליך הויז פאַר אַ ווירקליך הויז. דער לעהם האָט אין זיך דאָס הויז ב כ ח, אין דער מעגליכקייט, אָבער ניט בפועל, אין דער ווירקליכקייט. כדי דאָס הויז זאָל ווערען אַ ווירקליכע זאַך, מוז צו דער מעגליכקייט צוטרעטען אַ ו ו י ר ק ל י כ ק י י ט, אַן „ענערגיע״, רופט דאָס אריסטאָטעלעס. און דעריבער איז די פאָרם — דער פּרינ־ציפּ פון יעדער ווירקליכקייט, פון דער ענערגיע.

דער לעהם איז אַ מעגליכקייט בנוגע צו דעם הויז, אָבער בנוגע צו זיך אַליין איז ער אַ ו ו י ר ק ל י כ ק י י ט, ד. ה. אין איהם איז פערקערפּערט געוואָרען אַ געוויסע פאָרם. ווי אַלץ אין דער וועלט, האָט אויך דער לעהם אַ בעשטימטען צוועק. וואָס בלייבט פון דעם לעהם, אַז מיר וועלען אַראָבשטרייפען פון איהם זיין

לעהם־פאָרם? יעמאָלט וועט בלייבען, לאָמיר זאָגען, א בעשטימטע צונויפמישונג פון ערד, וואסער, לופט און פייער, פון וואנען דער לעהם איז צונויפגעזעצט, הייסט עס, אז די עלעמענטען, וואָס מיר האָבען נאָר וואָס אויסגערעכענט, זענען מ א ט ע ר י ע בנוגע צו דעם לעהם: מעגליכקייטען, פון וועלכע דער לעהם איז א ווירקליכקייט. אָבער די ערד, למשל, איז א ווירקליכקייט פ א ר ז י ך. ווייל זי האָט איהר פאָרם. — וואָס בלייבט אָבער פון דער ערד, ווען איך שטרייף אראָב פון איהר איהר פארם? יעמאָלט בלייבט שוין ר י י נ ע מ א ט ע ר י ע, א ריינע מעגליכקייט, וואָס האָט קיין ברעקעל פאָרם ניט, א שטיקעל רוים, א ברעקעל אויסגעשפרייטקייט, וואָס האָט די ריינע מ ע ג ל י כ ק י י ט אָנצונעהמען אלץ נייע פאָרמען, צו פערווירקליכען אלץ טיעפערע און וויכטיגערע געדאַנקען און ציעלען. די מאַטעריע איז אייגענט־ליך ניט אין גאַנצען א פאַסיווע מעגליכקייט; אין איהר איז פארהאַן א דראַנג, א דאָרשט צו ווערען א ווירקליכקייט, אָנצונעהמען א גע־וויסע פאָרם, אויסצודריקען א געוויסען געדאַנק, האָבען א וועלכען עס איז ציעל.

דער איבערגאַנג פון דער מעגליכקייט אין די ווירקליכקייט, און פון איין פאָרם צו דער אנדערער, איז די ב ע וו ע ג ו נ ג. פון וואַנען שטאַמט אָבער די בעוועגונג? פון דעם ע ר ש ט ע ן ב ע וו ע־ג ע ר, ענטפערט אריסטאָטעלעס.

די גאַנצע וועלט דאַרף מען זיך פאָרשטעלען ווי א שטופען־לייטער. אונטען געפינט זיך די ריינע מאַטעריע. וואָס העכער מיר שטייגען זעהען מיר, אז די פאָרם נעהמט, וואָס מעהר, אלץ מעהר, די אויבער האַנד איבער די מאַטעריע. די איינצעל־דינגען האָבען מעהר געדאַנק, מעהר פאָלקאָמענהייט, מעהר בעוועגונג, מעהר ווירקליכקייט, מעהר ענערגיע אין זיך, וואָס העכער זיי שטעהען אויף דער שטופען־לייטער פון דער וועלט... סוף־כל־סוף מוזען מיר אין געדאַנק קומען צו אזא שטופע, וואו מיר טרעפען ר י י נ ע פאָרם אָהן א ברעקעל מאַטעריע, ד. ה., וואָס קאָן שוין ניט אָננעה־מען קיין העכערע פאָרם, וואָס האָט שוין ניט קיין ברעקעל מעג־ליכקייט אין זיך, ביי וועמען עס איז אלץ ו ו י ר ק ל י כ ק י י ט; וואָס לײדט שוין ניט קיין אויפדריקען פון א וועלכען עס איז פאָרם־

שטעמפּעל אויף זיך, ווייל עס איז ריינע  ט ה ע ט י ג ק י י ט; וואָס איז ריינער געדאנק און ריינע בעוועגונג.

אָט די העכסטע שטופע איז דער ערשטער בעוועגער אָדער ג אָ ט. גאָט איז ריינער געדאנק, ד. ה. ער דענקט נאָר זיין אייגענעם, געטליכען דענקען. ווייל, אויב ער זאָל דענקען וועגען דער ו ו ע ל ט, וועגען אַ זאַך, וואָס ליעגט דרויסען פון איהם, וואָלט דאָס שוין געהייסען, אַז ער ווערט בעשטימט פון יענער זאַך, וואָלט ער שוין ניט געווען ריינע  א ק ט י ו ו י ט ע ט (אַקטוס פּורוס). דורך דעם דענקען פון זיין אייגענעם דענקען בעוועגט ער אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין דער וועלט.

גאָט איז איינער און קיין אנדערע געטער אַ חוץ איהם זענען נימאָ.

## § 51. די פיזיק, אָדער דאָס וועלט סיסטעם.

ארויסגעהענדיג  פון זיינע מעטאפיזישע  גרונד פּרינציפּען, האָט אריסטאָטעלעס אויסגעמאָלט אַ בילד פון דער וועלט, וואָס האָט געהערשט אין דער פילאָסאָפיע איבער טויזענד יאָהר.

בעטראַכט מען די וועלט פון אונטען ארויף, האָבען מיר צו־ערשט דעם רוים,  ד י  ע ר ש ט ע  מ א ט ע ר י ע,  וואָס איז, ווי מיר האָבען געזעהען, ריינע מעגליכקייט. דערפון איז געדרונגען, אַז די ווירקליכע וועלט איז בעגרעניצט אין רוים. ווייל די מא־טעריע איז נאָר אויף אַזוי פיעל פערקערפּערט, אויף וויעפיעל עס זענען דאָ אויביגע פאָרמען, וואָס ליעגען ארויף  זייער  שטעמפּעל אויף דעם רוים.

די ערשטע פערווירקליכונג פון דעם פאָרם־פּרינציפּ זענען די פ י נ ף  עלעמענטען: פייער, לופט, וואַסער, ערד און נאָך אַ פינפ־טע „עססענץ", די קווינטא עססענציא: דאָס איז די מאטעריע, פון וועלכע דער הימעל איז געבויט און די שטערען.

די פיער עלעמענטען  האָבען  אַ דאנק  זייער פאָרם  אַ בע־שטימטע ארט בעוועגונג אין זיך, וואָס בעווייזט זיך ערשט יעמאָלט, ווען מען פערדרענגט זיי פון זייער נאטירליכען אָרט אין דעם וועל־טען־רוים: די ערד פאַלט אראָב, וואַסער ליעגט איבער דער ערד, אויבען לופט, נאָך העכער פייער, נאָך העכער די קווינטא עססענציא.

א צונויפמישונג פון די עלעמענטען אָבער מיט נאָך אַ העכערע־

פאָרם איז די פלאַנצען־וועלט. די פאָרם פון א פלאַנץ איז שוין א נשמה: פון דער פלאַנצליכער נשמה שטאַמט איהר לעבען, איהר וואַקסען, איהר פערמעהרען זיך. נאָך העכער שטעהט די טהיערישע נשמה: זי האָט שוין דערצו נאָך די פרייע אָרט־בעוועגונג, עמפּ־פינדונג, בעמערקונג און זכרון. א שטופע העכער שטעהט די מענשליכע נשמה וואָס האָט, א חוץ דעם, נאָך די פערנונפט און דעם פרייען ווילען. דער מענש איז די קרוין פון דער שעפּפונג אויף דער ערד. העכער, עהדער די ערדישע וועזען, שטעהען די הי־מעלישע: די שטערען און מזלות זענען שכל'דיגעס וועזען, וואָס בע־וועגען זיך אליין אין א קרייז, ווייל דער קרייז איז די פאָלקאָמענסטע אָרט פון בעוועגונג. דאָס העכסטע אין דער וועלט איז גאָט.

§ 52. די איבעריגע טיילען פון אַריסטאָטעל'ס סיסטעם.

אין האַרמאָניע מיט זיין מעטאפיזיק און זיין וועלט־בילד האָט אריסטאָטעל אויסגעבויט קודם כל די ל אָ ג י ש ע וויסענשאַפט. כמעט אַלע וויכטיגע פונקטען און פּראָבלעמען פון דער לאָגיק זענען פון איהם בעריהרט געוואָרען, און איינייגע זענען אזוי פערענט־פערט געוואָרען, אז די שפּעטערדיגע דורות ביז אויף דעם היינ־טיגען טאָג האָבען ניט געהאַט וואָס צו פערענדערן אין זיי. ער האָט צום ערשטען מאָל אויסגעאַרבייט די טהעאָריע פון דעדוקטי־ווען און אינדוקטיווען דענקען און פאָרשען. און ווען אפילו ער האַלט א סך מעהר פון דער דעדוקציאָן, מוז ער דאָך צוגעבען, אז מיר מענשען מוזען אָנהויבען מיט דער א י נ ד ו ק צ י אָ ן, מיט דעם אויספאָרשען פון די איינצעלפעל, כדי ארויסצוגעפינען די אַל־געמיינע אידעע, וואָס אין זיי שטעקט.

אין דער ע ט ה י ק איז ער פלאַכער און אונבעדייטענדער, עהדער אומעדום. אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם איז דאָ דער קאַמפּף אַנטגעגען פּלאַטאָן'ס אידעאַליזם. עס זענען ניטאָ קיין איי־ביגע אבסאָלוטע טוגענדען. די טוגענדע זענען פערשיעדען לויט די אומשטענדען. בכלל טיילט ער איין די טוגענדען אין צוויי קלאַ־סען: די ע ט ה י ש ע, וועלכע ליעגען אין מיטען פון צוויי עקסטרעמען, וואָס זענען לאַסטערן, ווי צ. ב. ש. די גערעכטיגקייט, וואָס ליעגט אין מיטען פון אונרעכט טהאָן און אונרעכט ליידען. כ'פערשטעהט זיך, אז אַזעלכע טוגענדען לאָזען ניט צו קיין אונ־

בענרעניצטען אָנוואקסען, ווייל יעמאָלט קאָנען זיי אריבער אין א עקסטרעם און ווערן א לאסטער. דער צווייטער קלאס זענען די ד י א־נ אָ ע ט י ש ע ן, אָדער פערנונפט־טוגענדען, ווי צ. ב. ווייזהייט, פריינדשאפט. זיי קאָנען וואקסען אָהן א גרענעץ. דער צווייטער קלאס שטעהט העכער פאר דעם ערשטען.

אין דער פ אָ ל י ט י ק איז שוין אריסטאָטעלעס א סך אָרי־גינעלער. ער בעקעמפפט פלאטאָ'ס א י ד ע א ל י ז ם און לייי־קענט עס זאָל מעגליך זיין אן אבסאָלוט גוטער שטאאט. ווי אין דער עטהיק, מוז מען זיך אויך דאָ רעכענען מיט די א ו מ ש ט ע נ־ד ע ן. אן אָרדנונג, וואָס איז גוט פאר איין פאל, פאסט ניט פאר איין אנדער פאל. ער פערלאנגט מען זאָל שטודירען יענע ב ע־ד י נ ג ו נ ג ע ן, וואָס ברענגען נאטירליך ארויס אזוינע און ניט קיין אנדערע אינסטיטוציאָנען. די שקלאווערייִ, צ. ב. איז על פי נאטור א נויטווענדיגקייט, ווייל די מענשען האָבען ניט קיין מא־שינען, וואָס זאָלען ארבייטען פאר זיי. דערצו איז דער בארבאר (דער ניט גריעכע) בעשאפען געוואָרען פון דער נאטור צו זיין א שקלאוו. אין דער פאָליטיק, נאָך מעהר עהדער אין דער פילאָסאָפיע ווייזט זיך ארויס די איבערגעבענקייט אריסטאָטעל'ס צו דעם פרינ־ציפ פון דער ערפאהרונג.

אין דער ע ס ט ה ע ט י ק האָט ער געלעהרנט, אז דער תוך און די אויפגאבע פון דער קונסט איז לייטערן די נשמה פון דער מאכט פון די ליידענשאפטען.

פון אריסטאָטעל'ס תלמידים אין אלט־גריעכענלאנד איז דער וויכטיגסטער ס ט ר א ט אָ דער פיזיקער (287—269). פון דער שטופען־לייטער, וועלכע אריסטאָטעל האָט אויפגעבויט, האָט ער אראָבגעהאקט די צוויי ענדען: די ריינע מאטעריע, וואָס האָט ניט קיין פאָרם, און די ריינע פאָרם (גאָט), וואָס האָט ניט קיין מא־טעריע. דערפון האָט פון דעסטוועגען ניט געקאנט ארויסקומען קיין מ אָ נ י ס ט י ש ע וועלט סובסטאנץ, נאָר א צוזאמענגיעסונג פון מאטעריע און פארם, וואָס געפינט זיך אין די איינצעל־זאכען אין א פערשיעדענער פראָפאָרציע.

פינפטער קאפיטעל.

# פון די סטאָיקער ביז צו דעם סוף פון'ם מיטעל-אלטער.

(דער אונטערגאנג פון דעם פילאָסאָפישען געדאנק).

אינהאלט: אלגעמיינעס, טהעאָסאָפיע און רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע. — די סטאָיקער. זייער לאָגיק, פיזיק און עטהיק. — די עפיקורעאישע לאָגיק, פיזיק און עטהיק. לוקרעץ. — די סקעפּטיקער. — פילאָן דער איד, און זיינע פאָרלויפער. דער „לאָגאס". — די ניי־פיטהאגאָרעער און די ניי פלאטאָניקער. — די אראביש־מאָהאמעדאנישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע. די מוטאזיליטען. איבן ראָשד. — די אידישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע. סעדיה גאון. דער רמב"ם. אבן גבירול. יהודה הלוי. דער ראב"ד. דער רלב"ג. חסדאי קרשקש. — די קריסטליכע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע.

## § 53. אלגעמיינעס.

די דענקער וועלכע מיר בעהאנדלען אין דעם קאפיטעל, פאלען פאנאנדער אין דריי גרויסע גרופען:

ערשטענס, די נאָך־אריסטאָטעלישע פילאָסאָפען־שוהלען: די סטאָיקער, עפיקורעער און די סקעפּטיקער. זיי געהערען נאָך צו יענעם ענטוויקלונגס־פעריאָד פון דעם פילאָסאָפישען געדאנק, וואָס מען קאָן אָנרופען: „די פרייע פילאָסאָפיע אין גריעכענלאנד". „פרייע" רופען מיר זיי דערפאר, ווייל אלע פילאָסאָפען פון דער עפּאָכע, אָנגעהויבען פון טהאלעס און געענדיגט מיט די סקעפּטיקער, האָבען ענטוויקעלט זייערע געדאנקען, ניט רעכענענדיג זיך מיט די אינטערעסען און דער אויטאָריטעט פון דעם הערשענדען רעליגיעזען

גלויבען. די פילאָסאָפיע איז אדרבה ארוים מיט א מעהר אָדער ווענינער שטאַרקער, מעהר אָדער ווענינער אָפענער קריטיק פון אלע רעליגיעזע טראַדיציאָנען.

צווייטענס, די טהעאָ־סאָפישע שוהלען: די אידיש־אלעקסאַנ־ דרינישע פילאָסאָפיע, מיט פילאָן בראַש, די נייע־פיטהאַגאָרעער און די נייע פלאַטאָניקער. אלע דענקער, וואָס געהערען צו דער ריכטונג, זעהען אויסצוגלייכען די הערשענדע רעליגיאָן פון זייער פאָלק מיט די רעזולטאַטען, צו וועלכע עס איז געקומען דער פילאָסאָפישער געדאַנק. די גאָט־פראַגע שטעהט אין דעם מיטעלפונקט פון זייער דענקען. זיי פילאָסאָפירען מעהר וועגען גאָט, עהדער וועגען דער וועלט. דעריבער איז זייער פילאָסאָפיע א טעאָ־סאָפיע. אָבער זי איז נאָך ניט קיין ר ע ל י ג י אָ נ ס ־ פ י ל אָ ס אָ פ י ע אין דעם אייגענטליכען זין פון דעם וואָרט. זיי דעקען ניט זייערע געדאַנ־ קען מיט דער אויטאָריטעט פון דער הערשענדער רעליגיאָן. זייער גאַנצע ארבייט איז אַן עהרען רעטונג פון דער רעליגיאָן, — אויב מען מעג זיך אזוי אויסדריקען, — א קאַמפּף פאַר דאָס רעכט צו בלייבען רעליגיעז, אויך יעמאָלט ווען מען נעהמט אריין אין דער וועלט־אַנשויאונג די גרונד־געדאַנקען פון דער פילאָסאָפיע; זי איז ניט די פאָדערונג, אַז די פילאָסאָפיע זאָל איינבויגען איהר קאָפּ פאַר דער מאַכט פון דער רעליגיאָן. די טעאָ־סאָפיע איז נאָך ניט ר ע ל י ג י אָ נ ס ־ פ י ל אָ ס אָ פ י ע. זי שטרעבט נאָך ניט צו ווערען די ע ל פּ י ד י ן הערשענדע מיינונג אין יענער רע־ ליגיעזער ארגאַניזאַציע, צו וועלכער עס געהערען איהרע פילאָסאָפען. זי האָט נאָך ניט פערלאָרען דעם בעוואוסטזיין פון דעם פרייען גע־ דאַנק און בעהאַלט זיך נאָך ניט הינטער וועלכע עס איז געהייליגטע רעליגיעזע אויטאָריטעטען. זי ווייס דעריבער אויך ניט, פון „אפּיקורסישע", הערעטישע סיסטעמען, וועלכע דער רעליגיעז־פי־ לאָסאָפישער גלויבען זאָל האָבען א רעכט מחרים צו זיין.

גאַנץ אנדערש — די דריטע גרופּע, וואָס נעהמט ארום די קריסטליכע, מאַהאַמעדאַנישע און אידישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע. דאָ איז שוין דער פילאָסאָפישער געדאַנק בעוואוסטזיניג צוגעבונדען צו א וועלכען עס איז רעליגיעזען גלויבען, וועמעס דאָגמען און גע־ באָטען ער מ ו ז פערטיידיגען. אמת, ער פערליערט אויך דאָ

ניט אין גאַנצען זיין זעלבסטשטענדיגקייט, אָבער ער איז פּאַרט ניט מעהר ווי אַן איבערגעגעבענער קנעכט, וואָס בעוועגט זיך פריי נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דער האַרר (דער גלויבען) גיט איהם דערצו די ערלויבעניס. נעהמט אָבער זיך אַ וועלכער עס איז דענ־קער שוין צו־פיעל פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, — געהט ער אַרויס פון דעם גדר, וואָס די רעליגיאָן האָט אַרום געצאַמט אַרום דעם פילאָסאָפישען געדאַנק, — יעמאָלט קוקט מען שוין אויף איהם ווי אויף אַ „הערעטיקער", אַן אפּיקורס, און ער ווערט אָפטמאָל גע־צוואונגען עפענטליך אָבצוזאָגען זיך פון זיינע „פאַלשע" און „פאַר־דאַרבליכע" געדאַנקען.

עס איז דעריבער אפשר גאַנץ רעכט אַריין צו נעהמען די צוויי לעצטען גרופּען, — די טהעאָ־סאָפישע און די רעליגיאָנס־פילאָסאָ־פישע, — אין איין־איינציגען ענטוויקלונגס־פּעריאָד: „די רעלי־גיעזע פילאָסאָפיע", וואָס הויבט זיך אָן מיט פילאָ (געב. 25 פ. קרים. רעכנונג) און ענדיגט זיך מיט דעם לעצטען „סכאָלאַסטיקער", גבריאל ביעל. (געשט. 1495).

די גאַנצע עפּאָכע וועלכע מיר בעהאַנדלען אין דעם קאַפּיטעל, פון די סטאָיקער אָן, בעווייזט אַז די פילאָסאָפיע האָט נאָך אַרים־טאָטעלעס ניט געקאָנט האַלטען זיך אויף יענער הויך, צו וועלכער סאָקראַטעס, פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס האָבען זי געבראַכט. קיין נייע געדאַנקען, וואָס זאָלען אין דערזעלביגער צייט זיין אַ פּראָ־דוקט פון אַ פערטיעפטען פילאָסאָפישען פאָרשען, האָט שוין די פילאָסאָפיע ביז צו דער איבערגאַנגס־צייט ניט אַרויסגעבראַכט. דאָס פילאָסאָפישע שאַפען איז בעשטאַנען אָדער נאָר אין איינצעלנע, ווען אפילו זעהר וויכטיגע געדאַנקען, אָדער אין אַ קאָמבינאַציאָן פון עלטערע געדאַנקען, אָדער אין אַ צולאָזען־געוואָרענעם שפּיעל פון פאַנטאַסטישע בעגריפען, וואָס טראָגען אויף זיך דעם קלאָרען שטעמפּעל פון זייער מיטהאָלאָגיש־רעליגיעזער אָבשטאַמונג. דאָס שטרענגע וויסענשאַפטליכע דענקען און דאָס בויען פון פילאָסאָפישע היפּאָטהעזען, כדי צו דערקלערען די וועלט, האָבען אָבגעטראָטען זייער פּלאַץ פאַר די פּראַקטישע נויטען פון אַ מאָראַלישען (און שפּעטער: אַ רעליגיעזען) לעבען. אויב פריהער איז די לעבענס־וויזהייט געווען אַ צווייג פון דער וועלט־אַנשויאונג, איז איצטער

די וועלט־אנשויאונג געוואָרען ניט מעהר ווי א טרעפּעל צו דער לע־בענס־ווייזהייט. די שפּעטערדיגע לעסטערונג פון דער פילאָסאָפיע, וואָס די סכאָלאסטיקער האָבען אויסגעדריקט אין די ווערטער, אז די פילאָסאָפיע דארף זיין א דיענסט־מויד ביי דער טהעאָלאָגיע, האָט איהרע וואָרצלען ביי די נאָך־אריסטאָטעליקער, וואָס האָבען געלערנט, אז די גאַנצע טהעאָרעטישע דערקענטניס איז נאָר אויף אזוי פיעל אינטערעסאנט, און האָט נאָר אויף אזוי פיעל ווערטה, אויף וויעפיעל זי דיענט אונז אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען וועג צו טוגענד. אמת, דאָס איז אויך געווען דער גלויבען פון א סאָקראַ־טעס, אָבער סאָקראַטעס האָט געלעבט נאָך די סאָפיסטען; די סטאָיקער, עפּיקורעער און די סקעפּטיקער — נאָך פּלאַטאָנען און אריסטאָטעל'ן.

די אלע סמנים פון א ניעדערגאַנג פון דעם פילאָסאָפישען גע־דאַנק געפינען זיך שוין קלאָר אויסגעשפּראָכען אין דער טיעפסטער און געדאַנקענרייכסטער פון די אלע דריי שוהלען — דער סטאָישער.

## § 54. די סטאָיקער.

דער בעגרינדער פון דער סטאָישער שוהלע איז זענאָ פון דעם אינזעל ציפּערן (342 ביז 270). דער נאָמען סטאָיקער קומט ארויס פון א געוויסען פּלאַץ אין אטהען, וואו ער האָט געהאַלטען זיין שיעור: די סטאָא פּאָיקילע.

אָבער דער אייגענטליכער אויסבויער פון דעם סטאָישען סיס־טעם איז געווען כריזיפּ (280 ביז 207). „וואָלט כריזיפּ ניט געווען, וואָלט קיין סטאָא ניט געווען", האָט מען נאָך אין אלטער־טום געזאָגט. פון די שפּעטערע סטאָיקער זענען בעריהמט: סע־נעקאָ (3 ביז 65 נ.), עפּיקטעט (געב. אַרום 50 נ., געשט. ארום 120 נ.) און דער רוימישער קיסר מארק אוירעל. (121 ביז 180 נ.)

די סטאָיקער נעהמען איבער יענע דריי־טיילונג פון דער פילאָ־סאָפיע, וואָס איז שוין אויסגעארבייט געוואָרען ביי פּלאַטאָנען: זי צופאַלט ביי זיי אין לאָגיק, פיזיק און עטהיק. די לאָגיק נעהמט ארום אלע פראַגען, וואָס זענען שייך צו דער מענשליכער ערקענט־ניס, אָבער אויך די רהעטאָריק און פּאָעטיק; די פיזיק — דאָס גאַנצע וויסען וועגען דער וועלט, — ד. ה. אויך די וויסענשאַפט

וועגען דעם מענשען און זיין נשמה, ווי א טייל פון דער וועלט. די עטהיק שליעסט אין זיך איין אויף די פּאָליטיק.

## § 55. די סטאָישע לאָגיק.

אין זייער לאָגיק לעהנען זיך אָן די סטאָיקער אָן אַנטיסטהענעס און אריסטאָטעלעס. דער אייגענטליך ערקענטניס־טהעאָרעטישער טייל איז א פערטיעפונג און א בערייכערונג פון אנטיסטהען'ס געדאנקען. פון דער אנדער זייט אָבער זוכען זיי צו געבען א קלאָרען ענטפער אויף יענעם פּראָבלעם, וועלכען אריסטאָטעלעס האָט אוועקגעשטעלט אויף דעם ערשטען פּלאַן: דעם פּראָבלעם פון דער ערפאהרונג. פון וואַנען און ווי אזוי ווערט ע ר פ א ה ר ו נ ג? דאָס איז די הויפּט־פראגע פון דער סטאָישער ערקענטניס־טהעאָריע. א חוץ דעם ברענגען זיי ארויף א נייעם פּראָבלעם אין דער ערקענטניס־טהעאָריע. מען דאַרף ניט נאָר אויספאָרשען, פון וואַנען די ערקענטניס שטאַמט און מיט וועלכע מעטהאָדען זאָל מען דערגרייכען א ריכטיגען וויסען, נאָר אויך אויסגעפינען א מאָס־שטאַב, א ריכטיגען סימן, וואָס נאָך איהם זאָל מען קאָנען אלע מאָל דערקענען דעם אמת. דאָס איז די פראגע וועגען א „ק ר י ט ע ר י ו ם“ פון דעם אמת.

אין איינעם מיט אנטיסטהענעס זענען די סטאָיקער קאָנסעקווענטע ס ע נ ס ו א ל י ס ט ע ן. זיי גלויבען, אז יעדע ערקענטניס שטאַמט פון די זינען (חושים). אָבער פון דעם זינען־מאַטעריאל ווערען סוף־כל־סוף ארויסגעארבייט שכל'דיגע בעגריפען. די סטאָיקער גיבען אונז אייגענטליך ניט קיין ערקענטניס־טהעאָריע, נאָר א פּסיכאָלאָגישע בעשרייבונג פון יענע פּראָצעסען, ווי אזוי שכל'דיגע בעגריפען וואַקסען ארויס פון דער זינליכער ערקענטניס: געוויס, א גרויסער פערדיענסט פאר דער פּסיכאָלאָגיע, וואָס הויבט אויף די סטאָיקער צו א זעהר הויכער מדרגה, ווען מען דערמאָהנט זיך, אז די גרונדליניען פון זייער ערקענטניס־טהעאָרעטישען סיסטעם ווערען נאָך איצטער אָנגענומען אין יעדער עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע. די סטאָיקער גיעבען אונז אַן עמפּירישע און במעט מאָניסטישע ערקלעהרונג, ווי אזוי די גאַנצע מענשליכע ערקענטניס וואַקסט ארויס פון די זינען.

די סטאָישע לאָגיק זאָגט זיך אין גאַנצען אָב פון דער פּלאַטאָ־

גייש־אריסטאָטעלישער אידעען־לעהרע. דעם מענשען׳ס נשמה קומט אויף דער וועלט, ווי א „ליידיגע טאָוועל“ (טאַבולאַ ראַזאַ“). די איינדרוקען פון די חושים לאָזען אויף איהר איבער א שפּוהר, ווי א שטעמפּעל אין וואקס. פון די שפּוהרען ווערען פ אָ ר ש ט ע ל ו נ־ג ע ן. די פאָרשטעלונגען לאָזען איבער זכרונות, ע ר י נ ע ר ו נ ג ס־ב י ל ד ע ר, נאָך זיך. ד י ע ר פ א ה ר ו נ ג א י ז א פ ע ר־ב י נ ד ו נ ג א ו ן א פ ע ר ג ל י י כ ו נ ג פ ו ן אָ ט ד י ע ר י נ ע ר ו נ ג ס־ב י ל ד ע ר. מישט זיך דער מענשליכער שכל ניט אריין קריטיש אין דעם פּראָצעס פון דער ערפאהרונג, וואקסען פון איהר ארויס אלגעמיין־אָנגענומענע, פאר אלע מענשען בשותפות׳שע בעגריפען („קאָינאַי עננאָיאַי“). אָבער נאָך יעמאָלט, ווען דער „ריכטיגער בעגריף“ מישט זיך אריין, קאָן מען פון די „קאָינאַי עננאָיאַי“, דורך די געזעצען פון דער לאָגיק, וועלכע אריס־טאָטעלעס האָט ארויס געפונען, ארויסברענגען אן אמת׳ע אָבשפּיעג־לונג פון די זאַכען, אין גאַנצען בענעהמען די זאַך, ווי זי איז. דאָס ריכטיגע „בענעהמען“ איז די „קאַטאַלעפּסיס“.

די סטאָיקער האָבען, משמעות, געפיהלט, אז זייער עמפּירישע פּסיכאָלאָגיע, וואָס פיהרט אלץ צוריק אויף די חושים, קאָן אונז ניט געבען קיין אָביעקטיווען מאָסשטאַב פאר דעם ו ו ע ר ט ה און די ז י כ ע ר ק י י ט פון די בעגריפען. פון וואַנען ווייסען מיר, אז אָט דער פערוויקעלטער פּראָצעס, וואָס הויבט זיך אָן מיט אזא אונזיכערער זאַך, ווי די מענשליכע חושים, מ ו ז סוף־כל־סוף ברענגען צו דעם אבסאָלוטען אמת? אין וואָס בעשטעהט זיין קרי־טעריום? קיין אביעקטיווען מאסשטאב קאָן אזא פּראָצעס טאַקי ניט געבען. דערפאַר האָט אָבער די נשמה א סוביעקטיווען, אן אינווע־ניגסטען קריטעריום פון דעם אמת. דאָס איז די א י נ ו ו ע־נ י ג ס ט ע צ ו ש ט י מ ו נ ג פון ד ע ר נ ש מ ה, די „סינ־קאַטאַטעזיס“, וואָס בעווייזט זיך אלע מאָל, ווען די בעגריפען און די שלוסען ווערען אזוי קלאָר, אז מען זעהט דעם אמת, כמעט ווי מיט די אויגען, ד. ה. ווען זיי ווערען „עווידענט“. אזעלכע פאָרשטעלונ־גען, וואָס צווינגען אונזער נשמה זי זאָל צושטימען צו זיי, (ווי צ. ב. די אקסיאָמען פון דער מאַטהעמאַטיק) רופען זיי אָן : „די פאַנ־טאַזיאַ קאַטאַלעפּטיקע“.

### § 56. די סטאָישע פיזיק.

די לאָגיק פאַר זיך האָט אָבער ניט קיין זעלבסטשטענדיגע בע־דייטונג. מען דאַרף זי שטודירען, כדי מען זאָל קאָנען ארויסגעפי־נען אַלץ, וואָס אונז איז וויכטיג צו וויסען וועגען דער נאַטור.

ווי די סטאָיקער האָבען אין דער לאָגיק צונויפגעשמאָלצען אין איינעם די געדאַנקען פון אנטיסטהענעס און אריסטאָטעלעס, אזוי האָבען זיי אין דער פיזיק געמאַכט א סינטעז פון דעמאָקריט'ן און העראַקליט'ן.

מיט דעמאָקריט'ן האַלטען זיי אַז אַלץ, וואָס עקזיסטירט איז נאָר פון קערפּערליכער נאַטור: ריינע גשמיות, אָהן א סימן פון א וועלכער עס איז רוחניות. אפילו גאָט איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַן איידעלע ארט מאַטעריע. און ניט נאָר די געטער, נאָר אפילו די בעגריפען און אַלע שייכות'ען וואָס זענען דאָ אין דער וועלט צווישען זאַכען און פּראָצעסען, זענען אויך ניט אַנדערש, ווי א מין זעהר איידעלע גשמיות'דיגע סובסטאַנץ.

פון העראַקליט'ן נעהמען זיי איבער דעם פּאַנטעאיסטישען גע־דאַנק, אַז גאָט און וועלט איז איין־און־דיזעלביגע זאַך, אַז זיי ביידע בעשטעהען פון איין־איינציגער סובסטאַנץ — דעם פערניפטיגען פייער עטהער, וועלכען די סטאָיקער רופען אויך אָן די „פּנעאומאַ" (דער הויך). זיי פערטיעפען נאָך ווייטער די העראַקליטישע פי־לאָסאָפיע אין צוויי ריכטונגען: אין דער טעלעאָלאָגישער און דער דעטערמיניסטישער. אַלץ אין דער נאַטור איז אזוי פערניפטיג, שכל'דיג און גוט, אַז עס קאָן בעסער און קליגער ניט געמאַלט זיין, און ממילא איז שוין אַלץ אין דער נאַטור אבסאָלוט נויטווענ־דיג, ווייל עס קאָן ניט אַנדערש זיין. קיין פרייער ווילען איז פערשטעהט זיך ניטאָ. יעדע איינצעל־ערשיינונג ווערט איינגע־אָרדנעט אין דער וועלט דורך די „השגחה פּרטיית", די פערניפטיגע פאָרזעהונג וואָס שטאַמט פון יענער פערניפטיגער קראַפט, וועלכע דער פייער־עטהער שטראַהלט אריין אין דער וועלט: דאָס זענען די „זוימען־האַפטע שכל'ס" („לאָגאָי ספּערמאַטיקאָי"). אויף יעדער זאַך הערשט דער שיקזאַל, די „העימאַרמענע". „דעם וואָס וויל געהן מיט גוטען, פיהרען די געטער; דעם וואָס וויל ניט, שלעפּען זיי". מיט העראַקליט'ן נעהמען זיי אָן, אַז אַלע מאָל נאָך א בעשטימטען

פעריאָד־צייט, ווערט די וועלט וויעדער פערברענט און געהט, א בע־נייטע, וויעדער ארויס פון די געטליכע פלאַמען. אלע מאָל געהט זי ארויס אין דער זעלביגער געשטאלט, מיט די זעלביגע פּראָצעסען, מענשען און פּאסירונגען, ווייל די וועלט קאָן ניט ווערן נאָך שכל־דיגער, עהדער זי איז.

אין דער סטאָאישער פּיזיק זענען נאָך גרינדליכער עהדער ביי העראקליט צונויפגעגאָסען געוואָרען די גרונד־פּרינציפּען פון דעטערמיניזם און טעלעאָלאָגיע.

אויף די פּיזיק דארף מען שטודיערען ניט צוליעב דער טהעאָרע־טישער ערקענטנים, נאָר כדי ארויסצוגעפינען דעם וועג צו א טוגענד־האפטען לעבען.

## § 57. די סטאָאישע עטהיק.

ארויסגעבראכט אין דער לאָגיק א געמיש פון אנטיסטהענעס און אריסטאָטעלעס, אין דער פיזיק א געמיש פון דעמאָקריט און הע־ראקליט, האָבען די סטאָיקער אויך אין דער עטהיק געוואָלט צונויפ־גיעסען צוויי פריהערדיגע געדאנקען־שטרעמונגען: די עטהישע לעהרען פון די ציניקער מיט דער עטהיק פון פּלאטאָן. אָבער די לעצטע צונויפגיעסונג האָט זיך זיי ניט אין גאנצען איינגעגעבען, און קיין געדאנקען־סיסטעם איז ניט אזוי פול פון אינוועניגע סתירות, ווי די עטהיק פון די סטאָיקער. זי הארמאָנירט אויך זעהר שלעכט מיט זייער לאָגיק און פּיזיק.

שפּינט מען ווייטער דעם לאָגישען פאָדים פון זייער פיזיק אין די עטהיק אריין, בעקומען מיר דעם ריכטיגען און קאָנסעקווענטען געדאנק, אז די העכסטע טוגענד איז צו לעבען אזוי, ווי אונז דיק־טירט אונזער נאטור און די אלגעמיינע נאטור, ד. ה. די געזעצען פון דער וועלט, ווייל אין ביידען איז פערקערפּערט דער געטליכער וועלט־שכל. „קאטא פיזין זען", — לעבען לויט דער נאטור איז דעריבער זעהר קאָנסעקווענט דער עטהישער גרונד־כלל פון די סטאָאיקער, וועל־כען זיי האָבען אריבערגענומען פון די ציניקער. אָבער צונויפגע־פּאָרט מיט זייער גרונד־פּרינציפּ פון דער אבסאָלוט־פּערניפּטיגער אבסאָלוטער נויטוועגדיגקייט פון אליז וואָס געשעהט אין דער נאַ־טור — וואָס לאָזט לאָגיש ניט צו, עפּעס זאָל קאָנען געשעהען לויט דעם מענשליכען פרייען ווילען, אָדער עפּעס זאָל זיין ניט גוט —

וואָלט דער פּרינציפּ פון „נאַטור־געמעסהייט“ בעדאַרפט פיהרען אויב ניט צו אַן אבלייקענונג אין גאַנצען פון א וועלכער עס איז עטהיק, איז, לכל הפחות, צו א קאָנסעקווענטען נאָכגעבען סיי דער אייגענער נאַטור, סיי דער נאַטור פון דער וועלט, אין דעם זעלביגען זין און אין די זעלביגע גרענעצען, ווי מיר האָבען דאָס געזעהען ביי די ציניקער. די ערוואַרטונג ווערט נאָך פערשטאַרקט, ווען מען דערמאָהנט זיך, אַז דעם גרונד פון אַלע מענשליכע האַנדלונגען זעהען די סטאָיקער אין דעם זעלבסט־ערהאַלטונגס־טריעב. צום סוף ברעכט אויס אין דער סטאָאישער עטהיק אַזאַ מין שטרענגער דואַליזם פון נאַטור און מאָראַלישען אידעאַל, אַז ער לאָזט ווייט הינטער זיך אפילו די שאַרפסטע דואַליסטישע און אידעאַליסטישע געדאַנקען פון א פּלאַטאָן. דאָס מאַכט זייער לעהרע פאַר דעם ערהאבענסטען בנין, וואָס איז ווען עס איז אויפגעבויט געוואָרען אויף דעם פעלד פון מאָראַל, אָבער ער פּאַסט ניט צו זייער עמפּירי־שער ערקענטניס־טהעאָריע, ניט צו זייער דעטערמיניסטיש־טעלעאָלאָגישער נאַטור־פילאָסאָפיע.

נאָר איין בריק וואָלט געקאָנט פיהרען איבער דעם דואַליסטי־שען אָבגרונד. דאָס איז דער געדאַנק, אַז דער זעלבסטערהאַלטונגס־טריעב פון דעם איינצעלנעם שטעהט ניט אַלע מאָל אין האַרמאָניע מיט דעם גאַנצען פערנינפטיגען וועלט־געשעהען, און אַז די פער־נונפט מוז דעריבער „מיט גוטען“ בעקעמפּפען די אייגענע סוביעק־טיווע וועלענישען און געלוסטען, נאָך עהדער דער פערניפטיגער וועלט־פּראָצעס וועט זיי צוברעכען „מיט בייזען“. אָבער אויך דער בריק טויג ניט, ווייל דאָס רוב סטאָאישע דענקער האַלטען, אַז די איי־גענע נאַטור און די נאַטור פון דער וועלט געפינען זיך אין דער שעהנסטער האַרמאָניע.

ווי די מעשה איז, — דער פּונקט איז נאָך ניט אין גאַנצען אויפ־געקלערט, — די סטאָאישע עטהיק בויט איהר בנין ניט אויף דעם פונ־דאַמענט פון לוסט, נאָר אויף דעם באַזיס פון פליכט. די מענשליכע פרייע פערנונפט זאָל שטרעבען צו אַן אידעאַל פון זעעלי־שען פריעדען און פאָלשטענדיגער רוהע: פון קיין זאַך ניט אויפגערודערט ווערן, דורך קיין זאַך ניט אַרויסגעריסען ווערן פון דעם גלייכגעוויכט. די רוהע ווערט געשטערט פון די ליידענ־

ש אַ פ ט ע ן, וואָס קאָנען צוריק געפיהרט ווערן אויף פיער גרונד־עלעמענטען: לוסט און שמערץ, בעגעהרען און פורכט. די לייי־דענשאַפטען מוזען אונטערדריקט ווערן אזוי, אז אין דער נשמה זאָל ניט בלייבען קיין סימן פון זיי. יעמאָלט קאָן אריינטרעטען דער געווינשטער צושטאַנד: די „אטאראַקסיע“, די אונערשיטערליכ־קייט און די „אַפּאַטיע“, די פאָלשטענדיגע ליידענשאַפטס־לאָזיגקייט.

ווי אזוי צו דערגרייכען דעם צושטאַנד, וועלכע „טוגענדען“ עס דאַרפען אָנגעווענדט ווערן דערצו, דאָס לאָזען דאָס רוב סטאָיקער איבער צו דעם „ווייזען“, צו דעם פילאָסאָף אליין. אויב ער לעבט נאָר, פאָלגענדיג וואָס די מאָראלישע פליכט הייסט איהם, מיט דעם איינציגען צוועק צו דערגרייכען די „אפאטיע“, איז יעמאָלט מעג ער טהאָן אלץ, וואָס די פערנונפט דיקטירט איהם. אלע ערשיינונ־גען און האנדלונגען וועט דער „ווייזער“ איינטיילען אין צוויי גע־גענגעזעצען, וואָס שליעסען איינער דעם אנדערען אבסאָלוט אוים: טוגענד און לאַסטער; צו דער ערשטער וועט ער שטרעבען, די צווייטע וועט ער בעקעמפּפען, און אלץ וואָס ליעגט מחוץ פון זיי, רייכטום, געזונט, שעהנקייט, אפילו דאָס לעבען גופא, — וועט פאר איהם זיין אַ ג ל י י כ ג י ל ט י ג ע זאַך („אדיאַפאָראָן“). און אקוראט אזוי ווי עס איז ניטאָ קיין איבערגאַנג פון ניט־טוגענד צו טוגענד, אזוי איז אויך ניטאָ קיין איבערגאַנג פון דעם ניט־טוגענד־האַפטען, דעם שלעכטען, דעם נאַרר, צו דעם טוגענדהאַפטען, דעם גוטען, דעם תלמיד־חכם. אָדער מען האָט די טוגענד אין גאַנצען, אָדער מען האָט זי גאָר ניט. יעדער ניט־טוגענדהאַפטער מענש קאָן על פּי טהעאָריע, דורך די אנשטרענגונג פון זיין פערנינפטיגען ווי־לען מיט אַ מאָל צוברעכען דעם אַלטען מענשען אין זיך און איבער־געהן צו דער טוגענד.

די שפּעטערע סטאָיקער האָבען אין אַ סך פּונקטען אָבגעשוואַכט די שטרענגקייט פון דער סטאָישער לעהרע. מען האָט איינגעזעהען, אז קיין מענש קאָן ניט דערגרייכען צו יענעם ערהאַבענעם אידעאַל פון אַ סטאָישען תלמיד־חכם. דעריבער האָט מען געמוזט אריינ־ברענגען דעם בעגריף פון שטופענווייזער פ ע ר פ אָ ל ק אָ מ ע ־ נ ו נ ג (די „פּראָקאָפּע“) און אויך די „גלייכגילטיגע“ זאַכען איינ־טיילען אין אזעלכע, וואָס מעגען האָבען מעהר אָדער ווייניגער חן אין די אויגען פון דעם תלמיד־חכם.

אין דער רעכטס־פילאָסאָפיע און אין דער פּאָליטיק זענען די סטאָיקער געגאַנגען אויף דעם זעלביגען וועג, וועלכען די ציניקער האָבען דורכגעבראָכען. אזוי ווי דער שכל איז איין־און־דערזעלביגער ביי אַלע מענשען, מוז זיך געפינען איין שכל'דיגער רעכט פאר אַלעמען. די נאַציאָנאַלע און שטאאטליכע אונטערשיעדען געהען להיפּך צו דעם שכל'דיגען רעכט. דער ק אָ ס מ אָ פּ אָ ל י ט י ז ם, דער וועלט־בירגערטהום איז אַ פאָרדערונג פון דעם אלגעמיין־מענשליכען שכל. ביי דעם בעגרינדער פון דער סטאָישער שוהלע, זענאָ, איז דיזער קאָסמאָפּאָליטיזם געווען פערבונדען מיט אַ מין סאָציאַליזם.

## § 58. ד י ע פּ י ק ו ר ע ר.

לויט דעם ענדציעל פון דער פילאָסאָפישער פאָרשונג איז די עפּיקורעאישע שוהלע זעהר ענליך צו דער סטאָישער: איהר פילאָסאָפיע ווערט אויך איינגעטיילט אין לאָגיק, פיזיק און עטהיק, און די צוויי ערשטערע דיענען דער לעצטערער ווי אַ מיטעל צום צוועק. דאָס לעצטע ציעל פון דער „טוגענד“ איז אַ הייטער־רוהיגער, פריעדליכער צושטאַנד פון דער נשמה.

דער בעגרינדער פון דער שוהל איז געווען ע פּ י ק ו ר (341 ביז 270 פ.). זי האָט געהאַט, ווי די סטאָישע שוהל, אַ סך תלמידים. איהר שפּעטערער גלענצענדער פערטרעטער איז געווען דער רוימישער דיכטער, ל ו ק ר ע ץ. (לוקרעציוס קארוס 97 ביז 55 פ.)

אין צוויי פּונקטען איז די עפּיקורעאישע ל אָ ג י ק ענליך צו דער סטאָישער: זי ווייזט אונז, ערשטענס, אָן דעם פּראָצעס, ווי אזוי פון די איינפאַכע איינדרוקען פון די חושים, פון דער זינליכער וואַהרנעהמונג, ווערען בעשאַפען די העכערע פּראָדוקטען פון דעם מענשליכען דענקען: די בעגריפען און די מיינונגען. צווייטענס זוכט זי אויך, ווי די סטאָישע לאָגיק, אויסצוגעפינען דעם קריטעריום פון דעם אמת דאָרטען, וואו די העכערע פּראָדוקטען געהען זיך פאַנאַנדער מיט דער ריין זינליכער ערפאַהרונג. פאר ביידען איז דער קריטעריום די קלאָרקייט, וואָס צווינגט אונז איינצוזעהען, אז די זאַך איז אזוי און ניט אַנדערש. די „ע ו ו י ד ע נ ץ“, וואָס רופט אונמיטעלבאַר ארויס די צושטימונג פון דער נשמה.

אָבער בעת די סטאָיקער זעהען די עווידענץ אין די העכערע

פּראָדוקטען פון דעם געדאנקליכען פּראָצעס, אין די פאָרשטעלונגען און די בעגריפען, וואָס זענען דורכגעארבייט געוואָרען מיט דעם לאָגיש ריכטיגען דענקען, ליעגט פאר עפּיקור די עווידענץ אין די זינליכע וואהרנעהמונגען גופא. די בעגריפען אָבער און די מיינונגען קאָנען שוין ניט זיין אזוי קלאָר, ווי דאָס מאטעריאל, וואָס די חושים ברענגען אונז. נאָר דאָס איז אמת, וואָס מיר נעהמען אויף מיט אונזערע חושים, אָדער, לכל הפחות, וואָס עס געהט ניט להיפך צו זיי. אין דער איבערגעבענקייט צו די עדות פון די חושים געהט עפּיקור אזוי ווייט, אז ער וואָלט וועלען ניט אָבטרעטען פון זיי ניט אויף א האָר און ניט צולאָזען קיין „פערבעסערונג" פון דעם שכל'ס צד. ווען מיר זעהען צ. ב. א האלבע לבנה, דאַרף דאָס הייסען, אז מעהר ווי א האלבע לבנה איז איצטער אויפ'ן הימעל ניטאָ. מיר מעגען, פערשטעהט זיך, בויען פערשיעדענע סברות ווי צו דערקלערען די וועלט און אויך אָנעהמען די עקזיסטענץ פון אזעלכע זאכען, וועלכע מיר נעהמען אריין מיט אונזערע חושים. אָבער זיי דארפען, ערשטענס, זיין עהנליך צו די זינליכע איינדרוקען, אזוי אז מען זאָל זיי קאָנען לייכט פאָרשטעלען זיך, און, צווייטענס, זאָלען די רעזולטאטען פון אזעלכע סברות אַ ברעקעל ניט פערענדערן דאָס, וואָס מיר נעהמען אויף מיט אונזערע חושים.

די בעסטע סברה וואָס זאָל פּאסען צו אזעלכע בעדינגונגען איז די א־ביסעל אומגעענדערטע אטאָמען־טהעאָריע פון דעמאָקריט, וועלכע עפּיקור לעגט אוועק אין דעם פונדאמענט פון זיין פיזיק. מיט דעמאָקריט'ן איז ער כמעט מסכים אין אלע וויכטיגע פונקטען פון דער וועלט־ערקלעהרונג. אָבער אין איניגע פונקטען געהט ער זיין אייגענעם וועג. אזוי, למשל, קאָן עפּיקור ניט אָננעהמען יענעם זעהר וויכטיגען ערקענטניס־טהעאָרעטישען רעזולטאט, צו וועלכען דעמאָקריט איז געקומען פון זיין אטאָמען־לעהרע, אז אין דער נאטור זענען ניטאָ קיין פארבען, קלאנגען א. אז. וו., אז די זינען נאררען אונז אָב אין דעם פונקט. די זינען קאָנען אונז ניט נאררען, מיינט עפּיקור. ער מוז אויך א ביסעל איבער־אנדערשען דעמאָקריט'ס דערקלעהרונג, ווי אזוי עס זענען דורך דעם ריין מעכאנישען פאלען פון די אטאָמען, געוואָרען די פערשיעדענע וועלטען. פון אריסטאָטעלעס האָט שוין עפּיקור זיך דערוואוסט,

אַז אין אַ לופט־לעדיגען רוים מוזען אַלע קערפּער, ווי פערשיעדען עס זאָל ניט זיין זייער שווערקייט, פאַלען מיט דערזעלביגער געשווינדקייט. עס וואָלט דעריבער קיין מאָל ניט געקאָנט קומען צו אַ וועלכען עס איז צונויפשטוים פון אַטאָמען, צו אַ וויכער־בעוועגונג און צו אַ וועלטען־בילדונג. עפּיקור איז דעריבער געווען געצוואונגען צו דערקלערען דעם פּראָצעס דורך דעם פ ר י י ע ן ו ו י ל ע ן, וואָס לעבט אינוועניג אין יעדען אַטאָם. איינינע אַטאָמען האָבען פון גוטען מוטה אָבגעוויכען פון דער גלייכער פאַל־ליניע און דערנאָך איז שוין אַלץ געגאַנגען כסדר, לויט דעמאָקריט. „אַן אונפערשעהמטע סברה!" האָט דערויף אַ סך שפּעטער בעמערקט קאַנט. אָבער אין גאַנצען „אונפערשעהמט" איז זי, נאָך אונזער מיינונג, דאָך ניט. אין איהר ליעגט די זריעה פון אַ שפּעטערען פילאָסאָפישען געדאַנק, אַז די צוויי גרונד־איינענשאַפטען פון יעדען אַטאָם זיינען בעוועגונג און ע מ פּ פ י נ ד ו נ ג.

די עקזיסטענץ פון געטער האָט עפּיקור ניט געלייקענט. זיי בעשטעהען פון זעהר אַן איידעלער פייעריגער מאַטעריע און פיהרען אַ גליקליכען לעבען אין די לעדיגע רוימען, וואָס צווישען די וועלטען. וועגען דער וועלט און די מענשען קימערן זיי זיך אָבער גאָר ניט.

איבעריגענס, איז פאַר עפּיקור'ן ניט וויכטיג, ווי מען זאָל ערקלעהרען די וועלט. די פיזיק איז פאַר איהם, ווי פאַר די סטאָיקער, ניט קיין זעלבסט־צוועק. דער עיקר איז — מען זאָל זי דערקלעהרען אויף אַ נאַטירליכען אופן, וואָס לאָזט ניט צו קיין ברעקעל שליטה אין דער וועלט פאַר אַ וועלכער עס איז איבערנאַטירליכער מאַכט. נאָר אויף אַזאַ'ן אופן קאָנען די מענשען בעפרייט ווערען פון אָבערגלויבען און מורא, — די צוויי הויפּט־מניעות, וואָס שטעהען אויפ'ן וועג צום גליק.

גליק, לערנט אונז די עפּיקורעאישע ע ט ה י ק, בעשטעהט אין דער הנאה, אין דער לוסט. צו איהר שטרעבט תמיד יעדער איינצעל־מענש אין זיינע האַנדלונגען. אָבער ניט אַלע לוסטען זענען גלייך און ניט יעדער ווייס, וועלכע לוסט מען דאַרף אויסקלייבען. די פערנונפט דאַרף אונז לערנען אָבצושעצען די פערשיעדענע לוסטען, ניט נאָר נאָך דער הנאה פון דעם אויגענבליק, נאָר אויך לויט

אונזער פאָרשטעלונג פון דער צוקונפט. די העכסטע, ווערטה־פאָלסטע לוסט איז די וואָס פערשאַפט א[illegible] שטענדיג רוהיגען, אונערשיטערליכען געמיטה, וואָס קאָן קיין מאָל ניט ארויסגעבראכט ווערן „פון די כלים“ (אויב מען מעג זיך אזוי אויסדריקען). צו דעם איז אָבער נויטיג צו האלטען אלע לוסט־מאָמענטען, וואָס דאָס לעבען קאָן אונז ברענגען, אין א שטרענגער צוים. די חשוב'סטע לוסט איז די, וואָס מיר בעקומען פון דער ריכטיגער ערקענטניס גופא. ס'איז דעריבער בעסער האָבען שכל און זיין אונגליקליך, עהדער זיין א גליקליכער נאר. ווערען אָבער די ליידען שוין גאָר ניט צו דער־טראָגען, איז דאָ א מיטעל: דער פרייוויליגער טויט. די מורא פאר'ן טויט מוז מען אויסוואָרצלען פון אונזער נשמה. אייגענטליך קאָנען מיר דאָך גאָר ניט שטארבען: כל זמן „מ י ר“ זענען דאָ, איז נאָך דער טויט ניטאָ; קומט דער טויט, זענען „מ י ר“ שוין ניטאָ.

ל ו ק ר ע ץ, דער טאלאנטפאָלסטער תלמיד עפיקור'ס, האָט ניט אריין געבראכט קיין איין נייעם וויכטיגען פרינציפיעלען גע־דאנק אין דער מאטעריאליסטישער פילאָסאָפיע פון זיין רבי'ן. פון גאָרנישט קאָן גאָרנישט ווערן און קיין זאך קאָן ניט לחלוטין פער־שווינדען. אלץ בעשטעהט פון אטאָמען. אָבער ער האָט אין זיין גרויסען, שעהן און טיעף דורכגעפיהלטען שיר „דע רערום נאטורא“ (וועגען דער טבע פון דער וועלט) אריינגעוועבט א סך אינטערע־סאנטע איינצעל־געדאנקען וועגען דער נאטור, דעם מענשען און דער מענשליכער קולטור. ער פרובט געבען א מאטעריאליסטישע, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, א ריין עמפּירישע ערקלעהרונג פאר דעם אָנהויב אין דער ענטוויקעלונג פון דער מענשליכער געזעלשאפט און פון די פראָדוקטען, וועלכע זי האָט ארויסגעבראכט. — זיין עטהי־שער אידעאל איז אויך דערזעלביגער עפיקורעאיש־סטאָאישער: „ניל אדמיראַרי“. פון קיין זאך ניט נתפעל ווערן; אָבהיטען די רוהע פון דעם געמיטה.

די עפיקורעאישע פילאָסאָפיע איז שפעטער פאלש פערשטאנען און אויסגעטייטשט געוואָרען. מען האָט אין איהר געוואָלט זעהען מעהר נישט ווי די בערעכטיגונג נאָך־צו־יאָגען זיך נאָך זינליכע הנאות, — אַן אכול ושתה, כי מחר נָמוּת“ („לאָמיר עסען און טרינ־

קען, ווייל מאָרגען שטאַרבען מיר". ישעיה). דערהויפּט דער רעלי־גיעזער גלויבען איז געווען שטאַרק אין גרים־צאָרן אויף עפּיקור און זיין לעהרע, פאַר דעם שאַרפען קאַמפּף, וועלכען די גאַנצע שוהלע און, דער עיקר, לוקרעץ האָבען געפיהרט אַנטגעגען דער רעליגיאָן. „אַפּיקורס" איז געוואָרען אַ שם־דבר פאַר יעדען, וואָס לייקענט די רעליגיע און פיהרט אַ צולאָזענעם לעבען. אַ טייל פון די בעשול־דיגונגען זענען געווים אַרויס גערופען געוואָרען דורך דעם לעבען פון יענע צולאָזענע יונגען אין רוים, וואָס האָבען זייערע וויסטע לייי־דענשאַפטען איינגעוויקעלט אין דעם מאַנטעל פון דער עפּיקורעאי־שער פילאָסאָפיע. עפּיקור און לוקרעץ זענען דערינען געווים ניט שולדיג.

## § 59. די סקעפּטיקער.

די דריטע נאָך אַריסטאָטעלישע שוהלע, די סקעפּטישע, טראָגט אויף זיך דעם זעלביגען שטעמפּעל, וואָס די צוויי פריהערדיגע: אַן איינגעמאַטערטקייט אין דעם ריין טהעאָרעטיש־פילאָסאָפישען שאַ־פען, אַ שטרעבען צו געפינען פאַר דער נשמה אַן אבסאָלוטען רוהע־פונקט.

די סקעפּטיקער: פּירהאָן פון עלים (אַרום 360 ביז 270 פ.), דער האַלב־פּלאַטאָניקער קאַרנעאַדעס (אַרום 214 ביז 129 פ.), ענע־זידעם (אין דעם ערשטען יאהרהונדערט פ.), סעקסט דער עמפּירי־קער (אַרום דעם צווייטען יאהרהונדערט נ.) און נאָך אַנדערע, ווע־ניגער וויכטיגע, — האָבען אין זייער לאָגיק געזוכט צו בע־ווייזען, אַז יעדער וויסען איז בלויז רעלאַטיוו, אַז מען קאָן דעריבער אין דער פיזיק ניט האָבען קיין אבסאָלוט זיכערע ערקענטנים, און אַז די עטהיק, אויף ווי פיעל זי וויל געגרינדעט זיין אויף וויסענשאַפט, קאָן האָבען נאָר איין פונדאַמענט, די „עפּאָכע", דאָס צוריק־האַלטען זיך פון אַ וועלכען עס איז דאָגמאַטישען גלויבען אָדער אבסאָלוט זיכערער מיינונג. דורך די עפּאָכע קומט מען צו דער „אַטאַראַקסיע" — דער „אונערשיטערליכקייט".

מען דאַרף פון דעסטוועגען ניט מיינען, אַז די סקעפּטיקער האָ־בען מעהר נישט ווי איבערגעקייט די גערדאַנקען פון די סאָפיסטען און די מעגאַריקער אין זייער קריטיק פון דער מענשליכער ערקענט־נים. אַרויסגעהענדיג פון דעם ציעל צו קריטיקירען די וויסענשאַפט,

איז די קריטיק אונטער זייערע הענד אויסגעוואַקסען צו אַן אונטער־זוכונג, ווי אַזוי עס ווערען בעשאַפען מענשליכע „אמת'ען" און מיי־נונגען, און וואו ליעגט דער גרונד פון אַ סך פערבלענדעניסען פון דעם מענשליכען שכל, — אַן אונטערזוכונג, וואָס האָט אָבער ערשט אין די גאָר שפּעטערע דורות געקאָנט ברענגען וויסענשאַפטליכע פרוכטען. די סקעפּטיקער האָבען זיך אויך אַ סך (לפי יענער צייט) בעשעפטיגט מיט נאַטור־פאָרשונגען און געזוכט אויסצוגעפינען אַ וואהרשיינליכקייט'ס־טהעאָריע, וואָס זאָל פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דער צושטערטער דאָגמאַטישער זיכערקייט.

---

„אונערשיטערליכקייט", „ליידענשאַפטסלאָזיגקייט", אבסאָלו־טע „געמיטה'ס־רוה" און די גרינגע אבשעצונג פון דעם ריין טהעאָ־רעטישען פילאָסאָפישען שאַפען, — דאָס זענען אַלץ סמנים, אַז די אַלטע גריעכישע פרייע פילאָסאָפיע איז מעהר ניט געווען ביכולת צו בעפריעדיגען דעם מענשען'ס דאָרשט נאָך אַן איינהייטליכער וועלט־אַנשויאונג. די וועלט־לאַגע פון יענער צייט איז געווען אַן אונרוהיגע, דער ציוויליזירטער מערב האָט זיך גענומען צונויפ־שטויסען מיט דעם האַלב־ציוויליזירטען, האַלב באַרבאַרישען מזרח. גרויסע מאסען, וואָס זענען געלעגען אין דעם רעליגיעזען שלומער, האָבען זיך אויפגעכאַפּט צו אַ טיעפערען דורכמוסטערן פון זייער אייגענעם גלויבען. די פערשיעדענע רעליגיאָנען פון מזרח און מערב האָבען זיך צום ערשטען מאָל בעגעגענט אויג אין אויג און די געטער האָבען געלייקענט איינער דעם אנדערן'ס אויטאָריטעט. די פילאָסאָפישע סיסטעמען האָבען געלייקענט איינער דעם אנ־דערן'ס גרונדלאַגע. צו דער זעלביגער צייט איז אויך די סאָציאַלע און די פּאָליטישע לאַגע, ארויסגערופען פון די רוימישע וועלט־עראָבערונגען, געוואָרען אַלץ אונרוהיגער, אַלץ מעהר אונזיכער. עס האָט זיך גענומען צושפּיצען דער געגענזאַץ פון אָרעמקייט און רייכ־קייט אומעטום, און אין רוים גופא, — דער געגענזאַץ פון לוקסוס און עלענד. די עדעלערע נשמות האָבען געשפּיהרט אַן עקעל צו יענער וועלט, וואָס איז פול געוואָרען מיט זינד און רויב. מען האָט גענומען בענקען נאָך אַן אנדער וועלט, אַ בעסערער, אַ ריינערער, אַ גייסטיגערער ; נאָך אַן אַנדער אמת וועגען דער וועלט, וואָס זאָל

שטאַמען ניט פון דעם מענשליכען שכל, נאָר פון דעם וועלט־בע־שאַפער אָדער פון די מעהרערע וועלט־בעשאַפער גופא. מיט בעזונ־דערער אויפמערקזאַמקייט האָט זיך די אינטעליגענץ פון יענער צייט גענומען צו־הערען צו יענעם מאַנאָטהעאיסטישען גרונד־טאָן, וואָס האָט גענומען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער קלינגען אין דער פי־לאָסאָפישער וועלט. שוין קסענאָפאַנעס האָט געפּרעדיגט דעם איינ־ציגען גאָט; אַנאַקסאַגאָראַס שרייבט איהם צו די צוועקמעסיגקייט אין דער נאַטור; פּלאַטאָן מאַכט איהם צו דעם בוימייסטער פון דער וועלט, וואָס שאַפט זי לויט די אייביגע אידעאַלען פון דער אי־דעען־וועלט; אַריסטאָטעלעס מאַכט איהם צו דעם מקור פון די אידעען גופא, צו דעם מקור פון יעדער בעוועגונג און יעדער גע־שטאַלטונג אין דעם וועלט־געשעהען; די סטאָיקער ווילען גלוי־בען נאָר זיין איהם. און דאָ דערגעהט מען וועגען אַ רעליגיעזען סיסטעם, וואָס איז לכתחילה אויפגעבויט אויף דעם גלויבען אין איין איינציגען גאָט און וואָס טרעט אַרויס מיט דער קלאָרער, אותות ומופתים'דיגער פערזיכערונג, אַז יענער איין־איינציגער גאָט האָט זיך „ענטפּלעקט" צו מענשען און האָט זיי פון מויל צו מויל איבער־געגעבען די סודות פון דער וועלט און די פאָרשריפטען ווי אַזוי צו בעגעהן זיך אין לעבען. און די פאָרשריפטען זענען ערהאַבענע, אין פיעלע פונקטען שטעהען זיי נאָך העכער, עהדער די ערדעלסטע מאָ־ראַל, צו וועלכער עס האָט זיך אַרויפגעאַרבייט דער פילאָסאָפישער געדאַנק. די געבילדעטע וועלט דערקענט אין דעם אידישען גלוי־בען דעם מעטאַפיזישען אָבשלוס־פונקט און די מאָראַלישע ציעלען פון איהר אייגענעם דענקען. זי זעהט דערינען אַ סימן, אַז אויך די איבעריגע טהיילען פון דער אידישער רעליגיעזער לעהרע, די „ענט־פּלעקונג" פון גאָט, זענען אמת, און מיט פרייד וואַרפט זי זיך אַריין אין דעם נייעם איבערנאַטירליכען, געטליכען קוואַל פון וויסען און לעבען, צו שטילען איהר דאָרשט נאָך אמת און יושר.

געוויס, איז דער זיעג פון דעם אידישען מאָנאָטהעאיזם אי־בער די גריכיש־רוימישע געדאַנקען־וועלט ניט געווען אַזאַ לייכטער. דער מאָנאָטהעאיזם האָט זיך געמוזט צופּאַסען צו דער פילאָסאָפי־שער געדאַנקען־וועלט און צו די רעליגיעזע אַנשויאונגען פון יענער צייט. די צווייטע אויפגאַבע האָט דורכגעפיהרט דאָס קריסטענ־טהום, די ערשטע — פ י ל אָ ן.

## § 60. פילאָן פון אַלעקסאַנדריען און זיינע פאָרלויפער.

די גריכישע פילאָסאָפיע איז שוין לאַנג דורך פערשיעדענע קאַנאַלען אריין געדרונגען אין דער אידיישער וועלט. שפורען פון איהר וויל מען געפינען שוין אין דער „סעפּטואגינטא“, ד. ה. דער גריכישער איבערזעצונג פון דער ביבעל, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון די „שבעים זקנים“, אן ערך א 250 יאָהר פאר דער נייער צייט-רעכנונג.

די ווירקונג פון דער גריכיישער פילאָסאָפיע, איבערהויפּט דער סטאָישער, איז גאַנץ געוויס ניכר אין דעם „חכמת שלמה“, — א שריפט, וואָס איז, ווי דער בן-סירה און נאָך אנדערע, ניט אריין גענומען געוואָרען אין'ם תנ"ך.

בעזונדערס שטארק איז געווען דער איינפלוס פון דעם גריכישען גייסט אויף די אידען, וואָס האָבען געוואָהנט אין אלעקסאנדריען (אלכסנדריה של מצרים). דאָרטען געפינען מיר שוין א זעלבסט-שטענדיגען אידישען פילאָסאָף, אריסטאָבול, (געלעבט ארום 160 פ.), וואָס האָט געוואָלט פערבינדען די אידישע רעליגיאָן מיט דער גריכישער פילאָסאָפיע. דעם געמיינזאמען בעריהרונגס-פונקט געפינט ער אין דער פאָרשטעלונג פון דער „סאָפיא“, דער „וויזהייט“, דער „חכמה“, וועגען וועלכער עס שטעהט שוין אין „משלי“ געשריעבען, אַז זי וואָהנט ביי גאָט, און אז דורך איהר האָט גאָט בעשאַפען די וועלט. אריסטאָבול גראָבט אוים א טיעפען תהום צווישען גאָט און דער מאטעריע, וואָס איז אויך אזוי אייביג ווי גאָט. זי איז אָבער צו-ניעדריג, און גאָט איז צו-ערהאבען, ער זאָל זיך קאָנען אראָבלאָזען צו איהר. גאָט האָט זי דעריבער געשטאַלטעט דורך א פערמיטעלונג פון זיין קראפט, דער חכמה. די ביבלישע שטעלען, וואָס שילדערן אנטראָפּאָמאָרפיש די גאָטהייט, זעהט אריסטאָבול אוים צוטייטשען אלעגאָריש. ער זעהט אין זיי נאָר משלים, אין וועלכע עס איז פערבאָרגען א העכערער פילאָסאָפישער זין.

אריסטאָבול'ס גרונד-געדאַנקען ענטוויקעלט מיט פיעל ענערגיע, וויסען, טאלאַנט און פילאָסאָפישער פערטיעפונג ידידיה האלכסנדרוני, אָדער, מיט זיין גריכישען נאָמען, פילאָן (25פ. ביז

50 נ.) ער בויט אויס דעם ערשטען גרויסען טהעאָ־סאָפּישען סיסטעם.

גאָט איז, נאָך פילאָן, ניט קיין קערפּער און ניט קיין גייסט; זיין מהות (וועזען) קאָן קיין מענשליכער שכל ניט משיג זיין. אָבער דער מענשליכער שכל קאָן דערגעהן, אז ער עקזיסטירט, בעטראַכטענדיג זיינע ווירקונגען אין דער וועלט. גאָט קאָן ניט עקזיסטירען אין דער וועלט: ער איז צו ערהאַבען, אָבער ער ווירקט אין איהר דורך זיינע קרעפטען, וואָס זענען געטליכע געדאַנקען. די געטליכע געדאַנקען־קרעפטען שטאַמען פון דעם לאָגאָס (דאָס איז דער טייטש „וואָרט" און „געדאַנק"־פערנונפט). דער לאָגאָס איז געבאָרען פון גאָט, ער איז זיין „בכור", און ענטהאַלט אין זיך אַלץ, וואָס פּלאַטאָן האָט געלערנט וועגען דער אידעען־וועלט און דעם דעמיאורג. ער איז כולל אין זיך אַלע אידעען און אידעאַל־געשטאַלטען, וואָס ווירקען אין דער נאַטור, ווי פערנינפטיגע קרעפטען. דאָס זענען גאָט'ס מלאכים. דער לאָגאָס אליין, וואָס נעהמט ארום אַלע אידעען, פערליערט אָבער ניט זיין זעלבסטשטענדיגקייט. אין איינעם מיט די איבעריגע מלאכים - אידעען בילדעט ער די „חכמה". דער „לאָגאָס" איז אַ פערמיטלער צווישען גאָט און דער וועלט, און אַ „טרייסטער" (פרקליט). דער צווייטער־געבאָרענער גאָט'ס זוהן איז די וועלט. — דער „לאָגאָס", איז דער גאָט (אָדער, אפשר, דער במקום־גאָט) פאַר אונז. גאָט האָט זיך ענטפּלעקט צו דעם אידישען פאָלק און האָט איהם איבערגעגעבען די סודות פון דער וועלט־בעשאַפונג. די גריכישע פילאָסאָפיע איז איבער גענומען געוואָרען פון דער אידישער רעליגיאָן.

וויסען און טוגענד זענען אַ מתנת־אלהים, גאָט'ס אַ געשענק. קומען צו זיי קאָן מען נאָר דורך פרומקייט און גוטסקייט; דער עיקר, דורך אָבזאָגען זיך פון די לייבליכע תענוגים. דאָס העכסטע ציעל פון דער מענשליכער נשמה איז אויפהויבען זיך אין די געדאַנקען צו גאָט און זעהען איהם אין אַ „זעהונג", ווי די נביאים. כדי צו דערגרייכען די מדרגה, מוז מען זיך אָבזאָגען פון אַלע דאגות און פריידען פון דעם עולם הזה, אין גאַנצען זיך בעפרייען פון דעם „איך", און אין אַ הייליגער שטימונג און איבערגעבענקייט וואַרטען, ביז גאָט וועט זיך בעווייזען, ווי ער האָט זיך בעוויזען צו די אבות און די נביאים.

די איבעריגע געדאנקען פילאָ'ס איבערהויפּט אויף זיינע סאָציאַלע בעטראַכטונגען, וועלכע ער האָט ארויסגעזאָגט, בעשרייבענדיג די אידישע קאָמוניסטען־סעקטע, די איסיים, געהערען שוין ניט אין די גרעניצען פון אונזער ארבייט.

## § 61. די נייפּיטהאַגאָרעער און די ניי־פּלאַטאָניקער.

דעם זעלביגען מעטהאָד, וועלכען פילאָן האָט אנגעווענדעט, כדי פילאָסאָפיש צו דערקלערען די אידישע רעליגיע, האָבען די ניי־פּיטהאַגאָרעער און די ניי־פּלאַטאָניקער אויסגענוצט, כדי אָבצופּרישען די לעבענס־בלוט פון דעם גאַנץ אַלט געוואָרענעם גריכיש־רוימישען פּאָליטהעאיזם.

דער וויכטיגסטער פערטרעטער פון די ניי־פּיטהאַגאָרעער איז אַפּאָלאָניאָס פון טיאַנאַ (אין דעם ערסטען יאהרהונדערט פּ.). איבער די גריכיש־רוימישע געטער־וועלט שטעלט ער אַוועק דעם גרויסען וועלט־גאָט, וועלכען מען קאָן פערשטעהן נאָר מיט'ן ריינעם שכל. איהם זאָל מען קיין קרבנות ניט ברענגען. אַלץ וואָס שטאַמט פון דער וועלט איז ניט ווערטה דער אויבערשטער און העכסטער זאָל האָבען אַ וועלכע עס איז מגע ומשא מיט דעם. די איבעריגע געטער זאָל מען יע מקריב זיין קרבנות, אָבער אונבלוטיגע. די ערקלערונג פון דער איבערנאַטירליכער וועלט איז ביי די ניי־פּיטהאַגאָרעער געוועזען געגרינדעט אויף פאַנטאַסטישע שפּיעלערייען מיט דער צאָהל־סימבאָליק.

דער פּילאַנישער טהעאָ־סאָפישער גרונד־פּרינציפּ טרעט נאָך בולט'ער ארויס ביי די ניי־פּלאַטאָניקער: אממאָניאָס סאַקקאַס (דער „זאַק־טרעגער"); פּלאָטין (204 ביז 269 נ.); יאַמבליך (געש. ארום 330 נ.) און פּראָקל (410 ביז 485.) זיי געהען אָבער אַ שריט ווייטער אין דעם פילאָסאָפישען אויפבוי פון זייער סיסטעם. די אידעען־וועלט און די מאַטעריעלע־וועלט זענען ניט „קינדער", „געבאָרען" פון גאָט, נאָר נויטווענדיגע א ו י ס־ש ט ר א ה ל ו נ ג ע ן (עמאַנאַציאָנען) פון זיין געטליכער נאַטור.

גאָט איז ניט גייסט און ניט מאַטעריע, אָן א ב ס אָ ל ו ט ע א י י נ ה י י ט, די „איינס" („העו"). פון דער „איינס" שטראַהלט ארויס, מחמת דער איבער־פּולקייט פון איהר קראַפט, אַן אָבבילד פון איהר גופא, דער „נוס" (דער שכל). דער „שכל", ווי דער פּי־

לאָנישער „לאגאס“, איז כולל אין זיך אַלע אידעען. זיי זענען זעלבסטשטענדיגע טיילען אין איהם, ווי די געאָמעטרישע טהעאָרעמען זענען זעלבסטשטענדיגע טיילען פון דער גאַנצער געאָמעטרישער וויסענשאַפט. דעם שכל, די צווייטע וועלט, ציעהט צו זיין אורבילד, צו גאָט; פון דער אנדער זייט אָבער איז ער צוגעקעהרט צו אַ דריטער וועלט, וואָס שטראַהלט ארויס פון איהם, ווי זיין אָבבילד, דער וועלט־זעעלע. פון דער וועלט־זעעלע שטאַמט די פיערטע וועלט, די מאַטעריעלע. אַלע פאָרמען, אידעען און פערנונפטיגע נאַטור־קרעפטען, די „לאָגאָי“ וואָס געפינען זיך אין איהר, קומען פון דעם „נוס“.

דאָס העכסטע גליק איז דער צושטאַנד פון ה ת ל ה ב ו ת (עקסטאַז) אין וועלכען מיר הויבען זיך אויף צו דער גאָטהייט און גיעסען זיך צונויף אין־איינעם מיט איהר. כדי צו דערגרייכען די מדרגה, מוז מען פיהרען אַ ריינעם מאָראַלישען לעבען און בעשעפטיגען זיך מיט פילאָסאָפיע.

---

די ניי־פּלאַטאָניקער זענען די לעצטע פערטרעטער פון דער הייִדנישער פילאָסאָפיע. די אַלטע גריכיש־רוימישע געטער־וועלט ווערט בעזיעגט דורך דעם קריסטענטום. און נאָך אַ צווייטע רעליגיאָן, ארויסגעוואַקסען פון דעם זעלביגען אידישען וואָרצעל, טרעט ארויס אויף דער וועלט־ביהנע: דער מאָהאַמעדאַניזם. דער פילאָסאָפישער גייסט שטעלט זיך אין דיענסט ביי דער רעליגיאָן. דער קוואַל פון אמת איז ביי איהם ניט מעהר דער מענשליכער שכל, נאָר די „ענטפּלעקונגען“, וועלכע גאָט האָט געמאַכט צו זיינע נביאים. דער איינציגער פּרוביר־שטיין פון אמת זענען די הייליגע שריפטען: פאַר די מאָהאַמעדאַנער דער „קאָראַן“, פאַר די אידען די תורה („שבכתב“ און „שבעל פה“, די שריפטליכע און די מינדליכע), פאַר די קריסטען די „עוואַנגעליען“, די לעהרען פון די אַפּאָסטעלן און שפּעטער די קירכענפעטער. די טהעאָ־סאָפיע געהט איבער אין אַ רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע, וועמעס אויפגאַבע עס איז — ריכטיג צו פערשטעהן די הייליגע שריפט, שטאַרקער מאַכען די גרונד־לאַגען פון גלויבען (אַלע וויכטיגע „אני־מאמין'ס“) און אָבהיטען זיי פון די אָנפאַלען פון דעם קריטישען „אפיקורס“ישען גייסט.

די ראָלע פון דער רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע פאַר דער ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען גייסט איז א דאָפּעלטע: א רעאקציאָנערע און א פּראָגרעסיווע. זי האלט אויף א ווייל׳ע (די „ווייל׳ע" האָט, אמת, געדויערט איבער טויזענד יאָהר ביז צום סוף פון דעם מיטעלאַלטער) דעם פּאָרטשריט פון דעם מענשען׳ס פרייען פאָרשענדען גייסט. פון דער אנדער זייט אָבער צווינגט זי די רעליגיאָן אָבצוזאָגען זיך פון די פּרימיטיווע פאָרשטעלונגען, אריינארבייטען אין זיך א סך רעזול־טאַטען פון דעם פרייען מענשליכען פאָרשען. דאָס קומט פאָר אי־בערהויפּט יעמאָלט ווען דער רעליגיאָנס־פילאָסאָפישער געדאַנק איז געצוואונגען געוואָרען אָנצולעהנען זיך אויף אריסטאָטעל׳ן און צו דערקלערען זיין אויטאָריטעט אין אַלע פראגען, וואָס זענען שייך צו די „וועלטליכע" קענטעניסען. דער איבערגאַנג צו דעם פרייען גע־דאנק איז דעריבער געווען פערבונדען מיט דער בעפרייאונג פון אריסטאָטעל׳ס מאכט.

מיר הויבען אָן פון דער אראביש־מאָהאַמעדאַנישער רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע, ווייל זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אוועק־געזעצט אריסטאָטעל׳ן אויף דעם טהראָן פון פילאָסאָפישער אונ־בעגרעניצטער הערשאַפט, און ווייל זי איז געווען די פּראָגרע־סיווסטע.

## § 62. די אַראַביש־מאָהאַמעדאַנישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע.

די ערשטע צונויפבינדונג פון פילאָסאָפיע און רעליגיאָן זעהען מיר ביי דער אָרטהאָדאָקס־גלויביגער סעקטע פון די „א ש א ר י־א י ט ע ן", וועלכע האָבען אָנגענומען א מין דעמאָקריטישע אַטאָ־מען־לעהרע, וואָס איז געווען פערבונדען מיט דעם לייקענען פון דעם פרייען ווילען. דאָס האָט גראד געפּאַסט צו דעם פאַטאַליזם, דעם וויכטיגסטען גרונד־פּרינציפּ פון דעם מאָהאַמעדאַנישען גלויבען, אז אַלץ אין דער וועלט איז שוין פון פריהער בעשטימט דורך די השגחה פּרטיית, און דער מענשליכער ווילען איז ניט בכח אָבצו־ענדערן דעם גאַנג פון דער וועלט אפילו אויף א האָר.

דער שטרענג־אָרטהאָדאָקסער אשאַריאיזם האָט ארויסגערופען א פּראָטעסט אַנטגעגען זיך פון דער פרייערער ריכטונג וואָס איז גע־ווען פערטראָטען פון די „מ ו ט א ז י ל י ט ע ן". דער הויפּט שטרייט־פּונקט איז געווען די פראגע וועגען דער ווילענס־פרייהייט,

אין וועלכע די מוטאַזיליטען האָבען געגעלויבט. א גרויסען דיענסט אין דעם קאַמפּף האָט זיי בעוויזען אריסטאָטעלעס, וואָס האָט אויך שטאַרק געהאַלטען פון דעם פּרינציפּ. פון דעסטוועגען זענען די מוטאַזיליטען נאָך געווען זעהר ווייט פון אָנצונעהמען אריסטאָטעל'ן פאר זייער פיהרער. אריסטאָטעלעס איז אמת דער גאָט־גלוי־ביגסטער פון אלע פילאָסאָפען, אָבער אין דער זעלביגער צייט איז ער דער אנטי־רעליגיעזעסטער. גאָט טהוט אליין, פון איהם שטאַמט אַלין, אָבער ער דאַרף קיינעם ניט און פערלאַנגט פון קיינעם גאָר־נישט. די פילאָסאָפיע פון די מוטאַזיליטען איז געווען מעהר א גע־מיש פון ניט־אריסטאָטעלישע שוהלען, מיט דער אויבער־הערשאַפט פון די ניי־פּלאַטאָניקער. די פילאָסאָפישע שטרעמונג פון די מו־טאַזיליטען און דעם אראַבישען רעליגיעזען פריי־זין האָט דער־גרייכט איהר העכסטע ענטוויקעלונג אין דער געהיימער סעקטע די „לויטערע ברידער“ (אין דעם צעהנטען יאהרהונדערט נ.).

די אראַבישע ציוויליזאציאָן האָט געשעפּט ניט ווייניג פרישע כחות פון דער פריי־רעליגיעזער ריכטונג. דערהויפּט האָט זיך דאָס פרייערע דענקען אָבגערופען אויף דער ענטוויקעלונג פון די נ א ט ו ר ־ ו ו י ס ע נ ש א פ ט ע ן. די אראַבער האָבען זעהר פיעל אויפגעטהאָן אין דער מאטהעמאטיק (די אַל־געברא!), אסטראָ־נאָמיע, פיזיק, כעמיע (אַל־כעמיע!) און מעדיצין. וואָס מעהר מען האָט זיך בעשעפטיגט מיט דער ערפאהרונג, אַלץ מעהר האָט מען זיך געמוזט דערנעהענטערן צו דעם פילאָסאָף פון דער ערפאהרונג און דעם פאטער פון די נאטור־וויסענשאַפטען — אריסטאָטעלעס. אמת, די אראַבער האָבען ניט געהאַט קיין ריכטיגע גוטע איבער־זעטצונג פון אריסטאָטעל'ס שריפטען, און זייער אריסטאָטעל האָט געהאַט אין זיך א היבשען צומיש פון פּלאַטאָנישע און ניי־פּלאַטאָ־נישע עלעמענטען. אָבער אויך דאָס, וואָס זיי האָבען געהאַט פון איהם איז געווען גענוג צו ערציעהען דעם גייסט אין ליעבע צו דער נאטור־וויסענשאַפט און צו דעם געדאַנק פון אייביגע נאטור־געזעצען.

דער אריסטאָטעליזם איז ניט מיט א מאָל געוואָרען דער בעל־הבית אויף דעם פילאָסאָפישען געדאַנק, נאָר שטופען־ווייז, פער־שטאַרקענדיג זיין מאַכט און ווירקונג מיט יעדעם נייעם אָנהענגער

זיינעם. ער רעדט שוין דייטליך אין דער פילאָסאָפיע פון אל־קענדי (געשט. ארום 880), שטייגט ביי אל־פאראבי (געשט. 950) און איבן־סינא (980 ביז 1037) און דערגרייכט זיין העכסטע שטופע ביי איבן־ראָשד (אוועראָעס־אבן רשד 1126 ביז 1196), פאר וועמען אריסטאָטעלעס איז שוין געוואָרען „דער מוסטער, וואָס די נאטור האָט ארוים געבראכט, כדי צו בעווייזען די העכסטע שטופע פון מענשליכער פאָלקאָמענהייט". גאָט האָט איהם געשיקט, „כדי מיר זאָלען וויסען אלץ וואָס עס איז מעגליך צו וויסען". דער אוועררויז, מיט זיין לייקענען פון וואונדער און תחית המתים, איז שוין אייגענטליך געוועזן די אונטערגראָבונג פון יעדער רעליגיאָן, אָבער ער איז פון דעסטוועגען ניט געוועזן קיין וויטערער שריט אין דער פילאָסאָפישער ענטוויקעלונג. אין איהם דערהויבט זיך דער גייסט מעהר ניט ווי ביז צו דער הויך פון אריסטאָטעלעס און ניט העכער.

בכלל איז די אראביש־מאָהאמעדאנישער רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע מעהר פילאָסאָפיע עהדער רעליגיאָן; זי זוכט מיט אלע כחות אריבערצושלעפען פון דער רעליגיאָן אויף דער זייט פון דער פילאָסאָפיע וויפיעל זי קאָן נאָר. דאָס איז א שטענדיגער ד י נ ג ע ן ז י ך מיט דער רעליגיאָן פאר דאָס רעכט פון דער מענשליכער פערנונפט.

א גאַנץ אומגעקעהרטען בילד ווייזען אונז — אין אלגעמיין — די צוויי אַנדערע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיען: די אידישע און די קריסטליכע. דאָרטען זעהען מיר, פערקעהרט, א שטענדיגען דינגען־זיך מיט דער פילאָסאָפיע פאר די רעכט פון דעם רעליגיעזען גלויבען.

## § 63. די אידישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע.

די פילאָנישע פילאָסאָפיע האָט ניט געהאט קיין ווירקונג אויף דעם ריין אידישען געדאנק. די עלעמענטען, וואָס זענען געשטאָנען אונטער איהר השפעה, זענען צוגעשטאַנען צום קריסטענטום און אין איינעם מיט איהם — אוועק פון דעם אידישען פאָלק. די צושטערונג פון דער אידישער פאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט האָט געצוואונגען דעם אידישען גייסט אויפצובויען אלע נאציאָנאלע האָפענונגען אויף אן איבערנאטירליכען משיח און א גלויבען אין וואונדער און מופתים. כדי צו דערהאלטען זיך אין גלות, האָט גע־

מוזט אויפגעבויט און בעפעסטיגט ווערן אַ סיסטעם פון קליינליכע דינים, מצוות און עבירות, אויף וועלכען עס האָבען אָהן אויפהער געאַרבייט די תנאים, אמוראים, די רבנן סבוראי און די גאונים.

אין דער לעצטער צייט פון די גאונים איז אָבער דער אידישער געדאַנק בעקאַנט געוואָרען מיט די רעזולטאַטען פון דער מוטאַזי־ליטישער פרייער רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע און מיט די ערשטע אָנהוי־בען פון דער אַראַבישער נאַטור־וויסענשאַפט. די נאַטור־וויסענ־שאַפטען, דער הויפט פיינד פון דעם אידישען וואונדער־און ־משיח־גלויבען, האָבען גענומען אונטערגראָבען דעם פונדאַמענט, אויף וועלכען עס איז געבויט די אידישע רעליגיאָן אין גלות. די עקזיס־טענץ פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט איז געשטאַנען אין געפאַהר. דאָס האָט געצוואונגען דעם גאון סעדיה (געשט. 942) פּרובען זיך מאַכען שלום צווישען דער הערשענדער פילאָסאָפיע פון דער צייט, דער ניי־פּלאַטאָניש־מוטאַזיליסטישער, און דער אידישער רע־ליגיאָן. דאָס האָט זיך איהם אייגעגעבען. דער נעאָ־פּלאַטאָניזם ווערט פון יעמאָלט אָן צונויפגעגאָסען מיט דער אידישער רעליגיע־זער טראַדיציע און הערשט איבער די אידישע דענקענדע מוחות ביז צו מ אַ י מ אָ נ י ד ע ס (דער „רמ"בם"). דער טיעפסטער און אָרי־גינעלסטער דענקער פון דעם פעריאָד אין דער גאַנצער אידישער רע־ליגיאָנס־פילאָסאָפיע בכלל איז דער פּאָעט שלמה איבן גאַבּיראָל (אבן גבירול, 1020 ביז 1070). זיין הויפּט ווערק איז „דער לע־בענס־קוואל" (מקור חיים).

מיט דעם אויפבליהען פון דעם אַריסטאָטעלישען געדאַנק ביי די אַראַבער ווערט צוקראָכען דער פילאָסאָפישער פונדאַמענט, אויף וועלכען סעדיה האָט אוועקגעשטעלט די אידישע רעליגיאָן. עס וואַק־סען אָן אין דעם אידישען לעבען סקעפּטיקער און אפּיקורסים, אַ טייל פון זיי פערלאָזט אין גאַנצען דעם אידישען גלויבען. דער פּאָעט און דענקער יהודה הלוי (געב. אַרום 1080) הויבט אויף אַ שאַרפען פּראָ־טעסט, אין זיין „כוזרי", אַנטגעגען דער „פילאָסאָפיע"; ער מיינט, דעם „אַריסטאָטעליזם", ווייל די ניי־פּלאַטאָנישע פילאָסאָפיע אין איהר אידישער פאָרם איז שוין לאַנג געהייליגט געוואָרען דורך דער אידישער טראַדיציע. עס ווערט געמאַכט אַ נייער פערזוך: פעראַי־דישען דעם אַריסטאָטעליזם גופא.

דעם אָנהויב דערצו מאַכט אַבראַהאַם איבן דאוד (אברהם בן דוד, דער ראַ"בד הראשון) (זיין ווערק אין 1160). אָבער די הויפּט־אַרבייט ווערט דורכגעפיהרט פון דעם רמ"בם (ר' משה בן מימון, מאַימאָנידעס, 1135 ביז 1204) אין זיין ספר „מורה נבוכים", וואָס איז, ווי כמעט אַלע אידישע רעליגיאָנס־פילאָזאָפישע ווערק ביז צו דעם פּעריאָד פון דער קבלה, געשריעבען געוואָרען אין אַראַביש. א וויטערע ענטוויקעלונג פון דעם אידישען אַריסטאָטעליזם, וואָס גיסט זיך כמעט צונויף מיט דעם אַווערראָיזם, איז די פילאָסאָפיע פון דעם רלב"ג (1288—1344). אָבער דער אַריסטאָטעליזם האָט שוין ביי דעם אידישען פאָלק צו דעם רלב"ג'ס יאָהרען אָבגעלעבט זיין צייט. זיין געפאַהר פאַר דער אידישער רעליגיאָן איז געוואָרען קלאָר פאַר אַלעמען.

דער אידישער גייסט האָט גענומען זוכען טרייסט און האָפּע־נונג אין דעם מיסטיציזם, אין דער ק ב ל ה, וואָס האָט צווישען א סך שטותים און וויסטע פאַנטאַזיעס, געהאַט אין זיך אויך א סך גע־זונטע און פילאָסאָפישע געדאַנקען.

דער לעצטער גרויסער אידישער רעליגיאָנס־פילאָסאָף איז גע־ווען חאַסדאַי קרעסקאַס (חסדאי קרשקש, געב. אַרום 1340). אן אַנ־הענגער פון דעם ד ע ט ע ר מ י נ י ז ם.

די אידישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע האָט אַרויסגעבראַכט א סך איינצעלנע געדאַנקען פון א גרויסען פילאָסאָפישען ווערטה. פון איבן גאַביראָל, דער קבלה, דעם רמ"בם, רל"בג און חסדאי קרשקש קאָן מען אויפבויען כמעט דעם גאַנצען ספּינאָזאָ. מען דאַרף אָבער דערביי בשום אופן ניט פערגעסען, אַז ספּינאָזא איז גרויס, ניט נאָר מיט דעם וואָס ע ר ה אָ ט, נאָר אויך — ניט אין א קלענערער מאָס — מיט דעם, וואָס ער האָט נ י ט און יענע האָבען געהאַט.

דער אידישער אַריסטאָטעליזם און די קבלה האָבען שטאַרק געווירקט אויף די קריסטליכע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע. דער ערש־טער, — דער הויפּט דער רמ"בם מיט זיין „מורה נבוכים", — אויף די פערשטאַרקונג פון דעם רוימישען קאַטאָליציזם. ער האָט אויס־געלערנט די קריסטליכע וועלט, ווי אַזוי אַרויס־צו־רייסען די גיפ־טיגע צייהן פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָסאָפיע און מאַכען זי פאַר א פריעדליכע שטוב־חיה ביי דעם הערשענדען גלויבען.

די קבלה אָבער, וואָס האָט געווירקט אויף פּיקאָ דע מיראַנ־דאָלאָ, ניקאָלאוס קוזאנוס און נאָך אַנדערע מיסטיקער און האַלב־מיסטיקער, האָט געשפּיעלט אַ מעהר רעוואָלוציאָנערע ראָליע. זי האָט געהאָלפען בעפרייען דעם גייסט פון דער מאַכט פון יענעם אריסטאָטעלעס, וועלכען די קירכע האָט געמאַכט פאַר אַ סרים און אַ היטער פון דער רעליגיעזער טראַדיציע.

## § 64. די קריסטליכע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע.

די קריסטליכע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע לויפט דורך אַ סך פּע־ריאָדען און ברענגט ארויס אַ גרויסע צאָהל פון טיעפע און ערנסטע, אין גאַנצען דער רעליגיאָן איבערגעבענע דענקער.

זי הויבט אָן מיט דער קריסטליכער סעקטע פון די „ג נ אָ ס ־ ט י ק ע ר", פאַר וועלכע קריסטוס איז געווען ניט מעהר, ווי אַ נביא און אַ געטליכער מענש, און דער קריסטליכער גלויבען — ניט מעהר, ווי אַ מיסטישע פילאָסאָפיע.

אין דעם קאַמפף מיט דער „גנאָזיס" און אַלע אַנדערע הערע־טיש־קריסטליכע סעקטען ענטוויקעלט די פילאָסאָפיע פון די ק י ר־כ ע ן ־ פ ע ט ע ר די „פּאַטריסטיק". איינער פון די עלטסטע און בעדייטענדסטע צווישען זיי איז געווען ט ע ר ט ו ל י אַ ן (150 ביז 220), וואָס האָט געלערנט, אַז אַלץ אין דער וועלט, אפילו גאָט אליין, איז — מאַטעריע. דער גלויבען איז ניט אָבהענגיג פון פי־לאָסאָפיע. ער שטעהט אויסער איהר און געהט להיפך צו איהר. „איך גלויב, ווייל עס איז אַן אבסורד" (אַ „פּידרעך": „קרעדאָ קוויאַ אבסורדום").

די אינגערע פּאַטריסטיק האָט ארויסגעבראַכט אַזאַ ערשט־קלאַסישען דענקער ווי אויגוסטין דער הייליגער (353—430). ביי איהם געפינט מען געדאַנקען, וואָס האָבען זיך ערשט שפּעטער פאַ־נאַנדער געבליהט אין דער „נייער" פילאָסאָפיע. די פּאַטריסטיק געהט איבער אין די „סכאָלאַסטיק", די „שוהל־פילאָסאָפיע".

אין דער פּאַטריסטיק הערשט הויפּטזעכליך פּלאַטאָן און די ניי־פּלאַטאָניקער. אַ דאַנק די איבערזעצונגען, וואָס די אידען האָ־בען געמאַכט פון אראַבישע און אידישע אריסטאָטעליקער, און אַ דאַנק דעם בעקאַנט ווערן מיט דעם ריכטיגען גריכישען טעקסט פון

אריסטאָטעל'ס אייגענע שריפטען, ענטשטעהט אין דער קריסטלי־כער רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע אַן אריסטאָטעלישע ריכטונג, איבער־הויפּט אין דער לעצטער צייט פון דער סכאָלאסטיק. איהרע הויפּט פערטרעטער זענען: אַלבערטוס מאַגנוס און טהאָמאַס פון אַקווי־נאָ, וואָס איז געבליעבען דער אָפיציעלער פילאָסאָף פון'ם קאַטאָ־ליציזם ביז אויף דעם היינטיגען טאָג.

אינטערעסאַנטע פילאָסאָפישע דענקער, וואָס קאָנען ניט אין גאַנצען אריין געבראַכט ווערן אין די רעהמעלעך פון דער סכאָלאַס־טיק, ווערעמעס גייסט עס האָט זיך אונבעוואוסט געריסען פון די קעי־טען פון דער קירכליכער דאָגמע, וואָס האָט אָבער די קעיטען ניט געקאָנט צורייסען, זענען געווען: פּעטער אַבעליאַר (1079 — 1142), יאָהאַננעס דונס סקאָטוס (1274 ביז 1308), ראָדזשער באַ־קאָן (1214—1294) און ווילהעלם פון אָקקאַם, דער קעמפּפער אַנט־געגען דער וועלטליכער הערשאַפט פון דעם פּאַפּסט (געשט. 1347), דער בעגרינדער פון דער לעהרע, אז עס זענען דאָ צוויי אמת'ען: א רעליגיעזער און א פילאָסאָפישער. דער פילאָסאָפישער אמת איז גערעכט אין זיין וועלט, און די רעליגיאָן דאַרף ניט שטערען דער פילאָסאָפיע צו דענקען, לויט דעם פילאָסאָפישען אמת.

די קריסטליכע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע ענדיגט זיך, ווי די אי־דישע, מיט א מיסטישער ריכטונג אין דייטשלאַנד. איהר הויפּט־פערטרעטער און בעגרינדער איז מייסטער עקהארט. (1260—1327).

נאָך מעהר עהדער די אראבישע און די אידישע, איז די קריסט־ליכע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע רייך אין איינצעלנע פילאָסאָפישע גע־דאַנקען, פערטיעפונגען און המצאות. די אוצרות פון די דריי רע־ליגיאָנס־פילאָסאָפיען זענען נאָך ניט אין גאַנצען אויסגעשעפּט און ניט אַלע רייכקייטען, וואָס ליעגען דאָרטען זענען שוין אריינ־געארבייט געוואָרען אין דעם פילאָסאָפישען געדאַנק. א געשיכטס־שרייבער פון דער פילאָסאָפיע טאָהר איבערהויפּט ניט פערבייגעהן פאר דעם פעריאָד, ווייל אין איהם ליעגען א סך פעדים, וואָס בינ־דען צונויף דעם געדאַנק פון דער וויעדער־בעלעבטער פילאָסאָפיע מיט דער אַלטער וועלט. א סך געדאַנקען האָבען זייערע וואָרצלען אין דער מיטעל־אַלטערליכער פילאָסאָפיע.

אָבער דער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דעם ענטוויקעלונגס־

גאַנג פון דער פילאָסאָפיע, ד. ה. דעם בעשאַפען פון נייע גרויסע סיסטעמען און דעם ארויסברענגען פון וויכטיגע פילאָסאָפישע שטאַנדפונקטען, דער מעג איבערפליהען איבער דעם גאַנצען רעליגיאָנס־פילאָסאָפישען פעריאָד, ווי איבער א תהום. עס וואָלט אויך געווען א אומזיסטע טרחה אויסצופאָרשען, וועלכע גרונד־יסודות פון א פילאָסאָפישען בנין עס האָבען אין זייער פילאָסאָפיע אָנגעווענדט דענקער, ביי וועמען די פילאָסאָפיע איז געווען א תפל, און דער עיקר אָבער — דער רעליגיעזער גלויבען.

* * *


ליטעראַטור: צו §§ 40—46 (פלאַטאָן).

George Grote, Plato and the other companions of Socrates, London, New Ed. 1885.

Heinrich von Stein Sieben Bücher zur Geschichte des Platoniomus, 3 Teile, 1862—1875.

A. Chaignet, La vie et les ecrits de Platon, Paris, 1871.

Wilh. Windelband, Platon (Frommaus Klassiker der Philosophie) Stuttg. 1898.

Hermann Bonitz, Platonische Studien, 3 Aufl. Berlin 1886.

Lutoslawski, The Origin and Growth of Plato's Logic with an account of Plato's style and of the chronology of his writings London, New York and Bombey. New ed. London, 1905.

H. Cohen, Die Platonische Ideenlehre (Zeitschrift für Volkpsychologie und Sprachwissenschaft) 1866.

H. Cohen, Platon's Ideenlehre u. d. Mathematik, 1879.

P. Natorp, Plato's Staat u. d. Idee d. Socialpaedagogik, Berlin, 1895.

צו די §§ 47—52 (אריסטאָטעלעס).

G. H. Lewes, Aristotle, a chapter from the history of Science, London, 1864.

Siebeck, Aristoteles (Frommaus Klassiker der Philosophie) Stuttgart, 1899.

Bonitz, Aristotelische Studien, Wien, 1862—1867.

I. Vahlen, Aristotelishe Aufsätze, Wien, 1870—1874.

F. Biese, Die Philosophie des Aristoteles, Berlin, 1835—1842.

G. Grote, Aristotle, ed. by Alex. Bain and G. C. Robertson 3 ed. London, 1884.

Ch. Turot, Etudes sur Aristote, Paris, 1860.

J. Barthelemy St. Hilaire, De la metaphysique, sa nature, etc. Pour servir d'introduction a la metaphisique d'Aristote, Paris, 1879.

W. Oncken, Die Staatslehre des Aristoteles, Leipzig, 1870—1875.

A. Döring, Die Kunstlehre des Aristoteles, Jena, 1876.

צו §§ 54—57. (סטאיקער).

Ludwig Stein, Die Psychologie der Stoa, 2 Bde, 1886—1888

P. Barth, Die Sto (Frommaus Klassiker,) 1903.

צו § 58. (עפּיקורעער).

Jos. Voreibig; Epicurus, Seine Persönlichkeit und seine Lehren, 1886.

P.v. Gizyikie Leben und Moralphilosophie des Epikur, 1879

M. Guyau, La morale d'Epicure et ses rapports avec les doctrines contemporaines, 1881.

צו § 59. (סקעפּטיקער).

A. Goedeckemeyer, Die Geschishte des Griechischen Skeptizismus, 1905.

R. Richter, Der Skepticismus in der Philosophie, Bd. I, 1904.

צו § 60. (פילאָן און זיינע פאָרלויפער).

H. Graetz, Gesch. der Juden, Bd. III, 1856.

A. Geiger, Das Judenthum u. s. Geschichte, 1865.

H. Bois, Essai sur les origines de la philosophie judes'—alexandrine, 1890.

A. F. Dähne, Geschichtliche Darstellung der Jüdisch—Alexandrinischen Religions-philosophie, 1834.

I, Reville, Le Logos, d'apres Philon, 1877.

James Drummond, Philo Judaeus, or the Jewish-Alexandrian philosophy in its development and completion, 1888.

צו § 61. (ניי־פּיטהאַגאָרעער און ניי־פּלאַטאָניקער).

Falter, Philo and Plotin, 1906.

A. Richter, Neuplatonische Studien, 1864—1867.

ז ע ק ס ט ע ר   ק א פ י ט ע ל.

# די פילאָסאָפיע פון דער ווידער בעלעבונגס-צייט

אינהאלט: אלגעמיינעס. די מיטעל־אלטערליכע וועלט־אנשוי־אונג. — די פערענדערטע אומשטענדען פון דער צייט. — די וויע־דער־בעלעבונג פון דער קלאסישער קונסט און דער הומאניזם. — די פריזיניגע אריסטאָטעליקער. די רעוואָלוציאָנערע ראָליע פון דער אסטראָלאָגיע. — די פלאַטאָניקער און די בענייערער פון אלטע סיסטעמען. — די מיסטיקער. — די רעפאָרמאטאָרען. — די רעכטס־פילאָסאָפען. — די נאטור־פילאָסאָפען און די נאטור וויסענשאפט.— דזשיאָרדאנאָ ברונא. — גאלילעי און קעפלער. — קאמפאנעללא און די פאָזיטיוויסטען. —

## § 65. א ל ג ע מ י י נ ע ס.

דער פילאָסאָפישער פעריאד, וואָס מיט איהם בעשעפטיגען מיר זיך אין דעם קאפיטעל, ווערט אָנגערופען: „די פילאָסאָפיע פון דער ווידערבעלעבונגס־צייט", ווייל אין דער צייט איז די אלטע גריכישע און רוימישע ליטעראטור ווידער בעלעבט געוואָרען. עס פערשטעהט זיך, אז ניט אלץ פון דער אלטער וועלט האָט געקאָנט אויפשטעהן תחית המתים, און אפילו די עלעמענטען וועלכע מען האָט אויסגעגראָבען פון די קברים און אריינגעגאָסען אין זיי נייע לעבענסזאפט, האָבען אויך בעקומען א גאנץ נייעם אויסזעהן. די „רענעסאנס" אָדער ווידערגעבורט מוז מען פערשטעהן מעהר ווי א שטרעבען אריבערצורעטען אלץ וואָס איז געווען גרויס, טיעף, און מענשליך אין דער אלטער וועלט און אריינצופלעכטען עס אין דער וועלט־אנשויאונג פון דער צייט.

מען רופט דעם פעריאָד אויך „דעם איבערגאנגס־פעריאָד", ווייל אין דער צייט זענען ניט בעשאפען געוואָרען קיין גרויסע פי־

לאָסאָפישע סיסטעמען, וואָס זאָלען טראָגען אויף זיך דעם קלאָהרען צייכען פון ערנסטען טעאָרעטישען שטודיום און פילאָסאָפישער פערטיעפונג. שולדיג אין דעם זענען געווען ניט די גייסטער, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פילאָסאָפישע פראָבלעמען. צווישען זיי געפינען מיר, אדרבא, גאָר גרויסע גאונים וואָס וואָלטען אונ־טער אנדערע אומשטענדען אויסגעפיהרט וויכטיגערע פילאָסאָפישע בנינים. שולדיג איז געווען יענע סכאָלאסטישע וועלט־אַנשויאונג, וואָס האָט זיך אזוי שטארק איינגעפונדעוועט אין דעם מיטעל־אלטער. דאָס סכאָלאסטישע געביי איז געשטאנען פעסט און זי־כער; מען האָט אין איהם געפונען א תירוץ אויף אלע שאלות וואָס האָבען יעמאָלט געקאָנט אינטערעסירען דעם פרעגענדען גייסט; און יעדער תירוץ איז געווען ארומגערינגעלט מיט א גאנצער וואנד פון לאָגישע און כלמר׳שט וויסענשאפטליכע בעווייזען אזוי, אז דער קריטישער פאָרשענדער שכל פון דעם מענשען האָט געמוזט אָנ־ווענדען זיין גאנצע ענערגיע, כדי דורכצוררייסען זיך דורך די לאָ־גישע און כלמר׳שט וויסעשאפטליכע וואנד, ביז ער האָט געקאָנט דערגרייכען צו די ענטפערס גופא, און דערנאָך האָט ער געמוזט מיט גרויסער מיה אראָבטראָגען די ענטפערס א שטיין נאָך א שטיין, ביז ער האָט זיך געקאנט הערגראָבען צו די גרונד־פעסטען פון דעם גאנצען סכאָלאסטישען געביי, כדי אויך זיי, ארויסצוהויבען פון זייער פלאץ. ערשט יעמאָלט האָט געקאָנט אבגערייניגט ווערען דער גרונד פאר א נייעם פרייען פילאָסאָפישען שאפען.

דאָס סכאלאסטישע געביי איז געווען א וואונדער־בנין פון אן אבגעשלאָסענער, אָבגעקלעהרטער וועלט־אנשויאונג. איהר גרונד־כאראקטער איז בעשטאנען אין דער דואליסטישער איינטיילונג פון א גייסטיגער און קערפערליכער וועלט, וואָס איז אויך רוימליך גע־ווען געטיילט אין א הימלישע, איבערנאטירליכע, און אנ׳ערדענ׳־וועלט, א נאטירליכע. פון דעם הימעל מיט זיין גאָט, זיינע מלאכים, זייגע נשמות און גייסטיגע קרעפטען האָט געשטאמט אלץ וואָס עס איז רוחניות׳דיג אין דער וועלט. פון דער „ערד“, דער מא־טעריע האָט געשטאמט אלץ וואָס עס איז בייז און פינסטער און גשמיות׳דיג אין הער וועלט.

דער מקור פאר אונזער וויסען פון דער הימלישער וועלט איז

געווען דער וועלט־בעשאפער אליין מיט זייגע ענטפּלעקונגען צו די נביאים. און ניט נאָר א סתם גאָט איז געשטאַנען אין צענטרום פון דער סכאָלאסטישער בעטראַכטונג, נאָר דער בעשטימטער גאָט פון דער קריסטליכער קירכע מיט זיין זוהן קריסטוס, און דעם היי־ליגען גייסט. אלץ וואָס ס'איז ניט געווען קריסטליך איז געווען פערשאָלטען און ארומגערינגעלט מיט אַן אטמאָספערע פון אייביגער טומאה. דער אלמעכטיגער גאָט האָט זיך אלע ווײַלע אריינגע־מישט אין דעם נאַטירליכען גאַנג פון די וועלט־פּאסירונגען, און וואונדער האָבען אין מיטעל־אַלטער זיך בעוויזען ווי שוואָמען נאָך א רעגען. דער גלויבען אין וואונדער און אין דער איבער־נאַטירליכער מאכט פון די רעליגיעז־פרומע און הייליגע מענשען, איז געווען דער הויפּט־פונדאַמענט, אויף וועלכען עס האָט גערוהט די מיטעל־אַלטערליכע וועלט־אַנשויאונג.

דער מקור פון אונזערע קענטעניסען וועגען דער נאַטור איז גע־ווען אריסטאָטעלעס, אָבער ניט דער אמת'ער אריסטאָטעלעס פון גריכענלאַנד, נאָר יענער, וואָס איז שוין דורכגעגאַנגען דורך די רעליגיעזע הרעסור פון דער אידישער רעליגיאָן'ס־פילאָסאָפיע און איז נאָך ספּעציעל איינגעדרעסירט געוואָרען אין דער קריסטליכער קירכע צו דיענען אלע איהרע ציעלען. אלץ וואָס מען האָט גע־קאַנט וויסען פון דער נאַטור, און אלץ וואָס א מענש האָט גע־מאָגט וויסען פון איהר, האָט מען געפונען אין אריסטאָטעלעס. אריסטאָטעל'ס ביכער זענען געשטאַנען צווישען מענש און נאַטור, ווי די סכאָלאסטישע טהעאָלאָגיע איז געשטאַנען צווישען מענש און גאָט. מיט דער נאַטור גופא, ווי זי איז אין דער דרויסענדיגער וועלט, האָט מען זיך ניט אינטערעסירט; מען האָט געזוכט זי אויסצומיידען, ווײַלע זי איז געווען פול מיט שדים, בייזע רוחות, און פערפיהרונגען, וואָס קאָנען אראָבשלעפּען יעדען איינעם פון דעם ריכטיגען גלויביגען וועג. די העכסטע פערפיהרונג איז גע־לעגען אין דער שעהנהייט, איבערהויפּט, אין דער קערפּערליכער מענשליכער שעהנהייט, אנטגעגען וועלכער דער מיטעל־אַלטערלי־כער גלויבען האָט געקעמפּט מיט זיין גאַנצער מאכט.

די קאַטוילישע קירכע, וואָס האָט הייליג געמאכט די סכאָ־לאסטישע וועלט־אַנשויאונג, איז געווען דער ציעל, דער העכסטער

אידעאל, צוליב וועלכען די מענשהייט האָט בעדאַרפט לעבען. דער איינצעל־מענש איז געווען אין גאַנצען אונטערגעוואָרפען אונטער די געזעצען און ציעלען פון דער קירכע. די רעליגיעזע ציוויליזאַציע, וועלכע זי האָט אויפגעבויט, האָט ארומגענומען כמעט די גאַנצע געבילדעטע וועלט, אלע פעלקער און נאַציאָנען וואָס זענען געבאָרען געוואָרען אין איהר שוים. די לאַטייניש שפּראַך, שטארק פערדאָרבען און פערווילדעט, איז געווען די איינציגע שפּראַך פון די געבילדעטע; אויף די פעלקער־„זשאַרגאָנען" האָט מען געקוקט פון אויבען אראָב, ווי אויף דער שפּראַך פון דעם גראָבען פעבעל.

די טוגענד און די אנשויאונגען וועגען רעכט און אומרעכט, האָבען געהאַט אַנ'איבערנאַטירליכען מקור. זיי האָבען געשטאַמט ניט פון דער נאַטור און ניט פון דעם מענשען, נאָר פון גאָט אליין און פון זיינע ענטפּלעקונגען אין דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע.

אָט דעם דאָזיגען ריעזיגען וועלט־בנין, וואָס די סכאָלאַסטיק האָט אויפגעבויט, האָט דער מענשליכער פרייער געדאַנק געמוזט אראָבטראָגען ביז צום גרונד. ער האָט בעדאַרפט בעפרייען נאַטור און מענש פון גאָט'ס איבער־נאַטירליכער הערשאַפט, און אוועקשטעלען דעם מענשען אונטער דער שליטה און די געזעצען פון דער נאַטור.

## § 66. די פערענדערטע אומשטענדען פון דער צייט.

די דאָזיגע ריעזיגע אויפגאַבע פון דעם מענשליכען געדאַנק איז אויסגעפיהרט געוואָרען ניט נאָר מיט זיינע אייגענע כוחות אליין; אַ סך האָבען איהם דערצו געהאָלפען די פערענדערטע אומשטענדען פון דער צייט. ווען אפילו מיר זאָלען ניט האַלטען מיט העגעלען און מיט זיין שפּעטערדיגען תלמיד קאַרל מאַרקס, אז די פילאָסאָפיע איז מעהר ניט ווי אַנ'אָבשפּיגלונג פון דעם, וואָס איז שוין פארטיג געוואָרען אין לעבען און וואָס האַלט שוין באַלד ביים פערשווינדען, מוז מען דאָך צו־געבען, אז דער פילאָסאָפישער געדאַנק שאַפט ניט פון זיך אליין, נאָר פון דעם מאַטעריאַל וועלכען ער געפינט אין דעם לעבען גופא, און אז דאָס וואָס ער שאַפט איז ניט נאָר אַ פערהימעלטע קאָפּיע פון דער ווירקליכקייט, נאָר אָפטמאָל איהר אידעאַל און איהר נבואה. אויף די רענעסאַנס־פילאָסאָפיע

האָט געשעפּט נייע כוחות פון די פערענדערטע אומשטענדען, האָט אָפּגעשפּיגעלט די אומשטענדען אין דער פאָרם פון אנ'אידעאל; דאָס הייסט, זי האָט זיי אומגעארבייט און פון זיי ארויסגעבראכט דעם לעבענס־גייסט, וואָס האָט ארויסגעדריקט זיין שטעמפּעל אויף דער גאַנצער צייט.

די וויכטיגסטע ענדערונג איז פאָרגעקומען אויף דעם עקאָנאָמישען פעלד. די פעאָדאַל־הערשאַפט האָט אָבגעלעבט איהר צייט און האָט פון אינווענינ, פון זיך ארויס געבאָרען דעם אָנהויב פון דער בירגערליכער וועלט מיט איהר שטאָדטישען לעבען, מיט איהר אינדוסטריע און האַנדעל, מיט איהר קונסט און געווערבע. די אינטערעסען פון שטאָדטישע בירגער, ווי פרום און רעליגיעז זיי זענען ניט געווען, האָבען דאָך ארויסגעבראכט א סך וועלטליכע דאגות, ליידען און פריידען, וואָס זענען געלעגען דרויסען פון דער קירכע און האָבען געצויגען צו זיך די הערצער און מוחות.

דער האַנדעל האָט ארויסגעבראכט די בעדערפעניס נאָך גרויסע וועלט־רייזען און ענטדעקונגען, וואָס האָבען, גאָר אונערוואַרטער־הייד, ארייגעבראכט א ריס אין דער גאַנצקייט פון דער סכאָלאַסטישער וועלט־אַנשויאונג. מען האָט אויף די רייזען ענטדעקט נייע, נאָך ניט בעקאַנטע טיילען פון דער ערד, מיט נייע נאָך־ניט בעקאַנטע פעלקער. עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז די אַלץ־ווייסענדע קירכע, האָט גאָר ניט געוואוסט פון זיי, און עס האָט געריצט דעם געדאַנק אוועקצושטעלען די שאלה: ווייסט דען באמת די קירכע אַלץ אין דער וועלט? — די רייזען האָבען ברייטער געמאכט דעם מענשליכען האָריזאָנט, זיי האָבען בעקאַנט געמאכט דעם מענשליכען שכל מיט נייע פעלקער, וואָס האָבען ניט געהאַט די זכיה געבענשט צו ווערען מיט דער הייליגער ענטפּלעקונג, און וואָס האָבען ארויסגעבראכט אין זייער לעבען אזעלכע רעכט־ליכע און מאָראַלישע אַשויאונגען, אויף וועלכע מען האָט ביי זיך אין דער היים געקוקט, ווי אויף א נויטווענדיגען פּראָדוקט פון דער איבערנאַטירליכער ענטפּלעקונג. עס האָט געמוזט ארויס־וואַקסען די פּראַגע: אפשר קאָן דער מענשליכער שכל אליין אָהן דער הילף פון א וועלכער עס איז איבערנאַטירליכער רעליגיע דער־גרייכען די העכסטע אמת'ען פון יושר און מאָראַל?

אין דעם שוים פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע זענען אין דער צייט פון דעם מיטעל־אַלטער, געבאָרען געוואָרען און אויסגע־וואַקסען די מאָדערנע פעלקער און נאַציאָנען. דאָס זענען געווען אַ געמיש פון די גערמאַנישע, רוימישע, קעלטישע און סלאַווישע שטאַמען, וואָס האָבען זיך אין אַ פערשיעדענער פּראָפּאָרציע צו־נויפגעגאָסען אין איינעם, און פאַנאַנדערגעטיילט אין פער־שיעדענע פעלקער־גרופּען. זיי האָבען בעשאַפען זייערע אייגענע שפּראַכען און אין די שפּראַכען — אַן אייגענע פאָלקס־ליטעראַ־טור, וואָס האָט זיך דער עיקר בעשעפטיגט מיט וועלטליכע ענינים, מיט ליידען און פריידען פון ליעבע, פאַמיליען־לעבען, קריעג און פריעדען, היסטאָרישע באַלאַדען, און לעגענדען. דאָס האָט אויך פיעל געהאָלפען צו פערוועלטליכען דעם זין און דעם געמיטה פון דער יעמאָלטדיגער געזעלשאַפט.

אַ חוץ דעם האָבען די פערשיעדענע פעלקער געפיהרט מלחמה איינס מיט דעם אַנדערן. די קריעג־פיהרונג האָט פערלאַנגט אַ בעזונ־דערע טעכניק, און די טעכניק האָט געפאָדערט אַ טיעפערע בע־קאַנטשאַפט מיט די נאַטור־געזעצען. מעכאַניק, פיזיק און כעמיע האָבען בעפעהלעריש געפאָדערט, מען זאָל זיי אויפנעהמען אין די גייסטיגע וועלט. עס איז ערפונדען געוואָרען דער שיס־פּולווער, וואָס האָט אריינגעבראַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער קריעגס־קונסט אַקוראַט אַזוי, ווי די ערפינדונג פון דעם קאָמפּאָס וואָס געהערט אויך צו יענער צייט, האָט אוועקגעשטעלט די נאַווי־גאַציאָנס־קונסט (די קונסט צו רייזען איבער׳ן ים) אויף גייע זי־כערע יסודות.

עס איז אויך ערפונדען געוואָרען די קונסט פון בוך־דרוק, וואָס האָט פערשפּרייט דעם וויסען און דענקען פון דער צייט איבער אַ סך ווייטערע קרייזען.

אָט די אַלע נייע שטרעמונגען האָבען איבערגעביטען דאָס אויסזעהען פון דעם יעמאָלטדיגען לעבען, און ער האָט בעקומען שוין גאָר אַ־גאַנץ־וועלטליכען פּנים. דאָס האָט געגעבען דעם מענשליכען גייסט דעם כח אַרויסצורייסען זיך פון דער סכאָלאַס־טישער תפיסה און אויפבויען אַ געדאַנקען־וועלט, אין וועלכער נאַ־טור און מענש האָבען געשפּילט די הויפּט־ראָליע און פערנומען דעם

פלאץ פון גייסט, מלאכים, נשמה און יענע וועלט. אין א סך גרונ־פען פון דענקער און ריכטונגען האָט זיך אויסגעדריקט דער נייער גייסט. עס איז זעהר שווער אויסצומאָלען א קלאָהרען בילד פון יענע פערפלאָנטערטע ליניען וואָס האָבען זיך געצויגען פון איין גרופע צו דער אנדערער, פון איין דענקער צו דעם אנדערן. מיר וועלען דאָ אין קורצע שטריכען אנגעבען די וויכטיגסטע ליניען, וואָס זענען געלאָפען אין זייער ענטוויקלונג פאראלעל איינע צו די אנדערע, און אָפטמאָל זיך צונויפגעפלאָכטען איינע מיט דער אנ־דערער.

## § 67. די ווידער־בעלעבונג פון דער קלאַסישער קונסט און דער הומאַניזם.

דער ערשטער פון די גייסטעס־שטראָמען, וואָס האָבען גע־נומען אראָב שווייגקען דעם סכאָלאסטישען בנין, איז געווען יענער שטראָם וועלכער האָט זיך אָנגעהייבען אין דער פּאָעזיע און אין דער קונסט. איבערגעבליבענע פּראָדוקטען פון דער אלטער גרי־כיש־רוימישער קונסט זענען אין איטאַליען, און, דער עיקר, אין רוים געווען פול און פיעל. מען האָט אָבער זיך מיט זיי א לאנגע צייט ניט אינטערעסירט; מען האָט געקוקט אויף זיי מיט אוי־גען, פול האס און חשד, ווייל זיי זענען געווען אויסגעבונדען מיט דעם היידנישען רעליגיעזען געדאַנק און דעריבער ארומגערינגעלט מיט א דיקער אטמאָספערע פון טומאה.

דער אויפגעוואכטער מענשליכער געדאַנק האָט שוין אָבער בנוגע צו זיי פערלאָרען די טומאה־שטימונג. מען האָט זיך אויס־געלערענט צו בעוואונדערן זייער ריין־מענשליכע, פּאָעטישע שעהנ־קייט. די בעקאנטשאפט מיט דער גריכיש־רוימישער פּאָעזיע אין דעם שעהנעם קלאַסישען לאטיין האָט פאנאנדער געעפענט די טויערן פון א נייעם הימעל, פול מיט ריין־מענשליכע, פּאָעטישע געשטאַלטען, ווען אפילו די העלדען פון יענעם הימעל זענען גע־ווען די מיטהאָלאָגישע פיגורען פון דער אלטער היידנישער רע־ליגיאָן. מען האָט זיך אויסגעלערענט צו זעהן אין דער רעליגיאָן פון דער אלטער וועלט ניט א פּראָדוקט פון שדים און רוחות, וואָס האָבען זיך אויסגעגעבען פאר געטער, בדי אָבצונארען דעם מענשען, נאָר א ריין־נאַטירליכען פּראָדוקט פון דעם מענשען׳ס רייכער

פּאָעטישער פּאַנטאַזיע, — אַ גערדאַנקען־גאַנג וואָס איז שפּעטער אריבערגעטראָגען געוואָרען אויך אויף דער קריסטליכער רעליגיאָן גופא. אין דער אלטער וועלט האָט מען קודם כל געזעהן דעם שעה־נעם פרייען מ ע נ ש ע ן. די עלעמענטען פון דער קלאַסישער וועלט זענען אויפגענומען געוואָרען אין דעם סיסטעם פון דער ביל־דונג, און אזא בילדונג האָט זיך גערופען, די „הומאַניסטישע“, דאָס הייסט : ריין־מענשליכע, וועלטליכע, וואָס שטעהט אין גאַנצען דרוי־סען פון דער קירכליכער ערציהונג.

דער ערשטער, וואָס האָט געמאַכט דעם אָנהויב פון דער הו־מאַניסטישער ריכטונג, איז געווען דער גרויסער איטאַליענישער דיכטער ד אַ נ ט ע א ל י ג ה י ע ר י (1265 ביז 1321). דאַנטע איז בעריהמט געוואָרען, ווי דער בעשאַפער פון דער איטאַליעני־שער נאַציאָנאַל־ליטעראַטור. וויין הויפּט־ווערק, די „קאָמעדיע“, וואָס איז שפּעטער אָנגערופען געוואָרען „די געטליכע“, האָט ער פריהער געוואָלט שרייבען אין לאַטיין, דער שפּראַך פון דער רוי־מיש־קאַטוילישער קאָסמאָפּאָליטישער וועלט. ער האָט אָבער בע־שלאָסען אויפצוהויבען די פאָלקס־שפּראַך צו דער מדרגה פון אַ גע־בילדעטער, ליטעראַרישער שפּראַך. דאָס אליין איז שוין געגאַנ־גען להיפך צו די טראַדיציאָנען פון דעם מיטעל־אַלטער. זיין ווערק איז פול מיט דער בעשרייבונג פון ריין־וועלטליכע ענינים, אינדי־ווידועלע ליידען און פריידען, און פון יעדער שורה רעדט צו אונז דער נייער גאָט פון דער צייט, דער גאָט פון שעהנקייט. דאַנטע האָט זיך ניט אין גאַנצען בעפרייט פון דער רעליגיעזער מיטעל־אַלטערליכער וועלט־אַנשויאונג. זיין געדיכט בעשרייבט דעם גיהנום און דעם הימעל. איבער די פערשיעדענע מדורי גהינום פיהרט איהם ארום דער גייסט פון דעם רוימישען דיכטער, ווערגיל, פאַר וועלכען דאַנטע האָט געהאַט דעם גרעסטען דרך ארץ און די וואַרעמסטע ליעבע. אָבער, געקומען צו די טויערן פון גן עדן, מוז איהם ווערגיל פערלאָזען, ווייל ער איז נאָך ניט געווען קיין קריסט. אין גן עדן קאָנען זיין נאָר קריסטען, האָט אויך אַ דאַנטע געגלויבט. אין זיין שריפט וועגען דער מאָנאַרכיע, בעטראַכט דאַנטע די שייכות צווישען דעם וועלטליכען שטאַאט און דיא קירכע, און קומט צו דעם רעזולטאַט, או דער שטאַאט דאַרף זיך אין גאַנצען בע־פרייען פון דער קירכעס אויבער־הערשאַפט.

דער צװייטער גרויסער איטאַליענישער דיכטער, פּעטראַרקאַ (1304 ביז 1374), האָט געװירקט אויף אין דער זעלביגער ריכטונג. ער איז בעריהמט, װי אַ בעזינגער פון װעלטליכער ליעבע. ער איז געװעזן בעגייסטערט פאר דער אַלטער גריכיש־רוימיישער ליטעראַטור, און האָט געפּרעדיגט ליעבע צו איהר, האָט אויפגעמונטערט דאָס שטודיום פון די אַלטע שריפט־שטעלער, האָט זוכען און אויסגראָבען פון זייערע װערק, װאָס זענען אין מיטעל־אַלטער כמעט פערלאָרען געגאַנגען. פּעטראַרקאַ איז פון דעסטװעגען געװעזן אַ פרומע נשמה, אָבער עס האָט איהם געעקעלט די סכאָלאַסטישע פערבינדונג פון רעליגיאָן און אַריסטאָטעלישע פילאָסאָפיע. ער איז געװעזן איינער פון גאָר די ערשטע, װאָס זענען צוגעשטאַנען צו דער פילאָסאָפיע פון פּלאַטאָן.

דער דריטער גרויסער פּאָעט פון דער רענעסאַנס־צייט, איז באָקקאַטשיאָ (1313 ביז 1375). זיינע ערצעהלונגען און ליעדער בעזינגען די זינליכע לוסט; ער איז דערין שוין דורך־און־דורך װעלטליך. דער קריסטליכער גלויבען האָט שוין פערלאָרען אין זיינע אויגען דאָס רעכט אויף דעם אונצװייפעלבארען אמת. פון איהם שטאַמט דער שעהנער משל מיט די דריי רינגען, װעלכען לעסינג האָט שפּעטער אַריינגעאַרבייט אין זיין „נתן דער חכם" (נאַטהאַן דער װייזע). אַ פאָטער האָט געהאַט אַ זעלטענעם בריליאַנטענעם רינג, װאָס איז איבערגעגעבען געװאָרען צו איהם בירושה פון דור צו דור. ער האָט געהאַט דריי קינדער, װעלכע ער האָט גלייך ליעב געהאַט. כדי קיינעם פון זיי ניט אָנטהאָן קיין צער, האָט ער געלאָזט נאַכמאַכען צװיי אַנדערע רינגען פּונקט װי דעם אמת'ען, און האָט יעדען איינעם בעזונדער איבערגעלאָזען בירושה אַ רינג, אָנזאָגענדיג, אַז דאָס איז דער איינציגער אמת'ער ירושה־רינג. די דריי רינגען זענען די דריי רעליגיעס: יודענטהום, קריסטענטהום, און מאָהעמאַדאַניזם. די קריסטליכע רעליגיע האָט, הייסט עס, ניט מעהר אמת אין זיך עהדער די צװיי אַנדערע.

דער גלענצענדסטער פערטרעטער פון דעם הומאַניזם איז געװעזן עראַזמוס פון ראָטערדאַם (1467 ביז 1536). דער גייסט, װאָס האָט בעלעבט אַלע זיינע שריפטען איז געװעזן די ליעבע צו דעם פרייען געבילדעטען מענשען. עראַזמוס האָט ניט געלייקענט, אַז

ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס האָט זיך ענטפּלעקט פאַר דער מענשהייט. אָבער די ענטפּלעקונג האָט ער פערשטאַנען ווי אַנ'אינוועניגען פּסיכאָלאָגישען אויפקלעהרונגס־פּראָצעס. אויף אַזאָ'ן אופן דערקענען מיר דעם געטליכען גייסט ניט נאָר אין דער רעליגיע, נאָר אויך אין דער פילאָסאָפיע און גאָט האָט זיך ענט־פּלעקט ניט נאָר צו די קריסטליכע פילאָסאָפען, נאָר אויך צו די רוימישע און גריכישע.

דער לעצטער גרויסער פאָרשטעהער פון דעם הומאַניזם איז געוועזען מוציאַנוס רופוס (געשטאָרבען 1526). נאָך זיין מיינונג נאָך, האָט זיך דער געטליכער גייסט ענטפּלעקט אין אַלע רעליגיאָ־נען. יופּיטער, אַפּאָלאָן, משה, קריסטוס, יונאָנע, און ישו'ס מו־טער מרים זענען נאָר פערשיעדענע נעמען פאַר דעם איין־איינציגען געטליכען פּרינציפּ פון דער וועלט. רופוס קעמפּפט ענט־געגען די דאָגמען און דעם קולט פון דער קריסטליכער רעליגיע.

## § 68. די פרייזיניגע אַריסטאָטעליקער.

די ווידער־בעלעבונג פון דעם קלאַסישען אַלטערטהום און די בעקאַנטשאַפט מיט די פילאָסאָפישע שריפטען פון דער אַלטער וועלט אין זייער ריכטיגען גריכישען טעקסט האָבען געפיהרט דער־צו, אַז אַ טייל פילאָסאָפען האָבען גענומען קוקען אויף דער פילאָ־סאָפישער גרונדלאַגע פון דעם קאַטוילישען גלויבען, אויף אַריס־טאָטעלעס גופא, מיט גאָר אַנדערע אויגען. זיי האָבען אין אַריס־טאָטעל ענטדעקט דעם פריי־גייסט. געהאָלפען האָט זיי אין דערי־נען די אַראַבישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע, וואָס איז געוועזען, ווי מיר האָבען געזעהן אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל, אַ סך פרייער, עהדער די אידישע און די קריסטליכע. איבערהויפּט האָט דער אַווערראָאיזם געווירקט אויפקלעהרענד און פיינדליך בנוגע די קריסטליכע דאָג־מען. דער פערטרעטער פון די אַעווראָאיסטען אין איטאַליען, צעזאַלפּינוס (1519 ביז 1603) האָט ארויסגעטייטשט פון אַווער־ראָעס אַ פּאַנטהעאיסטישען סיסטעם, וואָס האָט ניט צוגעלאָזען די מעגליכקייט פון איבערנאַטירליכע וואונדער. ער האָט געלייקענט אויך אין תחית־המתים און האָט אינאיינעם מיט די אַווערראָאיס־טען, געגלויבט, אַז די מענשליכע נשמה גיסט זיך צונויף נאָך איהר טוידט מיט דעם אַלגעמיין מענשליכען „שכל הפועל“ און פער־ליערט דאָרטען אין איהם איהר אינדיווידועלע עקזיסטענץ.

די אווערראָאיסטען זענען געווען בעגייסטערטע אָנהענגער פון דער אסטראָלאָגיע, וואָס האָט אין יענער צייט געשפּיעלט א פּראָגרעסיווע, מען קאָן זאָגען, כמעט רעוואָלוציאָנערע ראָליע. די אסטראָלאָגען האָבען געלעהרענט, אז אלץ, וואָס עס האָט געהאַט אנ׳אָנהויב אין דער צייט, מוז אויך ווען עס איז אין דער צייט פערשווינדען און אז מען קאָן נאָך געוויסע כללים אויסגעפינען, ווען דער פערשווינדונגס־מאָמענט מוז אריינטרעטען אין לעבען. די קריסטליכע רעליגיע האָט דאָך אויך געהאַט אנ׳אָנהויב אין דער צייט, ממילא מוז אויך אויף איהר קומען ווען עס איז א סוף. און אָט דעם סוף האָבען איינינע אסטראָלאָגען געוואָלט אויסרעכענען, לויט זייער שטערען־זעהעריי. דאָס בעווייזט, ווי ווייט דער גלויבען אין דעם אבסאָלוטען אמת פון דער קריסטליכער רעליגיע איז שוין ביי זיי געווען פערשוואונדען.

נאָך ראַדיקאלער אין זייערע אנשויאונגען, זענען געווען די אלעקסאַנדריסטען, דאָס הייסט, אזעלכע אריסטאטעליקער, וואָס האָבען זיך געהאַלטען פאר יענעם פירוש אויף אריסטאָטעלעס, וועלכען אלעקסאַנדער אפראָדיזיאַס האָט אָנגעשריבען, און וואָס איז בעקאַנט געוואָרען אין זיין ריכטיגען טעקסט, א דאַנק דער „ווידער־בעלעבונג“. דער גרעסטער פערטרעטער פון די אלעקסאנדריסטען איז געווען, פּאָמפּאַנאַציוס (1462 ביז 1525). ער האָט נאָך ענטשיידענער געלייקענט די אונשטערבליכקייט פון דעם מענשענס נשמה, ווייל דער שכל הפועל איז נאָך איהם נאָך ניט קיין אנדער זאַך, ווי נאָר די געטליכע פערנונפט אליין. מיט דעם איז ממילא אין גאַנצען געפאַלען דער געדאַנק פון שכר ועונש (לוין און בעשטראַפונג) נאָך דעם טוידט. דער מענש דאַרף שטרעבען נאָך טוגענד אָהן א וועלכער ס׳איז האָפנונג אויף א וועלכען ס׳איז שכר.

פון דעסטוועגען האָבען די אלעקסאנדריסטען ניט אין גאַנצען איינגעריסען מיט דער קאַטוילישער קירכע. זיי האָבען נאָך ווייטער אויסגעבויט דעם געדאַנק פון א דאָפּעלטען אמת, מיט וועלכען מיר זענען שוין בעקאַנט געוואָרען ביי ווילהעלם פון אָקקאַם. דער רעליגיעזער אמת בלייבט ניט אָנגעריהרט, אפילו ווען די פילאָסאָפיע זאָל, לויט איהרע דרכים, זיין געצוואונגען אין גאַנצען איהם אָבצולייקענען.

## § 69. די פּלאַטאָניקער און די בעגייערער פון אַלטע סיסטעמען.

ווי ראַדיקאַל מען זאָל ניט האָבען אויסגעטייטשט די אריס־טאָטעלישע פילאָסאָפיע, האָט זי דאָך ניט געקאָנט בעפריעדיגען די ריכטונג פון דעם יעמאָלטדיגען צייט־גייסט. אַריסטאָטעלעס איז געוועזען צו ענג צוגויפּגעוואַקסען מיט דער קירכע און מיט דעם מיטעל־אַלטערליכען געדאַנק בכלל. די ווידער־בעלעבונג פון די אַלטע פי־לאָסאָפישע שריפטען האָט בעוויזען, אַז אין גריכענלאַנד זענען גע־ווען נאָך אַנדערע גרויסע דענקער, וואָס האָבען ניט וואָס אַראָב־צופאַלען פאַר אריסטאָטעל׳ן. מען איז בעקאַנט געוואָרען מיט זייערע סיסטעמען פון זייערע אייגענע ווערק, און ניט, — ווי דאָס איז געוועזען ביז אַהער, — פון די מיינונגען וועגען זיי, וואָס זע־נען געוועזען פערשפּרייט אין דער מיטעל־אַלטערליכער פילאָסאָפי־שער ליטעראַטור. עס איז געוועזען זעהר נאַטירליך, וואָס דער גייסט פון דער רענעסאַנס האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דאָס שטודיום פון יענע סיסטעמען, וועלכע האָבען געקאָנט אין גאַנצען בעפרייען זיי פון אריסטאָטעל׳ס מאַכט.

בעזונדערס האָט דאָ אָבגעגליקט פּלאַטאָנען, ווייל ער איז פון תמיד געוועזען פערהעכענט אלס דער אייגענטליכער פילאָסאָפישער היפך צו אריסטאָטעל׳ן. פּלעטהאָן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל (1355 ביז 1450) און בעסאַריאָן (1403 ביז 1472) האָבען אַ סך אויפגע־טהאָן כדי צו פערשפּרייטען די ווערק פון פּלאַטאָן און בעקאַנט מאַ־כען דעם עולם מיט דעם אינהאַלט פון זיין פילאָסאָפיע.

לאָרענץ וואַללאַ (1407 ביז 1457) האָט ווידער־בעלעבט די עפּיקורייאישע עטהיק און האָט דערמיט געקעמפּפט פאַר די רעכט פון דעם מענשליכען גוף, וואָס זענען געוועזען אזוי געטראָטען מיט די פיס אין דער קאַטוילישער קירכע. ער האָט געקעמפּפט ענטגע־גען דער סכאָלאַסטיק און אַנטגעגען דעם גלויבען אין אויטאָרי־טעטען איבערהויפּט.

ליפּסיאוס (געבאָרען 1547) האָט בעגייערט די פילאָסאָפיע פון די סטאָאיקער.

גאַסענדי (1592 ביז 1655) האָט בעגייערט דעם גאַנצען עפּיקור,

צו די בענייערער דארף מען אויף רעכענען די גרויסע סקעפּ־טיקער פון יענער צייט: מאָנטעין (1533 ביז 1592) און שארראָן (1541 ביז 1603). אין דער בעגרינדונג פון זייער סקעפּטיק האָ־בען זיי ניט אריינגעטראָגען קיין נייע טעאָרעטישע געדאנקען, וועל־כע מען זאָל ניט קאָנען געפינען ביי די אַלטע סקעפּטיקער. אָבער דער גייסט פון זייער צווייפעל איז געווען אַ נייער. זיי האָבען גע־וואָרפען אַ חשד און אַ ספק אויף יענע אמת'ען, אין וועלכע דער דאָגמאַטישער גלויבען האָט זיך מיט אזא תמימות אריינגעלעבט. מאָנטעינס סקעפּטישע שלעג זענען געפאַלען מעהר פאר אַלץ אויף די סכאָלאַסטיק. שאררּאָן איז געקומען צו דעם רעזולטאט, אַז די זיטליכקייט דארף ניט זיין קיין פּראָדוקט פון רעליגיעזער פרומ־קייט. זי איז אזוי ענג צונויפגעוואקסען מיט דער מענשליכער נאַ־טור, אַז דער, וואָס געהט להיפך צו דער זיטליכקייט, זאָגט זיך אָב פון זיין אייגענעם וועזען. די הויפּט זאַך איז, מען זאָל צוריק קעה־רען זיך צו דער נאַטור און ניט לאָזען זיך פערבלענדען פון דער וויזהייט, וואָס שטעהט געשריבען אין די ביכער.

## § 70. די מיסטיקער.

אן ארט בענייערער זענען אויך געווען די מיסטיקער, וואָס האָבען אריינגעפיהרט אין דעם אייראָפּייאישען געדאנק די גרונד־פּרינציפּען פון דעם ניי־פּלאַטאָניזם און דער אידישער קבלה.

פּיקאָ דע מיראַנדאָלאָ (1463 ביז 1494) האָט געלעהרענט, אַז גאָט האָט זיך ענטפּלעקט אין אַלע רעליגיאָנען און אויך אין דער פילאָסאָפיע.

יאָהאַן רייכלין (1455 ביז 1522) איז געווען א גרויסער פער־עהרער פון דער העברעאישער שפּראַך און דער אידישער קבלה. ער האָט געקעמפּפט אנטגעגען דעם פאַנאַטיזם פון די קעלנישע דאָ־מיניקאַנער, וואָס האָבען געוואָלט פערברענען דעם תלמוד. אינ־איינעם מיט אולריך פאָן הוטען האָט ער געפיהרט א העפטיגען קריעג אנטגעגען דער אונוויסענהייט און דעם בלינדען פאַנאַטיזם פון דער קאַטוילישער קירכע.

צו די מיסטיקער דארף מען אויך צורעכענען דעם אידישען פילאָסאָף לעאָ העברעאוס. ווער ער איז געווען קאָן מען איצטער מיט זיכערהייט ניט זאָגען. די אָנגענומענסטע סברה איז, אַז

ער איז געווען דון יהודה אברבנאל (ארום 1463 ביז ארום 1535), הער זוהן פון דעם בעריהמטען אידישען דיכטער און שטאאטס־מאַן דון יצחק. זיין הויפּט־ווערק „דער ויכוח וועגען ליעבע" קומט צו דעם רעזולטאַט, אַז דאס העכסטע גליק פאר דעם מענשען איז די ליעבע צו גאָט, וואָס שטאמט פון דער שכל'דיגער ערקענטניס. („די אינטעלעקטועלע גאָט־ליעבע")

## § 71. די רעפאָרמאַטאָרען.

די ארבייט פון די „וויעדער־בעלעבונג", בענייערער, הומאַ־ניסטען און מיסטיקער האָבען אזוי טיעף אונטערגעגראָבען דעם פונדאמענט פון דער קאטוילישער קירכע, אז ביי א סך פרום גע־שטימטע, מעהר אָדער ווענינער פריי־געזינטע מענשען איז ארויס־געוואקסען די בעדערפעניס אין גאנצען איבערצובויען דעם קירכ־ליכען בנין. עס איז געקומען די „רעפאָרמאציע", וואָס האָט זיך אָפיציעל אָבגעזאָגט פון דעם קאטוילישען גלויבען. די רעפאָר־מאַטאָרען אליין, ווי לוטהער (1483 ביז 1546), מעלאנכטאן (1497 ביז 1560), צווינגלי (1484 ביז 1531) און קאלווין (1509 ביז 1564) זענען אייגענטליך געווען קנאפּע פילאָסאָפען. לוטהער האָט גאָר ווייניג געהאלטען פון איהר, און האָט גע'טענה'ט, אז די מענש־ליכע פערנונפט איז א טייוועלין. מעלאנכטאן האָט געגלויבט אין א מעהר אָדער ווייניג ליבעראל־אויסגעטייטשטען קירכליכען ארים־טאָטעלעס.

פון דעסטוועגען האָט זיך אויך אין דער רעפאָרמאציע אָב־געשפּיעגעלט דער גייסט פון דער רענעסאנס־צייט. זיי האָבען „בענייערט", אויב ניט אן אלטען סיסטעם, איז אן אלטען ספר, וואָס איז כמעט פערגעסען געוואָרען אין דער צייט פון דער סכאָ־לאסטיק. דאָס איז דער תנ"ך און די עוואנגעליען, וואָס זענען גע־ווים געווען הייליג, אָבער וועלכע מען האָט אקוראט אזוי ווייניג שטו־דירט, ווי ווייניג די אידיש־חסידישע וועלט האָט זיך גערעכענט מיט די הייליגע שריפטען פון דעם יודענטהום.

א חוץ דעם איז די רעפאָרמאציע געווען אויפגעבויט אויף דעם פּרינציפּ פון דער מענשליכער אינדיווידואליטעט. יעדער מענש איז זיין אייגענער כהן־גדול פאר גאָט און דארף ניט די אריינ־מישונג פון די גלחים צווישען זיך און איהם. זיין אייגענער האר־

צענס־גלויבען, און ניט די דאָגמען פון דער קירכע, זענען דער יסוד פונ'ם קריסטענטהום.

## § 72. די רעכטס־פילאָסאָפען.

ווי די רעליגיאָן האָט זיך ארויסגעריסען פון דעם סכאָלאַסטישען אויטאָריטעט־גלויבען און האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף א מענשליכערן פונדאמענט, אזוי האָט אויך די רעכטס־פילאָסאָפיע אבגעזאָגט זיך פון דער קירכליכער איבערנאַטירליכער בעגרינדונג און האָט געזוכט אויסצובויען איהרע יסודות לויט די פאָדערונגען פון דער מענשליכער פערנונפט און פון דער מענשליכער נאַטור.

מאקיאַוועלי (1469 ביז 1527) קעמפפט אין זיינע רעכטס־פילאָסאָפישע שריפטען פאר דער נאציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט פון איטאַליען. די נאציאָנאַלע זעלבסט־שטענדיגקייט פון א וועלכען ס'איז פאָלק איז אַן אידעאַל, וואָס געהט להיפך צו דעם קירכליכען קאָסמאָ־פּאָליטיזם. אין דעם קאמפף פאר אַט דעם ציעל זענען, לויט מאקיאַוועלי, ערלויבט אלע מיטלען, אפילו אזעלכע, וואָס מוזען אין דער פּריוואַט־מאָראַל פּעררעכענט ווערען פאר אונזיטליכע. ער בויט זיינע האָפענונגען אויף א שטארקען מאָנאַרך, וואָס זאָל דורך קלוגע פּאָליטיק ארייננבאפען די גאנצע מאכט אין זיינע הענד און צונויפבינדען די צוריסענע טיילען פון פאָלק צו איין איינהייטליכען שטאַרקען גאַנצען.

פון דער אנדער זייט איז מאקיאַוועלי אַן אנהענגער פון בירגערליכער פריייהייט, וואָס איז שוין אויפגעבויט אויף די פּרינציפּען פון פּאָליטישער און געזעלשאַפטליכער עהרליכקייט.

טהאָמאַס מאָרוס (1480 ביז 1535) האָט אָנגעשריעבען א ווערק, די „אוטאָפיע“, אין וועלכען ער שילדערט די גרונדלאַגען פון אַן אידעאַלען שטאַאט. דאָס ווערק שפּיגעלט אָב די ווירקליכע לאַגע פון די ארבייטער־מאַסען אין דעם יעמאָלטדיגען ענגלאַנד, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען דורך די ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם. מאָרוס שטעלט זיך איין פאר א קאָמוניסטישער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, און פערלאַנגט פאָלשטענדיגע טאָלעראַנץ אין רעליגיעזע ענינים.

באָדינוס (1530 ביז 1597) שטעלט זיך איין פאר א בעשרענקטער מאָנארכיע. אין איינעם פון זיינע ווערק פיהרט ער

ארויס זיבען פערטרעטער פון די זיבען פערשיעדענע רעליגיאָנס־ריכטונגען פון יענער צייט און קומט צום רעזולטאַט, אז יעדע פון די ריכטונגען האָט א געוויסע בערעכטיגונג אויף עקזיסטענץ; אז זייערע אמת'ען זענען ניט קיין אבסאָלוטע, נאָר רעלאַטיווע, און אז בכן מוז דער שטאַאט זיין אויפגעבויט אויף די יסודות פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ. — אגב אורחא ווילען מיר בעמערקען, אז באָדין האָט געגלויבט אין דער ווירקונג פון שדים אויף דעם מענשען, און האָט פערלאַנגט שטרענגע שטראָפען פאר די העקסען (מכשפות).

אין באָדין'ס ווערק טרעט קלאָהר ארויס דער געדאנק פון א נאַטירליכער רעליגיאָן, דאָס הייסט, פון אזא רעליגיאָן, וואָס וואַקסט ארויס פון דער מענשליכער נאַטור גופא אָהן א ברעקיל איינווירקונג און ענטפלעקונג פון א וועלכער ס'איז גאָטהייט.

הוגאָ גראָציוס (1583 ביז 1645) בויט זיין רעכטס־פילאָסאָפיע אויף דעם געדאנק פון א נאַטור־רעכט, דאָס הייסט, פון אזעלכע מענשליכע רעכטען, וואָס שטאַמען פון דעם מענשען'ס אייגענער נאַטור און דעם מהות פון זיין שכל. דער שטאַאט איז א פּראָדוקט פון א שטילען אָבמאַך צווישען מענש און מענש, כדי צו העלפען איינער דעם אנדערען אין דעם קאַמפּף פאר דער עקזיסטענץ. א נאַטור־רעכט עקזיסטירט ניט נאָר אין די בעציהונגען צווישען מענש און מענש, נאָר אויך אין די בעציהונגען צווישען פאָלק און פאָלק. גראָציוס לעגט דעם ערשטען גרונד־שטיין פאר דעם מאָדערנעם פעלקער־רעכט.

## § 73. די נאַטור־פילאָסאָפען.

די הומאַניסטען און די רעכטס־פילאָסאָפען האָבען דעם מענשען און די העכערע פּראָדוקטען פון זיין שאַפען בעפרייט פון דער מאַכט פון דער סכאָלאַסטישער פילאָסאָפיע. די נאַטור־פילאָסאָפען און די בעגריינדער פון דער נאַטור־וויסענשאַפט האָבען בעפרייט די נאַטור. אַנשטאַט די ביכער וועגען די נאַטור זאָלען מיר שטודירען די נאַטור אליין האָבען זיי פערלאַנגט.

מיר טיילען איין די נאַטור־פילאָסאָפיע פון דער רענעסאַנס־צייט אין צוויי פּעריאָדען: ביז קאָפּערניקוס, און נאָך קאָפּערניקוס. דער גרעסטער נאַטור־פילאָסאָף פון דער ערשטער פּעריאָדע, איז

געוועזן ניקאָלאוס קוזאנוס. (1401 ביז 1464)

קוזאנוס פערנעהמט א מיטעל־פּלאַץ צווישען דער סכאָלאַסטיק און דער רענעסאנס־פילאָסאָפיע. זיינע סכאָלאסטישע מיינונגען קאָנען מיר לאָזען אין גאנצע אָן א זייט. זיין נייער געדאַנק איז געוויס אויסגעוואקסען אונטער דער השפעה פון יענעם פּאנטהעאיזם, וועלכען ער האָט געפונען אין דער אידישער קבלה. גאָט און וועלט איז איין און די זעלביגע זאַך. זיי זענען ביידע אונענדליך. גאָט איז אין דער וועלט מיט זיין גאַנצער פולקייט און מאַכט, און ער איז אין יעדען פונקט פון דער וועלט, אין יעדער זאַך פון איהר, גאַנץ און אונגעטיילט. גאָט'ס פאָלקאָמענהייט ליעגט אָבער אין יעדען פונקט פון דער וועלט ניט ווי א ווירקליכקייט, נאָר מעהר ווי א מעגליכקייט. דאָס הייסט, יעדער פונקט פון דער וועלט קאָן דערהויבען ווערען צו דער העכסטער מדרגה פון גייסטיגער פאָלקאָמענהייט.

אזוי ווי גאָט און וועלט נעהמען ארום אין זיך און פעראייניגען אלץ, וואָס עס קען נאָר געמאָלט זיין, איז דערפון ממילא געדרונגען, אז ער איז אין יעדען מאָמענט פון דער צייט און אין יעדען פונקט פון'ם רוים פול מיט אינוועניגסטע סתירות, — א הערואקליטישער געדאַנק, וואָס טרעט שפּעטער ארויס אויך ביי דזשיראָרדאנא ברונאָ, און נאָך שפּעטער, ביי העגעל און מארקס. דער געדאַנק ווערט אָנגערופען: „פּריניציפּיום קאָאינצידענציע אָפּפּאָזיטאָרום“. דאָס הייסט, אז אלע סתירות און געגען־זעצען זענען אין דער גאָטהייט איין און די זעלביגע זאַך.

ביי קוזאנוס געפינען מיר שוין דעם אָנהויב פון דעם קאָפּערניקאנישען געדאַנק אז די ערד בעוועגט זיך. אין זיין פילאָסאָפיע ליעגט שוין אויך קלאָהר אויסגעשפּראָכען דער פּרינציפּ פון ענטוויקלונג און פּראָגרעס, וועלכען ער מאַכט פאר דעם יסוד פון זיין עטהיק. ווי אין אלע פונקטען פון דער וועלט, לעבט אויך אין דער מענשליכער נשמה די געטליכע פאָלקאָמענהייט, נאָך אויף א קלאָהרערען אופן ערהדער אין דער נאַטור. עס איז די אויפגאבע פון דעם מענשען, ארויסצוברענגען דורך זעלבסט־ענטוויקלונג און פּערפעקציאָנירונג, די געטליכע עלעמענטען וואָס ליעגען אין איהם, און מיט זיי רייכער מאַכען זיין אייגענעם לעבען.

פאראצעלזוס (1493 ביז 1541) זוכט די נאטור־פילאָסאָפיע אין גאנצען אָבצוטיילען פון דער טהעאָלאָגיע. אחוץ די נאטור, וואָס מיר זעהען מיט אונזערע אויגען, איז פארהאן נאָך א בעהאַל־טענע, ניט געזעהענע נאטור, וואָס ענטפּלעקט זיך אין די נאטור־ערשיינונגען. מען דארף אָבער גוט פערשטעהן ווי דורכצופאָרשען זי און ארויסגעפינען איהר אינעוועניגסטען זין. זעהר פיעל נוצען קען אונז דערביי ברענגען דער עקספּערימענט, די פערשיעדענע פּרובען וואָס מיר שטעלען אָן מיט די נאטור־ערשיינונגען. אלכעמיע און מעדיצין זענען די טויערן, וואָס פיהרען אונז אריין אין די סודות פון דער פערבאָרגענער נאטור.

ניט קוקענדיג אויף אזעלכע כמעט ריין־מאָדערנע געדאנקען, איז פאראצעלזוס געווען זעהר ווייט פון אַן׳אמת׳ען פאָרזיכטיגען נאטור־פאָרשער און נאטור־פילאָסאָף. די איינצעלנע עקספּערי־מענטען און נאטור בעאָבאכטונגען האָבען געדינט נאָר דערצו, פאַ־נאנדערצופלאַמען זיין פאנטאזיע, וואָס האָט אָהן אויפהער געבויט סיסטעמען פון בעהאַלטענע קרעפטע און מיסטישע ערשיינונגען. פאראצעלזוס׳ן קען מען אָנרופען דעם פאָטער פון דעם איצטיגען ספּיריטיזם. הינטער דעם פשוט׳ען זיכטבארען מענשליכען גוף, האָט ער געזעהן נאָך א „סידעראַל“־גוף, וואָס שטאמט פון די שטערן, און א „דעאַל“־גוף וואָס שטאמט פון גאָט. זיין פּראָגרעסיווע ווירקונג איז אָבער געלעגען אין זיין קאמפף ענטגעגען דער סכאָ־לאַסטיק און זיין פאָרדערונג איבערצוגעבען זיך דעם שטודיום פון דער נאטור.

קארדאנוס (1501 ביז 1576), א מאטעמאטיקער, פילאָסאָף און ארצט, איז שטארק בעאיינפלוסט פון ניקאָלאאוס קוזאנוס. ער נעהמט אָן א וועלט־זעעלע אָבער ער נאטוראליזירט זי — אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקען. זי איז מעהר ניט, ווי ליכט און וואַ־רעמקייט. די נאטור בעשטעהט פון נאָר דריי עלעמענטען: וואסער, ערד און לופט, ווייל פייער איז ניט קיין עלעמענט; עס איז נאָר א צושטאנד אין דער מאטעריע, וועלכער נעהמט זיך פון ווארימ־קייט, און די ווארימקייט שטאמט פון דער בעוועגונג.

נאָך טיעפער ווי פאראצעלזוס און קארדאנוס, געהט אין זיין נאטור־פילאָסאָפיע טעלעזיוס (1508 ביז 1588). ער בע־

קעמפפט די אריסטאָטעלישע פילאָסאָפיע ניט אין דעם נאָמען פון א וועלכען ס'איז אנדערן סיסטעם, נאָר איינציג און אליין אין דעם נאָמען פון דער ערפאהרונג. מיט דעם פערשטאנד אליין קאָן מען גאָר ניט ארויסברענגען. מיר דארפען זיך האלטען נאָר פאר דאס, וואָס אונז דערצעהלט די ערפאהרונג. אמת, דאס לאָגישע דענקען קאן אונז אמאָל געבען אינטערעסאנטע סברות, וואָס קאָנען אונז העלפען בעסער צו פערשטעהן די ערשיינונגען פון דער נאטור, אָבער מיר טאָרען ניט האלטען יענע סברות פאר אמת, ביז זיי וועלען ניט בעשטעטיגט ווערען אין דעם פראָצעס פון דער ער־פאהרונג.

אויך טעלעזיוס איז אין זיין פילאָסאָפיע ניט גאָר טריי גע־בליבען צו די מעטאַדאָלאָגישע פרינציפען, וועלכע ער פאָרדערט. אין איהם לעבט נאָך די סכאָלאסטישע איינטיילונג פון דער איבער־לבנה־וועלט, אָדער הימעל־וועלט, און דער אונטער־לבנה־וועלט, אָדער די ערד. אָבער אויך די איינטיילונג בעקומט ביי איהם א נאטוראליסטישען זין. די וועלט איז א פראָדוקט פון צוויי קרעפ־טען, דער הימלישער, וואָס בעשטעהט אין ווארימקייט, און דער ערדישער, וואָס בעשטעהט אין קאלטקייט. לעבען און בעוועגונג שטאמט פון דער הימלישער ווארימקייט, רוה און פערגליווערטקייט שטאמט פון דער ערדישער קאלטקייט. ביידע קרעפטען געפינען זיך אין א שטענדיגען קאמפף. דער גייסט איז זעהר אן איידעלער שטאָף, וואָס בעשטעהט פון אַנ'ארט ווארימקייט. זיין אָרט איז אין דעם מארך, אָבער פון דאָרטען גיסט ער זיך פאנאנדער דורך די נערוועז איבער דעם גאנצען קערפער.

דער גרונדטריב אין דעם מענשען איז די זעלבסט־ערהאלטונג. אלץ, וואָס דער מענש בעגעהרט, בעגעהרט ער צוליב איהר. ליעבע ווערט ביי אונז ארויסגערופען פון דעם, וואָס שטארקט אונזער זעלבסט־ערהאלטונג, האס צו דעם, וואָס שטעהט איהר אין וועג.

### § 74. די נאטור־וויסענשאפט.

אויב די נאטור־פילאָסאָפען האָבען מעהר געפאָרדערט דעם שטודיום פון דער נאטור, עהדער זיך באמת אָבגעגעבען מיט איהר וויסענשאפטליכער פאָרשונג, האָבען די בעגרינדער פון דער נאטור־וויסענשאפט זיך מיט לייב און זעעל ארייננעוואָרפען אין דעם

אויסשטודירען פון די נאטור־ערשיינונגען און האָבען ארויסגע־בראכט פאָרשונגס־מעטאָדען און איינצעלנע געזעצען, וואָס האָבען עד היום ניט פערלאָרען זייער ווערטה. דער געניאלסטער פון זיי איז געווען: לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי (1452 ביז 1519), אַ אוני־ווערזאל־זשעניע, וואָס האָט פעראייניגט אין זיך דעם גאַנצען וויסען און דעם גאַנצען קאָנען פון זיין צייט: אַ קינסטלער, אַ מוזיקער, אַ מאטעמאטיקער, אַ מעכאַניקער און אַ פיזיקער!

דער איינציגער קוואל פון אונזער ערקענטניס איז די ערפאהרונג. אָבער די ערפאהרונג איז ניט דאס פשוט'ע ארייננעהמען אין זיך די דרויסענדיגע זינליכע וועלט. דער מאטעריאל פון די חושים דארף בעאַרבייט ווערען צו אַ זיכערן וויסען, און דער בעסטער מיטעל דערצו איז די מאַטעמאַטיק. זיכערען וויסען האָט מען נאָר דאָרטען, וואו מען קאָן אָנווענדען דעם מאטעמאטישען בעוויז. די מעכאַניק איז דער גן־עדן פון די מאַטעמאַטישע וויסענשאַפטען. די אויפגאַבען פון די נאַטור־וויסענשאַפטען איז — דערקלעהרען די ווירקונגען דורך די אורזאכען און ארויסגעפינען די אורזאכען דורך די ווירקונגען; דערצו איז געווג צו וויסען, אַז ס'איז דאָ אַ מאַטעריע און אַז ס'זענען דאָ מאַטעמאַטישע געזעצען.

צו די נאַטור־וויסענשאַפטלער, דארף מען אויך צורעכענען קאָפּערניק'ן, דעם בעריהמטען רעפאָרמאַטאָר פון דער אַסטראָנאָמיע. (1473 ביז 1543)

אמת, קאָפּערניק איז, לויט זיין נאַטור, געווען מעהר פילאָסאָף, עהדער נאַטור־וויסענשאַפטליכער פאָרשער, און די רעוואָלוציאָן, וועלכע ער האָט אריינגעבראכט אין דער גאַנצער גייסטיגער וועלט, איז מעהר געווען אַ פּראָדוקט פון זיין פילאָסאָפישען שטרעבען צו קלאָהרקייט און הארמאָניע, עהדער אַ פּראָדוקט פון אַן אונאינטערע־סירטען אויספאָרשען די ווירקליכקייט. אָבער די רעזולטאַטען זענען געלעגען אויף דעם פעלד פון דער וויסענשאַפט. זיי האָבען געגעבען דעם לעצטען טוידט־קלאַפּ דער גאַנצער סכאָלאַסטישער וועלט־אנשויאונג.

אין דער אַסטראָנאָמיע האָט געהערשט דאָס פּטאָלאָמעאישע סיסטעם, וואָס האָט געמוזט פון צייט צו צייט בערייכערט ווערען און פערפלאָנטערט ווערען מיט אלץ נייע און נייע קאָרעקטורען, כדי

צו ברענגען די טעאָריע אין איינקלאַנג מיט דער בעאָבאַכטונג פון די הימעלס־ערשיינונגען. שוין אַווערראָעס איז געווען אונצופרידען מיט דער פערפלאָנטערטקייט פון דער פּטאָלאָמעאישער טהעאָריע. און שפּעטער האָט דער קעניג אלפאָנז דער צעהנטער פון קאסטיליען, אין 13טען יאהרהונדערט, זיך אזוי אויסגעדריקט וועגען דעם זעלביגען סיסטעם: „וואָלט דער רבונו של עולם ביי דעם בעשאַפען פון דער וועלט ביי מיר געפרעגט אַנ'עצה, וואָלט איך איהם פאָרגעשלאָגען אַ סך אַן איינפאַכער'ן סיסטעם".

אָט דעם איינפאַכען הארמאָנישען סיסטעם, האָט קאָפּערניק „פאָרגעשלאָגען" אַ דאַנק זיין בעשעפטיגונג מיט דער פּיטהאגאָרעאישער פילאָסאָפיע. ער האָט זיך געפרעגט: וואָס וועט זיין, ווען מיר וועלען אָננעהמען, אז ניט די ערד שטעהט אין צענטרום פון דער וועלט, נאָר די זון, און אז די ערד און די איבעריגע פּלאַנעטען דרעהען זיך ארום איהר? עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז אַלע הימעלס־ערשיינונגען לאָזען זיך דערביי אַ סך בעסער און איינפאַכער ערקלעהרען, ווי פריהער.

דער קאָפּערניקאַנישער געדאַנק איז אין דער ערשטער צייט געגאַנגען אַזוי להיפך צו אַלע איינגעוואָרצעלטע טראַדיציעס פון דער וויסענשאַפט און צו אַלע עדות פון די מענשליכע חושים, אז מען האָט געמוזט אויף קאָפּערניקוס קוקען וויא אויף אַ פאַנטאַסט, און אויף זיין סיסטעם וויא אויף אַ משוגעת. א חוץ דעם איז ער געגאַנגען להיפך צו דער רעליגיעזער טראַדיציע און צו דעם גרונד־פּרינציפּ פון דער סכאָלאַסטישער וועלט־אַנשויאונג. נעהמט מען אָן קאָפּערניקס געדאַנק, יעמאָלט פערשווינדט מיט איינמאָל די גאַנצע איינטיילונג אין אַ הימעלשער און אַ ניט הימעלשער וועלט. די ערד ווערט אַקוראַט אַזאַ שטערען, ווי די איבעריגע פּלאַנעטען, אַ טייל פון דער „גייסטיגער" הימעל־וועלט. און די הימעלשע שטערען (די פּלאַנעטען) ווערען אקוראַט אַזעלכע ערדישע קערפּער, וואָס דרעהען זיך ארום דער זון, ווי די ערד אַליין. אויס חילוק צווישען הימעל און ערד! און אויס גלויבען אין די געהייליגטע אויטאָריטעטען פון דער ביבעל, די קירכען־פעטער און די סכאָלאַסטישע פילאָסאָפען!

דאָס קאָפּערניקאַנישע סיסטעם איז דער תהום, וואָס שיידט

אָב מעהר, עהדער אַלע אַנדערע סיסטעמען, די אַלטע וועלט פון דער גייער.

§ 75. דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ. (1548 ביז 1600)

אַלע שטראַהלען פון דעם רענעסאַנס־געדאַנק האָבען זיך צו־נויפגעגאָסען, ווי אין א ברעננגלאָז, אין דעם פילאָסאָפישען סיסטעם פון דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, וואָס איז שוין געבויט געוועזן אויף דער גרונדלאַגע פון דעם קאָפּערניקאַנישען פּרינציפּ.

ברונאָ איז, ווי קוזאַנוס, א פאַנטהעאיסט, אָבער זיין פּאַנטהעאיזם איז קודם כל פּאָלעמיש געווענדעט אַנטגעגען אַריסטאָטעל׳ס דואַליזם פון מאַטעריע און פאָרם. די אונענדליכע מאַטעריע, דער וועלט־עטהער, וואָס פילט אויס דעם גאַנצען אונענדליכען רוים, טראָגט אין זיך גופא יענע אַלע פּרינציפּען, וועלכע אַריסטאָטעלעס האָט אַרומגענומען אין דעם בעגריף פון דער פאָרם. זי האָט דעם פּרינ־ציפּ פון בעוועגונג, לעבען, שכל, פאָלקאָמענהייט און ציעל, אין זיך גופא. זי פעראייניגט אין זיך אַלע געגענזעצען און סתירות. די וועלט געהט פון איהר אַרויס אין דעם פּראָצעס פון ענטוויקלונג; זי ענטוויקעלט זיך על פּי אינוועניגסטע נויטווענדיגקייט. אָבער די אינוועניגע נויטהווענדיגקייט איז אין דער זעלביגער צייט די פריי־הייט, ווייל פרייהייט בעשטעהט אין דעם, צו קאָנען האַנדלען לויט דער אייגענער נאַטור און ניט זיין געצוואונגען פון קיין זאַך, וואָס ליעגט דרויסען פון איהר.

דער פאָרם־פּרינציפּ וואָס איז צונויפגעגאָסען מיט דער וועלט־מאַטעריע, איז איהר נשמה. די וועלט־נשמה איז די „נאַטורענדיגע נאַטור“ (נאַטורא נאַטוראַנס). דאָס הייסט, די נאַטור וואָס טרייבט מיט אינוועניגער פרייער נויטווענדיגקייט אַרויס פון זיך די גאַנצע וועלט. די געוואָרענע וועלט איז די „נאַטורא נאַטוראַטאַ“. אַלץ אין דער וועלט איז בעלעבט און געטליך. דער וועלט־עטהער בע־שטעהט פון קלענסטע טיילכעלעך, און אין יעדען טיילכעלע גע־פינט זיך גאָט, ווי די שעהנקייט אין א וועלכער ס׳איז שעהנער זאַך. דאָס קלענסטע טיילכעלע רופט ברונא אָן די „מאָנאַדע“. פון די מאָנאַדען זענען צונויפגעשטעלט אַלע זאַכען. אָבער יעדע זאַך, וואָס איז א טייל פון א העכערען סיסטעם, איז אויך א מאָנאַדע פון א העכערער אָרדנונג. די ערד צום ביישפּיעל בעשטעהט פון א סך מאָ־

גאָרען, אָבער זי אליין איז אויך א מאָנאַדע אין דעם זונען־סיסטעם. די זון־סיסטעם, איז אָבער ניט די איינציגע וועלט וואָס איז פאַראַן; זי מיט איהר זון און מיט איהרע פּלאַנעטען זענען ווידער אמאָל א „מאָנאַדע" אין נאָך א העכערען סיסטעם. און סוף־כל־סוף קומען מיר צו דעם גאַנצען וועלט־סיסטעם, וואָס איז די העכסטע מאָנאַדע, די העכסטע איינהייט און גאַנצקייט: דאָס איז גאָט.

עס איז קלאָהר, אז אזא סיסטעם קאן ניט צולאָזען קיין אַב־סאָלוטען חילוק צווישען גוט און שלעכט. אלץ אין דער נאַטור איז מעהר אָדער ווייניגער גוט. אלע איינצעלע זאַכען בייטען זיך אין דער נאַטור. אָבער דער גאַנצער אוניווערזום בלייבט שטענדיג גלייך, אין דעם העכסטען צושטאַנד פון פאָלקאָמענהייט. די גרעסטע גליקזעליגקייט איז אריינצוטהאָן זיך אין געדאַנקען אין דעם לעבען פון דעם גאַצען אוניווערזום, תמיד אויסצוגעפינען די איינ־הייט און גאַנצקייט אין דער פערשיעדענקייט און צובראָכענקייט פון איינצעלנע ערשיינונגען. מען מוז זיין א „העראָאישער ענטהו־זיאַסט" („פוריאָזאָ עראָאיקאָ") כדי צו לעבען נאָר צוליעב דער ווי־סענשאַפט און שעהנקייט, וואָס אונז גיט די בעטראַכטונג פון דעם וועלט־אַל. דער העראָאישער ענטהוזיאַסט קאָן, אמת, זיין ציעל קיינמאָל ניט דערגרייכען אין גאַנצען, אויך זיינע מיט־מענשען וועלען איהם אויסשפּאָטען און פערפאָלגען. אָבער ער האָט דערפאַר דעם גרויסען תענוג צו וויסען, אז ער לעבט פריי, לויט זיין אייגענער נאַטור, אז ער שטרענגט אָן אלע זיינע כחות, כדי צו ווערען אלץ בעסער און אלץ פאָלקאָמענער, און אז ער דערנעהנטערט זיך דער־מיט צו דעם מקור פון וואַרהייט, גוטסקייט און שעהנקייט, נאָך וועלכען עס בענקט זיין נשמה.

די לעהרע פון דעם העראָאישען ענטהוזיאַזם, וואָס רופט ארויס פערפאָלגונגען פון די מיט־מענשען, האָט זיך אויף א טראַגישען אופן פער'אמת'ט אין דזשיאָרדאָנאָ ברונאָ'ס לעבען. די קירכע האָט שוין יעמאָלט איינגעזעהן די גרויסע געפאַהר, וואָס עס וואַקסט פאַר איהר פון דעם קאָפּערניקאַנישען סיסטעם, און זי האָט גע־נומען רודף זיין יעדען, וואָס איז עפענטליך ארויסגעטראָטען צו פערטהיידיגען די נייע אפּיקורס'ישע תורה. ברונאָ איז געווען ניט

נאָר אין דעם פונקט פון קאָפּערניקאניזם א געפעהרליכער געגנער פאר דער קירכע. מען האָט איהם ארעסטירט, געלאָזט יאָהרען־לאַנג שמאַכטען אין דעם געפענגניס פון דער אינקוויזיציע און דערנאָך עפענטליך פּראָצעסירט. זיין גאַנצען הערעטישען ענטהוזיאזם האָט ברונא ארויסגעוויזען ביים פּראָצעס. ער האָט ניט אָבגעלייקענט קיין איין זאץ פון זיינע מיינונגען. שטאָלץ האָט ער דערקלעהרט פאר די ריכטער זיין גלויבען.

די אינקוויזיטאָרען האָבען איהם געפונען שולדיג, און האָבען איהם איבערגעגעבען צו דער וועלטליכער מאכט מיט דער ביטע, אז „זי זאָל איהם בעשטראָפען אזוי מילד ווי מעגליך, און ניט פערגיסען זיין בלוט“. דאָס איז געוועזען די צבוע'ישע פאָרמול, אין וועלכער די אינקוויזיציע פלעגט פעראורטיילען איהרע קרבנות צום פערברענען. ברונאָ האָט רוהיג אויסגעהערט דעם אורטייל און געזאָגט: „מיט גרעסערער פורכט זאָגט איהר ארויס אייער משפט, עהדער איך נעהם איהם אויף“.

## § 76. גאַלילעי און קעפּלער.

די פערפאָלגונגען פון דעם קאָפּערניקאנישען סיסטעם האָבען שוין אָבער ניט געקאָנט אויפהאַלטען די פערברייטונג פון'ם אמת. די קירכע האָט פערלאָרען איהר גייסטיגע מאכט. מען האָט בלויז געהאט אָבשיי פאר איהר פיזישער געוואַלט.

גאַלילעי (1564 ביז 1641), דער גרעסטער נאטור־פאָרשער פון יענער צייט, איז שוין אויך געוועזען א קאָפּערניקאנער, ווען אפילו ער האָט זיך עפענטליך פאר דער אינקוויזיציאָן אָבגעזאָגט פון דעם גלויבען. מען דערצעהלט, אז גאַלילעאי, וואָס האָט אבגעלייקענט דעם אמת, בעת די אינקוויזיציע האָט איהם געפייניגט, האָט דער־נאָך, ווי נאָר מען האָט איהם אויפגעהערט צו מאַטערן, ארויסגע־שריען: „און פון דעסטוועגען בעוועגט זי זיך“. די דערצעהלונג איז היסטאָריש ניט פער'אמת'ט געוואָרען. אָבער אין דעם אויסגעשריי ליעגט א טיעפערער לאָגישער אמת. די גייסטיגע וועלט האָט זיך שטורמיש גענומען בעוועגען, און די קירכע האָט זי שוין ניט געקאָנט אויפהאַלטען.

ווי א פילאָסאָף איז גאַלילעי ניט פון גרויסער וויכטיגקייט. ער בערופט זיך אויף דעמאקריט, און שטעלט איהם העכער פאר

אריסטאָטעל'ן. פון דעמאָקריט'ען נעהמט ער אריבער די אטאָמען־לעהרע און דעם געדאנק, אז די זינליכע קוואליטעטען, ווי געשמאַק, פארב, א. אז. וו. ליעגען ניט אין די אטאָמען, נאָר אין די אָרגאַנען פון אונזערע חושים. ער פערלאַנגט פאָלשטענדיגע פרייהייט פאר דער וויסענשאפט, וואָס טאָהר ניט האָבען איבער זיך קיין שום אויטאָריטעט. מיט איהרע ספיקות דארף זי פארטיג ווערען אליין. דאָס איינציגע בוך פון דער פילאָסאָפיע איז די נאטור. זי רעדט אָבער צו אונז אין אַן אַנדער לשון, עהדער מיר זענען געוואוינט געוואָרען צו פערשטעהן. איהרע אותיות זענען מאטעמאטישע פי־גורען: דריי־עקס, פיער־עקס, קרייזען, א. אז. וו.

גאלילעי זעהט קלאָהר איין, אז די מאטעמאטישע זיכערקייט קאן ניט שטאמען פון די חושים אליין, אָבער ער גיט זיך ניט קיין קלאָהרען ענטפער אויף דער ערקענטניס־טעאָרעטישער שאלה, פון וואנען זי שטאמט און פאר וואָס מיר מוזען זיך אויף איהר פערלאָזען.

גאלילעאוס וויכטיגקייט ליעגט ניט אין דער פילאָסאָפיע, נאָר אין דער בעגרינדונג פון דער נייער פיזיק. ער האָט אויסגעפאָרשט די פאַל־געזעצען און די בעוועגונגס־געזעצען און האָט זיי צוריק־געפיהרט אויף ריין־מאטעמאטיש־מעכאנישע פרינציפען.

יאָהאַן קעפלער (1571 ביז 1630) האָט נאָך ווייטער געבראכט דעם וויסענשאפטליכען געדאנק פון דער צייט. זיין הויפט־ווערק וועגען דער אסטראָנאָמיע איז א קלאסישעס ווערק אין דער מאָ־דערנער וויסענשאפט. דאָס, וואָס קאָפּערניק האָט ארויסגעשטעלט ווי א מעהר אָדער ווייניגער גלויבליכע סברה, האָט קעפלער מאטע־מאטיש בעגרינדעט. ער האָט אויך אויסגעבעסערט א סך פעהלערען, וואָס האָבען זיך געפונען ביי קאָפּערניק'ן, און האָט בעוויזען די נויטוועגדיגקייט פון דעם קאָפּערניקאנישען געדאנק פאר'ן מענש־ליכען שכל. ווי קאָפּערניק, איז ער אויך געווען דורכגענומען מיט דעם פיטהאגאָרעאישען געדאנק פון דער וועלט־האַרמאָניע און, ארויסגעהענדיג פון איהם, האָט ער געלייקענט די אונענדליכקייט פון דער וועלט: די האַרמאָניע פערלאנגט אַן אין זיך אָבגעשלאָ־סענעם סיסטעם.

## § 77. קאַמפּאַנעללאַ און וואַניני.

דער לעצטער גרויסער פילאָסאָף פון דער איבערגאַנגס־צייט איז געווען קאַמפּאַנעללאַ (1568 ביז 1693). ער איז געווען דער לפי ערך פּרימסטער פריי־דענקער פון זיין צייט און האָט גע'חלומ'ט וועגען א קאַטױלישער מאָנארכיע, וואָס זאָל ארומנעהמען די גאַנצע וועלט.

דער אויבערשטער האָט זיך, לויט קאַמפּאַנעללאַ, צוויי מאָל ענטפּלעקט: אין דער ביבעל און אין דער נאַטור. קיינע אַנדערע ביכער קאָנען ניט פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דער נאַטור. אויך צוויי קוואַלען האָבען מיר, פון וואַנען עס שטאַמט די ערקענטנים: די ערפאַהרונג און דער גלויבען.

דער זיכערסטער פּונקט אין דעם מענשליכען וויסען איז די געוויסהייט, וואָס מען האָט וועגען דער אייגענער עקזיסטענץ. פון דער געוויסהייט קאָן מען איבערגעהן צו דער גאָט־פראַגע און אויך די עקזיסטענץ פון גאָט ארויסברענגען קלאָהר און געוויס. אזוי ווי די פאָרשטעלונג פון גאָט איז אן אידעע, וואָס שטייגט אריבער, דורך איהר גרויס אלע מענשליכע גרענעצען, דעריבער קאָן זי ניט זיין א פּראָדוקט פון דעם מענשען און מוז שטאַמען פון גאָט אליין.

אלץ אין דער נאַטור איז בעזעעלט, אפילו דער רוים. א ראיה: ער פערמיידט די פּוסטקייט און בענקט נאָך פולקייט. די פּלאַנעטען בעקומען א טרויעריגען פנים, בעת זיי פערוויאַנען, און ווערען פרעהליך, ווען אויף זיי פאַלט דער רעגען. אלע בעוועגונגען אין דער נאַטור, וואָס שטאַמען ניט פון דרוק און שטויס, געהען ארויס פון סימפּאַטיע און אנטיפּאַטיע. אלץ אין דער נאַטור איז צונויפ־געבונדען אינאיינעם און אלע ערשיינונגען ווירקען בעשטענדיג איינע אויף די אנדערע.

בנוגע דעם קאָפּערניקאַנישען געדאַנק, שלאָגט קאַמפּאַנעללאַ פאָר אזא פשרה: ארום דער זון דרעהען זיך די פּלאַנעטען אחוץ דער ערד. און די זון מיט די פּלאַנעטען דרעהען זיך ארום דער ערד, וואָס שטעהט אין'ם צענטרום פון דער וועלט.

קאַמפּאַנעללאַ איז אויך בעקאַנט ווי א סאָציאַליסטישער דענ־קער. ער האָט אָנגעשריעבען א שטאַאטס־ראָמאַן, „דער זונען־שטאַאט" אין וועלכען ער פּרעדיגט קאָמוניזם.

וואַניני (1585 ביז 1619) האָט ארויסגעבראכט אַנ׳אפּיקור־סישע נאטור־פילאָסאָפיע. ער איז געווען גרייט אָבצוזאָגען זיך פון איהר פאר דער אינקוויזיציע, אָבער דאָס האָט איהם ניט געהאָלפען. מען האָט איהם פערברענט אויפ׳ן פלאקער.

§ 78. די פּאָזיטיוויסטען פון דער איבערגאַנגס־צייט.

עהדער מיר פערלאָזען די פילאָסאָפיע פון דער איבערגאנגס־צייט, מוזען מיר נאָך דערמאָהנען אַ גרופּע פון דענקער, וואָס איז אין איהר קאמפף אַנטגעגען אריסטאָטעלעס דערגאנגען כמעט, ביז צום „כופר בעיקר“, דעם אָבלייקענען פון יעדער מעטאפיזיק איבערהויפּט.

דער ווייכטיגסטער פון זיי איז ו ו י ו ו ע ס (1492 ביז 1540), וועלכען מען קען רעכענען פאר אַ פאָרלויפער פון בעקאָן און דעקארט. אין אַ פסיכאָלאָגישער ארבייט שטעלט ער זיך אוועק די אויפגאבע אויסצופאָרשען ניט וואָס די נשמה איז, נאָר — וועלכע איינגענשאפטען זי האָט, און ווי אזוי זי ווירקט. אויך פאר דער גאנצער נאטור־וויסענשאפט פערלאנגט ער, מען זאָל זיך אָבזאָגען פון מעטאפיזישע פרושים און נעהמען זיך פאר פשוט׳ע בעאָבאַכטונגען און עקספּערימענטען.

אַ שפּעטערער דענקער פון דעם זעלבען מין איז ניצאָליאוס (1498 ביז 1576), די פילאָסאָפיע האָט צו טהאָן מיט דעם חומר, דער מאטעריע, און מוז איינגעטיילט ווערען נאָר אין צוויי גרויסע גרונד־וויסענשאפטען: די פיזיק, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער נאטור, און די פאליטיק, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט געזעלשאפט־ליכע ערשיינונגען. אין דער פראגע וועגען די אלגעמיינע אידעען, איז ניצאָליאוס, ווי אַ סך דענקער פאר איהם, אַ נאָמינאליסט, אַ געדאנק וואָס שטאמט שוין פון אנטיסטענים (פערג פאראג. 38). די מעטאפיזיק איז ניט מעהר ווי דיכטונג.

## ליטעראטור:

צו §§ 62 און 63 (אראבישע און אידישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע).
S. Munk, Melanges de philosophie juive et arabe etc. 1876
F. Dieterici, Die Philosophie der Araber in X. J. 1876 und 1879.
H. Steiner, Die Mutaziliten, 1865.
E. Renan, Averrões et l'averroisme, 3 ed. 1869.
M. Eisler, Vorlesungen üb. d. Jüdischen Philosophen des Mittelalters, 3 Bde. 1870—1884.
L. Stein, Die Willesfreiheit, etc. 1882.
M. Joel, Beitraege zur Geschichte d. Philosophie 2 Bde. 1876
דר. שמעון ברנפלד, דעת אלהים, תולדות הפלוסופיא הדתית בישראל, 2 בענד, 1899—1897.
נ. נאידאראוו (ח. זשיטלאווסקי) איינלייטונג אין דעם אריסטא־טעלישען פעריאד פון דער אידישער רעליגיעזער פילאסאפיע, (רוסיש). וואסחאד 1903.
צו § 64. (די קריסטליכע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע).
Hauriau, Histoire de la philosophie scolastique, 2 Bde. 1872—1880.
H. Reuter, Geschichte d. Religioesen Aufklärung im Mittelalter 2 Bde. 1875—1877.
De Wulf, Histoire de la philosophie medievale 1900.
Denifle und Ehrle, Beiträge zur Geschicte der Philosophie des Mittelalters, 4 Bde. 1891—1893:

אין דעם ליטעראטור־פערצייכניס פון דעם פאָריגען העפט האָבען זיך אריין־גע'גנב'עט אייניגע דרוקפעהלער.

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| ביי די סטאָיקער איז נעדרוקט: | Sto; | דארף זיין | Stoa | | | |
| " " עפיקורעער | " | " | Voreibig | " | " | Kreibig |
| " " | " | " | Gizyikie | " | " | Gizyckie |
| " " פילאָן | " | " | Judes' | " | " | Judeo |
| " " | " | " | T. Reville | " | " | J. Reville |

## זיעבעטער קאפיטעל.

# בעקאָן און דעקארט

אינהאלט. עמפּיריזם און ראציאָנאליזם. — פּרענסים בעקאָן, דער עמפּריסט. — וויסען און מאכט. — בעקאָן'ס הויפּט־שריפטען. — די פיער פערבלענדענעסען. — בעקאָן'ס אינדוקטיווע מעטהאָדע. — בעקאָן'ס פילאָסאָפיע. — רענע דעקארט, דער ראציאָנאליסט. דעקארט'ס לעבען און שריפטען. — דעקארט'ס ראציאָנאליסטישע מעטהאָדע. אלץ בעצווייפלען. „איך דענק, ממילא בין איך“. — די גאָט־פראגע. — דעקארט'ס וועלט־בילד. — דער מענש און די מענשליכע נשמה. — באלטאזאר בעקקער.

### § 79. אלגעמיינעס.

אין דער עלטערער פילאָסאָפיע האָט זיך שוין קלאָהר ארויס־געשטעלט די ערקענטניס־טעאָרעטישע פראגע: וועמען זאָלען מיר מעהר גלויבען, אונזערע חושים, אָדער אונזער שכל? אויף וועלכען יסוד קאן מען בויען א זיכערן וויסען וועגען דער וועלט, וועגען דעם מענשען און וועגען אלץ וואָס אינטערעסירט איהם: אויף דעם יסוד פון דער ערפאהרונג, אָדער אויף דעם יסוד פון דעם ריינעם בעגריפ־ליכען דענקען? די טהעאָסאָפיע און די רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע האָבען אבגעשטופּט די פראגע אָן א זייט. אנדערע קוואלען פון דער ערקענטניס האָבען זיי אוועקגעשטעלט אויף דעם פלאץ פון ער־פאהרונג און ריינעם שכל: די איבערנאטירליכע ענטפּלעקונג און דאס מיסטישע צונויפגיסען זיך מיט גאָט.

אין דער איבערגאנגס־צייט, ווען די איבערנאטירליכע ענטפּלע־קונג האָט פערלאָרען דעם גאנצען קרעדיט, ווען מענש און נאטור זענען בעפרייט געוואָרען פון דיא טהעאָלאָגישע וואָלקענס, וואָס

האָבען זיי פערדעקט אין דער גאנצער צייט פון דעם מיטעל־אַלטער, איז ווידער ארויפגעשוואומען די אלטע פראגע, דער אלטער געגענזאַץ צווישען עמפּיריזם, דעם פרינציפּ פון ערפאהרונג, און ראציאָנאַליזם, דעם פרינציפּ פון דער ריינער שכל׳דיגער ערקענטניס. די פראגע איז אָבער כמעט פערטומעלט געוואָרען אין דעם רעש פון דעם קאמפּף אנטגעגען דער סכאָלאַסטיק. נאָר ביי וויוועס און זיין ריכטונג טרעט קלאָהר ארויס דער עמפּיריסטישער כאראקטער־שטריך פון זייער דענקען.

ווי נאר די לאַגע האָט זיך א ביסעל אבגעקלעהרט, ווי נאָר די סכאָלאַסטיק איז אין גאנצען, קען מען זאָגען, „אראָב פון מארק״; ווי נאָר דער בעפרייטער נייער געדאנק האָט גענומען זעלבסטשטענדיג ווייטער שפּינען דעם פילאָסאָפישען פאָדים, אזוי האָט זיך ווידער אין זיין גאנצער שארפקייט ארויסגעשטעלט דער געגענזאַץ פון עמפּיריזם און ראציאָנאליזם.

די פילאָסאָפיע געהט זיך פאנאדער צוליעב דער ערקענטניס־טעאָרעטישער פראגע אין צוויי ריכטונגען. דער פאָטער פון דער ערשטער, דער עמפּיריסטישער ריכטונג, איז בעקאָן, דער בעגרינדער פון דער צווייטער איז דעקארט.

## § 80. פרענסיס בעקאָן פון ווערולאם. (1561 ביז 1621).

בעקאן איז שוין כמעט אין גאנצען א דענקער פון דער נייער צייט. אמת, ער איז, ווי די מעהרסטע פילאָסאָפען פון דער רענעסאנס, אויך פערנומען מיט דעם קאמפּף אנטגעגען אריסטאָטעלעס און די סכאָלאַסטישע פילאָסאָפיע. אָבער ניט דאס איז דער הויפּט ציעל און די הויפּט ארבייט פון זיין זוכען און פאָרשען. די צו־שטערונגס ארבייט איז שוין געוועזען געטהאָן פאר איהם. מיט איהם הויבט זיך אָן דאס נייע בויען. און בויען וויל בעקאָן אין ערשטער ליניע א וויסענשאפטליכע פילאָסאָפיע, א סיסטעם פון מענשליכע ערקענטניסען, וואָס זאָל רוהען אויף א געזיכערטען, אין דער וויסענשאפט־אויסגעפּרובירטען פונדאמענט. זיין ציעל איז אָבער ניט נאָר ריכטיגע טעאָרעטישע ערקענטניס. אויב די איבערגאנגס־פילאָסאָפיע האָט געשטרעבט צו בעפרייען נאטור און מענש פון דער איבערנאטירליכער שליטה און אוועקשטעלען דעם מענשען אונטער די געזעצען פון דער נאטור, וויל בעקאָן, אז דער

מענש זאָל, אויסשטודירענדיג די געזעצען פון דער נאַטור, בעהער־שען זי, קריגען אויף איהר די אויבערמאַכט. אין דערינגען דריקט זיך אויס די גייסטעס־ריכטונג פון זיין צייט און דערהויפּט פון זיין פאָלק, דעם ענגלישען. אין ענגלאַנד האָט זיך פריהער עהדער אור־מעטום און שטאַרקער עהדער ערגיץ וואו געגומען ענטוויקלען די קאַ־פּיטאַליסטישע פאָרם פון פּראָדוקציאָן, וואָס איז געגרינדעט אויף דער בעסערער אויסנוצונג פון די נאַטירליכע קרעפטען.

ניצליכקייט, די הערשאַפט איבער דער נאַטור, — דאָס איז דאָס העכסטע אידעאַל, צו וועלכען די פילאָסאָפיע זאָל, לויט בעקאָן, שטרעבען. די מאַכט איבער דער נאַטור קאָנען מיר אָבער בע־קומען אויף אַזוי פיעל אויף וויפיעל מיר װ י י ס ע ן איהרע געזעצען. „טאַנטום פּאָססומוס קוואַנטום סציִמוס“. מיר קאָנען אַזוי פיעל, וויפיעל מיר ווייסען. מיר דאַרפען דעריבער זעהן אז אונזער וויסענשאַפט זאָל באמת זיין א וויסען, א ליכטיגע, מיט קיין זאַך ניט געשטערטע, מיט קיין זאַך ניט פערטונקעלטע אָב־שפּיגלונג פון יענע פּראָצעסען, וואָס קומען פאָר אין דער דרויסענ־דיגער וועלט. דערצו מוז מען אויסוועהלען נייע וועגען אין דער אויספאָרשונג פון דער נאַטור, ניט די, מיט וועלכע מען איז געגאַנגען ביז אהער, אונטער דער פיהרונג פון אריסטאָטעל׳ס לאָגיק. א נייע לאָגיק, א נייעם געצייג פון דענקען און פאָרשען מוז מען אויס־ארבייטען. דער אַלטער „אָרגאַנאָן“ פון אריסטאָטעלעס האָט אונז אראָבגעפיהרט פון ריכטיגען דרך. א נייער „אָרגאַנאָן“ („נאָוואום אָרגאַנום“) דאַרף אונז וויעדער פיהרען צו דעם אמת. די פּרינ־ציפּען פון דער נייער לאָגיק זאָלען אבער אונז ניט נאָר העלפען אויס־בויען א וויסענשאַפט פון דער נאַטור, כדי צו בעהערשען איהרע קרעפטען, נאָר אויך אויסאַרבייטען אלע אנדערע צווייגען פון דעם מענשליכען וויסען, וואָס דאַרפען בעפריעדיגען די העכערע בע־דערפעניסען פון דער מענשליכער נשמה.

## § 81. בעקאָנס הויפּטשריפטען.

זיין פילאָסאָפיע האָט בעקאָן געשילדערט אין פערשיעדענע ווערק. די וויכטיגסטע פון זיי זענען: ערשטענס „די מאָראַלישע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע עסיים“, ערשט ערשיענען אין 1597. זיין הויפּט־לעבענס־ווערק איז „די גרויסע בענייערונג“. דער

ערשטער טייל פון איהם איז ערשיענען אין דעם יאָהר 1612 אונ־טער דעם נאָמען „געטראַכטעס און געזעהענעס“. וואָס איז עטליכע מאָל איבערגעארבייט געוואָרען און אין דעם יאָהר 1620 ארויס אונטער דעם טיטעל „דער נייער אָרגאַנאָן פון די וויסענשאַפטען“. דער צווייטער טייל איז אויך פריהער ארויס אין דעם יאָהר 1605 אין ענגליש, און איז שפּעטער, אין דעם יאָהר 1623, ארויס פער־בעסערט אין לאַטיין אונטער דעם נאָמען: „וועגען דער חשיבות און דעם פאָרטשריט פון די וויסענשאַפטען“. דער דריטער טייל איז געבליבען ניט אָנגעשריבען. דאס מאַטעריאַל פאר איהם האָט נאָך בעקאָנ׳ס טוידט ארויסגעגעבען זיין סעקרעטאר.

## § 82. בעקאָנס קריטיק פון די פאַלשע „בילדער“ פון דעם מענשליכען שכל.

ס׳איז ניט גענוג צו האָבען א ריכטיגע מעטאָדע ווי אזוי אויס־צוגעפינען דעם אמת אין די נאַטור־ערשיינונגען. מען מוז פריהער פאר אלץ אָברייניגען דעם שכל פון יענע אידאָלען (פאַלשע בילדער, אָבגעטער) וואָס האָבען זיך אריינגע׳גנב׳עט אין איהם, און וואָס פערשטעלען דעם מענשענס בליק. א טייל פון זיי שטאַמט פון דער מענשליכער נאַטור, א טייל — פון דער סביבה אין וועלכער דער מענש לעבט.

בעקאָן רעכענט אויס פיער ארטען פון אזעלכע אידאָלען:

די ערשטע ארט זענען די „אידאָלאַ טריבוס“, די פאַלשע ביל־דער, וואָס ווערען בעשאַפען פון דעם שבט מענש און וואָס זענען איינגעוואָרצעלט אין דער מענשליכער נאַטור גופא. דער וויכ־טיגסטער פעהלער, וואָס דער מענשליכער שכל בעגעהט, איז — ווען ער בעטראַכט די פּאַסירונגען פון דער נאַטור, לויט זיין אייגענער טבע. אלץ וואָס מענשען טהוען, טהוען זיי עס צוליעב א וועלכען ס׳איז ציעל, און אָט דעם שטאַנדפּונקט פון צוועקמעסיגקייט טראָגט דער מענש אריין אויך אין דער בעטראַכטונג פון נאַטירליכע ער־שיינונגען. די פּראָצעסען פון דער נאַטור מוזען מיר אבער שטו־דירען ניט לויט צוועקען, נאָר לויט אורזאַכען.

די צווייטע ארט פאַלשע בילדער, פון וועלכע דער מענשליכער שכל דאַרף זיך בעפרייען, זענען די „אידאָלאַ ספּעקוס“, די אינ־דיווידועלע פעהלערן וואָס שטאַמען פון דער ערציהונג און דעם טעמ־

פּעראמענט, און אָפּטמאָל אויך פון די ריין קערפּערליכע אייגענ־שאַפטען פון יעדען איינצעלנעם יחיד.

די דריטע ארט פערבלענדעניסען זענען די „אידאָלא פּאָרי“, די פאלשע בילדער, וואָס וואקסען אויס אויף דעם מארק פון דעם לעבען, וואָס ווערען ארויסגעבראכט פון דער מענשליכער שפּראך און דעם אומגאנג מיט מענשען. בעקאָן רעכענט צו צו זיי אויך אזעלכע פּאָרשטעלונגען, ווי „גליק“ און „ערשטער בעוועגער“.

די פערטע און לעצטע ארט זענען: די „אידאָלא טעאטרי“. דאָס זענען יענע טעאָריען און געדאנקען, וועלכע די געלעהרטע וועלט האָט ארויסגעבראכט, כדי צו געבען א „טעאטער־פּאָרשטע־לונג“ דעם עולם. בעקאָן רעכענט צו צו זיי כמעט אלע פריהער־דיגע פילאָסאָפישע סיסטעמען. ער פערגעסט, אז ער אליין איז א פּראָדוקט פון זייער געדאנק און אז ער בענוצט א סך פון דעם, וואָס זיינע פארגענגער האָבען געשאפען. אבער ווי א פּאָרדערונג פאר דעם געלעהרנטען, וואָס וויל שטודירען די נאטור, איז בעקאָן'ס גע־דאנק אויך אין דעם פונקט גערעכט. עהדער מען געהט שטודירען די נאטור, זאָל דער מענשליכער שכל זיך אָבזאָגען פון אלע א פריי־הער שוין אָנגענומענע היפּאָטעזען און סברות.

ווען דער שכל ווערט בעפרייט פון די פיער מינים פערבלענ־דעניסען, מוז מען איהם אויך יעמאָלט נאָך ניט פערגלייכען מיט א קלאָהרען, אבגערעניגטען שפּיעגעל, וועמעס טבע עס איז נאָר אָב־צושפּיגלען די זאכען אזוי, ווי זיי בעווייזען זיך פאר איהם. די אויפגאבע פון דער וויסענשאפט איז ניט נאָר די אָבשפּיגלונג פון די נאטור־פּראָצעסען. עס איז איהר ציעל צו בעהערשען די נא־טור, דאָס הייסט, ארויסגעפינען יענע געזעצען און אייביגע נויט־וועגדיגקייטען וואָס ליגען פערבאָרגען אין די ערשיינונגען, כדי מען זאָל קאָנען, מיט דער הילף פון אזעלכע געזעצען, איבער אנ־דערשען די נאטור־ערשיינונגען לויט די פּאָרדערונגען פון די מענש־ליכע אינטערעסען. דער מאטעריאל, וואָס די חושים ברייגגען, מוז איבערגעארבייט ווערען דורך דעם אָבגערייניגטען שכל. בעקאָן כאראקטעריזירט די שטעלונג פון דער וויסענשאפט צו דער ער־פאהרונג דורך דעם פאָלגענדען פערגלייך: מען זאָל ניט, ווי די שפּין, ארויסברענגען די קענטעניס פון זיך אליין; דאָס טהוען די

מעטאַפיזיקער. מען זאָל אָבער אויך ניט ווי די אַמייזע (מאַ־ראַשקע) צונויפשלעפּען די מאַטעריאַלען אין א הויפען: דאָס טהוען די ריינע וויסענשאַפטלער. מען זאָל, ווי די בין, וואָס זוינט ארוים דעם תמצית פון די בלומען, און מאַכט פון איהם האָניג, איבערארבייטען דעם מאַטעריאַל פון דער נאַטור, כדי ארויסגעפינען זיין תמצית, דעם געזעץ.

## § 83. בעקאָנס אינדוקטיווע מעטאָדע.

כדי ארויסצוגעפינען די געזעצען וואָס הערשען אין דער נאַ־טור, מוז מען קודם כל פעסטשטעלען די פאַקטען און פאַסירונגען. דאָס דערגרייכען מיר, ערשטענס מיט דער הילף פון דער בעאָבאַכ־טונג, דאָס הייסט, דעם גענויען און פינקטליכען צוקוקען זיך צו די נאַטור־ערשיינונגען, און צווייטענס מיט דער הילף פון דעם עקספּערימענט, דאָס הייסט, דורך פערענדערונגען, וועל־כע מיר ברענגען מיט א כיון אריין אין דעם גאַנג פון די נאַטור פּראָצעסען, כדי צוזעהן, ווי דאָס וועט ווירקען אויף די אנדערע נאַ־טור־ערשיינונגען וואָס אינטערעסירען אונז.

בעאָבאַכטענדיג די נאַטור, דאַרף פאַר אונז זיין דער עיקר ארויסצוברענגען די נויטווענדיגע שייכות'ען צווישען די פאַקטען, ארויסצוגעפינען זייערע אורזאַכען. צו דעם צוועק דאַרף מען פיהרען א גענויען רייסטער פון אַלע בעאָבאַכטונגען און עקס־פּערימענטען. עס מאַכט זיך אָפט אין דער ערפאַהרונג, אז איינינע פעלען רעדען מיט א בעזונדער דייטליכער שפּראַך. יענע רופט בעקאָן אָן די „פּעראָגאַטיווע אינסטאַנצען“, — אויסדערוועהלטע, מיוחסים'דיגע פעלען. פאַר זיי דאַרף מען פיהרען א בעזונדער רייסטער. פערגלייכענדיג אלע פעלען, קאָנען מיר ארויסגעפינען די געזעצען וואָס אין זיי הערשען, און אויף דעם גרונד פון די געזעצען, קאָנען מיר דערלאַנגען צו נאָך העכערע כללים פון דער נאַטור, צו די אַקסיאָמען.

וויל מען צוםביישפּיעל אויסגעפינען וואָס איז דער מהות און די אורזאַך פון וואַרעמקייט, דאַרפען מיר גענוי פערשרייבען אַלע פעלען, אין וועלכע וואַרעמקייט קומט פאַר צונויפגעבונדען מיט א וועלכער ס'איז אנדערער ערשיינונג. לאָמיר אָננעהמען, אז אין גע־וויסע פעלען זעהען מיר קלאָהר איין, אז וואַרעמקייט איז פערבונ־

דען מיט א וועלכער עס איז ארט פון בעוועגונג. געוויסע פּרעראָ־גאטיווע אינסטאַנצען", קאנען אונז בעווייזען, אז מיט דעם גראד, ווי א געוויסע ארט פון בעוועגונג פערגרעסערט זיך, ווערט אויך שטארקער דיווארעמקייט און אז צוריק, אין דעם מאָס, אין וועל־כען יענע ארט פון בעוועגונג ווערט קלענער, ווערט אויך די וואַ־רעמקייט שוואכער. יענע „פּרעראגאטיווע אינסטאנצען" גיבען אונז דעם מאטעריאל פאַר עקספּערימענטען, פאר קינסטליכע פער־ענדערונגען, כדי צו פערזיכערן זיך אויף קלאָהר, אויף וועלכען אופן די ווארעמקייט איז נויטווענדיג פערבונדען מיט יענער ארט פון בעוועגונג. אויף דעם וועג קאן מען קומען צו דעם פעסטען און זיכערן רעזולטאט, אין וואָס פאר אן ארט בעוועגונג עס בעשטעהט די ווארעמקייט.

שוין פון בעקאָן'ס מעטאָדאָלאָגישע געדאנקען איז קלאָהר, אז זיין אינדוקציאָן פערלאנגט ניט, מען זאָל אויספאָרשען א ל ע פעלען אין דער נאטור, וואו עס קומט נאָר פאָר די ערשיינונג פון ווארעמקייט. עס איז גענוג, ווען מיר געפינען עטליכע „פּרעראָגא־טיווע אינסטאנצען", וואָס פיהרען דעם שכל אויף דעם ריכטיגען וועג פון עקספּערימענט און לאָגישען שלוס.

די גאנצע ארבייט ווערט געפיהרט, כדי פון די אקסיאָמען און געזעצען זאָל מען קאנען ווידער אראָבשטייגען צו די ערשיינונגען, מאכען ע ר פ י נ ד ו נ ג ע ן, דאָס הייסט, אָנווענדען קינסטליכע מיטלען, וואָס זאָלען צווינגען די נאטור, זי זאָל ארבייטען, לויט אונזערע ציעלען. בעקאָנ'ען האָט זיך גערוכט, אז מען קאן מ א־כ ע ן ערפינדונגען אויף א ריין־לאָגיש־מעכאנישען וועג און אז יעדער וויסענשאפטס־מאן קאָן ווערען אנ'ערפינדער.

## § 84. בעקאָנס פילאָסאָפיע.

די נאטור־וויסענשאפט איז ניט דער איינציגער פעלד אויף וועלכען עס דארף ארבייטען דער מענשליכער שכל. דער מענש האָט אנדערע בעדערפעניסען אחוץ דער פּראקטישער בעהערשונג פון דער נאטור. אָבער אויך אויף אַלע אנדערע פעלדער פון'ם מענש־ליכען וויסען, דארף מען אריינטראָגען דעם זעלביגען גייסט פון סיס־טעמאטישער אָרדענונג, בעאָבאכטונג, און וואו ס'איז מעגליך, עקספּערימענט. אַלע וויסענשאפטען מוזען איינגעאָרדנעט ווערען

אין איין סיסטעם, וואָס זאָל זיין, ווי א מין לאַנדקאַרטע פון דער מענשליכער אינטעלעקטועלער וועלט. („גלאָבוס מונדי אינטעלעקטואַליס"). מען מוז די פערשיעדענע וויסענשאַפטען קלאַסיפיצירען, ארויסברענגען זייער נאַטירליכע שייכות. בעקאָן ווערט דערמיט דער פאָטער פון א פילאָסאָפישען פראָבלעם, וואָס האָט שפּעטער בעזונדערס אינטערעסירט דעם פּאָזיטיוויסטישען געדאַנק אין דער פילאָסאָפיע פון אָגיוסט קאָנט און הערבערט ספּענסער.

אזוי ווי די פערשיעדענע צווייגען פון דעם מענשליכען וויסען וואַקסען ארויס פון די בעדערפעניסען פון דער מענשליכער נשמה, דעריבער מוז מען זיי איינטיילען, לויט די גרונד־קרעפטען פון דער נשמה. דריי גרונד־קרעפטען האָט די מענשליכע נשמה: דעם כח הדמיון, די ערינערונגס־קראַפט און דעם פערשטאַנד. און לפי דעם, דאַרפען זיין דריי הויפּט־פעלדער פון דער מענשליכער ערקענטניס. אויף דעם כח הדמיון, דער איינבילדונגס־קראַפט, רוהט די פּאָעזיע; אויף דעם זכרון — אַלע היסטאָרישע וויסענשאַפטען; אויף דעם פערשטאַנד — די נאַטור־וויסענשאַפט און די פילאָסאָפיע.

די נאַטור־פילאָסאָפיע שטייגט אריבער די גרענעצען פון דער נאַטור־וויסענשאַפט און האָט אין א סך פּונקטען גאַנץ אַנדערע אויפגאַבען, עהדער די לעצטע. זי דאַרף ערקלעהרען, ניט די איינצעל־ערשיינונגען, נאָר דעם גאַנצען אַל־וועלטליכען פּראָצעס. דאָ קאָן מען שוין ניט אויסקומען בלויז מיט אורזאַכען און געזעצען, נאָר מען מוז אָננעהמען אויך די סברא, אז די נאַטור אין גאַנצען האָט צו פערווירקליכען געוויסע צוועקען.

אויך מוז מען אויסגעפינען א סברא, וואָס זאָל אונז געבען די מעגליכקייט צו פערשטעהן די געזעצען, וועלכע מיר געפינען אָרוים אויף דעם וועג פון בעאָבאַכטונג און עקספּערימענט. זעהען מיר צום ביישפּיעל, אז געוויסע קערפּער ציהען זיך צו און שטויסען זיך אָב, מוזען מיר אָננעהמען, אז אין זיי קומט פאָר א וועלכער ס'איז פסיכישער פּראָצעס. אַלע קערפּער האָבען אין זיך דונקעלע אונבעוואוסטע פאָרשטעלונגען (פּערצעפּציאָנען). די קערפּער ווירקען איינע אויף די אַנדערע, ניט דורך דרוק און שטויס, ווי דאָס האָט געלערענט דעמאָקריט, נאָר זיי ווירקען א דאַנק אינוועניגע קרעפטען. די מאַטעמאַטיק קאָן אונז וועניג וואָס ערקלעהרען אין די נאַטור־ערשיינונגען. און פון דער מאַטעמאַטיש־מעכאַנישער פיזיק, וועלכע

גאלילעי האָט אויפגעבויט, האָט בעקאָן ווייניג געהאַלטען. מחמת דעם זעלבינגען ניט־צוטרויען צו מאַטעמאַטיק האָט בעקאָן אויך אָב־געשפּאָט די קאָפּערניקאַנישע לעהרע.

דער מענש האָט אין זיך א גייסט, אָבער דער גייסט קאן ניט זיין קיין ענין פאר דער פילאָסאָפיע, ווייל מען קאן איהם בשום אופן ניט דערקאָנען. אָבער א חוץ דעם גייסט האָט דער מענש נאָך אויך א „נאַטירליכע" נשמה, וואָס בעשטעהט אין א דינעם וואַ־רימען קערפּער. ווי אַלע קערפּער, האָט אויך די נאַטירליכע מענש־ליכע נשמה, פערצעפּציאָנען (פּאָרשטעלונגען) אין זיך. זיי זענען אָבער בעוואוסטע פערצעפּציאָנען. עס איז די אויפגאבע פון דער וויסענשאַפט אויסצופארשען, פאר וואָס, און ווי אזוי די פערצעפּציאָנען פון דער מענשליכער נשמה ווערען בעגאָסען מיט דעם ליכט פון דעם בעוואוסטזיין. די בעוואוסטע פערצעפּציאָנען זענען עמפּפינדונגען (שפּיהרונגען) און עס איז א ווייטערע אויפ־גאבע פון דער וויסענשאַפט ארויסצוגעפינען, וועלכע בעוועגונגען אין דער דרויסענדיגער וועלט רופען אין אונז ארויס די פערשיעדענע שפּיהרונגען און פאר וואס דאס געשעהט אזוי.

די מאָראל איז א פּראָדוקט פון דער מענשליכער נאַטור. צוויי גרונד־קרעפטען ארבייטען אין איהר: דאס שטרעבען צו דעם אייגענעם נוצען, און דאס שטרעבען צו דעם נוצען פון דער גאנצער געזעלשאַפט. זיטליך איז דאס, וואָס ברענגט נוצען דעם גאַנצען כלל.

אויף דאס לעבען פון דער גאנצער געזעלשאַפט מוז אויסגע־פאָרשט ווערען לויט נייע וויסענשאַפטליכע פּרינציפּען. דאָס דארף געשעהן אין א בעזונדער וויסענשאַפט, אין דער פּאָליטיק.

דעם העכסטען פּלאַץ פון אלע וויסענשאַפטען פערנעהמט די אייגענטליכע פילאָסאָפיע, וואָס דארף זיך בעשעפטיגען מיט אלע פראגען, וואָס האָבען א שייכות ניט צו די איינצעלנע טיילען פון דער וועלט, נאָר צו אלע איהרע ערשיינונגען, ווי צום ביישפּיעל די בע־גריפען פון „זיין", און „ניט זיין", „עהנליכקייט", און „פערשיעדענ־קייט", און די אלגעמיינע אקסיאָמען פון דער מאַטעמאַטיק.

אין דעם אויפבוי פון זיין פילאָסאָפיע און אין איהר שייכות צו די איינצעל־וויסענשאַפטען, איז בעקאָן זעהר נאָהענט צו אריס־

טאָטעל׳ן, אנטגעגען וועלכען ער פּאָלעמיזירט אזוי העפטיג. די פילאָסאָפיע איז, ערשטענס, די פערבינדונג פון אלע וויסענשאַפטען, און, צווייטענס, א בעזונדער ערקענטניס־פעלד, וואָס האָט כמעט די זעלבע אויפגאַבען, וועלכע אריסטאָטעלעס האָט אַוועקגעשטעלט פאר איהר. בעקאָן רופט זי אויך אָן מיט דעם זעלבען נאָמען וואָס אריסטאָטעלעס האָט איהר געגעבען: זי איז די ערשטע פילאָסאָפיע (פּרימא פילאָסאָפיא), אָדער אויך: די „אוניווערסאל־וויסענשאַפט". („סציענציא אוניווערסאַליס".)

דאס טהעאָלאָגישע פּראָבלעם װעגען גאָט געהערט צו דער ערשטער פילאָסאָפיע, און אויך דא שפּיעלט גאָט כמעט די זעלביגע ראָליע, ווי אין דעם ריינעם, ניט פאַרפעלשטען אריסטאָטעליזם. גאָט ווערט אריינגעבראַכט נאָר צוליעב דעם צוועק, כדי טהעאָרעטיש צו ערקלעהרען דעם גאנצען וועלט־פּראָצעס, ווייל מיט פיזישע אורזאכען אליין קאָן מען דערביי ניט אויסקומען. ווע־ניג פילאָסאָפיע, זאָגט בעקאָן, פיהרט אונז אָב פון גאָט. א סך פי־לאָסאָפיע פיהרט אונז ווידער צוריק צו איהם.

מיט דער רעליגיאָן האָט אָבער די פילאָסאָפישע טהעאָלאָגיע א ברעקעל ניט צו טהאָן. די רעליגיאָן ליעגט דרויסען פון דער פילאָסאָפישער בעטראכטונג. איהרע אמת׳ען און — דער עיקר — די אמת׳ען פון דער קריסטליכער קירכע — קאָנען ניט זיין קיין ענין פאר א וועלכער ס׳איז פילאָסאָפישער דיסקוסיאָן. די קריסט־ליכע דאָגמען דארף מען אָננעהמען ווי זיי זענען, נישט צו פרעגען פאר וואָס און פאר ווען. אקוראט ווי מיר זענען מסכים אָהן א דיסקוסיע צו די כללים פון דעם שאך־שפּיעל, בעת מיר שפּיעלען אין שאך.

פון דעם לעצטען פערגלייך קאָן מען לייכט איינזעהען, ווי בעקאָן האָט זיך באמת געשטעלט צו דעם רעליגיעזען פּראָבלעם. די רעליגיאָן איז א מין שאך־שפּיעל: וועמען עס געפעהלט מיט־צו־שפּיעלען, יענער זאל זיך בויגען אונטער איהרע געזעצען.

## § 85. רענע דעקארט (רענאטוס קארטעזיוס. 1596 ביז 1650).

דער פילאָסאָפישער געגענזאץ צו בעקאָן איז דעקארט. בע־קאָן׳ס הויפּט ציעל איז דער מענשליכער נוצען און די פּראַקטיק. דעקארט איז פעראינטערעסירט מעהר עהדער אלץ אין דעם פּראָב־

לעם פון דעם זיכערען טעאָרעטישען וויסען. פאר בעקאָן'ען איז די פילאָסאָפיע ניט מעהר ווי א סיסטעם פון ערפאהרונג, פאר דעקארטען איז זי — א געדאנקען־בנין ארויסגעבראכט פון דעם ריינעם שכל. בעקאָן איז דער עמפּיריסט, דעקארט — דער ראַציאָנאַליסט. אָבער אין ביידען רעדט איין און דער זעלביגער גייסט פון דער צייט: דער מענשליכער שכל וואָס האָט זיך אין גאנצען בעפרייט פון דער קירכליכער אויטאָריטעט, א שטרענגער צו זיך זעלבסט און צו די אייגענע פאָדערונגען, פערלאָזט ער זיך ניט מעהר אויף אויגענבליקליכע המצאות און שעהן־אויסזעהענדע היפּאָטעזען, נור ער פערטיעפט זיך אין דעם ענין, לאָזט זיך אין איהר אריין סיסטעמאטיש, שריט פאר שריט און מאכט ניט קיין ווייטערען שריט, ביז ער פערזיכערט זיך אין דער ריכטיגקייט פון דעם פריהערדיגען. ביידע, בעקאָן און דעקארט זענען אויסגעוואקסען און אויפגעצויגען אויף יענער נאטור־וויסענשאפט, וואָס האָט זיך פאנאנדערגעבליהט צום סוף פון דער רענעסאנס־פּעריאָדע. פאר ביידען איז די ענטוויקלונג און די זיכערשטעלונג פון דער וויסענשאפט איינס פון די וויכטיגסטע ציעלען פון זייער גאנצען פילאָסאָפירען.

## § 86. דעקארט'ס לעבען און שריפטען.

פון דעקארט'ס לעבען מוז מען מיט־טיילען אנ'עפּיזאָד, וואָס איז געווען זעהר וויכטיג פאר די ענטוויקלונג פון זיין פילאָסאָפישען געדאנקען־גאנג. דעקארט האָט זיין פילאָסאָפיע ניט נאָר געטראכט, נאָר אויך געלעבט. זיין ערציהונג האָט דעקארט בעקומען אין איינער פון די בעסטע ערציהונג־אנשטאלטען אין יענער צייט, אין לאַפלעש, א שוהל, וועלכע די יעזואיטען האָבען געגרינדעט און געפיהרט. אין יענער שוהל איז ער בעקאַנט געוואָרען מיט דער פילאָסאָפיע און דער וויסענשאפט פון זיין צייט. אָבער קיין וויסענשאפט און קיין פילאָסאָפישער געדאנק האָט זיך איהם ניט געוואָלט לעגען אויפ'ן שכל. הנאה האָט ער געהאט נאָר פון דער מאטעמאטיק, ווייל נאָר זי אליין איז פאר איהם געווען קלאָהר און איבערצייגענד. פון דער שוהל איז ער ארויס ניט קיין בעפרידיגטער. אין דעם גאנצען וויסען, א חוץ דער מאטעמאטיק, האָט ער ניט געזעהן קיין איין זאַץ, אויף וועלכען מען זאָל זיך קאָנען אונבעדינגט פערלאָזען.

א צושטאַנד פון ספקות האָט געגומען הערשען אין זיין נשמה. און די ספקות האָבען איהם געבראַכט שווערע פסיכישע ליידען. סוף כל סוף האָט ער גענומען צווייפלען אפילו אין דער מאַטעמאַטיק: ווער פערזיכערט אונז, אז מיר מאַכען ניט קיין טעות אפילו אין די פּשוט'סטע מאַטעמאַטישע רעכענונגען, אין דעם פּשוט'סטען צעה־לען? טאָמער איז אויך די מאַטעמאַטישע קלאָהרקייט און זיכער־קייט ניט מעהר ווי א פערבלענדעניס? טאָמער האָט עמיצער, א בייזער גייסט, אזוי בעשאַפען אונזער נאַטור אז מיר זאָלען קיינמאָל ניט זיין אימשטאַנד ארויסצובערענגען דעם אמת? וואָלט כאָטש געווען א י י ן זיכערער זאַך, א י י ן זיכערער געדאַנק, וואָס זאָל אויסשליסען יעדע מעגליכקייט פון ספק, וואָלט ער שוין געהאַט א פעסטען באָדען אונטער די פיס.

דער אַלט־גריכישער מאַטעמאַטיקער און מעכאַניקער, ארכימעד, האָט אמאָל געזאָגט, אז אויב מען וואלט איהם געגעבען נאָר איין פונקט אויסער דער וועלט, אויף וועלכען ער זאָל קאָנען שטעהן, וואָלט ער די גאַנצע וועלט געקאָנט מיט מעכאַנישע מיט־לען אויפהייבען פון איהר אָרט. אָט אזא שטעה־פונקט אין דער גייסטיגער וועלט האָט געזוכט דעקאַרט, פון וועלכען ער זאָל קאָנען מיט דער הילף פון דער ריינער לאָגיק אויפהייבען די בערג ספקות וואָס האָבען געדריקט זיין נשמה.

און אזא זיכערער פונקט האָט זיך בעוויזען פאַר דעקאַרט'ס גייסטיגען אויג. איינמאָל איז איהם קלאָהר געוואָרען, אז ער קאָן אַלץ בעצווייפלען, אָבער איין זאַך מוז דערביי בלייבען ריין פון ספק: דאָס איז דער פאַקט, אז ער צווייפעלט. צווייפלען הייסט אָבער דענקען, און וויבאַלד איך דענק — ממילא בין איך. „קאָגיטאָ ערגאָ סום“. אָט די געוויסהייט, אז איך בין און אז איך דענק, איז געוואָרען פאַר דעקאַרט דער זיכערסטער אויסגאַנגס־פונקט פון זיין גאַנצען פילאָסאָפירען. אריינטראַכטענדיג זיך אין איהם, האָט ער אויסגעפונען, אז דער „קאָגיטאָ ערגאָ סום“ איז ניט נור א זיכערער איינצעלנער זאַץ, א קליינינקער טייל פון דער אונענדליך־גרויסער וועלט פון וויסענשאַפט. ער טראַגט אין זיך פערבאָרגען א גאַנצע מעטאָדע, ווי אזוי מען זאָל אויסגעפינען דעם זיכערן וויסען און ווי אזוי מען זאָל יעדען וויסענשאַפטליכען געדאַנק אוועקשטעלען אויף א פעסטען אונבעריהרליכען פונדאַמענט.

דעקארט איז דורך דעם געוואָרען דער פאָטער פון א נייער מע־טאָדע אין דער פילאָסאָפיע, פון א נייער ארט בעארבייטען פי־לאָסאָפישע פראָבלעמען, וואס האָט געדויערט ביז צו קאַנט.

זיינע פילאָסאָפישע געדאנקען האָט דעקארט אָנגעשריבען און פערעפענטליכט אין די פאלגענדע הויפּט־ווערק:

ערשטענס, „א געשפּרעך וועגען דער מעטאָדע, כדי ריכטיג צו פיהרען דעם שכל און זוכען דעם אמת אין די וויסענשאַפטען". ערשיענען אין ליידען, האָלאַנד, אין 1837 אינאיינעם מיט זיינע וויסענשאַפטליכע אָבהאַנדלונגען וועגען פיזיק און מאַטעמאַטיק. די שריפט איז ערשיענען אין דער פראנצויזישער שפּראַך.

צווייטענס, „בעטראכטונגען וועגען דער ערשטער פילאָ־סאָפיע, וועגען דער עקזיסטענץ פון גאָט און וועגען דער אונשטערב־ליכקייט פון דער נשמה". ערשיענען אין לאטיין אין פאריז 1641. די שריפט ערקלעהרט נאָך אמאָל זיין פילאָסאָפישען גרונד־געדאנק און ענטפערט אויף אלע טענות, וועלכע פערשיעדענע געלעהרטע און פילאָסאָפען האָבען ארויסגעזאָגט אַנטגעגען זיינע לעהרען.

דריטענס, „די פּרינציפּען פון דער פילאָסאָפיע". ערשיענען אין אמסטערדאם 1644. די שריפט גיט א סיסטעמאטישע צונויפּ־שטעלונג פון זיין גאַנצען פילאָסאָפישען בנין.

פערטענס, „די ליידענשאַפטען פון דער נשמה". א פסיכאָ־לאָגישע מאָנאָגראַפיע, ערשיענען אין פראנצויז אין אמ־סטערדאם 1650.

א חוץ די שריפטען זענען, צום טייל נאָך זיין טוידט, פער־עפענטליכט געוואָרען נאָך אַנדערע ווערק פון דעקארט, וואָס האָבען צו טהון מיט וויסענשאַפטליכע ענינים.

## § 87. דעקארט'ס ראַציאָנאַליסטישע מעטאָדע.

דער פסיכישער צושטאַנד פון צווייפעל און דאָס אויסגעפינען פון דעם זיכערען פונקט אין דער געדאַנקען־וועלט, וועלכע דעקארט האָט דורכגעלעבט, ווייל ער פערוואַנדלען אין א מעטאָדע פון פי־לאָסאָפישען דענקען און פאָרשען. דאס וואס איז געווען אן עפּיזאָד אין דעקארט'ס לעבען, דער צווייפלען, זאָל ווערען א נויטיגער ערשטער שריט אין יעדען ערנסטען פילאָסאָפישען זוכען. יעדער פילאָסאָף דארף אָנהויבען זיין פאָרשען מיט צווייפלען. מען זאָל

צווייפלען ניט כדי צו בלייבען ביים צווייפלען, נאָר כדי צו בעפרייען די נשמה פון אלע אָנגענומענע מיינונגען, אלץ איינס: אמת'ע אָדער פאלשע, און כדי דער שכל זאָל קאָנען נאכדעם אליין פון זיך ארויס־ברענגען, וואס איז אמת, און וואס איז פאלש, געפיהרט פון א זי־כערען קריטעריום, וואָס גיט איהם אן די סימנים פון דעם רייןנעם אמת.

אין דעם צושטאנד פון ספק און לייטערן אונזער וויסענשאפט דארף דער פילאָסאָף אָבהיטען פאלגענדע פיער כללים. ערשטענס: ער מוז בעצווייפלען אלץ וואס איז ניט אזוי קלאָהר און דייטליך ווי דער זאץ, „אז איך דענק ממילא בין איך“. צווייטענס: יעדען ענין וועלכען מען וויל בעצווייפלען אָדער בעשטעטיגען, מוז מען אנאליטיש פונאנדערגליעדערן אין זיינע איינצעלנע טיילען. דרי־טענס: אין דער אונטערזוכונג דארף מען געהן שטופען־ווייז, בהדרגה, פון לייכטערע פעלען צו אלץ שווערערע. פערטענס: דארף מען האָבען אן איבערבליק איבער דעם גאנצען פעלד פון דער אונטערזוכונג און קאָנען זיין זיכער, אז מען האָט קיין וויכטיגען פונקט ניט אויסגעלאָזען.

צוטרעטענדיג צו דעם פּראָצעס פון מעטאָדישען צווייפלען, דארף מען זיך קלאָהר מאכען וואָס מען בעצווייפעלט און פאר וואָס מען איז געצוואונגען דאס צו בעצווייפלען. איך בעצווייפעל מיינע געדאנקען. אָבער מיין געדאנקען־וועלט בע־שטעהט פון אידעען (פּאָרשטעלונגען וועגען וועלכע ס'איז ענינים), געפיהלען (לוסט און אונלוסט; טרויער און פרייד), ווילענס־האנד־לונגען און אורטיילען (עפּעס איז, עפּעס איז נים, און אזוי וו.) — אויף וועלכע פון די טיילען פון מיין געדאנקען־וועלט קאן מען אנ־ווענדען דעם צווייפלען? ס'פערשטעהט זיך, אז מען קאן ניט בע־צווייפלען, אז איך האָב אין מיין געדאנקען־וועלט וועלכע עס איז אידעען, געפיהלען, אָדער אורטיילען. ווי משונה'דיג עס זאָל, צום ביישפּיעל, ניט זיין די אידעע אָדער די פארשטעלונג פון א פערד מיט פליגלען, קאן איך דאָך ניט אָבלייקענען, אז אזא אידעע איז אין מיר דאָ. איך קאָן אָבער צווייפלען אין מיין אורטייל, אז א געפליגעלטער פערד איז באמת דאָ אין דרויסען פון מיין גע־דאנקען־וועלט, אין דער ווירקליכקייט. הייסט עס, אז דער אנאליז

פון דער פראגע, וואס איך זאל בעצווייפלען, ברענגט אונז צו דעם ענטפער, אז צווייפלען קאנען מיר נאר אין די ריכטיקייט פון אונזערע אורטיילען.

דערנאך דארפען מיר זעהן אז אונזער צווייפעל זאל זיין א פאלשטענדיגער, דאס הייסט, ער זאל ארומנעהמען די אורטיילען וועגען אלע טיילען, פון וועלכע עס בעשטעהט אונזער געדאנקען־וועלט. דערצו דארף מען האבען א קלאהרען בעגריף וועגען דער קלאסיפיקאציע, וועגען דער איינטיילונג פון אונזערע אידעען. דעקארט טיילט אלע אידעען איין אין דריי גרויסע קלאסען. ערשטענס: די אידעען, וואס מיר מיינען, אז זיי זענען אריינגעבראכט אין אונז פון דער דרויסענדיגער וועלט דורך אונזערע חושים. דאס זענען די „אדווענטיציע", פון דרויסען־אריינגעבראכטע. דער צווייטער קלאס איז די „אליין־געמאכטע" אידעען („א מע איפסא פאקטע"), ווי צום בייספיעל, די פארשטעלונג פון א פערד מיט פליגלען. און דריטענס, אזעלכע אידעען, וואס שטאמען ניט פון דער דרויסענדיגער וועלט, און וואס זענען ניט קינסטליך צונויפגעשטעלט פון אונז. דאס זענען די „איינגעבארענע" אידעען די „איננאטע". ווי צום בייספיעל, די פארשטעלונג פון „אמת", פון „דענקען", פון דעם אייגענעם „איך".

לויט די דריי קלאסען פון אידעען האבען מיר א פארשטעלונג פון דריי וועלטען. ערשטענס, פון א זינליכער וועלט, וועלכע מיר נעהמען אריין מיט אונזערע חושים. צווייטענס, פון אנ'אייגענעם „איך", אין וועלכען עס שפילט זיך אפ דער גאנצער פראצעס פון דענקען. און דריטענס, פון א גאט, וואס האט ארויסגעבראכט סיי די דרויסענדיגע וועלט, סיי דעם איך.

וועגען די אלע דריי גרונד־ענינים: „וועלט", „איך", „גאט", אורטיילען מיר, אז זיי עקזיסטירען, ד. ה. אז עס איז דא אין דער ווירקליכקייט א וועלט, אן „איך", א גאט. אט די אורטיילען מוזען מיר בעצווייפלען: ווער און וואס גאראנטירט אונז זייער עקזיסטענץ?

פאר וואס זאלען מיר בעצווייפלען די עקזיסטענץ פון דער וועלט? ווייל מיר קענען זי נאר דורך אונזערע חושים. די חושים אבער נארען אונז אפטמאל אב. אנ'ערות, ווענען מיר האבען אפט־

מאָל געכאַפּט ביי אַ ליגען, האָט קיין רעכט ניט צו פערלאַנגען, אַז מיר זאָלען איהם אונבעדינגט גלויבען; אפשר נאַרט ער אונז אַלע מאָל אָב. דאָס, וואָס מיר זעהען אויפ'ן וואַהר, איז אפשר ניט מעהר ווירקליך עהדער דאָס וואָס מיר זעהען אין חלום. די גאַנצע וועלט, און דער אייגענער איך און דער גאַנצער לעבען איז אפשר ניט מעהר ווי אַ פאַנטאַסטישער טרוים, וואָס האָט קיין ברעקעל ממשות ניט.

עס פערשטעהט זיך, אַז אויך די עקזיסטענץ פון אַ גאָט און אַן אייגענעם „איך" איז ניט זיכער. דער „איך" איז אפשר אויך מעהר ניט ווי אַ דמיון, און בנוגע צו גאָט האָבען מיר אַ רעכט צו זיין אין ספק, צי ער עקזיסטירט איבערהויפּט, און, אויב ער עק־זיסטירט, מעגען מיר מיינען, אַז ער איז אַ מין בייזער גייסט, וואָס האָט מיט אַ כיון בעשאַפען דעם מענשען אַזוי, אַז ער זאָל קיינמאָל ניט קאָנען ארויסגעפינען דעם אמת.

מיט דעם צווייפעל וועגען דעם אייגענעם „איך" ווערען מיר באַלד פאַרטיג. מיר קאָנען צווייפלען אין אַלץ, אָבער ניט אין דעם פאַקט, אַז מיר צווייפלען, דאָס הייסט אַז מיר דענקען, און ממילא — אַז מיר זענען. („קאָגיטאַ ערגאָ סום")

אָט דער גרונד־געדאַנק דעקאַרט'ס האָט ארויסגערופען אַ סך קריטיקען אַנטגעגען זיך. די וויכטיגסטע שטאַמען פון גאַסענדי. גאַסענדי זעהט ניט איין, פאַר וואָס מען מוז בעווייזען די זיכער־הייט פון דער אייגענער עקזיסטענץ בלויז דורך דעם פאַקט פון דעם אייגענעם דענקען. איטליכע אַנדערע האַנדלונג, זאָגט ער, טראָגט אויך אין זיך איינגעוויקעלט דעם געדאַנק פון מיין עקזיס־טענץ. מען קאָן אַקוראַט אַזוי זאָגען: „איך טאַנץ, ממילא בין איך", „איך געה שפּאַצירען, ממילא בין איך", און אַז. וו. אין זיין ענטפער גאַסענדי'ן גיט דעקאַרט צו פערשטעהן, פאַר וואָס נאָר דער דענקען קאָן טראַגען אין זיך די זיכערהייט, וועלכע מיר זוכען. ביי טאַנצען, געהן שפּאַצירען, און אַלע אַנדערע קערפּערליכע בע־וועגונגען קאָן זיך אונז אויסדוכטען, אַז מיר טהוען זיי; אין דער אמת'ן אָבער איז מעגליך, אַז אַט די אַלע האַנדלונגען ווע־רען אין דער ווירקליכקייט גאָר ניט אויסגעפיהרט. אפשר חלום'ט זיך דאָס גאָר אונז. ביים דענקען אָבער קען זיך אונז ניט

אויסדרוכטען אז מיר דענקען, ווייל דער אויסדרוכטען זיך אליין איז שוין אנ׳ארט פון דענקען. עס וואָלט דעריי־בער געווען אויך ריכטיג, ווען מען וואָלט געזאָגט: „מיר דוכט זיך אויס, אז כ׳געה שפּאַצירען, ממילא בין איך". דערפון איז גע־דרונגען, אז דאָס וואָרט דענקען פערשטעהט דא דעקארט, ניט אין דעם ענגען זין פון טראכטען וועגען א וועלכען ס׳איז ענין, נאָר אין דעם ברייטען זין פון אלץ, וואָס שפּילט זיך אב אין מיין בעוואוסטזיין: די פּראָצע־סען אין חלום, אזוי גוט ווי די פּראָצעסען אויפ׳ן וואָהר. די געפיהלען און די ווילענס־האַנדלונגען אזוי גוט, ווי די פאָרשטעלונגען און די געדאנקען. וואס פאר אן אקט פון אונזער בעוואוסטזיין מיר זאָלען ניט אָנכאפּען, — יעדער איז א מין דענ־קען און מיט יעדערען איז פערבונדען דער זיכערער געדאנק, אז מיר עקזיסטירען.

די צווייטע וויכטיגע טענה פון גאַסענדי איז, אז דער זאַץ „איך דענק, ממילא בין איך" איז ניט קיין לאָגיש־ריכטיגער שלוס. פריי־הער דארף מען בעווייזען אז אלץ וואָס דענקט עקזיסטירט, דערנאָך דארף מען בעווייזען, אז ס׳איז דאָ אן „איך" וואָס דענקט. ערשט יעמאָלט וועט מען קאָנען ארויסדרינגען דעם „ממילא". עס איז אָבער אונמעגליך לאָגיש צו בעווייזען אז, ס׳איז דאָ אן „איך", וואָס דענקט.

גאַסענדי׳ס טענה מוז מען זיך גאַנץ גוט קלאָהר מאַכען. מיט דער פאָרשטעלונג פון דעם „איך" איז ביי אונז פערבונדען די פאָר־שטעלונג פון אן איינהייטליכער, גאַנצער זאַך, א נשמה, וואָס איז ניט נאָר פּאַסיוו, ווי א שטיקעל וואקס, נאָר אקטיוו, טהעטיג; וואָס ברענגט פון זיך אליין ארויס געוויסע פּראָצעסען פון דענקען. דעקארט מיינט, אז אויב מען ווייס אויף זיכער, אז עס איז דאָ א פּראָצעס פון דענקען, איז שוין פון דעם ממילא געדרונגען, אז עס איז דאָ אן אקטיווע, טהעטיגע סובסטאַנץ, וואָס ברענגט פון זיך ארויס יענעם פּראָצעס. גאַסענדי איז דער־מיט ניט מסכים. העכסטענס וואס א מענש, ווען ער צווייפעלט אין אלץ, קאן זאָגען איז, — אז ערגיץ וואו אין דער וועלט קומט פאָר אַ פּראָצעס פון צווייפלען. עס צווייפעלט זיך ערגעץ וואו. און פון

ד ע ר ערקענטניס קאן מען בשום אופן ניט אריבערשפּרינגען צו דעם זאַץ אז עס איז דאָ אן „איך“, וואָס בעצווייפעלט, וואָס דענקט.

דעקארט ענטפערט דערויף, אז דער זאַץ, „קאָגיטאָ ערגאָ סום“, איז גאָר ניט קיין לאָגישער שלוס, ניט קיין אריסטאָטעלישער סילאָ־גיזם. מען קומט צו איהם ניט אויף דעם וועג פון דעדוקציע, פון ארויסדרינגען פון א וועלכען ס׳איז אויבערשטען קלאָהרען זאַץ. ער איז א העכערע ארט ערקענטניס עהדער דער לאָגישער סילאָגיזם. ער איז א שכל׳דיגער איינזעהן וואָס זעהט דעם ענין אזוי קלאָהר און דייטליך אז ער נויטיגט זיך שוין ניט מעהר אין וועלכע ס׳איז לאָגישע בעווייזען. מ י י ן דענקען איז פאר דעם שכל׳דיגען איינ־זעהן אונטרענבאר פערבונדען מיט מ י י ן עקזיסטענץ. איך זעה מיט מיין שכל אין איין און דעם זעלביגען מאָמענט קלאָהר און בעשטימט איין, אז א י ך דענק, אז איך בין עפּעס א זאַך וואָס ברענגט פון זיך ארויס דענקען. און ווייל דאָס איז א שכל׳דיגער איינזעהן (אן אינטעלעקטועלע אנשויאונג), טראָגט ער די זיכערהייט אין זיך גופא און מען קאן אויף איהם בויען ווייטערע זיכערע ער־קענטניס.

פון וואַנען שטאַמט, — אָדער ריכטיגער, — אין וואָס ליגט די זיכערקייט פון דעם זאַץ „איך דענק ממילא בין איך“? זי ליגט אין זיין קלאָהרקייט און בעשטימקייט. קלאָהר איז א זאַך, ווען זי בעלייכט גופא אלץ וואָס געפינט זיך אין איהר. און בעשטימט, אדער דייטליך איז זי, ווען זי שיידט זיך אב זעהר שאַרף און בולט פון די אנדערע זאכען און געדאנקען און ווען זי נעהמט ניט אריין אין זיך קיין איין־איינציגען טייל פון א וועלכער ס׳איז פרעמדער זאַך. אזעלכע קלאָהרע און בעשטימטע אדער דייטליכע אידעען זענען אייביגע אמת׳ען וואָס לאָזען ניט צו קיין ברעקעל ספק. עס פרעגט זיך איצטער, אויב אין אונזער געדאנקען־וועלט איז נאָר דער „קאָגיטאָ ערגאָ סום“ אזא קלאָהרע און דייטליכע ערקענטניס. מיר דארפען זעהן, אפשר געפינען זיך ביי אונז נאָך אזעלכע אייביגע, אונבעצווייפעלבארע אמת׳ען. יעדער געדאנק, אין וועלכען מיר וועלען אנטרעפען די זעלביגע קלאָהרקייט און דייטליכקייט, וועלען מיר אָננהמען פאר א זיכערען אונבעצווייפעלבארען אמת.

ביי דעם ווייטערדיגען פאָרשען ווייזט זיך ארויס, אז מיר האָ־

בען אין אונזער געדאַנקען-וועלט נאָך עטליכע זאַצען, וואָס האָבען די זעלביגע סמנים פון זיכערען אמת : די קלאָהרקייט און דייטליכקייט. צום ביישפּיעל, דער זאַץ, אַז קיין זאַך קאָן ניט זיין אויף דער וועלט און צו דער זעלביגער צייט ניט זיין. אָדער, אַז פון גאָר ניט קען גאָר ניט אַרויסקומען, אַז יעדע זאַך מוז האָבען אַן אורזאַך ; אַז די ווירקונג, וואָס קומט אַרויס פון אַ וועלכער עס איז אורזאַך קען ניט האָבען מעהר רעאַליטעט אָדער ווירקליכקייט אין זיך, עהדער די אורזאַך וואָס האָט זי אַרויסגעבראַכט ; אַז עס זענען דאָ זאַכען, וואָס האָבען מעהר רעאַליטעט, און זאַכען, וואָס האָבען וועניגער רעאַליטעט ; אַז די פאָרשטעלונג פון אַ וועלכער עס איז סובסטאַנץ (צום ביישפּיעל, די פאָרשטעלונג פון דער מאַטעריע), האָט אין זיך מעהר רעאַליטעט און ווירקליכקייט, עהדער די פאָרשטעלונג פון אַ וועלכען ס'איז צושטאַנד אין וועלכען זי געפינט זיך. (צום ביישפּיעל, דער צושטאַנד פון רוה).

אויף אַלע אַזעלכע קלאָהרע און דייטליכע געדאַנקען איז אויפ־געבויט די זיכערסטע וויסענשאַפט — די מאַטעמאַטיק, און פון זיי בעקומט זי איהר זיכערע געוויסהייט. אויף דער מאַטעמאַטיק איז ווידער אויפגעבויט די וויסענשאַפטליכע מעכאַניק, וואָס שעפּט אויך איהר זיכערקייט און פעסטקייט פון דעם זעלביגען מקור : פון דער קלאָהרקייט און בעשטימטקייט פון די אידעען. ביז אהער האָט מען יענעם פונדאַמענט אויסגענוצט מעהר ניט ווי פאַר דער מאַטעמאַטיק און פאַר דער מעכאַניק. עס איז די אויפגאַבע פון דער פילאָסאָפיע אויפצובויען איהר בנין ניט אַנדערש, ווי אויף דעם זעלביגען פונדאַמענט.

## § 88. די גאָט־פראַגע.

קודם כל מוז מען זעהן צו פערענטפערען מיט דער הילף פון די קלאָהרע און דייטליכע אידעען די פראַגע וועגען דעם, צי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און אין וואָס בעשטעהט זיין וועזען. ווייל, אויב מען זאָל אָננעהמען, אַז אַ גאָט איז דאָ, אָבער זיין נאַטור לאָזט צו, אַז ער זאָל מיט אַ כיון בעשאַפען אונזער שכל מיט דער פעהלערהאַפטער טבע אַרויסצוברענגען פערבלענדעניסען, איז יע־מאָלט ווערט אונטערגעגראָבען דער פונדאַמענט פון יענעם קריטער־יום פאַר אמת, וואָס מיר האָבען נאָר־וואָס געפונען. די קלאָהרקייט

און דייטליכקייט, קאָן זיין, איז מעהר נישט, ווי אַ פּערבלענדעניס, וועלכע גאָט האָט אריינגעטהון אין אונז, כדי מיט אַ כיון אונז אָב־צונארען.

מיר האָבען אַ פאָרשטעלונג וועגען גאָט. וואָס שטעלען מיר זיך פאָר ווען מיר דענקען וועגען גאָט און פון וואַנען שטאַמט אין אונז אזאַ פאָרשטעלונג?

דער געדאַנק וועגען גאָט איז די פאָרשטעלונג פון אַן אונענד־ליכען, אלער־פאָלקאָמענסטען וועזען. ער איז די העכסטע מדרגה פון אל־מאכט, אל־וויסען און אל־גוטסקייט.

שוין אין דעם מיטעלאַלטער איז געווען אויסגעארבייט אַ פילאָ־סאָפישער בעוויז, אז אַן אללער־פאָלקאָמענסטער וועזען מוז על פּי נויטווענדיגקייט עקזיסטירען. דאָס איז דער אָנטאָלאָגישער „גאָט־בע־וויז" פון אנסעלם פון קענטערבערי. דער געדאנקען־גאנג איז אזאַ: לאָמיר פערגלייכען 2 פאָרשטעלונגען פון אַן אללער־פאָלקאָמענסטען וועזען: איינע פון אזאַ וועזען, וואָס האָט אלע מעלות, אָבער וואָס עק־זיסטירט ניט אין דער ווירקליכקייט, און די אנדערע פון אזאַ, וואָס האָט, אחוץ אלע מעלות, נאָך די מעלה פון עקזיסטענץ. עס איז קלאָהר, אז דאָס צווייטע וועזען איז נאָך פאָלקאָמענער עהדער דאָס ערשטע. דערפון איז געדרונגען אַז די פאָרשטעלונג פון אַן אלער־פאָלקאָמענסטען וועזען מוז אין זיך איינשליעסען אויך די עקזיס־טענץ. דעקארט גלויבט אין דעם גאָט־בעוויז, אָבער ער איז פאַר איהם ניט גענוג. ווי לאָגיש ער זאָל ניט זיין, בלייבט נאָך אלץ ניט פערענטפערט די שאלה: אפשר איז די לאָגיק גופא אַ פערבלענדע־נעס? מען מוז דורך די אויסגעפונענע קלאָהרע און דייטליכע אי־דעען זיכער ווערען, אז די פאָרשטעלונג פון גאָט איז ניט קיין פער־לענדענעס. אזאַ פאָרשטעלונג מוז, ווי יעדע פאָרשטעלונג אין אונז, זיין אָדער אַן אריינגעבראכטע פון דרויסען, אָדער אַ געמאכטע פון אונז אליין, אָדער אַן איינגעבאָרענע אין אונז. קיין אריינגעבראכ־טע פון דרויסען קאָן די גאָט־פאָרשטעלונג ניט זיין: אין דער דרוי־סענדיגער וועלט זעהען מיר נאָר ענדליכע זאכען און ניט קיין אונ־ענדליכקייט. מיר זעהען נאָר אונפאָלקאָמענע זאכען און מיר האָ־בען גאָר נישט געפונען, וואָס זאָל שטעהן אויף דער מדרגה פון העכסטער פאָלקאָמענהייט. אָבער אויך פון אונז האָט די גאָט־

פּאַרשטעלונג ניט געקאָנט געמאַכט ווערען. עס איז אַ פעהלער צו מיינען, אַז מיר קאָנען פון דער פּאַרשטעלונג פון אַ וועלכער עס־איז ענדליכער זאך אויסארבייטען די פּאַרשטעלונג פון אַן אונענדליכער זאך. די אונענדליכקייט איז ניט נאָר אַן אָבלייקענען, אַ נעגאציאָן פון ענדליכקייט, ווײַלע אונענדליכקייט האָט אין זיך מעהר רעאַליטעט און ווירקליכקייט ווי ענדליכקייט, און דער זאַץ, אַז די ווירקונג קאָן ניט האָבען מעהר רעאַליטעט עהדער די אורזאַך, איז מחייב אַז פון ענדליכקייט קאָן נישט שטאַמען קיין אונענדליכקייט. אויף דעם זעלביגען אופן קאָן איך זיכער ארויסברענגען, אַז ניט א י ך האָב בעשאַפען דעם בעגריף פון אַללער־פאָלקאָמענהייט. ווייל איך אַליין קאָן מיר גאַנץ גוט קלאָהר מאַכען, אַז איך בין ניט פאָלקאָמען.

דערצו מוז איך נאָך פערענטפערען די פראַגע, פון וואַנען דען האָב איך מיך גענומען אויף דער וועלט? איך אַליין קאָן ניט זיין די אורזאַך פון מיין בעשאַפען ווערען, ווײַלע אויב יע, פארוואָס האָב איך מיך ניט בעשאַפען אַ פאָלקאָמענעם וועזען? מוז איך אָננעהמען, אַז איך שטאַם אָב פון אַנדערע אונפאָלקאָמענע וועזען, וואָס האָט זיי ארויסגעבראַכט און אַז. וו., ביז איך דערגרייך צו יענער ערשטער אורזאַך פון וועלכער עס שטאַמט אַלץ אין דער וועלט.

ווייטער: אַזוי ווי איך בין ניט די אורזאַך פון מיין אַלגעמיינעם ווערען אויף דער וועלט, אַזוי קאָן איך ניט זיין די אורזאַך פון מיין עקזיסטענץ. ווייל אין דער ווירקונג קאָן ניט זיין מעהר ווירקליכקייט, ווי אין דער אורזאַך. וואָלט די אורזאַך, וואָס האָט מיך געבראַכט אויף דער וועלט, אויפגעהערט צו ווירקען, וואָלט איך אויפגעהערט צו עקזיסטירען. ממילא האַלט זיך מיין גאַנצע עקזיסטענץ אָן עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאָלקאָמענער און ווירקליכער אײַדער „איך". דערפון איז ווידער געדרונגען, אַז איך, דער אונפאָלקאָמענער, קאָן ניט זיין די אורזאַך פון דער גאָט־פּאַרשטעלונג, וואָס איז די פּאַרשטעלונג פון אַללער־פאָלקאָמענהייט. עס בלייבט דעריבער נאָר איין־איינציגער אויסוועג אָנצונעהמען, אַז די גאָט־פּאַרשטעלונג איז איינגעבאָרען אין מיר; אַז זי איז געקומען מיט מיר אין איינעם אויף דער וועלט און אַז זי שטאַמט פון אַן אורזאַך וואָס איז אַקוראַט אַזוי פאָלקאָמען ווי זי, דאָס הייסט, פון גאָט גופא. ממילא איז בעוויעזען אַז גאָט עקזיסטירט און אַז זיין רעאַליע

בעשטעהט ניט נאָר אין דעם, וואָס ער האָט ארויסגעבראַכט דעם אָנהויב פון מיין עקזיסטענץ, נאָר אויך אין דעם, וואָס ער ווירקט בעשטענדיג און האלט מיך בעשטענדיג אויף.

די זיכערהייט, אז ס'איז דאָ א גאָט און אז ער איז דער אלער־פּאָלקאָמענסטער וועזען, פיהרט אויך צו דעם רעזולטאט, אז ס'איז דאָ א וועלט און אז אונזערע חושים, אונזער שכל נארען אונז ניט אָב. ווייל — פאר וואָס זאָל גאָט אונז האָבען בעשאפען אזוי אז די חושים זאָלען אונז נארען? ליעבט ער דען איינעם אָבצונארען? ער איז דאָך אל־וואהרהאפטיג (כולי אמת)! אָדער האָט ער אפשר אונז ניט געקאָנט אנדערש בעשאפען? ער איז דאָך א כל יכול (אלל־מעכטיג)! אָדער אפשר האָט ער מיט א כיון אונז געוואָלט שאדען? איז ער דאָך אל־גיטיג (טוב ומטיב)! בלייבט אָנצונעהמען, אז אונזער כח פון ערקענען די וועלט קאָן, דורך די מיטלען פון דעם זיכערען דענקען, ארויסברענגען דעם ריינעם ריכטיגען אמת.

עס בלייבט נאָר צו פערענטפערען די שאלה, פאר וואָס עס טרעפט אָפטמאָל, אז די חושים נארען אונז אָב. אָבער דענקט מען זיך טיעפער אריין אין דעם ענין, דערזעהט מען אויפ'ן שטעל, אז די חושים קאָנען אונז, אייגענטליך, ניט אָבנארען. זיי ברענגען נאָר געוויסע פאָרשטעלונגען. ווען איך זעה, צום ביישפּיעל, א וועל־כער ס'איז פאנטאסטישע זאך, לאָמיר זאָגען א שד, פאר מיינע אויגען, האָט די פאָרשטעלונג אין זיך ניט קיין אמת און ניט קיין שקר. א שקר ווערט עס ערשט יעמאָלט ווען איך א ו ר ט ה י י ל, אז דער שד, וועלכען איך זעה, עקזיסטירט דרויסען פון מיין דענקען. אָבער דער אורטהייל איז א פּראָדוקט פון מיין אייגענעם פרייען ווילען. ווער הייסט מיר איילען זיך מיט דעם אורטהייל און זאָגען, אז שדים זענען דאָ, נאָך עהדער איך האָב אויסגעפאָרשט די פראַגע וועגען דעם? דער פרייער ווילען איז די אורזאך פון די פערשיע־דענע פעהלערען וועלכע מיר מאכען אין אונזערע אורטהיילען. אָבער דער פרייער ווילען איז א מעלה וואָס איז נויטהווענדיגערהייד צו־נויפגעבונדען מיט דעם עצם גופא פון אונזער נשמה.

אויף אזא אופן קומען מיר צום רעזולטאט, אז די מענשליכע ערקענטנים איז ביכולת ארויסצוברענגען דעם ריכטיגען אמת וועגען וועלט, מענש, און גאָט. מען דארף מעהר ניט דערצו אָנוועג־דען די מעטאָדע פון קלאָהרע און דייטליכע אידעען.

## § 89. דעקאַרט'ס וועלט־בילד.

די אויפגאבע פון דער פילאָסאָפיע איז צו דערקלעהרען, דורך דעם קלאָהרען און דייטליכען דענקען, די פאַקטען ווי א פּראָדוקט פון אורזאכען. דערצו מוז מען קודם כל קלאָהר ווערען אין דעם וועזען פון יעדער זאַך, אין איהר מהות. דאָ געהט זיך דעקארט אויפ'ן שאַרפסטען אופן פאַנאנדער מיט יענער ריכטונג אין דער פילאָסאָפיע, וועלכע שטאַמט אָב פון וויוועס'ן. ניט נאָר די געזעצען פון דעם וועלט־געשעהן זענען וויכטיג אויסצופאָרשען, נאָר אויך דעם מהות, דעם וועזען פון אלץ, וואָס ס'איז דאָ, מוז דער מענשליכער שכל קלאָהר אויפדעקען.

כדי צו פערשטעהן פון וואָס די וועלט בעשטעהט, דאַרף מען פריהער פאר אלץ זיך קלאָהר מאכען, אז יעדע ערשיינונג פון דער וועלט איז אָדער א סובסטאַנץ, אָדער אן אטריבוט אָדער א מאָדוס (א צושטאַנד). א סובסטאַנץ איז עפּעס אזוינס, וואָס עקזיסטירט אין זיך גופא און דאַרף קיין זאַך ניט צו זיין עקזיטענץ. אן אטריבוט איז אזא אייגענשאַפט פון דער סובסטאַנץ וואָס קאָן אליין פאַר זיך ניט עקזיסטירען, וואָס איז אָבער אזוי נויטווענדיג צונויפגעבונדען מיט דער סובסטאַנץ, אז ער דריקט אויס איהר וועזען, איהר מהות. צום ביישפּעל, גאָט איז א סובסטאַנץ, ווייל ער עקזיסטירט אין זיך גופא און דאַרף קיין זאַך צו זיין עקזיסטענץ. אָבער דער בעגריף „אונענדליך" אָדער „אַללמעכטיג" איז אן אייגענשאַפט וואָס קאָן נאָר עקזיסטירען אין דער געטליכער סובסטאַנץ. זיי זענען נויטהווענדיגע אייגענשאַפטען פון דער סובסטאַנץ גאָט, ממילא זענען זיי אטריבוטען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס גאָט'ס מהות. וואָס די סובסטאַנץ איז פאַר זיך אליין, געפינען מיר ווען מיר ווערען בעקאַנט מיט אלע איהרע אטריבוטען. מאָדוס'ען זענען געוויסע צושטענדע אין וועלכע די סובסטאַנץ געפינט זיך צו א געוויסער צייט.

גאָט איז די אונענדליכע אייגענטליכע סובסטאַנץ פון דער וועלט, אָבער א חוץ גאָט, ווייסען מיר, זענען דאָ נאָך די דרויסענדיגע וועלט, וועלכע מיר נעהמען אריין מיט די חושים און די פּסיכישע וועלט פון די מענשליכע „איך'ס". וואָס איז זייער סובסטאַנץ?

כדי צו דערקענען די סובסטאַנץ פון דער דרויסענדיגער וועלט מוזען מיר נעהמען אַ וועלכע עס איז ערשיינונג, אויספאָרשען איהרע אייגענשאַפטען און אויסגעפינען, וועלכע אייגענשאַפטען זענען אַזוי נויטווענדיג פערבונדען מיט דער סובסטאַנץ, אַז ווען מיר וואַרפען זיי אַראָב פון חשבון, ווערט דערמיט גופא געמאַכט אַ תל פון דער גאַנצער סובסטאַנץ. בעטראַכטען מיר אַ וועלכע ס'איז נאַטור־ערשיינונג, זעהען מיר איין, אַז מען קאָן אַראָברעכענען פון איהר די פאַרב, דעם קלאַנג וואָס זי גיט אַרויס, דעם געשמאַק, דעם גע־רוך און אַז. וו. נאָר איין זאַך מוז תמיד דערביי בלייבען. דאָס איז די פערשפּרייטקייט, די אויסדעהנונג, די גרויס פון'ם אָרט, וועל־כען זי פערנעהמט אינ'ם רוים. די אויסדעהנונג, דער פאַרנעהם איז דעריבער אַן אַטריבוט, אַ נויטהווענדיגע אייגענשאַפט פון דער וועלט־סובסטאַנץ. פון אָט דעם אַטריבוט קאָנען מיר אַרויסדרינ־גען איהר ריכטיגען מהות. אַ סובסטאַנץ, וועמעס אַטריבוט איז די אויסדעהנונג, איז אַ קערפּער, אַ מאַטעריע. און וואַרפט מען אַראָב פון דער מאַטעריע די אויסדעהנונג, בלייבט פון איהר גאָר נישט. הייסט עס, אַז די גאַנצע דרויסענדיגע וועלט בעשטעהט פון מאַ־טעריע, און קיין זאַך אויסער דער מאַטעריע קאָן דאָרטען ניט זיין. די מאַטעריע און איהר אַטריבוט — די אויסדעהנונג — געפינט זיך אין פערשיעדענע צושטענדען: זי איז אָדער אין רוה אָדער אין בעוועגונג. דער סכום פון דער מאַטעריע און פון דער בעוועגונג שטאַמט פון גאָט, איז בעשאַפען געוואָרען איינמאָל פאַר אַלע מאָל און קאָן ניט פערשווינדען. ער בלייבט אייביג דער זעלביגער. די מאַטעריע פילט אָן דעם גאַנצען וועלט־רוים, קיין לעדיגער רוים איז ניטאָ. די מאַטעריע קאָן מען, ווי דעם רוים, טהיילען ביז אין דער אונענדליכקייט. די בעוועגונג קומט פאָר אין אַ געשלאָסענעם רוים. ווי נאָר איין טהייל פון דער מאַטעריע פערלאָזט איהר פּלאַץ, אַזוי פערנעהמט אויפ'ן שטעל אַנאַנדער טהייל מאַטעריע זיין אָרט. די טהיילען פון דער מאַטעריע ווירקען איינע אויף די אַנדערע דורך דרוק און שטויס. קיין אינוועניגסטע קרעפטען וואָס זאָלען וויר־קען אויף אַ לעדיגען מהלך זענען ניטאָ.

איינענטליך איז אין דער נאַטור ניטאָ קיין רוה־צושטאַנד, אַלע טהיילען געפינען זיך אין אַ שטענדיגער בעוועגונג. די רוה איז

מעהר נימ א לפי ערך קליינע בעוועגונג אדער א רעלאטיוועך צו־שטאנד, ווען מען פערגלייכט איהם מיט זיין ארומיגער סביבה. א מענש וואס שלאפט אין א שיף געפינט זיך אין רוה, אבער אין איי־נעם מיט דעם שיף בעוועגט ער זיך איבער'ן וואסער. אויב דער שיף שווימט מיט'ן שטראם געפינט זיך אויך דער שיף אין רוה, בנוגע צו דעם שטראם. אבער אין איינעם מיט דעם שטראם, בע־וועגט ער זיך צווישען די ברעגען.

די לעהרע פון דער רעלאטיווער בעוועגונג האט דעקארט אויסגענוצט, כדי צו מאכען א פשרה צווי־שען דער קאפערניקאנישער טהעאריע און דער קירכליכער אנשוי־אונג. א דינע וועלט־מאטעריע, וואס פילט אן דעם גאנצען חלל ארום דער זון, שווימט תמיד ארום איהר, און אין איינעם מיט דעם שטראם שווימען ארום דער זון — די ערד און די פלאנעטען. בנוגע צו דעם שטראם רוהען די ערד און די פלאנעטען, ווי דער וואס שלאפט אין א שווימענדען שיף; אבער בנוגע צו דער זון בעוועגען זיי זיך אין איינעם מיט'ן שטראם.

אין זיין נאטור־פילאסאפיע איז דעקארט, ווי מען זעהט, א פאל־שטענדיגער מאטעריאליסט. ער געהט זיך פאנאנדער מיט דעמאקריט נאר אין דער פראגע וועגען די אטאמען און דעם לעדיגען רוים. די גאנצע וועלט־מאטעריע בעשטעהט ניט פון אטאמען, זי איז אן איין־איינציגע סובסטאנץ, אין וועלכער עס קומען פאר פערשיעדענע אינוועניגסטע ארט־פערענדערונגען. אין איינעם מיט דעמאקריט נעהמט ער אן, אז די מאטעריע האט ניט קיין אנדערע אייגענשאפ־טען, אחוץ די וואס זיינען נויטיג אויף צו דערקלעהרען איהרע מע־כאנישע ווירקונגען. זינליכע קוואליטעטען, ווי פארבען, קלאנגען, און אז. וו. זענען אין דער נאטור ניטא, זיי ווערען בעשאפען אין אונזערע חושים.

אבער דעקארט געהט אין זיין מעכאנישען מאטעריאליזם נאך ווייטער, עהדער דעמאקריט. דעמאקריט האט, ווי מיר ווייסען, אנגענומען די עקזיסטענץ פון נשמה־אטאמען, דורך וועלכע ער האט געוואלט דער־קלעהרען די ערשיינונגען פון לעבען און דענקען. דע־קארט לייקענט די עקזיסטענץ פון נשמה־אטאמען, און ער מוז דע־ריבער אננעהמען, אז די ערשיינונגען פון לעבען, ווי מיר זעהען זיי

ביי די פלאַנצען און טהיערען, לאָזען זיך ערקלעהרען ריין־מעכאַניש. אפילו די העכערע חיות, וואָס ווייזען כלמרש'ט אויף סימנים פון א בעוואוסטען פסיכישען לעבען, זענען אין תוך אריין ניט קיין אַנ־דער זאַך, ווי זעהר קאָמפּליצירטע מאשינען. זיי שרייען, ווייל לויט די געזעצען פון פיזיאָלאָגיע מוז אונטער געוויסע בעדינגונגען די לופט פון די לונגען ארויסגעפּרעסט ווערען דורך דער קעהלע, אָבער זיי שפּירען דערביי ניט קיין פרייד און ניט קיין שמערץ. די גאַנצע פיזיאָלאָגיע און ביאָלאָגיע איז ניט מעהר ווי זעהר א שכל'דיג בלעטעל פון מעכאַניק. אַלץ קאָן ערקלעהרט ווערען דורך דעם פּראָ־צעס פון בלוט־אומלויף אין די אָדערן.

## § 90. דער מענש און די מענשליכע נשמה.

אויך דאָס אָרגאַנישע לעבען פון דעם מענשען שפּיעלט זיך אָב, ווי אין א מאשין, לויט די מעכאַנישע געזעצען פון דרוק און שטויס. וואָלטען מיר ניט געוואוסט, א דאַנק דעם פאַקט פון דעם אינוועני־נגסטען זעלבסט־בעוואוסטזיין, אַז ביי דעם מענשען קומען פאָר אויך פסיכישע פּראָצעסען, וואָלט מען גאָר ניט געקאָנט קומען צו דער סברא פון א וועלכער ס'איז נשמה. אַלע בעוועגונגען, וואָס דער מענש מאַכט, קאָנען ערקלעהרט ווערען ריין דורך דעם אויטאָ־מאַטישען שפּיעל פון זיינע מוסקולען, קנאָכען, אָדערן, נערוועז און מאַרך. אָבער דער פאַקט פון דעם זעלבסט־בעוואוסטזיין צווינגט אונז צו בעשעפטיגען זיך מיט דער וועלט פון פסיכישע ערשיינונגען. וואָס איז די סובסטאַנץ פון דער מענשליכער נשמה? אויף דער שאלה קאָנען מיר געפינען אקוראט אַזא קלאָהרען און דייטליכען ענטפער, ווי דער, וואָס מיר האָבען געפונען בנוגע צו דער סובסטאַנץ פון דער וועלט. ווען מיר נעהמען א וועלכע ס'איז פסיכישע ערשיינונג קאָן מען פון איהר אַלץ אראָבוואַרפען פון חשבון, נאָר איין זאַך בלייבט תמיד, דאָס איז דאָס בעוואוסטזיין, דאָס דענקען. און צוריק, ווארפען מיר אראָב פון חשבון דאָס ד ע נ ק ע ן, פערשווינדט דערמיט גופא די פסיכישע ערשיינונג. הייסט עס, אַז דאָס דענקען איז דער אטריבוט אָדער די נויטהוועג־דיגע אייגענשאַפט פון דער נשמה־סובסטאַנץ. אָבער א סובסטאַנץ וועמעס אטריבוט איז דענקען, — איז א גייסט. טראַכטען מיר זיך נאָך טיעפער אריין אין דעם וועזען פון גייסט, זעהען מיר קלאָהר

איין, אז מעהר ווי איין אטריבוט — דענקען — קאָן ער ניט האָבען. איבערהויפּט קאָן ער ניט האָבען דעם אטריבוט פון אויסדעהנונג. א גייסט קאָן ניט פערנעהמען קיין וועלכען ס'איז אָרט אין דעם ווירקליכען וועלטליכען רוים.

מיט דעם זאַץ האָט דעקארט בעגרינדעט דעם גרונד־געדאנק פון דער אידעאַליסטישער גייסט־לעהרע. ביז צו דעקארט'ן זענען געווען א סך דענקער, וואָס האָבען געקוקט אויף דעם גייסט, ווי אויף א מין זעהר דינעם, זעהר עדעלען שטאָף. דעקארט בעווייזט, אז אלץ וואָס קומט פאָר אין דענקען קאָן ניט האָבען קיין ברעקעל אויסדעהנונג. נאָך קלאָהרער האָט דעם געדאנק שפּעטער ארויסגע־בראַכט ל י י ב נ י ץ, און ער געהערט צו די וויכטיגסטע און זיכערסטע רעזולטאַטען פון דעם פילאָסאָפישען אנאַליז. נעהמען מיר, צום ביישפּיעל, א וועלכען ס'איז פאַל. איך זעה א בארג א מייל די הויך. דער מייל פון דעם בארג איז א ווירקליכער, רעאַלער טהייל פון'ם רוים. אָבער אָט פערמאַך איך די אויגען און איך זעה דעם זעלביגען בארג אין מיין פאָרשטעלונג. וואָס פאַר א שטח, רוים פערנעהמט מיין פאָרשטעלונג וועגען דעם בארג? דאָס הייסט, דאָ ווערט ניט געפרעגט, וויפיעל פערנעהמט דער בארג אין מיין פאָשטעלונג: ער פערנעהמט אפשר דעם זעלביגען מייל. עס פרעגט זיך וויפיעל פערנעהמט די פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג וועגען דעם בארג, אין דעם געדאנק וועגען איהם? ס'פערשטעהט זיך, אז זי קאָן ניט פערנעהמען קיין מייל, ווייל זי שפּיעלט זיך דאָך אָב אין א מאָרך, וואָס איז א סך קלענער עהדער א מייל. וויפיעל זשע דען פערנעהמט זי? איז איבערהויפּט שייך צו זאָגען, אז א געדאנק פערנעהמט א האַלב ארשין, אָדער איז אזוי פיעל די לענג, די ברייט, די טיעף? וויפיעל פערנעהמט דער געדאנק, אז צוויי מאָל צוויי איז פיער? דער געדאנק, אז איך דענק, ממילא בין איך? ס'פערשטעהט זיך, אז אלע אזעלכע פּסיכישע ערשיינונגען פערנעהמען ניט דעם קלענ־סטען פּלאַץ אין דעם וועלטליכען רוים, ווען אפילו אין זיי קאָן פאָר־געשטעלט ווערען די גאַנצע גרויסע אונענדליכע וועלט.

אָבער אויב די פּסיכישע ערשיינונגען זענען ניט אויסגעדעהנט אויב דער גייסט קאָן ניט פערנעהמען קיין ברעקעל פּלאַץ אין דעם וועלטליכען רוים, איז זיין גרויס ניט מעהר ווי א מאַטעמאַטישער

פּונקט, וואָס האָט ניט קיין לענג און קיין ברייט און קיין טיעף.

א דאַנק דעם אונטערשיעד, וועלכען דעקארט האָט ארויסגע־פונען צווישען מאַטעריעלע ערשיינונגען, וואָס פערנעהמען אַן אָרט אין דעם ווירקליכען רוים, און די פּסיכישע ערשיינונגען, וואָס פערנעהמען קיין איין ברעקעל פּלאַץ ניט אין דעם וועלטליכען רוים, איז אויסגעוואקסען די גרויסע פילאָסאָפישע שאלה: ווי אזוי קאָנען מיר זיך פאָרשטעלען די שייכות'ען וואָס עקזיסטירען צווי־שען דער מאַטעריעלער און דער פּסיכישער וועלט? אויב דער גייסט איז מעהר ניט ווי א מאַטעמאַטישער פּונקט, קאָן אויף איהם די דרויסענדיגע וועלט בשום אופן ניט ווירקען, און צוריק — קאָן אויך דער גייסט ניט האָבען קיין ברעקעל שליטה אויף דער מאַ־טעריע. צווישען ביידע וועלטען ליעגט א געדאַנקליכער תהום, וואָס מוז ווי עס איז אריבערגעשפּרייזט ווערען, ווייל אין דער ווירקליכ־קייט זענען די מאַטעריעלע און די פּסיכישע ערשיינונגען תמיד איינע מיט די אנדערע צונויפגעבונדען, ווענינסטענס איז דאָס ביי דעם מענשען.

דעקארט, וואָס האָט צום ערשטען מאָל שאַרף און קלאָהר פאָרמולירט דעם דואליסטישען געגענזאַץ פון מאַטעריע און גייסט, פון אויסדעהנונג און דענקען, האָט זיך קיין אנדער עצה ניט געפו־נען, ווי צו דערקלעהרען זייער ווירקונג איינע אויף די אנדערע, סיידען דורך א וואונדער פון גאָט. דער אַלמעכטיגער האָט עקסטרא (מיט א כיון און ספּעציעל) איבערגעאַנדערשט די ביידע סובסטאַנ־צען אין דעם מענשליכען אָרגאַניזם אויף אזא אופן, אז זיי זאָלען קאָנען ווירקען איינע אויף די אַנדערע. דעם מאַטעמאַטישען פּונקט פון דער מענשליכער נשמה האָט ער אריינגעזעצט אין יענעם טהייל פון דעם מארך וועלכען מען רופט: די צירבעל־מאַנדעל (צירבעל־דריזע), ווייל דאָס איז דער איינציגער טהייל פון דעם מארך, וואָס געפינט זיך אין דער איין־צאָהל, בשעת אַלע אנדערע טהיילען פונ'ם מארך געפינען זיך דאָפּעלט: איינער רעכטס און איינער לינקס. דורך דעם בלוט־אומלויף אין אָרגאַניזם ווערט צו דער צירבעל־דריזע צוגעפיהרט די פערשיעדענע שפּורען פון די מאַטעריעלע פער־ענדערונגען וועלכע ס'קומען פאָר אין אונזער זינען, ווען די דרוי־סענדיגע וועלט ווירקט אויף זיי איין. די נשמה, וואָס זיצט אין

דער צירבעל־דריזע, ענטפערט אויף די איינדרוקען מיט עמפּפינ־דונגען, וואָס ענטשטעהען אין איהר. די עמפּפינדונגען רופען אין איהר ארוים ווילענס־אימפּולסען און די ווילענס־אימפּולסען פערענדערען דעם שטראָם פון דער נערווען־ענערגיע אזוי, אז זי — די נערוועז־ענערגיע, — מאכט בעוועגען די מוסקולען אין דער ריכטונג, וואָס ווערט בעגעהרט פון אונזער ווילען. קיין נייע בעוועגונג קאָן די נשמה ניט בעשאפען, זי קאָן מעהר נישט, ווי קעהרען דעם זעלביגען סכום ענערגיע אין אנאנדער ריכטונג.

אויף אזא כמעט איבערנאַטירליכען אופן קומט פּאָר די געגענזייטיגע ווירקונג פון מאַטעריע און גייסט אין דעם מענשליכען אָרגאַניזם.

די גייסט־סובסטאַנץ וועמעס אַטריבוט ווערט אויסגעדריקט אין דענקען, קאָן זיך געפינען אין פערשיעדענע צושטענדען (מאָדוס׳ן). דאָס זענען: דער ווילען, דער פערשטאַנד, די איינבילדונג און די עמפּפינדונג. ווילען און פערשטאַנד זיינען צושטענדען פון דעם גייסט, נאָך עהדער ער איז פערבונדען מיט דעם קערפּער. עמפּפינדונגען קומען אין איהם פאָר, ווען ער ווערט אריינגעזעצט אין דער צירבעל־דריזע. די עמפּפינדונגען זענען אייגענטליך אויך פּאָרשטעלונגען פון דעם פערשטאַנד, אָבער טונקעלע, ניט קלאָהרע.

פון די עמפּפינדונגען ווערען אויף א פּסיכיש־מעכאַנישער אַרט ארויסגעאַרבייט די אריינגעבראַכטע אידעען. זיי פערבינדען זיך איינע מיט די אַנדערע, לויט געוויסע געזעצען. אין די געדאַנקען דעקאַרט׳ס ליעגט שוין דער אָנהויב פון דער לעהרע וועגען די אידעען־אַסאָציאַציאָנען (פערבינדונגען), וואָס זענען שפּעטער טיעפּער אויסגעאַרבייט געוואָרען פון יום און וואָס ווערען נאָך ווייטער אויסגעפּאָרשט אין דער איצטיגער וויסענשאַפטליכער פּסיכאָלאָגיע.

פון די עמפּפינדונגען אָדער טונקעלע פּאָרשטעלונגען שטאַמען די ליידענשאַפטען פון דער מענשליכער נשמה. דעקאַרט פיהרט זיי אַלע צוריק אויף זעקס גרונד־אַפּעקטען אָדער ליידענשאַפטען: בעוואונדערונג, ליעבע און האַס, פרייד און טרויער, און פערלאַנגען.

דער גרונד־געדאַנק פון דעקאַרט׳ס מאָראַל־פילאָסאָפיע, איז דער קאַמפּף אנטקעגען די אַפּעקטען, וואָס שטאַמען פון די טונ־

קעלע פאַרשטעלונגען. בעקעמפּפען זיי קאָן מען דורך דעם ריינעם ווילען, וואָס שטאַמט פון דער קלאָהרער, ריינער וויסענשאַפטליכער ערקענטניס.

דער העכסטער ציעל פון'ם מענשען — איז אויסבילדען זיין שכל און אויסגעפינען וויסענשאַפטליכע אמת'ען.

---

אין דעם פונקט פון אויסבילדען דעם שכל און אויסגעפינען וויסענשאַפטליכע אמת'ען האָט דעקארט געווים דערגרייכט זיין ציעל. ניט נאָר אין דער פילאָסאָפיע, נאָר אויך אין די נאַטור־וויסענשאַפטען האָט ער ארויסגעבראַכט אמת'ען, וואָס האָבען אויף אייביג בערייכערט זייער אוצר. די פיזיק און די אנאַטאָמיע פער־דאַנקען זעהר פיעל דעקארט'ען אין זייער אויפבוי. די אַנאַליטישע געאָמעטריע איז גראָד פון איהם בעשאַפען געוואָרען. אויסער דעם האָט ער אין דער פיזיק ארויסגעבראַכט אַ טהעאָריע וואָס ס'איז געווען זעהר נאָהענט צו דער אונדולאציאָנס־טהעאָריע (די טהעאָריע פון דער בעוועגונג פון די עטהער־וועלען אין וועלטען־רוים).

## § 91. באַלטאַזאַר בעקקער (1634 ביז 1698).

פון אלע נאָכפאָלגער פון דעקארט האָט די גרעסטע ווירקונג אויף דעם פּראָגרעסיווען געדאַנק געהאַט דער נידערלענדישער דענ־קער באַלטאַזאר בעקקער. ארויסגעהענדיג פון דעם געדאַנק, אַז די גייסטיגע וועלט קאָן ניט ווירקען אויף די מאַטעריעלע, איז ער גע־קומען צום שלוס, אַז אויב אפילו עס זאָלען זיין שדים און בייזע רוחות, קאָנען זיי ווי גייסטער ניט ווירקען אויף דעם מענשען'ס נשמה. און ממילא זענען אַלע ערשיינונגען פון דבוק, בעזעסענ־הייט, כשוף און אַז. וו. ריין־קערפּערליכע ערשיינונגען, וואָס האָבען קיין ברעקעל מגע ומשא ניט צו דער שדים־און רוחות־וועלט. דאָס האָט געגעבען אַ שטאַרקען קלאַפּ דעם גלויבען אין שדים און אין דער איבערנאַטירליכער וועלט איבערהויפּט.

## אכטער קאפיטעל.

# די עמפירישע ריכטונג אין ענגלאנד
# [האָבבס, לאָקק, בערקליי, יום]

אינהאלט: טהאָמאס האָבבס, דער מאטעריאליסטישער מאָניסט. די מלחמה פון אלעמען אנטקעגען אלעמען אין נאטור־צושטאנד. דער „לויתן". — דזשאהן לאָקק. זיין קריטיק פון די איינגעבאָרענע אידעען. זיין סענסואליסטישע ערקענטניס־טהעאָריע. דער גרעניץ און דער ווערטה פון אונזערע ערקענטני־סען. — דזשאָרדזש בערקליי דער סוביעקטיווער אידעאליסט. ניטאָ קיין מאטעריעלע וועלט! — דוד יום, דער סקעפּטיקער. ניטאָ קיין נשמה! די געזעצען פון דער אידעען־אסאָציאציאָן. ערפאהרונגס־ווי־סענשאפטען און מאטהעמאטיק. די סימפּאטיע — דער פונדאמענט פון דער מאָראל. — די פערצווייגונגען פון דער ענגלישער פילאָ־סאָפיע. הערבערט פון שערבערי. דזשאהן טאָלאנד. איזאק ניוטאָן. הארטלי. פּריסטלי. באָיל. עראזם דארווין. שעפטסבערי. אדאם פער־גיוסאָן. אדאם סמיטה. טהאָמאס ריעד און די שאָטישע שוהל

### § 92. טהאָמאס האָבבס. (1558 ביז 1679)

די עמפּיריסטישע פילאָסאָפיע, וואָס איז ארויסגערופען גע־וואָרען פון בעקאָנען, האָט זיך ענטוויקעלט אין ענגלאנד. איהר ערשטער פערטרעטער, טהאָמאס האָבבס, איז אָבער צו דער זעל־בער צייט געשטאנען אונטער דעם איינפלוס פון גאלילעי און דע־קארט. א דאנק דעם ראציאָנאליסטישען, ריין־שכל'דיגען עלעמענט, וואָס האָט געהערשט ביי די צוויי לעצטע דענקער, איז די פילאָ־סאָפיע פון האָבבס ניט קיין ריין עמפּירישע. זי שטייגט אריבער די גרענעצען פון דער ערפאהרונג און בויט אויס א שכל'דיגען סיס־טעם, ווי אזוי צו ערקלעהרען די ערפאהרונג דורך איין איינציגען גרונד־פּרינציפּ. פאר האָבבס' אויגען האָט געשוועבט די נאטור־פילאָסאָפיע פון דעקארט מיט איהר ריינעם, מאטהעמאטיש־מע־כאנישען מאטעריאליזם. אין איהר זעהט ער א מוסטער בילד פון פילאָסאָפיע איבערהויפּט. די פילאָסאָפיע זאָל און קאָן זיך בע־שעפטיגען נאָר מיט דער קערפּערליכער וועלט. זי איז אויך די

איינציגע, וואָס איז אונז געגעבען געוואָרען אין דער ערפאהרונג. אמת, מען קאָן אויפווייזען אויף גאָט, וואָס איז ניט א קערפּער נאָר א גייסט. אָבער דערויף מוז מען ענטפערן, אז, אויב גאָט איז א גייסט, האָט זיך די פילאָסאָפיע מיט איהם ניט וואָס צו בעשעפטיגען. אויב אָבער זי וויל איהם דורכאויס אריינגעהמען אין דעם קרייז פון איהרע אונטערזוכונגען, יעמאָלט מוז זי זיך אויסאיינען מיט דעם געדאנק, אז אויך גאָט איז ניט קיין אנדער זאך ווי א קערפּער. איבעריגענס, מאכט האָבבס די בעמערקונג, געהט דאָס ניט להיפך צו דער קריסטליכער רעליגיע. עס זענען געוועזען איניגע קירכען־פעטער, וואָס האָבען אָנגענומען, אז גאָט איז א קערפּער.

דאָס וואָרט קערפּער פערשטעהט האָבבס א ביסעל אנדערש, עהדער עס ווערט געברויכט אין דער געוועהנליכער שפּראך. אויך דער שטאאט איז, לויט זיין מיינונג, א גרויסער קערפּער, א מין זעהר קאמפּליצירטע מאשין, וועמעס איינצעלנע טיילען עס זענען די מענשען.

פון דעקארט'ען האָט האָבבס אויך איבערגענומען דעם אנאליטישען פּרינציפּ: פּאנאנדער נעהמען יעדע זאך אויף איהרע איינצעלנע קלענסטע חלקים. זיין גאנצע פילאָסאָפיע בעשטעהט אין דעם בעשטרעבען צו דערקלעהרען אויף א מעכאניש־מאטעריאליסטישען אופן די נאטור, דעם מענשען און דעם שטאאט, ווי א פּראָדוקט פון לעצטע, קליינע איינהייטען. די נאטור בעשטעהט פון קאָרפּוסקלען (קליינע קערפּערליך), דאָס פּסיכישע לעבען פון דעם מענשען ווערט אויפגעבויט פון איינצעלנע עמפּפינדונגען און די אונגעהייערע מאשין פון דעם שטאאט („דער לויתן", ווי ער רופט איהם), איז א צונויפזעצונג פון איינצעלנע מענשען.

אין דער נאטור איז ניטאָ קיין אנדער זאך, סיידען קאָרפּוסקלען און בעוועגונג. די קאָרפּוסקלען בינדען זיך צונויף, און עס ווערט פון זיי קערפּער. איין קערפּער קאָן ניט ווירקען אויף דעם אנדער קערפּער אויף א מהלך. די ווירקונג איז א בעוועגונג, וואָס געהט איבער פון איין קערפּער צו דעם אנדערן דורך די קאָרפּוסקלען וואָס ליגען צווישען זיי.

יענע קאָרפּוסקלען, פון וועלכע עס בעשטעהען די לעבעדיגע ברואים און די מענשען, האָבען די פעהיגקייט ארויסצוברענגען עמפּפינדונגען, וואָס ווערען ארויסגערופען דורך די בעוועגונגען אין דער דרויסענדיגער וועלט. ווי כמעט אלע מאַטעריאַליסטען (א חוץ עפּיקור'ן) נעהמט אויך האָבבס אָן, אז די זיכליכע קוואַליטעטען (קלאַנגען, פאַרבען און אז. וו.) זענען נאָר סוביעקטיוו, דאָס הייסט, אין די חושים אָבער ניט אין דער דרויסענדיגער וועלט.

די עמפּפינדונג, וואָס ווערט געבאָרען אין דעם לעבעדיגען קערפּער, א דאנק דער קערפּערליכער בעוועגונג פון דער דרויסענ־דיגער וועלט, איז די איינהייט פון וועלכער עס ווערט אויפגעבויט דער פּראָצעס פון דענקען. די עמפּפינדונג לאָזט איבער א שפּוהר און דאָס איז די ערינערונג. אלע ערינערונגען אינאיינעם זענען די ערפאַהרונג. כדי מיר זאָלען האָבען די מעגליכקייט עפּעס לייכט צו דערמאָנען זיך און מיטצוטיילען עס אנדערע מענשען, האָבען די מענשען אויסגעטראַכט פערשיעדענע נעמען; דאָס דינט זיי אלס א צייכען פאַר פערשיעדענע זאכען. די צונויפבינדונג און פאַנאנדערבינדונג פון „נעמען" אָדער ווערטער איז דענקען. דאָס דענקען איז דעריבער א מין רעכענען וואו די צאָהלען זענען דיא ווערטער. אין דעם פּונקט איז האָבבס דער שטרענגסטער נאָמי־נאַליסט. די אַלגעמיינע בעגריפען זענען ניט קיין אויביגע אידעען ווי דאָס האָבען געגלויבט פּלאַטאָן, אריסטאָטעלעס און די סכאָ־לאַסטיק, נאָר פּשוטע צייכענס. פאַר דעם קלוגען זענען זיי ניט מעהר, ווי רעכען־צייכענס, מעהר נישט דער שוטה בעהאַנדעלט זיי ווי ריינעם גאָלד.

ווי דער קאָרפּוסקעל איז די איינהייט פון דעם נאַטור־געשעהן און ווי די עמפּפינדונג איז די איינהייט פון'ם דענקען, אזוי זענען די איינצעלנע געפיהלען יענע איינהייטען פון וועלכע עס ווערט ריין־מעכאַניש אויפגעבויט דער מענשליכער ווילען. אלע געפיה־לען ווערען צוריקגעפיהרט אויף צוויי גרונד־געפיהלען: לוסט און אונלוסט. לוסט קומט יעמאָלט, ווען דער בלוט־אומלויף אין דעם אָרגאַניזם ווערט געשטאַרקט, אונלוסט — יעמאָלט, ווען דער בלוט־אומלויף ווערט דורך וואָס עס איז געשטערט. שטעלען מיר זיך פאָר א וועלכע עס איז לוסט אין דער צוקונפט, יעמאָלט

ווערט זי פערבונדען מיט א בעגעהרען. שטעלען מיר זיך פאר א וועלכע עס איז אונלוסט אין דער צוקונפט יעמאָלט ווערט דער־פון א ניט־וועלען. דער מענשליכער ווילען איז ניט קיין אנדער זאך ווי א סכום פון די בעגעהרענ'ס און די ניט־וועלענס וואָס וואַק־סען ארויס פון די לוסט און אונלוסט־מאָמענטען. קיין פרייער ווילען איז ניטאָ, יעדער טהוט, לויט זיין אייגענעם עגאָאיסטישען אינטערעס. און זיין ווילען — איז א נויטווענדיגער פועל־יוצא פון אלע וועלט־פאסירונגען.

על פי טבע איז דער מענש אנ'עגאָאיסט וואָס האָט נאָר צוויי זאכען אין זינען: זיך ערהאלטען און בעקומען וואָס מעהר הנאה. יאָגענדיג זיך נאָך הנאה, זענען די מענשען אין דעם וויל־דען נאטור־צושטאנד געשטאנען אין א שטענדיגער מלחמה איי־נער מיט'ן אנדערן. עס האָט געהערשט א מלחמה פון אלעמען אנטגעגען אלעמען. („בעללום אָמניום קאנטרא אָמנעס"). דער קריעג־צושטאנד איז געווען די אורזאך פון עלענד, שמוץ, אונווי־סענהייט און א שטענדיגען ציטערן פארן לעבען. דאָס האָט גע־פיהרט דערצו, וואָס מען האָט אויסגעטראכט און ארייגעפיהרט אין לעבען דעם שטאאט. מענשען האָבען זיך אָבגעזאָגט פון זייער אונבעגרענצטער פרייהייט, כדי צו לעבען אינאיינעם אין שלום און שלוה. ערשט דער שטאאט האָט געגעבען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען דעם רייכטהום, די וויסענשאפט, די פערציערונגען און אויסצובעסערן די מענשליכע געפיהלען. אויף אזא אופן איז אויסגעוואקסען דער „לויתן". די בעסטע שטאאטס־פאָרם איז די מאָנארכיע, וואָס איז געגרינדעט אויף די וואהלען פון פאָלק. מיט דעם טוידט פון די מאָנארכען דארף דאס פאָלק ווידער אויס־קלייבען א נייעם האר איבער זיך, וואָס איז דער היטער פון רעכט. דער קריעג איז א שטיקעל רעשט פון דעם נאטור־צושטאנד.

פון דעם לעבען אין דעם שטאאט וואקסט ארויס די איינ־טיילונג פון „גוט" און „שלעכט", פון „רעכט" און „אונרעכט". גוט און רעכט איז דאָס, וואָס איז ניצליך פארן שטאאט; שלעכט און אונרעכט — דאס, וואָס ברענגט איהם שאָדען.

אויך רעליגיאָנען און אבערגלויבענס זענען א פראָדוקט פון'ם שטאאטליכען לעבען. ביידע האָבען זיי איין־איינציגען ציעל:

ארויסצורופען פורכט פאר א וועלכע עס איז פערבאָרגענע אויטאָ־ריטעט. קיין פרינציפיעלער חילוק צווישען רעליגיאָן און אבער־גלויבען איז ניטאָ. ווערט אנ'אבערגלויבען אָנגענומען אין א וועל־כען ס'איז שטאאט, יעמאָלט ווערט ער א רעליגיאָן. צוריק, זאָגט זיך דער שטאאט אָב פון א וועלכער עס איז רעליגיאָן, יעמאָלט ווערט זי אן אבערגלויבען.

די דאָגמען פון דער שטאאטליך־געהייליגטער רעליגיע זאָל מען אָננעהמען ווי זיי זענען. מען דארף זיי, זאָגט האָבבס, אראָב־שלינגען, ווי ביטערע פילען, נישט צו צערקייען.

דאָס זענען די גרונד־שטריכען פון האָבבס מאָניסטיש־מאטע־ריאליסטישען בנין. זיין גרונד־לאגע איז דער קאָרפוסקול און די בעוועגונג. פון די צוויי עלעמענטען בויט ער אויף דעם גאנצען געביי שטאָק אויף שטאָק ביז צו דער רעליגיאָן. ניט קוקענדיג דע־רויף, איז האָבבס געווען געצוואונגען אונטערצובויען אונטער זיין גאנצען סיסטעם א ריין־ראציאָנאליסטישען פונדאמענט: זיין „ערשטע פילאָסאָפיע" וואָס האָט זיך לויט איהם צו בעשעפטיגען מיט רוים און צייט, אורזאך און ווירקונג און אז. וו.

## § 93. דזשאהן לאקק. (1632 ביז 1704.)

די מאטעריאליסטישע פילאָסאָפיע פון טהאָמאס האָבבס האָט געמוזט נאָך שארפער מאכען די פראגע וועגען דעם מקור און דעם ווערטה פון דער מענשליכער ערקענטניס. אויב אלץ אין דער נא־טור איז נאָר מאטעריע, יעמאָלט איז אויך די מענשליכע ערקענט־ניס, ניט מעהר ווי א פראָצעס וואָס שפּיעלט זיך אָב אין א קליינעם טייל פון דער מאטעריעלער וועלט, אין דעם מארך. דער איינצי־גער פאָדים וואָס בינדט צונויף די דרויסענדיגע וועלט פון מאטע־ריעלע פראָצעסען און די אינוויינינגסטע וועלט פון מענשליכע גע־דאנקען, זענען יעמאָלט די חושים, די זינען. עס איז דעריבער פון דעם מאטעריאליסטישען שטאנד־פונקט קלאָהר, אז די חושים זענען דער איינציגער מקור, פון וואנען עס קאן פליסען מענשליכע ער־קענטניס. פון דער אנדער זייט אָבער געהט די מענשליכע ער־קענטניס אריבער די גרעניצען פון דעם, וואָס אונז ברענגען די חושים. עס פרעגט זיך, ווי אזוי זי טהוט עס און וואס פאר א רעכט זי האָט דערצו.

די פערענטפערונג פון דער פראגע נעהמט אויף זיך דזשאהן לאקק אין זיין ווערק „א פערזוך װעגען דעם מענשליכען פערשטאנד“, וואָס איז ערשיענען אין דעם יאָהר 1690.

לאקק זעהט איין, אז דער אלטער געגענזאץ צווישען די חושים און דעם שכל, פערליערט זיין ווערטה אויף דעם באדען פון א מאַטעריאליסטישער וועלט־אנשויאונג. די גאנצע ערקענטניס קאן שטאמען נאָר פון איין איינציגען קוואל, פון די חושים. אויף אזא אופן געהט דער מאטעריאליזם מיט לאָגישער נויטוועדיגקייט אריבער אין א סענסואליזם, דאָס הייסט, אין א לעהרע, אז דער איינציגער קוואל פון דער ערקענטניס זענען די סענסוס — די זינען. „עס איז גאָרנישט ניטאָ אין פערשטאנד וואָס איז פריהער ניט געוועזען אין די חושים“. (ניהיל עסט אין אינטעללעקטו קוואָד נאָן אנטע פועריט אין סענסו), — אָט דאָס איז דער גרונד־געדאנק, וואָס לאקק וויל דורכפיהרען און בעפעסטיגען אין זיין פילאָסאָפיע.

## § 94. לאָקק׳ס קריטיק פון די איינגעבאָרענע אידעען.

לויט דעקארט, פאלען פאנאנדער, ווי מיר האָבען געזעהן, אלע אידעען פון דעם מענשליכען פערשטאנד אין דריי קלאסען. די אריינגעבראכטע, די פון אונז אליין געמאכטע און די איינגעבאָרענע. אז די אריינגעבראכטע שטאמען פון די חושים, דאָס לייקענט קיינער ניט. אז אויך די פון אונז געמאכטע וואקסען ארויס פון די אריינגעבראכטע, איז אויך קלאָהר איינצוזעהן. עס בלייבען אויף אזא׳ן אופן איבעריג די איינגעבאָרענע אידעען, וואָס שטאַמען כלומרשט פון אנאנדער מקור, עהדער די חושים. אויב עס וועט בעוויזען ווערן, אז קיין איינגעבאָרענע אידעען זענען גאָר ניטאָ, יעמאָלט ווערט דער גאנצער אינהאלט פון דער מענשליכער ערקענטניס צוריקגעפיהרט צו איהר איין־איינציגען, סענסואַליסטישען מקור. עס איז דעריבער די ערשטע אויפגאבע פון לאָקק צו קריטיקירען די טהעאָריע פון די איינגעבאָרענע אידעען.

די אנהענגער פון דער דאָזיגער טעאָריע געהען ארויס פון דעם פאקט, אז ביי אלע פעלקער אין דער וועלט געפינען מיר געוויסע אידעען וואָס קאָנען נישט שטאמען פון דער ערפאהרונג און די חושים; ווי צום ביישפיעל, די פאָרשטעלונג וועגען א גאָט און געוויסע אלגעמיינע כללים פון׳ם דענקען און פון׳ם מאָראלישען

בענעהמען זיך. לאָקק לייקענט אָב, אז א פאָרשטעלונג וועגען גאָט געפינט זיך ביי אלע פעלקער. ווענינסטענס, איז דאָס ניט בעוויזען. און אויב דער פאקט וואָלט אפילו יע בעוויזען געוואָרען, איז נאָך אלץ קיין ראיה ניט, אז די פאָרשטעלונג מוז זיין אן איינגעבאָרענע אידעע. זי קאָן אפשר ארויסוואקסען אויף א וועלכער עס איז אָרט פון אן אנדער מקור.

אויף א צווייטער בעווייז פאר די איינגעבאָרענקייט פון געוויסע אידעען, דער פאקט אז מיר האָבען אין אונזער פערשטאנד געוויסע אלגעמיינע כללים פאר דעם דענקען וואָס שטייגען אריבער די ערפאהרונג, האלט ניט אויס קיין קריטיק. נעהמען מיר צוםביישפיל דעם כלל: „עס איז אונמעגליך, אז איין־און־דיזעלביגע זאך זאָל זיין און ניט זיין אין איין־און־דערזעלביגער צייט"; אָדער אנדערש אויסגעדריקט: „אויב איין זאך איז „א", קאָן זי ניט אין דערזעלביגער צייט זיין „ניט־א". וואָלט דער כלל געווען באמת איינגעבאָרען אין אונז, יעמאָלט וואָלט ער געדארפט קלאָהר זיין אויף פאר יעדען קינד, וואָס האָט נאָך ניט קיין ברעקעל ערפאהרונג און ביי די קינדער וואָלט ער געדארפט זיין נאָך א סך קלאָהרער, עהדער ביי די דערוואקסענע. אָבער קינדער האָבען קיין ברעקעל בעגריף ניט פון דעם אלגעמיינעם לאָגישען כלל. זיי ווייסען פון דער ערפאהרונג, אז זיס איז ניט ביטער, אז א קארש איז ניט קיין רוט, אָבער זיי האָבען קיין השגה ניט פון דעם אלגעמיינעם כלל, אז „א" איז ניט „ניט־א". דערויף ענטפערן אָפט די אנהענגער פון די איינגעבאָרענע אידעען, אז די אלגעמיינע לאָגישע כללים געפינען זיך אין דעם פערשטאנד פון דעם קינד אין אן אונבעוואוסטען צושטאנד, און אז די איינצעלנע ערפאהרונגען מאכען ערשט קלאָהר און בעוואוסט דאס וואס איז שוין פריהער געלעגען פערדעקט אין דעם פערשטאנד. לאָקק ענטפערט אויף דער ארגומענט: אז „אין דעם פערשטאנד־זיין" און „בעוואוסט־זיין" איז איין און דיזעלביגע זאך. אונבעוואוסטע געדאנקען זענען אונמעגליך; עס איז אן אינוועניגסטע סתירה: געדאנקען, אידעען זענען דאס וואס עס געפינט זיך אין אונזער בעוואוסטזיין. אונבעוואוסטע אידעען זענען איבערהויפט ניט מעהר קיין אידעען.

אויף דעם זעלביגען אופן בעווייזט לאָקק, אז עס קאָנען ניט זיין קיין איינגעבאָרענע מאָראלישע כללים. ווי יעדער אלגעמיינער כלל איבערהויפט, מוז אויך אן אלגעמיינער מאָראלישער כלל זיך גרינדען אויף וועלכע עס איז אלגעמיינע אבסטראקטע בעגריפען. אָבער די אבסטראקטע בעגריפען קאנען ניט זיין איינגעבאָרען, ווייל, אויב יע, וואָלטען זיי געווען אם קלאָהרסטען אין דעם בע־וואוסטזיין פון די קינדער. ערשט א זעהר פערוויקעלטער פראָצעס פון'ם לעבען, וואָס איז רייך אין ערפאהרונג, קאן ארויסברענגען אבסטראקטע בעגריפען און יענע אלגעמיינע כללים, וואָס ווערען אויפגעבויט אויף זיי.

אָט די גאנצע אונטערזוכונג פיהרט לאָקק צו דעם רעזולטאַט, אז עס זענען לגמרי ניטאָ קיין וועלכע עס איז איינגעבאָרענע אי־דעען. („נאָ איננעיט פרינסיפּלס"). פאלט אָבער אראָב פון חשבון אָט דער טייל פון דער מענשליכער ערקענטניס, בלייבען איבער נאָר די פון דרויסען אריינגעבראכטע און די פון אונז זעלבסט גע־מאכטע. ד. ה. אידעען, וואָס שטאמען פון די חושים, אָדער קאָ־נען צוריקגעפיהרט ווערן צו זיי. אנשטאט דער אלטער איינטיי־לונג פון ערקענטניס־קוואלען אין חושים און שכל, שלאָגט לאָקק דעריבער פאָר די איינטיילונג אין צוויי אַ ר ט ע ן פון חושים: דעם דרויסענדיגען חוש, די ס ע נ ס אַ צ י אָ ן, וואָס נעהמט ארום דעם זעה־זין, טאפּ־זין (חוש המישוש) און אז. וו. און דעם אינעווענייניגסטען חוש, די ר ע פ ל ע ק ס י אָ ן.

## § 95. לאקק'ם סענסואליסטישע ערקענטניס־טעאָריע.

לאָקק לייקענט ניט, אז עס איז דאָ א נשמה, וואָס בע־שטעהט פון א פערשטאנד און צוויי ארטען חושים. אָבער די נשמה קומט אויף דער וועלט אָהן א סימן פון א וועלכען עס איז גייסטיגען אינהאלט. זי איז בעת'ן געבאָרען־ווערען א „לעדיג בלאט פאפּיער". („ווהייט פּייפּער"). דער דרויסענדיגער זין און דער אינוועניגסטער זין זענען די צוויי פענסטער, דורך וועלכע עס שטראהלט אריין אין דער נשמה די ערקענטניס פון דער וועלט און פון אונזער אייגענעם פסיכישען לעבען. נאָר דאס וואס שטאמט פון די צוויי קוואלען פון דער ערפאהרונג, קאָנען מיר אונמיטעלבאר וויסען. די פאָרשטעלונגען, וואָס שטרעמען אריין

פון די צוויי ערקענטניס־קוואלען, זענען איינפאכע אידעען.

פון דעם דרויסענדיגען חוש שטאמען די אזוי אַנגערופענע זינליכע קוואליטעטען. מיר בילדען דורך זיי די פאָרשטעלונג פון פארבען (ווי רויט, גרין), פון געהער (טענער, קלאנגען), פון דעם טאפ־זין (ווי הארט, ווייך, היים, קאַלט), פון דעם געשמאק (ווי זיס, ביטער) און דעם גערוך. ווען די עמפפינדונגען קומען אריין אין דער נשמה בייט זיך איבער איהר צושטאנד. דער פערשטאנד ענטפערט אויף זיי מיט געוויסע פסיכישע פראָצעסען. אָדער ער נעהמט זיי פאסיוו אויף (ער בעמערקט זיי), אָדער ער ווערט אָנגע־רעגט דורך זיי צו א געוויסער טהעטיגקייט. ער דענקט, פיהלט, וויל עפּעס, פערגלייכט, בעצווייפעלט, ווערט איבערציינגט און כדומה. אַט די אלע טהעטיגקייטען און צושטאנדען פון'ם פער־שטאנד ווערען בעמערקט פון דעם אינוועניגסטען חוש, דער רעפלעקסיאן. די רעפלעקסיאן בילדעט פון זיי אויך איינפאכע אי־דעען, ווי די אידעען וועגען דענקען, פיהלען, וועלען, צווייפלען, בעגעהרען און אנדערע טהעטיגקייטען פון דעם פערשטאנד.

זאמלען זיך אָן איינפאכע אידעען פוןביידע חושים, הויבט זיך ערשט אָן דער אייגענטליכער דענק־פּראָצעס. דער פערשטאנד בינדט צונויף די איינפאכע אידעען און מאכט פון זיי צונויפ־געזעצטע אידעען. מיר קאָנען דעריבער אונטערשיידען אין אונזער פערשטאנד, פיער ארטען פון אידעען, לויט זייער פער־שיעדענעם אור־שפרונג פון די חושים.

ערשטענס: די איינפאכע אידעען, וואָס קומען ארויס פון א וועלכען עס איז איין־איינציגען דרויסענדיגען חוש, צום ביישפיל, זיס, זויער, היים, ווייס און אז. וו.

צווייטענס: אידעען, וואָס שטאמען פון צוויי, אָדער מעהר דרוי־סענדיגע חושים, ווי צום ביישפיעל, די פאָרשטעלונג פון דעם רוים, וואָס איז א געמיש פון זעה־עמפפינדונגען און טאפ־עמפפינדונגען; דאָס אייגענע איז אויך מיט דער בעוועגונג.

דריטענס: אידעען, וואָס שטאמען פון דעם אינוועניגסטען חוש, ווי צום ביישפיעל, דענקען, וועלען און אלע אידעען וואָס בעצייכנען די פערשיעדענע כוחות פון דער נשמה, ווי צום ביי־שפיעל דער פאָרשטעלונגס־כח, דער ערינערונגס־כח (דער זכרון),

דער כח צו פערגלייכען, אונטערשיידען, פערבינדען און פאַנאַנדער־נעהמען וועלכע עס איז פאַרשטעלונג און אויך דער כח פון א ב ־ ס ט ר א ה י ר ע ן, דאָס הייסט, בילדען אלגעמיינע בעגריפען, וואָס זאָלען אריינגעהמען אין זיך יענע סמנים, וועלכע א וואָסער עס איז גרופע פון ערשיינונגען האָט בשותפות. (ווי צום ביישפּיעל, די סמנים פון א מענשען, וואָס אלע מענשען האָבען זיי.)

פּיערטענס: די צונויפגעזעצטע אידעען, וואָס שטאַמען פוןביידע מיט אַמאָל: פון דער סענסאציאָן און דער רעפלעקסיאָן.

די לעצטע ארט אידעען, וואָס שפּילט אזא אונגעהויער גרויסע ראָליע אין דעם פּראָצעס פון דענקען, טיילט לאָקק ווידער אין דריי גרויסע קלאסען: מ אָ ד ו ס ע ן, ס ו ב ס ט א נ צ ע ן און ר ע ל א צ י א נ ע ן.

מ אָ ד ו ס ע ן זענען אזעלכע אידעען, וואָס נעהמען ארום מיט איין וואָרט א פּיעלהייט פון וועלכע עס איז גלייכע איינצעל־ערשיינונגען, צום ביישפּיעל, „א טוץ“. צו די מאָדוסען געהערען אויך אזעלכע אידעען, ווי די פאָרשטעלונג וועגען א נאַטור־ק ר א פ ט, וואָס קומט ארויס פון דער אידעע: בעוועגונג, וואָס שטאַמט, ווי מיר האָבען געזעהען פון דעם דרויסענדיגען חוש, און פון דער פאָרשטע־לונג וועגען א וועלכען עס איז כח, וואָס פּליעסט פון׳ם אינווענינגסטען חוש. די נאַטור־קראַפט איז דער כח ארויסצורופען דורך בעוועגונג פערענדערונגען אין די ערשיינונגען.

די ס ו ב ס ט א נ צ ע ן זענען אויך צונויפגעזעצטע אידעען. מיט די חושים נעהמען מיר אויף געוויסע אייגענשאַפטען. אזוי ווי דער פערשטאַנד איז ניט בכח, פאָרצושטעלען זיך וועלכע עס איז אייגענשאַפטען אָהן א געוויסען עפּעס, וואָס זאָל זיי האָבען אין זיך, וואָס זאָל זיין זייער „טרעגער“, טראַכט ער אויס די פאָר־שטעלונג פון א וועלכע עס איז סובסטאַנץ. בעטראַכטען מיר צום ביישפּיעל, א שטיקעל צוקער, זאָגען אונזערע חושים אונז מעהר נישט ווי אז עס זענען דאָ צונויפגענומען געוואָרען אינאיינעם גע־וויסע אייגענשאַפטען: וויים, האַרט, ברעקעלדיג, זיס און אז. וו. מיר קאָנען זיך אָבער ניט פאָרשטעלען, אז אָט די אייגענשאַפטען זאָלען קאָנען עקזיסטירען אליין פאַר זיך, אָהן א שום עפּעס וואָס זאָל זיי טראָגען אין זיך, וואָס זאָל זיין זייער טרעגער. דעריבער

טראכטען מיר אוים א וועלכען עס איז טרעגער, א סובסטאנץ: צוקער. דאס אייגענע איז אויך מיט אלע אנדערע סובסטאנצען, סיי קערפערליכע, סיי גייסטיגע. פון דער נשמה קענען מיר נאר איהרע אייגענשאפטען און צושטאנדען, ווי דענקען, פיהלען, בע־געהרען. אבער מיר זענען געצוואונגען אנצונעהמען, אז עס איז דא א וועלכע עס איז גייסטיגע סובסטאנץ, די „נשמה", וואס איז דער טרעגער פון די דאזיגע אייגענשאפטען און צושטאנדען. אויך גאט איז אזא צונויפגעזעצטע אידעע, וואס בעלאנגט צו דעם קלאס פון סובסטאנצען. מיר האבען די פארשטעלונג פון קראפט, פער־שטאנד, גוטסקייט און אויך די פארשטעלונג פון אונענדליכקייט וואס איז א „מאדום", אויפגעבויט אויף דעם זעלביגען שטייגער, ווי דער מאדום „א טוץ", אדער „פיעל". אזוי אבער, ווי מיר קא־נען ניט דענקען, אז די אייגענשאפטען פון קראפט, אויביגקייט, אונענדליכקייט און אז. וו. זאלען עקזיסטירען אין זיך גופא, טראכטען מיר צו א סובסטאנץ, וואס טראגט זיי אלעמען אין זיך: גאט.

דער דריטער קלאס פון די צונויפגעזעצטע אידעען זענען די רעלאציאנען, ד. ה., די שייכות'ן, וועלכע מיר ברענגען ארוים צווישען די ערשיינונגען. ווי צום ביישפיעל, ווען מיר זאגען, אז איין ערשיינונג איז גרעסער פאר דער אנדערער. אין דער ער־פאהרונג, וואס מיר בעקומען פון די חושים, איז ניטא קיין גרוים און קיין קליין. א גרויסער הונד, צום ביישפיעל, איז אין עצם קלע־נער פאר דעם קלענסטען פערד. גרוים און קליין זענען דעריבער, פערגלייכונגס־אידעען, ארויסגעבראכט נאר פון'ם פערשטאנד. אויך אזעלכע אידעען ווי „אורזאך" און „ווירקונג" זענען ניט קיין אנ־דער זאך, ווי רעלאציאנען. אין דער זינליכער ערפאהרונג בע־מערקען מיר ניט קיין אורזאכען און קיין ווירקונגען. מיר נעה־מען אויף נאר איינצעלנע ערשיינונגען. ווען די זון ווארעמט אן א שטיין, זעהען מיר נאר, ווי איין ערשיינונג (די שטראהלען פון דער זון) געהט פריהער און אנאנדער ערשיינונג (די ווארעמקייט פון שטיין) קומט שפעטער. אין זיי ליגט אבער גארנישט, וואס זאל אונז זאגען, אז די ווארעמקייט פון די שטראהלען האט ארויס־גערופען ווי אן אורזאך די ווארעמקייט פון דעם שטיין. די פאר־

שטעלונג פון אורזאך און ווירקונג איז דריבער א צונויפגעזעצטע אידעע, אויסגעארבייט פון אונזער פערשטאנד.

## § 96. דער גרעניץ און דער ווערטה פון אונזערע ערקענטניסען.

מיר ווייסען איצטער פון וואנען די גאנצע מענשליכע ערקענטניס שטאמט. זי נעהמט זיך פון די צוויי חושים, סענסאציאן און רעפלעקסיאן, וואָס גיבען אונז איינצעלנע סענסאציאָנען און רעפלעקסיאָנען וועלכע דער פערשטאנד קאמבינירט און מאכט פון זיי צונויפגעזעצטע אידעען. עס פרעגט זיך איצטער: וואָס פאר א ווערטה האָבען אָט די אלע עלעמענטען פון וועלכע עס בעשטעהט די מענשליכע ערקענטניס און ווי ווייט קאן מען מיט איהר געהן?

דער זיכערסטער טייל פון דער ערקענטניס זענען יענע אידעען, וואָס שטאמען פון דער רעפלעקסיאן, פון דעם איננוועניגסטען זין, ווייל זיי זענען אונז אונמיטעלבאר קלאָהר און געוויס, ווי צום ביישפיעל, דער פאקט פון דעם אייגענעם דענקען און דער אייגענער עקזיסטענץ.

וועניגער קלאָהר און זיכער זענען די אידעען וואָס קומען ארויס פון דעם דרויסענדיגען זין, ווי צום ביישפיעל, די אידעען: הייס, קאלט, געל, גרין און אז. וו. אין איינעם מיט דעמאָקריט, דעקארט און האָבבס, האלט לאקק אז אין דער נאטור זענען קיין זינליכע קוואליטעטען ניטאָ. זיי זענען נאָר א בעשטימטע ארט, ווי אזוי די דרויסענדיגע חושים ענטפערן אויף די איינווירקונגען פון דער דרויסענדיגער וועלט. ווען א שארפער מעסער שניידט אונזער לייב, ענטפערן דערויף אונזערע חושים מיט דעם געפיהל פון שמארץ. מיר זאָגען אָבער יעמאָלט ניט, אז שמארץ ליעגט אין דעם מעסער. ווען דער זעלביגער מעסער איז גלוטיג אנגעברענט און רופט ארויס דורך זיין היץ דעם זעלביגען געפיהל פון שמארץ, וועלען מיר אויך דא ניט זיין אין טעות, אז דער שמארץ ליעגט אין אונז און ניט אין דעם מעסער. ווען אָבער דער מעסער איז מעהר נישט ווי ווארעם, דוכט זיך שוין אונז אויס, אז די וואַרעמקייט איז אָן אייגענשאפט וואָס געפינט זיך ניט אין אונזער

חוש המישוש (טאַפּ־זין) נאָר אין דעם מעסער גופא. דאס אייגענע איז אויך יט דער אייגענשאַפט, קאַלט, גרין, זיס און אז. וו.

אין די דרויסענדיגע ערשיינונגען גופא זענען מעהר ניטאָ ווי קערפּער, וואָס פאַרנעהמען א בעשטימטען אָרט אין רוים און האָבען דעריבער א בעשטימטע געשטאַלט און בעוועגונג. אלע איבעריגע אייגענשאַפטען ווערען ארויסגעבראַכט נאָר פון די חושים. „געשטאַלט" און „בעוועגונג" רופט לאָקק אָן: „פּרימערע", ד. ה. אורשפּרינגליכע קוואַליטעטען. פאַרבען, קלאַנגען און דערגלייכען רופט ער אָן „סעקונדערע" — די „צווייטע", ד. ה. די שפּעטער צוגעקומענע קוואַליטעטען, ווייל זיי זענען ניטאָ אין דער דרויסענדיגער וועלט, נאָר ווערען געבאָרען אין אונזערע חושים.

נאָך אונזיכערער זענען די אלגעמיינע בעגריפען וואָס שטאַמען פון דער אבסטראַקציאָן, יענע אלגעמיינע אידעען אין וועלכע פּלאַטאָן, אריסטאָטעל און די סכאָלאַסטישע פילאָסאָפיע האָבען געזעהען דעם תוך, דעם עיקר פון יעדער זאַך. ווי כמעט אלע ענגלישע דענקער, אַנגעהויבען פון דעם מיטעל־אלטער אָן, ביז האָבבס און אינאיינעם מיט איהם, איז אויך לאָקק א נאָמינאַליסט וואָס האַלט, אז די אלגעמיינע בעגריפען זענען ניט מעהר ווי נעמען, שפּראַך־צייכען, וואָס האָבען ניט קיין ברעקעל רעאַלע עקזיסטענץ.

און נאָך אונזיכערער זענען די אידעען, וואָס דריקען אויס סובסטאַנצען, ווי צום ביישפּיעל, די אידעע: מאַטעריע. עס קאָן זיין, מיינט לאָקק, אז עס איז גאָר ניטאָ קיין מאַטעריע אויף דער וועלט. און אויב זי איז דאָ, קאָנען מיר ניט אויף זיכער אויסגעפינען איהרע אייגענשאַפטען. עס קאָן זיין, אז זי האָט ניט די פעהיגקייט צו דענקען, ווי דאָס וויל האָבען דעקארט, אָבער עס קאָן געמאָלט זיין, אז דענקען איז אָן אייגענשאַפט, וואָס קאָן צוגעשריבען ווערען אויף דער מאַטעריע. די זיכערסטע אייגענשאַפטען פון דער מאַטעריע זענען אויסגעשפּרייטקייט און אונדורכדרינגלינקייט, דאָס, וואָס מאַכט, אז דאָרטען וואו עס געפינט זיך איין פּיצעלע מאַטעריע, קאָן קיין אנדער פּיצעל זיך בשום אופן ניט געפינען.

עס פערשטעהט זיך, אז אויך אזעלכע רעלאַציאָנען, אָדער לפי ערך'דיגע פערגלייכונגס־בעגריפען, ווי גרויס און קליין, גיבען אונז ניט קיין זיכערע אבסאָלוטע ערקענטניס און דערצעהלען אונז ניט

פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער נאַטור גופא, וועלכע מיר נעהמען אריין אין אונזער נשמה דורך אונזערע חושים.

לויט דער גאַנצער ערקענטניס־טעאָריע פון לאָקק האָט מען געקאָנט ערוואַרטען, אַז ער וועט אַוועקשטעלען פאַר דער ערקענטניס שאַרפע גרענצען, וואָס ענדיגען זיך מיט דער סענסאַציאָן און דער רעפלעקסיאָן און אַז ער וועט זיכער בעהויפּטען, אַז מיר קאָנען גאָר נישט ניט וויסען, וואָס עס שפּיעלט זיך אָב פון יענער זייט אונזערע חושים. אין דער אמת'ען אָבער איז לאָקק אין דעם פּרט זעהר ניט קאָנסעקווענט. ער פערלאָזט די גרענעצען פון דעם סענסואַליזם און גיט זיך איבער אין דער מאַכט פון יענע פאָדערונגען, וועלכע אונזער שכל שטעלט ארויס, כדי צו האָבען אַ פעסטע ערקענטניס וועגען דער דרויסענדיגער וועלט. זיכער איז, זאָגט לאָקק, אַז אין דער דרויסענדיגער וועלט איז דאָ אַ רוים און אַ בעוועגונג, ווען אפילו מיר ווייסען, אַז די דאָזיגע אידעען זענען צונויפגעזעצט פון זעה־און־טאַפּ־עמפּפינדונגען. זיכער איז, אַז אין דער נאַטור הערשט קויזאַליטעט, אַ נויטווענדיגער פּראָצעס פון אורזאַכען און ווירקונגען, ווען אפילו די קויזאַליטעט איז ניט מעהר ווי אַ צונויפגעזעצטע אידעע פון דעם קלאַס, וואָס בעלאַנגט צו די רעלאַציאָנען. און זיכער איז, אַז עס איז דאָ אַ געטליכע סובסטאַנץ, פון וועלכער עס שטאַמען אַלע וועלט־ערשיינונגען און אַלע קויזאַליטעטען וואָס הערשען אין זיי, — עס מאַכט ניט אויס, וואָס לאָקק אַליין בעשרייבט אונז יענעם פּראָצעס, ווי אַזוי די פאָרשטעלונג פון גאָט איז צונויפגעשטעלט געוואָרען פון איינצעלנע איינפאַכע אידעען, וואָס שטאַמען אין דער לעצטער שורה פון סענסאַציאָן און רעפלעקסיאָן. זיין אויפגאַבע איז געווען ניט צו לייקענען די עקזיסטענץ פון גאָט, נאָר צו בעווייזען, אַז די גאָט־פאָרשטעלונג איז ניט קיין איינגעבאָרענע אידעע. דער מענש האָט זי מיט אַ גוטען שכל'דיגען רעכט ארויסגעבראַכט פון דער ערפאַהרונג, און אומעטום, וואו מענשען מאַכען שכל'דיגע ערפאַהרונגען פון דער נאַטור, וועלען זיי זיין געצוואונגען, ארויסצובערענען די זעלבע אידעען. די עקזיסטענץ פון גאָט קאָן, מיינט לאָקק, בעוויזען ווערען פאַר דעם שכל מיט דער זעלביגער קלאָהרקייט, ווי די פּרינציפּען פון דער מאַטעמאַטיק.

מיט דער זעלביגער קלאָהרקייט קאן מען אויך ארויסברענגען די וויכטיגסטע גרונד־פּרינציפּען פון דער מענשליכער מאָראל.

לאקק איז אויך בעקאנט, ווי א טיעפער דענקער אויף די פעל־דער פון פּעדאגאָגיק און פּאָליטיק. ביי איהם געפינען מיר א סך געדאנקען, וואָס זענען שפּעטער געוואָרען „אני מאמין'ס" פון דעם פּראָגרעסיווען ליבעראליזם. זעהר פיעל וויכטיגע ארגומענטען האָט ער ארויסגעבראכט צו פערטהיידיגען די רעליגיעזע טאָלעראנץ. אָבער מערקווירדיג! ער פּרעדיגט רעליגיעזע טאָלעראנץ נאָר פאר די פערטרעטער פון פערשיעדענע גלויבענס. די „כופרים בעיקר", די אטהעאיסטען ווערען אויסגעשלאָסען פון איהר.

## § 97. דזשארדזש בערקליי. (1684 ביז 1753.)

אויף דעם וועג וואָס לאָקק האָט אויסגעטראָטען איז נאָך וויי־טער געגאנגען בערקליי. לאָקק'ס סענסואליזם פיהרט איהם צו דעם סובּיעקטיווען אידעאליזם, דאָס הייסט, צו דעם געדאנק, אז עס איז גאָר ניטאָ קיין דרויסענדיגע מאטע־ריעלע וועלט. אלץ, וואָס אונז דוכט זיך, מיר זעהען דרויסען, איז אין עצם ניט קיין אנדער זאך, ווי אידעען וואָס ווערען בעשאפען אין אונזער אייגענעם „איך", אין דעם סובּיעקט.

דעם גרונד־געדאנק זיינעם מיהט זיך בערקליי צו בעפעסטיגען ניט נאָר מיט ריין לאָגישע ארגומענטען, נאָר אויך מיט שטרענג־וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען. דער עיקר שטעלט ער זיך אָב אויף דער אויספאָרשונג פון דעם חוש הראיה, דעם פּראָצעס, א דאנק וועלכען מיר זעהען. ער קומט דאָ צו רעזולטאטען, וואָס זע־נען ערשט שפּעטער פער'אמת'ט געוואָרען אין דער פיזיאָלאָגישער פּסיכאָלאָגיע. אלע פארבען און געשטאלטען ווערען בעשאפען אין דעם פּסיכישען פּראָצעס פון זעהן. עס איז ניטאָ קיין איין־איינציגע זאך, וואָס אויף איהר זאָל מען קאנען זאגען, אז זי געהט אריין פון דרויסען אין אונזערע זינען. מיר האָבען דעריבער קיין בּרעקעל גרונד ניט אָנצונעהמען, אז דרויסען פון אונז געפינט זיך א וועלכע עס איז מאטעריעלע וועלט. אויך דער רוים איז ניט מעהר ווי אן אידעע אין אונז. און ניט נאָר האָבען מיר ניט קיין גרונד אָנ־צונעהמען א מאטעריעלע וועלט דרויסען פון אונז, נאָר עס איז א פשוט'ער ווידערזין צו דענקען אזוי. וואָס זאָל דאָס הייסען,

פרעגט בערקליי, עס עקזיסטירט עפּעס דרויסען, וואָס איז אין מיין בעוואוסטזיין רויט, אָדער גרין, אָדער געזאָלצען ? אַליז, וואָס מיר ווייסען פון דער כלומרשט דרויסענדיגער וועלט, איז אז זי בע־שטעהט פון אידעען וואָס ווערען בעשאַפען אין אונז. ווען איך זאָג : „איך זעה א גרינעם בוים" איז דער אייגענטליכער טייטש דערפון : „עס איז איצטער דאָ אין מיין בעוואוסטזיין די אידעע פון א גרינעם בוים". „זיין" איז דער טייטש : „האָבען אין בע־וואוסטזיין", פערציפּירט ווערן. („עססע עסט פּערציפּי").

יעדע אידעע, וואָס איז אין מיין בעוואוסטזיין איז אן איינ־פאַכע און אן איינצעלנע. מיר דענקען נאָר אין איינצעלנע בילדער. קיין אַלגעמיינע בעגריפען, וואָס זאָלען ארומנעהמען א גרויסע צאָהל פון גלייכע אידעען, זענען אייגענטליך גאָר ניטאָ. דער גייסט קאָן זיך ניט מאַכען פון זיי קיין קלאָהרע פאָרשטעלונג. דענק איך, צום ביישפּיעל, דעם אַלגעמיינעם בעגריף : פּארב בכלל, סתם פּארב, — האָב איך דערביי אין זינען א וועלכע עס איז בעשטימ־טע פּארב : רויט, אָדער בלוי און ד. גל. א סתם פּארב וואָס זאָל ניט זיין ניט רויט, ניט בלוי א. ד. גל. קאָן איך מיר ניט דענקען. דענק איך וועגען דעם אַלגעמיינעם בעגריף — דריי־עק בכלל, בע־מערק איך, אז איך האָב דערביי אין זינען א געוויסען איינצעלנעם דריי־עק פון א בעשטימטער פאָרם. ער איז אָדער א גלייך־זייטי־גער, אָדער א פארשיעדענזייטיגער, א גלייך־פיסיגער אָדער א רעכט ווינקעלדיגער און אז. וו.

אין בערקליי'ס נאָמינאַליזם קומט קלאָהר ארויס זיין ע מ־פּ י ר י ז ם, זיין איבערגעבענקייט צו דער ע ר פ א ה ר ו נ ג, זיין פאָרדערונג, אז מען זאָל זיך קודם כל האַלטען פאַר יענע פ א ק ט ע ן, וואָס אונז גיבען אונזערע חושים. אמת, עס זענען אויך דאָ ראַציאָנאַליסטען, וואָס האַלטען פון דעמזעלביגען נאָמי־נאַליסטישען שטאַנדפּונקט. אָבער בכלל קאָן מען זאָגען, אז דער נאָמינאַליזם, די אָבלייקענונג פון די אַלגעמיינע בעגריפען, איז דער בעסטער סימן פון אן ע מ פּ י ר י ק ע ר. לערנט דאָך דער נאָ־מינאַליזם, אז די „אידעע" איז ניט פ א ר דער זאַך („אַנטע רעם"), ווי דאָס האָט געלערנט פּלאַטאָן, און ניט א י ן דער זאַך („אין רע"), ווי דאָס האָט געמיינט אַריס־

טאַטעל, נאָר נ אָ ך ד ע ר ז א ך („פּאָסט רעם") ווי דאָס האָבען געלערנט די ערשטע נאָמינאַליסטען אין מיטעל־אַלטער. דערמאָהנט מען זיך, אַז בערקליי'ס „אי־דעע" איז ניט דער אַלגעמיינער בעגריף, נאָר די זאַך גופא, וואָס איז אין בעוואוסטזיין, קאָן מען זאָגען, אַז ער איז דער קאָנסעק־ווענטעסטער פון־אַלע נאָמינאַליסטען: ער לייקענט אין גאַנצען אָב, אַז אַלגעמיינע בעגריפען זענען דאָ אין אונזער בעוואוסטזיין.

די צוויי חושים, וועלכע לאָקק האָט אָנגענומען כדי צו דער־קלעהרען דעם מקור פון אונזער ערקענטנים: דער דרויסענדיגער און דער אינוועניגסטער, ווערען פערוואַנדלעט ביי בערקליי אין איין־איינציגען חוש, דעם אינוועניגסטען. נאָר דאָס, וואָס ער ברענגט אונז, איז ווירקליך און עקזיסטירט באמת. און אַלץ וואָס מיר טראַכטען צו צו דעם מאַטעריאַל וועלכען דער אינוועניגסטער חוש בעשאַפט, ווי צום ביישפּיעל, די פאָרשטעלונג פון א דרויסענדיגער וועלט אָדער דער געדאַנק פון אַן אַלגעמיינעם בעגריף, איז שוין א דערווייטערונג פון דעם אמת, עפּעס אַזוינס וואָס איז ניטאָ אין דער ערפאַהרונג און וואָס האָט ניט קיין ברעקעל ממשות.

עס פערשטעהט זיך, אַז בערקליי קאָן ניט איינשטימען מיט לאָקק'ס געדאַנק וועגען „פּרימעריע"־קוואַליטעטען, ווי געשטאַלט און בעוועגונג, און „סעקונדערע"־קוואַליטעטען, ווי פּאַרבען, גע־רוכען און ד. גל. וויבאַלד עס איז ניטאָ קיין דרויסענדיגע וועלט, איז יעמאָלט אויך ניטאָ קיין אונטערשיעד צווישען „פּרימער" און „סעקונדער". אַלע אייגענשאַפטען שטאַמען פון איין און דעם זעלביגען מקור, פון דער אייגענער נשמה.

אָבער אויך בערקליי איז ניט געבליבען טריי צו דעם אָנגע־נומענעם גרונד־געדאַנק. די שאלה, וואָס איז איהם געשטאַנען אין וועג, איז געוועזען: אויב די כלומרשט דרויסענדיגע וועלט איז ניט מעהר ווי א פּראָדוקט פון מיין אייגענער נשמה, היינט ווי אַזוי קאָן איך מיר דערקלעהרען, וואָס די פאָרשטעלונגען וועגען איהר טרעטען אַרויס אַזוי קלאָהר און שאַרף להיפך צו מיין אייגענעם ווילען און שפּיעלען זיך אָב אין א געוויסער געזעצמעסיגער אָרדנונג, אויף וועלכער ניט איך בין דער בעל הבית? איך פיהל אַז עס איז דאָ א וועלכע עס איז דרויסענדיגע קראַפט, וואָס בעהערשט דעם

גאַנג און די אָרדענונג פון יענע אידעען, וואָס איך מיין, אַז זיי שטאַמען פון דער דרויסענדיגער וועלט. בערקליי לייקענט ניט אַז אזא איבערמענשליכע און אויסערמענשליכע קראַפט איז דאַ, אָבער ער גלויבט, אַז דער שכל איז אונז מחיב אָנצונעהמען, אַז דאס קאָן ניט זיין קיין דרויסענדיגע מאַטעריעלע בעוועגונגס־קראַפט. בלייבט איבעריג נאָר איין איינציגער אויסוועג, אַז יענע קראַפט איז אַן איבערמענשליכע גייסטיגע קראַפט, דאָס הייסט, אַ גאָט. אַלע אידעען וועגען דער דרויסענדיגער וועלט ווערען אַרויסגערופען אין אונז פון גאָט. זיי זענען אַ מין סימבאָלישע שפּראַך, אין וועלכער גאָט טיילט אונז מיט אויף אַ פּסיכישען וועג זיינע געדאַנקען.

§ 98. דוד יום. (1711 ביז 1776.)

דער סוביעקטיווער אידעאַליזם פון בערקליי האָט אין זיין וויטערדיגער ענטוויקלונג געפיהרט צו דעם סקעפּטיציזם פון דוד יום. אויב אמת און ווירקליך איז נאָר דאָס, וואָס אונז גיבען די אידעען און אויב יעדע צוטראַכטונג איז אַ דערווייטערונג פון דעם אמת, האָבען מיר ניט קיין רעכט אָנצונעהמען אַז עס איז דאַ אַ וועלכער עס איז גאָט, אַ וועלכע עס איז איבער־מענשליכע קראַפט, וואָס רופט אין אונז אַרויס פאָרשטעלונגען פון אַ געזעץ־מעסיגער אָרדענונג אין דער וועלט, פון וועלכע עס איז נאַטור־געזעצען בכלל. עס שטעהט ווייעדער אויף נאָך שאַרפער די פראַגע: פון וואַנען שטאַמען די נאַטור־געזעצען און אויף וואָס בעגרינדען מיר די זיכערע ערקענטניס פון דער דרויסענדיגער וועלט?

כדי צו פערענטפערן די פראַגע און אויסצוגעפינען דעם גראַד פון זיכערקייט אין אונזער וויסען, אונטערזוכט יום נאָך אַ מאָל פון אָנהייב די זעלביגע שאלה, וועלכע לאָקק האָט אוועקגעשטעלט מכח דעם אורשפּרונג, די גרעניצען און דעם ווערטה פון אונזער ערקענטניס.

איין זאַך איז קלאָהר, אַז מיר האָבען אידעען פון אַ כלומרשט דרויסענדיגער וועלט. זיי טרעטען אַרויס קלאָהר, שאַרף און שטאַרק, ווי צום ביישפּיעל, די פאַרבען, די ליכט־עמפּפינדונגען, וואַרעמקייט און קעלט, דער געפיהל פון ליעבע און פון האס און

ד. גל. יום רופט אָן אָט די אידעען: „א י מ פ ר ע ש ע נ ס" — איינדרוקען, אָבער ער וויל דערמיט בשום אופן ניט זאָגען, אז דאָס דרוקט אָב איהר שטעמפעל א וועלכע עס איז דרויסענדיגע וועלט אויף א וועלכע עס איז „נשמה". עס זענען דא „אימפרע־שענס", דאָס איז אַלץ, וואָס יום קאָנסטאַטירט וועגען דעם פונקט. אָט די לעבעדיגע, שטארקע און קלאָהרע איינדרוקען לאָזען איבער א שפוהר נאָך זיך וואָס איז שוין ניט אזוי לעבעדיג און שטארק. די שפוהרען, מאטע, שוואכע אָב־בילדער, פון די „אימפרעשענס" רופט ער אָן „אידעען". פון איינדריקען און אידעען בעשטעהט די גאנצע ערקענטניס. פון וואנען זיי נעהמען זיך, קאנען מיר ניט וויסען, ווייל מיר קענען נאָר זיי און ניט זייער אור־שפרונג. עס איז די אויפגאבע פון דער פילאָסאָפיע מעהר נישט ווי אויס־צופאָרשען יענע געזעצען, וואָס בעהערשען דעם פראָצעס, וועלכער שפילט זיך אָב אין די איינדרוקען און די אידעען.

קודם כל מוז מען קלאָהר ווערען וועגען די געזעצען וואָס הער־שען אין די שוואכערע, מאטערע טיילען פון אונזער ערקענטניס, די אידעען, ווייל פון זיי בעשטעהט דער גאנצער אינהאלט פון דעם דענקען. דאָס דענקען איז ניט קיין אנדער זאך, נאָר א פערבינדונג פון אידעען, אן אידעען־אסאָציאציאָן. די אידעען פערבינדען זיך, מען קאן זאָגען, כמעט ריין מעכאניש, לויט געוויסע געזעצען. שווימט ארויף איין אידעע אין׳ם בעוואוסטזיין, ציהט זי נאָך זיך נאָך אנ־דערע אידעען. יום פארשט אויס יענע געזעצען, לויט וועלכע איין אידעע ציהט נאָך זיך אנאנדער אידעע.

דער ערשטער גרונד־געזעץ פון אידעען־אסאציאציאן איז: איינדרוקען וואָס זענען געווען אין איין און דער זעלביגער צייט רוימליך פערבונדען, לאָזען איבער אידעען וואָס רופען איינע די אנדערע ארויס. האָב איך אין א בעשטימטער צייט גע־זעהן א מענשען אין א בעשטימטען צימער, וועט די אידעע וועגען דעם מענשען ארויסרופען אין מיר די אידעע פון יענעם צימער. און פערקעהרט, קאן די אידעע פון יענעם צימער ארויסרופען אין מיר די אידעע פון׳ם מענשען.

צווייטער גרונד־געזעץ: איינדרוקען, וואָס זענען עהנליך איי־נער צו דעם אנדערן לאָזען נאָך זיך איבער אידעען, וואָס רופען

איינע די אַנדערע ארוים. זעה איך, צוםביישפּיעל, אויפ'ן גאַס אַ געזיכט. וואָס איז עהנליך צו מיינעם אַ בעקאַנטען, ווערט אין מיר ארויסגערופען די אידעע וועגען דעם בעקאַנטען.

דריטער גרונדגעזעץ: איינדרוקען, וועלכע זענען פערבונ־דען געוואָרען דורך די פּאָרשטעלונג פון אורזאַך און ווירקונג, לאָזען איבער אידעען, וואָס רופען איינע די אַנדערע ארוים. אַ נאַסער ברוק אין גאַס רופט ארוים די פּאָרשטעלונג פון דעם רעגען וואָס איז געווען די אורזאַך פון יענער נאַסקייט.

דער לעצטער גרונד־זאַץ פון אידעען־פערבינדונגען שטויסט זיך שוין אָן אָן דעם גרעניץ פון יענער ערקענטניס, וואָס שטאַמט פון דער ערפאהרונג. פון וואַנען ווייסען מיר, אז אין דער ער־פאהרונג זענען דא אורזאכען און ווירקונגען? וואָס צווינגט אונז אָנצונעהמען, אז אויב אין דער ערפאהרונג פאסירט אַ וועלכער עס איז פאקט, מוז על פּי נויטווענדיגקייט ארויספליסען פון איהם אַ וועלכער עס איז אנדער פאקט? — מיר קאנען עס טאקי ניט ווי־סען — ענטפערט יום. און דער שכל איז גאָר ניט מחיב, אז פון איין פאקט זאָל ארויסגעהן אַ וועלכער עס איז אנדער פאקט ווי אַ ווירקונג פון אנ'אורזאַך. דער איינציגער צוואנג וואָס הערשט דערביי אין דענקען איז ניט קיין ל אָ ג י ש ע ר, שכל'דיגער, נאָר אַ פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע ר, אָן אויסגעדוכטער. מיר זעהען צום ביישפּיעל, אז ווען מיר ווארפען אַ שטיין אין דער לופטען פאלט ער דערנאָך צוריק אויף דער ערד. אונז ד ו כ ט ז י ך, אז אַנ־דערש קאן דאס ניט זיין, אז עס איז דאָ אַן אורזאַך, וואָס בעווירקט, אז דער שטיין זאָל מוזען אראָבפּאַלען צוריק. אין דער אמת'ען אָבער קאָנען מיר זיך על פּי שכל גאַנץ גוט פּאָרשטעלען, אז דער שטיין זאָל ניט פאלען אויף דער ערד, נאָר פארקעהרט, עס זאָל זיך טראָגען אין דער הויך אָדער גאָר גלאַט אזוי בלייבען הענגען אין דער לופטען. וואָס אונז צווינגט, צו ערווארטען, אז דער שטיין וועט אראָבפּאַלען, איז די ג ע ו ו א ו י נ ה י י ט, וועלכע שטאַמט פון דער ערפאהרונג. מיר האָבען אין דער ערפאהרונג אונצעהליגע מאָל געזעהן, אז נאָך איין פאקט קומט אַנאַנדער פאקט. נאָך דעם ווארפען אין דער הויך קומט דער פאַלען צוריק. און מיר האָבען זיך אזוי צוגעוואוינט צו אַזאַ פערבינדונג פון איינדרוקען, אז

תמיד, ווען מיר בעמערקען אין דער ערפאהרונג דעם ערשטען פאקט, שפּרינגט שוין ממילא ארויס אין אונזער פאָרשטעלונג די אידעע פון דעם צווייטען פאקט. על פּי שׂכל קאן מען קיינמאָל ניט איינזעהן פאַר וואס דאס מוז זיין אזוי, און דעריבער האָבען מיר לגמרי קיין רעכט ניט צו זאָגען, אז אין דער נאַטור הערשט קויזאַליטעט אָדער אורזאַכליכקייט. בנוגע צו דעם פּונקט מוזען מיר בלייבען סקעפּטיקער, צווייפלער. די פאָרשטעלונג פון אורזאַך און ווירקונג איז עפּעס אַזוינס, וואָס שפּרייזט אריבער די גרעניצען פון דער ערפאהרונג. און דעריבער קאן מען גלויבען אין דעם אָדער ניט גלויבען, אָבער מען קאן עס בשום אופן ניט וויסען. דאָס רוב מענשען מיינען, אז זיי וויסען. עס איז וויכטיג קלאָר צו מאַכען, אז זייער וויסען איז ניט מעהר, ווי א שטאַרקער גלויבען, וואָס וואַקסט פּסיכאָלאָגיש ארויס פון דער איינגעוואָרצעלטער געוואוינהייט.

אויף אונזערע פאָרשטעלונגען וועגען די פערשיעדענע סובסטאַנצען, סיי מאַטעריעלע, סיי גייסטיגע, איז א זאַך, וואָס טרעט אריבער די גרעניצען פון דער ערפאהרונג. אין דער ערפאהרונג זענען דאָ מעהר נישט ווי איינדרוקען פון פאַרב און פאָרם, אָבער עס איז ניטאָ קיין איינדרוק, אויף וועלכען מען זאָל קאָנען זאָגען, ער איז מאַטעריע אָדער קערפּער. מיר האָבען איינדרוקען פון ליעבע און פון האַס, אָבער עס איז ניטאָ אזא איינדרוק אויף וועלכען מען זאָל קאָנען זאָגען אז ער איז א נשמה, אָדער א גייסטיגע סובסטאַנץ. די פאָרשטעלונג פון א נשמה אָדער אן אייגענעם „איך" איז צונויפגעזעצט פון א סך פערשיעדענע אידעען, פון קליינע קאָפּיעס, וואָס בלייבען איבער, ווי א שפּוהר פון וועלכע עס איז לעבעדיגע, שטאַרקע איינדרוקען. אזוי ווי מיר מוזען אָננעהמען, אז נאָר דאס איז אבסאָלוט זיכער און עקזיסטירט אויף געוויס, וואָס עס געפינט זיך אין דער ערפאהרונג, דאָס הייסט אין די לעבעדיגע שטאַרקע איינדרוקען, מוזען מיר דעריבער לייקענען, אז עס איז דא א וועלכע עס איז נשמה, אָדער אן „איך", וואָס זאָל פון זיך אליין ארויסברענגען דורך אנ'ארט גייסטיגע טעטיגקייט וועלכע עס איז געדאַנקען. ריכטיגער איז פאָרצושטעלען זיך, אז דאָס וואָס מיר רופען א נשמה אָדער אן „איך", אן אקטיווען פּסיכישען

טהוער, איז באמת נאָר א מין טעאטער־ביהנע, אויף וועלכער עס שפּילט זיך אָב א פּראָצעס פון איינדרוקען און אידעען־פערבינ־דונגען. מיר קאָנען אָבער ניט וויסען, ווער און וואָס רופט ארויס די העלדען אויף דער ביהנע, פון וואנען זיי קומען, וואהין זיי פער־שווינדען. אלץ, וואָס אונז דוכט זיך, אז מיר ווייסען וועגען דעם פּרט, איז ניט מעהר ווי א פּראָדוקט פון אונזער איינבילדונג און פון אונזער גלויבען.

אויך בנוגע צו דער גאָט־פראגע — און צו איהר נאָך מעהר עהדער אומעטום, — מוז יום ארויסרוקען זיין סקעפּטישען שטאנד־פונקט. די אונענדליכע געטליכע סובסטאנץ איז אודאי א זאך, וואָס געפינט זיך ניט אין דער ערפאהרונג. אויב אונזער שכל איז ניט ביכולת צו בעווייזען די עקזיסטענץ פון דער דרויסענדיגער וועלט און מיר מוזען דערביי פערלאָזען איהם און אָנווענדען דעם כח הדמיון, וואָס ווערט אָנגעטריבען פון אונזער געפיהל און פון אונזער גלויבען, איז די פאָרשטעלונג פון גאָט אודאי אזא ענין, וועמעס עקזיסטענץ עס קאן ניט פערזיכערט ווערען דורכ'ן שכל. כח הדמיון, געפיהל און גלויבען זענען די איינציגע יסודות, אויף וועלכע עס רוהט די פאָרשטעלונג פון גאָט. יום זוכט דעריבער פסי־כאָלאָגיש און היסטאָריש ארויסצוברענגען ווי אזוי עס איז אויס־געוואקסען דער גלויבען אין גאָט און אין וואונדער.

יום לייקענט פונדעסטוועגען ניט, אז מיר האָבען א פעלד פון וויסען, וואָס איז אבסאָלוט זיכער און קלאָהר און לאָזט ניט צו קיין ברעקעל ספק. דאָס איז יענע ערקענטנים וואָס פאָרשט אויס ניט די שייכות'ען צווישען פאקטען פון דער ערפאהרונג, נאָר די בעציהונגען צווישען אידעען. די אידעען גופא מעגען זיין ווי פאלש, אָבער זיי קאָנען שטעהען איינע צו דער אַנדערער אין אזעלכע קלאָהרע און איינפאכע בעציהונגען, אז עס איז ניטאָ קיין ברעקעל גרונד אָבצולייקענען די ריכטיגקייט פון די ב ע צ י ה ו נ ־ ג ע ן. א ביישפּיעל פון אזא זיכערן דענקען איז די מאטעמאטיק. אלע איהרע זאצען זענען „א פּריאָרי" ריכטיג, דאָס הייסט, אויף א פריהער, פאר דער ערפאהרונג. האָב איך די אידעע פון א וועלכען ס'איז דריי־עק, קאָן איך לכתחילה ארויסגעפינען די שייכות'ען פון אלע ליניען, זייטען און ווינקלען, וואָס קאָנען געמאָלט זיין אין

איהם. און דערצו דארף איך ניט אנווענדען קיין ברעקעל ערפאה־רונג. אבער וואס איז די פעולה פון אזא מין זיכערען וויסען? אזא מין א פריארי'שער וויסען טהוט ניט אויף קיין ברעקעל נייעס. ווייל אלץ וואס עס ברענגט ארויס פון א וועלכען ס'איז ענין איז שוין לכתחילה געלעגען אין איהם איינגעוויקעלט. אלץ וואס די מאטע־מאטיק לערענט אונז וועגען א דריי־עק איז שוין לכתחילה דא אין איהם. די א פריארישע לכתחילה'דיגע ערקענטניס מאכט אונז ק ל א ה ר ע ר א וועלכען עס איז ענין, אבער זי ב ע ר י י כ ע ר ט ניט אונזער וויסען. אונזער וויסען קאן בערייכערט ווערען נאר פון די פאקטישע ערקענטניסען, וועלכע מיר בילדען ניט א פריאריע נאר „א פאסטעריארי" בדיעבד, נאך דעם פאקט. אבער די פאס־טעריארישע, בדיעבד'יגע ערקענטניסען, וואס בערייכערען אונ־זער וויסען, קאנען קיינמאל ניט זיין אזוי זיכער, ווי די אפריארישע.

די זעלביגע קריטיק פון דער ראציאנאליסטישער ריין שכל'־דיגער ערקענטניס ווענדט יום אויך אן אין זיין מאראל־פילאסאפיע. ריין על פי שכל קאן מען קיינמאל ניט ארויסברענגען וואס עס איז מאראליש גוט, אדער מאראליש שלעכט. דער שכל קאן נאר לערנען וואס עס איז אמת, וואס עס איז פאלש, וואס עס איז ניצליך, וואס עס איז שעדליך. אויך דא שפיעלט די הויפט־ראליע דער געפיהל, ווי אומעדום, וואו דער שכל איז געצוואונגען צו שווייגען. אונזער ווילען ווערט בעהערשט דורך ליידענשאפטען, וואס שטאמען פון לוסט און אונלוסט־געפיהלען. א דאנק א געוויסער קאמבינאציע פון לוסט און אונלוסט־געפיהלען און געוויסע פארשטעלונגען פון ניצליך און שעדליך, פון „איך" און די איבעריגע מענשהייט, האט זיך ביי דעם מענשען אויסגעארבייט א נאטירליכער געפיהל פון מענשען־ליעבע, פון סימפאטיע, דאס הייסט, פון אייגענער פרייד, בעת די מענשען זענען גליקליך, און פון אייגענעם שמארץ, בעת זיי געפינען זיך אין עלענד. אט דער נאטירליכער געפיהל איז דער פונדאמענט פון אלע מאראלישע האנדלונגען. אויס דעם עגאאיזם אליין קאן מען בשום אופן ניט דערקלעהרען די מאראל. אלע מא־ראלישע האנדלונגען ווערען געטהון ניט צוליעב א וועלכער עס איז אייגענער עגאאיסטישער פניה, נאר כדי צו בעפרידיגען דעם נא־טירליכען געפיהל פון סימפאטיע און מענשען־ליעבע. מיר ווענדען

אָן אונזערע סימפּאַטישע געפיהלען פריהער פאַר אַלץ, כדי צו בעאורטיילען די מעשים און די געפיהלען פון אנדערע מענשען. דערנאָך געוואהנען מיר זיך איין אָנצואווענדען דעם זעלבינען מאסשטאב אויך אויף די אייגנע מעשים און געפיהלען. מיר שאַצען זיי אָב לויט זייער טענדענץ און פעהיגקייט צו ברענגען נוצען די אנדערע מענשען אָדער צו שאַדען זיי. אויף אזא אופן וואַקסט על פּי געוואוינהייט אין אונז ארויס א געפיהל פון פליכט, א שטרעבען צו טהאָן ניט ווי עס ווילט זיך אין דעם אויגענבליק, נאָר ווי עס איז נויטיג פאר דעם נוצען פון די מיט־מענשען.

## § 99. די פערצווייגונגען פון דער ענגלישער פילאָסאָפיע.

האָבבס, לאָקק, בערקליי און יום בילדען דעם גרונד־שטאַם פון דער ענגלישער, עמפּירישער פילאָסאָפיע אין דעם זעכצנטען, זיבעצענטען און אכצענטען יאהרהונדערט. אָבער א חוץ דעם גרונד־שטאַם זענען נאָך געווען איינצעלנע אויסצווייגונגען און זעלבסטשטענדיגע קלענערע געוויקסען וואָס האָבען זיך ענטוויקלט אין־איינעם מיט דעם גרונד־שטאַם און האָבען געהאָלפען ארויס־ברנגען דעם פרייען געדאַנק פון אונזער צייט.

שוין אין די צייטען פון האָבבס, האָט געלעבט א דענקער, הערבערט פון שערבערי (1587 ביז 1648) וואָס האָט אוועגגעלעגט דעם גרונד פאַר א פריי־דענקערישע ריכטונג. שערבערי גלויבט אז מען קאָן דורך דער פערנונפט און דורך א נאַטירליכען אינ־סטינקט ארויסברענגען אלגעמיינע גרונד־זעצען פאַר דעם רעלי־גיעזען גלויבען, וואָס זאָלען טויגען פאַר אַלע מענשען. די איצ־טיגע רעליגיאָנען זאָלען אָבגעשאַפט ווערען און אָן אלגעמיינע שכל־דיגע רעליגיאָן זאָל פערנעהמען זייער פּלאַץ.

פון די ענגלישע פריי־דענקער וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פרייע רעליגיעזע פּראָבלעמען איז דער בעריהמסטער דזשאָן טאָלאַנד (1670 ביז 1722). טאָלאַנד איז א גאַנץ טיעפער און גרינדליכער פילאָסאָפישער קאָפּ. ער ברענגט ארויס א מאַטע־ריאַליסטישען וועלט־בילד, וועלכען ער רופט פאַנטהעאיזם. ער טרוימט וועגען א רעליגיאָן פון דער צוקונפט, א געמיינזאַמען קולט פאַר די „פאַנטהעאיסטישע ברידער". דעם נאָמען פאַנטהעאיזם פיהרט ער אריין אין די פילאָסאָפיע ווי אויך דעם נאָמען „פריי־

דענקער". — דאָס דענקען האָט טאלאנד געלעהרנט, איז א פּראָ־דוקט פון דעם מארך. ווי די צונג איז אן אָרגאן פון דעם געשמאק, אזוי איז דער מארך אן ארגאן פאר'ן דענקען.

פון לאָקק זענען ארויסגעוואקסען א סך דענקער און וויסענ־שאפטס־פאָרשער. דער גרעסטער געלערנטער פון יענער צייט, איזאק ניוטאן (1642 ביז 1727) שטאמט פילאָסאָפיש אָב פון לאָקק'ן. פון זיינע פילאָסאָפישע אנשויאונגען איז אינטערעסאנט צו בעמערקען דעם געדאנק, אז דער ליידיגער וועלטען־רוים איז דער זינען־אָרגאן פון גאָט. דורך דעם ליידיגען רוים פיהלט גאָט אלץ, וואָס עס קומט פאר אויף דער וועלט.

אן לאָקק'ן לעהנען זיך אָן אויך דוד הארטלי (1704 ביז 1757) און יאָזעף פּריסטלי (1733 ביז 1804). ביידע זענען אין דער פּסיכאָלאָגיע פּארלויפער פון יום'ס אסאציאציאנס־לעהרע. ביידע נייגען זיך צו דעם געדאנק, אז דער גייסט איז א פּראָדוקט פון דעם מארך און דער נערוועז־סובסטאנץ. אָבער ביידע פערבינ־דען זייער פּסיכאָלאָגישען מאטעריאליזם מיט א גלויבען אין גאָט. פּריסטלי גלויבט אין די אונשטערבליכקייט פון דער מענשליכער נשמה. נאָך גרינגער האָט זיך איינגעגעבען דעם בעריהמטען כע־מיקער ראָבערט ב אָ י ל (1627 ביז 1691) צו פערבינדען זיין כעמישע וויסענשאפט מיט דעם גלויבען אין גאָט און אין וואונ־דער. אויך עראזם דארווין (1731 ביז 1802) ביי וועמען מיר געפינען דעם אָנהויב פון דעם מאָדערנעם דארוויניזם, געהערט אין דער זעלביגער גרופּע פון דענקער. ער בעשעפטיגט זיך פיעל מיט אסאציאציאנס־פּסיכאָלאָגיע.

די מאָראל פילאָסאָפיע האָט זיך ענטוויקעלט האנד אין האנד מיט דעם פריי־דענקערישען דעאיזם און פאנטהעאיזם. די וויכ־טיגסטע פערטרעטער פון דער ענגלישער מאָראל־פילאָסאָפיע פון יענער צייט, זענען: ש ע פ ט ס ב ע ר י (1671 ביז 1713), וואָס פער־בינדט די טוגענד־לעהרע מיט דער שעהנהייטס־לעהרע און בע־גרינדעט ביידע אויף דעם פּרינציפּ פון הארמאָניע. אין זיינע רע־ליגיאָנס־פילאָסאָפישע אנשויאונגען איז ער מעהר אן אָפּטימיסטי־שער פאנטהעאיסט, עהדער א דעאיסט. דער דעאיזם נעהמט אָן די עקזיסטענץ פון א גאָט אויסער דער וועלט, האָט אָבער גאָר נישט

מיט יענעם גאָט, וועלכע די רעליגיאָנען האָבען ארויסגעבראכט. דער דעאיסטישער גאָט האָט מעהר ניט ווי בעשאפען די וועלט, לויט אויבינע געזעצען, און מישט זיך ניט אריין אין דעם גאנג פון די נאטירליכע פּאסירונגען. שעפּטסבערי׳ס תלמידים באָטלער (1692 ביז 1752) און האָטשעסאָן (1694 ביז 1747) האָבען נאָך ווייטער אויסגעארבייט די לעהרע פון זייער רבין. באָטלער נעהמט אָן דעם „ג ע ו ו י ס ע ן" פאר דעם גרונד־טריב פון אונזערע מאָראלישע האנדלונגען. האָטשעסאָן בינדט נאָך נעהנטער צונויף די עטהיק מיט דער עסטעטיק. וויכטיגע געדאנקען אויף דעם פעלד פון מאָראל־פילאָסאָפיע האָט איך ארויסגעבראכט אדאַם פערגיוסאָן (1724 ביז 1816). אויף דריי יסודות רוהט די מאָראל: אויף ליעבע צו זיך, אויף וועלען גליק פאר אנדערע און אויף פאָלקאָמענהייט.

אונטער דער שטארקער איינווירקונג פון פערגיוסאָן און דוד יום איז געשטאנען דער בעגרינדער פון דער מאָדערנער נאציאָנאל־עקאָנאָמיע, אדאַם סמיטה (1723 ביז 1790), אין זיין מאָראל־פילאָסאָפיע נעהמט ער אָן די סימפּאטיע אלס דעם הויפּט־טריב פאר אונזערע מאָראלישע מעשים.

די פילאָסאָפיע פון יום האָט ארויסגערופען ענטקעגען זיך די פּאלעמיק פון דער ש אָ ט י ש ע ר שול. איהר הויפּט בעגרינדער און פיהרער איז געווען טהאָמאס ריעד (1710 ביז 1796) ריעד אפּעלירט ענטקעגען יום צו דעם געזונדען „מענשען־פערשטאנד" (קאָמאָן סענס), ער זאָגט זיך אָב סיי פון לאָקק׳ס סענסואליזם, סיי פון בערקליים אידעאליזם, סיי פון יום׳ס סקעפּטיציזם. דער פּשוט׳ער מענשליכער שכל דארף בלייבען גערעכט אויף אין דער פילאָסאָפיע. די וויכטיגסטע אמת׳ען וואָס נויטיגען זיך אין וועלכע ס׳איז בעווייזען, זענען איינגעבוירען אין דעם שכל. —

---

דער רעזולטאט פון דער ענגליש־עמפּירישער ריכטונג אין דער פילאָסאָפיע איז געווען — אָדער סקעפּטיציזם, אָדער „געזונטער מענשען־פערשטאנד", וואָס זאָגט זיך אָב פון יעדער פערטיעפונג אין פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, אויב זי געהט להיפך צו די אָנגע־נומענע אמת׳ען פון דעם „קאָמאָן סענס". לאָמיר זעהן, צו וועלכע

רעזולטאטען איז געקומען דער אנדער צווייג פון דעם פילאָסאָפי־שען דענקען, דער ראַציאָנאַליסטישער, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אויף דעם קאָנטינענט.

נ י י ע נ ט ע ר  ק א פ י ט ע ל.

# די אקקאזיאנאליסטען און ספינאזא

(די אָקקאזיאָנאַליסטען געאולינקס און מאל'בראנש. דען פאן־ען טהעאיזם. — ספינאָזאס פאנטהעאיזם. זיין לעבען און זיינע ווערק. — זיין מעטהאָדע אין דער פילאָסאָפיע. — „גאָט אָדער נאטור“. „גשמיות“ און „רוחניות“־צוויי זייטען פון דער געטליכער סובסטאנץ. די איינהייט פון דעם שכל'דיגען וועלט־פראָצעס. — די שאפענדע און די געשאפענע נאטור. די איינהייט אין דער פערשיעדענקייט און די פערשיעדענקייט אין דער איינהייט. עוואלוציאָן, עמאנאציאָן און לאָגיש אָבשטאמען. נויטענדיגקייט און פרייהייט. — די קנעכט־שאפט און פרייהייט פון דעם מענשליכען שכל. די שכל'דיגע ליעבע צו גאָט).

## § 100. די אָקקאזיאָנאַליסטען.

דעקארט'ס פילאָסאָפיע, וואָס איז אויפגעבויט אויף די יסודות פון ריינעם, שכל'דיגען דענקען, האָט ארויסגעבראכט א שארפען געגענזאץ אין איהר בילד פון דער וועלט. אויסער גאָט, וואָס איז די אונענדליכע סובסטאנץ, בעשטעהט די וועלט נאָך פון צוויי ענדליכע סובסטאנצען: גייסט און מאטעריע. דער גייסט קאן ניט פערנעהמען קיין איין פינטעל פון דעם ווירקליכען וועלטען־רוים, ער איז דורך און דורך דענקען. די מאטעריע איז דורך און דורך אויס־געשפרייטקייט, אויסדעהנונג און קאן ניט האָבען אין זיך קיין איין שמין פון א וועלכען עס איז פסיכישען געשעהען. די ביידע סוב־סטאנצען זענען אזוי פערשיעדען איינע פון די אנדערע, אז זיי האָבען גאָר קיין ברעקעל שייכות ניט איינע צו דער אנדערער. ממילא קאן גייסט ניט ווירקען אויף קערפער און קערפער קאן ניט ווירקען אויף גייסט. אזוי לעהרנט דער קלאָרער און דייטליכער שכל וועגען דעם ענין. אָבער אין דער ווירקליכקייט זעהען מיר, אז אין דעם מענשליכען אָרגאניזם זענען די ביידע סובסטאנצען

צונויף געבונדען אין איינעם. און דאס לעבען פון דעם מענשליכען אָרגאניזם שפּיעלט זיך אב אזוי, אקוראט ווי דער קערפּער וואָלט געקאָנט ווירקען אויפ'ן גייסט (מיר האָבען איינדרוקען פון דער דרויסענדיגער וועלט) און דער גייסט וואָלט געקאָנט ווירקען אויף דעם קערפּער (אונזער ווילען בעוועגט אונזערע מוסקולען).

ווי אזוי איז דאס מעגליך? דעקארט ענטפערט דארויף מיט אַן אויסרעד: גאָט האָט בעשאפען אַ וואונדער, אַז דאָס, וואָס קאָן ניט ווירקען איינס אויף ס'אַנדערע, זאָל ביי דעם מענשען יאָ ווירקען. אזא ענטפער געהט להיפך צו די גרונד־פונדאמענטען, אויף וועלכע דעקארט האָט אליין אויפגעבויט זיין פילאָסאָפיע: די פאָרדערונג פון דעם קלאָרען, ריינעם, שכל'דיגען דענקען. וואונדער אָבער זענען דאָס, וואָס געהט להיפך צום שכל, וואָס דער שכל קאָן בשום אופן ניט איינזעהן. אָט דער ווידערשפּרוך אין דעקארט'ס פילאָסאָפיע האָט ארויסגערופען די פילאָסאָפישע געדאנקען פון די אָקקאַזיאָנאַליסטען.

דער שכל האָט ארויסגעבראכט, אַז די אייגענטליכע, לעצטע אורזאַך פון אַלץ וואָס פּאסירט אויף דער וועלט איז גאָט. גייסט קאָן ניט ווירקען אויף קערפּער, קערפּער קאָן ניט ווירקען אויף גייסט, אָבער גאָט קאָן ווירקען אויף זיי ביידען, סיי אויף דעם קערפּער, סיי אויף דעם גייסט. דאָס גיט די אָקקאזיאָנאליסטען די מעגליכקייט צו דערקלעהרען דעם וואונדער אויף אַן אופן, וואָס געהט ניט להיפך צום שכל. אין דעם מאָמענט ווען עס קומט פאָר אַ וועלכע עס איז פערענדערונג אין דער קערפּערליכער סובסטאַנץ, רופט גאָט ארויס אַ פּאסענדע פערענדערונג אין דער גייסטיגער סובסטאַנץ. און צוריק: קומט פאָר אַ וועלכער עס איז פּראָצעס אין דער גייסטיגער וועלט, רופט גאָט ארויס די פּאסענדע בעוועגונג אין דער קערפּערליכער וועלט. אזוי ווירקען די ביידע סובסטאנצען איינע אויף די אַנדערע, ניט דירעקט, נאָר מיט דער פערמיטלונג פון גאָט, וואָס מישט זיך אריין אין דעם גאַנג פון דער נאַטור ביי יעדער גע־לעגענהייט (אָקקאזיאָ). דערפון שטאמט דער נאמען „אָקקאזיאָנאַ־ליסטען“.

די בעגרינדער פון דער שול זענען געוועזען די פראנצויזען דע־לאַ־פאָרזש און קאָרדעמוא. אָבער איהרע וויכטיגסטע פערטרעטער,

וואָס האָבען פערפיינערט און פערטיעפט דעם אָקקאַזיאָנאַליסטישען געדאַנק, זענען געווען געאולינקס און מאַל'בראַנש.

געאולינקס (1625 ביז 1669) מאַכט קדם כל קלאָהר דעם געדאַנק, פאַר וואָס מיר קאָנען ניט אָננעהמען, אַז אונזער ווילען ווירקט אויף דעם קערפּער, און אַז די קערפּערליכע ערשיינונגען זאָלען ווירקען אויף אונזער נשמה. וואָלט אונזער ווילען אַרויס־גערופען די בעוועגונגען פון אונזערע מוסקולען, יעמאָלט וואָלטען מיר קלאָהר איינגעזעהן, ווי אַזוי ער טהוט עס, ווייל ע ו ו ע ל ע ן איז „דענקען" און דענקען איז בעוואוסטזיין. אָבער דאָס זעהען מיר ניט איין. אין געדאַנקען ווילען מיר הויבען די האַנד, די האַנד הויבט זיך גלייך ווי פון זיך אַליין, פאָלגענדיג אונזער ווילען. אָבער „וואָס מיר ווייסען ניט, ווי מיר טהוען עס, דאָס טהוען מיר ניט", ווייל אונזער נשמה איז דורך און דורך דענקען און ווייסען. נאָך קלאָהרער איז עס ביי דער בעוועגונג פון דער צונג, בעת מיר רעדען. מיר זעהען ניט איין, ווי אַזוי אונזער ווילען קעהרט און ווענדט אונזער צונג, און דעריבער טאָרען מיר ניט זאָגען, אַז דאָס האָט אונזער ווילען געטהאָן. דאָס אייגענע איז אויך מיט דער ווירקונג פון דער דרויסענדיגער וועלט אויף אונז. די בעוועגונגען פון דער דרויסענדיגער וועלט ווערען ווייטער געפיהרט דורך די קערפּערליכע זינען־אָרגאַנען און דעם מאַרך ביז צו דער נשמה, און אין איהר וואַקסען אַרויס עמפּפינדונגען. מיר זעהען ניט איין, ווי אַזוי אין אונזער מאַרך שפּיעלט זיך אָב אָט דער איינ־ווירקונגס־פּראָצעס, און דעריבער טאָהרען מיר ניט זאָגען אַז מיר נעהמען אויף איינווירקונגען פון דרויסען. די בעוועגונגען אין דער מאַטעריע קומען פאַר אויס ריין־מעכאַנישע אורזאַכען, אַרויסגערופען דורך פריהערדיגע מעכאַנישע אורזאַכען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דער גרויסער קערפּערליכער וועלט. זי, די גאַנצע קערפּערליכע וועלט איז איין איינציגע, אין זיך אָבגעשלאָסענע סובסטאַנץ, און די בעוועגונגען פון אונזער קערפּער דאַרפען ערקלעהרט ווערען ריין־מעכאַניש, ווי א פּועל־יוצא פון יענע מעכאַנישע בעוועגונגען, וואָס קומען פאָר אין דער וועלט. צוריק: די פערענדערונגען אין דער נשמה זענען ריין־פּסיכישע פּראָצעסען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דער גייסטיגער סובסטאַנץ, וואָס איז אויך איין און דיזעלביגע

אין דער גאנצער וועלט; דאס לעבען פון אונזער נשמה דארף דע־ריבער דערקלעהרט ווערען בלויז דורך יענע פסיכישע טעטיגקייטען, וואָס הערשען אין דער איין איינציגער גייסטיגער סובסטאַנץ. זעהען מיר אָבער, אז אין א טייל פון דער קערפּערליכער וועלט־סובסטאַנץ, אין אונזער גוף און אין א טייל פון דער וועלטליכער גייסט־סובסטאַנץ, אונזער נשמה, שפּיעלען זיך אָב פּראָצעסען, וואָס פּאַסען איינע צו די אנדערע (ווי געדאנקען אין דער נשמה און געוויסע בעוועגונגען פון דער צונג), מוזען מיר אָננעהמען, אז דאָ מישט זיך אריין די דריטע אונענדליכע וועלט־סובסטאַנץ, גאָט, וואָס רופט ארויס די דאָזיגע צונויפשטימונג.

געאולינקס איז זעהר ווייט פון דעם געדאנק, אז גאָט מישט זיך אריין אין דעם נאטירליכען פּראָצעס פון די צוויי סובסטאַנצען פון געלעגענהייט צו געלעגענהייט. ער פערטיעפט דעקארט'ס מיינונג, אז גאָט איז יענע קראפט, וואָס האלט אויף אין יעדער רגע סיי די מאַטעריעלע סובסטאַנץ, סיי די גייסטיגע. ער איז א י ן י ע ד ע ר ר ג ע די אורזאכע פון אלע געשעהעניסען, וואָס קומען פאָר אין זיי. אויף אזא אופן מוז גאָט סיי ווי סיי אלע רגע ארויס־ברענגען די ענדערונגען ווי אין דער קערפּערליכער סובסטאַנץ, אזוי אויך אין דער גייסטיגער. דעריבער איז שוין קיין וואונדער ניט, וואָס ער שטימט צונויף אין יעדער רגע די צוויי וועלטען אזוי, אז זיי זאָלען פּאסען הארמאָניש איינע צו דער אנדערער.

דער פּועל יוצא דערפון איז, אז אונזער גייסטיגער לעבען שפּיעלט זיך אָב אָהן אונזער ווילען, אָהן אונזער טהאָן. מיר זענען, זאָגט געאולינקס, מעהר ניט, ווי צ ו ז ע ה ע ר פון א פּראָצעס, וואָס שפּיעלט זיך אָב אין אונז, ארויסגערופען פון דער אונענדליכער מאכט, פון גאָט.

מאל'בראנש (1638 ביז 1715) אינטערעסירט זיך מעהר מיט דער ערקענטניס־טעאָרעטישער זייט פון דעם זעלביגען פּראָבלעם. ער פרעגט, ווי אזוי קאָנען מיר האָבען וועלכע עס איז ריכטיגע אידעען וועגען דער דרויסענדיגער וועלט, בעת זי, די דרויסענדיגע קערפּער־וועלט, קאָן דאָך, ווי א קערפּער, ניט ווירקען אויף אונזער נשמה. זיין תירוץ איז, אז סיי די קערפּערליכע וועלט, סיי די נשמות אָדער די גייסטער, זענען ניט דרויסען פון גאָט, נאָר אינעוועניג אין גאָט.

(דעם שטאַנדפּונקט רופט מען פּאַן־ען־טהעאיזם: „אַלץ איז אין גאָט"). אין גאָט געפינען זיך אויך די געדאַנקען וועגען דער דרויסענדיגער וועלט. יענע געדאַנקען זעהט אונזער נשמה, זייענדיג אין גאָט. הייסט עס, אַז ווען מיר זעהען פאר זיך אַ דרויסענדיגע פאַרביגע, אויסגעשפּרייטע וועלט, זעהען מיר אייגענטליך ניט די וועלט גופא, נאָר גאָט'ס געדאַנקען וועגען איהר. יענע קלאָרע און דייטליכע געדאַנקען וועגען גאָט, וואָס מיר געפינען אין דער מאַטעמאַטיק און אין דער פילאָסאָפיע, רופען מיר די „איינגע־בוירענע". זעהען מיר אָבער גאָט'ס געדאַנקען ניט קלאָר, נאָר צומישט און דונקעל, יעמאָלט רופען מיר זיי די „פון־דרויסען־אריינ־געבראַכטע". ווען מיר זעהען פאר זיך אַ פ א ר ב י ג ע וועלט און הערען איהרע ק ל א נ ג ע ן, נעהמען מיר ניט אויף גאָט'ס ריכטיגע געדאַנקען וועגען דער וועלט, נאָר מיר מאַכען אַ געוויסען טעות. מיר פערשטעהען גאָט'ס געדאַנקען ניט און מיר ברענגען ארויס דמיונות אַנשטאָט קלאָרע און ריכטיגע געדאַנקען.

אויך דאָ, ביי מאַל'בראַנשען, קלינגט דורך גאַנץ קלאָר די אידעע, אַז מיר זענען מעהר נישט ווי צוזעהער פון אַ וועלכען ס'איז פּראָצעס וואָס שפּיעלט זיך אָב אין אונז אָהן אונזער ווילען.

## § 101. ברוך (בענעדיקט) ספּינאָזא (1632 ביז 1677).

דעקאַרט און די אָקקאַזיאָנאַליסטען האָבען ארויסגעבראַכט אין זייערע געדאַנקען אַ דאָפּעלטען דואַליזם. איינמאָל אַ געגענזאַץ צווישען גאָט און וועלט, דערנאָך אַ געגענזאַץ פון גייסט און מאַ־טעריע אין דער וועלט, פון גוף און נשמה אין דעם מענשליכען אָר־גאַניזם. די אָקקאַזיאָנאַליסטען האָבען, פּערטיעפענדיג דעקאַרט'ס געדאַנק, שוין כמעט ווי דערגראָבען זיך צו יענער איינהייט, אין וועלכער גאָט און וועלט, גייסט און מאַטעריע, גוף און נשמה, זענען איין־און די זעלביגע זאַך. דעקאַרט האָט די גאַנצע קערפּערליכע וועלט ארומגענומען מיט דעם איין־איינציגען געדאַנק פון מאַטעריע און בעוועגונג. געאולינקס האָט פון איהר געמאַכט איין איינציגע מאַטעריעלע וועלט־סובסטאַנץ. פון אַלע בעזונדערע נשמות, פון יענע גייסטיגע מאַטעמאַטישע פּונקטען, וואָס זיצען אין די פער־שיעדענע מענשליכע מחות, האָט ער געמאַכט איין־איינציגע גייס־טיגע סובסטאַנץ. מאַל'בראַנש האָט דיביידע סובסטאַנצען נעהענ

טער געבראכט צו גאט, אריינטראָגענדיג זיי אין איהם. פאר ספי־נאָזא'ן איז געבליבען צו מאכען דעם לעצטען קאָנסעקווענטען שריט — צונויפגיסען אין איינס די אַלע דריי עלעמענטען. אמת, דער לעצטער שריט איז געווען דער שווערסטער און טיעפסטער, און ספינאָזא האָט איהם ארויסגעבראכט, א דאנק דער איינווירקונג פון אנדערע גייסטיגע שטרעמונגען, וואָס האָבען זיך געטראָגען אין דער זעלביגער ריכטונג. געווירקט אויף איהם האָבען אי די אידישע קבלה, וואו גאָט און וועלט איז איין און די זעלביגע זאַך, אי דזשיאָרדאנא ברונא, וואָס איז געקומען צו דעם זעלביגען געדאנק, אי די אידישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע מיט איהר שארפער און קלאָהרער ארויסארבייטונג פון דעם בעגריף גאָט, אי בעזונדערס חסדאי קרשקש (לעז: חאסדאאי קרעסקאס) מיט זיין געדאנק, אז דער מענש האָט ניט קיין פרייען ווילען, אז אַלץ אין זיינע בעווע־גונגען און געדאנקען איז אפריהער בעשטימט (דעטערמענירט) פון גאָט. אויך די אינגערע פערטרעטער פון דער סכאלאסטישער פי־לאָסאָפיע וואָס איז ניט פערשוואונדען געוואָרען אין גאנצען, ווען די רענעסאנס פילאָסאָפיע און דער נייער געדאנק האָבען אונטער־געגראָבען איהר פונדאמענט, האָבען, ווי עס האָט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, געהאט א געוויסע ווירקונג אויף ספינאָזא'ס גייס־טיגע ענטוויקעלונג.

אָט די אַלע פערשיעדענע געדאנקען־שטרעמונגען האָבען ארויסגעבראכט אין ספינאָזא ניט אַן עקלעקטישען געמיש פון פער־שיעדענע שטאנדפונקטען; זיי זענען אַלע צונויפגעשמאָלצען גע־וואָרען אין איין איינציגער איינהייטליכער געדאנקען־מאסע, פון וועלכער ספינאָזא האָט ווי פון איין גאָס ארויסגעבראכט זיין וואונ־דער־שעהנעם פאנטהעאיסטישען וועלט־בילד.

## § 102. ספינאָזא'ס לעבען און שריפטען.

ברוך ספינאָזא איז געבאָרען געוואָרען אין אמסטערדאם ביי אידישע עלטערן וואָס זענען אריבערגעקומען קיין האָלאנד נאָך דעם, ווי מען האט די אידען פערטריעבען פון שפאניען. ער האָט בעקומען א גוטע תלמודישע ערציהונג ביי דעם בעריהמטען תלמודיסט רבי שאול לוי מאָרטיירא. שוין אין די אינגערע יאָה־רען איז ער בעקאנט געוואָרען מיט דער קבלה און דער אידישער רע־

ליגיעזער פילאָסאָפיע. שפּעטער האָט ער ביי אַ געבילדעטען קריסטליכען ארצט זיך אויסגעלערענט לאַטיין און האָט זיך גענו־מען פאר'ן שטודירען פון פילאָסאָפישע און נאַטור־וויסענשאַפט־ליכע ווערק. די נאַטור־וויסענשאַפטען האָבען איהם געפיהרט צו דעקארט'ס שריפטען, וועלכע האבען אין גאַנצען פערנומען זיין מוח און הארץ. דעם 6 אויגוסט 1656, נאָך ניט קיין 25 יאָהר אַלט, האָט די אידישע קהילה איהם אריינגעוואָרפען אין חרם פאר זיינע אפיקורסישע געדאַנקען, וועלכע ער האָט נאָך אין ערגיץ ניט פער־עפענטליכט. פון יעמאָלט אָן האָט ער זיך צוריקגעצויגען פון דער אידישער סביבה און האָט אין דעם קרייז פון פריינדליך־געזינטע קריסטען שטיל געלעבט, אויסארבייטענדיג זיין פילאָסאָפיע. די חיונה האָט ער געצויגען פון שלייפען גלעזער. דאס האט אפשר גע־ווירקט אויף זיין פריהצייטיגען טוידט. דער קעניג קארל לודוויג פון דער פפאלץ האָט איהם אָנגעבאָטען אַ פּראָפעסאר שטעלע אין דער אוניווערזיטעט היידעלבערג. ער, ספינאָזא, האָט אָבער די פּראָ־פעסאר שטעלע ניט אָנגענומען, ווייל ער איז ניט געווען זיכער, אז ער וועט קאָנען פריי ארויסזאָגען אַלע זיינע געדאַנקען, ווען אפילו מען האָט עס איהם צוגעזאָגט.

די ערשטע שריפט פון איהם, וואָס איז ארויס נאָך פאר זיין לעבען, איז אַן ארבייט וועגען „די פּרינציפּען פון דעקארטס פי־לאָסאָפיע", מיט אַ קאַפּיטעל: „מעטאפיזישע געדאַנקען", פון ספינאָזא אליין. (ערשיענען אין דעם יאָהר 1663). אין זיבען יאָהר ארום איז ארויס זיין ערשטע גרויסע זעלבסטשטענדיגע שריפט: „דער טהעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט" (1670). קיין פילאָסאָ־פישע פראגען בעהאנדעלט דאָרטען ניט ספינאָזא. ער קעמפּפט פאר די פּאָלשטענדיגע געדאנקען־פרייהייט אין אַלע רעליגיעזע און פּאָ־ליטישע ענינים. אויף די הייליגע שריפטען קוקט ער נאָר ווי אויף אַ מאָראַלישעס ווערק, וואָס האָט ניט דעם ציעל צו לעהרנען אונז דעם אמת, נאָר צו ערציהען אונז אין גוטע מדות. ער ווייזט אויף אַ סך ווידערשפּרוכען אין דער הייליגער שריפט און ווערט דער־מיט דער פאָטער פון דער איצטיגער ביבעל־קריטיק.

זיין הויפּט־פילאָסאָפישע שריפט: „די עטהיק", איז ארויס אין דעם זעלבינגען יאהר, אין וועלכען ער איז געשטאָר־

בען, 1677, אין איינעם מיט די איבעריגע קלענערע פילאָסאָפישע ווערק און די בריעף זיינע, וואָס ער האָט געשריבען צו פערשיעדענע דענקער און געלעהרנטע פון זיין צייט.

## § 103. ספינאָזאַ׳ס געאָמעטרישע מעטאָדע אין דער פילאָסאָפיע.

פון אלע געדאנקען דעקארט׳ס האָט אויף ספינאזא מעהר פאר אלץ געווירקט דעקארט׳ס ראציאָנאליזם, די זיכערע און פעסטע איבערצייגונג, אז אלץ, וואָס דער שכל געפינט אויס קלאָר און דייטליך, מוז זיין אמת. די רעזולטאטען, צו וועלכע עס קומט דער קלאָרער דענקען מוזען זיך געפינען אין דער דרויסענדיגער וועלט, אקוראט אזוי, ווי דאָס קומט אוים על פי שכל.

דער קלאָרער און דייטליכער שכל האָט בעוויזען זיין העכסטע קראפט אין דער מאטעמאטישער וויסענשאפט. האָט מען אין איהר ריכטיג אויפגעשטעלט א וועלכען עס איז בעגריף, מוזען פון איהם על פי לאָגישער נויטווענדיגקייט ארויסוואקסען געוויסע טעאָרעמען, וועלכע דער שכל קען בשום אופן ניט אבלייקענען. און יענע טעאָרעמען זענען אמת, ניט נאָר פאר׳ן געדאנק, נאָר אויך פאר דער גאנצער וועלט, וואָס ליגט דרויסען פון דעם געדאנק. דאָס „דענקען“ איז א ריכטיגער שפיגעל פון דעם „זיין“.

אָט די זעלביגע מאטעמאטישע מעטאָדע ווענדט אָן ספינאָזא אויך אין זיין פילאָסאָפיע. ער געהט ארוים פון געוויסע דעפיניציאָנען, דאָס הייסט בעגריף־בעשטימונגען, און אויף זייער פונדאַמענט בויט ער פונקט פאר פונקט אלע לעהר־זעצען פון זיין פילאָסאָפישער געדאנקען־וועלט. זיין הויפט־אויפגאבע איז, אייגענטליך, א ספעציאל פילאָסאָפישע אונטערזוכונג וועגען דעם, וואָס איז אזוינס די העכסטע טוגענד. אָבער כדי צו געפינען דעם ענטפער אויף דער וויכטיגער שאלה, מוז ער פריהער פערענטפערן די פראַגען: וואָס איז אזוינס גאָט, וועלט און מענש, און וואָס זענען די גרונד־פרינציפען פון דעם וועלטליכען געשעהן. דעם אמת פון אלע זיינע ענטפערן אויף די דאָזיגע פראגען וויל ער בעווייזען „אויפ׳ן געאָמעטרישען אופן“. (מאָרע געאָמעטריקאָ.)

## § 104. „גאָט, אָדער נאַטור“.

אין איינעם מיט דעקאַרטען האַלט ספינאָזא, אַז אַלץ, וואָס עס איז דאָ אין דער וועלט, איז אָדער א סובסטאַנץ, אַן „עפּעס“, וואָס האָט געוויסע אייגענשאַפטען אין זיך, אָדער אַן א ט ר י ב ו ט — א נויטוועגדיגע אייגענשאַפט, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס דאָס וועזען פון דער סובסטאַנץ, אָדער א מאָדוס — א צופעליגער צו־שטאַנד, אין וועלכען עס געפינט זיך די סובסטאַנץ. אָבער ער גע־פינט, אַז דעקאַרט האָט נאָך ניט גענוג קלאָר און דייטליך אַרויסגע־געבען דעם עצם פון דעם, וואָס אַזוינס עס דאַרף פאַרשטאַנען ווערען אונטער די ווערטער: סובסטאַנץ, מאָדוס און אַטריבוט. לויט דעקאַרטען איז א סובסטאַנץ, עפּעס אַזוינס, „וואָס איז אין זיך זעלבסט און וואָס דאַרף קיין זאַך ניט צו זיין עקזיסטענץ“. די בע־גריף־בעשטימונג לעגט צופיעל געוויכט אויף דעם דרויסענדיגען ז י י ן פון דער זאַך און רעכענט זיך צו ווייניג מיט די שכל'דיגע בעדינגונגען פון דעם קלאָרען און דייטליכען דענקען. ניט וואָס א סובסטאַנץ א י ז, מוז מען פריהער אויסגעפינען, נאָר וואָס אַזוינס מוזען מיר ד ע נ ק ע ן, ווען מיר טראַכטען וועגען א סובסטאַנץ, ווייל אין דעם ריכטיגען דענקען געפינען מיר דעם אמת פון דעם „זיין“. ספינאָזא טראָגט דעריבער אַריין א פאַרבעסערונג אין דעקאַרטס בעגריף־בעשטימונג פון דער סובסטאַנץ. „אונטער סובסטאַנץ“, זאָגט ספינאָזא, „פאַרשטעה איך דאָס וואָס איז אין זיך און וואָס ווערט פאָרגעשטעלט דורך זיך גופא. דאָס הייסט, אַזוינס, וואָס זיין פאַרשטעלען נויטיגט זיך ניט אין דער פאַר־שטעלונג פון אַנאַנדער זאַך, דורך וועלכע עס וואָלט בעדאַרפט ווע־רען פאַרמירט“ (געבילדעט, אויפגעבויט). ספינאָזא וויל דערמיט זאָגען, אַז א סובסטאַנץ איז נאָר אַזאַ זאַך, וואָס האָט אַלע איהרע לאָגישע סמנים אין זיך גופא, וואָס דאַרף דעריבער ניט ד ע ר ־ק ל ע ה ר ט ווערען דורך א וועלכע עס איז אַנדער זאַך, וואָס ליעגט דרויסען פון איהר.

פון אָט דעם בעגריף־בעשטימונג געהען שוין ממילא אַרויס א סך גרונד־זעצען, וואָס בעשטימען די טבע און די בעדייטונג פון דער סובסטאַנץ.

ערשטענס מוז א סובסטאַנץ זיין א ו נ ב ע ג ר ע נ י צ ט.

ווייל אויב איך זאָל אָננעהמען אז די סובסטאַנץ האָט א וועלכען עס איז גרעניץ, מוז איך אויך אָננעהמען, אז עס איז דאָ א וועלכע עס איז אנדער זאך וואָס בעגרעניצט זי; הייסט עס, אז כדי צו פערשטעהן אין גאנצען דעם געדאנק פון דער סובסטאַנץ מוז איך שוין אָנקומען צו דעם געדאנק וועגען יענער זאך, וואָס ליעגט דרויסען פון איהר און וואס בעגרעניצט זי. אָבער יעמאלט וועט שוין די סובסטאַנץ ניט זיין קיין סובסטאנץ, ווייל דער געדאנק וועגען איהר טאָר זיך ניט נויטיגען אין דעם געדאנק פון אַנאַנדער זאך, וואָס זאָל העלפען אויסבילדען איהם. ממילא, מוזען מיר דענקען, אז די סובסטאַנץ איז אונבעגרעניצט. אויב זי איז אָבער אונבעגרעניצט, הייסט עס, אז זי איז אונענדליך. ווייל עס קאן ניט זיין קיין זאך, וואָס זאָל מאַכען איהר אן ענד. איז זי אָבער אונענדליך, יעמאָלט קומט ארוים ממילא דערפון, אז עס קאָנען ניט זיין אין דער וועלט קיין פיעל סובסטאַנצען, נאָר עס מוז זיין אין איהר ניט מעהר ווי איין איינציגע אונענדליכע סובסטאַנץ. און אין דער אמת'ן לאָמיר אָננעהמען אויף א וויילע, אז עס זענען דאָ מעהרערע אונענדליכע סובסטאַנצען, לכל הפחות צוויי. יעמאָלט איז ממה נפשך: זענען די צוויי אונענדליכע סובסטאנצען אין אלע פרטים גלייך איינע צו דער אנדערער, איז מיט וואָס זענען זיי צוויי? יעמאָלט זענען זיי איין־און־די־זעלביגע זאך אין געדאנק און ממילא איין־און־דיזעלביגע זאך אין דער ווירקליכקייט. זענען זיי אָבער פערשיעדען איינע פון די אנדערע אין א וועלכען עס איז פרט, הייסט עס, אז איין סובסטאַנץ האָט אין זיך א וועלכען עס איז סימן, וועלכען די אַנדערע האָט ניט. און כדי צו פערשטעהן אין גאנצען דעם געדאנק פון איין סובסטאַנץ, מוז מען האָבען אין זינען דעם געדאנק, אז זי איז פערשיעדען פון דער אַנדער סובסטאַנץ. דאָס הייסט, אז איהר געדאנק ווערט אויפגעבויט ניט נאָר פון איהר גופא, נאָר אויך מיט דער הילף פון דעם געדאנק פון אַנאַנדער זאך, וואָס ליגט דרויסען פון איהר. דאָס געהט אָבער להיפך צו אונזער בעשטימונג וועגען א סובסטאַנץ און ממילא קאן דאס ניט זיין אין דער ווירקליכקייט. דעריבער מוזען מיר אָננעהמען אז עס קאן נאָר זיין איין איינציגע סובסטאַנץ.

וואָס איז דער וועזען פון דער איין־איינציגער וועלט־סוב־

סטאַנץ? כדי צו פערענטפערן די שאלה מוזען מיר אויסגעפינען, וואָס זענען איהרע אטריבוטען. „אונטער אטריבוט", זאָגט ספּי־נאָזא, „פערשטעה איך דאָס, וואָס דער פערשטאַנד בענעהמט פון דער סובסטאַנץ, ווי עפּעס אזוינס, וואָס מאַכט אוים איהר וועזען". ווי באלד עס איז דאָ נאָר איין איינציגע אונענדליכע וועלט־סוב־סטאַנץ, מוז איך אָנעהמען, אז זי האָט אין זיך אונענדליך פיעל אַטריבוטען. ווייל אויב איך זאָל צולאָזען, אז א וועלכער עס איז אטריבוט פעהלט אין דער סובסטאַנץ, מוז איך שוין דענקען, אז זי איז אין א געוויסען פּרט בעגרעניצט, דאָס הייסט איך מוז שוין ווידער דענקען וועגען עפּעס אַנאַנדער זאַך, וואָס איהר פעהלט, און דערמיט ווידער ארויסגעהן פון יענעם געדאַנקליכען גדר, מיט וועלכען עס איז בעגריפליך ארומגעצוימט געוואָרען די ריכטיגע פּאָרשטעלונג פון א סובסטאַנץ. זענען אָבער די אטריבוטען פון דער וועלט־סובסטאַנץ אונענדליך פיעל, יעמאָלט הייסט עס, אז די סובסטאַנץ איז דאָס אלער־פּאָלקאָמענסטע וועזען. ווייל, אויב זי זאָל אין א וועלכען עס איז פּרט ניט שטעהן אויף דער העכסטער שטופע פון פּאָלקאָמענהייט, וואָלט עס געהייסען, אז עס איז דאָ נאָך אויסער דעם געדאַנק וועגען דער סובסטאַנץ נאָך א וועלכער עס איז אַנדערער געדאַנק, וואָס איז נאָך פּאָלקאָמענער עהדער דער געדאַנק וועגען דער סובסטאַנץ. און יעמאָלט וועט י ע נ ע ר גע־דאַנק זיין די ריכטיגע סובסטאַנץ, ווייל ער וועט זיך שוין אין קיין אַנדער געדאַנק, אויסער זיך גופא ניט נויטיגען. אַן אלער־פּאָל־קאָמענסטער וועזען איז אָבער גאָט. און ממילא איז דערפון גע־דרונגען, אז די איין איינציגע וועלט־סובסטאַנץ מיט די אונענדליך־פילע אטריבוטען, וואָס מאַכען אוים איהר וועזען, איז ניט קיין אַנ־דער זאַך, סיידען גאָט.

פון די אונענדליך פיעלע אטריבוטען, וואָס גאָט האָט אין זיך, קאָן אָבער אונזער פערשטאַנד בענעהמען מעהר נישט ווי צוויי. דאָס זענען אויסגעשפּרייטקייט און דענקען. אויסגעשפּרייטקייט איז דעריבער ניט אַן אטריבוט פון א וועלכער עס איז מאַטעריעלער סובסטאַנץ, וואָס ליעגט דרויסען פון גאָט, נאָר דאָס איז אַן איי־גענשאַפט, וואָס געהערט צו דעם עצם פון גאָט'ס זיין. גאָט איז רוימליך אויסגעשפּרייט אין דער אונענדליכקייט. דאָס אייגענע איז

אויך מיט דעם דענקען. דענקען איז ניט אן אטריבוט, פון א וועל־כער עס איז א גייסטיגער סובסטאנץ, וואָס געפינט זיך ערגעץ וואו דרויסען פון גאָט און איז פערשיעדען פון גאָט, נאָר עס איז א נויט־ווענדיגע וועזענטליכע אייגענשאַפט, אן אטריבוט פון גאָט גופא. דער רוימליך־אויסגעשפרייטער אונענדליכער גאָט איז אין דער זעלביגער צייט תמיד דענקענד.

אָט מיט דעם רעזולטאט פון זיין „געאָמעטרישען" געדאנקען־גאנג פערענטפערט ספינאָזא די גרויסע שאלה, וואָס האָט געפייניגט דעקארט'ען און די אָקקאזיאנאליסטען. ווי אזוי איז עס מעגליך, האָבען זיי געפרעגט, אז די קערפערליכע סובסטאנץ זאָל ווירקען אויף דער גייסטיגער און אומגעקעהרט? עס איז ניטאָ ניט קיין קערפערליכע, ניט קיין גייסטיגע סובסטאנץ דרויסען פון גאָט, ענט־פערט ספינאָזא. עס איז דאָ נאָר א י י ן סובסטאנץ מיט צוויי אטריבוטען, וואָס זענען צוגעבונדען צו אונזער פערשטאנד: אויס־געשפרייטקייט און דענקען. זיי לויפען אין גאָט פאראלעל; דאס הייסט: אין יעדען מאָמענט פון גאָט'ס זיין און אין יעדען פונקט פון זיין עקזיסטענץ זענען אויסגעשפרייטקייט און דענקען, גשמיות און רוחניות, אזוי ענג צונויפגעגאָסען אין־איינעם, אז מען קאן זיי ניט פאנאנדערטרייסען. און בעת מיר זעהען אז, ווען עס קומען פאָר געוויסע מאטעריעלע פערענדערונגען אין דער וועלט, קומען אויך פאָר געוויסע גייסטיגע פערענדערונגען, וואָס פאסען צו זיי, און אומגעקעהרט, אז בעת עס געשעהען געוויסע גייסטיגע פערענדע־רונגען, געשעהען אויך געוויסע, צו זיי פאסענדע, מאטעריעלע בע־וועגונגען, — מוזען מיר אָננעהמען, אז דאָ ווירקט ניט איין סובסטאנץ אויף אנאנדער סובסטאנץ, נאָר דאָ קומט פאָר אן איין־איינציגער פּראָצעס אין דער איין־איינציגער סובסטאנץ, וואָס דריקט זיך אויס אויף א פערשיעדענעם אופן אין איהרע צוויי אונז בעקאנטע אטריבוטען. פערענדערט זיך דער צושטאנד פון דער סובסטאנץ, פערענדערט זיך אויך אין דער זעלביגער צייט איהר צושטאנד אין דער אויסגעשפרייטקייט און איהר צושטאנד אין דענקען.

דעם געדאנקען־גאנג ספינאָזא'ס קאָן מען זיך בילדליך פאָר־שטעלען, ווען מיר וועלען אָננעהמען, צום ביישפיעל, אז איין פינ־

גער פון אונזער האַנד איז אויבען בעפאַרבט מיט א בלויער פאַרב און אונטען מיט א רויטער. דער פינגער, זאָל זיין, איז די סובסטאַנץ, די בלאָהע פאַרב — דאָס דענקען, און די רויטע פאַרב — די אויס־געשפּרייטקייט. בויגט זיך דער פינגער (די סובסטאַנץ) צונויף, יעמאָלט בויגען זיך אין דער זעלביגער צייט צונויף אויך זיינע ביידע „אַטריבוטען", — די בלאָהע פאַרב און די רויטע פאַרב. די רויטע פאַרב האָט זיך ניט דערפאַר צונויפגעבויגען, ווייל די בלאָהע האָט זיך צונויפגעבויגען און די לאַגע פון דער בלאָהער פאַרב האָט זיך ניט דערפאַר פערענדערט, ווייל די לאַגע פון דער רויטער פאַרב האָט זיך פערענדערט, נאָר די לאַגע פון ביידע פאַרבען האָט זיך פּאַ־ראַלעל איבערגעביטען דערפאַר, ווייל זייער ביידענ'ס „טרעגער", דער פינגער, האָט אומגעביטען זיין לאַגע.

ספינאָזא'ס געדאַנק, אז עס איז דאָ נאָר איין איינציגע אונענד־ליכע וועלט־סובסטאַנץ, וועמעס ערקענבאַרע אַטריבוטען עס זענען דענקען און אויסגעשפּרייטקייט, הויבט אויף די פילאָסאָפיע אויף דעם העכסטען שטאַפּעל פון מאָניזם. אין איהם ווערט פערשוואונ־דען קודם כל דער נאַטור־פילאָסאָפישער דואליזם פון גייסט און מאַטעריע. פון די צוויי סובסטאַנצען: קערפּער און גייסט ווערען נאָר צוויי אַטריבוטען, צוויי זייטען פון איין־און־דערזעלביגער סובסטאַנץ. איז אָבער דאַ נאָר איין איינציגע סובסטאַנץ, וואָס איז צו יעדער צייט אויסגעשפּרייט און דענקענד, יעמאָלט קאָן ניט געמאָלט זיין, עס זאָל זיך ערגיין וואו געפינען אַ גייסטיגע ער־שיינונג אָהן א קערפּערליכער און א קערפּערליכע ערשיינונג אָהן א גייסטיגער. רוחניות און גשמיות זענען תמיד פערבונדען אזוי, אז איינע קאָן ניט געהן אָהן דער אַנדערער.

ספינאָזא'ס מאָניזם מאַכט אויך מיט אַמאָל אַן ענד צו יענעם תהום, וואָס האָט אין דער טהעאָלאָגיע געהערשט צווישען גאָט און וועלט. גאָט און וועלט בעשטעהען פון איין־און־דערזעלביגער סוב־סטאַנץ, זענען צונויפגעבונדען אין איין און דעמזעלביגען וועלט־פּראָצעס. דעריבער געברויכט ספינאָזא, כמעט אומעטום וואו ער רעדט וועגען גאָט, דעם אויסדרוק: „גאָט אָדער נאַטור" (דעאוס סי־ווע נאַטורא). גאָט קאָן ניט זיין אָהן נאַטור און נאַטור קאָן ניט זיין אָהן גאָט.

די צונויפגיסונג פון גאָט און נאַטור אין איין און דעמזעלביגען בעגריף פיהרט צו א נייעם בליק אויף די געשעהעניסען, פּאַסירונגען און זאכען אין דער וועלט. מיר זענען געוואוינט צו בענעהמען די וועלט־ערשיינונגען, ווי איינצעלנע זאכען און פּאַסירונגען, אָבגע־ריסען איינע פון די אנדערע און וואָס האָבען כמעט גאָר קיין שייכות ניט איינע צו די אנדערע. א וואָרים וואָס קריכט ערגיץ וואו אום אין אפריקא און דער גרעסטער מענשליכער זשעניע אין אייראָפּא זענען צוויי איינצעל־ערשיינונגען, וואָס האָבען קיין ברעקעל מגע און משא ניט איינע מיט דער אנדערער. בעטראַכט מען אָבער די זאַ־כען פון דער וועלט אין דעם ליכט פון דער ספּינאָזיסטישער סובסטאַנץ, יעמאָלט זעהט מען איין, אז עס זענען גאָר ניט דאָ קיין איינצעל־זאכען, וואָס זאָלען זיין לחלוטין פערשיעדען און לגמרי אָבגעריסען איינע פון די אנדערע. די אונענדליכע געטליכע וועלט־סובסטאַנץ דריקט זיך אויס און איז טהעטיג אין דעם וואָ־רים פון אפריקא אזוי גוט, ווי אין דעם גרעסטען זשעניע פון איי־ראָפּא. ביידע זענען זיי טיילען פון דער איין־איינציגער אלוועלט־ליכער סובסטאַנץ, טיילען וועלכע נאָר דער מענשליכער, ניט קלאָר־דענקענדער כח הדמיון קאן בעטראַכטען ווי זעלבסטשטענדיגע זאַ־כען. אין אמת'ען זענען ניטאָ קיין פערשיעדענע זאכען: עס איז נאָר דאָ איין־איינציגע זאך, די וועלט — וואָס איז גאָט. די איינ־צעל־זאכען זענען מעהר ניט ווי פערשיעדענע צושטענדען, (מאָ־דוסען) אין וועלכע עס געפינט זיך די געטליכע סובסטאַנץ אין פערשיעדענע צייטען און פערשיעדענע פּלעצער פון דעם אונענד־ליכען רוים. כדי מסביר צו זיין דעם געדאַנק, געברויכט ספּינאָזא דאס שעהנע בילד פון דעם ים און זיינע וואלען. יעדער וואל קאן אויסדוכטען ווי א בעזונדער זאך וואָס האָט קיין שייכות ניט צו די איבעריגע וואלען. אין דער אמת'ען אָבער, האָט דער וואל, בעצם, גאָר קיין ממשות ניט. ער איז א טייל פון דעם גרויסען ים, א טייל, וואָס איז ניט אָבגעריסען פון איהם, נאָר איז א י ן איהם. און אויך די אנדערע וואלען זענען אזעלכע טיילען פון דעם אויבי־גען גרויסען ים און זענען צונויפגעגאָסען מיט איהם. דער וואָרים אין אפריקא און דער זשעניע אין אייראָפּא זענען אזעלכע קליינע וואלען, וועלכע דער וועלט־ים ברענגט ארוים פון זיך, לאָזט זיי אויף

א ווײלע אָננעהמען א בעזונדער געשטאַלט און שלינגט זײ דערנאָך ווידער אײן, כדי פון דער זעלביגער סובסטאַנץ ארויסצוברענגען נײע וואַלען, נײע געשטאַלטען.

און אקוראט ווי עס זענען ניטאָ קײן אײנצעל־זאַכען, אָבגע־ריסען אײנע פון די אנדערע, אזוי זענען אויך ניטאָ קײן אײנצעל־פּאַסירונגען אין דעם וועלט־געשעהן. זאָל מען בעטראַכטען דאס לע־בען פון דעם וואָרעם אין אפריקא און דאָס לעבען פון דעם גרעס־טען זשעניע אין אײראָפּאַ, קאָן ווידער אויסדוכטען, אז אָט די צווײ לעבענס זענען אָבגעריסען אײנס פון דעם אנדערען און האָבען קײן ברעקעל שייכות ניט צווישען זיך. דערמאָהנט מען זיך אָבער, אז עס זענען ניטאָ קײן אײנצעל־זאַכען, אז די אײנצעל־זאַכען זענען נאָר צושטענדען אין דער גרויסער וועלט־סובסטאַנץ, מוז מען אײנזעהן, אז אויך די אײנצעל־פּאַסירונגען זענען ניט מעהר ווי מאָ־מענטען אין דעם אײן־אײנציגען וועלט־פּראָצעס, דעם אײן־אײנ־ציגען לעבען פון דער געטליכער וועלט־סובסטאַנץ. דאס לעבען פון דעם וואָרעם און דאָס לעבען פון דעם זשעניע זענען אקוראט אזוי ענג פערבונדען און צונויפגעגאָסען אינאײנעם, ווי די טײלען פון דער סובסטאַנץ אין וועלכע די בײדע לעבענס שפּילען זיך אָב. זײ געהערען אײנס צו דעם אנדערען, ווי צווײ בלעטליך פון אײן בוים, ווי צווײ פערזען פון אײן שיר.

און אין בײדע לעבענס, ווי אין אלע פּראָצעסען פון דער וועלט, געהט דורך הארמאָניש און פּאַראַלעל די צונויפקלינגונג פון מע־כאַנישער בעוועגונג, וואָס הערשט אין דער אויסגעשפּרייטקייט פון דער סובסטאַנץ, און פון פּסיכישען בעוואוסטזיין, וואָס הערשט אין איהר דענקען.

די בעוועגונגען שפּילען זיך אָב נאָך די געזעצען פון בעווע־גונג, דער פּסיכישער פּראָצעס שפּילט זיך אָב, לויט די געזעצען פון דענקען, אָבער בײדע פּראָצעסען זענען אײן און דיעזעלביגע זאַך: צווײ זײטען פון דעם אויביגען געטליכען געשעהען. „די אָרדנונג און דער צוזאמענהאנג פון די אידעען", זאָגט ספּינאָזא, „איז די זעלביגע זאַך ווי די אָרדנונג און דער צוזאמענהאנג פון די זאַכען". (אָרדאָ עט קאָננעקסיאָ אידעארום אידעם עסט אַק אָרדאָ עט קאָנ־נעקסיאָ רערום). דרײ זאַכען (אויב ניט נאָך מעהרערע) זענען דער־

ריט געמיינט. ערשטענס, אז אומעטום, אין יעדער איינצעל־זאַך און אין יעדער פּאַסירונג הענגט צונויף דער מעכאַנישער בעווע־גונגס־פּראָצעס, וואָס רופט זיי ארויס, מיט אַ געוויסען גייסטיגען פּראָצעס וואס קומט אין זיי פּאָר, און די ביידע זייטען זענען האר־מאָניש צונויפגעשטימט איינע מיט דער אַנדערער. אַ געוויסע ארט פון בעוועגונג איז תמיד צונויפגעפּאסט מיט אַ געוויסער ארט פון דענקען. אין אַ מינעראַל, צום ביישפּיעל, זענען אנדערע בעוועגונ־גען און דענק־פּראָצעסען ווי אין אַ פּלאַנץ; אין אַ פּלאַנץ אַנדערע בעוועגונגען און דענק־פּראָצעסען ווי אין אַ חיה; ביי דעם מענ־שען ווידער אַנדערע קאָמבינאַציעס פון בעוועגונג און דענקען. אָבער ווי פערשיעדען זיי זאָלען ניט זיין, זענעז זיי ניט מעהר ווי פערשיעדענע צושטענדען אין דער איין־איינציגער וועלט־בעוועגונג און אין דעם איין־איינציגען וועלט־געדאַנקען.

די צווייטע בעדייטונג פון אָט דעם גרונד־זאַץ איז, אז אויך אין דער איינהייטליכער וועלט־סובסטאַנץ, ווען מען בעטראַכט זי, ווי איין גאַנצעס, קומט פּאָר דער זעלביגער פּאַראַלעליזם פון אויס־געשפּרייטקייט און דענקען. דער איינהייטליכער וועלטען־רוים איז פערבונדען מיט אַן איינהייטליכען וועלט־געדאַנק. גאָט'ס אונ־ענדליכער קערפּער איז פערבונדען מיט „גאָט'ס אונענדליכען שכל" („אינטעלעקטוס דעאי אינפיניטוס"). די געטליכע וועלט־סובסטאַנץ האָט אַ קלאָרען און דייטליכען בעוואוסטזיין פון זיך גופא, פון אַלע איהרע אטריבוטען, אויך פון די, וועלכע דער מענש־ליכער שכל קאָן ניט משיג זיין. זי ווייס אויך אָבער פון אַלע איינצעל־פּאַסירונגען און צושטענדען, וואָס שפּילען זיך אין איהר אָב. אין איהר אונענדליכען שכל שטעהט קלאָהר די נויטווענדיגע שייכות צווישען דעם לעבען פון דעם וואָרעם אין אפריקא און דעם לעבען פון דעם העכסטען זשעניע אין אייראָפּא. איהר איז קלאָר די שייכות פון דיעזע צוויי פערזען אין דעם אונענדליכען וועלטען־שיר.

אָט דער פּונקט איז זעהר וויכטיג, כדי ריכטיג צו פערשטעהן ספּינאָזא'ס מאָניסטישע פילאָסאָפיע. פערשיעדענע פאָרשער זע־נען געווען גענייגט צו מאַכען פון ספּינאָזא'ן אַ מין מאָדערנעם מא־טעריאַליסטישען מאָניסט, ווייל ער האָט געלעהרנט, אז עס איז

ניטאָ קיין גייסט אָהן קערפּער. דער פּרינציפּיעלער אונטערשיעד פון ספּינאָזאַ און דעם מאַטעריאַליזם ליגט ניט נאָר אין דער פראַגע צי עס קאָן זיך געפינען מאַטעריע אויף דער וועלט, וואָס האָט אין זיך ניט קיין ברעקעל רוחניות, נאָר אויך אין דער וויכטיגערער, ר ע ־ ל י ג י ע ז ע ר שאלה: צי עס איז דאָ אין דער וועלט א שכל'־דיגער פּרינציפּ, וואָס שטעהט העכער עהדער דער מענשליכער שכל, און וואָס נעהמט ארום אין זיין געדאנק די גאנצע ווירקליכע וועלט. כמעט אלע מאַטעריאַליסטישע און עמפּירישע סיסטעמען, ווי זיי זאָלען ניט אויסטייטשען די שייכות פון מאַטעריע און גייסט, זענען נוטה אָנצונעהמען, אז דער העכסטער פונקט פון גייסטיגע ענט־ווירקלונג אין דער נאַטור איז דער מענשליכער שכל. ספּינאָזאַ איז דורך און דורך פּרעמד צו אזא בעגריף פון דער וועלט. זיין אַל־וועלטליכע סובסטאַנץ, וועלכע ברענגט ארוים דעם איין־איינציגען וועלטליכען פּראָצעס, וואָס שפּיעלט זיך אָב פון אייביגקייט צו אייביגקייט אין איהר, האָט אויך דעם קלאָרען בעוואוסטזיין פון יע־נעם אונגעהויער פערוויקעלטען און רייכען וועלט־פּראָצעס. די אונענדליכע סובסטאַנץ האָט אַן אונענדליכען שכל. ספּינאָזאַ רופט איהם אָן, אין־איינעם מיט פילאָן: „לאָגאָס“, און געברויכט פאר איהם דעם זעלביגען אויסדרוק, וואָס פילאָן האָט אָנגעווענדט: דער לאגאס איז גאָט'ס זוהן. עס פערשטעהט זיך, אז דער אויסדרוק איז ניט נאָר פּאַסיג פאר ספּינאָזאַ'ס געדאנק. ביי ספּינאָזאַ'ן איז דער „זוהן“ אַן אייביגע וועזענטליכע איינגענשאַפט פון גאָט, וואָס קאָן ניט אָבגעריסען זיין פון איהם און עקזיסטירען אויסער איהם. ווי די מעשה איז, מוז מען תמיד האָבען אין זינען אָט דעם „לאָגאָס“, דעם אונענדליכען שכל פון דער סובסטאַנץ, ווען מען וויל ריכטיג פערשטעהן די גאנצע פילאָסאָפיע פון ספּינאָזאַ. גאָט־סובסטאַנץ, איז די העכסטע פּאָלקאָמענהייט, דעריבער איז ער אויך די העכסטע מדרגה פון קלאָרען אונענדליכען דענקען. און זיין העכסטע פּאָלקאָמענהייט דריקט זיך אוים אין זיין ר ע אַ ל י ־ ט ע ט, אין דער קראַפט צו זיין און צו ווירקען. גאָט האָט ניט נאָר א קלאָרען בעוואוסטזיין וועגען זיין אייגענעם וועזען און זיין ראַלע אין דער וועלט, נאָר ער האָט אויך א ג ע פ י ה ל פ ו ן ל י ע ב ע צו דער וועלט, דאָס הייסט צו זיך אליין.

און דריטענס ליעגט אין דעם גרונד־זאַץ, אז די אָרדענונג פון די אידעען איז גלייך צו דער אָרדענונג פון די זאכען, איינגעשלאָסען דער „אני מאמין" פון דעם ראַציאָנאַליזם, אז די קלאָרע און דייט־ליכע „אידעען" שפּיעגלען אויך ביי דעם מענשען ריכטיג אָב אין זיך די געזעצען, לויט וועלכע עס בעוועגען זיך די „זאכען".

§ 105. די שאַפענדע און די געשאַפענע נאַטור.

ספּינאָזא'ס מאָניזם זעהט ניט נאָר אויסצוגעפינען די איינ־הייט אין דער פערשיעדענקייט, נאָר אויך ארויסצוברענגען די פערשיעדענקייט אין דער איינהייט. די גענענזעצען ווערען ניט פשוט אָבגעמעקט. זיי בלייבען בעשטעהן ווי זייטען, ווי טיילען פון א העכערער איינהייט. דאָס איז אמת אויך בנוגע צו דעם נעגענזאץ פון גאָט און וועלט.

ווי ענג עס זאָל ניט זיין צונויפגעבונדען דער געדאנק פון גאָט מיט דעם געדאנק פון דער וועלט, מוז מען דאָך, לויט ספּינאָזא, געדענקען דעם אונטערשיעד, וואָס הערשט צווישען זיי. גאָט — דאָס איז די וועלט־סובסטאנץ אין איהר איינהייט און גאנצקייט מיט דעם אונענדליכען שכל, וואָס הערשט אין איהר. די וועלט, דאס איז דער סכום פון יענע איינצעל־פּאסירונגען און איינצעל־זאכען, וואָס זענען אין דער וועלט־סובסטאנץ און וואָס שטאמען פון איהר. ביידע זענען זיי נאטור. אָבער גאָט איז די נאטור וואָס שאפט, און די וועלט איז די נאטור, וואָס ווערט געשאפען. די ערשטע רופט ספּינאָזא אָן, אין איינעם מיט דזשיאָרדאנאָ ברונא, „נאטורא נאטוראנס" (די נאטור, וואָס ברענגט ארויס נאטור), און די אַנדערע רופט ער: „נאטורא נאטוראטא" (די ארויסגעבראכטע נאטור). די וועלט, הייסט עס, איז ניט נאָר „גאָט", נאָר, אין א געוויסען זין, שטאמט זי אויך פון גאָט. ווי אזוי שטאמט די וועלט פון גאָט?

פאנטהעאיסטישע דענקער לאָזען ארויסגעהן די וועלט פון גאָט, ווי, לאָמיר זאָגען, א בוים געהט ארויס פון זיין קערענדעל, אָדער די שטראַהלען, וואָס פליסען ארויס פון א לייכטענדען קערפּער. דער ערשטער שטאנדפּונקט איז א שטאנדפּונקט פון ע נ ט ־ וו י ק ל ו נ ג (עוואָלוציאָן), דער צווייטער — דער שטאנדפּונקט פון עמאַנאַציאָן. ספּינאזא שטעלט זיך די זאך גאנץ אנדערש פאָר.

די וועלט פאלט ניט ארויס פון גאָט: זי בלייבט תמיד אין איהם. זי איז פון אייביגקייט צונויפגעבונדען מיט דעם געטליכען פּרינציפּ. אָבער זי שטאמט פון איהם אָב אויף א ריין לאָגישען אופן, אקוראט אזוי, ווי צום ביישפּיעל, די איינצעלנע לעהר־זאצען פון דער געאָ־מעטריע שטאמען אָב פון איהרע אקסיאָמען. דאָס בילד וואָס ווערט געברויכט צו דערקלעהרען אזא מין „אָבשטאמונג", איז די לעהרע פון א דריי־עק. איז דאָ א דריי־עק מוז פון זיין טבע גופא ארויס־געהן א גאנצער סכום פון איינצעלנע געזעצען, וואָס ליעגען שכל'־דיג איינגעוויקעלט אין איהם. צום ביישפּיעל, דער געזעץ, אז דער סכום פון זיינע ווינקלען איז גלייך צו צוויי רעכטע ווינקלען; אז ענטגעגען דעם גרעסערן ווינקעל ליעגט די גרעסערע זייט און אז. וו., און אז. וו. נאָך פּאסענדער פּאר ספּינאָזא'ס געדאנק וואָלט אפשר געווען דער ביישפּיעל פון זיין אייגענעם סיסטעם. זיין סיסטעם הויבט אָן, ווי מיר האָבען געזעהן, מיט א בעגריף־בעשטימונג וועגען דער סובסטאנץ, אָבער אין דער בעגריף־בעשטימונג גופא ליעגט שוין איינגעוויקעלט דער געדאנק, אז די סובסטאנץ איז אונבעגרעניצט, אונענדליך און האָט אונענדליכע אטריבוטען; אז גייסט און קער־פּער איז איין־און־דיזעלביגע זאך; אז גאט און וועלט איז איינס און אז. וו. ווי די אלע איינצעלהייטען שטאמען, על פּי לאָגישער נויט־ווענדיגקייט, אָב פון דעם סובסטאנץ־בעגריף, אקוראט אזוי שטא־מען אויף אלע איינצעל־זאכען און פּאסירונגען פון דער וועלט, על פּי לאָגישער נויטווענדיגקייט, אָב פון דער „נאטורא נאטוראנס", פון דער שכל'דיגער, אויסגעשפּרייטער וועלט־סובסטאנץ.

דער אונטערשיעד פון דער שאפענדער און דער געשאפענער נאטור און די ארט, ווי אזוי די צווייטע געהט ארויס פון דער ערש־טער ענטהאלט אין זיך אויף דעם אונטערשיעד פון „פרייהייט" און „נויטווענדיגקייט". אויך דאָ איז ספּינאָזא יענער מאָגיסט, וואָס געפינט אויס די איינהייט פון די געגענזעצען און לאָזט די געגענ־זעצען פונדערסטוועגען בעשטעהן. די שאפענדע נאטור ברענגט פון זיך ארויס אלץ, וואָס עס איז דאָ אויף דער וועלט, ניט כדי צו פער־ווירקליכען וועלכע עס איז צוועקען. די אונענדליכע וועלט־סוב־סטאנץ קאָן ניט האָבען קיין צוועקען. ווייל א צוועק איז א זאך, צו וועלכען גאָט זאָל קאָנען שטרעבען. אָבער דרויסען פון גאָט קאָן

זיך קיין זאך ניט געפינען. גאָט שאפט די וועלט, ניט ווייל ער וויל פערווירקליכען עפּעס, נאָר ווייל דאָס איז לאָגיש נויטוועגדיג בע־גרינדעט אין זיין אייגענעם וועזען. פון דעסטוועגען איז גאָט פריי, ווייל באמת „פריי איז נאָר יענע זאך", זאָגט ספּינאָזא, וואָס ווירקט לויט דער נויטוועגדיגקייט פון איהר אייגענער נאטור". אָבער נאָר גאָט איז פריי. אלץ, וואָס שטאַמט פון גאָט, מוז האָבען אן אור־זאך, אָדער א גרונד (א לאָגישען טעם), פאר וואָס עס עקזיסטירט און פאר וואָס עס איז אזוי ווי עס איז. נאָר גאָט אליין איז די „אורזאך פון זיך גופא". („קאוזא סואי")

„אונטער „קאוזא סואי" — זאָגט ספּינאָזא — „פערשטעה איך דאָס, וועמעס וועזען עס שליסט אין זיך איין די עקזיסטענץ, אָדער דאָס, וואָס קאן ניט געטראכט ווערען אנדערס, סיידען עקזיסטי־רענד". ווי סכאָלאסטיש עס זאָל ניט קלינגען אָט דער געדאנק ספּי־נאָזא'ס איז ער דאָך זעהר בערעכטיגט פון דעם שטאנדפּונקט פון א ריין־ראַציאָנאַליסטישער פילאָסאָפיע. אלץ, וואָס מיר זעהען אין דער וועלט, האָט צו פערדאנקען זיין עקזיסטענץ א וועלכער עס איז פריהערדיגער אורזאך. אָהן דער פּאָרשטעלונג פון יענער אורזאך קאָנען מיר בשום אופן ניט איינזעהן, פאר וואָס די אָדער יענע איינצעל־זאך, אָדער פּאַסירונג מוז פּאָרקומען אזוי ווי זי קומט פּאָר, אָדער פאר וואָס זי מוז איבערהויפּט עקזיסטירען. דער שכל מוז דאָך אָבער אָננעהמען, אז וויבאלד עפּעס פּאַסירט אין דער וועלט, מוז דאָך סוף כל סוף זיין אן אבסאָלוט נויטוועגדיגע זאך, וואָס זאָל עקזיסטירען ניט ווייל איין אנדער זאך ברענגט זי ארויס און ניט ווייל עס האָט זיך על פּי צופאל געטראָפען, אז זי עקזיסטירט. זי מוז עקזיסטירען דערפאר ווייל אין איהר וועזען גופא ליעגט שוין ממילא איינגעשלאָסען די אונבעדינגטע נויט־וועגדיגקייט פון עקזיסטענץ. ווי א וועלכער עס איז מאטעמאטי־שער אקסיאם טראָגט אין זיך גופא זיין אייגענעם אמת און דארף דורך קיין זאך ניט בעוויזען ווערען, אזוי טראָגט אין זיך גופא די וועלט־סובסטאנץ דעם לאָגישען טעם פון איהר אייגענער עקזיס־טענץ. זי איז די אורזאך פון זיך אליין, און דער בעגריף: „אור־זאך" ווערט ביי ספּינאָזא כמעט אומעטום צונויפגעגאָסען מיט דעם בעגריף: „לאָגישער טעם". („קאוזא סיווע ראציאָ".)

נאָר די געטליכע שאַפענדע נאַטור איז פריי און איז „אַ קאַוזאַ סואי“. די געשאַפענע נאַטור, וואָס שטאַמט על פּי לאָגיש־נויט־ווענדיגע געזעצען פון איהר אָב, קאָן ניט זיין פריי. אַלץ אין דער נאַטור איז דורך די אייביגע געטליכע געזעצען בעדינגט, ד ע ט ע ר מ י נ י ר ט. בעוועגונגען שטאַמען פון פריהערדיגע בעוועגונגען. געדאַנקען געהען אַרויס פון פריהערדיגע געדאַנקען. וואונדער זענען ממילא אין גאַנצען אויסגעשלאָסען. עס איז אויסגעשלאָסען דער חלוק פון „גוט“ און „שלעכט“. אין דער נאַטור איז אויך ניטאָ קיין „גוט“ און קיין „שלעכט“. אַלץ אין איהר איז מעהר אָדער ווענינגער, גוט, דאָס הייסט, מעהר אָדער ווענינגער, פאָלקאָמען. יעדע זאַך, ווי אַ טייל פון גאָט, האָט אין זיך דאָס געטליכע שטרעבען זיך צו ערהאַלטען און צו ווירקען אויף אַנדערע זאַכען. אָבער יעדע זאַך מוז אויך ליידען די ווירקונג פון אַנדערע זאַכען אויף זיך. וואָס מעהר איין זאַך ווירקט אויף דער צווייטער, וואָס פרייער זי איז פון אַ פרעמדער איינווירקונג, וואָס מעהר זי ווירקט לויט דער נויטווענדיגקייט פון איהר אייגענער נאַטור, אַלץ פאָלקאָמענער איז זי.

§ 106. דעם מענשענס שכל; זיין קנעכטשאַפט און פרייהייט.

ערשט נאָך דעם, ווי ספינאָזאַ האָט אויפגעבויט אַלע וויכטיגע זיילען פון זיין מעטאַפיזישען געביי, קאָן ער איבערגעהן צו דער אייגענטליכער אויפגאַבע פון זיין פילאָסאָפישען ווערק, צו דער ע ט ה י ק, צו דער פראַגע וועגען יענעם העכסטען גוט, צו וועלכען דער מענשליכער קלאָרער שכל זאָל שטרעבען.

דער מענש איז אויך ניט מעהר ווי אַ מאָדוס, אַן איינצעל־זאַך, אַ קליינינקער טייל פון דער אַלגעמיינער געטליכער וועלט־סובסטאַנץ. ער איז אויך מעהר נישט ווי אַ קליינע כוואַליע וואָס הויבט זיך אויף אויף אַ ווייל פון דעם אונענדליכען ים און גיסט זיך דערנאָך צונויף מיט איהם. קיין אַבסאָלוט־פרייען ווילען קאָן דער מענש דעריבער ניט האָבען. דאָס, וואָס איהם דוכט זיך, אַז ער איז פריי, איז מעהר נישט, ווי אַ דמיון אין איהם. דער דמיון שטייגט ביי איהם אויף, ווייל ער זעהט ניט יענע אורזאַכען, וואָס ווירקען אויף זיין ווילען. און אייגענטליך איז קיין בעזונדער כח, וועלכען מיר זאָלען אָנרופען ווילען, אין דעם מענשען ניטאָ. ד ע ר

ו ו י ל ע ן א י ז ד י ז ע ל ב י ג ע ז א ך, ו ו אָ ס ד ע ר פ ע ר ש ט א נ ד. וועלט־אורזאכען רופען ארויס בעוועגונגען אין דעם מענשען, די בעוועגונגען שפּיגלען זיך אין זיין בעוואוסטזיין, אין זיין פערשטאנד, און איהם דוכט זיך, אז ער פיהרט זיי אויס לויט זיין פרייען ווילען. וואָלט א שטיין, בעת ער פאלט, געהאט דעם זעלביגען בעוואוסטזיין, וואָס א מענש, יעמאָלט וואָלט זיך אויך דעם שטיין געדוכט, אז ער ו ו י ל פאלען.

אָבער אויך דער מענשליכער פערשטאנד קאן, ווי יעדע זאך אין דער וועלט, זיין רעלאטיוו, לפי ערך, פריי. דאָס הייסט, עס קאָן אונטער געוויסע בעדינגונגען ווירקען, לויט דער נויטווענדיגקייט פון זיין אייגענער נאטור, ניט לויט די איינווירקונגען פון דער דרויסענדיגער וועלט אויף איהם. עס איז דעריבער ספּינאָזא'ס אויפגאבע אויסצופאָרשען, ווען און אונטער וועלכע בעדינגונגען איז דער מענשליכער פערשטאנד אונטערגעוואָרפען אונטער דער שליטה פון דער דרויסענדיגער וועלט און ווי אזוי ער קאָן זיך, ביז צו א געוויסען גראד, בעפרייען פון איהר, און לעבען לויט דער אייגענער נאטור.

אזוי ווי דער מענשליכער ווילען און דער מענשליכער פערשטאנד זענען איין און דיזעלביגע זאך, און אזוי ווי זייער ביידענס נאטור בעשטעהט אין דענקען, אין ארויסברענגען פון אידעען, מוז מען קודם כל זעהן, וועלכע אידעען שטאמען פון דעם פערשטאנד גופא און וועלכע ווערען אין איהם ארויסגעבראכט א דאנק דער דרויסענדיגער וועלט. דער מענש איז ניט נאָר דענקען, ער איז, ווי יעדע זאך אין דער וועלט, אויך גשמיות, אויסגעשפרייטקייט. אָבער די בעוועגונגען וואָס קומען פאר אין דער דרויסענדיגער וועלט און אין זיין אייגענעם גוף קאן ער ניט קלאר איינזעהן. די אידעען, וואָס ווערען אין איהם ארויסגערופען דורך דעם גאנצען סכום פון די קערפּערליכע בעוועגונגען, זענען ניט קלאָרע אידעען. זיי שפּיג־לען אָב די דרויסענדיגע וועלט ניט ווי זי איז באמת. זיי זיינען דעריבער „אינאדעקוואט" (ניט אין גאנצען ריכטיג). זיי זענען ניט קיין קלאָהרע געדאנקען נאָר א דמיון אין אונז, א פאנטאזיע. ווען מיר זעהען פארבען אין דער נאטור אָדער ווען מיר זעהען אייג־צעלנע זאכען, וואָס זענען כלמרשט אָבגעריסען איינע פון די אנ־

דערע, אָדער ווען מיר בויען פון די איינצעלנע זאכען וועלכע עס איז אבסטראקטע אלגעמיינע בעגריפען, אָדער ווען מיר האָבען די פאָר־שטעלונג פון אן אבסאָלוט פרייען ווילען, יעמאָלט ווירקט אין אונז דער כח הדמיון אָבער ניט דער קלאָרער פערשטאנד. ערשט ווען דער פערשטאנד זעהט איין, אז אלע זאכען און פאסירונגען זענען צונויפגעבונדען אינאיינעם דורך אורזאכען און ווירקונגען, דער־הויבט זיך דער שכל צו א העכערער מדרגה פון קלאָרע, „אדעק־וואטע“, דאָס הייסט גאנץ ריכטיגע אידעען. צו דער העכסטער מדרגה דערהויבט זיך דער שכל אָבער ערשט יעמאָלט, ווען פאר זיין אינוועניגסטען זעהן (אינטואיציאָן) ענטפלעקט זיך דער געדאנק פון דער איינהייט און אויביגקייט פון דער געטליכער סובסטאנץ, ווען יעדע איינצעל־פאסירונג ערשיינט פאר איהם אונ־טער דעם „געזיכטס־ווינקעל פון דער אויביגקייט“ („סוב ספעציע עטערני“), דאָס הייסט, ווען ער זעהט איין, אז די איינצעל־פא־סירונג איז ניט מעהר, ווי א קליינער מאָמענט אין דעם גרויסען שכל׳דיגען אלוועלטליכען געשעהן. ניט יעדער מענש דערגרייכט צו אזא הויכער מדרגה, און אויך ספינאָזא איז זיך מודה, אז נאָר זעהר ווענינ עניגים האָט ער איינגעזעהן דורך יענער אינוועניגסטער קלאָרער ערקענטניס. אָבער נאָר זי, די ערקענטניס, וואָס שטאמט פון דעם שכל׳דיגען אריינבליקען אין די אויביגע נויטווענדיגקייט, איז א טייל פון דעם געטליכען אונענדליכען פערשטאנד. פון די ניט־„אדעקוואטע“ אידעען שטאמען די מענשליכע ליידענ־שאפטען. כל זמן דער שכל געפינט זיך אונטער דער שליטה פון די ניט־„אדעקוואטע“ אידעען, קען ער ניט זיין פריי. ער איז יעמאָלט א קנעכט ביי די ליידענשאפטען. ספינאָזא זעהט אויפצובויען א גאנצען פסיכאָלאָגישען סיסטעם פון ליידענשאפטען אין וועלכען ער בעהאנדעלט זיי אקוראט אזוי אביעקטיוו און אונפארטייאיש, ווי זיי וואָלטען געוועזען געאָמעטרישע פיגורען. זיינע ריין־פסי־כאָלאָגישע אונטערזוכונגען און אנאליזען האָבען ניט פערלאָרען זייער ווערטה ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג. נאָך איצטער האַלטען גרויסע אויטאָריטעטען אין דער וויסענשאפטליכער פסיכאָלאָגיע ספינאָזא׳ס ארבייטען פאר א מייסטער־ווערק פון גרינדליכער פאָרשונג.

אלע ליידענשאפטען פיהרט שפינאזא צוריק אויף צוויי גרונד־געפיהלען: פרייד און טרויער. און דער פונדאמענט פון דעם גאנצען געביי איז דער געדאנק, אז אלע זאכען געפינען זיך אין א פערשיעדענעם צושטאנד פון פאָלקאָמענהייט. ווען א וועלכע עס איז זאך אין דער וועלט געהט איבער צו א העכערער מדרגה פון פאָלקאָמענהייט, דאָס הייסט ווען זי הויבט אָן מעהר צו וויר־קען לויט איהר אייגענער נאטור און ווניגער צו ליידען פון די דרויסענדיגע ווירקונגען, יעמאָלט בעווייזט זיך אין איהר אן אפעקט פון פרייד. געהט זי אָבער איבער צו א ווניגער פאָל־קאָמענעם צושטאנד, איז זי געצוואונגען, ווניגער צו ווירקען לויט איהר אייגענער נאטור און מעהר צו ליידען פון די דרויסענדיגע ווירקונגען, יעמאָלט בעווייזט זיך אין איהר א גע־פיהל פון טרויעריגקייט. פערבינדט זיך דער אפעקט פון פרייד מיט דער פאָרשטעלונג וועגען דער אורזאך וואָס רופט ארויס די פרייד, יעמאָלט וואקסט ארויס א געפיהל פון ליעבע צו יענער זאך, וואָס מיר מיינען, אז זי איז די אורזאך פון אונזער פרייד. פערבינדט זיך דער אפעקט פון טרויעריגקייט מיט דער פאָרשטעלונג פון דער אורזאך, וואָס רופט זי ארויס, יעמאָלט האָבען מיר א געפיהל פון האס צו יענער זאך, וואָס מיר מיינען, אז זי איז די אורזאך פון אונזער טרויער. ליעבע און האס זענען די צוויי גרונד־געפיהלען, פון וועלכע עס וואקסען ארויס אלע אַנדערע ליי־דענשאפטען. געפינט זיך אונזער פערשטאנד אונטער דער הערשאפט פון די ליידענשאפטען יעמאָלט איז ער א שקלאף ביי זיי. אָבער די אייגענטליכע אורזאך פון דעם שקלאפישען צושטאנד, איז דער טעות, וועלכען דער פערשטאנד מאכט, בעת ער דענקט, אז א וועלכע עס איז איינצעל־זאך קאן פון זיך־אויס זיין די אורזאך פון אונזער טרויער אָדער אונזער פרייד. זעהען מיר אָבער איין, מיט דער הילף פון „אדעקוואטע" אידעען, אז די איינצעל־זאכען קאָ־נען ניט שפילען קיין ראָליע פון אורזאכען, ווייל זיי האָבען ניט קיין פרייען ווילען, ווייל אלץ, וואָס זיי טוען, טוען זיי, לויט די אויביגע געזעצען, וואָס שטאמען פון דער אונענדליך־אויסגעשפריי־טער, אונענדליך שכל'דיגער גאָט־נאטור, יעמאָלט מוזען די גרונד־געפיהלען — ליעבע און האס — פאנאנדער פאלען אין זייערע אייג־

צעלנע עלעמענטען. די פרייד בעפרייט זיך פון דער פאָרשטעלונג וועגען יענער אורזאך, וועלכע מיר האָבען געמיינט, אז זי האט אין אונז ארויסגערופען די פרייד. דאס אייגענע איז אויך מיט דעם געפיהל פון האס. איינזעהענדיג אז קיין איינצעל־זאך קאן ניט שפילען די ראָליע פון אן אורזאך, ווערט אין אונז פערשוואונדען דער געפיהל פון האס צו איהר.

א דאנק אָט דעם שכל׳דיגען פראָצעס בעפרייט זיך דער פער־שטאנד פון די ליידענשאפטען. ער הויבט זיך אויף אויף א גרע־סערע מדרגה פון פאָלקאָמענהייט, ווייל ער איז יעמאָלט אין דער לאגע, צו ווירקען לויט דער נויטווענדיגקייט פון זיין אייגענער נא־טור און ניט לויט די ווירקונגען פון דרויסען. דער איבערגאנג צו דער העכערער מדרגה פון פאָלקאָמענהייט, רופט אין איהם ארויס א געפיהל פון א נייער פרייד, פון דעם בעוואוסטזיין פון זיין פריי־הייט. און ווען ער פרעגט זיך, וואָס איז די אורזאך פון יענער נייער פרייד, מוז ער איינזעהן, אז די אורזאך איז די פארשטעלונג פון׳ם גרויסען אונענדליכען געטליכען וועלט־פראָצעס, אָדער די פאר־שטעלונג פון גאט גופא. די פרייד גיסט זיך יעמאָלט צונויף מיט דער פאָרשטעלונג פון גאָט וואָס האָט זי פעראורזאכט, און פון דעם וואקסט ארויס א נייער געפיהל פון ליעבע: די שכל׳דיגע ליעבע צו גאָט (אמאָר דעאי אינטעלעקטואליס). דאָס איז דאס העכסטע גוט, צו וועלכען דער מענשליכער שכל דארף שטרעבען, לויט זיין נאטור.

---

די פילאָסאָפיע ספינאָזא׳ס, וואָס האָט אנגעהויבען מיט גאט, ענדיגט זיך מיט דעם געדאנק פון א שכל׳דיגער ליעבע צו גאט, אין וועלכען עס איז אויף א מאָדערנעם אופן וויעדער אויפגעלעבט געוואָרען דער אלטער אידישער „ואהבת את ד׳ אלהיך“. פונ־דעסטוועגען איז די אידישע קהילה פון אמסטערדאם, לויט איהר שטאנדפונקט, געווים גערעכט געווען, וואס זי האָט מחרים געוועזען ספינאָזא׳ן. זיין פילאָסאָפיע, ווי רעליגיעז און אידיש זי זאָל ניט זיין, האָט דאָך דורך דעם לייקענען פון וואונדער אונטערגעגראָבען די עקזיסטענץ פון יענער האָפנונג אויף אן איבערנאטירליכען משיח, וואָס איז די אייגענטליכע נשמה פון דער אידישער רעליגיאָן אין

גלות. אין יענע צייטען וואָלט איהם וועניג געהאָלפען דער גע־
דאנק, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט אין איינעם פון זיינע בריעף,
אז אויב דאס אידישע פאָלק וויל ווייטער אָבלעבען ווי א נאציאָן,
דארף עס זעהן דורכצופיהרען דאס אויף א ריין־נאטירליכען אופן.

* * *

## ליטעראטור פאר דער צייט פון דער רענעסאנס ביז קאנט.

### אלגעמיינע ווערק וועגען דער גאנצער צייט פון דער רענעסאנס ביז אויף די געגענוואַרט.

J. Ed. Erdmann, Versuch einer Wissenschaftlichen Darstellung der neueren Philosophie, Bd. I—VI. 1834—1853.

Rudolph Falkenberg, Geschichte der neueren Philosophie, 5-te Aufl. 1905.

Kuno Fischer, Geschichte der neueren Philosophie, 10 Bde.

Harald Höfding, Geschichte der neueren Philosophie. 2 Bde. Leipzig, 1895.

Ueberweg—Praechter, Grundris d. Geschichte der Philosophie, Bd, III und IV.

W. Windelband, Gesch. de: neueren Philosophie, 2 Bde 3. Aufl. 1904.

Eduard Zeller, Geschichte der Deutschen Philosophie seit Leibnitz. 1875.

W. E. Hartpole Lecky, History of the rise and influence of the spirit of rationalism in Europe, 3 Aufl. 1866.

I. Royce, Spirit of modern philosophy, Boston, 1892.

צו § § 65—77.

I. Burckhardt, Die Kultur der Renaissance in Italien, 9. Aufl. 1904.

M Carriere, Die Philosophische Weltanschaung der Reformationszeit, 2. Aufl. 1887.

L. Geiger, Renaissance und Humanismus in Italien und in Deutschland, 1882.

G. Voigt, Die Wiederbelebung d. klass Altertums, 3-te Auflage, 1893.

R. Falkenberg. Grundzüge der Philosophie des Nicolaus Cusanus, 1880.

Herm. Brunnhofer, Giordano Bruno's Weltanschaung und Verhängnis, 1882.

Alois Riehl, Giordano Bruno, Ein populär wissenschaftlicher Vortrag, 1889.

צו § § 79—84 בעקאָנ'ס שריפטען:

On the proficience and advancement of learning divine and human London, 1605. (דאסזעלבע אין לאטיין—1623)

Cogitata et visa, 1612.

Novum organum scientiarum, 1620.

Essays moral, economical and political, 1597.

R. L. Ellis, J. Spedding and D. D. Heath, Works of Fr. Bacon, 1857—1859.

" Letters and Life of Fr. Bacon, 1862—1872.

J. Spedding, Account of the Life and times of Fr. Bacon, 2 vols. 1879.

E. A. Abbott, Fr. Bacon, 1885.

H, Heussler, Fr, Bacon und seine geschichtliche stellung, 1889.

צו § § 85—90 דעקארט'ס שריפטען:

Discours de la methode אין Essays philosophiques, Leyden 1637.

Meditationes de prima philosophia Paris, 1641.

Prinicipia philosophiae, Amsterdam, 1644.

Les Passiono de l'ame, Amst. 1650.

Oeuvres de Descartes, Paris, 1868.

Abr. Hoffman, Rene Descartes, 1905.

P. Natorp, Descartes' Erkentnistheorie, 1882.

Ant. Koch, Die Psychologie Descartes' 1881.

Alfred Fouillee, Descartes, 1893.

צו § 91

Balthasar Bekker, betoverde Weereld, 1690.

צו § 92 האבב'ס הויפט ווערק:

De cive, 1642; Leviathan, 1651.

De corpore 1655; de homine, 1658.

Opera philosophia 5 vols. 1839—1845.

English Works I—XI 1839—1845.

The Elements of Law, Natural and Politic, ed. by F. Toennies..

Ferd. Toennies, Hobbes' Leben und Lehre, 1896.

George Croom Robertson, Hobbes, 1886.

צו § § 93—96

John Locke, An essay concerning human understanding, 1690.

" " Works, 9 vols. 1853.

H. R. Fox Bourne, the life of J. L. 2 vols. 1876.

Thom. Fowler, Locke, 1880.

צו § 97

George Berkeley, Theory of vision, 1709.

" " Treatise on the principles of human knowledge, 1710.

" " Works, 4 vols. 1871.

A. C. Fraser, Berkeley, 1881.

G. Lyon, L'idealisme en Angleterre au 18me siecle, 1888.

צו § 98

David Hume, Treatise on human nature 3 vols. 1739—1740

" " Enquiry concerning human understanding 1748.

" " Works, 1870.

J. H. Burton, Life and correspondence of D. Hume, 1846.

F. Jodl, Leben und Philosophie D. Hume's, 1872.

Edm. Pfleiderer, Empirismus und Skepsis in D. Hume's Philosophie, 1874.

A. Meinong, Hume-Studien, I—II, 1877—1882.

William Knight, Hume, 1886.

T. Huxley, Hume, 1879.

צו § 99, זעה די אלגעמיינע היסטאָרישע ווערק:

צו § 100.

Arnoldi Geulinex, Opera Philosophica, 3 vol. 1891—1893.

Nic. Malebranche, De la recherche de la verite, 1675.

" " Oeuvres, 1871.

Fr. Bouillier, Histoire de la philosophie Cartesienne, 3. Aufl. 1868.

צעהנטער קאַפּיטעל.

# די ראַציאָנאַליסטישע פילאָסאָפיע ביז קאַנט.

## ב) לייבניץ און די אויפקלעהרער.

אינהאַלט: לייבניץ און זיין מאָנאַדען־לעהרע. די קליינע „געַ־וואהר־ווערונגען“. דאָס אונבעוואוסטע דענקען. די דיפפערענ־ציאַל־רעכענונג. סובסטאַנץ איז קראַפט. — די אָנווענדונגען פון דער מאָנאַדען־לעהרע. די „פּרעסטאַבילירטע האַרמאָניע“. דער אָפּטימיזם. די דריי־אַרטען פון שלעכטס. — כריסטיאַן וואָלף און די דייטשע אויפקלעהרער. ריימאַרוס, משה מענדעלסזאָהן און לעססינג. — די אויפקלעהרונגס־פילאָסאָפיע אין פראַנקרייך. פּיער בייל, דער סקעפּטיקער. אַרוע־וואָלטער. קאָנדיליאַק. באָננע. די־דעראָ. קאַבאַניס און די מאַטעריאַליסטען. (דע־לאַ־מעטרי, האָלבאַך און העלוועציוס). מאָנטעסקיע און קאָנדאָרסע. רוססאָ און די קאָמוניסטען מאָרעללי און מאַבלי.

### § 107. לייבניץ (1646 ביז 1716) און זיין מאָנאַדען־לעהרע.

די ראַציאָנאַליסטישע פילאָסאָפיע פון דעקאַרט אָן האָט זיך געדרעהט אַרום דריי פילאָסאָפישע גרונד־פראַגען: ערשטענס, וועגען דעם מקור פון דעם אַבסאָלוט־ריכטיגען דענקען; צווייטענס, וועגען דער וועלט־סובסטאַנץ, און דריטענס, וועגען דער ווירקונג פון גייסט אויף קערפּער און קערפּער אויף גייסט.

אויך אין דער פילאָסאָפיע פון לייבניץ שפּילען די דריי פּראָב־לעמען די הויפּט־ראָליע, און אין דער ערקענטניס־טעאָריע האָט ער, ווי אַלע אַנדערע ראַציאָנאַליסטען, געגלויבט אין דער מאַכט פון דעם מענשליכען שכל. אויך פאַר איהם איז דאָס קלאָרע און דייט־ליכע דענקען געווען דער מאַסשטאַב און דער סימן פון אַ זיכערן פעסטען אמת. אָבער בעת אַלע פריהערדיגע ראַציאָנאַליסטען האָ־בען אונטער דעם וואָרט „דענקען“ פערשטאַנען אַלע יענע ערשיי־נונגען פון דעם פסיכישען לעבען, וואָס זענען בעגאָסען מיט דעם

ליכט פון דעם בעוואוסטזיין, ברענגט לייבניץ אריין אין די פילאָ־סאָפיע א נייעם בעגריף פון „דענקען": א דענקען, וואָס א י ז א ו נ ב ע ו ו א ו ס ט. אין אונזער פסיכישען לעבען מוזען זיין א סך שפּיהרונגען וואָס ליעגען אין אונזער נשמה, אָבער וואָס גריי־כען דאָך ניט אריין אין דעם העלען קלאָרען ליכט פון בעוואוסט־זיין. ווען מיר שטעהען ביים ברעג ים און הערען דעם גערויש פון די וואַלען, האָבען מיר א בעוואוסטע וואָהר־נעהמונג, מיר נעהמען אריין אין אונזער בעוואוסטזיין און ווערען געוואָהר דעם גערויש. דער גערויש פון די וואַלען איז צוזאַמענגעזעצט פון איינצעלנע קלאַנ־גען, וועלכע יעדער איינצעלנער וואַל גיט פון זיך ארוים. זענען מיר ביכולת געוואָהר צו ווערען דעם גערויש פון יעדען איינצעלנעם וואַל? ניין, דער גערויש פון דעם איינצעל־וואַל דערגרייכט ניט אונזער בעוואוסטזיין, ער איז צו קליין. אָבער, ווי באַלד דער סכום פון אַזעלכע קליינע גערוישען לעבט אין אונזער בעוואוסט־זיין, מוז איך אָננעהמען, אז אויך דער קליינער גערויש וועלכען מיר הערען ניט, איז אויפגענומען געוואָרען פון אונזער נשמה. אויב ניט וואָלט זיך פון די קליינע גערוישען ניט געקאָנט אויפ־בויען דער שטארקער גערויש וועלכען מיר ווערען געוואָהר. דער־פון איז געדרונגען, אז די עמפּפינדונג פון דעם קליינען גערויש איז אויך א מין ארט דענקען, א פסיכישער פּראָצעס, אָבער אן אונבעוואוסטער. די קליינע, אונבעוואוסטע געוואָהר־ווערונגען, רופט לייבניץ אָן, די קליינע פּערצעפּציעס. ווערט א געוואָהר־ווערונג בעוואוסט, יעמאָלט פערוואנדעלט זיך די פּערצעפּציע אין אן אפּפּערצעפּציע. די קליינע פּערצעפּציעס זענען אויך א מין דענ־קען, אָבער זיי שטעהען אויף דער נידעריגסטער שטופע פון קלאָרקייט און דייטליכקייט. צווישען זיי און דער העכסטער מדרגה פון קלאָר־קייט און דייטליכקייט, דעם פאָלקאָמענעם ריינעם שכל'דיגען דענקען, ליעגט א לאַנגער שטופען־לייטער פון פערשיעדענע מדרגות. דער אי־בערגאַנג פון איין שטופע צו דער אנדערער איז אזוי קליין, אז דאָס בעוואוסטזיין קאָן איהם ניט בעמערקען. פערגלייכט מען צוויי שטופען, וואָס ליעגען אייע לעבען דער אַדערער, וואָלט מען ניט געקאָנט בעמערקען אין זיי א וועלכען עס איז אונטער־שיעד. פערגלייכט מען אָבער איין שטופע מיט א סך א נידע־

גערער, זעהט מען אז דער חילוק צווישען זיי איז שוין שארף בולט. דער חילק, די דיפערענץ, איז אַנגעוואקסען ביסלעכווייז פון שטופע צו שטופע, אָהן אנ'איבעררייס. ——

שוין אין דעם גרונד־געדאנקען פון לייבניץ ליעגען איינגע־וויקעלט א פּאָר גרונד־פּרינציפּען פון זיין פילאָסאָפיע, מיט וועלכע ער האָט בערייכערט דעם פילאָסאָפישען און וויסענשאַפטליכען גע־דאנק. ערשטענס, איז דאָ אויסגעדריקט דער געזעץ פון דער קאָנטינואיטעט, דאָס הייסט, דער געזעץ פון דעם פּאמעליכען, אונ־בעמערקבארען איבערגאנג פון שטופע צו שטופע. דער געזעץ, קאן מען זאָגען, איז די גרונד־לאגע פון יעדער ענטוויקלונגס־טעאָריע. די ענטוויקלונג אָדער עוואָלוציאָן איז אין תוך אן אי־בערגאנגס־פּראָצעס פון א נידעריגער שטופע צו א העכערער, וואָס קומט פאָר אויף אזא'ן אופן, אז צוויי שטופען אָדער ענטוויקע־לונגס־פאזען וואָס ליגען נאָהענט איינע צו דער אנדערער אונטער־שיידען זיך דורך א קוים־בעמערקבארען, אָדער אפשר גאָר ניט בע־מערקבארען, אָבער פּאָרט עקזיסטירענדען אונטערשיעד.

צווייטענס, ליעגט דערינען איינגעשלאָסען דער פּרינציפּ פון דעם אונענדליך־קליינעם אונטערשיעד, וואָס האָט געגעבען לייב־ניצען די מעגליכקייט אויסצואַרבייטען אין דער מאטעמאטיק די בעריהמטע דיפערענציאַל־רעכענונג, וואָס איז געוואָרען די גרונד־לאגע פון יעדער עקזאקטער, דאָס הייסט, פּינקטליכער נאטור־ווי־סענשאַפט. פערגלייכען מיר צוםביישפּיעל צוויי פערשיעדענע פארבען: זאָל זיין, רויט און בלוי, וואָס טרעטען ארויס מיט דער זעלביגער שטארקייט און קלאָרקייט. לאָמיר לאָזען אבשוואכען די שטארקייט פון ביידע פארבען פון שטופע צו שטופע, זיי זאָלען ווערען ביידע פּאמעליך אלץ־בלייכער און בלייכער ביז זיי וועלען ביידע פערשווינדען. מען קאן זאָגען, אז די שטארקייט פון יעדער פארב איז אין דעם מאָמענט פון פערשווינדען גלייך נול, (= 0) דאס הייסט, גאָרנישט. אין דעם נול־פונקט זענען רויט און בלוי גלייך איינס צו דעם אנדערן. אָבער דאך איז דער נול וואָס שטאמט פון רויט אנאנדערער עהדער דער נול וואָס שטאמט פון בלוי. לאָזען מיר צוריק אנוואקסען די שטארקייט פון ביידע פאר־בען אויף דער ערשטער שטופע איבער דעם נול ארויף; יעמאָלט

האָבען מיר שוין ווידער צוויי פארבען, וועמעס אונטערשיעד מיר קאָנען אָבער נאָך ניט בעמערקען, ווייל ער איז „אונענדליך קליין". ער איז אָבער פון דעסטעוועגען געוויס פארהאן אין דער ווירקליכ־קייט, ווייל מיר האָבען אן אונענדליך קליינעם רויט און אן אונ־ענדליך קליינעם בלוי. אָט דעם אונענדליך־קליינעם אונטערשיעד, רופט מען אָן זינט לייבניץ, דעם דיפערענציאל פון א וועלכען עס איז מאַטעמאַטישען, פיזיקאַלישען, אָדער אויך פסיכישען סכום.*)

בעטראַכטענדיג די נאַטור אין דעם ליכט פון דעם אונענדליך קליינעם אונטערשיעד, געפינט לייבניץ, אז עס זענען ניטאָ קיין צוויי פראָצעסען אָדער זאכען וואָס זאָלען זיין אין אלע פּרטים גליך איינס צום אנדערן. אפילו צוויי בלעטער פון איין און דעם זעלבי־גען בוים האָבען, זאָגט ער, א וועלכען עס איז אונטערשיעד צווי־שען זיך. יערעס בלאַט איז אינדיווידועל פערשיעדען פון׳ם צוויי־טען, אָפּטמאָל דורך אן אונענדליך־קליינעם אונטערשיעד. אפילו צוויי טראָפּענס וואסער פון איין און דעמזעלביגען גלאָז זענען אויך אינדיווידועל פערשיעדען איינס פון דעם אנדערן. און אין דעם גלאָז זענען זיי אויך פערשיעדען אויב ניט אין זייער פאָרם און גרויס, איז, לכל הפּחות, אין זייער שייכות צו אלע אנדערע טיילען פון דעם וואסער און צו די ווענדטלעך פון דעם גלאָז. איין טראָ־פּען ליעגט נעהנטער צו די ווענטליך, דער צווייטער — ווייטער. איינער ליעגט מעהר אויבען, דער צווייטער — מעהר אונטען.

אין וואָס בעשטעהען אָבער די אונטערשיעדען פון דער וועלט? אין וואָס זענען אלע זאכען איינס און אין וואָס געהען זיי

*) די מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען מיט דער הילף פון דעם „אונענדליך־קליין" האָט אין דער זעלביגער צייט מיט לייבניצען און אונאבהענגיג פון איהם אויסגעפונען אויך ניוטאָן. דער סכסוך צווישען די צוויי בעגרינדער פון דער דיפערענציאל־רעכענונג האָט א לאנגע צייט אינטערעסירט די מוחות פון דער פילאָסאָפישער און געלעהרנטער וועלט. ער געהערט אָבער צו דער געשיכטע פון דער וויסענשאפט און ניט צו דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע. בעמערקט דארף נאָר זיין, אז אין אלע וויכטיגערע פונקטען האָט לייבניץ געוואונען דעם איבערוואָג איבער ניוטאָנען.

זיך פאַנאַנדער? דאָס ברענגט אונז אַרויף אויף דער פראַגע וועגן דער סובסטאַנץ פון דער וועלט, און די פראַגע מוז פּערענט־פּערט ווערן מיט דער הילף פון דעם קלאָרען און דייטליכען דענקען.

מען קאָן ניט זאָגען, אַז לייבניץ'ס געדאַנקען וועגען דעם ענין זענען אַלע „קלאָר און דייטליך". דאָס הייסט: די רעזולטאַטען, צו וועלכע ער קומט אין זיין אונטערזוכונג, זיינען גאַנץ בעשטימטע און קלאָרע, אָבער די וועגען, ווי אזוי ער איז געקומען צו זיי, ציעהען זיך פון פערשיעדענע אויסגאַנגס־פּונקטען און זענען אָפטמאָל צונויפגעפּלאָנטערט אין איינעם.

אונז דוכט, אַז מען קאָן אַרויסברענגען דעם לאָגיש־נויטווענדיגען געדאַנקען־גאַנג לייבניץ'ס ווען מיר וועלען זיך קודם כל האַלטען אָן יענעם פּאָדים, וועלכען ער גיט אונז אין דעם געזעץ פון דער קאָנטינואיטעט, דער ניט איבערגעריסענקייט פון די פערשיעדענע שטופען.

מיר האָבען שוין געזעהען, אַז אויך דאָס קלאָרע און דייטליכע דענקען איז ניט אַ זאַך, וואָס איז לחלוטין פערשיעדען און מיט אַן אַבגרונד אָבגעטיילט פון דעם טונקעלן און מטושטש'ן. אָבער אויך אין דעם קלאָרען און דייטליכען דענקען גופא זענען דאָ פערשיעדענע גראַדען, און אַ סך אידעען, וואָס ווייזען זיך אויס אויף דעם ערשטען בליק קלאָר און דייטליך, זענען אין עצם נאָך טונקעל און צומישט און קאָנען געמאַכט ווערען נאָך קלאָרער און דייטליכער. וואָס זאָל זיין דער מאַסשטאַב, וואָס זאָל אונז בעווייזען, אַז די אידעע איז נאָך ניט אין גאַנצען קלאָר און דייטליך? דער מאַסשטאַב איז די לאָגישע נויטווענדיגקייט. וואָס איז אָבער דער סימן פון לאָגישער נויטווענדיגקייט? לאָגיש נויטווענדיג איז אַזאַ געדאַנק, וואָס מוז געטראַכט ווערען אַזוי ווי ער איז, וואָס קאָן ניט אַנדערש געטראַכט ווערען. ד. ה., זיין אַנדערש־דענקען וואָלט געוועזן אַן אונמעגליכקייט. וואָס איז אָבער אונמעגליך? אונמעגליך, ענטפערט לייבניץ, איז אַ געדאַנק, וואָס טראָגט אין זיך גופא אַ ווידערשפּרוך. און ממילא איז נויטווענדיג, אָדער קלאָר און דייטליך אַזאַ געדאַנק, וואָס איז דער היפך פון אונמעגליך. אָדער, מיט אַנדערע ווערטער: נויטווענדיג (קלאָר און דייטליך) איז אַזאַ געדאַנק, וועמעס היפך עס האָט אין זיך אַ ווידערשפּרוך.

וועגדען מיר איצטער אָן דעם געפונענעם מאַסשטאַב אויף די פראַגע וועגען די סובסטאַנצען. דעקאַרט רעכענט צווישען די סובסטאַנצען אויך די מ א ט ע ר י ע, ווייל „אויסגעשפּרייט־קייט“ איז א קלאָרע און דייטליכע אידעע. מחמת דעם זעלביגען טעם רעכענט ספּינאָזא די אויסשפּרייטונג פאַר א נויטווענדיגען אַטריבוט פון דער געטליכער סובסטאַנץ. איז אָבער באמת די אידעע פון דעם רוים א נויטווענדיגע אידעע, ד. ה. אזא, אז ווען מען זאָל זי אָבלייקענען וועט מען דערמיט בעגעהן א ווידערשפּרוך? געוויס־ניט! מיר קאָנען אונז גאַנץ גוט פאָרשטעלען א ריין גייס־טיגע עקזיסטענץ, וואָס האָט ניט קיין ברעקעל אויסגעשפּרייטקייט. דערפון איז געדרונגען, אז ניט נאָר די זינליכע קוואַליטעטען (גע־רוכען, פאַרבען א. ד. גל.) זענען טונקעלע פאָרשטעלונגען, נאָר אויך דער רוים גופא איז אזא טונקעלע פאָרשטעלונג. מאַכען מיר זי קלאָרער און דייטליכער, געפינען מיר, אז זי וויל אויסדריקען נאָר דעם בעגריף פון „אינאיינעם זיין“, „צוזאַמען־עקזיסטירען“, „קאָ־עקזיסטענץ“. אנשטאַט אָבער צו דענקען דעם בעגריף פון קאָ־עקזיסטענץ; אנשטאָט צו דענקען, אז די צוויי אָדער מעהרערע זאַכען עקזיסטירען צוזאַמען, „ז ע ה ט“ דער כח־הדמיון, אז צוויי אָדער מעהרערע זאַכען ל י ע ג ע ן איינע נעבען דער אנדערער.

דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם בעגריף פון דער צייט. אויך די צייט איז א טונקעלע פאָרשטעלונג פון א קלאָרען און דייט־ליכען בעגריף. ער בעדייט אז איין פּאַסירונג פאָלגט אויף אַנאַנ־דער פּאַסירונג. דער קלאָרער געדאַנק פון פאָלגען איינס אויף ס'אנדערע ווערט אויף א טונקעלען און מטושטש'ען אופן אויס־געדריקט אין'ם כח־הדמיון, אין דער פאָרשטעלונג פון א צייט, אין וועלכער עס איז דאָ א פריהער אָדער א שפּעטער און וואָס קאָן זיין קורץ אָדער לאַנג.

וויבאַלד אָבער רוים און צייט זענען ניט מעהר, ווי טונקעלע מטושטש'ע פאָרשטעלונגען, איז ממילא דערפון געדרונגען אז די גאַנצע מאַטעריעלע וועלט, דאָס הייסט, די וועלט פון רוימליך־צייטליכע פּאַסירונגען איז ניט מעהר ווי א דמיון אין אונז. אין דער אמת'ן איז גאָר ניטאָ קיין מאַטעריע, און וויבאַלד קיין מאַ־

טעריע איז ניטאָ, בלייבט איבעריג נאָר איין סובסטאַנץ, די גייס־טיגע, מיט איין אטריבוט, דעם דענקען.

דער רעזולטאַט, צו וועלכען מיר זענען געקומען וואָלט בע־דאַרפט אייגענטליך פיהרען צו א מין ספינאָזיזם, צו א פאַנטהע־איסטישען סיסטעם, פון וועלכען עס איז נאָר ארויסגעלאָזען גע־וואָרען די אויסגעשפּרייטקייט, די רוימליכקייט פון דער סובסטאַנץ. לייבניץ האָט אָבער בשום אופן ניט געקאָנט מסכים זיין מיט ספּי־נאָזא'ס פּאַנטהעאיזם, מיט דער לעהרע, אז עס איז דאָ נאָר איין זאַך אויף דער וועלט, די געטליכע סובסטאַנץ. רעליגיעזע, מאָראַ־לישע און אויך וויסענשאַפּטליכע ארגומענטען האָבען איהם אָב־געשטויסען פון ספּינאָזא'ס גרונד־געדאַנק. אויב די סובסטאַנץ איז א ריין גייסטיגע און אויב עס איז נאָר דאָ איין איינציגער עקזעמפּליאר פון איהר — גאָט, יעמאָלט בין איך אָדער מיין נשמה — דער איין־איינציגער גאָט, ווייל מיין נשמה עקזיסטירט דאָך אויף געוויס. עס איז א ווידערשפּרוך צו דענקען, אז איך און גאָט זאָלען זיין די זעלביגע זאַך. הייסט עס, אז מיר מוזען שוין אָננעהמען א מ ע ה ר ה י י ט פון גייסטיגע סובסטאַנצען. די רעליגיאָן קאָן זיך אויך ניט אייניגען מיט דער פאָרשטעלונג פון א גאָט וואָס איז אין דער זעלביגער צייט נאַטור. דאָס איז אין לייבניץ'ס אויגען דער ריינער אטהעאיזם. א חוץ דעם ווערט די מאָראַל אין גאַנצען אונטערגעגראָבען, ווען דעם מענשענס נשמה ווערט בעטראַכט ווי אַן אריבערפליהענדער מאָמענט אין'ם גרוי־סען פּראָצעס פון דעם וועלט־געשעהן, וואָס האָט ניט קיין ברעקעל אייגענע פרייהייט. די פרייהייט און די אונשטערבליכקייט פון דער נשמה איז די הויפּט־פּאָזיציע, וועלכען לייבניץ וויל דורך זיין מעטאַפיזיק ווידער ערשטעלען ביי ספּינאָזא'ן. אָבער אויך פילאָ־סאָפישע און וויסענשאַפּטליכע ארגומענטען רעדען ענטגעגען ספּינאָזא'ס איין־איינציגע וועלט־סובסטאַנץ. מיר זעהען אין דער נאַטור א פ י ע ל ה י י ט און א פ ע ר ש י ע ד ע נ ק י י ט פון ערשיינונגען. זיי קומען תמיד פאָר אין א צוזאַמענגעזעצטען צושטאַנד. דעריבער מוזען מיר אָננעהמען, אז עס זענען דאָ וועל־כע עס איז איינפאַכע עלעמענטען, פון וועלכע די ערשיינונגען זע־נען צוזאַמענגעזעצט. אין דעם פונקט איז דער א ט אָ מ י ז ם

פאַלשטענדיג גערעכט. זיין פעהלער איז נאַר, וואָס ער איז מ א־ ט ע ר י א ל י ס ט י ש. די לעצטע איינפאכע עלעמענטען פון וועלכע עס בעשטעהען די צוזאמענגעזעצטע ערשיינונגען זענען ניט מאטעריעל, נאַר גייסטיג.

אויף אזא אופן בעקומען מיר אַנשטאָט איין איינציגער, ניט געטיילטער וועלט־סובסטאַנץ א סך סובסטאנצען וואָס האָבען איין און דעם זעלביגען עצם, דאָס דענקען. אָבער ווי אזוי קאָנען זיין מעהרערע עקזעמפּליארען פון איין־און־דערזעלביגער סובסטאַנץ? האָט דען ספּינאָזא ניט בעוויזען, אז פון דעם בעגריף גופא פון דער סובסטאַנץ מוז ארויסקומען, אז א סובסטאַנץ קאָן זיין נאָר איינע? לייבניץ איז דעריבער געצוואונגען נאָך אמאָל צו רעווידירען דעם בעגריף סובסטאַנץ און געפינען אזא ענטפער, וואָס זאָל מאַ־ כען מעגליך די עקזיסטענץ פון א סך סובסטאַנצען.

שוין ביי ספּינאָזא האָבען מיר בעגעגענט דעם געדאנק, אז די געטליכע סובסטאַנץ איז אלער־פאָלקאָמען און אז איהר פאָלקאָמענ־ הייט דריקט זיך אויס אין דער ווירקליכקייט, אין דעם קאָנען ו ו י ר ק ע ן פון זיך אליין, לויט דער נויטוועגדיגקייט פון דער אייגענער נאטור. הייסט עס, אז דער וויכטיגסטער סימן פון א סובסטאַנץ איז, די אומאבהענגיגקייט, דאָס ווירקען, דאס פריי זיין פון א וועלכער עס איז ווירקונג פון דרויסען. אָט דעם סימן נעהמט לייבניץ פאר זיין סובסטאַנץ בעגריף. א סובסטאַנץ איז א ק ר א פ ט, א זאך, וואָס ווירקט פון זיך אליין. און אזוי ווי עס איז ניטאָ קיין מאטעריע, איז די סובסטאַנץ א גייסטיגע קראפט, אָדער ריכטיגער: א צענטער פון גייסטיגע קראפט.

אזעלכע צענטערען קאָנען אָבער זיין א סך. י ע ד ע נשמה איז אזא צענטער און די גאנצע וועלט בעשטעהט פון אזעלכע נשמות, וועלכע לייבניץ רופט אָן מאָנאדען, ד. ה. לעצטע א י י נ־ ה י י ט ע ן.

יעדע מאָנאדע איז א סובסטאַנץ פאר זיך גופא, א זאך וואָס ווירקט פון זיך אויס און ברענגט פון זיך ארויס אלץ, לויט דער נויטוועגדיגקייט פון איהר אייגענער נאטור. זי איז א שפּייכלער פון קראפט און געפינט זיך תמיד אין אן אָנגעלאדענעם צושטאנד, ווי א שטארק אָנגעצויגענער בויגען. זי שטרעבט תמיד ארויסצו־

ברענגען דאָס, וואָס אין איהר איז אָנגעלאָדען. אָבער וואָס טוט די מאָנאַדע? וואָס קאַן זי ארויסברענגען פון זיך? עס פערשטעהט זיך, אז די מאָנאַדע, ווי אַ גייסטיגע קראַפט, קאָן ארויסברענגען פון זיך נאָר גייסטיגע פראָדוקטען, דאָס הייסט, פאָרשטעלונגען. וואָס שטעלט אָבער די מאָנאַדע פאָר? דעם גאַנצען וועלט־פּראָצעס! יעדע מאָנאַדע איז, קאָן מען זאָגען, אַ שפּיגעל, אָן וועלכען עס שלאָגט זיך אָב אלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט. אָבער זי איז ניט קיין פּאַסיוועער שפּיגעל אויף וועלכען עס פאַלען די שטראַהלען פון דרויסען. זי איז אַן אַקטיוועער טהעטיגער שפּיגעל וואָס ברענגט ארויס די בילדער פון דעם וועלט־געשעהן פון זיך אליין.

יעדע מאָנאַדע איז אַן אינדיווידיאום, אַ זאַך וואָס עקזיסטירט פאַר זיך און אונטערשיידט זיך פון אלע אנדערע זאַכען. דער אונטערשיעד צווישען די מאָנאַדען קאַן אָבער ניט זיין קיין קוואַליטאַטיווער, מחמת זיי אלע זענען גייסטיגע פונקטען וואָס ברענגען ארויס פאָרשטעלונגען. זייער אונטערשיעד מוז דעריבער זיין אַ קוואַנטיטאַטיווער, אַן אונטערשיעד, ניט אין דעם עצם, נאָר אין דעם גראַד. די מאָנאַדען זענען איינס אין זייער עצם, ווייל זיי זענען אלע — גייסטיגע קראַפט־פונקטען. זיי זענען אָבער פערשיעדען לויט דעם גראַד פון בעוואוסטזיין, קלאָרקייט און דייטליכקייט, מיט וועלכען זיי ברענגען ארויס פון זיך די פאָרשטעלונגען פון דעם וועלט־געשעהן. עס פערשטעהט זיך, אַז עס קאָנען ניט זיין קיין צוויי מאָנאַדען פון איין־און־דעמזעלביגען בעוואוסטזיינס־גראַד, ווייל דאָס איז דער איינציגער סימן, וואָס שיידט אָב איין מאָנאַדע פון דער אנדערער און וויבאַלד זיי אונטערשיידען זיך ניט אין דעם סימן, זענען זיי ניט צוויי מאָנאַדען, נאָר איין־און־דיזעלביגע מאָנאַדע.

## § 108. די אָנווענדונגען פון דער מאָנאַדען־לעהרע. די „פּרעסטאַבילירטע האַרמאָניע“.

די מאָנאַדען־לעהרע גיט לייבניצען די מעגליכקייט אנדערש אויסצוטייטשען די וויכטיגסטע פּראָבלעמען וואָס האָבען אינטערעסירט דעם פילאָסאָפישען געדאַנק פון זיין צייט. ערשטענס, דעם פּראָבלעם פון גוף און נשמה.

אלע איינצעל־זאַכען אין דער נאַטור זענען גרופּען פון איינ־צעלנע מאָנאַדען. אזוי ווי יעדע מאָנאַדע אונטערשיידט זיך פון דער אנדערער, לויט דעם גראַד פון קלאָרקייט און דייטליכקייט, מיט וועלכען זי שטעלט זיך פאָר דאָס וועלט־אַל, און אזוי ווי עס קאָנען ניט זיין אין דער וועלט קיין צוויי גלייכע מאָנאַדען, איז דערפון געדרונגען אז אין יעדער גרופּע פון מאָנאַדען מוז זיך געפינען איינע, וואָס שטעלט זיך פאָר דאָס אוניווערזום קלאָהרער און דייט־ליכער, עהרער יעדע אנדערע פון דער זעלביגער גרופּע. די קלאָהרסטע און דייטליכסטע מאָנאַדע איז די „צענטראַל"־מאָנאַדע, אָדער די נשמה פון דער געגעבענער גרופּע, און די איבעריגע מאָנאַ־דען זענען דער גוף צו דער נשמה. די מאָנאַדען וואָס בילדען דעם גוף, קאָנען זיך בייטען: איינע טרעטען ארויס, אנדערע טרע־טען אריין, ווי צום ביישפּיעל, ביי דעם שטאָף־וועקסעל פון א לע־בעדיגען אָרגאַניזם. אָבער כל זמן עס בלייבט די גרופּע אין איהר גאַנצקייט, האַלט זי זיך אויף ווי א בעזונדער זאַך אין דער וועלט. גוף און נשמה זענען, ווי מען זעהט, פּרינציפּיעל ניט פערשיעדען איינער פון דער אנדערער. זיי ביידע זענען, לויט זייער עצם, גייסטיגע פּונקטען, מאָנאַדען. דער אונטערשיעד צווישען זיי איז מעהר נישט, וויא א גראַדועלער, אן אונטערשיעד אין גראַד.

דער גוף קאָן ניט ווירקען אויף דער נשמה און די נשמה קאָן ניט ווירקען אויף דעם גוף, פּשוט דערפאַר, ווייל זיי זענען ביידע מאָנאַדען. דאָס הייסט, גייסטיגע, אונאבהענגיגע סובסטאַנצען. די מאָנאַדען, זאָגט לייבניץ, האָבען ניט קיין פענסטער, וואָס זאָ־לען אריינלאָזען וועלכע עס איז ווירקונגען פון דרויסען, אָדער אין דרויסען ארויס־שיקען ווירקונגען פון זיך. זעהען מיר אָבער, אז די פערענדערונגען אין דער מאָנאַדע, וועלכע מיר רופען נשמה, שטי־מען צונויף מיט די פערענדערונגען אין יענע מאָנאַדען, וועלכע מיר רופען גוף, מוזען מיר קומען צו דעם רעזולטאַט, אז זייערע אינ־ווענייגסטע ווירקונגען, די פּראָצעסען וואָס שפּילען זיך אין זיי אָב בעזונדער איינס פון דעם אנדערן, זענען לכתחלה אזוי האַרמאָניש, פון אייביג אָן צונויפגעשטימט, אז אין יעדען מאָמענט פּאַסען זיי איינע צו די אנדערע.

לייבניץ איז מסביר דעם געדאַנק מיט אזא משל: ווען מיר

זעהען, אַז צוויי זייגערס ווייזען תמיד די גלייכע צייט און שטי־
מען אין דעם פּונקט צונויף א האָאַר, קאָנען מיר אַנווענדען נאָר
דריי ערקלערונגען, כדי צו פערשטעהן דעם פאקט. עס איז מעג־
ליך, ערשטענס, אַז די צוויי זייגערס זענען פערבונדען איינער מיט
דעם אנדערען דורך אַזא מין מעכאַניזם, וואָס מאכט, אַז די בע־
וועגונגען פון איין זייגער זאָלען ווירקען אויף די בעוועגונגען פון דעם
אנדער זייגער. דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון דער „געוועהנ־
ליכער" פילאָסאָפיע און אויך פון דעקארט, לויט וועלכען די נשמה
ווירקט על פּי נס אויף דעם קערפּער און דער קערפּער אויף דער
נשמה. עס איז אויך מעגליך, צווייטענס, אַז א זייגער־מייסטער
קומט אַלע ווײַלע און גלייכט אויס די ווייזערס פון די זייגערס, זיי
זאָלען שטימען איינער מיט דעם אנדערען. דאָס איז דער שטאַנד־
פּונקט פון די אָקקאַזיאָנאַליסטען. עס איז אָבער מעגליך, דריי־
טענס, אַז די מעכאַניזמען פון די צוויי זייגערס זענען לכתחלה
אַזוי פיין און פאָלקאָם אויסגעאַרבייט געווען, אַז זיי מוזען, גאָר
ניט ווירקענדיג איינע אויף די אנדערע, שטענדיג אָנגעבען איין־
און־דיזעלביגע צייט. דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון דער מאָ־
נאַדען־לעהרע. יעדע מאָנאַדע לעבט איהר אייגענעם לעבען. אין
יעדער שפּיעלט זיך אָב דער פּראָצעס פון פאָרשטעלען לויט דער
אינווענינער נויטווענדיגקייט. אָבער זיי זענען אַלע אַזוי האַר־
מאָניש צונויפגעשטימט, אַז די פערענדערונג אין איין מאָנאַדע איז
תמיד צוגעפּאַסט צו די פערענדערונגען אין די אנדערע מאָנאַדען.
ווען אין דער נשמה־מאָנאַדע קומט פאָר, לויט די געזעצען פון אי־
דעען־פערבינדונגען, א פּראָצעס פון בעגעהרען, יעמאָלט קומט
אויך אויף פאָר אין די קערפּער־מאָנאַדען א פּראָצעס פון טונ־
קעלע, מטושטש'ע פאָרשטעלונגען, וואָס דריקען זיך אויס אין דעם,
וואָס מיר רופען, קערפּערליכע בעוועגונגען.

פון וואַנען שטאַמט אָט די אייביגע האַרמאָניע אין די פּראָ־
צעסען פון די פערשיעדענע מאָנאַדען? זי שטאַמט פון גאָט —
ענטפערט לייבניץ. נעהמען מיר אַלע מאָנאַדען פון דער וועלט
אינאיינעם, מוזען מיר איינזעהן אַז אויך אין דער אַל־וועלטליכער
מאָנאַדען־גרופּע מוז זיך געפינען איין מאָנאַדע, וואָס האָט דעם
העכסטען גראַד פון קלאָרקייט און דייטליכקייט אין זיך. אָט די

העכסטע מאָנאַדע רופט לייבניץ אָן די צענטראַל־מאָנאַדע פון דער וועלט אָדער גאָט. די איבעריגע מאָנאַדען זענען ארויסגע־שטראַהלט געוואָרען פון דער גאָטהייט ווי איינצעלנע פונקען. די האַרמאָניע האָט גאָט אַריינגעטראָגען אין זיי נאָך עהדער זיי זענען ארויסגעשטראַהלט געוואָרען פון גאָט. דעריבער רופט זיי לייבניץ אָן די „פּרעסטאַבילירטע (אויף־אַפּריהער־בעשטימטע) האַרמאָניע".

די מאָנאַדען־לעהרע פּערענטפערט אויך דעם גענגען־זאַץ צווי־שען גייסט און מאַטעריע אין דער נאַטור. קיין אַבסאָלוטע מאַ־טעריע איז, ווי מיר ווייסען, ניטאָ. מאַטעריע איז נאָר אַ לפי ערך'דיגער בעגריף. די מאָנאַדען, וועמעס פּאָרשטעלונגס־לעבען עס שפּילט זיך אָב אין גאַנצען אונבעוואוסט, וועמעס פּערצעפּציעס, געוואָהר־ווערונגען, עס זענען דורכאויס טונקעל און מטושטש, גע־הערען צו דער מאַטעריע. דאָס איז אַ גייסטיגער צושטאַנד, גלייך צו אַ שווערען שלאָף, אָהן חלומות. יענע מאָנאַדען, ביי וועמען עס בעווייזט זיך שוין אַ וועלכער עס איז גראַד פון בעוואוסטזיין, אַ וועלכע עס איז מדרגה פון קלאָרקייט און דייטליכקייט, געהערען צו דעם גייסט.

אקוראַט אזוי ווי אין דעם ליכט פון דער מאָנאַדען־לעהרע פּערשווינדען די געגענ־זעצען פון גאָט און וועלט, גוף און נשמה, מאַטעריע און גייסט, אזוי פּערשווינדט אין איהם אויך יענער געגענ־זאַץ, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבייט אין דער ערקענטניס־טעאָריע: דער דואַליזם פון עמפּירישע און ראַציאָנאַליסטישע ערקענטניס. דער ספק צווישען די צוויי שוהלען דרעהט זיך ארום דער פראַגע וועגען די איינגעבאָרענע אידעען. ווייבאַלד אָבער די נשמה איז אַ מאָנאַדע, אין וועלכער עס זענען ניטאָ קיין פענסטער, וואָס זאָ־לען אַריינלאָזען וואָסערע עס איז איינווירקונגען פון דרויסען, איז ממילא קלאָר, אז עס קאָנען ניט זיין קיין „אַריינגעבראַכטע" אי־דעען און אז אַלע פּראָדוקטען פון דער נשמה זענען איינגעבאָרען אין איהר. דערינען האָבען רעכט די „נאַטיוויסטען", דאָס הייסט, די וואָס גלויבען אז געוויסע אידעען זענען אין אונז איינגעבאָרען. אָבער אויך די עמפּיריסטען, וואָס גלויבען, אז אַלע אידעען שטאַמען פון די זינען, זענען גערעכט. די זינען, — דאָס זענען געוויסע פּראָ־צעסען אין דער נשמה גופא, געוויסע, מעהר אָדער ווייניגער, טונ־

קעלע און מטושטש׳ע פאַרשטעלונגען וועלכע זי ברענגט ארויס. אָבער די זינליכע־פאַרשטעלונגען, וואָס ווערען בעשאַפען אין דער נשמה, ווערען פון איהר גופא איבערגעארבייט, לויט געוויסע גרונד־פרינציפען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס דער עצם פון דעם שכל׳ס נאַטור. די גרונד־פרינציפען זענען ערשטענס, דער זאַץ פון דעם ווידערשפּרוך. אונזער שכל האלט פאַר פאַלש אַלץ וואָס האָט אין זיך אַן אינווענינסטען ווידערשפּרוך. ער האלט פאַר אבסאָלוט אמת דעם היפך פון פאַלש. דער צווייטער גרונד־זאַץ איז דער זאַץ פון „אידענטיטעט“, ד. ה. אַז צוויי זאַכען, וואָס אונטערשיידען זיך ניט מיט גאָרנישט איינער פון דער אַנדערער, זענען איין־און־דיזעלביגע זאַך. און דער דריטער גרונדזאַץ איז דער זאַץ פון דעם גענוגענדיגען גרונד. דער שכל פערלאַנגט, אַז אַלץ, וואָס ער זעהט, זאָל האָבען אַ וועלכען עס איז גרונד, וואָס זאָל אונז דערקלעהרען פאַר וואָס די זאַך איז און פאַר וואָס זי איז אזוי, ווי מיר זעהען זי. די דריי גרונד־געזעצען שטאַמען ניט פון דער ערפאַהרונג, זיי דריקען אויס דעם שכל׳ס אייגענע טבע. דער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס ווערט בעארבייט פון דעם שכל, שטאַמט, אמת, פון דער זינליכער ערפאַהרונג. אָבער דער פּראָדוקט, וואָס ווערט ארויסגעבראַכט פון דעם מאַטעריאַל איז שוין פערשיעדען פון דער זינליכער ערפאַהרונג, ווייל ער איז איבערגעארבייט גע־וואָרען פון דעם שכל, לויט געוויסע פרינציפען וואָס ליעגען אין זיין נאַטור. עס איז דעריבער אמת, ווען די עמפּיריסטען זאָגען מיט לאָקק, אַז „עס איז גאָרנישט ניטאָ אין דעם שכל, וואָס איז פריהער ניט געוועזען אין די זינען“. מען מוז אָבער דערצו צושטע־לען דעם תנאי: „אַ חוץ דעם שכל גופא“. („ניהיל עסט אין אינ־טעלעקטו קוואָד נאָן אַנטע פויעריט אין סענסו, ניזי א י פ ס ע אינטעלעקטוס“).

בעטראַכטען מיר לייבניץ׳ס וועלט־בילד, בעקומען מיר אַ שטו־פען־לייטער פון מאָנאַדען, וואָס הויבט זיך אָן מיט דער אונבע־וואוסטער, טונקעלער און מטושטשער און ענדיגט זיך מיט דער העכסטער, וואָס איז גאָט. אַלע גראַדען פון בעוואוסטזיין, קלאָרקייט און דייטליכקייט האָבען זייערע פערטרעטער אין דער מאָנאַדען־וועלט. יעדע מאָנאַדע איז אַ בעזונדערע אייבּיגע אונ־

צושטערבארע סובסטאַנץ און ממילא איז אויך די מענשליכע נשמה ווי יעדע מאָנאַדע, אונשטערבליך. אין אלע מאָנאַדען שפּיעלט זיך אָב איין־איינציגער וועלט־פּראָצעס און אלע זענען זיי ארומגענומען מיט דעם געזעץ פון דער אייביגער פּרעסטאבי־לירטער הארמאָניע...

שוין אין דעם געדאנקען פון דער פּרעסטאבילירטער האר־מאָניע דריקט זיך אויס דער אָפּטימיסטישער בליק פון לייבניץ אויף דאס גאנצע וועלט־געשעהן. אָבער לייבניץ האָט געפונען פאר נויטיג צו בעשעפּטיגען זיך מיט א בעזונדערער אונטער־זוכונג וועגען דער גוטסקייט פון דעם וועלטליכען פּראָצעס און בעווייזען, אז אונזער וועלט איז די בעסטע פון אלע מעגליכע וועל־טען. ער האָט עס געטהאָן אין זיין שריפט „טהעאָדיצעע“, ד. ה. די גערעכט־פערטיגונג פון גאָט.

א וועלט, אויפגעבויט אויף דעם פּרינציפּ פון אייביגער געט־ליכער הארמאָניע מוז זיין די בעסטע פון אלע מעגליכע וועלטען. און אויב מיר געפינען אין איהר שלעכטס, מוזען מיר אויסגעפינען, פאר וואָס דאָס קאָן ניט זיין אנדערש, על פי שכל. דריי ארטען פון שלעכטס אין דער וועלט געפינט אויס לייבניץ. ערשטענס, דאָס „מע־טאפיזיש“־שלעכטע, דער פאקט, אז עס געפינט זיך אזוי פיעל אונ־פאָלקאָמענהייט אין דער נאטור. אויך דער מענשליכער גייסט איז ניט פאָלקאָמען, איז ניט ביכולת צו געפינען וועגען א סך ענינים דעם קלאָרען אבסאָלוטען אמת. די ארט שלעכטס איז אָבער נויטווענדיג פערבונדען מיט דער נאטור פון דעם וועלט־געשעהן גופא. בעשטעהט די וועלט פון פערשיעדענע מאָנאַדען, וואָס אונ־טערשיידען זיך לויט דעם גראד פון זייער קלאָרקייט און דייטליכ־קייט, מוז דערפון ארויסוואקסען דער פאקט, וואָס ניט אלע מאָנאַדען קאָנען שטעהן אויף דער זעלביגער מדרגה פון פאָלקאָמענהייט. איבעריגענס, גיט לייבניץ צו די מעגליכקייט, אז די מאָנאַדען פערפאָלקאָמענען זיך, דאָס הייסט, הויבען זיך אויף צו אלץ העכ־ערע און העכערע מדרגות אין זייער בעוואוסטזיין. **די וועלט ענטוויקעלט זיך.**

די צווייטע ארט שלעכטס אין דער וועלט איז די „פיזישע“, וואָס בעשטעהט פון שמארץ און וועהטאָג. אָבער אויך די ארט

איז נויטיג, ווי א מיטעל צו שטראפען און צו ערציהען, דאָס הייסט צו העלפען דער וועלט אין איהר ענטוויקלונג.

די דריטע ארט איז די מאָראלישע שלעכטס, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם מענשענס ווילען צו טהאָן בייזע מעשים. אָבער אויך די שלעכטס איז א נויטווענדיגע, ווייל זי איז פערבונדען מיט דער פרייהייט פון דעם מענשליכען ווי־לען, וועלכע שטאַמט דערפון, וואָס די מענשליכע נשמה איז א מאָנאדע, אן אונאבהענגיגע סובסטאנץ.

מען קאָן ניט זאָגען, אז אלע פונקטען פון לייבניץ'ס סיסטעם שטימען אין גאנצען הארמאָניש איינער מיט דעם אנדערען. צום ביישפיעל, די פרייהייט פון דעם מענשליכען ווילען, וואָס קאן אויס־קלייבען צווישען גוט און שלעכט, שטימט ניט גאר מיט דעם גע־דאנק, אז די מאָנאדע ווירקט לויט די נויטווענדיגקייט פון איהר אייגענער נאטור און אז אלע איהרע פראָצעסען שטעהען פון איי־ביג אָן אין א אויף־א־פריהער בעשטימטער הארמאָניע מיט דעם גאנצען וועלט־געשעהן. דער פרייער אויסקלייב פון דעם מענשלי־כען ווילען קאָן דאָך צושטערען די „פרעסטאבילירטע הארמאָניע". און נאָך אנדערע שאלות ווערען ארויסגערופען א דאנק דער מאָ־נאדען־לעהרע, אויף וועלכע מיר געפינען ניט אין איהר קיין ענט־פער. אָבער פון דעסטוועגען איז לייבניץ'ס פילאָסאָפיע אן אינ־טערעסאנטער פרוב צו פערענטפערן אלע שאלות פון דעם ראציאָ־נאליסטישען געדאנק אויף א מאָניסטישען אופן אזוי, אז אויך דער „איך־פרינציפ", דער געדאנק פון א זעלבסטשטענדיגען, גייסטיגען אינדיווידועלען „זיין" זאָל ניט פערלאָרען געהן, אזוי ווי ער איז אין גאנצען פערטרונקען געוואָרען אין דער סובסטאנץ־לעהרע פון ספינאָזא.

## § 109. כריסטיאַן וואָלף און די דייטשע אויפקלעהרער.

לייבניץ האָט ארויסגעזאָגט זיינע געדאנקען אין פערשיעדענע שריפטען, ניט אין דער פאָרם פון אן איינהייטליכען אויסגעארביי־טען סיסטעם. אויסער דעם האָבען ניט אלע געדאנקען געשטימט איינע צו די אנדערע. זיין תלמיד כריסטיאן וואָלף (1679 ביז 1759) האָט גענומען אויף זיך די אויפגאבע ארייַנצוברענגען סיס־טעם און הארמאָניע אין לייבניץ'ס געדאנקען־וועלט. ער בעמיהט

זיך צו דערקלעהרען און צו בעווייזען די הויפּט־געדאַנקען פון זיין לעהרער. די מעטאָדע איז אויך ביי איהם די מאַטעמאַטישע. אין דעם פּרט פון זיין גלויבען אין דער מאכט פון דעם מענשליכען שכל, שטייגט ער נאָך אריבער דעם ראציאָנאַליזם פון דעקארט, ספּינאָזא און לייבניץ. אין דער ערקענטניסטעאָריע שטעלט ער דעם זאַץ פון ווידערשפּרוך העכער עהדער אלע אנדערע פּרינציפּען. ער איז דער מקור, פון וואנען עס שטאַמען אלע געזעצען פון'ם ריכטיגען דענקען. אַרויסגעהענדיג פון דעם איין־איינציגען זאַץ, אז קיין זאַך קאָן ניט האָבען קיין אינעווענינסטען ווידערשפּרוך אין זיך גופא, בעווייזט וואָלף, ווי אזוי אלע אנדערע גרונדזאצען שטאַמען פון איהם אָב און ווי אזוי די גאַנצע וועלט קאָן לאָגיש ארויסגעדרונגען ווערען פון אייניגע ווענינע פילאָסאָפישע גרונד־פּרינציפּען. דער געזעץ פון דעם גענוגענדיגען גרונד איז אויך א פּועל־יוצא פון דעם ווידערשפּרוך'ס־געזעץ. יעדע זאַך מוז האָבען א גרונד, ווייל, אז ניט, וואָלט עפּעס געקאָנט ווערען פון גאָרנישט. און דאָס איז א ווידערשפּרוך.

די גאַנצע פילאָסאָפיע טיילט ער איין אין א טעאָרעטישע, אָדער די מעטאפיזיק, און א פּראַקטישע, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט די פּראָבלעמען פון דעם מאָראַלישען לעבען. די מעטאפיזיק פאַלט פאַנאַנדער אין פיער טיילען: די אָנטאָלאָגיע, וואָס אונטערזוכט די גרונד־פּרינציפּען פון יעדען זיין בכלל; די ראציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער נשמה; די קאָסמאָלאָגיע, וואָס האָט צו טאָן מיט דער וועלט, ווי איין־איינציג גאַנצעס, און די ראציאָנאַלע טעאָלאָגיע, וואָס בעווייזט אונז די עקזיסטענץ און די אייגענשאַפטען פון גאָט.

וואָלף'ס איינטיילונג פון דער פילאָסאָפיע האָט שפּעטער געגעבען די מעגליכקייט קאַנט'ן אָנצואווענדען זיין קריטיק אויף אלע פעלדער, וואו דער ריינער שכל טרעט ארויס מיט דער פּרעטענזיע, פון זיך גופא ארויסצוברענגען דעם אבסאָלוטען אמת.

דער אונבעדינגטער גלויבען אין דעם שכל און זיין איבערהערשאַפטליכע מאכט האָט ארויסגעבראַכט א פילאָסאָפישע שטרעמונג, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען, „אויפקלעהרונג" (השכלה). די דענקער פון דער ריכטונג האָבען געזעהן צו פער־

שפּרייטען אין דער געבילדעטער וועלט די רעזולטאַטען, צו וועלכע די פילאָסאָפיע איז געקומען אין ליבניץ'ס און וואָלף'ס סיסטעם. זייער לערהרע רופט מען דערבּאַר אויך אָן „די פּאָפּולאַר פי־לאָסאָפיע".

די השכלה־פילאָסאָפיע האָט פערלאַנגט פון יעדער מיינונג, זי זאָל זיך קודם כל רעכטפערטיגען פאַר דעם אויבער־האַרר פון דער מענשליכער ערקענטניס, דעם שכל. יעדער געדאַנק מוז קודם כל ברענגען שכל'דיגע בעווייזען און טעמים, פאַר וואָס מען זאָל אין איהם גלויבען. די רעליגיאָן האָט זיך געמוזט בעפרייען פון א סך אבערגלויבענס און פערעלטערטע מיינונגען. גליק און טו־גענד, האָבען די „משכילים" געלערנט, זענען פערבונדען מיט דער שכל'דיגער ערקענטניס.

די ענטוויקלונג פון די וויסענשאַפטען און פון דער עמפּירי־שער פילאָסאָפיע אין ענגלאַנד האָבען פון זייער זייט אַריינגעגאָ־סען א שטראָם פון פילאָסאָפישע געדאַנקען אין דער השכלה. אמת, דער שטראָם האָט ניט אין גאַנצען האַרמאָניזירט מיט דער לייבניץ־וואָלפישער פילאָסאָפיע, אָבער די אויפקלעהרער האָבען אויף דעם פונקט ניט שטאַרק מקפיד געוועזן. דער גרונד־טאָן איז פאָרט גע־בליבען דער לייבניציאַנישער.

די וויכטיגסטע פערטרעטער פון דער השכלה־פילאָסאָפיע אין דייטשלאַנד זענען געוועזן: ריימאַרוס, משה מענדעלסזאָהן און לעסינג.

ריימאַרוס (1694 ביז 1765) פערבינדעט די לייבניצישע פילאָ־סאָפיע מיט דעם דעאיזם. אין דער וועלט איז נאָר איין מאָל גע־שעהן א וואונדער און דאס איז די בעשאַפונג פון דער וועלט. אנ־דערע וואונדער געהען להיפך צו דעם וועזען פון גאָט.

משה מענדעלסזאָהן (1729 ביז 1786) האָט געקעמפּפט פאַר א פּריוואַטע אויפפאַסונג פון רעליגיעזע פּראָבלעמען און פאַר דעם פּרינציפּ פון רעליגיעזע טאָלעראַנץ. די פערשיעדענקייט פון רע־ליגיאָנען דאַרפען ניט אויסגענוצט ווערען, כדי צו בעשאַפען פער־שיעדענע בירגערליכע געזעצען פאַר זייערע אנהענגער. אַרויסגע־הענדיג פון אָט דעם געדאַנק, האָט ער געקעמפּפט פאַר די ביר־גערליכע גלייכבערעכטיגונג פון די אידען, אין וועלכע ער האָט גע־

זעהן ניט א בעזונדער פאָלק, נאָר א בעזונדער רעליגיעזע קהלה.

אין דער פילאָסאָפיע האָט ער זיך געמיהט צו בעווייזען, אז די מעטאפיזישע לעהרען קאָנען ארויסגעבראכט ווערען אקוראט אזוי פעסט און זיכער, ווי די מאטעמאטישע. אויך די עקזיסטענץ פון גאָט און די אונשטערבליכקייט פון דער נשמה קאָנען בעוויזען ווערען, ווי א מאטעמאטישער זאץ.

נאָר אויף איין פעלד פון דער פילאָסאָפיע, אין דער עסטעטיק, האָט מענדעלסזאָהן ארויסגעבראכט א ווירקליך אָריגינעלע אידעע. דאָס איז דער געדאנק, אז די שעהנקייטס־געפיהלען שטאַמען פון א געוויסער פרייד, וואָס ווערט אין אונז ארויסגערופען דורך אן אילוזיאָן.

דער וויכטיגסטער פון אלע אויפקלעהרער איז לעסינג (1729 ביז 1781), וועמעס געדאנקען עס האָבען בעפרוכטעט די עסטעטיק, די רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע און די פילאָסאָפיע פון דער געשיכטע. ער איז ניט פריי פון ספינאָזיסטישע „אפיקורסות“. די קריסטליכע לעהרע פון דער דריי־איינינקייט טייטשט ער פילאָסאָפיש אוים אויף אזא׳ן אופן: גאָט האָט אין זיך די פאָרשטעלונג פון אלץ, וואָס עס געפינט זיך אין איהם. די פאָרשטעלונג איז דעריבער א בילד, וואָס האָט אין זיך דעם זעלביגען אינהאלט, וואָס גאָט גופא, און איז דעריבער א פערדאָפּעלונג פון גאָט; דאָס איז גאָט׳ס זוהן. וואו עס איז אָבער דאָ א צוויי־הייט, מוז זיין אן איינהייט, וואָס פערבינדט זיי. די פעראייניגונג פון גאָט און גאָטס זוהן איז דער „הייליגער גייסט“. די פראַגע, ווער איז געווען קריסטוס, שפּיעלט ביי לעסינג׳ן ניט קיין וויכטיגע ראָליע. אויף דער רעליגיאָן האָט ער געקוקט ווי אויף אן ערציהונגס־פּראָצעס פון דער גאנצער מענשהייט. ווי יעדער איינצעלנער מענש, מאכט אויך די מענשהייט דורך דריי ענטוויקלונגס־שטופען: די קינדהייט, די יוגענד און דעם מענליכען־עלטער. דער אלטער טעסטאמענט איז די קינדהייטס־פּעריאָדע; דער נייער טעסטאמענט — די יוגענדליכע. עס מוז קומען א צייט פון א דריטער רעליגיעזער עפּאָכע, וואָס וועט פאָרשטעלען דעם מעננליכען עלטער פון דער מענשהייט.

איבעריגענס איז לעסינג געווען צו פיעל פּאָעט און קינסטלער,

כדי צו זיין א סיסטעמאַטישער, קאָנסעקוועגטער פילאָסאָף. ניט קוקענדיג אויף זיין גלויבען אין דעם מענשליכען שכל, האָט לע־סינג געשאַפען דעם בעריהמטען שפּרוך, אַז, אויב דער רבונו של עולם וואָלט איהם איך איין האַנד געגעבען דעם אבסאָלוטען אמת און אין דער אנדער האַנד — דאָס אייביגע שטרעבען צו דער גרייכען דעם אמת, וואָלט ער געלאָזען דעם אבסאָלוטען אמת אָן א זייט און וואָלט אויסגעקליבען דאָס אייביגע פאָרשען און זוכען.

§ 110. די אויפקלערונגס־פילאָסאָפיע אין פראַנקרייך.

אויך אין פראַנקרייך האָט זיך אויסגעבילדעט א פילאָסאָפישע „השכלה" וואָס איז בעשטאַנען פון פערשיעדענע ריכטונגען און וואָס האָט געבויט אלע איהרע טעאָרעטישע געדאַנקען און פראַקטישע פאָדערונגען אויף דער מאַכט פון דעם מענשליכען שכל. די וויכ־טיגסטע פון זיי האָבען זיך צוזאַמענגענומען און ארויסגעגעבען א פילאָסאָפישע ענציקלאָפּעדיע, אין וועלכע זיי האָבען אלע פראַ־גען, וואָס אינטערעסירען העם מענשען, בעהאַנדעלט פון א פריי־געזינטען שטאַנדפּונקט.

דעם אָנהויב פון דער פראַנצויזישער השכלה האָט געמאַכט נאָך א סך פריהער דער סקעפּטיקער פּיערר בייל (1647 ביז 1706). ער האָט אין די נייגציגער יאָהרען פון דעם זיבעצעגטען יאהר־הונדערט ארויסגעגעבען א „היסטאָריש־קריטישען ווערטער־בוך", אין וועלכען ער האָט דורכגענומען אלע פראַגען פון דער וועלט־אנ־שויאונג. אין דעם ווערטער־בוך האָט ער אויפגעוויעזען אויף דעם ווידערשפּרוך צווישען דעם שכל און דער רעליגיאָן. די גאַנצע קראַפט פון זיין דענקען ווענדט בייל אָן אויף דעם קאַמפּף ענט־געגען דעם דאָגמאַטישען גלויבען. אומעטום ווייזט ער אויף די אונזיכערהייט פון אלץ וואָס דער מענשליכער געדאַנק האָט ארויס־געבראַכט, סיי אין דער רעליגיאָן, סיי אין דער מעטאַפיזיק. אפילו דער בעוואוסטזיין פון דער אייגענער עקזיסטענץ און די מאַטע־מאַטישע אמת'ען קאָנען ניט אוועקגעשטעלט ווערען זיכער און פעסט. אויף דעם פעלד פון מאָראַל האָט ער געקעמפּפט אז ז זאָל אין גאַנצען בעפרייט ווערען פון רעליגיאָן. אפילו אָן אטהע איסט, קאָן זיין א זיטליכער מענש, און מען קאָן זיך גאַנץ גוט פאָ שטעלען א געזעלשאַפט פון לויטער אטהעאיסטען.

בייל'ס סקעפּטיציזם האָט א סך געהאָלפען דעם אויפבוי פון דער פראנצויזישער אויפקלעהרונגס־פילאָסאָפיע. איהר ערשטער און גלענצענדסטער פערטרעטער איז געווען א ר ו ע ווּאָס איז בעקאנט געוואָרען דער וועלט אונטער דעם פסעוודאָנים וואָלטער. (1694 ביז 1778). אויב דער שכל געהט כמעט אין אלע פונקטען להיפך צו דער קירכליכער רעליגיע, מוז מען זעהן מיט אלע כחות אויסצואוואָרצלען די אבערגלויבענס. וואָס ווערען פערשפּרייט אין איהר נאָמען און אָבשאַפען איהר שעדליכע ווירקונג אויף דעם עפענטליכען לעבען. די געדאנקען און דער סדר פון לעבען מוזען וויעדער אויף'ס ניי אויפגעבויט ווערען, לויט די פאָרדערונגען פון דעם מענשליכען שכל. וואָלטער'ס „שכל" איז בעשטאַנען פון א געמיש, אין וועלכען עס זענען צונויפגעגאָסען געוואָרען לאָקקס עמפּיריזם מיט לייבניץ'ס ראציאָנאַליזם, ניוטאָנ'ס נאטור־פילאָסאָפיע, דער ענגלישער דעאיזם און בייל'ס סקעפּטיציזם. קיין פילאָסאָפישער גייסט איז וואָלטער ניט געווען. זיינע הויפּט־געגנער זענען געווען די קירכע און איהר פאַנאַטיזם. אין גאָט האָט ער קיינמאָל ניט געצווייפעלט, און דעם גלויבען אין איהם האָט ער געהאלטען פאַר א גרונד־זייל פון דער מענשליכער אָרדנונג. „וואָלט ניט געווען קיין גאָט, וואָלט מען איהם בעדאַרפט אויסטראַכטען. אָבער די גאַנצע נאַטור שרייט אונז ענטגעגען, אז ער איז דאָ". ווי א נביא, זאָגט ער אָן די בשורה, אז די אלטע צייט פון פינס־טערניש און אבערגלויבען פערשווינדט און אז עס קומט אָן „די צייט פון פערנונפט" און אויפקלעהרונג. די נויטיגע רעפאָרמען, האָט ער געהאָפט, וועלען דורכגעפיהרט ווערען פון די אויפגעקלעהר־טע מאָנארכען, מיט דער הילף פון דער געבילדעטער געזעלשאַפט.

א פיעל טיעפערער פילאָסאָפישער דענקער איז געווען קאָנ־דיליאַק (1715 ביז 1780), וואָס האָט אויך ווי וואָלטער, זיך אָנ־געלעהנט, דער עיקר, אויף לאָקק. ער פערטיעפט די לעהרע, אז אלע אונזערע ערקענטניסען שטאַמען פון די זינען, און פאַראייִנפאַכט לאָקקס סענסואַליזם. אנשטאָט די צוויי זינען: דעם דרויסענדיגען און דעם אינוועניגסטען, נעהמט ער אָן נאָר איין זין, דעם דרויסענדיגען. און מיהט זיך צו בעווייזען, ווי אזוי די נשמה, ויאָס איז, אמת, א דענקענדע ס ו ב ס ט אַ נ ץ, אָבער וואָס

קומט אויף דער וועלט, ווי א בלאַט־ווייסער פאַפּיער, ארבייט אוים אַלע איהר ערקענטניסען אויף אַלע פעלדער פון דעם מענשליכען וויסען ריין אויס די זינליכע עמפּפינדונגען, וואָס שטראָמען אין איהר אריין פון דרויסען.

די עמפּירישע ריכטונג ווערט נאָך מעהר באַרפעסטיגט דורך דעם שווייצאַרישען דענקער שאַרל באָננע (1720 ביז 1793), וואָס בעווייזט, ווי ענג דאָס גייסטיגע לעבען איז פערבונדען מיט דעם בוי פון די נערווען און דעם מאַרך. איהם גיט זיך אָבער איין צו בלייבען טריי דעם אַלטען גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פון דער מענשליכער נשמה.

די שייכות פון גייסט און מאַטעריע בעשעפטיגט אויך זעהר שטאַרק דעם געניאַלסטען דענקער פון יענער צייט, דידעראָ (1713 ביז 1784). דער קאַמפּף מיט דער גייסטליכקייט און דעם אַלטען סדר פון דער וועלט, וועלכער האָט געזוכט שוין אונטער איהרע פליגלען, האָט זיך ביי א סך דענקער פון יענער צייט אויסגעגאָסען איז דער פאָרם פון א קאַמפּף ענטגעגען דעם גייסטיגען פּרינציפּ אי־בערהויפּט. וואָס פיינדליכער מען איז געווען צו דער גייסטליכקייט, אַלץ מעהר איז מען געווען גענייגט אניעדערצוזעצען אויפ'ן טראָהן די מאַטעריע. דידעראָ איז נאָך ניט געווען קיין ריינער מאַטעריאַליסט, אָבער ער האָט זיך געמיהט, ווי עס איז ארויסצו'־משלח־זיין גאָט און די נשמה פון דער מענשליכער וועלט־אנשוי־אונג. ער בויט אויס דעם געדאַנק, אז די עמפּפינדונגען, פון וועל־כע עס וואַקסט ארויס דאָס גאַנצע דענקען, איז אן אייגענשאַפט פון דער מאַטעריע. יעדער אטאָם האָט עמפּפינדונג אין זיך. אין דעם מענשליכען מאַרך גיסען זיך צונויף די אַטאָמען אין איין שטיק מאַטעריע און די עמפּפינדונגען פליסען דערביי צונויף אין איין פּסיכישען פּראָצעס. אויף אזא אופן איז דער מענשליכער מאַרך א מין קליינינקע ספּינאָזיסטישע „סובסטאַנץ", וואָס האָט צוויי אַט־ריבוטען: מאַטריאַליטעט און דענקען. קיין פערזענליכער גאָט און קיין אונשטערבליכקייט איז ניטאָ.

נאָך ווייטער אין דעם מאַטעריאַליזם איז געגאַנגען קאַבאַניס (1757 ביז 1808). ער בעגרינדעט די פיזיאָלאָגיע אויף א ריין־מאַטעריאַליסטישען פונדאַמענט. קיין נשמה איז ניטאָ. געדאַנקען זענען מעהר ניט, ווי אויסשיידונגען פון דעם מאַרך.

די קאָנסעקווענצען פון דעם מאַטעריאַליסטישען שטאַנד־פּונקט האָבען געצויגען די דריי גרויסע מאַטעריאַליסטען פון יענער צייט: דע־לא־מעטרי (1709 ביז 1751), האָלבאַך (1723 ביז 1789) און העלוועציוס (1715 ביז 1771). דער מענש איז א מאַשין האָט געלעהרנט, דע־לא־מעטרי. אויסער מאַטעריע איז אין דער וועלט גאָרנישט ניטאָ. דער זעלביגער געדאַנק איז סיסטעמאַטיש אויסגעארבייט און פערטיידיגט געוואָרען אין האָלבאַך'ס ווערק: „דאָס סיסטעם פון דער נאַטור". די שריפט האָט מען שפּעטער געהאַלטען פאַר „די ביבעל פון דעם מאַטעריאַליזם". אויף דעם זעלביגען מאַטעריאַליסטישען פונדאַמענט בויט העלוועציוס (אין זיין בעריהמטען בוך „וועגען דעם גייסט" זיין סענסואַליסטישע ערקענטנים־און ערציהונגס־טעאָריע.

ביי אַט די אַלע מאַטעריאַליסטען הערשט דער גלויבען אין דער מאַכט פון דעם מענשליכען שכל און פון דער אויפקלעהרונג. די גאַנצע, ביז איצטיגע געשיכטע פון דער מענשהייט איז געווען ווי א מין טעות אין פּשט, א גרייז וואָס האָט זיך אריינגע'גנב'עט אין דעם מענשליכען דענקען און וואָס אונעהרליכע, אונוויסענדע מענשען האָבען אויסגענוצט, כדי צו אונטערדריקען דאָס פּאָלק. דאָס גליק פון דער מענשהייט הענגט אָב פון דער אויפקלעהרונג, וואָס בעווייזט דעם אמת פון דעם מאַטעריאַליזם און דעם אטהעאיזם.

א ביסעל טיעפער אין דעם מהות פון דער מענשליכער געשיכטע זענען אריינגעדרונגען מאָנטעסקיע (1689 ביז 1755), וואָלטער און שפּעטער קאָנדאָרסע (1743 ביז 1794).

וואָלטער האָט געפונען א נאָמען פאַר א נייעם צווייג פון דעם מענשליכען וויסען וועלכען ער האָט אָנגערופען „די פילאָסאָפיע פון דער געשיכטע". אָבער נאָך פאַר איהם האָט מאָנטעסקיע שוין טיעף אריינגעגראָבען זיך אין דעם פעלד. די געשיכטע איז א פּראָדוקט פון נאַטירליכע אומשטענדען, און די געזעצען פון א פאָלק שפּיגלען אָב אין זיך זיין גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען, ווי אויך די נאַטירליכע סביבה אין וועלכער ער געפינט זיך. וואָלטער זעהט דאָס אייגענע צו בעווייזען בנוגע צו די מענשליכע זיטען. קאָנדאָרסע פּרובט זיך שוין אויפבויען א טעאָריע פון דעם

מענשליכען פּראָגרעס. אָבער זיי אַלע קאָנען ניט ארויסגעהן פון יענע גרעניצען, וואָס די אויפקלערונג האָט געצויגען ארום זייער גייסט. די געשיכטע ביז צו זייער צייט איז סוף כל סוף פּאַרט געווען, לויט זייער מיינונג, א געשיכטע פון טעות'ען און גרייזען און נאָר מיט זייער צייט הויבט זיך אָן אַן ענטוויקלונג: די ענטוויקלונג פון א פערנינפטיגען לעבען און דענקען.

ענג צונויפגעבונדען מיט דער אויפקלערונגס־פילאָסאָפיע, אָבער דאָך אין וויכטיגע פּונקטען איהר געגנער, איז געווען דער צווייטער געניאַלער פערטרעטער פון יענער צייט זשאַן זשאַק רוססאָ (1712 ביז 1778). אויך ער גלויבט אין דער מאַכט פון דעם מענשליכען שכל. אויך ער איז איבערצייגט, אז די גאַנצע געשיכטע ביז צו זיין צייט איז געווען א געוואַלטיג־גרויסער טעות. אָבער דעם טעות זעהט ער אין דעם, וואָס דער שכל האָט זיך צו פיעל פערלאָזען אויף זיך אַליין און האָט זיך דערוויטערט פון דער נאַטור. אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען האָט דער שכל ארויסגעבראַכט די שטאָדטישע קולטור, אויפגעבויט אויף אונגערעכטיגקייט און אונגלייכהייט. ער איז פּרעמד געוואָרען צו די נאַטירליכע בעדערפעניסען פון דעם מענשען. אין דער געדאַנקען־וועלט האָט דער מענשליכער שכל אונטערדריקט די מענשליכע נאַטור, וואָס רעדט אזוי קלאָר און שאַרף אין די געפיהלען פון דעם מענשענ'ס האַרץ. אין דער הויכשעטצונג פון דעם ג ע פ י ה ל שיידט זיך אָב רוססאָ'ס וועג פון דעם וועג, אין וועלכען עס זענען געגאַנגען כמעט אַלע אויפקלערער. שכל אַליין איז ווייניג, האָט געלערנט רוססאָ, עס איז דאָ נאָך אַן אַנדער מקור פון דער ערקענטניס, דער נ אַ ־ ט י ר ל י כ ע ר ג ע פ י ה ל. און ווען אפילו דער שכל לייקענט אין גאָט, אין דער פרייהייט פון דער מענשליכער נשמה און אין איהר אונשטערבליכקייט נאָכ'ן טוידט, פּראָטעסטירט אַנטגעגען דעם דער געפיהל, וואָס שפּיהרט גאָטס עקזיסטענץ אין דער נאַטור און פיהלט אז דעם מענשענ'ס נשמה איז פריי און אונשטערבליך.

ארויסגעהענדיג פון דעם געדאַנק, אז אַלץ וואָס די נאַטור בעשאַפט איז גוט, פערלאַנגט רוססאָ א רעפאָרם אין דער ערציהונג, אין וועלכער די קינדער זאָלען איבערגעלאָזען ווערען צו דעם ענט־

וויקלונגס־גאנג פון זייער אייגענער נאטור. אויך אין דער געזעל־שאפט, פערלאנגט ער, זאָלען אָבגעשאַפען ווערען אלע יענע אר־טען פון צוואנג און אונטערדריקונג, וואָס געהען להיפך צו דעם פערנינפטיגען ווילען פון א מענשען, וואָס וואָלט געלעבט אין א נאטור־צושטאנד.

רוססאָ'ס סאָציאַל־פּאָליטישע קריטיק פון דער הערשענדער קולטור און דער הערשענדער געזעלשאפט האָבען געהאט א גרויסע ווירקונג אויף די ראדיקאלע פערטרעטער פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן; דער עיקר, אויף ראָבעספּיער און סען־זשוסט. נאָך וויכטיגער פאר די ענטוויקלונג פון דעם מאָדערנעם געדאנק איז געווען רוססאָ'ס ווירקונג אויף די ערשטע קאָמוניסטישע טעאָ־רעטיקער פון יענער צייט: מאָרעלי (געבורט און טויט־יאָהר אונ־בעקאנט) און מאבלי (1709 ביז 1783). אין מארעלי'ס בוך „דאס געזעץ־בוך פון דער נאטור" און אין מאבלי'ס שריפט: „וועגען דער געזעצגעבונג" ווערט בעוויזען, אז דער איינציגער וועג, ווי אזוי צו לעבען, לויט דעם שכל און לויט דער נאטור, איז אָבשאפען פריוואט אייגענטום און איינפיהרען א קאָמוניסטישע געזעלשאפטס־אָרדנונג.

---

דער ראציאָנאליסטישער צווייג פון דער פילאָסאָפיע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט דעקארט'ן, האָט זיך געענדיגט מיט אן אויבערפלעכליכער השכלה (אויב מען זאָל אראָברעכענען רוססא און די קאָמוניסטען). דאס איינציגע פילאָסאָפישע סיסטעם, וואָס האָט זיך געקאנט באמת אָנלעהנען אויפ'ן שכל, איז געווען דער מא־טעריאליזם. אָבער זיין פונדאמענט גופא איז בעשטאנען אין דעם דאגמאטישען גלויבען, אז אלץ, וואָס דער שכל ברענגט ארויס, מוז זיין אמת, — א גלויבען, וואָס האָט לחלוטין ניט געפאסט צו יענער ערקענטניס־טעאָריע זיינער, אז מיר קאָנען וויסען נאָר דאס, וואָס אונז ברענגען די חושים.

אין דער זעלביגער צייט האָט יום'ס סקעפּטיציזם אונטער־געגראָבען דעם פונדאמענט פון דעם צופיעל־צוטרוי אין דער מאכט פון דעם מענשליכען שכל; און אין דער זעלביגער צייט האָבען די נאטור־וויסענשאפטען זיך ענטוויקעלט און געגאנגען זייער

מלכות'דיגען גאנג, ארויסברענגענדיג אלץ טיעפערע און זיכערע אמת'ן.

עס איז געקומען די צייט אוועקצושטעלען די שאלה: פאר וואס ענטוויקעלט זיך אזוי זיכער און פעסט די נאטור־וויסענשאפט, בעת די פילאָסאָפיע שוואנקט פון איין געדאנק צו דעם אנדערן און ברענגט ארוים נאר ווינדיגע געביידען? וואס איז דער באָדען, אויף וועלכען עס ווערט געבויט וויסענשאפט און וואס איז דער באָדען, אויף וועלכען די פילאָסאָפיע פיהרט אויף איהרע בנינים? קאן די פילאָסאָפיע אוועקגעשטעלט ווערען אויף א פונדאמענט, וואס זאל זיין אקוראט אזוי זיכער ווי דער, אויף וועלכען עס שטעהט און וואקסט די וויסענשאפט?

כדי צו פערענטפערן אָט די אלע פראגען, האָט געמוזט קריטיש אויסגעפאָרשט ווערען די טבע פון דעם מענשליכען שכל גופא, די געצייג מיט וועלכע ער ארבייט אין דער וויסענשאפט און אין דער פילאָסאָפיע; עס האָבען געמוזט אויפגעקלעהרט ווערען די בעדינגונגען וואס דער שכל געפינט פאַר דאָ און דאָרטען.

אָט די וויכטיגסטע אויפגאבען פון דעם פילאָסאָפישען געדאנק האָט גענומען אויף זיך עמאנועל קאנט.

* * *

צו § § 101—106. (ספינאָזא).


Benedictus de Spinoza, Renati des Cartes Principiorum philosophiae pars I & II... Cogitata metaphisica, 1663.

" " Tractatus Theologico-politicus, 1670.

" " Opera posthuma...Ethica... Epistolae... 1677.

" " Opera, ed. I. van Vloten et J. P. N. Land 2 vols. 1882, 1883.

" " Werke ūebersezt von Berthcld Auerbach, 2. Aufl. 1872.

" " Werke übersezt von J. H. v. Kirchman u. C. Schaarschmidt.

J. Freudenthal, Das Leben Spinozas, 1904.

Fred. Pollock, Spinoza, his life and philosophy, 1880.
T. Camerer, Die Lehre Spinozas, 1877.
Rich. Avenarius, Ueber die beiden ersten Phasen des Spinozischen Pantheismus, 1868.
John Cdird, Spinoza, 1888.
G. Suphan, Goethe und Spinoza, 1882.

צו § § 107—108. (לייבניץ).

Gottfried Wilhelm von Leibniz, De principio individui, 1663.
" " " Theodicee, 1710.
" " " Oeuvres philosophiques, ed. P. Janet, 1866.
" " " Philosophische Schriften, ed. C. J. Gerhardt, 7 Bde. 1875—1890.
G. E. Gubrauer, Leibniz, 2 Bde, 1842—1846.
Ludwig Feuerbach, Darstellung, Entwicklung und Kritik der Leibniz'schen Philosophie, 2 Aufl. 1844.
Ludwig Stein, Leibniz und Spinoza, 1890.
E. Cassirer, Leibniz' System, 1902.

צו § 109. (די דייטשע אויפקלעהרער).

David Friedrich Strauss, Hermann S. Reimarus, 2. Aufl. 1877.
Kayserling, Moses Mendelssohn, Sein Leben und sein Wirken, 2 Aufl. 1888.
Ed. Zeller, Lessing als Theolog (in Vortraege und Abhandlungen) 1877.

צו § 110. (די פראנצויזישע אויפקלעהרער).

Ph. Damiron, Memoires pour servir a' l'histoire de la philosophie au XVIIIe siecle. tom. I—III. 1858—1864.
H. Hettner, Literaturgeschichte des 18-ten Yarhunderts,
Pierre Bayle, Dictionnaire historique et critique, 4 vols. Rotterdam, 1740.
Ludwig Feuerbach, Pierre Bayle, 1838.
Voltaire, Oeuvres, 1829—1834.
David Friedrich Strauss, Voltaire, Sechs Vortrage, 3 Aufl. 1872.
John Morley, Voltaire, 1872.
Condillac, Oeuvres completes, 15 vol. 1822.

D. Diderot, Oeuvres completes 1875 ff.
K. Rosenkranz, Diderot's Leben und Werke, 1866.
John Morley, Diderot and the Encyclopaedists, 2 vols. 1886.
De Lamettrie, L'homme machine. Leyden, 1748.
" Oeuvres philosophiques. 1751.
Holbach, Systeme de la Nature, 1770.
Helvetius, De l'esprit, 1758.
Montesquieu, Lettres persanes, 1721.
" De l'esprit des lois, 1748.
Condorcet, Esquise d'an tabbleau historique des progres de l'esprit humaine, 1794.
Rousseau, Discours sur l'origine et les fondements de l'ine'-galite parmi les hommes, 1753.
" Du contrat social, 1762.
" Emile, 1762.
" Oeuvres, 1868.
L. Moreau, J. J. Rousseau, et le siecle philosophique. 1870.
J. Morley, Rousseau, 1873.
Morelly, Code de la Nature, 1775.
Mably, De la legislation, 1776.
Andre Lichtenberger, Le socialisme au XVIIIe siecle, 1895.

# די פילאָסאָפיע

וואָס זי איז און ווי זי האָט זיך ענטוויקעלט.

ארייגפיהר־אין דאָס שטודיום פון פילאָסאָפישע
פראָבלעמען: די געשיכטליכע ענטוויקעלונג
פון'ם פילאָסאָפישען געדאַנק.

פון

דר. חיים זשיטלאָווסקי.

באנד II.

פערלאַג:

מייזעל עט קאָ.

ניו יאָרק.

---

DR. CH. ZHITLOWSKY:

PHILOSOPHY, ITS HISTORY AND DEVELOPMENT.

MAISEL & CO., PUBLISHERS

422 GRAND STREET.

NEW YORK.

.1910

COPYRIGHT 1909
MAX N. MAISEL
NEW YORK.

GRAYZEL & CO., PRINTERS AND LINOTYPERS
65-67 SUFFOLK ST., NEW YORK.

# אינהאלט־פערצייכניס

## צווייטער טייל

## פון עמאנועל קאנט ביז אויף אונזערע טעג.


### עלפטער קאפיטעל : א) קאנט'ס קריטישע פילאסאפיע.

דאגמאטישער ראציאנאליזם, סקעפטישער עמפיריזם און קריטיציזם. קאנט'ס נייער וועג אין דער פילאסאפיע. די דריי קוועלען פון דער טעארעטישער ערקענטניס. ריינער שכל, פראקטישער שכל און אורטיילס־קראפט. — קאנט'ס פילאסאפישער ענטוויקלונגס־גאנג. — אן אריין־פיהר אין קאנט'ס סיסטעם. — קאנט'ס נייע שטעלונג צו דער אויפגאבע פון פילאסאפיע. — די גרונד־שאלות פון דער „קריטיק פון דעם ריינעם שכל". — קאנט'ס טראנסצענדענטאלע עסטהעטיק. רוים און צייט. — טראנסצענדענטאלער אידעאליזם און עמפירישער רעאליזם. ........................................ זייטע 1.

### צוועלפטער קאפיטעל : ב) קאנט'ס קריטישע פילאסאפיע.

די טראנסצענדענטאלע לאגיק. די קאטעגאריען־טאוועל. דער „קאפערניקאנישער" שטאנדפונקט אין דער ערקענטניס־טהעאריע. „די זאך, ווי זי איז". פענאמענען און נאאומענען. — די טראנסצענדענטאלע דיאלעקטיק. דער מאדערנער דארוויניזם — א פירוש אויף קאנט. די מעטאפיזיק. גאט, נשמה און וועלט. די קריטיק פון די גאט־בעווייזען. די קריטיק פון דער נשמה־לעהרע. די אנטינאמיען פון דעם ריינעם שכל. דער איבערגאנג צו דער מאראל־פילאסאפיע. ........................................ זייטע 33.

### דרייצעהנטער קאפיטעל : ג) קאנט'ס עטהיק און עסטהעטיק.

קאנט'ס קריטיק פון'ם פראקטישען שכל. — די זינליכע און איבערזינליכע אדער געדאנקליכע וועלט. די מענשהייט. מאקסימען (כללים) און אימפעראטיווען. דער קאטעגארישער אימפעראטיוו. — אכטונג און פליכט. די פאסטולאטען פון דעם פראקטישען שכל, די זיטליכקייטס־לעהרע. די רעכטס־רעליגיאנס־און געשיכטס־פילאסאפיע. — קריטיק פון דער אורטיילס־קראפט. צוועק און צוועקמעסיגקייט. דאס שעהנע און ערהאבענע. די צוועקמעסיגקייט אין דער נאטור. די מאראלישע וועלטענטוויקלונג. קריטישע מעטאפיזיק. ........ זייטע 59.

### פיערצעהנטער קאפיטעל : א) די ספעקולאטיווע מעטאפיזיק אין דייטשלאנד.

צווישען קאנט און פיכטע. — פריעדריך שיללער. — די וויעדערבעלעבונג פון דעם ספינאזיזם דורך יאקאבי און הערדער. הערדער'ס עוואלוציאנס־פילאסאפיע. — מימון'ס סקעפטיציזם און די אבשאפונג פון דער „זאך אין זיך". ריינהאלד'ס מאניזם. — פיכטע. זיין ערקענטניס־טהעאריע. דער אידעאליזם.

דער אנאליז פון דעם זאץ: „איך בין איך“. — די ספעקולאטיווע מעטהאדע און דער פאזיטיוויזם. — פיכטע׳ס מעטאפיזיק. די זיטליכע וועלט ארדנונג. פיכטע — דער סאציאליסט. ...................... זייטע 89.

## פופצעהנטער קאַפיטעל: ב) די ספעקולאַטיווע מעטאַפיזיק אין דייטשלאַנד.

די געבורט פון דער ראמאנטיק. רעוואלוציאנערע און רעאקציאנערע שטימונגען אין דער ראמאנטיק. שלעגעל. נאוואלים. שלייערמאכער. — יאזעף שעללינג, זיין ספינאזיזם. דער עסטהעטישער פאנטהעאיזם. די רעליגיאנס-פילאסאפיע. — העגעל. זיין קריטיק פון קאנט׳ן, פיכטע׳ן און שעללינג׳ן. — דאס דיאלעקטישע דענקען און די דיאלעקטישע מעטהאדע. העגעל און פלאטאן. די טריאדע. — העגעל׳ס סיסטעם. העגעל׳ס לאגישער פאנטהעאיזם. .. זייטע 177.

## זעכצעהנטער קאַפיטעל: די יונג-העגעליאַנער און דער מאַ-טעריאַליזם.

די יונג-העגעליאנער. — דוד פריעדריך שטרוים. ברונא בויער און די קריטישע קריטיק. — לודוויג פייערבאך און דער אביעקטיווער סענסואליזם. די קריטיק פון דער דיאלעקטיק. די צוקונפטיגע רעליגיאן. משה העסס און דער „אמת׳ער“ סאציאליזם. — דער דיאלעקטישער מאטעריאליזם פון קארל מארקס און פריעדריך ענגעלס. מיסטישע און מאטעריאליסטישע דיאלעקטיק. די טריא-דישע ענטוויקעלונג און דער אבשלום פון דער פילאסאפיע. דער היסטארישער מאטעריאליזם און די סאציאלע רעוואלוציאן. — דער געוועהנליכער מאטעריאליזם. ........................................ זייטע 147.

## זיעבצעהנטער קאַפיטעל: דער פעסימיזם, דער מאָניזם און די „איך“ פילאָסאָפיע.

שאפענהויער און דער פעסימיזם. די וועלט איז די ערגסטע, וואס מען קאן זיך פארשטעלען. די נירוואנא. — עדוואַרד פאן הארטמאן און זיין „איידע-מאניסטישער פעסימיזם“, די פילאסאפיע פון דעם „אומבעוואוסטען“. מאינלענ-דער און וויינינגער. — דער מאדערנער מאניזם: גייגער, נוארע און ערנסט העקקעל. — די „איך“-פילאסאפיע. שטירנער און ניעטצשע. ... זייטע 177.

## אַכטצעהנטער קאַפיטעל: א) די אַנטראָפּאָלאָגישע ריכטונגען.

פריעז און זיין עסטהעטישע רעליגאנס-פילאסאפיע. דער עמפּיריקער בענעקע און דער בענטהאמשער אוטיליטאריאניזם. — וויליאם האמילטאן. — הערבארט׳ס מעכאניסטישע פסיכאלאגיע און די מעטאפיזיק פון די „רעאלען“. פעכנער׳ס וועלט-נשמה און ערד-נשמה. לאטצע׳ס פערבינדונג פון א מאטעריא-ליסטישער פסיכאלאגיע און א גאט-גלויבען. וואונדט, ווי א וויסענשאפטס-מאן און ווי א ווילענס-מעטאפיזיקער. — אגיוסט קאנט און דער פאזיטיוויזם. קאנט און קאנט. קאנט׳ס פארלויפער: סאפיע זשערמאן, סען-סימאן, פיערר לערו. קאנט און בעקאן. דאס געזעץ פון די דריי שטאדיען. די קלאסיפיקאציאן פון די וויסענשאפטען. די סאציאלאגיע, די פאזיטיווע פאליטיק און „די רעליגיאן פון דער מענשהייט“. — הערבערט ספענסער. ספענסער און קאנט. דער אגנאס-טיציזם. די ערקענטניס-טהעאריע. די עוואלוציאנס-טהעאריע. ספענסער און העגעל. ............................ זייטע 207.

נײנצעהנטער קאַפּיטעל : ב) די אַנטראָפּאָלאָגישע ריכטונגען.

דיוהרינג און זײן װירקליכקײטס־פילאָסאָפיע. פּוליע׳ס „אידעען־קרעפטען". גיזיא און די פילאָסאָפיע פון׳ם לעבען. — דער נעאָ־קריטיציזם. העלמהאָלץ און די טעאָריע פון דער „ספּעציפישער ענערגיע". אָטטאָ ליעבמאַן און דער „צוריק צו קאַנט!" פריעדריך אַלבערט לאַנגע : די פּסיכאָ־פיזישע אָרגאַניזאַציע, די בעשאַפונגס־פאָרמען און דער שטאַנדפּונקט פון דעם אידעאַל. לאַװראָװ און מי־כאַילאָװסקי. די סוביעקטיװע מעטהאָדע אין דער סאָציאָלאָגיע. הערמאַן קאָהען און דער נעאָ־קאַנטיאַניזם. טראַנסצענדענטאַלער און מעטאַפיזישער אידעאַליזם. אַלאָאיס ריעהל און די צװײ אַרטען פון דער פילאָסאָפיע. — דזשאָהן סטיואַרט מילל. די ערפאַהרונג און דאָס „איך"־פּראָבלעם. דער גאָט־גלויבען. — דער נעאָ־יומיזם פון ריכאַרד אַװענאַריוס און ערנסט מאַך. אָסטװאַלד׳ס ענערגעטיק. — דער „פּראַגמאַטיזם"..................... זײטע 235.

צװאַנציגסטער קאַפּיטעל : ריקבליק און אױסבליק.

ענטדעקונגען און ערפינדונגען אין דער מענשליכער ערקענטניס. עמפּיריאָ־קריטיציזם און פּראַגמאַטיזם. דער פעהלער פון דעם פּראַגמאַטיזם. דאָס רײן מהעאָרעטישע בעדערפעניס, דער מיסטישער אױסבליק פון דעם פּראַגמאַטיזם. דער קריטיזם און די צעהן גרונד־פּרינציפּען פון דעם פילאָסאָפישען שאַפען. זײער גורל בײ די פערשיעדענע פילאָסאָפען. אײניגע פּאַראַלעלען און „עקס־פּערימענטען". די גרענצן, װאָס דאַרפען אָװעקגעשטעלט װערן אויף דער מאָ־כעס־אָרדנונג. די טאָלעראַנץ. פילאָסאָפיע און אינדיװידועלע רעליגיאָן.

..................... זײטע 269.

צווייטער טייל

# פֿון עמאַנועל קאַנט ביז אויף אונזערע טעג.

צווייטער טהייל

# פון עמאנועל קאנט (1804—1724) ביז אויף אונזערע טעג

---

עלפטער קאפיטעל.

---

## קאנט'ס קריטישע פילאסאפיע

### א) איינפיהרונג און טראנסצענדענטאלע עסטהעטיק.

---

(דאָגמאטישער ראציאָנאליזם, סקעפּטישער עמפּיריזם און קרי־טיציזם. קאנט'ס נייער וועג אין דער פילאָסאָפיע. די דריי קוועלען פון דער טעאָרעטישער ערקענטניס. רייגער שכל, פּראקטישער שכל און אורטיילס־קראפט. — קאנט'ס פילאָסאָפישער ענטוויקלונגס־גאנג. — אן אריין־פיהר אין קאנט'ס סיסטעם. די פערשיעדענע וויסענשאפטען און זייערע פערשיעדענע ערקענטניס־אינטערעסען. — קאנט'ס נייע שטעלונג צו דער אויפגאבע פון פילאָסאָפיע. — פילאָסאָפיע און מענשליכע קולטור. די גרונד־שאלות פון דער „קריטיק פון דעם ריינעם שכל". — וואָס זענען אזוינס סינטעטישע אורטיילען א־פּריאָרי? — קאנט'ס טראנסצענדענטאלע עסטהעטיק. רוים און צייט. — א־פּריאָרי'שע פאָרמען. פאָרמען און טהעטיגקייטס־ארטען. עמפּיריש, טראנסצענדענטאל און טראנס־צענדענט. טראנסצענדענטאלע אנשויאונגס־פאָרמען. שיין, ער־שיינונג און „די זאך, ווי זי איז". טראנסצענדענטאלער אידעא־ליזם און עמפּירישער רעאליזם).

---

### § 1. דאָגמאטישער ראציאָנאליזם, סקעפּטישער עמפּיריזם און קריטיציזם.

די פילאָסאָפיע פון בעקאָן און דעקארט אָן ביז צו קאנט האָט זיך ענטוויקעלט, ווי מיר האָבען געזעהען, אין צוויי פערשיעדענע

ריכטונגען: די ראַציאָנאַליסטישע ריכטונג האָט געבויט אויף דער מאַכט פון דעם מענשליכען ריינעם דענקען. זי האָט געגלויבט, אַז דער שכל קאָן אָהן דער הילף פון דער ערפאַהרונג אַרויסבּרענגען די לעצטע אַבּסאָלוטע אמת׳ן וועגען די וויכטיגסטע פילאָסאָפישע שאלות. וואָס „ריינער" דאָס דענקען איז, וואָס וועניגער די חושים מישען זיך אַריין אין דעם קלאָרען און דייטליכען שכל, אַלץ בעסער פאַר דער פילאָסאָפיע, אַלץ מעהר שאַנסען צו דערגעהן דעם אמת.

די עמפּירישע ריכטונג, צוריק, האָט אַלץ געבויט אויף דער ערפאַהרונג. וואָס געהענטער מיר שטעהען צו די חושים, וואָס וועניגער מיר פערלאָזען זיך אויף די בעגריפען פון דעם שכל, אַלץ בעסער פאַר דער פילאָסאָפיע, אַלץ זיכערער ווערט אונזער ערקענטנים.

ביידע ריכטונגען האָבען ניט בעשאַפען קיין זיכערען פונדאַמענט פאַר דער פילאָסאָפישער פאָרשונג.

די ראַציאָנאַליסטישע איז אַריין געפאַלען אין אַ דאָגמאַטישען שלאָף. זי האָט געשפּינט אַ מעטאַפיזישען נעץ פון ריין שכל׳דיגער ערקענטנים וועגען גאָט, וועלט און דער מענשליכער נשמה און איהר איז ניט אַרויף געפאַלען אויפ׳ן זין צו פרעגען זיך, מיט וואָס פאַר אַ רעכט טרויט זי אַזוי בלינד דעם מענשליכען „ריינעם" שכל אין אַזעלכע ענינים, וואָס שטייגען אַזוי ווייט אַריבער אַלע גרענעצען פון אַ מענשען־מעגליכער ערפאַהרונג.

די עמפּיריסטישע ריכטונג האָט געזאָגט איהר לעצטען וואָרט אין יום׳ס פילאָסאָפיע. יום בעווייזט, אַז דער שכל איז טאַקי אין שטאַנד אַרויסצובּרענגען אַבּסאָלוט זיכערע און קלאָרע ערקענטעניס, אָבער נאָר אויף אַ זעהר בעגרעניצטען פעלד פון זיין פאָרשען: אין דער „ריינער" מאַטהעמאַטיק. די מאַטעמאַטישע ערקענטנים קאָן איהם אָבער גאָר ניט נוצען. זי מאַכט נאָר קלאָרער עטליכע מאַטעמאַטישע בעגריפען, וואָס לאָזען זיך אָבער ניט אָנווענדען אויף דער וועלט פון דער ערפאַהרונג. אַלץ, מיט וואָס דער מענש בערייכערט זיין ערקענטנים, שטאַמט פון דער ערפאַהרונג, אָבער די ערפאַהרונג האָט אין זיך ניט קיין זיכערע פּרינציפּען, אויף וועלכע מען זאָל קאָנען פעסט בויען. דער בעגריף פון קויזאַליטעט, פון אורזאַך און ווירקונג, אויף וועלכען עס רוהט אונזער גאַנצע וויסענ־

שאפט, איז אויסגעוואקסען פון א געוועהנונג, א הרגל אין אונזער דענקען, און זיין גאנצע טעאָרעטישע גרונדלאגע איז א מין גלויבען, אז ווען עס פאסירט איין זאך, מוז דערנאָך פאסירען אן אנדער זאך. דער שכל קאָן אָבער בשום אופן ניט איינזעהען, פאר וואָס אין דערינען שטעקט א „מוז". גלויבען איז א זאך, וואס געהערט ניט צו דער פילאָסאָפיע, און דאָרטען, וואו מען קאָן ניט וויסען, מוז מען צ ו ו י י פ ל ע ן. אויף אזא'ן אופן פיהרט דער עמפיריזם, דער גלויבען אין דער ערפאהרונג, צום ס ק ע פ ־ ט י צ י ז ם.

צו דעם רעזולטאט איז יום געקומען גראָד אין אזא צייט, ווען די נאטור־וויסענשאפטען האָבען זיך גענומען ענטוויקלען מיט יע־דען שריט אלץ זיכערער און פעסטער; גראד יעמאָלט, ווען די מאַטעמאטיק, וואָס האָט, על פי טהעאָריע, גאָר ניט געקאָנט אָנ־געווענדעט ווערען אויף דאָס שטודיום פון דער נאטור, האָט, להיפך צו דער סקעפּטישער טהעאָריע, דוקא געגעבען די מעגליכקייט דער וויסענשאפט צו געהן איהר זיכערען גאנג.

פריהער אָדער שפּעטער האָט געמוזט ווערען קלאָר, אז סיי דער דאָגמאטישער ראציאָנאליסט, סיי דער סקעפּטישער עמפּירי־קער געהען אויף פאלשע וועגען. א נייער וועג האָט געמוזט דורכ־געשניטען ווערען אין דער פילאָסאָפישער פאָרשונג, אויף וועלכען מען זאָל קאָנען אויסמיידען די פעהלערען פוןביידע ריכטונגען.

אזא נייעם וועג שלאָגט פאָר קאנט אין זיין קריטיציזם. דער קריטיציזם האלט אין איינעם מיט דעם ע מ פ י ר י ק ע ר, אז יעדע טעאָרעטישע ערקענטניס מוז זיין געבויט אויף דער ערפאה־רונג; אז דער מענשליכער שכל קאָן אין דער טעאָריע געהן נאָר אזוי וויים, ווי ווייט עס געהט די ערפאהרונג. אָבער די ערפאה־רונג איז פאר איהם ניט א פשוט'ע אָבשפּיעגלונג פון דער דרויסענדיגער וועלט אין די מענשליכע חושים. די ערפאהרונגס־וועלט, וועלכע דער מענש האָט פאר זיך, איז א פּראָדוקט פון צוויי פאקטאָרען: פון די פּראָצעסען, וואָס קומען פאָר אין דעם „אָביעקט" און וואָס ווירקען אויף אונזער זינליכקייט, און, פון דער אנדער זייט, פון יענער א ר ט, ווי אזוי די ווירקונג ווערט אויפגענומען פון אונזער „סוביעקט", ד. ה. פון יענע מענשליכע ער־

קענטנים־קרעפטען, וואָס בעארבייטען אונבעוואוסטערהייד דעם דרויסענדיגען מאַטעריאל און מאַכען פון איהם מענשליכע ער־פאהרונג. די וויכטיגסטע ראָליע דערביי שפּיעלען יענע אונבע־וואוסטע פּראָצעסען אין דער ערקענטניס, וואָס ברענגען ארויס די זינליכע פאָרשטעלונגען פון רוים, צייט און די גערדאנקליכע „קאַ־טעגאָריען". זיי, אָט די פאָרשטעלונגען און קאַטעגאָריען, בעשאַ־פען ערשט די מעגליכקייט פון אַ זיכערער מאטהעמאטיק און אַ זי־כערער נאַטור־וויסענשאַפט. דער ראַציאָנאַליזם האָט דעריבער אויך ביז צו אַ געוויסען גראַד רעכט, ווען ער זאָגט, אַז די זיכערע ערקענטניס שטאַמט פון דעם „ריינעם" שכל. דאָס דאַרף מען פער־שטעהן אזוי, אַז נאָר יענע פּראָדוקטען פון דעם רייגעם שכל זענען זיכער, וואָס זענען נאָך פאַר דער ערפאהרונג אונבעוואוסטערהייד אריין געארבייט געוואָרען אין דער ערפאהרונג.

דער קריטיציזם בעפרייט אונז פון דעם בלינדען דאָגמאַטיזם און דעם בלינדען סקעפּטיציזם. מיר טרויען אונזער שכל דערפאַר און אויך אזוי פיעל, אויך וויפיעל זיינע געדאנקען ווערען פער'אמת'ט אין דעם פּראָצעס פון דער ערפאהרונג. און זיינע „רייגע" „גע־דאנקען" ווערען נאָר אויך אזוי פיעל פער'אמת'ט אין דער ער־פאהרונג, אויך וויפיעל זיי זענען לכתחילה אריינגעגאַנגען אונבע־וואוסטערהייד אין יענעם פּראָצעס, וואָס בעשאַפט ערשט דעם מענשען'ס ערפאהרונג.

די גאַנצע ערפאהרונג און אויך די גאַנצע פילאָסאָפישע ער־קענטניס שטאַמט לויט קאַנט פון דריי קוואלען: פון דער זינ־ליכקייט, וואָס בעשאַפט אנשויאונגען, פון דעם פערשטאַנד, וואָס בעשאַפט בעגריפען, און פון דער פערנונפט, וואָס בעשאַפט אידעען.

זינליכקייט און פערשטאַנד פליעסען אין איינעם און בעשאַ־פען ערפאהרונג. די פערנונפט געפינט שוין די ערפאהרונג פאַר־טיג פאַר זיך און שפּרייזט אריבער מיט איהרע אידעען איבער די גרענעצען פון דער עמפּירישער וועלט. אין אַלע דריי קוואלען גע־פינען זיך „ריינע" פּראָדוקטען פון דער מענשליכער ערקענטניס. מען מוז אויסגעפינען, וואָס פאַר אַ ראָלע די „ריינע" זינליכקייט און דער ריינער פערשטאַנד שפּיעלען אין דער ערפאהרונג, כדי דער־

נאָך אויסצופאָרשען, צי האָט דער „ריינער" שכל א רעכט, אריבער־צושפּרייזען מיט זיינע אידעען די גרענעצען פון דער ערפאהרונגס־וועלט, פאר וואָס ער טהוט דאָס און אויף וויפיעל זענען זיכער די רעזולטאטען, צו וועלכע ער קומט.

אויסגעפאָרשט אויף אזא'ן אופן די טעאָרעטישע ערקענטניס, מוז מען אויף דעם זעלביגען שטייגער קריטיש דורכנעהמען אונזער זיטליכע ערקענטניס וואָס שטאמט פון דעם פּראקטישען שכל, כדי אויך דאָרטען ארויסצוגעפינען די בעדינגונגען פון א זי־כערען וויסען. דאס זעלבע מוז אויך געטאָן ווערען פאר יענעם צווייג פון מענשליכע געדאנקען, וואָס האָבען א שייכות צו שעהנקייט, און וואָס שטאמט פון דער מענשליכער „אור־טייל'ס־קראפט".

די אויפגאבע פון דער קריטישער פילאָסאָפיע פאלט דעריבער פאנאנדער אין א „קריטיק פון דעם ריינעם שכל", א „קריטיק פון'ם פּראקטישען שכל" און א „קריטיק פון דער אורטיילס־קראפט". אזוי רופען זיך אויך אָן די דריי הויפּט ווערק, אין וועלכע קאנט האָט בעגרינדעט זיין פילאָסאָפיע.

§ 2. קאַנטס פילאָסאָפישער ענטוויקלונגס־גאַנג.

ניט מיט א מאָל האָט זיך קאנט ארויפגעארבייט צו יענער הויך, אויף וועלכער מיר געפינען איהם אין זיינע קריטישע הויפּט־שריפטען.

בעת די „קריטיק דער ריינער פערנונפט" האָט אין 1781 דערבליקט די וועלט, איז שוין קאנט געווען נאָהענט צו די זעכציג און האָט געהאט א רייכען פאָרשער־לעבען הינטער זיך און א נאָ־מען פון א טיעפען פילאָסאָף און א גרינדליכען געלעהרנטען.

זיין גאנצע פילאָסאָפישע טהעטיגקייט טיילט מען איין אין פיער גרויסע פעריאָדען:

די ערשטע פעריאָדע ביז צו דעם יאָהר 1760 איז קאנט נאָך א דאָגמאטיקער און א ראציאָנאליסט. ער פילאָסאָפירט נאָך אין די רעהמעלעך פון דעם לייבניץ־וואָלף'שען סיסטעם, אָבער אויך אין דער פעריאָדע ציעהט איהם מעהר צו די נאטור־וויסענשאפטען, עה־דער צו דער ריינער מעטאפיזיק. אין דעם יאָהר 1755 ערשיינט זיין „אלגעמיינע נאטורגעשיכטע און טהעאָריע דעם הימעל'ס", אין

וועלכער ער זאָגט צום ערשטען מאָל ארויס די היפּאָטהעזע, אז די זון און די פּלאַנעטען האָבען זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט פון א מין נעפּעל, אין וועלכען די גאַנצע וועלט־מאַטעריע האָט זיך געפונען. אין פערציג יאָהר ארום איז לאַפּלאַס אויך געקומען צו דעם זעלביגען געדאנק, וואָס הערשט נאָך עד היום אין דער וויסענשאַפטליכער אסטראָנאָמיע.

די צווייטע פעריאָדע איז די עמפּיריש־סקעפּטישע. (1760—1769). די בעקאַנטשאַפט מיט יום האָט קאַנט'ן „אויפגעוועקט פון'ם דאָגמאַטישען דרעמעל", ווי ער דריקט זיך אליין אויס. ער בעשעפטיגט זיך אין דער פעריאָדע דער עיקר מיט דער קריטיק פון דעם ראַציאָנאַליזם. ער שעצט אָב דעם ווערטה פון דער ריינער לאָגיק און געפינט, אז מען לעגט אויף איהר צו פיעל האָפענונגען, אז זי קאָן ניט געבען דער ערקענטניס דאָס, וואָס מען ערווארט פון איהר. ער שפּאָט אויס די „מעטאַפּיזישע חלומות" און האַלט, אז דער שכל קאָן קיין מאָל ניט איינזעהען, פאר וואָס עס מוז זיין קויזאַליטעט אין דער נאַטור, און אז אַלץ וואָס מיר קאָנען וויסען וועגען דעם ענין, מוזען מיר שעפּען פון דער ערפאַהרונג. די מעטאַפיזיק איז פאר איהם אין יענער צייט ניט מעהר, ווי „די וויסענשאַפט פון די גרעניצען פון דעם מענשליכען שכל".

די דריטע פעריאָדע (1770—1780) איז די איבערגאַנגס־צייט צו דער קריטישער אָדער ריכטיגער די פעריאָדע פון דעם אויסאַרבייטען און פערטיעפען דעם קריטישען געדאנק, צו וועלכען ער איז געקומען אין דעם יאָהר 1770.

די פיערטע און לעצטע פעריאָדע איז די קריטישע (1781 ביז דעם טויט — 1804), מיט וועלכער מיר בעשעפטיגען זיך דאָ.

די הויפּט ווערק פון אלע פיער פעריאָדען ברענגען מיר אין דער ליטעראַטור צו דעם פאַראַגראַף.

## § 3. ארייַן־פיהר אין קאַנט'ס סיסטעם.

קאַנט'ס פילאָסאָפיע איז די געדאַנקען־רייכסטע פון אלע סיסטעמען ביז אויף דעם היינטיגען טאָג. עס איז ניטאָ אין דער איצטיגער פילאָסאָפיע קיין איין איינציגער פילאָסאָפיש־וויכטיגער געדאנק, וואָס זאָל ניט זיין דירעקט אָדער אונדירעקט בעאיינפלוסט

פון א וועלכען עס איז קאנט'שען געדאנק. קאנט איז נאָך עד היום יענער פאָלאר־שטערן, נאָך וועלכען דער שיפסמאַן בעשטימט זיין ריכטונג. מען מוז ניט דוקא שווימען אהין, וואו דער פאָלאר־שטערן גלאנצט. מען קאָן שווימען אנשטאָט צפון קיין דרום. אָבער אויך די, וואָס שווימען קיין דרום, מוזען בעשטימען זייער וועג נאָך דעם גרויסען שטערן אין צפון.

אין די גרענעצען פון א קורצען איבערבליק איבער די פילאָסאָפיע איז כמעט אונמעגליך צו געבען א קלאָהרען און גענוג אויספיהרליכען בעריכט איבער אלע וויכטיגסטע פונקטען פון קאנט'ס אונטערזוכונגען. א גרויסער טייל פון זיינע געדאנקען איז שוין אריבער אין א בעזונדער וויסענשאפט, וואָס איז ארויס געוואקסען פון זיין פילאָסאָפיע. מיר מיינען דאָ די ערקענטניס־טעאָריע, וואָס איז געוואָרען א זעלבסטשטענדיגער טייל אין דעם סיסטעם פון די וויסענשאפטען.

מיר וועלען דאָ פרובען דורך א ביישפיעל לייכטער מאכען דעם לעזער צו פערשטעהן די אייגענטימליכע פראגע־שטעלונג, וואָס ליעגט אין קאנט'ס קריטישער פילאָסאָפיע, און דערנאָך וועלען מיר זעהען, ווי מעגליך קלאָרער צו מאכען די וויכטיגסטע הויפט־פונקטען פון זיין סיסטעם.

לאָז זיין, מיר געפינען זיך ביי א שריפה אין א פינסטערער נאכט. עס ברענט א הויז ערגיץ־וואו אין וואלד. פון דעם אונטערשטען גאָרן און פון איין זייט דאך שלאָגען פייער־צונגען און רויך־זיילען, וואָס ווארפען א געהיימניספולען ראָזאָווען אָבשיין אויף די בוימער, אויף די מענשען, וואָס שטעהען ארום הויז, און אויף דעם הימעל. מען איילט לעשען דאָס פייער, רייסען דעם דאך. פלוצלונג הערט זיך א ביטערער אויסגעשריי. א פרוי דערוויסט זיך, אז איהר שלאָפעדיג קינד געפינט זיך נאָך אין דעם אויבערשטען גאָרן. זי לויפט אום אין פערצווייפלונג און ברעכט די הענד. אלע שטעהען ווי דערשלאָגענע פון א דונער; מען וויים זיך ניט קיין ראט. נאָר אָט האָט זיך פון דער מאסע אָבגעטיילט א יונגער מאַן. מיט ענטשיעדענע טריט לאָזט ער זיך קלעטערן ארויף, אויף דעם אויבערשטען גאָרן פון וועלכען עס שלאָגען שוין געדיכטע זיילען רויך. ער פערשווינדט אין זיי. און אימה פאַלט אָן אויף אלע, וואָס

שטעהען ארום. דער פלאַקערנדער דאַך קאָן יעדע רגע צונויפשטיר־צען און בעגראָבען אונטער זיך, אין דעם גיהנם פון פייער, דעם מאַן און דאס קינד. אָבער אין א רגע ארום בעווייזט ער זיך ביים פענס־טער מיט דעם קינד אין זיין ארעם און, א דאנק דער הילף פון די ארום־שטעהענדע, געהט ער ארויס בשלום פון דעם געפאהר און גיט איבער דאס קינד צו דער כמעט וואהנזיניג־געוואָרענער מוטער. די מוטער כאַפּט ארום איהר קינד און פאַלט אויף די קניע, זי דאנקט דעם רעטער פון איהר קינד און שיקט א תפלה צום אַלמעכטיגען הימעל, וואָס האָט איהר בעוויעזען אזא גרויסען גענאד.

זאָל זיין, אז צווישען די צושויער האָבען זיך געפונען אויך אייניגע ט ע אָ ר ע ט י ק ע ר, וואָס האָבען געקוקט אויף דער פּאַסירונג, ניט נאָר ווי פעראינטערעסירטע מענשען, נאָר אויך ווי ריינע דענקער, וואָס האָבען געוואָלט פ ע ר ש ט ע ה ן אלץ וואָס דאָ האָט זיך אָבגעשפּיעלט, ארומנעהמען און ערקלעהרען די גאַנצע פּאַסירונג פון אלע איהרע זייטען. און דער עיקר קלאָהר מאַכען זיך דעם העלדישען אַקט פון דעם יונגען מאַן.

דער פ י ז י ק ע ר האָט זיך אינטערעסירט מיט יענע ריין־פיזיקאלישע, מעכאַנישע און כעמישע פּראָצעסען וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין דער פּאַסירונג. ער האָט זיך דערמאָנט אָן יענע כללים וואָס מאַכען, אז געוויסע שטאָפען זאָלען זיך אָנצינדען און ברענען; אָן יענע געזעצען וואָס בעהערשען אלערליי בעוועגונגען אין דער נאַטור. פון זיין ריין־נאַטור־וויסענשאַפטליכען שטאַנד־פּונקט איז די גאַנצע דראַמע, מיט אלע איהרע איינצעל־מאָמענטען, ניט מעהר, ווי א ספּעציעלער פאַל פון די אלגעמיינע בעוועגונגס־געזעצען וואָס געוועלטיגען אין דער מאַטעריע. אפילו די בעוועגונ־גען פון די מענשען, — די איבערבייטונג פון זייער אויסדרוק אין'ם פּנים, זייער בלייך און רויט־ווערען — זענען אויך ניט מעהר, ווי רעזולטאַטען פון ריין־מעכאַנישע פּאַסירונגען, וואָס קומען פּאָר אין דער בעלעבטער, ווי אין דער ניט בעלעבטער נאַטור. אויך יענע בעוועגונגען, וועלכע דער העלד האָט אויסגעפיהרט, כדי צו רעטען דאס קינד, מאַכען ניט קיין אויסנאַהם פון דעם אלגעמיינעם כלל. זיין קלעטערן אין פייער איז געווען א פּועל יוצא פון יענע ריין־מאַטעריעלע בעוועגונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין זיינע מוסקלען,

נערוועז און קנאָכען. ער האָט געקלעטערט דערפאַר, ווייל אין זיינע נערוועז זענען פאָרגעקומען געוויסע פערענדערונגען וואָס האָבען בעווירקט, אז זיינע מוסקלען זאָלען זיך אויף א בעשטימטען אופן צונויפשפאנען און פאנאנדערציהען. מיט דער הילף פון אָט דעם ריין־מאטעריאליסטישען בליק קאָן דער פיזיקער ערקלערען אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר דאָרטען אָבגעשפּיעלט צו יענער צייט. די זעלביגע מעכאניש־פיזיש־כעמישע געזעצען, וואָס האָבען געמאכט זיך בעוועגען דעם רויך און דעם פייער און די איינצעלנע טיילען פון דעם ברענענדיגען הויז, האָבען אויך געמאכט בעוועגען די מענשליכע נערוועז, קנאָכען און מוסקלען. וואָלטען די מענשען געווען אונבעוואוסטע אויטאָמאטען, זעהר קינסטליך אויפגעבויטע מאַשינען, וואָלטען זיי אונטער די געגעבענע אומשטענדען ניט ארויסגעבראכט ניט מעהר און ניט ווענינער בעוועגונגען, עהדער איצטער. און די פערענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען א דאנק זיי אין דער דרויסענדיגער וועלט, וואָלטען ניט געווען קיין אַנדערע. דער שכל איז דאָ גאַנץ איבעריג, און דער שכל דאַרף דאָ ניט אינ־טערעסירען דעם פיזיקער.

דער ביאָלאָג, וואָס שטודירט אויס די געזעצען פון דעם לעבען און די פאָרמען פון דעם לעבעדיגען אָרגאניזם, וואָלט זיך דערביי ניט בעגנוגענט מיט ריין־מעכאנישע בעגריפען. אין די בעוועגונגען פון מענשען, אין דעם שפּיעל פון די נערוועז און מוס־קלען, וואָלט ער דערבליקט נאָך אן אנדער זאַך, וואָס איז פון דעם פיזיקער אין גאַנצען ארויסגעלאָזען געוואָרען פון אויג. די בעווע־גונגען פון די מענשען וואָלטען פאַר איהם געווען ניט נאָר א ספּע־ציעלער פאַל פון מעכאנישע ווירקונגען און אורזאכען, נאָר אויך א ביישפּיעל, ווי אזוי די איינצעלנע אברים פון גוף זענען צוועק־מעסיג צוגעפּאסט צו די בעדערפעניסען פון דעם גאַנצען לע־בעדיגען אָרגאניזם. וואָס ער זאָל ניט טראַכטען וועגען די אור־זאכען, וועלכע האָבען ארויסגערופען אָט די צוועקמעסיגקייט, מוז ער דאָך שטענדיג האָבען פאַר זיינע גייסטיגע אויגען דעם פאַקט, אז די בעוועגונגען פון די מוסקלען, בעת דער העלד האָט געקלע־טערט אין פייער, זענען געווען צוועקמעסיגע; דאָס הייסט, געוויסע מיטלען ווי אזוי צו דערגרייכען א וועלכען עס איז

ציעל; מיטלען, ווי אזוי דער גאנצער אָרגאניזם זאָל זיך קאָנען בעוועגען אין א בעשטימטער ריכטונג. דער פיזיקער האָט זיך ניט גערעכענט מיט די בעגריפען פון מיטלען און צוועקען, ווייל דאָס איז ניט געלעגען אין די אינטערעסען פון ז י י ן דענקען, אין די אויפגאבען וואָס ז י י ן ווּיסענשאפט האָט אוועגגעשטעלט פאר איהם. פאר דעם פיזיקער איז די זאך שוין אין גאנצען דער־קלעהרט, ווען ער האָט אויסגעפונען די אלגעמיינע בלינדע בעוועגונגס־געזעצען פון דער מאטעריע, וואָס האָבען ארויסגערופען דעם דאָזיגען ספּעציעלען פאל. דער ביאָלאָג אָבער קאן מיט יענע אל־געמיינע בעוועגונגס־געזעצען אליין ניט אויסקומען, כדי צו דער־קלעהרען, פאר וואָס די מוסקלען און די קנאָכען האָבען אזא פאָרם און ניט קיין אנדערע, פאר וואָס זיי בעוועגען זיך אין אזעלכע לי־ניעס און ניט קיין אנדערע. ער מוז אָנווענדען נייע בעגריפען פון מיטעל און צוועק, פון צוגעפּאסטקייט צו געוויסע ביאָלאָגישע ציע־לען, ווען אפילו ער מעג גלויבען אז אין דער נאטור איז ניטאָ אזא מין גייסטיגע קראפט וואָס זאָל אוועקשטעלען פאר דעם אָרגאניזם וועלכע עס איז ציעלען און צופּאסען די איינצעלנע אברים צו די לעבענס־בעדינגונגען פון דעם גאנצען גוף. אָבער, אפילו שוין צו־געגעבען, אז אין דעם לעבען פון די אָרגאניזמען שפּיעלט אין א וועלכען עס איז זין א געוויסע ראָלע די אונבעוואוסטע צוועק־מעסיגקייט, דארף אויך דער ביאָלאָג ניט אָנקומען צו דער הילף פון א וועלכען עס איז ב ע ו ו א ו ס ט ע ן פּסיכישען פּראָצעס, כדי צו דערקלעהרען דאָס קלעטערן פון דעם העלד אינ׳ם פייער. ער האָט געקלעטערט דערפאר, ווייל זיינע מוסקלען און קנאָכען זיינען אונבעוואוסט־צוועקמעסיג צוגעפּאסט צו די בעוועגונגס־נויטען פון די אָרגאניזמען. א מענש אין היפּנאָטישען שלאָף, ווען מען האָט ארייננגעזעצט אין דער נשמה דעם געדאנק, אז ער מוז אין שלאָף אויספיהרען דעם רעטונגס־אקט, וואָלט ניט געמאכט קיין אנדערע בעוועגונגען ווי די, וואָס דער ביאָלאָג האָט געזעהען פאר זיינע אויגען.

דער פּ ס י כ אָ ל אָ ג, וואָס אינטערעסירט זיך נאָר מיט די בעוואוסטע פּסיכישע ערשיינונגען, וואָס קומען פאָר אין דעם מענשענס נשמה, וואָלט שוין אין גאנצען געלאָזען אָן א זייט, סיי די

מעכאַנישע בעוועגונג פון דער מאַטעריע איבערהויפּט, סיי די אונ־בעוואוסטע צוועקמעסיגקייט וואָס הערשט אין דעם לעבען פון די אָרגאַניזמען. ער וואָלט דאָס געטהאָן דערפאַר, ווייל אין די אינ־טערעסען פון ז י י ן וויסענשאַפט איז ניט איינגעשלאָסען די פראַגע וועגען מאַטעריע און בעוועגונג. פאַר איהם וואָלט דער אַקט פון קלעטערן געווען א פועל יוצא פון א געוויסער אידעען־אסאָציאַציאָן, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין דעם מארך פון דעם העלד. עס האָבען אין איהם געקעמפּפט פערשיעדענע אידעען: די פאָרשטעלונג פון בלייבען אויף אן אָרט מיט דער פאָרשטעלונג פון געהן רעטען. גובר האָט געווען יענע פאָרשטעלונג, וואָס האָט שטאַרקער געווירקט. ער איז געקראָכען אין פייער דערפאַר, ווייל די פאָרשטעלונג פון קריכען אין פייער צוליעב רעטען א מענשען איז ביי איהם געווען א קלאָהרערע, שאַרפערע, שטאַרקערע און איז געווען פערבונדען מיט מעהר לוסט, עהדער די פאָרשטעלונג פון בלייבען אויפ׳ן אָרט און צוזעהן. דער פּסיכאָלאָג לייקענט ניט יענע פּראָצעסען, וואָס האָבען אינטערעסירט דעם פיזיקער און דעם ביאָלאָג. אָבער ניט אין זיי זוכט ער די ערקלעהרונג פון דעם פאַקט וואָס עס האָט איהם פאַראינטערעסירט. די אינטערעסען פון זיין וויסענשאַפט, זענען אַנדערע עהדער די אינטערעסען פון דער פי־זיק און דער ביאָלאָגיע. זיין שכל ווערט צוגעצויגען צו די בע־וואוסטזיניגע פּסיכישע פּראָצעסען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דעם מענשליכען מארך. און ווי שאַרף ער זאָל זיך ניט ארייַנקוקען אין דעם מהות פון א פּסיכישער ערשיינונג, קאָן ער דאָרטען ניט גע־פינען קיין איין שמץ פון דעם, וואָס עס האָט אינטערעסירט דעם פיזיקער. אן אידעע, א פאָרשטעלונג, א בעוואוסטער פּסיכישער פּראָצעס איז א זאַך, וואָס פערנעהמט ניט קיין איין איינציגען פּונקט אין דעם וועלטען־רוים. דער פּסיכאָלאָג מעג זיך זיין א מאַ־טעריאַליסט און גלויבען, אז די בעוואוסטע פאָרשטעלונג ליעגט איינגעשלאָסען אין דעם מאַטעריעלען שטאָף. אָבער אויך יעמאָלט מוז ער צוגעבען, אז דער מאַטעריעלער שטאָף וואָס טראָגט אין זיך די פאָרשטעלונג, קאָן זיך ניט געפינען אין דעם פּסיכישען פּראָדוקט. דעריבער שליעסען אויס די אינטערעסען פון ז י י ן וויסענשאַפט די פראַגע וועגען מאַטעריע און בעווע־

גונג. אָבער, ווען אפילו דער פּסיכאָלאָג רעכענט זיך ניט מיט די מאַטעריעלע ערשיינונגען וואָס האָבען אינטערעסירט דעם פיזיקער און דעם ביאָלאָג, איז ער דאָך אין איין פּונקט גלייך צו זיי. איהם אינטערעסירט די טהאַט פון דעם העלד, ווי א נויטווענדיגער פּועל־יוצא פון געוויסע פריהערדיגע ערשיינונגען. דער פּסיכאָלאָגישער ענטשלוס פון געהן רעטען א מענשען איז געווען א נויטווענדיגער „מוז", וואָס איז על פּי הכרח ארויסגעוואַקסען פון געוויסע פריהער־דיגע פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסען. די קוויזאַליטעט, דער געדאַנק אַז אַלץ, וואָס געשעהט, איז א פּראָדוקט פון פריהערדיגע געשעהעניסען, ווערט אָבגעהיט אויך פון דעם פּסיכאָלאָג.

אָבער לאָמיר אָננעהמען, אז צווישען די צושויער געפינט זיך אויך א מאָראַל־פילאָסאָף, אן ע ט י ק ע ר. ער ווייס, אַז אין די האַנדלונגען פון די מענשען איז פאַראַהאַן נאָך א זייט, וועלכע עס איז אין גאַנצען פון אויג ארויסגעלאָזען געוואָרען דורך די פרי־הערדיגע בעאָבאַכטער. בעת דער העלד האָט זיך געוואָרפען אין פייער, האָבען אלע ארומיגע געקוקט אויף איהם מיט פערוואונדע־רונג און אַכטונג. און בעת ער האָט געבראַכט דאָס קינד צוריק א לעבעדיגס און דערמיט דערפרעהט אלעמענס הערצער, האָט יע־דער איינער געפיהלט ביי זיך אין דער נשמה, אַז דאָס, וואָס דער העלד האָט געטהאָן, האָט אייגענטליך יעדער איינער פון זיי גע־דאַרפט טהאָן; אז די חשיבות פון א מענשען פערלאַנגט, מען זאָל אין אַזעלכע פעלען מקריב זיין דאָס אייגענע לעבען. א חשוב'ער מענש, א מענש וואָס פערדינט באמת דעם נאָמען מענש, איז אַזאַ, וואָס טוט אלע מאָל, ווי דער העלד האָט געטהאָן איצטער. און וואָס שוואַכער מען איז אליין, וואָס שווערער עס איז פאַר אונז אויפ־צוהויבען זיך צו דער מדרגה „מענש", אלץ העכער שטייגט די חשיבות און דער ווערטה פון דעם, וואָס האָט געהאַנדעלט, לויט דעם אידעאַל פון מענשליכער ווירדע. דער העלד איז געקראָכען אין פייער דערפאַר, ווייל אזוי דאַרף מען טהאָן; ווייל אזוי זאָל טהאָן יעדער מענש. טראַכט מען זיך אריין אביסעל טיעפער אין די געדאַנקען פון דעם עטיקער, זעהען מיר אַז ער אינטערעסירט זיך דאָ מיט גאַנץ אנדערע פּראָבלעמען און זיי־טען פון דעם מענשענס־לעבען, עהדער זיינע פריהערדיגע חברים,

און אז ער ווענדט דאָ אָן גאַנץ אַנדערע מיטלען, כדי צו דערקלערען די ערשיינונגען, וואָס אינטערעסירען איהם. די פאַקטען גופא וואָס האָבען איהם פאראינטערעסירט, האָט ער ניט אויסגעטראַכט, ניט ארויסגעזויגען פון פינגער. דער העלד איז געגאַנגען אין פייער, ווייל אין איהם האָט געלעבט די פאָרשטעלונג פון א חשוב'ער מענשליכער טהאַט. און-אַלע ארומיגע האָבען אויך געגלויבט אין דעם זעלביגען זיטליכען געדאַנק. די זיטליכקייט איז פאַר דעם מענשען אַקוראַט אזא פאַקט, ווי יעדער אַנדער ערשיינונג אין דער נאַטור. אָבער פון דעסטוועגען האָט זי גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, וואָס שיידט זי אָב פון אַלע אַנדערע נאַטירליכע ערשיינונגען. און דער וואָס שטודירט עטיק, אָדער דער וואָס ברענגט ארויס זיטליכע ערשיינונגען, ווייזט דערביי ארויס גאַנץ אַנדערע אינטערעסען פון דעם מענשליכען געדאַנק, עהדער די, וואָס בעהערשען איהם, ווען ער שטודירט די נאַטור. אין דער נאַטור, דער מאַטעריעלער אָדער פסיכישער, האָבען מיר צו טהאָן מיט ערשיינונגען, וואָס זענען דאָ. אין דער עטהיק האָבען מיר צו טהאָן מיט אַן אידעאַל פון א חשוב'ען מענשליכען לעבען, וואָס איז אין דער נאַטור ניטאָ, אָבער וואָס ז אָ ל ערשט ווערען ווירקליך דורך דער מענשליכער טהעטיגקייט. דער נאַטור-פילאָסאָף האָט צוטהאָן מיט דעם „א י ז", דער מאָראַל-פילאָסאָף — מיט דעם „ז אָ ל". דאָס איז ערשטענס. צווייטענס: מוז דער מאָראַל-פילאָסאָף, ווי יעדער מענש אָננעהמען, אז דאָס אידעאַל, וועלכען דער מענש האָט צו פערווירקליכען מיט זיינע האַנדלונגען, זאָל פערווירקליכט ווערען דורך ז י י ן א י י ג ע נ ע ם פ ר י י ע ן ו ו י ל ע ן. ווייל אויב ניט, אויב זיין האַנדלונג איז א נויטווענדיגער פּראָדוקט פון אורזאַכען, וואָס האָבען זיי בעשטימט, איז יעמאָלט פאַלט אין גאַנצען אוועק די פאָרשטעלונג פון א וועלכען עס איז פערדיענסט, פון א וועלכער עס איז חשיבות פון דעם מענשען. קוים וואָלטען זיך די ארומיגע דערוואוסט, אז דער העלד איז געוועזען א משוגע'נער, וואָס האָט געטהאָן זיין העלדען-טהאַט א דאַנק א וואָסער עס איז פסיכישער קרענק, אָדער, אז ער האָט עס געטהאָן אין אַן אונבעוואוסטען צושטאַנד, ווייל א היפּנאָטיזיאָר האָט איהם דאָס איינגעבלאָזען בעת'ן שלאָף, קוים גיט איהר צו אזא מעגליכקייט, פערשווינדען גלייך אַלע כאַראַק-

טריסטישע שטריכען פון א זיטליכער ערשיינונג. עס איז ניטאָ מעהר, פאר וואָס צו לויבען דעם העלד. זיין טהאט רופט ניט ארויס קיין זיטליכע בעפרידיגונג וואָס דריקט זיך אויס אין דעם געדאנק: „עס איז גוט, וואָס ער האָט עס געטהאָן. אזוי דארף יעדער טהאָן". עס פערשווינדען דערביי אויף די געוויסענביסע, פאר וואָס מיר האָבען זיך ניט אויפגעהויבען צו דער זעלביגער מדרגה פון א חשוב'ען מענשען. אויב די זיטליכקייט איז ניט מעהר ווי א נויט־ווענדיגער פּראָדוקט פון אלע איבעריגע ערשיינונגען, האָט זי ניט מעהר חשיבות און ניט מעהר ווערטה עהדער אלע אנדערע. עס איז ניט קיין „שיינדעל" ווען איינער טוט גוטס און ניט קיין שאנד ווען איינער טוט שלעכטס. ביידענס האנדלונגען זענען גלייך פאָרבע־שטימט דורך די פריהערדיגע אורזאכען. כדי די זיטליכקייט זאָל בלייבען דאָס וואָס זי איז, כדי מיר זאָלען ריכטיג פערשטעהן איהר מהות, מוז מען אין גאנצען פערגעסען אָן די נאטירליכע נויטווענ־דיגקייט און אָנווענדען דעם בעגריף פון מענשליכע פרייהייט. פער־געסען אויף דאָס גאנצע „ז י י ן" און דענקען וועגען דעם מאָראלישען „ז אָ ל". אויך דער עטהיקער מעג זיך גלויבען, אז אליז, וואָס דער מענש טהוט, טהוט ער עס על פי קויזאלע נויטווענדיגקייט, אקוראט ווי דער פסיכאָלאָג מעג גלויבען, אז יעדער פסיכישער פּראָצעס איז איינגעשלאָסען אין א וועלכער עס איז מאטעריע און ווערט בעשטימט פון איהר. אָבער בעת דער פסיכאָלאָג שטודירט ז י י ן ענין, זעהט ער איין, אז אין דער פאָרשטעלונג פון א וועל־כען עס איז פּסיכישען געשעהען איז ניטאָ קיין איין אטאָם פון מאַ־טעריע און אז ער מוז דעריבער די מאטעריע דאָ גאנץ ארויסלאָזען פון שפּיעל. אזוי קאָן אויך דער עטהיקער זיין איבערצייגט, אז די „פרייהייט" ליעגט אפשר אין דער „קויזאליטעט" אויף דעם זעל־ביגען אופן, ווי דאָס פסיכישע געפינט זיך אין דער מאטעריע. אָבער בעת ער שטודירט ע ט ה י ק, מוז ער איינזעהען, אז אלע זיטליכע האנדלונגען און די גאנצע זיטליכע וויסענשאפט איז אויפ־געבויט אויף דער פאָרשטעלונג פון „פרייהייט" און אז אין דער פאָרשטעלונג פון פרייהייט איז ניטאָ קיין איין אטאָם פון קויזאַ־לישעט. דעריבער לאָזט ער די קויזאליטעט אָן א זייט.

געוויס טאָרען מיר דערביי ניט פערגעסען אויף דעם עססעי־

טיקער. זיין אינטערעס איז צוגעצויגען געוואָרען דורך גאַנץ אַנ־דערע זייטען פון דער פּאסירונג, וואָס האָבען געלאָזען קאַלט די פריהערדיגע דענקער. איהם האָט ניט אינטערעסירט די אונטער־זוכונג, פאַר וואָס די גאַנצע פּאסירונג פון דער שריפה און פון די מענשליכע האַנדלונגען האָט זיך אָבגעשפּיעלט אזוי, ווי זי האָט זיך געמוזט אָבשפּיעלען. איהם האָט אויך ניט אינטערעסירט די פראַגע: וואָס עס האָט דערביי ג ע ז אָ ל ט ארויסגעבראַכט ווע־רען פון חשוב'ע מענשען, און צי איז אַלץ ארויסגעבראַכט געוואָ־רען, ווי עס האָט געזאָלט זיין. איהם האָט אינטערעסירט די דרוי־סענדיגע פאָרם פון די ערשיינונגען, דאָס שפּיעל פון די פאַרבען און ליניען, די האַרמאָניע אָדער די דיסהאַרמאָניע פון דעם, ווי די פּאַרבען און ליניען האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איינעם: דער ראָזאָווער פלעק אויפ'ן טיעף־בלאָהען הימעל, די בעלויכטענע גרופּען פון ארומלויפענדע און פערהאַוועטע מענשען, די בלענדענד שעהנע פיגור פון דעם העלד, וואָס איז געשטאַנען מיט'ן קינד אויפ'ן ארעם אין דעם פענסטער אויפ'ן אויבערשטען שטאָק, ארומ־גערינגעלט מיט קנוילען פון אַש־גרויען רויך, וואָס איז געווען דורכ־געצוקט מיט פונקען און פלעמעלעך פייער. שעהן אָדער ניט שעהן? נאָר די פראַגע האָט איהם פעראינטערעסירט. עס איז, לויט די אינטערעסען פון ז י י ן ווייסענשאַפט גאַנץ גלייכגילטיג, צי אַלץ, וואָס איז געשעהן איז געווען אַ פּראָדוקט פון נויטווענ־דיגקייט, אָדער אַ זאַך, וואָס דאַרף געמאָסטען ווערען מיט דעם מאַסשטאַב פון מענשליכער פרייהייט.

לאָמיר אָננעהמען, אַז דערביי זענען געשטאַנען נאָך אַ פּאָר פילאָסאָפען: איינער, אַ ספּינאָזיסטישער פּאַנטהעאיסט, האָט אין דער גאַנצער פּאסירונג געזעהן נאָר אַ קליינינקען מאָמענט אין דעם אייביגען לעבען פון דער וועלט־סובסטאַנץ. דער אַנדערער, — אַ בערקליאַנער, האָט געלייקענט לגמרי אַז די אַלע פּאסירונגען קומען פאַר דרויסען פון זיין גייסט און איז געווען איבערצייגט, אָדער ריכטיגער, האָט זיך געפּרובט איינשמועסען, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער זעהט, איז ניט מעהר, ווי אַ דמיון אין זיין אייגענער נשמה. און נאָך איינער, אַ סקעפּטיקער, אַ צווייפלער, האָט אויך געוואָלט איינ־ריידען זיין פילאָסאָפישען שכל, אַז ער איז שטאַרק אין ספק, אויב

דאָס, וואָס ער זעהט, שפּיעלט זיך אָב אויפ'ן וואָהר, אָדער עס איז אפשר ניט מעהר ווי א חלום. „פון וואַנען וויים איך, אז דאס וואָס איך זעה, איז? אויף וואָס איז בעפעסטיגט דער גלויבען, אז דאָס וואָס איז, מוז געשעהן אזוי ווי עס איז? אפשר איז אין דער נאַטור גאָר ניטאָ קיין קויזאַליטעט, און אלע פּאַסירונגען זענען א שפּיעל פון א רעגעל־לאָזען צופאַל? ווער זאָגט מיר, אז דער מענש זאָל „זאָלען?" ווער פערזיכערט מיר, אז עס איז איבער־הויפּט דאָ אין דער וועלט שעהן און מיאוס?"

צו וועלכע פון די אלע דענקער געהערט קאַנט?

צו קיינע ניט פון זיי! ער שטעלט זיך גאָר אויף א נייעם שטאַנדפּונקט, און שרייבט פאָר דער פילאָסאָפיע גאַנץ נייע אויפ־גאַבען. ער וויל שטודירען ניט די פּאַסירונג גופא און פילאָסאָפירען וועגען איהר; נאָר שטודירען די מענשען, וואָס האָבען אויפגענומען אין זיך יענע פּאַסירונג, יעדער, לויט זיין גייס־טיגען אינטערעס. ער זאָגט: אויב עס איז דאָ א דרויסענדיגע נאַטור אָדער ניט, — די פראַגע לאָמיר לאָזען אָן א זייט. עס איז אָבער א פאַקט, אז דער מענשליכער גייסט האָט ארויסגעבראַכט נאַטור־וויסענשאַפטען, מיט אייביגע געזעצען, וואָס ווערען בעווי־זען אין זיי. עס איז א פאַקט אז דער זעלביגער מענשליכער שכל האָט ארויסגעבראַכט א זיטליכע וועלט, א וועלט פון מאָראַלישע אידעאַלען, וואָס ווערען אויפגעבויט אויף דער אידעע פון „פריי־הייט". עס איז א פאַקט, אז דער מענשליכער גייסט טיילט איין די ערשיינונגען אין עסטעטיש־שעהנע און עסטעטיש־מיאוסע. עס איז אויך א פאַקט אז דעם מענשענס שכל פילאָסאָפירט, און ברענגט ארויס געוויסע סברות וועגען וועלט, גאָט און דער מענשליכער נשמה. ווי אזוי איז דאָס געשעהן? ווי דאַרף זיין בעשאַפען דער מענשליכער גייסט, ער זאָל קאָנען ארויסברענגען, אָט די אלע דריי מלוכות? וואָס איז די טבע פון דעם מענשליכען גייסט און ווי ארבייט ער? וואָס האָט דער מענשליכער שכל געמוזט ארויסברענ־גען פון זיך אזוינס, וואָס צווינגט דעם מענשען צו פיהלען זיך זי־כער אין דער נאַטור־וויסענשאַפט, זיכער צו בויען מאָראַלישע אי־דעאַלען און אקוראַט אזוי זיכער אָבצושעצען די וועלט־פּאַסירונגען, לויט דעם שטאַנדפּונקט פון שעהן און העסליך? ניט די נאַטור, וואָס

ווערט שטודירט פון דעם געלעהרנטען, דאַרף זיין דער ענין, וואָס זאָל אינטערעסירען דעם פילאָסאָף, נאָר די נאַטור־ווי ס ע נ־ש א פ ט, דער רעזולטאַט, וועלכען דער געלערנטער האָט אַרויסגע־בראַכט. ניט די זיטליכע ערשיינונג דאַרף אינטערעסירען דעם פילאָסאָף, נאָר יענע גרונד־געזעצען, וועלכע דער עטיקער געפינט ארויס ווען ער שטודירט זיי. ניט די פראַגען, ווי אזוי מען זאָל בעשאַפען און געניסען שעהנקייט, דאַרף אינטערעסירען דעם פי־לאָסאָף. (דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם קינסטלער און דעם ווי־סענשאַפטליכען עסטעטיקער.) דער פילאָסאָף דאַרף זיך אינטע־רעסירען מיט יענע רעזולטאַטען, וועלכע דער קינסטלער און דאָס גאַנצע עסטעטישע בעוואוסטזיין פון דער מענשהייט האָט שוין ארויסגעבראַכט ביז אַהער. די מענשהייט האָט בעשאַפען אַ ק ו ל־ט ו ר, וואָס בעשטעהט פון טהעאָרעטישע אמת׳ען, זיטליכע אידעאַ־לען, עסטהעטישע אָבשאַצונגען אָדער בעאורטיילונגען. אין דער קולטור האָט זיך אויסגעדריקט די טבע פון דעם מענשענס שכל, לויט די דריי אַרטען פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין: דער טעאָ־רעטישער שכל האָט בעשאַפען נאַטור־וויסענשאַפט און מעטאַפיזיק. דער פּראַקטישער אָדער זיטליכער שכל האָט בעשאַפען אַ בעזונדער מלוכה פון זיטליכע אידעאַלען. און דער עסטעטישער געדאַנק האָט ארויסגעבראַכט דעם רייך פון שעהנקייט. לאָמיר קריטיש אויס־שטודירען, ניט אונזער אייגענעם „איך“, ווי דאָס טהוען לאָקק און יום, נאָר די רעזולטאַטען פון דער מענשליכער ק ו ל ט ו ר. לאָמיר זעהען, ווי אזוי דער מענשליכער געדאַנק האָט ארויסגעבראַכט די אַלע דריי גרונד־שטראָמען פון דער מענשליכער קולטור, וועלען מיר ערשט יעמאָלט זיין אין דער לאַגע גענוי בעקאַנט צו ווערען מיט דעם מענשליכען שכל און מיט די געזעצען וואָס הערשען אין זיין שאַפען. יעמאָלט ערשט וועלען מיר אויך קאָנען ארויסגעפינען זיינע גרעניצען און זיינע טעות׳ען. אָט דאָס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון דער קריטישער פילאָסאָפיע.

די אונטערזוכונג הויבט קאַנט אָן מיט דעם אַנאַליז פון יענע פּראָדוקטען, וועלכע דער טעאָרעטישער שכל האָט בעשאַפען אין דער מענשליכער קולטור. דעם אַנאַליז איז געווידמעט זיין הויפט־ווערק: „די קריטיק פון דעם ריינעם שכל“.

דער טעאָרעטישער שכל האָט ארויסגעבראַכט דריי גרויסע צווייגען פון דער מענשליכער ערקענטניס: די מאטעמאטיק, די נאַטור־וויסענשאפט, וואָס איז אויפגעבויט אויף א מאטעמאטישען פונדאמענט, און די מעטאפיזיק. אָבער בעת די מאטעמאטיק און די נאטור־וויסענשאפט פערמאָגען א זיכערן וויסען און ענטוויקלען זיך פון דור צו דור, איז די מעטאפיזיק עד היום נאָך אונזיכער אין איהרע רעזולטאטען, און איין סיסטעם צושטערט די אנדערע.

די קריטישע פילאָסאָפיע וויל אויספאָרשען די גרונדלאגען פון אָט די אלע דריי צווייגען: ווי אזוי איז א געזיכערטע „ריינע" מאטהעמאטיק מעגליך? ווי אזוי איז מעגליך א געזיכערטע „ריינע" נאַטור־וויסענשאפט? איז מעגליך אויך א געזיכערטע מע־טאפיזיק? און אויב זי איז יאָ מעגליך, איז — וואָס מוזען זיין איהרע יסודות? אויף די דריי פראגען זעהט קאַנט צו געבען אַן ענטפער אין די דריי לעהרען פון זיין הויפּט־ווערק: „טראנסצענ־דענטאלע עסטעטיק", וואָס בעשעפטיגט זיך הויפטזעכליך מיט דעם מאטהעמאטישען פראָבלעם; „טראַנסצענדענטאלע לאָגיק", וואָס האָט צוטהאָן דער עיקר מיט דעם פּראָבלעם פון די נאַטור־וויסענ־שאַפטען, און „טראנסצענדענטאלע דיאלעקטיק" וואָס וויל געבען אַן ענטפער, צי עס איז מעגליך א מעטאפיזיק און ווי אזוי זי קאָן זיין מעגליך.

## § 4. סינטעטישע אורטיילען אַ־פּריארי.

כדי בעסער צו פערשטעהן די ש א ל ות, וואָס קאַנט האָט דאָ אוועקגעשטעלט, מוז מען זיך פריהער פאַר אלץ קלאָר מאכען א פּאָר בעגריפען, וואָס שפּיעלען די הויפּט־ראָלע אין דער קריטישער פי־לאָסאָפיע. דאָס זענען די בעגריפען: „אַ פּריאָרי" און „אַ פּאָסטע־ריאָרי" און „אנאליטיש" און סינטעטיש".

אונזער גאנצער וויסען בעשטעהט פון איינצעלנע אורטיילען, ווי צ. ב., אז די גראדע ליניע איז דער קירצעסטער וועג צווישען צוויי פּונקטען, אז װארעמקייט מאכט גרעסער דעם פערנעהם פון א קערפּער א. ד. גל.

דער ערשטער אורטייל איז אַן אַ־פּריאָרי'שער; דער צווייטער — אַן אַ־פּאָסטעריאָרי'שער. אין וואָס בעשטעהט דער חלוק צווי־

שען זיי? וואָס זענען די וויכטיגסטע סמנים פון אן א־פריאָרישען אורטייל?

בעטראכטען מיר דעם געדאנק, אז די גראדע ליניע איז דער קירצעסטער וועג צווישען צוויי פונקטען, זעהען מיר ערשטענס, אז זיין אמת הענגט ניט אָב פון דער ערפאהרונג און אז ער איז ניט ארויסגעבראכט געוואָרען פון דער ערפאהרונג. אין דער ערפאה־רונג איז ניטאָ קיין אבסאָלוט־גראדע ליניע. די אבסאָלוט גראדע ליניע איז אן אבסטראקטער בילד פון דעם מאטעמאטיקער און דעם אמת וועגען איהר האָט ער ניט ארויסגעפונען דורך אויסמעסטונג פון אלע מעגליכע וועגען צווישען אלע מעגליכע צוויי פונקטען. עס איז דעם מאטעמאטיקער גענוג פאָרצושטעלען זיך אין דער פאנ־טאזיע צוויי וואָסערע עס איז פונקטען אין רוים און פערשיעדענע ליניעס: גראדע, קרומע און צובראָכענע, וואָס פערבינדען די צוויי פונקטען, כדי אויפ׳ן שטעל איינצוזעהען, אז צווישען די צוויי פונקטען קאָן געצויגען ווערען נאָר איין גראדע ליניע און אז זי וועט זיין די קירצעסטע צווישען אלע. כדי דאָס איינצוזעהען נוי־טיגט זיך ניט דער מאטעמאטיקער אין דער ערפאהרונג. ער בויט אלע זיינע געאָמעטרישע כללים אויף דעם גרונד־כלל און איז לכתחילה זיכער, אז די ערפאהרונג קאָן ניט געהן להיפך צו איהם. דער א־פריאָרי׳שער זאַץ איז דעריבער אַ ריין שכל׳דיגער זאַץ. קאנט רופט איהם אָן פשוט א „ריינער" זאַץ, ד. ה. אזא, וואָס האָט ניט קיין ברעקעל צוגאָב פון דער ערפאהרונג.

דער צווייטער סימן פון אן א־פריאָרי׳שען זאַץ איז זיין נ ו י ט־ו ו ע נ ד י ג ק י י ט. מיר קאָנען זיך דורכאויס ניט פאָרשטעלען, אז זיין אמת זאָל ווען עס איז קאָנען אָבגעפרעגט ווערען און פער־ביעטען ווערען דורך אן אנדער אמת.

און דריטענס איז אן אפריאָרישער זאַץ אן א ל ג ע מ י י ן־ג י ל ט י ג ע ר. יעדוועדע פערנינפטיגע בעשעפנים, וואָס קאָן נאָר אנווענדען דעם שכל צו דענקען אזא זאַץ, מוז איינזעהען זיין אמת, און דער אמת זיינער הענגט ניט אָב פון אומשטענדען, פון א בע־שטימטען אָרט אָדער א בעשטימטער צייט.

אן אפריאָרישער זאַץ איז דעריבער אזא, וואָס איז ריין פון ערפאהרונג, אלגעמיין־גילטיג און נויטווענדיג.

אן א־פּאָסטעריאָרי׳שער זאַץ שטאַמט פון דער ערפאַהרונג, ווי צ. ב. דער זאַץ, אז ווארעמקייט פערגרעסערט דעם פערנעהם פון א קערפּער. על פי שכל קאָן מען ניט איינזעהען, פאר וואָס ווארעמקייט זאָל מוזען אַלע מאָל פערגרעסערן א קערפּער׳ס פערנעהם און ניט אומגעקעהרט: איינשרומפּפען איהם. ער איז דעריבער ניט קיין „ריינער", נאָר אן „עמפּירישער" זאַץ און ניט קיין נויטווענדיגער. ער איז אָבער אויך ניט קיין אלגעמיין־גילטיגער, זיין גילטיגקייט הענגט אָב פון דער ערפאַהרונג גופא און זיין אמת מוז זיך בייטען לויט דעם, וואָס עס זאָגט וועגען דעם די ערפאַהרונג.

וואָס איז אן „אנאליטישער" זאַץ? אן אַנאַליטישער זאַץ איז אזא, וואָס מאַכט קלאָהרער אונזער וויסען וועגען א וועלכען עס איז ענין, אָבער וואָס זאָגט אונז ניט אוים קיין ברעקיל נייעס וועגען איהם, ווייל דער אויסזאָג (דער „פּרעדיקאַט") ליעגט שוין איינגעוויקעלט אין דעם ענין גופא (דעם „סוביעקט"). נעהמען מיר למשל דעם זאַץ: „יעדע מאַטעריע איז אויסגעשפּרייט". דער ענין (דער „סוביעקט") איז דאָ די מאַטעריע; אָבער אין דעם בעגריף פון מאַטעריע גופא ליעגט שוין איינגעוויקעלט דער אויסזאָג (דער „פּרעדיקאַט") — אז זי איז אויסגעשפּרייט, ווייל א ניט־אויסגעשפּרייטע מאַטעריע איז אן אינווענינגסטער ווידערשפּרוך, א זאַך, וואָס איז אונמעגליך צו דענקען. דער זאַץ האָט נאָר קלאָרער געמאַכט דעם בעגריף פון מאַטעריע, ד. ה. בעלויכטען אין בעוואוסטזיין איינעם פון יענע סמנים, וואָס געפינען זיך אין דעם בעגריף: מאַטעריע. דער זאַץ איז אן אנאליט שער.

זאָג איך אָבער: „יעדע מאַטעריע איז שווער", ברענג איך שוין דאָ ארויס אן אויסזאָג, וואָס ליעגט ניט איינגעוויקעלט אין דעם ענין גופא. איך קאָן מיר גאַנץ גוט פאָרשטעלען א מאַטעריע, וואָס האָט קיין ברעקעל שווערקייט ניט (א סך געלערנטע ווילען האָבען, אז אין דער וועלט געפינט זיך אן אָרט מאַטעריע, וואָס האָט ניט קיין ברעקעל וואָג, די „ניט־וואָגיגע" מאַטעריע) דער זאַץ: „יעדע מאַטעריע איז שווער", אויב ער איז אמת, מאַכט ריי כער אונזער וויסען וועגען דער מאַטעריע. דער אויסזאָג האָט אין זיך א סימן, וועלכען דער סוביעקט האָט ניט. דער זאַץ פערבינדט אין איינעם דעם בעגריף מאַטעריע מיט דעם בעגריף שווערקייט אין איין גע־

דזאָנקליכע איינהייט. ער איז דעריבער א ס י נ ט ע ט י ש ע ר זאַץ.

ס׳איז קלאָר, אז אַלע א־פּאָסטעריאָרי׳שע אורטיילען, וואָס שטאַמען פון דער ערפאהרונג, זענען סינטעטיש. זיי בערייכערן אונזער וויסען ווען אפילו דאָס וויסען איז ניט זיכער. זענען אָבער צוריק אַלע א־פּריאָרי׳שע זעלבסט־זיכערע אורטיילען בלויז אנאַליטיש, בלויז דערקלעהרענד און ניט בערייכערנד?

יום, וואָס האָט עהדער קאַנט כמעט מיט דערזעלביגער קלאָרקייט איינגעזעהען דעם אונטערשיעד פון א־פּריאָרי אין א־פּאָסטעריאָרי, פון אנאַליטיש און סינטעטיש, האָט זיך געמיהט צו בעווייזען, אז אַלע א־פּריאָרי׳שע, זעלבסט־זיכערע אורטיילען קאָנען נאָר קלאָרער מאַכען אונזער וויסען און ניט בערייכערן עס, ד. ה., אז זיי זענען בלויז אנאַליטיש און אין קיין פאַל ניט סינטעטיש. צוריק, זענען אַלע ערפאהרונגס־זאַצען, וואָס מיר האָבען אין דער נאַטורוויסענשאַפט, געוויס סינטעטיש, אָבער בשום אופן ניט א־פּריאָרי.

אין דעם פונקט געהט זיך קאַנט פאַנאַנדער מיט יום און אין דעם פונקט ווערט געבוירען דער ק ר י ט י צ י ז ם, ווי א געגענזאַץ צו דעם סקעפּטיציזם. א זיכערע נאַטור־וויסענשאַפט איז דאָ. דאָס איז א פאַקט, וואָס קאָן ניט געלייקענט ווערען. די נאַטור־וויסענשאַפט ברענגט אַרויס געזעצען, וואָס בערייכערן אונזער וויסען, ד. ה. זיי זענען סינטעטיש. און אין דערזעלביגער צייט זענען זיי אַלגעמיין־גילטיג און נויטווענדיג, ווי צ. ב. דער זאַץ, אז אַלץ, וואָס פּאַסירט, מוז האָבען אַן אורזאַך. זיי האָבען אין זיך די סמנים פון אַן א־פּריאָרי, הייסט עס, אז אין זיי האָבען מיר גאַנץ בעשטימט ס י נ ט ע ט י ש ע א ו ר ט י י ל ע ן א־פּ ר י אָ ר י. ווי אזוי איז דאָס מעגליך? דאָס איז די הויפּט־פראַגע, וואָס דאַרף אינטערעסירען די קריטיק פון דעם ריינעם שכל. אָבער פריהער מוז מען נאָך פערענטפערן די פראַגע וועגען דער מאַטעמאַטיק. איז דער סקעפּטיקער גערכט, ווען ער זאָגט, אז די א־פּריאָרישע אורטיילען אין דער מאַטעמאַטיק זענען בלויז אנאַליטישע, און זייער זיכערקייט שטאַמט מעהר נישט ווי דערפון, וואָס זיי מאַכען קלאָרער דעם ענין און בערייכערן ניט זיין אינהאַלט?

לאָמיר זיך טיעפער אריינטראכטען אין דעם אפריאָרישען גע־אָמעטרישען זאַץ, אז די גראדע ליניע איז דער קירצערסטער וועג צווישען צוויי פונקטען. איז דער זאַץ אן אנאליטישער אָדער א סינטעטישער? — אויב ער וואָלט געווען אן אנאליטישער, וואָלט אין דעם בעגריף גופא פון א גראדער ליניע שוין געלעגען איינגע־שלאָסען דער סימן פון „זיין די קירצעסטע“. אָבער איהר קאָנט דעם בעגריף: „גראדע ליניע“ אנאליזירען ווי טיעף איהר ווילט, איהר וועט אין איהם בשום אופן ניט געפינען אפילו קיין זכר פון דעם בעגריף „קורץ“. וואָלט דער בעגריף „קורץ“ געווען איינגעשלאָסען אין דעם בעגריף גראד, יעמאָלט וואָלט דער בעגריף: „לאַנג“ געווען, א היפך צו דעם בעגריף: „גראד“. אָבער „גראד“ און „לאַנג“ לאָזען זיך פערבינדען אין איין און דעם־זעלביגען בעגריף. כדי אויסצו־געפינען, אז די גראדע ליניע איז דער קירצעסטער וועג צווישען צוויי פונקטען, איז דעריבער ניט גענוג פאנאנדער צו פּאַלמעסען דעם בעגריף: „גראד“. איהר מוזט אין אייער פאָרשטעלונג מאכען א מין עקספּערימענט. איהר מוזט קודם כל זיך פאָרשטעלען א ר ו י ם, אין וועלכען עס ווערען געצויגען פערשיעדענע ליניעס צווישען צוויי פונקטען: גראדע, קרומע און צובראָכענע. איהר מוזט פ ע ר־ג ל י י כ ע ן די גראדע ליניע מיט די איבעריגע, כדי צו קאָנען איינזעהען, אז, לויט דער טבע פון דעם רוים, מ ו ז יעדע גראדע ליניע זיין דער קירצעסטער וועג צווישען צוויי פונקטען; איהר מוזט ס י נ ט ע ט י ז י ר ע ן פערשיעדענע פאָרשטעלונגען אין איינעם, ערשט יעמאָלט געפינט איהר ארויס דעם אמת, און דער זאַץ, וואָס איז א פועל־יוצא פון אייער ס י נ ט ע ט י ש ע ר אר־בייט, איז ניט בלויז א דערקלערענדער, נאָר א דערווייטערנדער, א בערייכענדער. דער בעגריף פון א געראדער ליניע ווערט פערבונ־דען, סינטעטיזירט, מיט א גאַנץ אנדער בעגריף: „דער קירצעסטער וועג“, וואָס איז אין איהם ניט געלעגען. דער אונז אינטערעסירענ־דער געאָמעטרישער זאַץ איז דעריבער ניט קיין אַנאליטישער, נאָר א ס י נ ט ע ט י ש ע ר. און אן א־פּריאָרי'שער איז ער דאָך אודאי: ער איז אלגעמיין־גילטיג, נויטווענדיג און זיין אמת הענגט ניט אָב פון דער ערפאהרונג. ממילא זעהען מיר, אז דער ערשטער אַקסיאָם פון דער געאָמעטריע, דער זאַץ, אויף וועלכען עס ווערט אויפגעבויט

די גאנצע געאָמעטריע, איז א ס י נ ט ה ע ט י ש ע ר א ו ר־ ט י י ל א־פ ר י א ָ ר י.

אויף דעם זעלביגען אופן בעווייזט קאנט, אז אויך די אריטמע־ טישע (און ממילא די אלגעבראישע אורטיילען). וואָס זענען אלע א־ פריאָרי, זענען אין דער זעלביגער צייט ניט אנאליטיש, נאָר סינטע־ טיש.

נעהמט מען דעם אורטייל: „זיעבען און פינף זענען אין איי־ נעם צוועלף" ( 7+5=12 ), קאָן מען אויך דאָ אויף דעם ערש־ טען בליק אריין פאלען אין דעם טעות, וואָס יום האָט געמאכט, און מיינען, אז דער זאַץ איז אַן אנאליטישער, אז אין דעם בעגריף „זיעבען און פינף" ליעגט שוין איינגעשלאָסען דער בעגריף „צוועלף". קוקט מען זיך אָבער נעהנטער צו, זעהט מען, אז כדי פון זיעבען און פינף צו בעקומען צוועלף, דארף איך זיי סינטהעטיזירען, איך דארף פריהער אויפבויען א פאָרשטעלונג פון א גרופע, וואָס האָט אין זיך זיעבען איינהייטען (לאָז זיין זיעבען איינצעלנע פונקטען), און נאָך א פאָרשטעלונג פון א צווייטער גרופע, וואָס האָט פינף פונקטען און דערנאָך ערשט א י ב ע ר צ ע ה ל ע ן די איינ־ צעלנע פונקטען און ארויסברענגען די סינטהעטישע פאָרשטעלונג פון א סוממע. אויך דער פשוט׳סטער אריטמעטישער זאַץ: „איינס און איינס איז צוויי" איז דעריבער, לויט קאנט, ניט א דערקלערענ־ דער, נאָר א בערייכערנדער זאַץ, און ממילא א ס י נ ט ע ט י־ ש ע ר א ו ר ט י י ל א־פ ר י א ָ ר י. נאָך לייכטער איז דאָס איינצוזעהן, ווען מען נעהמט צוויי ג ר ו י ס ע צאָהלען, וועמעס סומע עס לאָזט זיך ניט אזוי לייכט אויסרעכענען אין א הרף־עין.

אין דער מאטהעמאטיק, זעהען מיר, זענען דאָ סינטעטישע אורטיילען א־פריאָרי: אָבער אויך אין דער נאטור־וויסענשאפט זענען דאָ, ווי מיר וועלען נאָך שפּעטער זעהען, אזעלכע אורטיילען. עס קאָן דעריבער ניט זיין די שאלה: צ י איז א ריינע מאטעמאטיק און א ריינע נאטור־וויסענשאפט מעגליך, נאָר: ו ו י א ז ו י איז א ריינע מאטעמאטיק און א ריינע נאטור־וויסענשאפט מעגליך? מיט אנדערע ווערטער: וואָס מאכט, אז די מענשליכע ער־ קענטניס זאָל קאָנען אין דער מאטעמאטיק און אין דער נאטור־ווי־ סענשאפט ארויסברענגען סינטעטישע אורטיילען אפריאָרי?

די פראַגע בנוגע דער מאטעמאטיק פערענטפערט קאַנט אין זיין לעהרע וועגען דער טראַנסצענדענטאַלער עס־טהעטיק.

## § 5. קאַנט׳ס טראַנסצענדענטאַלע עסטהעטיק.

דער בעסטער וועג אריין צו דרינגען אין קאַנט׳ס טיעפע גע־דאַנקען וועגען דער טראַנסצענדענטאַלער עסטהעטיק איז — זעהען צו מאַכען זיך וואָס קלאָרער קאַנט׳ס געדאַנקען וועגען רוים און צייט.

די גאַנצע דרויסענדיגע וועלט, וואָס מיר נעהמען אריין אין אונזער ערקענטניס, איז אונז „געגעבען“ אין רוים און אין צייט. מיר דערקענען זי דורך אונזערע זינען. די גאַנצע לעהרע פון דער זינליכער ערקענטניס רופט קאַנט אָן: עסטעטיק. מען דאַרף דעריבער דאָ ניט צונויפמישען דאָס וואָרט מיט דער וויסענ־שאַפט פון שעהנקייט, וואָס טראָגט איצטער דעם זעלביגען נאָמען.

דזשאָהן לאָקק האָט ווי מיר האָבען אויבען געזעהען צוריקגע־פיהרט אַלע אונזערע ערקענטעניסען צו צוויי חושים: דעם דרויסענ־דיגען און דעם אינוועניגסטען. פון דעם דרויסענדיגען חוש שטאַמען אַלע יענע עמפפינדונגען, וואָס זאָגען אונז עפּעס אוים וועגען דער דרויסענדיגער וועלט: רויט, גרין, שווער, הייס און אזוי ווייטער. איז אויך דער רוים אַן אַרט עמפפינדונג ווי שווער און רויט? שוין לאָקק האָט איינגעזעהען, אז רוים איז ניט עמפפינדונג. נאָך קלאָרער און זיכערער איז דער געדאַנק פאַר קאַנט׳ן. די עמפפינדונג איז אַ פערענדערליכער צשטאַנד אין דעם ערקענענדען סוביעקט. אָט שפּיהרט ער הייס און אָט שפּיהרט ער קאַלט, אָדער גרין, אָדער רויט. דער רוים אָבער איז ניט קיין פערענדערליכער צושטאַנד אין דער ערקענטניס. אין דעם שטענדיגען בייטען זיך פון די דרוי־סענדיגע עמפפינדונגען בלייבט איין זאַך תמיד אונפערענדערט: דער פאַקט, אז זיי פערנעהמען אַ וועלכען עס איז אָרט אין רוים. און דער רוים איז ניט עפּעס, וואָס מיר זעהען שטעקען אין דיא עמפ־פינדונגען, נאָר אומגעקעהרט: די עמפפינדונגען זענען עפּעס, וואָס ליעגען אין רוים. דערפון געווינען מיר דעם ערשטען כלל, אז דער רוים איז ניט קיין עמפפינדונג.

אָבער דער רוים איז אויך ניט קיין „צוזאַמענגעזעטצטע אידעע“

און שטאמט ניט פון די דרויסענדיגע עמפּפינדונגען, ווי דאָס האָט געוואָלט האָבען דערזעלביגער לאָקק. וואָלט דער רוים געווען עפּעס אזוינס, וואָס איז צונויפגעזעצט פון פערשיעדענע עמפּפינדונגען (צ. ב. פון געזיכטס און טאַפּ־עמפּפינדונגען, ווי דאָס האָט געמיינט לאָקק), יעמאָלט וואָלט ער געהאט אין זיך די טבע פון אלע אנדערע עמפּפינדונגען, נאָר איין זאַך קאָן איך ניט פערטיליגען אין איהם — אָדער אין גאנצען פערשווינדען פון איהם. בעת איך שטעל מיר פאָר א וועלכע עס איז ערשיינונג פון דער דרויסענדיגער וועלט, קאָן איך גאנץ גוט מאכען פערשווינדען פון מיין בעוואוסטזיין אלע איהרע עמפּפינדונגען נאָר איין זאַך קאָן איך ניט פערטיליגען אין איהם — דעם רוים גופא. דערפון איז א ראיה, אז די פאָרשטעלונג פון דעם רוים שטאמט ניט פון די עמפּפינדונגען.

וואָס קאָן אָבער דער רוים אזוינס זיין, אויב ער איז ניט עמפּפינדונג, און אין וועלכער שיכות שטעהט ער צו די עמפּפינדונגען? מיר האָבען שוין געזאָגט, אז ער האָט אלע דרויסענדיגע עמפּפינדונגען א י ן ז י ך, ער איז, ווי א כלי, וואָס איז אָנגעפילט מיט זייער אינהאלט: ער איז די פ אָ ר ם, ווי אזוי די דרויסענדיגע עמפּפינדונגען זענען פערבונדען אין אונזער זינליכען בעוואוסטזיין. ווען אויף אונזער זינליכען בעוואוסטזיין ווירקען אין איין און דעם זעלביגען צייט־מאָמענט עטליכע, לאָמיר זאָגען, גרינע עמפּפינדונגען מיט א מאָל, ווערען זיי איינגעאָרדענט אין דער פ אָ ר ם פון זיין איינע נעבען די אנדערע, אין דער פאָרם פון א גרינער א ו י ס ג ע ש פּ ר י י ט ק י י ט. מיר קאָנען דעריבער אוועקשטעלען א צווייטען כלל פאר דעם רוים: ער איז א פערבינדונגס־פ אָ ר ם פון די דרויסענדיגע עמפּפינדונגען. מיר געפינען ווייטער אין דעם רוים אלע יענע סמנים, וועלכע מיר האָבען געגעבען פאר איטליכער אפּריאָרישער ערקענטניס. דער רוים איז א נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ע פאָרשטעלונג און א ל ג ע מ י י ן־ג י ל ט ג ע, פון וועלכער קיין מענש קאָן זיך ניט בעפרייען. זי איז אָבער אויך אונאָבהענגיג פון דער דרויסענדיגער ערפאהרונג. קיינער איז א רגע ניט מסופק אין דעם, אז אלץ, וואָס די דרויסענדיגע ערפאהרונג וועט איהם ווען עס איז ברענגען פאר זיינע אויגען, וועט מוזען זיין רוימליך. דער מענש וויים דאס לכתחילה,

אַפּריאָרי. דערפון איז געדרונגען דער דריטער כּלל, אז ד ע ר ר ו י ם איז אַן אַפּריאָרישע פאָרם.

אויב אָבער דער רוים איז אַן אַ פּ ר י אָ ר י ש ע פאָרם, איז שוין דערפון אליין קלאָר, אז ער קאָן נ י ט ש ט א מ ע ן א י ן א ו נ ז פ ו ן ד ע ר ע ר פ א ה ר ו נ ג, ווייל אַלץ, וואָס שטאַמט פון דער ערפאהרונג, קאָן ניט זיין נויטווענדיג און אַלגע־מיין־גילטיג.

דער רוים, קאָנען מיר שוין איצטער זאָגען, איז אַ ן אַ פּ ר י־אָ ר י ש ע פ אָ ר ם א י ן א ו נ ז ע ר ע ז י נ ל י כ ע ע ר־ק ע נ ט נ י ס, אַ פּ ר י נ צ י פּ, לויט וועלכען אַ געוויסער פערשיעדענערער מאַטעריאַל ווערט פערבונדען, ס י נ ט ע ט י־ז י ר ט אין אונזער בעוואוסטזיין צו איין איינציגער זאַך.

אָבער וואָס פאר אַן ארט פאָרם איז דער רוים? וואָס דריקט אוים זיין פערבינדונגס־פּרינציפּ?

לייבניץ האָט געוואָלט האָבען, אז דער רוים איז ניט מעהר ווי אַ טונקעלער מטושטש׳ער בעגריף: אַנשטאָט צו דענקען: „עס איז עפּעס אין איינעם“, ז ע ה ט דער כּח־הדמיון: „עס איז עפּעס איינס נעבען דעם אַנדערן“. קאַנט זאָגט זיך לגמרי אָב אָט פון דעם לייבניצ׳שען געדאַנק. אויב דער רוים איז ניט מעהר ווי אַ טונקעלער בעגריף, אַ מטושטשער געדאַנק, יעמאָלט פערלירט די גאַנצע זינליכע וועלט און די נאַטור־וויסענשאַפטליכע ערפאהרונג. וואָס איז אויפגעבויט אויף איהר, איהר זין און איהר זעלבסט־שטענ־דינקייט. די זינליכע ערקענטנים איז יעמאָלט ניט מעהר ווי אַ שלעכטער טייל פון דער ריין שכל׳דיגער ערקענטנים און די גאַנצע וועלט פון דער ערפאהרונג, וואָס בעררייכערט אונזער וויסען און טראָגט אויף זיך די שטאָלצע געבייען פון דער וויסענשאַפט, — ניט מעהר ווי — אַ טעות אין פּשט, אַ פאַלשער פּירוש אויף אַ וועלכען עס איז „ריינעם“ געדאַנק.

דער פעהלער, וועלכען לייבניץ האָט געמאַכט, איז — וואָס ער האָט צונויפגעמישט צוויי זאַכען, וואָס זענען ראַדיקאַל פערשיעדען איינע פון דער אַנדערער: „בעגריף“ און „אַנשויאונג“. אמת, ביידע זענען זיי סינטהעטישע פאָרמען, מעטהאָדען, ווי אַזוי צו פערבינדען פערשיעדענעס צו איין איינהייט אין געדאַנק. אז איך

האָב אין דער ערפאהרונג א סך איינצעל־בוימער, מאַך איך פון זיי א בעגריף: „בוים בכלל“ און פערבינד זיי דורך דעם צו איין גע־דאַנקליכער איינהייט. אָבער די ארט פון פערבינדען איז ביי דעם בעגריף אַ גאַנץ אנדערע, עהדער ביי דער אנשויאונג. די אלע איינצעל־בוימער, וועלכע דער בעגריף „בוים“ נעהמט ארום, האָט ער ניט אין זיך, נאָר אונטער זיך, ווי דער „העכערער“ בעגריף „פלאַנץ“ האָט אונטער זיך דעם ניעדעריגערען בעגריף „בוים“. אָבער דער רוים האָט אלע טיילען, וועלכע ער נעהמט ארום, אין זיך. עס איז אייגענטליך ניטאָ קיין פיעל רוימען. זיי אלע זענען טיילען פון איין־איינציגען, אונענדליכען וועלטען־רוים און זיי ליעגען אין איהם. דער רוים איז איינער, דעריבער קאָן ער ניט זיין קיין בעגריף. ער איז אַן אַנשויאונג, אַ גאַנץ בעזונדערע ארט פון מענשליכען בעוואוסטזיין, וואָס איז פערשיעדען סיי פון די עמפפינדונגען, סיי פון די בעגריפען. שעפען מיר אויס פון דער רוים־פאָרשטעלונג אלע עמפפינדונגען, בלייבט איבער אין בעוואוסטזיין די ריינע אנשויאונג פון דעם רוים, די אַ־פּריאָרישע פאָרם פון דער אנשויאונג.

אויך מיט דער נייער דעפיניציע פון „רוים“ האָבען מיר זיך נאָך ניט אָרָאבגעלאָזען ביז צו דער גאַנצער טיעפקייט פון קאַנט'ס לעהרע וועגען איהם. כדי נאָך ווייטער צו פערטיעפען זיך אין דעם ענין, וויל איך דערמאָנען דעם לעזער אַן דעקארט'ס לעהרע פון די אידעען, פון וועלכער עס איז ארויסגעוואקסען דער גאנצער ראַציאָנאַליזם. מיר האָבען, לערנט דעקארט, דריי ארטען פון אידעען: פון־דרויסען־אריין־געבראכטע, פון־אונז־גופא־געמאכטע און אין־אונז־איינגעבאָרענע. צו וועלכער פון די דריי ארטען גע־הערט דער רוים? אַ פון־דרויסען־אריינגעבראכטע אידעע איז ער ניט, ווייל ער איז אַ־פּריאָרי. ער איז ניט אַ פון־אונז־געמאכטע אידעע דערפאר, ווייל ער איז ניט א צונויפגיעסונג פון עמפפינדונגען און אויך ניט קיין בעגריף. איז ער דעריבער אונז „איינגעבאָרען“? דעקארט האָט דערויף געענטפערט: יע, די אויסדעהנונג איז אַ קלאָרע און דייטליכע פאָרשטעלונג, אַ נויטווענדיגער „אַטריבוט“ פון דער מאַטעריע, און דעריבער אַן איינגעבאָרענע אידעע. אָבער קאַנט לייקענט אויך דאָס אָב. מען דאַרף זיך ניט פאָרשטעלען,

אז די אַ־פּריאָרי'שע אנשויאונגס־פאָרם ליעגט אין אונזער „גע־מיטה" פּארטיגערהייד, ווי א כלי, ווי א פורעם, אין וועלכען עס ווערען אריין געגאָסען די דרויסענדיגע עמפּפינדונגען. איין איינ־געבאָרענע פאָרם וואָלט איך פערגליכען מיט א ניגון, וואָס ליעגט פּארטיגערהייד אין זכרון. אין א פּארטיגען ניגון קאָנען מיר איינ־קליידען אלע ווערטער, וועלכע עס געהען אריין אין בעוואוסטזיין. קאַנט'ס אַ־פּריאָרי'שע פאָרמע דארף מען בעסער פערגלייכען ניט מיט א פּארטיגען נגון, נאָר מיט יענע טענער, וואָס ליגען ב כ ח אין דעם בעשאַף פון א וועלכען עס איז מוזיקאַלישען אינסטרומענט. כל זמן מען ריהרט ניט אָן דעם אינסטרומענט, זענען אין איהם קיין טענער ניטאָ; ווי נאָר איהר הויבט אָן צו ווירקען אויף איהם אין א פּאסענדער ארט, אזוי הויבט ער אָן ארויסצוברענגען יענע טענער, וואָס קאָנען פון איהם ארויס געבראכט ווערען לויט זיין טבע. כל זמן אונזער געמיטה ליעגט רוהיג, פון קיין זאך ניט געררייצט צו טהעטיגקייט, איז אין איהם קיין רוים ניטאָ. אָבער ווי נאָר א זאך פון דרויסען וועקט אויף זיין טהעטיגקייט, אזוי הויבט ער אָן מטילא ארויסברענגען פון זיך ר ו י ם, ד. ה., יענע אַ־פּריאָרי'שע פאָרם, וואָס דריקט זיך אוים אין אויסגעשפּרייטקייט, אין אויסדעהנונג. די אַ־פּריאָרי'שע פאָרם איז דעריבער א געוויסע ט ה ע ט י ג ק י י ט ס ־ ארט פון אונזער געמיטה, דורך וועלכער ער סינטעטיזירט, פערבינדט, לויט זיין נאטירליכען בעשאַף, דעם דרויסענדיגען פערשיעדען־ארטיגען מאטעריאל צו איין איינהייט אין דער אנשויאונג. דער רוים איז א סינטהעטישע טהעטיגקייט־ארט אַ־פּריאָרי, אין וועלכער עס דריקט זיך אוים די טבע גופא פון אונזער „דרויסענדיגען" חוש. א רוימליכע זאך איז דעריבער א זאך, וואָס בעשטעהט פון צ וו ו י י עלעמענטען: דעם מאטעריאל און די פאָרם. דעם מאטעריאל גיט די דרויסענדיגע זאך, וואָס ווירקט אויף אונזער „געמיטה", אָבער די ווירקונג איהרע זעהען מיר ניט. מיר זעהען זי ערשט יעמאָלט, ווען זי ערשיינט פאר אונז, ארום געוועבט אין דער פ אָ ר ם פון רוימליכער אנשויאונג.

ווי זעהט אָבער אוים די זאך, עהדער זי ווערט ארום געשפּינט מיט רוימליכע אנשויאונג? ווי זעהט אוים „די זאך ווי זי איז?"

דאָס קאָנען מיר בשום אופן ניט וויסען, וויילע ווי נאָר מיר ווילען זעהען אָדער זיך עפּעס פאָרשטעלען, אַזוי מוזען מיר, לויט דער טבע פון אונזער דרויסענדיגען חוש, בעשאַפען רוים־אַנשויאונג. דורכרייסען די רוים־אַנשויאונג וואָלט געהייסען, ארויסשפּרינגען פון דער אייגענער טבע, וועלען ארוים שלעפּען פאר די אייגענע האָר זיך אליין פון זומפּ. די רוימליכע אנשויאונג איז דעריבער די גרעניץ, הינטער וועלכער מיר קאָנען ניט אריין בליקען. אריינ־בליקען אין די זאַך ווי זי איז וואָלט געהייסען זעהען אונזערע אייגענע אויגען, ניט אין א שפּיגעל, נאָר אין אונזערע אייגענע אויגען־לעכער, בעת זיי זענען פערנומען מיט דעם פּראָצעס פון זעהען. מיר קאָנען נאָר וויסען איין זאַך, אַז דער רוים ווערט בעשאַפען פון אונזער דרויסענדיגען חוש, אַז דרויסען פון איהם איז דעריבער ניטאָ קיין רוים, ווייל דער גאַנצער „דרויסען" ווערט ערשט בעשאַפען דורך די רוימליכע אנשויאונג.

אין דעם פּונקט איז קאַנט א פאָלשטענדיגער אידעאַליסט: די רוימליכע אַנשויאונג איז א פּראָדוקט פון דעם זינליכען בעוואוסטזיין און ניט פון דער דרויסענדיגער וועלט. אָבער זיין אידעאַליזם איז דאָ פּרינציפּיעל פערשיעדען פון בערקליי'ס סוב־יעקטיווען אידעאַליזם. פאר בערקליי איז די רוימליכע זאַך מעהר נישט ווי א „שיין", פּשוט א דמיון אין אונז, הינטער וועלכער עס געפינט זיך קיין זאַך ניט דרויסען. ער לייקענט די רעאַליטעט פון דער דרויסענדיגער וועלט. פאר קאַנט'ן איז די רוימליכע זאַך ניט קיין שיין, נאָר אַן ערשיינונג. זי איז רוימליך פאר אונז, אָבער הינטער איהר שטעקט פערבאָר־גען די רעאַלע זאַך, „ווי זי איז", דאס פאר אונז אייביג בעהאַלטענע „דינג אַן זיך".

אויב די רוימליכע אנשויאונג ווייזט אונז אָן אויף דעם גרעניץ פון אונזער ערקענטניס, וועלכען מיר קאָנען ניט אריבער־שפּרינגען, איז זי אָבער אין דער זעלביגער צייט די נויטווענדיגסטע גרונד־לאַגע פון אונזער ערקענטניס: פאר אונז איז די אויסערע ערפאהרונג נאָר יעמאָלט מעגליך, ווען זי בעקומט די פאָרם פון רוימליכע אנשויאונג. ניטאָ קיין רוים — ניטאָ קיין ערפאהרונג, ניטאָ קיין מאַטעמאַטישע נאַטור־וויסענשאַפט. די א־פּריאָרי'שע

אנשויאונגס־פאָרם פון רוים איז די אַ־פּריאָרישע בע־דינגונג, וואָס מאַכט ערשט מעגליך, עס זאָל זיין זינליכע ערפאַהרונג. און ניט נאָר מאַכט זי דאָס מעגליך, נאָר זי באַשאַפט אויך פאַר אונזער בעוואוסטזיין די „רוימליכע זאַך", דעם רעאַלען אָביעקט, וועלכען די מאַטעמאַטיק און די נאַטור־ווי־סענשאַפט שטודירען. אמת, שטאַמען — שטאַמט דער רוים ניט פון דער ערפאַהרונג, אָבער ער איז תמיד אין דער ערפאַהרונג און די ערפאַהרונג איז אונדענקבאַר אָהן איהם.

אזא זאַך, וואָס שטאַמט פון דעם בעוואוסטזיין גופא, אָבער וואָס געפינט זיך תמיד אין דער ערפאַהרונג און מאַכט ערשט מעגליך די ערפאַהרונג, רופט קאַנט אָן טראַנסצענדענ־טאַל.

דאָס טראַנסצענדענטאַלע איז פערשיעדען פון איין זייט פון דעם „עמפּירישען", וואָס געפינט זיך אין דער ערפאַהרונג און וואָס שטאַמט פון דער ערפאַהרונג. פון דער אַנדער זייט איז דאָס טראַנסצענדענטאַלע פערשיעדען פון דעם טראַנס־צענדענטען, ד. ה., אַזוינס, וואָס שטאַמט ניט פון דער ערפאַהרונג און געפינט זיך אויך ניט אין איהר. די עמפּפינדונג איז עמפּיריש, ווייל זי שטאַמט נאָר פון דער ערפאַהרונג. די פאָר־שטעלונג פון אַ גאָט, אָדער אַ נשמה איז טראַנסצענדענט, ווייל זי געפינט זיך ניט אין אונזער ערפאַהרונג און שטאַמט ניט פון איהר. אָבער דער רוים איז טראַנסצענדענטאַל, ווייל ער שטאַמט ניט פון דער ערפאַהרונג און געפינט זיך דאָך אין איהר. ער איז אריין געגאָסען פון אונז אין איהר און איז איהר נויטווענדיגסטער עלעמענט. דער רוים, קאָנען מיר איצטער געבען די ריכטיגע קאַנט'שע פאָרמעל, איז אַ טראַנסצענדענ־טאַלע אַנשויאונגס־פאָרם פון דעם דרויסענדיגען חוש.

אַזוי ווי אַלץ, וואָס געפינט זיך אין דער ערפאַהרונג, איז רעאַל, און אַלץ, וואָס שטאַמט פון דעם בעוואוסטזיין, איז אידעאַל, מוזען מיר זאָגען, אַז דער רוים איז טראַנסצענדענטאַל אידעאַל, אָבער עמפּיריש רעאַל: ער איז אַן אַ־פּריאָרי'שע אידעאַלע גרונד־לאַגע פאַר דער רעאַלער ווירקליכקייט. דאָס גאַנצע קאַנט'שע סיס־

טעם איז אויפגעבויט אויף דעם בעווייז, אז אלע צווייגען פון דער מענשליכער ערקענטניס רוהען אויף א וועלכער עס איז טראַנסצענ־דענטאל־אידעאלער גרונד־לאגע, און דערפאר רופט זיך זיין סיס־טעם: דער סיסטעם פון דעם טראַנסצענדענטאלען אידעאליזם.

דער טראַנסצענדענטאלער אידעאליזם ערקלערט אונז קודם כל די מעגליכקייט פון א „ריינער" געאָמעטריע, ד. ה., ווי אזוי אין איהר זענען מעגליך סינטעטישע אורטיילען א־פּריאָרי, וואָס בע־רייכערן אונזער ערקענטניס, ווי די ערפאהרונג, און וואָס זענען דאָך פעסט און זיכער און לאָזען ניט צו קיין ברעקעל צווייפעל. די געזעצען פון דעם רוים, וועלכע דער מאטעמאטיקער געפינט אויס, זענען דערפאר אלגעמיין־גילטיג און נויטווענדיג, ווייל דער רוים איז אן א־פּריאָרי׳שע אנשויאונגס־פאָרם, א טהעטיגקייטס־ארט פון אונזער זינליכען בעוואוסטזיין, וואָס בלייבט און מוז בלייבען אלע מאָל טריי זיך אליין, ווייל אין יענע ועזעצען דריקט זיך אויס זיין אייגענע אונפערענדערליכע נאטור.

ווי דער רוים איז די טראַנסצענדענטאלע, א־פּריאָרי׳שע אנ־שויאונגס־פאָרם פון דעם דרויסענדיגען זינן, אזוי איז די צ י י ט די טראַנסצענדענטאלע א־פּריאָרי׳שע פאָרם פון דעם אינעווייניגסטען זין. אלץ, וואָס קומט פאָר אין אונזער אינעווייניגסטער ערפאהרונג, ווערט תיכף, נאָך עהדער עס קומט צום בעוואוסטזיין, ארום גע־וועבט מיט דער אנשויאונגס־פאָרם פון צייט, און א זיין, וואָס איז ניט צ י י ט ל י ך, קאָנען מיר זיך דעריבער ניט פאָרשטעלען אין דער ערפאהרונג.

מחמת דיזעלביגע טעמים, וואָס דער רוים, איז אויך די צייט ניט קיין עמפּפינדונג, ניט קיין בעגריף, נאָר אן אנשויאונג, איין איינציגע אונענדליכע „זאך", וואָס האָט אלע איהרע טיילען ניט אונטער זיך, נאָר אין זיך, אן אלגעמיין־גילטיגע און נויטווענ־דיגע פאָרשטעלונג, א אונבעוואוסטע טהעטיגקייטס ארט פון אונ־זער אינגעווניגסטען זין, וואָס מאכט ערשט מעגליך, עס זאָל זיין ערפאהרונג. זי שטאַמט ניט פון דער „זאך ווי זי איז", דעם „דינג אן זיך", נאָר פון דעם מענשליכען געמיטה און געפינט זיך אין אלע ערשיינונגען. זי איז עמפּיריש רעאל, אָבער טראַנסצענ־דענטאל אידעאל.

דער אונטערשייד פון צייט ביז רוים איז ערשטענס אין דער

אַרט פון דער אַנשױאונג. די צייטליכע אַנשױאונג פערבינדעט אַלע עמפּפינדונגען אין איין איינציגער אונענדליכער ליניע פון פער־גאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט. די צייט האַלט אין אַן אייביגען פליעסען.

צווייטענס איז אויך איהר ראַליע אין דער ערקענטניס אַן אַנדערע, עהדער די, וועלכע דער רוים שפּיעלט. די צייט מאַכט מעגליך אַזעלכע בעגריפען ווי בעוועגונג, פערענדערונג און קאַנטי־נואיטעט, און איז דעריבער די וויכטיגסטע בעדינגונג ניט נאָר פאַר דער מאַטעמאַטיק, נאָר אויך פאַר אַלע נאַטור־וויסענשאַפטען.

אַ חוץ דעם איז דער רוים אַן אַנשױאונגס־פאָרם נאָר פאַר דעם דרויסענדיגען חוש; די צייט אָבער איז אַן אַנשױאונגס־פאָרם פאַר דער גאַנצער זינליכקייט; און בעת מיר קאָנען זיך פאָרשטע־לען אַ זינליכע ערפאַהרונג, וואָס איז ניט רוימליך (צ. ב. דעם געפיהל פון שמערץ), קאָנען מיר זיך קיין מאָל ניט פאָרשטעלען אַ וועלכע עס איז זינליכע ערפאַהרונג, וואָס זאָל ניט פערנעהמען אַ געוויסען מאָמענט פון דער צייט.

רוים און צייט זענען אַ־פּריאָרי׳שע בעדינגונגען פון אונזער וויסענשאַפטליכער ערפאַהרונג. געהמט אַוועק רוים און צייט, און עס פערשווינדעט די מעגליכקייט פון אַ וועלכער עס איז מאַטעמאַטיק און אַ וועלכער עס איז נאַטור־וויסענשאַפט. אָבער זיי אליין זענען ניט גענוג צו דערקלעהרען די מעגליכקייט פון אַ געזיכערטער ער־קענטניס. זיי ערקלעהרען אונז נאָר, פאַר וואָס אונזער ערפאַהה־רונג שפּיעלט זיך אָב אין די פאָרמען פון אַנשױאונג. עפּעס אַנשױען דורך די חושים הייסט נאָך אָבער ניט עפּעס ערקענען. כדי צו ערקענען דאַרף מען ד ע נ ק ע ן. דאָס דענקען שטאַמט אָבער שוין ניט פון די חושים, נאָר פון דעם פ ע ר ש ט א נ ד. עס איז דעריבער די צווייטע אויפגאַבע פון דער קריטישער פילאָ־סאָפיע — אַרויסצוגעפינען יענע טראַנסצענדענטאַלע עלעמענטען אין אונזער פערשטאַנד, וואָס מאַכען מעגליך אַ געזיכערטען דענקען אין דער נאַטור־וויסענשאַפט.

מיט דער אויפגאַבע בעשעפטיגט זיך „די טראַנסצענדענטאַלע לאָגיק“.

צוועלפטער קאַפּיטעל.

# עמאַנועל קאַנט׳ס קריטישע פילאָסאָפיע

## ב) די טראַנסצענדענטאַלע לאָגיק און די דיאַלעקטיק פון דעם ריינעם שכל.

(די טראַנסצענדענטאַלע לאָגיק. די עובדא פון דעם פערשטאַנד. אַנשויאונג און בעגריף. די טראַנסצענדענטאַלע איינהייט פון דער אַפּפּערצעפּציע. די קאַטעגאָריען־טאָוועל. די סכעמען פון דער איינבילדונגס־קראַפט. די ריינע גרונד־זאַצען פון דער נאַטור־ווי־סענשאַפט. דער „קאָפּערניקאַנישער" שטאַנד־פּונקט אין דער ער־קענטניס־טהעאָריע. „די זאַך, ווי זי איז". פענאָמענען און נאָאו־מענען. — די טראַנסצענדענטאַלע דיאַלעקטיק. די עובדא פון דעם „ריינעם שכל". די אידעען. גלייכאַרטיגקייט, וואַריעטעט און קרובה׳שאַפט. דער מאָדערנער דאַרוויניזם — א פּירוש אויף קאַנט. קאָנסטיטוטיווע בעגריפען. רעגולאַטיווע און העאוריסטישע אידעען. די מעטאַפיזיק. גאָט, נשמה און וועלט. די קריטיק פון די גאָט־בע־וויייזען. די קריטיק פון דער נשמה־לעהרע. די אַנטינאָמיען פון דעם ריינעם שכל. דער איבערגאַנג צו דער מאָראַל־פילאָסאָפיע.—)

### § 6. די טראַנסצענדענטאַלע לאָגיק.

מיט דער מענשליכער ערקענטניס בעגעהט זיך קאַנט אין זיין קריטיק, ווי א כעמיקער, וועמען מען גיט א צונויף־געזעצטען שטאָף צו אונטערזוכען און מען פערלאַנגט פון איהם, ער זאָל אויסגעפי־נען, פון וועלכע עלעמענטען דער צונויפגעזעצטער שטאָף בע־שטעהט און וואָס זענען די פּראָצעסען, וואָס האָבען ארויסגעבראַכט די פערבינדונג.

קאַנט נעהמט א זיכערען פאַקט פון דער ערקענטניס: די מאַטעמאַטישע נאַטור־וויסענשאַפטען, דעסטילירט ארויס יענע

יסודות, פון וועלכע זיי זענען צונויף־געזעצט, פּאַרשט אויס זייער טבע און בעשטימט זייער געוויכט, אָדער זייער ווי כ ט י ג ק י י ט פאר דעם פּראָצעס פון דער ערפאהרונג.

אייניגע יסודות אזוינע האָט שוין קאַנט ארויס דעסטילירט אין זיין „טראַנסצענדענטאַלער עסטהעטיק“. דאָרטען האָט ער אונז קלאָהר געמאכט, ווי אזוי געוויסע טהעטיגקייטס־ארטען פון אונזער ערקענטניס מאכען מעגליך, אז אין דער ערפאהרונג זאָלען זיך געפינען עלעמענטען, וועלכע שטאַמען ניט פון דער ערפאהרונג, אָבער געפינען זיך פון דעסטוועגען אין איהר: דאָס זענען די טראַנסצענדענטאַלע פאָרמען פון דער אנשויאונג: רוים און צייט. א דאנק זיי, האָט די מענשליכע ערקענטניס די מעגליכקייט, ארויס־צוברענגען פון זיך א־פּריאָרישע, ד. ה. אַלגעמיין־גילטיגע און נויט־ווענדיגע אמת'ען וועגען דער זינליכער ערפאהרונג, — דער ער־פאהרונג, וואָס שפּיעלט זיך אָב אין רוים און אין צייט.

אָבער רוים און צייט זענען ניט די איינציגע בעדינגונגען, וואָס מאכען מעגליך אן אַלגעמיין־גילטיגע און נויטווענדיגע ערקענטניס אפילו אויף דעם פעלד פון דער מאטעמאַטיק. אנשויאונג אליין איז נאָך ניט ערקענטניס. ווען איך האָב פאר מיינע אויגען א גרופּע פון זיעבען בוימער און א גרופּע פון פינף בוימער, און איך טהו מעהר נישט, ווי אָ נ ק ו ק ע ן, אָנשויען זיי, וועט פון דעם ריי־נעם אָנגלאָטצען ניט ארויס וואקסען די ערקענטניס, אז זייער סומע איז גלייך צוועלף. ס'איז נויטיג אז דער פּראָצעס פון אָנגלאָטצען, אנשויען, זאָל זיך צונויפגיסען מיט א ן א נ ד ע ר פּראָצעס, מיט אן אנדער טהעטיגקייטס־ארט פון דעם ערקענענדען סוביעקט, כדי דערפון זאָל ארויס וואקסען ערקענטניס. דער אנדער פּראָצעס איז ד ע נ ק ע ן. זיין אינטערעס און עובדא בעשטעהט ניט אין ז ע ה ע ן, אנשויען, נאָר אין פ ע ר ש ט ע ה ן דאָס, וואָס עס איז געגעבען אין דער אנשויאונג. יענעם „כח“, וועלכער ברענגט ארויס פערשטענדעניס, אָדער ריכטיגער: יענעם גאנצען סכום פון אייגענאַרטיגע טהעטיגקייטען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס דער פּראָצעס פון פערשטעהן, רופט קאַנט אָן „פערשטאַנד“.

זינליכקייט און פערשטאַנד זענען דעריבער צוויי פערשיעדענע קוואַלען, פון וועלכע עס פליעסט די ערקענטניס. קאַנט לייקענט

ניט די מעגליכקייט, אז די צוויי פערשיעדענע קוואלען האָבען אפשר איין איינהייטליכען מקור אין דעם ערקענענדען סוביעקט. אָבער זיין אויפגאַבע בעשטעהט ניט אַזוי אין דעם אויסגעפינען, פון וואַנען די קוואלען שלאָגען, ווי אין דעם ריכטיגען אויספאָרשען, וואָס איז זייער ראָליע אין דער ערקענטניס, אין וואָס געהען זיי זיך פאנאנדער און ווי אזוי ווערט דורך זיי בעשאפען די ערפאהרונג.

כל זמן איך גלאָטין נאָר אָן די גרופע פון זיעבען בוימער און די גרופע פון פינף, האָב איך נאָר אונבעוואוסטע געוואָהר־ווערונגען, פערצעפציעס. זיי ווערען בעוואוסטע געוואָהר־ווערונגען אָדער אפפערצעפציעס, ווען איך דענק דערביי, אז „דאָס איז א גרופע פון זיעבען בוימער" און „דאָס איז א גרופע פון פינף". ערשט יעמאָלט האָב איך פערשטאנען, וואָס איך האָב געזעהען. ווי אזוי האָט דאָס פאסירט? אנאַליזיר איך דעם אינהאלט פון מיין געדאנק, געפין איך אין איהם וועניגסטענס איין עלעמענט, וואָס שטאַמט זיכער ניט פון דער אנשויאונג: דאָס איז דער בעגריף „זיין". מיר שויען אָן מעהר ניט, ווי געוויסע עלעמענטען פון דער זינליכקייט, אָבער מיר קאָנען קיין מאָל ניט אָנשויען זייער „זיין". איך זעה דעם בוים אָבער איך זעה ניט דאָס „זיין" פון דעם בוים: דאָס מוזען מיר שוין צו־טראכטען. קוקען מיר זיך נעהענטער צו, געפינען מיר אז אויך אלע אנדערע עלעמענטען פון אונזער געדאנק זענען בעצם ניט קיין אנדער זאך, ווי בעגריפען. „דאָס" בכלל איז א בעגריף, „גרופע" בכלל איז א בעגריף, „זיעבען" בכלל איז א בעגריף און „בוים" בכלל איז אויך א בעגריף.

מיר האָבען שוין געזעהען אין דער טראנסצענדענטאלער עסטהעטיק, אז אויך דער בעגריף איז, ווי די אנשויאונג, א געוויסער סינטהעטישער ארבייטס־אופן פון אונזער ערקענענדען סוביעקט, וואָס פערבינדט פערשיעדענע עלעמענטען צו איין איינהייט אין דעם בעוואוסטזיין. מיר האָבען אויך געזעהען אין וואָס עס בעשטעהט דער חלוק צווישען זיי. די אָנשויאונג האָט איהרע איינצעל־טיילען אין זיך, דער בעגריף האָט זיינע איינצעל־טיילען אונטער זיך. דער בוים אין דער אָנשויאונג האָט אלע זיינע איינצעל־טיי־

לען אין זיך: זיין פאָרם, זיין גרויס, זיינע צווייגען, זיין שטאַם, זיין פארב א. אז. וו. דער בעגריף „בוים“ אָבער האָט אַלע זיינע איינצעלטיילען אונטער זיך. ס'איז אַ בוים ב כ ל ל, וואָס איז כולל אין זיך אַלערליי אַרטען בוימען: פרוכט־און וואַלד־בוימער, גרויסע און קליינע. אין דעם פּראָצעס פון אנשויאונג האָבען מיר צו טהאָן דירעקט מיט דעם איינצעל־בוים, וואָס געפינט זיך פאַר אונזערע אויגען, אָדער מיט דער איינצעל־פּ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג פון אַ בוים, וואָס איז געבליעבען אין אונזער זכרון. אין דעם פּראָצעס פון דענקען האָבען מיר צו טהאָן ניט נאָר דירעקט מיט דעם איינ־צעל־בוים. צווישען איהם און דעם פערשטאַנד שטעהט דער ב ע־ג ר י ף „בוים“, וואָס איז כולל פריהער פאַר אַלץ אַלע אַרטען בוימער אין זיך און איז ממילא א י נ ד י ר ע ק ט כולל אויך דעם איינצעל־בוים, וואָס שטעהט פאַר אונזערע אויגען. דאָס דענ־קען רעכענט זיך קודם כל מיט דעם ב ע ג ר י ף, דעם פ ע ר־ט ר ע ט ע ר פון אַלע בוימער בכלל. ערשט ווען איך דענק: „דאָס איז אַ בוים“, ד. ה. „דאָס געהערט צו דעם בעגריף בוים בכלל“ קומט אַרויס ערקענטניס. אין וואָס בעשטעהט דער תוך פון דער ערקענטניס? וואָס ווערט דערביי געטהאָן? עס ווערט דערביי אַן איינצעל־אנשויאונג אָדער אַן איינצעל־פאָרשטעלונג אריין געאָר־דענט אין אַ וועלכען עס איז ב ע ג ר י ף. ביידע: די איינצעל־אנשויאונג און דער בעגריף זענען נויטיג, כדי עס זאָל אַרויסקו־מען ערקענטניס. בלייבט די ערקענטניס שטעהן בלויז ביי דער איינ־צעל־אנשויאונג איז זי „בלינד“, זי האָט פון איהר „קיין ברעקעל בעגריף ניט“. האַלט זי זיך בלויז ביי דעם בעגריף און פערליערט פון אויג די איינצעל־אנשויאונג, איז זי „ל ע ד י ג“. דאָס ווערט נאָך קלאָרער, ווען די ערקענטניס האָט צו טהאָן מיט אַבסטראַקטע־רע בעגריפען. „אנשויאונגען אָהנע בעגריפע“, זאָגט קאַנט, „זינד בלינד. בעגריפע אָהנע אנשויאונגען זינד לעער“.

אָבער די אריין־אָרדנונג פון דער איינצעל־אנשויאונג אין אַ בעגריף איז נאָך ניט גענוג, עס זאָל דערפון ווערען ערקענטניס. די ערקענטניס איז אַ פּראָצעס, וואָס שפּיעלט זיך אָב אין דער צייט, און די צייט איז, ווי מיר האָבען שוין געזעהען, אַ נויטווענדיגע בע־דינגונג פאַר דער ערפאַהרונג. די צייט פליעסט אָבער: ד. ה. אין

יעדעם הרף־עין פערשווינדט זי און ווערט געבוירען. ממילא פער־שווינדען און ווערען געבוירען אין איינעם מיט איהר אַלע ע ר־ק ע נ ט נ י ס־פּראָצעסען, וואָס קומען אין איהר פאָר. דער איינ־זעהען, אז „דאָס איז אַ בוים“, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין דער ערקענטניס מיט אַ הרף־עין צוריק, שטאַרבט אָב אין איינעם מיט דעם הרף־עין און ווערט ווידער געבוירען מיט דעם קומענ־דען. די ערקענטניס איז ניט איין מאָמענט, נאָר אַ גאַנצע רייהע פון איינצעלנע מאָמענטען, וואָס ווידערהאָלען אָפט מאָל איין און דעמזעלביגען אינהאלט. האָט איין מאָל די ערקענטניס פערשטאַנען, אז „דאָס איז אַ בוים“, דאַרף זי ביי דעם אנדער הרף־עין ניט נאָך אַ מאָל ווידערהאָלען דעם זעלביגען פּראָצעס. זי בענוגענט זיך מיט דער ווידערהאָלונג פון דעם פאַרטיגען רעזולטאַט. ווי אזוי איז דאָס מעגליך? פון וואַנען ווייס די ערקענטניס אין דעם צוויי־טען הרף־עין, אז די פערשוואונדענע ערקענטניס פון דעם פריהער־דיגען הרף־עין האָט אַ שייכות צו איהר? אז זיי ביידע זענען נאָר מאָמענטען אין איין־און־דעם זעלביגען פּראָצעס פון ערקעננען?

די שאלה ווערט נאָך קלאָהרער, ווען מיר בעטראַכטען אַ בולט'ע־רען פאַל פון דענקען: דעם פּראָצעס פון צ ע ה ל ע ן, וואָס בע־שאַפט די ערקענטניס, אז „דאָס איז אַ גרופּע פון זיעבען בוימער, און יענעם איז אַ גרופּע פון פינף“ און אז „זיעבען און פינף זענען אין איינעם צוועלף“. דעם רעזולטאַט בעקומט מען דורך אַ סינטהע־טישען פּראָצעס פון ח ב ו ר, פון שטופּען־ווייזען צעהלען: „איינס און איינס איז צוויי“, „צוויי און איינס איז דריי“ און אזוי ווייטער. אָבער דער הרף־עין אין דער ערקענטניס, וואָס האָט בעשאַפען דעם זאַץ: „איינס און איינס איז צוויי“, איז פערשוואונדען. פון וואַ־נען נעהמט דער נעקסטער הרף־עין די זיכערהייט, מיט וועלכער ער הויבט אָן זיין צעהלען פון צ וו י און ניט נאָך אַ מאָל פון א י נ ס? די נאַאיווע, אַלטעגליכע מיינונג האָט אויף דערויף אַ תירוץ: ס'איז דאָ אַן „א י ך“, וואָס צעהלט, וואָס איז איין־און־דערזעלביגער אין אַלע זיינע מאָמענטען, וואָס „געדענקט“, ד. ה., וואָס טראָגט אריבער די רעזולטאַטען פון איין הרף־עין אין דעם אנדערען. אָבער יום האָט דאָך בעוויעזען, אז אזא'ן „איך“ איז אין דער ערפאַהרונג ניטאָ. די ערפאַהרונג ווייס נאָר פון איינצעלנע

הרף־עין'ס אין דער צייט. דער „איך" איז מעהר נישט ווי א מין ביהנע, אויף וועלכער עס שפּיעלט זיך אָב א פּראָצעס פון אידעען־פערבינדונגען... פון וואנען ווייסען דען די איינצעלנע אידעען פון ד ע ם הרף־עין וועגען יענע אידעען, וואָס זענען געווען פריהער און שוין פערשוואונדען געוואָרען אויף אייביג?

קאַנט ענטפערט ניט אויף אָט דער פראגע און דערווייל איז דאָס גאָר ניט זיין אויפגאבע. ער איז דערווייל בעשעפטיגט מיט דעם פּראָבלעם, ווי אזוי ווערט ערפאהרונג און וואָס איז דערצו נוי־טיג? און ער ק אָ נ ס ט א ט י ר ט, אז כדי עס זאָל מעגליך זיין אזא פשוטער געדאנק, ווי: „דאָס איז א בוים" און ווי: „זיעבען און איינס איז אכט", „אכט און איינס איז נייען", מ ו ז אין יעדעם ערקענטנים־מאָמענט שטילערהייד מיטשפּיעלען דער גע־דאנק: „איך דענק, אָדער איך בין מיר בעוואוסט, אז דאָס איז א בוים, אז זיעבען און איינס איז אכט". און אין יעדעם הרף־עין מ ו ז לעבען אין בעוואוסטזיין דער שטילער געדאנק, אז ער, דער בעוואוסטזיין, איז דערזעלביגער אין אלע מאָמענטען פון זיין ער־קענטנים־פּראָצעס; אז אלע יענע מאָמענטען בילדען איין־איינציגע איינהייט. אין יעדער אפּפּערצעפּציאָן, ד. ה. בעוואוסטער געוואָהר־וועהרונג, אין יעדעם פּראָצעס, אין וועלכען דער בוים ווערט ו ו י ע־דער־דערקענט ווי א בוים בכלל, אין וועלכען די גרופּע צוויי ווערט ו ו י ע ד ע ר ־ דערקענט ווי א שוין אָבגעצעהלטע גרופּע, מוז לעבעדיג זיין דאָס בעוואוסטזיין פון יענער א י י נ ה י י ט. אז ניט, אויב די איינהייט ווערט צושטערט, איז אויס מיט דעם ערקענטנים־פּראָ־צעס, אויס מיט דער ערפאהרונג. יענע איינהייט פון דער אפּפּער־צעפּציע קאָן אָבער נ י ט ש ט א מ ע ן פ ו ן ד ע ר ז י נ ־ ל י כ ק י י ט, ווייל אין דער עמפּירישער זינליכקייט, אין דער אנשויאונג, איז נאָר דאָ דער איינצעל־בוים, אָבער ניט די איינהייט פון דער גרופּע „צוויי בוימער" און ניט די געדאנקליכע איינהייט פון דעם בעגריף „בוים־בכלל". פון דער אנדער זייט אָבער איז די איינהייט פון דער גרופּע און די איינהייט פון דעם בעגריף פאר־האן אין דער ערפאהרונג און שפּיעלט דאָרטען די וויכטיגסטע ראָלע פון דער נויטווענדיגסטער בעדינגונג: אויס איינהייט פון דער אפּ־פּערצעפּציע, אויס ערפאָהרונג. מוז מען ממילא אָננעהמען, אז די

איינהייט פון דער אפּפּערצעפּציע איז ניט קיין עמפּירישע, נאָר א טראַנסצענדענטאַלע, און אַז די טראַנסצענדענטאַלע איינהייט פון דער אפּפּערצעפּציע איז די נויטווענדיגסטע גרונדלאַגע, דער ערשטער בעדינג פאר דעם דענקען, פאר דעם פערשטעהן, אָהן וועלכען עס קאָן ניט געמאָלט זיין קיין ערפאהרונג.

עס איז פון דעם געדאנקען־גאנג זעהר גרינג איינצוזעהען, וואָס אזוינס די טראַנסצענדענטאַלע איינהייט פון־דער אפּפּערצעפּציע טהוט אויף פאר דעם ערפאהרונגס־פּראָצעס. דער שטאַם און די צווייגען, און די בלעטער, און די פארבען פון דעם בוים זענען אין דער אנשויאונג צונויפ־געגאָסען מיט אלע אנדערע פארבען און ליניען פון דעם רוים. בעת דער אפּפּערצעפּציאָנס־פּראָצעס שניידט זיי ארויס פון אלע איבעריגע פארבען און ליניען און בינדט זיי צו־נויף אין איינעם אין איין איינצעל־אנשויאונג: „בוים!" ווערט ערשט בעשאַפען יענע איינצעל־זאַך, וועלכע די ערפאהרונג פאַרשטעט אויס. דער טראַנסצענדענטאַלער דענק־פּראָצעס בעשאַפט די „זאַך", וועגען וועלכער ער דענקט. דער געדאַנק בעשאַפט דעם רעאַלען אָביעקט פאר דער ערפאהרונג, אויף דעם זעלביגען שטייגער, ווי די טראַנס־צענדענטאַלע פאָרמען פון רוים און צייט בעשאַפען די רעאַלע ווירק־ליכקייט פאר דער אָנשויאונג. ערשט ווען די „רעאַלע זאַך" איז בע־שאַפען געוואָרען פון דער טראַנסצענדענטאַלער אפּפּערצעפּיאָנס־איינהייט, קאָן זיך אָנהויבען דער ווייטערדיגער דענק־פּראָצעס, און די טראַנסצענדענטאַלע איינהייט בלייבט תמיד טהעטיג אין איהם.

די ערפאהרונג און די נאַטור־וויסענשאַפטען בענוגענען זיך ניט מיט דעם, וואָס זיי אָרדענען איין די איינצעל־זאַך אין א בעגריף. זיי ברענגען ארויס כללים און געזעצען, וואָס זענען אלגעמיין־גיל־טיג און נויטווענדיג. מיר האָבען שוין געזעהען אין דער טראַנס־צענדענטאַלער עסטעטיק, אַז אין דער זינליכקייט שטאַמען די אלגע־מיין־גילטיגקייט און נויטווענדיגקייט פון טראַנסצענדענטאַלע א־פּרי־אָרישע אַנשויאונגס־פאָרמען, ד. ה. פון געוויסע טהעטיגקייטס־ארטען פון דער זינליכער ערקענטניס. מיר האָבען א רעכט צו ערוואַר־טען, אַז אויך אין די נאַטור־וויסענשאַפטען, וואָס ווערען בעשאַפען פון דעם פערשטאַנד, ווירקען געוויסע א־פּריאָרישע עלעמענטען, טראַנסצענדענטאַלע יסודות, פון וועלכע עס פליעסט ארויס אלגע־

מיין־גילטיגקייט און נויטווענדיגקייט, ווייל זיי דריקען אויס די טבע גופא פון דעם פערשטאנד, דעם אופן פון זיין סינטהעטישער ארבייט. היות ווי די ארבייט פון דעם פערשטאנד בעשטעהט אין בעשאפען פון בעגריפען, האָבען מיר ווייטער א רעכט צו ערוואר־טען, אז יענע טראנסצענדענטאלע יסודות וועלען זיין ריינע אפריאָ־רישע בעגריפען, אָדער „קאטעגאָריען", ווי קאנט רופט זיי אָן.

ווי אזוי קאָנען מיר אין דעם וועדען זיכער? ווי אזוי קאָנען מיר אויסגעפינען יענע קאטעגאָריען, אויב זיי זענען דאָ? כדי אויס־צוגעפינען די קאטעגאָריען וועהלט קאנט אויס זעהר אן אינטערע־סאנטען וועג, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר זיין גאנצער ארט פילאָסאָפירען.

די מענשהייט האָט דאך ניט ערשט מיט קאנט'ן אָנגעהויבען צו דענקען. זי האָט אָנגעזאמעלט אן אונגעהויערן אוצר פון דענק־פּראָדוקטען אין אלע ספערען פון איהר טהעטיגקייט. עס איז אויך בעשאפען געוואָרען א בעזונדער וויסענשאפט, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט די פאָרמען פון דעם מענשליכען דענקען: ד י פ אָ ר מ א־ל ע ל אָ ג י ק, וואָס איז בעגרינדעט געוואָרען פון אריסטאָטע־לעס. יענע וויסענשאפט איז אקוראט אזוי פינקטליך און זיכער אין איהרע רעזולטאטען, ווי די מאטעמאטיק, ווען אפילו איהר ו ו ע ר ט ה פאר דער ערפאהרונג און פאר דעם ארויסברענגען פון אמת'ען איז איבערגעשעצט געוואָרען פון די סכאָלאסטיקער און די ראציאָנאליסטען. די פאָרמאלע לאָגיק לעהרנט אונז, אז די מענשליכע געדאנקען בעשטעהען פון בעגריפען, אז די בעגריפען פערבינדען זיך צו אורטיילען און אז די אורטיילען פערבינדען זיך צו שלוסען. זי אונטערזוכט די פערשיעדענע ארטען פון בעגריפען, די פערשיעדענע ארטען פון אורטיילען און די פערשיעדענע ארטען פון שלוסען. דער פערשטאנד וואָס ברענגט ארויס די בעגריפען, בויט די ערפאהרונג אין דער פאָרם פון אן אורטייל. נעהם איך א וועלכען עס איז וויסענשאפטליכען געזעץ: „צוויי פונט גאזפער־מיגע וואסער שטאָף און איין פונט גאזפערמיגע זויער שטאָף גיבען אלע מאָל אין איינעם דריי פונט פליסיגע וואסער", איז דאָס פאָר־מאל אן אורטייל, וואָס געהערט צו א געוויסען קלאס, וואָס ווערט אויסגעפאָרשט אין דער פאָרמאלער לאָגיק. אויב דער פערשטאנד

האָט אין זיך געוויסע א־פּריאָרישע י ס ו ד ו ת, געוויסע ארבייטס אופנים, וועלכע ער ווענדט אָן אין זיין דענקען, מ ו ז ע ן זיי זיין ערגעץ וואו אויסגעדריקט אין די פאָרמען פון די אורטיילען. עס איז דעריבער די אויפגאבע פון דער טראנסצענדענטאלער לאָגיק טיעפער אויסצושטודירען אלע אורטיילס־פאָרמען און ארויס צו דעסטילירען פון זיי יענע וואָרצעלדיגע בעגריפען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס דער בעשאף פון דעם פערשטאנד, זיין ארט צו ארבייטען, בעת ער בעשאפט יענע אורטיילס־פאָרמען.

דער שווערסטער טייל פון זיין ארבייט, זאָגט קאנט, איז געווען די דורכפיהרונג פון דער אויפגאבע: ארויסדעסטילירען די גרונד בעגריפען פון די אורטיילס־פאָרמען וואָס זענען אויסגעשטודירט געוואָרען אין דער פאָרמאלער לאָגיק. אלע אורטיילס־פאָרמען טיילט קאנט איין אין פיער קלאסען, און יעדען קלאס ווידער אין דריי אבטיילונגען. פון די צוועלף אורטיילס־פאָרמען ברענגט קאנט ארויס זיין „קאטעגאָריען־טאָוועל", וואָס נעהמט ארום אלע גרונד בעגריפען פון דעם פערשטאנד.

## קאטעגאריען־טאָוועל.

1. קוואנטיטעט.
אייניהייט
פיעלהייט
אללהייט

2. קוואליטעט.
רעאליטעט
נעגאציאָן (אָבלייקענונג)
לימיטאציאָן (בעגרעניצונג)

3. רעלאציאָן (שייכות)
סובסטאנציאליטעט
קויזאליטעט (אורזאך און ווירקונג)
אויף־אייגאנדער ווירקונג.

4. מאָדאליטעט
מעגליכקייט—אונמעגליכקייט
דאָ־זיין — ניט־זיין
נויטווענדיגקייט—צופעליגקייט.

עס איז אינטערעסאנט צו בעמערקען, אז אין אלע דריי אָבטיילונגען פון יעדען קלאס איז די ערשטע קאטאָגאָריע א ט ה ע ז י ס (א זעצונג), די צווייטע אן אנטי־טהעזיס (א געגענזאץ צו דער ערשטער) און די דריטע קאטעגאָריע־א ס י נ ט ה ע ז י ס, (א צונויפזעצונג פון די צוויי פריהערדיגע), — אן איינטיילונג, וואָס האָט שפּעטער געשפּיעלט אזא בולט'ע ראָלע אין דער מעטאפיזיק פון פיכטע, שעללינג און העגעל.

די צוועלף קאטעגאָריען קאָן מען בשום אופן ניט ענטדעקען אין די עמפּפינדונגען; הייסט עס, אז זיי זענען „ריינע“ בעגריפען און שטאמען ניט פון דער ערפאהרונג. פון דער אנדער זייט זענען זיי אין דער ערפאהרונג — הייסט עס, אז זיי זענען, ווי רוים און צייט, טראנסצענדענטאל אידעאל און עמפּיריש רעאל: זיי זענען סוביעקטיווע פאָרמען, וואָס מאכען ערשט מעגליך די ערפאהרונג. זאָל פון די איינצעל־זאכען און פון די איינצעל־פּראָצעסען ווערען ערפאהרונג, מוז זיי דער פערשטאנד פריהער איינאָרדנען אין זיינע בעגריפען פון קוואנטיטעט, קוואליטעט, רעלאציאָן און מאָדאליטעט. צוויי פּונט (קוואנטיטעט) גאַזפאָרמיגען (קוואליטעט) וואַסערשטאָף (סובסטאנץ) און איין פּונט (קוואנטיטעט) גאַזפאָרמיגען (קוואליטעט) זויערשטאָף (סובסטאנץ) גיעבען אלעמאָל אין איינעם (מאָדאליטעט: נויטווענדיגקייט) (אויפאנאנדערווידקונג) דריי פּונט (קוואנטיטעט) פליסיגע (קוואליטעט) וואַסער (סובסטאנץ).

די קאטעגאָריען אליין זענען אָבער ניט ביכולת אין גאנצען צו בעשטימען די גרונד־געזעצען פון דער ערפאהרונג, אפילו ווען מען זאָל צו זיי צוגעבען די אנשויאונג. נאָך א דריטער קוואל, די איינבילדונגס־קראַפט, מוז צוטרעטען, וואָס שיקט א דריטען שטראָם אין דער ערקענטניס און פערבינדט די אנשויאונג מיט דעם פערשטאנד. די איינבילדונגס־קראַפט בעשאַפט „סכעמען“, — ד. ה. אזעלכע בילדער, דורך וועלכע די איינבילדונגס־קראַפט וויל זיך פאָרשטעלען אן אבסטראקטען בעגריף. אקוראט ווי עס זענען דאָ עמפּירישע בעגריפען (בוים, מענש א. ד. גל.) און ריינע בעגריפען (קוואנטיטעט, קוואליטעט א. אז. וו.), אזוי זענען אויך דאָ עמפּירישע סכעמען (א מין מטושטש בילד פון א מענשען בכלל און א בוים בכלל), און ריינע סכעמען. די ריינע סכעמען ווערען בעשאַפען פון דער איינבילדונגס־קראַפט דורך דעם, וואָס זי פערבינדט יעדע ריינע קאטעגאָריע מיט דער אנשויאונגס־פאָרם פון דער צייט. פון דעם אבסטראקטען בעגריף: „סובסטאנציאליטעט“ מאכט זי א סכעמע: סובסטאנץ, א בילד פון עפּעס אזוינס וואָס מוז תמיד פערבלייבען אין דער צייט. פון דעם בעגריף אורזאַכליכקייט מאכט די איינבילדונגס־קראַפט א סכעמע:

„אורזאך"; ד. ה. א זאך, וואָס רופט ארויס אין דער צייט אן אנדער זאך, לויט א געוויסען כלל, — א. ד. גל.

ערשט ווען עס ארבייטען אין איינעם אלע דריי קוואלען פון דער טהעאָרעטישער ערקענטניס: די זינליכקייט, דער פערשטאנד און דער כח הדמיון, וואָס פערבינדט זיי ביידען, — ערשט יע־מאָלט ווערט בעשאפען מענשליכע ערפאהרונג. ווי נאָר די דרוי־סען־וועלט הויבט אָן צו ווירקען אויף דעם ערקענענדען סוביעקט, ווי נאָר די ווירקונג רופט אין איהם ארויס עמפּפינדונגען, אזוי הויבען אָן צו ארבייטען די דריי הויפּט אינסטרומענטען פון דער מענשליכער ערקענטניס און יעדער ברענגט ארויס יענע טענער, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס די טבע פון זיין שאפען: די זינליכקייט גיט איהר ריינע אנשויאונגס־פאָרמען, דער פערשטאנד — זיינע ריינע קאטעגאָריען, די איינבילדונגס־קראפט איהרע ריינע סכעמען, און די אלע שטראָמען גיעסען זיך צוזוי און ברענגען ארויס די ריינע גרונד־זאצען פון דעם טהעאָרעטישען בעוואוסטזיין.

פון אלע גרונד־זאצען פון דעם ריינעם פערשטאנד, וועלכע קאנט האָט ארויסגעפונען, ברענגען מיר דאָ נאָר יענע, וועלכע ער האָט א נאָמען געגעבען: „אנאלאָגיען פון דער ערפאהרונג". זייער גרונדפּרינציפּ איז: ערפאהרונג איז מעגליך נאָר א דאנק דער פאָרשטעלונג, אז אלע געוואָהר־ווערונגען זענען נויטווענדיג פערבונדען איינע מיט די אנדערע. פון דעם פּרינציפּ פליעסען ארויס דריי גרונד־זאצען, וואָס אויף זיי רוהט די גאנצע נאטור־וויסענשאפט:

ערשטענס: „ווי די ערשיינונגען זאָלען זיך ניט בייטען, בלייבט תמיד די סובסטאנץ בעשטעהן און איהר סכום אין דער נאטור ווערט ניט פערמעהרט און ניט פערמינערט".

צווייטענס: „אלע פערענדערונגען קומען פאָר נאָך דעם געזעץ פון אורזאך און ווירקונג".

דריטענס: „אלע סובסטאנצען, אויף ווי ווייט מען קאָן זיי געוואָהר־ווערן צו דערזעלביגער צייט אין דעם רוים, ווירקען כסדר איינע אויף די אנדערע".

עס איז גענוג אריינצוטראכטען זיך אין די אלע דריי גרונד־

זאַצען, כדי צו בעמערקען, אַז זיי בעשטעהען אַלע פון אַזעלכע בעגריפען, אין וועלכע עס געפינט זיך ניט די קלענסטע שפּוהר פון עמפּפינדונגען. זיי קאָנען דעריבער ניט שטאַמען פון יענע ווירקונגען, וועלכע די דרויסען־וועלט מאַכט אויף אונז. זיי אַלע זענען צונויף־געזעצט פון אַ־פּריאָרישע פאָרמען, קאַטעגאָריען און סכעמען, וועלכע דער ערקעננענדער סוביעקט מוז נויטווענדיג אַרויס ברענגען פון זיך גופא, ווען די דרויסען וועלט ווירקט אויף איהם איין. ווי די עלעמענטען, פון וועלכע זיי בעשטעהען, זענען אויך די גרונדזאַצען טראַנסצענדענטאַל אידעאַל, אָבער עמפּיריש רעאַל. זיי געהען אַריין פון דעם פערשטאַנד אין די וויסענשאַפטליכע ערפאַהרונג און שרייבען איהר פאָר תנאים, וועלכע זי טאָהר ניט איבערטרעטען. קיין געלעהרנטער וועט ניט וואַרטען, ביז אַלע פעל פון דער ערפאַהרונג וועלען פער'אמת'ען דעם גרונד־זאַץ, אַז דער סכום פון דער סובסטאַנץ פון דער נאַטור (אין דער גאַנצער נאַטור!) קאָן ניט פערמעהרט ווערען אָדער פערמינערט ווערען. ער ווייס דאָס לכתחילה, אַ־פּריאָרי, ניט ווי אַ מין גלויבען, נאָר ווי אַ זיכערען, וויסענשאַפטליכען פאַקט. דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם גרונד־זאַץ פון אורזאַך און ווירקונג. וואו און ווען עס איז נאָר מעגליך ערפאַהרונג, — מיט צוויי טויזענד יאָהר פריהער, ווי מיט צוויי טויזענד יאָהר שפּעטער; אויף דער ערד, אַזוי גוט ווי אויף דער פּלאַנעט מאַרס: אומעטום מוז דער ריינער גרונד־זאַץ פון קויזאַליטעט זיך פער'אמת'ען אין איהר פּשוט דערפאַר, ווייל דער פערשטאַנד בעשאַפט די ערפאַהרונג לויט זיין אייגענער טבע, פון וועלכער ער קאָן זיך קיין מאָל, אונטער קיינע אומשטענדען, ניט בעפרייען. די אַ־פּריאָרישע פאָרמען, קאַטעגאָריען, סכעמען און גרונדזאַצען מאַכען ערשט מעגליך די געזעצען פון דער נאַטור־וויסענשאַפט.

אָט דעם נייעם שטאַנדפּונקט זיינעם פערגלייכט קאַנט מיט קאָפּערניק'ס ענטדעקונג. ביז צו קאָפּערניק'ן האָט מען געמיינט, אַז די ערד שטעהט אין דעם צענטער פון דער וועלט, און די פּלאַנעטען און די שטערען דרעהען זיך אַרום איהר. דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז די אַסטראָנאָמיע האָט בשום אופן ניט געקאָנט

דערקלערען די נויטווענדיגקייט פון יענע פערענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דעם גאַנג פון די הימעלישע קערפּער. האָט קאָפּערניק געזאָגט: לאָמיר אָנהויבען צו דענקען פונקט פערקעהרט: אַז די זונן שטעהט און מיר דרעהען זיך אַרום איהר. און מיט אַמאָל איז אַלץ געוואָרען קלאָר און נויטוועדיג. ביז קאַנט'ן האָט מען געמיינט, אַז די נאַטור שטעהט און דער שכל דרעהט זיך אַרום איהר און שפּיגעלט אָב איהרע געזעצען. דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז דער שכל האָט אויפגעהערט צו פערשטעהן, פאַר וואָס די געזעצען זענען נויטוועדיג. לאָמיר אָנהויבען צו דענקען פונקט פערקעהרט, זאָגט קאַנט:

ניט דער שכל דרעהט זיך אַרום דער ערפאַהרונג און שפּיגעלט אָב איהרע געזעצען, נאָר די ערפאַהרונג דרעהט זיך אַרום דעם שכל, און איהרע געזעצען שפּיעגלען אָב אונזער אייגענע טבע, דעם נויטוועדיגען אונפערענדערליבען בעשאַף פון אונזער שכל. יעמאָלט וועט אונז קלאָר ווערען, פאַר וואָס אונז, מענשען, קומט אויס נויטוועדיג דאס, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען פון אונזער טבע.

אָבער אויב עס איז יאָ אַזוי, — אויב אַלע נאַטור־געזעצען שטאַמען פון א ו נ ז ע ר ע ערקענטניס־פּראָצעסען, אויב די עמפּפינדונגען זענען אויך ניט קיין אַנדער זאַך, נאָר ניט מעהר ווי א ו נ ז ע ר ע ענטפערס אויף די ווירקונגען פון דרויסען, היינט וואָס קאָנען מיר וויסען פון יענער דרויסענדיגער וועלט? ווי זעהט אויס דער אָביעקט, „די זאַך, ווי זי איז“, ווען מיר רעכענען אַראָב אַלץ, וואָס עס ווערט אין איהר אריין געטראָגען פון דעם סוביעקט? איז זי אַן איינהייט אָדער אַ פיעלהייט? האָט זי אַ וועלכע עס איז קוואַליטעט אָדער ניט? הערשט אין איהר קויזאַליטעט, אורזאַך און ווירקונג, אָדער זי איז פריי? איז אַלץ אין איהר נויטוועדיג, און איהר עקזיסטענץ איז אַ זאַך וואָס קאָן ניט אַנדערס זיין, אָדער איהר עקזיסטענץ איז אַ צופאַל?

אויף די אַלע פראַגען, וואָס אינטערעסירען דעם מעטאַפיזיקער, קאָן די וויסענשאַפט ניט געבען קיין ענטפער, ווייל „די זאַך, ווי זי איז“ ליעגט הינטער די גרעניצען פון אונזער ערפאַהרונג. מיר קענען נאָר די זאַך, ווי זי ערשיינט א ו נ ז. פאַר אונז מענשען

מוז „די זאַך, ווי זי איז“ בלייבען אַן אייביג אונבעקאַנטעס, אַן א י ק ס. מען קאָן וועגען איהר אפילו דאָס ניט זאָגען אויף זיכער, אַז זי עקזיסטירט, ווייל „עקזיסטענץ“, „דאָ־זיין“ איז א קאַטעגאָריע פון אונזער פערשטאַנד, וואָס האָט, ווי יעדע קאַטעגאָריע, א זין נאָר יעמאָלט, ווען זי ווערט אָנגעווענדט אויף אַן ערשיינונג פון דער ערפאהרונג און פערליערט יעדען זין און יעדען ווערטה, ווי נאָר מען שפּרייזט מיט איהר אריבער די גרענעצען פון דער ערשיינונגס־וועלט. אָבער „די זאַך, ווי זי איז“ איז פון דעסטוועגען א נויטווענדיגער בעגריף, וואָס מארקירט דעם גרעניץ פון אונזער ערפאהרונג. דאָס איז א גרעניץ־בעגריף, יענער פּונקט, וואו אונזער שכל הערט אויף ארויס צו ברענגען זיכערע וויסענשאַפטליכע ערקענטנים, וואו ער פערלאָזט דעם פעסטען באָדען אונטער זיינע פיס און הויבט אָן ארום צו שוועבען אין די ספערען פון דער מעטאַפיזיק. ער טהוט דאָס דערפאַר, ווייל די גרעניץ גיט איהם די מעגליכקייט צו דענקען א „פון־יענער־זייט־גרעניץ“. און די מ ע ג ל י כ ק י י ט פון א „יענער־זייט־גרעניץ“ קאָן בשום אופן ניט אָבגעפרעגט ווערן. אויב עס זענען דאָ ע ר ש י י נ ו נ ג ע ן „פענאָמענען“, וואָס מוזען דורכגעהן דורך אונזערע חושים, כדי זיי זאָלען ווערן ערפאהרונג, מוז מען אויך צוגעבען, אַז עס קאָן אפשר זיין א ניט־זינליכע עקזיסטענץ, א זיין, וועגען וועמען מען קאָן נאָר דענקען מיט שכל, א „נ אָ ו מ ע נ אָ ן“, וואָס רופט אין אונז ארויס יענע פענאָמענען. דער בעגריף פון „א זאַך, ווי זי איז“, פון א „דינג אן זיך“ איז אזא „נאָאומענאָן“, א געדאנקען־דינג, וואָס מיר קאָנען קיין מאָל ניט אָנטרעפען אין דער זינליכער ערפאהרונג. מיט אזעלכע „געדאנקען־דינגען“ דעם „נאָומענאָן“, בעשעפטיגט זיך די מעטאַפיזיק. א י ז אָבער א ריינע זיכערע מעטאַפיזיק מעגליך? — דאָס איז די דריטע פראגע פון קאַנט'ס קריטיק, וועלכע ער זוכט צו פערענטפערען אין זיין „טראַנסצענדענטאַלער דיאַלעקטיק“.

## § 7. די טראַנסצענדענטאַלע דיאַלעקטיק.

מיט דעם אויפבוי פון דער ערפאהרונג און דעם אויספאָרשען פון יענע נויטווענדיגקייטען, וואָס הערשען אין דער ערפאהרונגס־וועלט, שעפּען זיך ניט אויס די אינטערעסען פון דער טהעאָרעטישער

ערקענטניס. דאָס טהעאָרעטישע בעוואוסטזיין אינטערעסירט זיך ניט נאָר אין אַ געזיכערטען איינצעל־וויסען. ער וויל האָבען אַ געאָרדענטען ס י ס ט ע ם פון ערפאהרונגס־געזעצען, פערבונדען צו איין־איינציגער געדאנקליכער איינהייט. דערינען דריקט זיך אויס דער זעלביגער כאראקטער־שטריך פון דעם מענשליכען שכל איבערהויפּט, מיט וועלכען מיר זענען שוין בעקאַנט געוואָרען פריהער: דאָס שטרעבען צו ס י נ ט ה ע ט י ז י ר ע ן, די עובדא, צו פעראייניגען פערשיידענעס אין איין גאַנצעס.

די זינליכע אַנשויאונג פעראייניגט דורך די פאָרמען פון רוים און צייט די פערשיעדענע עמפּפינדונגען צו רוימליך־צייטליכע איינהייטען. דער פערשטאַנד און די איינבילדונגס־קראַפט פעראייניגען, דורך די קאַטעגאָריען, סכעמען און גרונד־זאַצען, די פערשיעדענע איינצעל־אַנשויאונגען צו בעגריפען און געזעצען. די טהעאָרעטישע ערקענטניס פערלאַנגט ווייטער, אַז די איינצעלנע געזעצען זאָלען איינגעאָרדענט ווערן אין די איינהייט פון אַ סיסטעם.

דעם „כח“ (אָדער ריכטיגער: דעם סכום פון בעוואוסטזיינס־פּראָצעסען), וואָס בעזאָרגט די דאָזיגע סיסטעמאַטישע איינהייט פון אונזער וויסען, רופט קאַנט אָן: דער „ריינער שכל“, און די מיטלען, די געצייג, דורך וועלכע ער פיהרט דאָס דורך, זענען די א י ד ע ע ן פון דעם ריינעם שכל. אויך די אידעען, ווי די פאָרמען און די קאַטעגאָריען, זענען ניט איינגעבאָרענע פאַרטיגע פורעמס, אין וועלכע עס גיעסט זיך אריין דאָס וויסענשאַפטליכע מאַטעריאַל, נאָר נאַטירליכע טהעטיגקייטס־אַרטען, ארבייטס־מעטהאָדען, וועלכע נעהמען ארום דאָס מאַטעריאַל און בעארבייטען עס אויף אַ בעשטימטען שטייגער. דער פּראָדוקט, וואָס מען בעקומט פון אַזאַ מין ארבייט פון די שכל־אידעען, איז שוין ניט וויסענשאַפט, נאָר מעטאַפיזיק.

אַ שכל־אידעע איז, צום ביישפּיעל, די אידעע פון ג ל י י כ־א ר ט י ג ק י י ט און מאָניזם. בעטראַכט מען די ערפאהרונגס־טהאַטזאַכען פון דער וויסענשאַפט, ווילט זיך דעם שכל איינאָרדנען זיי, לויט זייער ע ה נ ל י כ ק י י ט, פריהער אין אַרטען, דער־נאָך די אַרטען אין העכערע גאַטונגען, און עס טרייבט איהם צו

דערגרייכט אין זיין ארבייט ביז צו יענער איינציגער העכסטער גאַטונג, דעם גרעסטען קרייז, וואָס נעהמט ארום און איז כולל אין זיך אלע אַנדערע. אין דעם דריקט זיך אויס דער אינטערעס פון אונזער שכל צו גלייכ־ארטיגקייט.

אָבער דערזעלביגער שכל האָט אין דעם זעלביגען פרט, נאָך אַן אַנדערן, פונקט דעם אומגעקעהרטען אינטערעס, וואָס דריקט זיך אויס אין דער אידעע פון פ ע ר ש י ע ד ע נ ק י י ט, וואַריעטעט, ספּעציפיקאַציאָן, וואָס איז דער אַנטיטעזיס פון גלייכארטיגקייט. האָט מען פּאַר זיך אַ וועלכע עס איז ארט (צ. ב. עפּעל־בוימער), ווילט זיך דעם שכל איינטיילען זי אין אונטער־ארטען, די אונטער־ארטען אין נאָך ספּעציעלערע וואַריעטעטען, אַלץ קלענערע און קלענערע קרייזען, ביז מען קומט צו אַן איינצעל־פּונקט, צו דעם אינדיווידואום, דעם איינצעל־אָביעקט פון דער וויסענשאַפט.

ווערט די אידעע פון ספּעציפיקאַציאָן געטריבען ביז צו איהר לאָגישען סוף, מוז מען זיך פאָרשטעלען, אַז די גאַנצע ערפאַהרונגס־וועלט איז יעמאָלט איינגעטיילט אין גאָר די קלענסטע קרייזען, כמעט פּונקטען, וואָס שיידען זיך אָב איינע פון די אַנדערע מיט גאָר דעם קלענסטען אונטערשיעד, — ווי, לאָמיר זאָגען, איין סאָרט ראַנעט־עפּעל שיידט זיך אָב פון אַן אַנדער סאָרט ראַנעט־עפּעל. און אַזוי פערשווינדט ביסלעך־ווייז דער שטח צווישען די קרייזען אויף אַזאַ'ן אופן, אַז מען קאָן דורך אונמערקליכע שטופען איבער־געהן פון איין קרייז צו דעם אַנדערן, פון די ניעדעריגערע דורך די העכערע, ביז צו דער העכסטער איינהייט.

אין דעם מאָמענט ווערט געבוירען און הויבט אָן ארבייטען אויף איהר ארט אַ דריטע שכל־אידעע, וואָס איז דער סינטעז פון די צוויי פריהערדיגע: די אידעע פון נ י ט ־ א י ב ע ר ג ע ר י ־ ס ע נ ק י י ט (קאָנטינואיטעט) און ק ר ו ב ה 'ש אַ פ ט (אַפּיניטעט). די גאַנצע ערשיינונגס־וועלט איז יעמאָלט אַ סיס־טעם פון ניט־איבערגעריסענע צונויפגעגאָסענע קרייזען, אין וועלכע יעדער קרייז געפינט זיך מיט דעם אַנדערן אין אַ געווויסען, נעהענ־טערען אָדער וויטערען גראַד פון קרובה'שאַפט. די אינטערעסען פון דער גלייך־ארטיגקייט גיעסען זיך צונויף מיט די אינטערעסען פון דער פערשיעדען־ארטיגקייט אין איין איינציגען מאָניסטישען סיסטעם.

וואָלט קאנט דערלעבט דעם מאָדערנעם  ד א ר ו ו י נ י ז ם, וואָלט ער געמוזט דערבליקען אין איהם דעם גלענצענדסטען פירוש און דעם בולט'סטען בעווייז אויף זיינע געדאנקען וועגען די טראנס־צענדענטאלע אידעען פון דעם שכל. די אינטערעסען פון דער ס י ס ט ע מ א ט י ש ע ר  ע ר ק ע נ ט נ י ס, וואָס דריקען זיך אויס אין די אידעען פון גלייכ־ארטיגקייט, וואריעטעט און קאָנטי־נואירליכע קרובה'שאפט, האָבען בעשאפען יענע היפּאָטהעזע אין דער ביאָלאָגיע, לויט וועלכער אלע ארטען, אונטערארטען און וואריע־טעטען פון פלאנצען און חיות  ש ט א מ ע ן  אָ ב  פון איין־איינציגער אורארט און געפינען זיך „דעריבער" אין א ניט איבער־געריסענער קרובה'שאפט צווישען זיך.

ווי אלע אנדערע א־פּריאָרישע יסודות פון דער מענשליכער ערקענטניס, זענען אויך די שכל־אידעען ניט א פּראָדוקט פון דער ערפאהרונג. זיי מאכען ערשט מעגליך א  ס י ס ט ע מ א ט י ש ע וויסענשאפט וועגען איהר. און ווי ביי אלע אנדערע א־פּריאָרישע יסודות, פאלט אויך דאָ די מענשליכע ערקענטניס אריין אין דעם „פאר־קאָפּערניקאנישען" טעות בעת ער מיינט, אז דאָס, וואָס די אידעען ענטהאלטען אין זיך, געפינט זיך דרויסען און שטאמט אויך פון דרויסען.

עס איז אָבער אין דעם פּונקט פאראן א געוואלטיגער אונטער־שיעד צווישען די פאָרמען און קאטעגאָריען, וואָס  ב ע ש א פ ע ן ערפאהרונג, און די אידעען, וואָס סיסטעמאטיזירען און פעראיינ־הייטליכען זי. די פאָרמען, די קאטעגאָריען און אלץ וואָס פליעסט מיט זיי און פון זיי, שפּיעלען א  ק אָ נ ס ט י ט ו ט י וו ע, בע־שאפענדע ראָליע אין דער ערפאהרונג. בעת דער פערשטאנד טראָגט אריין די קאטעגאָריע פון אורזאך און ווירקונג, אָדער די קאטע־גאָריע פון סובסטאנץ און צושטאנד אין די ערפאהרונג, בעשאפט ער א  נ י י ע ם  ט י י ל  פון איהר, וואָס איז פריהער אין איהר ניט געוועזען און אָהן וועלכען זי קאָן ניט אויסקומען. דעריבער מוזען די וויסענשאפטליכע רעזולטאטען, וועלכע דער פערשטאנד ברענגט ארויס, זיין אלגעמיין־גילטיג און נויטווענדיג, ווייל די ער־פאהרונג, וואָס שפּיגעלט אָב זיין אייגענע טבע, שטעלט זיך אוועק אנטגעגען דעם פערשטאנד, ווי א פרעמדע זאך, און צווינגט איהם אָנצונעהמען אלע איהרע טייל ען.

אָבער די אידעען פון דעם שכל שפּיעלען ניט קיין קאָנסטי־טוטיווע, בעשאַפענדע, נאָר אַ ר ע ג ו ל א ט י ו ו ע, אָרדנענדע ראָליע אין דער ערפאַהרונג. זיי גיעבען ניט צו צו איהר קיין איין איינציגען נייעם טייל, אין וועלכען זי זאָל זיך נויטיגען. אַלץ, וואָס די ערפאַהרונג קאָן אונז לעהרנען וועגען יענעם בוים, וואָס ברענגט ארויס די פּרימאַ־סאָרט ראַנעט־עפּעל, געפין איך אין דעם בוים גופא. קיין איין איינציגע ע ר פ א ה ר ו נ ג ס ־ ט ה א ט ־ ז א כ ע ווערט ניט בעשאַפען דורך דעם, וואָס מען טיילט מיר מיט, אז ער געפינט זיך אין אַ געוויסער קרובה'שאַפט צו די איבע־ריגע ראַנעט־עפּעל־בוימער, צו די בוימער בכלל, צו די לעבעדיגע ברואים בכלל און צו די אַנדערע וועלט־געשעהעניסען איבערהויפּט. די אידעע איז ניט אַ טייל פון דער ערפאַהרונג, ווי די קוויזאַליטעט, נאָר מעהר נישט אַ ג ע ז י כ ט ס ־ פּ ו נ ק ט, ווי צו סיסטעמאַ־טיזירען די ערפאַהרונג, וואָס צו דענקען ו ו ע ג ע ן איהר. אמת, די רעגולאַטיווע, אָרדנענדע ראָליע פון דער אידעע געהט איבער און זאָל איבערגעהן אין אַ ה ע ר ו א י ס ט י ש ע, אָן ארויס־ברענגענדע ראָליע. אַ דאַנק דעם, וואָס איך ווייס, אז דער מענש וויזט אויף סמנים פון נאָהענטע קרובה'שאַפט צו דעם אַפּ, (איך נעהם אַ דאַרוויניסטישען ביישפּיעל) וועל איך אין דער ער־פאַהרונג וועגען דעם מענשען גופא איצטער בעמערקען אזעלכע ערפאַהרונגס־טהאַטזאַכען, וועלכע איך וואָלט פריהער ניט בעמערקט, און וועל זוכען נייע טהאַטזאַכען, וועלכע איך וואָלט גאָר פריהער ניט געזוכט. דער דאַרוויניזם האָט טאַקי בערייכערט די וויסענ־שאַפט מיט אַן אונגעהייערער מאַסע פון נייע אונטערזוכונגען און שטרענג וויסענשאַפטליכע רעזולטאַטען, וואָס וואָלטען פריהער אפשר גאָר ניט ארויף געקומען אויפ'ן זין. ער האָט פאַר איהר גע־שטעלט אויפגאַבען, פון וועלכע זי האָט פריהער ניט געוואוסט. אָבער די נייע פאַקטען האָבען פאָרט ניט א י ן ז י ך קיין איין ברעקעל פון דער שכל'דיגער אידעע. זי געהט ניט אריין אין זיי, זי ווערט ניט אַ טייל פון זיי. ווען מען אַנאַליזירט יעדען נייעם איינצעל־פאַקט בעזונדער, בעקומט מען נאָר די עמפּירישע עמפּפינ־דונגען, די קאַטעגאָריען פון דעם פערשטאַנד און די פאָרמען פון דער אַנשויאונג, אָבער ניט די אידעען פון דעם שכל. מען מוז אָבער

שטרענג פאַנאַנדערשיידען צווישען דעם, וואָס ליעגט אין דער ער־פאהרונג, און דעם, וואָס שוועבט דרויסען איבער איהר. דער מאַניזם, די אַלגעמיינע ענטוויקלונגס־לעהרע און די אָבשטאַמונגס־טהעאָריע ליעגען ניט אין דער ערפאהרונג, נאָר שוועבען ארום איהר. ווי וויכטיג זייער מעטהאָדישע ראָליע זאָל ניט זיין אין דעם וואקסטום'ס פראָצעס פון דער וויסענשאפט, טאָהר מען זיי, לויט דעם זין פון קאנט'ס קריטיציזם, ניט צושרייבען צו דער וויסענשאפטליכער ערפאהרונג גופא. די זעלביגע פאקטען, וואָס מיר ענטדעקען, א דאנק אָט די בעשטימטע אידעען, וואָלטען מיר אפשר ענטדעקט, א דאנק א וועלכער עס איז אנדער אידעע. מיר וואָלטען יעמאָלט געהאט דעם זעלביגען סכום וויסענשאפטליכע ערפאהרונג, אָבער אנדערש סיסטעמאטיזירט; אן אנדער סיסטע־מאטיזירונגס־פרינציפּ וואָלט זיי אוועק געשטעלט אין אן אנדער ליכט, געמאַכט אויף זיי אן אנדער פירוש, געגעבען אן אנדער אויס־טייטשונג. אָבער די ערפאהרונג וואָלט געבליבען דיזעלביגע. אין דערינען ליעגט דער אונגעהויערער אונטערשיעד צווישען די אידעען און די פריהערדיגע א־פריארישע פאָרמען. די פאָרמען פון רוים און צייט, די קאטעגאָריען פון קוואנטיטעט, קוואליטעט, רע־לאציאָן און מאָדאליטעט, וואָס געהען אריין אין די ערפאהרונג, לאָזען ניט צו קיין אנדער פירוש, א חוץ זייער אייגענעם זין. די אידעען אָבער, וואָס בלייבען דרויסען פון דער ערפאהרונג און שוועבען איבער איהרע גרענעצען, האָבען ניט קיין וואָרצלען אין איהר און קאָנען געטריעבען ווערען, ווי וואָלקענס, אהין און אהער. די פאָרמען און קאטעגאָריען זענען טראנסצענדענטאל אידעאל, אָבער עמפּיריש רעאל. זיי געהערען צו דעם רעאלען אָביעקט פון דער וויסענשאפט. די אידעען אָבער זענען עמפּיריש ניט רעאל. דעריבער זענען זיי אייגענטליך שוין ניט טראנסצענדענטאל, נאָר טראנסצענדענט: ניט פון דער ערפאהרונג שטאמענד און די ערפאהרונג אריבערשטייגענד.

דער טעות, וואָס די ניט קריטישע ערקענטניס מאַכט בנוגע צו די אידעען, קאָן לייכט איינגעזעהען און אָבגעשאַפט ווערן. שאַפט מען אָב דעם טעות, קאָן נאָך קלאָרער ארויסטרעטען זייער באמת בעגליקענדע ראָליע אין דעם פּראָצעס פון דער וויסענשאפטליכער

ערקענטניס. אזעלכע אידעען, ווי די, מיט וועלכע מיר זענען בעקאַנט געוואָרען, זענען א י ד ע א ל ע ן פון דער וויסענשאַפט, א ו י פ ג א ב ע ן, וועלכע דער שכל שטעלט אוועק פאַר דעם וויסענשאַפטליכען פאָרשען, — אויפגאַבען, וועלכע די וויסענשאַפט וועט אמת קיין מאָל ניט פערווירקליכען, אָבער צו וועלכע זי וועט אין איהר אונענדליכען פּראָצעס תמיד שטרעבען. א דאַנק דעם שטרעבען צו דעם אידעאַל, וועט זי אַלץ מעהר און מעהר בערייכערן איהר אוצר פון געזיכערטען וויסען.

פערגעסט מען אָבער אויף דער ריכטיגער ראָליע פון די אידעען (צו זיין אידעאַלען פון דער מענשליכער פערנונפט) און מען מאַכט פון זיי ר ע א ל י ט ע ט ע ן, ווירקליכע זאַכען און ערשיינונגען, יעמאָלט הויבט מען אָן שפּינען מעטאַפּיזישע נעצען, אין וועלכע דער שכל פערפּלאָנטערט זיך אַליין.

דאָס זעהט מען קלאָהרער פאַר אַלץ אין דעם אַנאַליז פון יענע דריי שכל־אידעען: נשמה, וועלט, גאָט, וואָס האָבען אַרויסגעבראַכט די דריי מעטאַפּיזישע כלומרשט „וויסענשאַפטען“, די ליעבלינגס־וויסענשאַפטען פון די ראַציאָנאַליסטען: די ראַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע, די ראַציאָנאַלע קאָסמאָלאָגיע און די ראַציאָנאַלע טהעאָלאָגיע.

נשמה, וועלט, גאָט זענען ניט מעהר, ווי אידעען פון דעם ריינעם שכל, וואָס זענען אַרויס געבראַכט געוואָרען אויס דעמזעלביגען גרונד און צוליעב דעמזעלביגען צוועק, ווי אַלע אַנדערע שכל־אידעען. אַלע טהאַטזאַכען פון דער דרויסענדיגער ערפאַהרונג ווערען אַרום גענומען אין איין אידעע: וועלט. אַלע טהאַטזאַכען פון דער אינוועניגסטער, פּסיכישער ערפאַהרונג ווערען אַרום גענומען אין איין אידעע: נשמה. און ווענדט דער שכל אָן די קאַטעגאָריען פון סובסטאַנץ, אורזאַכע און נויטווענדיגקייט אויף ביידע ערפאַהרונגס־קרייזען, שפּרינגט אַרויס די אידעע: גאָט. דער מענשליכער שכל אין זיין פאַר־קריטישער פעריאָדע האָט אָבער ניט פערשטאַנען די בעדייטונג און דעם מקור פון די דריי אידעען אין דער טבע און די אינטערעסען פון אונזער טהעאָרעטישען שכל. ער האָט געמאַכט פון זיי ר ע א ל י ט ע ט ע ן, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל עקזיסטירען באמת מחוץ פון דער מענשליכער ערפאַהרונג. און

אָט די בלומרשט'דיגע רעאַליטעטען האָט דער שכל געוואָלט שטודירען, אָנווענדענדיג דיזעלביגע קאטעגאָריען, וועלכע ער ווענדט אָן אין דער וויסענשאַפט. ער האָט אָבער נאָך ניט געוואוסט, אַז די קאטעגאָריען פון דעם פערשטאַנד טויגען נאָר פאַר דער ערפאהרונג, אז ווי נאָר מען שפּרייזט אַריבער איהרע גרעניצען, אזוי פערליערען די קאטעגאָריען יעדען זין.

דער מעטאַפיזיק האָט זיך, אמת, אויסגעדוכט, און זי לעבט אין דעם זיסען גלויבען, אַז זי ברענגט אַרויס אַלגעמיין־גילטיגע און נויטווענדיגע אמת'ען. דאָס איז דערפאר, ווייל זי האָט אָנגעווענדעט די קאטעגאָריען פון דעם פערשטאַנד, וואָס זענען אַלגעמיין־גילטיג און נויטווענדיג. אָבער ווײלע זי האָט זיי אָנגעווענדעט אויף אַן ענין, וואָס קאָן בשום אופן ניט אָנגעטראָפען ווערן אין דער ערפאהרונג, האָט איהר אַלגעמיין־גילטיגקייט קיין ברעקעל ממשות ניט. מיט דער ריינער לאָגישער נויטווענדיגקייט קאָן מען בנוגע צו אַ סך פראַגען אין דער מעטאַפיזיק קומען צו פונקט ענטגעגען־געזעטצטע רעזולטאַטען און בנוגע צו אַנדערע פראַגען — פערפּלאָנטערן זיך אין בלומרשט־בעווייזען, אין אַ מין פערבלענדענעס פון דעם שכל, ווען ער דערבליקט אין דעם נעץ פון זיינע אייגענע חכמות שטרענג־וויסענשאַפטליכע ארגומענטען.

אָט די פעהיגקייט פון דעם מענשליכען שכל אַרויס צו ברענגען בלומרשט־בעווייזען, אַנשטאָט אמת'ע, און אינוועניגסטע סתירות, וועלכע ער בעמערקט ניט, רופט קאַנט אָן די ד י א ל ע ק ט י ק פ ו ן ד ע ם מ ע נ ש ל י כ ע ן ש כ ל. ער ווידמעט דעם גרעסטען טייל פון זיין קריטיק, דעם פאַנאַנדערפּלאָנטערן פון יענע נעצען, אין וועלכע דער מעטאַפיזישער געדאַנק האָט זיך אַליין געפאַנגען.

אין דער אידעע: גאָט, האָט דער טהעאָרעטישער שכל געוואָלט אויסדריקען ניט מעהר ווי דעם א י ד ע א ל פון אַ כסדרדיגער געזעצמעסיגקייט, אָרדנונג און איינהייט אין אַלץ, וואָס פּאַסירט אין דער וועלט. די מעטאַפיזיק האָט אָבער פון דעם א י ד ע א ל געמאַכט אַן אַללער־רעאַל'סטען און אַללער־פּאָלקאָמענסטען וועזען, פון וועלכען עס הענגט אַלץ אָב אין דער נאַטור, און האָט אויפגעבויט די בלומרשט'דיגע טהעאָלאָגישע וויסענשאַפט, וואָס וויל, על פי לאָגישער נויטווענדיגקייט, בעווייזען די עקזיסטענץ

פון אזא וועזן. קאַנט צופּליקט אויף פּיצלעך אַלע טהעאָלאָגישע גאָט־בעווייזען און דעקט אויף זייער ערקענטניס־טהעאָרעטישע נישטיגקייט. דער „אָנטאָלאָגישער" גאָט־בעוויז, צ. ב., וואָס האָט ארום גערינטען אויף דעם אין פלוג־זיכערען געדאַנק, אז צו די סמנים פון אַן אַלער־פּאָלקאָמענסטען וועזען מ ו ז מען צורעכענען אויך די עקזיסטענץ (ווייל פון צוויי פּאָלקאָמענסטע וועזען וועט דער עקזיסטירענדער זיין דער מעהר פּאָלקאָמענער און דורך דעם גופא דער אַלער־פּאָלקאָמענסטער), — אָט דער אָנטאָלאָגישער גאָט־בעוויז האָט געמאַכט נאָך דעם פעהלער, וואָס ער רעכענט די עקזיסטענץ צו די סמנים פון אַ בעגריף. אָבער די עקזיסטענץ קאָן ניט געהערען צו די סמנים פון אַ בעגריף. דער ב ע ג ר י ף פון הונדערט טאָלער בלייבט דערזעלביגער, אַלץ איינס, צי מיר האָבען זיי ווירקליך אין דער טאַש, אָדער נאָר אין דער איינבילדונג. דערפון איז געדרונגען, אז אַן עקזיסטירענדער גאָט וואָלט דורך די עקזיסטענץ ניט געקאָנט זיין מעהר פּאָלקאָמען עהדער דער אידעאַל, וואָס ליעגט אין דעם בעגריף פון אַלער־פּאָלקאָמענהייט. דערפון איז אָבער צוריק געדרונגען, אז דער בעגריף פון פּאָלקאָמענהייט שליסט אין זיך ניט איין די נויטווענדיגע עקזיסטענץ פון אזא פּאָלקאָמענעם וועזען.

דער רעזולטאַט, צו וועלכען קאַנט קומט אין זיין קריטיק פון אַלע טהעאָלאָגישע גאָט־בעווייזען, איז, אז דער שכל קאָן בשום אופן ניט מחייב זיין די עקזיסטענץ פון אַ וועלכען עס איז גאָט. פון דער אַנדער זייט אָבער קאָן ער אויך בשום אופן ניט בעווייזען, אזא אזא וועזען איז ניטאָ. דער ענין שפּרייזט אריבער די גרענעצען פון דער ערפאַהרונג, און דער קריטיש־דיסציפּלינירטער שכל מוז זיך אָבזאָגען ארויסצוברענגען אַ וועלכען עס איז ענטפער אויף דער גאָט־פראַגע. זעהט ער נאָך דערצו איין, ווי אזוי די גאָט־פראַגע איז ארויסגעוואַקסען פון די שכל'דיגע אידעען און אידעאַלען, פערליערט יעמאָלט דאָס פּראָבלעם אין גאַנצען זיין מעטאַפיזישע בעדייטונג.

אויף דער אידעע פון דער מענשליכער נשמה, אָדער דעם „איך" איז אויפגעבויט די ראַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע. זי בעווייזט, אז די נשמה איז ניט קיין גשמיות'דיגע זאַך, אז זי איז אַ סובסטאַנץ, וואָס בלייבט אייביג בעשטעהן, אז זי איז איינפאַך (ניט

קיין „מורכב“, קיין צוזאמענגעזעטצטע זאך) און אז זי איז א „זעלבסט“, אן „איך“. אין דער אמת'ען, ווייסען מיר אויס דער ערפאהרונג נאָר איין זאך: אז עס איז דאָ א „טראנסצענדענטאלע איינהייט פון דעם בעוואוסטזיין“, ווייל אז ניט, וואָלט ניט מעגליך געווען קיין ערפאהרונג. אָבער צי איז דאָ אזא „טרעגער“ פון דער טראנסצענדענטאלער איינהייט, וואָס ער איז אזוינס, מאטעריע אָדער גייסט, וואָס טהוט זיך מיט איהם, ווען דער פּראָצעס פון דער ערפאהרונג איז צו ענד (ד. ה. נאָכ'ן טויט), — דאָס קאָן קיין מענשליכער שכל ניט וויסען. און אלע כלומרשט'דיגע בעווייזען זענען ניט מעהר ווי פּאראלאָגיזמען, פעהלערהאפטע שלוסען, ווי קאנט בעווייזט דאָס באריכות.

נאָך אינטערעסאנטער איז דער שיקזאל פון דעם מענשליכען, ניט קריטישען שכל אויף יענעם פעלד פון דער מעטאפיזישער „ערקענטניס“, וואָס איז ארויסגעבראכט געוואָרען דורך די שכל־אידעע: „וועלט“, און וואָס רופט זיך אָן ראציאָנאלע אָדער ריינע קאָסמאָלאָגיע. שפּרייזט דער שכל אריבער די גרענעצען פון דער ערפאהרונג, פערוויקעלט ער זיך דאָ אין „אנטינאָמיען“: אויף איין־און דיזעלביגע פראגע מוז דער שכל מיט א גלייך־שטארקער בעוויזי־קראפט געבען צוויי ענטפערס, וואָס זענען סותר איינער דעם אנדערן.

געטריבען דורך די קאטעגאָריע פון „קוואנטיטעט“, וויל דער שכל וויסען, צי די וועלט האָט א גרענעץ אין רוים און אן אָנהויב אין צייט. קאנט בעווייזט מיט צווינגענדע ארגומענטען אויף איין בלעטעל דעם טהעזיס: אז „די וועלט האָט אן אָנהויב אין דער צייט און איז אויך בנוגע צו דעם רוים איינגעשלאָסען אין גרע־נעצען“, און אויף דעם אנדער בלעטעל מיט אקוראט אזעלכע צווינ־גענדע ארגומענטען — דעם אנטי־טהעזיס, אז: „די וועלט האָט ניט קיין אָנהויב און קיין גרענעצען אין רוים, נאָר איז אונענדליך בנוגע צו צייט און רוים“.

די קאטעגאָריע פון קוואליטעט האָט ארויסגעבראכט אזא „אנטינאָמיע“: טהעזיס: אלץ אין דער וועלט איז איינפאך, אָדער בעשטעהט פון איינפאכע טיילען (אטאָמען, מאָנא־דען, קראפט־צענטרען).

אַ נ ט י ט ה ע ז י ס: קיין זאַך אין דער וועלט איז ניט איינפאַך און ניט צוזאַמענגעזעצט פון איינפאַכע טיילען.

די קאַטעגאָריע פון רעלאַציאָן האָט איהר אַנטינאָמיע:

ט ה ע ז י ס: עס איז דאָ פרייהייט אין דער וועלט (ד. ה. די מעגליכקייט אָנצוהויבען פון זיך גופא אַ נייע רייהע פון קויזאַל בעדינגטע ערשיינונגען).

אַ נ ט י - ט ה ע ז י ס: עס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוט נויט־וועלט. אַלץ קומט אין איהר פאָר, לויט נאַטור געזעצען.

די ק אַ ט ע ג אָ ר י ע פון מאָדאַליטעט:

ט ה ע ז י ס: עס מוז אין דער וועלט זיין אַן אַבסאָלוט נויט־ווענדיגעס וועזען, וואָס איז די אורזאַך פון דער וועלט.

אַ נ ט י - ט ה ע ז י ס: עס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוט נויט־ווענדיגעס וועזען אין דער וועלט. אַלץ אין איהר איז צופעליג.

ווי פערענטפערן די מעטאַפיזיקער אָט די אַנטינאָמיען? זיי פערענטפערן זיי ניט. פשוט, יעדער כאַפּט זיך אָן אָן דער טהעזיס אָדער אָן דער אַנטיטהעזיס און יעדער איינער ענטוויקעלט זיינע בעווייזע, פאַר וואָס ער מוז זיין גערעכט און פאַר וואָס דער געגנער מ ו ז זיין אונגערעכט. זייער סכסוך קאָן קיין מאָל ניט ענדיגען, כל זמן זיי וועלען גלויבען, אַז זיי האָבען דאָ צו טהאָן מיט רעאַלע ענינים. ערשט, ווען מען זעהט איין, אַז די גאַנצע „וועלט“, איז ניט מעהר ווי אַ שכל־אידעע; אַז אין דער ווירקליכקייט האָבען מיר נאָר איינצעל - ע ר ש י י נ ו נ ג ע ן; אַז רוים, צייט, קויזאַליטעט און נויטווענדיגקייט, זענען ניט ז אַ כ ע ן, וואָס מיר האָבען אריינגענומען פון דרויסען אין אונז, נאָר פאָרמען, וואָס מיר האָבען ארויס געטראָגען פון אונז אין דרויסען, כדי צו בעשאַפען ערפאַה־רונג, — ערשט יעמאָלט קאָן מען פערענטפערן די אַנטינאָמיען אין אַזאַ זין, וואָס זאָל אונז העלפען ווייטער אויסבויען דאָס פעלד פון דער וויסענשאַפטליכער ערפאַהרונג. בנוגע צו דער אונענדליכקייטס־פראַגע מוז מען זיך שטעלען אויף דער זייט פון דער אַ נ ט י - ט ה ע ז י ס. מען מוז אין דער וויסענשאַפט פאַרגעהן אַזוי, אַ ק ו ר אַ ט ו ו י „די וועלט“ וואָלט געווען אונענדליך אין רוים און צייט.

דאָס איינענע איז אויך מיט דעם קויזאַליטעטס־פראָבלעם.

אלע ערשיינונגען, און אויך די מענשליכע ווילענס־האנדלונגען, כל זמן מיר בעטראכטען זיי טהעאָרעטיש, מוזען מיר זיי בעטראכטען אקוראט אזוי, ווי אלץ אין דער וועלט וואָלט געווען כסדר קויזאל־בעדינגט, און וואָלט ניט געהאט קיין איין סמן פון פרייהייט אין זיך. דאָס ליעגט אין די אינטערעסען פון דעם טהעאָרעטישען שכל און ווערט געפאָרדערט פון זיי.

א גאנץ אנדער שטעלונג מוזען מיר נעהמען צו די אידעען פון „פרייהייט“, „גאָט“ און „אונשטערבליכקייט“, ווען מיר געהען איבער צו דעם „פראקטישען“ שכל און זיינע אינטערעסען. אויך ער ברענגט ארויס די זעלביגע דריי אידעען. אָבער דאָרטען בעווייזען זיי זיך שוין אין א גאנץ נייעם ליכט, וואָס פערלאנגט א גאנץ אנדער ענטפער. אָבער יענער ענטפער קאָן ארויסגעבראכט ווערען ערשט יעמאָלט, ווען מיר וועלען קריטיש דורכמוסטערן דעם גאנצען „פראקטישען שכל“, וואָס האָט בעשאפען דאָס פעלד פון זיטליכע האנדלונגען.

## דרייצעהנטער קאַפּיטעל

# עמאַנוּעל קאַנט'ס קריטישע פילאָסאָפיע

### ג. קאַנט'ס עטהיק און עסטהעטיק.

(קאַנט'ס קריטיק פון'ם פּראַקטישען שכל — דער טעאָרעטישער און דער פּראַקטישער שכל. זינליכע טריעבען און זיטליכע האַנדלונגען. די פרייהייט און דאָס „זאָלען" — די זינליכע און איבערזינליכע אָדער געדאַנקליכע וועלט. קויזאַליטעט און התחיבות. זינליכקייט און שכל. די מענשהייט. מאַקסימען (כללים) און אימפּעראַטיווען. דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו. אכטונג און פליכט. די פּאָסטולאַטען פון דעם פּראַקטישען שכל, די זיטליכקייטס־לעהרע. די רעכטס־רעליגיאָנס און געשיכטס־פילאָסאָפיע. דער אייביגער פריעדען. קריטיק פון דער אורטיילסקראַפט. צוועק און צוועקמעסיגקייט. דאָס שעהנע און ערהאבענע. די צוועקמעסיגקייט אין דער נאַטור. די מאָראַלישע וועלט־ענטוויקלונג. קריטישע מעטאפיזיק).

### § 8. קאַנט'ס מאָראַל־פילאָסאָפיע.

קאַנט'ס מאָראַל־פילאָסאָפיע, וואָס איז בעגרינדעט דער עיקר אין דער „קריטיק פון דער פּראַקטישער פערנונפט", איז דער העכסטער און דער שווערסטער פונקט פון זיין גאַנץ סיסטעם. מען האָט איהם אויך וועניגער פערשטאַנען, עהדער די איבערינע טיילען פון קאַנט'ס לעהרע. די שוועריקייט ליעגט אין דעם, וואָס קאַנט איז געווען ניט נור אַ קריטישער פאָרשער פון דעם מאָראַלישען פּראָבלעם, נאָר אויך אַ טיעף־זיטליכע נאַטור, וואָס איז געווען פעראינטערעסירט אין דעם נצחון פון געוויסע מאָראַלישע איידעען. אויף אַ סך דענקער האָט קאַנט'ס „קריטיק פון דער פּראַקטישער פערנונפט" דעריבער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מאָראַל־

פּרעדיגט, אַרום גערינגעלט מיט געוויסע מעטאַפיזישע פער־ציערונגען.

געוויס, איז די „מאָראַל־פּרעדיגט" ניט קיין בייזאַך אין קאַנט'ס סיסטעם, אָבער זי איז אויך ניט די הויפּט־זאַך. קאַנט איז, אמת, פּעראינטערעסירט,מעניטען זאָלען זיין זיטליך און זאָלען האָבען די זיטליכע בעגריפען, וועלכע ער האַלט פאַר די העכסטע. אָבער ער איז, ווי אַ קריטישער פילאָסאָף, נאָך מעהר פּעראינטערעסירט אַרויסצוגעפינען דעם תוך פון יעדער זיטליכער ערשיינונג און דערגראָבען זיך ביז צו יענעם קוואַל, פון וואַנען די זיטליכקייט שלאָגט, אויף דעם זעלביגען אופן, ווי ער האָט געמיהט צו דערגראָבען זיך ביז צו יענע פערבאָרגענע קוואַלען, פון וועלכע עס שלאָגען די זיכערע נאַטור־וויסענשאַפטען.

אויך אויף דעם געביעט פון זיטליכקייט איז מעגליך אַ דאָגמאַטישער, סקעפּטישער און קריטישער שטאַנדפּונקט. „דו זאָלסט ניט גנב'ענען", צ. ב., איז אַ מאָראַלישער געבאָט. דער דאָגמאַטיקער וועט על פּי שכל זוכען צו בעווייזען, אַז גניבה איז אַ גרויסע עולה, אַן אונגערעכטיגקייט, אַ שאָדען דער געזעלשאַפט א. אַז. וו. דער סקעפּטיקער וואָס וויל האָבען אַן אַבסאָלוטע זיכערהייט אין יעדען אורטייל, וועט אויך דאָ אַוועקשטעלען זיין אייביגען: „פאַר וואָס?", אויף וועלכען דער דאָגמאַטיקער קאָן ניט געבען קיין ענטפער. פאַר וואָס זאָל איך ניט גנב'ענען? איז גניבה באמת אַן עולה? פאַר וואָס זאָל איך ניט בעגעהן קיין עולה? וואָס אַרט מיך, אַז זי איז אַן אונגערעכטיגקייט? פאַר וואָס זאָל איך דאגה'ן פאַר דעם אַנדערן און פאַר דער געזעלשאַפט?

דער קריטיקער לאָזט קודם כל אַלע אַזוינע שאלות אָן אַ זייט. ער רעכענט זיך מיט יענעם אַבסאָלוט זיכערען פאַקט, אַז די מענשהייט האָט אַרויסגעבראַכט די איינטיילונג פון מענשליכע האַנדלונגען אין יושר און עולות, אין זיטליכע און אונזיטליכע; אַז יעדער מענש (אָהן אַן אויסנאַהם) ווענדט אָן אַ וועלכען עס איז זיטליכען מאַסשטאַב אין זיין לעבען; און אויב ער אַליין אַפילו איז איהם ניט טריי, פערלאַנגט ער פון די אַנדערע מענשען, זיי זאָלען זיך בענעהמען „ווי דער סדר איז". דאָס בעוואוסטזיין פון דער מענשהייט האָט אַרויס געבראַכט אַ בעזונדער

צווייג פון זיין טהעטיגקייט, וואָס רופט זיך אָן זיטליכע קולטור. זי איז דאָס רוב פערבונדען מיט יענעם צווייג, וואָס רופט זיך אָן רעליגיאָן. די שאלות, וואָס אינטערעסירען דערביי דעם קריטיקער זענען: אין וואָס בעשטעהט די איינגענארטיגקייט פון אָט דעם צווייג פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין? אין וואָס בעשטעהט דער חלוק צווישען דער עובדא, דער ארבייט פון דעם מאָראַלישען בעוואוסטזיין און דער עובדא, דער ארבייט פון דעם וויסענשאפטליכען, וועלכען דער קריטיקער האָט שוין אויסגעפאָרשט? דער מאָראַלישער בעוואוסטזיין ברענגט ארויס פון זיך זיטליכע ערשיינונגען, ווי דער טעאָרעטישער בעוואוסטזיין ברענגט ארויס פון זיך נעזיכערטע וויסענשאפטליכע ערפאהרונג. ווי דאָרטען, מוזען מיר אויך דאָ פרעגען: וואָס זענען יענע בעדינגונגען אין'ם בעוואוסטזיין, וואָס מאַכען מעגליך, אז פון איהם זאָל ארויספליסען אַ זיטליכע ערשיינונג? ווי בעשאפט ער זי?

ערשט ווען מיר פערענטפערן אָט די פראַגען, קאָנען מיר קלאָר ווערן אין דעם מהות פון דער זיטליכקייט (ווי מיר זענען קלאָר געוואָרען אין דעם מהות פון דער ערפאַהרונג) און ערשט יעמאָלט קאָנען מיר אָבשעצען, אויף וויפיעל איז זיכער איהר פונדאמענט. אויב די זיטליכקייט האָט אַ זיכערען פונדאמענט, ליעגט ער בלי ספק אין געוויסע אַ־פּריאָרישע מעטהאָדען פון דעם מענשליכען בייוואוסטזיין, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס זיין טבע און פון וועלכע עס פליעסען, מחמת דעם גופא, אַלגעמיין־גילטיגקייט און נויטווענדיגקייט. וואָס זענען די אַ־פּריאָרישע עלעמענטען פון דער־זיטליכקייט? ווי זענען זיי בעשאַפען? פון וועלכע טראַנסצענדענטאַלע בעוואוסטזיינ'ס פּראָצעסען ווערען זיי ארויסגעבראַכט?

אָט דאָס זענען די גרונד־פּראַגען, מיט וועלכע עס בעשעפטיגט זיך קאַנט'ס עטהיק.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, אז פאַר יעדען נייעם שטראָם פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין, פאַר יעדער בעזונדערער ארט פון זיין טהעטיגקייט זוכט קאַנט אַ בעזונדער „כח". עס איז איהם ניט פּרעמד דער געדאַנק, וועלכען לאָקק האָט שוין איינגעזעהען קלאָר, אז דער „כח" איז בעצם ניט מעהר ווי אַ וואָרט, וואָס

דריקט אוים א גאַנצען סכום פון געוויסע איינגעגאַרטיגע פּראָצע־סען פון׳ם בעוואוסטזיין. קאַנט איז אָבער דאָך נוטה אַנצו־ווענ־דען דעם בעגריף: „כח“, ווי א בעזונדער מין זיין, וועניגסטענס, ווי אַן „אידעע“, וואָס בעהעפט ווי מיט א צעמענט אין איינעם אַלע איינצעלנע אָבגעזונדערטע פּראָצעסען פון איין און דערזעלביגער אַרט. מיר האָבען אויך געזעהען, אַז יעדער „כח“ האָט אין זיך ניעדעריגע און העכערע עלעמענטען. די נידעריגערע זענען צונויפגעבונדען מיט דער זינליכקייט, די העכערע — מיט דעם „ריינעם“ בעוואוסטזיין. דער כח פון דער זינליכער ערקענטניס ברענגט אַרויס עמפּפינדונגען און ריינע אַנשויאונגס־פאָרמען. דער פערשטאַנד—עמפּירישע בעגריפען און ריינע קאַטעגאָריען. די איינ־בילדונגס־קראַפט ברענגט אַרויס מטושטש׳ע בעגריפען־בילדער און ריינע סכעמען. די פערנונפט האָט כלומרשט־וויסענשאַפטליכע אידעען און ריינע מעטאַפיזישע אידעען.

דער „כח“ פון׳ם בעוואוסטזיין, וואָס בעשאַפט זיטליכקייט, ווערט פון קאַנט אָנגערופען: „די מאַכט צו בעגעהרען“ (בעגעה־רונגס־פערמעגען) און אויך ער האָט אין זיך א זינליכען און א „ריינעם“ טייל. דער זינליכער טייל בעשטעהט אין יענע ווע־לטישען און געלוסטען, וואָס שטאַמען פון אונזערע חושים; זיי זענען תמיד דיריגירט דורך די מאָמענטאַנע געפיהלען פון לוסט און אונלוסט. דער העכערער טייל ווערט אָנגערופען דער „פּראַק־טישער שכל“, און ער שטעלט זיך העכער פאַר די מאָמענטאַנע געפיהלען פון לוסט און אונלוסט; ווענט זיי אָב, שעצט זיי אָב און ברענגט אַרויס כללים פאַר דעם ווילען, פאַר זיין בע־וואוסטזיניגען, שכל׳דיגען, פּראַקטישען האַנדלען.

ווי די געזעצען פון׳ם פערשטאַנד זענען יענע סינטהעטישע איינהייטען, וואָס מאַכען פון די כאַאָטישע עמפּפינדונג גערעגעלטע נאַטור־ערשיינונגען, אזוי זענען די כללים פון דעם פּראַקטישען שכל יענע סינטהעטישע איינהייטען, וואָס מאַכען פון דעם כאָאָס פון איינצעלנע וועלטישען און געלוסטען גערעגעלטע ווילענס־בעוועגונגען און פּראַקטישע האַנדלונגען.

עס איז אָבער דאָ א פּונקט, אין וועלכען דער פּראַקטישער שכל געהט זיך ראַדיקאַל פאַנאַנדער מיט דעם טהעאָרעטישען,

אָדער דעם „ספעקולאַטיווען" (אָנשויענדען), ווי קאַנט רופט איהם אויך אָן. יעדער „כח" בעשאַפט זיינע פּראָדוקטען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס זיין טבע. דער פּראַקטישער שכל בעשאַפט, לויט זיין טבע, אַזוינע פּראָדוקטען, וועלכע דער טהעאָרעטישער שכל איז ניט „בכח" צו בעשאַפען. דער פּראָדוקט פון דעם טהעאָרעטישען שכל איז אַ „נאַטור־ערשיינונג", אַ זאַך וואָס „איז", וואָס פערנעהמט אַ געוויסען פּלאַץ אין רוים און צייט. אפילו די ערשיינונג, וואָס איז נאָך ניטאָ, אָבער וואָס וועט זיין, לויט טהעאָרעטישער אויסרעכענונג, איז אַ „זיין", אַן „איז" פאַר דער צוקונפט. דאָס וואָס דער פּראַקטישער שכל בעשאַפט איז ניט קיין „איז" אין דעם טהעאָרעטישען זין פון דעם וואָרט: ס'איז אַ פּראַקטישע האַנדלונג. אַ פּראַקטישע האַנדלונג איז אַ צוועק־מעסיגע האַנדלונג. עס איז אַ ציעל, וואָס שטעהט פאַר די אויגען פון דעם שכל, עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך ניטאָ, אָבער וואָס זאָל ערשט ווערען דורך די אָנשטרענגונג פון מיין ווילען, וואָס זאָל איהם ארויסברענגען אין דער ווירקליכקייט. דער פּראַקטישער שכל בעשאַפט ציעלען, צוועקען. ער ענטפערט ניט אויף דער שאלה „פאַר וואָס?", נאָר אויף דער שאלה: „צו ליעב וואָס?". צווישען די צוויי פראַגען ליעגט דער אבגרונד, וואָס שיידט אָב דעם טהעאָרעטישען שכל פון דעם פּראַקטישען. אז איך זעה, ווי עס ברענט אַ הויז, זוך איך מיר צו דערקלעהרען, פאַר וואָס עס ברענט, און דערמיט בעפריעדיג איך די אינטערעסען פון דעם טהעאָרעטישען שכל. זעה איך אָבער, ווי אַ מענש קריכט אין פייער, פרעג איך: צוליעב וואָס טהוט ער עס? און בעפרידיג דערמיט די אינטערעסען פון דעם „פּראַקטישען" שכל. דער מענש קריעכט אין פייער, „כדי צו", דאָס איז דער טייטש: כדי ער זאָל עפּעס דערמיט דערגרייכען. דער פּראַקטישער שכל בעשאַפט בעוואוסטע ציעלען און דערמיט גופא בעשטימען פון „זאָלען".

פיעלע עטהיקער (איבערהויפּט ניעטצשע), וואָס וואָלטען וועלען אין גאַנצען ארויסוואַרפען דעם „זאָלען" פון מענשליכע בעוואוסטע האַנדלונגען, האָבען זיך מיט אַ בעזונדער־ער מאכט

פּאָלעמיש אַ וואָרף געטהאָן גראָד אויף דעם פּונקט פון קאַנט'ס ארגומענטען. לויט זייער אויסטייטשונג פון קאַנט'ס לעהרע, קומט באַלד אויס, אַז קאַנט האָט מיט זיין מאָראַל־פילאָסאָפיע געוואָלט אַרויס ברענגען ניט מעהר ווי דאָס, אַז יעדער מענש „זאָל" זיין גוט און פרום און „זאָל" פאָלגען „וואָס טאַטע־מאַמע הייסט און וואָס אַלע גוטע, פרומע לייט הייסען אונז צו־גוטען־טהאָן". מיר וועלען ווייטער אונטען זעהען, ווי ווייט קאַנט'ס געדאַנקען זענען להיפּך צו דעם, אַז מיר זאָלען פאָלגען, וואָס ווער עס איז, אַ הוץ אונזער פּראַקטישער שכל גופא, וועט אונז „הייסען" „צו־גוטען־טהאָן". אָבער יענע פּאָלעמיק מאַכט שוין דעם גרונד־פעהלער, ווען זי מיינט, אַז נאָר ז י ט ל י כ ע האַנדלונגען זענען, לויט קאַנט, אויפגעבויט אויף דעם „זאָלען". קאַנט'ס געדאַנק איז, אַז י ע ד ע פּראַקטישע האַנדלונג, וואָס האָט נאָר אַ וועלכען עס איז ציעל אין אויג, האָט אין זיך אַ „זאָל", אָדער ריכטיגער, איז אַ פערקערפּערונג פון אַ וועלכען עס איז „זאָל". אָבער — גוט פערשטעהן! אַ פערקערפּערונג נ אָ ר י ע מ אָ ל ט, ווען מען בעטראַכט זי אין דעם ליכט פון דעם פּראַקטישען שכל.

עס געהט אַ מענש אין וואַלד, האַקט האָלץ, פיהרט עס אין שטאָדט און פערקויפט עס פאַר געלד. דאָס איז אַ קליינער אויס־שניט פון דעם אַלגעמיינעם וועלט־געשעהען. בעגיעס איך דעם אויסשניט מיט דעם ליכט־שטראָם פון מיין טהעאָרעטישען בע־וואוסטזיין, אַזוי זעה איך אין דעם אויסשניט ניט מעהר ווי אַ שפּיעל פון אורזאַכען און ווירקונגען. טהו איך אַ דרעה דעם שטראָם אויף די פערגאַנגענהייט, דערבליק איך אין איהם אויך ניט מעהר ווי אַ לאַנגע שורה פון טהאַטזאַכען, וואָס האָבען קויזאַל בעדינגט די האַנדלונג פון דעם האָלץ־העקער. דאָס אייגענע קומט פאָר, ווען איך וויל מיט די טהעאָרעטישע ליכט־שטראַהלען בע־לייכטען די צוקונפט. דער טהוענדער מענש, ווי אַ שטיק פון דער וויסענשאַפטליכער ערפאַהרונג, קאָן מאַטעמאַטיש־נאַטור־וויסענ־שאַפטליך אויסגערעכענט ווערען, ווי יעדער אַנדער שטיק. זענען מיר אַלע מאָמענטען וואָס שפּיעלען אין קאָן בעקאַנט, קאָן איך אויסרעכענען אַלע זיינע קינפטיגע האַנדלונגען, ווי דער אַסטראָנאָם רעכענט אויס דעם גאַנג פון אַ שטערען.

קוים אָבער הויב איך אָן צו קוקען אויף דעם האָלץ־האַקער, ווי אויף אַ שכל'דיגען מענשען, וואָס שטעלט זיך ציעלען, און איך הויב אָן דענקען וועגען דעם „צוליעב־וואָס“ פון זיינע האַנדלונגען, אַזוי ווערען אלע שטראַהלען פון דעם טהעאָרעטישען שטראָם אויס־געלאָשען. די ערשיינונג ווערט בעגאָסען מיט אַן אַנדער שטראָם פון בעוואוסטזיין, דעם „פּראַקטישען“, און זיינע שטראַהלען ברענ־גען אַרויס אַנדערע עפעקטען, ערהדער די טהעאָרעטישע. אויס אורזאַכען און ווירקונגען! איך זעה „מאָטיוען“, „ציעלען“, איך שעץ זיי אָב לויט זייער „פּראַקטישקייט“, „עהרליכקייט“, „ניצליכ־קייט“, — קורץ, פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַנדערע צ י ע ל ע ן. דער האָלץ־האַקער האָט ג ע ז אָ ל ט אָדער נ י ט ג ע ז אָ ל ט האַקען דאָס האָלץ, מחמת דעם אָדער יענעם ט ע ם, און איך פערגעס גאָר אין גאַנצען דעם פאַקט, אַז די פערקעיטעלונג פון דעם קויזאַלען וועלט־געשעהען האָט ס אַ י ו ו י ס אַ י אַרויס־געבראַכט זיין טהאָן האַקען מחמת דער אָדער יענער אורזאַך. שטעל איך וויעדער אָב דעם ליכט־שטראָם פון דעם פּראַקטישען שכל, אַזוי פערשווינדען פּלוצלונג די שטראַהלען פון „טעמים“ און „ציעלען“. לאָז איך אויפ'ס ניי אַרויס דעם טהעאָרעטישען שכל, הויבען וויעדער אָן שפּיעלען די שטראַהלען פון אורזאַך און וויר־קונג, וואָס בעשאַפען וויסענשאַפטליכע ערפאַהרונג.

אין דער ווירקליכקייט בעדיענט זיך דער מענש מיט ביידע שטראָמען פון'ם בעוואוסטזיין, געמישט איינעם נאָך דעם אַנ־דערען: אָט זעה איך אין דעם מענשען אורזאַכען און ווירקונגען, אָט — טעמים און ציעלען און אָט — אַ פערקעיטעלונג פון די ביידע אַרטען בעוואוסטזיין. סיידען יעמאָלט, ווען איך זעה פאַר מיר אַ ג י י ס ט י ג ־ ק ר אַ נ ק ע ן, אַן אידיאָט, ביי וועמען דער עלעמענט פון בעוואוסטען שכל פאַלט אין גאַנצען אַרויס, הערט אויף דער פּראַקטישער שכל אויף צו בעגיעסען איהם מיט זיינע שטראַהלען און לאָזט איבער דאָס פעלד דעם טהעאָרעטישען שכל אליין. מיינען מיר אָבער, אַז דער גייסטיג־קראַנקער האָט נאָך אַ פונק פון מענשליכען שכל אין זיך, אַזוי הויבט וויעדער אָן דאָס געמישטע שפּיעל פון די צוויי שטראָמען, וואָס ברענגען אַרויס אַזוינע צוויי פערשיעדענע פּראָדוקטען: אורזאַכען און ווירקונגען פון איין זייט, ציעלען און טעמים פון דער אַנדערער.

דער קריטיקער אָבער מוז זעהען פאַנאַנדערצושיידען אין זיין פאָרשונג אָט דיביידע שטראָמען. ער מוז דעם פּראַקטישען שכל אויסשטודירען אין זיין ריינקייט, אין זיין אָבגעזונדערטקייט פון אַלע אַנדערע מיטשפּיעלענדע ארטען פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין. און דאָ מוז מען קודם־כל קאָנסטאטירען, אַז דער פּראַקטישער שכל איז אַזאַ מין בעוואוסטזיין, וואָס בעשאַפט ציעלען און טעמים, אין וועלכע עס ליעגט איינגעוויקעלט דער גרונד־געדאַנק פון „זאָלען".

דער געדאַנק פון „זאָלען" איז אָבער ענג פערבונדען מיט דעם געדאַנק פון „פרייהייט". נאָר יעמאָלט זענען ציעלען און מאָטיוון ווירקליך ציעלען און מאָטיוון און ניט אורזאַכען און ווירקונגען, ווען איך בעטראַכט זיי ווי אַ פּראָדוקט פון מיין „פרייען ווילען". „פרייהייט" איז דער טייטש: „ניט קויזאַל־בעדינגט". ווען איך זאָג: „די ציעלען און מאָטיוון פון דעם מענשען זענען פריי", קאָנסטאַטיר איך דערמיט ע ר ש ט ע נ ס יענעם אונצווייפעלהאַפטען פאַקט, אַז די בעלייכטונג פון בעוואוסטזיין וואָס פאַלט אויף זיי, האָט קיין ברעקעל שייכות ניט צו קויזאַלע בעדינגטהייט, ווייל קויזאַלע בעדינגטהייט ליעגט אין אַ גאַנץ אַנדער שטח פון מענשליכען דענקען, וואָס ווערען אין דעם פאַל ניט אָנגעווענדט. דאָס איז דער ערקענטניס־טהעאָרעטישער טייטש פון פּראַקטישער פ ר י י ה י ט. ער זאָגט דערמיט אַ ברעקעל ניט אויס, צי עס קאָן געמאָלט זיין „פרייהייט" פון ווילען, אָדער ניט. ער פערשווייגט די פראַגע. אָדער ריכטיגער, ער זאָגט: ווערסטו אָנהויבען קוקען אויפ'ן מענשליכען ווילען לויט די אינטערעסען פון דעם טהעאָרעטישען שכל, ווערסטו מיט דעם נופא בעשאַפען אין איהם קויזאַליטעט. ווי ער איז דרויסען פון אונזער בעוואוסטזיין, ווייס קיינער ניט. קוקסטו אויף איהם אין דעם ליכט פון דעם פּראַקטישען שכל, איז ער „פריי", ד. ה. זיינע פּראָדוקטען זענען נ י ט ־ קויזאַליטעט און האָבען קיין ברעקעל שייכות ניט צו קויזאַליטעט. און אַליז וואָס פליסט פון איהם: אַלע זיינע בעוואוסטע האַנדלונגען, מאָטיוון, ציעלען, אינטערעסען, אידעאַלען א. ז. וו. טראָגען אויף זיך דעם זעלביגען שטעמפּעל פון ערקענטניס־טהעאָרעטישער פרייהייט: לויט זייער אינהאַלט

אין יענער ארט ערקענטניס, וועלכע דער פּראַקטישער שכל ברענגט ארויס, האָבען זיי אַלע קיין ברעקעל שייכות ניט צו קויזאַליטעט. דער טהעאָרעטישער שכל האָט דאָ ניט פון וואָס אויפגערעגט צו ווערען.

אָבער די אידעע פון פרייהייט האָט ביי דעם „פּראַקטישען" שכל נאָך אַן אַנדער טייטש, וואָס רייסט זיך שוין טיעפער אריין אין דעם רשות פון׳ם טהעאָרעטישען שכל און געהט דירעקט להיפך צו איהם... עפּעס זאָל פערווירקליכט ווערן דורך די אַנשטרענגונג פון מיין ווילען. איך זאָל מאַכען פייער. דאָס קאָן פערווירקליכט ווערן דורך דעם שפּיעל פון קויזאַליטעט, פון געוויסע כעמישע און פיזישע געזעצען, וואָס שטעקען אין דעם האָלץ, אין דער שוועבעלע, אין די בעוועגונגען פון מיינע מוסקולען. אָבער אויב איך זאָל דאָס מאַכען, הייסט דאָס, אַז איך זאָל דורך די אַנשטרענגונג פון מיין ווילען, פון מיר גופא, ווערען אַן אַנהויב פון אַ נייער שורה קויזאַל בעדינגטע ערשיינונגען. דער פאָדים פון וועלטליכער קויזאַליטעט מוז ערגעץ־וואו זיך איבעררייסען, כדי מיין ווילען זאָל קאָנען גאַנץ פריי, פון זיך אליין, אָנהויבען שפּינען אַ נייעם פאָדים. אָט דאָס און ניט קיין אַנדער זאַך זאָגט דער פּראַקטישער שכל דורך דעם גופא, וואָס ער זאָגט: איך בין פּראַקטיש, איך שטעל מיר ציעלען, וועלכע איך זאָל דערגרייכען. די אידעע פון פרייהייט מאַכט ערשט מעגליך אַ וועלכע עס איז פּראַקטישע, בעוואוסט ציעל־שטרעבענדע ערשיינונג. כל זמן מיר געפינען זיך אין גאַנצען אונטער דער שליטה פון דעם פּראַקטישען שכל, קוקען מיר מיט זיינע אויגען, מיר פרעגען ניט קיין שאלות און זענען שטילערהייד מסכים, אַז מיר זענען פריי. דער קריטיקער אָבער, וואָס אונטערזוכט די עטהיק, קאָן זיך ניט בענוגענען בלויז מיט דעם קאָנסטאַטירען פון דעם פאַקט, אַז עס איז דאָ אַ פּראַקטישער שכל, וואָס ברענגט ארויס זיינע פּראָדוקטען מיט דעם אויסדריקליכען תנאי, אַז זיי זאָלען אויפגעפאַסט ווערן ווי פּראָדוקטען פון פרייהייט. דער קריטיקער מוז זיך פרעגען, ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? ווי קאָן איין שטראָם פון בעוואוסטזיין געהן להיפך צו דעם אַנדער שטראָם? און דאָ מוז ער זיך שוין ווידער צוריק־

קעהרען צו יענע רעזולטאַטען, וועלכע ער האָט אויסגעפונען אין דער קריטיק פון דעם טהעאָרעטישען שכל.

אלץ וואָס דער טהעאָרעטישער שכל בעשאַפט, אלע זיינע פאָרמען און קאַטעגאָריען — ובתוכם די קויזאַליטעט — שטאַמען פון איהם גופא און קאָנען האָבען אַן אַנווענדונג ניט מעהר, ווי אויף די זינליכע ערפאַהרונג. דורך די קויזאַליטעט און די איבע־ריגע קאַטעגאָריען בעשאַפט ער אַ ז י נ ל י כ ע וועלט, אַ „מונדוס סענסיבילים“. וואָס טהוט זיך אָבער פון יענער זייט זינליכער וועלט, מיט דער „זאַך, ווי זי איז“? דאָס קאָן ער ניט וויסען, ווייל עס ליעגט ניט אין זיינע גרענעצען. הארט ביי זיינע גרענעצען שטעהט אַ שומר, וואָס לאָזט ניט די וויסענ־שאַפטליכע ערקענטנים מאַכען אַ וועלכען עס איז ווייטערען שריט. דער שומר איז — „די זאַך, ווי זי איז“. מיר זעהען זי ניט, מיר זענען אפילו ניט זיכער, צי זי איז דאָ (ווייל „דאָ־זיין“ איז אַ קאַטעגאָריע פון'ם פערשטאַנד). דער געדאַנק פון אַ „דינג אַן זיך“ אָבער איז אַ נויטיגער שכל'דיגער גרענעץ־בעגריף, וואָס טיילט אָב די זינליכע וועלט פון אַן אַנדער וועלט. אויב ס'איז דאָ אַזאַ אַנדער וועלט (און מען קאָן ניט בעווייזען, אַז זי איז ניטאָ), איז דאָס שוין ניט קיין זינליכע, נאָר אַן איבער־זינליכע, פאַר אונז מענשען אַ בלויז געדאַנקליכע, שכל'דיגע וועלט, — אַ „מונדוס אינטעלליגיבילים“. די קאַטעגאָריע פון קויזאַליטעט, קאָן זיין, האָט קיין ברעקעל שליטה ניט אויף יענער אינטעלליגיבעלער וועלט. אָבער אויב אַזאַ ריין שכל'דיגע וועלט, וואָס איז פריי פון קויזאַ־ליטעט, קאָן געמאָלט זיין (און דאָס קאָן זי, ווייל קויזאַליטעט איז נאָר אַ קאַטעגאָריע פון אונזער שכל און ניט פון דעם „דינג אַן זיך“), יעמאָלט מוז מען אויך אָננעהמען, אַז דער מענש איז אויך אַ טייל פון יענער פרייער וועלט, און אַז ער איז, וויא טייל פון דער אינ־טעלליגיבעלער וועלט, גאָר ניט אונטערגעטהאָן אונטער דער שליטה פון קויזאַליטעט. דאָס איז בלויז אַ סברה, וואָס קאָן פון דער טהעאָריע ניט אָבגעלייקענט ווערן.

טראַכטען מיר זיך אָבער אריין אין דעם פאַקט פון דער מענש־ליכער ציעל־בעוואוסטער פראַקסיס, געפינען מיר, אַז דער פראַק־טישער שכל טהוט אלץ וואָס ער טהוט אַ ק ו ר אַ ט אַ ז ו י,

ווי ער וואָלט זיכער געוואוסט, אז ער איז א טייל פון דער איג־טעלליגיבעלער, איבער־זינליכער וועלט, וואָס האָט ניט אויף זיך די שליטה פון קויזאַליטעט און איז דעריבער בפועל ממש פריי. עס איז אקוראט, ווי דער פראקטישער שכל וואָלט געזאָגט: איך בין א טייל פון יענער איבערזינליכער, שכל׳דיגער מאכט, וואָס האָט בעשאפען קויזאַליטעט צוליעב א טהעאָרעטישען צוועק, כדי אויפצובויען א מלוכה פון זיכערע ערפאהרונג, און וואָס שאפט זי ווידער אָב צוליעב אן אנדער צוועק, כדי אויפצובויען אן אנדער מלוכה: פון מאָטיוועז, ציעלען און אידעאַלען. און אזוי ווי דער פראקטישער שכל איז וויכטיגער פאר דעם מענשען, עהדער דער טהעאָרעטישער, אזוי ווי מיר מוזען צוגעבען, אז דער פראקטישער שכל האָט א „פרימאַט", אן ערשטלינגס־רעכט איבער דעם טהעאָרעטישען, טאָר די טהעאָרעטישע פער־נונפט ניט פראָטעסטירען, ווען דער פראקטישער שכל ווענדט אָן די אידעע פרייהייט, וועלכע קאָן טהעאָרעטיש ניט בעוויעזען ווערן, אָבער וואָס קאָן אויך ניט אָבגעפרעגט ווערן.

ווי די מעשה איז, דער פאקט בלייבט, אז דער פראקטישער שכל בויט אויף דעם פונדאמענט פון א ווילענס־פרייהייט זיין וועלט פון „ציעלען" און „זאָלען", — א וועלט, וואָס קאָן בשום אופן ניט אָבגעלייקענט ווערן. ער טהוט עס, אקוראט ווי ער וואָלט בעטראכ־טען דעם מענשען, ווי א „בירגער פון צוויי וועלטען", — פון א זינ־ליכער און אן איבערזינליכער. ווי א זינליכע בעשעפענים, א שטיק נאטור, איז ער א שפּיעל־באל אין די הענד פון זינליכע לוסטען און אונלוסטען. אָבער ווי אן איבערזינליכע בעשעפענים, ווי א ביר־גער פון א געדאנקליכער וועלט, טרעט ער ארויס אנטגעגען זיינע אייגענע חושים, כדי צו רעגעלען זייער כאָאס דורך די אידעען פון אליין העכערע און העכערע צוועקען. אין די ניעדעריגערע ספערען איז דער „זאָל" נאָך אן עמפּירישער, וואָס האָט א שיכות צו דעם זינליכען לעבען. דאָס איז די פשוט׳ע לעבענס־פּראקטיק, וואָס קאָן פערגליכען ווערן מיט דער ניט וויסענשאפטליכער בעאָבאכטונג אויף דעם טהעאָרעטישען פעלד. אָבער אקוראט ווי דאָרטען איז דאָ א ריינע נאטור־וויסענשאפט, אזוי איז אויך דאָ, ביי דעם פראָקטישען שכל, פארהאן א העכערע ספערע: דאָס איז די

ז י ט ל י כ ע פּראַקטיק, דאָס מ אָ ר אַ ל י ש ע זאָלען. דאָרטען ווערט דער באָאָס פון די איינצעל־ערשיינונגען צונויפגע־נומען אין איינעם דורך דעם געדאַנק פון קויזאַלע פערבונדענקייט; דאָ ווערען די איינצעל־ציעלען צונויף גענומען אין איינעם און גע־רעגעלט דורך דעם געדאַנק פון מאָראַלע פערבינדליכקייט. די מאָ־ראַלע פערבינדליכקייטען, די התחיבות'ען זענען אויך אַ מין ג ע ־ ז ע צ מ ע ס י ג ק י י ט פון דעם פּראַקטישען שכל, אַ געזעצ־מעסיגקייט פון פרייהייט.

די עובדא פון דעם פּראַקטישען שכל איז דעריבער גלייך צו דער עובדא פון דעם טהעאָרעטישען שכל: אריין צו ברענגען אין דער זינליכער אָרדנונג אַן איינהייטליכקייט. זיין מאַטעריאַל אָבער זענען האַנדלונגען, דעריבער זענען די אָרדנונגס־פּרינציפּען אַלע מאָל אין דער פאָרם פון אַ בעפעהל: פון אַ מצות־עשה און אַ לא־תעשה, פון אַ „דו זאָלסט"און אַ „דו זאָלסט ניט". די פּראַקטישע פערנונפט בעשאַפט פערשיעדענע אַרטען פון בעפעה־לען, וואָס האָבען אַ פערשיעדענעם גראַד פון התחיבות, אַ פערשיידען שטאַרקע פערבינדליכקייט. מאַך איך מיר צום ביישפּיעל אַ כלל: „קיין מאָל ביי קיינעם גאָר גישט ניט לייהען", פיהל איך אליין אַז די פערבינדליכקייט, וואָס איך האָב דאָ געשאַפען, האָט נאָר אַ קראַפט פאַר מיר גופא און קאָן ניט פערלאַנגט ווערן פון אַנדערע. דאָס איז אַ פּשוטע „מאַקסימע". גאַנץ אַנדערס טרעטען אַרויס יענע בעפעהלען, וועלכע מיין פּראַקטישער שכל בעשאַפט מיט דעם פולען בעוואוסטזיין, אַז זייער פערבינדליכקייט איז ניט נאָר פאַר מיר, נאָר אויך אַ חוב פאַר אַלע מענשען: יענע בעפעהלען רופט קאַנט אָן „אִ י מ פּ ע ר אַ ט י װ ע ן". איז דער אימפּע־ראַטיוו אַזאַ וואָס קאָן אריבערגעטראָטען ווערן אונטער געוויסע אומשטענדען, איז ער יעמאָלט אַ ה י פּ אָ ט ה ע ט י ש ע ר. איז ער אָבער אַזאַ וואָס מוז פון אַלע מענשען אָבגעהיט ווערן א ו נ ט ע ר אַ ל ע א ו מ ש ט ע נ ד ע ן, איז ער יעמאָלט אַ ק אַ ט ע ג אָ ר י ש ע ר.

דורך די אימפּעראַטיווען ווענדט זיך די פּראַקטישע פערנונפט צו דעם זינליכען מענשען ניט אין די אינטערעסען פון זיינע אינ־דיווידועלע ווילענישען, נאָר אין דעם נאָמען און די אינטערעסען

פון דער אידעע „מענש“ בכלל, אדער, ווי קאנט דריקט זיך אויס: פון דער אידעע „מענשהייט“. „ווייל דו ביזט א מ ע נ ש, זאלסטו אבהיטען יענע אימפעראטיווען“.

עס איז קלאר, אז אויב אין דער וועלט פון דער זיטליכקייט איז דא א וועלכער עס איז זיכערער פונקט, וואס זאל זיין אלגעמיין־גילטיג און נויטווענדיג, מוז דאס זיין דער קאטעגארישער אימפעראטיוו, און זיין אינהאלט מוז זיין אזא, וואס זאל זיין קלאר פאר יעדען מענשען אונטער אלע אומשטענדען אזוי, אז ווי נאר איינער האט איהם פערשטאנען, זאל ער גלייך איינזעהען זיין נויטווענדיגע פערבינדליכקייט, ווי יעדער איינער זעהט איין א מאטעמאטישען זאץ, ווען ער האט איהם נאר פערשטאנען. וואס קאן דאס זיין פאר אן אינהאלט?

דא טרעט ארויס פאר קאנט'ן א נייע אויפגאבע, מיט וועלכער ער האט זיך ניט געהאט צו רעכענען אין דער קריטיק פון דעם טהעארעטישען שכל. די נאטור־וויסענשאפטען און די מאטעמאטיק זענען שוין געווען אין זיין צייט אויסגעוואקסענע וויסענשאפטען. ער האט ניט געדארפט ערשט אויספארשען, אין וואס עס בעשטעהען זייערע גרונדלעהרען, כדי צו אנאליזירען זיי און ארויסגעפינען זייערע טראנסצענדענטאלע גרונדלאגען, יענע א־פריארישע פארמען, וואס האבען זיי בעשאפען. אין דער עטהיק איז פאר איהם די זאך געלעגען א סך אנדעריש. די עטהישע וויסענשאפט איז נאך ניט אזוי קלאר אויסגעארבייט, ווי די מאטעמאטיק אדער די נאטור־וויסענשאפט. ער האט אויסגעפונען די א־פריארישע פארם, נאך עהדער ער האט געקאנט האבען יענעם זאץ, אין וועלכען עס זאל זיך אויסדריקען דער בעשטימטער אינהאלט פון א קאטעגארישען פערנונפט־בעפעהל. קאנט האט דעריבער געמוזט דעדוקטיוו ארויסברענגען פון דער א־פריארישער פארם יענעם אינהאלט, וועלכען די פארם גופא בעשאפט.

צוויי געדאנקען האט ער דערביי געמוזט האבען אין אויג.

ערשטענס, אז דאס מוז זיין א געזעצמעסיגקייט אין פ ר י י ה י י ט. דאס הייסט, אז אויב יענער קאטעגארישער בעפעהל וויל בעשטימען אונזער ווילען, ער זאל עפעס טהאן, אדער עפעס ניט טהאן, קאן ער פאר איהם ניט אוועקשטעלען א מאטיוו, וואס

ליעגט דרויסען פון דעם מענשליכען ווילען. דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו מוז אויסדריקען די פאָלשטענדיגע מענשליכע פרייהייט, זיין אונאַבהענגיגקייט פון אַלץ, וואָס ליעגט דרויסען פון איהם, זיין אַבסאָלוטע אויטאָנאָמיע. דערפון זענען ממילא אויסגעשלאָסען אַלע מאָטיווען, וואָס שטאַמען כלומרשט פון אַ וועלכער עס איז געטליכער מאכט, אַלע קירכליכע געבאָטען און פערבאָטען; אַלע „געזעצליכע" בעשטימונגען און אַלץ, וואָס „גוטע און פרומע לייט היינט אונז צו־גוטען־טהאָן". אויב אונזער שכל שטימט ניט איין מיט זיי, אויב זיי זענען ניט דער אויסדרוק פון אונזער פרייען ווילען, גרייפען זיי אָן אונזער אויטאָנאָמיע און מאַכען פון איהר אַ העטעראָנאָמיע, אַ פרעמדע געזעצליכקייט. אָבער פון דעם קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו מוזען אויסגעשלאָסען ווערן אויך אַלע יענע בעשטימונגען פאַר אונזער ווילען, וואָס שטאַמען פון אונזער אייגענער גליקזעליגקייט, פון אונזער שטרעבען צו גליק. גליקזעליגקייט, זאָגט קאַנט, „דאָס איז דער בעוואוסטזיין, וואָס אַ שכל־דיגער וועזען האָט פון דער הנאה פון לעבען, וואָס בעגלייט איהם כסדר דורך זיין גאַנצע עקזיסטענץ אויף דער וועלט". הנאה איז אָבער אַ זאַך, וואָס שטאַמט פון די חושים. און די חושים זענען פערבונדען מיט יענע פּראָצעסען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דער נאַטור. הייסט עס אַז די גליקזעליגקייט דיקטירט דעם שכל, ווי צו פיהרען זיך, אַזוי אָדער אַנדערש פשוט דערפאַר, ווייל אין דער נאַטור, ד. ה., דרויסען פון דעם פּראַקטישען שכל, שפּיעלען זיך אָב אַזוינע און ניט קיין אַנדערע פּראָצעסען. דאָס וואָלט אויך געווען ניט ווייניגער ווי אַן אָנגריף אויף די אַבסאָלוטע אויטאָנאָמיע פון דעם מאָראַלישען בעוואוסטזיין. דער פּרינציפּ פון גליקזעליגקייט קאָן ארויס־ברענגען כללים פאַר אַ קלוגע ווילענס־האַנדלונג, וואָס האָט די עגאָאיסטישע אינטערעסען פון זעלבסט־ליעבע אין זינען. גליקזעליגקייט קאָן אָבער ניט ארויס־ברענגען קיין כללים פאַר אַ מאָראַלישען האַנדלען, וואָס דאַרף בעפרידיגען די אויטאָנאָמיע פון דעם פּראַקטישען שכל.

שוין דער פשוט'ער מאָראַלישער בעוואוסטזיין פון יעדען מענשען זעהט איין, אַז אַ מאָראַלישע האַנדלונג קאָן גאָר נישט ניט

האָבען בשותפות מיט א שטרעבען צו גליקזעליגקייט, וואָס ווערט אין דער לעצטער שורה צוריקגעפיהרט צו לוסט און אונלוסט.

שטעלט אייך פאָר, זאָגט קאנט, אז אייער א פריינד פערענט־פערט זיך פאר אייך, פאר וואָס ער האָט געזאָגט פאלשע עדות, מיט דער „הייליגער פליכט“ פון דער אייגענער גליקזעליגקייט. ער דערצעהלט אייך, וויפיעל ער האָט געוואונען דורך דעם, ווי קלוג ער האָט דאָס געמאכט, אז קיינער זאָל דאָס ניט קאָנען ארויסגע־פינען, און דעריבער דערצעהלט ער דאָס אייך אויך נאָר אונטער פיער אויגען, כדי ער זאָל דאָס צו יעדער צייט קאָנען אָבלייקענען. און צום סוף וואָלט ער אויסגעלאָזען, אז דאָס אַלץ האָט ער געטהאָן אין די אינטערעסען פון זיין גליקזעליגקייט און דעריבער האָט ער ערפילט א הייליגען מאָראַלישען חוב... אָדער זייט אייך מישער, איי־נער רעקאָמענדירט אייך זעהר אן עהרליכען מאן פאר א הויז־האל־טער, אויף וועמען איהר קאָנט זיך בלינד פערלאָזען און אַלע אייערע עסקים איבערגעבען איהם. דערביי וואָלט ער געלויבט אין הי־מעל אריין זיין קלוגקייט, זיין ענערגיע, זיין פיינע בילדונג, זיינע שעהנע נדבות, וואָס ער גיט אוים רחמנות צו די אָרימע, זיין ליעבע צו בילדונג, אָבער אויך זיין גלייכגילטיגקייט צו די מיטלען, ווי אזוי צו בעקומען געלד: אויב ער איז נאָר זיכער, אז מען וועט איהם ניט כאפּען (ווייל דאָס וואָלט שטערען זיין גליק) איז ביי איהם פרעמדע געלד אַלץ איינס, ווי אייגענע.... געווים וועט איהר גלויבען, אז דער וואָס רעקאָמענדירט אייך דעם עהרליכען מענשען, וואָס לעבט צוליעב אייגענער גליקזעליגקייט, לאַכט פון אייך, אָדער ער איז א משוגענער. — „די גרענעצען צווישען זיטליכקייט און זעלבסט־ליעבע“, זאָגט קאנט, „זענען אזוי שארף צוגעשניטען, אז אפילו א פשוט אויג וועט ניט מאכען קיין פעהלער אין דעם אונטערשיידען צי עפּעס געהערט צו איינער אָדער צו דער אנדערער“.

די מאַקסימע פון זעלבסט־ליעבע קאָן אונז נאָר געבען עצות. דער מאָראַלישער געזעץ בעפעהלט.

צווייטענס אָבער מוז מען האָבען אין אויג, אז דאָס מוז זיין א בעפעהל, וואָס ווענדט זיך צו אלע מענשען אונטער אלע אומשטענדען.

אָט די אַלע בעטראַכטונגען האָבען געפיהרט קאַנט'ן צו דעם רעזולטאַט, אַז דער אינהאַלט פון דעם קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו קאָן ניט בעשטעהן אין אַ וועלכער עס איז בעשטימטער האַנדלונג, וואָס איהר מאָראַלישער ווערטה קאָן פערמינערט ווערען אָדער דורך דעם, וואָס זי שטאַמט ניט דירעקט פון דעם פּראַקטישען שכל אליין, אָדער דורך דעם, וואָס זי קאָן ניט אָנ־האַלטען איהר בעפעהל פאַר אַלע צייטען און דורות. קאַנט האָט דעריבער געמוזט בעשאַפען אַזאַ פאָרמעל, וואָס זאָל כולל זיין אין זיך אַלע מאָראַלישע האַנדלונגען, וואָס זאָל אויסדריקען דעם אינ־טערעס פון דעם פּראַקטישען שכל אין אַבסאָלוטע אויטאָנאָמיע און וואָס זאָל פּאַסטען פאַר אַלע מענשען און אַלע צייטען.

די אַלע בעדינגונגען האָט ער געפונען אין דער פאָלגענדער פאָרמעל: „אַלץ, וואָס דו טהוסט, טהו אַזוי, אַקוראַט ווי די מאַק־סימע פון דיין האַנדלונג וואָלט דורך דיין ווילען געוואָרען אַ נאַטור־געזעץ“. וואָס בעטייט דאָס? דאָס בעטייט, אַז נאָר יעמאָלט איז דיין האַנדלונג אַ זיטליכע, ווען דער פּרינציפּ, וועל־כען זי דריקט אויס, געפינט חן אין דיינע אויגען דערפאַר, ווייל דו געפינסט, אַז ער איז אַבסאָלוט גוט, אַז ניט נאָר דו, נאָר אַלע מענשען זאָלען אַלע מאָל האַנדלען נאָך דעם זעלביגען פּרינציפּ. און ניט נאָר אַלע מענשען זאָלען האַנדלען אַזוי, נאָר, אויב דו וואָלסט געווען אַ גאָט, וואָלסטו אויך די נאַטור בעשאַפען אַזוי, אַז דער דאָזיגער פּרינציפּ זאָל זיין איינער פון איהרע אייביגע געזעצען.

עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס מוז איבערגעלאָזען ווערן צו יעדען איינצעלנעם מענשען, צו זיין איינענעם ריינעם געוויסען צו בעשטימען, לויט זיין יושר און פערשטאַנד, וואָס פאַר אַ פּרינציפּ דאָס זאָל זיין. אָבער אַלע מאָל, ווען דער מענש זעהט קלאָר איין, אַז דער פּרינציפּ פון זיין האַנדלונג פערדיענט צו ווערן אַ נאַטור־געזעץ, קאָן ער זיין זיכער, אַז זיין האַנדלונג איז אַ זיטליכע.

אין דעם קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו, ווי קאַנט פאָרמולירט איהם, דריקט זיך אויס דער געדאַנק, אַז דער מענשליכער שכל וואָלט וועלען ווערן דער געזעצגעבער פון דער גאַנצער נאַטור, ניט צוליעב אייגענע פּניות, נאָר ווייל „עס זאָל זיין אַזוי“, ווייל דורך

דעם ווערט פערווירקליכט ד ע ר ה ע כ ס ט ע ר א י ד ע א ל, וואס דער מענש איז נאר בכח זיך פארצושטעלען. דעריבער ליעגט אין איהם איינגעשלאסען דער געדאנק, אז דער מ ע נ ש בכלל, אדער די „מענשהייט" אין דעם מענשען איז אזא הויכע און חשוב'ע זאך, אויב זיין ווילען איז ריין און לויטער, אז ער קאן שיער ניט אװעקגעשטעלט ווערען אויף דערזעלביגער מדרגה ווי א גאט. דעם קאטעגארישען אימפעראטיוו קאן בעשאפען נאר אזא ווערען, וואס האט אליין אן אבסאלוטען ווערטה, וואס עקזיס־טירט ניט צוליעב אן אנדער זאך, נאר צוליעב זיך גופא. אין איהם דריקט זיך אויס דער אידעאל פון מענשליכע חשיבות, פריי־ווילינ, פון זיך אליין צו דיקטירען די אייגענע חושים אזעלכע געזעצען, וואס זאלען פעדריענען צו ווערען די יסודות פון א וועלטליכען זיין, ווען אפילו זיי געהען אין גאנצען להיפך צו די לוסט־געפיהלען פון די אייגענע חושים און די אינטערעסען פון דער אייגענער זעלבסט־ליעבע.

דער געדאנק פון דער מענשליכער חשיבות, פון דעם מענ־שען'ס אויטאנאמיע, ברענגט ארויס נאך א ספעציעלערע אויסטייט־שונג פון דעם קאטעגארישען אימפעראטיוו: „אלץ, וואס דו טהוסט, טהו אזוי, אז די מענשהייט, סיי אין דיין פערזאן, סיי אין דער פערזאן פון יעדען אנדערן, זאלסטו קיין מאל ניט ברויכען בלויז ווי א מיטעל, נאר אלע מאל ווי א צוועק".

די פרייוויליגע התחיבות צו דעם אייגענעם געוויסען, וואס ווערט נעפיהרט פון דעם אידעאל פון דער העכסטער מענשליכער חשיבות, ווי איינער פערשטעהט איהם, — אין דערינען דריקט זיך אויס דער עצם פון זיטליכקייט, דער אלגעמיינער מאראלישער געזעץ. וואס טרייבט דעם אבסאלוט זיטליכען מענשען צו פאלגען דעם מאראלישען געזעץ? אויב ער וואלט איהם נעבראכט א וועלכע עס איז זינליכע הנאה, וואלט דאס געזעץ דורך דעם גופא פער־לוירען זיין מאראלישען ווערטה און אראבפאלען צו דער מדרגה פון פראקטישע קלוגקייט. פון דער אנדער זייט ווערען אלע מענשליכע האנדלונגען, אויך די זיטליכע, אין דער ווירקליכקייט אויסגעפיהרט אונטער דעם דרוק פון א וועלכען עס איז ג ע פ י ה ל. עס מוז דעריבער זיין א חוץ דעם קאטעגארישען

אימפּעראַטיוו נאָך א וואָסער עס איז געפּיהל, וואָס האָט אין זיך קיין ברעקעל זינליכקייט ניט און וואָס העלפט דעם מענשען אָנצוטהאָן אויף זיך דעם יאָך פון דעם מאָראַלישען געזעץ. אזא געפּיהל איז דאָ. דאָס איז די א כ ט ו נ ג, דער אינוועניגסטער דרך־ארץ, וואָס מיר האָבען פאר דעם מאָראַלישען געזעץ גופא. די אכטונג דריקט זיך אויס אין דעם פליכט־געפיהל, אין דער אינוועניגסטער שטים, וואָס מאַכט פערשטומען אלע זינ־ליכע נייגונגען פון דעם מענשען, זיין ליעבע און זיין האס, וואָס שפּאַרנט אָן אלע כחות פון דער מענשליכער נשמה, און יעמאָלט ווען די כחות פערלאָזען דעם מענשען, ווען איהם דוכט זיך, אז ער קאָן ניט מעהר פאָלגען וואָס זיין מאָראַלישער בעוואוסטזיין הייסט איהם, — יעמאָלט שרייט איהם די פליכט דעם אויפ־מונטערענדען צורוף: „דו קאָנסט, ווייל דו זאָלסט!“ ערשט יעמאָלט, ווען דער מענש האָט אָנגעווענדעט זיין גאנצע גבורה צו טהאָן נאָר דאָס, וואָס זיין פליכט הייסט איהם, און נאָר דערפאר, ווייל דאָס איז זיין פליכט, ערשט יעמאָלט דערגרייכט דער מענש צו דער מדרגה פון ה י י ל י ג ק י י ט, איז ער ווערטה צו טראָגען דעם נאָמען מענש. דער מאָראַלישער בעוואוסטזיין פערלאַנגט פון יעדען מענשען ה ע ר א א י ז ם, א פרייען אָבער אונבעדינגטען אונטערגעבען זיך צו זיינע בעפעהלען. און מען קאָן ניט לייקענען, אז דאָס, וואָס קאַנט שילדערט ווי דעם תוך פון זיטליכקייט, איז ניט אָן אויסגעטראַכטע זאַך פון איהם, ניט אָן אידעאַל, אויסגעזעסען אין קאַבינעט, נאָר א ו ו י ר ק־ל י כ ק י י ט, וואָס שפּיעלט זיך אָב פאר אונזערע אויגען אין דעם לעבען פון די מאָראַלישע העלדען. זיי וואָלטען ניט ג ע־ק אָ נ ט דורכפיהרען זייערע העלדען־טהאַטען, ניט געקאָנט פריי־דיג אוועג געבען דעם לעבען פאר זייער אידעאַל, אויב די פליכט וואָלט זיי אלע ווייניגע ניט דערמאָהנט: „דו קאָנסט, ווייל דו זאָלסט!“ ק א נ ט ׳ ס עטהיק איז די עטהיק פון א ר ע ו ו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר, און דאָס לעבען פון די בעסטע רעוואָ־לוציאָנערען איז א פירוש און א בעוויז פאר קאַנט׳ס עטהיק.

אָבער דער פליכט־געפיהל איז א געפיהל, וואָס לעבט ניט נאָר ביי די מאָראַלישע העלדען. זיין שטים שווייגט ניט אפילו ביי

דעם פּשוטען מענשען, אפילו ביי דעם שפּל'סטען. נאָר ביי דעם לעצטערען ווערט זי אין גאַנצען פערטויבט דורך די שטימען פון דער זינליכער לוסט און פון דער אייגען־ליעבע. אָבער אויך ביי זיי לעבט דער געפיהל פון א כ ט ו נ ג צו דעם מאָראַלישען געזעץ אין דער אינווענינסטער פערעהרונג, וועלכע זיי האָבען אין די טיעפענישען פון זייער הארצען פאר דעם אמת זיטליכען מענשען. זיי וואָלטען גרייליך געוואָלט „קאָנען, ווי זיי זאָלען". דעם העכסטען גראַד פון הייליגקייט קאָן געווים קיין מענש ניט דערגרייכען, אָבער יעדער קאָן זעהען צו פערפאָלקאָמענען זיך, אויף וויפיעל דאָס ליעגט אין זיינע קרעפטען, זעהען ארויפצו־שטייגען אויף אלץ העכערע און העכערע מאָראַלישע מדרגות.

דער פּראַקטישער שכל בעשאפט דורך זיינע מאַקסימען, אימ־פּעראַטיוען, צוועק־פאָרשטעלונגען און דעם פליכט־געפיהל א נייע וועלט, וואָס שטייגט אריבער יענע ערפאהרונגס־וועלט, וועלכע ווערט אויסגעשטודירט אין דער נאַטור־וויסענשאפט. א חוץ דעם איז דער מאָראַלישער בעוואוסטזיין דער באָדען, פון וועלכען עס וואקסען ווידער ארוים און בליהען אויף יענע מעטאפיזישע אידעען, וואָס האָבען קיין ברעקעל ווערטה ניט פאר דעם טהעאָרעטישען שכל. דאָס זענען די אידעען: פרייהייט און אונשטערבליכקייט פון דער מענשליכער נשמה און די אידעע: גאָט.

אמת, אויך דאָ וואקסען זיי ארוים ניט ווי געזיכערטע רע־זולטאטען פון דער ערקענטניס, נאָר ניט מעהר ווי פּראָדוקטען פון א ג ל ו י ב ע ן, וואָס ווערט פערלאנגט פון דעם מאָראַ־לישען בעוואוסטזיין: זיי זענען „פּאָסטולאטען פון דער פּראַק־טישער פערנונפט", אזעלכע געדאַנקען, וועלכע דער טהעאָרעטישער שכל קאָן ניט בעווייזען, אָבער אויך ניט אין גאַנצען אָבלייקענען זייער מעגליכקייט, און אין וועלכע דער פּראַקטישער שכל נויטיגט זיך.

—

מיר האָבען שוין געזעהען, אז אלע פּראַקטישע האנדלונגען, אלע בעוואוסטע שטרעבונגען צו א־וועלכען עס איז ציעל קאָן מען נאָר יעמאָלט פערשטעהן, ווען מען נעהמט אָן, אז דער מענש איז פריי. די פרייהייט פון דעם מענשליכען ווילען איז דעריבער א פּאָסטולאט, א פאָדערונג פון דעם פּראַקטישען שכל, א ג ל ו י־ב ע ן, וואָס ליגט אין זיינע אינטערעסען.

דעם גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פערלאַנגט דער פּראַקטישער שכל דערפאַר, ווייל דער מענש קאָן קיין מאָל ניט דערגרייכען דעם העכסטען אידעאַל פון מאָראַלישער פאָלקאָמענ־הייט, נאָר זיך אַלין מעהר און מעהר דערנעהנטערען צו איהם. דערצו נויטיגט ער זיך אין אַן אייביגען לעבען.

אָבער אויך די גאָט־אידעע איז אַ פּאָסטולאַט פון דער פּראַקטישער פערנונפט! די זיטליכקייט איז, אמת, פערשיעדען פון גליקזעליגקייט, און ניט צוליעב דעם גליק ווערט זי בעשאַפען. אָבער זי פערדיענט גליק. אַזוי ווי זי האָט עס ניט און קאָן עס ניט האָבען אויף דער וועלט, בעשאַפט די פּראַקטישע פערנונפט די אידעע פון אַ געטליכען ריכטער, וואָס וועט אויף יענער וועלט צוטיילען גליקזעליגקייט יעדען לויט זיין פערדיענסט.

דער פועל־יוצא דערפון איז, אַז די רעליגיעזע אידעען זענען ארויסגעבראַכט געוואָרען פון דער מענשהייט ניט צוליעב טהעאָרעטישע, נאָר צוליעב ריין מאָראַלישע מאָטיוון. און די גאַנצע רעליגיאָן האָט נור אויף אַזוי פיעל ווערטה און זין, אויף וויפיעל זי דיענט ריין עטהישע ציעלען. דעם גרונד־געדאַנק זעהט קאַנט נאָך מעהר צו דערקלעהרען און בעווייזען אין זיין ווערק: „די רע־ליגיאָן אין די גרעניצען בלויז פון דער ריינער פערנונפט“, וואו ער שילדערט זיינע רעליגיאָנס־פילאָסאָפישע געדאַנקען. אונטער קריסטוס פערשטעהט ער דאָרטען די אידעע פון דער מענשהייט, אָדער ריכטיגער, די אידעע פון דער מענשליכער השיבות. קריסטוס איז ניט קיין געשיכטליכע פערזאָן, נאָר ניט מעהר ווי אַן אידעאַ־לישע געשטאַלט, וועלכע די מענשהייט האָט ארויסגעבראַכט, כדי קלאָר אויסצומאָלען דעם אידעאַל פון אַ זיטליכען העלד. קריסטוס אין הארצען האָט יעדער איינער, וואָס קאָן זיך פערלאָזען אויף דעם אייגענעם ווילען און זיכער זיין, אַז ער וועט צוליעב זיין אידעאַל נעהמען אויף זיך אַלע יסורים, ווי קריסטוס האָט זיי גע־נומען צוליעב זיין גלויבען. נאָר אויף אַזאַ מענשען קאָן מען זאָגען, אַז ער האָט חן אין די אויגען פון גאָט.

די קירכע, — דאָס איז, אָדער ריכטיגער: זאָל זיין אַ פעראייניגונג פון זיטליכע מענשען, כדי צו העלפען איינער דעם

אַנדערן אין זיטליכע פערפאָלקאָמענונג און כדי אריין צו פיהרען די מלכות־שמים אויף ד ע ר וועלט.

אלע קירכליכע דאָגמען, אַנטפּלעקונגס־גלויבונגען און גלויבען אין וואונדער מוזען אַרויסגעטריבען ווערען פון דער רעליגיאָן. אויך די תפילות און דער גאָטעס־דיענסט. די איינציגע תפילות, וואָס קאָנען, לויט דער מאָראַלישער גאָט־אידעע, האָבען חן אין די אויגען פון גאָט, זענען זיטליכע געפיהלען און האַנדלונגען. אַלע אַנדערע זאכען זענען אבערגלויבען און גאָט־לעסטערונג.

מיט דערזעלביגער עטישער גרונד־אידעע זענען דורכגעדרונגען קאַנט'ס רעכטס־פילאָסאָפיע און געשיכטס־פילאָסאָפיע.

די מענשליכע געזעלשאַפט דאַרף בעשאַפען א מלוכה פון זיטליכקייט, געגרינדעט אויף דער מענשליכער פרייהייט. דער שטאַאט מוז אָבמעסטען יענע גרענעצען, וועלכע דער מענש טאָהר ניט אריבערטרעטען, כדי ניט אָנצוריהרען די פרייהייט פון דעם אַנדערן.— די זיטליכקייט פערלאַנגט פון יעדעם איינעם, ער זאָל אָבהיטען זיינע רעכט און ניט לאָזען, זיי זאָלען געטראָטען ווערען מיט די פיס. ווער עס מאכט זיך פּאַר א וואָרם, טאָהר קיין פעראיבעל ניט האָבען, ווען ער ווערט צוטראָטען. די שטאַאטליכע שטראָף איז בעגרינדעט אויף דעם געדאַנק, אז די עולה, וואָס איינער טהוט דעם אַנדערן, טהוט ער דאָס זיך אַליין: טויט ער וועמען, טויט ער דערמיט גופא זיך. — פון די און אויך פון א סך אַנדערע פּונקטען קאָן מען זעהען, אז אין זיין רעכטס־פילאָסאָפיע האָט זיך קאַנט ניט געקאָנט אויפהעבען א סך העכער, עהדער די פּאַרטגעשריטענע ליבעראַלע בעגריפען פון זיין צייט.

דעם געשיכטליכען ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער מענשהייט בעטראַכט קאַנט אין דעם שיין פון דיזעלביגע גרונד־אידעען, פון וועלכע עס שפּראָצט אַרויס זיין עטיק און די צווייגען, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסען פון איהר: פרייהייט און בעוואוסטע צוועקמעסיגקייט. די געשיכטע איז די ענטוויקלונג פון דער גאַנצער מענשהייט, וואָס געהט פון נאַטור צו קולטור, פון בלינדער אונטערוואָרפענקייט אונטער די געזעצען פון דער דרויסענדיגער וועלט צום בעוואוסטזיניגען איבעראַרבייטען די נאַטור צוליעב מענשליכע פרייהייט'ס ציעלען. די מענשהייט הויבט אָן מיט א נאַטור־צו־

שטאנד, וואָס שיידט זיך גיט פיעל אָב פון א טיערישען. ערשט ביסלעך־ווייז שטארקט זיך אין איהר דער „פּראקטישער שכל“, מיט זיינע ציעלען, פרייהייטס־אידעען און זיטליכע אידעאלען, אין וועל־כע עס דריקט זיך אויס דער מהות פון דער מענשהייט. און ביסלעך־ווייז פערשווינדט אויף דער „נאטור־צושטאנד“ אין דעם געשיכט־ליכען לעבען. דער „קריעג פון אלע אנטגעגען אלע“ ווערט פערביע־טען אויף א צושטאנד פון פערברידערונג, וואָס וואקסט ארויס פון דער אלגעמיין־גילטיגער און נויטווענדיגער אידעע פון דער „מענש־הייט“. אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען שטרעבט די מענשהייט צו לעבענספאָרמען, אין וועלכע עס זאָל הערשען די אבסאָלוטע גע־רעכטיגקייט. אין די בעציעהונגען פון פאָלק צו פאָלק ווערט דער געשיכטליכער ענטוויקלונגס־אידעאל בעשטימט דורך די אידעע „פון דעם אייביגען פריעדען“. אמת, דאָס איז נאָך ניט די ווירק־ליכקייט פון דעם געשיכטליכען לעבען. אָבער אַן אידעאל ווערט בע־שאפען פון דער מענשליכער פערנונפט, כדי זיך שטענדיג צו דער־נעהענטערן צו איהם אלץ מעהר און מעהר. ער דריקט אויס דעם געדאנק פון „זאָלען“ אין דער וועלט־געשיכטע. א רעפּובליקאנישע פערבינדונג פון אלע מדינות אין איין איינציגען בונד פון שטאאטען איז, קאָן מען זאָגען, דער קאטעגאָרישער אימפּעראטיוו פון'ם גע־שיכטליכען לעבען, וואָס „זאָל“ מקוים ווערען, ווייל דאָס ווערט גע־פאָדערט פון דעם מענשליכען „פּראקטישען“, ד. ה. זיטליכען שכל.

אין דער געשיכטליכער ענטוויקעלונג און אין דער קולטור בע־שאפט דער פּראקטישער שכל דורך זיינע אידעען ז י י ן רעאלע וועלט, אקוראט אזוי, ווי דער טעאָרעטישער שכל בעשאפט דורך זיינע א־פּריאָרישע פאָרמען און קאטעגאָריען זיין רעאלע וועלט, די נאטור. ביי דיביידע ארטען פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין האָ־בען מיר בעגעגענט א ניעדעריגערען עלעמענט, וואָס ווערט בע־הערשט און גערעגעלט פון א העכערען. פאר דעם טהעאָרעטישען שכל זענען דאָס די עמפּפינדונגען, וואָס שטאמען אין דער לעצ־טער שורה פון יענע איינווירקונגען, וועלכע די דרויסענדיגע „זאך, ווי זי איז“ מאכט אויף אונז. פאר דעם פּראקטישען שכל בעשטעהט דאָס ניעדעריגערע און עמפּירישע אין יענע זינליכע ט ר י ע ב ע ן, וועלנישען און געלוסטען, וואָס ווערען ארויסגעבראכט פון דעם

„כח צו בעגעהרען" און ווערען בעהערשט פון די העכערע סינטעטי־שע פאָרמען: די מאַקסימען און די אימפּעראַטיווען. אויף דעם גרונד פון די וועלענישען ליעגען אָבער, ווי מיר האָבען שוין בעמערקט, געפיהלען פון לוסט און אונלוסט. זיי זענען אויך עמפּיריש און כאַאָטיש. זיי נויטיגען זיך אויך אין העכערע איינהייטען, וואָס האָבען זייערע וואָרצלען אין א בעזונדער ארט פון דעם מענש־ליכען בעוואוסטזיין. ווי די עמפּפינדונגען ווערען פון דער טהעאָ־רעטישער פערנונפט פערבונדען דורך געזעצען צו דער נאַטור־ווי־סענשאפט; ווי די וועלענישען ווערען דורך התחיבות'ען פערבונדען צו זיטליכקייט, אזוי ווערען די געפיהלען דורך א דריטען כח פערבונדען צו א העכערער איינהייט: דעם עסטעטישען געשמאק, וואָס ברענגט ארויס די קונסט, דעם דריטען גרויסען הויפּט־פעלד פון דער מענשליכער קולטור. דער דריטער כח איז די אורטיילס־קראַפט, און די א־פריאָרישע פאָרם, וועלכע זי ברענגט ארויס און דורך וועלכע זי בעשאפט קונסט, איז צוועק־מעסיגקייט.

### § 9. די קריטיק פון דער אורטיילס־קראַפט.

מיט דער אידעע פון צוועקמעסיגקייט, — וואָס קאָן גאַנץ גע־וויס ניט שטאמען פון דער ערפאהרונג, ווייל אין דער ערפאהרונג זענען ניטאָ קיין צוועקען, — זענען מיר שוין בעקאנט געוואָרען אין דער קריטיק פון דעם פּראקטישען שכל. עס האָט געקאָנט אויס־דוכטען, אז די דאָזיגע אידעע ווערט ארויס־געבראכט פון איהם. די „פרייהייט", — די גרונד־אידעע פון דעם פּראקטישען שכל מיט זיין „זאָלען", — איז תמיד געגאנגען האנד אין האנד מיט דעם געדאנק פון בעוואוסטע ציעלען. דער „זאָל" — און דער מיט אויך די „פרייהייט" — איז א בעפעהל: עס זאָל פערווירקליכט ווערען א בעשטימטער ציעל. דאָס איז אויך ריכטיג. אָבער טראכט מען זיך אריין טיעפער, זעהט מען, אז „פרייהייט" און „צוועקמעסיגקייט" זענען צוויי פערשיעדענע אידעען. דאָס בע־וואוסטע שטרעבען צו א צוועק איז אונמעגליך צו דענקען, אָהן דער־אידעע פון „פרייהייט"; אָבער די אידעע פון „פרייהייט" קאָן איך מיר גאנץ גוט דענקען אָהן דער אידעע פון א וועלכען עס איז צוועק. אמת' דער „זאָל", וואָס ליעגט אין דעם פּראקטישען שכל, קאָן ניט

אָבגעשניטען ווערען פון דער צוועק־פאָרשטעלונג. אָבער צי די ארויס־געבראכטע זאַך איז טאקי צוגעפאסט צום צוועק, צי זי איז טאקי דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט ארויסברענגען, — דאָס ליעגט ניט אין דעם פראַקטישען שכל גופא, וואָס טרייבט נאָר אָן אונזער ווילען צו האנדלונגען איבערהויפט, צו צוועקען איבערהויפט. ארויסצוגעפינען, צי די האנדלונגען און דער רעזולטאט זענען צוועקמעסיג, ד. ה. אָנגעפאסט צום צוועק, קאָן אויך ניט זיין די עובדא פון דעם טהעאָרעטישען שכל, וואָס קאָנסטאטירט נאָר, אז דאָס, וואָס איז ארויס־געקומען, איז א נויטווענדיגע ווירקונג פון בעשטימטע אורזאכען. עס מוז זיין א דריטער בעוואוסטזיין׳ס פראָצעס וואָס בעאורטיילט, שעצט אָב די האנדלונגען און דעם רעזולטאט, לויט דער אידעע פון צוועקמעסיגקייט. די דריטע ארט פון בעוואוסטזיין׳ס־טהעטיג־קייט — די „אורטיילס־קראפט“ — איז אָן איבערגאנגס־פראָצעס פון דעם טהעאָרעטישען בעוואוסטזיין צו דעם פראַקטישען און פערבינדט זיי ביידע אויף דעם זעלביגען שטייגער, ווי די איינביל־דונגס־קראפט פערבינדט די זינליכקייט מיט דעם פערשטאנד. ער איז א סינטעז פון דעם טהעאָרעטישען שכל, וואָס בעשאפט קויזאליטעט, אורזאכליכקייט, און דעם פראַקטישען שכל, וואָס בעשאפט דעם היפך פון קויזאליטעט: פרייהייט. שוין די פשוט׳ע מעכאנישע קונסט קאָן ניט אויסקומען אָהן דער אידעע פון צוועק־מעסיגקייט און איז א פראָדוקט פון איהר. ווען איך שנייד, זעג און העבלע האָלץ, כדי צו מאכען א טיש, איז דאָס ערשטענס אָן אויסדרוק פון מיין פרייהייט׳ס־בעוואוסט־זיין, פון מיין קאָנען ווערן פון זיך גופא די אורזאך פון פערשיעדענע פערענדערונגען אין דער נאטור („פראַקטישער שכל“). ס׳איז צווייטענס אָן אויסדרוק פון מיין בעקאנטשאפט מיט די נאטירליכע איי־גענשאפטען פון דעם האָלץ, פון די מעכאנישע געזעצען, וואָס הערשען אין איהם („טהעאָרעטישער שכל“). אָבער דריטענס איז עס אויך אָן אויסדרוק פון מיין אורטיילס־קראפט, וואָס שעצט אָלע ווייל אָב, צי עס זענען ריכטיג אָנגעווענדעט געוואָרען די נאטורגעזעצען, כדי אויסצופיהרען דעם פערלאנג פון דער „פרייהייט“. אומעדום, וואו דער מענש דארף וואָס עס איז אָבשאצען, צי עפעס טויג אָדער טויג ניט צוליעב א בעשטימ־

טען ציעל, מוז דערביי שפּיעלען אַ ראָלע די אורטיילס־קראַפט, מיט איהר גרונד־אידעע: די צוועקמעסיגקייט.

די פּשוטע מעכאַנישע אָדער כעמישע קונסט, (דאָס צוגריי־טען שפּייז, צ. ב.) וואָס וויל בעפריעדיגען געוויסע בעדערפניסע פון דעם ריין זינליכען לעבען, ווענדט אָן די אידעע פון צוועקמע־סיגקייט דער עיקר אויף דעם מ אַ ט ע ר י אַ ל, וואָס דאַרף שטי־לען די בעדערפעניס. די פאָרם פון דער זאַך, וואָס דאַרף בעפריע־דיגען די בעדערפעניס (צ. ב. שטילען דעם הונגער) איז פאַר איהר גלייכגילטיג. דער געפיהל פון לוסט, וואָס די פּאַרטיג געוואָרענע זאַך רופט אין אונז אַרויס, שטאַמט ניט פון איהר פ אָ ר ם, נאָר פון דער נ י צ ל י כ ק י י ט, וואָס איהר מאַטעריאַל האָט פאַר אונז. אויף אַ העכערער שטופע פון דעם מענשענס טהעטיגקייט געפינען מיר שוין אַ פ אָ ר מ אַ ל ע צוועקמעסיגקייט, אַ צוועקמעסיגקייט, וואָס ליעגט אין דער אויסערער פאָרם פון דער זאַך. ווען אַ מאַ־טהעמאַטיקער בעטראַכט אַ געאָמעטרישע פיגור און זעהט איין, אַז זי קאָן איהם דיענען צו דערקלעהרען אַ סך מאַטהעמאַטישע גע־זעצען, האָט ער אַ פריידע פון דער פ אָ ר ם, וואָס די פיגור שטעלט פאָר, פון איהר צוועקמעסיגקייט. אָבער די פריידע איז נאָך ניט קיין ריין פאָרמאַלע. די צוועקמעסיגקייט ליעגט דאָ פאַר איהם ניט אין דער פאָרם גופא פון דער פיגור, נאָר אין איהר טויגליכקייט און ניצליכקייט פאַר די ריין וויסענשאַפטליכע ציעלען.

עס איז אָבער דאָ אַן ארט פריידע, וואָס מיר האָבען פון דער צוועקמעסיגקייט פון דער פאָרם, און וואָס שטאַמט נאָר פון דער פאָרם אליין, דאָס איז ווען מיר געפינען אַז די פאָרם איז „ש ע ה ן". יענע ארט צוועקמעסיגקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם וואָרט „שעהן" און אין דער פריידע, וואָס שעהנקייט ברענגט אַרויס, איז אַ זעלבסטשטענדיגער אופן פון אונזער בעוואוסטזיין'ס טהעטיגקייט, וואָס איז ראַדיקאַל פערשיעדען פון יענע אינטערעסען, וועלכע דריקען זיך אויס אין דעם שאַפען פון'ם טהעאָרעטישען און דעם פּראַקטישען שכל. זיי ביידע זענען פּראַאינטערעסירט אין דער דרויסענדיגער ווירקליכקייט פון אַ וועלכער עס איז זאַך. דער טהעאָרעטישער שכל דאַרף זי האָבען, כדי זי אויסצופאָרשען. דער פּראַקטישער שכל וויל זי פ ע ר ו ו י ר ק ל י כ ע ן אין לעבען. יענע בע־

וואוסטזיינס־אַרט אָבער, וואָס ברענגט ארויס „שעהנקייט“, איז ניט פּעראינטערעסירט אין ווירקליכקייטען. די רעאַלע עקזיסטענץ פון דער שעהנער זאַך, איז איהם בעצם גלייכגילטיג. צי דאָס שעהנע בילד, וואָס איך זעה אויף דער וואנד, העננט דאָרטען באמת, אָדער דאָס דוכט זיך מיר נאָר אויס, אויב נאָר די פאָרם זיינע, וואָס איך זעה, געפעלט מיר, האָב איך דערביי אן עסטהעטישע פרייד פון איהר שעהנקייט. דאָס אייגענע איז מיט אַ מעלאָדיע. עס איז אַלץ איינס, צי איך הער זי פון א לעבעדיגען, ווירקליכען זינגער, אָדער פון אַ גראַמאָפאָן, אָדער זי זינגט זיך אינוועניג אין מיין בע־וואוסטזיין, — אויב איהר פאָרם געפעלט יר, איז דאָס גענוג, עס זאָל ארויס רופען דעם פריידיגען געפיהל פון שעהנקייט. דער ריין עסטהעטישער שטאנדפּונקט איז ניט פעראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פון דער זאַך גופא, איהם אינטערעסירען ניט די געזעצען, וואָס האָבען זי ארויסגעבראכט, ער איז קאַלט צו דעם, ווי אזוי זי קאָן פון אונז אויסגענוצט ווערען: איהר צוועקמעסיגקייט דריקט זיך פון דעם עסטהעטישען שטאנדפּונקט אויס נאָר אין איין איינציגען פּרט: אונז צו געפעלען, דורך די פאָרשטעלונג פון איהר באָרם ארויסרופען אין אונז אן עסטהעטישע פרייד. מישען זיך אריין אַנדערע צוועקען אין דער שעהנער זאך, בעטראכט איך זי פון דעם טהעאָרעטישען אָדער א וועלכען עס איז פראקטישען שטאנד־פּונקט, איז שוין די עסטהעטישע פרייד געמישט און געשטערט דורך אנדערע, ניט ריין עסטהעטישע אינטערעסען, וואָס פערלאַנ־גען, אַז ניט די פאָרם פון דער זאַך, נאָר די זאַך גופא זאָל צוליעב וואָסערע עס איז פניות עקזיסטירען.

די עסטהעטישע צוועקמעסיגקייט האָט ניט קיין בעשטימטע איינצעל־צוועקען, וועלכע זי זאָל דאַרפען בעפריעדיגען. מען קאָן זי דעריבער אָנרופען „אַ צוועקמעסיגקייט אָהן אַ צוועק“. זי איז אַ זעלבסט־צוועק. און אין דעם פּונקט איז זי אַ גלייכען צו דער מענשליכער מאָראַלישער אויטאָנאָמיע, וואָס איז אויך אַ זעלבסט־צוועק. מען קאָן דעריבער זאָגען, אַז די עסטהעטישע שעהנקייט איז אַ סימבאָל פון דער פרייער, אויטאָנאָמער זיטליכקייט. ווי אין דער מאָראַל, אזוי אויך אין דער הנאה פון ריינער שעהנקייט, זע־נען מיר פריי פון וועלכע עס איז ניעדעריג זינליכע אינטערעסען.

„שעהנקייט" איז דעריבער אַן אוּנ־אינטערעסירטע פרייד פון דער „צוועקלאָז צוועקמעסיגער" פאָרם. און ווייל אין דעם עס־טהעטישען בעוואוסטזיין ווערט די פאָרם אָבגעטיילט פון דעם אינ־האַלט, קאָן ער ארויסברענגען אַ קונסט, וואָס האָט צום צוועק מעהר נישט ווי ארויסצוברענגען שעהנע פאָרמען.

ווי אזוי קאָן אָבער אַ צוועקלאָז צוועקמעסיגע פאָרם ארויס־ברענגען אַ פרייד, וואָס האָט קיין ברעקעל אינטערעס ניט, ניט קיין טהעאָרעטישען, ניט קיין פּראַקטישען? קאַנט גיט דערויף אַן ענט־פער, וואָס איז טיעף און שעהן צו דערזעלביגער צייט. דער עסטהע־טישער בעוואוסטזיין ווערט געבוירען יעמאָלט, זאָגט קאַנט, ווען דער טהעאָרעטישער און דער פּראַקטישער בעוואוסטזיין גיעסען זיך, שפּיעלענדיג מיט זייערע אייגענע קרעפ־טען, צונויף אין איין שטראָם. דער טהעאָרעטישער שכל בע־שאַפט אין ערנסט אַן אמת'ע נאַטור, אין שפּיעל אָבער, און אין דעם קינסטלערישען שאפען — אַ כמו־נאַטור, נאַטור'ס אַ גליי־כען, אַ שפּיעל־צייג פאַר זיין נאַטור־שאַפענדער קראַפט. דער פּראַק־טישער שכל טרייבט אָן אין ערנסט דעם ווילען צו בעשאַפען ווירקליכקייטען, וואָס זאָלען זיין, לויט די פאָר־דערונגען פון דער פליכט. אין שפּיעל אָבער טרייבט ער אויך דעם ווילען צו בעשאַפען ווירקליכקייטען, אָבער ריין פרייע, אָהן וועלכע עס איז ציעל־ווירקליכקייטען, אין וועלכע עס זאָל זיך אויסדריקען מעהר נישט ווי די פרייקייט פון זיין שאַפען גופא. די ניט־אינטערעסירטע כמו־נאַטור פון דער קונסט איז אַ סימבאָל פון דעם גאַנצען מענשען, דעם טהעאָרעטישען און פּראַקטישען אין איינעם, אַן ארויסשפּריצען פון זיינע צוויי גרונד־קרעפטען, וואָס פרייען זיך מיט זייער אייגענעם שאַפען און זיין.

ניט נאָר אין דעם בעשאַפען פון שעהנקייט, נאָר אויך אין דעם געניעסען פון שעהנקייט אין דער קונסט און אין דער נאַטור, שפּיעלען זיך אונבעוואוסט די צוויי גרונד־קרעפטען מיט זייער איי־גענעם שאַפען. דער אמת געניעסענדער איז אין תוך אריין אַ שאַ־פענדער און בעת ער האָט הנאה פון אַ שעהנעם פייזאַזש צ. ב., איז פאַר איהם דער פייזאַזש ניט די רעאַל עקזיסטירענדע נאַטור, נאָר אַ כמו־נאַטור, וואָס עקזיסטירט אין איהר ריינער פאָרם,

וועלכע ער בעשאפט אין זיך, געניעסענדיג זי. שפּיעלט דערביי מעהר דער פערשטאנד מיט זיינע בעגריפען, איז יעמאָלט די פאָרם „שעהן", מישט זיך אָבער דערביי אריין דער שכל מיט זיינע „אידעען", ווערט די פאָרם „ערהאבען". די שטימונג, וואָס א ווילד פאַנאַנדערגעברויזטער ים, דערוועקט אין אונז, איז „ערהאבען", ווייל זי ציעהט אונז אָב פון דער זינליכקייט און וועקט די טהעטיגקייט פון דעם שכל מיט זיינע ערנסטע אידעען. דער מיסטיישער זיווג פון דער טהעאָרעטישער און דער פּראקטישער פערנונפט קומט פאָר אין דעם פאר אונז פערבאָרגענעם „דינג אן זיך", וואָס ליעגט פון יענער זייט ערפאהרונג. פון דעם זיווג ווערען געבוירען עסטהעטישע אידעען, וואָס ווערען פערווירקליכט אין דער קונסט אין וואָס זענען אלע מאָל סימבאָלען פון דעם טהעאָרעטישען און דעם מאָראלישען בעוואוסטזיין אין זייער פרייען, פון קיין זאך ניט פעראינטערעסירטען שפּיעלען זיך. ארויסברענגען זיי קאָן נאָר דער געניאלער קינסטלער.

די איבעריגע אינטערעסאנטע און טיעפע איינצעלהייטען פון קאנט'ס שעהנהייטס־לעהרע געהערען אין די ספּעציעלע וויסענשאפט: די עסטהעטיק.

די אורטיילס־קראפט, וואָס ברענגט ארויס די אידעע פון צוועקמעסיגקייט, ווענדט זי אָן ניט נאָר אין דער עסטהעטיק און אויף דעם פעלד פון פּראקטישע טהעטיגקייט, נאָר אויך אין דער נאטור בעטראכטונג, דער עיקר אין דער בעשרייבונג פון לעבעדיגע אָרגאניזמען. ריין טהעאָרעטיש זענען די אָרגאניזמען ניט מעהר ווי א בינטעל פון אורזאכען און ווירקונגען. נאָר די אורטיילס־קראפט בענוגענט זיך ניט מיט דעם רעזולטאט. דאָס, וואָס זי געפינט אין זיך, טראָגט זי ארויס אין דרויסען, אין די בעלעבטע וועלט. אַן אָרגאניזם איז פאר איהר ניט נאָר א בינטעל פון אורזאכען און ווירקונגען, נאָר אויך א בינטעל פון מיטלען און צוועקען וואו דאָס גאנצע און זיינע טיילען זענען צוועק־מעסיג צונויפגעבונדען אזוי, אז יעדער טייל איז יעדען אנדער טייל אין דערזעלביגער צייט אי א מיטעל, אי א צוועק. דאָס גאנצע דיענט די טיילען און די טיילען דיענען דעם גאנצען. ביי דער געלעגענהייט זאָגט קאנט ארויס א געדאנק, וועלכען ער כאראקטעריזירט ווי א „געוואגטע אוואנטיורע פון דעם שכל", אז אלע אָרגאנישע פאָרמען שטאמען אפשר אָב פון איין

א י י נ צ י ג ע ר  א ו ר ־ פ א ר ם ! דאס איז ארויסגעזאגט גע־
ווארען א סך פריהער, עהדער לאמארק האט זיך ערנסטער גענומען
פאר דער „געוואגטער אוואנטיורע“, וועלכע איז גליקליך דורכגע־
פיהרט געווארען ערשט פון דארווינען און וואלעס'ן.

עס פערשטעהט זיך, אז די בעטראכטונג פון דער נאטור אין
דעם ליכט פון צוועקמעסיגקייט איז, נאך קאנט'ן, ניט קיין  ו ו י ־
ס ע נ ש א פ ט ל י כ ע צוועקמעסיגקייט איז אן  א י ד ע ע,
וואס רעגולירט ערפאהרונג, אבער בעשאפט זי ניט.

די צוועקמעסיגקייטס־אידעע בלייבט אבער ניט שטעהן ביי
דער בעטראכטונג פון איינצעלנע ארגאנישע ערשיינונגען. זי שטעלט
אוועק די פראגע וועגען דער צוועקמעסיגקייט פון דעם גאנצען זיין
פון דער וועלט. וואס איז דער תכלית פון דעם גאנצען וועלט־גע־
שעהען? פרעגט די אורטיילס־קראפט, געטריעבען דורך איהר איי־
גענער טבע, אומעדום צו זוכען צוועקען. וואס איז דער ענד־צוועק פון
דער גאנצער וועלט־בעשאפונג? קאנט זוכט אויך אויף דער פראגע
צו געבען אן ענטפער, וואס זאל פאסטען צו דעם אינהאלט פון זיין
קריטישער פילאסאפיע און וואס זאל זי אבשליעסען. דער מענש קאן
בעטראכטען פאר אן ענד־צוועק פון דער נאטור נאר דעם  מ ע נ ־
ש ע ן,  ווי א מאראלישע אויטאנאם פרייע פערזאן.  די נאטור איז
בעשאפען געווארען פון א גאט, פון א פאלקאמענסט אינטעליגענטען
וועזען,  כ ד י  פון איהר זאל זיך ארויסענטוויקלען דער מענש מיט
דער העכסטער און חשוב'סטער פעהיגקייט, וואס מען קאן זיך נאר
דענקען:  דער פעהיגקייט צו שטעלען פאר זיך מאראלישע אידע־
אלען, אוים א ריינעם בעוואוסטזיין פון פרייער אויטאנאמער פליכט;
דער פעהיגקייט גובר צו זיין אין זיך די גאנצע נאטור, כדי צו
פערווירקליכען יענע אידעאלען, וואס האבען קיין אנדער צוועק ניט,
א חוץ דעם ריינעם אויטאנאמען בעפעהל פון דעם מענשענ'ס שכל
גופא.

דא טרעפען מיר זיך צום דריטען מאל מיט דער גאט־אידעע.
אין דער „קריטיק פון דער ריינער פערנונפט“ איז בעוויזען געוואָ־
רען איהר אונבעווייזליכקייט און זי איז אויף אייביג ארויסגעטריע־
בען געווארען פון דער וויסענשאפט. אין דער „קריטיק פון דער
פראקטישער פערנונפט“ איז אויפגעדעקט געווארען איהר ווארצעל
אין די פאָדערונגען פון דעם מאראלישען בעוואוסטזיין.  גאט
־ א ד ף  זיין, אז ניט — וואלט געוועזען אן עולה.  אין דער „קריטיק

פון דער אורטיילס־קראַפט" ווערט ער אויסגענוצט צו אַ מעטאַפּיזי־שען וועלט־בילד, וואָס זאָל בעפריעדיגען דאָס אייביגע מעטאַפּיזי־שע בעדערפענים פון דער מענשליכער נשמה.

דער שלוס־שטיין פון קאַנט'ס געביי, וואָס מען קאָן איהם אַ נאָמען געבען: „דאָס סיסטעם פון דער מאָראַלישער וועלט־ענטוויי־קעלונג" איז שוין ריינע מעטאַפּיזיק. אָבער זי איז ק ר י ט י ש ע מעטאַפּיזיק. זי זאָגט ניט, ווי דער דאָגמאַטיקער, אַז ווי באַלד דער שכל איז מחייב די סברא, איז דאָס אַ בעוויז, אַז עס איז אַזוי אין דער ווירקליכקייט, אין דרויסען פון דעם שכל. זי זאָגט קריטיש: ווי באַלד דער שכל איז מחייב די סברא, וועט דער שכל אין איהר גלויבען; אָבער ער מוז א י י נ ז ע ה ע ן, אַז ער האָט ניט און קאָן ניט האָבען קיין בעווייזען פאַר אַ גלויבען, אין וועלכען עס דריקט זיך אויס נאָר זיין נאַטור, און ניט די דרויסענדיגע נאַטור פון דער וועלט. צווישען דעם שכל און דעם „אמת'ען אמת" שטעהט „דאָס דינג אן זיך", דער „אונזיכטבאַרער שומר פון די גרעניצען", ווי מען קאָן איהם אָנרופען, וואָס דערלאָזט ניט, אַז מיר זאָלען די פּראָדוק־טען פון אונזער שכל ארוים פיהרען מחוץ פון זיין מדינה, און וואָס דערלאָזט ניט פון דער אנדער זייט, אַז דער דאָגמאַטישער „אמת'ער אמת" זאָל זיך ווידער אריינרייסען אין די פילאָסאָפיע. „דאָס דינג אן זיך", „די זאַך ווי זי איז" בלייבט אונז אייביג אונבע־קאַנט. אַלץ וואָס מיר ווייסען, ווערט בעשאַפען פון אונז, און אויך די מעטאַפּיזיק, וואָס מיר בעשאַפען, לויט אונזערע אידעאַלען, איז נאָר אַ מעטאַפּיזיק פאַר א ו נ ז, מ ע נ ש ע ן.

דאָס איז קריטישע מעטאַפּיזיק. אָבער דאָס איז מעטאַפּיזיק. און ווי נאָר די וויטערדיגע ענטוויקעלונג פון דעם פילאָסאָפישע גע־דאַנק, דער עיקר ביי שלמה מימון, האָט אָבגעשאַפט „די זאַך ווי זי איז", האָט גובר געווען דעם שומר פון די גרעניצען, אַזוי האָט דער דאָגמאַטישער „אמת'ער אמת" זיך ווידער געמוזט אריין רייסען און פערפלייצען די פעלדער פון דער פילאָסאָפיע.

קאַנט האָט דער מעטאַפּיזיק געגעבען אַ פינגער. פיכטע, שעללינג און העגעל האָבען שוין אין גאַנצען פערשריעבען איהר זייער נשמה.

פ י ע ר צ ע ה נ ט ע ר  ק א פ י ט ע ל

# די ספעקולאטיווע מעטאפיזיק אין דייטשלאנד.

## א) פיכטע און זיינע פאָרלויפער.

(אינהאלט. צווישען קאנט און פיכטע. — פריעדריך שיללער. די צוועקען אין דער געשיכטע. דער עמפּירישער און דער אידעאלי־שער מענש. פליכט און נייגונג. זיטליכע חשיבות און זיטליכע חן. דער עטהישער ווערטה פון דער עסטהעטישער ערציעהונג. — די ווידערבעלעבונג פון דעם ספּינאָזיזם דורך יאקאָבי און הערדער. הערדער'ס עוואָלוציאָנס־פּילאָסאָפיע. — מימון'ס סקעפּטיציזם און די אָבשאפונג פון דער „זאך אין זיך". ריינהאָלד'ס מאָניזם. — פיכ־טע. זיין ערקענטניס־טהעאָריע. דער אידעאליזם. דער אנאליז פון דעם זאַץ: „איך בין איך", — די ספּעקוליאטיווע מעטהאָדע און דער פּאָזיטיוויזם. — פיכטע'ס מעטאפיזיק. די זיטליכע וועלט אָרדנונג. פיכטע — דער סאָציאַליסט.)

### § 10. צווישען קאַנט און פיכטע.

ביז צו קאנט'ס צייטען איז די פילאָסאָפיע, ווי די שטרענגע ווי־סענשאפט, געוועזען, קאָן מען זאָגען, א מין „פּריוואט־זאך" פאר איינ־צעלנע געלעהרנטע און פאר יענעם זעהר ענגען קרייז געבילדעטע מענשען, וואָס האָבען זיך אינטערעסירט מיט דעם פאָרטשריט פון דעם פאָרשענדען גייסט. די פּאָפּולער־פילאָסאָפיע און די פילאָסאָ־פישע אויפקלעהרונגס־בעוועגונג אין דייטשלאנד און פראנקרייך האָ־בען יענעם קרייז מענשען שטארק פערגרעסערט. אָבער צו קאנט'ס צייטען האָבען ניט נאָר מעהר מענשען זיך גענומען אינטערעסירען מיט ריין פילאָסאָפישע פּראָבלעמען; מען האָט גענומען לעגען אויף דער פילאָסאָפיע א סך מעהר געוויכט, עהדער פריהער. מען האָט גענומען ערוואַרטען פון איהר אַן ענטפער ניט נאָר אויף די

אויביגע פראגען, וואָס פּלאָגען תמיד דעם מענשליכען שכל, נאָר אויך אויף די ברענענדיגע פראגען פון דער שטארק אויפגערודערטער צייט.

קאנט׳ס „קריטיקען" האָבען נאָך שטארקער פערמעהרט דעם געוויכט פון דער פילאָסאָפיע אין דעם עפענטליכען בעוואוסטזיין. מען האָט געפיהלט, אז קאנט׳ס נייע ארט פילאָסאָפירען טראָגט אין זיך אן איבערקעהרעניס פון אלע ביזאהעריגע דענק־און פאָרשונגס־מעטהאָדען און אויך א רעוואָלוציאָן אין די רעזולטאטען פון דעם דענקען און פאָרשען, וואָס מוז זיך אָברופען אויף אלע פעל־דער פון דעם מענשליכען וויסען און דעם געזעלשאפטליכען לעבען. על כל פנים איז יעדען דענקענדען געווען קלאָהר, אז קאנט האָט אוועקגעשטעלט דעם פילאָסאָפישען געדאנק די פאָרדערונג אראָב צו טרעטען פון׳ם וועג, אויף וועלכען ער איז געגאנגען ביז אהער, און א פרוב טהאָן זיין מזל אין א נייער ריכטונג, פאר וועלכע קאנט האָט אויסגעארבייט די וויכטיגסטע הויפּט־ליניען.

ווי שווער ס׳איז ניט געווען אריין צוארבייטען זיך אין קאנט׳ס סיסטעם, האָבען זיך דאָך באלד געפונען גענוג בעגייסטערטע אָנ־הענגער, וואָס האָבען זיך געמיהט קלעהרער אויסצודריקען די קאנ־טישע געדאנקען און געווינען פאר זיי דעם גרעסערען געבילדעטען עולם. די זעלבסטשטענדיגערע פון זיי האָבען דערביי אריבער גע־טרעטען די גרענעצען פון קאנט׳ס פילאָסאָפיע און האָבען דער־מיט אָנגעצייגט פערשיעדענע וועגען פאר איהר וויטערדיגער ענט־וויקעלונג.

## § 11. פריעדריך שיללער. (1759—1805).

פאר דעם אריינדרינגען פון קאנט׳ס געדאנקען אין דעם גרע־סערען געבילדעטען עולם האָט מעהר פון אלעמען אויפגעטהאָן דער בעריהמטער פאָעט און געשיכטס־פאָרשער פ ר י ע ד ר י ך ש י ־ ל ל ע ר. פריהער א בעגייסטערטער אָנהענגער פון רוססאָ, ווערט ער אלץ מעהר און מעהר אריין געצויגען אין דעם קאנט׳שען געדאנקען־קרייז, דערהויפּט דורך יענע טיילען פון דעם סיסטעם, וואו עס ווערט גערעדט וועגען דעם מענשען, זיינע אידעאלען און זיין געשיכטליכע ענטוויקעלונג. קאנט׳ס געשיכטס־פילאָסאָפיע, זיין עטהיק און עסטהע־טיק האָבען געפונען אין שיללער׳ן דעם ערשטען טאלענט־פולען קאָ־

מענטאטאר און ווייטער־בויער. פון קאנט'ן האט זיך שילער דער־וואוסט וועגן דאס כשר'ע טהעארעטישע רעכט צו בעטראכטען די מענשליכע געשיכטע, ניט נאר ווי א רעזולטאט פון בלינדע צונויפ־שטויסונגען צווישען מענש און מענש, נאר אויך ווי א פראצעס, אין וועלכען עס ווערן רעאליזירט העכערע צוועקען פון דער גאנצער מענשהייט, — צוועקען, וואס ליעגען הינטער דעם בעוואוסטזיין פון יעדען איינצעלנעם, וואס בעהערשען אבער סוף־כל־סוף אלע מענש־ליכע מעשים.

מיט קאנט'ן האט שיללער אויך איינגעזעהען, אז דער מקור פון אלע אידעאלען און העכסטע אידעען, — גאט, פרייהייט, אונשטערב־ליכקייט, שעהנקייט און גוטס, — וועלכען פלאטאן האט אוועקגע־זעצט ווייט הינטער אלע הימלען, אין א „אידעען־וועלט“, ליעגט אין דעם מענשען גופא און אז דער פאקט פערמינערט ניט א ברעקעל זייער חשיבות און גרויס. פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין שלאגט דער אויביגער קוואל פון אידעאלען און פאר דעם מענשען זענען זיי אקוראט אזוי ווירקליך און רעאל, ווי די גאנצע דרויסענ־דיגע געזעצמעסיגע ערפאהרונג, וואס שטאמט פון דעם זעלביגען מקור. „עס איסט דענגאך דאס שעהנע, דאס וואהרע!“ רופט ער בעגייסטערט אויס. „עס איסט ניכט דרויסען, — דא זוכט עס דער טהאר. עס איסט אין דיר; דו ברינגסט עס עוויג הערפאר“ („דאס שעהנע און וואהרע עקזיסטירט פארט. עס איז ניט דרויסען; דאר־טען זוכט עס דער פתי. עס איז אין דיר, דו ברענגסט עס אייביג ארויס“). דערהויפט האט געווירקט אויף שיללער'ן קאנט'ס געדאנק וועגן דער נפקא מינה, וועלכע עקזיסטירט צווישען דעם „עמפירי־שען“ מענשען, ווי א געוויסען אויסשניט פון דער נאטור, אויף וועמען עס הערשען אלע יענע געזעצען, וואס ווערען בעשאפען פון דעם טהעארעטישען שכל, און דעם „אידעאלישען“ מענשען, אדער ריכטיגער דעם זיטליכען אידעאל פון א מענשען, וואס ווערט ארויס־געבראכט פון דעם זיטליכען בעוואוסטזיין (דעם „פראקטישען שכל“). אין דער ערשטער צייט פון זיין קאנטיאניזם איז שיללער געפאלען כורעים פאר דער גרויס פון יענעם אידעאל פון זיטליכע חשיבות, וואס פערלאנגט, אז דער מענש זאל אין זיינע זיטליכע האנדלונגען זיך אין גאנצען אבזאגען פון אלע זיינע נייגונגען און ז/אבען

דורך־אוין נאָר פאַר אַזעלכע מאָטיוון, וואָס שטאַמען פון דעם ריי־נעם פליכט־געפיהל. קוים מישט זיך צו צו דעם פליכט־געפיהל אַ וועלכע עס איז נייגונג, — עס מעג זיין די העכסטע און עדעלסטע, — אַזוי ווערט דער ריינער קוואַל פון זיטליכקייט שוין פעראומרייניגט. שפּעטער האָט שילער איינגעזעהען די איינזייטיגקייט פון אָט דעם שטאַנדפּונקט. אייגענטליך, איז די איינזייטיגקייט גאָר ניט קיין „מוז" פאַר דעם קאַנטישען סיסטעם גופא. קאַנט האָט מייסטער־האַפט ארויסגעדעסטילירט די אַפּריאָרישע עלעמענטען פון דעם ריי־נעם זיטליכען בעוואוסטזיין. ער האָט איהם געפונען אין דער אי־דעע פון דער מענשליכער אויטאָנאָמיע, דער „פרייהייט" פון אַלע נאַטורגעזעצען און פון די אייגענע נאַטירליכע נייגונגען. ער האָט אין דער מענשליכער נשמה אויך אויסגעפונען אַ מין געפיהל, — די זיטליכע פליכט, — וואָס דריקט אויס אויף איהר לשון דעם זעל־ביגען אידעאַל פון דעם פרייען „דו זאָלסט". אָבער מיט די אַ־פּרי־אָרישע עלעמענטען פון דעם „פּראַקטישען שכל" האָט קאַנט זיך געמאָגט בעגעהן, ווי ער האָט זיך בעגאַנגען מיט די אַ־פּריאָרישע עלעמענטען פון דעם טהעאָרעטישען שכל. דאָרטען האָט ער קלאָהר געזעהען, אַז די ערפאַהרונגס־מעסיגעווירקליכקייט בעשטעהט ניט נאָר פון די אַ־פּריאָרישע פאָרמען (די קאַטעגאָריען, סכעמען און גרונדזעצען), נאָר אויך פון אַ געוויסען זינליכען עלעמענט, וואָס ווערט אריין געארבייט אין זיי. מיט דעם זעלביגען רעכט וואָלט קאַנט געמאָגט אויך פאַר דער ז י ט ל י כ ע ר ווירקליכקייט צו־לאָזען אַ וואָסער עס איז זינליכען עלעמענט, ניט ווערענדיג אונטריי צו די גרונד־ליניען פון זיין פילאָסאָפישען בנין. אָבער קאַנט האָט פאַר דעם אידעאַל פון זיטליכקייט ניט געוואָלט וויסען פון קיין זינ־ליכער צומישונג, אפילו פון דער עדעלסטער און שעהנסטער. ער איז דאָ אין דעם פּונקט, ווי אין איניגע אַנדערע, אריין געפאַלען אין דעם פעהלער פון דעם גראַדליניגען ראַדיקאַלען גערדאַנק, וואָס טראָגט זיך מיט איין אימפּעט אין איין גלייכער ליניע צו דעם לאָגיש מעג־ליכען סוף, לויט דער פאָרמעל: „וואָס מעהר, אַלץ מעהר". ער פער־לאָזט דאָ דעריבער דאָס פעלד פון קריטיק און ווערט כמעט אַ ראַ־ציאָנאַליסטישער דאָגמאַטיקער.

שיללער בעקעמפּפט אָבער קאַנט'ס פעהלער ניט דורך די מע־

טהאָדען פון קאַנט'ס סיסטעם גופא. ער פערלאָזט פשוט דאָס סיס־טעם, אָדער ריכטיגער, ער ברענגט אין איהם אריין פאָלעמיש א פער־בעסערונג. ער מאַכט אַן אונטערשייד צווישען זיטליכע חשיבות און זיטליכען חן (אַנמוטה). זיטליכע חשיבות בעקומען מיר יע־מאָלט, ווען דער אידעאַלישער מענש איז אין גאַנצען גובר די נאַ־טור אין זיך און רעכענט זיך ניט מיט איהר, ווי ערעל און פיין זי זאָל ניט זיין. זיטליכער חן ווייזט זיך אַרויס יעמאָלט, ווען די מענשליכע נאַטור איז אזוי ערעל, אַז צווישען איהרע נייגונגען און די פאָדערונגען פון דער העכסטער זיטליכער פליכט הערשט א שטענדיגע האַרמאָניע.

מיט דעם בעגריף פון זיטליכען חן לאָזט שיללער אריין פליע־סען אַן עסטהעטישען שטראָם אין קאַנט'ס עטהיק. און בכלל ווע־רען ביי איהם די צוויי העכערע פעלדער פון דער מענשליכער קולטור שטאַרק דערנעהענטערט איינס צו דעם אַנדערן. ער בויט ווייטער אויס קאַנט'ס געדאַנק, אַז שעהנקייט און קונסט זענען א פּראָדוקט פון דעם אונבעוואוסטען מענשליכען שפּיעלען מיט זיינע איינענע בע־שאַפענדע קרעפטען. פאַר שיללער'ן איז דאָס שפּיעלען שוין ניט נאָר דער אונבעוואוסטער מקור, פון וואַנען שעהנקייט און קונסט פליעסען אַרויס, נאָר דער אייגענטליכער תוך, דאָס גאַנצע וועזען פון דער קונסט. דער מענש איז גאַנץ מענש ערשט יעמאָלט, ווען ער שאַפט „שפּיעלענדיג", ד. ה. ווען זיין שאַפען איז פאַר זיך אַליין א צוועק און האָט ניט קיין אַנדער צוועק ערגעץ וואו דרויסען פון זיך. אין דע־רינען ליעגט אָבער אויך די גרויסע עטהישע בעדייטונג פון דער קונסט און דער עסטהעטישער ערציהונג. זי לערנט דעם מענ־שען צו האָבען אונאינטערעסירטע פרייִדען, צו לעבען ניט צוליעב א וועלכען עס איז מאַטעריעלען תכלית; זי מאַכט דעם מענשען אידעאַליסטיש און לערנט איהם אויף אַזאַן אופן צו קעמפפען אנטגעגען זיין אייגענעם „עמפּירישען" „איך". זי מאַכט איהם פעהיג אוועק צו שטעלען זיך די אויפגאַבע — פער־ווירקליכען אין דעם אייגענעם לעבען יענעם אידעאַל פון מענשליכע חשיבות, וואָס שטאַמט פון דעם „אידעאַלישען" מענשען אין אונז.

§ 12. ענעזידעמוס שולצע, (1761—1833).

נאָך מעהר עהדער אָנהענגער, האָט קאַנט אין דער ערשטער

צייט געהאַט געגנער פון פערשיידענער אַרט. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט אָנגעגריפען די נייע פילאָסאָפיע אין דעם נאָמען פון די אַלטע פאָר־קאַנטישע סיסטעמען. לאָקק, לייבניץ און יום האָבען דער־ביי געהאַט מעהר מזל, עהדער אַלע אַנדערע דענקער: אין זייער נאָמען איז געפיהרט געוואָרען דער קאַמפף אַנטגעגען דעם קריטי־ציזם. דער וויכטיגסטער פון דער אַרט געגנער איז געווען דער סקעפּטיקער גאָטלאָב ערנסט שולצע, וואָס איז שפּעטער בעקאַנט געוואָרען אונטער דעם נאָמען ע נ ע ז י ד ע מ ו ס־שולצע (ווייל „ענעזידעמוס“ האָט זיך גערופען איינס פון זיינע ווערק). ער ברענגט אַרויס זעהר אַ האַרבע און טיעפע טענה אַנט־געגען דעם יסוד פון דעם גאַנצען קאַנטישען בנין: דער לעהרע פון דער „זאַך, ווי זי איז“. קאַנט נעהמט אָן, אַז דרויסען פון׳ם בע־וואוסטזיין איז דאָ אַ „זאַך ווי זי איז“, וואָסווירקט אויף אונז און רופט אין אונז אַרויס עמפּפינדונגען. די „זאַך ווי זי איז“ איז די אורזאַך און די עמפּפינדונגען זענען איהרע אַ ווירקונג. אָבער די פאָרשטעלונג פון אורזאַך און ווירקונג לערנט אונז קאַנט אין אַן אַנדער אָרט, איז ניט מעהר ווי אַן אַ־פּריאָרישע קאַ־טעגאָריע פון אונזער פערשטאַנד, וואָס קאָן אָנגעווענדט ווערן נאָר אויף ערשיינונגען. ווי אַזוי זשע ווענדט זי קאַנט אָן אויף „דער זאַך ווי זי איז“?

אָבער אויך די אינוועניגסטע סתירה, וועלכע שולצע דעקט אויף אין קאַנט׳ס סיסטעם, איז שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרען פאַר שולצען, פון אַן אַנדער דענקער, וואָס געהערט צו אַן אַנדער אַרט קאַנטישע געגנער: דאָס זענען געווען געגנער, וואָס האָבען אַ סך געלערנט פון קאַנט׳ן גופא, זענען טיעף אריין געדרונגען אין זיין סיסטעם און זענען געווען אונצופריעדען מיט איהם ניט דערפאַר, ווייל ער האָט צושטערט די אַלטע פילאָסאָפישע טראַדיציע.

§ 13. די ווידערבעלעבונג פון׳ם ספּינאָזיזם: יאַקאָבי (1743—1819) און הערדער (1744—1803).

דער אינטערעסאַנטעסטער פון דעם קלאַס געגנער איז געווען פריעדריך הײנריך י אַ ק אָ ב י. קאַנט׳ס געדאַנק, אַז עס זענען דאָ צוויי אַרטען פון ערקענטניס: די טהעאָרעטישע און די פּראַק־טישע, אַז ביידע אַרטען אַרבייטען מיט פערשיעדענע מעטהאָדען און

קומען צו גאנץ פערשיעדענע רעזולטאטען, וואס געהען אפטמאל להיפך איינע צו די אנדערע, שפיעלט, אין א ביסעל א פערענדערטער פארם, די הויפט ראליע אין יאקאבי'ס פילאסאפירען. אנשטאט דעם פראקטישען שכל שטעלט ער אוועק יענע אונמיטעלבארע ערקענטניס, וואס שטאמט פון דעם „הארצען", פון דעם געפיהל, פון דעם „גלויבען". און גלויבען הייסט ביי יאקאבי ניט א מין שוואכערע ערקענטניס, וואס האט ניט אין זיך דעם זעלביגען גראד פון געוויסהייט, ווי „וויסען אויף זיכער". ניין, גלויבען הייסט וויסען, זיין זיכער און פעסט, אז עס איז אזוי, ווי מען גלויבט, אז אנדערש קאן דאס ניט זיין. אבער די זיכערקייט שטאמט ניט פון דעם שכל, נאר פון דעם געפיהל. מיר ווייסען אויף זיכער, אז דרויסען פון דעם בעוואוסטזיין זענען דא ז א כ ע ן, זאכען ווי זיי זענען, און ניט ווי זיי ערשיינען. מיט'ן שכל קאן מען בשום אופן ניט בעווייזען, אז זיי זענען דא און אז זיי ווירקען אויף אונז. אבער קיין מענש קאן אין דעם ניט צווייפלען אויף אן אמת. זייער עקזיסטענץ איז אונמיטעלבאר, אהן א שום בעווייז געווים פאר אונזער געפיהל. אבער אקוראט אזוי זיכער איז פאר אונזער הארצען די עקזיסטענץ פון אנדערע זאכען, וועלכע מיר קאנען ניט משיג זיין ניט מיט אונזערע חושים, ניט מיט אונזער שכל: די פרייהייט פון אונזער ווילען, די אונשטערבליכקייט פון אונזער נשמה, די עקזיסטענץ פון אן איבערנאטירליכען גאט. דיביידע ארטען פון ערקענטניס, — די וואס פון שכל און די וואס פון געפיהל, — געהען איינע להיפך צו דער אנדערער; צווישען זיי הערשט א תהום און עס איז ניטא קיין בריק, וואס זאל זיי פערבינדען. קאנט'ס פארשלאג, מען זאל ביידע וועלטען, — די טהעארעטישע ערפאהרונגסוועלט און די עטהיש־רעליגיעזע אידעאלע וועלט, — בעהאנדלען קריטיש, קוקען אויף זיי, ווי אויף פערשיעדענע פראדוקטען פון איין און דעם זעלביגען מענשליכען בעוואוסטזיין, וואס האבען ביידע קיין ברעקעל רעאליטעט ניט דרויסען פון דער מענשליכער ערקענטניס, קאן ניט בעפריעדיגען ניט די ערקענטניס פון'ם שכל, ניט די ערקענטניס פון'ם הארצען. אויף ביידע פעלדער מוז דער מענש זיין ד א ג מ א ט י ש. בעטראכט ער די וועלט מיט'ן שכל, מוז ער אננעהמען באמונה שלימה, אז אין איהר הערשען אייזערנע אוי־

ביגע געזעצען, וואָס לאָזען קיין ברעקעל פּלאַץ ניט צו — ניט פאַר דער פרייהייט פון דער מענשליכער נשמה, ניט פאַר איהר אונ־שטערבליכקייט, ניט פאַר אן אויסערוועלטליכען גאָט. בעזעהט מען אָבער די וועלט מיט דעם ליכט, וואָס לייכט אין אונזער הארצען, מוז פאַר אונז אויך ווערען קלאָהר ווי דער טאָג, אז די אַלע אידעאַ־לען זענען ניט קיין פאַנטאַזיעס פון אונזער בעוואוסטזיין, נאָר אמת׳ע רעאַלע ווירקליכקייט. פאָרמולירען מיר קלאָהר, וואָס אונז זאָגט אונזער הארץ, קומען מיר צו דעם אמת, וואָס ליעגט אין דער קריסטליכער רעליגיע. טראָג איך אָבער דאָס ליכט, וואָס לייכט אין הארצען, אריין אין מוח, אזוי ווערט עס אויפ׳ן שטעל אויסגעלאָ־שען. דאָס, וואָס אונז זאָגט אונזער שכל, איז יענער אמת, וואָס ליעגט אין ספּינאָזאס פילאָסאָפיע. מיט מיין הארצען, זאָגט יאקאָבי, בין איך אַ גלויביגער קריסט, מיט מיין מוח אָבער אַ קאָנסעקווענטער ס פּ י נ אָ ז י ס ט. און אקוראט ווי ביי קאַנט׳ן האָט דער פּראַק־טישער שכל די אויבערהאנד איבער דער טהעאָרעטישער, אזוי גלויבט אויך יאקאָבי, אז אין דעם „ויתרוצצו" צווישען דעם פרומען יעקב, — דעם אמת פון דעם הארצען, — און דעם רשע עשו, — דעם אמת פון דעם שכל, — קומט סוף־כל־סוף די בכורה דעם פרומען יעקב.

יאקאָבי׳ס וויכטיגקייט פאַר די ווייטערדיגע ענטוויקעלונג פון דעם פילאָסאָפישען געדאנק איז אָבער געלעגען ניט אין זיין „יעקב", נאָר אין זיין „עשו", — אין זיין ספּינאָזיזם. ביז צו יאקאָבי האָט מען ספּינאָזא אין דער פילאָסאָפיע בעהאנדעלט „ווי אַ טויטען הונד". ערשט יאקאָבי האָט געהאַט דעם קוראַזש ארויסצוטרעטען, ווי אַ פערטהיידיגער פון ספּינאָזא און בעווייזען דער דענקענדער וועלט, אז די פילאָסאָפיע פון דעם פערשאָלטענעם אידען איז דער איינציג מעגליכער פילאָסאָפישער שטאנדפּונקט, ווי נאָר מען וויל איבערהויפּט פילאָסאָפירען און פערלאָזען זיך אויף דעם מענשליכען שכל. באלד נאָך לעסינגס טויט האָט ער ארויסגעזאָגט דעם סוד, אז אויך יענער פאָטער פון דער דייטשער השכלה האָט זיך פאַר איהם מודה געווען, אז סוף־כל־סוף איז דער אַלטער ספּינאָזא געווען גע־רעכט. מענדעלסאָהן האָט זיך געפיהלט געצוואונגען ארויסצוטרע־טען אנטקעגען יאקאָבי׳ן און אראָב וואשען דעם שאנד־פלעק, וועל־

כען יאַקאָבי האָט ארויפגעוואָרפען אויף דעם נאָמען פון זיין פער־שטאָרבענעם פריינד. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפען. די פּאָלע־מיק האָט וויעדערבעלעבט ספּינאָזא׳ס גייסט און האָט אוועקגע־שטעלט זיין פילאָסאָפיע אויף דער טאָגעס אָרדנונג. ניט נאָר האָט מען איינגעזעהען איהר היסטאָרישע וויכטיגקייט; ניט נאָר איז אראָבגענומען געוואָרען דער לאַנג־יעהריגער חרם פון איהר; ניט נאָר האָט מען גענומען גערעכטער דענקען וועגען דעם מאַן און זיין פילאָסאָפישע טהאַט, — נאָר מען האָט אויך גענומען איינזעהען, אַז אָהן איהם קאָן מען זיך ניט בעגעהן אין דעם ווייטערדיגען פילאָסאָ־פירען. עס איז אויסגעוואַקסען די אויפגאַבע צונויפצואוועבען קאנט׳ן אין איינעם מיט ספּינאָזאַן, און כמעט אַלע גרעסערע דענ־קער פון דער שפּעטערער צייט זענען געוועזן — דורך קאַנט דורכ־געגאַנגענע ספּינאָזיסטען. ספּינאָזא האָט אויך אַרויף געלעגט זיין שטעמפּעל אויף די שעהנע ליטעראַטור פון יענער צייט, אויף הער־דערן און געטהע׳ן.

געטהע׳ס פילאָסאָפישע געדאַנקען געהערען ניט אין די רעהם פון אונזער ארבייט, ווייל זיי האָבען דירעקט ניט געווירקט אויף די פילאָסאָפישע ענטוויקעלונג. אָבער הערדער׳ן מוזען מיר דאָ דערמאָהנען, ווייל ער געהערט צו יענעם קלאַס געגנער פון קאנט׳ן, וואָס האָבען פיעל פון איהם געלערנט, און האָבען אויך געזוכט צו פערבינדען זיינע געדאנקען מיט דער ספּינאָזיסטישער פילאָסאָפיע.

הערדער׳ס בוך „מעטאַקריטיק“, אַ פּאָלעמישער ענטפער אויף קאַנט׳ס קריטיק פון דעם ריינעם שכל איז ניט אָריגינעל און ניט טיעף.

ניי און טיעף איז הערדער דאָרטען, וואו ער שמעלצט צונויף קאַנטישע געדאַנקען אין איינעם מיט ספּינאָזא׳ס פּאַנטהעאיזם. הערדער איז געוועזן קאַנט׳ס א תלמיד אין זיין נ א ט ו ר ־ פ י ־ ל אָ ס אָ פ י ע און צוגעצויגען האָט איהם קאנט׳ס עהרליכע, מען קאָן זאָגען, בעגייסטערטע איבערגעבענהייט צו די נאַטור־וויסענ־שאַפטען. מעהר פאר אלעס אָבער האָט געווירקט אויף איהם דער ענטוויקעלונגס־געדאַנק, וואָס האָט בעהערשט קאַנט׳ס גאַנצען נאַטור וויסענשאַפטליכע דענקען. אָט דעם עוואָלוציאָנס־פּרינציפּ גיסט הערדער צונויף מיט ספּינאָזא׳ס גרונד־געדאַנק, און דער

ספּינאָזיזם בעקומט אויפ'ן שטעל א גאַנץ נייע געשטאַלט. פאַר ספּינאָזא'ן זענען אַלע איינצעל־פּאַסירונגען און ערשיינונגען פון דער וועלט געווען טענער פון איין־איינציגער וועלט־סימפאָניע, וועמעס זין עס איז געווען קלאָהר נאָר פאַר גאָט־נאַטור'ס אונ־ענדליכען אינטעללעקט. ספּינאָזא אַליין האָט זיך ווענינ וואָס געקימערט וועגען דעם אינהאַלט פון דער וועלט־סימפאָניע. איהם האָבען אינטערעסירט די פילאָסאָפישע גרונדלאַגען פון דעם וועלט־געשעהן און איין איינציגער קליינער אויסשניט פון איהם, דער מענשליכער שכל. אָבער אויך דער אויסשניט — נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דאָס האָט איהם געהאָלפען ארויסצוגעפינען די בעדינגונגען פון זיין „קנעכטשאפט“ און זיין „פרייהייט“, כדי צו ענטפּלעקען דאָס העכסטע מענשליכע גליק און די העכסטע טור־גענד: די אינטעלעקטועלע ליעבע צו גאָט. דער וועלט־פּראָצעס גופא איז פאַר איהם געווען א ברויזען פון אַן אונענדליכען ים, פון דער געטליכער, אויסגעשפּרייט־דענקענדער וועלט־סובסטאַנץ, פון וועלכען אַלע איינצעל־פּאַסירונגען זענען נאָר קליינע וועללען. פאַר הערדער'ן דעם עוואָלוציאָניסט, איז דער וועלט־פּראָצעס ניט קיין ים, נאָר א שטראָם, — א שטראָם, וואָס טראָגט זיך אַלץ פאָרוועטס און פאָרוועטס. עס וואַקסט דעריבער פאַר איהם אויס די אויפ־גאַבע צו פערשטעהן דעם שכל, וואָס שטעקט אין דעם גאַנצען וועלטליכען שטראָם, אויסגעפינען די ריכטונג, וואוהין ער טראָגט זיך, און דאָס ציעל, צו וועלכען ער שטרעבט. אָט די בערוישענדע אויפגאַבע איז פאַר איהם, ווי אויך פאַר די שפּעטערע דענקער, געווען א צו שטאַרקער כשוף, ער זאָל זיך קאָנען רוהיג איינהערען צו קאַנט'ס פּאָרזיכטיגען מוסר, אַז מען פערלאָזט דערביי די גרענעצען פון דער ערפאַהרונג און מען טראָגט זיך אַרום מיט די וואָלקענס פון דער ריינער מעטאַפיזיק ; אַז יענע וואָלקענס מעגען נאָר יעמאָלט אריין גענומען ווערן אין דאָס סיסטעם פון דער פי־לאָסאָפיע, ווען מען ווייס לכתחילה, אַז זיי זענען נאָר מענשליכע אידעען, וואָס האָבען א חוץ דעם מענשליכען בעוואוסטזיין קיין ברעקעל רעאַליטעט ניט. פאַר קאַנט'ן איז די גאַנצע אונז בע־קאַנטע וועלט מיט אַלע איהרע אויביגע געזעצען געווען ניט מעהר ווי אַן אויסשניט פון אונזער בעוואוסטזיין. פאַר הערדער'ן, ווי פאַר ספּינאָזא'ן, איז דער גאַנצער מענשליכער בעוואוסטזיין געווען ניט

מעהר ווי אַן אויסשניט פון דער וועלט, אַ בעשטימטע פאזע אין איהר ענטוויקלונג. ער האָט איינגעזעהען, אַז דאָס בעוואוסטזיין, דאָס העכערע דענקען, איז ענג פערבונדען מיט דער מענשליכער ש פ ר א ך. די מענשליכע שפראך אָבער איז געבוירען געוואָרען אין אַ בעשטימטער צייט און האָט זיך ענטוויקעלט ביז צו איהר איצטיגער מדרגה. און הערדער נעהמט אויף זיך די ארבייט, אויס־צוגעפינען דעם אָנהויב און די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער שפראך. נעבער אויך דאָס גאַנצע מענשליכע בעוואוסטזיין, די גאַנצע קולטור, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען דורך איהם, דארף מען בעטראכטען ווי אַן עוואָלוציאָנס־פּראָצעס, וואָס האָט זיך פאנאַנ־דערגעוואקסען פון גאָר קליינע אָנהויבען. די ערד און איהר לעבען איז די מוטער פון אַלץ, וואָס קומט אויף איהר פאָר. זי האָט נאָך אויביגע געזעצען ארויסגעבראכט פון זיך די פלאַנצען, די חיות (דעם מענשען׳ס „עלטערע ברידער“), דעם מענשען און זיין גע־שיכטליכען לעבען, וואָס שפּיעלען זיך אָב נאָך דיזעלביגע אויביגע נאטור־געזעצען. די ענטוויקעלונג אין דער נאטור איז די גרונד־לאַגע פאר דער ענטוויקעלונג פון דער געזעלשאפט. דער זין פון דער מענשליכער געשיכטע קאָן אויסגעפאָרשט ווערן, ווען מיר פערגלייכען אַלץ, וואָס די פעלקער האָבען בעשאַפען אין זייער ליטעראטור און קונסט, רעליגיאָן און מיטהאָלאָגיע. אין די אַלע פּראָדוקטען אפילו פון די ניעדעריגסטע פעלקער רעדט צו אונז איין און דערזעלביגער מענשליכער גייסט, וואָס שטרעבט צו איין און דעמזעלביגען ציעל — צו מענשליכקייט, הומאַניטעט.

הערדער׳ס „אידעען צור פילאָסאָפיע דער געשיכטע דער מענש־הייט“ איז די ערשטע ערנסטע ארבייט אין דער מאָדערנער גע־שיכטס־פילאָסאָפיע. אויך זיינע אַנדערע שריפטען זענען עד היום נאָך אַ רייכער אוצר, אין וועלכען דער קולטור־פילאָסאָף, דער גע־שיכטס־פילאָסאָף און דער פאָלק־לאָריסט קאָנען געפינען פרוכטבארע געדאַנקען.

### § 14. די פּאָרלויפער פון פיכטע: שלמה מימון (1754—1800) און קארל ריינהאָלד (1758—1823).

שלמה מימון געהערט צו די זעהר וועניגע קאנט־קריטיקער, אויף וועמען קאנט אַליין האָט עדות געזאָגט, אַז זיי זענען מיט גרויס

שאַרפזין אַריינגעדרונגען אין די טיעפסטע געדאַנקען פון זיין סיס־טעם. אייגענטליך איז מימון מעהר אַן אָנהענגער עהדער אַ קרי־טיקער קאַנט'ס. ער פילאָסאָפירט דורך און דורך אין קאַנט'ס גייסט, מיט קאַנט'ס מעטהאָדען, מעהר נישט ער קומט אין אַ סך פונקטען צו גאַנץ אַנדערע רעזולטאַטען.

קודם כל האָט איהם קאַנט ניט איבערצייגט, אַז דער נייער וועג, דער קריטיציזם, קאָן אונז בעפרייען פון דעם סקעפּטיציזם בנוגע צו דער נאַטור־וויסענשאַפטליכער ערקענטניס. אמת, להיפך צו יום'ען איז ער מודה קאַנט'ן אַז די קאַטעגאָריען, וועלכע מיר װענדען אָן אין דער ערפאַהרונג (אורזאַך און ווירקונג, דאַ־זיין, ניט־זיין, סובסטאַנץ און אַקצידענץ א. אז. וו.) זענען אַ־פּריאָרי: זיי שטאַמען ניט פון דער ערפאַהרונג, נאָר פון דעם ערקענענדען סוביעקט, פון'ם „איך", און זענען אַלגעמיין־גילטיג און נויטווענדיג. יעדעם מענשליכע „איך" מוז דענקען קויזאַל. אָבער, זאָגט ער, מיט וואָס פאַר אַ רעכט דער מענש ווענדט אָן די אַ־פּריאָרישע קאַטעגאָריען פון זיין שכל אויף די ערשײנונגען פון זיין זינליכקייט, דאָס בלייבט ניט דערקלעהרט. פאַר וואָס איך נעהם אָן, אַז איין גרופּע פון עמפּפינדונגען (למשל, דער פייער אונ־טער'ן טאָפּ) איז די אורזאַך און די אַנדער גרופּע פון עמפּפינדונ־גען (דאָס זידען פון'ם וואַסער) איז די ווירקונג פון דער אורזאַך,— דאָס קאָן מען פון דער קאַטעגאָריע: „קויזאַליטעט בכלל" בשום אופן ניט אַרויס ברענגען. מענשען, וואָס האָבען לחלוטין פאַלשע פאָרשטעלונגען וועגען אורזאַך און ווירקונג (ווי צ. ב. אָבשפּרעכען עין הרע ווי אַן אורזאַך, וואָס מאַכט פערשווינדען אַ געוויסע חלאת) דענקען אויך קויזאַל. זייער וויסען ווערט אָבער דערפון בשום אופן ניט זיכער. די ריכטיגע קויזאַלע אויסטייטשונג פון ערשײנונגען הענגט אָב ניט פון די קאַטעגאָריען אַליין, נאָר פון די זינליכע עלעמענטען, די עמפּפינדונגען, וואָס ווערען אַריין גענומען אין דער ערפאַהרונג. פאַר וואָס אָבער די עמפּפינדונגען גרופּירען זיך אזוי און ניט אַנדערס, פאַר וואָס פון די בעשטימטע ערשײנונגען מוזען אַרויסוואַקסען בעשטימטע אַנדערע ערשײנונגען, — דאָס קאָן מען מיט דעם פערשטאַנד בשום אופן ניט פערשטעהן. די קאָנקרע־טע אָנווענדונג פון דער קויזאַליטעט אויף די ערשײנונגען

קאָן דעריבער ניט זיין אַלגעמיין־גילטיג און נויטווענדיג. אפילו די וויסענשאַפט אַליין בייט אָפּט איהרע מיינונגען, און וואָס ביי איין פאָרשער שפּיעלט די ראָליע פון אַן אורזאַך, שפּיעלט ביי דעם אַנ־דערן די ראָליע פון אַ ווירקונג. פאַר דער וויסענשאַפט בלייבט נאָר די עמפּירישע בעאָבאַכטונג, וואָס טראָגט ניט אין זיך די עלעמענטען פון נויטווענדיגקייט פאַר אַלע מוחות און צייטען. און ממילא בלייבט יום׳ס סקעפּטיציזם, ווען אפילו אין אַ ביסעל אַן אַנדער פאָרם, דערוויילע דער איינציג ריכטיגער פילאָסאָפישער שטאַנדפּונקט.

קאַנט האָט זיך, לויט מימון, איבערהויפּט צו ווענינ אָבגעגע־בען מיט דעם פּראָבלעם פון די עמפּפינדונגען, פון וועל־כע עס בעשטעהט דער גאַנצער אינהאַלט פון אונזער ערפאַהרונג. פון וואַנען שטאַמען זיי? וואָס בעדייטען זיי? קאַנט ענטפערט דערויף: זיי שטאַמען פון אונזער געמיטה און זענען אַן ענטפער אויף יענע איינווירקונגען, וועלכע דאָס דרויסענדיגע „דינג אַן זיך“, „די זאַך, ווי זי איז אין זיך“, (אָדער, ווי מיר ווערלען זי פון איצטער אָן קורין אָנרופען אין אידיש: „די זאַך אין זיך“) מאַכט אויף אונזער געמיטה. אָבער דער גאַנצער געדאַנק פון אַ „זאַך אין זיך“ האַלט ניט אויס קיין קריטיק און איז פול פון ווידערשפּרוכען. יעדע זאַך איז אַ סכום פון אייגענשאַפטען. וועלכע אייגענשאַפטען האָט „די זאַך אין זיך“? קאַנט מוז ענטפערן דערויף, אַז זי האָט גאָר קיין אייגענשאַפטען ניט, ווייל יעדע אייגענשאַפט איז שוין אַן ערשיי־נונג, עפּעס אַזוינס וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך אונזער ערקענט־ניס און קאָן דעריבער ניט געהערען צו דער „זאַך אין זיך“. אָבער אַ זאַך, וואָס האָט ניט קיין אייגענשאַפטען איז איבערהויפּט אַ — גאָר נישט. אַ חוץ דעם, טאָהר מען, לויט קאַנט׳ן גופא, בשום אופן ניט זאָגען, אַז עס איז דאָ אַ „זאַך אין זיך“, ווייל דער בעגריף: „דאָ זיין“ איז אַן אַ־פּריאָרישע קאַטעגאָריע פון אונזער פערשטאַנד, וואָס קאָן אָנגעווענדט ווערען נאָר אויף ערשיינונגען, אָבער ניט אויף „אַ זאַך אין זיך“.

ווארפען מיר אָבער אַרויס דעם געדאַנק פון אַ „זאַך אין זיך“ פון קאַנט׳ס סיסטעם, — וואָס בלייבט יעמאָלט? עס בלייבט נאָר איין איינציגער מקור פון אַלע מענשליכע ערקענטניסען, דער ער־קענענדער „איך“, גופא, פון וועלכען עס שטאַמען סיי די אַ־פּריאָרי־

יטע פאָרמען פון דער ערקענטניס, סיי די עמפפינדונגען, וואָס ווערען אריינגעארבייט אין די פאָרמען. דאָס „איך“ שאפט די עמפפינדונגען „רויט, גרין א. אז. וו.“ אונבעוואוסטערהייט, ווי ער שאפט אונבעוואוסט די פאָרמען פון רוים און צייט. אָבער בעת די פאָרמען פון רוים און צייט, וואָס ווערען, לויט מימון, ארויסגעבראכט פון דער איינבילדונגס־קראפט, קאָנען נאָך האָבען א וועלכען עס איז ראציאָנאלען זין (דער רוים איז דער טייטש „זיין איינס נעבען דעם אנדערן“, די צייט קאָן ראציאָנאל אויסגעדריקט ווערען אין דעם געדאנק: „זיין איינס נ אָ ך דעם אנדערן“), זענען די עמפפינדונגען דורך און דורך איראציאָנאל, א זאַך, וואָס מען קאָן בשום אופן ניט פערשטעהן מיט'ן שכל. מען מוז אָבער צוגעבען, אז עס איז דאָ אין אונזער „איך“ גופא אָט דער איראציאָנאלער עלעמענט, וואָס שטאמט פון דעם זעלביגען טיעף פערבאָרגענעם אונבעוואוסטען וואָרצעל, פון וועלכען עס וואקסען ארויס אויך אונזערע קלאָרע, ראציאָנאלע פאָרשטעלונגען, קאטעגאָריען און אידעען. קאנט'ס דואליזם פון זינליכקייט און פערשטאנד, פון „זאך אין זיך“ און „ערשיינונג פאר אונז“ ווערען דאָ ביי מימון פערוואנדעלט אין א מאָניזם: ער שלאָגט פאָר איין־איינציגעם פרינציפ, — דאָס „איך“, — אויס וועלכען מיר זאָלען דערקלעהרען אלע עלעמענטען פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין. ס'פערשטעהט זיך, אז מיט דעם „איך“ מיינט מימון ניט יענעם בעוואוסטזיניגען טייל פון אונזער נשמה, וועלכען מען רופט געוועהנליך אָן מיט דעם נאָמען. ער מיינט יענע אונבעוואוסטע גרונדלאגע פון דעם מענשליכען פסיכישען לעבען, וואָס ברענגט ארויס אלע פאָרמען און דעם גאנצען אינהאלט פון דער מענשליכער ערקענטניס. אָט אין דעם אונבעוואוסטען „איך“, זאָגט מימון, מוזען מיר זיך פערטיעפען, כדי בהדרגה צו דערגעהן צו זיין לעצטען וואָרצעל און פערשטעהן זיינע וועגען פון שאפען, דעם שכל פון זיין דענקען. מען דארף לכתחילה צוגעבען, אז די ארט פון דענקען, וואָס יענער פערבאָרגענער „איך“ ווענדט אָן, איז אפשר אין גאנצען פערשיעדען פון יענער ארט דענקען, מיט וועלכען עס בעדיענט זיך אונזער קלאָהרער פערשטאנד. אלע כללים פון דעם פערשטאנד'ס לאָגיק, וואָס העננען אויף דעם זאץ פון דעם ווידערשפרוך (אז צוויי היפכים קאָנען ניט זיין אין

איין און דערזעלביגער צייט אין איין און דער זעלביגער זאַך), זע־נען אפשר גאָר ניט קיין מוז פאַר דעם טיעפער ליעגענדען „איך“, און דאָס „איך“ איז אין שטאַנד צו דענקען אַ ווידערשפרוך.

מיט דעם גערויכטען מימון׳ס, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט ניט מעהר ווי אין דער פאָרם פון א סברה, איז אריין געפיהרט געוואָרען אין די נייע פילאָסאָפיע די „ווידערשפרוכס־לאָגיק“, אָדער „די דיאַ־לעקטישע לאָגיק“, וואָס לערנט, אז אלץ אין דער וועלט איז פול פון ווידערשפרוכען, אז דער ווידערשפרוך איז די וויכטיגסטע איי־גענשאַפט פון אלץ, וואָס עקזיסטירט, וועץ אפילו אונזער פערשטאַנד קאָן אזא זאַך ניט תופס זיין. פון פיכטען אָן ביז צו מארקס, ענ־געלס און זייערע פילאָסאָפישע תלמידים (מיט דער אויסנאהם פון פייערבאך׳ן) האָט געהערשט דער דאָזיגער גלויבען אין די „דיאַלעק־טישע לאָגיק“.

ניט אזוי טיעף, ווי מימון, אָבער מיט נאָך אַ גרעסערער בע־גייסטערונג פאַר קאנט׳ס טהאט האָט אויפגענומען דעם קריטיציזם קאַרל לעאָנהארד ריינהאָלד. די אויפגאבע פון דער פילאָסאָפיע ערבליקט ער אין אָן איינהייטליכען סיסטעם, וואָס זאָל ארומנעהמען אלע צווייגען פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין און זאָל זיי ארויסברענגען פון איין אייניציגען אויבערשטען פרינציפּ. אין קאנט געפינט ער אלע עלעמענטען דערצו. וואָס ביי קאנט פעהלט, איז זייער מאָניסטישער אויפבוי. דער דואליזם הערשט בולט און שאַרף אין אלע טיילען פון קאנט׳ס סיסטעם: אַ דואליזם פון אינהאלט און פאָרם, פון סוביעקט און אָביעקט, פון זינליכקייט און פערשטאַנד, פון טהעאָרעטישען שכל און פּראַקטישען שכל. מען מוז אויסגעפינען דעם אויבערזאַץ, אין וועלכען די אלע צוויהייטען גיעסען זיך צונויף און פון וועלכען זיי קאָנען ווידער לאָגיש ארויס־געבראַכט ווערען. דעם איינהייטליכען אויבער־זאַץ געפינט ער אין קאנט׳ס געדאַנק פון „דער טראַנסצענדענטאַלער איינהייט פון דעם בעוואוסטזיין“. ארויסגעהענדיג פון דעם געדאַנק, קומט ער צו אַן אייגענער פאָרמעל, וועלכע ער רופט אָן „דעם זאַץ פון בעוואוסטזיין“: „אין דעם בעוואוסטזיין“, אזוי הייסט עס אין זיין פאָרמעל, „ווערט די פאָרשטעלונג פאַנאַנדערגעשיידען פון דעם פאָרשטעלענדען און דעם פאָרגעשטעלטען און אין בעציעהונג געבראַכט צו ביידע“.

ער וויל דערמיט זאָגען, אז די אייגענטליכע ארבייט פון דעם בע־וואוסטזיין איז „פאַרשטעלען זיך“, און אז אין יעדען אקט פון דעם בעוואוסטזיין זענען צונויפגעשמאָלצען דריי זאכען וואָס זענען איינס: ערשטענס, דאָס בעוואוסטזיין פון דער פאַרשטעללונג גופא, לאָמיר זאָגען: א בוים. צווייטענס, דאָס בעוואוסטזיין, אז די פאַרשטעללונג פון דעם בוים, איז מ י י ן פאַרשטעללונג פון איהם, ווערט בעשאפען אין מיר; און דריטענס, דאָס בעוואוסטזיין, אז דאָס איז א פאַרשטעלונג פון עפּעס א זאך, וואָס רופט אין מיר ארויס די פאַרשטעללונג. „סוביעקט“ און „אָביעקט“ זענען דע־ריבער ניט צוויי קוואַלען, וואָס פליעסען בעזונדערן און גיעסען זיך ערשט צונויף אין דער ערקענטניס, נאָר א דאָפּפּעלטקייט וואָס ליעגט אין איהר גופא און וואָס פליעסט ארויס גלייכצייטיג מיט יעדער פאַרשטעלונג.

פון דעם אויבער־זאַץ פון דעם בעוואוסטזיין וויל ריינהאָלד ארויסברענגען מיט קליינע פערענדערונגען אלע יסודות פון אלע צווייגען פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין, וועלכע קאַנט האָט אונ־טערזוכט. זיינע ארבייטען זענען אָבער באַלד אָפּגעשטופּט געוו: רען אָן א זייט דורך די ארבייטען פון פיכטע, וואָס האָבען געהאַט כמעט דאָס זעלביגע ציעל אין אויג, נאָר האָבען עס דורכגעפיהרט דורך גאַנץ אַנדערע מעטהאָדען און זענען געקומען צו אָריגינעלערע, פילאָסאָפיש בעדייטענדערע רעזולטאטען.

מימון און ריינהאָלד האָבען אויפגעהויבען דעם פילאָסאָפישען געדאנק פון דער צייט צו יענער הויך, פון וועלכער פיכטע האָט גע־קאָנט פאַנאַנדער שפּרייטען זיינע פליגלען און אָנהויבען זיין מע־טאפיזישען אָדלער־פלוג.

### § 15. יאָהאַן גאָטליעב פיכטע. (1762—1814).

די לאַגע פון דעם פילאָסאָפישען געדאנק, בעת פיכטע האָט איהם איבערגענומען פון מימון׳ען און ריינהאָלד׳ען, איז געוועזען אזא:

אלע פעסטע יסודות פון דער וועלט, וואָס מען האָט גערעכענט, אז זיי זענען דרויסען פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין און אויף וועלכע דער מענש האָט געמאטערט זיין מוח, כדי אריין צו דרינ־גען אין זייער מהות, האָבען זיך ארויסגעוויעזען ווי פּראָדוקטען פון דעם מענשען גופא. ניט נאָר די עמפּפינדונגען, פון וועלכע דער

מאטעריאליסט דעמאָקריט האָט שוין געוואוסט, אז זיי שטאמען פון אונז און ניט פון דער דרויסענדיגער וועלט; ניט נאָר די איבערנאטירליכע וועלט פון מענשליכע אידעאלען, ווי גאָט, נשמה א. אז. וו., וואָס וועגען זיי האָבען די ראדיקאלע דענקער שוין לאנג געזאָגט, אז זיי האָבען דרויסען פון דעם מענשליכען געדאנק קיין ברעקעל ממשות ניט, — אפילו די גרויסע נאטור אליין, מיט איהר אונענדליכען רוים און איהר אונענדליכער צייט, מיט איהרע אויביגע געזעצען זענען אויך ניט מעהר, ווי א בעשאפונג פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין. אלע זאכען פון דער וועלט זענען נאָר אין דעם בעוואוסטזיין און זיי עקזיסטירען נאָר אויף אזוי פיעל און אזוי לאנג, אויף וויפיעל דער בעוואוסטזיין בעשאפט זיי. טאָמער האָט קאנט נאָך געלאָזען א מעגליכקייט, אז דרויסען פון דעם בעוואוסטזיין איז דאָ א „זאך אין זיך“ (און ניט אין דעם בעוואוסטזיין) וואָס ריר קאָנען זי ניט משיג זיין מיט אונזער שכל, זענען געקומען יאקאָבי, שולטצע און, דער עיקר, מימון און האָבען בעוויזען די אונמעגליכקייט און די ווידערשפרוכען פון אזא געדאנק. דער קריטיציזם איז אריבער אין א ריינעם אידעאליזם, פאר וועמען יעדעס „זיין“ איז ניט מעהר, ווי א פראָדוקט פון דעם „בעוואוסטזיין“, די „זאך“ — א פועל יוצא פון דער אידעע. האָט אפשר די גאנצע פילאָסאָפיע געהאט א טעות? ביז אהער איז די ערקענטניס געווען א קליינינקער טהייל פון דעם וועלט־געשעהען, וואָס האָט געוואָלט ניט מעהר ווי ריכטיג אָבשפיעגלען די דרויסענדיגע וועלט. איז געקומט קאנט, האָט אזוי געשטעלט די גאנצע פילאָסאָפיע אויפ'ן קאָפ און האָט געמאכט די וועלט פאר א קליינינקען טייל פון די מענשליכע ערקענטניס־פראָצעסען. איז אפשר דער טעות געלעגען אין דעם, וואָס ער האָט אָנגעהויבען צו פילאָסאָפירען פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין, און ניט פון דער וועלטליכען רוימליך־צייטליכען, מאטעריעלען זיין? וועלכער וועג איז דער ריכטיגער? דער, וואָס הויבט אָן פון דעם „זיין“, אָדער דער וואָס הויבט אָן פון דעם בעוואוסטזיין?

§ 16. פיכטע'ס ערקענטניס־טהעאָריע.

פיכטע איז מודה, אז על פי ריינע לאָגיק קאָן מען ניט ארויף־צווינגען אויפ'ן שכל, וועלכען וועג ער זאָל אויסקלייבען. דאָס מוז

מען איבערלאָזען צו דעם פרייען אויסקלייב פון יעדען איינצעלנעם דענקער. „וואָס פאַר א מענש מען איז", זאָגט פיכטע, „אזא פילאָסאָפיע קלייבט מען זיך אויס". מען קאָן ארויסגעהן פון דעם וועלט־זיין, און יעמאָלט קומט מען צו דעם מאטעריאַליזם. מען קאָן ארויסגעהן פון דעם בעוואוסטזיין, און מען ווערט, על פּי לאָגישער נויטווענדיגקייט, אַן אידעאַליסט. ער, פיכטע, פערלאָזט זיך אויף דעם צווייטען וועג, ווייל ער, דער וועג, איז פון א גרעסערער מאָראַלישער חשיבות. א חוץ דעם האָט דער וועג אויך איינינגע זעהר וויכטיגע טהעאָרעטישע מעלות: ערשטענס, קאָן מען פון דעם „זיין" ניט קומען צו דעם „בעוואוסטזיין". דער פאַקט פון א בעוואוסטזיניגען דענקען קאָן בשום אופן ניט דערקלעהרט ווערען דורך א וועלכע עס איז קאָמבינאַציע פון ריין מאטעריעלע פּראָצעסען. בעת פון דעם „בעוואוסטזיין" קאָנען מיר גאַנץ גוט דערקלעהרען דאָס „זיין". צווייטענס, איז אָננעהמען די עקזיסטענץ פון א וועלכען עס איז „זיין", וואָס איז ניט אין אונזער בעוואוסטזיין, אַן אקט פון א בלינדען דאָגמאַטישען גלויבען, ווייל פון קיין זיין אין דער וועלט קאָן איך גאָר נישט ניט וויסען, אוואו עס געהט ניט דורך דורך מיין בעוואוסטזיין. דאָס „זיין" איז א השערה; דאָס בעוואוסטזיין איז א פ א ק ט, דער זיכערסטער פון אלע פאַקטען. דער קריטיציזם הויבט אָן מיט דעם פאַקט פון דעם בעוואוסטזיין און דעריבער איז זיין שטאַנדפּונקט פילאָסאָפיש מעהר בערעכטיגט, עהדער דער דאָגמאַטיזם.

פערשטעהט זיך, אז דאָס איז אמת נאָר פאַר דער פילאָסאָפיע, וואָס ענטפּלעקט די פערבאָרגענע יסודות פון דער מענשליכער ערקענטנים. די איינצעל־וויסענשאַפט מאָג זיך בעגעהן מיט איהרע ענינים, אקוראט ווי זיי וואָלטען געווען וועלט־געשעהעניסען, וואָס האָבען קיין ברעקעל שיכות ניט צו דעם מענשליכען בעוואוסטזיין. די פילאָסאָפיע איז אָבער ניט קיין איינצעל־וויסענשאַפט, נאָר די אויבער וויסענשאַפט, די טהעאָריע פון אלע אַנדערע וויסענשאַפטען, די „וויסענשאַפטס־לעהרע", — ווי פיכטע רופט אָן זיין סיסטעם, — ווייל זי דאַרף דערקלעהרען, ווי אזוי די אלע אַנדערע איינצעל־וויסענשאַפטען זענען ארויסגעוואקסען פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין.

און דערקלעהרען דאַרף מען דאָס גרינדליך, וויסענשאַפטליך

דורך דאָס פערטיעפען זיך אין דעם בעוואוסטזיין גופא, יענער איינציגער „זאַך אין זיך", וואָס איז נאָך געבליעבען אין דער פילאָסאָפיע. מען מוז זיך דערגראָבען ביז צו יענעם טיעף פערבאָרגענעם מקור, פון וועלכען עס פליעסט סיי די טהעאָרעטישע ערקענטניס, סיי די פראַקטישע. אָנהויבען גראָבען מוז מען פון יענע פאַקטען, וועלכע יעדער איינער געפינט אין זיין אייגענעם בעוואוסטזיין און אין וועלכע קיינער איז ניט אין ספק. שוין קאַנט איז געגאַנגען מיט דעם וועג. ער האָט גענומען די אורטיילען, וואָס זענען שוין אונטערזוכט געוואָרען אין דער פאָרמאַלער לאָגיק, און האָט זיך געפרעגט: מיט וועלכע מיטלען אָדער אַ־פריאָרישע קאַטעגאָריען דאַרף אַרבייטען דער פערשטאַנד, כדי ארויסצוברענגען יענע אורטיילס־פאָרמען. פיכטע נעהמט אָנשטאָט די לאָגישע אורטיילס־פאָרמען, וואָס זענען שוין אונטערזוכט געוואָרען פון אריסטאָטעלן, יענע דריי גרונד־געזעצען, וועלכע לייבניץ האָט אויסגעפונען און אויף וועלכע עס קאָן צוריקגעפיהרט ווערען די גאַנצע ערקענטניס: ערשטענס, דעם זאַץ פון א י ד ע נ ט י ט ע ט, וואָס זאָגט, אַז יעדע זאַך איז גלייך צו זיך זעלבסט, אַז „אַ איז אַ"; צווייטענס, דעם זאַץ פון ו ו י ד ע ר ש פ ר ו ך, וואָס זאָגט, אַז יעדע זאַך איז פערשיידען פון דעם, וואָס איז ניט זי, אַז „אַ איז ניט ניט־אַ" און, דריטענס, דעם זאַץ פון דעם ג ע נ ו ג ע נ ד י ג ע ן ג ר ו נ ד, אָדער דעם זאַץ פון קויזאַליטעט, וואָס זאָגט, אַז יעדע זאַך האָט אַ גרונד, פאַר וואָס זי איז, ווי זי איז.

לאָמיר נעהמען דעם זאַץ פון אידענטיטעט: „אַ איז אַ". קיינער וועט ניט לייקענען אַז אַזאַ זאַץ איז דאָ אין אונזער בעוואוסטזיין און אַז ער איז אַבסאָלוט זיכער און פעסט. פון וואַנען שטאַמט אָבער זיין זיכערקייט? דער זאַץ זאָגט אונז נאָר, אַז א ו י ב עס איז דאָ אַן „אַ", איז עס גלייך צו זיך אַליין, איז עס „אַ". אָבער דאָ ווערט דאָך מיט זיכערקייט ארויסגעזאָגט ניט נאָר אַ שייכות צווישען זאַכען וואָס קאָנען עקזיסטירען, נאָר עס ווערט שטילערהייט צוגעגעבען אַז עפּעס א י ז, אַז עפּעס עקזיסטירט. פון וואַנען ווייסען מיר, אַז עס איז איבערהויפּט דאָ עפּעס, אַז עפּעס עקזיסטירט אַבסאָלוט?

פערטיעפען מיר זיך אין אונזער בעוואוסטזיין, געפינען מיר,

זאָגט פיכטע, אַז דאָרטען איז דאָ עפּעס אַזוינס, אין וועמעס עקזיס־טענץ מיר קאָנען בשום אופן ניט צווייפלען. דאָס איז, ווי דעקארט האָט שוין ארויסגעפונען, דאָס „איך“. „איך בין“, — דאָס איז דער ערשטער, טיעפסטער און זיכערסטער אַקט פון דעם בעוואוסטזיין. אָט וועגען דעם „איך“ דענקט דאָס בעוואוסטזיין, אַז עס עקזיסטירט און אַז עס איז גלייך צו זיך אַליין: „איך בין איך“. דאָס „א = א“ איז ניט מעהר ווי אַן אבסטראַקציע פון „איך = איך“.

לאָמיר זיך דעריבער טיעפער אריין טראַכטען, וואָס דענקט דאָס בעוואוסטזיין און וואָס בעשאַפט עס, ווען עס דענקט „איך בין איך“.

דער זאַץ „איך בין איך“ זאָגט אונז ניט, ווי דער זאַץ „א איז א“, אַז אויב איך בין, בין איך יעמאָלט גלייך צו זיך אַליין. ער זאָגט פּשוט און אַבסאָלוט: „איך בין“. איך בין, ווייל איך בין און איך בין אזוי, ווי איך בין. קיין טיעפערערע ערקלעהרונג לאָזט ער ניט צו. דאָס „איך“ שטעלט זיך אַליין אַוועק, ווי אַן אַבסאָלוטע זאַך, וואָס הענגט פון קיין אַנדער זאַך ניט אָב און וואָס ווערט פון קיין זאַך ניט בעגרעניצט. „איך בין איך“, אַן אונענדליכעס, אונ־בעגרעניצטעס בעוואוסטזיין. דאָס איז דער זאַץ פון דעם א י ד ע־א ל י ז ם: אַליז, וואָס עס איז דאָ, איז עס נאָר דאָ דערפאַר, ווייל עס איז „איך“. און נאָר דורך דעם, וואָס עס איז „איך“, אַ טייל פון מיין בעוואוסטזיין, איז עס דאָ. „איך“ איז דורך און דורך בעוואוסטזיין, דאָס איז דער ערשטער וואָרצעלהאַפטער ט ע ז י ס פון דעם „איך׳ס“ שאַפען. אָבער לאָזט מען זיך אראָב נאָך טיעפער אין דעם טהעזיס, געפינט מען באַלד, אַז אין איהם גופא ליעגט פער־באָרגען זיין היפך, זיין אנטי־טעזיס.

„איך בין איך“. איך מאַך דאָ אַ ן א ו נ ט ע ר ש י ע ד צווישען דעם „איך“ וואָס דענקט, און דעם „איך“, וועגען וועלכען עס דענקט. עס קומט פאָר דורך דעם גופא, וואָס איך דענק וועגען מיר אַ צ ו ש פּ א ל ט ו נ ג אין דעם „איך“, אַ פאַנאַנדערגעהן אין אַן „איך“־סוביעקט און אַן „איך“־אָביעקט. סוביעקט און אָביעקט זענען פערשיעדען. אויב דאָס ערשטע „איך“ איז „איך“, איז דאָס צווייטע שוין „ניט־איך“, און דער זאַץ „איך בין איך“ פערוואַנדעלט זיך אין זיין היפך: „איך בין אַ ניט־איך“. וואָס בע־

טייט דער זאַץ? ער בעטייט, אַז דאָס „איך“ שטעלט אין דעם אונבע־גרעניצטען „איך“ גופא אַוועק אַנטגעגען זיך אַן אונבעגרעניצטען „ניט־איך“. דאָס איז דער זאַץ פון דעם ר ע א ל י ז ם. אַלע זאַכען, וואָס עקזיסטירען, און אויך „איך“ בתוכם, זענען „אָביעקטען“, זאַכען, אַן אונענדליכע וועלט וואָס עקזיסטירט דרויסען פון דעם בעוואוסטזיין.

אָבער כדי צוויי אונבעגרעניצטע וועלטען, די אונענדליכע אינ־וועניגסטע וועלט פון דעם איך־בעוואוסטזיין און די אונענדליכע דרויסענדיגע וועלט פון דעם „ניט־איך“, זאָלען קאָנען ביידע עק־זיסטירען אין דעם „איך“, מוזען זיי איינע די אַנדערע בעגרעני־צען. איין וועלט מוז אָבשניידען אַ שטיק ממשלה פון דער אַנדערער, ד. ה. זיי מוזען ווירקען איינע אויף דער אַנדערער. דאָס „איך“ בעשאַפט אַ ס י נ ט ע ז פון זיינע פריהערדיגע אַוועק־שטעלונ־גען, — אַ סינטעז, וואָס דאַרף אויסגעדריקט ווערען אַזוי: „דאָס „איך“ שטעלט אַוועק אין דעם „איך“ אַ ב ע ג ר ע נ י צ ט ע ן „ניט־איך“ אַנטגעגען אַ בעגרעניצטען „איך“.

דער ערשטער קרייז פון דעם אונבעוואוסטען דענקען, וואָס ליעגט אין דער פאָרמעל „איך בין איך“, איז איצטער געשלאָסען. דאָס איך האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיך אַליין. וואָס קומט מיך דער קרייז צו לאָזען הערען? זעהר פיעל, לויט פיכטע!

ערשטענס, קאָנסטאַטירען מיר אַז דער „ניט איך“ שטאַמט אָב אין אַ גייסטיגען פּראָצעס פון דעם „איך“. די גאַנצע וועלט איז אַ פּראָדוקט פון דעם בעוואוסטזיין.

צווייטענס, זעהען מיר, אַז דאָס „איך“ איז ניט עפּעס אַ ממשות'דיגע ז אַ ך, נאָר אַ פּראָצעס פון בעוואוסטזיין, „ניט קיין טהאַט־זאַך, נאָר אַ טהאַט־האַנדלונג“. דאָס „איך“ איז אַ גייסטיגער ש אַ פ ע ן, אַ טהאָן, אַן א ר ב י י ט ע ן. און אַזוי ווי אַליז, וואָס עקזיסטירט, דער גאַנצער „ניט איך“, שטאַמט פון דעם „איך“, הייסט, אַז אַליז אין דער וועלט איז אַ פּראָדוקט פון דעם אויביג שאַפענדען בעוואוסטזיין.

דריטענס: דאָס „איך“ דענקט באמת אַ ווידערשפּרוך, בעשאַפט דעם ווידערשפּרוך אין זיך גופא און פערענטפערט איהם אין דעם פּראָצעס פון טהעזיס, אַנטי טהעזיס און סינטהעזיס, אין די דריי

דענק־מאָמענטען, וואָס געהערען צו איין און דעם זעלביגען גדאנק:

פערטענס, דורך דעם טהעזיס פון דעם „איך“’ס דענקען ווערט בעשאפען דער זאַץ פון אידענטיטעט (א איז א) און די ריינע קאַטעגאָריע פון רעאליטעט (איך „בין“!). דער אנטי־טעזיס בעשאפט דעם זאַץ פון ווידערשפרוך און די ריינע קאַטעגאָריע פון נעגאַציאָן. אין דעם סינטעזיס ווערט געבאָרען דער זאַץ פון דעם גענוגענדיגען גרונד און די קאַטעגאָריע פון לימיטאַציאָן.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אלץ! אין דעם סינטעז געפינען מיר יענעם פונקט, אין וועלכען דאָס בעוואוסטזיין שפאַלט זיך פאנאנ־דער אין זיינע צוויי הויפט־צווייגען; דעם טהעאָרעטישען שכל און דעם פראַקטישען. אין דער אמת'ן. דער סינטעז בעשטעהט פון צוויי זאַצען: א) דאָס „ניט־איך“ בעגרעניצט דאָס „איך“, ד. ה. ווירקט אויף איהם. דאָס איז די גרונדלאַגע פון דעם טהעאָרע־טישען שכל. אין אלע אונזערע טהעאָרעטישע בעטראַכטונגען נעהמען מיר אָן, אז „די דרויסענדיגע וועלט ווירקט אויף אונז, און די טהעאָרעטישע בעטראַכטונג איז אַן ענטפער אָט אויף די ווירקונג. ב) דאָס „איך“ בעגרעניצט דאָס „ניט־איך“, — דאָס איז די גרונד־לאַגע פון דעם פראַקטישען שכל. אין יעדער פראַקטישער טהעטיג־קייט רייסט זיך ארויין דאָס „איך“ אין דער ממשלה פון דעם ניט־איך“, ווירקט אויף דאָס און פערענדערט דאָס.

מיט דערזעלביגער מעטהאָדע, אויסצוטייטשען אלע געדאַנקען, וואָס ליעגען פערבאָרגען אין דעם זאַץ: „איך בין איך“, מיהט זיך פיכטע ארויסצוברענגען אלע יענע א־פּריאָרישע עלעמענטען פון דער וויסענשאַפט, וועלכע קאַנט האָט אויסגעפונען אין זיינע קרי־טיקען. עס ווערט דערקלעהרט, ווי אזוי דאָס „איך“ בעשאפט רוים און צייט, די קאַטעגאָריען פון'ם פערשטאַנד און אויך דעם אינ־האלט פון אונזער ערקענטניס — די עמפפינדונגען.

אויף אזא'ן אופן פיהרט פיכטע אוים די אויפגאַבע, וועלכע מימון האָט אוועק געשטעלט דער פילאָסאָפישער פאָרשונג: דער־גראָבען זיך ביז צו יענע טיעפענישען אין דעם „איך“, פון וואנען עס שפראָצט ארוים די עמפפינדונג. און אויך ריינהאָלדס אויפגאַ־בע: צוריק־פיהרען אלע עלעמענטען פון דער ערקענטניס צו איין

איינציגען פרינציפ — איז אויף א טיעפערען און גלענצענדערען אופן דורכגעפיהרט געווארען פון פיכטען.

בעטראכט מען אט די רעזולטאטען פון פיכטעס פארשען נאר אויבערפלעכליך, האבען מיר דא, אין זיינע געדאנקען פאר אונז, ניט מעהר, ווי א סיסטעמאטישע ע ר ק ע נ ט נ י ס - ט ה ע א ר י ע, וואס וויל פערענטפערן די ריין וויסענשאפטליכע שאלה: ווי אזוי אין דעם מענשליכען גייסט ווערט געבוירען די ערקענטניס. ווי אויס׳געקליגעלט, אויסגע׳פלפול׳ט פיכטע׳ס דעדוקציאנען זאלען ניט זיין, האבען זיי דאך אויפגעדעקט א סך פערבארגענע פראצעסען אין דעם „איך", מיט וועלכע שפעטערדיגע ריין וויסענשאפטליכע פארשער אויף דעם פעלד פון דער פיזיאלאגישער פסיכאלאגיע האבען זיך דאנקבאר גערעכענט. אפילו יענער ענטשיידענדער פונקט; וואס זאגט אונז, אז דאס „ניט־איך", די גאנצע דרויסענדיגע וועלט, ווערט בעשאפען פון דעם בעוואוסטזיין, האט אויך נאך ניט אין זיך קיין ברעקעל מעטאפיזיק: דאס מוז דאך אפילו דער שטרענגסטער מאטעריאליסט צוגעבען, אז די ע ר ק ע נ ט נ י ס פון דער דרויסענדיגער וועלט ווערט בעשאפען פון דעם ערקעננענדען „איך" און אז פריהער מוז אין איהם בעשאפען ווערען די איבערצייגונג, אז סאיז דא א דרויסענדיגע וועלט; די ערקענטניס מוז פריהער „אוועק שטעלען" אין זיך אט דעם „ניט־איך", עהרער זי קאן טראכטען וועגען איהם און שטודירען איהם.

אבער אין פיכטע׳ס פילאסאפישע געדאנקען ליעגט איינגעשלאסען א סך מעהר עהדער אן ערקענטניס־טהעאריע און א „וויסענשאפטס־לעהרע": זיי גיעבען אונז א נייע מעטהאדע פון פילאסאפישען פארשען און א נייע מעטאפיזיק.

## § 16. די ספעקוליאטיווע מעטהאדע און די מעטאפיזיק.

ביז אהער איז די פילאזאפישע מעטהאדע ניט געווען אבגעטיילט פון דעם איינפאכען לאגישען דענקען און פון יענע גרונדזאצען פון דעם מענשליכען שכל, וועלכע ער ווענדט אן אין דער וויסענשאפטליכער פארשונג. איז דער געדאנק געקומען צו א וועלכען עס איז ו ו י ד ע ר ש פ ר ו ך, צו אן אפענער, קלאהרער סתירה צו זיך גופא, האט ער זיך תיכף אבגעשטעלט און געזעהען קודם כל אויסצומיידען דעם ווידערשפרוך. די הויפט־קראפט פון דער פאר־

שונג איז געווען אויסצוגעפינען די א ו ר ז א כ ע ן פון דעם געשעהען, ארויסצוגעפינען אין אלין דעם פ א ר ו ו אָ ס. די הויפּט־ראָליע אין דעם דענקען האָט געשפּיעלט די פּארשטעללונג פון וועלכע עס איז ס ו ב ס ט א נ צ ע ן, אויביגע ממשות'ען, — גייסטיגע אָדער מאַטעריעלע. דאָס אויסשטודירען פון זייער טבע און זייער ווירקונג האָט אונז געדארפט געבען דעם ענטפער אויף דעם „פאר־וואָס" פון דער וועלט.

פּיכטע טרעט ארויס אין זיין מעטהאָדע אויף א וועג, וואָס ברעכט אין גאנצען אָב מיט די דאָזיגע טראדיציעס פון דעם „געזונ־דען מענשליכען פערשטאנד". דער פערשטאנד מיט זיין לאָגיק און מיט זיינע קאַטעגאָריען פון אורזאך און ווירקונג, פון סובסטאנץ און אקצידענץ איז ניט די לעצטע אינסטאנץ, ניט דער ריכטיגסטער פּרוביר־שטיין פון דער אמת'ער ערקענטניס. ער ווערט אליין ערשט ארויסגעבראכט, בעשאפען פון א העכערען ארט דענקען, וואָס רע־כענט זיך ניט מיט זיינע געזעצען. ספּינאָזא'ס „שכל'דיגער זעהען" („אינטעלעקטועלע אנשויאונג") ווערט ווידער געבוירען אין פּיכטעס ערקענטנים־טהעאָריע. דער שכל'דיגער ז ע ה ע ן הויבט זיך אויף העכער פאר דעם פערשטאנד, אָדער ריכטיגער: ער לאָזט זיך אראָב טיעפער פון איהם. ע ר ק ו ק ט א ו ן ז ע ה ט, וואָס דאָס „איך" טהוט, ווי ער בויט זיינע וועלטען און — פרעגט ניט קיין שאלות: ווי איז דאָס מעגליך? פאר וואָס טהוט ער אזוי און ניט אנדערש? די שאלות פון „מעגליך" און „אונמעגליך" די שאלות פון „פארוואָס" שטאמען דאָך פון דעם פערשטאנדס קאטע־גאָריען, וועגען וועלכע קאנט האָט שוין בעוויעזען, אז זיי האָבען ניט קיין אבסאָלוטען ווערטה פאר דער וועלט, אז זיי זענען ניט מעהר ווי רעלאַטיווע געצייג, בעשאפען נאָר צוליעב דעם, כדי ארויס צוברענגען מענשליכע ערפאהרונג. געפינען מיר, בעת'ן צוקענען־זיך צו די פערבאָרגענע פראָצעסען פון דעם אונבעוואוסט־שאפענדען „איך", אז ער פאטשט אין פנים אלע געזעצען פון דער לאָגיק, דארף מען ניט נתפעל ווערען דערפון. אויף אלע שאלות: פ א ר ו ו אָ ס איז עס אזוי? ווי אזוי קאָן דאָס געמאָלט זיין? גיט אונז פּיכטע איין ענטפער: „עס איז, ווייל עס איז און עס איז אזוי, ווי עס איז". דאָס „איך" ד ע נ ק ט א ווידערשפּרוך, עס האָט ג אָ ר נ י ט

קיין פאר וואס; ער איז אבסאָלוט ניט קיין ממשות, נאָר אַן אויביגער גייסטיגער שאפען, און אונזער אויפגאבע איז ניט מעהר, ווי צו צוקוקען זיך צו דעם, וואָס דאָס „איך" טהוט. דאָס איז די הויפט־רעגעל פון דער „ספעקוליאטיווער", דער צושווי־ענדער מעטהאָדע.

די ספעקוליאטיווע מעטהאָדע איז א געוואלטיגע רעוואָלוציע אין דעם מענשליכען דענקען, — א רעוואָלוציע, וואָס האָט געקעמפפט אין דעם גאנצען ניינצעהנטען יאָהר הונדערט, האָט געוואונען גרויסע זיעגען, און קעמפפט נאָך עד היום פאר איהר ממשלה. איינער פון איהרע גרעסטע נצחונות איז דער פאָזיטיוויזם, אָדער ריכטיגער, דער פאָזיטיוויסטישער גייסט אין דער פאָרשונג. דער פאָזיטיוויזם איז אויך א צושויענדע מע־טהאָדע. ער פרעגט ניט קיין „פארוואָס?", ער פרעגט נאָר „ווי אזוי?" ניט דערקלעהרען וויל דער פאָזיטיוויזם די וועלט, נאָר בעשרייבען, — אקוראט ווי דאָס פערלאַנגט פיכטע. דער פאָזיטיוויזם ווערט בעטראכט אין דער געשיכטע (און מיט רעכט) ווי דער שארפסטער געגענזאַץ צו דער ספעקוליאטיווער מעטהאָדע. אָבער אויך דאָ (ווי אין א סך פונקטען) בלייבט גע־רעכט דער דיאלעקטישער דענקער, וואָס האָט שוין צו ברונאָ'ס צייטען ארויסגעזאָגט דעם געדאנק, אז די „געגענזאצען פאלען צוזאַמען אין איינעם", אָדער ווי פיכטע זאָגט: עס איז ניטאָ קיין צוויי גע־געגנזאצליכע ענינים, וואָס זאָלען ניט האָבען א וועלכען עס איז בשותפות'ען פונקט. די ספעקוליאטיווע מעטהאָדע איז א מין פאָ־זיטיוויזם, וועלכער ווערט אָנגעווענדעט אויף א מאטעריאל, וואָס ליעגט מיט זיין גרעסטען טייל ווייט הינטער די גרעניצען פון דער מענש־ליכער שכל'דיגער זעהענס־קראפט, און דעריבער פאלט זי אָפט מאָל אריין אין האללוציניאציעס, און פאנטאָמען פון דער אייגענער פאנ־טאזיע, וועלכע זי נעהמט אָן פאר ווירקליכע פראָצעסען. איהר פער־בלענדענעס בעפעסטיגט זיך אלץ מעהר און מעהר, וואָס מעהר איהר דענקען ווערט איינגעקליידט אין דער פאָרם פון לאָגיש נויטווענדיגע דעדוקציאָנען.

פעסט איינגעגלויבט אין דעם אמת פון דער ספעקוליאטיווער מעטהאָדע, זיך א ברעקעל ניט גערעכענט מיט די געבאָטען פון דעם

פערשטאנד, דורך און דורך ארום גענומען מיט קאַנטישע איינצעל־געדאנקען, ברענגט פיכטע ארויס א מעטאפיזיק, וואָס לייקענט לגמרי אָב די יסודות פון קאַנט׳ס פילאָסאָפיע.

קאַנט גלויבט אין צ ו ו י י וועלטען: די וועלט פון ערשיי־נונגען און די וועלט פון דער „זאַך אין זיך", וואָס ליעגט הינטער די ערשיינונגען. אין איהר קאָנען מיר ניט ארייַנדרינגען מיט אונזער שכל. פאַר פיכטען איז „די זאַך אין זיך" דער „איך בין איך". די ספעקוליאטיווע מעטהאָדע דרינגט אין איהר אריין. פון צוויי וועל־טען ווערט איינע, די וועלט פון דעם בעוואוסטזיין. נאָר די איין וועלט איז דאָ, קיין אַנדערע איז ניטאָ און מיר געפינען אויס איהרע פערבאָרגענע סודות. די וועלט איז אַן „איך" און דאָס „איך" איז א גייסטיגעס שאַפען, א פרייעס אוועקשטעלען פון ציעלען, וואָס זאָלען פערווירקליכט ווערען, א ריינער „זאָל". קאַנט׳ס פראקטישער מענשליכער שכל ווערט דער־הויבען צו דער מדרגה פון א וועלט־פרינציפ. אויב די גאַנצע וועלט איז דאָס „איך"; אויב דאָס גאַנצע וועזען פון דעם „איך" איז פרייע פערווירקליכונג פון ציעלען, ד. ה. זיטליכקייט, איז יע־מאָלט די זיטליכקייט, די פליכט, דער תוך פון דער גאַנצער וועלט.

כדי זיטליך צו זיין, כדי צו שאַפען, מוז מען האָבען א ווי־דערשטאַנד, וועלכען מען זאָל קאָנען גובר זיין. דאָס „איך" בעשאַפט אין זיך גופא א גאַנצע וועלט, א „ניט־איך", כדי דאָס צו בעהערשען, צו איבעראנדערשען, לויט זיין אידעאַל. דאָס „ניט־איך" איז ניט נאָר די דרויסענדיגע נאַטור, נאָר אויך די זינליכע נאַטור פון דעם מענשען גופא, אויף וועלכע מיר מוזען זיך מתגבר זיין און אריין שפאנען זי אין דעם יאָך פון דעם „איך׳ס" פליכט־בעוואוסטזיין. אָבער א זיטליכער אידעאַל מוז פערווירקליכט ווע־רען ניט פון איין מענשען, נאָר פון א געזעלשאַפט פון זיטליכע פ ע ר ז אָ נ ע ן. דאָס „איך" שפּאַלט זיך צוליעב דעם פאַנאַנדער אָדער ריכטיגער ער פערפיעלפאכט זיך אין איינצעל־מענשען, מיט איינצעל־בעוואוסטזיין׳ס, אָבער אין יעדעם איינצעל־מענשען בלייבט ער אין זיין גאַנצקייט... דערפאַר קאָן יעדער מענש אויסגעפינען אין זיין אייגענעם „איך" דעם תוך פון דער וועלט.

דער פונקט איז דער וויכטיגסטער אין דער גאנצער פילאָסאָפיע פון פיכטע. ביז אהער האָבען מיר אלין געהאַט צו טהאָן מיט דעם „איך“ און מיר האָבען געמאָגט מיינען אז דאָס רעדט זיך וועגען מ י י ן „איך“, דעם עמפּירישען מענשען, וועלכען איך קאָן מיט די הענד אָנטאפּען. אלע אנדערע „איך׳ס“ זענען דאָך שוין איי־גענט־ליך ניט „איך׳ס“ נאָר „ער׳ס“, טיילען פון דער דרויסענדיגער וועלט, וואָס ווערען בעשאַפען אין „מיר“. איצטער זעהען מיר איין, אז ביז צו א געוויסען גראַד איז דאָס טאַקי ריכטיג, אָבער נאָר ביז צו א געוויסען גראַד. די „ער׳ס“ ווערען בעשאַפען אין מיר, אָבער אויך די פאָרשטעלונג פון מיין עמפּירישען „איך“, וואָס איז פערשיעדען פון די „ער׳ס“ ווערט דאָך אויך בעשאַפען אין „מיר“. הייסט דאָס, אז דאָס „איך“, וואָס בעשאַפט זיי, איז א העכערע זאַך, וואָס איז כולל אונז אלעמען אין איינעם מיט דער נאַטור. דער מעטאַפיזי־שער, אָדער ריינער, אונענדליכער „איך“, וועלכען איך געפין אין מיר, איז דערזעלביגער, וועלכען יעדער איינער קאָן אויף דעם זעל־ביגען ספעקולאטיווען וועג געפינען אין זיך. דאָס הייסט וויעדער, אז ער, דער אונענדליכער „איך“ איז פערשיעדען פון דעם ענדלי־כען, עמפּירישען „איך“. מיר, די עמפּירישע „איך׳ס“, זענען ניט מעהר ווי מאָמענטען פון זיין שאפען. אויב מיר ווילען דעם אונ־ענדליכען „איך“ פערגלייכען מיט א ים, יעמאָלט זענען מיר זיינע וואלען, וועלכע ער לאָזט ארויס פון זיך און ציעהט זיי וויעדער אין זיך אריין...

אויף אזא׳ן אופן, פערוואנדעלט זיך קאַנט׳ס פילאָסאָפיע, דורכ־געטריעבען דורך יאַקאָבי, הערדער, מימון און ריינהאָלד, אין א נייעם ארט ס פּ י נ אָ ז י ז ם. אין דעם נייען ספינאָזיזם אָבער שפּיעלט דער איינצעל־מענש, דאָס עמפּירישע „איך“ א פיעל גרעסערע, בכבוד׳ערע ראָליע, עהדער ביי ספינאָזאַ. דער וועלט־„איך“ לעבט אין איהם גאַנץ, ער בעשאַפט אין איהם, אין יעדעם איינצעלנעם בע־זונדער, א גאַנצע דרויסען־וועלט, און ער, יעדער איינצעלנער, איז דער טרעגער פון דעם וועלט־„איך׳ס“ זיטליכען שאַפענס־דראַנג.

פיכטעס ספינאָזיזם איז אויך א סך מ י ס ט י ש ע ר, עהדער ספינאָזא׳ס. ער איז דורך און דורך מיסטיק. דער אונענדליכער „איך“, דער יסוד פון דער וועלט לעבט אין אונז, און וואָס טיעפער

מיר דרינגען אריין אין אונז גופא, אין די געהיימניסען פון אונזער נשמה, אלץ טיעפער גיעסען מיר זיך צונויף מיט דעם וועלטען־גרונד, אלץ קלאָהרער ווערט אונז דער זין פון דעם גאַנצען זיין אויף דער וועלט, אלץ בולט'ער טרעט ארויס איהר פערבאָרגענער שכל און ציעל: די בעשאַפונג פון א זיטליכער וועלט־אָרדנונג, און אלץ מעהר אינטערעסירט אונז אונזער אייגענע ראָליע אין דער פערווירקליכונג פון יענער זיטליכער וועלט־אָרדנונג. די אידעע פון דער זיטליכער וועלט־אָרדנונג, — דאָס איז גאָט, דאָס איז דער תוך פון דעם אונענדליכען „איך". גאָט און וועלט איז איין און די זעלביגע זאַך. דער וועג צו דער ערקענטניס פון גאָט איז די פערטיעפונג אין דעם אייגענעם „איך". די דורכפיהרונג פון גאָט'ס ווילען איז די געמיינזאַמע ארבייט פון פערשידענע „איך'ס" אין דער מענשליכער געזעלשאפט.

פיכטע'ס מעטאַפיזיק שליעסט זיך גאַנץ נאַטירליך אָב מיט א סאָציאַליסטישען געזעלשאפט־סיסטעם. אויב דער גאַנצער זין פון דער וועלט איז שאַפען, ארויסברענגען בעוואוסטזיין, פערווירקליכען אין דעם „ניט־איך", אין דער נאַטור, גייסטיגע ציעלען, איז די ארבייט די העכסטע און היילינסטע זאַך אין דעם מענשליכען לעבען. און ווען די ארבייט איז די העכסטע טוגענד, איז לעדיג געהן, גאָר נישט ניט טהאָן, די גרעסטע עבירה. פיכטע שלאָגט פאָר פלענער, ווי איינצואָרדנען די געזעלשאפט אזוי, אז יעדער איינער זאָל האָבען די מעגליכקייט צו ארבייטען, לויט זיין פליכט־געפיהל און זאָל קאָנען פערווירקליכען יענע זיטליכע ציעלען, וועלכע דאָס אונענדליכע וועלט־„איך" וויל דורך איהם דורכפיהרען.

און דאָס אלץ ווערט ארויסגעוויקעלט פון דער אומשולדיגער פאָרמעל: „איך בין איך!"

פיכטע, זאָגט העגעל מיט בעגייסטערונג, לאָזט ארויס געהן די וועלט פון דעם „איך", ווי עס געהט ארויס פון איין קערענדעל זריעה דער גאַנצער בוים מיט זיינע וואָרצלען, דער שטאַם, די צווייגען, בלעטער און בלומען.

פיכטע, זאָגט מיט ווניגער בעגייסטערונג פריעדריך אלבערט לאַנגע, האָט ארויסגע'כשופ'ט די וועלט פון דעם „איך", ווי פון א לעבערדיגער נוס...

פופצעהנטער קאַפּיטעל.

# ספּעקולאַטיווע מעטאַפיזיק אין דייטשלאַנד.

## ב) שעללינג און העגעל.

(אינהאַלט: די געבורט פון דער ראָמאַנטיק. רעוואָלוציאָנערע און רעאַקציאָנערע שטימונגען אין דער ראָמאַנטיק. שלעגעל. נאָוואַליס. שלייערמאַכער. — יאָזעף שעללינג, זיין ספּינאָזיזם. דער שכל־דיגער זעהען. די וועלט־נשמה און די נאַטור־פילאָסאָפיע. דער „אבסאָלוט" און די אידענטיטעט פון נאַטור און גייסט. דער עסטעטישער פּאַנטהעאיזם. די רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע.—העגעל. זיין קריטיק פון קאַנט'ן, פיכטע'ן און שעללינג'ן. — דאָס דיאַלעקטישע דענקען און די דיאַלעקטישע מעטהאָדע. דער קאָנקרעטער בעגריף מיט די אינווענינסטע סתירות. העגעל און פּלאַטאָן. די טריאַדע. — העגעל'ס סיסטעם. די לאָגיק. ערשיינונג און ווירקליכקייט. די אבסאָלוטע אידעע. די נאַטור־פילאָסאָפיע. די גייסט־פילאָסאָפיע. דער סובּיעקטיווער גייסט. דער אָביעקטיווער גייסט. דער אבסאָלוטער גייסט. קונסט, רעליגיאָן און פילאָסאָפיע. העגעל'ס לאָגישער פּאַנטהעאיזם).

### 17. די געבורט פון דער ראָמאַנטיק.

די דענקער, וואָס צווישען קאַנט און פיכטע, און פיכטע אליין, האָבען אריין געגאָסען נייע שטראָמען פון גייסטיגער ענערגיע אין די געדאַנקען־וועלט פון זייער צייט. זיי האָבען געמאַכט אויפבּרויזען דאָס עפּענטליכע בעוואוסטזיין פון דער געבילדעטער וועלט אין דייטשלאַנד, וועלכע איז שוין א בלויז געוועזען אויפגערודערט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, וואָס האָט צושטערט די אלטע געטער

אין לעבען, און פון קאַנט'ס פילאָסאָפיע, וואָס האָט זיי פערטריבען פון דעם טהעאָרעטישען הימעל.

אין פיכטע'ס מעטאַפיזיק, וואו די גאַנצע וועלט איז געווען אָנגע'שכור'ט מיט דעם ענדציעל — צו בעשאַפען שטערונגען, ווי־דערשטאַנדען, כדי צו בעקעמפּפען זיי; בעקעמפּפען זיי, כדי צו פער־ווירקליכען אַ בעסערע וועלט פון אויביגע זיטליכע אידעאַלען — אין אָט דער מעטאַפיזיק האָט אָפּגעהילכט דער העלדען־געזאַנג פון דער רעוואָלוציאָן. דאָס שאַפענדע, צושטערענדע און וויעדער בויענדע „איך" איז געווען ווי אַ סימבאָל פון יענעם רעוואָלוציאָנס־העלד, וואָס רייסט זיך צו געוואַלטיגע, הימעל־שטורעמדיגע טהאַטען. אין דייטשלאַנד איז אָבער דאָס פּאָליטישע און סאָציאַלע לעבען נאָך ניט רייף געווען פאַר אַ רעוואָלוציאָן, און דער פּראָטעסטירענדער רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף די קריטיק פון יענעם אויבערפלעכליכען, זיס־זויערן ליבעראַליזם, וואָס האָט געהערשט ביי דער געבילדעטער וועלט, אַ דאַנק דער פאַר־קאַנטישער השכלה־פילאָסאָפיע. די קריטיק פון די רעליגיעזע, זיטליכע און סאָציאַלע אַנשויאונגען, וואָס האָט פערלאַנגט אַ פערטיעפונג אין די האָזיגע פּראָבלעמען, אַ דורכרייסען פון דעם געוועהנליכען שכל־הישר'דיגען שאַבלאָן, האָט אַרויסגעבראַכט אַ גייסטעס־שטרעמונג אין דער שעהנער ליטעראַטור און אין דער פילאָסאָפיע, וואָס איז בעקאַנט געוואָרען אונטער דעם נאָמען: „די ראָמאַנטיק". דאָס רע־וואָלוציאָנערע אין דער ראָמאַנטיק איז ניט געלעגען אין דער בע־שטרעבונג צו פערווירקליכען געוויסע פריידענקערישע פּראָגראַמען אין רעליגיאָן און פּאָליטיק. פערקעהרט, אייניגע פון איהרע פאָרדע־רונגען זענען געווען בטבע מעהר רעאַקציאָנער, עהדער פּראָגרעסיוו, און אַנדערע האָבען וועניגסטענס אַזוי אויסגעזעהן. דאָס רעוואָלוציאָ־נערע איז אָבער געלעגען אין דעם ברוך מיט דער געגענוואַרט, אין דעם רייסען זיך צו נייע הימלען, אין דעם קאַמפּף אַנטגעגען דאָס געוועהנליכע און מיטעלמעסיגע.

פריעדריך שלעגעל (1772 — 1829) און פריעדריך פאָן האַר־דענבערג (נאָוואַליס; 1772 — 1801) זענען געווען די ערשטע וואָרט־פיהרער פון דער נייער ריכטונג אין דער פילאָסאָפיע און אין דער פּאָעזיע. אויףביידען האָט בעשטימט געווירקט פיכטע'ס

הערָאָישע „איך“־לעהרע פון איין זייט און שיללער׳ס עסטהעטיק פון דער אַנדער זייט, וואָס האָט אין דער קונסט, אין דעם „שפּיעלענ־דען“ שאַפען, דערבליקט די העכסטע מדרגה פון דער מענשליכער פּאָלקאָמענהייט. די צונויפגיעסונג פון דעם הערָאָאישען „איך“ וואָס ברעכט אַלע ווידערשטאַנדען, מיט דעם „שפּיעלענדען“ שאַפען האָט ארויסגעבראַכט ביי שלעגעל׳ן זיין טהעאָריע פון דער „געניאַלער אינ־דיווידואַליטעט“ און זיין קולט פון׳ם זשעני. דער זיטליכער מענש צוברעכט די ווידערשטאַנדען פון דער נאַטור צוליעב דער פליכט, צוליעב געהייליגטע זיטליכע נאָרמען, וואָס שטאַמען פון דעם גע־וויסען; דער געניאַלער מענש, וואָס פערווירקליכט אין לעבען נור זיין אייגענע אויטאָנאָמיע (קאַנט!), צוברעכט די געהייליגטע זיט־ליכע נאָרמען צוליעב דער שעהנקייט פון זיין פּסיכישען לעבען, צוליעב קינסטלערישע און עסטהעטישע אידעאַלען. אָבער אויך דיעזע אידעאַלען זיינע, צו וועלכע ער גיט זיך איבער מיט לייב און זעעל, שפּרייזט ער אַריבער אין זיין „איראָניע“, אין דער זעלבסט־בעשפּאָ־טונג און זעלבסט־בעלוסטיגונג. דאָס, וואָס איז איהם קינסטלעריש געוועזען הייליג און ערנסט, ווערט פאַר איהם ניט מעהר ווי אַ שפּיעל, מיט וועלכען ער בעשעפטיגט זיך צוליעב דעם שפּיעלען גופא, צוליעב דעם שאַפען און דעם צושטערען פון אַלץ נייע און וויעדער נייע געטער. אָבשאַפענדיג אַלע מענשליכע גרעניצען פון גוט און שלעכט, שעהן און העסליך, אמת און פאַלש, גיעסט ער זיך אין גייסט סוף כל סוף צונויף מיט יענעם אַבסאָלוטען אור־גרונד פון דער וועלט, אין וועלכען עס זענען ניטאָ אָט די אַלע מענשליכע פאַנאַנדערטיי־לען. — עהנליכע געדאַנקען האָט אויך הארדענבערג ענטוויקעלט.

די ראָמאַנטישע פילאָסאָפיע האָט געהאַט איהר ווירקונג אויף אויף די פּאָעטישע בעהאַנדלונג פון דער נאַטור. די נאַטירליכע ניי־גונג פון דער פּאָעזיע — אריינצוטראָגען מ ע נ ש ל י כ ע ן לעבען אין די נאַטור־ערשיינונגען — איז פערשטאַרקט געוואָרען דורך דעם געדאַנק, אַז די גאַנצע דרויסענדיגע וועלט איז אַ פּראָדוקט פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין, — אַ געדאַנק, וואָס האָט שטאַרק געהאָלפען דער אויסאַרבייטונג און דער ענטוויקלונג פון דער שעל־לינג׳שער נאַטור־פילאָסאָפיע.

צו די ראָמאַנטיקער מוז מען אויך צורעכענען דעם טיעפען רע־

ליגיאָנס־פילאָזאָף, פריעדריך דניאל ש ל י י ע ר מ א כ ע ר (1768 — 1834), וועמעס דענק־ליניע עס ציעהט זיך פון יאַקאָבי. ווי אַלע ראָמאַנטיקער שטעלט ער אוועק דעם געפיהל העכער פאַר'ן שכל און פאַר'ן ווילען. פון אַלע געפיהלען איז פאַר איהם דאָס טיעפ־סטע און וויכטיגסטע דאָס ר ע ל י ג י ע ז ע. אויף קיין פעלד פון דער מענשליכער קולטור געפינט דאָס מענשליכע האַרץ ניט קיין אמת'ע בערוהיגונג, אחוץ אין דער רעליגיאָן. אין דער וויסענשאַפט שנזויסען מיר זיך אָן אָן אויביגע גרענעצען, וועלכע דער מענשליכער שכל וועט קיין מאָל ניט קענען אריבערשפּרייזען; אויף דעם פעלד פון זיטליכע אידעאַלען און האַנדלונגען הערשט אַ שטענדיגער קאַמפּף צווישען פליכט און נייגונג. נאָר אין דעם רעליגיעזען גע־פיהל פון צונויפגיעסונג מיט דער געטליכקייט און ווערן־איינס מיט איהר געפינט די נשמה איהר העכסטע בעפריעדיגונג.

שוין אין שלייערמאַכער'ס פילאָסאָפיע קלינגען גענוג גלאָקען פון דער אַלטער קריסטליכער פערגאַנגענהייט. זיי האָבען גענומען נאָך שטאַרקער און פער'עקשן'טער קלינגען אין דער גאַנצער ראָמאַנ־טישער בעוועגונג. דאָס פאַלען פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציאָן; נאַפּאָלעאָן'ס מלחמות, אין וועלכע די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פון דייטשלאַנד איז געשטאַנען אויפ'ן שפּיעל; דער באַנקראָט פון דעם קלאָהרען ראַציאָנאַליזם אין דער פילאָסאָפיע; די פּאָליטישע און קירכליכע רעאקציע אינ'ם לעבען פון כמעט אַלע אייראָפּעאישע פעלקער, — דאָס אַלץ האָט אָנגעזאָפּט די גייסטיגע אַטמאָספערע מיט אַ בענקשאַפטס־פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז אַזוי כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר יעדער עפּאָכע נאָך אַ געפאַלענער רעוואָלוציאָן: אַ גאָט־זוכעניש, אַ וועלען פערזונקען ווערען אין אַן איבערנאַטירלי־כע וועלט, אין וועלכער דאָס אייגענע „איך" זאָל אין גאַנצען צוגעהן און זיך צונויפגיעסען מיט אַ העכערען זיין. אַ סך שטורעם־גייסטער, וואָס האָבען אין דעם נאָמען פון'ם אייגענעם „איך" געוואָלט אַלע הימלען איינגעהמען, האָבען געענדיגט מיט אַ מעהר אָדער ווייניגער ערנסט געמיינטען קאַטאָליציזם.

דאָס איז אויך געווען דער לעצטער סוף פון אַ גרויסען, געניאַ־לען דענקער פון יענער צייט, וואָס האָט אין זיך אריין גענומען אַלע שטראַהלען פון דער ראָמאַנטיק. מיר מיינען דאָ י אָ ז ע ף ש ע ל ־

ל י נ ג. זיין בעדייטונג פאר דער ענטוויקלונג פון דעם פילאָסאָפישען געדאַנק איז אָבער געלעגען ניט אין זיין קאַטוילישען שלום־אקאָרד, נאָר אין די פריהערדיגע פאזען פון זיין פילאָסאָפירען.

## § 18. יאָזעף שעללינג (1775 — 1854).

פילאָסאָפיש איז שעללינג געווען פיכטע׳ס אַ תלמיד. די גאַנצע וועלט איז אַ פראָדוקט פון אַ וועלט־„איך", וואָס ברענגט אַרויס אַלע ערשיינונגען פון דעם „ניט־איך" דורך אַ שכל׳דיגע טהעטיג־קייט, כדי דורך־צופיהרען געוויסע זיטליכע ציעלען. אין אָנהויב האָט שעללינג ניט געהאַט פאר זיינע אויגען קיין אַנדער ציעל, ווי אַרויסצוברענגען דורך די נאַטור־וויסענשאַפטען גופא, אַז די נאַטור, דאָס „ניט־איך", איז אַ פראָדוקט פון דעם גייסט, פון דעם „איך". די פיכטע׳שע פילאָסאָפיע האָט בעדאַרפט ווערן פאר איהם דער פונדאַמענט פון אַ נייער נאַטור־וויסענשאַפט, וואָס זאָל בעווייזען, אַז די נאַטור איז אין תוך אַריין אַ „גייסטיגע" זאַך, ווען אפילו אַן אונבעוואוסטע, — אַ „פערשטיינערטע אינטעליגענץ". דאָס איז אויך געבליעבען דער גרונד־געדאַנק פון שעללינג׳ס נאַטור־פילאָסאָ־פיע. אָבער וואָס מעהר ער האָט זיך גענומען פערטיעפען אין די בעטראַכטונג פון די נאַטור־ערשיינונגען, אַלץ מעהר האָט ער זיך געמוזט דערווייטערן פון יענעם געדאַנק פיכטע׳ס, וואָס זאָגט, אַז די נאַטור איז ניט מעהר ווי אַ „ווידערשטאַנד", בעשאַפען פון דעם בעוואוסטזיין, כדי איהם צו בעהעררשען. עס איז איהם געוואָרען קלאָהר אַז די אונענדליכע וועלט־ערשיינונגען זענען צו זעלבסט־שטענדיג, פיהרען אַ צו־רייכען אייגענעם לעבען, מען זאָל זיי קענען דערקלעהרען נאָר דורך די זיטליכע אויפגאַבען פון דעם וועלט־„איך". די נאַטור קאָן ניט זיין עפּעס אַזוינס, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען נאָר כדי עס זאָל פ ע ר נ י כ ט ע ט ווערן אין׳ם בעוואוסטזיין. זי איז עפּעס, וואָס געהערט צו דעם עצם פון דעם וועלט־„איך" גופא. ספינאָזאַ איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געלעהרנט, אַז נאַטור און גייסט, „אויסדעהנונג" און „דענקען" זענען צוויי, גלייך נויט־ווענדיגע אַטריבוטען אין דער וועלט־סובסטאַנץ.

עס איז דעריבער, לויט שעללינג, ניט ריכטיג צו קוקען אויף דעם אור־גרונד פון דער וועלט ווי אויף אַן „איך", וואָס בעדייט אַ ריינעם בעוואוסטזיין; עס איז ניט ריכטיג אַז דאָס ר י י נ ע ב ע־

ו ו א ו ס ט ז י י ן בעשאַפט ערשט אין זיך אַ ניט־בעוואוסטע וועלט, אַ פאַלשטענדיגען היפך צו זיך גופא, עפּעס אַזוינס, וואָס איז איהם לחלוטין פרעמד און פיינדליך. דאָס „ניט איך“ איז אַקוראַט אַזוי געטליך, ווי דאָס „איך“ ניט נאָר אין זיין אורשפּרונג, נאָר אין זיין עצם. „איך“ און „ניט־איך“ זענען דעריבער גאָר קיין פּאַסענדע נעמען פאַר יענע צוויי גרונד־געגענזעצען, פון וועלכע די גאַנצע וועלט בעשטעהט. ס'איז ריכטיגער צו רעדען וועגען „גייסט“ און „נאַטור“, וועגען דאָס „אידעאַלע“ און דאָס „רעאַלע“.

אָבער ווען שעללינג נויגט זיך דאָ אין די געדאַנקען שטאַרק צו ספּינאָזאַ, פאַלט דאָך ניט צונויף זיין פילאָסאָפיע מיט דעם ריי־נעם ספּינאָזיזם. ספּינאָזאַ איז אַ דענקער פון דער פאַר־קריטישער פעריאָדע. ווי הויך ער זאָל זיך ניט אויפהויבען אין זיינע געדאַנקען איבער דעם „שכל הישר“ פון דעם פּשוט'ען בשר ודם, ווי פיעל ער זאָל ניט האַלטען פון דעם „שכל'דיגען זעהען“, וואָס בעווייזט אונז אַ גאַנץ אַנדער וועלט, עהדער דאָס געפינט אוים דער געוועהנליכער פערשטאַנד, — שטעקט ער דאָך נאָך אין גאַנצען אין יענע דענק־פאָרמען, וואָס שטאַמען פון דעם געוועהנליכען פערשטענדיגען דענ־קען און זיינע קאַטעגאָריען. סובסטאַנץ, קוואַליטעט און נויטווענ־דיגקייט, — דאָס זענען די הויפּט־בעגריפען, מיט וועלכע ספּינאָזאַ אַרבייט און וועלכע ער היט אָב. נאָך קאַנט'ן און פיכטע'ן קאָן מען זיך מיט די פערשטאַנדעס בעגריפען ניט בעגעהן אַזוי נאַאיוו גלויביג, ווי דאָס טהוט ספּינאָזאַ. דער פערשטאַנד איז אַ ניעדעריגערער אַרט פון דענקען. דער „שכל'דיגער זעהען“ ווענדט אָן אַנדערע פּרינציפּען, אַנדערע געצייג אין זיין דענקען. אַנשטאַט „סובסטאַנץ“, ד. ה. אַן אויביגען, פערגליווערטען, זיך זעלבסט גלייכען „זיין“, געפינט דאָס „שכל'דיגע זעהען“ אומעדום אַ שטענדיגען ו ו ע ר ן, אַ גייסטיגען רוהע־לאָזען שאַפען. אַנשטאָט קוואַליטעט — אַ פרייען שפּיעל פון די אייגענע קרעפטען, וואָס בעשאַפען ערשט „קוואַליטעט“, ווי אַ בעשטימטען קליינעם מאָמענט אין זייער שפּיעלען, און אַנשטאָט „נויטווענדיגקייט“ — אַ צ ו ו ע ק מ ע ס י ג ק י י ט, וואָס נעהמט דורך אַלץ, וואָס עס איז נאָר דאָ אויף דער וועלט.

מיט וואָס פאַר אַ רעכט זאָגט זיך אָב דער שכל'דיגער זעהען, — די העכערע, ספּעקוליאַטיווע אַרט צו פילאָסאָפירען, — פון יענע

געזעצען, וואָס דער פערשטאַנד האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אַלע נאַטור־ערשיינונגען? מיט וואָס בעווייזט ער, אַז זיין דענקען איז העכער און אמת'ער, עהדער דאָס דענקען פון'ם נאַטור־וויסענשאַפט־ליכען פערשטאַנד? ער „בעווייזט“ גאָר ניט, זאָגט שעללינג. פאָדערן ב ע ו ו י י ז ע ן איז אויך ניט מעהר, ווי אַ נידעריגער ארט פון דענקען, וואָס שטאַמט וויעדער פון דעם פערשטאַנד און ניט פון דעם העכערען שכל. דער העכערער שכל ז ע ה ט. קוים איז ער ביכולת זיך צו בעפרייען פון דעם פערשטאַנדס־נעצען, אַזוי זעהט ער אין איין געניאַלען בליק דעם גאַנצען תוך פון דער וועלט. אין דעם געניאַלען בליק ווערט געבוירען דער אַ ב ס אָ ל ו ט ע ר א מ ת און די אויפגאַבע פון דעם פילאָסאָף איז ניט מעהר ווי צו בעשרייבען, צו פאַנאַנדער גליעדערן און צו דערקלעהרען, וואָס דער געניאַלער בליק נעהמט אַרום, ווען ער דערהויבט זיך צו דער מדרגה פון דעם שכל'דיגען זעהען.

דאָס פילאָסאָפישע וועלט־בילד איז אויף אַזאַ'ן אופן ניט אַ רעזולטאַט פון מעטהאָדישען, פאָרזיכטיגען שטודירען, טראַכטען און איבערטראַכטען. אין די סודות פון דער וועלט דרינגט אַריין נאָר דער זשעני, און וואָס ער זעהט דאָרטען, אַנטפּלעקט ער דער וועלט ווי אַ נביא.

וואָס האָט שעללינג'ס זשעני דערבליקט אין דער וועלט?

צו פערשיידענע צייטען האָט שעללינג'ס זשעני געזעהען פער־שיידענע בילדער. אָבער זיי אַלע האָבען זיך געדרעהט אַרום איין איינציגען פונקט: אַרום דעם אַבסאָלוטען וועלט־שכל, וואָס ענט־וויקעלט פון זיך אַליין אַרויס די נאַטור און דעם גייסט. צוערשט האָט זיך איהם דער וועלט־שכל אַנטפּלעקט, ווי אַ ו ו ע ל ט - נ ש מ ה, וואָס בעלעבט און בינדט צונויף אַלע טיילען פון דער וועלט, וועלכע שטאַמען פון איהר אָב. זי ווירקט אין איהר, ווי אַ לעבעדיגע קראַפט, וואָס מאַכט פון אַלע וועלט־טיילען איין איינציגען אָ ר ג אַ נ י ז ם. אַלין אין דער נאַטור איז צוועקמעסיג, אַלין איז צוגעפּאַסט צו דעם לעבען פון'ם גאַנצען. דאָס איז דער גרונד־געדאַנק פון שעללינג'ס פילאָסאָפיע. די אורזאַכען און ווירקונגען האָבען מיר אויסצופאָרשען נאָר צוליעב דעם, כדי צו פערשטעהן די וועלט־צוועקען, וואָס ווערען דערגרייכט דורך זיי. און נאָר אין דעם ליכט פון די וועלט־צוועקען

פערשטעהען מיר דעם פערבאָרגענעם זין פון די אורזאַכען און וויר־קונגען. וואָס איז דער צוועק פון דער וועלט? די וועלט־נשמה איז לויט איהר טבע שכל, אָבער א ו נ ב ע ו ו א ו ס ט ע ר שכל. זי האָט אַ טריעב צו זעלבסט־ענטוויקלונג, צו ווערן ב ע ו ו א ו ס ט ע ר שכל, צו קומען צו זיך אַליין. זי לאָזט אַרויס פון זיך אַלץ העכערע און העכערע געשטאַלטען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס אַלץ מעהר און מעהר בעוואוסטער שכל. איהר מעטאָדע ביי דעם שאַפען איז אַ קאַמפף־מעטהאָדע. זי בעשאַפט געגענזעצען, פערבינדט זיי, צואיינט זיי, לאָזט אַרויס פון דער פעראייניגטער געשטאַלט אַ נייעם העכערען געגענזאַץ, פערבינדט איהם ווידער און אזוי ווייטער. איבעראַל אין דער נאַטור ווי אין גייסט הערשט דאָס געזעץ פון געגענזעצליכקייט, פון פּ אָ ל אַ ר י ט ע ט, ווי אין דער עלעקטריע. דער פּאָזיטיווער פּאָל און דער נעגאַטיווער ציעהען צו איינער דעם אַנדערן. פערשיידענע נאַטור־פאָרמען ברענגט זי אויף אזא'ן אופן אַרויס, אין וועלכע עס ווערט פערווירקליכט אַלץ מעהר און מעהר גייסט. פלאַנצען, חיות און מענשליכע „איך'ס" ווערען בעשאַפען, ביז די וועלט־נשמה דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון בעוואוסטזיין אין דעם זיטליכען מענשליכען שכל, וואָס שטעלט זיך קלאָהרע, בע־וואוסטע, פרייע ציעלען פאַר זיינע אויגען.

דאָ, אויף דער העכסטער מדרגה פונ'ם בעוואוסטזיין, געפינט זיך די וועלט־נשמה אין דער טיעפסטער אָבגעריסענקייט פון דער נאַטור, ד. ה. פון זיך גופא. עס דערוועקט זיך אין איהר אַ ווייטערער, אַ העכערער שטרעבען צונויפ־צוגיעסען דעם גאַנץ בעוואוסט געוואָ־רענעם שכל מיט דער נאַטור, צו בעשאַפען אַ נייע איינהייט אויף אַ העכערער באַזיס, עהדער דאָס איז געשעהען אין דער וועלט־ענט־וויקעלונג. און דער בעוואוסטער גייסט הויבט אָן צוריק צו קעהרען זיך צו דער נאַטור. גייסט און נאַטור זאָלען זיך צונויפגיעסען אין דעם בעוואוסטען גייסט. דאָס קומט פאָר ערשטענס אין דער טהעאָ־רעטישער וויסענשאַפט און אין דער פילאָסאָפיע. דער גייסט ווערט פעראינטערעסירט מיט דער נאַטור, ער אַרבייט זי אַריין אין אַ פערגייסטיגטען צושטאַנד אין זיך. ער שטודירט זי און פערליערט זיך אין איהר וויסענשאַפטליכער פאָרשונג, אָבער ער פערליערט זיך דאָ ניט גאַנץ. ער איז נאָך זעלבסט־שטענדיג און פיהלט זיין

זעלבסטשטענדיגקייט, זיין פערשיעדענקייט פון דער נאַטור. עס ווערט דעריבער בעשאַפען אַ נאָך העכערע מדרגה פון גייסטיגען זיין: די פּאָעזיע און די קונסט. דאָ שפּיעלט שוין די נאַטור נאָך אַ גרעסערע ראָליע. דער גייסט פערליערט זיך אין גאַנצען אין איהר. ער גיעסט זיך מיט איהר צונויף אין אַ העכערער איינהייט אין וועלכער עס ווערט אין גאַנצען פערלאָרען דער היפך פון נאַטור און גייסט. דאָס אידעאַלע ווערט רעאַל, דאָס רעאַלע ווערט אידעאַל. קונסט און פּאָעזיע זענען דעריבער די העכסטע פּראָדוקטען פון דער וועלט־נשמה, דער ענד־צוועק פון דער גאַנצער אַלוועלטליכער ענט־וויקעלונג. אין דער שעהנהייטס־האַרמאָניע פון גייסט און נאַטור ענטפּלעקט זיך ענדליך דער תוך פון דער וועלט.

אויב פּיכטע'ס סיסטעם קאָן אָנגערופען ווערען „עטהישער פאַנטהעאיזם", מוז מען שעללינג'ס סיסטעם אָנרופען „עסטהעטי־שער פאַנטהעאיזם": גאָט און די וועלט איז איין און דיזעלביגע זאַך, אָבער די העכסטע מדרגה פון זייער ענטוויקעלונג, וואָס דריקט אויס זייער פערבאָרגענעם תוך, איז ניט די זיטליכע האַנדלונג, נאָר די עסטהעטישע אָנשויאונג.

שפּעטער האָט זיך אָבער שעללינג געפיהלט ניט אין גאַנצען צופריעדען מיט זיין וועלט־בילד. דער סוף איז ריכטיג, אָבער דער אָנהויב און דער וועג? אויב די וועלט־נשמה איז ריינער, ווען אפילו אונבעוואוסטער גייסט, ווי קומט אַהינצו די נאַטור? און אויב די נאַטור ווערט בעשאַפען, ווי אַ געגענזאַץ צו זיך גופא, כדי אין קאַמפּף מיט איהם צו דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון בעוואוסט־זיין, — היינט צו וואָס אומקעהרען זיך צוריק צו דער נאַטור, ווען אפילו אין אַ פערגייסטיגטער פאָרם? ניין! די נאַטור איז אין שעללינג'ס נאַטור־פילאָסאָפיע נאָך ניט אין גאַנצען געקומען צו איהר רעכט, זי ווערט נאָך בעהאַנדעלט, אויב ניט ווי אַ שקלאַווין אַ לאַ פּיכטע, איז דאָך כמעט ווי אַ שטיעף־קינד.

און אַ נייע זעהונג בעצויבערט שעללינג'ס „שכל'דיגען זעהען". דער וועלטען־גרונד איז די וועלט־סובסטאַנץ: „דער „אבסאָלוט". אין איהם זענען נאַטור און גייסט אַזוי צונויפגעגאָסען אין איי־נעם, אַז צווישען זיי איז קיין שמץ פון אַ חלוק ניטאָ. שעללינג רופט איצטער זיין פילאָסאָפיע אָן די פילאָסאָפיע פון דעם אבסאָלוט

אָדער די אידענטיטעט'ס פילאָסאָפיע. אין דער וועלט־סובסטאַנץ זענען דאָס רעאַלע (דער אָביעקט) און דאָס אידעאַלע (דער סוביעקט) אַבסאָלוט אידענטיש. דער אַבסאָלוט שטעהט העכער פאַר דעם היפּך פון גייסט און נאַטור. ערשט אין דער וועלט־ענטוויקעלונג גע־העז זיך פאַנאַנדער דיביידע פּרינציפּען. אָבער זיי ווערען דאָך ניט אין גאַנצען פערשיידען איינע פון די אַנדערע. די נאַטור בלייבט גייסט און גייסט בלייבט נאַטור. דער אונטערשייד צווישעןביידען איז ניט קיין קוואַליטאַטיווער, נאָר אַ קוואַנטיטאַטיווער: אין דעם רעאַלען איז מעהר נאַטור עהדער גייסט (עס איז דאָס אָביעקט־סוב־יעקט); אין דעם אידעאַלען איז מעהר גייסט, עהדער נאַטור (עס איז דאָס סוביעקט־אָביעקט).ביידע עלעמענטען ענטוויקלען זיך פון מדרגה צו מדרגה און יעדע מדרגה געהט אַריבער אין אַ העכע־רער דורך דעם, וואָס זי כפל'ט זיך אויף זיך גופא. און אַזוי איז די גאַנצע ענטוויקלונג אַ שורה פון „פּאָטענצען". די נאַטור איז דאָס אונבעוואוסטע און בלינד־נויטווענדיגע, דער גייסט — דאָס בע־וואוסטע און פרייע. אַן אויביגער קאַמפּף קומט פאָר צווישען זיי, וואָס טרעט אַם בולט־סטען אַרויס אין דער געשיכטליכער ענטוויקע־לונג פון דער מענשהייט. אין אָנהויב איז דאָס אונבעוואוסטע דער אויבערהאַר איבער דעם בעוואוסטען, — דעם צושטאַנד רופט שעל־לינג אָן די הערשאַפט פון'ם שיקזאַל. דאָס שעהנסטע און ערהאַבענ־סטע ווערט צובראָכען און צו נישט געמאַכט דורך די ברוטאַלע מאַכט. דערנאָך געהט דער „שיקזאַל" אַריבער אין „נאַטור". אַנשטאָט דער בלינדער געוואַלט און דעם אכזריות'שען ווילד־וויללען הויבט אָן אין דעם געשיכטליכען לעבען צו הערשען געזעצמעסיגקייט און אָרדנונג. די פעלקער הויבען זיך אָן צו פערבינדען איינס מיט דעם אַנדערן און עס וואַקסט אויס אַן אַלגעמיין־מענשליכע גייסטיגע אַטמאָספערע. די עפּאָכע פון דער „נאַטור", אין וועלכער מיר גע־פינען זיך איצטער, וועט איבערגעהן צו נאָך אַ העכערער מדרגה, דער מדרגה פון דער „השגחה", ווען אַלע צוועקען פון דעם וועלט־סובסטאַנץ וועלען ווערען קלאָהר פאַר אַלע מענשען, און זיי וועלען פרייוויליג אויספיהרען די געבאָטען פון דעם וועלט־שכל.

אויך אין אָט דעם וועלטען־בילד שעללינג'ס שפּיעלט די קונסט זעהר אַ הויכע ראָליע, אָבער שוין ניט די העכסטע. העכער פאַר

איהר, אויף דעם שפּיץ פון דעם גאַנצען סיסטעם שטעהט די פילאָ־פישע בעטראַכטונג פון דער קונסט. אין דער קונסט־פילאָסאָפיע ליעגט דאָס העכסטע ציעל פון יעדען פילאָסאָפיערען.

אָבער אויך ביי דעם שטאַנדפּונקט פון דער „אידענטעטס־פי־לאָסאָפיע" איז שעללינג ניט געבליבען שטעהן. זיין אויביג־שאַפענ־דער גייסט האָט געזוכט אַלין נייע און נייע וועגען, ווי אַזוי אַריינ־צודרינגען אין דעם סוד פון דער וועלט און ריכטיג אָבצושפּיעגלען דעם תוך און די ענטוויקעלונגס־וועגען פון דער געטליכער וועלט־סובסטאַנץ. אַ לאַנגע צייט אָבער האָט זיך שעללינג ניט אַריין גע־מישט אין דעם גאַנג פון דער פילאָסאָפישער ענטוויקעלונג. זיין פריינד, מיטאַרבייטער און תלמיד, העגעל, איז אין דעם יאָהר 1806 אַרויס מיט זיין ערשטען גרויסען פילאָסאָפישען ווערק, אין וועלכען ער האָט אָנגעהויבען בויען אויף שעללינג'ס פונדאַמענט זיין איי־גענעם קאָלאָסאַלען פילאָסאָפישען בנין. פערהילכט איז די וועלט געוואָרען דורך דעם רוהם פון העגעל'ס פילאָסאָפיע, און שעללינג איז אין גאַנצען אָבגעשטופּט געוואָרען אָן אַ זייט. ערשט, אַז העגעל איז געשטאָרבען און די יונג־העגעליאַנער האָבען גענומען מיט זיין דיאַלעקטיק אונטערגראָבען די יסודות פון רעליגיאָן און שטאַאַט, ערשט יעמאָלט האָט די פּרייסישע רעגיערונג ווידער אַרויסגערופען שעללינג'ען פון זיין בעהאַלטענקייט, ער זאָל מיט זיין פילאָסאָפיע, וואָס איז געוואָרען מיסטיש און רעליגיעז, בעשאַפען אַ געגען־גיפט צו דעם ראַדיקאַלען יונג־העגעליאַניזם. שעללינג'ס נייעסטע און לעצטע פילאָסאָפיע הויבט ווידער אָן מיט דער אבסאָלוטער סובּ־סטאַנץ, וואָס האָט אָבער אין זיך נאָך ווייניגער קלאָהרען בעוואוסט־זיין, ווי פריהער. איהר תוך איז עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן קיין מאָל מיט'ן שכל ניט פערשטאַנען ווערען, און וואָס ענטפּלעקט זיך אַם קלאָהרסטען — אויף וויפיעל עס קאָן ווערן איבערהויפּט קלאָהר —ערשט אין דער ענטוויקעלונג פון מיטהאָלאָגיע און פון דער רע־ליגיאָן. דער העכסטער צווייג פון דער מענשליכער קולטור איז שוין דעריבער ניט די קונסט, נאָר די רעליגיאָן, און די העכסטע מדרגה פון דער רעליגיאָן איז דאָס קריסטענטום.

די נייע און לעצטע פילאָסאָפיע שעללינג'ס, ווי רייך זי איז ניט געווען אין איינצעלנע געדאַנקען, האָט אָבער קיין ברעקעל רושם

ניט געמאַכט אויף דעם פילאָסאָפישען בעוואוסטזיין פון דער צייט. זי האָט ניט געקענט נושא־חן־זיין ביי א דור, וואָס איז אויפגעצויגען געוואָרען אויף העגעל׳ס פילאָסאָפישען סיסטעם, ביי וועמען וויסענשאַפט, שכל און דער קולט פון דעם ערנסטען דענקען איז געשטאַנען העכער פאר אלץ אין דער וועלט.

שעללינג׳ס פילאָסאָפיע האָט אין איהרע ערשטע יוגענד־פאָרמען געווירקט ניט נאָר אויף די וויטער־ענטוויקעלונג פון דעם ריין־פילאָסאָפישען געדאַנק, נאָר אויך אויף די פערטיעפונג פון די נאַטור־וויסענשאַפטליכע פּראָבלעמען, דער עיקר אין דער ביאָלאָגיע. די ווירקונג איז געוועזען א צווייפאַכע: א שעדליכע און א ניצליכע. שעדליך איז זי געוועזען, ווייל זי האָט זיך ניט געוואָלט פערלאָזען אויף די עמפּירישע בעאָבאַכטונגען און האָט צו פיעל פאַנטאַזירט וועגען דער נאַטור. פון דער אַנדער זייט האָט זי געלעהרנט צו קוקען אויף די נאַטור, ווי אויף איין גרויסע איינהייט, וואָס האַלט אין א שטענדיגען ענטוויקלען זיך און האָט דורך דעם צוגעגרייט דעם באָדען פאַר דער שפּעטערדיגער עוואָלוציאָנס־טהעאָריע.

## § 19. העגעל (1770 — 1831).

געאָרג פריעדריך ווילהעלם העגעל איז אין זיינע גרונד־פּרינציפּען א דירעקטער יורש פון שעללינגען. אָבער אין דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע איז נאָך ניט געוועזען אַזאַ דענקער ווי ער, וואָס זאָל אריינארבייטען אין זיין סיסטעם אַזוי פיעל געדאַנקען פון אַ ל ע זיינע פאָרלויפער, ביז אויף פּיטהאַגאָראַס אַרויף. קיין מעהר אָדער ווייניגער וויכטיגער פילאָסאָפישער געדאַנק, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען אין דעם גאַנצען משך פון דער גאַנצער היסטאָרישער ענטוויקעלונג, איז ניט געבליעבען אום־בענוצט פון העגעל׳ן. ערגעץ־וואו איז ער אריין געשטעלט געוואָרען ווי א ציעגעל אין זיין געוואַלטיגען מאָנומענטאַלען בנין. און פון דעסטוועגען איז זיין געביי אַרויס איינהייטליך און פון דער שטרענגסטער סיסטעמאַטישער אַרכיטעקטור. געהאָלפען האָט איהם זיין גרונד־געדאַנק, אַז דער אמת ליעגט ניט אין דעם שלוס־וואָרט פון א וועלכער עס איז ענטוויקעלונג אַליין, נאָר אין דער גאַנצער ענטוויקעלונגס־קעיט, פון איהר אָנהויב־ריננג ביז צו איהר שלוס־רינג. די פילאָסאָפיע פון אִיהר עֶרשטֶען בעגינען אָן ביז צו איהר שלוס־שטיין, ביז צו זיין

אייגענער, העגעל׳שער, פילאָסאָפיע, איז איין איינציגער געדאַנק, וואָס ווערט קאָנצענטרירט אין דעם לעצטען וואָרט, מיט וועלכען די גאַנצע פילאָסאָפישע ענטוויקעלונג ווערט אויף אייביג געשלאָסען.

מעהר פאַר אַלעמען האָט אָבער העגעל צו פערדאַנקען זיין אייגענעם רבי׳ן, שעללינג׳ן, און די צוויי גרעסטע פאַנטהעאיסטען: ספינאָזאַ מיט זיין אייביגען זיין און די אייביגע געזעצען פון דער סובסטאַנץ, און הערַאקליט, מיט זיין אייביגען „ווערן" פון דעם פייערדיגען וועלט־שכל. מען קאָן ניט ריכטיג פילאָסאָפירען, מיינט העגעל, וואו מען לאָזט ניט אַפריהער אויסבאָדען זיין גייסט אין דעם ריינעם עטהער פון ספינאָזאַ׳ס סובסטאַנץ; און וועגען דעם צווייטען פאַנטהעאיסט זאָגט ער, אַז עס איז ניטאָ קיין איינציגער זאַץ הערַאקליט׳ס, וועלכען ער, העגעל, זאָל ניט האָבען אַריינגעאַרבייט אין זיין פילאָסאָפישען סיסטעם. דער פונדאַמענט אָבער, אויף וועלכען ער בויט, איז שעללינג׳ס אידענטיטעטס׳פילאָסאָפיע, — דער געדאַנק, אַז נאַטור און גייסט זענען ניט צוויי אַטריבוטען פון דער וועלט־סובסטאַנץ, ווי דאָס וואָלט אויסגעקומען על פי ספינאָזאַ, נאָר פשוט איין און דיזעלביגע זאַך אין דעם אַבסאָלוטען וועלט־שכל. העגעל דריגנט אַרויס דערפון קודם־כל דעם ערקענטניס־טהעאָרעטישען גרונד־געדאַנק, אַז וויבאַלד די גאַנצע וועלט איז שכל און אונזער שכל איז אַ טייל פון דער גאַנצער וועלט, איז דעריבער קיין חדוש ניט, נאָר אדרבה, זעהר נאַטירליך, וואָס דער שכל אין אונז איז ביכולת אַריין צו דרינגען אין דעם שכל פון דער וועלט. קאַנט׳ס פאָרדערונג, מען זאָל פריהער אויספאָרשען די כחות און די גרעניצען פון דעם מענשליכען שכל, עהדער מען געהט איבער צו דער ערקענטניס גופא, זעהט אויס פאַר העגעל׳ן אַקוראַט אַזוי, ווי מען וואָלט פערלאַנגען, מען זאָל זיך פריהער גוט אויסלערנען שווימען, עהדער מען וואַרפט זיך אַריין אין וואַסער. אויך די אַנטינאָמיען און די אינוועניגע ווידערשפּרוכען, וועלכע קאַנט האָט געפונען אין דעם שכל, ווען ער שפּרייזט אַריבער די גרעניצען פון דער ערפאַהרונג, האָבען איהם ניט געזאָלט אָבשרעקען. אויב דער שכל פערוויקעלט זיך אין אינווענינע סתירות, איז דאָס אַ סמן, אַז די ווידערשפּרוכען געהערען צו זיין אייגענער נאַטור און אַזוי ווי אויך די וועלט איז שכל, געהערען די ווידערשפּרוכען צו דעם תוך פון דער וועלט. בכלל בעגעהט

זיך קאַנט מיט דעם שכל, ווי מיט עפּעס אַ צופעליגער זאַך אין דער וועלט. סאַרקאַסטיש בעמערקט העגעל, אַז קאַנט טאַפּט בלינד אַרום אין דער מענשליכער ערקענטנים ווי אין אַ זאַק, פון וועלכען ער שלעפּט אַרויס די פערשיעדענע פאָרמען און כחות. אַ גליק, וואָס ער האָט אין דעם זאַק אָנגעטאַפּט אויך דעם שכל. דאָס איז אַ פּשוט'ער צופאַל. די ערקענטנים האָט אפשר געקאָנט אויסקומען גאָר אָהן איהם... פיכטע האָט שוין גוט פערשטאַנען די צענטראַלע ראָליע פון דעם מענשליכען שכל, אַז ער איז אייגענטליך דער אַלץ־אין־אַלץ פון דער וועלט, אַז איהר תוך איז אַ געדאַנקען־געוועב פון דעם שכל, און אַז דעריבער איז דער אידעאַליזם דער איינציג־ריכטיגער פילאָסאָפישער שטאַנדפּונקט. אָבער ביי פיכטען איז דער אידעאַליזם נאָך דורך און דורך סוביעקטיוו. ער זעהט נאָר די זייט פונ'ם שכל, וואָס דריקט זיך אויס אין אונזער סוביעקט און זעהט ניט די זייט זיינע, וואָס הערשט אין דעם וועלטליכען אָביעקט. ערשט אין שעל־לינג'ס סיסטעם איז דער פילאָסאָפישער געדאַנק געקומען צו זיין אייגענעם אמת: דעם אָביעקטיווען אידעאַליזם, וואָס לערנט, אַז דער שכל איז די סובסטאַנץ פון דער וועלט, דער אַבסאָלוט, וואָס ענטוויקעלט זיך אין איהר.

שעללינג'ס סיסטעם ליידט אָבער פון אַ סך חסרונות. ערש־טענס איז עס ניט וויסענשאַפטליך. שעללינג בעווייזט ניט, פאַר וואָס מיר מוזען אָננעהמען זיין וועלט פּרינציפּ. זיין אַבסאָלוטע סוב־סטאַנץ שיסט ער אויס, ווי פון אַ פּיסטויל. דערנאָך בעווייזט ער ניט ווי אַזוי און פאַרוואָס די וועלט האָט זיך געמוזט אַרויסוויקלען פון איהר אויף אַזאַ'ן אופן און ניט אויף אַן אַנדערן, פאַרוואָס די סובס־טאַנץ האָט געמוזט אַרויסברענגען דוקא די געשטאַלטען און ניט קיין אַנדערע. אָבער מעהר פאַר אַלץ זינדיגט שעללינג אין דעם, ווי ער פאַסט אויף דעם מהות פון דער סובסטאַנץ. ביי שעללינג'ן איז זי ניט גייסט און ניט נאַטור. אַלע בעשטימטהייטען פערשווינדען אין איהר. זי איז ווי די פינסטערע נאַכט, אין וועלכער אַלע קיה זע־העןן אויס שוואַרץ.

מען מוז פריהער פאַר אַלץ קלאָהר ווערן אין דעם מהות פון דער סובסטאַנץ. אין אָט דעם פּראָצעס גופא פון אָט דעם קלאָר ווערן מוז זיך אונז ענטפּלעקען די איינציגע וויסענשאַפטליכע מעטהאָדע,

דורך וועלכע עס קאָן ארויסגעבראכט ווערן דער אינהאַלט פון איהר ענטוויקעלונג. אָנווענדענדיג די מעטהאָדע וועלען מיר בעקו־מען דעם ריכטיגען סיסטעם פון דער וועלט, יענעם אבסאָלוטען אמת, נאָך וועלכען עס יאָגט זיך די פילאָסאָפיע.

## § 20. דאָס דיאַלעקטישע דענקען און די דיאַלעקטישע מעטהאָדע.

דער וויסענשאַפטליכער שכל וויל קודם כל אויסגעפינען דעם תוך פון יעדער זאַך. ער פערלאָזט זיך פון אָנהויב אויף זיינע חושים, וואָס דערצעהלען איהם וועגען די זאַכען אין רוים און צייט, וועגען דעם „איצט“ און דעם „דאָ“. וואָס איז איצט? „איצט איז טאָג“, ענט־פערט איהם די זינליכקייט. אָבער באַלד מוז ער בעמערקען, אז די זינליכקייט האָט איהם אָבגענאַרט: „איצט“ איז אין א ווײַלע אַרום גאָר געוואָרען נאכט. ערשט יעמאָלט זעהט דער שכל איין, אז דער תוך פון דעם „איצט“ איז ניט עפּעס אזוינס, וואָס קאָן אויסגעדריקט ווערן אין די דאטען פון די חושים, ווייל אַלץ, וואָס די זינליכקייט ברענגט, האָט ניט קיין בעשטאַנד און לייקענט זיך אַליין אָב. דער „איצט“ איז א ג ע ד א נ ק, א ב ע ג ר י ף, וואָס האָט אין זיך אי דעם מאָמענט פון טאָג, אי דעם מאָמענט פון נאכט. דאָס זעלביגע געפינען מיר, ווען מיר אונטערזוכען יעדע אנדער זאַך. וואָס איז א בוים? די חושים ענטפערן מיר, אז דער בוים איז „איצטער“ און „דאָ“ אן עפּעל־בוים. אָבער אין אן אנדער „איצטער“ און אין אן אנדער „דאָ“ איז גאָר דער בוים א בארען־בוים. וואָס איז אָבער דער בוים אַלעמאָל און אומעדום, ניט דוקא איצטער און דאָ? א געדאנק, א ב ע ג ר י ף. הייסט עס, אז דער תוך פון דעם בוים איז דער בעגריף פון דעם בוים. און בכלל: ווילען מיר פ ע ר ש ט ע ה ן דאָס וואָס מיר זעהען, מוזען מיר דאָס דענקען אין ווערטער. יעדעס וואָרט אָבער איז א בעגריף, עפּעס, וואָס איז כולל אין זיך א סך זאכען, ווייל די איינצעל־עמפּפינדונג, וואָס די חושים בעווייזען אונז קאָן גאָר ניט אויסגעדריקט ווערן אין די ווערטער, ווי דאָס האָבען שוין געוואוסט די סאָפיסטען.

ווי שטעלט זיך העגעל פאָר די טבע פון דעם בעגריף? דאָס מוז מען פריהער פאַר אַלץ קלאָהר מאַכען, כדי אריין צו דרינגען אין זיין געדאנקען־גאַנג. דער פּשוט'ער פערשטאַנד מיינט, אז דער בע־

גריף איז אַן אַ ב ס ט ר אַ ק ט ע ר געדאַנק, עפּעס אַזוינס, וואָס בלייבט איבעריג, ווען מיר וואַרפען אַראָב פון חשבון אַלע יענע סמנים, אין וועלכע די איינצעל־זאַכען, וואָס ער איז כולל אין זיך, שיידען זיך אָב איינע פון די אַנדערע. דער דריי־עק צ. ב. נעהמט אַרום אַלע אַרטען פון דריי־עקען: שאַרף־ווינקעלדיגע, שטומפּף־ווינ־קעלדיגע און רעכט־ווינקעלדיגע. ער אַליין אָבער איז ניט דאָס און ניט יענס. אַזוי מיינט דער פּשוט'ער פערשטאַנד. אָבער שוין בערקליי האָט בעוויעזען, אַז אַזאַ אַבסטראַקטער דריי־עק, וואָס זאָל ניט האָבען ניט קיין שאַרפע ווינקעל, ניט קיין שטומפּע, ניט קיין רעכטע, געפינט זיך גאָר ניט אין אונזער שכל, ווייל עס איז שוין גאָר קיין דריי־עק ניט. דער דריי־עק, וועלכען מיר דענקען, איז אַ בעשטימ־טער דריי־עק. העגעל שטימט צו אין דעם קריטישען טייל צו בערקליי און די נאָמינאַליסטען בכלל. אָבער דער תוך פון דער זאַך איז דאָך פאַרט דער בעגריף. הייסט עס, אַז מען מוז אַנדערש פערשטעהן זיין טבע. דער בעגריף איז ניט אַ ב ס ט ר אַ ק ט, נאָר ק אָ נ ק ר ע ט. דער „איצט" איז ניט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט נאַכט און ניט טאָג, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז אי טאָג אי נאַכט. דער בוים איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז אי אַן עפּעלבוים, אי אַ באַרענ־בוים; ד. ה. דער בעגריף איז אַלע מאָל עפּעס אַזוינס, ו ו אָ ס ה אָ ט א י נ ו ו ע נ י ג ס ט ע ס ת י ר ו ת א י ן ז י ך.

אויף פערשיידענע וועגען קומט העגעל אַליין צו דעם זעלביגען רעזולטאַט, אַז יעדער בעגריף האָט אין זיך אינוועניגסטע סתירות. יעדער בעגריף איז גלייך צו זיך אַליין און איז פערשיידען פון אַלע אַנדערע בעגריפען. דורך דעם, וואָס בעת ער בעשטימט זיך אַליין, לייק־ענט ער אָב אַלע אַנדערע זאַכען, וואָס זענען ניט ער, ווי ספּינאָזאַ האָט שוין געזאָגט: „אָמניס דעטערמינאַציאָן עסט נעגאַציאָ" (יעדע בעשטימונג איז אַן אָבלייקענונג). דאָס הייסט אָבער, אַז דער בע־גריף האָט די גלייכהייט און די פערשיידענקייט, די בעשטימונג און די אָבלייקענונג אין זיך גופא. ער איז דאָס, וואָס ער איז און אין דער זעלביגער צייט עפּעס אַזוינס, וואָס געהט להיפך צו איהם.

אויב דער תוך פון יעדער זאַך איז דער בעגריף, יעמאָלט איז דער תוך פון אַלע זאַכען, אָדער דער תוך פון דער גאַנצער וועלט — די סומע פון אַלע בעגריפען, וואָס זענען לאָגיש

צונויפגעבונדען צווישען זיך. די גאנצע סומע פון אלע לאגיש צונויפגעבונדענע בעגריפען אין איינעם איז אבער דער ו ו ע ל ט - ש כ ל; ממילא איז דער וועלט־שכל — דער פערבארגענער תוך פון דער גאנצער וועלט; און די אבסאלוטע וועלט־סובסטאנץ, צו וועלכער שעללינג האט זיך דערטראכט, איז ניט עפעס אזוינס, וואו גייסט און נאטור פערלירען זייערע בעזונדערע אייגענשאפטען, ניט קיין פינסטערע נאכט, נאר א קלאהרעס דענקען, א ריינער גייסט, וואס בעשטעהט דורך און דורך פון לאגישע בעגריפען און אידעען. דעריבער דארף העגעל'ס סיסטעם אנגערופען ווערן דאס סיסטעם פ ו ן ד ע ם א ב ס א ל ו ט ע ן א י ד ע א ל י ז ם.

ביז איצטער זענען מיר דערגאנגען ביז צו א פונקט, וואו העגעל'ס דענקען פאלט צונויף מיט דעם הויפט־רעזולטאט פון פלאטאן'ס פילאסאפיע: דער תוך פון דער זאך איז די אידעע (דער בעגריף) און די אידעען זענען פערבונדען צווישען זיך אין איין לאגישען סיסטעם, וואס קאן אנגערופען ווערן די „אידעען־וועלט".

אבער צווישען דעם פלאטאנישען אידעאליזם און דעם העגעלישען הערשט א געוואלטיגער אונטערשייד: א) פלאטאן'ס אידעע איז אלע מאל זיך זעלבסט גלייך און געפינט זיך אין אן אויביגער רוה. זיין אידעען־וועלט איז א פערגליווערטע. העגעל'ס בעגריף טראגט אין זיך גופא די פערשיידענקייט פון זיך אליין, דעם ווידערשפרוך צו זיך. דעריבער קאן ער ניט רוהען, ער מוז זיך גערדאנקליך ב ע ו ו ע ג ע ן, ער מוז תמיד אריבערגעהן אין זיין אייגענעם היפך, אויפהערען צו זיין דאס וואס ער איז און אין דער זעלביגער צייט ניט ווערן אונטריי זיין טבע. דער וועלט־שכל איז דעריבער א געדאנקליכער פ ר א צ ע ס, וואס מ ו ז זיך ענטוויקלען, וואס מוז ארויסברענגען אלין נייע פארמען פון זיך. ב) פלאטאן'ס אידעאליזם איז דואליסטיש. אחוץ דער אידעען־וועלט איז נאך דא א „מאטעריע", וואס וויל פערווירקליכען אין זיך די אידעע און קאן עס ניט. העגעל'ס אידעאליזם איז מ א נ י ס ט י ש. אחוץ דעם וועלט־שכל איז גאר נישט ניטא. אלין, וואס עקזיסטירט, איז א מאמענט אין דעם ענטוויקלונגס־פראצעס פון דעם וועלט־שכל. ג) פלאטאן'ס אידעאליסטישער שטאנדפונקט איז א ט ר א נ ס צ ע נ ד ע נ ט ע ר: די

אידעען זענען דרויסען פון די מאַטעריעלע זאַכען. העגעל'ס שטאַנד־פּונקט איז אַן א י מ מ א נ ע נ ט ע ר. דער וועלט־שכל איז אין דער וועלט; אָדער ריכטיגער ער און די וועלט איז איין און דיזעלביגע זאַך. די וועלט איז די ענטוויקעלונג פון דעם וועלט־שכל און די אויפגאַבע פון דער פילאָסאָפיע בעשטעהט אין דעם פערשטעהן און דעם ריכטיגען בעשרייבען פון דעם גייסטיגען ענטוויקעלונגס־פּראָצעס.

כדי דאָס אַרויסצובערענגען דאַרף מען האָבען נאָר צוטרוי צו דעם אייגענעם דענקען. מען דאַרף אַרויסגעפינען דעם ריכטיגען אויסגאַנגס־פּונקט און לאָזען די גדאַנקען אַרבייטען אַליין, ניט שטערען זייער אַרבייט מיט שאלות און סוביעקטיווע טענות, וואָס שטאַמען פון דעם פערשטאַנד. דער פערשטאַנד דאַרף אַנשטומט ווערן פאַר דער שטים פון'ם העכערען דענקען, וואָס וועט שוין אַליין אַרויסברענגען פון זיך אַליין וואָס עס איז דאָ אין דעם וועלט־שכל.

אויך אין דעם פּונקט קלינגט העגעל'ס גדאַנק שטאַרק פּלאַטאָניש. די ערקענטניס, האָט פּלאַטאָן געלעהרנט, איז א ד ע ר־מ אָ ה נ ע ן ־ ז י ך פון יענע אידעען, וואָס די מענשליכע נשמה האָט געזעהען פאַר דער געבורט אין דער אידעען־וועלט. פאַר העגעל'ן איז די אַבסאָלוטע וויסענשאַפטליכע ערקענטניס אויך א מין דערמאָהנען זיך. עס איז דער וועלט־שכל גופא, וואָס ענטפּלעקט זיך אין דעם מענשליכען פילאָסאָפישען גדאַנק און דענקט איבער נאָך א מאָל אין דער פאָרם פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין, דאָס וואָס ער האָט געטראַכט אין דער פאָרם פון דעם וועלטליכען שאַפען. אין העגעל'ס פילאָסאָפישען וויעדער־אויפבוי פון דער וועלט שרייבט דער וועלט־שכל — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען — זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע פון זיין ערשטען אָנהויב ביז צו דעם לעצטען סוף. ער דערצעהלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַלע זיינע סודות און ענטפּלעקט דער מענשהייט דעם אַבסאָלוטען אמת. דערביי ווערט אויך קלאָהר די מ ע ט ה אָ ד ע, מיט וועלכער דער וועלט־שכל אַרבייט, די גרונד־געזעצען פון זיין דיאַלעקטישער (ד. ה. ווידערשפּרוך־פולער) ענטוויקעלונג. אָט די מעטהאָדע דאַרף ווערן די איינציג ריכטיגע, אַבסאָלוט וויסענשאַפטליכע פאַר יעדעם פאָרשען, ווייל זי קאָפּירט אין דעם בעוואוסטזיין דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין דעם זיין פון דער וועלט.

די דיאַלעקטישע מעטהאָדע הויבט אָן פון דעם בעגריף פון דער זאַך, וועלכע זי אונטערזוכט. זי קוקט זיך צו, ווי דער בעגריף פער־וואַנדעלט זיך אין זיין היפך, ווי דער טעזיס געהט איבער אין דעם אנטי־טעזיס, און ווי דער אנטי־טעזיס קעהרט זיך דערנאָך אום צו־ריק צו זיין אויסגאַנגס־פונקט, ד. ה. צו זיך אליין, אַ בערייכערט־געוואָרענער מיט זיין אייגענעם געגענזאַץ. עס ווערט געבוירען דער סינטעז, דער אָבשלוס פון דער ערשטער טריאַדע. דער סינטעז לאָזט פון זיך אַרויס אַ נייעם געגענזאַץ, וואָס ברענגט צו אַ נייעם סינטעז, אַ נייעם צוריק־קעהר צו זיך, און אַזוי געהט די בעוועגונג, קרייז נאָך קרייז, טריאַדע נאָך טריאַדע, ביז מען דערגרייכט צו גאָר דעם לעצטען קרייז, וואָס מוז זיין דער סינטעז פון אַלע פריהערדיגע און אויך אַ צוריק־קעהר צו גאָר דעם ערשטען אָנהויב. ערשט יע־מאָלט איז דאָס סיסטעם פאַרטיג, אָבגערונדעט, אין זיך אָבגעשלאָ־סען, — אַ געטרייער שפּיעגעל פון דעם רעאַלען ענין, וועלכען מען אונטערזוכט. פערשטעהט זיך, אַז דערצו מוז מען גוט קענען אויך דעם גאַנצען עמפּירישען מאַטעריאַל וואָס געהערט צו דעם ענין; אין איהם מוז מען אַרויסגעפינען דעם סיסטעם פון אידעען, וואָס בעהערשען איהם, דעם געשלאָסענעם קרייז פון קרייזען, אין וועלכען די אידעען וויקלען זיך פאַנאַנדער.

אָט די דיאַלעקטישע מעטהאָדע ווענדט אָן העגעל, כדי אויסצו־געפינען דעם אידעאַלען תוך פון דער וועלט.

## § 21. העגעל׳ס סיסטעם.

וועלכער בעגריף זאָל זיין דער אָנהויב־פונקט פון דער אונטער־זוכונג? דער נעהנטסטער און דער פשוט׳סטער, ענטפערט העגעל; דער וואָס איז כולל אין זיך אַלע אַנדערע זאַכען. דאָס איז דער בעגריף פון׳ם „זיין". לאָמיר זיך צוקוקען, וואָס און ווי דענקט דער שכל, בעת ער דענקט דעם בעגריף „זיין".

„זיין" איז קודם כל אַן אַבסטראַקטער בעגריף, אַ „זיין בכלל". ניט קיין בעשטימטער „זיין". אַ „זיין", וואָס האָט אין זיך גאָר קיין בעשטימונגען ניט. אַזאַ זיין איז אָבער אַ „ג אָ ר נ י ש ט ". הייסט עס, אַז דאָס „זיין" געהט איבער אין זיין היפך: דעם „נישט". דאָס „נישט" איז אָבער אַ געדאַנק, אַ מאָמענט פון׳ם דענקען; הייסט עס, אַז עס איז צוריק ווידער אַ „זיין". אויף אַזאַ׳ן אופן

ווערט דער געדאַנק אַרום געוואָרפען צווישען זיינע צוויי היפּכים: „זיין“ און „ניט־זיין“, ביז ער בערוהיגט זיך אין אַ העכערען סינטהעז: דעם „ווערן“. דאָס „ווערן“ איז אַ צונויפגיעסען פון „זיין“ און ניט „זיין“, אַ בעוועגונג צווישען די צוויי מאָמענטען. געהט די בע־וועגונג פון דעם „זיין“ צו דעם „ניט זיין“ איז דאָס אַ „פערשווינדען“; אַ „פערגעהן“. געהט זי פון דעם „ניט־זיין“ צו דעם „זיין“, איז זי אַן „ענטשטעהן“. ממילא איז דער אמת פון דעם „זיין“ דאָס „ווערן“, דאָס אויביגע ענטשטעהן און פערגעהן, דער אויביגער איבערבייט אין די ערשיינונגען פון דער וועלט.

מיט דערזעלביגער מעטהאָדע ארויסצוברינגען איין בעגריף פון דעם אַנדערן בויט העגעל אַלע טיילען פון זיין סיסטעם, וואָס זאָל ריכטיג אָבשפּיעגלען דאָס סיסטעם פון דער וועלט. דער ערשטער טייל איז ד י ל אָ ג י ק. די לאָגיק נעהמט אַרום אַלע וויכטיגע בעגריפען פון דער נאַטור־פאָרשונג און פון די היס־טאָרישע וויסענשאַפטען אין זייער ריינער געדאַנקליכער פאָרם. ספּינאָזאַ וואָלט דאָס אָנגערופען די „נאַטוראַ נאַטוראַנס“, יענע נאַטורענדע נאַטור, וואָס ברענגט פון זיך אַרויס אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט און פון דער מענשליכער געשיכטע. דאָס איז יענעם סיסטעם פון ריינע בעגריפען, אָדער אידעען, פון וועלכע עס בע־שטעהט דער אינהאַלט פון דעם וועלט־שכל, ווען ער איז אין זיך גופא: דאָס איז דער ריינער וועלט־געדאַנק, פון וועלכען עס געהט אַרויס די וועלט.

פון'ם בעגריף „ווערן“ ווערט געבאָרען דער בעגריף „דאָ־זיין“, פון'ם „דאָ־זיין“ געהט אַרויס דער בעגריף „קוואַליטעט“; די „קוואַ־ליטעט“ לייקענט זיך אַליין אָב אין דער „קוואַנטיטעט“ און די צוויי היפּכים גיעסען זיך צונויף אין דעם בעגריף: „מאָס“ (אַ בעשטימ־טער כמות פון אַ בעשטימטען איכות). דער גאַנצער קרייז פון'ם זיין געהט דאָ איבער אין „אַ העכערן קרייז“ — „דאָס ו ו ע ז ע ן“ (דער „תוך“), וואָס איז אַ היפּך צו דעם „זיין“. אין דעם בעגריפען־קרייז פון'ם „וועזען“ ווערט צווישען אַנדערע בעגריפען אַרויס־געפונען דער גרויסער אונטערשייד וואָס עקזיסטירט צווישען „ער־שיינונג“ און „ווירקליכקייט“. אַליץ איז „ערשיינונג“, האָט קאַנט געלערנט. הינטער דער ערשיינונג איז פערבאָרגען דער אמת'ער

„תוך“, וועלכען מיר ווייסען ניט. „אלין איז ערשיינונג“, זאָגט אויך העגעל; דאָס הייסט דער „תוך פון דער וועלט געהט איבער אין זיין אייגענעם היפך, אין עפּעס, וואָס איז ניט „תוך“, ניט דער אינגווענינגסטער אמת פון דער זאך, נאָר איהר אויסערער אויסזעהען. דער „תוך“ קעהרט זיך אָבער אום צוריק צו זיך גופא אין א העכערע איינהייט: דער „וו י ר ק ל י כ ק י י ט“. די ווירקליכקייט איז אזא מין עקזיסטענץ, וואָס פאלט אין גאנצען צונויף מיט איהר אייגענעם „תוך“. דערמיט ווערט אָבגעשלאָסען דער צווייטער קרייז, און דער וועלט־שכל בויט פון די צוויי קרייזען נאָך א העכערען, וואָס פעראייניגט זיי ביידע: דאָס „זיין“ און דעם „תוך“ אין דעם סינטעז פון׳ם „בעגריף“.

דאָ שטויסען מיר זיך אָן אויף איינער פון די וויכטיגסטע שטעלען פון העגעל׳ס פילאָסאָפיע. מיר האָבען אויבען געזעהען, אז דער תוך פון יעדער זאך איז דער בעגריף, ד. ה. א מאָמענט פון דעם שכל, און עס וואָלט זיך געקאָנט אויסדרוכטען, אז שוין פון דעם זאץ אליין קאָן מען ארויסברענגען דעם געדאנק, אז אלץ, וואָס ע ק ז י ס ט י ר ט איז שכל׳דיג, פערנינפטיג. דאָס איז טאקי ביז צו א געוויסען גראד אמת, אָבער דער אמת, וואָס דאָ ווערט ארויסגערעדט, מוז ריכטיג פערשטאנען ווערן. אלץ, וואָס עקזיסטירט, איז א מאָמענט אין דעם ענטוויקלונגס־גאנג פון דעם וועלט־שכל. אָבער מען דארף אלע מאָל זיך פרעגען: וו א ס פאר א מאָמענט? אן איבערגאנגס־מאָמענט, אָדער אן אָבגעשלאָסענער סינטעז? אלץ, וואָס עקזיסטירט איז ע ר ש י י נ ו נ ג, אָבער ניט אלץ, וואָס עקזיסטירט איז וו י ר ק ל י כ ק י י ט. נאָר די וו י ר ק ל י כ ק י י ט איז פערניפטיג, ווייל אין איהר פאלט צונויף דער „זיין“ מיט זיין „תוך“, ד. ה. דעם בעגריף פון דעם „זיין“. מיר נעהמען צום ביישפּיעל די ערשיינונג פון „פריינדשאפט“. עס זענען פאראן א סך פריינד. אָבער זענען אלע פריינד וו י ר ק ל י כ ע, א מ ת ׳ ע פריינד? ניין! דער ווירקליכער אמת׳ער פריינד איז נאָר דער, וואָס שטימט אין גאנצען מיט דעם בעגריף פון פריינדשאפט; נאָר דער, אין וועלכען דער בעגריף „פריינדשאפט“ האָט זיך אין גאנצען פערקערפּערט. נאָר אזעלכע „ערשיינונגען“, אין וועלכע עס פערקערפערט זיך דער בעגריף זענען ווירקליך. און נאָר די ווירקליכקייטען זענען פערניפטיג.

אָט דער פונדאַמענטאַלער פּאַנאַנדערשייד צווישען ערשיינונג און ווירקליכקייט ווערט אָפּט מאָל אַרויסגעלאָזען פון אויג, ווען מען רעדט וועגען העגעל'ס פילאָסאָפיע. „אַלץ אין דער וועלט איז פערנינפטיג" הייסט צוריק גערעדט „ניט אַלץ אין דער וועלט איז פערנינפטיג"; עס זענען דאָ אין דער וועלט טויזענדער קליינינ־קייטען, צופעליגע עקזיסטענצען, „ערשיינונגען", וואָס טראָגען זיך אַרום אויף דער אויבער־פלעך פון דעם וועלט־פּראָצעס, וואָס זענען אַ ברעקעל ניט פערנינפטיג, וואָס פערשווינדען ווי דער שוים אויף די וואלען פון ים; פ ע ר ו ו י ר ק ל י כ ט ווערט אין דער וועלט נאָר דאָס, וואָס ווערט פערלאַנגט פון דעם בעגריף.

דער קרייז וואָס נעהמט אַרום דעם דריטען טייל פון העגעל'ס „לאָגיק", „די לעהרע פון דעם בעגריף", פאַלט ווידער פאַנאַנדער אין דריי טיילען.

דער בעגריף אַנטפּלעקט זיך קודם כל, ווי דער ס ו ב י ע ק ־ ט י ו ו ע ר בעגריף און ברענגט אַרויס פון זיך אַלע יענע געזעצען און פּרינציפּען, וואָס די מענשהייט האָט ביז אהער שטודירט אין דער פאָרמאַלער לאָגיק. ער געהט דערנאָך איבער אין דעם אָ ב י ע ק ־ ט י ו ו ע ן בעגריף, וואָס ברענגט אַרויס די מעטאַפיזישע גרונד־לאַגען פון דער נאַטור־וויסענשאַפט: דער פּרינציפּ פון מעכאַניזם, כעמיזם און טעלעאָלאָגיע. די צוויי היפּכים פעראייניגען זיך אין אַ העכערען סינטעז, וואָס איז די א י ד ע ע. די אידעע איז דער לעצטער קרייז פון דער לאָגיק. זי לויפט דורך איהרע אייגענע קריי־זען פון ל ע ב ע ן, ע ר ק ע נ נ ע ן און דער א ב ס אָ ל ו ט ע ר א י ד ע ע. דאָ ערשט, אין דעם לעצטען סינטעז פון אַלע סינ־טעזען, ווערען מיר געוואָהר, וואָס איז די אייגענטליכע טבע פון דעם וועלט־שכל: ער איז די אבסאָלוטע אידעע, אַ פערבינדונג פון לעבען און דענקען, — אַ ג אָ ט. די אבסאָלוטע אידעע איז דער אָבשלוס פון דער לאָגיק, אָבער ניט דער אָבשלוס פון דעם סיסטעם, ווייל די לאָגיק איז נאָר זיין ערשטער טייל. די אַב־סאָלוטע אידעע קערט זיך אום צוריק צו דעם אָנהויב, צו דעם „זיין". זי ווערט די „אידעע אין דעם זיין", ד. ה. זי ווערט נאַטור. עס ווערט בעשאַפען דער צווייטער טייל פון דעם סיסטעם: ד י נ אַ ־ ט ו ר ־ פ י ל אָ ס אָ פ י ע.

די נאטור איז א סינטעז פון „אידעע“ און „זיין“, אין דער־זעלביגער צייט איז זי אָבער אַן אַנטיטעז צו דער גאַנצער לאָגיק. זי איז ניט ריינער געדאַנק, נאָר אַ „פערשטיינערטער“, אַ געדאַנק, וואָס איז געוואָרען דער היפּך פון זיך גופא: די מאַטעריע, וואָס זוכט אויסצודריקען אין זיך דעם געדאַנק, וואָס קאָן דאָס אָבער על פּי איהר טבע בשום אופן ניט דורכפיהרען אין גאַנצען. העגעל האָט זיך געגוג אָנגעפּייניגט, כדי אין איהרע ערשיינונגען אריין צו פּשט׳לען זיין „לאָגיק“, גענוג פריי ארום געשפּרונגען מיט די פאַקטען פון דער ווירקליכקייט, אָבער סוף כל סוף האָט ער געמוזט צוגעבען, אַז די נאַטור האָט גרענעצען, וועלכע דער פילאָסאָף קאָן ניט אריבערשפּרייזען, — גרעניצען, וואָס ליגען אין איהר היפּך צו דעם בעגריף, צו דעם וועלט־שכל. אויף וויפיעל זי דריקט אָבער אויס די אידעע, איז זי אַ טייל פון דער פילאָסאָפיע, אַ דורכגאַנגס־שטופע פאר דעם אַלוועלטליכען שכל. אינטערעסאַנט זענען העגעל׳ס גע־דאַנקען, וועגען די איינצעלנע ענטוויקלונגס־שטופען אין דער נאַטור, ווייל זיי גיבען אונז אַ ק ל א ס י פ י ק א צ י אָ ן פ ו ן ו ו י ס ע נ ש א פ ט ע ן, אויסגעארבייט נאָך פאר אָגיוסט קאָנט, אָבער זעהר נאָהענט צו קאָנט׳ס סיסטעם. די נאַטור האָט אין זיך דריי הויפּטמאָמענטען, וואָס דריקען זיך אויס אין דריי פערשיידענע גרונד־פּראָצעסען: דעם מעכאַנישען, דעם פיזיקאַלישען און דעם אָרגאַנישען. דער מעכאַנישער פּראָצעס „בעשאַפט זיך זיין לייב“ אין די אַסטראָנאָמישע וועלט־ערשיינונגען (מעכאַניק און אַסטראָ־נאָמיע), דער פיזיקאַלישער פּראָצעס ברענגט אַרויס די אייגענשאַפ־טען פון דער מאַטעריע און זייערע פערבינדונגען (פיזיק און כעמיע; דער אָרגאַנישער פּראָצעס בעשאַפט לעבעדיגע וועזען און אַלע ער־שיינונגען פון דעם לעבען (ביאָלאָגיע). די העכסטע שטופע פון דעם אָרגאַנישען פּראָצעס איז דער מענש. אַלע די נאַטור־שטופען זעהען אויס ווי אַ פּראָדוקט פון ענטוויקלונג, אַקוראַט אַזוי, ווי איין שטופע וואָלט צייטליך ארויס געגאַנגען פון דער אַנדערער.

דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. די נ א ט ו ר ענטוויקעלט זיך ניט. קאַנט׳ס עוואָלוציאָנס־טהעאָריע איז אין העגעל׳ס אויגען אַ נעפּעלהאַפטע סברה. די פערשיידענע שטופען פון דער נאַטור זענען פון אויביג אָן, זיי מוזען אָבער איינגעטיילט ווערן אין

לאָגיש־העכערע און ניעדריגערע, לויט זייער שיכות צו די אידעען פון דעם וועלט שכל. ענטוויקעלונג קומט ערשט פאָר אין דעם גייסט. און דער גייסט רייסט זיך ארויס פון דער נאַטור אין דער פאָרם פון דעם מענשען. דער אַנטיטעז־נאַטור געהט איבער אין אַ סינטעז: גייסט, אָדער די אידעע, וואָס קעהרט זיך אום צו זיך אליין, וואָס ווערט אַליז מעהר און מעהר בעוואוסטזיניג. די נאַטור־פילאָסאָפיע געהט איבער אין דעם דריטען און לעצטען טייל פון העגעל'ס סיסטעם: אין די ג י י ס ט ־ פ י ל אָ ס אָ פ י ע.

די גייסט־פילאָסאָפיע שיידט זיך וויעדער פאַנאַנדער אין דריי גרויסע קרייזען: דער ס ו ב י ע ק ט י װ ע ר גייסט, וואָס בעשאַפט די בעוואוסטזיינס־פּראָצעסען אין יעדעם איינצעל־מענשען; דער אָ ב י ע ק ט י װ ע ר גייסט, וואָס דריקט זיך אויס אין די געזעצען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, און דער אַ ב ס אָ ־ ל ו ט ע ר גייסט, וואָס ענטפּלעקט זיך אין דער קונסט, דער רע־ליגיאָן און דער פילאָסאָפיע.

דער סוביעקטיווער גייסט בעשטימט דעם מענשען נאָך ווי אַ נאַטור־פּראָדוקט און ברענגט ארויס די שיכות'ען צווישען דעם גוף און דער נשמה. די וויסענשאַפט, וואָס גיט וויעדער דיעזען מאָמענט פון דער אַלוועלטליכער ענטוויקעלונג איז די אַ נ ט ר אָ פּ אָ ל אָ ־ ג י ע. די אַנטראָפּאָלאָגיע געהט איבער אין די פ ע נ אָ מ ע נ אָ ־ ל אָ ג י ע, וואו עס ווערען בעשאַפען די פערשיידענע כחות פון דעם מענשליכען אינדיווידועלען בעוואוסטזיין. די דריטע, העכסטע שטופע פון דעם סוביעקטיווען גייסט איז די פ ס י כ אָ ל אָ ג י ע. זי האָט צו טהון מיט דער אינטעליגענץ, דעם ווילען און די זיט־ליכקייט.

דורך דעם פרייען ווילען געהט דער סוביעקטיווער גייסט אריבער אין זיין היפך, אין דעם אָ ב י ע ק ט י װ ע ן. דער אָביעקטיווער גייסט הויבט אָן זיין שאַפען מיט דער ספערע פון דער ר ע כ ט ס ־ פילאָסאָפיע. ער ברענגט ארויס אייגענטומס־רעכט, פערטראַגס־רעכט און שטראָף־רעכט. דאָס פאָרמאַלע רעכט געהט איבער אין זיין היפך אין די „מאָראַליטעט", וואו דער איינצעלנער שטעלט זיך אַװעג אַנטגעגען דער גאַנצער געזעלשאַפט און בעשטימט זיינע מעשים לויט דעם אייגענעם געוויסען. די מאָראַליטעט איז אַן אַנטי־

טעזיס, ד. ה. אן איבערגאנגס־מאָמענט. העגעל האלט דעריבער זעהר ווענינ פון מאָראַליטעט. א סך סאַרקאַסטישע בעמערקונגען פאַלען דאָ אויף דעם מאָראַליזירענדען יחיד. ניעטצשעס בעשפּאָטונג פון דעם „מאָראַלין“, שטירנער'ס חוזק־מאַכען פון די אידעאַלען און מאַרקס' קריטיק פון דער „אידעאָלאָגיע“ האָבען ניט מעהר ארויס־געבראכט אנטגעגען דער „מאָראַליטעט“ און אנטגעגען דעם קאַנטי־שען „זאָלען“, עהדער דאָס האָט געטהון העגעל אליין. די מאָראַ־ליטעט געהט איבער אין דעם העכערען סינטעז, אין די „ז י ט ־ ל י כ ק י י ט “, ד. ה. אין יענעם בעשטרעבען פון דעם מענשען, וואו ער גיסט זיך אין גאַנצען צונויף מיט דעם ווילען פון דעם וועלט־גייסט, וואָס בעשאַפט די „פ א מ י ל י ע“, די „בירגערליכע געזעלשאַפט“ (די ספערע פון דעם עקאָנאָמישען לעבען) און דעם „שטאַאט“. דער שטאַאט איז די העכסטע פערקערפערונג פון דעם מענשליכען שכל אין דער דרויסענדיגער ווירקליכקייט; די העכסטע פאָרם פון דעם שטאַאט איז די קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע.

די לעצטע שטופע פון דעם אָביעקטיווען גייסט איז די וועלט־געשיכטע, וואָס ברענגט פריהער ארויס איינצעלנע פעלקער און פאָלקס־גייסטער, וואָס גיעסען זיך אָבער צונויף אין איין איינציגען ענטוויקעלונגס־פּראָצעס. דער אינהאַלט פון דער וועלט־געשיכטע איז די ענטוויקלונג פון דער פרייהייטס־אידעע. זי הויבט אָן אין אָריענט מיט דעם געדאַנק, אז נאָר איין מענש איז פריי (דער מאָנאַרך), געהט איבער צו דער גריעכיש־רוימישער וועלט, וואו עס ווערט געבאָרען דאָס בעוואוסטזיין, אז איינינע זענען פריי, און ענדיגט מיט דער מאָדערנער גערמאַנישער וועלט, וואָס וויים אז אלע זענען פריי.

אין דער געשיכטע הערשען אויביגע געזעצען. די גרויסע מענער זענען ניט מעהר ווי געצייג אין די הענד פון דעם וועלט־גייסט, וואָס פיהרט דורך זיי דורך זיין אייגענעם ווילען. אמת, די גרויסע מענשען זענען דאָס רוב ניט גאָר מאָראַליש, אָבער דאָס מאָראַלישע איז ניט דאָס וויכטיגע אין דעם לעבען פון דעם וועלט־גייסט. די גרויסע מענשען ברעכען די מאָראַל, אָבער בויען יענע פאָרמען פון דעם אָביעקטיווען גייסט, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס די „סובסטאַנץ“ פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען.

אין העגעל'ס לעהרע פון דעם אָביעקטיוועז גייסט ליעגען שוין אָנגעצייגט אַלע גרונד־געדאַנקען פון דער אָביעקטיווער געשיכטס־פילאָסאָפיע, וואָס האָבען געהערשט אין דער העגעל־שער שוהל און האָבען זיך קריסטאַליזירט אין דעם שפּעטערדיגען מאַרקסיזם. דער גרונד־שטריך פון אַלע העגעל'ס געדאַנקען וועגען דעם ענין איז דער קאַמפּף אַנטגעגען דעם „סוביעקטיוויזם" פון דעם איינצעלנעם, וואָס טרעט אַרויס מיט זיינע עצות און עדעלע פּלענער, ווי אַזוי די געזעלשאַפט „זאָל" זיך אָרגאַניזירען און וואוהין די געשיכטע פון דער מענשהייט „זאָל" געהן, אַקוראַט ווי ביז איהם האָט די מענשהייט ניט געוואוסט וואָס זי טהוט און האָט געדאַרפט וואַרטען נאָך אויף דעם בעל־עצה. אַ קולט פון דעם נאַטירליכען ענטוויקעלונגס־גאַנג און דעם היסטאָרישען לעבען הערשט אין דער גאַנצער העגעל'שער פילאָסאָפיע. דער יחיד דאַרף זיך בויגען פאַר דעם ווילען פון דעם וועלט־גייסט, ד. ה. דעם ווילען פון יענע געזעצען, וואָס בעהערשען האָס געשיכטליכע לעבען. און אויב ער וועט זיך ניט בויגען מיט גוטען, וועט די ענטוויקעלונג סיי ווי סיי צו־ברעכען זיין ווידערשטאַנד. אין די רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען פון דער צייט זעהט העגעל נאָר דעם נעגאַטיווען איבערגאַנג צו דער לעטצטער שכל'דיגער סינטעזע, וואָס די ווירקליכקייט האָט אַרויס־געבראַכט אין דער פּרייסישער מאָנאַרכיע. מיט איהר מוז מען זיך צופריעדען שטעלען, ווייל זי איז דער העכסטער און לעטצטער אויסדרוק פון דעם אָביעקטיווען גייסט. דער יחיד קאָן זיך טרייסטען דערמיט, וואָס דער אָביעקטיווער גייסט איז ניט די לעצטע שטופּע פון דעם אַלוועלטליכען שכל. זיין העכסטע שטופּע איז דער אבסאָלוטער גייסט.

דער אבסאָלוטער גייסט, — אַ פעראייניגונג פון דעם סוב־יעקטיווען און דעם אָביעקטיווען, — איז יענע ממשלה, וואו די אבסאָלוטע אידעע קומט אין גאַנצען צו זיך אַליין און איז ביי זיך אַליין: ד. ה. ניט אין דער נאַטור, און ניט אין דער געזעלשאַפט. ביי זיך אַליין זיין, הייסט פריי זיין. די אמת'ע ממשלה פון פרייהייט ליעגט דעריבער אין די העכערע פּראָדוקטען פון דער מענשליכער קולטור, וואו די וועלט־סובסטאַנץ, דער וועלט־שכל, אָדער גאָט, דריקט אויפ'ן קלאָרסטען אופן אויס זיין אייגענע טבע.

די ממשלה פון דעם אַבסאָלוטען גייסט בעשטעהט פון דריי שטופען:

די ערשטע איז די ק ו נ ס ט, וואו די אַבסאָלוטע אידעע דריקט זיך אויס אין דער פאָרם פון אַנשויאונג. העגעל אונטערזוכט דאָ די פערשיידענע פאָרמען פון קונסט און לעגט אוועג דעם פונדאַמענט פאַר אַ פילאָסאָפישער קונסט־געשיכטע.

די צווייטע שטופע איז די ר ע ל י ג י אָ ן. אין איהר רעדט צו אונז די אַבסאָלוטע אידעע דורך די בלומען־שפּראַך פון פאָרשטעלונגען און געפיהלען. אָבער דער אינהאַלט פון איהרע רעד, וואָס ליעגט הינטער די פאָרשטעלונגען, איז דערזעלביגער אינהאַלט, וואָס ענטוויקעלט זיך אין דער „לאָגיק“. די העכסטע שטופע פון דער רעליגיאָן איז דאָס קריסטענטהום. די לעהרע פון דער דריי־אייניגקייט ווערט אויסגעטייטשט אויף אַזאַ אופן: ד ע ר ג אָ ט ־ פ אָ ט ע ר איז דער וועלט־גייסט אין זיין ריינעם, אידעאַלען צו־שטאַנד, וואָס דענקט יענע געדאַנקען, וועלכע העגעל האָט פאַנאַנדער־געוויקעלט אין דעם סיסטעם פון זיין „לאָגיק“. ד ע ר ג אָ ט ־ ז ו ה ן, אָדער דער גאָט־מענש איז די אַבסאָלוטע אידעע, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט דער נאַטור און מיט דעם מענשליכען יחיד, ווען מען בעטראַכט איהם אויך ווי אַ נאַטור־פּראָדוקט. ד ע ר ה י י ל י ג ע ר ג י י ס ט איז דער וועלט־גייסט אין זיין צוריקקעהר צו זיך אַליין, אין זיין ענטפאַלעקען זיך אין דער קונסט, אין דער רעליגיאָן און אין דער פילאָסאָפיע.

העגעל׳ס שטעלונג צו דער רעליגיאָן איז דעריבער אַ צווייפאַכע. פון איין זייט געפינט ער, אַז אין איהר ווערט גאָט (דער וועלט־גייסט) אין דער אמת׳ן ענטפּלעקט. אָבער פון דער אַנדער זייט ענטפּלעקט ער זיך אין איהר אויף דער זעלביגער אַרט, ווי ער האָט זיך ענטפּלעקט אין דער נאַטור און אין דער קונסט.

דער אינהאַלט פון דער רעליגיאָן, ווי די מעשיות וואָס זי דער־צעהלט, די דאָגמען, וואָס זי לעהרנט, — זענען אין תוך אריין דיזעלביגע לאָגישע וועלט־געדאַנקען, וואָס דער אַבסאָלוטער שכל האָט געהאַט אין זיין עהדער־וועלטליכען צושטאַנד און וואָס ער פערווירקליכט אין דעם גאַנצען פּראָצעס פון דער וועלטליכער ענט־וויקעלונג, נאָר ניט גאָר אין אַ קלאָהרער פאָרם. גאַנץ קלאָהר

ווערן אָבער די וועלט־גערדאַנקען פּערווירקליכט ערשט אויף דער דריטער העכסטער מדרגה פון דעם אבסאָלוטען גייסט: אין דער פילאָסאָפיע, וואו דער וועלט־שכל רעדט צו אונז שוין אין זיין אייגענעם לשון, אין דער שפּראַך פון דעם בעגריף.

די פילאָסאָפיע איז די אבסאָלוטע אידעע, וואָס דענקט זיך אַליין, דער שכל, וואָס קומט צום שכל און זעהט קלאָהר איין זיין אייגענעם מהות. דעריבער גיט אונז די פילאָסאָפיע דעם אבסאָלוטען אמת און זי איז די העכסטע שטופּע פון דער וועלט־ענטוויקעלונג, דער ענד־צוועק, צו וועלכען די גאַנצע וועלט האָט געשטרעבט. די געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע איז ניט אַ שורה פון טעות'ן און וואַגעלונגען פון דעם מענשליכען געדאַנק. זי איז דער פּראָצעס פון דעם לאָגיש נויטווענדיגען וואַקסען און ענטוויקלען זיך פון דעם אבסאָלוטען גייסט. העגעל'ס אבסאָלוטער אידעאַליזם איז דער אָבשלום פון דער גאַנצער פילאָסאָפישער ענטוויקעלונג, ווייל ער נעהמט אין זיך ווידער אריין אלע פריהערדיגע סיסטעמען און צואיינט אין אַ העכערען סינטעז אלע סתירות און ווידער־אַנאַנדען, וואָס האָבען געקעמפּפט אין דער פילאָסאָפיע.

מיט העגעל'ס סיסטעם ענדיגט זיך אָבער ניט נאָר די פילאָסאָפיע, נאָר אויך די גאַנצע וועלט־ענטוויקעלונג. אַן אַריבערשפּרייזען צו אַ העכערער שטופּע איז שוין פאר דער וועלט אונמעגליך. דער וועלט־שכל האָט שוין אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט אין זיך געהאַט און דערגרייכט זיין העכסטען אידעאַל...

די ווירקונג פון העגעל'ס געדאַנקען־בוי אויף די פאָר דורות נאָך איהם איז געווען אַ געוואַלטיגע. דער צוטרוי צו דעם מענשליכען שכל, די פערבלענדענעם פון דעם „אבסאָלוטען אמת", די שטרענגע און טיעפע אַרבייט פון דעם געדאַנק, די רייכקייט אין וויסענשאַפטליכע קענטנים, — דאָס אַלץ האָט צוגעצויגען צו זיך די בעסטע מוחות און הערצער פון זיין צייט. העגעל'ס לאָגישער פּאַנטהעאיזם האָט אַרויסגעשטופּט דעם עטישען פּאַנטהעאיזם פון פיכטע און דעם עסטהעטישען פון שעללינג. אמת, אין אַ סך טיילען פון זיין סיסטעם איז העגעל געקומען צו קאָנסערוואַטיווע רעזולטאַטען, דער עיקר אין דער פּאָליטיק און אין דעם סאָציאַלען לעבען. אָבער ער האָט „בעוויעזען", אַז די „ווירקליכקייט", ווי ווייניג זי

זאָל אונז געפעלען, איז דער אויסדרוק און דאָס לעצטע וואָרט פון דער געטליכער וועלט־פערנונפט. דער פּראָטעסט אַנטקעגען איהר איז ניט מעהר ווי אַ „צופעליגע עקזיסטענץ“, אַ סוביעקטיווע מיינונג, אָהן אַ ברעקל היסטאָרישע מאַכט: ווי די זינגליכע איינצעל־ערשיינונג האָט נאָר אויף אַזוי פיעל ווירקליכקייט, אויף וויפיעל זי דריקט אויס אין זיך דעם אַלגעמיינעם בעגריף, אַקוראַט אַזוי האָט אויך די איינצעלנע מיינונג, ווי קלוג און גערעכט זי זאָל ניט אויסזעהן, נאָר אויף אַזוי פיעל ווערטה, אויף וויפיעל זי פאַלט צונויף מיט דעם אַלגעמיינעם וועלט־שכל, וואָס האָט ארויסגעזאָגט זיין לעצט וואָרט אין דער הערשענדער ווירקליכקייט. די פּריסישע מאָנאַרכיע פון די 20־ער יאָהרען, — אַזוי מעג מען אויסדריקען העגעל׳ס געדאַנק, — איז גאָט׳ס קעניגרייך אויף ד ע ר וועלט. פאַר די אָבער, וואָס האָבען ניט געקאָנט אין זייער געפיהל צונויפגיעסען זיך מיט דער ווירקליכקייט, איז געווען אָפען דער וועג אין די העכערע רעגיאָנען פון דעם אַבסאָלוטען גייסט. זיי האָבען געקאָנט לעבען אין דער קונסט, רעליגיאָן, וויסענשאַפט און פילאָסאָפיע. אונטער די שטראַהלען פון דער העגעל׳שער פילאָסאָפיע האָבען זיך בעזונדערס פאַנאַנדערגעבליהט די היסטאָרישע וויסענשאַפטען. אויף דער פערגאַנגענהייט האָט מען גענומען קוקען ווי אויף אַ נויטווענדיגען פּראָצעס, וואָס האָט געפיהרט צו דער געגענוואַרט, און די פילאָסאָפישע אויספאָרשונג פון דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע, אויף אַלע פעלדער פון דעם מענשליכען שאַפען, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף דער טאַגעס־אָרדנונג: קיין חדוש ניט! אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט איז דאָך פערשריעבען דאָס לעבען פון דער געטליכער סובסטאַנץ אליין! מיט אַ בעזונדער ליעבע האָט מען זיך גענומען צו דעם שטודיום פון יענעם קולטור־צווייג, אין וועלכען די גאָטהייט ענטפּלעקט זיך אונטער איהר אייגענעם נאָמען, ווען אפילו אין דער פאָרם פון פאָרשטעלונגען און געפיהלען, — דעם צווייג פון רעליגיאָן און קריסטענטום. אָבער דאָ, אין די רעליגיאָנס־געשיכטליכע אונטערזוכונגען האָט מען זיך אָנגעשטויסען אָן פראַגען, וואָס זענען ניט גאַנץ קלאָהר פערענטפערט געוואָרען אין העגעל׳ס סיסטעם, און וואָס האָבען פאַנאַנדער געשפּאָלטען די העגעל׳שע שוהל אין אַ רעכטען (קאָנסערוואַטיווען) און אַ לינקען (ראַדיקאַלען) פליגעל.

די ראַדיקאַלען, אָדער די יונג־העגעליאַנער, האָבען געמוזט פריהער אָדער שפּעטער אַראָברייסען יענע חתימה, מיט וועלכער העגעל האָט צוגע׳חתמה׳ט די ווייטערדיגע ענטוויקעלונג פון דער פילאָסאָפיע.

זעכצעהנטער קאַפּיטעל.

# דיא יונג-העגעליאנער און דער מאטעריאליזם.

(אינהאַלט: די יונג־העגעליאַנער. דער וואונדער און דער אונ־שטערבליכקייטס־גלויבען. דער אונענדליכער פּראָגרעס. — דוד פריעדריך שטרויס. מאַסען און העלדען. „סובסטאַנץ" און „בעוואוסטזיין". ברונאָ בויער און די קריטישע קריטיק. — לודוויג פייערבאַך און דער אָביעקטיווער סענסואַליזם. די נאַטור — אַן אָרגאַניזם פון עמפּפינדונגען. די קריטיק פון דער דיאַלעקטיק. מענש און גאָט. דער אורשפּרונג פון דער רעליגיאָן. די צוקונפטיגע רע־ליגיאָן. משה העסס און דער „אמת'ער" סאָציאַליזם. — דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם פון קאַרל מאַרקס און פריעדריך ענגעלס. די ליניע האָבבס — יוּם און די ליניע מימון — מאַרקס. סענסואַליזם און מאַטעריאַליזם. מיסטישע און מאַטעריאַליסטישע דיאַלעקטיק. די טריאַדישע ענטוויקעלונג און דער אָבשלוס פון דער פילאָסאָפיע. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם און די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. — דער געוועהנליכער מאַטעריאַליזם).

## § 22. די יונג־העגעליאַנער.

דער אויביגער פריעדען, וועלכען העגעל'ס אבסאָלוטער אידע־אַליזם האָט געשלאָסען מיט דער „ווירקליכקייט" אין דעם רעליגיע־זען און דעם פּאָליטיש־סאָציאַלען לעבען, האָט געדויערט ניט לאַנג. דער ערשטער סכסוך צווישען דעם פרייען פילאָסאָפישען דענקען און די הערשענדע מיינונגען האָט זיך פּאַנאַנדער געברענט אויף דעם פעלד פון דעם רעליגיעזען גלויבען.

פילאָסאָפיע און רעליגיאָן, האָט העגעל גע־לעהרנט, האָבען איין און דעמזעלביגען אינהאַלט; מעהר ניישט זיי ברענגען איהם ארויס אין פערשיידענע פאָרמען. די רעליגיאָן — אין דער פאָרם פון

פאָרשטעלונגען, געפיהלען און בילדער; די פילאָסאָפיע אין דער פאָרם פון דעם ריינעם געדאַנק. אין ביידען האָט זיך ענטפּלעקט איין־און־דערזעלביגער געטליכער וועלט־פּראָצעס. דער גלויביגער קריסט קאָן דעריבער בלייבען ביי זיין גלויבען, צ. ב., אַז גאָט, דער וועלט־בעשאַפער, איז פערקערפּערט געוואָרען אין דער מענשליכער געשטאַלט פון קריסטוס. און אָט דעם גלויבען קאָן ער אויך מיט דעם רוהיגסטען געוויסען פרעדיגען זיינע מיט־מענשען. ער דאַרף מעהר נישט דערביי פילאָסאָפיש מכוון זיין, אַז דער אינוועניגסטער זין פון דער דערצעהלונג דריקט אויס יענעם פּראָצעס, אין וועלכען די אבסאָלוטע אידעע האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט דער נאַטור.

אָבער דאָ וואַקסט אויס אַ שאלה, וועלכע העגעל האָט ניט פערענטפערט אויף קלאָהר און וואָס איז געבליבען אין אַ מיסטישען האַלב־טונקעל. די בילדער פון דעם רעליגיעזען גלויבען, איבער־הויפּט די וואונדער, וואָס דריקען אויס מיט זיך אַ פילאָסאָפישען וועלט־געדאַנק, זענען פאָרשטעלונגען פון דעם רעליגיעזען בע־וואוסטזיין. די קירכע פערלאַנגט אָבער מען זאָל זעהען אין זיי ניט נאָר פאָרשטעלונגען פון דעם רעליגיעזען געדאַנק, נאָר אויך ווירקליכע פּאַסירונגען פון דעם היסטאָרישען לעבען. די וואונדער, זאָגט די קירכע, זענען צו אַ בעשטימטער צייט געשעהן אין דער ווירקליכקייט. ווי זאָל זיך דער העגעליאַנער שטעלען צו דער פאָר־דערונג פון דעם קירכליכען גלויבען? פון איין זייט איז זיין צוועק פאָלשטענדיג דערגרייכט, ווען די בעשטימטע וואונדער האָבען געלעבט אין דער פאָרשטעלונג פון דער גלויביגע־ קהילה, ווען אפילו זיי האָבען קיין מאָל אין לעבען ניט פּאַסירט: די רעליגיאָן איז אַ שטופע פון דעם אבסאָלוטען גייסט. פאַר איהם איז וויכטיג אַ גע־וויסער צושטאַנד פון בעוואוסטזיין און גאָר ניט אַזוי וויכטיג די ווירקליכקייט פון דעם היסטאָרישען פאַקט. צי קריסטוס איז באמת געווען, אָדער ער איז ניט געווען, צי די וואונדער פון זיין לעבען האָבען ווירקליך פּאַסירט אָדער ניט, — פאַר דער פילאָסאָפיע איז דאָס אַלץ איינס: דער פילאָסאָפישער זין פון די פאָרשטעלונגען בלייבט דערזעלביגער.

פון דער אנדער זייט אָבער איז דאָס ניט אַלץ איינס פאַר דער רעליגיאָן. אויב זי זאָל זיין דער אבסאָלוטער אמת, מוזען איהרע

פארשטעלונגען זיין רעאלע פאקטען און ניט נאר פאנטאזיעס פון דעם רעליגיעזען כח־הדמיון, ווען אפילו אין די פאנטאזיעס זאל זיך אבשפיעגלען א נויטווענדיגער מאמענט אין דער ענטוויקעלונג פון דער וועלט־סובסטאנץ. און פאר וואס קאן ניט געמאלט זיין, אז די וואונדער זאלען זיין אמת? די גאנצע העגעל'שע פילאסאפיע, קאן מען זאגען, איז א סיסטעם, וואס איז מלומד בנסים. דער וואונדער איז דארטען א געוועהנליכע זאך ניט דוקא אויף דעם פעלד פון רעליגיעזע פארשטעלונגען. דאס ווידערשפרוכ־פולע זיין פון דעם בעגריף איז דען א קליינער וואונדער? מיט וואס איז געהן געגען די געזעצען פון דער לאגיק א לייכטערע זאך, עהדער געהן געגען די געזעצען פון דער נאטור? און די פערוואנדלינג פון דעם וועלט־גייסט אין רוימליך־צייטליכע מאטעריע? און די פערשיידענע וואונדער פון העגעל'ס נאטור־פילאסאפיע, וואו דאס וואסער, צ. ב., ווערט לחלוטין פערשוואונדען, בעת עס ווערט פערדאמפפט, און ווערט ווידער ניי געבארען „ריין פון גאר־ניכט“ אין דער לופט און אין די וואלקענס? פאר וואס זאל מען ניט אננעהמען, אז בעת דער וועלט־שכל איז אין זיין ענטוויקעלונג געקומען צו דער א י ד ע ע פון א גאט־מענש, איז אין דעם ווירקליכען לעבען תוך כדי דבור בעשאפען געווארען א רעאלער, היסטארישער קריס־טוס מיט אלע יענע פאסירונגען, וואס דריקען בילדליך אוים די בע־שטימטע געדאנקען פון דער אידעע?

דאס רוב יונגע תלמידים פון העגעל זענען טאקי אין אנהויב געשטאנען אויף דעם שטאנדפונקט. וועגען ע כ ט ע ר מ א י י ע ר'ן וואס האט שפעטער אין איינעם מיט א ר נ א ל ד  ר ו ג ע בע־גרינדעט דעם „צענטראל־ארגאן פון דעם יונג־העגעל'שען פליגעל, די „האללע'שע יאהר ביכער“; דערצעהלט רוגע, אז ער האט אין דער יוגענד זיך בעשעפטיגט מיט דער פילאסאפישער אויפגאבע־ארויס־צוגעפינען על־פי בעגריף דעם ריכטיגען יאהר, חודש, טאג און שעה פון קריסטוס' געבורט! די פילאסאפיע איז דא געווארען, ווי אין מיטעל־אלטער, א שטוב־מויד ביי דער טהעאלאגיע... וואו בלייבט אבער דערביי די זעלבסט־שטענדיגקייט און די פרייהייט פון דעם פילאסאפישען געדאנק? און ביי העגעל'ן איז דאך דער פילאסאפי־שער געדאנק ניט נאר זעלבסט־שטענדיג, נאר ער שטעהט העכער

פאַר דער רעליגיאָן. די רעליגיאָן איז ביי איהם, ווי ביי פיכטע'ן און שעלינג'ן אַ ניעדעריגערער שטאַנדפּונקט פון דעם וועלט־גייסט, — אַן ענטוויקעלונגס־שטופּע, וועלכע דער וועלט־גייסט שפּרייזט אַריבער און לאָזט הינטער זיך. איז דען העגעלס סיסטעם ניט קיין פּאַנטהעאיזם, וואו נאַטור און גאָט איז איין און דיזעלביגע זאַך, וואו גאָט ענטפּלעקט זיין מהות אין אויביגע געדאַנקען, אין נ אַ ־ ט ו ר ־ ג ע ז ע צ ע ן, און ניט אין וואונדער־קאַפּריזען? די העגעל'שע פילאָסאָפיע, האָרטען וואו זי רעדט אין איהר אייגענעם נאָמען, אין קלאָהרע בעשטימונגען פון דעם ריינעם געדאַנק, איז ספּינאָזיסטיש און אַנטי־קירכליך. אָט דער איננערסטער קערן פון דעם העגעל'שען סיסטעם האָט געמוזט פריהער אָדער שפּעטער שלאָגען וואָרצלען, לאָזען שפּראָצונגען און דורכרייסען די מיסטיש־רעליגיעזע שאָלעכין, מיט וועלכע ער איז געווען ארומגערינגעלט. עס האָט געמוזט קומען צו אַ שפּאַלטונג אין דער העגעל'שער שוהל צווישען די, וואָס האָבען זיך געהאַלטען פאַר דער שאָלעכיז, און די, וועמען עס איז געווען טהייער דער פריי־דענקערישער קערן.

אָנגעהויבען האָט עס זיך מיט דער שאלה ויעגען דער „השארת הנפש“, דער אונשטערבליכקייט פון דער מענשליכער נשמה. לויט דעם קערן פון העגעל'ס פילאָסאָפיע, איז די אונענדליכע טיעפקייט פון דער אידעע א סך אַ העכערע אַרט אונענדליכקייט, עהדער די קוואַנטיטאַטיווע אונבעגרעניצקייט אין רוים און די אויביגקייט אין דער צייט: די ריין קוואַנטיטאַטיווע אונענדליכקייט, וואָס בעשטעהט אין ביליאָנען מאָל ביליאָנען פון איין־און־דערזעלביגער זאַך האָט העגעל א נאָמען געגעבען „די שלעכטע אונענדליכקייט“. די אונשטערבליכקייט פון דעם קירכליכען גלויבען איז אַזאַ קוואַנטיטאַטיווע אונענדליכקייט. פאַר העגעל'ן הייסט אָבער לעבען אונשטערבליך — אריין נעהמען אין דער נשמה די אונענדליכע טיעפקייט פון דעם אַבסאָלוטען גייסט, זיך צונויפגיסען מיט איהם. א חוץ דעם שפּיעלען דער איינצעל־מענש און זיין אינדיווידועללע נשמה אי־בערהויפּט ניט קיין גרויסע ראָליע אין העגעל'ס סיסטעם. די הויפּט זאַך איז דאָס לעבען פון דעם אלגעמיינעם וועלט־גייסט, וואָס דענקט אין אונזער אלעמעס דענקען. האָט זיך דער וועלט־גייסט איין מאָל רעאַליזירט אין אונזער לעבען אויף דער וועלט, איז דער זין פון אונ־

זער לעבען דערפילט. נאָך אַ מאָל לעבען אויף י ע נ ע ר וועלט האָט קיין ברעקעל זין ניט, און וואו זאָל מען אריין שטופען אָט די „יענע וועלט“ אין העגעלס סיסטעם? די פילאָסאָפיע ווייס נאָר פון איין „יענער וועלט“, — דאָס ענטוויקלען זיך פון דעם ריינעם לאָגישען גערראַנק. דאָרטען אָבער איז קיין אָרט ניטאָ פאַר אַן איינצעלנער אינדיווידועלער נשמה. דער גלויבען אין אונשטערבליכקייט אין דעם קירכליכען זין איז אויסגעוואַקסען ניט פון דער פילאָסאָפישער הינגעבונג צו דעם לעבען פון דעם וועלט־אַל, נאָר פון דעם קליינליכען, עגאָאיסטישען געפיהל פון אייגענער קליינליכער גליקזעליגקייט.

ר י כ ט ע ר און פ י י ע ר ב א ך זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבען, אין דעם אָנהויב פון די דרייסיגער יאָהרען ארויס־געבראַכט וועגען דער מענשליכער נשמה אָט דעם אמת, וואָס איז געלעגען פערבאָרגען אין דער העגעל'שער פילאָסאָפיע. דער טויט איז אַן אמת'ער טויט, ניט אויף צו פליסען. מיט איהם ענדיגט זיך אויף אויביג די עקזיסטענץ פון דעם אינדיווידואום. דורך דעם גופא האָבען זיי אָבער אויך בעוויזען, אַז דער פריעדען, וועלכען העגעל האָט געוואָלט פעראייביגען צווישען דער פילאָסאָפיע און דער רעליגיאָן, איז געווען צום גרעסטען טייל אויפגעבויט אויף אַ טעות אין פשט. די רעליגיאָן, וואָס פערטיידיגט די עגאָאיסטישע בעדער־פעניסען פון דעם איינצעל־מענשען, און די פילאָסאָפיע, אין וועל־כער עס וויקעלט זיך פאַנאַנדער דער אָביעקטיווער אמת וועגען דעם וועלטליכען פראָצעס, רעדען אויף צוויי פערשיעדענע שפּראַכען און קומען צו אַנטגעגען־געזעצטע רעזולטאַטען. מען מוז אויסקלייבען איינס פון די ביידע, און עס קאָן קיין ספק ניט זיין, צו וועמען פון זיי עס דאַרף צושטעהן דער פילאָסאָף.

דער תהום צווישען רעליגיאָן און פילאָסאָפיע, וואָס האָט זיך ענטפּלעקט אין דער פראַגע וועגען דער אונשטערבליכקייט, איז נאָך ברייטער און טיעפער פאַנאַנדערגעראַבען געוואָרען פון דוד פרידריך שטרויס אין זיין ווערק „דאָס לעבען פון ישו“ אוז אין זיינע „שטרייט־שריפטען“.

שטרויס' ווערק האָבען פאַנאַנדער געשפּאַלטען די העגעל'שע שוהל אין דריי ריכטונגען: דעם רעכטען פליגעל, וואָס האָט זיך געהאַלטען פאַר דער איינהייט פון פילאָסאָפיע און רעליגיאָן; דעם

לינקען פליגעל, וואָס האָט אויפגעהויבען אַ שטורמדיגען קאַמפּף אַנטגעגען דעם אַלטען דאָגמאַטישען גלויבען אַפילו אין זיין העגעל'שער אויסטייטשונג, און אין אַ „צענטער", וואָס האָט געזוכט אַבצושוואַכען די ביידע היפּכים און אויסגעפינען דעם „גילדערנעם מיטען" צווישען זיי.

דער לינקער פליגעל איז בעקאַנט געוואָרען אונטער דעם נאָמען „די יונג־העגעליאַנער" און צו איהם האָבען געהערט אַזעלכע דענקער און פאָרשער, ווי שטרויס, פייערבאַך, לאַססאַל, קאַרל מאַרקס, פריעדריך ענגעלס, ברונאָ בויער, קאַספּאַר שמידט (מאַקס שטירנער), הערצען, באַקונין און נאָך אַנדערע בעדייטענדע נעמען, — די בעסטע קעפּ פון יענעם דור.

אונטער זייערע הענד איז די העגעל'שע פילאָסאָפיע כמעט אין גאַנצען פערענדערט געוואָרען. די פערטיעפונג אין יעדען פּראָבלעם פלעגט פיהרען צו דעם רעזולטאַט, אַז העגעל'ס מיינונג קאָן אויסגעטייטשט ווערען אי ראַדיקאַל, אי קאָנסערוואַטיוו, און אַז דער ראַדיקאַלער ענטפער פּאַסט בעסער צו דעם ענטוויקעלונגס־גאַנג פון דער אידעע, עהדער דער קאָנסערוואַטיווער. מען איז אָבער אויך געקומען צו גאַנץ נייע רעזולטאַטען, וועלכע האָבען שוין אַריבערגעשפּרייזט די גרענעצען פון העגעל'ס סיסטעם, און דאָס האָט געמוזט פיהרען צו דעם געדאַנק, אַז דער וועלט־גייסט האָט ניט אָבגעשלאָסען זיין ענטוויקעלונג מיט דער העגעל'שער פילאָסאָפיע. ער זיצט נאָך ביים וועבשטוהל און וועבט דעם א ו נ ע נ ד ל י כ ע ן פאָדעם פון דער פילאָסאָפישער ענטוויקלונג. די „ווירקליכקייט וואָס איז געווען „פערנינפטיג" פאַר איהר צייט, מוז ווידער ווערען „אָבגעלייקענט", אָבגעשאַפט, ווי די אונצעהליגע ווירקליכקייטען, וואָס זענען געווען פאַר איהר. און אויב אַלץ, וואָס איז ווירקליך, איז פערנינפטיג, מוז, פון דער אנדער זייט, אַלץ, וואָס איז פערנינפטיג, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט פון דער ווייטערדיגער ענטוויקעלונג פון דער אידעע, אַ מאָל ווערען ווירקליך.

די יולי־רעוואָלוציאָן פון 1833 איז געווען אַן עמפּירישער בעווייז, אַז דער היסטאָרישער פּראָצעס פון דעם „אָביעקטיווען גייסט" האָט זיך ניט אָבגעשטעלט ביי יענע פאָרמען פון דעם פּאָליטישען און דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, אין וועלכע העגעל האָט געזעהען

דאָס לעצטע וואָרט פון דעם וועלט־שכל. א ו י ב י ג ע ענטוויק־לונג, א ו י ב י ג ע ר פּראָגרעס איז געוואָרען דער לאָזונג פון די יונג־העגעליאַנער.

אין דער ערשטער צייט האָבען די שטימען פון די יונג־העגע־ליאַנער געקלונגען ווי איין מעכטיגער כאָר. זיי אַלע האָבען אונ־טערגעגראָבען די יסודות פון דער אַלטער וועלט, רעוויעזען, אַז דער „שכל“, וואָס האָט געשטעקט אין די יסודות, האָט זיך שוין איבער־געלעבט, אַז דער וועלט־שכל ברענגט אַרויס אין דער „אידעע“ נייע יסודות, וואָס מוזען פערווירקליכט ווערען אין דעם לעבען, פּשוט דערפאַר ווייל דאָס ווערט פערלאַנגט פון דעם שכל. ביסלעכווייז האָבען אָבער אין דעם אַלגעמיינעם כאָר זיך גענומען אַרויסהערען די איינצעל־שטימען פון די פערשיידענע דענקער, וואָס האָבען אַרויס געבראַכט זייערע אייגענע סיסטעמען. שטרויס און ברונא בויער זע־נען נאָך געבליעבען אין די גרענעצען פון דעם לאָגישען פּאַנטהע־איזם; פייערבאַך, שטירנער, מאַרקס און ענגעלס האָבען אין גאַנצען פערלאָזען דאָס פעלד פון דער אידעאַליסטישער מעטאַפיזיק.

### § 23. דוד פריעדריך שטרויס (1808—1874) און ברונא בויער (1809—1882).

שטרויס׳ הויפּטווערק: „דאָס לעבען פון ישו“ איז געווען ניט נאָר אַ געשיכטליכע אונטערזוכונג וועגען ישוס לעבען און אַ קריטיק פון די עוואַנגעליען. עס האָט געטראָגען אין זיך אַ נייע אויפ־פאַסונג פון דעם אַבסאָלוטען אידעאַליזם און אַ נייעם בליק אויף די גרונד־קראַפט, וואָס טרייבט אָן די געשיכטליכע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. די גרונד־קראַפט פון דער ענטוויקעלונג בלייבט ביי שטרויס׳ען די אידעע. זי איז די גאָטהייט, וואָס ענטפּלעקט זיך אין דער מענשליכער געשיכטע. אָבער דאָס איז שוין ניט מעהר דער וועלט־שכל, וואָס וואַריאירט אויף פערשיעדענע אופנים איין און דעם זעלביגען וועלט־געדאַנק, ווי דאָס איז געווען ביי העגעל׳ן. די אידעע, וואָס בעשאַפט די מענשליכע געשיכטע און הערשט אין איהר איז די א י ד ע ע פ ו ן ד ע ר מ ע נ ש ה י י ט, דער „גענוס פון דעם מענשליכען מין“. און ער ענטפּלעקט זיך אין דער מענשהייט אויף אַלע פעלדער פון דער קולטור מיט אַ מאָל, ניט ווי דאָס איז געווען ביי העגעל׳ן, וואו דער וועלט־גייסט לאָזט אַרויס פון

זיך אַ ממשלה נאָך אַ ממשלה, אַוועקשטעלענדיג איין ממשלה אויף דער אנדערער, ווי א העכערע מדרגה אויף אַ ניעדעריגער. אַלע ממשלות פון דעם מענשליכען שכל זענען גלייכוועךטה פאַר דעם געניוס פון דעם מענשליכען מין: דאָס פּאָליטישע לעבען אזוי גוט, ווי דאָס וויסענשאַפטליכע, קינסטלערישע און פילאָסאָפישע. נאַפּאָלעאָן און סאָקראַט, האָמער און קאָפּערניקוס זענען גלייך וויכטיגע פערטרעטער פון דעם אַלגעמיין־מענשליכען גייסט.

דער געניוס פון דער מענשהייט ענטפּלעקט זיך אָבער און ווערט פערווירקליכט ניט נאָר אין די ארבייטען פון די גרויסע מענשען, פון די העלדען. די אמת'ע טרעגער פון דער מענשהייט'ס אידעע און דער מענשהייט'ס ענטוויקעלונג זענען ניט די העלדען, נאָר די מאַססען. אין זיי וועבט דער געניוס פון דער מענשהייט כמעט אונבעוואוסט, כמעט אינסטינקטיוו זיין היסטאָריש געוועב. זיי זענען די „ס ו ב ס ט א נ ץ" פון דער וועלט־געשיכטע; די העלדען ברענגען ארויס נאָר דאָס אין „בעוואוסטזיין", וואָס עס איז אָנגעוואקסען אין דעם לעבען פון דער סובסטאנץ, און נאָר די עלעמענטען פון'ם „בעוואוסטזיין" האָבען אַ קיום אין לעבען, וואָס דריקען קלאָר אויס די בעדערפעניסען און דעם ענטוויקעלונגס־צושטאַנד פון דער סובסטאַנץ, ד. ה. פון די מאַססען.

אין דעם ליכט פון אָט די גרונד־געדאנקען בעטראכט שטרויס די ענטוויקעלונג פון דעם רעליגיעזען בעוואוסטזיין אין דער צייט, ווען דאָס קריסטענטום איז געבאָרען געוואָרען. עס איז פאַר איהם קיין ספק ניט, אַז די אַלע וואונדער־געשיכטען, וואָס זענען בעשאַפען געוואָרען וועגען קריסטוס'עס לעבען, ווי אפשר אויך די גאנצע פי־גור פון קריסטוס, האָבען ניט געהאט קיין ברעקעל רעאַלע עקזיסטענץ, אַ חוץ אין די מוחות פון די, וואָס האָבען בעשאַפען די אַלע דער־צעהלונגען און האָבען אין זיי געגלויבט. אין דעם פונקט איז שטרויס געגאַנגען האנד אין האנד מיט אַלע אַטהעאיסטען און אפּיקורסישע פריי־דענקער. פון זיי פון אַלעמען האָט זיך אָבער שטרויס אבגעשיידט ניט נאָר דורך זיין וויסענשאַפטליכען ערנסט און טיעפקייט, ניט נאָר דורך זיין קלאָהרע אונבעצווינגבארע לאָגיק, נאָר אויך דורך די נייע שטעללונג צו דעם גלויבען, וועלכען ער האָט קריטיקירט, — אַ שטעללונג, וועלכע ער האָט געהאט צו פערדאנקען

דער העגעל'שער פילאָסאָפיע. אַזאַ וויכטיגע פּאַסירונג, ווי דאָס קדיסטענטהום, וואָס האָט בעגייסט דאָס אויסזעהען פון דער גאַנצער מענשהייט, האָט ניט געקאָנט זיין אַ פּראָדוקט פון שאַרלאַטאַנעס, וואָס האָבען געפיהרט דעם עולם בארן נאָז, און פון פראָים, וואָס האָבען זיך געלאָזט פיהרען. די כלומרשט געשיכטליכע פּאַסירונגען, וואָס ווערען דערצעהלט אין דיא עוואַנגעליען, זענען אינסטינקטיווע בעשאַפען געוואָרען אין די מאַסען אויף דעם זעלביגען שטייגער, ווי די מענשהייט בעשאַפט איבערהויפּט לעגענדען און מיטהען. ווער עס וויל פערשטעהן זייער זין, מוז זיך אראָבלאָזען אין די טיעפעניסען פון דעם פאָלקס־לעבען, דאָרטען צוהערען זיך צו די בעדערפעניסען, זאָרגען און האָפענונג פון די גרויסע פאָלקס־מאַסען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס די ענטוויקעלונג פו דער מענשהייט. דער קריסטוס־גלויבען איז אַ מ ש י ח־גלויבען, אַ גלויבען אין אַן אויסלייזער, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען פון די נאַציאָנאַלע האָפענונגען און ליידען פון'ם אידישען פאָלק און פון דער רעליגיעז־עטהישער בענקשאַפט פון דער גאַנצער מענשהייט. קריסטוס איז דער ס י מ־ב אָ ל פון דער גאַנצער מענשהייט; ער איז די מענשהייט, אידעאַליזירט און פאָרגעשטעלט אין איין איינציגער פיגור. ער איז די „אידעע פון דער מענשהייט“, וואָס דריקט זיך אליין אויס אין דער פאָרם פון אַ פערזענליכער געשטאַלט. די בעשאַפער פון דער קריסטוס־לעגענדע האָבען נאָר בעוואוסט אויסגעדריקט דאָס, וואָס עס האָט זיך ווי אַ חלום ארום געטראָגען אין די מוחות און די הערצער פון די מאַסען, ד. ה. דאָס, וואָס דער געניוס פון דער מענשהייט האָט געוועבט אין זיי אין דער שטיל.

צו גאַנץ אַנדערע פילאָסאָפישע און געשיכטס־פילאָסאָפישע רעזולטאטען איז געקומען ברונאָ בויער. אַ פריהערדיגער געגנער פון שטרויס, א הייסער פערטיידיגער פון דעם רעכט־גלויביגען העגעליאַניזם, האָט ער זיך געמוזט אונטערגעבען צו די רעזולטאַטען פון שטרויס' קריטיק און פון דער גאַנצער יונג־העגעל'שער ריכטונג. ס'איז אמת: פילאָסאָפיע און רעליגיאָן קאָנען ניט הויזען איינע מיט דער אַנדערער; ס'איז אמת, וואונדער און אונשטערבליכקייט זענען אונמעגליך און געהען להיפך צו העגעל גופא, אויב מען פערשטעהט ריכטיג, וואָס יענער האָט געוואָלט זאָגען. ס'איז אויך אמת,

אז דער וועלט־גייסט האט ניט געזאגט מיט העגעל'ס פילאָספיע זיין לעצט וואָרט, אָבער דער גרונד־פּרינציפּ פון דער פילאָסאָפיע בלייבט דאָך דער וועלט־שכל. מען דאַרף מעהר נישט ריכטיג פערשטעהן זיין אייגענטליכע עובדא. שכל איז דענקען; דענקען איז ענטוויקלען זיך, ווערען אנדערש, עהדער מען איז געווען, אָבלייקענען דעם עבר, ק ר י ט י ק י ר ע ן. די ק ר י ט י ק, דאָס איז די אייגענטליכע מאכט, וואָס בעשאפט די ענטוויקעלונג, און וואָס האָט ארויסגע־בראכט די געשיכטע פון דער מענשהייט. די קריטיק איז דער מעטאַ־פיזישער תוך פון דעם פּראָגרעס. אָבער די קריטיק קאָן ניט לעבען אין די גרויסע מאסען. זי איז ק ל אָ ה ר ע ר ב ע ו ו א ו ס ט ־ ז י י ן, בעת די מאסען זענען אַ דומפּפע, האלב אינסטינקטיווע „סובסטאַנץ“. די געשיכטע קאָן דעריבער ניט אָנגעפיהרט ווערען פון די מאסען, נאָר פון די איינצעלנע געניאלע אינדיווידועז, אין וועלכע עס לעבט דאָס בעוואוסטע דענקען, אין וועלכע די קריטיק געהט דורך איהרע פערשיידענע ענטוויקלונגס־פאזען. די מאסען פערווירקלי־כען אין לעבען דאָס, וואָס די קריטיק האָט ארויסגעבראכט אין די מוחות פון די איינצעלנע.

אויך די קריסטוס־לעגענדע, ווי אַלץ אין דער געשיכטע, איז ניט געבוירען געוואָרען אין דעם אונבעוואוסטען חלום'ען פון די מאסען, נאָר ב ע ו ו א ו ס ט ב ע ש א פ ע ן ג ע ו ו א ָ ר ע ן אין די מוחות פון די עוואַנגעליסטען. זיי האָבען בעוואוסט צוגעטראכט יעֿנע וואונדער און מיטהען, וואָס זענען געווען נויטיג, כדי מען זאָל קאָנען גלויבען אין קריסטוס, ווי אין אַ משיח.

די קריטיק, וואָס האָט בעשאַפען די געשיכטליכע ענטוויקלונג, איז ביז אהער געווען אריין געטהאָן אין אויסערליכע ענינים, ניט אין זיך גופא. זי איז געווען פּאָליטישע קריטיק, רעליגיעזע, שטאאטלי־כע און אזוי ווייטער. אַלע מאָל האָט זי געלאָזט ווייטער בעשטעהן דעם ענין, וועלכען זי האָט קריטיקירט. זי האָט נאָר געזוכט אויס צו בעסערען איהם, דערהויבען איהם אויף אַ העכערע מדרגה. ערשט אין זיין פילאָסאָפיע, — אזוי האָט געמיינט ברונאָ בויער, — קומט די קריטיק צום קלאָרען בעוואוסטזיין פון איהר איי־גענעם מהות. זי ווערט ריינע קריטיק, אָדער „קריטישע קריטיק“, —און לייקענט אין גאנצען אָב אַ סך פון יענע ענינים, וועלכע זי האָט

פריהער נאָך ענטוויקעלט און אויסגעבעסערט: די קריטישע קריטיק לייקענט לגמרי אָב די רעליגיאָן און דעם שטאַאַט.

שטרויס און בויער שטעהען נאָך אויף דעם באָדען פון דעם פילאָסאָפישען אידעאַליזם און דער אידעאַליסטישער געשיכטס־אויפפאַסונג. שטרויס'„גענִיוס פון דעם מענשליכען מין" און „די אידעע פון דער מענשהייט" זענען ניט קיין מעטאַפערן, ניט קיין בילדליכע אויסדריקע פאַר יענעם עמפּירישען פאַקט, אַז די געשיכטע פון דער מענשהייט ווערט געמאַכט פון דער מענשהייט גופא. די מענשהייט, ד. ה. דער סכום פון די לעבעדיגע מענשען, איז פאַר שטרויס'ען אַלץ נאָך אַ מין כלי, וואָס טראָגט אין זיך אַן איבערמענשליכען גייסטיגען אינהאַלט, אַ געצייג אין די הענד פון אַן איבער־מענשליכען פּרינציפּ, וואָס פערווירקליכט דורך די מענשען זיין ווילען. דאָס אייגענע איז מיט בויער'ס „קריטיק". ער מיינט דערמיט ניט דאָס קריטישע דענקען פון די איינצעלנע אינדיווידועןן, וואָס צווינגען ארויף זייער געדאַנק און זייערע אידעאַלען אויף דעם געדאַנק און דעם ווילען פון די מאַסען. דער „קריטישער געדאַנק" איז אַ גייסטיגער, איבערמענשליכער שאַפען, וואָס בענוצט זיך מיט די איינצעלנע אינדיווידוען, כדי זיך צו פערווירקליכען אין לעבען.

אָבער זייער ביידענס איבער־מענשליכער אידעאַליזם איז שוין געשטאַנען אזוי נאָהענט צו דעם ווירקליכען געשיכטליכען לעבען פון דער מענשהייט, אַז ס'איז גענוג געווען איין איינציגען שריט, כדי אין גאַנצען צו פערלאָזען דעם מעטאַפיזישען שטאַנד־פּונקט און אָנהויבען קוקען אויף אַלע צווייגען פון דער מענשליכער קולטור ניט ווי אויף אַ שפּיעל פון אויסער־מענשליכע אידעען, נאָר ווי אויף אַ פּראָדוקט פון דעם עמפּירישען מענשען גופא. דעם שריט האָט געמאַכט לודוויג פייערבאַך.

## § 24. לודוויג פייערבאַך (1804—1872).

ניט לייכט איז לודוויג פייערבאַך'ן אָנגעקומען צו בעפרייען זיך אין גאַנצען פון דער העגעל'שער מעטאַפיזיק. שריט נאָך שריט האָט ער געמוזט בעקעמפּפען דעם איבער־וועלטליכען אידעאַליזם אין זיין אייגענער געדאַנקענוועלט. קודם כל בעפרייט ער זיך פון דעם העגעל־ישען געדאַנק, אַז דער וועלט־שכל האָט געהאַט אַ פּעריאָדע פון ריינעם

שׂכל׳דיגען זיין, אין וועלכען עס ווערען ענטוויקעלט די וועלט־בע־גריפען, עהדער די אידעע געהט איבער אין איהר אייגענעם היפּך, די רוימליך־צייטליכע און מאַטעריעלע וועלט. ער בעקעמפּפט דאָס אויסערוועלטליכע זיין פון דעם וועלט־שׂכל כמעט אויף דעם זעלביגען שטייגער, ווי דאָס האָט געטהאָן אריסטאָטעלעס מיט פּלאַטאָן׳ס אי־דעען־וועלט. אונטער דעם איינפלוס פון ספּינאָזא (און שעללינג), גלויבט פייערבאך, אז גייסט קאָן ניט פאַרגעשטעלט ווערען אָהן נאַ־טור, ווי נאַטור אָהן גייסט. די נאַטור בלייבט נאָך אָבער פאַר איהם איינגעשלאָסען אין יענער נעץ פון בעגריפען, מיט וועלכער העגעל האָט זי ארום גענומען אין זיין נאַטור־פילאָסאָפיע, און די בעגרי־פען זענען אליין נאָך פאַר איהם די הויפּטזאך. די זינליכע עמפּפינ־דונגען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין רוים און צייט, האָבען נאָר אויף אזוי פיעל ווערטה, אויף וויפיעל אין זיי דריקט זיך אויס דער גע־דאַנקליכער בעגריף אָדער דער תוך פון דער זאך.

אָבער באַלד זעהט פייערבאך איין, אז פון דעם אייגענעם מענש־ליכען שׂכל אליין קאָן מען ניט ארויסברענגען דעם שׂכל וואָס שטעקט אין דער נאַטור. כדי איהם אויסצוגעפינען, מוז מען זיך ווענדען צו דער נאַטור גופא, זי אונמיטעלבאר שטודירען, גוט צוהערען זיך צו איהרע אייגענע רייד. אויב העגעל האָט פערלאַנגט, מען זאָל מיט אַן עהרליכער צניעות׳דיגער אָביעקטיוויטעט צוקוקען זיך צו דעם פּראָצעס פון דעם איינענעם דענקען און ניט איבעררייסען זיין גאַנג דורך סוביעקטיווע שאלות און „רעפלעקסיעם", פערלאַנגט איצ־טער פייערבאך, מען זאָל זיך אַקוראַט אזוי צניעות׳דיג און אָביעקטיוו אָבגעבען מיט דער בעאָבאַכטונג פון דער נאַטור. אָבער דאָ, אין דעם שטודיום פון דער נאַטור, צורינט דער העגעלשער אידעאַליזם, ווי א טהוי פון די זון־שטראַהלען.

וואָס בעמערקען מיר אין דער נאַטור, ווען מיר טראָגען אהין ניט אריין די בעגריפען פון אונזער פערשטאַנד? מיר בעמערקען רוים און בעמערקעז צייט, מיר זעהען פאַרבען, מיר הערען קלאַנגען, — קורץ: מיר האָבען פאַר אונז עמפּינדונגען און כדי זיי צו בעקומען, מוזען מיר אָנווענדען די זינליכע חושים. וואָס די נאַ־טור ווייזט אונז, דאָס איז דער אמת. זי ווייזט אונז רוים און צייט, הייסט עס, אז רוים און צייט זענען ווירקליך. זי ווייזט אונז עמפּ־

פינדונגען, הייסט עס, אַז דאָס ווירקליכע זיין איז אַ זינליך זיין, וואָס קאָן אויפגענומען ווערען מיט די חושים. דער אידעאַליזם מוז דאָ איבערגעהן אין דעם ס ע נ ס ו אַ ל י ז ם. אָבער פייערבאַך'ס סענסואַליזם איז שטאַרק פערשיידען פון יענעם, מיט וועלכען מיר זענען בעקאַנט געוואָרען ביי לאָקק'ען. לאָקק'ס סענסואַליזם איז געווען ס ו ב י ע ק ט י ו ו. די עמפפינדונגען זענען פאַר איהם געווען עפּעס אַזוינס, וואָס בעווייזען זיך נאָר אין אונזער נשמה, אַ דאַנק דער איינווירקונג פון דער דרויסענדיגער וועלט, וואָס איז, לויט איהר טבע נאָך, ניט עמפפינדונג. פייערבאַך איז ניט אומזיסט געווען אַ תלמיד פון דעם אָביעקטיווען אידעאַליזם: ע מ פ־ פ י נ ד ו נ ג ע ן ע ק ז י ס ט י ע ר ע ן אָ ב י ע ק ט י ו ו ד ר ו י־ ס ע ן פ ו ן א ו נ ז; זיי זענען דער תוך פון דער נאַטירליכער וועלט. אַזאַ שטאַנדפּונקט איז גלייך ווייט סאַי פון דעם אידעאַליזם, וואָס נעהמט אָן, אַז דרויסען פון אונז עקזיסטירען אידעען, סאַי פון דעם מאַטעריאַליזם, וואָס וויל האָבען, אַז דרויסען פון אונז עקזיסטירט אַ מאַטעריעלע ס ו ב ס ט אַ נ ץ. מיר זעהען אין דער נאַטור ניט קיין אידעען און ניט קיין מאַטעריע, — ממילא זענען זיי דאָרטען ביידע ניטאָ. די דרויסענדיגע וועלט איז דורך און דורך זינליכקייט, עמפפינדונג. און די עמפפינדונגען זענען פערבונדען אין איינעם צו איין־איינציגען אַלוועלטליכען אָ ר ג אַ נ י ז ם, די נאַטור.

שוין די גרונד־שטריכען פון זיין נייער וועלט־אנשויאונג האָבען געמוזט פיהרען פייערבאַך'ן צו אַ ראַדיקאַלען ברוך מיט דער גאַנצער העגעל'שער דיאַלעקטיק. פייערבאַך לייקענט ניט די עקזיסטענץ פון דעם מענשליכען שכל, דעם דענקען אין בעגריפען. אָבער בעת פאַר העגעל'ן איז דאָס „דענקען" געווען דאָס ערשטע און דאָס „זיין" — אַ פּראָדוקט פון דעם דענקען, קעהרט פייערבאַך אום דעם זאַץ און זאָגט: ניט דאָס „זיין" שטאַמט פון דעם דענקען, נאָר דאָס „דענקען" שטאַמט פון דעם „זיין". די מענשליכע בעגריפען זענען ניט מעהר, ווי אַן אָבשפּיעגלונג פון דער דרויסענדיגער נאַטור און פון דעם מענשענס אייגענער טבע. איז אָבער דער בעגריף אַן אַבסטראַקטע קאָפּיע פון דער זינליכער ווירקליכקייט, איז יעמאָלט ניטאָ קיין שום גרונד אָנצונעהמען, אַז אין איהם זאָלען זיך געפינען וועלכע עס

איז אינוועניגע סתירות. די פערשיידענע איינצעל־ערשיינונגען, וואָס זענען סותר איינע די אנדערע, ווען מען נעהמט זיי אַלע אריין אין איין כלל־בעגריף, פערליערען זייער ווידערשפרוך־פולען כאראקטער, ווי נאָר מען זעהט איין אז זייער אמת'ע עקזיסטענץ איז ניט אין דעם בעגריף, נאָר אי דער רוימליכער און צייטליכער ווירקליכקייט. די זאכען, וואָס זענען זיך סותר, ליעגען דרויסען איינע פון די אַנ־דערע אין פערשיעדענע ערטער אין דעם רוים, אין פערשיעדענע מאָ־מענטען אין דער צייט. דער זאַץ פון דעם ווידערשפרוך, וואָס טענה'ט, אַז קיין זאַך קאָן ניט זיין זי זעלבסט און צו דערזעלביגער צייט איהר אייגענער היפך, — דער זאַץ, וואָס איז אין גאנצען אָב־געלייקענט געוואָרען פון העגעל'ן און זיינע דיאַלעקטישע פאָרלויפער, — ווערט ווידער ארויף געזעצט אויף דעם אויבען־אָן פון דעם לאָ־גישען דענקען.

פייערבאך האָט זיך ניט פיעל אָבגעגעבען מיט זיין ערקענטניס־טהעאָריע און דעם סיסטעם פון דעם אָביעקטיווען סענסואַליזם. א סך פונקטען זענען געבליעבען ניט אויסגעארבייט און ניט דורכגע־טראַכט ביז צום סוף. אין א סך פונקטען פלעגען זיך ביי איהם צונויף־שטויסען אַנשויאונגען פון פערשיידענע צייטען פון זיין ענט־וויקעלונג, און ער האָט אַליין ניט געשפירט זייערע אינוועניגסטע סתירות. מעהר פאַר אַלץ האָט איהם געצויגען צו דער מענשליכער וועלט, צו דעם מענשען, ווי אַן אויסשניט פון דער זינליכער נאַטור. דער קאַמפף מיט העגעל'ס אידעאַליזם איז איהם געווען וויכטיג דער עיקר דערפאַר, ווייל אין העגעל'ס סיסטעם איז דער מענש געווען ניט מעהר ווי א טרעגער פון אויסער־און איבער־מענשליכע אידעען, בעת פאַר איהם איז דער מענש אויסגעוואקסען צו דעם איינציגען בעשאַפער פון זיין אייגענער געדאנקליכער וועלט. שטרויס' „געניוס פון דער מענשהייט" און ברונאָ בויער'ס „קריטישע קריטיק" האָבען איהם לייכטער געמאכט אָט דעם ראַדיקאַלען שריט, וואָס איז אין אונזער איצטיגע אויגען א באַנאַלע זעלבסט־פערשטענדליכקייט, וואָס איז אָבער געווען צו פייערבאך'ס צייטען און אין זיין פילאָסאָפישער סביבה — א בעפרייענדע גייסטעס־טהאַט פון אונבעשרייבליכען קוראַזש.

„גאָט איז געווען מיין ערשטער געדאַנק", זאָגט

פייערבאך, די פערנונפט, דער צווייטער, דער מענש, זיין דריטער און לעצטער געדאנק. אין די געדאנקען שפיגעלט דער מענש אב דאס „זיין" פון דער דרויסענדיגער נאטור און דאס „זיין" פון זיין אייגענער אינוועניגסטער טבע. כדי דעריבער צו פערשטעהן דעם אינוועניגסטען זין פון אלץ, וואס דער מענש האט ארויסגעבראכט, מוזען מיר שטודירען די טבע פון דעם מענשען, זיין פערבארגענעם תוך. אין וואס בעשטעהט אבער דער תוך פון יעדער זאך? אז אלץ איז סוף־כל־סוף א נאטירליכע, זינליכע עקזיסטענץ, — דאס ווייסען מיר, אבער דאס פיהרט אונז ניט ווייט, דאס העלפט אונז ניט אויסצוגעפינען די בעשטימטע טבע פון א געוויסער, בעשטימטער איינצעל־זאך. אלע זאכען פון דער נאטור זענען צונויפגעבונדען אין איינעם, ד. ה. זיי שטעהען אין געוויסע בעציעהונגען איינע צו די אנדערע. ד ע ר ס כ ו ם פ ו ן ב ע ־ צ י ע ה ו נ ג ע ן, ו ו א ס א ו ו ע ל כ ע ע ס א י ז ז א ך ה א ט צ ו א נ ד ע ר ע ז א כ ע ן, אט דאס איז לויט פייער־ באך איהר אייגענע בעשטימטע טבע. פון די בעציעהונגען קאנען מיר ארויסדרינגען די טבע פון א בעשטימטער זאך, און אין די בעציהונגען פון דעם מענשען צו זיינע געדאנקליכע פראדוקטען דריקט זיך אויס זיין אייגענע טבע. א וועזען, וואס האט געדאנקליך ארויסגעבראכט א גאט, איז פון געטליכער נאטור. אין זיינע געטער שפיגעלט זיך אב דאס וועזען פון דעם מענשען.

ניט נאר אין דער רעליגיאן, נאר אין אלץ, וואס דער מענש האט בעשאפען איז טהעטיג די מענשליכע נאטור. זי שטעהט הינטער אלע מענשליכע פראדוקטען און בעהערשט זיי. די אויפגאבע פון דער פילאסאפיע איז צו שטודיערען די מענשליכע פראדוקטען, כדי ארויסצודעסטילירען פון זיי דעם פערבארגענעם תמצית, — דעם מענשען. דער וויכטיגסטער מאטעריאל דערצו איז אבער די רע־ ליגיע, ווייל זי פליעסט פון דעם פערבארגענסטען קוואל פון זיין נשמה, פון דעם הארצען, פון דעם געפיהל. אין דער רעליגיע, אין דעם פשוט'ן נאאיווען פאלקס־גלויבען, חקרן'ט זיך ניט דער מענש. דער שכל מישט זיך ניט אריין מיט זיינע שאלות, וויעדער־ אנאנדרען און פלפולים. די פאנטאזיע מאלט אונגעשטערט דאס, נאך וואס דאס הארץ בענקט אין דער שטיל. פייערבאך'ס שטודיום פון

דער רעליגיע האָט דעריבער א גאַנץ אַנדער אויפגאַבע, עהדער די, וועלכע דער ראַדיקאַלער געדאַנק האָט זיך געשטעלט אין די שריפטען פון שטרויס און ברונאָ בויער. פאַר זיי איז רעליגיאָן ניט מעהר, ווי א בעשטימטער פאָרם פון דער מענשליכער ע ר ק ע נ ט נ י ס, וועלכע מען מען דארף געשיכטליך פערשטעהן. זיי זענען געוועזן צופריעדען, ווען זיי האָבען בעוויעזען, אז די רעליגיעזע פאָרם פון דער ערקענטניס האָט זיך שוין איבערגעלעבט און אז זי מוז אָברוימען איהר פּלאַץ פאַר א העכערער פאָרם: דער פילאָסאָפיש-וויסענשאַפטליכער. פאַר פייערבאך'ן איז אָבער די רעליגיע ניט ערקענטניס, נאָר ג ע פ י ה ל (אקוראט ווי ביי יאַקאָבי'ן און שלייערמאכער'ן), א בענקשאַפט נאָך פריעדען און רוה אין דער נשמה, א צושטאַנד פון מענשליכער, העכערער גליקזעליגקייט. די איבערלעבטע פאָרמען פון דער רעליגיע דאַרפען אָנווייזען דעם וועג, ווי אזוי אויסצוגעפינען אַנדערע ר ע ל י ג י ע ז ע פאָרמען, וואָס זאָלען פערנעהמען זייער פּלאַץ.

די רעליגיע שטאַמט פון אַן אָבהענגיגקייטס-געפיהל. דער מענש פיהלט איבער זיך אַן אונגעהייערע מאַכט, וואָס דריקט איהם אַראָב און ער וויל זיך בעפרייען פון איהר. די אונגעהייערע מאַכט איז, ווען מען בעקוקט זי טיעפער, די נאַטור. שוואַך שטעהט דער מענש אַנטגעגען איהר, קליין און אָהן א ברעקעל הילף. ער וואָלט וועלען הערשען איבער איהר, ער וואָלט וועלען זיין אַן איבערנאַטירליכעס וועזען, וואָס זאָל קאָנען אויספיהרען אַלץ, וואָס זיין האַרץ בעגעהרט. אָט דער פערבאָרגענער וואונש ווערט אויסגעפיהרט דורך דעם רעליגיעזען כח-הדמיון. אַזאַ וועזען ווערט בעשאַפען און אוועקגעזעצט ווי א בעשאַפער און אַן אויבערהאַרר איבער אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער נאַטור. עס איז דאָ אַן אַלמאַכטיגער גאָט, וואָס שטעהט העכער איבער די אייזערנע נאַטור-געזעצען, וואָס קאָן און וויל בייזשטעהן דעם מענשען אין זיינע יסורים און פּלאָגען. אזוי זאָגט דעם מענשען זיין פאַנטאַזיע. גאָט איז דעריבער „א טהרער, געוויינט אין דער שטיל פון דעם מענשען איבער זיין אייגענעם שיקזאַל“.

אָבער ניט נאָר די בענקשאַפט נאָך אַל-מַאַכט איבער דער נאַטור שפּיעגעלט אָב דער פון דעם מענשען געשאַפענער גאָט. ער ווערט אויסגעצייערט מיט נאָך א סך אַנדערע אייגענשאַפטען, וואָס זענען טהייער דעם מענשליכען האַרצען: ער איז אַל-וויסענד, ווייל ווי-

סענשאפט איז א מענשליכער אידעאל. ער איז בארעם־הארציג, אל־גיטיג, א ליעבענדער און גערעכטער פאטער, יוייל דאס זענען אלין אזעלכע מעלות, וואס דריקען אויס דעם אידעאל פון א מענשליכען וועזען, — מעלות, וועלכע די פאנטאזיע שטייגערט און כפל'ט ביז צו דער אונענדליכקייט. אין אמת'ען האט דאס אלץ נאר איין־איינציגען זין. ניט גאט איז אל־וויסענד, נאר די וויסענשאפט איז פאר דעם מענשען געטליך; ניט גאט איז בארעם־הארציג, נאר די בארעם־הארציגקייט איז פאר דעם מענשען געטליך. אזוי איז זיך דער מענש מתודה אין דער רעליגיאן וועגען זיין אייגענער פערבארגענער געטליכער טבע. דער אומגליק פון דער רעליגיע בעשטעהט אבער אין דעם, וואס דעם מענשענס אייגענער אידעאל ווערט ארויס געשליידערט פון איהם ערגעץ־וואו דרויסען און שטעלט זיך אוועק אנטגעגען דעם מענשען ווי א פרעמדע בעהערשענדע מאכט. דער מענש פערליערט זיך אין איהם, זעהט אין איהם נאר דעם אל־מעכטיגען, וואס קאן איהם העלפען אין זיינע נויטען, ער פאלט פאר איהם אין שטויב און פערליערט זיין אייגענעם מענשליכען וועזען. די לעבענס־נויט, די איבערמאכט פון דער נאטור, מאכט איהם עגא־איסטיש, ריין פראקטיש. און בעת דער אידעאל פון גאט שפיעגעלט אב אין זיך די טבע פון דעם גאנצען מענשליכען מין, איז דאס רעליגיעזע לעבען אן אבשפיעגלונג פון דעם איינצעל־מענשען, ווען ער איז געוואָרען פרעמד צו זיין אייגענער טבע.

די קריטיק פון די ביז אהעריגע רעליגיאנס־פארמען דארף אבשאפען אט דעם תהום, וואס עקזיסטירט צווישען דעם מענשען און זיין אייגענער טבע. ער דארף די טבע ווידער אריין נעהמען אין זיך און ניט פערעהרען זי דרויסען פון זיך. אין געמיינזאמען שאפען, אין ברידערליכער ליעבע דארפען די מענשען זיך ווידער פעראייניגען, כדי דורך וויסענשאפט בעקומען די אויבערמאכט איבער די נאטור און אין דעם מענשליכען לעבען פערווירקליכען יענע אידעאלען, וועלכע זיי האבען ארויסגעשליידערט פון זיך אין דער פארם פון א גאט־גלויבען. דאס דארף זיין דער אינהאלט פון דער נייער מענשליכער רעליגיאן.

עס איז אין פייערבאך'ס אנטראפאלאגישער רעליגיאנס־פילאסאפיע ניט שווער צו בעמערקען דעם גרונד־שטריך פון העגעל'ס בוי־

מעטהאָדע. דער גרונד־פּרינציפּ טרעט ארויס פון זיך, געהט איבער אין זיין היפּך, ניט פערליערענדיג זיין טבע, ווערט פרעמד צו זיך אליין און קעהרט זיך אום סוף־כל־סוף צו זיך גופא אין דעם מענש־ליכען בעוואוסטזיין. ביי העגעל'ן איז דאָס דער איבער־נאַטירליכער וועלט־גייסט (גאָט) וואָס ווערט פרעמד צו זיך אין דער נאַטור, און קעהרט זיך אום צו זיך אין דעם מענשליכען קינסטלערישען, רעליגיע־זען און פילאָסאָפישען גדאנק. ביי פייערבאך'ן איז דאָס דער מענש, וואָס ווערט פרעמד צו זיך אין דעם איבער־נאַטירליכען גלויבען (גאָט), און קעהרט זיך אום צוריק צו זיך אין דעם מאָדערנעם רעלי־גיעז־פריי־דענקערישען בעוואוסטזיין און אין די סאָציאַלע בעשטרע־בונגען, וואָס דאַרפען פערווירקליכען דעם אידעאַל פון אַ מענשליכען לעבען.

ס'איז דעריבער ניט קיין צופאַל, וואָס דער סאָציאַליסטישער גע־דאַנק, ווען ער האָט גענומען אריין דרינגען אין דייטשלאַנד, האָט גע־פונען זיינע בעגייסטערטע אנהענגער צווישען יענע יונג־העגעליאַנער וואָס האָבען דורך־געמאַכט אַלע גייסטיגע רעוואָלוציאָנען פון שטרויס'ען ביז אויף פייערבאַך'ן. אין פייערבאַך'ן האָבען די ערש־טע סאָציאַליסטען דערבליקט דעם טהעאָרעטיקער, וועמעס פילאָ־סאָפיע עס קאָן ווערען דער פונדאַמענט פון'ם סאָציאַליזם. קאַרל גריון, משה העסס, און זייערע יונגערע תלמידים, מאַרקס און ענ־געלס, האָבען אויפגעבויט אַ סיסטעם פון דעם „אמת'ען", אָדער דעם „פילאָסאָפישען" סאָציאַליזם, אין וועלכען די פייערבאַך'שע פילאָ־סאָפיע האָט געשפּיעלט די הויפּט ראָליע. דער אייגענטליכער פאַ־טער אָט פון דעם „אמת'ען" סאָציאַליזם איז געווען משה (מאָריטץ) העסס.

משה העסס (1812—1875), אַ טיעפער, אָבער ניט גאָר קיין קלאָהרער דענקער, האָט אין זיינע פילאָסאָפישע ארבייטען ארויס־געבראַכט אַ ווייניג געראָטענעם געמיש פון ספּינאָזא, פיכטע, העגעל און פייערבאַך. זיינע ריין פילאָסאָפישע אָנשויאונגען האָבען אָבער ניט איבערגעלאָזען קיין ברעקעל רושם אויף די ענטוויקלונג פון דעם פילאָסאָפישען גדאנק. וויכטיג פאַר דער געשיכטע פון דער אייגענטליכער פילאָסאָפיע איז ער געוואָרען דורך אַ פּאָר געשיכטס־פילאָסאָפישע גדאנקען, וואָס האָבען אַוועקגעלעגט דעם פונדאַמענט, אויף וועלכען קאַרל מאַרקס האָט ווייטער געבויט.

אין פייערבאַך'ס פילאָסאָפיע ווערט אַרויסגעבראַכט אַ נפקא מיניה צווישען דעם איינצעל־מענשען, וואָס איז פרעמד געוואָרען צו זיין אייגענער מענשליכער נאַטור, און דעם גאַנצען מענשליכען „מין" (דער „גאַטונג"). אין דעם „גאַטטונגסמענש", דעם מענש, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם גאַנצען מענשליכען מין, ווערט ווידער שלום געשלאָסען צווישען דעם מענשען און זיין נאַטור. העסס שטעלט זיך אָב אויף דעם פראָבלעם פון ד ע ם מ ע נ ש ל י כ ע ן מ י ן, און טייטשט איהם אויס אין אַ סאָציאַלען זין. דער מענשליכער מין וואָס ברענגט אַרויס די רעליגיאָן און די גאַנצע קולטור, — דאָס איז ד י מ ע נ ש ל י כ ע ג ע ז ע ל ש אַ פ ט, אָדער דער מענש, וואָס לעבט אין אַ געזעלשאַפטליכען צושטאַנד, דער „פער־געזעלשאַפטליכער מענש". אין דעם לעבען פון דער מענשליכער גע־זעלשאַפט מוזען מיר זוכען דעם שליסעל, וואָס עפענט אונז אויף אַלע סודות פון דעם געשיכטליכען לעבען. די פערשיידענע ענטוויי־קעלונגס־פאַזען פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין שפּיעגלען אין זיך אָב פערשיידענע פאַזען אין דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקע־לונג. דער מענש לעבט אין דער געזעלשאַפט, כדי צו פערווירקליכען געוויסע פראַקטישע נויטען. די פּראַקטיק, די „טהאַט" איז דער איי־גענטליכער תוך פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. אַקוראַט ווי דער מענש האָט בעשאַפען אַ גאָט און איז פערקנעכט געוואָרען דורך דעם פּראָדוקט פון זיין אייגענעם שאַפען, אַזוי האָט די געזעלשאַפט אויך בעשאַפען אַ מאַכט — דאָס געלד — וואָס האָט פערקנעכט די געזעלשאַפט. געלד איז אַ פערטרעטער פון סחורה, ד. ה. פון גיטער, וואָס דער מענש האָט געשאַפען צו זיין אייגענעם געברויך, אָבער אין דעם צושטאַנד פון „פאַרפרעמדונג" זענען די מענשליכע גיטער, אין דער פאָרם פון געלד, געוואָרען דער גאָט פון דער געזעל־שאַפט, וואָס בעצווינגט זי און האַלט זי אין שקלאַווערייַ. דער העכ־סטער אויסדרוק פון מענשליכער פערפרעמדונג און געלד־הערשאַפט איז דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם. פון דער אַנדער זייט אָבער בע־שאַפט דער קאַפּיטאַליזם אַ מעכטיגע אינדוסטריע און מאַכט דעם מענשען צו דעם האַרר איבער די נאַטירליכע קרעפטען. אַ דאַנק דעם בעפרייט ער זיך פון יענע מאַנגעל און נויטה, פון יענער אָבהענגיג־קייט, וואָס האָט אין אָנהויב אַרויסגערופען די צושפּאַלטונג און

פערפרעמדונג. עס וואַקסט אויס דער אידעאַל פון קאָממוניזם, ווען דאָס געלד וועט אין גאַנצען אָבגעשאַפט ווערען, ווען דער מענש וועט זיין דער בעל־הבית אויף זיינע גיטער און ניט די גיטער אויף איהם. דער קאַפּיטאַליזם בעשאַפט אויך דאָס פּראָלעטאַריאַט, וואָס ווערט דער טרעגער פון דעם קאָממוניסטישען אידעאַל און וועט איהם פערווירקליכען אין לעבען.

### § 25. דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם פון קאַרל מאַרקס (1818 — 1883) און פריעדריך ענגעלס (1820 — 1895).

דער גייסטיגער שטראָם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט שלמה מימון׳ס קריטישען סקעפּטיציזם, האָט זיך ווי א וואַסער־שטורץ אראָבגעשליידערט פון קאַנט׳ס אויביגען אייז־גלעטשער אראָב א בארג, איז געשפּרונגען פון קאַסקאַד צו קאַסקאַד און האָט זיך מיט א ווילדער שנעלקייט געטראָגען צווישען ראָמאַנטישע, ענגע פעלז־שלוכטען צו אלץ טיעפערע און טיעפערע מעטאַפיזישע אָבגרונדען. העגעל׳ס אבסאָלוטער אידעאַליזם איז געווען דער לעצטער אָבשניט פון זיין ראָמאַנטיש־ווילדען שפּרינגען, אָבער ניט דער ענד־פּונקט פון דעם גאַנצען שטראָם. מיט העגעל׳ס תלמידים הויבט ער אָן צו פערלאָזען די פעלזיגע געגענד; ער ווערט ברייטער, פלאַכער, אָבער פליעסט דערפאַר אין מעהר בעוואָהנבארע, ווען אפילו אלץ נאָך בערגיגע פעלצער. מיט פייערבאַך׳ן דערגרייכט ער דעם טהאָל, וואו ער זאַמעלט זיך צונויף סוף־כל־סוף אין א מעכטיגען זעע, וועמעס נאָמען עס איז — דער מארקסיזם.

מערקווירדיג! די ענטוויקעלונגס־ליניע מימון — מארקס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומגעקעהרטע פּאַראַלעל צו דער ענטוויקעלונגס־ליניע פון דעם ענגלישען עמפּיריזם. דער פאַר־קאַנטישער פילאָסאָפישער געדאַנק אין ענגלאַנד בעגינט מיט האָבבס׳ מ א ט ע ר י א ל י ז ם, ער געהט אריבער אין לאָקק׳ס ס ע נ ס ו א ל י ז ם, לויפט דורך בערקליי׳ס א י ד ע א ל י ז ם און שליעסט אָב מיט יום׳ס ס ק ע פּ ט י צ י ז ם. דער נאָך־קאַנטישער געדאַנק אין דייטשלאַנד געהט דעם אומגעקעהרטען וועג: ער הויבט אָן מיט מימון׳ס ס ק ע פּ ט י צ י ז ם, מאַכט דורך אין פיכטע, שעללינג און העגעל א שטורעמדיגע פעריאָדע פון א י ד ע א ל י ז ם, געהט איבער אין פייערבאַך׳ס ס ע נ ס ו א ל י ז ם און רוהט זיך אויס

אין מארקס׳ מ א ט ע ר י א ל י ז ם. „פון מאטעריאליזם צו מאַ־טעריאליזם דורך קאנט“ — אזוי קאָן מען אָנרופען יענעם אויס־שניט פון דעם פילאָסאָפישען געדאַנק, וואָס פערבינדעט האָבבסען מיט מארקסען. ס׳איז אַקוראַט, ווי קאַנט׳ס פילאָסאָפישער קריטי־ציזם וואָלט געווען ניט מעהר ווי א ש פ י ן בארג, וועלכען דער מאטעריאליסטישער געדאנק האָט געמוזט אַרויף־ און אַריבער־קלעטערען, כדי ווייטער צו קאָנען געהן אין וועג, און ניט א באַרג־ר ו ק ע ן, אויף וועלכען די פילאָסאָפיע זאָל קאָנען זיך ווייטער ענטוויקלען, בלייבענדיג אויף דערזעלביגער הויך... אַריבערקלעט־טערענדיג דעם קאַנטישען באַרג, האָט זיך דער פילאָסאָפישער גע־דאַנק בעפרייט פון דעם ענגען בליק פון דעם „געזונדען שכל הישר“. אין דעם מימון־פיכטע׳שען שטראָם איז ער געוואָרען דיאַלעקטיש און דערזעלביגער דיאַלעקטישער כאַראַקטער זיינער איז געבליעבען איינגעוואָרצעלט אין איהם, אפילו ווען ער האָט זיך אין גאַנצען פערוואַנדעלט אין א ריינעם מאַטעריאַליזם.

מאַרקס׳ פילאָסאָפיע איז די צונויפגיעסונג פון דער העגעל־שער דיאַלעקטיק מיט דעם ריין מאַטעריאַליסטישען געדאַנק. מאַרקס׳ וויכטיגקייט ליעגט, פערשטעהט זיך, ניט אזוי אויף דעם פעלד פון ריינער פילאָסאָפיע, ווי אויף דעם פעלד פון דער סאָציאַ־לער וויסענשאַפט. זיין געדאַנק האָט בעררייכערט די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע, די סאָציאָלאָגיע און די געשיכטס־פילאָסאָפיע. ביז צו דעם סוף פון די זיבעציגער יאָהרען איז מאַרקס, דער פילאָסאָף, געווען כמעט אין גאַנצען אומבעקאַנט, ווען מאַרקס דער קריטיקער פון דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע און דער בעגרינדער פון דעם מאָדער־נעם סאָציאַליזם, האָט שוין צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמ־קייט פון דער גאַנצער געלעהרנטער וועלט. ערשט אין דעם סוף פון די 70־ער יאָהרען האָט זיין פריינד, תלמיד, און ווען מען קאָן אזוי זאָגען מיט־דענקער, פריעדריך ענגעלס, בעקאַנט געמאַכט דעם עולם מיט זייערביידענס פילאָסאָפישער וועלט־אַנשויאונג, און ערשט יעמאָלט האָט מען זיך גענומען דערמאָהנען, אז אויך אין די פריהערדיגע, היסטאָרישע, נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע און פובליציס־טישע אַרבייטען מאַרקס׳ ליעגען צוזוואָרפען איינצעלנע פילאָסאָ־פישע בעמערקונגען וואָס בעקומען גאָר אַן אַנדער ליכט, ווען מען בעטראַכט זיי אין דעם צוזאַמענהאַנג מיט דעם גאַנצען סיסטעם.

צונויפגעקליעבען און צונויפגעשטעלט אין איינעם זענען יענע פילאָסאָפישע בעמערקונגען נאָך עד היום ניט, און ביז צו דעם היינטיגען טאָג געהען אַן חלוקי דעות וועגען מאַרקס׳ אַנשויאונגען וועגען דעם אָדער יענעם פילאָסאָפישען ענין, אָבער די גרונד־שטריכען פון זיין דיאַלעקטישען מאַטעריאַליזם זענען קלאָהר וויעדערגעגעבען געוואָרען פון ענגעלס׳ען און אויך דער פילאָסאָפישער ענט־וויקעלונגס־גאַנג פון מאַרקס׳ען איז אויסגעפאָרשט געוואָרען גענוג.

זיין ערשטער ליטעראַרישער ארויסטרעטען איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון דעם יונג־העגעליאַניזם אין דער אויסטייטשונג פון ברונאָ בויער. „דאָס בעוואוסטזיין" אָדער די „קריטיק" איז געווען אויך פאַר מאַרקס׳ען יענער אויסער־מענשליכער גאָט, וואָס בעשאַפט די מענשליכע געשיכטע. פייערבאַך האָט איהם בע־פרייט פון דער העגעל׳שער און יונג־העגעל׳שער מעטאַפיזיק. אין דער זעלביגער צייט איז ער געוואָרען אַ בעגייסטערטער פערעהרער פון פרודאָנ׳ען און דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק בכלל. ער און ענגעלס זענען צוגעשטאַנען צו דעם „אמת׳ען" אָדער פילאָסאָפישען סאָציאַליזם פון מאָזעס העסס און קאַרל גריון, און אין דעם נאָמען פון פייערבאַך און פרודאָן האָבען זיי געפיהרט אַ העפטיגע פּאָלע־מיק אַנטקעגען דעם פריהערדיגען לעהרער, ברונאָ בויער. אָבער שוין אין דעם יאָהר פון דער פּאָלעמיק (1845) האָט מאַרקס׳ געדאַנק גע־נומען ווערן זעלבסטשטענדיג און זוכען אייגענע וועגען. פון יענער צייט שטאַמען זיינע קריטישע בעמערקונגען, וואָס זענען פערעפענט־ליכט געוואָרען אַ סך שפּעטער נאָך זיין טויט און וואו ענגעלס וויל דערבליקען דעם ערשטען קערענדעל, פון וואַנען עס האָט זיך פאַנאַנ־דער געוואַקסען זיין גאַנצע געשיכטס־פילאָסאָפיע. עס געפינט זיך אין יענעם דאָקומענט אַ געדאַנק, וואָס וואָלט געמאַכט אַ תל צו יע־דער אבסאָלוטער מעטאַפיזיק. דאָס איז דער געדאַנק, אז ריין מע־טאַפיזישע פראַגען, ווען זיי זענען אָבגעריסען פון דעם פּראַקטישען לעבען, האָבען נאָר אַ סכאָלאַסטישע בעדייטונג. אין דער ווירקליכ־קייט דאַרפען זיי בעווייזען זייער „די־וועלטיגקייט" און מאַכט. אז דער געדאַנק שטאַמט אָב פון מאָזעס העסס׳ „פילאָסאָפיע דער טהאַט" ליעגט קלאָר אויף דער האַנד, און וואָלט ער געווען אין גאַנצען דורכגעפיהרט, וואָלט ער שוין יעמאָלט אַרויסגעבראַכט

דעם שטאַנד־פּונקט פון דעם איצטיגען „פּראַגמאַטיזם", וואָס פאָר־מולירט זיין גרונד־געדאַנק כמעט מיט דיזעלביגע ווערטער. ער וואָלט געמאַכט אַן ענד צו יעדער אַבסאָלוטער מעטאַפיזיק, דער מאַטעריאַליסטישער אַזוי גוט ווי דער אידעאַליסטישער. און נאָך אַ געדאַנק פון יענעם דאָקומענט לאָזט אָננעהמען, אַז, עהדער מאַרקס איז איבערגעגאַנגען צו זיין סיסטעם־בוי, האָט ער דורכגע־מאַכט אַ צייט, — אפשר זעהר אַ קורצע, — ווען ער איז געווען ניט גאָר פריינדליך געשטימט צו נייע פילאָסאָפישע קאָנסטרוקציעס. די פילאָסאָפען זאָגט ער, האָבען די וועלט פערשיידען אויסגע־טייטשט (אינטערפּרעטירט). וויכטיג איז אָבער זי צו פערענדערן...

וואָס עס האָט איהם געפיהרט דערצו, ער זאָל זיך אַליין נעה־מען פאַר אַ נייער אויסטייטשונג פון דער וועלט קאָן מען איצטער אויף געוויס ניט זאָגען. זיכער איז אָבער אַז ער האָט זיך אין זיין פילאָסאָפישען דענקען צוריקגעקעהרט צו דער העגעל'שער דיאַ־לעקטיק, פון וועלכער ער האָט אַזוי סאַרקאַסטיש געשפּאָט אין זיין פּאָלעמיק מיט ברונאָ בויער, און האָט זי, די דיאַלעקטיק, צוגויפגע־שמאָלצען מיט דעם פראַנצויזישען מאַטעריאַליזם.

דער מאַטעריאַליזם דאַרף, לויט דער נייער פילאָסאָפיע, אומע־טום און קאָנסעקווענט דורכפיהרען דעם זאַץ, אַז דאָס „בעוואוסט־זיין" שטאַמט פון דעם „זיין" און ניט דאָס „זיין" פון דעם „בע־וואוסטזיין". עס קאָן זיין אַז אָט דער זאַץ האָט געצוואונגען מאַרקס'ען אָבצוזאָגען זיך פון פייערבאַך'ס סענסואַליזם און ארי־בערגעהן צו דעם ריינעם מאַטעריאַליזם. די עמפּפינדונג איז נאָך ניט קיין ריינער זיין. ס'איז אַן ארט בעוואוסטזיין. דאָס ריינע זיין איז ניט עמפּפינדענדע מאַטעריע און די איינהייט פון דער וועלט בעשטעהט אין איהר „מאַטעריאַליטעט". דער אופן פון דעם זיין, אין וועלכען די מאַטעריע געפינט זיך תמיד, איז די בעוועגונג, און די בעוועגונג בעווייזט אויף אַן אינוועניגסטען ווידערשפּרוך, אין וועל־כען עס געפינט זיך יעדעם זיין. דער בעוויז, אַז יעדע בעוועגונג איז די פאָרם, אין וועלכער עס גלייכט זיך אויס אַ ווידערשפּרוך, ווערט אריבערגענומען אין גאַנצען פון העגעל'ס לאָגיק. אויף דער ארגומענט, אַז דער מענשליכער שכל, וואָס איז אַן ארט בעוועגונג אין דער מאַטעריע, מוז קאָנען אריינדרינגען אין די סודות פון דער

וועלט, איז אויפגעבויט אויף דעם זעלביגען שטייגער, ווי דער העגעל'שער אידענטיטעטס־שטאַנדפּונקט. אויב די גאַנצע וועלט איז מאַטעריע, און דער שכל איז אויך ניט מעהר ווי אַ פּראָצעס אין דער מאַטעריע, איז דעריבער קיין חדוש ניט, נאָר אדרבה זעהר נאַטירליך וואָס די מאַטעריע אין שכל שפּיעגעלט ריכטיג אָב דעם פּראָצעס פון דער מאַטעריעלער וועלט. אמת, די סואווערעניטעט פון דעם מענשליכען שכל איז מעהר נישט ווי אַ פּאָטענציעלע, אַ ביכולת'דיגע. דער ערקענטנים־פּראָצעס איז אַן א ו נ ע נ ד ל י כ ע ר. אויספּאָרשען אַלע איינצעלהייטען איז אַן אונמעגליכקייט. אָבער דאָס וואָס דער שכל זעהט איין, לויט דער ריכטיגער מעטהאָדע, איז אַן אבסאָלוטער אמת. די מענשליכע פּראַקטיק, די אינדוסטריע און דער עקספּערימענט איז אַ פּראַקטישער בעוויז אַנטקעגען אַלע קריטיציזמען, סקעפּטיציזמען און אַגנאָסטיציזמען, וואָס ווילען האָבען אַז דער מענשליכער שכל איז ניט אין שטאַנד צו פערשטעהן „די זאַך אין זיך", אָדער די זאַך ווי זי איז. די ריכטיגע מעטהאָדע בעשטעהט אין דעם בעגרייפליכען דענקען, וואָס אַרבייט אויף דעם מאַטעריאַל פון ערפאַהרונג. אָבער אַרבייטען מיט בעגריפען איז אַ זאַך, וואָס די מענשהייט האָט זיך אויסגעלערנט ערשט אין דער לעצטער צייט. ערשט אין דער העגעל'שער פּילאָסאָפיע איז דער מענשליכער שכל בעקאַנט געוואָרען מיט זיין אייגענער טבע. העגעל האָט אָבער די טבע פון דעם שכל אויפגעפאַסט מיסטיש, ווי אַן איבערנאַטירליכען פּראָצעס. מען דאַרף דעם דיאַלעקטישען פּראָצעס פערשטעהן מאַטעריאַליסטיש. די מענשליכע בעגריפען האָבען אין זיך ווידערשפּרוכען און וויקלען זיך פאַנאַנדער טריאַדיש, ווייל זיי זיינען ערשטענס אַליין אַ בעוועגונג אין דער ווידערשפּרוך־פולער מאַטעריע, וואָס וויקעלט זיך פונאַנדער טריאַדיש, און צווייטענס זעגען זיי מעהר אָדער ווייניגער אבסטראַקטע אָבשפּיעגלונגען פון דער מאַטעריעלער ווירקליכקייט, אין וועלכער עס שטעקט דער ווידערשפּרוך און זיין פאַנאַנדערוויקלען זיך אין אַ טריאַדע.

די גאַנצע וועלט איז אַן אויביגעס ווערן פון אַלץ נייע און נייע פאָרמען, וואָס געהען איינע נאָך דער אַנדערער, לויט דעם געזעץ פון טהעזיס, אַנטיטהעזיס און סינטהעזיס. געוויס קאָן מען פון דעם געזעץ אַליין גאָר נישט אַרויסזויגען. מען דאַרף שטודירען די

ווירקליכקייט ווי זי איז און יעמאָלט וועט זי אַליין זיך ארויסשטעלען ווי אַ בעוועגונגס־פּראָצעס, לויט דער טריאַדע. אָבער עס איז פּאַרט לייכטער צו שטודירען זי און צו פערשטעהן איהרע בעוועגונגס־געזעצען, ווען מען ווייס לכתחילה, אַז אין איהר הערשען ווידערשפּרוכען, וואָס מוזען זיך אויסגלייכען אויף אַ טריאַדישען אופן.

אויך די ענטוויקעלונג פון דער געזעלשאַפט און די ענטוויקעלונג פון די בעוואוסטזיינס־פאָרמען וואָס הערשען אין איהר, מאַכען ניט קיין אויסנאַהמען פון דעם דאָזיגען כלל. די ענטוויקעלונג פון דער פילאָסאָפיע האָט שוין דורכגעמאַכט איהר גאַנצען טריאַדישען ציקל און האָט זיך אויף אויביג אָבגעשלאָסען אין דעם מאַרקסיסטישען סיסטעם. די פילאָסאָפיע האָט אָנגעהויבען מיט אַ „נאַטור־וואוקסיגען" מאַטעריאַליזם ביי די גריעכען. זי איז אַריבער אין איהר היפּך אין דעם אידעאַליזם, וואָס איז פריהער געווען אַנטי־דיאַלעקטיש און דערנאָך געוואָרען דיאַלעקטיש. דער היפּך איז אַריבער אין אַ העכערער סינטהעזע, אין דעם דיאַלעקטישען מאַטעריאַליזם. אָבער דורך דעם גופא לייקענט די פילאָסאָפיע אין גאַנצען אָב זיך אַליין און געהט אַריבער אין דעם סיסטעם פון וויסענשאַפטען. זי פערליערט איהר זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ און ווערט ניט מעהר ווי אַן אַנשויאונג, וואָס לעבט און ווירקט אין די איינצעל־וויסענשאַפטען. און נאָך אַ טריאַדישען פּראָצעס האָט דורכגעמאַכט דערזעלביגער פילאָסאָפישער געדאַנק. דער „נאַטורוואוקסיגער" מאַטעריאַליזם פון די גריעכען איז אין אָנהויב געווען ד י א ל ע ק ט י ש. ער האָט בעטראַכט די גאַנצע וועלט, ווי איין־איינציגען פּראָצעס. די נויטווענדיגקייט בעקאַנט צו ווערן מיט די איינצעל־ערשיינונגען האָט אַרויסגעבראַכט דעם היפּך צו דער דיאַלעקטיק — די מעטאַפיזיק, וואו יעדע זאַך ווערט בעטראַכט ניט אין איהר צונויפגעפלאָכטענקייט מיט דעם גאַנצען וועלט־פּראָצעס, נאָר ווי אַ בעזונדער זעלבסטשטענדיגע זאַך, וואָס איז אויף אויביג פערגליווערט. די געזעצען פון דער פאָרמאַלער לאָגיק, מיט זייער אָבלייקענען יעדען ווידערשפּרוך, מיט זייער בעהויפּטונג אַז יעדע זאַך איז תמיד גלייך צו זיך אַליין, האָבען אָבגעשפּיגעלט אָט דעם מעטאַפיזישען צושטאַנד פון דעם געדאַנק. אָבער די מעטאַפיזיק איז אַרי־

בער אין א העכערע איינהייט, אין די דיאַלעקטיק, וואָס בעטראכט אַלע ערשיינונגען אין דעם ליכט פון זייער אַל־וועלטליכען צוזאמענ־האנג און מוז דעריבער אָנווענדען די געצייג פון דער העגעל'שער „ווידערשפרוכס־לאָגיק". דאָס מעטאפיזישע דענקען און די געזעצען פון דער פאָרמאַלער לאָגיק בלייבען אין דעם סינטהעז בעשטעהן, ווי א נידעריגערע דענק־שטופע, פאַר דעם געזונדען „שכל הישר" אין זיינע ענגע ד' אמות פון דעם פּראַקטישען לעבען.

די פילאָסאָפיע געהט אויף אזא'ן אופן א־יבער אין די איינ־צעלנע וויסענשאפטליכע דיסציפּלינען: די נאטור־וויסענשאפטען, די געזעלשאפטס־וויסענשאפטען, די לאָגיק און די דיאַלעקטיק. זיי אַלע ווערן פערבונדען דורך דעם גרונד־געדאַנק פון דעם דיאַלעקטי־שען מאטעריאַליזם, וואָס הערשט אין זיי, און וואָס גיט זיי די מעגליכקייט אַלע מאָל אָבצושפּיעגלען דאָס גאַנצע וועלט־סיסטעם. דער דיאַלעקטיש־מאטעריאליסטישער אָבבילד פון דער וועלט מוז אָבער זיך אויך ענטוויקלען לויט דער בערייכערונג פון דער וויסענ־שאפט מיט אַלץ נייע און נייע ערפאהרונגען.

דער דיאַלעקטישער מאטעריאַליזם בעקומט אין די סאָציאַלע וויסענשאפטען, ד. ה. אין דער געשיכטע, די פאָרם פון דעם היסטאָ־רישען מאטעריאַליזם. אויך דאָ איז די הויפּטזאך ארויסצוגעפינען דאָס געזעלשאפטליכע און היסטאָרישע „זיין" כדי דורך דעם צו דערקלערען די פאָרמען און די ענטוויקלונג פון דעם געזעלשאפט־ליכען בעוואוסטזיין. דאָס געזעלשאפטליכע „זיין" בעשטעהט אין די עקאָנאָמישע פּראָצעסען, וואָס ווערען בעהערשט דורך דעם גראַד פון דער הערשאפט, וועלכע דער מענש האָט אויף די כחות פון דער נאטור, דאָס הייסט דורך דעם ענטוויקעלונגס־גראַד פון די פּראָ־דוקטיווע קרעפטען. אָט די ענטוויקעלונג בעשטימט די אופנים פון דער פּראָדוקציאָן (די פּראָדוקציאָנסווייזע, ווי צ. ב. קליין־בעטריעב, גרויס־בעטריעב; פּראָדוקציאָן צוליעב דעם פערברויך און פּראָדוקצ־יאָן פאר דעם מארק א. אז. וו.) די פּראָדוקציאָנס־אופנים פּאסען צו צו זיך די פּראָדוקציאָנס־פאָרמען (אייגענע, קליינע בעל־הביתיש־קייט, שקלאווען־ווירטהשאפט, לוין־סיסטעם און אזוי ווייטער), וואָס בעשטימען די עקאָנאָמישע שייכות'ן צווישען מענש און מענש אין דער געזעלשאפט און די פערטיילונג פון די אויסגעארבייט'טע פּראָ־

דוקטען. די פּערטיילונג רופט אַרויס די „אַנאַטאָמישע סטרוקטור" פון דער געזעלשאַפט, איהר צוגליעדערונג אין איינצעלנע קלאַסען און עקאָנאָמישע גרופּען, וואָס בילדען די גרונדלאַגע פאר דעם קלאַ־סען־קאַמפּף.

אַט די אַלע עלעמענטען אין איינעם זענען דאָס געזעלשאַפט־ליכע „זיין", וואָס בעשטימען די פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטלי־כען „בעוואוסטזיין". אויף זיי, ווי אויף אַ באַזיס, ווערען אויפגע־בויט די „אידעאָלאָגישע איבערבויען": די יוריספּרודענץ, די פּאָלי־טיק, די רעליגיאָן, די מאָראַל די פילאָסאָפיע און אַזוי ווייטער. מיט דעם אַנדערש־ווערן פון דעם „זיין" ווערען איבערגעאַנדערשט די פאָרמען און דער אינהאַלט פון דעם געזעלשאַפטליכען בעוואוסט־זיין. די געזעלשאַפטליכע אידעאַלען זענען אַן אָבשפּיעגלונג פון דער געזעלשאַפטליכער לאַגע און נאָר ווען זיי געהען אין דער ענטוויקע־לונגס־ליניע פון דעם געזעלשאַפטליכען „זיין" קאָנען זיי האָבען אַ שליטה אויף דעם פּראָצעס פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. אַז ניט — זענען זיי, מיט העגעל צו רעדען, ניט ווירקליך, נאָר בלויז „צופעליגע ערשיינונגען", וואָס ווערען פערוועהט, ווי דער שוים פון די ים־וואלען.

די פערשיידענע קלאַסען זענען טיילען פון איין און דערזעל־ביגער געזעלשאַפט, פון איין און דעם זעלביגען אָרגאַניזם. יעדער קלאַס האָט זיינע געדאַנקען און אידעאַלען וועגעז דעם ווי אַזוי דער גאַנצער אָרגאַניזם זאָל פיהרען זיין לעבען. אין דעם קלאַסען־קאַמפּף, ווי אין די שייכות'ען פון אַלע טיילען פון דעם געזעלשאַפטליכען זיין, דריקען זיך אויס די אינוועניגסטע סתירות פון דער געזעל־שאַפט. די סתירות גלייכען זיך אויס, ווי אין דער נאַטור, דורך רעוואָלוציאָנערע אריבערשפּרייזונגען פון איין היפך צו דעם אַנדערן און דורך די רעוואָלוציאָנערע צונויפגיעסונג פון די צוויי היפכים אין איין סינטהעז. די געזעלשאַפטליכע ענטוויקעלונג מוז אויך סוף־כל־סוף זיין טריאַדיש.

אַ ציקל פון אַ צווייפאַכען טריאַדישען ריטם קאָן מען שוין בע־מערקען אין דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקעלונג.

די געזעלשאַפט האָט אַמאָל געלעבט אין אַ קאָמוניסטישען צושטאַנד. זי איז אריבער צו דעם היפך פון קאָמוניזם — די איינ־

צעל־ווירטשאַפט וואָס האָט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע אין דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. אָבער שוין זעהען מיר ווי אין איהם גופא וואקסען אָן קרעפטען, וואָס מוזען מאַכען פון איהם א תל. די ענטוויקעלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען טרייבט צו פערגעזעל־שאַפטליכטע, קאָללעקטיוויסטישע פּראָדוקציאָנס־אופנים. די נייע פּראָדוקציאָנס־אופנים פערלאַנגען די אָבשאַפונג פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער פּראָדוקציאָנס־פאָרם, וואָס מוז דורך א רעוואָלוציאָנערען שפּרונג פערביטען ווערן אויף א קאָללעקטיוויסטישע. אין דעם קאָל־לעקטיוויזם, — דעם פערגעזעלשאַפטליכטען עקאָנאָמישען פּראָ־צעס מיט אָבשאַפונג פון פּריוואַט־אייגענטום אויף די מיטעל און די געצייג פון דער פּראָדוקציאָן און דעם בעשטעהן־בלייבען פון פּריוואַט־אייגענטהום אויף די מיטלען פון דעם אייגענעם פער־ברויך, — גיעסען זיך סינטהעטיש צונויף די היפּכים פון קאָממוניזם און פּריוואַט־אייגענטום.

אין דער אור־אַלטער קאָממוניסטישער געזעלשאַפט איז דער מענש געוועזען א בעל הבית אויף זיינע אייגענע פּראָדוקטען און אויף זיין אייגענעם לעבען. אין דעם זין איז ער געוועזען פ ר י י. א דאַנק דער ענטוויקעלונג פון דער פּריוואַט־ווירטשאַפט איז ער פער־שקלאַפט געוואָרען דורך דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס, וואָס האָט זיך ארויסגעריסען פון אונטער זיין קאָנטראָל. מיט דער מענש בע־שטימט דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען נאָר דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען האָט גענומען בעשטימען דעם גאַנצען מענשען. די פרייהייט איז אריבער אין דער הערשאַפט פון דער בלינדער נויטווענדיגקייט. דורך די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן בעקומט דער מענש ווידער די קאָנטראָל איבער דעם פּראָצעס פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. עס ווערט בעשאַפען דער סינטהעז פון געזעלשאַפליכער פרייהייט און געזעלשאַפטליכער נויטווענדיגקייט. דער עקאָנאָמישער פּראָצעס ווערט בעוואוסטערהייד קאָנטראָלירט פון דעם גאַנצען כלל, און אויף אזוי פיעל בויגט זיך דער מענש אונטער דעם געבאָט פון דער נויט־ווענדיגקייט. אָבער אויף דעם באַזיס פון דער עקאָנאָמישער נויט־ווענדיגקייט ווערט אויפגעבויט א ממשלה פון אמת׳ער פרייהייט, אין וועלכער די מענשען ענטוויקלען זייערע מענשליכע קרעפטען, וואָס האָבען א ציעל אין זיך גופא און דארפען ניט דיענען פאר

וועלכע עס איז אַנדערע ציעלען. די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן איז אַ שפּרונג פון נויטווענדיגקייט אין פרייהייט.

קאַרל מאַרקס' אַנדערע סאָציאַל־ און געשיכטס־פילאָסאָפישע געדאַנקען, ווי דאָס גאַנצע סיסטעם פון זיין נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע און דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם געהערען ניט אין די גרע־נעצען פון אונזער אַרבייט. אָבער שוין די גרונד־שטריכען פון זיין פילאָסאָפיע בעווייזען, אַז ענגעלס איז געווען גערעכט, ווען ער האָט גע'טענה'ט, אַז דער שלוס־וואָרט פון יענער דייטשער קלאַסישער פי־לאָסאָפיע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט פיכטע'ן, ליעגט ניט אין פייערבאַך'ס סיסטעם, נאָר אין דעם דיאַלעקטישען מאַטעריאַליזם. מאַרקס און ענגעלס זענען געווען דורך־און־דורך דענקער פון דער העגעל'שער שוהל, — די לעצטע בעדייטענדע דיאַלעקטיקער ביז אויף אונזערע טעג.

## § 26. דער געוועהנליכער מאַטעריאַליזם.

אָהן אַ שום היסטאָרישע שיכות צו קאַרל מאַרקס און צו דער דיאַלעקטיק האָט זיך אין די זעכציגער יאָהרען ענטוויקעלט אין דייטשלאַנד אַ מאַטעריאַליסטישע ריכטונג, וואָס האָט געהאַט איה־רע גלענצענדע פערטרעטער אין קאַרל פאָכט, לודוויג ביוכנער און מאָלעשאָט. דער בעסטער אויסדרוק אָט פון דעם מאַטעריאַליזם גע־פינט זיך אין ביוכנער'ס: „קראַפט און שטאָף". דאָרטען איז ניטאָ קיין איין איינציגער פּרינציפּיעלער געדאַנק, וואָס זאָל זיך ניט גע־פינען ביי די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטען פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט. פילאָסאָפיש שטעהען זיי אַ סך ניעדריגער עהדער מאַרקס' דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם. זיי האָבען אָבער געהאַט אַ גרויסע קולטורעלע ווירקונג דורך דעם העפטיגען קאַמפּף, וואָס זיי האָבען געפיהרט אַנטגעגען דעם פערשימעלטען קירכען־גלויבען און דער אידעאַליסטישער מעטאַפיזיק.

## זיעבצעהנטער קאַפּיטעל.

# דער פּעסימיזם, דער מאָניזם און די „איך“ פילאָסאָפיע.

(אינהאַלט: אַלגעמיינעס. שאָפּענהויער און דער פּעסימיזם. די וועלט איז ווילען און פאָרשטעלונג. די אָביעקטיוואַציאָנען פון דעם ווילען. די וועלט איז די ערגסטע, וואָס מען קאָן זיך פאָרשטעלען. דער באַלאַנס פון פריידען און ליידען אין דער וועלט. די נירוואַנאַ. מאָראַל, וויסענשאַפט און קונסט. די מוזיק. עדוארד פאָן הארטמאַן און זיין „איידעמאָניסטישער פּעסימיזם“ די פילאָסאָפיע פון דעם „אומבעוואוסטען“. דער פּראָגרעס און די אויסלייזונג פון דעם „זיין“. מאַינלענדער און וויינינגער. — דער מאָדערנער מאָניזם: גייגער, נוארע און ערנסט העקקעל. — די „איך“־פילאָסאָפיע. שטירנער און ניעטצשע).

### § 27. אַלגעמיינעס.

די דיאַלעקטישע מעטאַפיזיק, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען פון קאַנט'ן און וואָס האָט אָנגענומען פערשיידענע געשטאַלטען פון פיכטע ביז צו קאַרל מאַרקס, איז ניט געווען די איינציגע פילאָסאָפישע ריכטונג, וואָס האָט אַריבער געטראָטען קאַנט'ס געבאָט, אַז די טהעאָרעטישע פילאָסאָפיע זאָל זיך בענוגענען נאָר מיט דער וועלט פון די ערשיינונגען און ניט פּרובען אריין דרינגען מיט'ן שכל אין דעם פערבאָרגענעם תוך פון דער וועלט, אין די זאַך, ווי זי איז דרויסען פון אונזער ערקענטניס און בעוואוסטזיין. נאָך אַנדערע דענקער האָבען זיך געלאָזט פערבלענדען דורך פיכטע'ס פילאָסאָפישען קוראַזש — איין־נעהמען מיט שטורעם די אויביג אונצוגענגליכע פּאָזיציע און אַראָב רייסען מיט געוואַלט דעם שלייער פון דעם אויביגען וועלט־געהיימניס. זיי זענען געווען אונצו־

פרידען מיט פיכטע'ן און זיינע תלמידים און נאָך־פאָלגער, ווייל זיי, די פערטרעטער פון דער ספעקולאַטיווער פילאָסאָפיע, האָבען שוין צו פיעל געטראָטען מיט די פיס די ערפאהרונג, צו פיעל שווארצע קונצען געמאַכט מיט ריינע בעגריפען, פון וועלכע זיי האָבען, מיט כלומרשט לאָגישער נויטווענדיגקייט, ארויס געצויגען אלין, וואָס זיי האָט זיך פערגלוסט אהין אריין צו פאַנטאַזירען.

מעהר פאָרזיכטיג, מעהר אָנגעשלאָסען אָן דעם ווירקליכען לעבען, מיט מעהר דרך־ארץ פאר די רעזולטאַטען פון דער עמפּירי־שער וויסענשאַפט, האָבען די ניט ספעקולאַטיווע דענקער פון דעסט־וועגען בענוצט דעם זעלביגען אויסגאַנגספונקט, וועלכען מימון און פיכטע האָבען געפונען אויף דעם גרעניץ פון קאַנט'ס קריטיציזם, אויף יענעם גרעניץ, אויף וועלכען קאַנט האָט בפירוש אָנגעצייגט, אַז ער טאָהר אין דער טהעאָרעטישער פילאָסאָפיע ניט אריבערגע־טראָטען ווערן. פון דער זאַך־אין־זיך וויסען מיר גאָרנישט, זאָגט קאַנט. אונזער גאַנצע וועלט, פון וועלכער מיר וויסען עפּעס, איז בעשאַפען פון אונזער בעוואוסטזיין. אָבער די קלאָהרע פּראָדוקטען פון דעם בעוואוסטזיין ווערען ארויסגעבראַכט פון פערבאָרגענע פּראָ־צעסען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דעם ערקענענדען סוביעקט. דער ערקענענדער סוביעקט (מימון'ס און פיכטע'ס „איך“) איז דאָך אָבער וועניגסטענס אויך אַ טייל פון דער „זאַך־אין־זיך“ און שוין קאַנט האָט אויסגענוצט דעם געדאַנק, כדי ארויסצונעהמען אַ היתר פאַר דעם „פּראַקטישען שכל“, ער זאָל מעגען אויפבויען זיין ממשלה אויף דעם בעגריף פון פרייהייט להיפּך צו די געזעצען פון דעם טהעאָרעטישען שכל: עס קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז יענע שטיק וועלטליכע רעאַליטעט, וואָס בעשטעהט אין דעם ערקעננענדען און זיטליך דענקענדען סוביעקט, איז, ווי אַ טייל פון דער זאַך־אין־זיך, גאָר ניט אונטערגעוואָרפען אונטער די געזעצען פון דער קויזאַלער נויטווענדיגקייט. על כל פּנים איז קלאָהר, אַז בעת מיר שטודירען די פערבאָרגענע פּראָצעסען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דעם סוב־יעקט, שטודירען מיר דערביי אַ געוויסען טייל פון דעם וועלט־ליכען זיין, אין וועלכען עס מוז שטעקען דער פערבאָרגענער תוך פון דער זאַך־אין־זיך. אין דעם אינווענינגסטען פּסיכישען לעבען פון דעם מענשען, וואָס איז דאָך צוגענגליך צו אונזער ערקענטנים,

מוז זיך אויך געפינען יענער טייל וועלט־זיין, וואָס שטאַמט דירעקט פון דער אַלוועלטליכער סובסטאַנץ. די פּסיכאָלאָגיע איז די איינ־ציגע טויער, דורך וועלכע מען קאָן אריין דרינגען אין די סודות פון דער קאָסמאָלאָגיע.

אָט דער רעזולטאַט איז געווען קלאָהר ניט נאָר פאַר מימון און פיכטע, נאָר אויך פאַר שאָפּענהויער'ן און הערבאַרט'ן.

די ארבייט פון די צוויי דענקער האָבען אריין געטראָגען נייע עלעמענטען אין דעם מעטאַפיזישען געדאַנק, וואָס האָבען זיך צונויפ־געפלאָכטען מיט דער מעטאַפיזיק פון פיכטע, שעללינג און העגעל. ווען ראָבערט מאַיער האָט אין דעם יאָהר 1842 געמאַכט זיין גרויסע ענטדעקונג, אַז אַלע נאַטירליכע קרעפטען שטאַמען אָב פון איין־איינציגער נאַטור־קראַפט : דער בעוועגונג; און ווען דאַרווין האָט אריין געבראַכט אין דעם בעוואוסטזיין פון דער צייט זיין טהעאָריע, אַז אַלע פאָרמען פון פלאַנצען און חיות שטאַמען אָב פון איינינגע, זעהר ווענינגע אור־פאָרמען, האָט דאָס נאָך מעהר פערשטאַרקט דעם חשק צו פילאָסאָפירען וועגען דער נאַטור און וועגען דעם מהות פון דער וועלט־סובסטאַנץ.

פיכטע, שעללינג, העגעל, הערבאַרט, שאָפּענהויער, מייער און דאַרווין האָבען אויסגעאַרבייט יענע גרונד־עלעמענטען, וואָס האָבען זיך גענומען צונויפוועבען ביי פערשיידענע דענקער אויף א פער־שיידענעם אופן און האָבען צונויפגעפלאָכטערט דאָס מעטאַפיזישע געוועב פון דעם 19טען יאָהרהונדערט אזוי, אַז עס איז אונמעגליך ארויסצוציעהען פון איהם איינצעלנע געשיכטליכע ענטוויקלונגס־פעדים און ניט אָנצוריהרען דערביי די אַנדערע.

אונזער שילדערונג מוז זיך דעריבער אָבזאָגען פון דעם ריין כראָנאָלאָגישען שטאַנדפּונקט. מיר מוזען גרופּ־רען די פילאָסאָפען ניט לויט דעם געשיכטליכען פריהער און שפּעטער, נאָר אין גע־וויסע דענקער־גרופּען, אין וועלכע עס האָט זיך אָם־קלאָהרסטען אויסגעדריקט די אָדער יענע מעטאַפיזישע אידעע.

## § 28. שאָפּענהויער און דער פעסימיזם.

שאָפּענהויער שטעלט זיך קודם כל אויף דעם באָדען פון קאַנט'ס פילאָסאָפיע, אַז די גאַנצע וועלט, וואָס מיר ערקענען, איז א פּראָ־דוקט פון דעם ערקענענדען סוביעקט. רוים, צייט און די קאַטע־

גאָריען זענען די אַ־פּריאָרישע פאָרמען, אין וועלכע עס ווערט פאר אונזער ערקענטניס אריין געגאָסען דער פערבאָרגענער תוך פון דער וועלט. ער זעהט נאָר צו פעראייגפאכען קאנט'ס לעהרע פון די קאטעגאָריען: זיי אלע ווערען ארוים גערדרונגען פון דער איין־איינציגער קאטעגאָריע, דער קויזאליטעט. בעטראכטען מיר די וועלט, ווי זי שפּיעגעלט זיך אָב אין אונזער ערקענטניס, איז אין איהר גאָרנישט ניטאָ, אַ חוץ רוים, צייט און נויטווענדיגקייט. די נויטווענדיגקייט האָט פיער הויפּט צווייגען: ערשטענס די נויטווענדיגקייט אין דעם פּראָצעס פון ווערן, אָדער די אייגענטליכע קויזאַליטעט. אַלץ, וואָס פּאסירט אין דער וועלט איז אַ ווירקונג פון אַן אורזאכע, וואָס ברענגט זי ארוים. צווייטענס, די נויטווענדיגקייט אין דער ערקענטניס, די לאָגישע נויטוו׳ענדיגקייט: יעדע ערקענטניס איז בעדינגט דורך די געזעצען פון דעם לאָגישען דענקען. דריטענס איז דאָס די נויטווענדיגקייט פון דעם זיין אין רוים און צייט. איין פּונקט פון דעם רוים מוז על פּי נויטווענדיגקייט ליעגען דרויסען פון אלע אנדערע פּונקטען, איין הרף־עין פון דער צייט שליעסט על פּי נויטווענדיגקייט אלע אנדערע צייט־מאָמענטען פון זיך אויס. ענדליך, פערטענס, איז נאָך דאָ אַ נויטווענדיגקייט אין די מאָטיוען פון דעם מענשליכען טהאָן.*)

אלע פיער צווייגען פון נויטווענדיגקייט וואקסען ארוים פון אַ „פיער־פאכען וואָרצעל": דעם „זאַץ פון דעם גענוגיגען גרונד".

בעטראכט מען די וועלט אין דעם ליכט פון דער מענשליכער ערקענטניס, וואָס דריקט זיך אויס אין די פאָרמען פון רוים, צייט און קויזאליטעט, בעקומען מיר אַ בילד, וואָס איז גאַנץ נאָהענט צו דעם, וואָס אונז גיט דער מאטעריאליזם. די מאטעריע איז דער פונדאמענט פון אלץ, וואָס איז. בפרט אין דער פּסיכאָלאָגיע מוזען מיר אין גאנצען צושטעהן צו די מאטעריאליסטען, וואָס זאָגען, אַז דאָס דענקען איז אַ פּראָדוקט פון ריין קערפּערליכע פּראָצעסען. דאָ איז פאר דעם טהעאָרעטיקער קיין אנדער ברירה

*) פערגל. וועגען די פיער ארטען פון נויטווענדיגקייט אונזער איינלייטונג, זייטע 14 און 15.

ניטאָ. ווי די לעבער שיידט ארויס גאַל, ווי די זרע־מאַנדלען שיידען ארויס די זרע, אזוי שיידט ארויס דער מאַרך דעם געדאַנק.

דער מאַטעריאַליזם פערגעסט אָבער, אז די וועלט, וועלכע מיר ער־קענען, איז אַ פּראָדוקט פון אונזער ערקענטניס. די מאַטעריע, דורך וועלכע עס ווערט אַלץ דערקלערט, איז אַ פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג, בעשאַפען פון דעם סוביעקט, וואָס דערקענט. טראַכט מען זיך טיעפער אריין אין דעם, וואָס די פאָרשטעלונג „מאַטעריע" בע־טייט, זעהט מען, אז אין איהר איז ניטאָ קיין זאַך, אַ חוץ ק ו י־ז אַ ל י ט ע ט, ווירקזאַמקייט. מאַטעריע איז דאָס וואָס ו ו י ר ק ט. קויזאַליטעט ווידער איז אָבער אויך ניט מעהר ווי אַ פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג, בעשאַפען פון דעם אינטעלעקט. הייסט עס, אז די גאַנצע וועלט, ווי מאַטעריאַליסטיש זי זאָל ניט ערשיינען פאַר אונז, איז ניט מעהר ווי אַ פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג פון דעם סוביעקט. די גאַנצע ווירקליכקייט ווערט בעשאַפען פון די זעלביגע פסיכישע פּראָצעסען, פון וועלכע עס ווערט צונויפגעוועבט אַ חלום, און די נפקא־מיניה צווישען חלום און וואָהר איז נאָר די, ווי צווי־שען דאָס לייענען אַ בוך כסדר, בלאַט נאָך בלאַט, און דעם דורכ־בלעטערן פון דעם זעלביגען בוך אָהן אַ סדר, אָהן אַ פריהער־און־שפּעטער. די וועלט איז מיין פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג. וואַרף איך אַראָב פון חשבון די ערקענטניס, פערשווינדט אויך די גאַנצע וועלט. דער הימעל און די שטערען זענען דאָ, ווי זיי זעהען אויס, נאָר יעמאָלט, ווען מען זעהט זיי. אָהן אַ סוביעקט איז ניטאָ קיין אָביעקט. אויב די גאַנצע וועלט איז מאַטעריע און ניט מעהר ווי מאַטעריע, איז די גאַנצע וועלט ניט מעהר ווי אַ לעדיגע פאַנ־טאַזיע, אַן ערשיינונג אין דעם ערקענענדען סוביעקט.

אָבער די וועלט איז ניט קיין ליידיגע פאַנטאַזיע, ניט נאָר ערשיינונג. כדי עס זאָל זיין אַן ערשיינונג, מוז זיין עפּעס, וואָס זאָל ערשיינען, וואָס זאָל זיך בעווייזען אין דער פאָרשטעלונג. אָהן אַ אָביעקט איז ניטאָ קיין סוביעקט. דאָ איז דער מאַטעריאַליזם ווידער גערעכט. ער פאַלט אָבער אריין אין אַ צווייטען טעות. זיין פעהלער איז וואָס ער האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דער מ אַ ט ע ר י ע, ביי דער דרויסענדיגער זייט, ד. ה. ביי דער ערשיינונג גופא און האָט זי על פי טעות אָנגענומען פאַר דעם

אמת'ען תוך. הינטער דער ערשיינונג שטעקט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט ערשיינונג, הייסט עס, עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט מאַטעריע. וואָס קאָן דאָס זיין? דער בעסטער וועג אויסצוגעפינען אַן ענטפער אויף דער שאלה, איז אויסצופאָרשען זיך גופא.

מיר קענען אונז קודם כל, ווי אַ בעשטימטען גוף, אָן אויסשניט פון דער וועלט־מאַטעריע, וואָס איז אונטערגעשטעלט אונטער די געזעצען פון רוים, צייט און קויזאַליטעט. דאָס איז אונזער ע ר ש י י נ ו נ ג, די דרויסענדיגע זייט פון אונזער זיין. וואָס זענען מיר אָבער, ווען מיר ווענדען זיך אָב פון דער ערשיינונג און דרינגען אריין אין די טיעפסטע טיעפענעסען פון אונזער לעבען? דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז פון דעם אינווענינסטען לעבען פיהרט אונז צו דעם רעזולטאַט, אַז אונזער נשמה, אויב מען קאָן אָנווענדען דעם אויסדרוק, איז געשפּאַלטען אין זיך גופא. פון איין זייט זענען מיר אַ דענקען, אַן אינטעללעקט, אַ פּראָצעס וואָס ברענגט אַרויס אַלע פאָרשטעלונגען, און שכל'ט זיך וועגען זיך גופא. פון דער אַנדער זייט זענען מיר אָבער אַ „ווילען". מיט דעם וואָרט „ווילען" מיינט דאָ שאָפּענהויער ניט דעם „פּראַקטישען שכל" פון קאַנט אָדער דעם זיטליכען ווילען פון פיכטע, וואָס שטעלט זיך קלוגע ציעלען און מאַכט אָנשטרענגונגען כדי זיי דורכצופיהרען. אונטער „ווילען" פערשטעהט ער דאָס, וואָס ו ו י ל ט ז י ך: בלינד, ברענענד, להיפך צו דעם שכל, — דער מקור פון וואַנען עס שטאַמען אַלע ל י י ד ע נ ש א פ ט ע ן, אינסטינקטען און דער עיקר דער געשלעכטליכער טריעב, וועלכען די פילאָסאָפען האָבען ביז אַהער כמעט אין גאַנצען אַרויסגעלאָזען פון אויג, אַקוראַט ווי ער וואָלט איבערהויפּט ניט געשפּיעלט קיין וועלכע עס איז וויכטיגע ראָליע אין דעם לעבען. וואָס איז אין אונזער אינווענינגסטען לעבען דער תוך? — פרעגט זיך ווייטער. דער אינטעלעקט מיט זיינע קלאָהרע פאָרשטעלונגען אָדער דער בלינדער ווילען מיט זיינע אינסטינקטען און לייִדענשאַפטען? מען דאַרף נאָר ניט מורא האָבען צו קוקען דעם אמת גלייך אין די אויגען, און מען וועט יעמאָלט אויפ'ן שטעל בעמערקען, אַז דער אמת'ער בעל־הבית אין אונזער נשמה איז ניט דער אינטעלעקט, נאָר דער ווילען. דער שכל טאַנצט נאָך דאָס רוב נאָך יענער מוזיק, וועלכע ווערט איהם

פאַרגעשפּיגעלט פון אונזערע פערבאַרגענע וועלענישען און ליידענ־שאַפטען. אמת, אַ הויך ענטוויקעלטער שכל קאָן צווינגען אונז צו טהאָן אַ נ ד ע ר ע מ ע ש י ם, עהדער די, וועלכע מיר ווילען, אָבער יעמאָלט פיהלען מיר אַליין, אַז דאָס טהוען מיר אַנטגעגען ז י ך גופא. הייסט עס, אַז מיר זעהען דערביי קלאָהר און דייטליך איין, אַז „מיר“ איז דער טייטש „אונזער ווילען“, דאָס וואָס אונז ווילט זיך. אָט דער קלאָהרער און דייטליכער איינ־זעהן איז די איינציגע ריכטיגע געציייג, וואָס ברענגט אַרויס דעם אמת. „איך“ בין אין תוך און הוך אריין דורך „ווילען“, אַ בלינדער שטרעבען צו ז י י ן אויף דער וועלט און פּערואיביגען מיין זיין אין דעם פאָרטפּלאַנצען פון מיין מין.

קוק איך מיך צו צו מיין גוף, ווי צו אַ בעשטימטען אויסשניט פון מיינע פאָרשטעלונגען, איז מיר אויך ניט שווער צו בעמערקען, אַז אַלע זיינע טיילען און אָרגאַנען זענען צוגעפּאַסט צו יענעם אינווע־ניגסטען בלינדען ווילען. זיי זענען פערקערפּערטע, גוף־געוואָרענע ווילענס־בעדערפניסען. די צייהנער — אַ פערקערפּערונג פון דעם ווילען צו עסען; די געשלעכטס־אָרגאַנען — אַ פערקערפּערונג פון דעם ווילען צו פאָרט־פּלאַנצונג. הייסט עס, אַז ווענינגסטענס בנוגע אונזער „איך“ קאָנען מיר זאָגען בעשטימט און פעסט, אַז דאָס איז אַ זאַך, וואָס האָט צוויי זייטען, — אַ „דרויסען“, וואָס דריקט זיך אויס אין פאָרשטעלונגען, און אַן „אינוועניג“, וואָס בעשטעהט אין אַ בלינדען ווילענס־דראַנג, — און אַז די פאָרשטעלונגען זענען דער אופן, אין וועלכען דער בלינדער ווילען ע ר ש י י נ ט אין דרויסען. צו דעם זעלביגען רעזולטאַט קומען מיר, ווען מיר בע־טראַכטען די איבעריגע מענשען, אַזוי ווי זיי זענען אין דער ווירק־ליכקייט, און ניט אין דער פאַנטאַזיע. יעדער פון זיי איז אַ גוף, וואָס איז צוגעפּאַסט דורכצופיהרען די אינוועניגסטע בעפעהלען פון אַ פערבאָרגענעם דראַנג צו זיין אויף דער וועלט, און יעדער קעמפּפט מיט אַלע מיטלען פאַר זיין עקזיסטענץ. דער מארך און דער שכל זענען אויך מעהר נישט ווי צוליעב דעם אויף דער וועלט, כדי צו העלפען דעם מענשען אין זיין קאַמפּף פאַר זיין זיין. דאָס אייגענע און נאָך קלאָהרער טרעט אַרויס אין דעם לעבען פון די חיות און אַלע אַנדערע לעבעדיגע ברואים. אַלע זענען זיי ערשיינונגען, אין

וועלכע עס דריקט זיך אויס אַ פּערבאָרגענער ווילען צום זיין. וואָס שטעהט אונז אין וועג אָנצונעהמען, אַז אויך די ניט־בעלעבטע וועלט, די גאַנצע נאַטור איז אין תוך אַריין דיזעלביגע זאַך, ווי איהרע איינצעלנע, אונז גוט בעקאַנטע, טיילען?

ניט נאָר שטעהט אונז גאָר נישט אין וועג, אָנצונעהמען די סברא, נאָר אדרבה, דער געשאַרפטער בליק, וואָס דרינגט אַריין אין דעם סוד פון דער אייגענער עקזיסטענץ, דרינגט אַריין דורך דעם גופא, הורך אַן אַרט שכל'דיגען זעהען, וואָס נויטיגט זיך ניט אין בעווייזען, אין דעם סוד פון דער גאַנצער נאַטור און געפינט דאָרטען דעם זעלביגען תוך: דעם בלינדען דראַנג אָדער ווילען צום זיין.

בכלל איז דער שכל'דיגער זעהען דער איינציגער מקור פון אַן אמת'ען דענקען: די לאָגיק און די בעווייזען קומען ערשט שפּעטער און בויען אויף מיט גרוים מיה און מאַטערניש דאָס, וואָס דער שכל־דיגער בליק בענעהמט אויף איין מאָל און ניט אַלע מאָל קאָן די לאָ־גיק בעווייזען דאָס, וואָס דער שכל'דיגער בליק זעהט אויף קלאָהר. מען קאָן מיט קיין לאָגיק ניט ב ע ו ו י י ז ע ן, אַז ביי דעם אַנדער מענשען שפּיעלט זיך אינוועניג אַב אַקוראַט אַזאַ גייסטיגער פּראָ־צעס ווי ביי מיר. לאָגיש איז דאָס נאָר אַ גזירה שוה, אַן אַנאַלאָגיע, וואָס איז קיינמאָל ניט צווינגענד. אָבער די אַנאַלאָגיע איז פּאָרט גענוג כדי דער שכל'דיגער בליק זאָל איינזעהען איהר אַבסאָלוטע ריכטיגקייט. דער זעלביגער אַנאַלאָגישער שלוס ענטפּלעקט אונז אויך די סודות פון דעם וועלטליכען זיין.

— עס איז גענוג איין מאָל איינצוזעהען, אַז די נאַטור איז אין איהר אינוועניגסטען תוך בלינדער ווילען צום זיין, און אויפ'ן שטעל פאַלט פון איהר אַראָב דער דיקער שלייער, מיט וועלכען איהר פּנים איז געווען צוגעדעקט ביז אהער. דער ווילען איז די סובסטאַנץ פון דער וועלט, און אַליז, וואָס עס געפינט זיך אין דער וועלט, איז דרוי־סען־געוואָרענער, אָדער אָביעקטיווירטער ווילען. ער איז דאָס אמת'ע „דינג אין זיך". איין־איינציגעס זיין, וואָס ווייס ניט פון רוים, פון צייט, פון קויזאַליטעט; אָהן אַ „פאַרוואָס," אָהן אַ „ווען," אָהן אַ „וואו" — אַ בלינדער האַרטנעקיגער שטרעבען צו ו ו ע ר ע ן, צו עקזיסטירען, צו ערשיינען. ערשט אין דעם פּראָצעס פון זיין אָב־יעקטיווירען זיך אין דרויסען שפּאַלט זיך פאַנאַנדער דער ווילען אין

איינצעל־ווילענס, וואָס פערנעהמען יעדער איינער זיין פּלאַץ אין רוים, צו זיין שעה אין צייט. רוים און צייט זענען דעריבער די פּרינ־ציפּען וואָס אינדיווידואַליזירען דעם וועלט־ווילען אין דער ערשיי־נונג. עס הויבט זיך אָן דער פּראָצעס פון דעם קאַמפּף פאַר'ן זיין צווישען די אינדיווידוען, יעדער יחיד וויל אריין כאַפּען פאַר זיך מעהר רוים און מעהר צייט. די אינדיווידוען פערשווינדען, אַנדערע קומען אויף זייער פּלאַץ און דער פּראָצעס בעגינט פון אָנהויב און האָט דעם זעלביגען זין, וואָס פריהער. דער וועלט־פּראָצעס איז אווי־ביג דער זעלביגער און קיין נייס ווערט אין איהם נִיט בעשאַפען, ווייל א חוץ רוים און צייט ברענגט דער ווילען נאָך ארויס אין דער ערשיינונג די אויביגע א י ד ע ע ן פון יענע מינים, צו וועלכע די איינצעל־אינדיווידוען געהערען. די איינצעל־מענשען פערשווינדען, די א י ד ע ע מענש, אָדער דער מין מענש בלייבט ווי ער איז געוועזען פון „ששת י.י בראשית" אָן. קיין פּראָגרעס איז ניטאָ ניט אין דער נאַטור, ניט אין דער געשיכטע.

אָבער אויב אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין פּראָגרעס, זענען דאָך אין איהר דאָ פערשיידענע שטופען פון דעם זיין, מדרגות פון דער ווילענס־אָביעקטיוואַציאָן, וואָס שטעהען העכער איינע איבער דער אַנדערער. די נידעריגסטע שטופע, אין וועלכע דער ווילען פער־קערפּערט זיך דרויסען, זענען די נ א ט ו ר ־ ק ר ע פ ט ען און אויך זיי מוזען מיר בעטראַכטען פון דעם דאָפּעלטען שטאַנדפּונקט. דורך דרוק און שטויס אליין וואָלט מען ניט געקאָנט דערקלעהרען דעם פאַקט פון בעוועגונג, אויב אין איהר גופא וואָלט ניט געוועזען פער־באָרגען דער טונקעלער דראַנג זיך צו בעוועגען, צו פליהען, אויסצו־מיידען דעם דרוק אָדער דעם שטויס. אין דער אונאָרגאַנישער וועלט, דער ממשלה פון נאַטור־קרעפטען, טרעט ארויס די ווירקונג צווישען די איינצעל־ווילענס אין דער פאָרם פון מעכאַנישע אורזאַכען. אויף א העכערער שטופע שטעהען די פלאַנצען און חיות. די אינדיווי־דואַליטעטען, די איינצעל־ווילענס טרעטען דאָ שאַרפער ארויס און די מעכאַנישע אורזאַכען געהען איבער אין פיזיאָלאָגישע רייצען. ביי די שכל'דיגע ברואים ווערט די אינדיווידואַליטעט נאָך מעהר אויסגעבילדעט, און עס בעוויייט זיך אין זיי נאָך א העכערע ארט קויזאַליטעט: א חוץ אורזאַכען און רייצען נאָך פסיכישע מ אָ ט י ־

וו ע ן (טעמים). די מאָטיווען דריקען ניט אויס דעם גאַנצען ווילען. זיי גיעבען נאָר אָן דעם גרונד, פאַר וואָס מיר ווילען א בעשטימטע זאַך צו א בעשטימטער צייט. דער פאַקט פאַר וואָס אונז ווילט זיך עפּעס איבערהויפּט, האָט ניט קיין גרונד און קיין טעם: דער וועלט־ווילען, וואָס רעדט אין אונזערע מאָטיוון, איז בלינד.

מיט דער ענטוויקעלונג פון דער אינדיווידואַליטעט אין דעם וועלטליכען זיין, וואַקסט אויך די ראָליע פון דעם שכל און דער ערקענטניס. אויף זיינע נידעריגערע שטופען קאָן דער שכל דערקע־נען נאָר די איינצעל־זאַכען און קאָן זיך ניט אויפהויבען צו דער בע־טראַכטונג פון אידעען. ער איז דורך און דורך אַריין געטהאָן אין די עגאָאיסטישע בעדערפניסען פון דעם אינדיווידיאום. אָבער די זעלביגע עגאָאיסטישע בעדערפניסען צווינגען דעם שכל אויף א הע־בערער מדרגה צו פערטיעפען זיך אין די אַלגעמיינע אידעען: די נויט פון דער פּראַקטיק טרייבט דעם מענשען צו וויסענשאַפטליכע ערקענטנים. אָבער דאָ, אין דער וויסענשאַפט, אין דער פערטיעפונג אין אַלגעמיינע אידעען הערט דער מענש אויף צו זיין אַן איינצעל־אינדיווידואום, דער שכל הויבט זיך אָן צו בעפרייען פון דער מאַכט פון דעם בלינדען ווילען, זיך אַרויסצורייסען פון זיינע אונזיניגע בעפעהלען און עס וואַקסט אויס א צושפּאַלטונג צווישען דעם בלינ־דען דראַנג צום זיין און דעם קלאָהרען שכל, וואָס שטעלט אַוועק די פראַגע: צ ו ל י ע ב ו ו א ָ ס ז י י ן? עס וואַקסט אויס דער פּראָב־לעם פון דער ווערט־אָבשעצונג פון דעם גאַנצען לעבען אויף דער וועלט.

פון א בלינדען ווילען, וואָס ברענגט פון זיך ערשט גאָר שפּעט אַרויס א שכל׳דיגען דענקען, וואָלט שוין לכתחילה געווען פאַלש צו דערוואַרטען א קלוגע און גוטע וועלט. און אין דער אמת׳ען איז אונ־זער וועלט די ערגסטע, וועלכע מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען. דער בלינדער דראַנג צו זיין דריקט זיך אויס אין לעבען אין פערשיידענע בעדערפניסען, וואָס מוזען בעפריעדיגט ווערען. כל זמן זיי זענען ניט בעפריעדיגט, ליידט אַלץ, וואָס לעבט, דרעהט זיך צונויף אין דרייען פון הונגער, דאָרשט און געשלעכטליכער ליידענשאַפט. ווערען די בעדערפניסען בעפריעדיגט, האָט מען אויף א וויילע פערגניגען, דערנאָך טרעט אַריין די לאַנגווייליגקייט און די נודנעקייט פון א

בעדערפניס־לאָזען זיין, וואָס געהט באַלד ווידער אריבער אין די יסורים פון דעם ניט בעפרידיגטען ווילען. און אזוי וויעגט זיך דער פערפענדיקעל פון דעם לעבען צווישען זיינע צוויי ענד־פונקטען: יסורים פון איין זייט, אומעדיגקייט און לאַנגוויַיל פון דער אנדערער; אין דערמיט א קליינע, פערשווינדענדע רגע פון הנאה. פאָרשט מען טיעפער אוים דעם מהות פון הנאה, נאָך וועלכער מען יאָגט זיך, מוז איינעם ווערען קלאָהר, אז עס לוינט זיך אין גאַנצען ניט צו לעבען צוליעב איהר און אז די פאָרשטעלונג פון א „גליק" איז ניט מעהר ווי א וויסטע פאַנטאַזיע, וואָס קאָן קיין מאָל ניט מקוים ווערען. ערשטענס איז די הנאה ניט קיין פאָזיטיווע זאַך: זי בעשטעהט נאָר אין דעם פערשווינדען פון א ליידען. צווייטענס זענען די מאָטיווען פון פרייד אזוי ווייניג לגבי די מאָמענטען פון צער, און דער רושם, וואָס די פרייד מאַכט אויף אונז, איז אזוי קליין לגבי דעם רושם, וואָס דער צער און דער וועהטאָג רופט אין אונז ארויס, אז ווען מיר מאַכען דעם באַלאַנס פון פרייד און צער אין אונזער אייגענעם לעבען, זעהט מען ערשט יעמאָלט איין, ווי הינטערשטעליג דאָס גאַנצע לעבען איז: ערשט יעמאָלט זעהט מען, וואָס פאַר אַן אונזין עס איז צו יאָגען זיך נאָך שאָטענס פון גליק, וואָס קאָנען קיין מאָל ניט פארווירקליכט ווערען, אָדער וואָס האָבען שוין קיין ברעקעל ווערטה ניט ווי נאָר זיי ווערען פערווירקליכט. און ניט נאָר אין דעם איינצעל־לעבען שטעלט זיך אַרויס דער באַנקראָט פון דעם גאַנצען זיין. בעטראַכט מען די גאַנצע לעבעדיגע וועלט און שעצט מען אָב דעם באַלאַנס פון פריידען און ליידען אין איהר, קומט מען צו דעם זעלביגען רעזולטאַט. לאָמיר פערגלייכען צ. ב. די הנאה, וואָס דער וואָלף האָט, בשעת ער צערייסט א שעפּס, כדי צו שטילען זיין הונגער, מיט יענעם צער און טויטליכער אַנגסט, וואָס די שעפּס לעבט איבער, בעת זי ווערט צעריסען אויף שטיקער. דאָס איז א בילד פון דער פערטיילונג פון ליידען און פריידען, וואָס העַרשט אין דער גאַנצער וועלט, צווישען מענשען אזוי גוט, ווי צווישען חיות און עופות. די ליידען פון דער וועלט זענען אַלע מאָל מעהר און שטאַרקער, עהדער איהרע פריידען.

עס איז דאָ נאָר איין טרויסט אין לעבען און דאָס איז, אז צו זיינע ליידען מוז ווען עס איז זיין א סוף: ד ע ר ט ו י ט. דער

טויט איז די געלעגענהייט אויפצוהערען עקזיסטירען ווי אַן אינדי־ווידיאום, ווי אַן איינצעל־„איך" מיט אַלע זיינע ליידען און פּלאָגען. וואויל צו דעם, זאָגט שאָפּענהויער, וואָס קאָן זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט. אָבער דער בלינדער ווילען צום לעבען פערשטעלט פאר אונזערע אויגען די אייגענטליכע בעדייטונג פון דעם טויט און מאָלט איהם אויס אַלס דעם גרעסטען אונגליק, וואָס קאָן אונז טרעפען, און דאָס פערסם'ט נאָך שטארקער דעם שוין אַזוי אויך גענוג פער'סם'טען קוואַל פון מענשליכע פריידען.

א תרופה צו דעם סם פון טויט האָט דער מענשליכער שכל ארויסגעבראכט אין דער פאנטאזיע פון די פערשיידענע רעליגיאָנען און געטער, וואָס שטעלען פאָר די וועלט ווי א קונסט־ווערק פון א געטליכען, געררעכטען, קלוגען און גוטען קינסטלער, וואָס בעלוינט דעם מענשען פאר אַלע זיינע ליידען דורך אונשטערבליכקייט. עס פערשטעהט זיך, אַז די אַלע דמיונות צופליהען זיך פאר דעם קאַל־טען, ניכטערען אמת, וואָס די פילאָסאָפיע ברענגט ארויס. פון דעסט־וועגען, בעמערקט שאָפּענהויער, דארף מען ניט מיינען, אַז אַלע רע־ליגיאָנען געהען להיפך צו דעם ריינעם אמת פון דער פילאָסאָפיע. פאַרהאַן איין רעליגיאָן, וואָס קומט צו דיזעלביגע רעזולטאטען, ווי דאָס ריכטיגע פילאָסאָפישע דענקען; דאָס איז דער בודהיזמוס. ער איז אטהעאיסטיש, פעסימיסטיש און אידעאַליסטיש, ווי דאָס שאָפּענהויערשע סיסטעם, און שליעסט אויך אָב מיט דער האָפענונג אויף דער נ י ר וו א נ א, דער א ו י ס ל ע ש ו נ ג, ד. ה. אויף יענעם טויט־מאָמענט, ווען דער ווילען צום לעבען פערשווינדט אין גאַנצען.

דער מענשליכער אינטעללעקט זעהט אָבער צו שאַפען פאר זיך א טרויסט און א דערלייזונג אין דעם לעבען גופא. ער בעשאַפט די מאָראַל, די וויסענשאַפט און די קונסט, אין וועלכע ער פערליערט צייטענווייז דעם בעוואוסטזיין פון זיין אייגענעם „איך" און אויף אַזאַ'ן אופן שוואַכט ער אָב זיינע ליידען.

די מאָראַל איז אויפגעבויט אויף דעם מ י ט ־ ל י י ד, אויף דעם רחמנות־געפיהל. דער געפיהל וואַקסט נאטירליך אין אונז אויס, ווי נאָר מיר זעהען דעם אנדערען'ס צער: מיר פיהלען יעמאָלט, אַז מיר און די אַנדערע זענען אין תוך אריין איין־און־דיזעלביגע זאַך,

אז ליידען איז אונזער אלעמענס שיקזאל; אין די ליידען פון אַנדערע פערגעסען מיר אָן דעם אייגענעם צער.

א טיעפערע טרייסט און דערלייזונג שאַפט זיך דער מענש אין דער וויסענשאפט און פילאָסאָפיע. דאָרטען ווערט דאָס „איך", די הויפט־אורזאַך פון אלע ליידען, אריינגעטהאָן אין דעם ניט פער־אינטערעסירטען, ריין טהעאָרעטישען בעטראַכטען פון דעם וועלט־געשעהען, און אויף אזא'ן אופן ווערט עס פטור פון זיך אליין.

אָבער די העכסטע מדרגה פון טרייסט און דערלייזונג גיט אונז די קונסט, וואו דעם מענשען'ס „איך" ווערט אין גאַנצען בטול און פערזונקען אין דער בעטראַכטונג פון שעהנקייט. דער עיקר איז מ ו ז י ק, וואו אין דער מעלאָדיע רעדט צו אונז דער וועלט־ווילען אליין. די מוזיק איז די העכסטע שטופע פון דעם וועלט־וויל־לענס אָביעקטיוואציאָן, אין וועלכער דאָס איינצעלן „איך" מיט זיי־נע ליידען פערליערט זיך אין גאַנצען. ליידער קאָן מען ניט אויביג לעבען אין וויסענשאפט, פילאָסאָפיע און קונסט. די ליידענשאַפטען און די בעדערפניסען רייסען דעם מענשען צוריק צו דער אינדיווידו־עלער עקזיסטענץ און צו דעם אויביגען ארום־וויעגען־זיך צווישען צער און אומעדיגקייט, פון וועלכע עס איז דאָ נאָר איין אמת'ע אויסלייזונג: די „נירוואַנאַ", די אויסלעשונג...

און אזוי קלינגט אויס דאָס סיסטעם פון „דער וועלט, ווי ווילען און פאָרשטעלונג" אין א ראַדיקאַלע אָבלייקענונג פון דער גאַנצער וועלט. האָט העגעל געלעהרנט, אז די גאַנצע וועלט איז שכל'דיג, פערנינפטיג, לעהרנט שאָפּענהויער, אז זי איז דורך און דורך א בלינדער אונזין...

פון אלע דענקער, וואָס האָבען אָנגענומען דעם פעסעמיסטישען גרונד־פרינציפּ פון שאָפּענהויער'ס סיסטעם, איז דער וויכטיגסטער —עדוואַרד פאָן הארטמאַן (1842 — 1909). שאָפּענהויער'ס פילאָ־סאָפיע פערבינדט זיך ביי איהם אָבער מיט די געדאַנקען פון דער ספּעקולאַטיווער מעטאַפיזיק, דער עיקר העגעל'ס. אָבער אויך מימון, פיכטע און שעללינג האָבען געווירקט אויף די אויסאַרבייטונג פון זיין סיסטעם. מיט העגעל'ן און מיט שאָפּענהויער'ן נעהמט ער אָן, אז הינטער די ערשיינונגען שטעקט די ארבייט פון א ניט מאַטעריעלען פרינציפּ. דער דאָזיגער ניט־מאַטעריעלער פרינציפּ קאָן ניט זיין דער

ריינער שכל, ווי דאָס האָט געוואָלט העגעל, ווייל אין דעם ריינעם שכל געפינען מיר ניט קיין גענוגיגען גרונד, פאַר וואָס ער זאָל אי־בערגעהן צו אַ צושטאַנד פון זיין. בנוגע דעם בלינדען ווילען שאָ־פענהויער׳ס קאָן מען אַזאַ שאלה ניט פרעגען. ער איז דורך און דורך אַ וועלען זיין, אַ בעשטרעבונג צו עקסיסטירען. האָט אָבער שאָפּענהויער׳ס ווילען אַן אנדער חסרון: עס איז ניט צו פערשטעהן, ווי אַזוי און פון וואַנען אין איהם נעהמט זיך אַן אינטעללעקט, אַ שכל׳דיגער דענקען, וואָס דריקט זיך אויס אין אַלע געזעצען און פאָרמען פון די נאַטור־ערשיינונגען.

אָננעהמען ווידער מיט קאַנט׳ן, אַז די אידעען און די שכל־דיגע געזעצען פון דער נאַטור זענען ניט מעהר, ווי פּראָדוקטען פון דעם דענקענדען סוביעקט, קאָן מען אויך ניט. וואָס מעהר מען טיעפט זיך אריין אין די נאַטור־וויסענשאַפטען, אַלץ מעהר זעהט מען, אַז די דרויסענדיגע נאַטור האָט אַ זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, מיט אייגענע געזעצען. אמת, מען קאָן ניט געהן אַזוי ווייט ווי העגעל און זאָגען, אַז דער שכל שפּיעגעלט אין זיך אָב קלאָר און דייטליך די געזעצען פון דער נאַטור. אָבער עס איז אויך פאַלש אריין צו פאַ־לען אין דעם אנדער עקסטרעם, ווי דאָס האָט געטהאָן קאַנט, און מיינען, אַז דער שכל בעשאַפט פון זיך אליין די געזעצמעסיגקייט פון אַלע נאַטירליכע ערשיינונגען. דער אמת ליעגט אין דער מיטען: די נאַטור דרויסען פון אונז ווערט בעהערשט פון איהרע געזעצען, וואָס ווירקען אויף אונזער שכל, אין וועלכען זיי ווערען אָבגעשפּיע־געלט אויף זיין אופן. די וועלט איז דעריבער ניט נאָר ערשיינונג. איהרע פּראָצעסען און איהר תוך זענען ר ע א ל און ליעגען דרויסען פון אונזער בעוואוסטזיין. אנשטאָט דעם טראַנסצענדענטאַלען אי־דעאַליזם דאַרף מען אָננעהמען דעם שטאַנדפּונקט פון דעם טראַנס־צענדענטאַלען רעאַליזם. ניט נאָר די עמפּפינדונגען זענען אַ געגענ־ווירקונג פון אונזער סוביעקט אויף די ווירקונגען פון דעם אָביעקט, נאָר אויך די קאַטעגאָריען און פאָרמען פון׳ם דענקען (רוים, צייט, קוויזאַליטעט) זענען אַ געוויסער ענטפער פון אונזער סוביעקט אויף בעשטימטע רעאַלע פּראָצעסען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דעם אָביעקט. די שכל׳דיגקייט פון אונזער ערקענטניס איז אַ געוויסע, ווען ניט גאָר טרייע אָבשפּיעגלונג פון דער שכל׳דיגקייט וואָס

ליעגט אין דער גאַנצער וועלט. ממילא זענען מיר געצוואונגען אָנ־צונעהמען, אז דער תוך פון דער וועלט איז ניט נאָר בלינדער ווילען, נאָר אויך בלינדער שׂכל. די צונויפגיעסונג פון די צוויי עלעמענטען אין איינעם ברענגט אַרויס דעם אמת וועגען דער וועלט־סובסטאַנץ. זי איז „ד אָ ס א ו מ ב ע ו ו א ו ס ט ע": אונבעוואוסטער ווילען און אין דער זעלביגער צייט אונבעוואוסטער שׂכל.

אין זיין „פילאָסאָפיע דעם אונבעוואוסטען" טרעט הארטמאַן אַרויס מיט א רייכען אוצר פון נאַטור־וויסענשאַפטליכע פאַקטען, וואָס בעווייזען, אז א סך פּראָצעסען אין דער נאַטור, איבערהויפּט אין דער לעבעדיגער, קאָן מען ניט דערקלעהרען אַנדערש, סיידען מען זאָל האָבען פאַר די אויגען די היפּאָטהעזע, אז אין זיי דריקט זיך אויס דאָס בעשטרעבען פון א בלינדען ווילען צום זיין און די אַרבייט פון א בלינדען שׂכל, וואָס שטעלט זיך פאָר ו ו י א ז ו י צו זיין. ניט נאָר אין די רעפלעקס־ און אינסטינקט־בעוועגונגען שפּיעלט א ראָליע דאָס אומבעוואוסטע דענקען, ווילען און שאַפען: אויך אין די בעוואוסטע קלאָהרע געפיהלען, אין דער געשלעכטליכער ליעבע, אין דעם פּראָצעס פון דעם קינסטלערישען שאַפען און אין דער קולטור־טהעטיגקייט פון דעם פּרימיטיווען מענשען, אין דעם וואַקסען פון דער שפּראַך, אפילו אין דעם קלאָהרען דענקען גופא דעקט הארטמאַן אויף די ראָליע פון דעם ניט־בעוואוסטזיניגען דענ־קען און ווילען.

זינט הארטמאַן'ס צייטען איז די שאלה פון דעם „אונבעוואוס־טען" אַריבערגעגאַנגען אין די וויסענשאַפטליכע, עקספּערימענטעלע פּסיכאָלאָגיע, וואו זי ווערט שטודירט אונטער דעם נאָמען: „דאָס א ו נ ט ע ר־בעוואוסטע" און איז אין גאַנצען אָבגעשיידט געוואָרען פון דער מעטאַפיזיק. הארטמאַן בויט אָבער זיין גאַנצע מעטאַפיזיק אויף דעם פונדאַמענט. אויב דער תוך פון דער וועלט איז דער אונ־בעוואוסטער ווילען ווען אפילו צונויפגעגאָסען מיט אַן אומבעוואוס־טען דענקען, איז יעמאָלט קיין חדוש ניט, וואָס אין איהר זענען דאָ אזוי פיעל יסורים. אין דעם פונקט קאָן מען שאָפּענהויער'ן בשום אופן ניט אָבפרעגען. שאָפּענהויער איז אָבער אומגערעכט, ווען ער דענקט, אז אונזער וועלט איז די ערגסטע פון אַלע מעגליכע וועל־טען. אדרבה, אונטער די געגעבענע מעטאַפיזישע הנחות, איז די

וועלט די ב ע ס ט ע, וועלכע מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען. איבער־הויפּט ווען מען בעטראַכט די ראָליע פון דעם שכל אין איהר. די נאַ־טור ע נ ט ו ו י ק ע ל ט זיך, דאָס אומבעוואוסטע געהט אַלץ מעהר און מעהר איבער אין׳ס בעוואוסטזיניגע קלאָהרע און שכל׳דיגע. און וואָס מעהר בעוואוסטזיין עס ענטוויקעלט זיך אין דער וועלט, אַלץ מעהר ווערט אָבגעשוואַכט דער אומבעוואוסטער ווילען צום זיין. עס מוז דעריבער קומען אַ מאָמענט אין דער וועלט־ענטוויקעלונג, ווען דער אומבעוואוסטער ווילען וועט אין גאַנצען אריבערגעהן אין קלאָהרען שכל. יעמאָלט וועט ער גובר זיין אין זיך דעם בלינדען טריעב צום זיין און וועט לגמרי אָבשאַפען די וועלט עקזיסטענץ.

הארטמאַן רופט דעריבער אָן זיין סיסטעם: דער „איידעמאָניסטי־שער פעסימיזם" און פערלאַנגט פון יעדען, ער זאָל ניט אַנטלויפען פון לעבען, נאָר קרעפטיג און ענערגיש מיטאַרבייטען אין דער ענט־וויקעלונג פון דער מענשהייט, וואָס איז אין תוך אריין די ענטווי־קעלונג פון דער נאַטור גופא. דער פראָגרעס מוז סוף־כל־סוף ענדי־גען מיט דער דערלייזונג פון דער גאַנצער וועלט פון איהר זיין און פון איהר צער.—

אַן אינטערעסאַנטע דענקער־פיגור אין דעם מאָדערנעם פעסי־מיזם איז פ. באַטץ, וואָס האָט געשריעבען אונטער דעם פסעיודאָ־נים: מ א י נ ל ע נ ד ע ר (1841 — 1876). די וועלט, אַזוי קאָן מען אויסדריקען זיין געדאַנק, איז דאָס צופוילט־ און צואוועהט־ווערן פון אַ געשטאָרבענעם גאָט. די פריהער איינהייטליכע גאָט־הייט האָט בעגאַנגען זעלבסט־מאָרד, איז צעפאַלען אין איינצעל־ערשיינונגען, אין וועלכע זיין פריהערדיגע שעפּונגס־קראַפט ווערט אַלץ מעהר און מעהר אויסגעלאָשען. דער פּראָצעס פון דעם וועלט־ווערן וועט זיך ממילא ענדיגען אין אַן אויביגען ניט־זיין. די העכס־טע טוגענד איז די געשלעכטליכע ריינקייט, דאָס זיך לחלוטין־אָבזאָ־גען פון ווייטערדיגער פאָרטפלאַנצונג. נאָר די העכסטע מדרגה דער־גרייכט דער, וואָס געהט אַליין אוועק פרייוויליג פון דער וועלט. מאַינלענדער האָט זיך פרייוויליג געגעבען דעם דערלייזענדען טויט.

עהנליך צו מאַינלענדער׳ן האָט געלעבט, געליטען, און איז פרייוויליג אוועק פון לעבען נאָך אַ יונגער דענקער, וואָס איז גע־שטאַנען אונטער דעם טיעפען איינפלוס פון שאָפּענהויער׳ן, אָטטאָ ו י י נ י נ ג ע ר (1880 — 1903).

## § 29. דער מאָדערנער מאָניזם.

שוין אין שאָפּענהויער'ס פילאָסאָפיע קלינגען דורך געדאנקען, וואָס זענען שפּעטער געוואָרען נאָך פּאָפּולערער, א דאנק דער דארווינישער טהעאָריע: דאָס איז דער „קאמפף אום'ס דאזיין," וואָס הערשט אין דער גאנצער לעבעדיגער נאטור און וואָס איז פערבונדען מיט אזוי פיעל קרבנות און לײדען. ביי הארטמאנ'ען קלינגט שוין קלאָהר דורך די מאָדערנע ענטוויקעלונגס־טהעאָריע, וועלכע ער האָט אריי־בערגענומען פון העגעל'ן און צונויפ־געשטימט מיט דארווינען. זיין פּאָלעמיק אנטקעגען דער דארווינישער טהעאָריע איז ניט געווען אנטגעגען איהר ענטוויקעלונגס־פּרינציפּ, נאָר אנטגעגען איהר מי־העז זיך צו דערקלעהרען די ענטוויקעלונג ריין מעכאניסטיש. די פראגע איז נאָך עד היום ניט פערענטפערט אין גאנצען, זי איז אָבער איצטער לגמרי איבערגעגעבען געוואָרען דער וויסענשאפטליכער ביאָלאָגיע, דער עיקר יענער וויסענשאפט, וואָס איז אויסגעוואקסען אין די לעצטע יאָהרען און וואָס טראָגט דעם נאָמען די ע נ ט וו י־ק ע ל ו נ ג ס ־ מ ע כ א נ י ק.

דארווין אליין (1809 — 1882), איינער פון די גרעסטע דענ־קער, האָט זיך ווייניג וואָס אָבגעגעבען מיט ריין פילאָסאָפישע פּראָב־לעמען. א גאָט־גלויביגער אין זיין יוגענד און אין די ערשטע פעריאָ־דען פון זיין וויסענשאפטליכען פאָרשען, איז ער ביסלעכווייז גע־צוואונגען געוואָרען איבערצוגעהן צו דעם א ג נ אָ ס ט י צ י ז ם, וואָס דערקלעהרט, אז בנוגע צו דער גאָט־פראגע וועט דער מענש קיין מאָל ניט ארויסגעפינען דעם אמת. אָבער אויף א סך מאָדערנע דענ־קער האָט דארווין'ס שטה געווירקט, ווי א פערמענט צום וויטער־דיגען פילאָסאָפישען פאָרשען און ווי א ווינקעל־מאָס, מיט וועלכען מען דארף אָבמעסטען די גרונד־פעסטען פון א פילאָסאָפישען געביי. דאָס רוב עוואָלוציאָניסטישע פילאָסאָפען האָבען אָבער מעהר אָדער וועניגער בעוואוסט, מעהר אָדער וועניגער ראדיקאל זיך אָבגעזאָגט פון יעדער מעטאפיזיק. דאָ האָבען מיר אָבער צו טהאָן מיט א גרופּע פון דענקער און וויסענשאפטליכע פאָרשער, וואָס זענען דירעקט געשטאנען אונטער דער השפעה פון דארווינ'ס ענטוויקעלונגס טהע־אָריע און האָבען ארויסגעבראכט א מאָניסטישע וועלט־אנשויאונג, ווייניגסטענס א מאָניסטישען וועלט־פּרינציפּ, וואָס זאָל אויך די ניט־

בעלעבטע נאַטור אריין שליעסען אין די איינהייטליכע עוואָלוציאָנס־פילאָסאָפיע. אזוי ווי זייער גרונד־פּרינציפּ שפּיעלט ביי זיי די ראָליע פון דעם אַבסאָלוטען אמת, וועלכען דער מענשליכער שכל האָט ארויסגעפונען, געהערען זיי נאָך צו די דאָגמאַטישע מעטאַפיזיקער. זייער גרונד־פּרינציפּ איז די ספּינאָזיסטישע איינהייט פון מאַ־טעריע און גייסט, וועלכע זיי ווילען דורכפיהרען ניט אויף דעם ספּעקולאַטיווען וועג, ווי דאָס האָבען געטהאָן די גרויסע מעטאַפיזיקער, נאָר אויף א מעהר וויסענשאַפטליכען אופן.

דער ערשטער פון דער גרופּע דענקער איז ל א צ א ר ו ס ג י י ג ע ר (1829 — 1870), וואָס איז געוואָרען בעריהמט דורך זיינע טהעאָריען וועגען דעם אָנהויב פון שפּראַך און קולטור. אין זיינע פילאָסאָפישע אנשויאונגען קעהרט ער צוריק צו ספּינאָזא. אָבער בעת די וועלט־סובסטאַנץ ספּינאָזא׳ס האָט אין זיך צוויי אַטריבוטען: אויסגעשפּרייטקייט און דענקען, און דער אינטעללעקט פון דער סובסטאַנץ שטעהט אונענדליך העכער פאַר דעם מענשליכען שכל, פערוואַנדלען זיך ביי גייגער׳ן די צוויי אַטריבוטען אין ב ע ו ו ע ג ו נ ג (די דרויסענדיגע זייט) און ע מ פּ פ י נ ד ו נ ג (די אינווענינסטע זייט) פון איטליכען וועלט־געשעהען. ערשט אין דעם מענש דערהויבט זיך, א דאַנק דער ענטוויקעלונג, די וועלט־עמפּפינדונג צו דער מדרגה פון דעם קלאָהרען שכל. געשעהען איז עס א דאַנק דער שפּראַך, וואָס איז אויסגעוואקסען פון די געזעלשאַפט־ליכע לעבענס־נויטען. גייגער בעווייזט, ווי די שפּראַך, דער אויס־דרוק פון עמפּפינדונגען, איז געוואָרען איינער פון די וויכטיגסטע פאַקטאָרען אין דער ריין קערפּערליכער ענטוויקעלונג פון דעם מענ־שען.

דעם זעלביגען גרונד־געדאַנקען האָט בעאַרבייט אין זיינע שריפ־טען גייגער׳ס א בעגייסטערטער אָנהענגער, לודוויג נוארע (1829—1889). די קולטור־פילאָסאָפישע פאָרשונג האָט נוארע בערייכערט מיט זיינע טהעאָריען וועגען דעם אורשפּרונג פון דער שפּראַך, פון דעם ווערקצייג, און פון דעם לאָגישען בעגריף. אין דער פילאָסאָפיע האָט ער זיך געמיהט צונויפצושטימען אין איינעם די וויכטיגסטע געדאַנקען פון שאָפּענהויער, דאַרווין, ראָבערט מייער און לאַצארוס גייגער. אָבער אויך קאַנט שפּיעלט א גרויסע ראָליע אין זיין דענקען.

דער רעזולטאַט, צו וועלכען ער קומט איז דערזעלביגער, וואָס גייגער האָט ארויסגעפונען; בעוועגונג און עמפּפינדונג זענען די צוויי זייטען פון יעדעם וועלטליכען זיין. די וועלט בעשטעהט פון אטאָמען, און דער אטאָם געפינט זיך צו יעדער צייט אין א דאָפּעלטען צושטאַנד פון בעוועגונג און עמפּפינדונג. די עמפּפינדונג דאַרף אָבער פערשטאַנען ווערען, ווי א צושטאַנד פון אומבעוואוסטען ווילען. מען קען זאָגען, אז נוארעם עמפּפינדונג איז אייגענטליך האַרטמאַן'ס אומבעוואוסטע, נאָר צוהאַקט אין קליינע פּיצלעך און צוטיילט צווישען איינצעלנע אטאָמען. אויס דעם שפּיעל פון די עמפּפינדענדע אטאָמען געהט ארויס די גאַנצע וועלט. דער מענשליכער שכל איז א פּראָדוקט פון ענטוויקעלונג, און די הויפּט אויפגאַבע פון דער פּילאָסאָפיע איז ארויסצוגעפינען, ווי אזוי די גרונד־קרעפטען פון דער מענשליכער ערקענטניס מיט איהרע געזעצען, וואָס זענען אויסגעפאָרשט געוואָרען פון קאַנט'ן, האָבען זיך ביסלעכווייז ארויסגעאַרבייט און בעפעסטיגט אין דעם פּראָצעס פון דער וועלטליכער עוואָלוציאָן.

אין דער נאַטור־וויסענשאַפט איז אָט דער נעאָ־ספּינאָזיזם, ווי מען קאָן איהם אָנרופען, פערטרעטען אין די ארבייטען פון דעם דאַרוויניאַנער ע ר נ ס ט ה ע ק ע ל (געב. 1834), א פריינד און פערעהרער פון לודוויג נוארע. אין דעם דאַרוויניזם, וועלכען ער האָט אליין בערייכערט מיט נייע פאָרשונגען און איינצעלנע ענטוויקעלונגס־היפּאָטהעזען, זעהט העקעל דעם בעווייז, אז דער דואַליזם פון קערפּער און גייסט איז אַן איבערגעלעבטע דאָקטרין, פון וועלכער עס שטאַמען אַלע טעות'ען און גרייזען פון דעם מענשליכען דענקען. אין דער העפטיגער פּאָלעמיק אַנטגעגען דעם דואַליזם, דעם גלויבען אין א גייסט, וואָס קאָן עקזיסטירען דרויסען פון א קערפּער, איז העקעל כמעט אַלע מאָל געווען געצוואונגען שטאַרקער צו אונטערשטרייכען זיין אַנטי־ספּיריטועלען שטאַנדפּונקט און עס פלעגט אָפטמאָל ארויסקומען דער איינדרוק, אז ער רעדט ווי א ריינער מאַטעריאַליסט. אין דער אמת'ען אָבער איז ער קיין מאָל ניט אוועק פון יענעם גרונד־פּרינציפּ וואָס גייגער און נוארע האָבען אריין געפיהרט אין דער מאָדערנער פילאָסאָפיע. און וואָס איז שוין א מאָל ארויסגעזאָגט געוואָרען פון דעם פראַנצויזישען דענקער ד י ־

ד ע ר אָ: די וועלט־סובסטאַנץ איז ניט נאָר מאַטעריע, נאָר אויך עמפּפינדונג. די פילאָסאָפישע געדאַנקען־ארבייט העקקעל׳ס שליעסט אָב מיט דעם מעטאַפיזישען גרונד־זאַץ, אַז די וועלט־סובסטאַנץ האָט ד ר י י אַטריבוטען, וואָס זענען תמיד אין איהר פאַרהאַן: מ אַ ־ ט ע ר י אַ ל י ט ע ט (שטאָף), ע נ ע ר ג י ע (קראַפט) און פּ ס י ־ כ אָ ם (עמפּפינדונג).

## § 30. די „איך"־פילאָסאָפיע.

צו די פאַר־פּאָזיטיוויסטישע מעטאַפיזיקער מוז מען נאָך צו־רעכענען יענע דענקער, וואָס האָבען פילאָסאָפיש געוואָלט בעגרינדען די אבסאָלוטע פרייהייט פון דעם איינצעלנעם אינדיווידואום: קאַס־פּאַר שמידט (מאַקס שטירנער) און פריעדריך ניעטצשע.

מאַקס שטירנער (1806 — 1856) איז אין זיין פילאָסאָפירען נאָך אין גאַנצען אַ קינד פון דער פיכטע־העגעל׳שער מעטאַפיזיק, דערהויפּט אין דער יונג־העגעל׳שער געשטאַלט. זיין פילאָסאָפישער גרונד־געדאַנק פון דעם איינציג עקזיסטירענדען „איך" קאָן, לויט זיין הויפּט ווערק „דער איינציגע און זיין איי.ענטהום", אויסגע־טייטשט ווערן אויף צוויי אופנים, וואָס קלינגען גלייך שטאַרק אין דער גאַנצער דאַרשטעלונג. ערשטענס, איז זיין „איך" דער פיכטע־שער „איך," עהדער ער בעשאַפט פון זיך גופא די דרויסענדיגע וועלט, כדי זי זיטליך צו פערענדערן. געוויס און זיכער איז יעמאָלט נאָר „מיין" אייגענע עקזיסטענץ. אַלע אַנדערע זאַכען און ערשיינונ־גען דרויסען פון מיר עקזיסטירען נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויע־פיעל איך גלויב אין זיי. דעריבער מוז דער לעצטער מאַסשטאַב פון אַלע מעשליכע ווערטהען ליעגען אין מיר און די לעצטע אויטאָריטעט בין איך אַליין. „אמת" איז דאָס, וואָס בעפריעדיגט מיין דאָרשט נאָך וויסען, „גוט" — דאָס, וואָס איך געפין פאַר גוט, „שעהן" — דאָס, וואָס מיר געפעלט. מיין „איך," יענע עמפּירישע ערשיינונג, מיט גוף און נשמה, וואָס האָט זעלבסט־בעוואוסטזיין, איז דעריבער פאַר מיר דער לעצטער גרונד פון אַלץ, וואָס איז און פון אַלץ וואָס זאָל זיין. גאָט, אידעאַלען, וועלט־צוועקען, געזעלשאַפטליכע נויטען, פראַגרעס פון דער מענשהייט, — אַלץ, וואָס טרעט ארויס מיט דער פאָרדערונג, איך זאָל מיך בויגען אונטער זיי, אָננעהמען זייער אויי־בער־הערשאַפט איבער מיר, — זענען ניט מעהר ווי מיינע אייגענע

דמיונות. זעה איך איין, אז א חוץ מיר איז ניטאָ קיין זיכערע עק־זיסטענץ, יעמאָלט בלייבט פאר מיר נאָר איין איינציגער ציעל און מאסשטאב: מיין אייגענער עגאָאיסטישער גליק. געוויס, מעג איך אוועקגעבען מיין לעבען פאר דאָס, וואָס מיר געפעלט, אָבער פון דעם קרבן דארפען אראָבגענומען ווערען אלע הייליגקייטס־שטראה־לען, מיט וועלכע מען בעציערט איהם. איך ברענג דעם קרבן צוליעב מ י ר, צוליעב מ י י ן בעפריעדיגונג. און וואָלט זיך מיר פערוואָלט צו טהון דעם היפך פון דעם, וואָס איך טהו, קאָן מיר דאָס אויך קיינער ניט פערווערען. ניט רעליגיאָן, ניט שטאאט, ניט רעכט און ניט מאָראל קאָנען ניט האָבען קיין מאכט איבער דעם איינציגען. פון וואנען האָט זיך גענומען דאָס „איך" און וואָהין קומט עס אהין? בלייבט מען שטעהן אויף דעם ערקענטניס־טהעאָרעטישען שטאנד־פונקט, וואָס איז נאָר זיכער אין דער עקזיסטענץ פון דעם אייגענעם איך, מוז מען ענטפערן, אז „איך" שטאמט פון — ג אָ ר ־ נ י ש ט און ווער פערוואנדעלט נאָך'ן טויט אין ג אָ ר ־ נ י ש ט. עס איז דעריבער גאנץ לאָגיש, ווען שטירנער הויבט אָן און ענדיגט זיין בוך מיט די ווערטער: „איך האָב אוועק־געשטעלט מיין זאך אויף גאָר־נישט."

— פון דער אנדער זייט אָבער איז שטירנער'ס בוך א קריטישע ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דעם מענשליכען גייסט, וואָס בעפרייט זיך שטופע נאָך שטופע פון אלע זיינע דמיונות, אין וועלכע ער גלויבט, ביז ער קומט אין גאנצען צו דער קלאָהרער ערקענטניס פון זיין אייגענעם מהות, אז ער איז אָן א י י נ צ ע ל ־ א י ך, וואָס שטעהט העכער פאר אלע יענע דמיונות, וועלכע ער האָט אליין ארויסגעבראכט פון זיך. שטירנער'ס ענטוויקלונגס־געשיכטע, — וואָס ווערט, אגב אורחא, אויפגעבויט אויף דער אנאלאָגיע צווישען דעם גייסטיגען וואקסען פון דער גאנצער מענשהייט מיט דעם גייס־טיגען וואקסען פון דעם איינצעל־מענשען, — דערמאָהנט אָן די אר־בייטען פון ברונאָ בויער, אין וועלכע עס ווערט בעוויזען, ווי די „קריטיק" בעפרייט זיך פון אלע איהרע פריהערדיגע פאזען, סוב־סטאנץ, וועלט־גייסט און אזוי ווייטער, כדי צו ווערן „ריינע, „קריטישע קריטיק." אויך שטירנער'ס „איך" ווארפט פון זיך אראָב א דמיון נאָך א דמיון: „גאָט," וועלט־גייסט, דעם פייערבאך'שען

„מענשען“ און דעם קאָמוניסטישען „גאַטונגס־מענש“ פון העסס און מארקס, ביז ער קומט צו זיין אייגענעם לעצטען בעוואוסטזיין, וואָס איז צו דער זעלביגער צייט דאָס בעוואוסטזיין פון דער גאַנצער גע־שיכטליכער פעריאָדע: די בעפרייאונג פון דעם אינדיווידיאום פון אַלע היסטאָרישע אויטאָריטעטען, וואָס האָבען עס געהאַלטען אין קנעכטשאַפט. ניט צוליעב דעם ווערען איצטער די מאַסען אויפ־גערודערט, כדי צו פערווירקליכען נייע אידעאַלען און אויטאָריטע־טען, וואָס זאָלען אויפ'ס ניי פערקנעכטען דאָס אינדיווידואום; נאָר צוליעב דעם, כדי צו צושטערען אַלע קעיטען און אויטאָריטעטען, אַלע פאָרמען פון רעליגיע, מאָראַל און שטאַאַט, און כדי אויף זייער אָרט אויפצובויען פרייע פעראיינען פון זעלבסט־שטענדיגע אינ־דיווידוען, וואָס אָרדענען איין זייער לעבען לויט זייערע אייגענע בעדערפניסען.

ביידע אויסטייטשונגען אָבער גיעסען זיך צונויף אין דער קריטיק פון אַלע ביז־אַהעריגע מאָראַלישע אידעאַלען, אַ קריטיק פון דער מאָראַל גופא, ווי זי איז פערשטאַנען געוואָרען פון קאַנט'ן. —

אַ טיעפערע דורכאַרבייטונג פון שטירנער'ס געדאַנקען, צונויפ־געוועבט מיט שאָפּענהויער'ן און דאַרווינען, איז די פילאָסאָפיע פון פריעדריך ניעטצשע (1844 — 1900).

ניעטצשע'ס אָריגינאַליטעט און ווירקליך גרויסע בעדייטונג ליעגט אויף דעם פעלד פון דער ל ע ב ע נ ס - פילאָסאָפיע, אין דעם זוכען אַן ענטפער אויף דער גרויסער פראַגע, מיט וואָס עס זאָל אָנ־געפילט זיין די נשמה פון דעם איינצעל־„איך“, עס זאָל קאָנען פיהלען אין זיך דעם זין פון זיין לעבען אויף דער וועלט. די אַלטע פאָר־שטעלונג, אַז דער זין פון דעם לעבען בעשטעהט אין דעם גליק, אין דעם אויסמיידען פון יסורים, איז ביי איהם אין גאַנצען צושטערט געוואָרען דורך שאָפּענהויער'ס פעסימיזם. עס איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג: אָדער דער זין פון דעם לעבען איז גליק און הנאה, יע־מאָלט האָט די גאַנצע וועלט קיין זין ניט, ווייל דער תוך פון דער וועלט איז ליידען. אָדער עס איז דאָ אַ זין אין דער וועלט און אין דעם לעבען, — יעמאָלט קאָן ער ניט אָבגעטיילט ווערן פון דעם ליידען.

אין אָנהויב איז אָבער ניעטצשע געשטאַנען אין גאַנצען אונטער

דער השפּעה פון שאָפּענהויער׳ס פּעסימיזם און זיין ווילענס־מעטאַ־פיזיק, וואָס זעהט די העכסטע שטופע פון דעם וועלטליכען זיין אין דער קונסט און איבערהויפּט אין דער מוזיק. וואַגנער איז דעריבער געווען פאַר ניעטצשען דער אָבגאָט, א מין צווייטער קריסטוס, אין וועלכען די וועלט־סובסטאַנץ האָט זיך ענטפּלעקט. די מוזיק איז די ספּערע, אין וועלכע דער מענש אַנטלויפט פון דעם לעבען און דעם ווילען צו זיין. דערנאָך איז ניעטצשע׳ס גייסט צוגעצויגען געוואָרען צו די פּאָזיטיוויסטישע נאַטור־וויסענשאַפטען און צום דאַרוויניזם. אָבער נאָך א קליינער צייט קעהרט ער זיך אום צוריק צו שאָפּענהויער׳ן. ער פערבינדט שאָפּענהויער׳ס גרונד־פּרינציפּ מיט דעם דאַרוויניזם און ברענגט אַרויס זיין אייגענעם פילאָסאָפישען געדאַנק.

ניט א בלינדער ווילען צום „זיין," צו א גלייכגילטיגער עקזיס־טענץ, איז דער מעטאַפיזישער תוך פון דער וועלט, נאָר א „ווילען צו מאַכט". די גאַנצע וועלטענטוויקעלונג איז א שטרעבען צו מאַכט, צום אַרויסברענגען פון אייגענער קראַפט ניט צוליעב גליק, אָדער צוליעב הנאה, נאָר צוליעב א טיעפערען רייכערן לעבען. די טראַגישע ליידען פון לעבען בעקומען אויף אַזאַ׳ן אופן א שכל׳דיגע ערקלעהרונג און א פּאָעטישע בערעכטיגונג. דער ציעל פון דער וועלט־ענטוויקעלונג איז העראָאיזם. הערואיזם, דאָס אַרויסברענגען פון קראַפט, אי אָבער אונמעגליך אָהן ליידען, און די ליידען פערטיעפען, בעשעהנען אונזער עקזיסטענץ און גיע־בען איהר צו אַן אינווענינגסטען זין. דער ווילען צו מאַכט איז דע־ריבער אין דערזעלביגער צייט, דער ווילען צום ליידען, דער ווילען צום טיעפען, העלדענהאַפטען און דערמיט גופא טראַגישען לעבען. און אויב מען קאָן ניט לעבען הערואיש, שטאָלץ און טראַגיש, איז בעסער שעהן און שטאָלץ צו שטאַרבען. קראַפט, דורכזעצונג פון דעם אייגענעם ווילען איז די הויפּט־בעדינגונג פון טוגענד. און פון דעם שטאַנדפּונקט מוזען איבערגעקוקט און איבערגעשעצט ווערן אַלע ווערטהען, איבערהויפּט די איצט הערשענדע מאָראַל פון מיט־לייד און ליעבע צו דעם „נעכסטען", א דאַנק וועלכער שוואַכע מענ־שעליך קאָנען בלייבען ביים לעבען און העכערע קראַפט־נאַטורען ווערען געהאַלטען אין צוים. מען מוז „איבערווערטהען אַלע ווער־

טהען", איבערקעהרען אונזערע געדאַנקען וועגען גוט און שלעכט פונקט קאַפּויר. אַנשטאָט צו ליבען דעם „נאָהענטען," בעסער ליעבען דעם „ווייטען", דעם קומענדיגען העכערען קראַפט־ אָדער „אויבער"־מענשען, וואָס וועט זיך ענטוויקלען פון אונז, ווי מיר האָבען זיך ענטוויקעלט פון די נידעריגערע חיות.

קראַפט־נאַטורען האָבען זיך ביז אהער גאַנץ אָפט בעוויעזען אין דער געשיכטע, — מענשען, וואָס האָבען צוריסען אַלע קעיטען, — די רעליגיעזע, געזעצליכע און מאָראַלישע, — וועלכע האָבען זיי געשטערט דורכצופיהרען זייער ווילען. זיי האָבען זיך ניט אָבגעשטעלט פאַר מאָרד און גניבה און פאַר אַלע אַנדערע פערברעכען, און אזוי דאַרף עס זיין. דער קראַפט־מענש טאָהר ניט האָבען איבער זיך קיין אַנדער אויבער הארר א חוץ זיין אייגענעם ווילען צו מאַכט. עס פערשטעהט זיך, אַז ניט אין אַזעלכע מענשען זעהט ניעטצשע דעם א י ד ע א ל פון א אויבער־מענשען. זיי געהערען צו דעם ט י פּ : „אויבער־מענש", אָבער שטעהען נאָך אויף א זעהר ניעדריגער שטופע. וואָס ניעטצשע וויל אַרויסברענגען דורך זיין לויב־געזאַנג אויף די „בלאָנדע בעסטיע", אויף דעם שטאָלצען געוויסענלאָזען פערברעכער, איז, אז אפילו אין אַט דער געשטאַלט איז דיא קרעפטיגע נאַטור פיעל שעהנער און העכער עהדער די טויזענדער פון די מאַסען, וואָס האָבען ניט קיין אייגענעם ווילען און לעבען מיט א נשמה, וואָס ווערט זיי אריין געבלאָזען פון דרויסען. אין דער אמת'ן אָבער איז — וואָס העכער די קראַפט־נאַטור איז, אלץ וועניגער דענקט זי וועגען דעם אייגענעם „א י ך", וועגען די הנאות פון דער אייגענער עקזיסטענץ, — און אלץ מעהר קימערט זי זיך וועגען דעם אייגענעם „ז ע ל ב ס ט", יענעם וועלט־ווילען, וואָס דריקט זיך אין איהם אויס און וואָס טרייבט איהם צו ש אַ פ ע ן, אַרויסצוווייזען זיין קראַפט אין די העכערע ווערק פון דער קולטור. דער אויבער־מענש איז דער טראַגישער העלד, וואָס לעבט ניט צוליעב זיין „איך", נאָר צוליעב זיין „זעלבסט", ד. ה. צוליעב יענע העכערע אידעאַלען, וואָס ווערען געבאָרען פון זיין אייגענער נאַטור. די פליכט־קעיטען, וועלכע דער אויבער־מענש לעגט ארויף אויף זיך צוליעב זיין אייגענעם „זעלבסט", האָבען א גאַנץ אַנדערע בעדייטונג, עהדער יענע פליכט־קעיטען, וועלכע אנדערע טהוען אויף אונז אָן אין דעם נאָמען

פון דער הערשענדער מאָראַל. טראָגען אויף זיך די לעצטערע הייסט בעוויזען די אייגענע שוואַכקייט. יעדער מענש דאַרף אַליין בע־שאַפען זיין זיטליכקייט און זיינע פליכטען, וואָס זאָלען אין גאַנ־צען אויסדריקען דעם ווילען פון זיין „זעלבסט“.

נייערע פאָרשער האָבען געוואָלט אַרויסברענגען, אַז ניעטצשעס לעהרען פון די זעלבסט־פליכטען איז אין תוך אַריין די זעלביגע זאַך וואָס קאַנט'ס לעהרע ועגען דער אויטאָנאָמיע פון דעם מענשליכען ווילען, וואָס דאַרף פּערווירקליכט ווערען אין דעם זיטליכען לעבען. נאָר די ניט גענויע בעקענטשאַפט מיט קאַנט'ן האָט געקאָנט ביי איהם אַרויסרופען דעם געדאַנק, אַז ער גיט גראָד דעם היפּך פון קאַנט'ס מאָראַל־פילאָסאָפיע. די מיינונג פון אָט די נייעסטע פאָרשער איז אָבער ניט אין גאַנצען ריכטיג. עס איז אַ גרויסע נפקא מינה צווי־שען קאַנט'ן און ניעטצשע'ן אין זייער אויסטייטשונג פון דער אויטאָ־נאָמער פליכט: ביי קאַנט'ן זאָל די אויטאָנאָמע פליכט אויסדריקען די „אַלגעמיין־גילטיגקייט און נויטווענדיגקייט“, דאָס וואָס זאָל על פּי שכל זיין „גוט“ פאַר י ע ד ע ן מענשען; ביי ניעטצשען אָבער זאָל די אויטאָנאָמע פליכט אויסדריקען דעם אייגענעם העכערען ווילען צו מאַכט, — צו מאַכט איבער דעם אייגענעם קערפּער אין דעם „איך“ , צו מאַכט איבער די מיטמענשען (אָדער ריכטיגער: א ו נ ט ע ר ־ מענשען), צו מאַכט איבער די געשיכטליכע ענטווי־קעלונג צוליעב דעם פּראָגרעס פון דער מענשליכער קולטור.

די קראַפט־נאַטורען, וואָס האָבען זיך ביז אַהער בעוויזען אין דער מענשהייט, זענען אַ סמן, אַז זי הויבט שוין אָן אַרויסצואַר־בייטען פון זיך אַ העכערען טיפּ — דעם אויבער־מענש. מען האָט אָבער ניט אָנגעווענדט בעוואוסט די ענערגיע, אויף אַרויס־צוברענ־גען און אויסצובילדען געניאַלע קראַפט־נאַטורען. אדרבה, מען האָט אויף אַלע אופנים געזעהען צו שטערען זיי אין זייער לעבען און שאַ־פען. איצטער נאָך דער „אומווערטהונג פון די ווערטהען“, מוז מען זעהען אַלע כחות אָנצואווענדען, כדי די געניאַלע קראַפט־נאַטורען זאָלען זיך קאָנען וואָס רייכער ענטוויקלען.

* האָס איז אין קורצען דער גרונד־געדאַנק, וואָס ציעהט זיך דורך, ווי אַ רויטער פאָדים דורך אַלע ווערק פון ניעטצשע, דורך אַלע זיינע ווידערשפּרוכען און פּאַראַדאָקסען.

ניעטצשע האָט איבערגעלאָזען אַ שטאַרקען רושם אויף דעם פילאָסאָפישען געדאַנק פון אונזער צייט, ניט אזוי דורך זיינע מיינונגען ווי אַ דאַנק דער אויפגאַבע, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דער פילאָסאָפיע: אויסצוגעפינען און וויסענשאַפטליך זיכער צו שטעלען יענע העכערע קולטור-ווערטהען, צוליעב וועלכע עס זאָל זיך לוינען דעם פרייען איינצעלנעם צו לעבען אויף דער וועלט, מיט וועלכע דער „איך" זאָל קאָנען אָנפילען זיין נשמה און זאָל איהר רייכקייט ווידער אַרויסגיעסען און דעם בעשאַפען פון נייע געניאַלע קולטור-ווערק.

* *
*


ליטעראַטור צו § § 1—9 (קאַנט)

Immanuel Kant, Allgemeine Naturgeschichte und Theorie des Himmels 1755.
" " Kritik der reinen Vernunft, 1781
" " Prolegomena zu einer jeden künftigen Metaphysik, die als Wissenschaft wird auftreten können, 1783.
" " Grundlegung zur Metaphysik der Sitten, 1785.
" " Kritik der praktischen Vernunft, 1788.
" " Kritik der Urteilskraft, 1790
" " Die Religion innerhalb der Grenzen der blossen Vernunft, 1793.

Imm. Kant's Saemmtliche Werke, hrsg. von Karl Rosenkranz und Fr. W. Schubert, 12 Bd 1838—1842.

Imm. Kant's Saemmtliche Werke, hrsg. von der Berliner Academie der Wissenschaften, 1900 ff.

Friedrich Paulsen, Kant, 1904.

M. Kronenberg, Kant, sein Leben und sein Lehre, 1905.

G. Simmel, Kant, 1904.

Fr. Paulsen, Versuch einer Entwickelungsgeschichte der Kantischen Erkenntnistheorie, 1875.

H. Cohen, Die Systematischen Begriffe in Kant's vorkritischen Schriften, 1873.

Ed. v. Hartmann, Kant's Erkenntnistheorie und Metaphysik in d. vier Perioden ihrer Entwickelung, 1894.

Kurd Lasswitz, Die Lehre Kant's von d. Idealitaet des Raumes und d. Zeit, 1883.

H. Vaihinger, Commentar zu d. Kritik d. reinen Vernunft 2 Bd. 1881 und 1892.

H. Cohen, Kant's Theorie der Erfahrung, 1885.

" Kommentar z. Kr. d. r. V., 1907.

George S. Morris, Kant's Critique of pure reason, Chicago 1881.

K. Schmidt, Beitraege zur Entwickelung der Kantischen Ethik, 1900.

H. Cohen, Kant's Begründung d. Ethik, 1877.

A. Stadler, Kant's Teleologie in ihrer erkenntnistheoretischen Bedeutung, 1874.

H. Cohen, Kant's Begründung der Aesthetik, 1889.

J. Goldfriedrich, Kant's Aesthetik, 1895.

צו § 11. (שיללער)

Kuno Fischer, Schiller als Philosoph, 1858.

Fr. Uuberweg, Schiller als Historiker und Philosoph, 1884.

K. Vorlaender, Kant — Schiller — Goethe, 1907.

צו § 12. (שולצע)

(Gottlob Ernst Schulze), Aenesidemus... nebst einer Verteidignng d. Skepticismus, 1792.

צו § 13. (יאַקאָבי און הערדער)

Friedrich Heinrich Jacobis Werke, 1812—1825.

F. Harms, Die Lehre von F. H. Jacobi, 1876.

T. A. Schmid, F. H. Jacobi, 1908.

Joh. Gottfried Herder, Ideen zur Philosophie der Geschichte der Menschheit, 4 Bd. 1784—1791.

Herders Werke, hrg. v. Suphan, 31 Bd. 1877—1889.

R. Haym, Herder nach seinem Leben und seinen Werken, 2 Bd. 1877 und 1885.

צו § 14. (מימון און ריינהאָלד)

Solomon Maimon, Versuch ueber die Transcendentalphilosophie, 1790.

" " Lebensgeschicte, 1792.

J, H. Witte, S. Maimon, 1876.

Karl Leonhard Reinhold, Briefe ueber die Kantische Philosophie, 1790—1792.

Ernst Reinhold, K. L. Reinhold, 1825.

צו § 15. (פיכטע)

Johann Gottlieb Fichte, Grundlage der gesammten Wissenschaftslehre, 1794.

" " " Werke, 1845—1846.

Ferdinand Lassale, J. G. Fichte, 1862.

J. H. Löwe, Die Philosophie Fichtes, 1862.

X. Leon, La philosophie de Fichte, 1902.

E. Lask, Fichtes Idealismus u. d. Geschichte, 1902.

צו § 17. (ראָמאנטיק)

Friedrich Schlegel, Lucinde, 1799.

Fortlage, Sechs philosophische Vortraege, 1872.

R. Haym, Die romantische Schule, 1870.

Oscar Ewald, Die Probleme der Romantik, 1904.

Friedrich Ernst Daniel Scleiermacher, Ueber die Religion 1799.

" " Werke, 1835—1864.

Dilthey, Leben Schleiermacher's, Bd. I. 1870.

צו § 18. (שעללינג)

Friedrich Wilhelm Joseph Schelling, Ideen zu einer Philosophie der Natur, 1797.

Friedrich Wilhelm Joseph Schelling, System des transcendentalen Idealismus, 1800.

Friedrich Wilhelm Joseph Schelling, Werke, 1856 ff.

L. Noack, Schelling u. d. Philosophie d. Romantik, 1858.

Ed. v. Hartmann, Schelling's philosophisches System, 1897.

צו § 19. (העגעל)

Georg Wilhelm Friedrich Hegel, Phaenomenologie des Geistes, 1806.

Georg Wilhelm Friedrich Hegel, Wissenschaft der Logik, 1812—1816.

Georg Wilhelm Friedrich Hegel, Encyclopaedie der philosophischen Wissenschaften, 1817.

Georg Wilhelm Friedrich Hegel, Werke, Bd. 1—19, 1832 ff.

H. Ulrici, Ueber Princip u. Methode der hegelischen Philosophie, 1841.

Ed. v. Hartmann, Ueber die Dialektische Methode, 1866.

K. Rosenkranz, Hegel als deutscher Nationalphilosoph, 1870.

R. Haym, Hegel und seine Zeit, 1857.

W. Wallace, Prolegomena to the Study of Hegel's philosophy, 1890.

צו § 22. (יונג העגעליאנער, שטרוים און ברונא בויער)

Friedrich Richter, Die Lehre von den Letzten Dingen, 1833

" " Die Neue Unsterblichkeitslehre, 1833.

David Friedrich Strauss, Das Leben Jesu, 1835—1836.

" " " Gesammelte Schriften, 12 Bd. 1876—1881.

A. Hausrath, D. Fr. Strauss u. d. Theologie seiner Zeit, 2 Bde, 1876—1878.

Bruno Bauer, Die Posaune des jüngsten Gerichts ueber Hegel, den Atheisten und Antichristen, 1841.

" " Kritik der evangelischen Geschichte des Johannes, 1840.

" " Kritik der evangalischen Geschichte der Synoptiker, 1841-1842.

צו § 23. (פייערבאך)

Ludwig Feuerbach, Gedanken ueber Tcd u. Unsterblichkeit, 1830.

" " Das Wesen d. Christenthums, 1841.

" " Saemmtliche Werke, 10 Bde, 1846—1866.

Karl Grün, L. Feuerbach in seinem Briefwechsel und Nachlass, 1874.

C. N. Starcke, Ludw. Feuerbach, 1885.

Friedrich Ergels, L. Feuerbach und der Ausgang der klassischen Philosophie, 1888.

Wilh. Bolin, L. F. Feuerbach, sein Wirken und seine Zeitgenossen, 1891.

אכטצעהנטער קאפּיטעל.

# די אַנטראָפּאָלאָגישע ריכטונגען

## א) דער פּסיכאָלאָגישער אַנטראָפּאָלאָגיזם און דער פּאָזיטיוויזם.

(אינהאַלט: אַלגעמיינעס. פריעז און זיין עסטהעטישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע. דער עמפּיריקער בענעקע און דער בענטהאמשער אוטיליטאריאניזם. — וויליאם האמילטאָן. — הערבארט׳ס מעכאַניסטישע פּסיכאָלאָגיע און די מעטאפיזיק פון די „רעאַלען". ווילענס־פרייהייט און פּעדאגאָגיק. פעכנער׳ס וועלט־נשמה און ערד־נשמה. לאָטצע׳ס פערבינדונג פון א מאטעריאַליסטישער פסיכאָלאָגיע און א גאָט־גלויבען. וואונדט, ווי א וויסענשאַפטסמאַן און ווי א ווילענס־מעטאפיזיקער. — אָגיוסט קאָנט און דער פּאָזיטיוויזם. קאנט און קאָנט. קאָנט׳ס פּאָרלויפער: סאָפיע זשערמען, סען־סימאָן, פּיערר לערו. קאָנט און בעקאָן. דאָס געזעץ פון די דריי שטאדיען. די קלאַסיפיקאציע פון די וויסענשאַפטען. די סאָציאָלאָגיע, די פּאָזיטיווע פּאָליטיק און „די רעליגיאָן פון דער מענשהייט". — הערבערט ספּענסער. ספּענסער און קאָנט. דער אַגנאָסטיציזם. די ערקענטניס־טהעאָריע. די עוואָלוציאָנס־טהעאָריע. ספּענסער און העגעל).

### § 31. אַלגעמיינעס.

קאנט׳ס גרונדגעדאנק, אז אונזער גאנצע ערקענטניס פון דער וועלט, די וויסענשאפטליכע, ווי די מעטאפיזישע, איז א פּראָדוקט פון די מ ע נ ש ל י כ ע ערקענטניס־פּראָצעסען און קאָן דעריבער זיין אמת נאָר פאר דעם מענשען, איז אין גאנצען אָדער כמעט אין גאנצען פערלאָזען געוואָרען אין דער ענטוויקעלונג פון דעם מעטאפיזישען געדאנק, מיט וועלכער מיר זענען בעקאנט געוואָרען ביז אהער. ווארפט מען אראָב פון חשבון פייערבאכ׳ען און שטיר־

נער'ן, זענען אַלע איבעריגע דענקער, אפילו אויך מאַרקס, קלאָר אויסגעשפּראָכענע מעטאַפיזיקער, וואָס גלויבען, אַז דער שכל קאָן אויף דעם אָדער יענעם וועג אריין דרינגען אין די סודות פון דער וועלט, ווי זי איז אין זיך, און ארויסברענגען דעם אמת, וואָס זאָל ניט זיין נאָר אַן אמת פאַר דעם מענשען.

אנטגעגען אָט דעם ראַציאָנאַליסטישען גלויבען האָט זיך אָבער שוין גאַנץ פריה אויפגעהויבען אַ קאַמפּף, וואָס איז לכתחילה, אינגאַנצען פערהילכט געוואָרען דורך דעם נצחון געזאַנג פון די מע־טאַפיזיקער. ערשט שפּעטער האָט דער פּראָטעסט גענומען ארויס־קלינגען מיט אַלץ שטאַרקערער מאַכט און האָט אָנגענומען קלאָהרע פילאָסאָפישע געשטאַלטען אין די מאָדערנע אנטראָפּאָ־לאָגישע סיסטעמען: אין דעם פּאָזיטיוויזם, דעם נעאָ־קריטיציזם, דער וויסענשאַפטליכער פילאָסאָפיע און צום סוף אין דעם פּראַגמאַטיזם. אמת, ניט אַלע דענקער פון די ריכטונגען זענען פריי פון דאָגמאַ־טישער מעטאַפיזיק. אָבער זייער אַלעמען'ס גרונדשטריך איז — דער קאַמפּף אנטגעגען דער דאָגמאַטיק און אַן עהרליכער שטרעבען קודם כל צו רעכענען זיך מיט דער קריטיש אויסגעלויטערטער ער־פאַהרונג און מיט דעם געדאַנק, אַז יעדע ערקענטניס איז אַ פּראָ־דוקט פון דעם מענשען, וואָס קאָן האָבען נאָר אַ רעלאַטיווען, בע־גרעניצטען אמת.

צווישען די מאָדערנע סיסטעמען און דער אַלטער מעטאַפיזיק דאַרף אָבער לאָגיש אריינגעשטעלט ווערן אַ גרופּע פון דענקער, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן איבערגאַנג־שטאַדיום צווישען דעם אַלטען און דעם נייען, — אַן איבערגאַנג ניט אין דער צייט, נאָר לויט דער אינוועניגסטער לאָגיק: ביי זיי, ביי אַלעמען, רעדט מעהר אָדער וועניגער קלאָהרע רייד דער אנטראָפּאָלאָגישער רעלאַטיוויזם.

אין דער ערשטער ליניע געהערען אהער פ ר י ע ז און ב ע נ ע ק ע, וואָס האָבען געוואָלט אַוועג שטעלען קאַנט'ס קריטיק אויף אַ ריין פסיכאָלאָגישען פונדאַמענט.

## § 32. פריעז און בענעקע.

פסיכאָלאָגיע און ערקענטניס־קריטיק האָבען צוויי פערשיידענע אויפגאַבען: נעהמען מיר, צום ביישפּיעל, דאָס פּראָבלעם פון קויזאַליטעט. דער פסיכאָלאָג וועט זיך קודם כל פרעגען: ווי

אזוי איז אין אונזער מוח אויסגעוואקסען אזא מין פאָרשטעלונג? איז זי אַן איינפאַכע אָדער אַ צונויפגעזעצטע? אויב צונויפגעזעצט, פון וועלכע איינפאַכערע עלעמענטען איז זי אויפגעבויט געוואָרען און פון וואנען שעפּט דער שכל יענע איינפאַכערע עלעמענטען? דער ערקענטניס־קריטיקער רעכענט זיך אויך מיט די פּראָבלעמען, אָבער אויף דעם ערשטען פּלאַן שטעהען ביי איהם אַנדערע פראַגען, ערנסטערע און וויכטיגערע: וואָס פאַר אַ ראַליע שפּיעלט די קוויזאַליטעט אין דער ערקענטניס? קאָן די וויסענשאַפטליכע ערפאַהרונג אויסקומען אָהן איהר? וואָס קומט זי אונז צו לאָזען הערען? אויף ווי וויט געהט איהר אמת? קאַנט איז געווען דער עיקר פעראינטערעסירט מיט דער ערקענטניס־קריטיק און אין זיין דענק־מעטהאָדע איז געלעגען די פאָדערונג, אַז צוערשט מוז ארויסגעפונען ווערען דער ערקענטניס־קריטישער ענטפער. אַלע אנדערע אונטערזוכונגען מוזען געבויט זיין אויף דעם פונדאמענט פון דער ערקענטניס־קריטיק און אויסגעפיהרט ווערען אזוי, אַז זיי זאָלען ניט געהן להיפך צו איהרע רעזולטאטען. פריעז און בענעקע האָבען הויך געשעצט די ערקענטניס־קריטישע רעזולטאטען, צו וועלכע קאַנט איז געקומען, האָבען אָבער ניט געוואָלט אָננעהמען, אַז אָט די רעזולטאטען מוזען זיין דער לעצטער גרונד, אויף וועלכען און לויט וועלכען עס דאַרף געפיהרט ווערן די פילאָסאָפישע אונטערזוכונג.

יאַקאָב פריעדריך פריעז (1773—1843) זעהט אין דער מענשליכער ערקענטניס קודם כל אַ פסיכאָלאָגישען פּראָצעס. זי ווערט אין אונזער בעוואוסטזיין אויפגעבויט פון איינפאַכערע עלעמענטען, און אָט די עלעמענטען האָבען מיר אויסצוגעפינען דורך די ערפאַהרונג. אויף אזא'ן אופן קעהרט זיך פריעז אום צו דעם עמפּיריזם, אָבער זיין עמפּיריזם איז אַ ריין פסיכאָלאָגישער. ער בעשעפטיגט זיך ניט מיט דעם שטודיום פון דער ד ר ו י ס ע נ ־ ד י ג ע ר ערפאַהרונג, פון דער ערשיינונגס־וועלט, כדי אין איהר, דורך בעאָבאַכטונג פון דער נאַטור, צו געפינען דעם שליסעל צו אונזערע ערקענטניס־פּראָצעסען. די ערפאַהרונג, וועלכע פריעז מיינט, איז די א י נ ו ו ע נ י ג ע, די אונטערזוכונג פון דער אייגענער נשמה; די בעאָבאַכטונג איז אַ ז ע ל ב ס ט ־ בעאָבאַכטונג.

אויף דעם וועג פון פסיכאָלאָגישע זעלבסט־בעאָבאכטונג געפינט פריעז, אז דער גרונד־עלעמענט פון אלע פסיכישע ערשיינונגען איז די עמפפינדונג, אז רוים און צייט ווערען ארויס־געבראכט דורך די איינבילדונגס־קראפט, און אז די קאטעגאָריען זענען ניט א פריאָרי, נאָר זיי וואקסען ארויס פון אָט די צוויי גרונד־עלעמענטען פון דעם פסיכישען לעבען.

די זעלביגע מעטהאָדע פון פסיכאָלאָגישע־ זעלבסט־בעאָבאכטונג פיהרט איהם צו דעם רעזולטאט, אז דער וויסען איז ניט דער איינציגער אינהאלט פון דער מענשליכער ערקענטניס. א חוץ דעם וויסען בעשאפט דער מענש א גלויבען, און דער גלויבענס־פראָצעס געהט זיך זיין אייגענעם וועג, נישט צו קימערן זיך וועגען די רעזולטאטען פון דעם וויסען. אין דער וועלט געפינט דער מענש צוועקמעסיגקייט און שעהנקייט. ער איז זיך אין זיין געפיהל משער, אז עס מוז זיין א העכערע וועלט־אָרדנונג, פון וואנען עס נעהמט זיך די צוועקמעסיגקייט און שעהנקייט אין דער נאטור, און עס ווערט ביי איהם בעשאפען די פאָרשטעלונג פון א גאָט. אויף דעם געדאנק בויט פריעז אויף זיין עסטהעטישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע, וואָס בעטראכט גאָט דער עיקר ווי א קוואל, פון וועלכער עס שטאמט שעהנקייט. דאָס זיך משער זיין אין געפיהל בלייבט דערביי ניט אויף דער מדרגה פון א ריין פסיכאָלאָגישען געשעהען, וואָס האָט גאָר נישט צו טהאָן מיט די פראָצעסען פון דער דרויסענדיגער וועלט: דער מענש אהנט די גאָט־הייט, ער האָט א פאָרגעפיהל, אז ס'איז דאָ א גאָט, ווען ער בעטראכט די צוועקמעסיגקייט און שעהנקייט אין דער נאטור. און אזוי שפרינגט אריבער פריעז פון דער ריינער פסיכאָלאָגיע צו א טהעאָלאָגיש בעפארבטער נאטור־פילאָסאָפיע. פון דעסטוועגען פערליערט ניט פריעז זיין גרונד־געדאנק פון די אויגען, אז אפילו די רעליגיאָן איז אויך אן אָבשפיעגלונג פון מענשליכע פסיכישע פראָצעסען, און בלייבט אין אלגע־מיינעם טריי צו קאנט'ס אנטראָפּאָלאָגישען שטאנדפונקט אין דער פילאָסאָפיע.

נאָך ווייטער אויף דעם וועג פון דעם אינוועניגען, פסיכאָלאָגי־שען עמפיריזם איז געגאנגען פריעדריך עדוארד

ב ע נ ע ק ע (1798—1854), וועמעס איינצעלנע פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזען האָבען נאָך עד היום א גרויסען וויסענשאַפטליכען ווערטה. אויף דעם גרונד פון אַט די פּסיכאָלאָגישע אונטערזוכונגען לייקענט ער לגמרי אָב דעם אַפּריאָרישען כאַראַקטער פון די קאַטעגאָריען און פאָרמען. און בעת פריעז האָט געוואָלט דורך די עמפּירישע פּסיכאָלאָגיע בעגרינדען די רעליגיאָן (און די עסטהעטיק), אינטערעסירט בענעקע'ן מעהר פאַר אַלץ די פּסיכאָלאָגישע בעגרינדונג פון דער מאָראַל און דער פּעדאַגאָגיק. ווענדט מען אָן די ריכטיגע מעטהאָדע פון גענויער בעאָבאַכטונג און וויסענשאַפטליך בערעכטיגטע היפּאָטהעזען, מוז מען קומען צו דעם רעזולטאַט, אז אַלע פּסיכישע ערשיינונגען קאָנען צוריקגעפיהרט ווערען אויף איינפאַכסטע עלעמענטען.

אויך די מאָראַלישע אידעאַלען פון דער מענשהייט מאַכען ניט קיין אויסנאַהם פון דעם כלל. אונזערע פּסיכישע דורכלעבונגען ווערען פון אונז אָבגעשעצט לויט זייער ווערטה פאַר דעם מענשליכען לעבען, און פון די אָבשעצונגען וואַקסען אַרויס די מאָראַלישע געפיהלען. אין דעם שלוס־פּונקט פון זיין מאָראַל־פילאָסאָפיע געהט ער זיך צונויף מיט דעם ענגלישען יוריסט י ר מ י ה ב ע נ ט ה א ם (1748—1832), וואָס האָט געלעהרנט, אַז דער גרונדפּרינציפּ פון יעדער מאָראַל און געזעצגעבונג דאַרף זיין דער מאַקסימום פון גליק און דער מינימום פון אונגליק פאַר דער מאַקסימאַל־מעגליכער צאָהל פון מענשען. בענעקע איבערזעצט בענטהאַם'ס הויפּט־ווערק פון מאַנוסקריפּט.

## § 33. וויליאַם האַמילטאָן.

א כמעט ריינער א נ ט ר אָ פּ אָ ל אָ ג י ז ם רעדט צו אונז פון דער פילאָסאָפיע האַמילטאָן'ס (1778—1856), ווען אפילו ער איז אין דער לאָגיק און פּסיכאָלאָגיע א געגנער פון דער ריין עמפּירישער מעטהאָדע. געוויסע קאַטעגאָריען, ווי צ. ב. ש. קוויזאַליטעט, קאָנען, נאָך זיין מיינונג נאָך, בשום אופן ניט דערקלעהרט ווערן דורך די ערפאַהרונג. פון וואַנען זיי נעהמען זיך קאָן מען לחלוטין ניט פערשטעהן, אָבער זיי טרעטען אַרויס מיט אזא געוויסקייט און נויטווענדיגקייט, אז מיר מוזען זיי אָננעהמען ווי א פאַקט פאַר דעם מענשליכען בעוואוסטזיין, פון וועלכען דער מענש

קאָן זיך קיין מאָל ניט בעפרייען. יעדע מענשליכע ערקענטנים מוז זיין קויזאַל. אלץ, וואָס געהט להיפך צו דער קויזאַליטעט, ווי צ. ב., די טהעאָלאָגישע דאָגמען, קאָנען ניט געהערען צו דער מענשליכער ערקענטנים, און בעלאַנגען אין גאַנצען צו דעם גלויבען. די הויפּט־זאך פאר דער פילאָסאָפיע איז אָבער ניט די געטליכע וועלט־אָרד־נונג, נאָר דער מענש, זיין טבע, און, דער עיקר, דאָס מענשליכע בע־וואוסטזיין.

§ 34. הערבאַרט, פּעכנער, לאָטצע און וואונדט.

די פּסיכאָלאָגישע אונטערזוכונג שפּיעלט די הויפּט־ראָליע אויף ביי הערבאַרט, פּעכנער, לאָטצע און וואונדט. זיי פערבלייבען אָבער ניט אין די גרעניצען פון דעם פּסיכאָלאָגישען אנטראָפּאָלאָ־גיזם און זוכען אריבער צו ווארפען א פעסטערן בריק פון דער פּסי־כאָלאָגיע צו דער מעטאפיזיק, עהדער דער, וואָס איז געבויט געווען פון פריעז'ען.

יאָהאַן פריעדריך הערבארט (1776—1841) איז ארויס געטרעטען מיט אַן אינטערעסאנטער טהעאָריע וועגען דעם מעכאניזם פון דעם מענשליכען פּסיכישען לעבען. דעם גאַנצען פּראָצעס פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין בעטראַכט ער ווי א קאַמפף פון איינצעלנע פאָרשטעלונגען, וואָסווירקען איינע אויף די אַנדערע ווי פיזישע קרעפטען. פאָרשטעלונגען וואָס געהן אין גאַנצען להיפך איינע צו דער אַנדערער, ווי צ. ב. רויט און גרין, קאָנען ניט בעשטעהן אין איין און דערזעלביגער צייט. זיי מוזען איינע די אַנדערע אונטערדריקען, ד. ה. שוואַכער און בלאַסער מאַכען ביז צו א גראַד, אין וועלכען זייער געגענזאַץ זאָל פערשווינדען. די שטאַר־קערע פאָרשטעלונג אונטערדריקט די שוואַכערע. ארויסגעהענדיג פון אָט דעם גרונד־געדאַנק, מיהט זיך הערבארט מאַטהעמאַטיש אויסצורעכענען דעם גלייכ־געוויכטס־צושטאַנד (די „סטאַטיק“) און די בעוועגונג (די „מעכאַניק“) פון די איינצעלנע פאָרשטעלונגען. הערבארט גלויבט אין א פאָלשטענדיגען דעטערמיניזם פון אלע פּסיכישע געשעהעניסען, וואָס קאָן אויסגעשטודירט ווערן ריין־וויסענשאַפטליך. געדאַנקען, געפיהלען און ווילענס־מאָמענ־טען שפּיעלען זיך אָב אין דער מענשליכער נשמה ריין מעכאַניש און וואָלטען לכתחילה געקאָנט אויסגערעכענט ווערן מאַטעמאַטיש.

דעם זעלביגען מאַטעמאַטיש־מעכאַנישען שטאַנד־פּונקט וועגדט אָן הערבאַרט אין דעם אויפבוי פון זיין מעטאַפיזיק. די פילאָסאָ־פיע דאַרף פערבינדען אין איין סיסטעם יענע העכערע בעגריפען, וואָס ווערען אויסגעארבייט פון די איינצעל־וויסענשאַפטען. אָבער יענע בעגריפען געהען לאָגיש איינער להיפך צו דעם אַנדערן. די פילאָסאָפיע מוז זיי דעריבער בעארבייטען אַזוי, אַז דער ווידער־שפּרוך זאָל אין גאַנצען פערשווינדען, כדי זיי זאָלען זיך קאָנען פעראייניגען אין איין סיסטעם. אַלע פילאָסאָפישע ווידערשפּרוכען קאָנען פערשווינדען, מיינט הערבאַרט, ווען מען זאָל אָננעהמען, אַז די סובסטאַנץ פון דער וועלט בעשטעהט פון אַ גרויסער צאָהל איינצעלנע זעלבסטשטענדיגע גייסטיגע עלעמענטען, וועלכע ער רופט אָן די „רעאַלען“. יעדעס „רעאל“ איז אַ מין לייבניצישע מאָנאַדע, מיט דעם גרויסען חלוק, וואָס די רעאַלען ווירקען איינס אויפ'ס אנדערע. איינווירקען אויף עפּעס הייסט אונטערדריקען עס אין אַ געוויסען טייל. די רעאַלען האָבען אָבער אַ בעשטרעבען צו זעלבסט־ערהאלטונג און דערפון שטאַמט, וואָס יעדע ווירקונג רופט אויפ'ן שטעל ארויס אַ געגען־ווירקונג. די מענשליכע נשמה איז אויך אַזאַ מין „רעאַל“ און איהר קאַמפּף פאר זעלבסט־ער־האַלטונג דריקט זיך אויס אין איהרע פאָרשטעלונגען, וואָס זענען אַ געגען־ווירקונג אויף די ווירקונג פון די דרויסענדיגע רעאַלען. אין די פאָרשטעלונגען שפּיעלט זיך ווידערום אָב דער זעלביגער פּראָ־צעס פון ווירקונג און געגען־ווירקונג.

די געפיהלען און בעגעהרען זענען ניט בעזונדערע עלעמענטען פון דעם גייסטיגען לעבען. יעדע איינצעל־פאָרשטעלונג טראָגט איינגעוויקעלט אין זיך אַ מאָמענט פון געפיהל און בעגעהר. די געפיהלען און בעגעהרען בעשאַפען אונזער געשמאַק. דער געשמאַק בעשטימט וואָס אונז זאָל געפעלען און וואָס ניט. די וויסענשאַפט וועגען די געשמאַק־אורטיילען איז די עסטהעטיק, און די עטהיק איז ניט מעהר ווי אַ צווייג פון איהר: „גוט“ און „שעהן“ שטאַ־מען פון איין־און־דעם זעלביגען וואָרצעל. די עסטהעטיק אין אָט דעם ברייטען זין פון דעם וואָרט ארבייט אויס דאָס אידעאַל פון אַ מענשליך גוטען און שעהנעם ווילען. דאָס מיטעל צו רעאַליזירען דאָס אידעאַל איז די פּ ע ד אַ ג אָ ג י ק, די וויסענשאַפטליכע

ערציהונג פון דעם מענשען. א וויסענשאַפטליכע ערציהונג איז אָבער נאָר יעמאָלט מעגליך, ווען מיר נעהמען אָן, אַז דעם מענשען'ס ווילען איז ניט פריי, אַז מיר קאָנען איהם אומבייטען לויט די איינווירקונגען, וואָס מיר מאַכען אויף איהם. דער פאַקט, אַז עס איז דאָ אַן ערציהונג, איז אַ בעווייז, אַז עס איז ניטאָ קיין פרייער ווילען.

הערבאַרט איז דער בעגרינדער פון דער וויסענשאַפטליכער פעדאַגאָגיק, און זיין סיסטעם האָט אַ לאַנגע צייט בעהערשט די ערציהונגס־וויסענשאַפט, פון וועלכער דער הערבאַרטיאַניזם איז נאָך ניט פערשוואונדען עד היום. אָבער אויך אויף דער פסיכאָלאָגיע האָט ער איבערגעלאָזען אַ שטאַרקען רושם. אַ בעזונדער צווייג פון דער וויסענשאַפט, — די פעלקער־פסיכאָלאָגיע — איז בעשאַפען געוואָרען פון הערבאַרט'ס אָנהענגער, מאָריטץ לאַצאַרוס און היימאַן שטיינטהייל, וואָס האָבען בעגרינדעט די „צייטשריפט פאַר פעלקער־פסיכאָלאָגיע,“ כדי אויסצופאָרשען די פסיכיק פון די איינצעלנע פעלקער.

פון די זעהר צאָהל־רייכע הערבאַרטיאַנער ווילען מיר דאָ דערמאָהנען נאָר טהעאָדאָר וויטץ (1821 — 1884), דעם מחבר פון דער בעריהמטער ארבייט וועגען דער „אַנטראָפּאָלאָגיע פון די נאַטור־פעלקער.“—

אַ מעטאַפיזיק, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען פון דער פסיכאָלאָגיע, האָט אונז אויך געגעבען גוסטאַוו טהעאָדאָר פעכנער, (1801—1887), דער בעגרינדער פון די „פסיכאָ־פיזיק“. זיין בעריהמט געוואָרענער פסיכאָ־פיזישער געזעץ, וועלכען ער האָט מאַטהעמאַטיש אַרויסגערעכענט פון וועבער'ס עקספערימענטען, אַז די עמפּפינדונגען וואַקסען ווי די לאָגאַריטמען פון זייערע רייצען, האָט איהם געצוואונגען צו פערטראַכטען זיך וועגען דער מעגליכקייט פון אַזאַ מאַטהעמאַטיש גענויער געזעצמעסיגקייט אין די שיכות'ן צווישען דעם „גוף“ און דער „נשמה“.

ווען מיר זעהען, אַז די שיכות'ן צווישען „גוף“ און „נשמה“, צווישען „מאַטעריע“ און „גייסט“, זענען אַזוי בעשטימט און קלאָהר, אַז זיי לאָזען זיך אויסמעסטען עקספערימענטעל און אויסרעכענען מאַטהעמאַטיש, מוזען מיר אָננעהמען, אַז די צוויי אַזוי פערשיע־

דענע „סובסטאַנצען" זענען ניט מעהר, ווי צוויי פערשיעדענע פאָר־מען, אין וועלכע עס ערשיינט איין און די זעלביגע סובסטאַנץ. די סובסטאַנץ איז די וועלט. זי בעשטעהט, ווי דער מענשליכער גוף, פון אטאָמען, ד. ה. ק ר א פ ט ־ צענטרען, און א נשמה, ד. ה. א וועלט־בעוואוסטזיין, אָדער א גאָט. גאָט און אטאָמען זענען צונויפגעגאָסען אין איינעם. יעדער קלענערער אָדער גרעסערער סכום פון אטאָמען האָט זיין נשמה, אָדער זיינע נ ש מ ו ת וואָס שטאַמען אין לעצ־טער ליניע פון דעם געטליכען בעוואוסטזיין: א נשמה האָבען פלאַנ־צען, חיות (דער מענש האָט עטליכע נשמות) און אויך די ערד.

פעכנער'ס א תלמיד, וואָס איז אָבער געגאַנגען אין זיינע איי־גענע פילאָסאָפישע וועגען, איז געוועזן ר ו ד אָ ל ף  ה ע ר מ א ן ל אָ ט צ ע (1817 — 1881). די פּסיכאָלאָגישע וויסענשאַפט שטעהט אויך ביי איהם אין דעם צענטער פון דער בעטראַכטונג, און זי פיהרט איהם פון איין זייט צו א ריין־מאַטעריאַליסטישער ביאָלאָ־גיע, פון דער אנדער זייט צו א כמעט ריין אידעאַליסטישער מעטאַ־פיזיק. אין איינינע פיזיאָלאָגישע ארבייטען וואָס האָבען געמאַכט א שטאַרקען רושם אויף דער ענטוויקעלונג פון דער פיזיאָלאָגיע, בע־וויזט לאָטצע, אז דאָס גאַנצע לעבען מוז מען בעטראַכטען, ווי א שפּיעל פון מעכאַנישע פּראָצעסען. אויך דאָס גייסטיגע לעבען, אויף וויפיעל מיר קאָנען עס שטודירען, שטעהט אין מעכאַנישער וועק־סעל־ווירקונג מיט די ריין־מאַטעריעלע נאַטור־ערשיינונגען. אָבער כדי זיך צו דערקלעהרען, ווי אזוי איין זאַך זאָל איבערהויפּט קאָנען ווירקען אויף אַן' אנדער זאַך, מוז מען אָננעהמען, אז די אַלע איינ־צעל־זאַכען זענען טיילען פון איין־איינהייטליכען גאַנצען, פון דעם אבסאָלוט. דער „אבסאָלוט" פערוואַנדעלט זיך אָבער פאַר לאָטצען אין א פערזענליכען גייסט, א גאָט, וואָס רעגיערט די וועלט ניט נאָר לויט מעכאַנישע געזעטצען, נאָר אויך לויט צוועקען. דער מע־כאַניזם פון דער נאַטור איז ניט מעהר ווי א מיטעל צו פערווירק־ליכען געטליכע אידעאַלען. — לויט דעם אינהאַלט פון זיין פילאָ־סאָפיע, איז לאָטצע אייגענטליך א פשוט'ער מעטאַפיזיקער, ווי אַלע אנדערע, מיט וועמען מיר זענען בעקאַנט געוואָרען ביז אהער. וואָס לאָטצען צייכענט בעזונדער אויס און שטעלט איהם נעהענטער צו דעם מאָדערנעם געדאַנק, איז זיין שטעלונג צו זיין אייגענער מעטאַ־

פּיזיק. ער קוקט ניט אויף איהר, ווי אויף אַן אבבאָלוטען אמת, וואָס מוז אָנגענומען ווערען פון יעדעם שכל, אפילו אויך ניט, ווי אויף אזא'ן אמת, וואָס איז אַ חוב פאַר יעדעם מ ע נ ש ל י כ ע ן דענ־קען. ער בעטראַכט זיינע געדאַנקען, ווי ז י י ן היפּאָטהעזע, וואָס גיט איהם, לאָמיר זאָגען, אַ בעפריעדיגענדען ענטפער אויף די פילאָסאָ־פישע פּראָבלעמען.

אַן עהנליכע שטעלונג צו דער אייגענער מעטאַפיזיק, אָבער מיט מעהר גלויבען אין איהר ווערטה פאַר דער גאַנצער מענשהייט, צייגט אַרוס דער גרעסטער פערטרעטער פון דער פּסיכאָלאָגישער וויסענשאַפט, ו ו י ל ה ע ל ם ו ו א ו נ ד ט (געב. 1832). וואונדט געהט אַרויס פון די נאַטור־וויסענשאַפטען, נעהמט אין זיך אין גאַנ־צען אריין די נאַטור־וויסענשאַפטליכע מעטהאָדע און פערטיעפט זי אין זיינע ריין־לאָגישע אונטערזוכונגען. די זעלביגע מעטהאָדע ווענדט ער אָן אויף די אויספאָרשונג פון די פּסיכישע פּראָצעסען, סיי אין דער טהיער־וועלט, סיי אין דעם מענשען. דורך אַ סיסטעם פון פּסיכאָלאָגישע עקספּערימענטען פיהרט ער אויס דעם גראַנד־יעזען בנין פון דער מאָדערנער ע ק ס פּ ע ר י מ ע נ ט א ל ־ פּ ס י ־ כ אָ ל אָ ג י ע, אין וועלכען ער ארבייט אריין די פאָרשונגס־רעזול־טאַטען פון אַ וועבער, פעכנער, העלמהאָלץ און אלע אַנדערע גע־לעהרנטע, וואָס האָבען געאַרבייט אויף דעם פעלד פון פיזיאָלאָגי־שער פּסיכאָלאָגיע. ווי אַ פּסיכאָלאָג, איז וואונדט אַ ריינער וויסענ־שאַפטס־מאַן, פאַר וועמען דער עמפּירישער פאַקט און דאָס געזעץ, אַרויסגעפונען אויף דעם גרונד פון דער ערפאַהרונג, איז אַלץ. אָבער די ריינע וויסענשאַפט בעפריעדיגט איהם ניט גאַנץ. די איינצעל־וויסענשאַפטען שעפּען מיט זייערע מעטהאָדען ניט אויס אַלץ, וואָס אינטערעסירט דעם מענשען. זיי זענען דערצו אָבגעריסען איינע פון די אַנדערע און מוזען פעראייניגט ווערען אין איין גאַנצען וועלט־בילד דורך די מעטאַפיזיק, וואָס וויל ניט נאָר פערשטעהן די ערשיי־נונגען, נאָר אויך אַראָבלאָזען זיך ביז צו דעם גרונד פון דער וועלט.

שוין אין זיינע ריין פּסיכאָלאָגישע ארבייטען האָט וואונדט אויסגעפונען, אַז דער ווילענס־עלעמענט קאָן ניט צוריקגעפיהרט ווערען צו איינפאַכערע ערשיינונגען. וואונדט ערהויבט איהם דערפאַר צו דער מדרגה פון יענעם איינהייטליכען וועלט־פּרינציפּ, וואָס זאָל

אונז געבען די מעגליכקייט אויסצובויען אַ פילאָסאָפישע וועלט־אַנשויאונג. וואונדט'ס וועלט־ווילען איז אָבער ניט קיין בלינדער טריעב צום זיין ווי ביי שאָפּענהויער'ן, נאָר אַ ווילען צו ענטוויקע־לונג און בעשאַפונג. נעהמען מיר אָן, אַז אין דעם וועלט־ווילען איז דאָ ניט נאָר אַן אונבעוואוסטער דראַנג, נאָר אויך בעוואוסטזיין און געפיהל, יעמאָלט קאָן ער ווערן דער הויפּט־פּרינציפּ פאַר אַ פּראָגרעסיווער, עוואָלוציאָניסטישער וועלט־אַנשויאונג. די פילאָסאָ־פיע דאַרף אָבער ניט האָבען די פּרעטענזיע צו זיין דער פ ו נ ד אַ־מ ע נ ט, אויף וועלכען עס זאָלען אויפגעבויט ווערן די איינצעל־וויסענשאַפטען. זי איז ניט דער אָנהויב פון דער מענשליכער ער־קענטניס, נאָר איהר סוף, דער דאַך, וואָס קרוינט דעם גאַנצען בנין — פאַר דעם מענשען.

### § 35. אָגיוסט קאָנט און דער פּאָזיטיוויזם.

ארויסטרייבען פון דער מענשליכער ערקענטניס יעדע מעטאַ־פיזיק, ארומגרעניצען דאָס פעלד פון מענשליכער ערפאַהרונג און ריין מענשליכע אידעאַלען, אזוי אַז דער שכל זאָל זיי מעהר ניט אריבערטרעטען — איז געווען די אויפגאַבע פון אָגיוסט קאָנט (1798—1857). קאָנט איז פאַר דער צווייטער העלפט פון דעם נײַנ־צעהנטען יאהרהונדערט געוואָרען כמעט אזא צענטראַלע פיגור, ווי קאַנט אין דער ערשטער העלפט און צום סוף פון דעם זעלביגען יאָהרהונדערט.

קאַנט און קאָנט האָבען אַ סך בשותפות'ע געדאַנקען, ציעלען און טענדענצען. אַ פּאַראַלעל צווישען זיי געהערט צו די אינטערע־סאַנטעסטע אויפגאַבען פון דער פילאָסאָפיע־געשיכטליכער פאָר־שונג. מיר ווילען דאָ ארויסהויבען נאָר איינציגע פונקטען.ביידע זע־העןן דעם פונדאַמענט פון דעם מענשליכען וויסען אין דער ערפאַה־רונג, ביידע לייקענען אַז דער מעטאַפיזישער געדאַנק, וואָס טרעט אריבער איהרע גרעניצען, זאָל קאָנען אריין דרינגען אין די סודות פון דער וועלט. ביידע ווייסען זיי אויף קלאָהר, אַז אויך די ערפאַה־רונגס־וועלט ווערט בעשאַפען פון דעם מענשען און פאַר דעם מענ־שען : יעדע ערקענטניס איז אַנטראָפּאָלאָגיש און ממילא רעלאַ־טיוו. ביידע קומען צו זייערע פילאָסאָפישע גרונד־פּרינציפּען, שטו־דיערענדיג ניט דעם איינצעל־מענשען, און ניט די נאַטור, נאָר די

גאַנצע מענשליכע קולטור. קאַנט מאַכט אַ ק ו ו ע ר - ש נ י ט אי־בער דער ענטוויקעלונג פון דער מענשליכער ערקענטניס, ער נעהמט אונטער זיין מיקראָסקאָפּ די לעצטע העכסטע רעזולטאַטען פון דער שטרענגער וויסענשאַפט, פאַרשט אויס די פּראָצעסען, וואָס האָבען זי בעשאַפען און די ערקענטניס־טהעאָרעטישע בעדינגונגען, וואָס מאַכען מעגליך, אז זי זאָל בעשאַפען ווערן. אויף דעם וועג קומט ער צו דעם רעזולטאַט, אז אזא וויסענשאַפט איז ריין מענש־ליך און אז זי בלייבט איינגעשלאָסען אין דעם קרייז פון דער מענשלי־כער ערפאַהרונג. קאַנט שטודירט ניט דעם קוווער־שניט, נאָר דעם ל ע נ ג - ש נ י ט פון דער מענשליכער ערקענטניס, איהר ענטווי־קעלונג פון די ערשטע פאַזען אָן און בעווייזט, אז די אָבלייקענונג פון דער מעטאַפיזישער דענק־מעטהאָדע איז דאָס לעצטע וואָרט פון דעם מענשליכען פּראָגרעס, אַ רעזולטאַט, וואָס ווערט דיקטירט פון די געזעצען פון דער מענשליכער ענטוויקעלונג. אָבער נאָך אַן אינטע־רעסאַנטער פּונקט איז צו בעמערקען ביי די צוויי גרויסע רעפאָר־מאַטאָרען פון דער פילאָסאָפיע. זיי ביידע בלייבען ניט שטעהן ביי דער וועלט פון ריין אָביעקטיווער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג. די מענשליכע א י ד ע א ל ע ן קאָנען זיי ניט אריין פּלאַנצען אין דער ערפאַהרונגס־וועלט און ניט ארויסדרינגען פון איהר. פאַר אָט די וועלט פון אידעאַלען מוזען זיי ביידע אויספיהרען אַן אַנדער ווי־סענשאַפטליכען בנין, לויט אַנדערע פּרינציפּען. קאַנט גיט די „קרי־טיק פון דעם פּראַקטישען שכל,“ וואו די קוויזאַליטעט און די שטרענ־גע געזעצמעסיגקייט פון דער וועלט טרעט אָב איהר פּלאַץ פאַר דער „פּרייהייט.“ קאָנט שרייבט זיין „סיסטעם פון דער פּאָזיטיווער פּאָליטיק“, וואו דער אָביעקטיווער שכל מוז זיך בויגען פאַר די בע־פעהלען פון דעם סוביעקטיווען געפיהל. אַנטגעגען ביידען האָט מען געטענה'ט, אז זיי זענען אין דעם אידעאַליסטישען איבער־בוי גע־וואָרען אונטריי צו די פונדאַמענטען פון זייער טהעאָריע, און אַנט־געגען ביידען איז די טענה אונגערעכט.

אין דעם פּרט פון טיעפקייט און אָריגינאַליטעט שטעהט קאָנט אַ סך ניעדעריגער אונטער קאַנט'ן, ער האָט געהאַט אַ סך מעהר צו פערדאַנקען זיינע פאָרגענגער, עהדער דער בעגרינדער פון דער קריטישער פילאָסאָפיע. די מאַטעמאַטיקערין ס אָ פ י ע ז ש ע ר -

מען (1776 — 1831), די סאָציאַליסטישע דענקער סען־סי־מאָן (1760—1825) און פּיערר לערו (1797—1871) האָבען נאָך פֿאַר קאָנט'ן אַרויסגעזאָגט אַ סך געדאַנקען, צו וועלכע מען קאָן צוריקפֿיהרען כמעט אַלע יסודות פֿון זיין פּאָזיטיווער פֿילאָסאָפֿיע. דער עיקר, די צוויי דערמאָהנטע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען אַזוי טיעף פֿערבונדען די פּראָבלעמען פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע מיט די פּראָבלעמען פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען און דער ענטוויקלונג פֿון דער מענשהייט.

פֿאַר סען־סימאָנ'ען איז די פֿילאָסאָפֿיע די זעלביגע זאַך, וואָס די וויסענשאַפֿט, יענע איינהייטליכע מענשליכע ערקענטניס, וואָס דאַרף איינגעהמען אין זיך און האַרמאָניש צונויפֿבינדען אַלץ, וואָס מיר קאָנען אויספֿאָרשען וועגען דער נאַטור, דעם מענשען און דער מענשאַפֿטליכער געזעלשאַפֿט. שוין פֿאַר איהם איז די געזעלשאַפֿט אַ וויסענשאַפֿטליכער פּראָבלעם, וואָס קאָן ניט צוריקגעפֿיהרט ווערען אין גאַנצען ניט אויף די נאַטור, ניט אויף דעם איינצעל־מענשען: די געזעלשאַפֿט פֿיהרט איהר אייגענעם לעבען. די מענשליכע געדאַנקען געהערען העכערע געזעצען, עהדער די לאָגיק פֿון די איינצעלנע יחידים. ס'איז דאָ אַן ענטוויקלונגס פּראָצעס פֿון דער גאַנצער מענשהייט און אין איהם שפּיעלען די הויפּט־ראָליע די פֿאָרמען פֿון דעם סאָציאַלען צוזאַמענלעבען. די גייסטיגע ענטוויקלונג שטעהט אין אַ נויטווענדיגען צוזאַמענהאַנג מיט דער געזעלשאַפֿטליכער. די אַלטע וועלט פֿאַר דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן איז געווען סאָציאַל געבויט אויף דעם פֿעאָדאַליזם און האָט געגלויבט אין אַן איבערזינליכע רעליגיאָן. די נייע וועלט ווערט אויפֿגעבויט אויף דעם פּרינציפּ פֿון אינדוסטריע, פֿון בעהערשען די נאַטור, און איהר גייסטיגער פֿיהרער ווערט, אַנשטאָט דעם גלח, דער וויסענשאַפֿטליכער געלעהרענטער. אַ נייע רעליגיאָן, אַ נייער כריסטענטהום וועט פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון דעם אַלטען גלויבען: אַ רעליגיאָן, אין וועלכער עס וועט אָבגעשאַפֿט ווערען דער דואַליזם פֿון גוף און נשמה, וואו דער „חומר,“ („דאָס פֿלייש“) וועט ווידער קומען צו זיין רעכט.

נאָך שטאַרקער ברענגט פּיערר לערו אַרויס דעם געדאַנק, אַז די ענטוויקלונג פֿון דעם איינצעל־מענשען הענגט אָב פֿון דער ענטווי־

קעלונג פון דער גאַנצער מענשהייט. באמת, מיינט לערו, זענען גאָר ניטאָ קיין איינצעל מענשען. רעאל, ווירקליך עקזיסטירענד איז די גאַנצע מענשהייט, וואָס איז צונויפגעבונדען אין איינעם אין איין איינציגען פּראָצעס פון דעם קולטורעלען לעבען. דאָס אינדיווידואום איז גאָר אַן אָבסטראַקציע, אַ געדאַנקליכער אויסשניט אויס דעם לע־בען פון דער אַלוועלטליכער, מענשליכער געזעלשאַפט. וואָס פאַר ספּי־נאָזאַ'ן איז די וועלט־סובסטאַנץ, דאָס איז פאַר פּיערר לערו די מענש־הייט: אַ ים, פון וועלכען דער יחיד איז נאָר אַ טראָפּען. און אויך ספּינאָזאַ'ס מאָניזם ווערט ביי לערו ווידער געבאָרען אויף אַן אָרי־גינעלען אופן. די מענשהייט איז אין דער זעלביגער צייט אי דער „סוביעקט,“ אי דער „אָביעקט“. אַלץ, וואָס די איינצעל־מענשען דענקען, דענקט דאָס אין זיי די מענשהייט, און אַלץ, ו ו ע ג ע ן ו ו אָ ס די מענשען דענקען, איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי די מענש־הייט גופא: אפילו די דרויסענדיגע וועלט איז פאַר דעם מענשען ניט מעהר ווי אַ סכום פון פאָרשטעלונגען, וואָס זענען אַרויס געבראַכט געוואָרען דורך די ענטוויקעלונג פון דער מענשהייט. לערו איז פון דעסטוועגען ניט פריי געבליבען פון אַ געוויסער איבערזינליכער מיסטישער מעטאַפיזיק, וועלכע קאַנט האָט אין גאַנצען אָבגעליי־קענט, ווענינסטענס אין דעם ריין טהעאָרעטישען טייל פון זיין פי־לאָסאָפיע.

די אָבלייקענונג פון דער מעטאַפיזיק ברענגט קאַנט אַרויס אויף אַן איינפאַכערען און אויבערפלעכליכערען אופן, עהדער דאָס האָט געטהאָן קאַנט. ער מיהט זיך ניט צו בעווייזען, אַז די ערקענט־ניס פון דער דרויסענדיגער וועלט איז אין גאַנצען אַ פּראָדוקט פון דעם מענשען און דעריבער קאָן דער מענש ניט אַרויסשפּרינגען פון זיין אייגענער הויט און אַריין דרינגען אין דעם תוך פון דער נאַטור, ד. ה. אין אַ ספערע, וואָס איז ניט מענש און ניט מענשליכער פּראָ־דוקט. ער נוצט אויך ניט אויס לערו'ס געניאַלען וואונק, אַז דער „אָביעקט“ פון דעם מענשליכען דענקען איז אויך ניט מעהר ווי די מענשהייט. פאַר קאָנט'ן איז די נאַטור, דער „אָביעקט,“ געגעבען. דער מענש איז ביכולת, דורך בעאָבאַכטונג און עקספּערימענט, אויס־צופאָרשען איהרע געזעצען. מעהר נישט די אויספאָרשונג מוז זיך, לויט דער טבע פון דעם מענשליכען שכל, אָבשטעלען ביי אַ געווי־

סען גרעניץ. די בעוועגונג פון די שטערען אין הימעל קאָן אויס־געפאָרשט ווערן אויף זיכער; מיר קאָנען אַלע געזעצען, וואָס ווערן ענטדעקט פון דער וויסענשאַפט, צוריקפיהרען אויף איין איינציגען געזעץ: די אַלוועלטליכע אַטראַקציאָן, די צוציעהונגס־קראַפט, וואָס הערשט אומעדום. אָבער פון וואַנען שטאַמט אָב די צוציהונגס־קראַפט? וואָס איז איהר אינגעווענינסטער מהות? ווי אַזוי איז זי מעגליך? — די אַלע פראַגען שטייגען אַריבער די כחות פון דעם מענשליכען שכל, וויל זיי שפרייזען אַריבער דעם גרעניץ פון דער מענשליכער ערפאַהרונג. מען מוז זיך דעריבער איין מאָל פאַר אלע מאָל אָבזאָגען פון אלע אַזעלכע שאלות. די אויפגאַבע פון דעם מענשלי־כען שכל דאַרף בעשטעהן נאָר אין דעם — ריכטיג צו בעאָבאַכטען די ערשיינונגען, כדי אַרויס צו געפינען די געזעצען, וואָס הערשען אין זיי." אַ דאַנק די געזעצען קאָנען מיר פאָראויסזעהען די צוקונפט און אַ דאַנק דעם פאָראויסזעהען קאָנען מיר בעהערשען די נאַטור. „וואָר פור פרעוואָר; פרעוואָר פור פּואַוואַר." „זעהען, כדי פאָראויסצוזעהען; פאָראויסצוזעהען, כדי צו האָבען מאַכט." דער ניצליכקייטס־צוועק, וואָס קלינגט אין דער גאַנצער פּאָזיטיווער פי־לאָסאָפיע, דאַרף אָבער ניט פערשטאַנען ווערן גראָב־מאַטעריאַליס־טיש. די בעררייכערונג פון דער וויסענשאַפטליכער ערקענטניס און די מאַכט איבער דער נאַטור האָט אַ גרויסען ווערטה פאַר זיך, וואָס פערשאַפט דעם מענשען אַ העכערע אַרט גייסטיגע הנאה.

דאָס ציעל פון דעם פּאָזיטיוויזם איז, ווי מיר זעהען, כמעט דערזעלביגער, וואָס אויך ב ע ק אָ ן האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דער פילאָסאָפיע אין דעם אָנהויב פון דער נייער צייט. קאַנט'ס אָריגי־נאַליטעט ליעגט ניט אין דעם בליק אויף דאָס ציעל און די אויפגאַ־בען פון דעם מענשליכען וויסען, נאָר אין דעם וועג, ווי אַזוי ער בעגרינדעט דאָס טהעאָרעטיש, און אין די רעזולטאַטען, צו וועלכע ער קומט. קאָנט בעגוגענט זיך ניט מיט דער פרעדיגט: מיר זאָלען זיך אָבזאָגען פון דער מעטאַפיזיק. ער איז אַ דענקער פון דעם נייענ־צעהנטען יאָהרהונדערט. ער מוז בעווייזען, אז די מענשהייט זאָגט זיך אַליין אָב פון דער מעטאַפיזיק, אז די מעטאַפיזיק איז אַ געוויסע ענטוויקלונגס־פאַזע, וועלכע די מענשהייט מאַכט דורך און וועלכע זי לאָזט הינטער זיך. שטודירען מיר דעם גאַנג פון דער מענשליכער

גייסטיגערענטוויקעלונג, בעמערקען מיר, זאָגט קאַנט, אז זי לויפט דורך דריי שטאַדיען: אין דעם ערשטען שטאַדיום דערקלעהרט דער מנשליכער שכל אלץ וואָס איהם אינטערעסירט דורך די היפּאָטהעזע פון א גאָטהייט. דאָס איז די ט ה ע אָ ל אָ ג י ש ע ענטוויקעלונגס־פּאַזע. פריהער עקזיסטירען פאַר דעם מענשען איינצעלנע פערשיי־דענע גאָטהייטען (פעטישיזם), דערנאָך ווערען זיי צונויפגעגאָסען אין איינגע ווענינע געטער (פּאָליטעאיזם), ביז זיי ווערען אלע צונויפגעשמאָלצען אין איין איינציגען גאָט (מאָנאָטעאיזם). דער־מיט ענדיגט זיך די ערשטע פּאַזע. די רעגעלמעסיגקייטען אין די נאַ־טור־ערשיינונגען מאַכען פאַר דעם מענשען אלץ ווענינער וואהר־שיינליך, אז זיי זאָלען זיין א פּראָדוקט פון א פּערזענליכען געטלי־כען ווילען. כדי זיי צו דערקלעהרען, טראַכט דער מענש אויס פער־באָרגענע קרעפטען, פערשיידענע „וועזענהייטען“, וואָס לויערען הינ־טער די ערשיינונגען און וואָס ברענגען זיי אַרויס: ווי למשל, די לע־בענס־קראַפט, געוויסע צוועקען און דערגלייכען. די טהעאָלאָגישע פּאַזע געהט איבער אין די מעטאַפיזישע. סוף־כל־סוף אָבער זעהט דער מענש איין, אז אויך די „וועזענהייטען“ זענען ניט מעהר ווי דמיונות, וועלכע ער האָט אליין בעשאַפען, און די מעטאַפיזיק געהט איבער אין די דריטע און די לעצטע ענטוויקעלונגס־פּאַזע: די פּאָזיטיוויס־טישע. דער פּאָזיטיווער דענקער פרעגט ניט קיין „פאַרוואָס?“ איהם אינטערעסירט נאָר דער „ווי אזוי?“. ער זוכט די געזעצען פון די ערשיינונגען, און די געזעצען זענען ניט קיין דערקלעהרונג, נאָר א בעשרייבונג. די קערפער ציעהען צו איינע די אנדערע ניט, ו ו י י ל עס איז דאָ א „געזעץ פון צוציעהונגס־קראַפט,“ נאָר: מיר האָבען אויסגעפונען א געזעץ פון אלוועלטליכע צוציעהונג, ווייל די קערפער ציעהען צו איינע די אנדערע. די געזעצען בעשרייבען נאָר אויף אַן אלגעמיינעם אופן, דאָס וואָס מיר זעהען אין די פערשיידענע איינצעל־פעלען. זיי דערקלעהרען אונז גאָר נישט די „אורזאַך“ פון די ערשיינונגען; אויב די ערשיינונגען האָבען אורזאַכען, בלייבט אויף אייביג פערבאָרגען. אנשטאָט די אורזאַכען אינטערעסירט מען זיך מיט די ערשיינונגען גופא. מען פאָרשט אויס די אָרט, ווי אזוי זיי עקזיסטירען אין איינעם (די „סטאַטיק“) און די אָרט ווי אזוי זיי פערענדערען זיך איינע נאָך די אנדערע אין דער צייט (די

„דינאַמיק“). אין דער שטעלונג צו דער קוואַליטעט ליגט די גאַנ־צע נייקייט פון קאַנט'ס דענקען, ווען מען פערגלייכט איהם מיט בעקאָנ'ען אָדער אַפּילו מיט קאַנט'ן. אין דעם פּונקט געהט זיך די פּאָזיטיווע מעטהאָדע צונויף מיט דער דיאַלעקטישער: ביידע זאָ־גען זיי זיך אָב פון בעקאָן'ס פּאָדערונג — צו שליעסען פון די ווירקונגען אויף די אורזאַכען. „עס איז, ווייל עס איז און עס איז אַזוי ווי עס איז“. (פיכטע).

די פּאָזיטיווע פאַזע איז, לויט קאָנט'ן, דאָס לעצטע וואָרט אין דער מענשליכער גייסטיגער ענטוויקלונג, און אַלע וויסענשאַפטען שטרעבען איבערצוגעהן צו איהר. אָבער ניט אַלע וויסענשאַפטען זענען גלייך פערטיג געוואָרען מיט זייער אויפגאַבע. די מאַטהע־מאַטיק, צ. ב., איז לכתחילה אויסגעוואַקסען אויף אַ פּאָזיטיווען באָדען. די נאַטור־וויסענשאַפטען געהען איבער צו דעם פּאָזיוויטיזם נאָר יעמאָלט, ווען זיי הויבען אָן בעוואוסטערהייד אָנצווענדען דעם עקספּערימענט, ד. ה. בעאָבאַכטונג אונטער קינסטליך אויסגעוועהל־טע אָדער זעלבסט געשאַפענע בעדינגונגען. די געזעלשאַפטס־וויסענ־שאַפט ליעגט נאָך גאָר אין איהרע מעטאַפיזישע קינדער־ווינדעלעך. עס איז די אויפגאַבע פון דער פילאָסאָפיע — העלפען יעדער ווי־סענשאַפט, זי זאָל וואָס גיכער אַריבערגעהן צו איהר פּאָזיטיווער פאַזע, און דערנאָך פעראייניגען אַלע וויסענשאַפטען אין איין־איינ־ציגען סיסטעם, לויט דעם אָרט, וועלכע יעדע פון איהר מוז פער־נעהמען אין אַ נאַטירליכער ראַנג־אָרדנונג פון וויסענשאַפטען. אויס־געפינען דאָס נאַטירליכע סיסטעם פון אַלע וויסענשאַפטען, זייער נאַטירליכע ראַנג־אָרדנונג, אָדער די נאַטירליכע קלאַסיפיקאַציע פון וויסענשאַפטען איז די צווייטע וויכטיגע אַרבייט, וועלכע קאָנט'ס פּאָזיטיווע פילאָסאָפיע נעהמט אויף זיך נאָך דער ענטדעקונג פון דעם געזעץ פון די דריי שטאַדיען.

בעטראַכט מען אַלע וויסענשאַפטען, מיט וועלכע די מענשהייט בעשעפטיגט זיך, זעהט מען אַז אַ־טייל פון זיי זענען טהעאָרעטישע און אַ טייל — פּראַקטישע. די פילאָסאָפיע, וואָס דאַרף אויסגעפי־נען זייער נאַטירליכען סיסטעם, האָט צו טהאָן מיט די טהעאָרע־טישע וויסענשאַפטען. די לעצטערע ווידער פאַלען פאַנאַנדער אין אַ ב ס ט ר אַ ק ט ע און ק אָ נ ק ר ע ט ע. די אַבסטראַקטע פּאָרשען

אוים די אַלגעמיינע כללים און געזעצען וואָס הערשען אין גרויסע גרופּען פון ערשיינונגען. די קאָנקרעטע בעשרייבען בעשטימטע איינ־צעל־ערשיינונגען און בעווייזען, ווי אַזוי די אַלגעמיינע כללים הער־שען אין זיי. צום ביישפּיעל: די באָטאַניק, וואָס אונטערזוכט די פּלאַנצען־וועלט, און די זאָאָלאָגיע, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער טהיער־וועלט, זענען קאָנקרעטע וויסענשאַפטען, וואָס האָבען צו טהאָן מיט לעבעדיגע וועזען. די ביאָלאָגיע אָבער איז אַן אבסטראַקטע וויסענשאַפט, וואָס אונטערזוכט די געזעצען פון ל ע ב ע ן בכלל און שפּיעלט דעריבער די ראָליע פון אַ גרונד־וויסענשאַפט, אויף וועלכער די באָטאַניק און די זאָאָלאָגיע ווערט אויפגעבויט. די נאַ־טירליכע ראַנג־אָרדנונג דאַרף געמאַכט ווערען צווישען די אַבסטראַק־טע גרונד־וויסענשאַפטען. די פראַגע איז דערביי: אין וואָס בע־שטעהט יענער נאַטירליכער פּרינציפּ, לויט וועלכען די וויסענשאַפ־טען זאָלען איינגעהמען יעדע איהר פּלאַץ אין דעם איינהייטליכען סיסטעם? אויב די אַבסטראַקטע וויסענשאַפטען דאַרפען געהן פאַר די קאָנקרעטע, ווייל די ערשטע בעשעפטיגען זיך מיט אַלגעמיינע פּראָבלעמען און די לעצטערע מיט ספּעציעלע ערשיינונגען, מוז מען אויך די אַבסטראַקטע גרונד־וויסענשאַפטען איינאָרדנען לויט דעם גראַד פון אַלגעמיינהייט, וואָס מיר געפינען אין איהר. די אַלגע־מיינסטע וויסענשאַפט איז די מ אַ ט ה ע מ אַ ט י ק, ווייל זי בע־שעפטיגט זיך מיט די קוואַנטיטאַטיווע פערהעלטניסען און געזעצען, וואָס הערשען אין אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט. זי איז דער גרונד־און־באָדען פאַר אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען. די צווייטע גרונד־וויסענשאַפט איז די אַ ס ט ר אָ נ אָ מ י ע, וואָס אונטערזוכט די מ ע כ אַ נ י ש ע געזעצען פון דעם וועלט־בוי. דערנאָך קומט די פ י ז י ק. אין די פיזיקאַלישע ערשיינונגען, ווי צ. ב. די עלעקטריע, דער מאַגנעטיזם, וואַרעמקייט א. אַז. וו., האָבען אין זיך די כללים פון מאַטהעמאַטיק און מעכאַניק אָבער דערצו נאָך אַ נייעם „עפּעס", אַ צוגאָב, וואָס קאָן ניט צוריקגעפיהרט ווערען אויף מעכאַניק און חשבון. דער נייער פיזיקאַלישער צוגאָב מוז אויסגעפאָרשט ווערען אין דער פיזיק. נאָך אויף אַ העכערער שטופע שטעהט די כ ע מ י ע, די וויסענשאַפט פון פערבינדען און פאַנאַנדערנעהמען די איינצעלנע שטאָפען פון דער נאַטור. אין איהר הערשען די געזעצען פון חשבון,

מעכאַניק און פיזיק, זי האָט אָבער אַן אייגענעם ספּעציעל־בעמישען צוגאָב, וואָס האָט געפעהלט אין די פריהערדיגע וויסענשאַפטען. אויף דער כעמיע ווערט אויפגעבויט די ב י אָ ל אָ ג י ע, די ווי־סענשאַפט וועגען־דאָס לעבען בכלל. אויך זי נעהמט אַריין אין זיך די געזעצען פון די פריהערדיגע וויסענשאַפטען, ברענגט אָבער ווי־דער אַריין אַן אייגענעם ספּעציעלען צוגאָב, וואָס איז ניט געווען אין די פריהערדיגע: דאָס לעבען איז אַ נייע ערשיינונג, וואָס קאָן ניט צוריקגעפיהרט ווערן אויף די אַלגעמיינע, איינפאַכערע נאַטור־גע־זעצען. די זעקסטע, זעקסטע גרונד וויסענשאַפט איז די ס אָ צ י אָ־ל אָ ג י ע. זי האָט צו טהאָן מיט אַלע פריהערדיגע געזעצען, גיט אָבער נאָך צו אַ נייע ספּעציעלע ערשיינונג, מיט וועלכע יענע זענען ניט געווען בעקאַנט: דאָס איז די ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י כ ק י י ט, אַ צוגאָב, וואָס קאָן ניט אַרויסגעדרונגען ווערן פון די ביאָלאָגישע ערשיינונגען און ממילא שוין אויך ניט פון די איינפאַכערע נאַטור־געזעצען. די ס אָ צ י אָ ל אָ ג י ע — דער נאָמען שטאַמט פון קאָנט'ן אַליין — ווערט ערשט אונטער זיינע הענד אַ בעזונדער צווייג פון וויסענשאַפטליכער פאָרשונג. אמת, זי איז נאָך עד היום ניט אויסגעוואַקסען צו דער מדרגה פון אַ פּ י נ ק ט ל י כ ע ר וויסענשאַפט, אָבער די אויפגאַבע פון אויספאָרשען זי, די פאָרדע־רונג, זי זאָל פערנעהמען אַ בעזונדער פּלאַץ צווישען אַלע וויסענ־שאַפטען, די זיכערקייט, אַז אויך די געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען ווי אַלע אנדערע האָבען אויביגע געזעצען, און אַז די געזעצען קאָנען ניט צוריקגעפיהרט ווערן צו די נידעריגערע ערשיינונגען, — דאָס אַלץ שטאַמט פון קאָנט, אָדער איז פון קיינעם ניט אַזוי טיעף בעגרינדעט געוואָרען, ווי פון איהם. ווי ווייט די איצטיגע פאָרשונג זאָל זיך ניט פאַנאַנדערגעהן מיט קאָנט'ן ניט נאָר אין ספּעציעלע פראַגען, נאָר אויך אין די גרונד־פּראָבלעמען פון די סאָציאַלע ער־שיינונגען, בלייבט ער פאָרט דער פאָטער פון דער וויסענשאַפטלי־כער סאָציאָלאָגיע.

מאַטהעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, פיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע, און סאָציאָלאָגיע זענען די זעקס גרונד־וויסענשאַפטען פון דעם נאַטיר־ליכען סיסטעם. די וויסענשאַפטען אָרדנען זיך לויט דעם פערשווינ־דענדען גראַד פון אַלגעמיינקייט. זיי זענען אַלע, ווי אַ קרייז, וואָס

האָט אין זיך אַלין ענגערע און ענגערע קרייזען. דער גרעסטער קרייז, וואָס איז כולל אַלע אין זיך איז די מאַטהעמאַטיק, דער ענגסטער איז די סאָציאָלאָגיע. פון דער אַנדער זייט זעהט מען אָבער, אַז, וואָס ענגער אַ וויסענשאַפט ווערט, אַלין וועניגער איינפאַך און אַלין מעהר רייכער און מעהר צונויפגעזעצטער ווערט זי. די איינפאַכסטע וויסענשאַפט איז די מאַטהעמאַטיק, די כעמיע איז שוין צונויפגעזעצט פון מאַטהעמאַטישע, מעכאַנישע און פיזישע כללים. די סאָציאָלאָגיע איז אַ צונויפזעצונג פון זעקס פערשיידענע ארטען פון דעם וועלטליכען געשעהען.

דאָס גרונד־פּרינציפּ פון דער נאַטירליכער ראַנג־אָרדנונג פון דעם וויסענשאַפטס־סיסטעם איז דעריבער — ד ע ר פ ע ר שווינדענדער גראַד פון אַלגעמיינהייט און איינפאַכהייט און אין דערזעלביגער צייט דער וואַקסענדער גראַד פון בעזונדערקייט און צונויפגעזעצקייט.

בעטראַכט מען דאָס סיסטעם אין דעם ליכט פון דעם דריי־שטאַדיען געזעץ, ווערט אונז קלאָהר, פאַר וואָס ניט אַלע וויסענשאַפטען האָבען זיך גלייך שנעל בעפרייט פון דער מעטאַפיזישער דענק־מעטהאָדע. וואָס ספּעציעלער און צונויפגעזעצטער אַ וויסענשאַפט איז, אַלין שווערער איז פאַר איהר אויפצוכאַפּען זיך אויף דעם וועג פון ריין פּאָזיטיווער פאָרשונג,—איבערהויפּט די סאָציאָלאָגיע, וואָס האָט זיך צו רעכענען מיט אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען און וואָס קאָן ערשט יעמאָלט זיך שטעלען אויף איהרע אייגענע פיס, ווען די פריהערדיגע וויסענשאַפטען וועלען זיך אין גאַנצען בעפרייען פון דער מעטאַפיזיק.

דער פּאָזיטיווער אויסבוי פון דער געזעלשאַפטס־וויסענשאַפט, —דער קרוין פון דעם גאַנצען סיסטעם, — האָט ניט נאָר אַ טהעאָרעטישען ווערטה פאַר דער מענשהייט, נאָר אַן אונגעהויער פּראַקטישען. אין די פראַגען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען בעטראַכט זיך יעדער איינער פאַר אַ מומחה און טרעט ארויס מיט זיינע פּראָיעקטען און אידעאַלען. און אַזוי ווי די פּראָיעקטען און אידעאַלען געהען להיפּך איינע צו די אַנדערע, הערשט דאָ, אויף דעם פעלד, אַן אויביגער קאַמפּף פון מיינונגען און פּאַרטייען, וואָס פיהרט צו אַן

אויביגער אונאָרדנונג אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. זינט די קאַטוילישע קירכע האָט פערלאָרען איהר אויטאָריטעט איבער די מוחות און די הערצער פון די יחידים, קאָן די געזעלשאַפט נאָך אַלײן ניט קומען צו זיך, און דער קאַמפּף פון די יחידים, מיט זײערע פערשײדענע מײנונגען, קאָן אַלײן ניט אײנגעשטילט װערן. מען מוז זיך װידער אומקעהרען צו דער הערשאַפט פון דער אויטאָריטעט, אָבער ניט דער קירכליכער, נאָר דער װיסענשאַפטליכער. װי נאָר די סאָציאָלאָגיע װעט זיך בעפרײען פון דער מעטאַפיזישער ענטװי־קעלונגס־פאַזע, װי נאָר מען װעט אײנזעהען, אַז אויך אין די סאָציאַ־לע ערשײנונגען הערשען אויביגע געזעצען, אַזוי װעט פערשװינדען דער קאַמפּף פון די פּאַרטײען און אײנצעל־מײנונגען און אַלע װעלען זיך מוזען בויגען אונטער דעם מאַכט־שפּרוך פון דער װיסענשאַפט.— אין דעם פונקט רעדט קאָנט דיזעלביגע שפּראַך, װעלכע מיר געפינען אין העגעל'ס רעכטס־פילאָסאָפיע און אין מארקס' געשיכטס־פילאָ־סאָפיע. דער מענשליכער שכל קאָן אין דער סאָציאָלאָגיע — אַזוי מײנען זײ אַלע — אויסגעפינען דעם אַבסאָלוטען, אָביעקטיװען אמת. מען דאַרף זיך נאָר אָבזאָגען פון די אײגענע סוביעקטיװע אי־דעאַלען און צוהערען זיך צו דעם, װאָס די סאָציאַלע װירקליכקײט דערצעהלט אונז. קאָנט האָט נאָך ניט געװאוסט, װי דאָס האָבען נאָך אויך ניט געװאוסט ניט העגעל און ניט מארקס, אַז די אָביעקטיװע װירקליכקײט דערצעהלט יעדען דאָס, װאָס װערט אונבעװאוסט פערלאַנגט פון דעם סוביעקטיװען אינטערעס אָדער אידעאַל.

ארויסגעהענדיג פון אָט די טהעאָרעטישע גרונדלאַגען פון דער פּאָזיטיװער פילאָסאָפיע, געהט קאָנט איבער צו דעם אויסבוי פון דער פּראַקטישער סאָציאָלאָגיע: דער פּאָזיטיװער פּאָליטיק. פיעלע האָבען געװאָלט זעהען אין דעם טײל פון קאָנט'ס ארבײט אַן אָבלײ־קענונג פון זײנע טהעאָרעטישע פּרינציפּען. ער רעדט דאָרטען פון אַ גאַנץ אַנדער מעטהאָדע: דער „סוביעקטיװער,“ װאָס דאַרף אָנגעװענ־דעט װערען אַנשטאָט דער אָביעקטיװער. אין אמת'ן איז דאָ גאָר קײן װידערשפּרוך ניטאָ. מען פערגעסט, אַז דאָס װאָרט ס ו ב י ע ק־ט י װ האָט דאָ ניט דעם טײטש פון „א י נ ד י װ י ד ו ע ל“. קאָנט מײנט ניט דערמיט צו זאָגען, אַז אין דער פּאָליטיק זאָלען מיר פער־לאָזען דעם באָדען פון דעם אָביעקטיװען אמת, װאָס מוז זײן אַ

חוב פאַר יעדען דענקענדען מענשען, און פערווירקליכען אייגענע „סוביעקטיווע" אינדיווידועלע אידעאַלען. „סוביעקטיוו" איז דאָ דער טייטש — וואָס איז צוועקמעסיג, וואָס האָט אַלגעמיין־מענשליכע בעדערפניסען אין אויג. און אין דעם זין איז יעדע פּראַקטישע וויסענשאַפט „סוביעקטיוו," ווייל זי זעהט צו פאַרווירקליכען מענשליכע ציעלען. אין דער וויסענשאַפטליכער בעאַרבייטונג פון דער פּאָליטיק זעהט קאָנט איין, אז די פּראַקטישע וויסענשאַפטען האָבען אַן אייגענעם צוגאַב, וואָס פעהלט אין די טהעאָרעטישע: די אוועקשטעלונג פון מענשליכע צ י ע ל ע ן, וואָס ווערען דיקטירט ניט פון דעם שכל, נאָר פון די בעדערפניסען און דעם געפיהל. עס מוז דעריבער זיין אַ זיעבענטע גרונד־וויסענשאַפט, וואָס רעכענט זיך מיט דעם נייעם צוגאָב, דאָס איז די ע ט ה י ק. דער טהעאָרעטישער שכל האָט אויסצופאָרשען די געזעצען פון די ערשיינונגען, כדי צו וויסען, ווי זיי אָנצואווענדען אין דער פּראַקטיק. צוליעב וואָס אָבער אָנצואווענדען די געזעצען, — דאָס קאָן דער טהעאָרעטישער שכל פון זיך אליין ניט אַרויסבריינגען, דאָס מוז ער אויסגעפינען, אָביעקטיוו שטודירענדיג דעם סוביעקטיווען טייל פון דעם מענשען,—זיינע ג ע פ י ה ל ע ן א ו ן נ ו י ט ע ן, ז י י נ ע ע ט ה י ש ע א י ד ע א ל ע ן. די מענשהייט נויטיגט זיך אין אַ געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, וואָס זאָל בעפרידיגען זיינע נאַטירליכע בעדערפניסען. זי נויטיגט זיך אָבער אויך אין אַ מאָראַל און אין אַ רעליגיאָן, צו בעפרידיגען די בעדירפניסען פון דעם האַרצען. די פּאָזיטיווע פּאָליטיק מוז דעריבער אַרויסגעפינען יענע פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטלכען לעבען, יענע גרונד־פּרינציפּען פון מאָראַל און רעליגיאָן, וואָס זענען צוגעפּאַסט צו דער פּאָזיטיווער פאַזע פון דער מענשליכער ענטוויקעלונג. וואָס איז דאָס אַלגעמיינכטע ציעל, וואָס די מענשהייט קאָן האָבען אין זינען, ווען זי בעפרייט זיך פון דער טהעאָלאָגיע און דער מעטאַפיזיק? דאָס לעבען פון דער מענשהייט גופא! פאַר דעם מענשען איז די העכסטע זאַך אויף דער וועלט די מענשהייט. אָביעקטיוו איז זי די טרעגערין פון זיין לעבען און זיין ענטוויקעלונג; זי טהוט דאָס אָבער ניט צוליעב דעם איינצעלנעם, נאָר צוליעב זיך. הייסט עס, אז אָביעקטיוו לעבט דער מענש צוליעב דער מענשהייט. ער דאַרף דאָס אָבער אָנהויבען טהאָן ס ו ב י ע ק-

ט י ו ג, מיט זיין גאַנצען האַרצען, מיט זיין גאַנצען געפיהל. די ליעבע צו דער מענשהייט דאַרף זיין דער גרונד־פּרינציפּ פון דער מאָראַל. דער עגאָאיזם, דאָס לעבען צוליעב זיך, דאַרף בעהערשט ווערן דורך דעם „א ל ט ר ו א י ז ם," דעם לעבען צוליעב אַנדערע, צוליעב דער גאַנצער מענשהייט. (אויך דאָס וואָרט אַלטרואיזם איז בעשאַפען געוואָרען פון קאָנט'ן.) די פערעהרונג פון דער מענשהייט דאַרף ווערען די גרונד־לאַגע פון דער רעליגיאָן. אין די געדאַנקען קאָן מען ניט ענטדעקען קיין שום ווידערשפּרוך צו די גרונד־לאַגען פון דער פּאָזיטיווער פילאָסאָפיע. אין זיין פּאָליטיק פערלאָזט קאָנט דעם גייסט פון דער פּאָזיטיווער פילאָסאָפיע ערשט יעמאָלט, ווען ער געהט איבער צו דער א ו י ס מ אָ ל ו נ ג פון די איינצעלהייטען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען און פון דער „מענשהייטס־רעליגיאָן." דאָ ווערט דער דענקער קאָנט אין גאַנצען דערטרונקען אין קאָנט דעם פאַנטאַסט און דעם מיסטיקער. זיין רייכע און עדעלע נשמה האָט זיך געפיהלט ענג אין די גרענעצען פון דער ריינער טהעאָרעטישער וויסענשאַפט. זי האָט געבענקט נאָך אַן איבער־אינדיווידועלען לעבען, נאָך אַ צונויפגיעסונג מיט דעם ג אַ נ צ ע ן, מיט דער גאָטהייט, מיט דעם וועלט־אַל. אַזוי אָבער ווי די גאָטהייט איז פאַר קאָנט'ן אַ טהעאָלאָגישער בעגריף און דער וועלט־אַל נאָר אַ מעטאַפיזישער געדאַנק, שטעלט ער אַוועק אויף זייער פּלאַץ יענע רעאַליטעט, וואָס האָט ארויסגעבראַכט די פאָרשטעלונג פון אַ גאָטהייט און אַ וועלט־אַל: די מענשהייט, „דאָס גרויסע וועזען", דעם טרעגער פון דער קולטור. אין דער מיסטישער איבערגעגעבענקייט צו דער מענשהייט, ווי צו אַ גאָט, האָט זיך אין דער פּאָזיטיווער פּאָליטיק קאָנט'ס נשמה אָבגערעכענט פאַר אַלע תעניתים, וואָס זי האָט געמוזט אויסשטעהן אין דער קאַלטער און ניכטערער פּאָזיטיווער פילאָסאָפיע.

## § 36. הערבערט ספּענסער.

אַ סך ניכטערער עהדער קאָנט האָט פערשטאַנען די אויפגאַבען פון דער פּאָזיטיווער וויסענשאַפטליכער פילאָסאָפיע ה ע ר ב ע ר ט ס פּ ע נ ס ע ר (1820 — 1903).. ספּענסער בעטראַכט זיך ניט פאַר אַ נאָכ־פאָלגער פון אָגיוסט קאָנט, און מיינט, אַז די געדאַנקען פון דעם פראַנצויזישען פּאָזיטיוויסט האָבען געהאַט אַ קליינע שליטה

אויף די אויסארבייטונג פון זיין עוואָלוציאָניסטישען סיסטעם. ער קריטיקירט קאַנט׳ס קלאַסיפיקאַציע פון די וויסענשאפטען (דער־הויפּט דערפאר ווייל זי שליעסט אויס די פּסיכאָלאָגיע) און זיין הויפּט־געזעץ פון די דריי שטאדיען. ער ווייזט אָן אויף דעם גרונד־אונטערשייד פון זיין פילאָסאָפירען און פון קאַנט׳ס פילאָסאָפיע. קאַנט אינטערעסירט זיך מיט דעם ענטוויקלונגס־גאנג פון דעם מענשליכען ב ע ו ו א ו ס ט ז י י ן; ער, ספּענסער, וויל אויספאָרשען און פילאָסאָפיש אויסבויען די ענטוויקלונג פון דער ו ו ע ל ט. מען קאָן מעהר רעדען פון העגעל׳ס און שעללינג׳ס שליטה אויף איהם, עהדער פון דער איינווירקונג קאַנט׳ס. דאָ אין דעם פונקט איז ספּענסער געווים גערעכט. מיט א געוויסען רעכט קאָן מען זאָגען, אז ער געהערט מעהר צו דער מעטאפיזישער ליניע פון דענקען, עה־דער צו דער קריטישער און דער פּאָזיטיוויסטישער. דאָס וואָס ער שטעלט אוועק דעם וועלט־שטאָף אנשטאָט דעם וועלט־גייסט, בע־וואָהרענט איהם נאָך ניט פון מעטאפיזיק. דער גרויסער פערדיענסט פון קאַנט׳ן און קאנט׳ן בעשטעהט גראַד אין דעם, וואָס זיי האָבען ביידע בעוויזען, אז די „מאטעריע“ איז אקוראט אזא מעטאפיזישער בעגריף, ווי דער „גייסט,“ אז די ערפאהרונג און די וויסענשאפט ווייסען לחלוטין גאָרנישט פון זייביידען.

און פון דעסטוועגען איז ספּענסער — א קינד פון דעם פּאָזי־טיוועו דענקען; נאָך מעהר: א פּראָדוקט פון קאַנט׳ס פילאָסאָפיע אין א סך א גרעסערער מאָס, עהדער דאָס איז איהם אליין געווען בע־וואוסט.

פּאָזיטיוויסטיש איז אין איהם ערשטענס דער גלויבען, אז די פילאָסאָפיע האָט זיך צו בעשעפטיגען נאָר מיט דער וועלט פון דער ערפאהרונג, בעת ער גיט אליין צו, אז הינטער דער וועלט פון דער ערפאהרונג איז דאָ נאָך א העכערע וועלט, וואָס שטייגט אריבער די גרענעצען פון אונזער שכל. ער מיינט, אז מיר מוזען אין איינעם מיט דער רעליגיאָן קומען צו דעם רעזולטאט, אז אין דער וועלט הערשט א געטליכע אינטעלליגענץ, וואָס שטעהט אפשר אויף אזוי פיעל העכער פאר דעם מענשליכען שכל, אויף וויפיעל דער מענש־ליכער שכל איז העכער פאר דעם מעכאניזם פון א זייגער. אָבער דאָס איז אלץ, וואָס מען קאָן צוגעבען דער רעליגיאָן און דער טהעאָ־

לאָגיע. פון דעם גופא וואקסט ארויס דער רעזולטאט, אז דער מענש־ליכער שכל קאָן אפשר אקוראט אזוי ווייניג פארשטעהן די איבער־זינליכע וועלט און אריין דרינגען אין דעם מהות פון גאָט, אויף וויפיעל א מעכאניזם פון א זייגער, ווען ער וואָלט געקענט דענקען, וואָלט געקאָנט אריין דרינגען אין דער שכל'דיגער וועלט פון דעם מענשען. אָבער ניט נאָר ביי דער טהעאָלאָגיע בלייבט דעם מענ־שענ'ס שכל שטעהן אין אָהנמאכט. אויך די גרונד־פּראָבלעמען פון דער וועלט־בעטראכטונג, ווי צ. ב. בעוועגונג און די אונענדליכקייט וועלען פאר איהם בלייבען אויביגע רעטענישען. ספּענסער ענטדעקט אין די מענשליכע געדאנקען וועגען זיי אויביגע ווידערשפּרוכען, וואָס דערמאָהנען אָן קאנט'ס „דיאלעקטיק פון דעם ריינעם שכל.“ בנוגע די רעליגיעזע און מעטאפיזישע פראגען איז נאָר איין שטאנדפּונקט מעגליך: דער אגנאָסטיציזם, דאָס איינזעהען, אז אויף אָט דעם פעלד קאָן דער מענש גאָר ניט וויסען. אגנאָסטיציזם איז ניט מא־טעריאליזם און ניט אטהעאיזם. ספּענסער'ס אגנאָסטיציזם איז אַן עהרליכער „מיר ווייסען ניט“ דאָרטען, וואו יענע זאָגען: „מיר ווייסען, אז ניט.“ זייער וויסען איז אָבער א זיך־איינשמועסען, א זעלבסט־אָבנארונג, וואָס געהט להיפך צו די שטרענגע פאָרדערונ־גען פון א וויסענשאפטליכער פילאָסאָפיע, און דאָס שטעהט גאנץ קלאָהר פאר ספּענסער'ס אויגען.

צו דעם אגנאָסטיציזם פאסט אויך זעהר גוט ספּענסער'ס ער־קענטניסטהעאָריע, וואָס איז אויפגעבויט כמעט נאָך דעם זעלביגען פּלאן ווי עדוארד פאָן הארטמאן'ס טראנסצענדענטאלער רעאליזם. אונזערע פאָרשטעלונגען זענען ניט קיין ריכטיגע אָבשפּיעגלונגען פון די ווירקליכע וועלטפּראָצעסען, אָבער דערפאר סימבאָלען פון זיי. יעדער פּראָצעס אין דער נאטור האָט א בעזונדער סימבאָל אין דער ערקענטניס. פערענדערען זיך די פּראָצעסען, פערענדערען זיך די סימבאָלען. און ווען עדוארד פאָן האַרטמאן האָט דערפון ארויסגע־דרונגען, אז מען קאָן זיך פאָרט דורכרייסען דורך די סימבאָלען און מעטאפיזיש אריין דרינגען אין דעם תוך פון דעם זיין, טראכט ספּענסער וועגען דעם א סך פאָזיטיוויסטישער: מיר קאָנען קיין מאָל ניט דורכרייסען דעם געדיכטען שלייער פון די סימבאָלען פון שאַ־טענס, וואָס הענגט צווישען אונז און דעם תוך פון דער וועלט. דער־

פאַר קאָנען מיר אָבער אויס דער אָרדנונג, איז וועלכער עס קומען פאַר די פערענדערונגען אין דעם שפּיעל פון די שאַטענס, שליעסען אויף די אָ ר ד נ ו נ ג ד. ה. די געזעצען פון די פערענדערונגען וואָס קומען פאָר אין דער וועלט. דאָס „זיין“ איז פערשטעלט פאַר אונז, אָבער דאָס „ווערן“ קאָנען מיר דערקענען, ווען מען ווענדט אָן די ריכטיגע וויסענשאַפטליכע מעטהאָדען.

מיט קאַנט'ן נעהמט אויך ספּענסער אָן, אַז די אויפגאַבע פון דער פילאָסאָפיע איז אויפבויען אַן א י נ ה י י ט ל י כ ע ן סיס־טעם אויף דעם גרונד פון די איינצעל־וויסענשאַפטען. די צוואַוואַר־פענע איינצעלנע טהיילען פון דער דערקענטניס מוזען צונויפגעוועבט ווערן אין איין איינציג גאַנצעס. אָבער בעת קאַנט געפינט די איינ־הייט פון די וויסענשאַפטען אין אַ בעשטימטער ראַנג־אָרדנונג, וועל־כע זיי פערנעהמען אין דעם סיסטעם, זוכט ספּענסער אַרויסצוגע־פינען איין איינציגען גרונד־געזעץ, פון וועלכען מען זאָל קאָנען אַרויסברענגען אַלע יענע געזעצען, וואָס ווערען שטודירט אין די איינצעל־וויסענשאַפטען: די מעכאַנישע, פיזישע, כעמישע, ביאָלאָ־גישע, פסיכאָלאָגישע, סאָציאָלאָגישע און עטהישע. אויף דעם אופן בעקומען מיר ניט בלויז אַ סיסטעם פון וויסענשאַפטען, ווי ביי קאַנט'ן, נאָר אויך אַ סיסטעם פון דעם וועלט־געשעהען, אויף ווי־פיעל דאָס קען פערשטאַנען ווערן פון אַ מענשליכען שכל.

דאָס גרונד־פּרינציפּ, אָדר דאָס גרונד געזעץ וואָס בעהערשט אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט איז דאָס ע נ ט ו ו י ק ע ל ו נ ג ס - גע־זעץ, די ע ו ו אָ ל ו צ י אָ ן. דער תוך פון דער עוואָלוציאָן בעַ־שטעהט אין דעם, וואָס דער וועלט־שטאָף געהט איבער פון אַ צושטאַנד פון איינפאַכקייט און גלייכקייט אין אַלע זיינע טיילען אין אַ צושטאַנד פון דיפערענצירטקייט, ד. ה. פערשיידענקייט פון די טיילען. אין דערזעלביגער צייט, וואָס די טיילען ווערען פער־שיידען איינער פון דעם אנדערן, ווערט שטאַרקער דער באַנד, וואָס האַלט זיי צונויף אין איין גאַנצען, וואָס א י נ ט ע ג ר י ר ט זיי. פערגלייכט מען ספּענסער'ס פאָרמעל, וועלכע ער האָט אויסגעפונען פאַר דער ענטוויקעלונג בכלל, מיט יענע געדאַנקען קאַנט'ס, וואָס ליעגען אויף דעם גרונד פון זיין ראַנג־אָרדנונג פאַר די וויסענשאַפ־טען, בעמערקען מיר דאָ אַ געוויסע עהנליכקייט, וואָס קאָן ניט זיין

בלויז אַ רזולטאַט פון צופאַל. די וויסענשאַפטען אונטערשיידען זיך איינע פון די אַנדערע ביי קאַנט'ן אַזוי, ווי די איינצעלנע ענטוויק־לונגס־פּאַזען אין ספּענסער'ס וועלט־פאָרמעל. די וויסענשאַפטען הויבען אָן פון איינפאַכערע און געהען איבער אין צוזאַמענגעזעצטערע. זייער צוזאַמענהאַנג איז אין די פריה־ערדיגע פּאַזען געווען אַ שוואַכער אין דער פּאָזיטיווער פּעריאָדע ווערען זיי פעסט אינטעגרירט אין איין סיסטעם. וואָלט מען זיך געקאָנט באַרשטעלען, אַז די מאַטהעמאַטיק לאָזט פון זיך אַרויס די איבעריגע וויסענשאַפטען און בינדט זיי דערנאָך צונויף אין איין סיסטעם, לויט די קאַנט'שע פּרינציפּען, וואָלטען מיר דערביי בע־קומען אַן עוואָלוציאָנס־פּראָצעס, אָבגעשפּיעלט פּונקט נאָך דער ספּענסערשער פאָרמעל: איבערגאַנג פון אַן איינפאַכען און אַ שוואַך צוזאַמען געבונדענעם צושטאַנד אין אַ צונויפגעזעצטען און פעסט אינטעגרירטען. דאָס איז ,פערשטעהט זיך, ניט קיין בעווייז פאַר דער ריכטיגקייט פון דער ספּענסער'שער פאָרמעל, נאָר אַ בעווייז, אַז פיעל פון דעם, וואָס קאָנט האָט אויסגעפונען פאַר דאָס מענשליכע בעוואוסטזיין, האָט ספּענסער אריבערגעטראָגען אין אַ איבערגעארבייטעטער פאָרם אויף דאָס אַל־וועלטליכע זיין.

די ענטוויקעלונג פון דער וועלט און פון אַלע צווייגען פון דעם וועלטליכען געשעהען בעטראַכט ספּענסער כמעט אין אַ ריין מאַ־טעריאַליסטישען ליכט. זיין אגנאָסטיציזם און פּאָזיטיוויזם בלייבט פון יענער זייט פילאָסאָפיע, ווי אַ מין קרבן, וואָס ער ברענגט דעם קריטישען געדאַנק, כדי יענער זאָל זיך מעהר ניט אריינמישען אין דעם גאַנג פון דער פילאָסאָפיש־מאַטעריאַליסטישער קאָנסטרוקציע. דער גאַנצער וועלט־פּראָצעס ווערט סוף־כל־סוף צוריקגעפיהרט אויף די ערהאַלטונג פון שטאָף, קראַפט און בעוועגונג און אויף זייער פערשיעדענע פערטיילונג אין רוים און צייט...

ווי פערשיידען מען זאָל זיך ניט שטעלען צו דעם פילאָסאָפישען ווערטה פון ספּענסערס גרונד־פּרינציפּ, מוז מען אָבער צוגעבען, אַז זיין סיסטעם איז רייך אין איינצעל־סברות און טהעאָריען, מיט וועלכע די וויסענשאַפט מוז זיך רעכענען. אפילו זיין סאָציאָלאָ־גישער גרונד־געדאַנק, אַז די געזעלשאַפט איז אַ מין אָרגאַניזם, וואָס ענטוויקעלט זיך לויט אויביגע אונפערענדערליכע געזעצען

און וואָס פיהרט דורך אַלץ שאַרפער און שאַרפער די ארבייטס־טיי־
לונג צווישען די איינצעלנע אינדיווידועןֿ, איז נאָך ניט אין גאנצען
אָבגעפרעגט געוואָרען אין דער מאָדערנער פאָרשונג. נאָך רייכער
אין איינצעלנע ווערט־פולע געדאנקען איז זיין ביאָלאָגיע און זיין
פסיכאָלאָגיע.

אָבער אויך דאָס גאַנצע סיסטעם פון ספּענסער׳ס „סינטהעטי־
שער פילאָסאָפיע" איז אַ מוסטער פון איינהייטליכקייט, גאַנצקייט
און פאַקטען־רייכטום. אויב קאָנט איז דער קאַנט פון דעם פּאָ־
זיטיווען געדאַנק, איז ספּענסער זיין העגעל. עס איז דעריבער קיין
חדוש ניט, וואָס ספּענסער האָט אין דער צווייטער העלפט פון דעם
נייַנצעהנטען יאָהר הונדערט, אין דער נאָך־דאַרווינשער פעריאָדע,
געשפּיעלט כמעט דיזעלביגע ראָליע, ווי העגעל אין דער פאַר־דאַר־
ווינשער.ביידע האָבען געזוכט צו בעפריעדיגען די פילאָסאָפישע
בעדערפניסען פון זייער צייט דורך איינהייטליכקייט, עוואָלוציאָ־
ניזם אין אַ סיסטעמאַטישען, רייכען עמפּירישען וויסען.

# די אַנטראָפּאָלאָגישע ריכטונגען

## ב. האַלב־פּאָזיטיוויסטען, נעאָ־קריטיציזם, נעאָ־יומיזם און פּראַגמאַטיזם.

(אינהאַלט: דיוהרינג און זיין ווירקליכקייטס־פילאָסאָפיע. פוליע׳ס „אידעען־קרעפטען“. גיויאָ און די פילאָסאָפיע פון׳ם לעבען. — דער נעאָ־קריטיציזם. די זינעס־פיזיאָלאָגיע און קאַנט׳ס „טראַנסצענדענטאַלע עסטעטיק“. העלמהאָלץ און די טהעאָריע פון דער „ספּעציפישער ענערגיע“. אָטטאָ ליעבמאַן און דער „צוריק צו קאַנט!“ פריעדריך אַלבערט לאַנגע: די פּסיכאָ־פיזישע אָרגאַניזאַציע, די בעשאַפונגס־פאָרמען און דער שטאַנדפּונקט פון דעם אידעאַל. לאַווראָוו און מיכאַילאָווסקי. די סוביעקטיווע מעטהאָדע אין דער סאָציאָלאָגיע. הערמאַן קאָהען און דער נעאָ־קאַנטיאַניזם. טראַנסצענדענטאַלער און מעטאַפיזישער אידעאַליזם. אַלאָאיס ריעהל און די צוויי אַרטען פון דער פילאָסאָפיע. — דזשאָהן סטיוואַרט מילל. די ערפאַהרונג און דאָס „איך“־פּראָבלעם. דער גאָט־גלויבען. — דער נעאָ־יומיזם פון ריכאַרד אַווענאַריוס און ערנסט מאַך אָסטוואַלד׳ס ענערגעטיק. — דער „פּראַגמאַטיזם“.)

### § 37. דיוהרינג, פולליע און גיויאָ.

אָגיוסט קאָנט האָט זיך געמיהט צו פעראייניהייטליכען די מענשליכע ערקענטניס און צו בעגרעניצען זי אויף דער וועלט פון דער וויסענשאַפטליכער ערפאַהרונג. הערבערט ספּענסער האָט אויך ניט אויסגעלאָזען דעם געדאַנק פון אויג, אַז זיין פילאָסאָפיע איז סיסטעמאַטיזירטעס מענשליכעס וויסען. אָבער פון דעססטוועגען קלינגט אין איהר שטיל דורך אַ האַלב־מעטאַפיזישער טאָן. די פילאָסאָפיע איז דאָס מענשליכע וויסען וועגען דער וועלט. זיין סיסטעם איז אין זיינע אויגען אַן אָבשפּיעגלונג פון דעם וועלט־געשעהען, אויף וויפיעל דער מענשליכער שכל קאָן עס משיג זיין.

אָן עהנליכע שטעלונג צו דער פילאָסאָפיע נעהמען איין דיוה־רינג, פולליע און גיויאָ, וואָס זענען אויסגעזוּאקסען אונטער דעם איינפלוס פון קאַנט, דאַרווין און ספענסער. איך רוף זיי דע־ריבער די האַלב־פּאָזיטיוויסטען.

א י י ג ע ן  ד י ו ה ר י נ ג (געב. 1833) זעהט אין דעם פּאָזיטיוויזם קודם כל די פאָרדערונג צו בלייבען טריי דער ווירק־ליכקייט און ניט צולאָזען אין איהר קיין וועלכע עס ספּיריטואַליס־טישע ערקלערונגען. די ווירקליכע וועלט איז, אמת, ניט מעהר ווי א מענשליכע וועלט, אָבגעשפּיגעלט אין דעם מענשליכען בע־וואוסטזיין, אָבער אַזוי ווי קיין אַנדערע, ניט מענשליכע וועלט קאָנען מיר אונז ניט פאָרשטעלען, האָבען מיר זיך גאָר ניט וואָס צו קימערן וועגען איהר און מוזען זי אין גאַנצען ארויס ווארפען פון אונזער געדאַנקען. עס בלייבט יעמאָלט די איין־און־איינציגע ווירקליכע וועלט, אָט די וועלכע מיר זעהען מיט אונזערע חושים און בעטראַכטען מיט אונזער שכל. מיר זעהען אין איהר רוים, צייט, פאַרבען און אַנדערע עמפּפינדונגען, מאַטעריע און קויזאַלי־טעט — מוזען מיר אָננעהמען, אַז די אַלע זאַכען געהערען צו דער ווירקליכקייט און מיר האָבען ניט ווייטער וואָס צו פילאָסאָפירען וועגען זייער מעגליכקייט אָדער ניט־מעגליכקייט. אונענדליכקייט אָבער זעהען מיר ניט אין דער ווירקליכקייט, ממילא מוזען מיר אָננעהמען, אַז די וועלט איז ע נ ד ל י ך אין רוים און אין צייט. דאָס פּאַסט אויך בעסער צו יענעם וויסענשאַפטליכען גע־זעץ, וואָס זאָגט, אַז דער סכום פון דער מאַטעריע און פון דער בע־וועגונג בלייבט אין דער וועלט תמיד דערזעלביגער, ד. ה., אַז דער סכום איז אַן ע נ ד ליכ ע ר. ראָבערט מאַיער׳ס געזעץ וועגען דער איינהייט פון דער ערהאַלטונג פון דער קראַפט האָט נאָר יעמאָלט א וויסענשאַפטליכען זין, ווען מיר נעהמען אָן, אַז די וועלט איז א סיסטעם, וואָס איז אָבגעשלאָסען אין זיך גופא.

די ווירקליכקייטס־פילאָסאָפיע דאַרף אויסמאָלען דאָס גאַנצע ווירקליכע וועלט־געשעהען, כדי איינצואווירקען אויף אונזער לעבען און אויף די אויסאַרבייטונג פון די העכסטע לעבענס־ציעלען. די ווירקליכע וועלט איז אויך א ג ו ט ע וועלט. זי האָט אויסגע־אַרבייט אַזוי פיעל מעגליכקייטען פון גליק און אַזוי פיעל שעהנע

און ערהאבענע ערשיינונגען. די מענשליכע פּערזענליכקייט, וואָס לעבט ניט נאָר צוליעב די גראָב־עגאָאיסטישע אינטערעסען, נאָר וואָס לעבט צוליעב אידעאַלען און הויבט זיך אויף אין דעם געדאַנק צו דער בעטראַכטונג פון דעם גאַנצען אוניווערזום, איז דאָס העכסטע, וואָס די ווירקליכקייט האָט ארויסגעבראַכט. איינאָרדנען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען אַזוי, אַז יעדער מענש זאָל קאָנען ווערן אַזאַ פּערזענליכקייט, און אַלע פּערזענליכקייטען זאָלען קאָנען לעבען אויטאָנאָם, אָהן אַ שום צוואַנג פון דרויסען, דאָס דאַרף זיין דאָס געזעלשאַפטליכע אידעאַל, צו וועלכען מיר זאָלען שטרעבען. פערווירקליכט ווערן קאָן דאָס אידעאַל נאָר יעמאָלט, ווען מען וועט אָבשאַפען דאָס לוין־סיסטעם און איינפיהרען אַ פרייען סאָציאַליזם.

דיוהרינג פערלאָזט די גרענעצען פון די פּאָזיטיווע וויסענשאַפטען צוליעב אַ כמעט מאַטעריאַליסטישע אויסטייטשונג פון דעם וועלט־פּראָצעס. אַלפרעד פוללִיע (געב. 1838) בויט אויף זייער פונדאַמענט אַן אינטערעסאַנטע, כמעט אידעאַליסטישע, מעטאַפיזיק. פון אָנהויב אַן אָנהענגער פון פּלאַטאָן, געהט פולליע אריבער צו דעם פּאָזיטיוויזם און צו דעם דעטערמיניזם. ער קומט אָבער אויף דעם באָדען פון דעם פּאָזיטיוויזם צו אַן אינטערעסאַנטער ערקלערונג פון דער „ווילענס־פרייהייט“. די „אידעע“ פון דער ווילענס־פרייהייט לעבט אין אונזער נשמה און די ליעבע צו אָט דער אידעע ווערט אַזוי שטאַרק, אַז זי הויבט אָן פּסיכאָלאָגיש גובר זיין אַלע אַנדערע מאָטיוון. די אידעע ווערט דערמיט גופא אַ ק ר א פ ט, וואָס ווירקט, ווי אַלע אַנדערע קרעפטען. אָט דעם געדאַנק ארבייט ער ווייטער אויס צו אַ וועלט־פּרינציפּ. אַלע קרעפטען אין דער נאַטור זענען א י ד ע ע ן ־ ק ר ע פ ט ע ן. און נאָר דורך דעם, מיינט ער, קאָן מען זיך דערקלעהרען די עוואָלוציאָן. דער מעכאַניזם איז נאָר די דרויסענדיגע זייט פון דעם וועלט־פּראָצעס.

פאר פולליע'ס תלמיד, זשאַן מאריע גיואיאָ (1854—1888) איז די ווירקליכקייט — דאָס מענשליכע ל ע ב ע ן. די פילאָסאָפיע דאַרף ארויסברענגען די שיכות, וואָס עקזיסטירט צווישען דעם לעבען פון דעם מענשען און די פּראָצעסען פון דער גאַנצער וועלט. וואָס שטאַרקער און טיעפער עס איז ביי איינעם דאָס לעבען, אַלץ ענגער ווערט איהם דער קרייז פון זיין אייגענעם „איך“. דאָס

געזעלשאַפטליכע צוזאַמענלעבען איז אויסגעוואַקסען פון דעם, וואָס דאָס לעבען פון דעם יחיד איז געוואָרען טיעפער און רייכער.

די מאָראַל איז די וויסענשאַפט, ווי אַזוי צו פערלענגערן און רייכער צו מאַכען דאָס מענשליכע לעבען. די רעליגיאָן איז אויך אַ מין געזעלשאַפטליכער צוזאַמענלעבען פון דעם יחיד מיט דער גאַנצער וועלט, — אַ געפיהל פון סאָלידאַריטעט צו דעם קאָסמאָס. אין דער צוקונפט וועט די רעליגיאָן ניט פערשווינדען, נאָר יעדער איינער וועט זיך בויען זיין אייגענע רעליגיאָן, לויט דעם גראַד פון טיעפקייט און שטאַרקייט, וואָס זיין לעבען האָט. אויך די עוואָלוציאָן איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די ענטוויקלונג פון ל ע ב ע ן, זיין ברייטער ווערן און טיעפער ווערן, דער עיקר ביי דעם מענשען און אין דער מענשליכער געזעלשאַפט.

## § 38. דער נעאָ־קריטיציזם.

קאָנט'ס פּאָזיטיוויזם האָט אָבגערייניגט דעם געדאַנק פון אי־בערזינליכע מעטאַפיזישע געשטאַלטען, און האָט געלעהרנט צו בע־טראַכטען די וויסענשאַפטען פאַר דעם איינציגען מאַסשטאַב פון אַ זיכערער ערקענטניס. פון וואַנען שטאַמט אָבער די זיכערקייט אין די וויסענשאַפטען? אויף דער פראַגע, וועלכע קאַנט האָט אוועק־געשטעלט אין זיין קריטיק, האָט דער פּאָזיטיוויזם ניט געגעבען קיין ענטפער. אין איהם איז נאָך געבליבען שטעקען אַ היבש ביסעל ד אָ ג מ א ט י ק. ער האָט זיך ניט גענוג אָבגעגעבען רעכענונג וועגען די פּראָצעסען וואָס ברענגען אַרויס יענע בעגריפען, ווי צ. ב., „געזעץ" און „ענטוויקלונג", וועלכע אַ פּאָזיטיוויסטישער דענקער וווענדט אָן אין זיין פילאָסאָפישען בוי. אַ גייסט, וואָס איז פעראינטערעסירט אין אַ נויטווענדיגען וויסען, בלייבט אומבעפרי־דיגט פון קאָנט'ס פּאָזיטיוויזם און יענע סיסטעמען, וואָס ווערען געבויט אויף זיין פונדאַמענט. נאָך וועניגער, פערשטעהט זיך, קאָן אַזאַ גייסט, וואָס לעכצט נאָך שטרענגער וויסענשאַפטליכער נויט־ווענדיגקייט, זיך לאָזען פערבלענדען פון כלומרשט וויסענשאַפטליכע פייערווערקען, וועלכע די אַלטע מעטאַפיזיק פלעגט לאָזען פאַנאַנ־דערברענגען. אַ טייל ערנסטע פילאָסאָפישע דענקער איז דעריבער אין דעם סוף פון די זעכציגער יאָהרען געווען געצוואונגען „צוריק־צו־

קעהרען זיך צו קאַנט", כדי דאָרטען צו געווינען א שטײן־פּונקט פאַר א נייע, מעהר זיכערע אַרט פון פילאָסאָפישען פאָרשען.

די ענטוויקעלונג פון די וויסענשאַפטען גופא האָט גענומען טרייבען צו קאַנט. בפרט יענער טייל פון זיי, וואָס האָט געהאַט צו טהאָן מיט דער פיזיאָלאָגיע פון אונזערע חושים. אין דער וויסענשאַפט איז צום ערשטען מאָל בעוויזען געוואָרען מיט אינ־סטרומענטען אין דער האַנד, אַז די דרויסענדיגע וועלט שפּאַצירט ניט אַריין אין אונזערע זינען, און ווערט אויך ניט „אָבגעקאָפּירט" פון דער ערקענטניס, ווי א זאַך ווערט אָבגעקאָפּירט אין א שפּיעגעל. מיר זעהען ניט דעם בוים, וואָס שטעהט פאַר אונזערע אויגען, מיר זעהען נאָר א ב י ל ד פון א בוים, וואָס ווערט בעשאַפען אין דעם צענטראַל מאַרך, לויט די פּראָצעסען, וואָס קומען פאָר אין די זעה־נערוועז. דאָס בילד, וואָס געפינט זיך אינעווייניג אין אונז, ווערט דורך א פּראָצעס, וואָס איז נאָך עד היום ניט קלאָהר פאַנאַנדערגע־פלאָנטערט געוואָרען, אַרויסגעשליידערט פון דעם מאַרך און אַוועק־געשטעלט דרויסען פון דעם מענשען אויף דעם זעלביגען שטייגער, ווי די זאַכען, וואָס ליעגען אָבגעקאָפּירט אויף דעם ש ט ח פון דעם שפּיעגעל, ווערען פון דעם אויג אַוועג געשטעלט הינטער דעם שפּיעגעל. אָבער אויך דער ר ו י ם, וועלכען מיר זעהען דרויסען פון אונז, וואָלט ניט עקזיסטירט, ווען מיר וואָלטען איהם ניט גע־זעהען. ווייל זעהען עפּעס הייסט אויף דעם לשון פון דער פיזיאָלאָגיע: עס ווערט בעשאַפען א ב י ל ד פון עפּעס אין די נערוועז און אין דעם מאַרך. דער וועלט־רוים איז אויך ניט מעהר ווי אַזא בילד, וואָס ווערט בעשאַפען אינעווייניג און ווערט אַרויסגעשליידערט דרוי־סען אַקוראַט אַזוי, ווי דער רוים, וועלכען מיר זעהען הינטער'ן שפּיעגעל. היות אָבער ווי מיר זעהען נאָר בילדער, וואָס ווערען בעשאַפען אינעווייניג אין אונז; היות ווי עס איז לגמרי ניטאָ קיין מעגליכקייט דורכצורייסען זיך דורך די בילדער צו די זאַכען, איז יעמאָלט מוזען מיר קומען צו דעם שלוס, אַז די וויסענשאַפט קאָן אַבסאָלוט ניט זאָגען אויף זיכער ווי די זאַכען זעהען אויס, ווען מען זעהט זיי ניט, און זי קאָן אויך ניט גאַראַנטירען, אַז עס זענען איבערהויפּט דאָ וועלכע עס איז זאַכען דרויסען פון דער ערקענטניס. אויף אַזאַ'ן אופן קומט די שטרענגע עמפּירישע וויסענשאַפט צו

דיזעלביגע רעזולטאַטען, וואָס ק אַ נ ט האָט אויסגעפונען אין זיין טראַנסצענדענטאַלער עסטהעטיק. רוים און צייט זענען ניט עפּעס אַזוינס, וואָס עקזיסטירען אין דער דרויסענדיגער וועלט: זיי ווערען בעשאַפען אין דעם „סוביעקט" און געהערען ניט צו דער „זאַך אין זיך"; און וואָס „די זאַך אין זיך" איז, בלייבט אַן אויביגער סוד.

אַט דעם רעזולטאַט פון דער וויסענשאַפטליכער זיננעס־פּי־זיאָלאָגיע האָט מיטגעטיילט און בעלויכטען איינער פון די גרעסטע פאָרשער אויף דעם דאָזיגען פעלד: ה ע ל מ ה אָ ל ץ (1821—1895). העלמהאָלץ שטימט ניט אין אַלע פונקטען איין מיט קאַנט'ן. אין אַ סך גרונדפראַגען פון דער ערקענטניסטהעאָריע גיט ער רעכט דער עמפּירישער טהעאָריע פון דזש. סט. מילל, וועגען וועמען מיר וועלען נאָך רעדען. אָבער וועגען איין הויפּט־פונקט דערקלעהרט ער, אַז קאַנט קאָן ניט פערדרענגט ווערען פון זיין פּאָזיציע: דאָס איז זיין לעהרע וועגען דער קאַטעגאָריע פון ק ו י ז אַ ל י ט ע ט. די קויזאַליטעט איז, לויט העלמהאָלץ, אַ־פּריאָרי, זי קאָן בשום אופן ניט שטאַמען פון דער ערפאַהרונג. זי, די קויזאַליטעט, צווינגט אונז אָנצונעהמען אויסערע אורזאַכען, כדי צו דערקלעהרען די ערשיינונגען אין אונז, און אַ דאַנק איהר ווערט אויס בעוועגונגס־עמפּפינדונגען בעשאַפען דאָס בילד פון אַ רוים און ארויסגעוואָר־פען פון אונז אין דרויסען. אויף אין דעם פונקט פון די עמפּפינ־דונגען געהט זיך העלמהאָלץ פאַנאַנדער מיט קאַנט'ן. קאַנט האָט דערקלעהרט די גאַנצע רוימליך צייטליכע וועלט פאַר אַ סכום פון ערשיינונגען. אין דער וועלט פון ערשיינונגען גופא איז אָבער ניטאָ קיין גרונד אָנצונעהמען, — אַזוי האָט ער געמיינט, — אַז דרויסען פון די נערוועןזענען דאָ נאָר רוימליך־מאַטעריעלע בעוועגונגען, און אַז די פערשיידענע זיננעס־קוואַליטעטען (רויט, שוואַרץ א. ז. וו.) ווערען בעשאַפען ערשט אין די נערוועןזענען. וויבאַלד די בעוועגונג גופא איז אַן ערשיינונג און ניט קיין „זאַך אין זיך" האָט עס קיין זין ניט אויפצובויען אויף איהר נאָך אַ צווייטען גאָרען פון ערשיינונגען. מיר קאָנען דעריבער אָננעהמען, אַז די דרויסענדיגע רוימליך־צייטליכע ערשיינונגס־וועלט איז אין זיך גופא אַ פאַרביגע, שווערע, לייכטע און אַזוי ווייטער. העלמהאָלץ קאָן

ניט מסכים זיין מיט דעם. אין איינעם מיט נאָך אַ גרויסען פיזיאָלאָג, מ י ו ל ל ע ר, האָט ער געפונען, אַז יעדער נערוו איז אים שטאַנד אַרויסצוברענגען נאָר איין בעשטימטע עמפּפינדונג, אַלײן איינס, מיט וואָס פאַר אַן אַרט בעוועגונג מען זאָל איהם ניט רייצען. יעדער נערוו האָט זיין „ספּעציפישע ענערגיע“. יענער נערוו־פאַזער, צ. ב., וואָס ברענגט אַרויס רויט, קאָן קיין אַנדער פאַרב ניט בעשאַפען און ער ענטפערט מיט דער עמפּפינדונג „רויט“, אַלײן איינס, וואָס אויף איהם זאָל ניט איינווירקען: ליכט־וועלען, עלעקטרישע־וועלען אָדער מעכאַנישע בעוועגונג. ווערט ביי איינעם פּאַטאָלאָגיש צושטערט אַזאַ נערוו־פאַזער, שטעלט זיך ממילא ביי איהם איין אַ בעשטימטע פאַרבענבלינדהייט.

אָט די אַלע אונטערזוכונגען און קריטישע אויסבעסערונגען פון קאַנט׳ס לעהרע גרייפען אָבער ניט אָן, נאָר אדרבה, זיי פערשטאַרקען איהר יסוד, אַז די דרויסענדיגע וועלט איז אַ פּראָדוקט פון אונזער ערקענטניס, און אַז דעריבער מוז דער אמת׳ער אָנהויב־פּונקט פון אַ זיכערער פילאָסאָפיע זיין די ערקענטניס־טהעאָריע, דער קריטיציזם, אויף וועלכען עס דאַרפען ערשט אויפגעבויט ווערען די וויסענשאַפטען.

אָטטאָ ליעבמאַן (געב. 1840) איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אוועג געשטעלט די פאָרדערונג פאַר דער פילאָסאָפיע צוריק צו קעהרען זיך צו קאַנט׳ן. דעם אויסרוף: „צוריק אויף קאַנט“ האָט ער אריין געשריען אין די מחנה פון פילאָסאָפישע פאָרשער גראָד אין יענער צייט, ווען זי איז געווען אַזוי צודולט פון דעם באַנקראָט, וואָס די מעטאַפיזיק האָט געליטען, און אַ סך ערנסטערע מוחות האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ׳ס ניי שטודירען קאַנט׳ן.

אויך ליעבמאַן איז ניט קיין בלינדער אָנהענגער פון קאַנט׳ס געדאַנקען, אָבער ער קומט אין זיינע נייע, זעלבסטשטענדיגע אונטערזוכונגען צו קאַנטישע רעזולטאַטען. דאָס דענקען איז ניט נאָר אַ קאָפּיע פון דער ערפאַהרונג. די ערפאַהרונג בעשטעהט פון איינצעלנע עמפּפינדונגען, וואָס רייסען זיך אין אונז אריין אָהן אַן אָרדנונג און אָהן אַ זין. כדי אריין צו ברענגען אָרדנונג אין זיי, בעשאַפט דער מענש ה י פּ אָ ט ה ע ז ע ן, לויט זיין אייגענער נאַטור. געוויסע גרונד־היפּאָטהעזען ווערען בעשאַפען פון י ע־

ד ע ן  מענשליכען שכל, און קיין מענש קאָן זיך ניט בעגעהן אָהן זיי: דאָס זענען די היפּאָטהעזען פון  א י ד ע נ ט י ט ע ט  (אז געוויסע עמפּפינדונגען זענען אבסאָלוט גלייך איינע צו די אנדערע), ק אָ נ ט י נ ו א י ט ע ט,  (אז די עמפּפינדונגס־וועלט ווערט ער־געץ ניט איבערגעריסען) און  ק ו י ז א ל י ט ע ט.  די נ ו י ט־ו ו ע נ ד י ג ק י י ט  פון די דריי היפּאָטהעזען פאר דעם מענשלי־כען שכל צווינגט איהם צו גלויבען, אז זיי עקזיסטירען דרויסען פון איהם. ער טראָגט זיי דעריבער אריין אין די דרויסענדיגע וועלט. די לעהרע פון יענע נויטווענדיגע היפּאָטהעזען איז די  ק ר י ט י ש ע  מ ע ט א פ י ז י ק.  זי ווייס גאַנץ גוט, אז דאָס וואָס זי געפינט אויס, איז ניט דער אמת וועגען דעם, ווי אזוי די זאכען זענען צונויפגעבונדען אין דערווירקליכער וועלט, נאָר מעהר נישט ווי דער אמת וועגען דעם, ווי אזוי א מענשליכער שכל איז געצוואונגען זיי פאָרצושטעלען זיך.  אויך די איינצעל־וויסענשאפטען זענען ניט קיין ריינע ערפאהרונג, אויך אין זיי שפּיעלען א צו גרויסע ראָליע די א־פּריאָרישע עלעמענטען.  זיי זענען ניט מעהר ווי מענש־ליכע טהעאָריען.

נאָך א ווייטערן שריט אין דעם נעאָ־קאַנטיאַניזם אָדער נעאָ־קריטיציזם מאכט  פ ר י ע ד ר י ך  א ל ב ע ר ט  ל א נ ג ע (1875—1828).

ווי א פיש, וואָס שווימט ארום אין א פינסטערען באסיין, קאָן זיך מיט'ן קאָפּ אָנשטויסען אָן די וואנד און פיהלען, אז דאָ איז א גרעניץ, וועלכען ער קאָן ניט אריבער שטייגען, אזוי שטויסט זיך אָן דער מענשליכער שכל אָן געוויסע גרעניצען, וואָס בלייבען אויף אויביג פערשלאָסען פאר איהם. דאָס זענען די גרענעצען, וואָס טיילען אָב די וויסענשאפטליכע ערפאהרונגס־וועלט פון דער מע־טאפיזיק.  ווי א פיש אין וואסער פיהלט זיך דער ערקענענדער מענש נאָר אין דער וועלט פון ערשיינונגען.  דאָ געפינט ער א  מ א ט ע ר י א ל  פון דרויסען, וועלכען ער גיעסט אריין אין אייגענע פאָרמען פון רוים, צייט און קאטעגאָריען, וואָס שטאמען פון זיין  פ ס י כ א ־ פ י ז י ש ע ר  אָ ר ג א נ י ז א צ י ע.  די פאָרמען זענען ניט פאסיווע כלים, אין וועלכע עס ווערט אריין געגאָסען דער אינהאלט פון דרויסען: זיי זענען  ב ע ש א פ ו נ ג ס־

פ אָ ר מ ע ן, וואָס פערענדערן און שמעלצען אום דעם מאַטעריאַל
לויט זייערער אייגענער טבע און לויט דעם בעשאַף פון דעם מאַ־
טעריאַל. די בעשאַפונגס־פאָרמען ט ר אַ כ ט ע ן אויס אַן
אייגענע מענשליכע וועלט. די גאַנצע ערקענטניס איז אַ ד י כ ־
ט ו נ ג, ווייל דער מענש איז פון נאַטור אויס אַ ד י כ ט ע ר,
וואָס יאָגט זיך צו פערווירקליכען בעשטימטע א י ד ע אַ ל ע ן.
שוין די וויסענשאַפט זיינע איז אַ דיכטונג, וואָס פערווירקליכט
דעם אידעאַל פון איינהייטליכקייט און האַרמאָניע. אין דער ווי־
סענשאַפט אָבער און אין דער אַלטעגליכער פּראַקטיקע האָבען זיך
די בעשאַפונגס־פאָרמען צו רעכענען מיט אַ געגעבענעם מאַטעריאַל,
וואָס האָט ביי אַלע מענשען צוגעפּאַסט צו זיך גאַנץ בעשטימטע
פאָרמען, פון וועלכע קיין מענש קאָן ניט אַרויס שפּרינגען. רוים,
צייט און קויזאַליטעט זענען דערפאַר נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג, ווייל
אַלע מענשען מוזען זיי אָנווענדען, ווען זיי נעהמען אין זיך אריין
די דרויסענדיגע וועלט. שטייגט מען אָבער אַריבער די ערפאַהרונגס־
וועלט, ווי אין דער מעטאַפיזיק, יעמאָלט האָבען די בעשאַפונגס־
פאָרמען אַ פריען שפּיעל־רוים, ווייל זייער טהעטיגקייט ווערט ניט
קאָנטראָלירט און ניט געקירעוועט פון דעם געגעבענעם מאַטעריאַל.
צו די אַלגעמיינע בעשאַפונגס־פאָרמען קומען דאָ נאָך צו די
א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע בעשאַפונגס־פאָרמען, וועלכע זענען
איינגעוואָרצעלט אין יענע טיילען פון דער פּסיכאָ־פיזישער אָרגאַ־
ניזאַציע, וואָס מאַכען דעם יחיד פאַר אַ בעשטימטען אינדיווידום,
אַ פערשיידענעם פון אַלע אַנדערע מיט־מענשען. אויך די אינ־
דיווידועלע בעשאַפונגס־פאָרמען קאָנען זיך אין דער מעטאַפיזיק
פריי פאַנאַנדער שפּיעלען, און עס איז דעריבער אונמעגליך, אַז
א ל ע מענשען זאָלען אַרויס ברענגען דיזעלביגע געדאַנקען וועגען
מעטאַפיזישע ענינים. די מעטאַפיזיק איז דעריבער אַ פרייע דיכ־
טונג פון די איינצעלנע אינדיווידוען, אַקוראַט אַזוי ווי קונסט און
פּאָעזיע. ווען אין דער וויסענשאַפט שפּיעגעלט זיך אָב די פּסיכאָ־
פיזישע אָרגאַניזאַציע פון דעם מין מענש בכלל, איז די מעטאַפיזישע
בעגריפס־דיכטונג אַן אָבשפּיעגלונג פון דעם יחיד'ס נאַטור. דאָס
זאָל אונז אָבער ניט אָבהאַלטען פון מעטאַפיזיק; אדרבה, מען מוז
געדענקען, אַז זי איז איינגעוואָרצעלט אין אונזער טבע, אין אונזער

שטרעבען צו דעם  א י ד ע אַ ל  פון דער ערקענטניס, צו איינ־הייטליכקייט און האַרמאָניע. מיר דאַרפען מעהר נישט וויסען זיין, אַז אין דעם בוי פון מעטאַפיזישע סיסטעמען בעפריעדיגען מיר די פּאָעטישע בעדירפניסען פון אונזער נשמה.

די פּשוט'סטע אַרט פון מעטאַפיזיק איז דער  מ אַ ט ע ר י אַ ־ ל י ז ם,  אַ דיכטונג, וואָס האַלט זיך במעט שטרענג אָן דעם טעקסט פון די נאַטור־וויסענשאַפטען; אָבער אַ מעטאַפיזיק איז עס פאָרט. אויב דער מאַטעריאַליזם האַלט זיך פאָרזיכטיג אין זיינע גרענעצען; אויב ער וויים אַליין, אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ דיכ־טונג, קאָן מען צו איהם גאָר נישט ניט האָבען. די צרה מיט איהם איז אָבער, וואָס ער פערשטעהט ניט זיין אייגענעם מהות. ער מיינט אַז ער איז  ו ו י ס ע נ ש אַ פ ט,  שטרענגער, אַבסאָלוטער אמת, וועמעס רעזולטאַטען עס מוזען אָנגעווענדט ווערן אויף אַלע צווייגען פון דער מענשליכער נאַטור. אַ דאַנק דעם שטויסט ער זיך צונויף מיט אַנדערע פאָדערונגען פון דער זעלביגער אידעאַליש־עסטעטישער מענשליכער נאַטור, וואָס ברענגט אַרויס גאַנץ אַנדערע פאָרשטעלונגען און אידעאַלען אויף די פעלדער פון קונסט, רעליגיאָן און עטהיק. אַזוי ווי יענע אידעאַלען זענען אַקוראַט אַזוי בערעכ־טיגט, ווי די אידעאַלען פון אָן אייננהייטליכען וויסען, האָט דער מאַטעריאַליזם קיין רעכט ניט אריין צו לעגען זיי אין חרם, און אַרויסצוטרעטען מיט דער פּרעטענזיע צו זיין די איינציג ריכטיגע פילאָסאָפיע. דאָס נעהמט ביי איהם אָבער ניט אָב דאָס רעכט צו בלייבען, ווי אַ בעשיידענע סברה, אין אַ סך איינצעלנע נאַטור־וויסענשאַפטען.

פריעדריך אַלבערט לאַנגע האָט ניט איבערגעלאָזען קיין פאַר־טיגען סיסטעם, וואָס זאָל דערקלערען אַלע טיילען פון דער מענש־ליכער קולטור, פון דער וויסענשאַפט אָן ביז צו דער מעטאַפיזיק און דער רעליגיאָן, ווי געוויסע פערצווייגונגען פון דער מענשליכער נאַ־טור, וואָס לעכצט נאָך די אידעאַלען פון שעהנהייט, אמת און יושר. ער האָט מעהר נישט ווי אָנגעטייט זיין „שטאַנדפּונקט פון דעם אי־דעאַל" אין זיין קריטישער געשיכטע פון דעם מאַטעריאַליזם, אָבער פון דעם שטאַנדפּונקט זענען געווען דורכגעדרונגען אַלע זיינע פּע־דאַגאָגישע און סאָציאַל־פּאָליטישע אַרבייטען. אין די לעצטערע,

ווי צ. ב. אין דער „אַרבייטער־פראַגע“ איז ער דערגאַנגען זעהר נאָהענט צו דעם סאָציאַליזם.

קיין אייגענטליכע פילאָסאָפישע שוהל האָט דער פריה פער־שטאָרבענער לאַנגע ניט געגרינדעט. אָבער, אַ גרויסען רושם האָט ער איבערגעלאָזען אויף די געדאַנקען פון זיין צייט. מעהר פאַר אַלע־מען האָבען געשפּירט אויף זיך לאַנגע'ס ווירקונג די רוסישע סאָ־ציאַליסטישע דענקער ל אַ װ ר אָ װ (1823—1900) און מי־כאַילאָווסקי (געשט. 1903). זייערע געדאַנקען זענען אַ סינטהעז פון פייערבאך מארקס, מילל און לאַנגע, און דערביי שפּיעלט לאַנ־גע די הויפּטראָליע. לאַנגען צו פערדאַנקען, האָט מיכאַילאָווסקי אויסגעארבייט זיין „סוביעקטיווע מעטהאָדע אין דער סאָציאָלאָגיע“. דער מענש ליעבט אמת, שעהנקייט און יושר, ווייל ער רופט מיט די נעמען אָן דאָס וואָס ער ליעבט. די אידעאַלען פון דעם אָביעק־טיווען אמת, ווען זיי ווערען אָבגעריסען פון די אידעאַלען פון יושר, ווערען איינזייטיג און אונוויסענשאַפטליך. אין דער אמת'ן קאָן קיין פאָרשער ניט בלייבען אָביעקטיוו דאָרטען, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. די „אָביעקטיוויטעט“ איז דאָ אַן אָבגענאַרטע, אַ טעות אין דעם אייגענעם דענקען. אין איהר דריקט זיך אויס אַ פערבאָרגענער אידעאַל, דיקטירט פון אַ וועלכען עס איז רעאַלען אינטערעס. דער סאָציאָלאָג מוז קודם כל איינזעהען, אַז א ריין אָביעקטיווע אויס־פאָרשונג פון דער סאָציאַלער ווירקליכקייט איז אונמעגליך און אַז דעריבער מוז ער זיך לכתחילה רעכענען מיט זיינע אייגענע סוב־יעקטיווע אידעאַלען. דאָס דיקטירט פאַר דער סאָציאָלאָגיע גאַנץ נייע אויפגאבען און מעטהאָדען.

— אין די פראַגען פון דער אייגענטליכער ערקענטניס־טהעאָריע איז מיכאַילאָווסקי מעהר עמפּיריקער, לאַווראָוו מעהר נעאָ־קאַנטיא־נער. מיכאַילאָווסקי'ס עמפּיריזם איז אָבער ניט קיין אינדיווידוע־לער, נאָר אַ סאָציאַלער און אין דעם פּונקט געהט ער זיך מעהר צונויף מיט קאַרל מאַרקס. די ערקענטניס וואַקסט ארויס פון די פּ ר אַ ק ט י ש ע נויטען, מעהרסטענטיילס פון די פאָרמען פון מענשליכער ארבייט. נאָך מעהר עהדער די נויטען פון דער איי־גענטליכער טעכניק, ווירקען די געזעלשאַפטליכע פאָרמען, אין וועל־

כע די מענשליכע ארבייט שפּיעלט זיך אָב. די מעטאפיזיק איז א פּראָדוקט פון א בעשטימטער געזעלשאפטליכער ארבייטס־פאָרם, אָדער ווי מיכאילאָווסקי דריקט זיך אויס: פון א בעשטימטער „פאָרם פון געזעלשאפטליכער מיט־ארבייטערשאפט". אין דער צו־קונפט, ביי אנדערע פאָרמען פון מענשליכע מיט־ארבייטערשאפט, וועט די מעטאפיזיק אין גאנצען פערשווינדען.

דער אייגענטליכער נעאָ־קאנטיאניזם איז אָבער אויסגעארבייט געוואָרען ניט פון ליעבמאן און לאנגע, נאָר פון הערמאן קאָהען (געב. 1842) און זיינע אָנהענגער: פּויל נאַטאָרפּ (געב. 1854), אויגוסט שטאדלער (געב. 1850), רודאָלף שטאמלער (1856) און נאָך איי־ניגע אינגערע פאָרשער.

קאָהען האָט געווים פיעל צו פערדאנקען פריעדריך אלבערט לאנגע, וועמעס אנדענקען און בעדייטונג ער שעצט אזוי הויך. אָבער ער פערשטעהט די אויפגאבען פון דעם נעאָ־קאנטיאניזם, מען קאָן זאָגען, פּונקט להיפך צו דעם. ווי זיי זענען ארויסגעארבייט געוואָ־רען ביי לאנגען. לאנגע טיילט איין די וועלט אין א סוביעקטיווען און אן אָביעקטיווען פאקטאָר, און ער ערקלעהרט אונז, צ. ב., ווי אזוי די „פּסיכאָ־פיזישע אָרגאניזאציע" ברענגט פון זיך ארויס די קאטעגאָריע פון קויזאליטעט. די דאָזיגע אָרגאניזאציע איז די א ו ר ז א ך, די בעשטימטע קאטעגאָריע איז די ו ו י ר ק ו נ ג. אָבער אויב קויזאליטעט איז ניט מעהר ווי א סוביעקטיווע פאָרם, קאָנען מיר ניט ערקלעהרען איהר ענטשטעהונג מיט דער הילף פון איהר גופא. זאָל דער קריטיציזם ווערען די ב א ז י ס פאר אלע וויסענשאפטען, מוז מען זיך אָבזאָגען פון יעדער פּסיכאָלאָגי־שער, אָדער פּסיכאָפיזישער אויסטייטשונג, ווי אזוי די אפּריאָרישע פאָרמען זענען „געוואָרען".

מען דארף בלייבען ביי יענער גרונד־פראגע, וואָס שפּיעלט די הויפּט ראָלע אין קאנט'ס קריטיק, און וואָס קאָהען האָט דורך זיי־נע פּירושים אויף קאנט קלאָהר געמאכט פאר יעדעם: ו ו אָ ס פ א ר א ר אָ ל י ע ש פּ י ע ל ע ן יענע פאָרמען אין דער ערקענטניס? וואָס ב ע ש א פ ע ן זיי אין איהר? ווי אזוי שטאמט די געזעצמעסיגקייט, צו וועלכער די וויסענשאפט שטרעבט, פון יענע אפּריאָרישע פאָרמען? מען דארף ארויסוואַרפען פון דער

ערקענטניס־טהעאָריע די פּסיכאָלאָגישע פראַגע, ווי אזוי מען וואָלט זיך געקאָנט אויסמאָלען, אז די אפּריאָרישע עלעמענטען זענען צונויפגעשטעלט געוואָרען פון איינפאַכערע פּסיכישע ערשיינונגען. מען מוז זיך אָבזאָגען פון דער מעטאַפיזישער זייט פון דער פראַגע ווער עס ברענגט זיי ארויס: א גייסט, אָדער א מאַטעריע, אָדער א „פּסיכאָ־פיזישע אָרגאַניזאַציע", און וואָס זיי זענען דרויסען פון אונזער ערקענטניס. אויף דעם רוים דאַרף מען פרעגען: וואָס איז ער אין דער *געאָמעטריע* און וואָס טהוט ער דאָרטען. אויף דער קויזאַליטעט דאַרף מען פרעגען: וואָס איז זי אין דער *נאַטור־וויסענשאַפט* און וואָס טהוט זי דאָרטען אויף. דאָס אייגענע איז אויך מיט דער פרייהייטס־אידעע, מען דאַרף פרעגען ניט ווער עס האָט זי ארויסגעבראַכט, נאָר וואָס ברענגט *זי* ארויס אין דער *עטהיק*, און אזוי ווייטער מיט אַלע אנדערע פּרינציפּען, וואָס ליעגען אויף דעם גרונד פון די וויכטיגסטע קולטור־צווייגען, און וואָס בעשאַפען די בעשטימטע געזעצמעסיגקייט אין יעדען צווייג.

וואַרפען מיר אָבער ארויס די פּסיכאָלאָגיע און די מעטאַפיזיק פון דער ערקענטניס־טהעאָריע און מיר פרעגען זיך: ווי זעהט איצטער אויס יענער ערקענטניס־קריטישער *פונדאַמענט*, אויף וועלכען עס ווערט אויפגעבויט די פילאָסאָפיע פון דער מענשליכער קולטור, מוזען מיר געפינען, אז דער פונדאַמענט בעשטעהט פון אידעען, בעגריפען, אָנשויאונגס־פאָרמען און דערגלייכען. די אידעען זענען פון קיינעם ניט ארויסגעבראַכט געוואָרען, ניט פון א גאָט, און ניט פון א גייסט, ניט פון א מאַטעריע און ניט פון אן „איך", ווייל די אַלע איינצעל־פאָרשטעלונגען זענען ערשט ארויסגעבראַכט געוואָרען פון יענע אידעען. אויף זיי איז ניט נופל צו פרעגען: פון וואַנען שטאַמען זיי? ווייל זיי זענען אַפּריאָרי, ד. ה. *די ערשטע אין דעם אינהאַלט פון דער ערקענטניס*. מיט זיי הויבט זיך דער גערעגעלטער, געזעצמעסיגער אינהאַלט ערשט אָן. זיי זענען צווישען זיך אן אידעען־וועלט, אָבער ניט אזא ווי ביי פּלאַטאָן'ען, וואָס נעהמט אָן, אז די אידעען, אויביגע, אונפערענדערליכע, עקזיסטירען ערגעץ וואו דרויסען פון דער וועלט. די אידעען *עקזיסטירען* ניט אין דעם געוועהנליכען זין

פון דעם וואָרט. זיי זענען בעוואוסטזיינניגע טהעטיגקייטען אָהן א טהוער און פון אָט די בעוואוסטזיינניגע טהעטיגקייטען בעשטעהט דער גרונד פון דער גאַנצער קולטור. פילאָסאָפיש בעארבייטען א וועלכען עס איז קולטור־צווייג הייסט ארויסגעפינען יענע גרונד־אידעען, וואָס מאַכען מעגליך די גזעצמעסיגקייט פון יענעם קול־טור־צווייג, וואָס אנטפלעקען אונז די בעשטימטע ריכטונג פון דער בעוואוסטזיינניגער טהעטיגקייט, וועלכע דריקט זיך אין איהם אויס. די פילאָסאָפיע ווי א בעזונדער קולטור־צווייג האָט די אויפגאבע אויסצוגעפינען דעם צונויפבונד פון יענע גרונד־אידעען אין דעם איינ־הייטליכען סיסטעם פון דער מענשליכען בעוואוסטזיין. יעדע ווי־סענשאפט האָט איהרע אידעען, וואָס גיבען איהר די מעגליכקייט צו בעשאַפען גזעצמעסיגקייט. אין דער כעמיע, צ. ב. שפּיעלט א גרויסע ראָליע דער בעגריף „שטאָף"; די „מאַטעריע" איז דעריבער א בערעכטיגטער בעגריף אין דער כעמיע, ווי דער בעגריף: „עקאָנאָמיישע טהעטיגקייט" איז א בערעכטיגטער בעגריף אין דער־געשיכטע. די נעאָ־קאַנטיאַנער פון קאָהען'ס ריכטונג לייקענען דערי־בער ניט די וויכטיגע ראָליע פון דעם מאַטעריאַליזם פאַר דער וויסענ־שאַפט: פון דעם פיזיקאַלישען מאַטעריאַליזם, אזוי גוט ווי פון דעם היסטאָרישען. זיי דערלאָזען אָבער ניט, ער זאָל משיג גבול זיין אויף אנדערע אידעען, וואָס האָבען זייער בעשטימטע ראָליע אין די זעלביגע וויסענשאַפטען, אָדער אַז דער מאַטעריאליזם זאָל זיך גאָר אַריין רייסען אין פרעמדע פעלדער. מען קאָן זאָגען, אז זייער „מאַ־טעריאַליזם" איז א טראַנסצענדענטאַל־אידעאַליסטישער. די אי־דעע „מאַטעריע" ווערט אָבגעשעצט לויט איהר ווערטה און בע־דייטונג פאַר דער בעשאַפונג פון בעשטימטע וויסענשאַפטליכע גע־זעצמעסיגקייטען.

ווי נאָהענט אַזאַ שטאַנדפּונקט זאָל ניט זיין צו דער אידעאַ־ליסטישער מעטאַפיזיק פון אַ פיכטע — שעללינג — העגעל, איז קאָהען'ס טראַנסצענדענטאַלער אידעאַליזם פאַרט פּרינציפּיעל פער־שיידען פון יענער מעטאַפיזיק אין צוויי וויכטיגע פּונקטען. ביי פיכטע — שעללינג — העגעל ווערען די אידעען אויפ'ן שטעל פער־וואנדעלט אין אַן „איך", אַן „אבסאָלוט", אַ „וועלט־שכל", קורץ אין אַ וואָסער עס איז „סובסטאַנץ", וואָס שטעקט הינטער די ערשיי־

נונגען און איז זייער טרעגער און בעשאַפער, פאַר קאָהען'ען איז די סובסטאַנץ איין אידעע צווישען אנדערע אידעען. זי טראָגט קיינעם ניט און ווערט פון קיינעם ניט געטראָגען, ממילא פערשווינדט אויך דער אונטערשייד פון אַן אינווענדיגסטער און אַ דרויסענדיגער וועלט, פון אַ „תוך" און אַן „ערשיינונג" אין דעם געוועהנליכען זין פון דעם וואָרט. הינטער די ערשיינונגען בעהאַלט זיך קיינער ניט. ס'איז נאָר דאָ איין וועלט: די וואָס מיר האָבען אין אונזער קולטור.

צווייטענס וויל דער קאָהענ'שער אידעאַליזם בשום אופן ניט אַרויסדרינגען פון די אידעען, — ווי דאָס האָבען געטהאָן די מעטאַפיזיקער, — יענע איינצעל־פּראָצעסען, וועלכע די וויסענשאַפטען שטודירען און בעשרייבען. די פילאָסאָפיע מישט זיך ניט אַריין אין די וויסענשאַפטען. אדרבה זי הערט זיך צו צו זייער אַרבייט און לערנט פון זיי.

דער הויפּט־פעלד פאַר דער אַרבייט פון דעם נעאָ־קאַנטיישען טראַנסצענדענטאַלען אידעאַליזם איז אָבער ניט די נאַטור־וויסענשאַפטליכע ערפאַהרונג, נאָר די וועלט פון מענשליכע אידעאַלען אין דער עטהיק, דער פּעדאַגאָגיק און אין דער סאָציאָלאָגיע. קאָהען האָט קאַנט'ס עטהיק אויסגעטייטשט און זיין אייגענע עטהיק אויסגעבויט אין אַ ריין סאָציאַליסטישען זין. אויך זיינע אָנהענגער שטעהען זעהר נאָהענט צו דעם סאָציאַליזם און געהען זיך פאַנאַנדער מיט דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע מעהר אין דער טהעאָרעטישער בעגרינדונג, עהדער אין די פּראַקטישע פאָדערונגען, ביי די נאָהענטע, סיי די גאַנצע ווייטע. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אויך אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך געלאָזט הערען דער רוף: „צוריק אויף קאַנט", דערהויפּט. ווען דער דיאַלעקטישער און דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, האָט, ווי יענע מעטאַפיזיק, זיך גענומען דערנעהענטערען צו זיין באַנקראָט.

צו דעם נעאָ־קריטיציזם, אָבער ניט צו דעם נעאָ־קאַנטיאַניזם מוז מען צורעכנען אַלאָאיס ריעהל (געב. 1844). אין זיין ערקענטניס־טהעאָריע פערלאָזט ער ביי דעם ריין עמפּירישען, סיי דעם ריין אַ־פּריאָרישען וועג. ער זעהט זיך געצוואונגען סינטהעטיש צו פעראייניגען ביידע עלעמענטען. די עמפּ־

פינדונגען שפּיעלען ביי איהם א סך א גרעסערע ראָליע, עהדער ביי קאַנט'ן און די נעאָ־קאַנטיאַנער, אָבער דאָך זענען זיי פאַר איהם ניט דער איינציגער מקור, פון וואַנען עס שטאַמט די ערקענטניס. אמת, אויף די עמפּפינדונגען און נאָר אויף זיי רוהט אונזער גלויבען אין דעם, אז עפּעס עקזיסטירט. די פאָרשטעלונג פון א רוים האָט איהרע וואָרצלען ווייעדער אין די עמפּפינדונגען און אין די שיכות'ען, וואָס הערשען צווישען זיי. אָבער אויך דער פערשטאַנד מוז טהעטיג זיין און צוטראָגען עפּעס פון זיך, כדי עס זאָל קאָנען געבאָרען ווערן א רוים־פאָרשטעלונג. דאָס אייגענע איז אויך מיט דער צייט. די פאָרשטעלונג פון קוויזאַליטעט וואַקסט ארויס פון דעם פאָרמאַל־לאָגישען דענקען, פון דעם אידענטיטעטס־זאַץ, אז „א איז גלייך א". דאָס „איך" איז א צונויפשמעלצונג פון געפּיהלען און עמפּפינדונגען, וואָס בלייבען מעהר אָדער ווייניגער אונפערענדערט א לענגערע צייט.

די פילאָסאָפיע האָט ניט די אויפגאַבע אויכצומאָלען א וועלט־בילד. עס זענען דאָ צוויי אַרטען פון פילאָסאָפיע: ערשטענס די טהעאָרעטישע, וואָס איהר איינציגע ראָליע איז אויסצוגעפינען דעם מקור, די בעדינגונגען און די גרענצען פון דער ערקענטניס. די מעטאַפּיזיק האָט אויך א רעכט צו עקזיסטירען, אָבער נאָר ווי א קריטישע דיסציפּלין, וואָס בעווייזט אונז די גרענעצען, וועלכע מיר זאָלען ניט אריבערשפּרייזען און וואָס דערקלעהרען אונז, פון וואַנען די מעטאַפיזישע אידעען האָבען זיך גענומען. די טהעאָרעטישע אָדער וויסענשאַפטליכע פילאָסאָפיע איז די האַרמאָניזירונג פון אַלע וויסענשאַפטען אין איינעם. אַן אַנדער פילאָסאָפיע איז די לעבענס־אַנשויאונג, וואָס שטעלט אויעג אידעאַלען פאַר דעם מענשליכען לעבען. זי געהערט שוין ניט מעהר צו די וויסענשאַפטען און דאַרף פערנעהמען א פּלאַץ נעבען דער קונסט און דעם גלויבען. דער אומ־גליק פון דער פילאָסאָפיע איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט זינט פּלאַטאָן צונויפגעמישט די צוויי אַרטען אין איינעם און מען האָט גענומען מיט אידעען פון דער לעבענס־אַנשויאונג דערקלעהרען די פּראָצעסען אין דער נאַטור.

§ 39. דזשאהן סטיוּאַרט מילל. (1806—1873).

א בעזונדער פּלאַץ אין דער פילאָסאָפישער ארבייט פון דעם

גיינצעהנטען יאָהרהונדערט פערנעהמט דזשאָן סטיואַרט מילל. זיין אַרבייט האָט אָבער געווירקט אויף די אויסאַרבייטונג פון אַ פילאָסאָפישער ריכטונג, וואָס שליעסט זיך אָן די אַנטראָפּאָלאָגישע און קריטישע סיסטעמען, וועגען וועלכע מיר רעדען אין דעם קאַפּיטעל. מיר מיינען דאָ די אַזוי אָנגערופענע „וויסענשאַפטליכע“ אָדער נעאָעמפּירישע פילאָסאָפיע פון ערנסט מאַך און ריכאַרד אַוועגאַריוס, וואָס קאָן אויך אָנגערופען ווערן די „נעאָ־יומיסטישע“ ריכטונג. דזשאָהן סטיואַרט מילל איז איינער פון איהרע וויכטיגסטע פאָרלויפער. זיין פערדיענסט פאַר דער ענטוויקלונג פון דער פילאָסאָפיע בעשטעהט דער עיקר אין דעם, וואָס ער האָט ווידער איינגענומען די אונטערזוכונג פון דער מענשליכער ערקענטניס, אַרויסגעהענדיג פון די יום׳שע גרונד־פּרינציפּען.

דזשאָהן סטיואַרט מילל האַלט זיך פעסט באַ דער פּסיכאָלאָגישער מעטהאָדע פון יום — צוריקצופיהרען אַלע עלעמענטען פון דער ערקענטניס אויף די געזעצען פון דער פּסיכאָלאָגישער אידעען־אַססאָציאַציאָן, און די אידעען־אַססאָציאַציאָן גופא — אויף די געוואָהר־ווערונגען, אָדער עמפּפינדונגען. מילל זעהט אָבער צו פערטיליגען אין יום׳ס לעהרע דעם דואַליזם, וועלכען יענער האָט געלאָזען צווישען דער ריינער לאָגישער און מאַטהעמאַטישער ערקענטניס פון איין זייט, און דער ערפאַהרונג פון דער אַנדער זייט. אויף דעם וועג ווערט מילל פּטור אויך פון יענעם סקעפּטיציזם בנוגע צו דער ערפאַהרונג, צו וועלכען יום איז געקומען. אויך די ריין לאָגישע און מאַטהעמאַטישע אמת׳ען שטאַמען לויט מילל פון דער ערפאַהרונג, ד. ה. פון אַ בעשטימטער צונויפבינדונג. וועלכע מיר קאָנסטאַטירען אין די „דרויסענדיגע“ עמפּפינדונגען און געוואָהר־ווערונגען. אפילו דער „צוויי מאָל צוויי איז פיער“ איז ניט קיין אַבסאָלוט נויטווענדיגער שלוס, מיר קאָנען אונז אויסמאָלען אַן אַנדער ערפאַהרונג, אין וועלכען יענער זאַץ, וואָלט ניט געווען ריכטיג. מיר האַלטען איהם, ווי אַלע אַנדערע מאַטעמאַטישע זאַצען, פאַר אַן אַבסאָלוט נויטווענדיגען געדאַנק, ווייל ער איז צוגעפּאַסט צו די פאַקטען פון דער ערפאַהרונג און פער׳אמת׳ט זיך אין זיי אַלע וויילע. דער פּסיכאָלאָגישער הרגל איז דער פונדאַמענט פון דער לאָגישער נויטווענדיגקייט אויך אין דער מאַטהעמאַטיק. און אקיראט ווי מיר

האָבען ניט די מעגליכקייט צו זיין אין ספק וועגען די געזעצען פון דער מאַטהעמאַטיק, אזוי קאָנען מיר פערטרייבען יעדען ספק אויך פון די נאַטור־וויכענשאפטען. די קוויזאַליטעט איז אויסגעוואקסען פון דעם זעלבינגען פסיכאָלאָגישען הרגל, ווי די מאַטעמאַטישע געזעצען : זי איז צוגעפּאַסט צו אַ שטענדיגער ערפאַהרונג, וואָס בלייבט זיך תמיד גלייך. די ל אָ ג י ק מאַכט אויך ניט קיין אויסנאהם פון דעם דאָזיגען כלל ; מילל האָט אָנגעווענדט זיין הויפט־ארבייט בדי אויסצובויען דאָס סיסטעם פון דער א י נ ד ו ק ט י ו ו ע ר לאָגיק, וואו אלע געזעצען פון דעם דענקען ווערען סוף כל סוף צוריקגעפיהרט צו דעם לעצטען פּרובירשטיין פון דעם אמת, צו דער עמפּפינדונג.

געוויס, די רעזולטאַטען פון מילל'ס לאָגיק שטימען דאָ ניט אין גאַנצען איין מיט דעם געוועהנליכען דענקען, וואָס מיינט. צ. ב. אז סיבבטאַנצען און אורזאכען געפינען זיך א י ן דער ערפאַהרונג. זיי זענען, ווי די לאָגישע געזעצען, געוויסע אידעען־פערבינדונגען, וואָס ד ו כ ט ע ן זיך אונז אויס אַז זיי זענען אַבסאָלוט נויטווענדיג, אזוי, אַז זיי מ ו ז ע ן הערשען אין דעם זיין פון דער וועלט. אָבער דער מ ו ז זייערער איז ניט קיין לאָגיש נויטווענדיגער און אויך ניט קיין אַ־פּריאָרישער, ווי דאָס וויל האָבען דער קאַנטיאַנער האַמילטאָן, נאָר א ריין פּסיכאָלאָגישער. די עמפּפינדונגען זענען סובּיעקטיוו, שפּיעלען זיך אָב נאָר אין דער ערקענטניס, מיר גלויבען אָבער אז עס איז דאָ אַ דרויסענדיגע וועלט. דער גלויבען האָט אויך זיין גרונד אין דער ערפאַהרונג, ד. ה. אין דיזעלביגע עמפּפינדונגען. מיר האָבען איינגעזעהען, אַז מיר האָבען תמיד די מ ע ג ל י כ ק י י ט פון אַלץ נייע און נייע עמפּפינדונגען. אָט די אויביגע מעגליכקייט פון עמפּפינדונגען איז דער אייגענטליכער אינהאלט פון אונזער פאָרשטעלונג וועגען אַ דרויסענדיגער וועלט. מיט יום קומט מילל אויך צו דעם רעזולטאַט, אז קיין „איך“, אָדער אַ נשמה, וואָס זאָל פון זיך ארויסברענגען אידעען אָדער אויפנעהמען זיי פון דער דרויסענדיגער וועלט, איז אייגענטליך ניטאָ. „איך“ איז דער סכום פון אלע פּסיכישע פּראָצעסען, וואָס געהען איינער נאָך דעם אַנדערען. מען קאָן מילל'ס געדאנק וועגען דעם „איך“ נאָך בעסער פערשטעהן, ווען מיר וועלען דאָס „איך“ פערגלייכען מיט אַ ראָנד פּערעל.

וואָס ליעגען איינע נעבען דער אנדערער. יעדע פּערעל איז אַ בע־
זונדער פּסיכיש געשעהן, נאָר זייער אָרדנונג אין איינעם מאַכט זיי
צו איין גאַנצען ראָנד. אָבער דער פּערגלייך דעקט דאָ אויף אַ טהעָ־
אָרעטישע שאלה, וועלכע אויך מילל האָט איינגעזעהן און האָט עהר־
ליכערהייד צוגעגעבען, אַז ער קאָן זי ניט פּערענטפערן. ווי אַזוי
האָט דער גאַנצער ראָנד אַ בעוואוסטזיין פון זיין איינהייט? גיט
מען צו, אַז עס איז דאָ אַ וואָסער איז פּסיכישער פּאָדעם, וואָס
ציעהט זיך דורך דעם גאַנצען ראָנד, יעמאָלט צושטערען מיר די
גאַנצע טהעאָריע; דער פּסיכישער פּאָדים איז יעמאָלט דאָס „איך",
וואָס פעראייניגט די איינצעלנע פּסיכישע פּאַסירונגען צו איין גאַנ־
גאַנג, — און „איך" וואָס איז שוין אליין ניט ערפאַהרונג, ניט אן
איינצעלנע פּערעל אין דעם ראָנד. לייקענט מען אָבער אָב דעם פּסי־
כישען פּאָדים, יעמאָלט איז אונמעגליך צו דערקלעהרען, ווי אַזוי
איין פּערעל וויים עפּעס פון דער אנדערער, ווי אַזוי עס קאָן איבער־
הויפּט עקזיסטירען אַ בעוואוסטזיין פון „מיין" פּערגאַנגענהייט און
אַ דערוואַרטונג פון ווייטערע מ ע ג ל י כ ע עמפּפינדונגען אין
דער צוקונפט. דער פּונקט פון דער איינהייט פון דעם בעוואוסטזיין,
דער צענטראַלער פּונקט פון דעם גאַנצען סיסטעם שטעהט אין וועג
דעם ריינעם עמפּיריזם. מילל זעהט דאָס איין, אָבער ער פּיהלט ניט,
אַז דאָ צושלאָגט זיך זיין גאַנצער סיסטעם, וואָס קאָן זיך ניט צוריק־
קעהרען צו דעם שטאַנד־פּונקט פון לאָקק מיט זיין פּאָרשטעלונג וועָ־
גען דער מענשליכער „נשמה", ווי אַ „וויים בלאַט פּאַפּיער".

דער ריינער עמפּיריזם היט אָב מילל'ן פון דעם מאַטעריאַליס־
טישען בליק אויף אלין, וואָס קומט פּאָר אין דער נאַטור. אין דעם
פּונקט געהט ער אַזוי ווייט, אַז ער גיט צו די מעגליכקייט פון אַ גאָט
אין דער וועלט. אָבער אויך די גאָט־פּאָרשטעלונג איז פּאַר איהם אַ
פּסיכאָלאָגישער גלויבען, און כדי מיר זאָלען קאָנען צושטעהן צו איהם
דאַרף זי זיין מעהר אָנגעפּאַסט צו יענער ערפאַהרונג, וועלכע מיר
בעקומען פון דעם וועלט־געשעהען. אן אלמאַכטיגער גאָט, וואָס
לאָזט צו אַזוי פיעל שלעכטס אין אונגערעכטיגקייט אין דער וועלט,
געהט להיפּך צו אונזערע געפיהלען און אידעאַלען. עס איז דערי־
בער ליכטער אָנצונעהמען, אַז אין דער וועלט קעמפּפט פּאַר אַ בע־
סערע וועלט־אָרדנונג אַ גוטער, און ערהאַבענער, אָבער ניט אל־מאַכ־

טיגער פּרינציפּ. די עטהיק (וואָס ווערט, אגב אורחא, אויפ־געבויט אויף אַ שטאַרק אוטיליטאַריסטישען יסוד) קאָן פון אונז פערלאַנגען, מיר זאָלען מיט אונזערע מעשים העלפען דער גאָטהייט דורכפיהרען אין דער וועלט איהר גוטען ווילען.

## § 40. דער נעאָ־יומיזם: ריכאַרד אַווענאַריוס (1843—1896) און ערנסט מאַך (געב. 1838).

אַ ווייטערע ענטוויקלונג פון יום און מילל'ס געדאַנקען, דורכ־געמוסטערט און פערגליכען מיט דעם קאַנטישען אין דעם נעאָ־קאַנ־טישען קריטיציזם, איז די „וויסענשאַפטליכע" פילאָסאָפיע פון אַווענאַריוס און מאַך. אָבער ווען אפילו מיר געפינען, אַז איהרע גרונד פּרינציפּען זענען שוין אַרוים געזאָגט געוואָרען פון איינצעלנע דענקער פאַר זיי, מוז מען דאָך צוגעבען, אַז זי טראָגט אריין אַ גאַנץ נייע אַרט צו בעטראַכטען דאָס וועלט־געשעהען. מיר וועלען פּרו־בען אויסגעפינען אַ וועג, וואָס זאָל אונז לייכטער מאַכען צו פער־שטעהן דעם קערן פון דער נייער לעהרע.

לאָמיר זיך אַוועג שטעלען אויף דעם שטאַנד־פּונקט, וואָס איז זעהר עהנליך צו ספּענסער'ס, אַז ס'איז דאָ אַ דרויסען וועלט און אַן „איך", און אַז די ערקענטנים איז אַ פּראָדוקט פון מיין „איך", אַרויס־גערופען אין „מיר" דורך די איינווירקונג פון דער דרויסענדיגער וועלט. די ערקענטנים איז ניט קיין ריכטיגע אָבשפּיעגעלונג, אָבער פּאָרט אַן אָבילדונג פון דעם „דרויסען". דעם שטאַנדפּונקט קאָן מען גאַנץ גוט וויסענשאַפטליך בעווייזען דורך די רעזולטאַטען פון דער פּי־זיאָלאָגיע. די דרויסענדיגע וועלט ווירקט אויף די נערווען און אין די נערווען און דעם מאַרך ווערן בעשאַפען די בילדער פון די זאַכען. די בילדער זענען פערשיידען פון די זאַכען ווייל זיי דריקען אויס די טבע פון די נערווען גופא. מיר האָבען אין „אונזער" בעוואוסטזיין אויך די בילדער פון אונזערע מיטמענשען. זיי זענען פאַר אונז אויך ניט מעהר ווי ערשיינונגען, וועלכע מיר דאַרפען בעהאַנדלען אַקוראַט ווי די איבעריגע זאַכען פון דער דרויסענדיגער וועלט. ממילא האָבען מיר צוויי וועלטען: אַ דרויסענדיגע, און אַן אינוועניגסטע, ווי איז אָבער אַז מיר וועלען איצטער מאַכען זיך אַ כלל: מיר גלויבען נאָר אין דאָס, וואָס איז אונז אַבסאָלוט זיכער פון דער אייגענער ערפאַהרונג

און לייקענען לגמרי אָב אַלין, אין וואָס מיר קאָנען זיין אין ספק, וואָס מיר געפינען ניט אין אונזער ערפאהרונג. איז די עקזיסטענץ פון די דרויסענדיגע זאכען זיכער ? בשום אופן ניט ! מיר קענען נאָר „אונזערע" בילדער און אונזער אייגענע עקיסטענץ. לאָמיר דע־ריבער אָבלייקענען די עקזיסטענץ פון די דרויסענדיגע זאכען. עק־זיסטירען אונזערע מיטמענשען ? ניין, מחמת דעם זעלביגען טעם. עקזיסטירט אונזער קערפער ? אויך ניט, ווייל ער איז נאָר א בילד אין אונז, אויפגעבויט לויט דעם זעלביגען פרינציפ, ווי דאָס בילד פון א דרויסענדיגען בוים. וואָס עקזיסטירט דען ? א גייסטיגער „איך", ביי וועלכען עס קומט אינוועניג פאָר א בעשאפונגס־פראָצעס פון פערשיעדענע בילדער. טראַכט איך מיך אריין אין די פערשיע־דענע בילדער, אין די חלומות, וואָס טראָגען זיך אום אין מיין בע־וואוסטזיין, קאָן איך אויסגעפינען אין איינעם מיט יום'ען און מילל'ן, אז זיי אַלע ווערן אויפגעבויט פון איינצעלנע איינפאכע עלע־מענטען, פון עמפּפינדונגען: רויט, גרין, שווער און אזוי ווייטער. ס'פערשטעהט זיך, אז די איינצעלנע עלעמענטען זענען נאָר אין „מיר": ס'איז דאָ נאָר אַן אינוועניגסטע וועלט.

אָבער דאָ פּאַסירט עפּעס, אויף וואָס איך האָב פריהער ניט גענוג אכטונג געגעבען. איך רעד אַלין פון א גייסטיגען „איך" און א „מיר", וואָס איז ווי א זאַק, אין וועלכען עס ליעגען אַלע עמפּפינ־דונגען און בילדער, און איך בין זיכער, אַז דער זאַק עקזיסטירט, אַז אַלע בילדער ליעגען אין איהם, און אַז דאָס זאָגט מיר מיין אייגענע ערפאהרונג. איז דאָס אָבער ריכטיג ? האָב איך אין מיין ערפאה־רונג אזא מין זאַק, אין וועלכען עס ליעגען אַלע אנדערע בילדער ? די פאָרשטעלונג פון דעם זאַק איז ביי מיר אויסגעוואַקסען יעמאָלט, ווען איך האָב געגלויבט, אַז ס'איז דאָ א דרויסענדיגע וועלט און דרויסענדיגע מענשען חוץ מיר. איך האָב זיי געמוזט אריין נעהמען אין מיר, אריין שטאָפּען זיי ווי אין א זאַק. איצטער אָבער, אַז איך לייקען לגמרי אָב א וועלכע עס איז דרויסענדיגע וועלט און די דרויי־סענדיגע מענשען, איז די פאָרשטעלונג פון אַן „איך". אקוראט אַזאַ איינצעל־בילד, ווי די פאָרשטעלונג פון דעם טיש און דעם בוים און די מענשען. ווי נאָר איך נעהם אָן איין איינציגען „איך", וואָס נעהמט אין זיך אריין „בילדער", אזוי פערליערט דאָס

„איך“ אויפ׳ן שטעל זיין יחוס און ער ווערט ניט מעהר ווי איין טייל פון דער גאַנצער בילדער וועלט. דאָס „איך“ געפינט זיך אין איהר אויף דעם זעלביגען שטייגער ווי אַלע אַנדערע בילדער. אזוי דיק־טירט מיר איצטער מיין ערפאַהרונג. און אזוי מוז איך דאָס אָנ־נעהמען. ס׳איז ניטאָ קיין „איך“. וואָס זאָל אריין נעהמען עפּעס אין זיך. דאָס „איך“ איז אויך ניט מעהר, ווי א קאָמבינאַ־ציע פון עמפּפינדונגען, אקוראַט אזוי גוט ווי דער בוים, אָדער דער טיש. וואָס בעקומען מיר אָבער איצטער? אזוי ווי קיין דרויסענדיגע וועלט איז ניטאָ און קיין אינ־וועניגע וועלט איז אויך ניטאָ (ווייל ס׳איז ניטאָ קיין זאָך־ארטיגער „איך“) בלייבט נאָר איין איינציגע וועלט: די ביל־דער־וועלט, וואָס בעשטעהט פון איינצעלנע עמפּפינדונגען, אָדער זינליכע קוואַליטעטען. אָבער פאַר וואָס זאָל איך זי איצטער אָנרופען די „בילדער“־וועלט? „בילדער“ זענען געוועזען קע־מאָלט, ווען עס זענען געוועזען זאַכען דרויסען פון דעם „איך“, וואָס זענען „אָבגעשפּיגעלט געוואָרען אינוועניג אין דעם „איך“. איצ־טער אָבער, אז עס זענען ניטאָ מעהר קיין „דרויסענדיגע“ זאכען און קיין „איך“, זענען אויך ניטאָ קיין אינוועניגע „בילדער.“ וואָס בלייבט דען סוף־כל־סוף? עס בלייבט א וועלט פון עמפּפינדונגען, פון רויט, גרין, ווארים, קאַלט, רוים־עמפּפינדונג, צייט־עמפּפינדונג און פון עמפּפינדונגסגרופּען: בוימער, שטערען, מענשען, „איך“ און אזוי ווייטער: דאָס הייסט עס בלייבט די ווירקליכע, איינ־איינציגע וועלט, די וועלט פון דער ריינער ערפאַהרונג וואָס איז ניט פאַנאַנדער־געשפּאַלטען אין א „דרויסענדיגע“ און אַן „אינווע־ניגסטע“.

אָט דאָס איז דער גרונד־געדאַנק, צו וועלכען עס קומט די ווי־סענשאַפטליכע פילאָסאָפיע פון אַווענאַריוס אין זיין „עמפּיריאָ־קרי־טיציזם“. און צו דעם זעלביגען רעזולטאַט קומט אויך מאַך. עס איז אין דער פילאָסאָפיע ניט שווער צו דערקענען קאָהען׳ס איין־איינציגע בעוואוסטזיין׳ס־וועלט, נאָר פאַנאַנדערגעלעגט, לויט מילל, אין איהרע איינצעלנע עמפּפינדונגס־עלעמענטען.

די וויסענשאַפטליכע פילאָסאָפיע האָט מעהרערע אויפגאַבען. ערשטענס דאַרף זי דערקלעהרען ווי אזוי די יענשהייט האָט היס־

טאָריש און פּסיכאָלאָגיש אַרויסגעבראַכט די פאָרשטעלונג פון אַן „איך", אָדער אַ נשמה, וואָס וואָהנט אין אַ גוף, — די ערשטע זינד, פון וועלכע עס שטאַמען אַלע אַנדערע: פאָרשטעללונגען פון „סובסטאַנץ", „קוויזאַליטעט" און די איבעריגע בעגריפען, וואָס זענען ניט ריינע עמפּפינדונגען. זיי אַלע זענען, לויט אַווענאַריוס, „אַריין־טראָגונגען" אין די וועלט פון דער ריינער ערפאַהרונג, וואָס האָבען זי צושפּאַלטען אין אַן „אינוועניגע" און אַ „דרויסענדיגע". צווייטענס דאַרף די פילאָסאָפיע אויסריינינגען אַלע איינצעל־וויסענשאַפטען פון די „אַריין־טראָגונגען, וואָס הערשען נאָך אין זיי, און בעווייזען, אַז די וויסענשאַפטען קאָנען גאַנץ גוט אויסקומען אָהן די פאָרשטעלונגען פון „מאַטעריע", „גייסט", „סובסטאַנץ", „קוויזאַליטעט" און אַזוי ווייטער. דריטענס, מוז מען אויסגעפינען ווי די וועלט זעהט אויס, ווען מען וואַרפט אַרויס אַלץ, וואָס די „מעטאַפיזיק" האָט אין איהר אַריין געטראָגען.

די אויפגאַבען זענען נאָך ניט אין גאַנצען אויסגעפיהרט געוואָרן, אָבער אַ היבשע גרופּע פון ערנסטע דענקער אַרבייט אויף זיי. מאַך, איינער פון די טיכטיגסטע פיזיקער, בעווייזט, אַז די פיזיק קאָן אין גאַנצען אויסקומען אָהן דער מאַטעריע און אָהן דער קוויזאַליטעט. ער וואַרפט פון איהר אַרויס אַזעלכע איינגעזעסענע און פעסט אין גלויבען איינגעוואָרצעלטע געזעצען ווי דאָס געזעץ פון דער ערהאַלטונג פון דער מאַטעריע און דער ענערגיע. דאָס וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגס־פּרינציפּ פאַר דער פיזיק איז די איינפאַכע, קלאָהרע און „עקאָנאָמישע" בעשרייבונג פון די פאַקטען. אָסטוואַלד, איינער פון די בעסטע כעמיקער, (וואָס איז, איבעריגענס, ניט אין אַלע פונקטען מסכים מיט די פּרינציפּען פון דער וויסענשאַפטליכער פילאָסאָפיע), האָט פערטריעבען די מאַטעריע פון איהר הויפּטפעסטונג, דער כעמיע, און זעהט אויסצואַרבייטען אַ נאַטור־פילאָסאָפיע, בענוצענדיג בלויז דעם בעגריף פון „ענערגיע". שווערער פאַר אַלץ וועט זיין דער וויסענשאַפטליכער פילאָסאָפיע פאַרטיג צו ווערען מיט דער פּסיכאָ־פיזיאָלאָגיע, ווייל דאָרטען מוז בעוויעזען ווערען אַווענאַריוס'עס געדאַנק, וואָס איז אַ פאָדערונג פאַר זיין גאַנצען סיסטעם, אַז דער מאַרך איז ניט דער בעשאַפער און ניט דער

אָ ר ג אַ ן און נ י ט ד ע ר ז י ט ץ פ ו ן ד ע ם ד ע נ־ק ע ן. דער נעאָ־יומיזם טראָגט אין זיך אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין אַלע וויסענשאַפטליכע פראַגען. אַפילו פאַר דעם קאָפּערניקאַנישען סיסטעם בלייבט ער ניט שטעהן מיט דעם געוועהנליכען דרך־ארץ. עס איז פאַר דער וויסענשאַפט ניט וויכטיג מען זאָל דוקא נעהמען די זון פאַר אַ צענטר און בעשרייבען די בעוועגונג פון הימעלס־ערשיינונגען, ווי זיי דאַרפען אויסזעהען ווען מען שטעהט אויף דער זון. ע ס ק אָ ן ג ע מ אָ ל ט ז י י ן, אַז ווען מען זאָל בלייבען אויף דער ערד און בעטראַכטען די זעלביגע אַסטראָנאָמישע בע־וועגונגען פון דעם ערד־שטאַנדפונקט, וועלען מיר אויך קומען צו גע־נויע, איינפאַכע, „עקאָנאָמישע“, ד. ה. ריין עמפּירישע בעשרייבונ־גען. יעדע טהעאָריע איז ניט מעהר ווי אַ טהעאָריע און האָט נאָר אַ רעלאַטיווען ווערטה, וואָס טאָהר ניט צודעקען דעם ווערט פון דער דירעקט געגעבענער ערפאַהרונג. דער קאַמפּף אַנטגעגען דער היפּאָ־טהעזע, דער „אריין־טראָגונג“, איז איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון אָט דער נייער אַרט צו פילאָסאָפירען, און מען מוז צו־געבען אַז די אַרויסדעסטילירונג פון דער ריינער ערפאַהרונג אויף אַלע פעלדער פון דער וויסענשאַפט איז אַ וויסענשאַפטליכע אויפ־גאַבע, פאַר וועלכע די מענשהייט וועט דאַנקבאַר זיין דעם נעאָ־יומיזם, ווען אַפילו עס זאָל זיך אַרויסשטעלען, אַז זיינע פילאָסאָפישע קאָנ־סעקווענצען קאָן מען ניט אָננעהמען.

נאָהענט צו דעם פילאָסאָפיע פון אַווענאַריוס און מאַך שטעהט די א י מ אַ נ ע נ ט ע פ י ל אָ ס אָ פ י ע פון שופּפּע און שו־בערט סאָלדערן. אויך דער מעכאַניקער ק ל י פ אָ ר ד (1845־1879) האָט ענטוויקעלט געדאַנקען, וואָס דערמאָהנען אָן דער אימאַנענטער פילאָסאָפיע און אָן דעם עמפּיריאָ־קריטיציזם.

## § 41. דער פּראַגמאַטיזם.

איינצעלנע געדאַנקען פון פריעדריך אַלבערט לאַנגע, דזשאָהן סטיוארט מילל, קליפאָרד, מאַך און אַנדערע נעאָ־יומיסטען זענען צונויפגעשמאָלצען געוואָרען אין דער נייסטער פילאָסאָפישער ריכ־טונג, דעם „פּראַגמאַטיזם“. וואָס זיין הויפּט־פּערטרעטער איז דער אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָג ד ז ש י י מ ס (געב. 1842).

איין גרונד־געדאנק פון דעם פּראַגמאַטיזם איז אַ קאַנט־ל אַ נ ג ע־שער: אַז די וואַרהייט איז אַ פּראָדוקט פון דעם ער־קענענדען סוביעקט. וואַרפט מען אַראָב אין איינעם מיט די אימאַ־נענטען די עקזיסטענץ פון אַ וועלט דרויסען פון דער ערקענטניס, בעקומט מען דעם רעזולטאַט, אַז די וואַרהייט, אָדער די ערקענטניס איז די גאַנצע וועלט, וועניגסטענס, די מענשליכע וועלט. אַ צווייטער גרונד־געדאנק איז דער פּראַקטישער כאַראַק־טער פון דער מענשליכער ערקענטניס, מיט וועלכען מיר זענען בעקאַנט געוואָרען ביי דעם יונגערן מאַרקס און ביי מיכאַילאָווס־קי'ן: די ערקענטניס בעפריעדיגט געוויסע פּראַקטישע בעדערפע־ניסען. אויף דעם באָדען פון די צוויי גרונד־געדאנקען וואַקסט אויס אַ נייע שטעלונג צו די פילאָסאָפישע פּראָבלעמען בכלל און צו דער פראַגע וועגען די וויסענשאַפטליכע היפּאָטהעזען אָדער די „אריין־טראָגונגען", ווי אַווענאַריוס רופט זיי, בפרט. זענען די אריין טראָ־גונגען „אמת" אָדער „פאַלש"? איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט אָדער ניטאָ? איז די סובסטאַנץ פון דער וועלט מאַטעריע אָדער גייסט?

אויף אַלע די פראַגען ענטפערט דער פּראַגמאַטיזם צוריק מיט אַ פראַגע: וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער ענטפער אויף זיי צו דער מענשליכער פּראַקטיקע? וואָס וועט דער ענטפער אויפטהון פאַר די מענשליכע מ ע ש י ם? פאַר די מענשליכע אויפפיהרונג? („פּראַג־מאַ" איז דער טייטש האַנדלונג). אויב אַ פערשיידענער ענטפער קאָן פיהרען צו פערשיידענע מעשים, יעמאָלט האָט אַ זין צו שטעלען די פראַגע, אַז ניט — האָט זי קיין ווערטה און קיין זין ניט. י ע ד ע אידעע, י ע ד ע היפּאָטהעזע, י ע ד ע ר גלויבען איז אמת אָדער פאַלש, עס ווענדט זיך אָן דעם, אויף וויעפיעל זיי העלפען אונז צו ענטוויקלען און אויסצובעסערן די מענשליכע קולטור און צו בע־רייכערען דעם יחיד'ס לעבען; אויף וויפיעל עס לאָזט זיך ארבייטען מיט זיין אין דער וויסענשאַפט, אין דער ערציעהונג, אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, און אזוי ווייטער. קאָן מען אויסקומען אָהן „סובסטאַנץ", איז די „סובסטאַנץ" אַ פאַלשער בעגריף, מוז מען זי אָנווענדען, איז זי אַן אמת'ער בעגריף. דער אנאַליז בעווייזט אָבער, אַז פאַר דער דערקענטניס פון די ערשיינונגען איז די סובסטאַנץ

אין גאַנצען אַן איבעריגע זאַך. מען מוז זי דעריבער לאָזען פאַלען און מיט איהר פאַלען אַראָב אַ סך מעטאַפיזישע פראַגען. דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם גלויבען אין גאָט. בערייכערט ער אייער לעבען, ברענגט ער אייך גליק און בעשטימט אייערע מעשים, איז ער פ אַ ר א י י ך אַן אמת.

דער פּראַגמאַטיזם קעמפפט אַנטגעגען די פאָרשטעלונגען פון אַן „אַבסאָלוטען און אַ ריין טהעאָרעטישען וויסען. אפילו אַנטגעגען דעם מאָניזם קעמפפט ער, ווייל ער איז צו אַבסטראַקט און שטימט ניט איבעריין מיט דער ערפאַהרונג. דזשיימס ערקלעהרט זיך פאַר אַ פּלוראַליסט, ער לאָזט אויך צו דעם גלויבען, אַז אין דער וועלט ווירקען עטליכע געטליכע קרעפטען, גוטע אָבער ניט אַלמעכטיגע (ווי ביי מילל'ן). די אויפגאַבע פון דעם מענשען איז העלפען זיי בעשאַפען אַ בעסערע וועלט.

דער קריטעריום פון אמת איז ניצליכקייט, „אַרבייטזאַמקייט", ד. ה. זיין פעהיגקייט אַרויסצוברענגען ניצליכע קענטניסען און צו בעשטימען אונזערע מעשים. אַ דרויסענדיגע וועלט, לויט וועלכער מען זאָל אָביעקטיוו בעשטימען דעם ווערטה פון די איינצעלנע וואהרהייטען, איז ניטאָ, אָדער ווענינגסטענס, אויף אויביג פערשלאָסען פאַר דעם מענשען. אויביגע דענק־געזעצען און קאַטעגאָריען, מיט וועלכע מען זאָל אויספּרובען דעם אמת, זענען אויך ניטאָ. פאַר דעם מענשען איז די וועלט — די מענשליכע וועלט: — די ענטוויקעלונג און די שטענדיגע איבער־אַרבייטונג, פון מענשליכע אמת'ען.

* * *

ליטעראַטור צו § 25. (קאַרל מאַרקס און פריעדריך ענגעלס).

Karl Marx und Friedrich Engels, Die Heilige Familie oder Kritik der kritischen Kritik, 1845.

Karl Marx und Friedrich Engels, Das Kommunistische Manifest, 1847.

Karl Marx, Misere de la philosophie, Reponse a la Philosophie de misere de Proudhon, 1847.

" " (Das Elend der Philosophie, 1885.)

Friedrich Engels, Herrn Dührings Umwaelzung der Wissenschaft, 1878.

" " Ludwig Feuerbach, 1888.

D. Koigen, Zur Geschichte und Sozialphilosophie des Junghegelianismus, 1901.

F. Barth, Die Geschictsphilosophie Hegels und der Hegelianer bis auf Marx und Hartmann, 1890.

Rudolf Stammler, Wirtschaft und Recht nach der Materialistischer Geschichtsauffassung, 1896.

Georg Pleehanow, Beitraege zur Geschichte des Materialismus, 1896.

" " K woprosu o razwitii monisticheskago wzglada na istoriju (רוסיש) 1895.

Ch. Zhitlowsky, Materializm i dialekticheskaja logika (רוסיש), 1906.

צו § 28 (שאפּענהויער און דער פּעסימיזם).

Arthur Schopenhauer, Ueber die vierfache Wurzel des Satzes vom Zureichenden Grunde, 1813.

" " Die Welt als Wille und Vorstellung 1819 und 1844.

" " Parerga und Paralipomena, 2 Bde. 1851.

" " Werke, ed. E. Grisebach, 6 Bde. (Reclam).

" " Handschriftlicher Nachlass, 4 Bde. (Reclam).

" " Briefe, 2 Bde. (Reclam).

R. Seydel, Schopenhauers System, 1857.

J. Volkelt, Arthur Schopenhauer, 1900.

H. Richert, Schopenhauer, Sechs Vortraege, 1905.

Eduard v. Hartmann, Philosophie des Unbewussten, 1869.

A. Drews, Ed. v. Hartmann's philosophisches System, 2 Aufl. 1906.

Th. Koppstein, E. v. Hartmann, Einführung in sein Gedankenwelt, 1907.

Phil. Mainlaender, Die Philosophie der Erloesung, 1876 ff.

Otto Weininger, Geschlecht und Character, 9 Aufl. 1907.

צו § 29 (דער מאָדערנער מאָניזם).

Lazarus Geiger, Umfang und Quelle der Erfahrungsfreien Erkentnis, 1865.

" " Ursprung der Sprache, 1869.

Lazarus Geiger, Ursprung und Entwikelung der menschlichen Sprache u. Vernunft, 2 Bde. 1872.
Ludwig Noire, Der monistische Gedanke, 1875.
" " Das Werkzeug und seine Bedeutung für die Entwickelungsgeschichte der Menschheit.
Ernst Haeckel, Die Weltraetsel, 1899.
" " Die Weltwunder, 1904.
Wilhelm v. Reichenan, Die Monistische Philosophie von Spinoza bis auf unsere Tage, 1884.
E. Adickes, Kant contra Haeckel, Erkentnistheorie gegen naturwissenschaftlichen Dogmatismus, 1901.

צו § 30 (די „איך"-פילאָסאָפיע).

Max Stirner, (Caspar Schmidt), Der Einzige und sein Eigenthum, 1845 (Reclam 1892).
J. H. Mackay, Max Stirner, sein Leben und sein Werk, 1898.
Friedrich Wilhelm Nietzsche, Die Geburt der Tragoedie aus dem Geiste der Musik, 1872.
" " " Also sprach Zarathustra, 1883—1891.
" " " Jensest von Gut und Boese, 1886.
" " " Werke Bd I. ff, 1895 ff.
Al. Riehl, Nietzsche, der Kuenstler und der Denker, 1897.
H. Vaihinger, Nietzsche als Philosoph, 1905.
R. Richter, F. Nietzsche, sein Leben und sein Werk, 1903.

צו § 32 (פריעז און בענעקע).

J. Fr. Fries, Neue Kritik der reinen Vernunft, 1807.
" Psychische Anthropologie, 1821.
Eduard Beneke, Grundlegung zur Physik der Sitten, 1822.
" " Lehrbuch der Psychologie als Naturwissenschaft, 1833.
" " Natürliches System der practischen Philosophie.
O. Gramzow, F. E. Benekes Leben und Philosophie, 1899.

צו § 33 (וויליאם האמילטאָן).

Sir William Hamilton, Discussions on Philosophy and Literature 1825.

Sir William Hamilton, Lectures on Metaphysics and Logic, 4 vls. 1859—1860.

O. W. Wight, The Philosophy of Sir W. Hamilton, 3 ed. 1855.

צו § 34. (הערבארט, פעכנער, לאָצטע און וואונדט).

Joh. Fr. Herbart, Psychologie als Wissenschaft, neugegründet auf Erfahrung, Metaphysik und Mathematik, 1824—1825.

" " Werke, 12 Bde. 1850—1852.

W. Winkel, Joh. Fr. Herbart, sein Leben und seine Philosophie, 1903.

O. Flügel, Herbarts Lehren und Leben, 1907.

G. Th. Fechner, Nanno oder ueber das Seelenleben der Pflanzen, 1848.

" " Elemente der Psychophysik, 1860.

Kurd Lasswitz, G. Th. Fechner, 1896.

Rudolf Hermann Lotze, Metaphysik, 1841.

" " " Medizinische Psychologie oder Physiologie der Seele, 1852.

" " " Mikrokosmos, Ideen zur Naturgeschichte und Geschichte der Menschheit, 3 Bde, 1856—1864.

O. Caspari, H. Lotze etc. 1883.

Wilhelm Wundt, Vorlesungen über die Menschen und Tierseele, 1863.

" " Grundzuege der physiologischen Psychologie, 1873 (5 Auft. 1902f.)

" " System der Philosophie, 1889.

" " Voelkerpsychologie, 1904 ff.

E. Koenig, W. Wundt, 1902.

צו § 35. (קאַנט און דער פּאָזיטיוויזם).

M. Ferraz, Etudes sur la philosophie en France au XIX-e siecle, Bd. I: Socialisme, naturalisme et positivisme, 1877.

J. D. Morell, Lectures on the philosophical tendencies of the age, 1848.

L. Stein, Gesch. der socialen Bewegungen in Frankreich, 1842.

Saint—Simon, Claude Henri, Introduction aux travaux scientifiques du XIXe siecle 1807.
" " Du Systeme industrial, 1821.
" " Le nouveau christianisme.
Sophie Germain, Considerations generales sur l'etat des sciences et des lettres aux differentes epoques de leur culture, 1833.
" " Oeuvres philosophique, 1879.
Pierre Leroux, Encyclopedie nouvelle, 1838—1841.
" " De l'humanite, de son principe et de son avenir 2 vol. 1840
Auguste Comte, Cours de philosophie positive, 6 vol. 1830—1842.
" " Systeme de politique positive, ou traite de sociologie, instituant la religion de l'humanite, 4 vol 1851—1854.
Miss H. Martineau, The positive philos. of A. Comte, freely translated and condensed, 1853.
I. Rig, A. Comte, la philosophie, resume, 1881
(דייטש פון קירכמאַן 2 בד. 1883—1884)
Robinet, Notice sur l'oeuvre et la vie A. Comte, 1860.
E. Littre, Aug Comte et la philosophie positive, 1863.
J. St. Mill, A. Comte, and Positivism, 1865.

G. H. Lewes, Comte's Philosophy of the positive Sciences, 1853.
Herbert Spencer, The Genesis of Science, 1854.
" " A System of Synthetic Philosophy. First principles, 1862; Principles of Biology 1864—1867; Principles of Psychology 1855; Principles of Sociology, 1876—1896; Principles of morality, 1892—1893.
" " The Classification of the Sciences to which are added Reasons for dissenting from the Philosophy of A. Comte, 1864.
" " Education, Intellectual, Moral and Physical, 1861. (אידיש פון דר. מעריסאן 1910)
F. Howard Collins, An Epitome of the Synthetic Philosophy, 1889.

Malcolm Guthrie, Formula of Evolution, 1879.

O. Gaupp, Herbert Spencer, 1897.

צו § 37. (די האלב־פאזיטיוויסטען).

Eugen Dühring. Natürliche Dialektik, 1865.

" " Cursus der philosophie, als streng Wissenschaftliche Weltanschaung, 1875.

" " Logik und Wissenschaftstheorie, 1878.

" " Rob. Mayer, der Galilei des XIXten Jahrderts.

" " Kritische Geschichte der Philosophie, 1869.

Friedrich Engels, Dührings Umwaelzung der Wissenschaft, 1878.

Alfred Fouillee, La liberte et le determinisme.

" " L'evolutionisme des ideesforces, 1890.

" " Le monvement positive et la conception Sociologique du monde, 1896.

Guyau, Jean Marie, Vers d'un philosophe, 1881.

" Esquise d'une morale sans obligation, ni sanction, 1885.

" L'irreligion de l'avenir, 1887.

" L'art au point du vue sociologique, 1889.

" Education et heredite, 1889.

" La genese de l'idee de temps, 1890.

A. Fouillee, La morale, l'art et la religion d'ayres Guyot, 1889.

Em. Carlebach, Guyots Metaphysische Anschauungen, 1896.

צו § 38. (דער נעא־קריטיציזם).

Helmholtz, Physiologische Optik, 1886ff.

" Die Thatsachen der Warnehmung, 1879.

" Vorträge und Reden, 1884.

Otto Liebman, Kant und die Epigonen, 1865.

" " Zur Analysis der Wirklichkeit, 1876.

Friedrich Albert Lange, Geschichte des Materialismus und Kritik seiner Bedeutung in der Gegenwart, 1866. (5-te Auflage: Biographisches Vorwort und Einleitung mit kritischen Nachtrag von Hermann Cohen, 2 Bde. 1896.)

Friedrich Albert Lange, Logische Studien, ein Beitrag zur Neubegruendung der formalen Logik und der Erkenntnisstheorie. 1877.

Friedrich Albert Lange, Die Arfleiterfrage in ihrer Bedeutung fuer Gegenwart und Zukunft, 1866.

J. M. Bösch, Fr. Alb. Lange und sein Standpunkt des Ideals, 1890.

O. A. Ellisen, Frdr. Alb. Lange, sein Lebensbeschreibung, 1891.

H. Braun, F. A. Lange als Socialoekoncm.

Hermann Cohen, System der Philosophie. Bd. I.: Die Logik der reinen Erkentnis, 1892.
Bd. II.: Die Ethik des reinen Willens, 1904.

" " Religion und Sittlichkeit, eine Betrachtung zur Grundlegung der Religionsphilosophie, 1907.

Franz Lindheimer, Hermann Cohen (Beitraege zur Geschichte und Kritik der neukantischen Philosophie) 1900.

Paul Natorp, Einleitung in der Psychologie nach kritischer methode, 1888.

" " Religion innerhalb der grenzen der Humanitaet, 1894.

" " Socialpaedagogik, Theorie der Willenserziehung auf der Grundlage der Gemeinschast, 1899.

Rudolf Stammler, Wirtschaft und Recht nach der materialistischen Geschitsauffassung, 1896.

Philosophische Arbeiten, herausgegeben von H. Cohen und P. Natorp, 1906ff.

Alois Richl, Ueber Begriff und Form der Philosophie, 1872.

" " Der Philosophische Kriticismus und seine Bedeutung für die positive Wissenschaften, 1876ff.

§ 39. (דזשאהן סטוארט מילל).

James Mill, Analysis of the phenomena of the human Mind, 1829. (2nd ed. by J. St. Mill, 1869.)

John Stuart Mill, A System of Logic, Ratiocinative and inductive, being a connected View of the Principles and the Methods of Scientific Investigation, 2 vols. 1843.

" " " Principles of Political Economy, with some of their applications to social Philosophy, 2 vols. 1848.

John Stuart Mill, On Liberty, 1859.
(אידיש פון דר. מעריסאן 1909)
" " " Examination of Sir Hamilton's Philosophy, 1865.
" " " August Comte and Positivism, 1865.
" " " Three Essays on Religion, Nature, the Utility of Religion, and Theism, 1874.
" " " Autobiography, 1873.
W. L. Courtney, Life of J. St. Mill, 1889.
" Metaphysics of J. St. Mill, 1879.
Alexander Bain, J. St. Mill, A Criticism with personal Recollections, 1882.
Friedrich Albert Lange, J. St. Mill, Ansichten über die sociale Frage.
H. Taine, Le positivisme anglais, etude sur Stuart Mill, 1869.
Charls Douglas, J. St. Mill, a Study of his Philosophy, 1895.
S. Saenger, J. St. Mill, 1901.

צו § 40. (דער נעאָ־יומיזם).

Richard Avenarius, Philosophie als Denken der Welt, gemaess dem Princip des kleinsten Kraftmaasses, Prolegomena zu einer Kritik der reinen Erfahrung, 1876.
" " Kritik der reinen Erfahrung, 2 Bde, 1888 und 1890.
" " Der menschliche Weltbegriff.
Ernst Mach, Beitraege zur Analyse der Empfindugen, 1886.
" " Populaer Wissenschaftliche Vorlesungen, 1896.
W. Ostwald, Uuberwindung des wissenschaftlichen Materialismus, 1895.
" Vorlesungen ueber Naturphilosophie, 1902.
J. Petzoldt, Das Weltproblem vom positivistischen Standpunkt aus, 1906.
Wilh. Schuppe, Das menschliche Denken, 1870.
" " Erkenntnistheoretische Logik, 1878.
v. Schubert—Soldern, Grundlagen einer Eekentnistheorie, 1884.
" " Reproduction, Gefühl und Wille, 1887.

Friedrich Carstanjen, Rudolf Avenarius, biomechanische Grundlegung der reinen allgemeinen Erkentnistheorie. Eine Einfuehrung in die Kritik der reinen Erfahrung, 1894.

W. K. Clifford, Seeing and Thinking, 1879.

" " Lectures and Essays, ed. by Leslie Stephen and F. Pollock, 2 vols. 1879.

צו § 41. (פראגמאטיזם).

William James, Pragmatism, 1907.

" " The Varieties of religious Experience, A Study in Human Nature, 1909.

צוואנציגסטער קאַפּיטעל.

# ריקבליק און אויסבליק

(אינהאַלט: ענטדעקונגען און ערפינדונגען אין דער מענשלי־כער ערקענטניס. עמפּיריאָ־קריטיציזם און פּראַגמאַטיזם. דער פעה־לער פון דעם פּראַגמאַטיזם. דאָס ריין טהעאָרעטישע בעדערפעניס. דער מיסטישער אויסבליק פון דעם פּראַגמאַטיזם. דער קריטיציזם און די צעהן גרונד־פּרינציפּען פון דעם פילאָסאָפישען שאַפען. זייער גורל ביי די פערשיעדענע פילאָסאָפען. איינינע פּאַראַלעלען און „עקספּערימענטען“. די פראַגען, וואָס דאַרפען אויפגעשטעלט ווערן אויף דער טאַגעס־אָרדנונג. די טאָלעראַנץ. פילאָסאָפיע און אינ־דיווידועלע רעליגיאָן.)

א גייסטרייכער פילאָסאָפישער שריפטשטעללער האָט א מאָל פערגליכען די גאַנצע געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע צו א שאָך־פּאַרטיע צווישען צוויי שפּיעלער: „ווייס“ און „שוואַרץ“, דעם מאַטעריאַליזם און דעם אידעאַליזם. אין דער אמת'ען וואָלט מען געקאָנט יעדען פילאָסאָפישען ארגומענט בעטראַכטען ווי א „גאַנג“ אין דעם דאָזיגען טורניר, — א גאַנג, וואָס מאַכט שטאַרקער אָדער שוואַכער די פּאָזיציע פון דעם אָדער יענעם צד. דער מיין דער־ביי איז, אז די פראַגע ווער איז גערעכט, דער מאַטעריאַליזם אָדער דער אידעאַליזם, האָט אקוראַט אזא זין, ווי די פראַגע, ווער מוז געווינען אין שאָך: דער וואָס שפּיעלט ווייס, צי דער וואָס שפּיעלט שוואַרץ? עהדער מען זעצט זיך שפּיעלען, האָבען ביידע צדדים, אויב זיי האָבען נאָר דיזעלביגע פעהיגקייטען, אבסאָלוט די גלייכע שאַנסען פון געווינס.

דער משל, וועמעס וואָרצעל עס געפינט זיך שוין ביי פיכטע'ן, איז זעהר פּאַסענד. מען דאַרף נאָר ניט די גאַנצע פראַגע צוריקפיהרען צו דעם ענגערען פּראָבלעם פון אידעאַליזם און מאַ־

טעריאַליזם. דער ספּינאָזיסטישער מאָניזם, דער אָביעקטיווער סענסואַליזם פייערבאַכ'ס, דער עמפּיריאָ־קריטיציזם האָבען ארויס־געבראַכט ענטפערס פאַר דעם וועלט־פּראָבלעם, וואָס ליעגען גלייך ווייט סאַי פון דער „מאַטעריע“, סאַי פון דעם „גייסט“. אָבער יעדער ענטפער, אין וואָס ער זאָל ניט בעשטעהן, קאָן ניט אויפגע־פאַסט ווערען ווי אַן אבסאָלוטער אמת, צו וועלכען יעדער מענש־ליכער שכל מוז קומען, ווען ער וויים ווי צו בעגעהן זיך מיט זיינע קרעפטען. אמת'ען, וואָס זאָלען זיין אַ חוב פאַר יעדעם מענשען קאָן ארויסברענגען די ערפאַהרונגס־וויסענשאַפט און נאָר זי, און אויך דאָס ניט אַלעמאָל. וואָס מעהר די וויסענשאַפט דערווייטערט זיך פון דעם פעלד פון די עמפּירישע פאַקטען, אַלץ אונזיכערער ווערען איהרע רעזולטאַטען. די קאָפּערניקאַנישע טהעאָריע איז שוין ווייט ניט אַזוי זיכער און פעסט, ווי יענע עמפּירישע געזעצען, וואָס בעהערשען די איינטיילונג פון טאָג און נאַכט, ווינטער און זומער פאַר די פערשיעדענע פּלעצער פון דער ערד. די פילאָסאָפיע גיט ניט און קאָן ניט געבען קיין אבסאָלוטע אמת'ען פאַר יענע פראַגען, מיט וועלכע זי אינטערעסירט זיך מעהר פאַר אַלץ. אַלץ וואָס זי גיט און קאָן געבען איז — היפּאָטהעזען, סברות, אייגענע מענש־ליכע המצאות ווי אַזוי זיך אויסצומאָלען דעם צונויפבונד פון אַלע ערשיינונגען אין דער וועלט, און ווי אַזוי, אונטער וועלכער בעלייכ־טונג אַריין צופּלעכטען דאָס אייגענע זיין אין דעם אונענדליכען וועלט־געשעהען.

דער גאַנצער פעהלער פון דער פילאָסאָפישער ענטוויקעלונג ביז צו קאַנט און אויך שפּעטער ביי אַ סך דענקער איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס דער מענשליכער גייסט האָט ניט פערשטאַנען די סובּ־יעקטיווע טבע פון זיינע אייגענע המצאות און האָט זיי פערוואַנ־דעלט אין אָביעקטיווע וועלט־פּרינציפּען: „גאָט“, „גייסט“, „מאַ־טעריע“, „קוויזאַליטעט“, „סובסטאַנץ“ און אַזוי ווייטער, האָט ער געזעהען אין דרויסען, אַקוראַט ווי ער זעהט די דריטע דימענזיאָן אין דעם שפּיעגעל. ערשט אַ דאַנק קאַנט'ס קריטיציזם, איז די פּי־לאָסאָפיע געקומען צו איהר קלאָהרען בעוואוסטזיין; אָבער נאָר אין אונזער צייט איז דער געדאַנק אַריין אין פלייש און בלוט פון יעדען ערנסטען פילאָסאָפישען פאָרשער, אַז וועניגסטענס יענער

טייל פון די מענשליכע געדאַנקען וואָס ע ר ק ל ע ה ר ע ן די ערפאַהרונגס־וועלט, — אַלע מעטאַפיזיישע און אבסטראַקט טהעאָרעטישע פּרינציפּען, — זענען ניט ארויסגענומען געוואָרען פ ו ן דער ערפאַהרונג, נאָר אריין געטראָגען געוואָרען א י ן איהר.

דערפון מוז ממילא ארויסגעדרונגען ווערען: דער כלל־גדול, אַז אין דער פילאָסאָפישער געדאַנקען־וועלט געפינען מיר ניט קיין איין איינציגען פּרינציפּ, וואָס זאָל ניט שטאַמען פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין. „גאָט“ און „גייסט“ און „מאַטעריע“ זענען ניט ע נ ט ד ע ק ו נ ג ע ן, וועלכע דער מענש האָט געמאַכט אין דער נאַטור, ווי קאָלומבוס האָט אין דעם אָקעאַן ענטדעקט אמעריקע. זיי זענען ע ר פ י נ ד ו נ ג ע ן, ווי אייזענבאַהנען און טעלעגראַפען, וואָס זענען קיין מאָל אויף דער וועלט ניט געווען, ביז דער מענשליכער שכל האָט זיי ארויסגעבראַכט. „אויב עס וואָלט ניט געווען קיין גאָט“, האָט וואָלטער געזאָגט, „וואָלט מען איהם בעדאַרפט ערפינדען“. און מיר זאָגען איצטער: אויב ס'איז אפילו דאָ אַ גאָט, קאָן ער ניט לעבען אין דעם מענשליכען בעוואוסטזיין, סיידען דער מענש זאָל איהם האָבען פריהער ערפונדען. און דאָס אייגענע איז אויך מיט מאַטעריע און מיט „גייסט“.

די ריין עמפּירישע ריכטונג שלאָגט פאָר, מען זאָל אין גאַנצען ארויסוואַרפען פון דער פילאָסאָפישער וועלט די ע ר פ י נ ד ו נ ג ע ן, ווי „סובסטאַנץ“ און „קוויזאַליטעט“, און האַלטען זיך נאָר פאַר די ע נ ט ד ע ק ו נ ג ע ן, וועלכע מיר מאַכען אין דער וועלט פון דער ריינער ערפאַהרונג: אַ מין רוססאָ'שער אַנטלויפען פון דער ציוויליזאַציע צוריק צו דער נאַטור. דער מענש קאָן אָבער ניט לעבען אַ ריין נאַטירליכען לעבען. געוויס האָבען אַ סך ערפינדונגען שוין אויסגעלעבט זייערע יאָהרען און אייניגע פון זיי מעג מען ארויסוואַרפען צו דעם אַלטען אייזען, אָדער אריינשטעלען אין אַ מוזעאום פאַר היסטאָרישע ענטוויקעלונג. אָבער אויף זייער פּלאַץ וועט דער מענש געוויס אויפבויען נייע, ווייל די ערפינדונגען בעריכערן זיין וויסען און ברענגען איהם נוצען.

און ווען מען אהרט דאָס, וואָס סובסטאַנץ און קוויזאַליטעט זענען אויסגעטראַכטע זאַכען? — פרעגט דער פּראַגמאַטיזם און ענטפערט: דאָס איז א י ן ד ע ר פּ ר אַ ק ט י ק

קיינעמס דאגה ניט! אויב זיי ברענגען נוצען דעם מענשען, אויב זיי העלפען איהם בויען ערפאהרונג און פערבעסערן זיין לעבען, זענען זיי „אמת“. די פראגע איז נאָר, צי זיי טהוען דאָס.

— דאָס איז דער תוך פון יענער קאָררעקטור, וועלכער דער פּראַגמאַטיזם ברענגט אריין אין דעם ריינעם עמפּיריזם.

דער פראגמאטיזם איז דאָס לעצטע וואָרט פון דער פילאָסאָפישער ענטוויקעלונג. ער פערנעהמט א מיטעל־שטעלונג צווישען דעם ריינעם עמפיריזם און קאנט'ס קריטיציזם. מיט די עמפּיריקער האַלט ער, אז די אזוי אָנגערופענע „אפריאָרישע“ עלעמענטען זענען ניט קיין „מוז“ פאר דער מענשליכער נשמה, ניט קיין נויטווענדיגער „נאטור“־פּראָדוקט פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין. מען קאָן זיך אפשר בעגעהן אָהן זיי. אָבער אין איינעם מיט קאנט פרעגט ער זיך נאָך וועגען זייער ווערטה פאר דעם מענשען, און ער פערלאנגט, אז אויב זיי האָבען א וועלכען עס איז ווערטה פאר איהם, זאָל ער זיי אָנווענדען צו זיין נוצען און ניט איבעריגס דאגה'ן פון וואנען זיי שטאמען. אין דערין דריקט זיך ווידער אוים קאנט'ס א געדאנק, אז דעם פּראַקטישען שכל קומט די בכורה איבער דעם טהעאָרעטישען.

דער „פּראַגמאַטיזם“ פערשטעהט אָבער די פּראַקטישע זייט פון דער מענשליכער ערקענטניס שוין א ביסעל צו „פּראַקטיש“. איך וויל דערמיט ניט זאָגען, אז ער האָט אין זינען נאָר גראָב מאטעריעלע נוצען. בשום אופן ניט! דער שטאַנדפּונקט פון דעם אידעאַל ווערט דוקא ניט פערוואָרפען פון איהם, ווי אויך ניט פון מילל'ן, וואָס האָט געהאט דעם גרעסטען איינפלוס אויף איהם. זיין פּראַקטישקייט בעשטעהט אין דער איבערטריבענער גדלות מיט וועלכער ער קוקט פון אויבען אראָב אויף דער ריין טהעאָרעטישער פילאָסאָפיע. אייגענטליך וואָלט ער זי אין גאַנצען אָבגעשאַפט און געמאַכט איהרע איינצעלנע עלעמענטען פאר מיטלען צו אַנדערע ציעלען: רעליגיעזע, וויסענשאפטליכע, עטהישע, ריין טעכנישע. די פילאָסאָפיע פון דעם פראגמאטיזם זעהט אוים ווי אַן אויספּערקויף פון א בעל־הבית'ישקייט נאָך א שרפה, וואו די איינצעלנע אַרטיקלען ווערען „פערבאָוועלט“ צו יעדעם, וואָס קאָן זיך נאָר נויטיגען אין זיי. אפילו דער א ביסעל צוגעבריענטער בורא עולם

ווערט אויסגעשריען פאר די קונים, מחמת זיין פראקטישער ניצליכקייט, און אָנגעבאָטען, מען קאָן זאָגען, ׳פאר חצי חנם.

דער פעהלער פון דעם „פראגמאטיזם“ בעשטעהט אין דעם, וואָס ער זעהט ניט איין, אז די ריין טהעאָרעטישע טהעטיגקייט פון דעם מענשען, וואָס איז אין איהר ניט־אינטערעסירטקייט זעהר נאָהענט צו דעם עסטעטישען שויען, איז א טיעפע מענשליכע בעדערפניס, וואָס וויל בעפרידיגט ווערן ריין פאר זיך, אָהן א בריעקעל שייכות צו א וועלכען עס איז פראקטישען נוטצען. לאָז זיין, אז די טהעאָריען זענען אין דער יוגענד פון דעם מענשליכען גייסט ארויסגעוואקסען פון דעם מענשען׳ס פראקטישע לעבענסנויטען, — דער „פראגמאטיזם“ האָט ווענינער רעכט, עהדער אלע אנדערע סיסטעמען, צו פסל׳ן א וועלכען עס איז ענין אויף דעם גרונד פון זיין ווייניג אריסטאָקראטישער אָבשטאמונג.

ווי אזוי די טהעאָרעטישע ערקענטניס זאָל זיך ניט האָבען ענטוויקעלט, איהר ווערטה בעשטעהט איצטער אין א בעזונדער גייסטיגער בעפריעדיגונג, וואָס איז געוואָרען א זעלבסט־צוועק. פעהלט די בעפריעדיגונג, שטעלט זיך אויפ׳ן שטעל איין א גייסטיגער הונגער, וואָס פאָדערט זיין שפייז מיט דער זעלביגער פערעקשנ׳טקייט ווי דער פיזישער. נאָך אויף א העכערע מדרגה, צו וועלכער די מענשהייט האָט זיך אויפגעהויבען שוין מעהר אלס צוויי טויזענד פינף הונדערט יאָהר צוריק, פערוואנדעלט זיך דאָס טהעאָרעטישע בעדערפניס אין א פילאָסאָפישען הונגער, אין דעם בעשטרעבען אויסצוארבייטען אן איינהייטליכען וועלטבילד, און די גאנצע געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע איז די געשיכטע פון דער בעפריעדיגונג אָט פון דעם פילאָסאָפישען הונגער. וויפיעל מאָל האָבען מיר שוין אין דער דאָזיגער געשיכטע געטראָפען מאָמענטען, וואו איינצעלנע דענקער האָבען אין גאנצען מבטל געווען די מעגליכקייט פון א פילאָסאָפישען וויסען. וואָס איז אָבער געווען דער רעזולטאט? זייער גאנצער סקעפטיציזם האָט נאָר געדיענט דערצו, כדי אָבצורייניגען דעם געראנק פון אלטע בעפריעדיגונגס־מיטלען און פריי צו מאכען דעם וועג פאר נייע שאפונגען. ווי פיעל מאָל האָבען מיר אויך געזעהען, אז דער אָדער יענער פילאָסאָף איז ארויסגעטרעטען מיט דער פרעטענזיע, אז

נאָר ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם אַבסאָלוטען אמת אַזוי, אַז די פילאָסאָפיע האָט שוין ווייטער ניט וואָס אויפצוטהאָן פּרינציפּיעלעס. אָבער אויך דער „אַבסאָלוטער" שטאַנדפּונקט איז געווען ניט מעהר ווי אַ רוהע־פּונקט פאַר דעם גייסט, כדי ער זאָל אָבפּרישען זיין קראַפט פאַר אַלץ נייע און נייע פילאָסאָפישע קאָנסטרוקציעס. דער „פּראַגמאַטיזם", דוכט מיר, איז נוטה אריין־צו־פאַלען אין דעם דאָפּעלטען פעהלער פון דעם סקעפּטיקער און דעם אַבסאָלוטיסט. זיין אַוועק מאַכען כלאחר יד יעדע ריינע טהעאָרעטישע פילאָסאָפיע וועט האָבען דעמזעלבען סוף, ווי יעדע סקעפּטישע דאָקטרין: זי וועט נאָך מעהר פאַנאַנדערברענגען דעם דאָרשט נאָך איינהייטליכע, אויף ווי פיעל מעגליך געזיכערטע ערקענטניס. און זיין גלויבען, אַז די מענשהייט האָט אין דעם פּראַגמאַטיזם געפונען דעם לעצטען רוהע־פּונקט פאַר דעם פילאָסאָפישען שאַפען, זיין „פה נקבר" איין מאָל פאַר אַלע מאָל, וועט געוויס באַלד צורינען, ווי עס זענען צורונען געוואָרען אַלע אַזעלכע גלויבענס. עס איז אין דעם פּונקט זעהר לייכט צו זיין אַ נביא, ווייל די ערפאַהרונג פון דער פערגאַנגענהייט און די טהעאָריע פון דער ע נ ט וו י ־ ק ע ל ו נ ג רעדען דאָ צו־קלאָהרע רעד.

די פּראַגמאַטישע פילאָסאָפיע אַליין, מיט איהר האַלב־מיסטישען, רעליגיעזען אויסבליק, איז שוין שוואַנגער מיט נייע סיסטעמען, וועלכע אפילו זי ווייס נאָך אפשר ניט, אַז זי האָט שוין פערלאָרען איהר אונשולד. די מיסטיק פון אַ ריין גייסטיג־שאַפענדען וועלט פּראָצעס, וואָס ברענגט פון זיך גופא אַרויס אַלע נייע קולטורעלע ערפינדונגען, ובתוכם די פילאָסאָפישע, עטהישע און רעליגיעזע, שוועבט ווי אַ טרוים אַרום דעם פּראַגמאַטיזם, און דער טרוים וועט שוין ווי עס איז פערווירקליכען אין דער פילאָסאָפיע זיין ווילען צו עקזיסטענץ.

וועלכע פאָרמען וועט ער אָננעהמען?

אַזוי ווייט געהט ניט אונזער נבואה. אָבער אויף דער „פּראַגמאַטישער" פראַגע: וועלכע בעדירפניסען ז אָ ל ער בעפריעדיגען, וועלכען ווערטה זאָל דאָס ווייטערדיגע פילאָסאָפישע פאָרשען האָבען פאַר דער מענשהייט? גלויבען מיר, אַז מיר האָבען אַ רעכט צו געבען אונזער ענטפער.

„די פילאָסאָפיע“, האָבען מיר געזאָגט אין דער איינלייטונג, „איז די געשיכטליכע ענטוויקלונג פון יענע בעשטרעבונגען, וועלכע ווילען, אויף דעם גרונד פון קריטיש אויסגעפּרובירטער ערפאהרונג, ערקלעהרען די וועלט, ווי א נויטווענדיגען ענטוויקלונגס־פּראָדוקט פון איין איינציגען וועלט־פּרינציפּ, וואָס ענטהאַלט אין זיך דעם גרונד פון אלע וועלטליכע ערשיינונגען, דעם זין פון דעם אינדיווידואום'ס עקזיסטענץ און וואָס צייגט איהם אָן דעם בעסטען וועג צו זיין העכסטען אידעאל“.

מיר האָבען דאָרטען בעוויעזען ווי אזוי אָט דער דאָזיגער אידעאל פון פילאָסאָפיע וואקסט ארויס פון יענע בעדינגונגען, וואָס ליעגען איינגעשלאָסען אין דעם בעגריף גופא פון פילאָסאָפיע; דאָס זענען: ערפאהרונג, מעטהאָדען־לעהרע, קריטיציזם, נויטווענדיגקייט, מאָניזם, ענטוויקלונג, רעלאטיוויזם, „איך“־פּרינציפּ, טעלעאָלאָגיע און „שטאנדפונקט פון אידעאל“. די אלע יסודות דערקלעהרען אונז, וועלכע אינטע־עסען עס האָבען ביז איצטער איינציג־ווייז און אין גרופּען אָנגעטריעבען דעם מענשליכען גייסט צו בעשאפען פילאָסאָפישע סיסטעמען. די געשיכטליכע ענטוויקלונג פון דער פילאָסאָפיע האָט אונז אָבער געלערנט, אז זי קאָן שוין ניט מעהר אויפפאסען איהר אויפגאבע דאָגמאטיש און מעטאפיזיש, ד. ה. גלויבען, אז זי ברענגט ארויס דעם אבסאָלוטען אמת. דער פאקט אליין ענדערט אין גאנצען די שטעלונג פון דעם פילאָסאָפישען געדאנק צו יענע יסודות. כל זמן מען האָט געגלויבט, אז מען געהט זוכען, ד. ה., ע נ ט ד ע ק ע ן דעם וועלט־אמת, האָט מען לכתחילה ניט געקאָנט פערלאנגען, אז די פילאָסאָפיע זאָל זיך רעכענען מיט אלע פּרינציפּען: וויל דער וועלט־אמת האָט זיך, פערשטעהט זיך, גאָר ניט מתחייב געווען צו בעפריעדיגען א י י ע ר ע מענשליכע בעדערפעניסען אין אידעאלען און צוועקמעסיגקייטען און וויים איך נאָך וועלכע פאָדערונגען. האָט מען „ענטדעקט“ דעם דואליזם אנשטאָט דעם מאָניזם, די אויבינגע ווידערהאָלונג אנשטאָט דער ענטוויקלונג, די בלינדע נויטווענדיגקייט אנשטאָט דער צוועקמעסיגקייט, מוז מען נעהמען דעם אמת, ווי ביטער ער זאָל ניט זיין.

ווערט אונז אָבער קלאָהר, אז די פילאָסאָפישע בנינים זענען

ניט ענטדעקונגגען, נאָר ע ר פ י נ ד ו נ ג ע ן, אז אויך דער מאָניזם און די נויטווענדיגקייט און די ענטוויקעלונג זענען ניט וועלט־אמת'ען, נאָר מענשליכע המצאות, יעמאָלט זעהט מען בשום אופן ניט איין, פאר וואָס אייניגע בעדירפניסען פון דעם מענשליכען וויסען זאָלען בעפריעדיגט ווערן אויף דעם חשבון פון די אנדערע. יעמאָלט וואקסט ממילא ארויס די פאָדערונג, אז די ריין־אָביעקטיווע עלעמענטען: ערפאהרונג, נויטווענדיגקייט, מאָניזם, ענטוויקעלונג און טעלעאָלאָגיע, זאָלען פילאָסאָפיש אויפגעבויט ווערן אזוי, אז די ס ו ב י ע ק ט י וו ע עלעמענטען פון מעטהאָדען־לעהרע, קריטיציזם, רעלאַטיוויזם, „איך"־פרינציפּ, טעלעאָלאָגיע און דער שטאַנדפונקט פון אידעאַל זאָלען קאָנען וויזען מיט זיי און אין איינעם מיט זיי צונויפגיעסען זיך אין איין איינציגען האַרמאָנישען סיסטעם.

דער ווערטה פון אזא סינטהעטישער פילאָסאָפיע דאַרף ניט בעשטעהן אין קיין אנדער זאַך, א חוץ ווי אין דעם, וואָס זי בעפריעדיגט אַב פּולקומסטען דאָס פילאָסאָפישע בעדערפניס. דאָס איז אַלץ, און דאָס איז גענוג.

אָבער איז אזאַ פילאָסאָפיע מעגליך? איז זי ווען עס איז פערוווירקליכט געוואָרען אין דעם משך פון דער פילאָסאָפישער ענטוויקעלונג? זענען אפשר די צעהן בוי־פרינציפּען אזוי בעשאפען, אז זיי קאָנען ניט לעבען פריעדליך אַלע אין איינעם?

כדי די שאלה צו פערענטפערן, מוזען מיר קודם כל א בליק טהאָן צוריק אויף די גאַנצע ענטוויקעלונג און זעהען וואָס פאר א גורל עס האָבען געהאַט אונזערע עשרת הדברות ביי די איינצעלנע פילאָסאָפען.

מיר וועלען זיך ניט אָבשטעלען אויף יעדעם איינעם בעזונדער און וועלען אין גאַנצען ארויסלאָזען די דענקער, וועלכע מיר האָבען געבראַכט נאָר צוליעב דעם היסטאָרישען צוזאַמענהאַנג אָדער צוליעב דער פאַלשטענדיגקייט פון דעם בילד. לאָמיר נעהמען נאָר די וויכטיגסטע און ווערטהפולסטע דענקער און בעשטימען, וועלכע בוי־פרינציפּען האָבען זיי אָנגענומען, וועלכע האָבען זיי פערוואָרפען און וועלכע זענען געבליעבען ביי זיי אָן א זייט, אָדער זענען ניט גאַנץ קלאָהר ארויס אין זייער דענקען.

די ערשטע גריעכישע דענקער ביז העראקליט זענען, פערשטעהט זיך, געווען גאנץ אָרעם אין פילאָסאָפישע בוי־פרינציפּען. אויב מען זאָל זיך ניט אָבשטעלען אויף דעם ערשטען בליאסק פון דעם ענטוויקעלונגס־גערדאנק ביי אנאקסימאנדער׳ן, דעם אָנהויב פון דער טעלעאָלאָגיע ביי פּיטאגאָר׳ן און דעם אָנהויב פון דעם קריטיציזם ביי די עלעאטען, קאָן מען זאָגען, אז די אלע דענקער פון טהאלעס אָן האָבען געבויט נאָר אויף איין־איינציגען פּרינציפּ: דעם מאָניזם.

מיט העראקליט׳ן אָבער הויבט זיך שוין אָן א רייכערער פילאָסאָפישער לעבען. העראקליט איז ניט נאָר א מאָניסט, וואָס נעהמט אָן איין איינציגען וועלט־פּרינציפּ, — דעם פייער עטהער. ער איז דער אמת׳ער פאָטער פון דעם ענטוויקעלונגס־גערדאנק, אויך פון דעם גערדאנק, אז אלץ וואָס געשעהט איז נויטווענדיג און אין דערזועלבער צייט צוועקמעסיג. אין איינעם מיט די עלעאטען דענקט ער קריטיש וועגען דער ערקענטניס, וואָס שטאמט פון די חושים.

לאָזט מען דורך עמפּעדאָקלעס און אנאקסאגאָראס, וואָס פערליערען דעם מאָניסטישען גרונד־שטריך פון דעם גריעכישען דענקען, קומען מיר צו דעמאָקריט׳ן, ביי וועמען עס ווערען ווידער אויפגעלעבט די וויכטיגסטע אָביעקטיווע גרונד־פּרינציפּען, וואָס מיר האָבען ביי העראקליט׳ן, מיט דעם איינציגען חלוק, וואָס די טעלעאָלאָגיע ווערט ביי איהם אין גאנצען פערשלונגען דורך די בלינדע נויטווענדיגקייט, און די ענטוויקעלונג פאלט ארויס. די פּאָר טראָפּענס קריטיציזם און רעלאטיוויזם, וואָס מיר געפינען ביי איהם, שפּיעלען ניט קיין ראָליע פון בוי־פּרינציפּען, וואָס לעגען ארויף זייער שטעמפּעל אויף דעם גאנצען שאפונגס־פּראָצעס. זיי זענען ניט מעהר ווי איינצעלנע בוי ציעגעל, וואָס ווערן אריינגעארבייט אין דעם געביי. דער קריטיציזם בלייבט איבערהויפּט אין דער ראָליע פון א בוי־מאטעריאל, פון וועלכע איינצעלנע דענקער מאכען א מעהר אָדער וועניגער שטארקען געברויך, ביז צו דעם סוף פון דעם אכטצעהנטען יאָהרהונדערט, ביז עמאנועל קאנט.

דערפאר אָבער וואקסט אויס דער רעלאטיוויזם

אין זיין גאַנצער גרויס ביי דעם בעגרינדער פון דער סאָפיסטישער שוהלע פּראָטאַגאָראַס, וואָס דערהויבט אויף דעם „איך“־שטאַנדפּונקט צו אַ וויכטיגער מדרגה אין דער פילאָסאָפישער קאָנסטרוקציע. דער איבערטריעבענער רעלאַטיוויזם און דער „איך“־שטאַנדפּונקט פרעסט אויס ביי די סאָפיסטען אַלע אַנדערע פילאָסאָפישע פּרינציפּען. עס קאָן אין דער סאָפיסטיק קיין רעד ניט זיין ניט פון אַ מעטהאָדען־לעהרע, ניט פון אַ קריטיציזם, וואָס זאָל אויספאָרשען די בעדינגונגען פון נויטווענדיגקייט אין'ם זיין און אין דעם דענקען, ניט פון אַ מאָניזם, ניט פון אַ צוועק־מעסיגקייט אין דעם זיין, ניט פון אַ ענטוויקעלונג פון דעם וועלט־אַל, ווען מען זאָל ניט אָננעהמען דעם שטענדיגען כאַאָטישען „ווערן“, אויף וועלכען גאָרגיאַס האָט זיך געשטיצט, פאַר אַ סורראָגאַט פון ענטוויקעלונג. די סאָפיסטען האָבען אין גלייכען גראַד פערנאַכלעסיגט סאַי דעם ערפאַהרונגס־פּרינציפּ, סאַי דעם שטאַנד־פּונקט פון דעם אידעאַל.

די ווירקונג פון די סאָפיסטען אויף סאָקראַטעס קאָן מען בעמערקען אין דער צאָהל און דער אַרט פון יענע פילאָסאָפישע פּרינציפּען, וועלכע דער לעצטערער האָט געלאָזען אויסער אויג: סאָקראַט'ן פעהלען ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי די ערפאַהרונג, דער מאָניזם און די ענטוויקעלונג. זיין פילאָסאָפיע זאָגט זיך אָבער אויך אָב פון'ם רעלאַטיוויזם, בעת דער מאַנגעל אין'ם קריטישען דענקען איז, ווי מיר האָבען שוין בעמערקט, דער אַלגעמיינער פעהלער פון יעדער פאַר־קאַנטישער פילאָסאָפיע. גרויס איז סאָקראַט נאָר דורך דאָס שטאַרקע אַרויס־אַרבייטען פון דער מעטהאָדען־לעהרע, דער נויטווענדיגקייט, דעם „איך“־פּרינציפּ, דער צוועק־מעסיגקייט און דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אידעאַל.

פלאַטאָן איז, בנוגע צו דעם אונז־אינטערעסירענדען ענין, אַ פּינקטליכע קאָפּיע פון סאָקראַט'ן: מעטהאָדע, נויטווענדיגקייט, „איך“, טעלעאָלאָגיע און אידעאַל שטעהען אין זיין קרעדיט. ער בלייבט שולדיג: ערפאַהרונג, קריטיציזם, מאָניזם, ענטוויקעלונג און רעלאַטיוויזם.

אריסטאָטעלעס בויט אויף דעם גרונד פון ערפאהרונג, מעטהאָדען־לעהרע, נויטווענדיגקייט און צוועקמעסיגקייט. איהם פעהלען קריטיציזם, מאָניזם, ענטוויקעלונג, אידעאל. שוואנקענד איז זיין שטעלונג צו דעם רעלאטיוויזם, וועלכען ער אנערקענט אין דער עטהיק און אין דער פּאָליטיק, און צו דעם „איך“־שטאַנדפונקט.

די סטאָיקער שטעלען מיט זיך פאָר איינע פון די רייכסטע קאָמבינאַציעס אין דער וועלט פון׳ם פילאָסאָפישען שאַפען. ערפאהרונג, נויטווענדיגקייט, מאָניזם, ענטוויקעלונג, צוועקמעסיגקייט און אידעאל ווערען בעוואוסטזיניג אריין געארבייט אין דעם סיסטעם. דער „איך“־פּרינציפּ און דער רעלאַטיוויזם ווערען בעוואוסטזיניג פערוואָרפען. עס פעהלט אויך דער קלאָהר דורכגעפיהרטער קריטיציזם און שוואַנקענד בלייבט די מעטהאָדע.

עפּיקור בויט נאָר אויף דער ערפאַהרונג, דער נויטווענדיגקייט און דעם מאָניזם. עס פעהלען ביי איהם מעטהאָדע, קריטיציזם, ענטוויקעלונג, רעלאַטיוויזם, „איך“־שטאַנדפונקט און טעלעאָלאָגיע. שוואַנקענד איז די שטעלונג צו דעם אידעאל, אויב מען זאָל די „געמיטהס־רוהע“ ניט צורעכענען צו יענעם פּרינציפּ.

נאָך אָרעמער זענען די סקעפּטיקער, וואָס ווענדען אָן נאָר דעם שטאַנדפונקט פון ערפאַהרונג און רעלאַטיוויזם, פערוואָרפען נויטווענדיגקייט, ענטוויקעלונג און מאָניזם, ליידען, ווי אלע עלטערע דענקער, פון דעם מאַנגעל אין קריטיציזם און האָבען ניט קלאָהר ארויסגעארבייט זייער שטעלונג צו מעטהאָדע, „איך“־שטאַנדפונקט, טעלעאָלאָגיע און אידעאל.

פון אלע עלטערע דענקער איז אָבער דער אָרעמסטער אין בייפּרינציפּען פילאָ: טעלעאָלאָגיע, אידעאל, און אפשר „איך“־פּרינציפּ — דאָס איז אלץ וואָס מען קאָן ארויסשטעלען אויף דעם חשבון פון זיין ריין פילאָסאָפישען געדאַנקען־גאַנג. עס פעהלען ביי איהם ערפאַהרונג, מעטהאָדע, קריטיציזם, נויטווענדיגקייט, מאָניזם (אויב מען זאָל ניט רעכענען אהער דעם מאָנאָטהעאיזם, וואָס איז ביי פילאָ גראָד צונויפגעוועבט מיט א פלאַטאָנישען דואליזם פון אידעע און מאטעריע), ענטוויקעלונג און רעלאַטיוויזם.

די נעאָ־פּלאַטאָניקער זענען ניט פיעל רייכער פאר איהם. מאָניזם, ענטוויקעלונג און צוועקמעסיגקייט זענען זייערע פאָזיטיווע יסודות. ערפאהרונג, מעטהאָדע, קריטיציזם און רעלאַטיוויזם פעהלט ביי זיי. נויטווענדיגקייט, „איך“־פּרינציפּ און אידעאַל בלייבען אונבעשטימט.

מיר לאָזען אין גאַנצען דורך די מיטעל־אַלטערליכע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע און די ערשטע פּרובען פון דעם ווידערבעלעבונגס־געדאַנק און קומען צו דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, ביי וועמען מיר טרעפען ווידער א רייכע קאָמבינאַציע פון פאָזיטיווע בוי־פּרינציפּען: ערפאהרונג, נויטווענדיגקייט, מאָניזם, ענטוויקעלונג, צוועקמעסיגקייט און אידעאַל. איהם פעהלט אָבער מעטהאָדע און קריטיציזם און ניט גאָר קלאָהר קאָן ארויסגעבראַכט ווערען זיין שטעלונג צו דעם רעלאַטיוויזם און דעם „איך“־שטאַנדפּונקט.

ביי די ראַציאָנאַליסטישע דענקער פון דעקארט ביז לייבניץ שפּיעלט די הויפּט ראָליע די מעטהאָדע און די נויטווענדיגקייט. אָבער די איינצעלנע דענקער פון דער גרופּע פער־בינדען די צוויי גרונד־פּרינציפּען מיט די אַנדערע בוי־יסודות אויף א פערשיידענעם אופן. דעקארט געברויכט פאָזיטיוו: מעטהאָדע, נויטווענדיגקייט, „איך“־שטאַנדפּונקט און טעלעאָלאָ־גיע. איהם פעהלען: ערפאהרונג, קריטיציזם, מאָניזם, ענטוויקעלונג און רעלאַטיוויזם און זעהר שוואַנקענד איז זיין שטעלע צו דער ראָלע פון׳ם אידעאַל.

די אָקקאַזיאָנאַליסטען זענען, ווי מען האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטען, כמעט א פּינקטליכע קאָפּיע פון דע־קארט׳ן. פון דעסטוועגען טאָהר מען ניט אוועקמאַכען מיט׳ן האַנד דעם אונטערשייד, וואָס געאוֹלינקס, צ. ב., פערלאָזט גאַניץ קלאָהר דעם „איך“־שטאַנדפּונקט.

ספּינאָזא קאָמבינירט די גרונד־פּרינציפּען פון מעט־האָדע און נויטווענדיגקייט מיט דעם מאָניזם און דעם אידעאַל. ער פערוואַרפט גאַניץ קלאָהר די ערפאהרונג, די ענטוויקעלונג, דעם רעלאַטיוויזם, דעם „איך“־שטאַנדפּונקט און די צוועקמעסיגקייט. א שפּוהר פון קריטיציזם, וואָס געפינט זיך אין זיין סיסטעם, גיט

נאָך ניט קיין רעכט צו־צורעכענען יענעם גרונד־פּרינציפּ צו די פּאָזיטיווע יסודות פון ספּינאָזאַ'ס פילאָסאָפישען שאַפען.

ל י י ב נ י ץ פערבינדט מעטהאָדע און נויטווענדיגקייט מיט מאָניזם, „איך"־שטאַנדפּונקט און טעלעאָלאָגיע. איהם פעהלען ערפאַהרונג און רעלאַטיוויזם, בעת ענטוויקעלונג, קריטיציזם און אידעאַל בלייבען אין אַ האַלב־קלאָהרען צושטאַנד.

די זעלבינגע ראָליע, וואָס מעטהאָדע און נויטווענדיגקייט שפּיעלען ביי די ראַציאָנאַליסטען, שפּיעלט די ערפאַהרונג ביי די פערטרעטער פון דעם ענגלישען עמפּיריזם. ב ע ק אָ ן ברענגט בולט ארויס די גרונד־פּרינציפּען פון ערפאַהרונג, מעטהאָדע און נויטווענדיגקייט. עס פעהלען ביי איהם זיכער די ענטוויקעלונג און דער אידעאַל, און האַלב־דונקעל בלייבען קריטיציזם, מאָניזם, רע־לאַטיוויזם, „איך"־פּרינציפּ און צוועקמעסיגקייט (וואָס ווערט אַרויסגעטריעבען פון דער וויסענשאַפט אָבער סוף־כל־סוף צוגע־לאָזען אין דער מעטאַפיזיק).

ה אָ ב ב ס האָט ערפאַהרונג, נויטווענדיגקייט און מאָניזם. עס פעהלען איהם קריטיציזם, ענטוויקעלונג, רעלאַטיוויזם, „איך"־שטאַנדפּונקט, צוועקמעסיגקייט און אידעאַל. ניט קלאָהר דורכ־געפיהרט איז זיין שטעלונג אין דער מעטהאָדען־לעהרע, אין וועל־כער עס קעמפּפען ראַציאָנאַליסטישע און עמפּירישע עלעמענטען.

ל אָ ק ק קאָמבינירט דעם ערפאַהרונגס־פּרינציפּ מיט נויט־ווענדיגקייט און רעלאַטיוויזם. איהם פעהלען: קריטיציזם, מאָ־ניזם, ענטוויקעלונג, „איך"־שטאַנדפּונקט, צוועקמעסיגקייט און אידעאַל. די מעטהאָדען־לעהרע, — אויף וויפיעל זי פאַלט ניט צונויף מיט דער פשוט'ער פאָדערונג — זיך האַלטען אָן דער ער־פאַהרונג, — איז ווענינג אויסגעאַרבייט און דער עמפּיריזם גופא ווערט דורכגעריסען דורך ראַציאָנאַליסטישע עלעמענטען.

ב ע ר ק ל י י בלייבט טריי די פּרינציפּען פון ערפאַהרונג, מאָניזם, „איך"־פּרינציפּ און צוועקמעסיגקייט. זיין פילאָסאָפיע הינקט שטאַרק אין די פּונקטען פון מעטהאָדען־לעהרע, קריטיציזם. נויטווענדיגקייט, ענטוויקעלונג און רעלאַטיוויזם. אין גאַנצען אונקלאָהר ביי איהם איז דער שטאַנד־פּונקט פון'ם אידעאַל.

י ו ם, ווי די סקעפּטיקער איבערהויפּט, האָט ניט אין זיין

קרעדיט ניט איין איינציגען פון יענע פרינציפּען, וועלכע מיר האָבען אָנגערופען די אָביעקטיווע: ניט מאָניזם, ניט ענטוויקעלונג, ניט טעלעאָלאָגיע, ניט נויטווענדיגקייט (ווען מען זאָל אראָברעכענען די נויטווענדיגקייט פון דער מאטעמאטישער ערקענטניס, וועלכע ער ניט צו). א חוץ דעם פעהלט איהם, ווי לאָקקען, די מעטהאָדען־לעהרע און איבערהויפּט דער „איך"־שטאנדפּונקט, וועלכען ער פלייסט זיך בעוואוסטזיניג צו פערטיליגען. אויך זיין קריטיציזם קאָן ניט בעטראכט ווערען פאר א פּאָזיטיווען פּונקט אין זיין פילאָסאָפישען שאפען. עס בלייבען ביי איהם: ערפאהרונג און רעלאטיוויזם.

די רייכסטע אין בוי־פּרינציפּען איז — פּשוט צו בעוואונדערן! — די קריטישע פילאָסאָפיע פון עמאנועל קאנט. בולט און קלאָהר אויסגעשפּראָכען טרעטען אין איהר ארויס די פרינציפּען פון ערפאהרונג, מעטהאָדען־לעהרע, קריטיציזם, נויטווענדיגקייט, רעלאטיוויזם, „איך"־פּרינציפּ און דער שטאנד־פּונקט פון'ם אידעאל. אָפּיציעל בלייבען דרויסען: דער מאָניזם, די ענטוויקעלונג און די טעלעאָלאָגיע. אָבער ווען מען דערמאָהנט זיך, וואָס פאר א וויכטיגע ראָליע יענע דריי פּרינציפּען האָבען געשפּיעלט אין קאנט'ס דענקען און פאָרשען, — ווען אפילו ער האָט זיי ניט אויפגעהויבען צו דער מדרגה פון אבסאָלוטע יסודות אין זיין סיסטעם, — ווען איינעם ווערט קלאָהר, ווי ווענינ טהעאָרעטישע מיה קאנט וואָלט בעדארפט אָנווענדען, כדי אריין צו ארבייטען זיי אין זיין פילאָסאָפיע מיט דעם גאנץ בעשטימטען תנאי, אז זיי זענען ניט מעהר ווי פילאָסאָפישע בוי־פּרינציפּען, כדי צו בעפרידיגען די מ ע נ ש־ל י כ ע ערקענטניס, — יעמאָלט מוז מען צוגעבען, אז די קאנטישע פילאָסאָפיע איז געווען די אידעאלסטע פאר איהר צייט.

פ י כ ט ע האָט אין „פּליוס" מעטהאָדען־לעהרע, נויטווענדיגקייט, מ אָ נ י ז ם, ענטוויקעלונג, „איך"־פּרינציפּ, טעלעאָלאָגיע און אידעאל. עס גערט ביי איהם פערלאָרען די ערפאהרונג, דער קריטיציזם און דער רעלאטיוויזם.

ביי ש ע ל ל י נ ג ' ע ן גערט נאָך דערצו פערלאָרען אויך דער „איך"־פּרינציפּ.

ה ע ג ע ל ' ס פילאָסאָפיע בעווייזט אונז אן אינטערעסאנ־

טע קאָמבינאַציע פון בוי־פרינציפּען. זיין בנין רוהט אויף דער מעטהאָדען־לעהרע, דער נויטווענדיגקייט, דעם מאָניזם, דער ענט־וויקעלונג און דער צוועקמעסיגקייט. אויסגעשפּראָכען פיינדליך איז זי צו דער ערפאהרונג, דעם קריטיציזם, דעם „איך“־פּרינציפּ און דעם אידעאַל. דער רעלאַטיוויזם האָט ביי איהם א מישונה׳דיגע מערכה. העגעל ווייס, אַז יעדע ערקענטניס איז רעלאַטיוו אמת פאַר איהר צייט. ער פערגעסט אָבער אין גאַנצען אָן דעם רעלאַטי־וויזם, ווען ער קומט צו זיין אייגענער פילאָסאָפיע. ער מיינט: זי איז אבסאָלוט אמת פאַר אַלע צייטען און דורות.

פ י י ע ר ב א ך האָט אריין געארבייט אין זיין פילאָסאָ־פישען דענקען די גרונד־פּרינציפּען פון ערפאהרונג, מעטהאָדע, נויטווענדיגקייט, מאָניזם, ענטוויקעלונג, רעלאַטיוויזם (דער „מענש!“) און אידעאַל. דער קריטיציזם קומט אָבער צו ווענינ צו זיין רעכט און ניט גאָר קלאָהר בלייבט זיין שטעלונג צום „איך“ און דער צוועקמעסיגקייט.

א טיפּ פון א ריין דאָגמאַטישען דענקער איז ק א ר ל מ א ר ק ס, ווענינסטענס אין זיין פילאָסאָפיע. ערפאהרונג, מעטהאָדע, נויטווענדיגקייט, מאָניזם און ענטוויקעלונג, — דאָס זענען די יסודות אויף וועלכע זי איז אויפגעבויט. פרעמד און, אויב איהר ווילט, פערהאַסט איז איהם דער קריטיציזם, דער „איך“־שטאַנדפּונקט און דער שטאַנד־פּונקט פון דעם אידעאַל. פון א צוועקמעסיגקייט אין דער וועלט־ענטוויקעלונג קאָן ביי איהם, דעם קאָנסעקווענטען מאַטעריאַליסט, קיין רייד ניט זיין, אָבער דערפאַר רעדט ער אמאָל וועגען דעם געזעלשאַפטליכען געשעהען אקוראַט אזוי, ווי דאָס סאָציאַלע לעבען וואָלט געווען בעהערשט דורך אַן אונבעוואוסטער, טיעף פערבאָרגענער צוועקמעסיגקייט — דעם ב ע ש ט ר ע ב ע ן צו ענטוויקלען די פּראָדוקטיווע קרעפטען. אויך דער רעלאַטיוויזם איז ביי איהם אקוראַט אזוי ניט דערטראַכט ביז צום סוף, ווי ביי העגעל׳ן. מארקס ווייס, אַז די אמת׳ן זענען פערשיידען ניט נאָר לויט דער צייט, נאָר אויך לויט דעם געזעלשאַפטליכען קלאַס, צו וועלכען דער דענקער געהערט. און פון דעסטוועגען מאַכט ער אַן אויסנאַהם פאַר זיין אייגענעם סיסטעם. די פילאָסאָפיע, מיינט ער, האָט אין דעם דיאַלעקטישען

מאַטעריאַליזם געזאָגט איהר  א ב ס אָ ל ו ט  לעצטעס וואָרט, און אויך דער אמת פון דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם קאָן, נאָך זיין מיינונג נאָך, איינגעזעהען ווערן פון יעדעם, וואָס האָט נאָר די גבורה זיך צו בעפרייען פון די קלאַסען־פּאַראורטיילען.

מערקווירדיג אָרעם אין פּאָזיטיווע בוי־פּרינציפּען איז שאָ־פּענהויער'ס פּעסימיזם. נויטוועגדיגקייט, מאָניזם און צוועקמעסיג־קייט (ווי א ב ל י נ ד ע ר ווילענס־דראַנג צום זיין), — אויף די דריי לוית'ן רוהט שאָפּענהויער'ס פילאָסאָפישע וועלט. אָבגעליי־קענט ווערט ענטוויקעלונג און אידעאַל, די איבעריגע גרונד־פּרינ־ציפּען: ערפאַהרונג, מעטהאָדע, קריטיציזם, רעלאַטיוויזם און „איך"־פּרינציפּ ווערען נאָר טיילוויז אָנגענומען. אפילו דער קריטיציזם, וועלכען שאָפּענהויער לאָזט כמעט קיין מאָל פון מויל ניט אָרויס, קאָן זיך ביי איהם ניט דורכרייסען צו זיין ריכטיגער בעדייטונג.

שאָפּענהויער'ס תלמיד, עדואַרד פאָן האַרטמאַן, גיט צו צו דער צוועקמעסיגקייט, דער נויטוועגדיגקייט און דעם מאָניזם נאָך די מעטהאָדען־לעהרע, די ערפאַהרונג און די ענטוויקעלונג. אין האַלב־דונקעל בלייבען קריטיציזם, רעלאַטיוויזם, „איך"־פּרינציפּ און אידעאַל.

מאַקס ש ט י ר נ ע ר האָט, פערשטעהט זיך, ניט פיעל בוי־פּרינציפּען אין זיין פילאָסאָפיע. רעלאַטיוויזם און „איך"־פּרינציפּ, דאָס איז אַלץ, וואָס מען קאָן ביי איהם געפינען אין „קרעדיט". שטרענג פּאָלעמיש שטעלט ער זיך אַנטקעגען דעם שטאַנד־פּונקט פון אידעאַל. אַלע אַנדערע פּרינציפּען: ערפאַהרונג, מעטהאָדע, קריטיציזם, נויטוועגדיגקייט, מאָניזם, ענטוויקעלונג און צוועק־מעסיגקייט, בלייבען הענגען אין דער לופטען.

אָבער דער צווייטער פילאָסאָף פון דעם פערזענליכקייטס־קולט, ניעטצשע, האָט שוין א סך א רייכערע און אינטערעסאַנטערע צונויפשטעלונג: מאָניזם, ענטוויקעלונג, „איך"־שטאַנדפּונקט, צוועקמעסיגקייט און אידעאַל ווערען פּאָזיטיוו אָנגעווענדט. מעט־האָדע ווערט אָפּטמאָל אין גאַנצען פון איהם פערוואָרפען, בעת ער־פאַהרונג, קריטיציזם, נויטוועגדיגקייט און רעלאַטיוויזם שפּיעלען א ניט גאַנץ קלאָהר אויסגעשפּראָכענע ראָליע.

די איבעריגע אונז דאָ אינטערעסירענדע דענקער שטעהען אַלע

אונטער א גרעסערער אָדער א קלענערער השפּעה פון קאַנט'ס פּאָזיטיוויזם און יענער גרויסער בעדייטונג, וואָס ער שרייבט צו דער מעטהאָדען־לעהרע און דעם ערפאַהרונגס־פּרינציפּ: ק אַ נ ט אַליין פערבינדעט די דאָזיגע צוויי יסודות נאָך מיט נויטוועגדיגקייט, רעלאַטיוויזם און דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אידעאַל. אויף דער נעגאַטיווער זייט דאַרף מען ביי איהם אוועג־שטעלען: קריטיציזם און צוועקמעסיגקייט. צו די אָן א זייט געלאָזענע, אָדער נאָר האַלב אָנגעווענדעטע דאַרף מען צורעכענען: דעם מאָניזם, דעם „איך"־שטאַנדפּונקט און אפילו די ע נ ט וו י ק ע ל ו נ ג, וואָס ווערט אריין געאַרבייט נאָר ווי א טהעאָריע פון דעם מענשליכען פּראָגרעס.

די ענטוויקעלונג שפּיעלט די הויפּט־ראָליע נאָר ביי איינעם פון דער גאַנצער גרופּע דענקער, ביי ס פּ ע נ ס ע ר'ן. זי ווערט ביי איהם קאָמבינירט מיט ערפאַהרונג, מעטהאָדע, נויטוועגדיגקייט און מאָניזם, פערוואָרפען אָדער איגנאָרירט ווערט דער „איך"־שטאַנדפּונקט, די טעאָלאָגיע און דער אידעאַל. שטאַרק געזינדיגט ווערט פון ספּענסער'ן אנטקעגען דעם קריטיציזם און דעם רעלאַטיוויזם, וואָס שפּיעלען פון דעסטוועגען א היבשע ראָליע אין זיין דענקען.

די נעאָ־קאַנטיאַנער און די נעאָ־קריטיקער ווייזען אַלע א זעהר עהנליכען בילד אין דער גרופּירונג פון זייערע בוי־פּרינציפּען.

ל אַ נ ג ע איז דער רייכסטער פון זיי און איז כמעט א פּינקטליכע קאָפּיע פון ק אַ נ ט'ן. מיט קאַנט'ן האָט ער: ערפאַהרונג, מעטהאָדע, קריטיציזם, נויטוועגדיגקייט, רעלאַטיוויזם, „איך"־פּרינציפּ, ש ט אַ נ ד פּ ו נ ק ט פ ו ן ד ע ם א י ד ע אַ ל. א קלאָהרע אויסגעשפּראָכענע ראָליע שפּיעלט ביי איהם די ע נ ט־וו י ק ע ל ו נ ג, וואָס דאַרף אויך צוגערעכענט ווערן צו זיינע פּאָזיטיווע יסודות. בעשטימט אויסגעשלאָסען ווערט ביי איהם, ווי ביי קאַנט'ן, קיין איין איינציגער פּרינציפּ ניט. עס בלייבט מעהר ניט אין אַן אונבעשטימטען שיין (ווי ביי קאַנט'ן) די „מעטאַפיזישע" פּרינציפּען פון מאָניזם און טעלעאָלאָגיע.

ק אָ ה ע ן און ר י ע ה ל האָבען כמעט די זעלביגע קאָמבינאַציע פון בוי־פּרינציפּען, ווען אפילו זייערע רעזולטאַטען געהען זיך אַזוי ווייט פאַנאַנדער. ערפאַהרונג, מעטהאָדע, קריטיציזם, נויטוועגדיגקייט, רעלאַטיוויזם און אידעאַל ליעגען אויף דער פּאָזיטי־

ווער זייט. אין אן אונבעשטימטער בעלייכטונג בלייבען: מאָ־ניזם, ענטוויקעלונג, „איך“־פרינציפּ און טעלעאָלאָגיע, אָבער קיין איינציגער יסוד ווערט ניט פּרינציפּיעל צוריקגעוויעזען.

עס בלייבען נאָך צו בעטראַכטען די פילאָסאָפישע בנינים פון מילל, אווענאַריוס און דעם פּראַגמאַטיזם. מ י ל ל איז אינ־טערעסאַנט סאַי מיט דער פּאָזיטיווער, סאַי מיט דער נעגאַטיווער גרופּירונג פון זיינע בוי־פּרינציפּען. דער שטרענגסטער עמפּיריזם (ערפאַהרונג), אויפגעבויט אויף דער אינדוקטיווער מעטהאָדע, ווערט ביי איהם פערבונדען ניט נאָר מיט דעם רעלאַטיוויזם, נאָר אויך מיט טעלעאָלאָגיע און אידעאַל! און אזא אויסערגעוועהנליכע פּאָזיטיווע קאָמבינאַציע געהט ביי איהם האַנד אין האַנד מיט דער אָבלייקענונג פון קריטיציזם, נויטווענדיגקייט, מאָניזם און דעם „איך“־שטאַנדפּונקט! דער ענטוויקלונגס־פּרינציפּ פערנעהמט ניט קיין בעזונדערן פּלאַץ אין זיין דענקען.

א ו ו ע נ א ר י ו ס האָט אין „פּליוס“: ערפאַהרונג, מעטהאָ־דע, קריטיציזם, ענטוויקעלונג און רעלאַטיוויזם. ער פערוואַרפט דעם „איך“־שטאַנדפּונקט און די טעלעאָלאָגיע. ניט קלאָהר אויס־געשפּראָכען בלייבען: נויטווענדיגקייט, מאָניזם און אידעאַל.

דער פּראַגמאַטיזם פון ווילליאַם ד ז ש ע י מ ס דערמאָהנט דורך די צונויפשטעלונג פון זיינע בוי־פּרינציפּען דאָס בילד, וואָס מיר האָבען געפונען ביי מילל'ן. פּאָזיטיוו ווערט אַריין געאַרבייט: ערפאַהרונג, מעטהאָדע, ענטוויקעלונג, רעלאַטיוויזם און א י ד ע־א ל. פערוואָרפען אָדער שטאַרק אָבגעשוואַכט: דער מאָניזם און דער „איך“־פּרינציפּ. אין טונקעל געלאָזען, אָדער סקעפּטיש בע־האַנדעלט: דער קריטיציזם, די נויטווענדיגקייט און די טעלעאָלאָ־גיע...

כדי צו האָבען אַ קלאָהרען און קורצען איבערבליק איבער די פילאָסאָפען און די קאָמבינאַציעס פון זייערע בוי־פּרינציפּען, וואָס מיר האָבען דאָ נאָר־וואָס אויסגערעכענט, גיעבען מיר דאָ אַ טאַבע־לע, וואו די איינצעלנע יסודות ווערען בעצייכענט דורך פאָלגענדע בוכשטאַבען: ע (ערפאַהרונג), מ (מעטהאָדען־לעהרע), ק קריטי־ציזם), נ (נויטווענדיגקייט), אָ (מאָניזם), וו (ענטוויקעלונג), ר

(רעלאַטיוויזם), י („איך”־פּרינציפּ), ט (טעלעאָלאָגיע) און ד (שטאַנד־פּונקט פון דעם אידעאַל).

די בוכשטאַבען, וואָס געהען גלייך נאָך דעם נאָמען פון דעם דענקער, בעצייכענען יענע פּרינציפּען, וועלכע ער ווענדט פּאָזיטיוו אָן ביי דעם אויפבוי פון זיין בנין; דורך אַ „מינוס”־צייכען ווערען פון זיי אָבגעטיילט יענע יסודות, וועלכע ער פּערוואַרפט, און דער „פּליוס־מינוס” בעטייט די איבעריגע, וועניגער בעשטימטע עלע־מענטען. .

| | |
|---|---|
| העראַקליט | אָוונט |
| דעמאָקריט | אָ נ — וו ט |
| פּראָטאַגאָראַס | ר י |
| סאָקראַטעס | מניטד — קר ± עמוו |
| פּלאַטאָן | מניטד — עקמוור |
| אריסטאָטעלעס | עמנט — קמווד ± רי |
| סטאָיקער | ענאָווטד — רי ± קמ |
| עפּיקור | ענאָ — מקווריט ± ד |
| סקעפּטיקער | ער — נוואָ ± קמיטד |
| פּילאָ | טד (י) — עמקנאָוור |
| נעאָ־פּלאַטאָניקער | אָווט — עמקר ± ניד |
| דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ | ענאָווטד — מק ± רי |
| דעקאַרט | מניט — עקאָוור ± ד |
| געאולינקס | מנט — עקאָוורי ± ד |
| ספּינאָזאַ | מנאָד — עוורִיט (ק) |
| לייבניץ | מנאָיט — ער ± ווקד |
| בעקאָן | עמנ — ווד ± קמטרי |

| | |
|---|---|
| האָבבס | ענאָ — קוּוריטד + מ |
| לאָקק | ענר — קאָוויטד + מ |
| בערקליי | עאָיט — (מקנוור) + ד |
| יום | ער — אָווט(נ)מי + ק |
| קאַנט | עמקנריד (אָווט) |
| פיכטע | מנאָוויטד — ער (ק) |
| שעללינג | מנאָ(וו)טד — ערקי |
| העגעל | מנאָווט — עקיד + ר |
| פייערבאַך | עמנאָוורד — ק + יט |
| מארקס | עמנאָוו — קיד(ט) + ר |
| שאָפּענהויער | נאָ(ט) — ווד + עמ(ק)רי |
| הארטמאַן | עמנאָווט + (קר)יד |
| שטירנער | רי — ד |
| ניעטצשע | אָווידט + (מ)עקנר |
| קאַנט | עמנרד — קט + אָ(וו)י |
| ספּענסער | עמנאָוו — יטד + (קר) |
| לאַנגע | עמקנווריד (אָט) |
| קאָהען | עמקנרד + וואָיט |
| ריעהל | עמקנרד(וו) + אָיט |
| מילל | עמרטד — קנאָי + וו |
| אווענאריוס | עמקוור — יט + נאָד |
| דזשעימס | עמוורד(ט) — אָי + קנ |

אונזער טאבעלע האָט ניט די פּרעטענזיע איבערצוגעבען און פּינקטליך צו כאראקטעריזירען די פיזיאָגנאָמיע פון יעדען איינ־צעלנעם דענקער, איבערהויפּט אין יענע פונקטען, וועלכע מיר האָבען געמוזט אריין נעהמען אין די רובריק „פּליוס־מינוס". אָבער שוין אַן אויבערפלעכליכער בליק אויף איהר בעווייזט, וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטער שטודיום דאָס וואָלט געווען — דורכצונעהמען יעדעם איינצעלנעם דענקער בעזונדער, גענוי אָבצושעצען דעם כמות און דעם איכות פון די עלעמענטען, וועלכע ער נעהמט אָן, פון וועלכע ער זאָגט זיך בעוואוסטערהייד אָב און וועלכע עס בלייבען דרויסען פון זיין פילאָסאָפישען אינטערעס. אזא שטודיום וואָלט אונז נעגעבען אַ זיכערען פונדאמענט פאר א פּ ע ר ג ל י י־כ ע נ ד ע ר געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע, וואָס וואָלט די דאָזיגע געשיכטע נאָך נעהענטער געבראכט צו דער מדרגה פון א ריין ווי־סענשאפטליכער דיסציפּלין.

אָבער ווי מאַנגעלהאַפט אונזער טאבעלע זאָל ניט זיין, גיט זי אונז דאָך די מעגליכקייט ארויסצוברענגען אייניגע אינטערע־סאנטע פאראלעלען און ארייננצובליקען טיעפער אין די לאָגישע שיכות'ען וואָס הערשען צווישען די איינצעלנע בוי־פּרינציפּען.

מיר וועלען דאָ געבען נאָר אייניגע ביישפּיעלען, ווייל דער לעזער האָט דאָ פאר זיך דעם גאַנצען מאַטעריאַל און קאָן דעריבער אליין פערמעהרען זיי דורך אַ טיעפערען אריין־דרינגען אין דעם ענין.

עס איז צ. ב. כאַראַקטעריסטיש, אַז די סטאָאישע קאָמבינאַציע ענאָװטמד ווערט נאָך איין מאָל ארויסגעבראכט נאָר איין מאָל דורך דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, ביי וועמען אויך די איבעריגע עלעמענ־טען זענען ענהליך גרופּירט, ווי ביי די סטאָיקער. זיי צופאלען אין צוויי גרופּען: ר י און ק מ. אָבער בעת ביי די סטאָיקער איז דאָס ערשטע פּאָר אין „מינוס" און דאָס צווייטע אין „פּליוס־מינוס", בייטען זיי זיך מיט די שטעלען ביי דזשיאָרדיאַנאָ ברונאָ.

דאָס אייגענע קאָנען מיר בעמערקען ביי די מאטעריאליסטען עפּיקור און האָבבס. ביידע האָבען זיי בשותפות אין „פּליוס" די גרופּע ע נ אָ. די איבעריגע עלעמענטען פאַלען פאַנאַנדער אין א „מינוס"־גרופּע פון פינף און א „פּליוס־מינוס" פון איין עלעמענט.

אָבער בעת ביי עפיקור בלייבט שוואנקען דער „אידעאל“, איז ער ביי האָבבס'ען אויסגעשפּראָכען נעגאטיוו און די שוואנקענדע שטע־לונג פארנעהמט די מעטהאָדע.

האָבבס און לאָקק זענען אויך זעהר עהנליך איינער צו דעם אַנדערן. זייער גאַנצער חלוק בעשטעהט אין דעם, וואָס אָ און ר בייטען זיך מיט די ערטער: האָבבס' פּאָזיטיוויער מאָניזם ווערט ביי לאָקק'ן נעגאטיוו. האָבבס' נעגאטיווער רעלאטיוויזם ווערט ביי לאָקק'ן פּאָזיטיוו.

די ריין ד אָ ג מ א ט י ש ע קאָמבינאַציע פון עמנאָוו, — די פערבינדונג פון ערפאהרונג, מעטהאָדע, נויטווענדיגקייט, מאָניזם און ענטוויקעלונג, — דער אידעאל פון יעדער ריין אָביעקטיווער פילאָסאָפיע, וואָס קוקט פון אויבען אַראָב אויף די „קאפּריזען“ פון קריטיציזם, צוועקמעסיגקייט, אידעאַלען און אַז. וו., — געפינט זיך אין אונזער טאבעלע נאָר צוויי מאָל: ביי מאַרקס'ען און ביי ספענ־סער'ן. אויך די גרופּירונג פון די צוויי איבעריגע עלעמענטען איז ביי די צוויי דענקער ניט שטאַרק פערשיידען. דאָס קאָן ניט דער־קלעהרט ווערן דורך אַ געשיכטליכען צוזאַמענהאַנג פוןביידע דענ־קער. זייער ווירקען איינער אויף דעם אַנדערן איז אויסגעשלאָסען. אויך פליעסען ניט זייערע סיסטעמען פון איין און דעמזעלביגען היסטאָרישען מקור. זייער עהנליכקייט שטאַמט פון אַ געוויסער עהנליכער פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ע, פון איין־און־דיזעלביגע פילאָסאָפי־שע א י נ ט ע ר ע ס ע ן, וואָס האָבען געלעבט ביי ביידע דענקער. זייער פּסיכאָלאָגיע האָט אָבגעשפּיעגעלט דעם דאָרשט נאָך אַן אָב־יעקטיווער, ערפאהרונגס־מעסיגער ענטוויקלונגס־פילאָסאָפיע, וואָס האָט געהערשט אין דעם מיטען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט. עס זענען נאָך דאָ גענוג דאָגמאטיקער אין דעם גרויסען פילאָסאָ־פיש געבילדעטען, מאָדערן דענקענדען פּובליקום. און איהר קאָנט תמיד וועטען, אַז אויב וועמ פון זיי איז ניט קיין מאַרקסיסט, איז ער אַ ספּענסעריאַנער.

אַ „פּליוס“־קאָמבינאַציע פון אַלע ריין סוביעקטיווע עלעמענ־טען און נאָר פון זיי (קריד) פעהלט אין גאַנצען. די אינטערעסאַנ־טעסטע „פּליוס“־גרופּירונג איז אָהן אַ שום ספק מילל'ס און זי קומט ווידער אמאָל נאָר ביי דזשעימס'ען מיט אַן אָבשוואַכונג פון

דער טעלעאָלאָגיע און דעם בעשטימטען אריין נעהמען פון דער ענטוויקעלונג.

דאָס צונויפשטימען פון דער עלעמענטען־גרופירונג ביי קאָהען און ריעהל איז ־פערשטעהט זיך נאָך ניט קיין סימן, אז די פרטים פון זייערע סיסטעמען זענען דיזעלביגע. די פערשיידענהייט פון זייערע רעזולטאטען דערקלעהרט זיך דער עיקר דורך דער פערשיידענער אויסטייטשונג פון מעטהאָדע און קריטיציזם. ריעהל איז אין דעם פונקט מעהר עמפיריקער, קאָהען מעהר טראַנס־צענדענטאַלער אידעאַליסט. אָבער די געמיינשאַפטליכע סטרוק־טור פון זייערע בוי־פרינציפען איז פאָרט א סימן, אז זיי געהערען צו איין און דעמזעלביגען פילאָסאָפישען פאָרשער־טיפּ. און עס איז דערוויבער קיין חדוש ניט, ווען דער גרעסערער פילאָסאָפישער עולם, וואָס איז פעראינטערעסירט אין דעם נעאָ־קריטיציזם, איז ניט אזוי מקפיד אויף דעם חלוק צווישען קאָהען און ריעהל.

פאַר לאַנגע'ס מערקווירדיגע צונויפשטימונג מיט קאַנט'ן דאַרף מען ניט זוכען קיין בעזונדערע דערקלעהרונגען: לאַנגע איז פשוט א גוטער תלמיד פון זיין געניאַלען רבי'ן.

אָבער — לאָמיר לאָזען די איינצעלנע ביישפּיעלען און פּאַ־ראַלעלען און איבערגעהן צו אַן אַנדער פונקט, וואָס האָט מעהר צו טהאָן מיט דער פראַגע וועגען דעם אויסבליק אין די צוקונפט.

לאָמיר פריהער מאַכען א קליינע סטאַטיסטיק פון אונזערע יסודות. פון די 40 גרעסערע פילאָסאָפען, וועלכע מיר האָבען אויסגע־קליבען, האָבען אין „פליוס" דעם עלעמענט: „נויטווענדיגקייט" — 28 דענקער. די צווייט־גרעסטע צאָהל וויזען אויף „ערפאַהרונג" און „מעטהאָדע". ביידע פיגורירען מיט 22. דערנאָך קומען טעלעאָלאָ־גיע (21), מאָניזם (19), שטאַנדפונקט פונ'ם אידעאַל (17), ענט־וויקעלונג (16), רעלאַטיוויזם (13), „איך"־פּרינציפּ (11) און קרי־טיציזם (5). דאָס גיט אונז אונגעפעהר א בילד פון דעם כח מיט וועלכען די איינצעלנע יסודות האָבען ביז אהער צוגעצויגען צו זיך דעם אינטערעס פון דעם פילאָסאָפישען דענקען: אַם שטאַרקסטען האָט געצויגען צו זיך די נויטווענדיגקייט, אַם שוואַכסטען — דער קריטיציזם.

לאָמיר ארויסנעהמען פון אַלע דענקער די גרופּע וואָס האָט

פערענטפערט די שטארקסטע פילאָסאָפּישע בעדערפעניס אין נויט ווענדיגקייט, דאָס זענען: הערַאקליט, דעמאָקריט, סאָקראַטעס, פלאַטאָן, אריסטאָטעלעס, די סטאָיקער, עפּיקור, ברונאָ, דעקארט, געאולינקס, ספּינאָזא, לייבניץ, בעקאָן, האָבבס, לאָקק, קאנט, פיכטע, שעללינג, העגעל פייערבאך, מארקס, שאָפּענהויער, הארט־ מאַן, קאָנט, ספּענסער, לאַנגע, קאָהען ריעהל. אין איינעם 28.

לאָמיר אוועקשטעלען די פאָרדערונג, אז די נ ו י ט ו ו ע נ ־ ד י ג ק י י ט זאָל זיין פערבונדען דוקא מיט דער ע ר פ א ה ר ו נ ג. ווער פון די 28 וועט בעפריעדיגען די דאָזיגע פאָרדערונג? ארים־ טאָטעלעס, די סטאָיקער, עפּיקור, ברונאָ, בעקאָן, האָבבס, לאָקק, קאנט, פייערבאך, מארקס, הארטמאַן, קאָנט, ספּענסער, לאַנגע, קאָ־ העון, ריעהל, ד. ה. שוין ניט מעהר ווי ז ע כ צ ע ה ן דענקער.

פערלאַנגט ווייטער אז נויטווענדיגקייט און ערפאהרונג זאָלען אייך געבען אַן איינהייטליכען, מאָניסטישען וועלט־בילד. די גרופּע דענקער וועט נאָך שטארקער צונויפשרומפּפען. אויסגעשפּראָכענע מאָניסטען פון אונזער גרופּע זענען: די סטאָיקער, עפּיקור, ברונאָ, האָבבס, פייערבאך, מארקס, הארטמאַן, ספּענסער און כמעט קאנט און לאַנגע, ד. ה. שוין ניט מעהר ווי צעהן.

שטעלט ארויס נאָך א פאָרדערונג, אז דאָס מאָניסטישע וועלט־ בילד זאָל דוקא זיין אויפגעבויט אויף דעם גרונד־פּרינציפּ פון ענט־ וויקעלונג, און איהר בעקומט נאָך א קלענערע גרופּע: די סטאָיקער, ברונאָ, פייערבאך, מארקס, הארטמאַן, ספּענסער, לאַנג און כמעט קאַנט: שוין ניט מעהר ווי אכט. פערלאַנגט איצטער פון די אכט, אז דער מאָניזם און די ענטוויקעלונג זאָלען ניט אויפגעפאסט ווערן מ ע ט א פ י ז י ש, ווי אַן אבסאָלוטער פאקט אין דעם דרויסענדי־ גען וועלט־געשעהן, נאָר ק ר י ט י ש, ווי א פילאָסאָפישע בעדערפ־ ניט פון דעם מענשליכען גייסט, און פון די אכט בלייבט קוים איי־ נער: לאַנגע, ד. ה. אין לעצטער ליניע — ק א נ ט.

מאכט דורך דעם זעלביגען עקספּערימענט מיט יענער גרופּע, ביי וועמען די ערפאהרונג שפּיעלט א פּאָזיטיווע ראָליע, שטעלט אַלץ מעהר און מעהר פאָרדערונגען, און איהר וועט קומען צו דעם זעל־ ביגען רעזולטאט. סוף־כל־סוף בלייבט אויפ׳ן פּלאַץ קוים איין איינציגער דענקער: לאַנגע, דאָס הייסט ק א נ ט.

אונז וועט שוין ניט וואונדערן, וואָס אַלע אַנדערע ענגלישע עקספּערימענטען וועלען ענדיגען מיט דעם זעלביגען רעזולטאַט, ווי באַלד מיר ווייסען, אַז קאַנט איז ביז אַהער געוועזן דער איינציגער, וואָס האָט כמעט אַלע עלעמענטען האַרמאָניש צונויפגעגאָסען אין איין גאַנצען.

דער פּועל־יוצא דערפון איז, אַז וואָס מעהר בעדינגונגען מיר שטעלען דעם פילאָסאָפישען שאַפען, וואָס מעהר גרונד־פּרינציפּען מיר מוזען אַריין אַרבייטען אין דעם בנין, אַלץ ענגער ווערט דער קרייז פון מעגליכע סיסטעמען. די אידעאַלע פאָרדערונג, אַז קיין איינציגער יסוד זאָל ניט אַרויסגעלאָזען ווערען, אַז יעדער יסוד זאָל קומען צו זיין פולען רעכט, מוז דעם קרייז אַזוי פערענגען, אַז נאָר ווענינגע סיסטעמען וועלען קאָנען אויסהאַלטען די שטרענגע פאָרדערונג פון דעם אידעאַל. פאַר דער גאַנצער צייט פון דער פילאָסאָפישער ענטוויקלונג האָט נאָר איין סיסטעם זיך געקאָנט אויפהעבען כ מ ע ט ביז צו דער העכסטער מדרגה פון דעם אידעאַל: דאָס איז קאַנט׳ס סיסטעם. אָבער דאָס אַליין איז אַ גענוגענדער בעווייז, אַז אָט די אַלע פּרינציפּען קאָנען צונויפגעגאָסען ווערן אין איין סיסטעם.

אמת, דאָס הייסט ניט, אַז קאַנט׳ס פילאָסאָפיע איז די איינציג ריכטיגע פאַר אַלע צייטען. אָבער אויב די פילאָסאָפיע זאָל זיך אָבזאָגען פון דער אומעגליכער אויפגאַבע אַריין צו קוקען הינטער דעם שלייער פון די מענשליכע פאָרשטעלונגען, אויב זי זאָל זיך אויך אויפהערען אַריין צו מישען זיך אין דעם גאַנג פון די איינצעלוויסענשאַפטען און לעהרנען זיי „מאָרעס“, ווי זיי האָבען זיך אויפצופיהרען; אויב זי זאָל פון דער אַנדער זייט ניט טרעטען מיט די פיס די שטרעבונגען און בענקשאַפטען פון דער מענשליכער נשמה, וואָס זענען טיעף איינגעוואָרצעלט אין איהר, — יעמאָלט בלייבט פאַר איהר נאָר איין וועג — בעוואוסט אויפצובויען אַ בילד פון דער וועלט און דער וועלטליכער ענטוויקלונג, וואָס זאָל בעפריעדיגען אַ ל ע אינטערעסען פון דעם מענשליכען געדאַנק. און יעמאָלט מוז איהר ערשטע אויפגאַבע זיין אויסצושטודירען די אינטערעסען, — פון וואַנען זיי זאָלען ניט שטאַמען, — צו האַרמאָניזירען זיי און צונויפצוגיעסען זיי אין איין איינציגען סיסטעם כמעט אויך

דעם זעלביגען אופן, ווי דאָס איז אונבעוואוסטערהייד ארויסגעקומען ביי קאַנט׳ן.

מיר גלויבען, אז אונז האָט זיך איינגעגעבען אויסצוגעפינען דעם סיסטעם פון יענע וואָרצעלהאַפּטע אינטערעסען, וואָס האָבען ביז אהער בעוועגט דעם פילאָסאָפישען פאָרשענדען און בויענדען גייסט. די ווייטערע פאָרשונג וועט אפשר אויפווייזען די פעהלערען, וואָס מיר האָבען בעגאַנגען דערביי. עס קאָן זיין, אז עס זענען דאָ נאָך אַנדערע יסודות, וועלכע מיר האָבען ניט בעמערקט, אָדער וואָס מיר האָבען על פי טעות צוגעשריעבען צו איינעם פון די צעהן. עס קאָן אויך זיין, אז איין יסוד אָדער אַן אַנדערער האָט ניט קיין זעלבסטשטענדיגע בעדייטונג, נאָר איז ניט מעהר, ווי אַן אט־ריבוט, א נויטווענדיגע אייגענשאַפט פון א וועלכען עס איז אנדער יסוד, ווען אפילו אונז דוכט זיך, אַז זיי האָבען יעדער זיין אייגענעם רעכט אויף עקזיסטענץ. אָבער ווי עס זאָל ניט זיין דער רעזולטאַט פון דעם צוקינפטיגען אויספאָרשען פון דעם ענין, איינס איז פאַר מיר קלאָהר, אז די יסודות מוזען אויסגעפונען ווערן, און אז עס מוז אין בעזונדערע ספּעציעלע אונטערזוכונגען אויסגעפאָרשט ווערן זייער נאַטור.

דער אַנאַליז פון די איינצעלנע פילאָסאָפּישע בוי־פּרינציפּען דאַרף ערסט אָוועקגעשטעלט ווערן אויף דער טאַגעס־אָרדנונג פון דעם פילאָסאָפישען פאָרשען.

וואָס איז נויטווענדיגקייט? וויפיעל ארטען פון נויטווענדיג־קייט זענען דאָ? נישיים ניט מעהר ווי די פיער, וועלכע שאָפענהויער האָט אויסגעפונען? וואָס איז מאָניזם? פון וויפיעל פערשיידענע ארטען בעשטעהט ער? ניישיים ניט מעהר ווי די פיער, וועלכע מיר האָבען אָנגעפיהרט? בנוגע צו א י י נ י ג ע יסודות ווערען אָט די פראַגען אונטערזוכט אין דער מאָדערנער, פילאָסאָפישער איינצעל־פאָרשונג; אָבער אַלע אַזעלכע פראַגען מוזען בנוגע א ל ע יסודות ספּעציעל אויסגעשטודירט ווערן, אויף דעם וועג פון ריין וויסענ־שאַפטליכע איינצעל־פאָרשונגען. ערשט יעמאָלט קאָן מען ערנסט צוטרעטען צו דער אויפגאַבע פון זייער פעראייניגונג אין איין איינצעלנעם סיסטעם.

גענויס קאָן מען ניט פערלאַנגען און נאָך ווייניגער אייספּיה־

רען, אז די בויענדע, שאפענדע פילאָסאָפישע ארבייט זאָל זיך אָבשטעלען אויף א ווײַלע, ביז מען וועט פארטיג ווערן מיט דעם אנאליז פון די גרונד־פּרינציפּען: די פילאָסאָפיע איז איין איינגע־וואָרצעלטע בעדערפניס ביי דער געבילדעטער מענשהייט און אָב־זאָגען זיך פון איהר שאפען, וואָלט געהייסען כמעט ווי אָבזאָגען זיך פון צו בויען הייזער, ביז די ארכיטעקטור וועט ניט אויסגעפינען דעם אלערפאָלקאָמענסטען אידעאַל פון א הויז. יעדער דור בעפריע־דיגט זיינע בעדערפניסען אזוי ווי ער קאָן. אָבער וואָס מעהר דער שאפער וועט זיך שוין איצטער אָנהויבען רעכענען מיט די פאָדער־רונג און די אינטערעסען פון יענע בוי־פּרינציפּען; אלץ נעהענטער צום אידעאַל וועלען זיין די פּראָדוקטען פון זיין ארבייט.

דאָס אידעאַל פון איין איינציגער פילאָסאָפיע אפילו פאר איין איינציגען דור וועט געווים קיין מאָל ניט מקוים ווערן, מחמת טעמים, וועלכע מיר האָבען דערקלעהרט אין דער „איינלייטונג"; און דעם „סוד כל הסודות" — די וועלט ווי זי איז אין זיך (אויב ס'איז דאָ אזא וועלט) וועט דער מענש קיין מאָל ניט ענטפּלעקען. אָבער וועגען דער וועלט פון ערשיינונגען, דער מ ע נ ש ל י כ ע ר וועלט, וועט מען אפשר, א דאנק דער מעטהאָדע פון פּראייניגען די בוי־פּרינציפּען, קאָנען קומען צו רעזולטאטען, וואָס וועלען ניט זיין אזוי ווידערשפּרעכענד, ווי דאָס איז געוועזען ביז אהער. און אפילו דאָרטען וואו די פּערזענליכע סיסטעמען וועלען בשום אופן ניט קאָנען אויסגלייכען זייערע סכסוכים, וועט דאָס ניט קאָנען זיין קיין גרונד צו דאָגמאטישען האס און פערביטערטער פּאָלעמיק פּשוט דערפאר, ווייל יעדער איינער וועט איינזעהען און פערשטעהן, אז דאָ האנדעלט זיך ניט וועגען דעם „אבסאָלוטען" אמת, וואָס איז פאר אונז אויף אייביג פערבאָרגען, נאָר וועגען דער בעסטער ארט, ווי „איך" זאָל מיר פּאָרשטעלען דעם לעבען פון דעם אוניווערזום און צו בעשטימען מיין ראָליע אין איהם, און אז דער לעצטער ריכטער אין דער פראגע בין „איך" אליין, אויב איך האָב זיך נאָר גערעכענט מיט אלע מ אָ מ ע נ ט ע ן, וועלכע דער אלגעמיין־מענש־ליכער שכל האָט א רעכט אויפצושטעלען פאר דעם פילאָסאָפישען פאָרשער.

די ט אָ ל ע ר א נ ץ, דער דרך־ארץ פאר י ע ד ע ר וויסענ־

שאפטליכער און עהרליך אויפגעבויטער וועלט־אנשויאונג מוז יע־מאָלט פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דעם איצטיגען פּארטיי־קאמפף אין דער פילאָסאָפיע. די טאָלעראנץ, וואָס שטאמט ניט פון אַן עדעלען רחמנות־געפיהל צו דעם „שוואכערען“ געגנער, נאָר פון דעם טרויעריגען, אָבער אונפערמיידליכען איינזעהען, אַז מיט אונזער גאנצער פילאָסאָפיע, מיט דער אידעאַלסטער אויסארביי־טונג פון מענשליכע אמת'ען שטעהען מיר פאַר אַן אָבגרונד פון דעם אויביגען אַל־וועלטליכען געהיימניס.

דאָ, ביי דעם גרעניץ פון דעם מענשליכען וויסען, וואו דער שכל האָט שוין אויסגעשעפּט און אויסגעגעבען זיין גאנצע קראפט, וואו ער מוז בלייבען שטעהן מיט אראָבגעלאָזענע פליגלען, ענדיגט זיך אויך זיין ממשלה. דער רעליגיעזער געפיהל פון יעדעם איינצעל־נעם קאָן דאָ, פון קיינעם ניט געשטערט און קיינעם ניט שטערענד, ארויסברענגען פאַר זיך אַליין יענע מיסטישע בלומען פון גלויבען און ליעבע, וואָס בעפריעדיגען די טיעפסטע בעדערפניסען פון זיין נשמה, וועלכע קיין וויסענשאַפט און קיין פילאָסאָפיע וועט קיינמאָל ניט אויסוואָרצלען.

# קאטאלאג

—פון—

## מייזעל עט קאָ'ס פערלאג

פיר

## ליטעראַטור און וויסענשאַפט

**422** גרענד סטריט, ניו יאָרק.

מייזעל עט קאָ'ס פערלאג

# מאָררים ווינטשעווסקי'ס

# ליעדער און געדיכטע

1) פרייהייטס ליעדער:
רעוואָלוציאָנערע געזענגע, אלטע און נייע.
2) פראָלעטאַריער:
געדיכטע, לירישע און אנדערע פון'ם ארבייטער לעבען.
3) פרייהייטס־קעמפפער:
גרעסערע און קלענערע געדיכטע וועגען לאססאל, וויללּיאם מאָררים, מארקס, ענגעלס און אנדערע.
4) סאַטירע און הומאָר:
אין עפּיגראַם, גרעסערע געדיכטע און ליעדער.
5) פאבלען:
פאליטישע און סאָציאלע.
6) פון פרעמדע שפראַכען:
געדיכטע ארויסגענומען פון וויקטאָר הוגאָ, טאָמאס הוד און אנדערע.
7) יוגענד־זינדען:
ליעבעסלייד און ליעבעספרייד.
8) נאַציאָנאַלע ליעדער:
עטליכע אלטע און נייע.

דער באנד וועט ענטהאלטען פיעלע אין ערגיץ ניט־געדרוקטע זאכען; ספּעציעל אין אבטהיילונג 7 און 8.
ארום 400 זייטען, פראכטפאָל געדרוקט און געבונדען.
פרייז מיט פּאָרטאָ $1.00.

422 גרענד סטריט, נויארק

## מייזעל עט קאָ'ס פערלאג

דר. ח. זשיטלאָווסקי

# די פילאָסאָפיע

וואס זי איז און ווי זי האט זיך ענטוויקעלט

2 בענדער, געבונדען אין סילק קלאָטה, פּרייז $2.50.

ה. ספּענסער

# די ערציהונג

איבערזעצט בון דר. מעריסאָן. געבונדען אין סילק קלאטה, פּרייז $1.00

איבסען'ס „נארא“, איבערזעצט פון מ. ווינטשעווסקי — — — — 20ס.

דר. מעריסאָן, „דער אנארכיזמוס און די פּאָליטישע טהעטיגקייט“ — 10ס.

י. גאָרדין, „קרייצער סאָנאטא“ — — — — — — — — — — — 25ס.

ד. טהאָראָ, „די פליכט פון אונגעהארכזאמקייט צום שטאאט“, איבערזעצט
און איינגעלייטעט פון דר. מעריסאָן — — — — — — — — — 15ס.

ל. אנדרעיעף, „מענשענליעבע“, א קאמעדיע אין איין אקט — — — — 12ס.

אָרדיטשעוו, „אין שטראם פון לעבען“, ערצעהלונג פון דעם אידישען
לעבען אין אמעריקא — — — — — — — — — — — — — 35ס.

מ. ווינטשעווסקי, „א טאג מיט יעקב גאָרדין“ — — — — — — — — 25ס.

עס וועלען ערשיינען ביז צום הערבסט די פאלגענדע ביכער:

פעליקס האָללענדער

# די זוכער פון אמת

ראמאן, איבערזעצט פון ש. יאַנאָווסקי.

סטרינדבערג'ס בעריהמטעסטע דראמא „פרייליין יוליאַ“.

ביערנסאָן'ס גרעסטע ווערק „איבער אונזער קראַפט“,

א דראמא אין צוויי טהיילען, מיט אן איינלייטונג פון דר. זאָלאָטאַראָוו.

ה. איבסען: „דער בוימייסטער“, מיט אן איינלייטונג פון מ. ווינטשעווסקי

נ. טשערנישעווסקי: „וואָס זאָל מען טהאָן?“

דיעזער בעריהמטער ראָמאן, וועלכער האָט געשפּיעלט אזא גרויסע ראָליע אין דעם רוסישען פרייהייטס־קאמפף איז פאָלשטענדיג איבערזעצט און איינגעלייטעט פון מ. זאמעטקין.

**422** גרענד סטריט, נויארק

## הערבערט ספּענסער

# די ערציהונג

גייסטיג, מאָראַליש און קערפּערליך. איבערזעצט פון **דר. מעריסאָן.**

ארום 300 זייטען מיט אַ פאָלשטענדיגען אינדעקס, גרויסען פאָרמאַט, פּראַכטפאָל געדרוקט און אַרויסגעגעבען. שעהן און דויערהאַפט געבונדען אין סילק-קלאָטה.

## אויסצוג פון דעם איבערזעצער'ם פאָרוואָרט:

„דער ענין פון ערציהונג, וועלכער איז לכל הדעות איינער פון די וויכטיגסטע ענינים פון מענשליכען לעבען, איז נאָך אזוי גוט ווי גאָר נישט בעריהרט געוואָרען אין אונזער יודישער ליטעראַטור. און דאָך קען מען ניט זאָגען, אַז די פראַגע אינטערעסירט ניט דעם אינטעליגענטערען יודישען עולם, צום ווענינסטען אין די ראַדיקאַלע קרייזען ווערט די ערציהונגס-פראַגע ערנסט דיסקוטירט פון צייט צו צייט; און עס ווערען אפילו געמאַכט געוויסע פערזוכען פּראַקטיש צו פערענטפערען די נויט פון בעסערע ערציהונגס-מעטאָדען און פרייערע שוהלען. די צרה איז נור — די אַלגעמיינע אונוויסענהייט וואָס הערשט וועגען דעם ענין. מען טראַגט זיך אַרום מיט ברעקלעך אָבגעריסענע געדאַנקען וועגען די אָדער יענע מעטאָדען. מען זוכט איינצופלאַנצען אין די קינדער די אָדער יענע געדאַנקען און מדות: בעת דאָס ערשטע און נויטיגסטע פון אַלץ — די פערשפּרייטונג פון לכל הפחות עלעמענטאַרע ידיעות וועגען די גרונד-פּרינציפּען פון ערציהונג — ווערט כמעט אין גאַנצען פערנאַכלעסיגט. און שולדיג אין דעם איז אין אַ גרויסען טייל דער דוחק אין ווערק, וואָס זאָלען בעהאַנדלען די פראַגע פון אַן אַלגעמיינעם, ניט נור פון אַ ספּעציעלען שוהל-שטאַנדפּונקט.

מיט דעם צוועק צו פערענטפערען די דאָזיגע דרינגענדע נויט פאַר דעם יודישען לעזער, איז אונטערנומען געוואָרען די איבערזעצונג פון הערבערט ספּענסער'ס וועלט-בעריהמטע אַרבייט, „עדיוקיישאָן", וועלכע דער לעזער וועט דאָ געפינען פאָלשטענדיג איבערגעגעבען צום ערשטען מאָל אין דער יודישער שפּראַך.

ספּענסער'ס „ערציהונג" איז ניט נור געמיינט צו זיין אַ „מעטאָדע" אין דעם ענגען זין פון וואָרט. עס איז ניט קיין האַנד-בוך פאַר לעהרער, נור אַ לעהרבוך פאַר עלטערן און אינטעליגענטע מענשען בכלל. ספּענסער איז דורכאויס אין אַלע זיינע ווערק אַ טיעפער פילאָסאָף פון פּראַקטישע מענשליכע צוועקען. זיין מאָנומענטאַלער סיסטעם פון אַ סינטעטישער פילאָסאָפיע איז געשריבען געוואָרען צוליעב די לעצטע 2 בענ־יער, די פּרינציפּען פון דער עטהיק, וועלכע האָבען ▪אַר זייער צוועק די פּראַקטישע מענשליכע אויפ־▪יהרונג אין געזעלשאַפטליכען לעבען. דעם איינע־
נעם גאַנג זעהט מען אויך אַרויס אין זיין ווע
איבער ערציהונג. טיעפע פילאָסאָפיש
געדאַנקען זענען דאָ דורכגעבונדען מיט פּראַקטיש
עצות; פּסיכאָלאָגישע פּרינציפּען ווערען אַוועק
לעגט אין גרונד פון אַלטעגליכע פיהרונגען; און
לאָגיש-געדרונגענע שלוסען געהען האַנד אין האַ
מיט די נויטווענדיגסטע פאָדערונגען פון לעבע
עס איז אַ נאַטור סיסטעם פו
ערציהונג געבויט אויף דער ווי
סענשאַפט פון ענטוויקלונג
אַ נאַטור-סיסטעם, וואָס ערציהט ד
עלטערן גופא ניט ווענ
גער ווי זייערע קינדער.

ספּענסער איז אָבער ניט נור אַ פּראַקטיש
פילאָסאָף, נור אויך אַן עוואָלוציאָניסט, וואָס האָ
שטענדיג פאַר די אויגען דעם אידעאַל פון מענשל
כער פאָלקאָמענהייט. קריטיקירענדיג די היינטי
מעטאָדען און נייגנג פון דער קינדער-ערציהונג, ב
ווייזט ער ניט נור די נויטיגע ענדערונגען, וואָ
דאַרפען איינגעפיהרט ווערען אונטער די היינטי
אומשטענדען, נור ער וויקעלט פונאַנדער פּרינצ
פען, וועלכע קענען פאָלקאָם אַנגעווענדעט ווער
נור אין אַ פאָלקאָמענער געזעלשאַפט. אויב אייני
פון זיינע געדאַנקען זענען שוין געוואָרען אין או
זער צייט אַלגעמיין-אָנגענומענע וואַרהייטען, אי
נאָך פיעלעס געבליבען, וואָס דאַרף ערשט ווער
פערשטאַנען, אויסגעקעמפט און פערווירקליכט א
לעבען. די „ערציהונג" איז אין אַט דעם ברייטער
זין אַ מעטאָדע פון דענקען א
אַ מיטעל אָבצושאַצען דעם ווערטה פון די אַלט
אזוי גוט ווי פון די נייע ערציהונגס-סיסטעמען.

וואָס אַנבעטרעפט דער איבערזעצונג, איז
ערשטע אויסרעכנונג אין איהר פּלאַן — טריי
הייט צום אָריגינאַל. ספּענסער
סטיל איז ווי אַ כלי פון עכטען קריסטאַל: קלאָ
און שווערליך. די קלאָרקייט איז אָבער אַזאַ בר
ליאַנטענע, אַז זי איז מכפּר אויף די קריסטאַלענ
שווערקייט; און דעריבער איז דאָס ציעל געווע
בעוואַהרען דעם אָריגינעלען סטיל ווי ווייט ע
לאָזט זיך. פערטייטשען מיינט צו־אָפּט אויי
פּשט'לען און פערדאַרבען: עס איז אויך ניט אַל
מאָל פריי פון אַ געוויסער בעליידיגונג פאַר'ן לי
זער: דאָ וועט דער לעזער געפינען ניט קיי
פּאָפּולאַריזאַציע פון ספּענסער'ס בו
נור דאָס בוך אַליין".

**דער פּרייז איז מיט פּאָרטאָ $1.00. בוכהענדלער בעקומען אַ גוטען ראַבאַט.**

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען צום פערלעגער

**MAISEL & CO., 422 Grand Street, New York.**

UNIVERSITY OF TORONTO
3 1761 00642232 3